STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08894

ALITET GEYT AVEK IN DI BERG

T. Semushkin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טיכאָן סיאָמושקין

אליטעט גייט אוועק אין די בערג

ראָמאַן

יידיש: פּ. קאַץ

★

פאַרלאַג „היימלאַנד"

בוענאָס אײַרעס

1955

Queda hecho el depósito que previene la Ley
Copyright by Editorial Heimland
EDICION ARGENTINA

TIJON SIOMUSHKIN

Alitet se va a las Montañas

ALITET GUEIT AVEK IN DI BERG

NOVELA

☆

EDITORIAL "HEIMLAND"
BUENOS AIRES
1955

פאָרוואָרט

דעם ערשטן מאָל בין איך געקומען קיין טשוקאָטקאַ אין 1924, ווי אַ באַטייליקטער אין אַן עקספּעדיציע, וואָס האָט באַדאַרפט ליקווידירן אַן אויסלענדישע קאָנצעסיע. דאָס איז די זעלביקע קאָנצעסיע, וואָס האָט שפּעטער, אין מײַן ראָמאַן „אַליטעט גייט אַוועק אין די בערג״, באַקומען דעם נאָמען נאָרד־קאָמפּאַני.

מײַן פאָרשטעלונג וועגן דער דאָזיקער שטרענג־קאַלטער געגנט, איידער איך בין געקומען אַהין, איז געווען זייער אַ מאָגערע. דאָס ביסל וואָס איך האָב געוווּסט וועגן טשוקאָטקאַ, איז געווען דאָס וואָס איך האָב געשעפּט וועגן איר אין דער עטנאָגראַפישער ליטעראַטור פון די רוסישע פאָרשער בעייס איך האָב נאָך געלערנט אינעם מאָסקווער אוניווערזיטעט.

דאָ, באַ די ברעגעס פונעם אײַז־יאַם, האָט זיך פאַר מיר, דעם געבוירענעם אין דער מילדער צענטראַל־רוסישער געגנט, אויסגעשפּרייט אַ ריזיק צאָפן־לאַנד, ווו אַלץ איז געווען פרעמד און אומגעוויינלעך מאָדנע.

דאָס אומגעוויינלעכע, די גרויסע צאָפנדיקע שטרעקעס, האָבן מיך טייקעף פאַרכאַפּט, און פון דעמאָלט אָן האָב איך מײַן לעבן פאַרבונדן מיט די סאָוועטישע ראַיאָנען פונעם ווײַטן צאָפן.

וואָס מיך האָט אין טשוקאָטקאַ באַזונדער צוגעצויגן, זײַנען געווען די מענטשן. באַ די פּוסטע יאַם־ברעגעס, אָפּגעטיילטע מיט גרויסע שטאָכים יאַבאָשע, האָבן געלעבט יעגערס פון יאַם־כאַיעס. זייער אַרט לעבן איז געווען קימאַט פּרימיטיוו. געטראָגן האָבן זיי פוטערס און געוווינט אין בײַדלעך, וואָס האָבן קוים אויסגעזען מענטשלעכע וווינונגען. נאָר כאָטש די מענטשן האָבן געפירט אַ קלעגלעך לעבן, האָבן זיי פאַרמאָגט אין זיך גלענצנדיקע מאָראַלישע אייגנשאַפטן. אומגעוויינלעכע ערנטלעכקייט, סייכל, גוטסקייט, אַ גאַסטפרײַנטלעכקייט וואָס איז באַ זיי

פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַטירלעכער פֿליכט: דאָס זײַנען געווען זייערע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס האָבן זיך פֿאַר מיר שפּעטער אַנטפּלעקט.

געלעבט האָבן דאָ אויך מענטשלעכע עקזעמפּלאַרן פֿון דער ציוויליזאַציע: זשעדנע רויבערישע סאָכרים פֿון די פֿאַרשיידנסטע פֿעלקערשאַפֿטן, נאָר מערסטנס נאָרד־אַמעריקאַנער. די אַלע, ווײַסע מענטשן מיט שוואַרצע אינגעווייידן, האָבן שרעקלעך עקספּלואַטירט די אָרנטלעכע צוטרוילעכע יעגערס, דערפֿירטע צו דער שרעקלעכסטער נויט. די טשוקטשעס האָבן דערגענערירט פּונקט ווי עס האָבן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן דערגענערירט צאָלרײַכע אינדיאַנער שוואָטים, אונטערגעיאָכטע פֿון די פֿלינקע ציוויליזאַטאָרס.

אין טשוקאָטקאַ זײַנען ניט געווען קיין שולן און קיין אײַנריכטונגען פֿון מעדיצינישער הילף. אַף דער גאַנצער לענג פֿונעם ברעג האָבן מיר קיין איין גראַמאָטנעם מענטשן ניט אָנגעטראָפֿן. דאָס פֿאָלק האָט געלעבט אינעם טהאָם פֿון אָבערגלויבנס און אומוויסנקייט.

נאַטירלעך, האָבן מיר, ווי פֿאָרשטייער פֿון דער סאָוועטנמאַכט, ניט געקענט דערלאָזן אַזאַ צושטאַנד בײַ אונדז אַף דער סאָוועטישער ערד, און מיר האָבן אונטערגענומען אַ קאַמף פֿאַר דער אויפֿלעבונג פֿון דעם פֿאָלק, קעגן די וואָס האָבן אים עקספּלואַטירט, און אַפֿן ערשטן פּלאַן, קעגן איין טייל זייערן, די אויסלענדישע הײַפֿיש.

צו יענער צײַט איז מיר אַפֿן געדאַנק געקומען אָנצושרײַבן אַ ווערק אַף אָט דער אומגעוויינלעכער טעמע: דער צוזאַמענשטויס צווישן די פֿאַרשיידענע מענטשן, וואָס באַלאַנגען צו דיאַמעטראַל־קעגנגעזעצטע סאָציאַלע קאַטעגאָריעס אַפֿן הינטערגרונט פֿון דעם לעבן פֿון דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג.

דאָס יאָר וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אַפֿן צאָפֿן, האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו שאַפֿן אַ קלאָר בילד וועגן די כאַראַקטערן און וועגן די פֿאַקטאָרן פֿון טייל מײַסים פֿון אָט די זשעדנע סאָכרים. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז שאַפֿן אַ ליטעראַריש בילד פֿון דעם רויבערישן קאָלאָניזאַטאָר איז סאָפֿקאָלסאָף ניט קיין גאָר שווערע אויפֿגאַבע, ביפֿראַט אַז פֿון דער ליטעראַטור וואָס איך האָב געלייענט, האָב איך געהאַט וועגן זיי אַן אַלגעמיינע פֿאָרשטעלונג.

וואָס שײַך דעם „הינטערגרונט”, דאָס הייסט, דעם לעבן פֿון די טשוקטשעס, איז שוין די זאַך ניט אַזוי פּאָשעט.

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ניט האָבנדיק שטודירט זייער לעבן, זייערע מינהאָגים, זייער שפּראַך, קען מען אַפֿילו ניט דענקען וועגן שרײַבן אַן עמעס ליטעראַריש ווערק. וויל איך אָנשרײַבן אַ ראָמאַן וואָס זאָל האָבן אַ געוויסן ווערט, מוז אויך דער „הינטערגרונט” זײַן געשילדערט אַפֿן סמאַך פֿון עפּעס מער ווי דאָס וואָס די אויגן זעען. און איך האָב

באַשלאָסן זיך צו באַזעצן צווישן די פּאַשעטע און פרײַנטלעכע מענטשן, ביז איך וועל זיי דערלערנען.

ווען איך האָב מיך געזעגנט מיט די טשוקטשעס, פול מיט אײַנדרוקן, בין איך פעסט אַנטשלאָסן געווען אומבאַדינגט צוריקצוקומען צו זיי. אין דעם צווייטן זומער בין איך טאַקע צוריקגעקומען אַלס שעף פון אַ קאָמיסיע פאַר סטאַטיסטיק און ווירטשאַפט.

פאַרבראַכט האָב איך נאָך איין יאָר באַ דעם פרימיטיוון ברעג, צווישן די מאַיעסטעטישע טשוקאָטקאַ־בערג, צווישן געדויש פון פאָלאַרן אײַז און געוואָי פון שניי־שטורעמס, צווישן מענטשן, וואָס איך האָב כיישעק געהאַט צו באַשרײַבן אין אַ ריכטיקן בוך און האָב זיי שוין געקענט ווײַזן ווי לעבעדיקע וועזנס.

יענעם יאָר האָב איך אַף שליטנס, מיט הינט אָדער מיט הירשן אײַנגעשפּאַנט, דורכגערײַזט העכער 12 טויזנט קילאָמעטער. אַ שנייִ־שטורעם פלעגט אונדז אָפטמאָל פאַרכאַפּן אינמיטן וועג. אין דער אומדורכדרינגלעכער פינצטערניש פלעגט מען קוים קענען מערקן די הינט לויפן פאַרן שליטן. איר זיצט לעבן דעם אָנטרײַבער, דעם „קאַיור“, און איר טרויט אים אָן אײַער לעבן. איר ווייסט ניט אַף וואָסער וועג דער געשפּאַן פאַרנעמט זיך, נאָר איר ווייסט, אַז ער וועט אײַך דערפירן אַהין ווו איר באַדאַרפט. זײַן פאָנעם פון אַן אָרנטלעכן מענטשן מיט אַ ריינעם געוויסן, וועקט אין אײַך אַ צוטרוי, וואָס קיינער וועט אים ניט ברעכן. דער „קאַיור“, געפירט פון זײַן גראַדן סייכל, ווענדט זיך, לעמאָשל, צו אײַך אין מיטן אַ שנייִ־שטורעם:

— אוממעגלעך ווײַטער צו פאָרן. מירן אַרײַנפאַלן אין טהאָם און אומקומען. דער ווינט שלאָגט אַראָפּ די הינט פונעם וועג.

ווען איך האָב דעם ערשטן מאָל געהערט אַזאַ פאָרשלאָג, האָב איך מיך דערפילט זייער דערדריקט. איך בין געזעסן קימאַט אַ פאַרפרוירענער אינעם שליטן און האָב ניט געקענט דערוואַרטן עס זאָל אַ סאָף נעמען צו דער רײַזע.

— ווו וועלן מיר איבערנעכטיקן? — האָב איך אומרויִק געפרעגט דעם אָנטרײַבער.

— אָט דאָ ווו מיר שטייען. ס'איז אַ סאַקאָנע אַפילע זיך אַ ריר צו טאָן.

דער ווינט רײַסט באַ אונדז אַרויס די פאַלאַטקע פון די הענט. נאָר מיר האָבן זי ווי עס איז אויפגעצויגן און זיך געשיצט פונעם שטורעם. מיר האָבן מיט זיך אונדזערע שלאָף־זעק, אין פאַלאַטקע ברענט אַ סטעאַרינען ליכט, דער „פרימוס“ זשומעט, מיר עסן קאָנסערוון, מיר טרינקען הייסע טיי: דאָס לעבן גייט ווײַטער. און עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז ס'איז ניט שרעקלעך. שפּעטער האָב איך מיך געמוזט אַזוי צוגעוווינען צו דעם מין סטאַנציעס, אַז איך פלעג אויסקוקן דעם שטורעם ווי אַ רו אַף

אַ לאַנגער רייזע. דער שטורעם האַלט אָן דריי, פיר, פינף טעג און איר זייט איינער אַליין מיט דעם „קאַיור" אַף דער גאַנצער וועלט. סאַראַ זאַכן ער דערציילט אייך בעייס־מייסע! דער וועג מאַכט מענטשן נאָענט. ווען איר ווערט אייך ווידער לאָזן אין וועג אַריין, ווערט איר האָבן אַ נייעם פריינט.

דער מין רייזעס האָבן מיר שטענדיק געליפערט אַ שעפע מיט ליטע־ראַרישן שטאָף.

מיין אַרבעט פלעגט מיך צווינגען אָפּפאָרן פון טשוקאָטקאַ, נאָר איך פלעג קעסיידער צוריקקומען. אַזוי בין איך מיט אַ יאָר שפּעטער צוריק־געקומען אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון אַ דאָרף־שול און פון אַ קולטור־באַזע. די אַרבעט אַף דעם געביט האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט זיך צו באַ־קענען מיט די טשוקטשע־קינדער. נאָכדעם ווי איך האָב היפּש טויפעס געוועזן דאָס לעבן און טיפער אַריינגעקוקט דעריין, האָב איך מיך אויס־געלערנט דענקען טשוקטשיש. ערשט דעמאָלט האָב איך מיך גענומען שרייבן. מיין אַלטע נייגונג צו ליטעראַרישער טעטיקייט האָט באַקומען אַ פאָרעם.

מיין ערשטער בוך איז געווען אַ באַשרייבונג פון דער דאָרף־שול.

צום שרייבן דעם ראָמאַן „אַליטעט גייט אַוועק אין די בערג", האָב איך מיך לאַנג געגרייט. בעייס איך האָב געאַרבעט איבערן שטודיום פו־נעם לאַנד, האָב איך דורכגעפירט אַ נייע פאָלקסציילונג פון טשוקאָטקאַ, און ערשט נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעלעבט אַכט פּאָלאַרע ווינטערס, איז מיר אַבסאָלוט קלאָר געוואָרן, אַז איך מעג שרייבן אַ בוך וועגן דעם טשוקאָטקאַ־פאָלק.

אַלע פאַרשוינען פון דעם בוך זיינען גענומען פון דערווירקלעכ־קייט. מיסטער טאָמסאָן, סיימאָנס, האַררי בראַון און אַנדערע פאַרשוינען זיינען פּראָטאָטיפּן פון לעבעדיקע מענטשן, וואָס איך האָב געזען און אָבסערווירט.

אויך די טשוקטשאַ־פאַרשוינען זיינען גענומען פונעם לעבן. איך האָב געקענט אַ סאַך יאַטן אַזעלכע ווי יאַראַק, ווי וואַאַמטשאַ, ווי אַיע. די גרופּע אַרטיקע באַלעגופים, וואָס זיינען, ווי אַליטעט, רייך געוואָרן אַפן כעשבן פונעם פאָלק, האָט אויך עקזיסטירט. איך האָב געזען די אַליטעטס ווי אַנפאַנגער, איך האָב זיי געזען שוין אַרויפגעאַרבעטע, געזען האָב איך זיי מיט אַ שוין אויסגעפורעמטן כאַראַקטער. וואָס שייך די פּראָ־טים פון מיין בוך, האָט זיי מיר דאָס לעבן אַליין געגעבן.

גראַנדיעז איז דער פאַרנעם פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. וווּנ־דערלעך זיינען די ענדערונגען וואָס קומען פאָר באַ אונדז אין לאַנד און קורץ איז דער טערמין אין וועלכן זיי ווערן דורכגעפירט. אין אַ קוים

באַפעלקערטן יִשעוו, ווו איר האָט אײַך געהאַט אָפּגעשטעלט ערשט מיט דרײַ אָדער מיט פינף יאָר צוריק, טרעפט איר צוריקפאָרנדיק אַ גרויסע שטאָט; באַם ראַנד פון אַ סטעפּ, אַ געשמיסענעם מיט דעם הייסן מידבער־אָטעם, נעמט אײַך אויף דער גערויש פון אַ יונגן וועלדל; אַף טויטע זאַמדן דערזעט איר פלוצים אַ טיף־וואַסערדיקן קאַנאַל. אָט די שנעלע טראַנספאָרמאַציע איז איינע אַן אייגנשאַפט פון אונדזער סאָציאַליסטישער בויונג. איך האָב דאָס אַלץ צוגעזען און אָט די באַשײַנפּערלעכע טראַנספאָרמאַציע האָט שטענדיק געוועקט אַ געפיל פון ליבע צו מײַן פאָטערלאַנד און פון שטאָלץ.

נאָר דאָס וואָס איך האָב הײַיאָר געזען אין טשוקאָטקאַ האָט מיך גערירט ביז דער טיפעניש פון דער נעשאָמע. כאָטש געוווסט האָב איך, אַז דאָס טשוקטשאַ־פאָלק בויט איבער זײַן לעבן — איך אַליין בין געווען איינער פון די איניציאַטאָרס פונעם נײַעם רעזשים, — איז מיר דאָך פאַרבליבן אין זיקאָרן דער אײַנדרוק פון זײַן פאַמעלעכדיקן טעמפּאָ, און ווי אַ באַטײַטפולער און אַלט־באַקאַנטער פּראַט, דאָס בילד וואָס פאַרשווינדט מיר קיינמאָל ניט פון די אויגן: לויפנדיקע הינט אינעם שפּאַן...

דאָרט ווו די הינט האָבן זיך קוים געקענט מאַכן אַ וועג צווישן די פאַרשנייטע שטיינער, שטייען איצט צווייגאָרנדיקע הילצערנע הײַזער, עלעקטריש־באַלויכטענע. דאָרט ווו מיר פלעגן מוזן שלעפּן אַף די פלייצעס די זעק מיט קוילן צו דער שיף, זײַנען איצט פאַראַן מעכאַניזירטע לאָדונג־פּלעצער מיט ריזיקע הייבער און איבערטראָגער. און ווען אונדזער שיף איז אינעם נעפּל צוגעשווומען צום לאַנדונג־פּלאַץ, האָט אַן אויטאָמאָביל מיט זײַנע אָנגעצונדענע אויגן דעם נעפּל דורכגעשטאָכן און געקוקט אַף אונדז.

פריִער פלעגט מען מוזן פאָרן קיין טשוקאָטקאַ אַף האַנדל־שיפן. הײַיאָר גייען דאָרט קאָמפאָרטע פּאַסאַזשיר־שיפן, וואָס זייער פײַפן שפּאַלט די פּאָלאַרע לופט און טרײַבט פון דאָרט אַרויס דאָס פריִערדיקע מאַלכעס פון טויט. באַקוועמע לופט־מאַשינען קרייצן נאָרמאַל די לופטוועגן און דאָ, באַ די ווײַטע ברעגעס פונעם סאָוועטישן לאַנד, פּונקט ווי איבערן גאַנצן לאַנד, די סאָציאַליסטישע בויונג.

דאָס באַנײַטע לעבן אַף דער געפרוירענער ערד האָט פאַרטריבן פון די גרענעצן פונעם לאַנד דאָס אַלטע קעניגרײַך פון טויט. איך, וואָס האָב אַזויפיל מאָל געדײַזט איבער זײַנע וועגן, האָב דאָס באַזונדער קלאָר געזען. דעריבער בין איך אַזוי טיף גערירט געווען.

די סאָוועטן־מאַכט, וואָס באַ איר רודער שטייען די טשוקטשעס גופע, האָט דערהויבן דאָס טשוקאָטקאַ־פאָלק צו אַ פּאָליטישן און קולטור־לעבן, האָט געלייגט דעם פונדאַמענט צו זײַן באַקוועם לעבן.

אַף די ריזיקע שטאָכים פון טשוקאָטקאַ פּיטערן זיך אַן אַ צאָל סטאַדעס צאָפּנדיקע הירשן, מערסטנס אין קאָלאָכאָזישע סטאַדעס. שוין פאַ־

ראַן קאָלכאָזן, וואָס זייער האַכנאָסע ווערט גערעכנט אין מיליאָנען, קאָלכאָזן וואָס באַזיצן צענדליקער טויזנטער הירשן. בעיס דער גרויסער פאָטערלאַנד־מילכאָמע האָבן זיך די הירשן־פיטערער באַטייליקט צוזאַמען מיט דעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק אינעם קאַמף קעגן די פאַשיסטישע איבערפאַלער, האָבן פאַרטיידיקט די נײַע, סאָוועטישע, לעבנס־געזעצן, געהאָלפן מיט זייער אַרבעט דעם פראָנט און האָבן פאַרדינט דעם דאַנק פון דעם גרויסן סטאַלין.

איבערן גאַנצן ברעגלאַנד האָבן זיך געגרינדעט יאַגד־קאָלכאָזן מיט אַן אייגענער טעכנישער באַזע. די שוואַכע פעלענע שיפלעך האַלטן באַם פאַרשווינדן. זיי ווערן פאַרביטן מיט פאַנג־שיפן, וואָס נעמען אַרײַן ביז פינף הונדערט טאָן מאַסע. דער דאָזיקער יאַם־טראַנספאָרט איז מעכאַניזירט און ווערט אָנגעפירט פון די טשוקטשעס גופע. איבערצײַגנדיקע פאַקטן, ווי געשטיגן עס איז דער אויסגאָב פון דער אַרבעט, דער קולטור־ניוואָ, דער ווילזײַן פונעם פאָלק.

אין גאַנץ טשוקאָטקאַ איז אײַנגעפירט אָבליגאַטאָרישע עלעמענטאַרע בילדונג. אין די גרויסע יִשוּווים זײַנען געגרינדעט מיטל־שולן, פעדאַגאָגישע און פראָפעסיאָנעלע. עס פונקציאָנירן אַלערליי קורסן (האַנדל, בוכפירונג, סאָוועטישע פאַרוואַלטונג, קאָלכאָז־פאָרזיצער).

איצט געפינט מען שוין ניט אין טשוקאָטקאַ קיין איין דערוואַקסענעם אַן אַנאַלפאַבעט.

שוין אַ צײַט ווי עס פאָרן פון טשוקאָטקאַ יונגעלײַט פאַרענדיקן זייער בילדונג אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן פון פעטראָפּאַוולאָווסק, קאַמטשאַטקאַ, ניקאָלאַיעווסק אָפן אַמור, וולאַדיוואָסטאָק, כאַבאַראָווסק, מאָסקווע. אַן ערך צוויי הונדערט צאָפנדיקע יונגעלײַט שטודירן איצט אין לענינגראַד, אינעם זשדאַנאָוו־אוניווערזיטעט, אינעם פעדאַגאָגישן אינסטיטוט הערצען. די צאָל צאָפנדיקע וואָס גלידערן זיך אײַן אין דער נײַער סאָוועטישער אינטעליגענץ, וואַקסט פון יאָר צו יאָר. אַ העלפט פונעם פעדאַגאָגישן שטאַב אין די טשוקאָטקער שולן באַשטייט שוין הײַנט פון אָרטיק געבוירענע.

די צאָפנדיקע יאַטן וואָס פאַרענדיקן זייער שטודיום אין די געגנט־לעכע מיטלשולן און פאָרן שטודירן ווײַטער אין די העכערע בילדונגס־אַנשטאַלטן פונעם „גרויסן לאַנד“, באַלייגן דעם עקזאַמען וואָס איז אײַנגעשטעלט פאַר אַלע סאָוועטישע סטודענטן, אַזוי אַז איצט איז שוין ניט נייטיק אין אַכט צו נעמען זייער הינטערשטעליקייט, ווי דאָס פלעגט זײַן אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטישער מאַכט.

אין טשוקאָטקאַ זײַנען שוין פאַראַן יִשוּווים פון שטאָטישן כאַראַקטער, אינדוסטריע־צענטערן, פישפאַנגערײַען, גרויסע פאַבריקן וואַרשטאַטן פון בייך־שניצערײַ.

אין 1932 האָט זיך געבילדעט דער טשוקאָטקער נאַציאָנאַלער קרײַז

מיט פינף באַצירקן. דאָס מיינט, אַז די מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט ווירקזאַם אָנצופירן מיט דעם פּאָליטישן, סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און קול־טור־לעבן פון זייער קאַנט. אַזוי איז דער כאַוועך אָטקע, אַ געבוירענער אין טשוקאָטקע, פּאָרזיצער פונעם אויספיר־קאָמיטעט אינעם קרייזישן סאָוועט. אָטקע האָט זיין בילדונג באַקומען אין לענינגראַד. אין 1951 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן פאַר דעפּוטאַט פונעם טשוקאָטקער נאַציאָ־נאַלן קרייז צום העכסטן סאָוועט פונעם ראַטנפאַרבאַנד.

דער טשוקאָטקער הירשן־פּאַסטעך טאַוולאַווטין האָט אין זיינער אַ רעדע אינעם נאָמען פון זיין גאַנצן פאָלק, אויף אַ זיצונג פונעם קרייזישן סאָוועט, אין אַנאַדיר, געזאָגט:

„איך האָב אָפּגעלעבט אַ סאַך יאָרן. מיר דוכט זיך ווי פריִער וואָלט איבער אונדזער לעבן געלעגן אַ שווערער שיכט שניי און אייז. דערנאָך האָט אונדז דער כאַוועך סטאַלין געהאָלפן אַרויסקומען פון אונטער דעם קאַלטן שיכט אַרויפצו צו דער זון, און איצט שטערן אונדז ניט מער, ניט דאָס אייז און ניט דער שניי צו זען ביז גאָר ווייט. מיר לעבן אַ ניי לעבן, אַן אינטערעסאַנט לעבן, פול מיט אינהאַלט, און דאָס לעבן וועט נאָך זיין אַ סאַך אינטערעסאַנטער און בעסער. איך ווייס עס, ווייל איך האָב אויגן. דאָ זיינען זיי".

דער מעכאַבער

ערשטע טייל

קאַפּיטל I

געווען איז דער פרימאָרגן אַ רויִקער, און דאָס מענטשלעכע קאָל האָט זיך געטראָגן ווײַט, ווײַט. דער אײַנגעשטילטער יאַם האָט קוים געמורמלט.

פאַרנאַכט צו האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם־ווינט, פונעם צאָפן אָנגעקומען. דער יאַם האָט זיך אומרויִק צעוויגט. די כוואַליעס האָבן זיך צעקרויזט; זײַן ליאַרמענדיקער קראַכן האָט זיך געשפּרייט איבער די בערג. די מענטשן פונעם ענמאַקײַ־לאַגער האָבן זיך פאַרזאַמלט באַם ברעג וואַרטן אַפן צוריקקער פון די מאָרזשן־פאַנגער.

מען האָט זיך רוישיק און דערשראָקן אויסגעפרעגט אײנער דעם צווייטן און די אויגן ניט אַוועקגענומען פונעם צעברויזטן יאַם. די מענטשלעכע געשטאַלטער, אין ברייטע פעלצן אײַנגעהילטע, האָבן זיך קלאָר אויסגעטיילט אַפן ווײַסן גרונט פונעם נאָך ניט צעגאַנגענעם שניי. דער ווינט האָט געבלאָזן אַלץ שטאַרקער. ריזיקע כוואַליעס האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אָנעם ברעג און צעשלאָגענע טייקעף פאַרשווונדן.

— אַליטעט! אַליטעט! אַליטעט! — האָט פּלוצים מיט אַ קוויטשיקן קאָל געגומען שרײַען אַ יִינגל אַף אַ פעלדז שטייענדיק.

אָנגעוויזן האָט ער מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם אַפן יאַם און ניט אויפגעהערט שרײַען, שטאָלץ דערויף וואָס ער האָט דער ערשטער דערזען אַליטעטס וואַלפיש־שיפל.

דאָס זעגל־שיפל האָט זיך באַוויזן אַפן האָריזאָנט. אָט האָט מען עס געזען גאָר הויך אַפן קאַם פון אַ כוואַליע און אָט איז עס אײַנגעזונקען אינעם שוואַרצן טהאָם.

די געשפּרעכן האָב זיך אײַנגעשטילט. דער אַלטער וואַאַל, אַ באַרימטער יעגער, איז הינקענדיק צוגעקומען צו אַ רעדל ווײַבער. געטראָגן האָט ער אַן אויסגעריבענע קוכליאַנקע * פון הירשן־פוטער, פאַרגאַרטלט מיט אַ פאָקענעם רימען. זײַן אָנגעכמורעט זקייניש פּאָנעם, צעאַקערט מיט ביטערע קנייטשן, האָט אַרויסגעוויזן רו און געניטקייט. זײַן גאַנץ לעבן האָט דער אַלטער אָפּגעלעבט אַפן יאַם. שוין מער ווי אײנמאָל איז ער געשטאַנען אויג אַף אויג מיט דעם טויט. דער יאַם האָט אים געמאַכט שטרענג און קלוג.

---

* קוכליאַנקאַ — אַ פעלצל, וואָס מען טוט אָן איבערן קאָפּ.

דער אַלטער האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ געניטן יעגער, און דער אוילעם האָט זיך צוגעהערט צו זײַנער אַ מיינונג.

וואַל האָט זיך אײַנגעקוקט אינעם צעקרויזטן יאַם און, מיט דער וויכ־טיקייט פון אַ מענטשן וואָס איז באַקאַנט מיט דער זאַך, האָט ער זיך אָנגערופן:

— מיט דעם וואַלפיש־שיפל איז אַ כוואַליע קיין סאַקאָנע ניט; דאָס שיפל איז אַ הילצערנס און דער רוקן גייט אַזוי...

און דער אַלטער נעמט צונויף זײַנע ביינערדיקע הענט און ווײַזט וויאַזוי עס גייט דער שיף־רוקן.

— נאָר מיט אַ פלאַכן שיפל פון מאָרזשן־פעל איז אַ סאַקאָנע זיך אַרויסצולאָזן אַפן יאַם ווען ער איז צעכוואַליעט. מען קען אומקומען...

דער אַלטער רעדט פון זאַכן, וואָס יעדער איינער ווייס זיי אויסגע־צייכנט, נאָר אויס דערעכערעץ, הערט דער אוילעם זיך אײַן צו אים מיט באַזונדערער צוגעלאָזנקייט. פון צײַט צו צײַט כאַפן די ווײַבער הינטערווײַ־לעכס אַ קוק צום יאַם. אַלע וויסן זיי אַז באַ אַזאַ וועטער, בינדן אָן די יע־גער, אויס פאָרזיכטיקייט, אָנגעבלאָזענע לאָגלען פון פאָקע־פעל צו די ראַנדן פון די שיפלעך, נאָר די שרעק פאַרן גורל פון זייערע מענער קוקט, פונדעסט־וועגן, אַרויס פון זייערע אומרויִקע פענעמער.

אין דער ווײַט האָבן זיך באַוויזן, ווי טונקעלע קוים מערקלעכע פלעקן, אויך די קליינע שיפלעך. אָט זײַנען זיי פאַרשוווּנדן און אָט האָבן זיי זיך ווידער באַוויזן אַפן קאַם פון אַ כוואַליע.

דאָס וואַלפיש־שיפל איז געשווומען צום ברעג מיטן פולן גאַנג, האָט געשניטן די כוואַליעס מיטן נאָז און איז געקומען אַלץ נענטער. דער ריזיקער זעגל איז אָנגעשוואָלן באַ יעדן שטויס פונעם ווינט.

ווען דאָס שיפל איז צוגעקומען צום ברעג, איז דער זעגל אַראָפּגעפאַלן און האָט צוגעדעקט די טויטע מאָרזשן.

טומאַטוגע, אַ קרעפּטיקער יעגער, איז געשטאַנען באַם נאָז און געקוקט אַף די כוואַליעס; געהאַלטן האָט ער אין די הענט אַ לאַנגן שטריק גרייט אים צו וואַרפן אַפן ברעג. די כוואַליעס האָבן אונטערגעהויבן דאָס שיפל, נאָר טומאַטוגע, מיט צענומענע פיס, האָט זיך געהאַלטן פעסט, האָט זיך געבויגן און האָט געוויגט דעם גאַנצן קערפּער. געווען איז ער אין הוילן קאָפּ. די כוואַליעס האָבן אים באַנעצט און דאָס וואַסער האָט זיך געגאָסן פון זײַנע מאַלבושים. אויך די יעגערס וואָס זײַנען געזעסן אינעם שיפל, האָבן זיך שטאַרק אײַנגעקוקט אין די כוואַליעס.

ווען אַ ריזיקע כוואַליע האָט אַ הייב געטאָן דאָס שיפל אַף איר רוקן, האָט טומאַטוגע זיך פאַרמאָסטן און אַרויסגעוואָרפן דעם שטריק אַפן ברעג, נאָר די אָפּטרעטנדיקע כוואַליע האָט דעם שטריק צוריקגעטראָגן מיט זיך.

אַ דאַנק דעם מאַנעווורירן פון די וועסלעס האָט דאָס שיפל זיך לענגער געהאַלטן אַף די כוואַליעס. טומאַטוגע האָט עטלעכע מאָל געוואָרפן דעם שטריק און ניט דערלאַנגט צום ברעג.

באַם ברעג איז געזעסן דער אַלטער וואַל, געררייכערט פון אַ גרויסער הילצערנער ליולקע און זיך צוגעקוקט צום געוויג פונעם שיפל. מיטאַמאָל האָט ער אַראָפּגעצויגן די טאָרבאַזן,* פאַרקאַטשעט די הויזן און, אַרויס־רײַסנדיק באַ אַ ייִנגל פון די הענט אַ קנויל שטריק, אַזאַ ווי טומאַטוגע האָט

---

* טאָרבאַזן — פעלענע שטיוול.

געהאַלטן, איז ער צוגעלאָפן צום ברעג־ראַנד ווו דער יאַם האָט זיך אָנגעשלאָגן. און ווען אַ גרויסע כוואַליע האָט אָפּגעטראָטן, איז ער איר שנעל און אומגעוויינלעך פלינק נאָכגעלאָפן. דער אַלטער האָט אויפגעהויבן הויך דעם שטריק און אים קונציק פאַרוואָרפן אַרום טומאַטוגעס האַלדז, און מיט אַ שנעלן אומדריי איז ער נאָך שנעלער אַנטלאָפן פון דער צווייטער כוואַליע. אַ פאַרסאָפּעטער איז ער אַוועקגעפאַלן אַפן שניי. די ווײַבער זײַנען צוגעלאָפן אים אָנטאָן די שטיוול.

— קויעך האָבן זיי אַ סאַך, נאָר פלינקייט פעלט זיי. — האָט וואַל געזאָגט, מײנענדיק די יונגע יעגערס.

דער פאַרזאַמלטער אוילעם באַם ברעג האָט אָנגעכאַפּט דעם עק שטריק פונעם שיפל. דער אַלטער איז אויפגעשטאַנען. רויק און געשפאַנט האָט ער געקוקט אַף די כוואַליעס און זיי געצומען ציילן.

די יעגערס האָבן אומפאַרמאַטערט גערודערט ניט צו דערלאָזן דאָס שיפל זאָל זיך פריצײַטיק אויפהייבן אַפן קאַם פון אַ ליאַדע גרויסער כוואַליע.

דער אַלטער האָט פאַרבײַגעלאָזט עטלעכע גרויסע כוואַליעס און אַ געשריי געטאָן צום אוילעם גוט צוצובינדן דאָס שיפל. מיטאַמאָל האָט וואַל אַ שפרונג געטאָן און מיט דער גאַנצער קראַפט פון זײַנע לונגען אַ געשריי געטאָן:

— טאָ גאָק!

די רעגע האָבן די מענטשן אָנגעצויגן דעם שטריק און מיט קוילעס און געשרייען געצויגן דאָס שיפל, אַ געשטויסנס פונעם יאַם־געוויג. די כוואַליע האָט זיך מיט אַ קראַך אָנגעשלאָגן אָנעם ברעג און אָפּגעטראָטן, איבערלאָזנדיק דאָס שיפל אַף דער פאַרשנייטער ערד.

אַ קרעפטיקער מענטש אין די מיטעלע יאָרן, ניט קיין הויכער און ניט קיין נידעריקער מיט אַ מעכטיקן האַלדז, איז פלינק אַראָפּגעשפרונגען פונעם שיפל. זײַן פּאָנעם מיט אַרויסגעשטאַרצטע אַנגלען און צעקאַרבט פונעם ווינט, איז געווען ברוין. אומרויִקע שוואַרצע אויגן האָבן דורכדרינגלעך געקוקט פון צווישן שמאָלע אויגן־שפּאַלטן אונטער אַ נאָרד־אַמעריקאַנישן צעלולאָיד־דאַשעק, וואָס האָט זיי געשיצט פון דער זון. עמעס, די זון איז שוין לאַנג געווען באַהאַלטן אונטער די וואָלקנס, נאָר אַליטעט האָט דעם דאַשעק ניט אַרונטערגענומען. ער האָט ליב געהאַט זאַכן וואָס קומען פון נאָרד־אַמעריקע. דער קאָפּ איז געווען אָפּגעדעקט. שוואַרצע האַרטע און שטעכיקע האָר, ווי די וואָנצעס באַ אַ פאָקע, האָבן אים פאַרדעקט קימאַט דעם גאַנצן שטערן און די אויערן. דער שפּיץ קאָפּ אינגאַנצן אויסגעראַזירט, האָט ווי געגלאַנצט. אַליטעטס פּאָנעם ווי זײַן גאַנצער דיקער קערפּער האָט געאָטעמט מיט קראַפט, מיט אַקשאָנעס, מיט גרויזאַמקייט. געטראָגן האָט ער אַ יאַק פון מאַנאַטיפוטער, פאַרגאַרטלט מיט אַ קנויט פון אַ טיש־לאָמפּ, אָנשטאָט אַ געוויינלעכן פאָקע־גאַרטל. און פונעם גאַרטל זײַנען אים אַראָפּגעהאָנגען אָן אַ שיר קאַמייעס; זיי האָבן אים געשיצט פון בייזע רוכעס, פון אומגליקן, פון קראַנקייטן, האָבן אים געבראַכט ס׳מאַזל אין לעבן און אין די געשעפטן. דער מאָרזשנפאַנג האָט אים געגליקט, און דאָס האָט אַליטעטן געפרייט.

— דאָ, נאָענט צום ברעג, זײַנען קיין פאָקעס ניטאָ — האָט אַליטעט גערעדט צום אַרומשטייענדיקן רעדל מענטשן. — פאָקעס האַלטן זיך ווײַט פונעם ברעג. דאָרט, ווײַט — און אַליטעט האָט מיט אַ ברייטן מאַך פון דער האַנט אָנגעוויזן אַפן האָריזאָנט. דערנאָך האָט ער זיך אומגעדרייט צום

שיפּל צו, און הייזעריק אַ באַפעלערישן געשריי געטאָן: — היי, איר, מען דאַרף דאָס שיפּל אַוועקפירן ווײַטער פון די כוואַליעס. איר זעט בלינד? דאָס וואַסער וועט נאָך אָפּוואַשן די אויפשריפט!

די אויפשריפט „1916", וואָס דאָס שיפל האָט געהאַט אַפן ראַנד, איז געווען געמאָלן מיט שוואַרצער פאַרב. דער נאָרדאַמעריקאַנער, וואָס האָט דאָס שיפּל פאַרקויפט אַליטעטן, האָט די ציפערן אַליין אויפגעשריבן. און שוין פיר יאָר ווי אַליטעט פאַרבט זיי יעדן יאָר איבער. פון דער ציפער „1916" איז שוין געוואָרן „1016". דעם מאַזלדיקן צייכן, דעם אָנהייב פון אַ נײַ לעבן, האָט אַליטעט געהיט מיט אָבערגלויבערישער זאָרג.

— די מינוט פירט אַוועק די שיף! — האָט ער זיך דעם האַלדז געריסן שרײַענדיק.

די מענטשן וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום שיפּל האָבן עס אַוועקגעשלעפּט איבערן האַרט געוואָרענעם שניי. געווען איז אינעם שיפּל אַ סאַך פלייש. דרײַ מאָרזשן. אָף דער פאַרבלוטיקטער מאַסע זײַנען געלעגן עלף מאָרזשן־קעפּ מיט זייערע לאַנגע און קרומע אויג־ציינער.

טומאַטוגע האָט באַ די ציינער אָנגענומען דעם גרעסטן קאָפּ, האָט אים פונעם שיפל אַראָפּגענומען און אַרײַנגעשטעקט אינעם שניי. דאָס אייגענע האָט ער דערנאָך געטאָן מיט די אַנדערע קעפּ. דער שניי אַרום דעם שיפּל איז באַלד רויט באַפאַרבט געוואָרן. אין אַ שורע אויסגעשטעלט, האָבן די באַוואָנצעטע מאָרזשן־קעפּ אויסגעזען ווי לעבעדיקע מיט זייערע גרויסע צעעפנטע אויגן.

אַליטעט האָט געוווּסט וואָס זײַן פרײַנט דער נאָרד־אַמעריקאַנער באַדאַרף. די ציינער! דאָס פלייש מעג מען אַרײַנוואַרפן אין יאַם אַרײַן. און אַ כוץ דעם, האָט דאָס שיפל מער קיין פּלאַץ ניט ווי פאַר דרײַ מאָרזשן.

די ווײַבער מיט די קינדער אַף די אַקסלען זײַנען פאַרבליבן וואַרטן באַם סאַמע ברעג. זיי האָבן שטיל געקײַט יאַם־גראָז, מיט די אויגן אײַנגעשטאָכן אין די שיפלעך.

דער אַלטער וואַאַל איז צוגעקומען צו אַליטעטן:

— יאָ, די מאָרזשן זײַנען ווײַט: די יעגערס אַף די קליינע שיפלעך האָבן קיין איינעם ניט געהאַרגעט. — האָט אַליטעט זעלבסטצופרידן געשמייכלט. — מײַן וואַלפיש־שיפּל איז שטאַרק און שנעל ווי אַ הירש. פון מיר וועט זיך קיין איין מאָרזש ניט אַרויסדרייען. ניט אומזיסט האָב איך פאַר דעם באַצאָלט טשאַלין זעקס ווײַסע בערן־פעלן און צוויי זעק מיט פוקסן, אַ כוץ די מאָרזשן־ציינער, וואָס איך האָב אים געגעבן אַ צוגאָב. — אַליטעט האָט מיט ביטל אַ ווײַז געטאָן אַפן יאַם און צוגעגעבן: — אַרויסלאָזן זיך אַף יאַגד אין אַ קליין שיפּל איז ווי לאָזן זיך לויפן נאָך אַ פוקס אָן אַ ביקס.

דער אַלטער וואַאַל האָט צוגעשפּאַנט צו די מאָרזשן־קעפּ, האָט זיי טרויעריק באַטראַכט און אַ זיפץ געטאָן:

— אַזויפיל פלייש פאַרלוירן געגאַנגען! אַזויפיל עסן! אַכט מאָרזשן! אַזויפיל עסן אין יאַם אַרײַנגעוואָרפן!

— דער נאָרד־אַמעריקאַנער וועט דאָך ניט האָבן אַבי וואָס פאַר אַ שיפּל

— האָט אַליטעט ווײַטער גערעדט און האָט אין אַכט ניט גענומען דעם אַלטן. ער איז צוגעקומען צו די דרײַ מאָרזשן.

אַלע הינט פונעם לאַגער זײַנען זיך אַהין צונויפגעלאָפן. זיי זײַנען גע־

זעסן רויק אין אַ האַלבן קרײַז, געשמעקט צום פלייש מיט זייערע קלוגע שנוקן און זיך באַלעקט. פון צײַט צו צײַט האָבן זיי אַרויסגעוויזן אומגעדולד מיט אַ לאַנגן געוואָי און מיט ציין־קריצעניש. די מער אומגעדולדיקע האָבן געכאַפּט שטיקער פּאַרבלוטיקטן שניי און זיי טייקעף אײַנגעשלונגען.

שוין לאַנג ווי עס איז קיין פלייש ניטאָ, פון זינט עס איז אָפּגעשטעלט דער שליטוועג, קיינער זאָרגט ניט פאַר שפּײַזן די הינט. אויסגעדאַרטע, אָפּגעפליקטע, מיט נאָכגעהאָנגענע שטיקער פעל לויפן זיי אום איבערן לאַגער און רײַסן זיך ווילד אַרום איבער יעדן ביסן. די הינט אַנטלויפן טיף אין דער טונדרע,* קומען פון דאָרט פאַרווילדעוועט און שפּײַזן זיך מיט באַרסוקעס און מיט פעלד־מײַז. בלויז אַליטעטס הינט ווערן גוט געשפּײַזט. אַליטעט האָט ליב גוטע הינט.

איין הונט האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אָפן פלייש.

— אַוועק! וועסט נאָך צײַט האָבן! איך וואָרט אויך געדולדיק אָף אַ שטיקל פלייש. — האָט וואָאַל אָף אים אָנגעשריגן און מיטן שטעקן אים אַוועקגעטריבן.

דער הונט איז אָפּגעשפּרונגען און האָט פײַנטלעך אַ קוק געטאָן אָפן אַלטן.

אַליטעט האָט מיט צוגעזשמורעטע אויגן באַטראַכט אַ גרויסן מאַרזשן־קאָפּ און האָט מיט דעם רעכטן פאָדער־אָרעם אָפּגעמאָסטן אַן אויג־צאָן.

— גוטע ציינער. צוואַנציק פאָונדס** יעדער איינער.

קיין איין יעגער האָט קיין באַגריף ניט געהאַט וועגן דעם וואָס אַ „פאָונד" איז און האָט ביכלאַל קיין באַגריף ניט געהאַט פון וואָג. איין אַליטעט בלויז האָט גוט געוווּסט וואָס דאָס איז, אַ דאַנק זײַן נאָענטקייט מיט טשאַלין.

טשאַלי טאָמסאָן, אַ באַלעבאָס פון אַ פוטער־געשעפט, האָט אויסגעקליבן אַליטעטן פאַר אַ פאַרמיטלער, און צוליב פאַרווײַלונג, האָט ער אים אויסגעלערנט וועגן די מאַרזשן־ציינער אָף אַן ענגלישער וואָג.

אַליטעט האָט איצט גערעדט וועגן די „פאָונדס" קעדיי זיך אויסצושטעלן מיט זײַנע קענטענישן און זאָלן מענטשן זען, אַז ער איז אַ געבילדעטער. ער האָט געפינטלט מיט זײַנע אומרויִקע אויגן און געזאָגט:

— ווי הינט קענען ניט פאַרשטיין דאָס מענטשלעכע לאָשן, אַזוי קענען אונדזערע לײַט ניט פאַרשטיין וואָס אַ „פאָונד" איז, נאָר א י ך ווייס, — האָט ער ניצאָכנדיק געלאַכט און געוויזן זײַנע שטאַרקע ווײַסע ציינער.

— ניין, אַליטעט — האָט דער אַלטער וואָאַל געשאָקלט מיטן קאָפּ. — אומזיסט לאַכסטו. הינט פאַרשטייען יאָ דאָס מענטשלעכע וואָרט, זיי קענען נאָר ניט ריידן מיט אונדז. אַזוי מיין איך. — האָט דער אַלטער ערנסט באַשטעטיקט.

אַליטעט האָט אָף אים שעלמיש אַ קוק געטאָן.

— וואָס זאָגסטו, אַלטער? האָסטו ניט אַמאָל איבערגעלאָזט דעם מאַרך באַ דיר אין דער „יאַראַנגאַ"? ***

וואָאַל האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג און שאַרף געענטפערט:

---

* טונדרע — זומפּיקער סטעפּ.
** פאָונד — ענגלישער פונט.
*** יאַראַנגאַ — אַ געצעלט מיט צוויי צימערן פון הירשן־פעל.

— יעדער קאַפּ, אַליטעט, איז אַ קוואַל פון סייכל. דער מענטש און די כאַיע און דאָס קליינע פייגעלע אַפילע האָבן זייער פאַרשטאַנד. ווען אונ־דזערע לײַט זאָלן פאַרקויפן די מאַרזשן־ציינער דירעקט צו טשאַלי די רויטע נאָז און ניט דורך דיר, וואָלטן זיי אויך געוווּסט וואָס אַזוינס איז אַ „פאַונד״.

— פאַרוואָס עפּעס רופסטו אים רויטע נאָז? ווייסטו ניט אַז ער האָט פײַנט מען זאָל אים אַזוי רופן?

— מען קען דאָך אָבער ניט אָנרופן אַ רויטן פוקס ווײַסער. אַזאַ איז ער. — האָט דער אַלטער געענטפערט און, ניט געאײַלט, מיט פּאַרזיכטיקע טריט, זיך געלאָזט גיין צום רעדל ווײַבער.

אַליטעט האָט אים בייז נאָכגעקוקט, האָט אויסגעשפּיגן אינעם שניי און האָט אַוועקגעשפּאַנט צו די יעגערס. זיי האָבן שוין געהאַט אויפגעלאָדן די מאַרזשן־קעפּ אַפן שליטן און איצט האָבן זיי אים, אין אַ ריי איינער הינטערן אַנדערן, געשלעפּט צו אַליטעטס „יאַראַנגאַ״.

אַליטעט האָט ניט געוואַרט די הונגעריקע זאָלן אים בעטן און האָט אַ רוף געטאָן:

— זאָל יעדער איינער זיך נעמען אַ שטיק פלייש צו זיך אין דער „יאַראַנגאַ״! אַלע מוזן עסן. אַלנפאַלס, ווען די יעגערס אַף די קליינע שיפּ־לעך ניט ברענגען קיין פלייש. און איך וועל געבן די מענטשן צו עסן. — און אומגעדרייט האָט ער זיך צום אַלטן וואַאַל און אים געזאָגט: — דו זאָגסט, אַז די יעגערס דאַרפן אַליין האַנדלען מיט דעם נאָרד־אַמעריקאַנער. צי דען זעען זיי ניט, אַז איך העלף זיי? ווען זיי זאָלן האַנדלען דירעקט מיט אים, וואָלט ער זיי אָפּגענאַרט, און מיך נאַרט ער ניט.

— דער נאָרד־אַמעריקאַנער איז דײַנער אַן אַלטער פרײַנט. — האָט דער אַלטער געענטפערט.

די מענטשן האָבן צופרידענע גענומען טראָגן אַף די פּלייצעס גרויסע שטיקער פלייש צו זיך אין די יאַראַנגאַס. אַלע האָבן זיי זיך געפילט פריי־לעך. און פאַרוואָס דען ניט! געווען איז דאָס פלייש פון דער ערשטער יאַגד. דער סעזאָן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן.

די שיפלעך זײַנען שוין געווען נאָענט צום ברעג.

— וואַרט! — האָט אַליטעט אַ געשריי געטאָן. — לייגט אַוועק דאָס פלייש! מען דאַרף אויפנעמען די שיפלעך.

די מענטשן האָבן אונטערטעניק געפאָלגט און זײַנען צוגעלאָפן צו אַלי־טעטן. ער איז געווען דער „האַר פון דער ערד״, דער באַלעבאָס פונעם לאַגער און די מענטשן זײַנען געוווינט געווען צו טאָן זײַן ווילן אָן אַ פּיפּס צו טאָן. אַליטעטס קראַפט און מאַכט איז באַקאַנט געווען איבערן גאַנצן ברעגלאַנד. זײַן נאָמען איז דערגאַנגען אין דער טונדרע, ווו עס האָבן געוווינט די טשוק־טשעס־נאָמאַדן, די הירדשן־פּיטערער.

צוגעשווומען זײַנען די לײַכטע שיפלעך מיט זייערע זעגלען פון אַלטע זעק. איינס פון די שיפלעך איז געזעסן טיף אין וואַסער ביזן ראַנד. די פּאַ־קענע לאַגלען מיט לופט אָנגעפּילטע האָבן געפּאַטשט אינעם וואַסער ווי ריזיקע צערפּעטע פיס פון אַ פּאַבולאַרער כאַיע און געהאַלטן דאָס שיפל אַפן וואַסער. די יעגערס אין פעלצלעך אָנגעטאָן, זײַנען געזעסן אין וואַסער ביזן גאַרטל. רויקע און געניטע, האָבן זיי ניט אַרויסגעלאָזט די וועסלעס פון די הענט קעדיי זיך צו דערוואַרעמען און קעדיי די כוואַליעס זאָלן זיי־

ניט אַנשלאָגן אינעם ברעג אײדער זײ וואַרפן דעם שטריק. פיר יאַטן זײַנען געשטאַנען גרײט דעם שטריק אָנצוכאַפּן.

וואַמטשאַ, וואַלס יינגערער זון, האָט דרײַ מאָל געוואָרפן דעם שטריק און ניט דערלאַנגט דעם ברעג. אַ דורכגענעצטער, איז ער געשטאַנען אינעם שיפל מיט דעם וואַסער ביז די קני. דער יאַם האָט געזאָטן אונטער דעם ווײכן דעק פונעם פעלענעם שיפל. דער אַלטער וואַל האָט זיך אויסגעטאָן די שטיוול, נאָר וואַמטשאָ איז אַרויפגעשפרונגען אַפן ראַנד פונעם שיפל און האָט מיט אַ מעכטיקן פאַרמעסט אַ וואָרף געטאָן דעם שטריק.

דער אַלטער האָט אָפּגעוואַרט די גינסטיקע מינוט און ווידער אַ געשריי געטאָן:

— טאָ־אָ־גאָק!

דאָס שיפל איז שוין געווען באַם ברעג. דאָס וואַסער האָט זיך געגאָסן פונעם געפלאַצטן דעק און די לאָגלען זײַנען אַראָפּגעהאַנגען באַ די ראַנדן.

די מאָרזשן־פעל איז שוין שטאַרק אָפּגענוצט. — האָט דער אַלטער וואַל אַ זיפץ געטאָן. — מען האָט זי באַדאַרפט נאָך אום זומער אומבײַטן. נאָר דעמאָלט האָבן מיר קײן פעל ניט געהאַט.

אַ ווײַלע שפּעטער זײַנען שוין אַלע שיפלעך געווען אַפן ברעג. אַליטעט איז גערעכט געווען. די יעגערס האָבן בלויז אײן פאָקע געהאַרגעט. דער יאַגד־סעזאָן האָט זיך פאַר זײ שלעכט אָנגעהויבן.

— ווען ניט אַליטעט, וואָלטן מיר קײן פריש פלײש אין מויל ניט געהאַט. — האָט דאָס טומאַטוגע פאַרטײַטשט.

קאַפּיטל II

נאַרגינאַט, אַ הויכע קרעפּטיקע פרוי, מיט אַן אויסגעטאַטויִרטן פּאָנעם אײסעקט זיך פלײַסיק באַם אָפּבינדן די נאַסע רימענעס פון איר מאַנס „טאָר־באַזן”. אַליטעט ליגט אַפן רוקן און באַטראַכט זי שטיל.

זי ציט אים אַראָפּ די „טאָרבאַזן”, די פוטערנע זאָקן, די צום פוס גע־פּאַסטע פאָקענע הויזן און הענגט זײ אויף אַף אַ בעליק צום טריקענען.

אַליטעט, אַ האַלב־נאַקעטער, בלויז אין דינע הויזן פון יונגן הירש, האָט זיך באַקוועם געמאַכט אַף אַ פוכיקער הירשן־פעל. זײַן ברײטע ברוסט, מוס־קולדיקער האַלדז און מעכטיקע אָרעמס שטראָמען מיט ניט געוויינלעכער קראַפט. און עס איז מיט אַן עמעסן ניטאָ לענגאויס דעם גאַנצן ברעג אַזאַ אײנער וואָס זאָל אים קענען לײגן. אַליטעט האָט ליב זיך שטײַערן און צווינגט מאַמעש זיך מיט אים צו שטײַערן. שוין ניט אײנער אַפן ברעגלאַנד איז פון אים אַרויס אַ קאַליקע. און איצט, זיצנדיק אַף די פוטערס, גלעט ער זיך די מוסקולן, ווי ער וואָלט זיך גרײטן צום געשלעג.

דאָס פעלענע צימער איז גערוים. דרײַ פײַער־פאַנען האָבן דאָס צימער גוט אָנגעוואַרעמט און באַלויכטן עס. אַף די פאַנען זידן טשײַניקעס טײ און אַ זופּ מיט פרישן מאָרזשן־פלײש. פונעם בעליק הענגען אַראָפּ קאַמײעס: יאַם־כאַיעלעך, פישלעך, מענטשלעכע פיגורלעך. אײנע פון די קאַמײעס איז פון אַלטקײט אַזוי שוואַרץ, אַז מען קען ניט וויסן צי דאָס איז אַ הונט, אַ פוקס, אַ וואָלף אָדער אַ בער.

די קאַמײעס שיצן די „יאַראַנגאַ” פון אומגליק און פלאָג.

אַף אַ הילצערנעם קאַסטן, אינעם פאָדערשטן טײל צימער, שטײט אַ

נאָרד־אַמעריקאַנישער געניקלטער וועקזייגער. לויטן ווײַזער אָפּן ציפערבלאַט, מוז ער אויך זײַן אַ קאַמייע, וואָס שיצט די גוטע האַנדלס־באַציִונגען מיט דעם נאָרד־אַמעריקאַנער.

אַליטעטס פאָטער, דער אַלטער אָפּגעלעבטער שאַמאַן * קאָראַגוע, אײַנגאַנצן אַ נאַקעטער, זיצט אַף הירשן־פעלן לעבן אַ פײַער־פּאַן. די לאַנגע שיטערע אַש־קאָלירטע באָרד, דעקט אים צו די אײַנגעפאַלענע געקנייטשטע ברוסט. אַ דינע פעל פון אַ יונגן הירש פאַרדעקט אים די שפּיציקע קני און הענגט אַף זיי ווי אַף צוויי שנאָבלען. דער שאַמאַן קאָראַגוע האַלט אין פאַריכטן אַ פײַקל. ער ציִט אַן אַפּן רייפל אַ טרוקענעם מאָרזשענעם פענכער.

— נעכטן האָב איך לאַנג געקלאַפּט אַפּן פײַקל. די הענט האָבן מיר ווייגעטאָן און די פעל האָט זיך צעריסן. נאָר דערפאַר האָב איך אײַנגעשטילט די גײַסטער. — זאָגט דער שאַמאַן מיט אַן אָנגעשפּאַנטענעם קאָל. — דערפאַר האָסטו אָנגעטראָפן אַזויפיל מאָרזשן.

— ביסט גערעכט, טאַטע, האָסט געטריבן די מאָרזשן צו מײַן שיפל. — שטימט אַליטעט צו.

אַ געשמייכלטער פון דער אָנערקענונג, האָט קאָראַגוע זיך צעלאַכט מיט אַ פאַרמאַכטן מויל, האָט זיך געקראַצט די פּלייצע מיט אַ שטעקעלע פון אַ מאָרזשן־וואָנצע און געקײַכט פון האַנאָע. דערנאָך האָט ער דערלאַנגט דאָס שטעקעלע זײַן אייניקל און געזאָגט:

— קראַץ מיר די פּלייצע, גוי־גוי, און איך וועל הערן וואָס אַליטעט דערציילט.

דאָס יינגעלע האָט פלײַסיק גענומען קראַצן דעם אַלטנס פּלייצע.

אַליטעט, אַ צעלייגטער אַף די פוטערס, ווי אַ פּאָקע אַפּן אײַז, מיט די הענט פאַרלייגט הינטערן קאָפּ, דערציילט מיט אַלע פּראָטים ווי די יאַגד איז צוגעגאַנגען.

ווען ער האָט געענדיקט דערציילן, האָט קאָראַגוע באַמערקט:

— זעסטו שוין סאַראַ גרויסער קויעך עס לעבט אין מיר. דאָס איז דער קויעך פונעם גײַסט. איך קען באַפעלן די כאַיעס אין יאַם.

— איך וועל וועגן דײַן קויעך דערציילן די יעגערס, טאַטע. זאָלן זיי עס וויסן!...

נאַרגינאָט האָט אַוועקגעשטעלט אין מיטן געצעלט אַ ליימענע שיסל פול מיט רויכערדיקן מאָרזשן־פלייש. דער רייעך האָט גערייצט דעם אַפּעטיט. אַלע זײַנען צוגעקומען. נאַרגינאָט האָט פלינק געשניטן שטיקער האַרטן פלייש און וואַלפיש־פעטס פון פאַראַיאָריקן פאַרגרייט. אַליטעט האָט זיי געכאַפּט פון אונטערן מעסער און קוים צעקײַטע אײַנגעשלונגען.

פון מאָל צו מאָל וואַרפט נאַרגינאָט אַרײַן אַ שטיקל אין מויל אַרײַן און הערט ניט אויף אַרבעטן מיטן מעסער.

טומאַטוגע, אַליטעטס אַ שאָכן, האָט זיך באַוויזן פון הינטער דער פעל, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם אַרײַנגאַנג. ער האָט שנעל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די „קוכליאַנקע”, האָט זי פאַרוויקלט און אַף איר זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט ניט געוואַרט מען זאָל אים בעטן און האָט זיך צוגעכאַפּט צום עסן.

נאָכן אויפעסן עטלעכע שטיקער פעטס, האָבן זיך אַלע גענומען צום מאָרזשן־פלייש. געווען איז עס פלייש פון דער ערשטער יאַגד, פריש און

---

* שאַמאַן — בודיסטישער גײַסטלעכער באַ די צאָפּנדיקע שוואָטים.

שמעקעדיק. געהאַלטן האָבן זיי ציין די צווישן ציין אַ שטיק האַרטן פלייש און שטיקלעכווײַז געשניטן האַרט באַ די ליפּן מיט אַ שאַרפן מעסער און אײַנגעשלונגען. אינעם געצעלט האָט זיך ניט מער געהערט ווי דאָס הילכיקע קײַען און דעם באַלעבאָס קלאַפּן מיטן מעסער אָן דער שיסל.

נאָכן עסן האָט יעדער איינער אָפּגעלעקט די פעטע פינגער און זיך געווישט די ליפּן מיט טרוקענעם גראָז.

— איצט, דערלאַנג טיי — האָט אַליטעט באַפוילן דעם ווײַב, — מיט צוקער. און זאָל טומאַטוגע טרינקען טיי ווי אַן עמעסער מענטש. ער האָט גוט געשאָסן אַף די מאָרזשן. פון די עלף האָט ער דערשאָסן נײַן.

טומאַטוגע האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבערן פאַרשוויצטן פּאָנעם און גענומען דערציילן, געווענדט צו קאָראַגוע:

— מיר זײַנען אַוועק ווײַט. מיר האָבן גערודערט אָן אָפּשטעל אַ גאַנצן טאָג: קיין ווינט איז ניט געווען. דאָרט זײַנען געווען אַ סאַך מאָרזשן.

— איך האָב זיי אַהין צוגעטריבן מיט מײַן פײַקל — האָט דער שאַמאַן אים איבערגעריסן.

— יאָ, עמעס, קאָראַגוע. געווען זײַנען אַ סאַך מאָרזשן. די יעגערס אַף די קליינע שיפלעך זײַנען ביז אַהין ניט צוגעקומען. בלויז איינעם האָבן זיי געזען. ווען זיי האָבן אים דערהאַרגעט און אַרויפגענומען אַפן שיפל האָט דער דעק געפּלאַצט פון דער שווערער מאַסע. מיר זײַנען דעמאָלט נאָענט פאַרבײַגעשווומען, נאָר מיר האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט העלפן. מיר האָבן נאָר געזען ווי זיי האָבן זיך געאײַלט צוריק אַרײַנוואַרפן אין יאַם דעם געהאַרגעטן מאָרזש.

— מען טאָר ניט העלפן קיינעם. דער צאָרן פון די גײַסטער קען זיך אויסדרייען קעגן אײַער שיפל. די גײַסטער זײַנען אַלמעכטיק, און אַבי ווער איז שוואַך אַקעגן זיי, ווי אַ טונדרע־מויז קעגן אַ וואָלף. איר האָט געטאָן ווי מען באַדאַרף. — האָט דער שאַמאַן געפּאַסקנט.

— דאָס מאָל — איז טומאַטוגע אויפגעלעבטער געוואָרן — האָב איך גוט געצילט. ווי נאָר אַ מאָרזש האָט זיך באַוויזן, האָב איך אָנגעשטעלט די ביקס און ווו דאָס אויג האָט געצילט, האָט די קויל געטראָפן.

— און וועמענס ביקס איז עס? — האָט אים אַליטעט איבערגעשלאָגן.

— ניט איך האָב זי דיר געגעבן? ניטאָ אַזאַ ביקס אַפן גאַנצן ברעגלאַנד. ס'איז אַ „ווינטשעסטער“, פון די בעסטע. דאָס האָט מיר טשאַלי געזאָגט. איך האָב פאַר איר באַצאָלט אַכט ווײַסע פוקסן, דרײַ געוויינלעכע פוקסן און צוואַנציק פעלן פון יונגע הירשן.

— ס'איז געווען ניט מער ווי צען פעלן, אַליטעט. איך האָב זיי אַליין אַרײַנגעלייגט אינעם שליטן, — האָט טומאַטוגע אים אומדרײַסט פאַראָכטן.

— ניין, צוואַנציק. — איז אַליטעט באַשטאַנען אַף זײַנס.

— מיסטאָמע האָב איך שלעכט געציילט, אַליטעט. איך בין ניט קיין געשעפטסמאַן. ווי קען איך וויסן?... — האָט זיך טומאַטוגע דערשראָקן.

— איך האָב אים געגעבן צוואַנציק יונגע הירשן אַ צוגאָב. טשאַלי זאָגט אַזאַ ביקס רופט מען „סאַוואַזש“ און זי פאַרהאַקט זיך ניט קיינמאָל.

דער ריזיקער קופּערנער טשײַניק איז שוין געווען ליידיק. דער שאַמאַן קאָראַגוע, וואָס האָט זיך די גאַנצע צײַט אײַנגעהערט צו די יעגערס, האָט זיך אָנגערופן:

— אָ, איך בין אַ גרויסער שאַמאַן! איך זאָרג שטאַרק פאַר די מענטשן.

איך בין שטאַרק נאָענט מיט די גײַסטער. דער גאַנצער לאַגער לעבט אונטער מײַן שוץ. איך היט די הירשן, איך הייל די מענטשן. איך פאַרטרײַב די בייזע גײַסטער פון אונדזער יִשעוו. איין וואַל נאָר וויל דאָס ניט מוידע זײַן. ער איז אַן אַלטער ראָשע. פונדעסטוועגן, זאָרג איך אויך פאַר אים, ווען איך ציִ די מאָרזשן צו אונדזערע ברעגעס. אַליטעט גיט אים שטענדיק אַ שטיק פלייש.

טומאַטוגע האָט כניפּעדיק צוגעשטימט:

— ריכטיק, ריכטיק, קאָראַגוע! יעדער „יאַראַנגאַ" מוז האָבן דרײַ מאָרזשן אַפן ווינטער. ציִ קענען זיי דען האַרגענען דרײַ מאָרזשן מיט זייערע געלעכערטע שיפלעך? קלאָר, אַז ניט. אַליטעט העלפט אַלעמען.

— נעכטן, ווען איך האָב געקלאַפּט אינעם פּײַקל, האָבן מיר די גײַסטער צו וויסן געגעבן: „עס וועלן זײַן מאָרזשן". איך האָב עס גוט געהערט, ווי איך הער באַנאַכט די הינט וואָיען. און איך האָב געזאָגט צו אַליטעטן: גרייט צו דײַן שיפל און רוף צונויף דײַנע מענטשן. דעמאָלט זײַט איר אַרויס אַפן יאַם. און אָט זעט איר. עלף מאָרזשן געהאַרגעט אין איין טאָג.

טומאַטוגע, מיטן קאָפּ צו די קני צוגעבויגן און מיט אַן אָפן מויל, האָט אומדרײַסט געוואָרפן בליקן אַף קאָראַגוען. זײַן גלויבן אינעם שאַמאַנס וואונדערלעכן קויעך איז דעמאָלט שטאַרקער געווען, ווי ווען עס איז.

נאַרגינאָט איז אַרויס אינדרויסן אָפּרייניקן די מאָרזשן־פעלן. אַלע האָבן זיי געהאַט אַף זיך אַ דיקן שיכט פעטס און מען האָט עס געמוזט טייקעף אַראָפּנעמען. די מאָרזשן זײַנען געווען ריזיק גרויסע און אַליטעט רעכנט מיסטאָמע זיי פאַרקויפן די נאָמאַדן־טשוקטשעס.

די אָן צאָל שטוב־אַרבעטן האָבן נאַרגינאָטן פאַרמאַטערט. זי פלעגט זיך אָפט פרעגן: צו וואָס האַרגענען אַזויפיל מאָרזשן? אַף עסן דאַרף מען ניט אַזויפיל. נאַרגינאָט האָט ניט פאַרשטאַנען אַליטעטן: „וואָס מער פעלן עס וועלן זײַן אין דער „יאַראַנגאַ" — פלעגט ער זאָגן — אַלץ פריילעכער וועט זיך פילן דער מענטש".

נאַרגינאָט האָט נאָך ניט באַוויזן אַ ביסל די הענט אָפּצורוען און שוין מוז זי ווידער רייניקן די ריזיקע פעלן. און מאָרגן וועט אַליטעט ווידער ברענגען פעלן!

— אַרבעט, אַרבעט! — פלעגט איר אַליטעט זאָגן. — ציִ דען טרינקען אין אַנדערע „יאַראַנגאַס" די ווײַבער טיי מיט צוקער? דו, אָבער, טרינקסט. ס'איז דערפאַר וואָס דו לעבסט בײַ מיר אין „יאַראַנגאַ" און איך בין אין אַלץ ענלעך צו אַ נאָרד־אַמעריקאַנער. טשאַלי אַליין האָט עס מיר געזאָגט.

קאַפּיטל III

ווינטער. אַ לאַנגע פּאָלאַרע נאַכט. די לעוואָנע איז נאָך ניט אַרויסגעקומען. אַ כאַשכעס. די זון באַווײַזט זיך ניט אין יענער צײַט, און דער אוילעם טראַכט זיך: די זון מוז איצט זײַן ערגעץ אונטער דער ערד אָדער אונטערן יאַם. און וועט זיך לאַנג נאָך זאַמען.

דאָס שניי־וועטער מאַכט אָן שאָדנס. די „יאַראַנגאַס" סקריפּען און טרייסלען זיך. דער ווינט וואָיעט ווי אַ פאַרווונדיקטע בייזע כאַיע.

די הינט דרעמלען אײַנגעדרייטע ווי די בייגלען, מיטן שנוק אין בויך אײַנגענורעט, גלײַכגילטיקע צום אַרומיקן שטורעם.
באַם אַלטן וואָאַל אין דער „יאַראַנגאַ" איז אויסגעגאַנגען דער פּאַרגרייט פֿון פּעטס. אַף דער פֿײַער־פּאַן רייכערט זיך טרוקענער מאָך ניט אײַנגעפּעצ־טער. אינעם טונקעלן געצעלט איז קאַלט. מען וויקלט זיך אין אַלטע פּו־טערס און מען קײַט רעשטן רויען געפרוירענעם פּאַקע־פלייש.
אין אַ ווינקל ליגט טשעגיט, דער באַליבטער הונט. טשעגיט דרייט מיטן עק און קוקט מיט צוגעזשמורעטע אויגן ווי די מענטשן גריזשען דאָס פלייש.
דער אַלטער וואָאַל האָט אים צוגעוואָרפן אַ שטיקל. טשעגיט האָט אַ שפּרונג געטאָן און דאָס פלייש זשעדנע אײַנגעשלונגען. דער הונט נעמט ניט אַוועק זײַנע צעפּענטע אויגן פֿונעם אַלטן און וואַרט אַף נאָך אַ שטיקל.
וואַאַמטשאַ גריזשעט אַ ביין און כאַפּט אַ קוק אַף טשעגיטן. ס'טוט אים ווײ אָפּן אויסגעדאַרטן הונט. ער דרייט דעם ביין אין די הענט, טראַכט אַ ווײַלע און וואַרפט אים צו טשעגיטן.
דער הונט האָט אים אויפגעכאַפּט אין דער לופטן און איז אַוועק מיט אים צו זיך אין ווינקל. מען הערט ווי דער ביין סקרוקעט.
די אַלטע אילינועט, וואַאַמטשאָס מוטער, האָט אַוועקגענומען די קליינע הילצערנע שיסל און האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער פֿײַער־פּאַן, קימאַט אַ פאַרלאָשענער, רייכערן אינעם האַלבן טונקל. מיט דער דאַרער האַנט האַלט זי אונטער אַ גרויסע הילצערנע ליולקע און לאָזט דעם רויך, רויִק און טרויעריק, און קוקט מיט אירע גלײַכגילטיקע אָפּגעבלאַקעוועטע אויגן אַף דער פֿײַער־פּאַן. אַנגערויכערט זיך ביז קאָפּשווינדל, דערלאַנגט זי די ליולקע דעם זון. וואַאַמטשאַ, אַן אויסגעצויגענער אַף אַ פוטער, האָט זיך אויפגעהויבן און פאַרענדיקט רייכערן די ליולקע זיצנדיק אַף די שפּיץ־פינגער.
די אַלטע אילינועט האָט איבערגעריסן די שטילקייט:
— שלעכט אָן פּעטס. — זי שווײַגט אַ ווײַלע און זאָגט ווײַטער: — וואַאַמטשאַ גײ צו אַליטעטן. ער לאָזט זיך ריידן. דער שטורעם וועט נאָך לאַנג אָנהאַלטן. און אין שטורעם קען מען אַף יאַגד ניט גיין.
וואָאַל האָט אַ הוסט געטאָן און, פּאַמעלעכן, ווי ניט גערן, גענומען אויסרייניקן דאָס אַש פֿון דער ליולקע. ער האָט זי אָנגעשטאָפּט מיט טאַבאַק, אַ געמישטן מיט דריבנע צעריבענעם האָלץ און, ניט קוקנדיק צום זון, שטיל אַ זאָג געטאָן:
— ווײַבער זײַנען אַ קוואַל פֿון זאָרגן. גײ, וואַאַמטשאַ, גיב אים אַ ווײַסן פוקס, אַליטעט איז שטענדיק גוט ווען ער זעט אַ פוקסן־פעל. דער גלאַטער פוטער קיצלט אים אין דער נאָז. מירן מיסטאַמע כאַפּן אַן אַנדערן. — דער אַלטער האָט אַ זיפץ געטאָן און צוגעגעבן: — כאַטש מיר וואָלטן באַדאַרפט האַלטן די פעל אַף קויפן אַ ביקס. אָן אַ גוטער ביקס איז דער יעגער קיין מענטש ניט. נאָר וואָס קען מען מאַכן? אַ מענטשן אָן קויעך איז אַ ביקס איבעריק. אָן פֿײַער אין שטוב, איז אַ מענטש ווי אַ פּאָקע אָן לופט.
— ס'טריקנט דער מאַרך פֿון די ביינער, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו עסן, — האָט אילינועט זיך אַרײַנגעמישט.
דער אַלטער וואָאַל האָט אַרויסגעלאָזט אַ מויל רויך און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעהוסט, האָט ער ווײַטער גערעדט:
— שוין אַ סך ווינטערן ווי איך שווײַג. כ'האָב געהאַלטן די צונג אָפּן

שלאָס. נאָר הײַנט קען די צונג מער ניט שווײַגן. זי וויל מער ניט פאָלגן דעם קאָפּ.

— רייד, טאַטע, זאָג דײַן זון וואָס דיר ווילט זיך. — האָט וואַסמטשאָ אים געבעטן און גענומען אָנטאָן די שטיוול.

וואַל האָט געשוויגן, געקלערט און זיך געײַשעוועט. צום סאָף האָט ער דעם קאָפּ אָנגעבויגן און, ניט קוקנדיק צו קיינעם, שטיל אָנגעהויבן:

— שוין לאַנג דעריך. מײַנע אויגן האָבן דעמאָלט קיין מאַזל ניט געהאַט. דעמאָלט האָב איך געזען ווי אַליטעט האָט אַראָפּגענומען די פוקסן פון פרעמדע פאַסטקעס. דאָס איז זייער אַ שלעכטע זאַך! אונדזער פאָלק איז ניט געוווינט דערצו. ס'האָט מיר ווי געטאָן דאָס צוצוזען, כ'האָב געפילט אַ פײַער אין דער ברוסט. ניט באַטראַכטע ווערטער האָבן מיר דעם האַלדז פאַרקלעמט, נאָר... דעמאָלט האָב איך געשוויגן. שווײַגן איז גרינגער געווען וויריידן. — דעם אַלטנס שטים איז געוואָרן קימאַט אַ געמורמל. — איך האָב מיך פאַרשטעקט הינטער אַ בערגל, אַליטעט זאָל מיך ניט זען. איך האָב מיך געשעמט דערפון וואָס מײַנע אויגן האָבן געזען. און קורץ נאָך דעם האָט אויך קאָראַגוע אָפּגענאַרט די יעגערס פונעם לאַגער. אַלע פעלן, וואָס מען האָט אים געבראַכט פאַר קאָרבאָנעס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, זײַנען באַ אַליטעטן. איך האָב דערקענט מײַן פוקס און די פוקסן פון אַנדערע יעגערס ווען אַליטעט האָט זיי אַוועקגעגעבן טשאַלין פאַר דעם וואַלפיש־שיפל. דאָס שוואַרצע נעזל באַ מײַן פוקס איז געווען אײַנגעשניטן אַף דעם אויפן ווי נאָר איך טו עס. דאָס איז געווען מײַן פוקס. איך וואָלט אים דערקענט צווישן אַלע פוקסן באַ טשאַלי דער רויטער נאָז אינעם שפּײַכלער. אַליטעט האָט פאַר זײַן שיפל באַצאָלט מיט אונדזערע פעלן. איצט דינט דאָס שיפל אַליטעטן און מיר דאַרפן אים ווײַטער טראָגן אונדזערע פעלן. אָט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן. — האָט דער אַלטער פאַרענדיקט און געטרייסלט מיטן קאָפּ. — נאָר אַלצאיינס, וואַסמטשאַ, גיי צו אַליטעטן. בעט אים פעטס און פאָקע־פלייש, פון דעם וואָס ער גיט זײַנע הינט.

וואַסמטשאָ האָט זיך די „טאָרבאַזן" אַראָפּגעשלעפּט און, גאָרניט ווי ער איז געוווינט געווען, אַ זאָג געטאָן:

— ניין, טאַטע! איכל ניט גיין. די פיס וועלן מיך ניט טראָגן. איכל מיך בעסער אָנטאָן און אין שטורעם אַרויסגיין, עפּשער וועל איך טרעפן אַ פאָקע אָפן אײַז.

וואַסמטשאָס שוואַרצע אויגן האָבן געברענט פון צאָרן.

— וואַסמטשאָ, — האָט דער אַלטער אַ מורמל געטאָן. — באַ אַזאַ ווינט זײַנען קיינמאָל קיין פאָקעס ניטאָ. האָסט פאַרגעסן? — דײַן הייס בלוט זידט אַפילע אין דער קעלט. אילינועט, פאַרקערט, פרירט. הער אויס, וואַסמטשאָ, פאַרגעס וואָס איך האָב דיר דערציילט וועגן אַליטעטן. מען דאַרף ניט געדענקען דאָס שלעכטס. מען דאַרף זיך היטן פאַר דעם שאַמאַן קאָראַגוע. דו האָסט נאָך לאַנג צו לעבן, און זיי האָבן אונדז ניט ליב. מען דאַרף זיי וואָס ווייניקער דערצערענען.

וואַסמטשאָ האָט גאָרניט געענטפערט און האָט ווידער אָנגעטאָן די שטיוול.

דער אַלטער האָט אַ פּיפּקע געטאָן די ליולקע און האָט ווײַטער גערעדט:

— אויך האָבן די „טאַנגיס״ * איבערגעשראָקן די כאַיעס מיט זייער פײַער־געווער. די לאַגערן מיט כאַיעס פאַרשווינדן. די כאַיעס קומען איצט אַרויס וואָס אַ טאָג אַלץ ווייניקער אַפּן ברעג. פריִער פלעגן די מאַרזשן טיף אײַנשלאָפן אַפּן ברעג. מיר פלעגן גיין אַף זיי און זיי פלעגן אונדזערע טריט ניט הערן. מיר פלעגן האַרגענען בלויז די אַלטע זכאָרים. איצט אָבער קלײַבט מען ניט איבער. אַ שלאַל מיט פלייש האָט אַליטעט הײַיאָר אַרײַנגעוואָרפן אין יאַם! טשאַלי די רויטע נאָז וויל בלויז די ציינער. נאָר ציינער קען מען ניט עסן. — דער אַלטער האָט זיך פאַרצויגן מיטן רויך. — ווען איך בין יונג געווען, בין איך געווען אַ מײַדים אַף מאָרזשן־פאַנג: איך פלעג זיי טרעפן פונקט אין האַרצן. — און וואַאַל האָט דערבײַ זײַן ליולקע אויפגעהויבן ווי אַ שפּיז.

אַן אומבאַמערקטער שמייכל האָט קוים אַ קרויז געטאָן זײַנע טיפע קנייטשן און האָט זיך באַלד אויסגעלאָשן. דעם זומער האָט אַליטעט געבראַכט מער ווי זעכציק מאָרזשן. און וויפל האָט ער אין יאַם אַרײַנגעוואָרפן!

דער שטורעם האָט זיך געשטאַרקט. ס'איז אַפילע ניט צו דענקען געווען אַרויסצוגיין אַף פאָקעס־יאַגד. אַ סאַך יעגערס זײַנען דעמאָלט אָנגעקומען צו אַליטעטן. אַליטעט האָט יעדן איינעם געגעבן אַ שטיק פלייש און פעטס. ער האָט געוווסט, אַז אַ מענטש דאַרף ניט שטאַרבן פון הונגער. מענטשן דאַרף מען העלפן. אָן מענטשן קען מען ניט לעבן.

וואַאַמטשאָ איז אויך צוריקגעקומען מיט פלייש און פעטס.

דער מאָך, אַן אײַנגעפעטסטער, האָט געפלאַמט און האָט באַלויכטן די פינצטערע און קאַלטע „יאַראַנגאַ״. געדוכט האָט זיך ווי דאָס לעבן וואָלט צוריקגעקומען. ווי ליב עס איז אַ וואַרעמע באַלויכטענע וווינונג! אילינועט האָט זיך דערפילט פריילעכער און האָט זיך פלײַסיק גענומען צו דער שטובאַרבעט. באַלד האָט אויפגעזאָטן וואַסער. די אַלטע האָט יעדן איינעם דערלאַנגט הייסן טיי. נאָר וואַאַמטשאָ האָט אַ פאַרכמורעטער און שלעכט־געשטימטער געקוקט אַף דער אָנגעצונדענער פײַער־פאַן.

— פאַרוואָס זײַנען אַזוי טרויעריק דײַנע אויגן, וואַאַמטשאָ? זעסט, אָט האָבן מיר שוין פײַער — האָט אילינועט געזאָגט.

— אַליטעט האָט באַ מיר געבעטן מײַן הונט טשעגיט. זײַנע ווערטער האָבן מיך אין האַרצן געבריט. „ניין, — האָב איך אים געזאָגט — איך בין אַ יעגער״. אַליטעט איז געוואָרן אויפגעבראַכט. און נאָך עפּעס האָב איך מיך דערוווסט, טאַטע. — וואַאַמטשאָ האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער גענומען ריידן נערוועיִש און היציק: — געדענקסט, איך האָב אָוועקגעשטעלט אַ פאַסטקע אַף פוקסן באַ די דרײַ בערגלעך? זייער אַ גוט אָרט. און צי־שפּײַז איז אויך געווען גענוג. דאָך האָב איך קיין איין פוקס ניט געכאַפּט. די צי־שפּײַז איז געווען גאַנץ און האָט געשטונקען. איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין פון וואַנען נעמט זיך אַ שלעכטער רייעך אין סטעפּ. און איצט, ווען נאַרגינאָט האָט מיר דערלאַנגט דאָס פלייש מיט דעם פעטס, איז איר פון די הענט אַ פלאַש אַרויסגעפאַלן און זיך צעבראָכן. און פון דער פלאַש האָט זיך אויסגעגאָסן שטינקענדיק וואַסער. גיב אַ שמעק, טאַטע. ס'האָט מיר די הענט אָפּגעשפּריצט.

---

* טאַנגים — ווײַסע פענעמער.

וואַמטשאַ האָט אונטערגעטראָגן דעם פּאָטער אַ האַנט צו דער נאָז, און דער אַלטער האָט מיט עקל אָפּגעטראָטן.

— דאָס איז אַזאַ פּעטס וואָס די „טאַנגיס" נוצן פאַר באַלײַכטונג. טשאַלי די רויטע נאָז גיסט עס אַרײַן אין אַן אײַזערנער פאַן. זאָל אַליטעט געוועז האָבן אַרײַנגעגאָסן אין דער צי־שפּײַז דעם שטינקענדיקן פּעטס? — האָט דער אַלטער אַן איבעראַשטער געפרעגט. — אויב אַזוי, איז ער דער עמעסער ראָשע.

— ס'איז דער זעלביקער רייעך. שווער צו פאַרגעסן אַזאַ מיעסן רייעך.

— האָט וואַמטשאַ דערויף געזאָגט.

דער אַלטער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן.

אילינועט האָט זיך ניט צוגעהערט צום געשפּרעך פון די מענער. זי איז געווען פאַרטאָן מיט אירע אַרבעטן. זי איז אַרויסגעגאַנגען אויסשיטן אַ קאַן מיט רעשטן פונעם עסן; ווי נאָר אָבער זי האָט געעפנט די טיר אין דרויסן אַרויס, האָט איר דער צעשטורעמטער וואָיענדיקער ווינט אַרויסגעריסן דעם קאַן פון די הענט און אים פאַרטראָגן ווײַט פון דער „יאַראַנגאַ". די אַלטע האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך אים און איר געשטאַלט איז פאַרשוווּנדן אין דער נאַכט.

אילינועט איז צוריק אין „יאַראַנגאַ" ניט געקומען. און דער ווינט האָט געברומט און געריסן דעם דאַך. דער גאַנצער שיכט שניי האָט זיך אויפגעהויבן און איצט דרייט ער זיך אין דער לופטן און לויפט מיט געליאַרעם צום יאַם. אַ שיפל האָט זיך אָפּגעבונדן פונעם סטויפּ, צו וועלכן דאָס איז געווען צוגעבונדן, און דער ווינט האָט עס פאַרטראָגן ווײַט פונעם ישעוו.

קאַפּיטל IV

נאָך אַ זאַטן מיטיק, רוט אַליטעט אָפּ אויף ווייכע הירשן־פוטערס. גוי־גוי, זײַן קליינער זון, זיצט בײַ אים אויפן נאַקעטן בויך רײַטנדיק און לאַכט הילכיק אומקוקנדיק זיך אָפּט צו דער מוטער. נאַרגינאַט גיסט אַן שמעקנדיקן שטאַרקן טיי „ליפּטאָן". אין דער „יאַראַנגאַ" איז הייס צום דערשטיקט ווערן. די נאַקעטע ברוינע גופים, פאַלירטע אין דער שײַן פון די דרײַ פײַער־פאַנען, גלאַנצן ווי מאַרזשן־פּעל.

קאַראַגוע דרעמלט אַ זיצנדיקער און וואַרט אויף דער טיי. ער ראַנגלט זיך מיטן שלאָף. אָט כאַפּט ער זיך אויף און אָט דרעמלט ער ווידער אײַן.

— טשאַלי לויפט שנעל, שנעל... טשאַלי איז דער פאָדערשטער הונט — רעדט אַליטעט צו זײַן זון וועגן זײַן בעסטן שלעפּ־הונט.

אַליטעט איז פאַרליבט אין דעם קלוגן הונט, און לעקאָוועד זײַן פרײַנט, דעם נאָרד־אַמעריקאַנער, האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן מיסטער טאָמסאָן.

— קיינער האָט ניט אַזאַ הונט, אַ כוץ מיר.

אַליטעט האָט זיך אויפגעזעצט, אָנגעשפּאַרט אויף די עלנבויגנס, און דעם בויך אָנגעבלאָזן. גוי־גוי האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט פונעם פּוטער און לאַכנדיק ווידער אַרויפגעקלעטערט אויפן פאָטער, ווי אַ קליין בערעלע.

צווישן די פעלן פונעם „יאַראַנגאַ" האָט איר קאָפּ אַרײַנגעשטעקט טור־מאַטוגעס ווײַב.

— דו ביסט עס? — האָט פרײַנטלעך אַ פרעג געטאָן נאַרגינאַט.

— יאָ, — האָט די פרוי געענטפערט. — אונדז איז גאָר קיין פעטס ניט געבליבן. טומאַטוגע איז קראַנק און אין דער „יאַראַנגאַ” איז קאַלט.

— טאַטע, מען דאַרף אַרויסרופן די גײַסטער וואָס קענען צוריקגעבן דאָס געזונט. מען דאַרף העלפן טומאַטוגען. ער איז דער בעסטער יעגער. — האָט אַליטעט געזאָגט. נאָר דער שאַמאַן איז נאָך אַלץ געזעסן און געשלאָפן.

— נאַרגינאַט, גיב איר אַ שטיק פעטס. זאָל זי באַלײַכטן איר פײַער־פאַן און זאָל זיך אויפנייען „טאַרבאַזן” און שיך. דעם צווייטן כּוידעש וויל איך גיין זען די נאָמאַדן הירשן־פיטערער און דעם נאָרד־אַמעריקאַנער. — האָט אַליטעט געזאָגט און זיך צוגעבויגן צו דער רויכערדיקער טאָזע טיי. — נאָר מאַך אַ פּאָר גוטע שיך. עס וועט זיי טראָגן דער נאָרד־אַמעריקאַנער.

די פרוי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז פאַרשוווּנדן הינטער נאַרגינאַטן.

— וויפל מענטשן איך גיב אַלץ צו עסן! — האָט אַליטעט אַ זאָג געטאָן.

— אַ סאַך. — האָט קאָראַגוע הייזעריק באַשטעטיקט; ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן מיט דער הירשן־פעל און האָט געבעטן טיי. — דו העלפסט צו ברייטהאַרציק די מענטשן, אַליטעט. מען דאַרף שפּאָרן דעם פאַרגרייט. אַפן ברעגלאַנד פעלט פלייש און דער פאַרגרייט האָט אַ גרויסן קויעך.

אַ שטאַרקער ווינט־שטויס האָט אַ טרייסל געטאָן אַליטעטס „יאַראַנגאַ”. אַלע האָבן זיך אײַנגעהערט.

— דער ווינט בלאָזט שטאַרק. מען דאַרף בעטן די גײַסטער זיי זאָלן אים אײַנשטילן. — דער שאַמאַן האָט אַ קוק געטאָן אַף זײַן פּײַקל. — די מענטשן דאַרפן אַרויס אַף יאַגד. דאָס ליידיק־זיצן מאַכט זיי זשעדנע. זיי וועלן אויפעסן דײַן פאַרגרייט.

נאַרגינאַט איז אַרײַנגעקומען.

— גיב זיי קליינע שטיקלעך. — האָט אַליטעט געזאָגט דעם ווײַב. — זאָלן זיי קומען בעטן אָפּטער, וועט בעסער זײַן. טשאַלי זאָגט אויך אַזוי. און וואַאַמטשאָן זאָלסטו קיין בראָקן מער ניט געבן. וועט ער צום סייכל קומען. ער זאָל מיר שוין אַפילע ווען אַוועקגעבן זײַן הונט, וועל איך אים ניט נעמען: סאַראַ נאַרישער מענטש דאָס איז. צו וואָס טויג אים איין גוטער הונט, וואָס קומט בלויז אָפּ צווישן אַזויפיל לײַזיקע.

— דו האָסט דרײַ און פערציק הינט, אַליטעט. צו וואָס טויג דיר וואַאַמטשאָס הונט? ער האָט אַזוי ווייניק! — האָט נאַרגינאַט זיך אָנגערופן און זיך באַלד דערשראָקן פאַר אירע ווערטער.

— וואָס הערן מײַנע אויערן? — האָט דער שאַמאַן אַ בריל געטאָן. — ביסט געוואָרן אַ „קאַיור”,* וואָס דו רעדסט פון הינט? אָדער דײַן צונג האָט זיך אויסגעלערנט ריידן פון מענערישע זאַכן?

— מען דאַרף האָבן אַ סאַך עסן פאַר די הינט, — האָט נאַרגינאַט שטיל אַרויסגערעדט.

— עסן באַקומען איז ניט דײַן זאַך. אַלצאיינס ווערט דאָס פלייש פאַרצערט. נאָר עפּשער האָסטו דיך שוין אויסגעמאַטערט צו געבן עסן מײַנע הינט, ע? — האָט אַליטעט אַ שטשירע געטאָן די ציין. — אַלע ווײַבער

* „קאַיור” — אָנטרײַבער פון הינט אין אַ שליטן.

זײַנען דיר מעקאַנע אַף דײַן רײַך לעבן. זאָג מיר, טאַטע, וואָס דײַן גלײַכער סייכל זאָגט דיר, צי בין איך גערעכט וואָס איך זאָג.

— דו ביסט קאַראַגועס זון. וואָס דו זאָגסט איז שטענדיק גערעכט.

אַ צופרידענער מיט דעם לויב, האָט אַליטעט געשמייכלט. ער האָט זיך באַטאַפּט די מוסקולן פון די אָרעמס און פּלוצים אַ פרעג געטאָן דעם פאָטער.

— און פאַרוואָס זאָל איך ניט נעמען נאָך אַ ווײַב?

— עס טאָר ניט נעמען אַ צווייט ווײַב ווער עס קען ניט באַשפּײַזן די ערשטע. דו קענסט באַשפּײַזן אַ סאַך ווײַבער און אַלע זייערע קינדער. דו ביסט ניט קיין אָרעמאַן. דו האַלטסט אויס פיר געשפּאַנען הינט. — האָט מיט שטאָלץ אָנגעמערקט דער שאַמאַן און אַ מאַך געטאָן מיט זײַן ביינער־דיקער האַנט.

אַליטעט האָט ניצאַכנדיק אַ קוק געטאָן אַף זײַן ווײַב.

— ע, נאַרגינאַט? האָסט פאַרשטאַנען?

— טו ווי דײַן ווילן איז, — האָט נאַרגינאַט אונטערטעניק געענטפערט.

— אַף דער עלטער ביסטו אויסגעוועפּט געוואָרן. באַווײַזט ניט אָפּצר טאָן די שטוב־אַרבעט.

און אַליטעט האָט דערנאָך לאַנג גערעדט מיט זײַן פאָטער וועגן זײַן פאַרגרעסערטן רײַכטום, וועגן קויף פון אַ גרויסער סטאַדע הירשן, וועגן האַנדל מיט די נאַמאַדן און מיט די נאָרד־אַמעריקאַנער.

אין אָוונט, ווען אַלע האָבן זיך געקליבן גיין שלאָפן, האָט דער שאַמאַן גענומען זײַן פּײַקל. דאָס פּײַקלען איז געוואָרן אַלץ הילכיקער. דער ווינט האָט גענומען שטילער ווערן. דער שאַמאַן האָט געזונגען ווי מען זאָגט אַ טפילע:

מײַנע מענטשן זיצן לאַנגע טעג אין די „יאַראַנגעס"...
מײַנע מענטשן האַרפן אַרויסגיין אַף דער יאַגד...
אַליטעט איז שוין מיד פון העלפן...
ווינט, שטיל דיך אײַן!
קאַראַגוע אַליין בעט דיך...

— גיט, גיט! קײַוואַ, קײַוואַ! — האָט אַליטעט אונטערגעגעבן מיט דעם שאַמאַן.

קאַראַגוע האָט מיט ברען געקלאַפּט אינעם פּײַקל, היסטעריש געקווי־טשעט און אַרויסגערופן די גײַסטער.

דער צאָפן־ווינט האָט זיך אײַנגעשטילט, האָט זיך פאַרקליבן אין די בערג, אין די טיפענישן פונעם טשוקאָטקער באַרג־מאַסיוו, נאָר אין דער זײַט פונעם יאָם האָט זיך נאָך געהערט דאָס קראַכן פונעם געבראָכענעם אײַז.

די יעגערס זײַנען אַרויס פון זייערע שטיקנדיקע געצעלטן און האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום וואַאַלס „יאַראַנגאַ".

— זי איז אַרויס מיטן קאָן... און איז צוריק ניט געקומען. — האָט דער אַלטער דערציילט און האָט צענומען די הענט. — מיר האָבן זי אַרומ־געזוכט די גאַנצע נאַכט.

אָפּן צווייטן טאָג אינדערפרי האָט מען געפונען די אַלטע אילינועט צווישן שטיקער אײַז באַם סאַמע אָפּגרונט. זי איז געזעסן מיטן קאָפּ אַראָפּ־געלאָזט אַף די קני. וואַאַמטשאַ האָט זי אַ ריר געטאָן באַם אַקסל, און דער פאַרפרוירענער קערפּער איז אומגעפאַלן.

אין דער נאָענט, צען טריט פון דאָרטן, האָט פונעם שניי אַרויסגעשטעקט דער ראַנד פונעם קאָן.

קאַפּיטל V

דער קאַרמעזין־רויטער לעוואָנע־קויל איז אַרויסגעקומען פון הינטער די בערג און איצט הייבט ער זיך שנעל איבערן הימל־געוועלב. ווען ניט ווען פאַרשטעלט אים דער נעפל און דעמאָלט פינקלען גלאַנציקער די שטערן.

שטילשווײַגן אַרום. פון מאָל צו מאָל דערטראָגט זיך פון דער טונדרע דער געראַוויש פון הירשן־סטאַדעס, וואָס גייען שנעל צו מײַרעוו, צו דער טונדרע רירקאַליאָוט. דער קלאָען־געקלאַפּ פאַרטויבט די געשרייען פון די פּאַסטעכער. דערנאָך ווידער אַבסאָלוטע שטילקייט, אַ שטילקייט, וואָס ווערט פון קיינעם ניט געשטערט.

די לעוואָנע איז שוין גאַנץ. בײַ איר העלער שײַן קען מען פאַנגען פּאַקעס און פוקסן, זיך פאַרבינדן מיט די שכײַנישע לאַגערן. באַלויכטענע פון דער לעוואָנע־שײַן, הייבן זיך פאַראומערטע די „יאַראַנגאַס" פונעם ענמאַקײַלאַגער. לעבן דער לעצטער „יאַראַנגאַ", דער גרעסטער, אַליטעטס „יאַראַנגאַ", שטייען אין אַ רעדל יונגע יעגערס. ניט געקוקט אַף דער שאַרפער קעלט, זײַנען זיי אין די הוילע קעפּ. די באַפראָסטיקטע האָר שלאָגן אָפּ מיט אַ זילבערנעם גלאַנץ. די פאַרברוינטע פּענעמער זײַנען רויט. די יעגערס זײַנען זיך אַהער צונויפגעקומען געזעגענען אַליטעטן. מען הערט אים שרײַען פונעם געצעלט אַרויס:

— טומאַטוגע!

— דאָ בין איך! — ענטפערט טומאַטוגע. ניט געקוקט אַף זײַן קראַנקייט איז ער געקומען אַף זײַן רוף.

ווען אַליטעט וואָלט אים געהייסן פון אַ פעלדז אַראָפּשפּרינגען, וואָלט ער אַראָפּגעשפּרונגען.

— שפּאַן אײַן טשאַלין און קאַפּערן אין די שטאַנגען.

— גוט! — האָט טומאַטוגע שנעל געענטפערט און זיך אַ וואָרף געטאָן צום שליטן, וואָס איז געזעסן אַף געשטעלן.

די יאַטן זײַנען צוגעלאָפן אים אַרויסהעלפן. געווען איז עס אַ פּרעכטיקער שליטן. די קלעצלעך, פון קאָלימער בערעזע, זײַנען געשניצט געווען פון די גרעסטע מײַסטערס. דער שליטן, אָפּגעפּאַרבט מיט אַ העל־גרינער פאַרב, האָט קיין איין צוואָק ניט געהאַט און קיין איין גײַקע. אַלץ איז געווען צוגעפעסטיקט מיט רימענס פון בעסטן סאָרט. דערפאַר איז דער שליטן געזעסן אַף די געשטעלן, קעדיי די הינט זאָלן ניט גריזשען די רימענס. יעדע זאַך אין אַליטעטס ווירטשאַפט האָט געהאַט איר פּלאַץ. אַליטעט האָט ליב געהאַט אָרדענונג.

דער שליטן איז געשטאַנען אַ גרייטער פאַרן אַרײַנגאַנג אין דער „יאַראַנגאַ". טומאַטוגע האָט אויפגעוויקלט דעם לאַנגן רימען פון מאָרזשן־לעדער, וואָס האָט געהאַט אַ שלייף בײַ יעדן אָפּצווײַג פונעם געשפּאַן. אין די שלייפן האָט מען אײַנגעשפּאַנט די הינט פּאָרווײַז. טשאַלי, דער פאָדערשטער הונט, איז צוגעלאָפן צום שליטן און געשלעפּט נאָך זיך טומאַטוגען. דער שיינער קעלעוו, מיט דעם קלוגן שנוק, ווי אַ גרויסער וואָלף, האָט געברענט פון אומגעדולד אײַנגעשפּאַנט צו ווערן. טומאַטוגע האָט געהאַלטן דעם הונט בײַם האַלדזבאַנד און האָט אים קוים געקענט נאָכלויפן.

טשאַלי האָט דערפילט דעם רימען אָן אָנגעצויגענעם, איז ער שטיין געבליבן און זיך אָוועקגעזעצט אַף די הינטערשטע פיס. זײַן לאַנגע און

רויטע צונג איז אים אַרויסגעהאַנגען, און די אויגן האָבן אים געגלאַנצט פון אויפרעגונג. דער הונט האָט געוווּסט זײַן אָרט און האָט געוואָיעט פון אַנגסט און אומגעדולדיק געקוקט אַף טומאַטוגען.

אַנדערע יונגע יעגערס האָבן געפירט די אַנדערע הינט. די קלאָווים האָבן זיך געריסן צום לויפן. גוט געפּילנעוועטע, זײַנען זיי געוווען זיך אײַנ־צושפּאַנען אינעם שליטן און האַאָעדיק זיך דורכלויפן. טשאַלי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין שניי מיטן בויך אַרויף, געוואָרפן מיט די פיס און זיך דורכגעקײַקלט. ווי אַף אַ באַפעל, האָבן די איבעריקע הינט אים נאָכגעטאָן.

טומאַטוגע איז אַרײַנגעלאָפן צו אַליטעט אין דער „יאַראַנגאַ״.

— אַליטעט! — האָט ער אַרײַנגעשריגן. — די הינט קײַקלען זיך אינעם שניי. ס'וועט זײַן אַ זאַווערוכע.

— זאָל זיך זײַן! — האָט אַליטעט אַ מרוקע געטאָן.

ניט געאײַלט, האָט ער אויסגעטרונקען די לעצטע טאָזע טיי. ווי נאָר אַליטעט האָט זיך באַוויזן, זײַנען די הינט אַף די פיס אויפגעשפּרונגען, גרייט צום לויפן. טשאַלי האָט אַ וואָיע געטאָן.

אַליטעט האָט געענטפערט אַף דער באַגריסונג פון די יעגערס, האָט פּאַמעלעכן באַקוקט דעם געשפּאַן און, אַן אומצופרידענער, פאַראַכטן באַ דרײַ הינט דעם האַלדזבאַנד.

— דעם בויך־גאַרטל! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צום ווײַב.

נאַרגינאַט איז אַרײַנגעלאָפן אין דער „יאַראַנגאַ״ און אַרויסגעבראַכט אַ הירשן־פעל מיט בענדלעך באַ די עקן.

— טשאַלי האָט ווייניק וואָל אַף די באַקעס. ער'ט נאָך פאַרפרוירן ווערן. מ'עט אים דאַרפן אין וועג אָנטאָן דעם בויך־גאַרטל. — האָט אַליטעט געזאָגט.

די הינט האָבן נאָכגעקוקט זײַן יעדע באַוועגונג.

אַליטעט האָט איבערגעקערט דעם שליטן און האָט באַמערקט:

— די פאָדריזעס זײַנען ניט גלאַט. מען דאַרף זיי אָפּשלײַפן!

טומאַטוגע האָט זיך דערפילט שולדיק. ער איז בלייך געוואָרן. וויאַזוי איז עס אים אַליין ניט אײַנגעפאַלן? ער איז אַרײַנגעלאָפן אין דער „יאַראַנ־גאַ״ און טייקעף צוריקגעקומען מיט אַ טשײַניק וואַסער. ער האָט אַף גיך אײַנגעגעצט אַ שטיקל ווײַסע בערן־פעל און גענומען רײַבן די פאָדריזעס. אַ דינער שיכט אײַז האָט זיי באַלד באַדעקט.

אַליטעט האָט אַ קוק געטאָן אַף די פאָדריזעס און געזאָגט:

— צו גראָב. מען דאַרף דינער. אַז ניט וועלן זיי זיך אַראָפּגליטשן אַף אַ ניט גלײַכן וועג.

טומאַטוגע האָט אַרויסגענומען זײַן מעסער און האָט שנעל אָפּגעשאָבן דאָס אײַז ביזן האַלץ.

אַליטעט האָט גענומען דאָס שטיקל בערן־פעל און אַליין גענומען רײַבן דערמיט די פאָדריזעס.

— אָט אַזוי דאַרף מען טאָן.

טומאַטוגע האָט די רעשט וואַסער אַרײַנגעגאָסן אין אַ פלאַש און האָט ־ערלאַנגט אַליטעטן.

באַהאַלטן האָט אַליטעט די פלאַש אין בוזעם און האָט זיך אַרײַנגעזעצט אינעם שליטן. די הינט האָבן זיך אַ ריר געטאָן.

— היידאַ! — האָט אַליטעט אַ געשריי געטאָן און דער געשפּאַן האָט זיך אַ לאָז געטאָן באַרג־אַראָפּ.

די יאַטן האָבן מיט קינע געקוקט ווי אַליטעט דערוויטערט זיך שנעל.

געווען וואָס צו זען! ס׳האָט די ווערט געהאַט די געפאַר די אויערן אָפּצופרירן.

אַליטעט האָט די הינט געקויפט אין קאַלימאַ און פאַר יעדן הונט גע־צאָלט אַכט ווייַסע פוקסן און אַמאָל נאָך מער. אָפּן גאַנצן ברעגלאַנד איז ניט געווען קיין בעסערער געשפּאַן. אַ כוץ אַליטעטן האָט קיינער ניט געקענט קויפן אַזעלכע הינט. אַליטעט האָט שטענדיק געהאַנדלט מיט די נאָמאַדן און יעדן ווינטער האָט ער זיי געפירט מאַרזשן־פעלן, רימענעס, שוכוואַרג, וואָס פּאַסטעכער מוזן האָבן. געפירט האָט ער זיי אויך סכוירעס פון מיסטער טאָמסאָנס געשעפט און יעדן ווינטער איז ער פון דער טונדרע צוריקגעקומען מיט אַ סאַך פוקסן־פעלן.

האָט נאָר אַ יעגער באַוויזן אויסצוהאָדעווען אַ גוטן הונט, פלעגט ער טייקעף אַריבער צו אַליטעטן. ס׳איז אוממעגלעך געווען אים ניט אָוועקצו־געבן. אָף יעדן אויפן פלעגט ער אים סאָפּקאָלסאָף באַקומען. אַליטעט האָט ליב געהאַט גרויסע שטאַרקע הינט, מיט אַ לאַנגן שפּאַן. שלעפּ־הינט מוזן אַלע זיין די זעלבע הייך, זיי זאָלן קענען לויפן אין דער ריי. מיט אַזעלכע הינט איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן פאַר זאַווערוכעס.

די הינט שפּיצן אָן די שנוקעס, דערשמעקן דעם שפּור פון די כאַיעס און לויפן ווי עס וואָלט באַ זיי אַ שפּילכל געווען. אַליטעט איז געווען גוט געשטימט. ווען נאָר ער פאָרט צו טשאַלין אָפּשליסן עפּעס אַ געשעפט, פילט ער זיך יאָנטעוודיק.

קאַפּיטל VI

צופוסנס דעם באַרג, אָף דעם אָפּגעהאַקטן און אָפּגעוואַלגערטן ברעג, ציט זיך דער לאַגער לאָרען. די „יאַראַנגאַס״ זיינען דאָ צעשטעלט אָן שום פּלאַן און אָרדענונג. טייל, גרויסע, קופּאָל־אַרטיקע, מיט ליַיוונט געדעקט; אַנדערע, קליינע, מיט אַ דאַך פון מאַרזשן־פעל. אין אַן עק פון דעם צעוואָר־פענעם לאַגער, שטייען עטלעכע „יאַראַנגאַס״ קאָנוס־אַרטיקע, פון אַלטן זאַק־ליַיוונט, אויסגעריבענע מאַרזשן־פעלן און שטיקער פאָקע־פעל. דאָרט וווינען יעגערס, וואָס עסן קיינמאָל ניט צו זאַט און פילן דעריבער קיינמאָל ניט די האַנאָע פון דער ליַיכטער מידקייט און אָנגענעמער נאַכלעסיקייט וואָס נייגט צום שלאָף.

קיין גוטע פעלן זיינען ניטאָ. נאָך אַ מאַרזשן־פאַנג, גיבן שטענדיק אָפּ די יעגערס אַ טייל פון די פעלן דעם באַלעבאָס פונעם שיפל. אַ צווייטער טייל, מיט דעם פלייש, איז באַשטימט אָף שפּייַז. ווינטער איז קיין קליידונג ניטאָ צו שיצן דעם מענטשן, אויב מען גיט דעם מאָגן מאַרזשן־פלייש.

נאָכן אָפּגעוואַלגערטן ברעג, הייבט זיך אָן אַ ברעג אַ נידעריקער, אַ באַ־דעקטער מיט שניי און מיט יאַם־שטיינער. אָט דאָ, קימאַט באַם סאַמע ברעג, באַזונדער פון די „יאַראַנגאַס״, שטייט אַ ביניען גאַרניט קיין געוויינלעכער פאַר יענע מעקוימעס. דער דאַך און די ווענט זיינען פון צינקענע בלעכן. דאָס דאָזיקע אייַזערנע הויז באַלאַנגט צו מיסטער טאָמסאָן.

טשאַלי, ווי מיסטער טאָמסאָן האָט די דאָרטיקע איינוווינער געהייסן זיך רופן, רירט זיך ניט פון דאָרט שוין גאַנצע צוואַנציק יאָר. מאָדנע צופאַלן פונעם גורל האָבן אים געפירט צו דעם מעשוגעדיקן לאַנד. נאָך אַלס יונגל האָט אים דער קישעף פון גאָלד פאַרפירט קיין אַלאַסקאַ. אין אַלאַסקאַ האָט דאָס גאָלד אַ סאַך מענטשן מעשוגע געמאַכט: אויך אים האָט עס דעם קאָפּ פאַרדרייט. נאָר טשאַלי האָט באַשלאָסן דאָס אַלאַסקאַ גיך צו פאַרלאָזן. געווען זייַנען דאָרט צופיל קאָנקורענטן.

טשאַלי טאָמסאָן איז אַריבער דעם בערינג־דורכגוס צו דער אומבאַקאַנטער טשוקאָטקאָ. ווי מען האָט געשמועסט, איז דאָ פאַראַן אַזויפיל גאָלד וויפל אין אַלאַסקאַ.

ווען טשאַלי האָט צום ערשטן מאָל געשטעלט זייַן פוס אַפן טשוקאָטקאָ־באָדן, איז זייַן גאַנצער פאַרמעג באַשטאַנען פון אַ קירקע און עטלעכע טאַשן־אינסטרומענטן, וואָס אַ גאָלד־זוכער נייטיקט זיך אין זיי. טשאַלי טאָמסאָן האָט אויסגעצייכנט געוווסט, אַז ווען מען האָט גאָלד, קען מען ווערן אַ געשעפטסמאַן.

איז אָבער זוכן און וואַשן גאָלד אין דער קאַלטער און פוסטער טונדרע זייער שווער געווען פאַר איינעם אַליין. דאָס לעבן פון אַ גאָלד־זוכער איז הוילע אייַנשטעלעניש. מען קען אַזוי גוט באַקומען אַ פּאַבולעזן פאַרמעגן ווי אויסגיין פאַר הונגער ווי אַ כאַיע.

קורץ נאָכדעם ווי מיסטער טאָמסאָן האָט זיך באַזעצט אינעם לאָרען־לאַגער, האָט ער אויסגעפונען זייער אַ וויכטיקע זאַך, וואָס האָט ראַדיקאַל געענדערט זייַן גאַנצן לעבנס־פּלאַן: דאָס גאָלד האָט ער דערזען אינעם געשטאַלט פון ווערטפולע פוטערס. געפלאָסן איז עס שטראָמען־ווייַז דורך די הענט פון די שמוגלערס. ס׳איז פאַר אים קיין סאָפעק ניט געווען, אַז די דאָזיקע אָרנטלעכע באַשעפטיקונג האָט גרויסע מייַלעס.

די שמוגלערס האָבן אים פאַרגעלייגט ווערן זייערער אַן אַגענט. אַן אַ סענט פון זייַן זייַט, נאָר אַפן פּאָשעטן וואָרט פון אַ „דזשענטלמען“, האָט ער פון זיי באַקומען אַ סאַך סכוירעס. קורץ נאָכדעם האָט מיסטער טאָמסאָן כאַסענע געהאַט מיט אַן אָרטיק מיידל און האָט זיך גענומען צו אַ באַזעצטן סאָכרישן לעבן אינעם לאָרען־לאַגער.

דעם אַנדערן זומער איז דאָס שיפל מיט די שמוגלערס ניט געקומען. מען האָט געשמועסט אַז דאָס שיפל האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ זאַמד־באַנק און איז אייַנגעזונקען אינאיינעם מיט די „דזשענטלמענער“, וואָס האָבן מיט מיסטער טאָמסאָן אָפּגעמאַכט אַפן וואָרט.

אין יענעם גליקלעכן טאָג איז מיסטער טאָמסאָן געוואָרן באַלעבאָס פון אַ קאָנטע אין דער וואַשינגטאָנער באַנק. ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם טאָג ווען ער האָט געמאַכט זייַן ערשטן באַדייַטנדיקן דעפּאָזיט, דעם אייַנטראָג פון פאַרקויפטע פוטערס.

זינט דעמאָלט זייַנען שוין אַ סאַך יאָרן פאַרבייַ און די קירקע וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך קיין טשוקאָטקאָ, ליגט איצט באַהאַלטן אין אַ קאַמער בײַ אים אין געשעפט, ווי אַ טאַליסמאַן, וואָס האָט געפירט מיסטער טאָמסאָנען צו דעם געבענטשטן לאַנד.

טשאַרלז טאָמסאָן איז הייַנט גענוג רייַך און, ווי ער זאָגט, האַנדלט ער שוין ניט מער מיט שמוגלערס, נאָר מיט אַ ראַיעלן האַנדלס־הויז.

יעדן זומער קומט פאַר אים אָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַ שיפל

מיט סכוירע. עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד טראָגן די יעגערס, ניט אויסגלײַכנדיק די רוקנס, שווערע קאַסטנס אַריבער פון דער שיף צום ברעג. די קאַסטנס ליגן דאָרט לאַנג אומבאַוואַכט, און עס האָט אים נאָך קיינמאָל גאָרניט געפעלט פון זיי, דעם מיסטער טאָמסאָן: קיין איין טעוועלע געפּרעסטן טיי, קיין איין שטיקל צוקער, קיין איין פּעקל טאַבאַק. אַ מוסטערהאַפטיק אָרנטלעך פאָלק וווינט בײַ דעם ברעג. ניט געקוקט אַף דעם געוואַלדיקן מאַנגל אין אַלץ, האָט נאָך קיינער ניט געפּרוווט עפּעס צוגאַנווענען בײַ מיסטער טאָמסאָן. און ווען דאָס שיפל גייט אָפּ צוריק, ווערן די קאַסטנס מיט סכוירעס אַריבערגעטראָגן אין קראָם, ניט אויס מוירע פאַר גאַנאָווים, נאָר קעדיי צו פאַרהיטן זיי פון רעגן, פון ווינט און שניי.

יעדן זומער ברענגט דער קאַפּיטאַן פון דעם שיפל מיסטער טאָמסאָנען אַ פּאַפּיר, ווו מען איז אים מוידיע, אַז צען אָדער פופצן טויזנט טאָלער, אײַנקום פונעם פוטער־פאַרקויף אין פאַרגאַנגענעם יאָר, זײַנען אַרויפגערעכנט אַף זײַן קאָנטע. אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, ווען דער שטורעם קרעכצט, רעכנט איבער מיסטער טאָמסאָן מיט גרויס האַנאָע זײַן פאַרמעג.

אָנגעזעטיקט מיט דעם פאַרגעניגן, באַהאַלט ער פאָרזיכטיק די ווערט־פּאַפּירן אין אַ קופערט, ווו עס ליגן נאָך אַנדערע ווערט־זאַכן. זײַן קאַפּיטאַל איז גענוג גרויס, אַז בלויז פון די פּראָצענטער וואָלט ער קענען לעבן אין רחבֿות. מיט צוואַנציק יאָר צוריק וואָלט זיך אים אַפילע ניט געכאָלעמט אַזאַ קאָנטע. מיסטער טאָמסאָן טראַכט שוין וועגן אָוועקפאָרן, נאָר דער כיישעק צו פאַרדינען נאָך צען טויזנט דאָלער האַלט אים דאָ און ער לייגט אָפּ די רײַזע פון איין יאָר אַפן צווייטן.

„און טאַקע מיט אַן עמעסן, צו וואָס זאָל איך פון דאַנען אָוועקפאָרן? דאָ, אין דעם לאַנד, — טראַכט זיך מיסטער טאָמסאָן — פאַרנעם איך, אַלס פאָרשטייער פון דער ציוויליזירטער וועלט אַ ספּעציעלע פּאָזיציע, ווי אַ גובערנאַטאָר אין אַ קאָלאָניע. אָפּפאָרן קיין נאָרד־אַמעריקע? צו וואָס? זיך צו פאַרלירן צווישן מאַכנעס מיליאָנען ניט גאָר גליקלעכע פאַרשוינען? ניין! איך בלײַב דאָ נאָך אַ יאָר".

אַרום מיסטער טאָמסאָנס אײַזערנעם הויז שטייען אַ צענדליק שליטנס צוגעבונדן צו סטויפּעס. די הינט, אינעם שניי צעלייגט, רוען אָפּ נאָך אַ לאַנגער רײַזע. די יעגערס שטייען לעבן זייערע שליטנס און שמועסן צווישן זיך. אַ יאַט מיטן נאָמע איע, פונעם לאַגער יאַנראַקינאָט, ציט אַף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע יעגערס. אין זײַן „קאַלאַוס" * האָט ער אַ פוטער פון אַ זעלטענער כאַיע: אַ געזילבערטער פוקס. אַלעמען וווּנדערט איעס פריילעכקייט: פאַראַן אַזאַ גלויבונג, אַז פאַנגען אַזאַ פוקס איז אַ סימען אַף אומגליק. איע איז נאָך אַפּאָנעם יונג און פאַרשטייט דאָס ניט.

נאָר איע איז גראָד באַקאַנט מיט די אַלע סימאָנים. ער פאַרשווײַגט מיט אַ קיוון, אַז ער האָט בײַ זיך אינעם „קאַלאַוס" נאָך איינע אַזאַ פעל. וואָרעם צוויי געזילבערטע פוקסן אַז מען כאַפּט מיט איינמאָל, איז אַ סימען אַף גליק, און ער איז דעריבער ניט טרויעריק.

דערצו וייס ער, אַז ווען מען גייט עפּעס פאַרהאַנדלען, איז קיינמאָל ניט איבעריק זיך צו מאַכן אַ ביסל נאַיִוו און אומוויסנדיק. ס'איז מאָדנע געווען צו זען ווי דער אוילעם האָט אים אַרויסגעוויזן מיטלייד.

---

* קאַלאַוס — אַ זאַק פון פּאָקע־פעל.

די יעגערס ריכטן זיך אַף אַ גוטן פאַרקויף. איַע וועט אָנהייבן. טשאַלי וועט זײַן אַזוי צופרידן ווען ער וועט דערזען דעם זעלטענעם פוטער, אַז זײַן רויטע נאָז וועט זיך צעטאַנצן.

אַ הויכער, מיט שוואַרצע אויגן און קוים שפּראָצנדיקע וואָנצעלעך, ווײַזט איַע אַרויס אַן ערנסטקייט ניט פאַר זײַנע יאָרן. ניט יעדערער קען ברענגען טשאַלי דער רויטער נאָז אַ געזילבערטן פוקס. און ווען טשאַלי האָט פאַרן האַנדל מעכאַבעד געווען די יעגערס מיט טיי באַ זיך אינעם אײַזערנעם הויז, האָט איַע זיך אַוועקגעזעצט אַף אַן אָנגעזעענעם אָרט.

אַ גאַסטפרײַנטלעכער און אַ ליבלעכער, האָט דער נאָרד־אַמעריקאַנער קיינמאָל קיינעם ניט אָפּגעזאָגט אַ טאַזע שטאַרקן טיי מיט אַ גאַליעט. ער פלעגט אַפילע פאַרבעטן יעגערס וואָס זײַנען געקומען בלויז קוקן ווי מען פאַרקויפט. מיסטער טאָמסאָן האָט זײַן פרײַנטלעכקייט געהאַלטן פאַר אַ גרויסער סאָכרישער מײַלע.

און יעגערס מאַכן אָפּט דורך צענדליקער, הונדערטער קילאָמעטערס צו דעם אײַזערנעם הויז טרינקען טיי און אָנקוקן די סכוירעס.

קאַפּיטל VII

מיסטער טאָמסאָנס קראָם איז אַ גאַנץ פרימיטיווע, ווי אַלץ אַף דעם יאַם־ברעג. ווענט פון ציגבלעכן, ראַפּטן פון ניט געהובלטע ברעטער, פון די וואָס האָבן געדינט פאַר אָפּצוימונגען צווישן די פאַרשיידענע לאָדונגען אינעם שיף־קעלער. צוויי אַזעלכע ברעטער, איבערגעלייגטע אַף פעסלעך, דינען פאַר אַ טאָמבאַנק.

מיסטער טאָמסאָן איז אַן אויסגערעכנטער מענטש און וועט ניט אויסגעבן זײַנע דאָלאַרן אַף פוסטע זאַכן. פריִער אָדער שפּעטער וועט ער דאָס אַלץ מוזן איבערלאָזן. זײַן מיסכער אינעם פרעמדן לאַנד איז אַ צײַטווײַליקער.

אַף די ראַפּטן ליגט טאַבאַק, רויטער סיטץ, האַלדזבאַנדן, קאַרטעטשן, קעמלעך, פינגערהוטן, זאַק־נאָדלען. דרײַ „ווינטשעסטערס” פון פאַרשיידענעם קאַליבער — 25 אַף 20, 30 אַף 30 און 44 — הענגען אַף דער וואַנט פאַר אַ מוסטער. די דרײַ קאַליבערן נאָרד־אַמעריקאַנער „ווינטשעסטערס”, זײַנען די איינציקע, וואָס זײַנען פאַרשפרייט צווישן די יעגערס פון דער געגנט.

מיסטער טאָמסאָן זיצט אַליין הינטערן טאָמבאַנק. ער איז אַ דיקער מענטש, מיט אַ פירעקיקן פאָנעם, פון אַ יאָר פינף און פופציק. די אויגןבײַטעלעך און דער טאָפּלטער גוידער זײַנער זײַנען טיף געפאַלדעוועט. אַף זײַן בלייכן גוט אויסגעראַזירטן פאָנעם שטעקט אַ גאַנץ היפּשע רויטע און אויסגעפלעקטע נאָז. אַפּן ערשטן בליק, איז טאָמסאָן אַ גוטמוטיקער און רויִקער מענטש. זײַן ריזיקער גוף אָטעמט מיט רו. די לעדערנע הויזן און דאָס געקעסטלטע העמד, וואָס זעען זיך אַרויס פון זײַן ניט פאַרשפיליעטן פוטערנעם יאַק, מאַכן זײַן געשטאַלט נאָך גרעסער.

מיסטער טאָמסאָן האָט פרײַנטלעך אַ קוק געטאָן אַף די יעגערס, וואָס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פאַר זײַן טאָמבאַנק, און זיי געזאָגט:

— אָ, ווערי גוד! ס'וועט הײַנט זײַן אַ טאָג פון גרויס האַנדל.

די יעגערס האָבן אַרויסגערוקט איַען פון פאַרנט. זיי האָט שטאַרק אינטערעסירט מיסטער טאָמסאָנס שטימונג. ווי וועט הײַנט צוגיין דער האַנדל

מיט טשאַלי די רויטע נאָז? וועט ער זיי באָטן אַ סאַך סכוירע אָדער ווייניק? איין טאָג איז ניט גלײַך צום צווייטן.

ניט געאײַלט און מיט גאַדלעס האָט איַע אויסגעשפּרייט פאַר דעם נאָרד־אַמעריקאַנער דעם געזילבערטן פוקס.

ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, האָט זיך מיסטער טאָמסאָן שנעל אויפגעהויבן און אַ כאַפּ געטאָן דעם פוטער. אַ צופרידענער שמייכל האָט באַלויכטן די פּנעמער באַ די יעגערס.

מיסטער טאָמסאָן האָט דורך זײַנע קאַרעי־ברילן באַטראַכט דעם פוטער פון אַלע זײַטן, האָט אים אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג, אַ בלאָז געטאָן אָף אים. אַ לײַכטע געזילבערטע כוואַליע איז דורכגעלאָפן איבערן פוטער פונעם עק ביזן קאָפּ. אַ פאַרוווּנדערטער, האָט מיסטער טאָמסאָן אַ שטאַרקערן בלאָז געטאָן. די אויגן האָבן זיך באַ אים צעשײַנט: דער פוקס איז פון ערשטן סאָרט, עקסטראַ.

די יעגערס האָבן דעם אָטעם אײַנגעהאַלטן. ניט אומזיסט האָבן זיי אַרויסגעשטעלט אַיען אַפריער. ניטאָ אַזאַ האַרץ וואָס זאָל קענען בײַשטיין אַזאַ פוטער.

אַיע האָט מײַסע גרויסער יעגער גאַדלעסדיק און פאַרדראָסיק געקוקט ווי טשאַלי דרייט אין די הענט דעם פוקס. אָ, אויך פאַר אַיען איז עס געווען אַ גרויסער טאָג! ס׳איז דעם ערשטן מאָל אין זײַן לעבן אַז ער פאַנגט אַזאַ פוקס.

מיט גרויס אינטערעס האָבן די יעגערס געוואַרט וואָס טשאַלי די רויטע נאָז וועט זאָגן. אַלע זײַנען זיי געווען ביז גאָר נײַגעריק. אַ סאַך זייערע האָבן נאָך אַף זייער לעבן אַזאַ מין כאַיע ניט געפאַנגען. דער געזילבערטער פוקס איז געווען אַ שטאָלץ ניט נאָר פאַר אַיען. אַלע בײַוועזנדיקע יעגערס זײַנען מיט אים שטאָלץ געווען.

וויפל וועט פאַר אים באָטן טשאַלי די רויטע נאָז?

מיט אַ באַזונדערן ביטל האָט מיסטער טאָמסאָן אַ וואָרף געטאָן דעם פוקס אַף אַ קופּע פוקסן.

— ס׳איז אַ גוטער פוקס, — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

מיסטער טאָמסאָן האָט שוין געוווּסט וואָס אַ יעגער באַדאַרף צו האָבן פאַר זײַן הויזגעזינט, און קעדיי ניט צו באַלאָדן אים מיט איבעריקן נאָכקלערן, האָט ער שטיל און שפּאָרזאַם גענומען אויסשטעלן אַפן טאָמבאַנק אַן עמאַלירטן טשײַניק, אַ מעסער צו גאַרבן פעל, צען פעקלעך טאַבאַק, פינף טעוועלעך געפּרעסטן טיי און פיר מעטער סיטץ.

די יעגערס האָבן זיך געשטופּט צום טאַמבאַנק באַטראַכטן דאָס גווירעשאַפט. נאָר מער ווי אַלץ האָט זיי געכידעשט אַיעס שטילשווײַגן. אויך מיסטער טאָמסאָן האָט זיך געוווּנדערט. ער איז ניט צופרידן — האָט טשאַלי אַן איבעראַשטער אַ טראַכט געטאָן. — וואָס נאָך דאַרף ער, דער ווילדער יונג, און האָט צוגעלייגט נאָך אַ פּאָר האַלדזבאַנדן, אַ פײַל, נאָדלען, אַ פינגערהוט, אַ קעמל.

פון מיסטער טאָמסאָנס שײַנענדיקן פּאָנעם איז צו זען געווען, אַז ער אַליין איז איבעראַשט פון זײַן הײַנטיקער ברייטהאַרציקייט.

— צען זאַכן פאַר איין פוקס, און האַלב דערפון אײַזערנע! — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— אָ, וויפל ער גיט אים! — האָבן די יעגערס געמורמלט.

טשאַלי האָט מיט אַן עמעס אומגעוויינלעך ברייט צעעפנט די האַנט. עמעס, דער פוקס איז אַ פּרעכטיקער, נאָר קיינער האָט זיך ניט גערינכט ער זאָל די ווערט האָבן אַזויפיל סכוירעס. אַלע האָבן זיי געוווּסט, אַז ווען דער נאָרד־אַמעריקאַנער איז שלעכט געשטימט, פאַרגעסט ער וואָס די יעגערס באַדאַרפן. די יעגערס פאַלן דעמאָלט אָף פאַרשיידענע האַמצאָעס. זיי נאַרן אים, פאַרלייקענען די צאָל פוטערס וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט אין די זעק, און פאָרן צוריק אַהיים מיט די פוטערס הונדערט און נאָך מער קילאָמעטערס, מיטן געדאַנק צו קומען אַ צווייטן מאָל. עפשער וועט טשאַלי דעמאָלט זײַן אין אַ בעסערער שטימונג.

מיסטער טאָמסאָן האָט געוווּסט פון די אַלע יעגערישע שפּיצלעך און האָט זיך ניט גענומען צום האַרצן. וואָס איז דער בילעק ווען זיי ברענגען די פוטערס, הײַנט אָדער אַן אַנדערשמאָל? דעריקער ער זאָל זיי האָבן איידער די שיף קומט.

פונדעסטוועגן, זײַנען די יעגערס אַנטשלאָסן געווען יענעם טאָג צו פאַרקויפן אַלץ וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט. טשאַלי האָט אויסגעזען גוט געשטימט. די יעגערס האָבן זיך געשטופּט צום טאָמבאַנק. יעדער איינער האָט געוואַרט אָף זײַן ריי.

נאָר איע האָט אַלעמען דערשטוינט. ער איז געשטאַנען פאַר די צען זאַכן, וואָס זײַנען פאַר אים געליגן און אָנשטאָט אַרײַנלייגן זיי אין זאַק, האָט ער פאַמעלעכן אָנגעשטאָפּט זײַן ליולקע מיט טאַבאַק, וואָס האָט אין זיך געהאַט צעמאָלענעם האָלץ. אַרויסגעלאָזט האָט ער אַ מויל רויך און האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן:

— איך דאַרף ניט קיין שום זאַך פון די וואָס דו האָסט אָוועקגעשטעלט, טשאַלי.

די יעגערס זײַנען געבליבן געפּלעפט.

— וואָס הייסט דו דאַרפסט ניט? דאַרפסט ניט דעם עמעסן אַמעריקאַנישן טאַבאַק און רייכערסט אָט די כאַזערײַ?

— איך וויל אַ ביקס.

גאָט דעמן! * — איז מיסטער טאָמסאָן אַרויס פון די קיילים. — אָף אַ ביקס איז דער פוקס ניט גענוג. דאַרפסט ברענגען וויניקסטנס נאָך איין געזילבערטן פוקס.

— דעם אַנדערן מאָל וועל איך דיר ברענגען אַ ווײַסן פוקס.

— אָ, ניין, ניין! איך האָב וויניק „ווינטשעסטערס". איך האָב זיי אַלע פאַרקויפט אַליטעטן. ער רעכנט זיי נעמען פאַר די נאָמאַדן הירשן־פיטערער וואָס וווינען אין די בערג.

— וואָס קען מען מאַכן! — האָט איע רויק אָפּגעענטפערט. — גיב מיר צוריק דעם פוקס.

פאַר איבעררעאַשונג האָט דעם מיסטער טאָמסאָן פּלוצים דאָס לאַשן אָפּגענומען. ער האָט אַרונטערגענומען דאָס פוטערנע היטל און אַנטפּלעקט די ליסינע וואָס האָט זיך אים גענומען שנײַדן צווישן די געלע האָר, האָט זי אָפּגעווישט מיט אַ רויטן טיכל, דערנאָך אַראָפּגענומען די ברילן פון דער נאָז און פאַמעלעך זיי גענומען ווישן. צום סאָף האָט ער שטיל אַ פרעג געטאָן:

---

* גאָט דעמן — אַן ענגליש לעסטערונג־וואָרט.

— האָסטו אַמאָל געזען אַזאַ יעגער ? ווו האָט ער זיך אויסגעלערנט אַזוי האַנדלען ? עמעצער האָט דיך אויסגעלערנט ?

— יאָ.

— ווער ?

איִע האָט ניט געענטפערט. אַ ניט אַנטשלאָסענער, האָט ער נאָר אַ פּוס איבערגעשטעלט.

— וואָס שווײַגסטו ?

— טשאַלי, — האָט איִע אָנגעהויבן. — דו קענסט אונדזער אַלטן קאַמענוואַט ? האָט ער אַ טאָכטער, טיגרענאַ. זי וועט זײַן מײַן ווײַב. דער־פאַר גיי איך שטענדיק צום אַלטן זיך אַן אײַצע האַלטן. דאָס האָט ער מיר אָנגעוויזן דעם אָרט ווו עס זײַנען פאַראַן די געזילבערטע פוקסן. איך בין דאָרט אָפּגעלעגן זעקס טעג און געלויערט אַף מײַן פּאַסטקע. זעקס טעג האָב איך געלעבט אינעם שניי. און בעיס איך בין דאָרט געווען, איז דאָרט אַ רוס פאַרבײַגעגאַנגען און געגעכטיקט אין אונדזער לאַגער. פאַרטיזאַן האָט מען אים גערופן.

מיסטער טאָמסאָן האָט אומרויִק אַ קוק געטאָן אַף איִען. פון צײַטונגען האָט ער געוווסט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער האָט געוווסט, אַז אין קאַמטשאַטקע האָט זיך אין די לעצטע יאָרן עטלעכע מאָל געביטן די מאַכט פון די ווײַסגוואַרדייער — אַמאָל קאָלטשאַק, אַן אַנדערשמאָל קאַפּפּעל, — געוווסט האָט ער, אַז אין די קאַמטשאַטקער בערג גייען אום סאָוועטישע פאַרטיזאַנער. און אַ פאַרטיזאַן אַפן טשיקאָטקער ברעגלאַנד איז פאַר אים געווען אַ ניט אָנגענעמע איבערראַשונג.

— פאַרטיזאַן (איִע האָט געמיינט, אַז אַזוי רופט מען דעם רוס) האָט די גאַנצע נאַכט געשמועסט מיט דעם אַלטן. טיגרענאַ האָט זיך אויך צוגע־הערט צום שמועס. זי האָט מיר דערציילט, אַז דער רוס האָט גערעדט וועגן אַ נײַעם געזעץ פון לעבן, פון אַ נײַעם געזעץ ווי צו האַנדלען. אַזוי האָט זי מיר געזאָגט. און ווען איך האָב מיך אויפגעזעצט אַהער צו דיר צו קומען, איז זי צוגעלאָפן צו מיר און מיך געראָטן : „איִע, פּרווו האַנדלען ווי פאַר־טיזאַן האָט געזאָגט. פאָדער דו אַליין די סכוירעס פאַר דײַן פוקס. פאָדער אַ ביקס”. אָט דאָס איז געשען, טשאַלי.

— כאַ, כאַ, כאַ ! אַ פרוי לערנט אַ מאַן האַנדלען ! ס'אַ ביזאָיען ! קוקט נאָר אָן דעם יעגער !

— טיגרענאַ איז אויך אַ גרויסער יעגער, זי פאַרשטייט זיך אַף ביקסן און שיסט גוט אין ציל. — האָט איִע שטאָלץ געענטפערט.

— נו, גוט, — האָט מיסטער טאָמסאָן אַ זאָג געטאָן מיט אַ סאַרקאַס־טישן שמייכל. — נעם דיר דײַן פוקס. איך בין שוין נײַגעריק צו הערן ווי דער פוקס איז באַ דיר אין דער „יאַראַנגאַ” פאַרפוילט געוואָרן און האָסט פאַר אים קיין סכוירע ניט באַקומען.

און בעיס טשאַלי די רויטע נאָז האָט זיך אָנגעבויגן אויפהייבן דעם געזילבערטן פוקס, האָט אים איִע, אויך מיט אַן איראָנישן שמייכל, געענט־פערט :

— ער וועט באַ מיר ניט פוילן. איך וועל אים אַוועקטראָגן פּיטן.

— פּיט בריוכאַנאָוון ? — האָט מיסטער טאָמסאָן אויפגערעגט אַ מרוקע געטאָן : — טיפּעש דו, ביסט אינגאַנצן פון זינען אַראָפּ. צי ווייסטו ניט, דו פאַקענער קאָפּ, אַז מיסטער פּיט וווינט פינף הונדערט מײַל ווײַט פונדאַנען?

— דאָס מאַכט ניט אויס. כ׳זאָל אַפילו דאַרפן פאָרן אַהין צוואַנציק טעג.
— ס׳איז מיר אַ שאָד דײַנע אָרעמע הינט. און נאָר דערפאַר גיב איך דיר די ביקס.

מיסטער טאָמסאָן האָט אַראָפּגענומען אַ נײַעם „ווינטשעסטער" פון 25 אָף 20 און האָט אים דערלאַנגט איִען.

— ס׳איז אַ גוטע ביקס, — האָט איִע געזאָגט. — נאָר מיט דער ביקס קען מען העכסטנס שיסן אַ באַרסוק. דו ווייסט גאַנץ גוט, טשאַלי, אַז אַ ביקס דאַרף מען אָף שיסן מאַרזשן. איך דאַרף אַ ביקס פון 30 אָף 30.

— אַן עכטער יעגער דאַרף ניט זײַן אַזוי בעטלעריש־צודרינגלעך ווי דו — האָט מיסטער טאָמסאָן ברויגעז אַ וואָרטשע געטאָן, נאָר אויס מוירע, אַז איִע זאָל ניט אָוועקפירן דעם פוקס צום רוסישן סויכער, האָט ער אים דערלאַנגט די ביקס וואָס ער האָט פאַרלאַנגט.

אַ צופרידענער, האָט דער יעגער אָוועקגעלייגט דאָס געווער לעבן זאַק און האָט אַרויסגענומען דעם צווייטן געזילבערטן פוקס, אַ בעסערן פונעם ערשטן.

— קאַקאָמעי! * — האָבן די יעגערס אויסגערופן.

אַ יאַט מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן פון איבערראַשונג, האָט זיך אָנ־גערופן:

— מען קען פּלאַצן!

— אָלרײַט! ביסט געוואָרן אַן עכטער יעגער. האָסט מיסטאָמע גרויס פרײַנטשאַפט מיט די גײַסטער, אויב זיי לאָזן דיך פאַנגען אַזוינע פײַנע פוקסן.

— יאָ. ס׳איז ריכטיק. איך טו אַלץ וואָס איך קען, אַז די גײַסטער זאָלן מיך שיצן. — האָט איִע געענטפערט.

טאָמסאָן האָט באַטראַכט דעם פוקס און צום ערשטן מאָל פאַר די צוואַנציק יאָר, געפרעגט:

— און וויפל ווילסטו פאַר דעם?

די יעגערס זײַנען געווען געפּלעפּט. ס׳איז אומדערהערט: טשאַלי די רויטע נאָז פרעגט איִען וואָס ער פאַרלאַנגט. דאָס קען זײַן אַ סימען אי צום גוטן און אי צום שלעכטן. שווער דאָס צו פאַרשטיין.

—ביידע זײַנען מיר אַן ביקסן. — האָט איִע געענטפערט. — מיר האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין גוטע ביקסן. גיב מיר נאָך איינע. די וועט זײַן פאַר טיגרענאַ.

— גאָד דעמן! ביסט פון זינען אַראָפּ? האָסט נאָך ניט באַצאָלט פאַר דער ערשטער און שוין ווילסטו אַ צווייטע. ווילסט אַרויסרופן אָף זיך דעם צאָרן פון די גײַסטער?

די יעגערס האָבן זיך מיט מוירע איבערגעקוקט. איִעס אויפפירונג האָט זיי אויפגעבראַכט. ניט אַנדערש ער וויל איבערפירן די שטימונג פון טשאַלי די רויטע נאָז, ווען זיי האָבן נאָך גאָרניט אָנגעהויבן פאַרקויפן. זיי האָבן באַשײַנפערלעך געזען ווי טשאַלי ווערט אויסער זיך.

אַ יאַט איז מיט אַ געשריי אַרײַנגעקומען: „אַליטעט! אַליטעט איז דאָ!"

די טיר האָט זיך געעפנט און אין קראָם איז אַרײַנגעקומען אַליטעט אַליין, אָנגעטאָן אין אַ יאָנטעוודיקער „קוכליאַנקע", גענייט פון פאַרשיידן־קאָלירטע יונגע הירשן־פוטערס.

---

* איבערראַשונגס־אויסרוף.

— האַלאָ אַליטעט ! — האָט מיסטער טאָמסאָן פריילעך אויסגערופן.
אַליטעט איז גײַוועדיק צוגעקומען צום טאָמבאַנק פאַרויס די יעגערס, וואָס האָבן אים אַ וועג געמאַכט, און האָט אומגעשיקט דערלאַנגט טאָמ־סאָנען די האַנט. ער האָט אויפגעכאַפּט אַיעס בליקן און אים איראַניש גע־פרעגט:
— און דו, וואָס טוסטו דאָ ? ביסט געקומען קוקן ווי מען האַנדלט.
— אָ, ניין, ער איז אַ גרויסער יעגער ! — האָט טשאַלי געענטפערט.
— זע סאַראַ געזילבערטן פוקס איך האָב באַ אים אײַנגעהאַנדלט. נאָר דאָס איז ניט אַלץ. גיב אַ קוק דעם.
באַ אַליטעטן האָבן די אויגן געברענט פון קינע.
— ווי זשע קומט עס וואָס קיינער האָט ניט געוווּסט אַז דו האָסט געכאַפּט אַזעלכע פוקסן ? — האָט ער אים געפרעגט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק.
— איצט ווייסן שוין אַלע, — האָט אַיע געענטפערט. — קענסט אויך אַ קוק טאָן אַף זיי.
— ווו האָסטו זיי געפאַנגען ?
— אין דער טונדרע.
— די טונדרע איז אַזוי גרויס ווי דער יאַם.
אַיע האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער געשיכטע וואָס וואַאַמטשאַ האָט אים דערציילט — די לאָקער־שפּײַז וואָס אַליטעט האָט באַגאָסן מיט נאַפט — און עס איז אים דערווידער געווען צו ריידן מיט אַליטעטן וועגן פאַנג.
— שווײַגסט ? האָסטו זיי ניט צומאָל אָוועקגעגאַנוועט פון אַ פרעמ־דער פּאַסטקע ? — האָט אַליטעט אים געפאָרשט.
אַיע האָט געפילט ווי אַ צאָרן באַפאַלט אים. דאָס בלוט האָט אים צום פּאָנעם צוגעשלאָגן. אַ צו שווערע באַליידיקונג. וואָס וועט מען דענקען וועגן אים ? שווער געווען אײַנצוהאַלטן זיך. אַיע האָט אַ ווילדן כיישעק באַקומען אַלץ צו דערציילן, אַלץ וואָס ער ווייסט וועגן אַליטעטן. נאָר וואַאַמטשאַ האָט אים געבעטן צו האַלטן עס בעסאָד. אַיע האָט אין זיך דערשטיקט די אויפרעגונג און דאָך געגעבן אָנצוהערן וועגן אַליטעטס מײַסים, וואָס זײַנען אונטער דער ווירדע פון אַן עמעסן יעגער:
— די פוקסן, אַליטעט, האָב איך געפאַנגען לעבן די דרײַ בערגלעך. דאָרט ווו וואַאַמטשאַ האָט געהאַט פאַרלייגט די קלעצער, זײַנען אויך געווען מײַנע. מער ניט, איך האָב מײַן לאָקער־שפּײַז באַגאָסן מיט דעם פעטס, וואָס די ווײַסע נוצן אַף באַלײַכטונג. עמעס, ווײַסע פוקסן אַנטלויפן פאַר דעם מיִעסן רייעך, נאָר די באַזילבערטע, זעט אויס, האָבן אים ליב. איך האָב עס ניט געוווּסט.
אַיע האָט שפּאָטיש אַ קוק געטאָן אַף אַליטעטן און געוואַרט ער זאָל אים ענטפערן, נאָר אַליטעט האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און אונטער דער נאָז אַ זאָג געטאָן צו טשאַלין.
— ווייסעך וואָס ער פּלוידערט. ס'איז ווי עסן שניי, דעם דורשט וועסטו ניט שטילן. טשאַלי, איך קום ערשט פונעם וועג, איך וויל טיי.
— אָלרײַט ! — האָט טאָמסאָן געענטפערט. — מירן באַלד איבעררײַסן דעם האַנדל. איך האָב אויך כיישעק צו נעמען עפּעס אין מויל. — מיסטער טאָמסאָן האָט ווידער באַטראַכט דעם געזילבערטן פוקס און אים אַ וואָרף געטאָן אַף דער קופּע פוקסן.

— וואַרט אַ ווײַלע, גייט אַלע אַרויס. איר וועט שפּעטער באַקומען די סכוירעס. — האָט ער זיך געווענדעט צו איַען.
— וואָלט ניט גלײַכער זײַן איך זאָל דיר אויך שפּעטער געבן דעם פוקס? — האָט ניט דרײַסט אַ פרעג געטאָן איַע.
— גאָד דעמן! — איז מיסטער טאָמסאָן בייז געוואָרן. — איז טאַקע קיין גרויסער כילעק ניט צווישן דעם יונגס קאָפּ און אַ פּאַקענעם? ער האָט מוירע איך וועל אים ניט באַצאָלן פאַרן פוקס. טשאַלי איז נאָך קיינעם פון אײַך ביז איצט גאָרניט שולדיק געבליבן. פאַרקערט, אַלע, קימאַט, זײַט איר מיר עפּעס שולדיק.
— ריכטיק, ריכטיק, טשאַלי. — אַלע זײַנען מיר דיר עפּעס שולדיק.
די יעגערס האָבן ניט געוווּסט וואָס דאָס מיינט „גאָד דעמן״. נאָר אַלע האָבן זיי געוווּסט, אַז ס׳איז אַ שלעכטער סימען פאַרן האַנדל.
טשאַלי האָט זיך אָנגעבויגן און בייז אַ וואָרף געטאָן דעם פוקס איַען אין פּאָנעם אַרײַן. קיינער האָט מיט דעם יונגן יעגער קיין מיטלייד ניט געהאַט. זיי האָבן אַלע געהאַלטן, אַז ער איז אַליין שולדיק.
— לאָזט אים גיין, לאָזט אים! האַלט זיך מיטן פוקס. איַע וועט איבערוואַרטן. — האָט איינער פון די יעגער אַ געשריי געטאָן.
אַ צעמישטער, האָט איַע מיט איין האַנט צוגעהאַלטן דעם געזילבערטן פוקס און מיט דער אַנדערער האָט ער זיך שוויַגנדיק געווישט דעם פאַרשוויצטן שטערן. ער האָט זיך געשעמט דערמיט וואָס ער האָט מיט זײַן אויפפירונג אַרויסגערופן די אומצופרידנקייט פון זײַנע לאַנדסלײַט.
אַליטעט האָט באַ אים אַרויסגעריסן דעם פוטער פון די הענט און אַ וואָרף געטאָן אויפן טאָמבאַנק.
— מערקיטשקין! * — האָט ער אַ מרוקע געטאָן.
— גוט, נעם דיר דעם פוקס. — האָט זיך איַע אונטערגעגעבן.
— ווי דו ווילסט. — האָט ווייך געענטפערט מיסטער טאָמסאָן. — טשאַלי ווייסט גוט וויאַזוי איר לעבט. איך האָב מיך שטענדיק באַמיט צו טאָן פאַר איַך דאָס בעסטע.
אַלע זײַנען שנעל אַרויס פון דער קראָם.

קאַפּיטל VIII

אַליטעט איז אַהיימגעקומען מיט אַ פולן שליטן אַלערליי סכוירעס. געווען איז ער צופרידן פון זײַנע געשעפטן מיט טשאַלין און האָט אים צוגעזאָגט ברענגען אַ סאַך פוטערס פון די נאָמאָדן הירשן-פיטערער. די נאָמאָדן האָבן געוווינט ווײַט, אין די בערג, און זײַנען קיינמאָל ניט אַראָפּגעקומען צום יאַם-ברעג. נאָר איידער אַליטעט איז געפאָרן אין די בערג, האָט ער באַשלאָסן פאַרן אַרײַננעמען אַ צווייט ווײַב אין שטוב. דאָס מיידל וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן איז אַלס קינד נאָך באַשטימט געווען צו ווערן איַעס ווײַב. אַליטעט האָט דאָס געוווּסט, נאָר די סינע וואָס ער האָט געפילט צו איַען, און איז נאָך שטאַרקער געוואָרן זײַט דעם אינצידענט אין קראָם, האָט אים אָנגערעגט צוצונעמען באַ אים טיגרענאַן.
אויפן צווייטן טאָג איז אַליטעט אַרויסגעפאָרן צום לאַגער יאַנראַקענאָט.

---

* אַ באַליידיקונג אין טשוקטשיש.

אינעם שליטן האָט ער געפירט אַ פוטער פון אַ יונגן הירש אַלס כאַסענע־מאַטאַנע. דער אַלטער קאַמענוואַט וועט, נאַטירלעך, ניט צוריקווײַזן דעם פוטער און וועט אים מיט פאַרגעניגן געבן טיגרענאַן פאַר אַ ווײַב. אין פאַל ער וועט זי ניט אַנגעמען, וועט אַליטעט נעמען טיגרענאַן מיט געוואַלד.

דאָס וועטער איז געווען גוט און רויִק. די לעוואָנע האָט געשײַנט. אַלי־טעטס שליטן איז געלאָפן שנעל. אַף האַלב וועג האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרגפלאַך, וואָס האָט זיך געצויגן צופונס דעם אירגאַנעי־באַרג. אַליטעט האָט פאַרהאַלמעוועט דעם שליטן, האָט אײַנגעהאַלטן די הינט און געוואָרפן אַ בליק אָפן יאַם און אַף דעם ברייטן אײַז־באַדעקטן סטעפּ. אין דער ווײַט האָט זיך אָנגעזען אַ טונקעלער פּאַס אָפענער יאַם. איבער דעם פּאַס איז דער הימל געווען טונקל.

איבערן באַרגיקן טייל איז דער הימל געווען באַשטעקט מיט גלאַנציקע שטערן. פון צײַט צו צײַט זײַנען די שטערן אַראָפּגעפאַלן און טייקעף זיך אויסגעלאָשן. אַליטעט האָט טיפער אײַנגעשטאָכן דעם „אָסטאָל" * אינעם שניי צווישן די פּאָדריזעס פונעם שליטן און האָט פון דער הינטערשטער קעשענע אַרויסגענומען די ליולקע מיט דעם טאַבאַק. אינעם שליטן זיצנדיק, האָט ער אָנגעצונדן די ליולקע און דערנאָך זיך געלאָזט גיין, ניט געאײַלט, צום שפּיץ־הונט.

טשאַלי האָט געדרייט מיטן עק, זיך געזעצט אַף די הינטערשטע פיס און צודרינגלעך געבעטן באַם באַלעבאָס אַ לאַסקע. ווען אַליטעט איז צו אים נאָענט צוגעקומען, איז דער הונט אַף אים אַרויפגעשפּרונגען מיט זײַנע מעכטיקע לאַפּעס אַף דער ברוסט און אים גענומען לעקן די באַק, אַרײַנשטעקן דעם שנוק אין דער וואַרעמער „קוכליאַנקע". אַליטעט האָט געפילט אַ ליב־שאַפט צו טשאַלין. ער האָט אין די הענט אַרײַנגענומען דעם הונטס שנוק, האָט אָנגעריבן זײַן נאָז אינעם הונטס נאָז און גענומען ריידן צו אים:

— לויף שנעל, טשאַלי. אין יאַנראַקענאַט וואַרט אַף אונדז טיגרענאַ. דאָס שטאַרקסטע און דאָס שענסטע מיידל. קאַמענוואַטס טאָכטער, דעם אַלטן אַרעמען קאַמענוואַטס. ווען טיגרענאַ וועט וווינען באַ מיר אין דער „יאַ־ראַנגאַ", וועל איך איר הייסן דיך האָדעווען מיט די בעסטע שטיקער מאַרזשן־פליישׁ.

אַליטעט האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן קלוגן הונטס קאָפּ, און טשאַלי, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען וואָס דער באַלעבאָס רעדט צו אים, האָט אַ שמאָכטנדיקן יעכץ געטאָן און ווידער גענומען לעקן אים דאָס פּאָ־נעם. אַליטעט האָט אַ גלעט געטאָן טשאַלין איבערן קאָפּ און איז אַוועק צום צווייטן הונט.

— און דו, וועלפישער רוקן, וואָס בייגסטו אײַן דעם פוס ? האָסט זיך צעקלאַפּט ? אַ נו, ווײַז אַהער.

דער גרויסער שוואַרצער הונט, מיט אויסדרוקפולע אומרויִקע אויגן, איז אומגעפאַלן אַף אַ זײַט און האָט אויסגעשטרעקט אַ פוס. די קלאָע האָט געבלוטיקט.

— קרעכץ ניט !

* אָסטאָל — אַ דיקער שטעקן מיט אַן אײַזן־געקאָוועטן שפּיץ צו האַל־מעווען דעם שליטן.

אַליטעט האָט אים אָפּן צעוווּנדיקטן פוס אָנגעטאָן אַ קליין פוטערן זעקל און דערנאָך איז ער צוגעקומען צו קאַפּערן.

געווען איז ער אַן אַלטער ריזיקער הונט, אײַנגעשפּאַנט סאַמע פון הינטן, לעבן שליטן. און כאָטש ער האָט קיין גרויס פרייד ניט אַרויסגעוויזן ווען ער האָט דערזען דעם באַלעבאָס, האָבן זיך אים שעלמיש צעגלאַנצט די אויגן און ער האָט געדרייט מיטן עק. אַליטעט האָט דעם הונט ניט ליב געהאַט און שוין לאַנג אַז ער וויל פון אים פּאַטער ווערן. דער הונט האָט אײנעם שפּאַן געשטערט, געהאַמעוועט דאָס לויפן פון די איבעריקע הינט, און הײַנט, אַף דער רײַזע, האָט ער אַליטעטן אָפּט געערגערט. ער פּאַרדינט אַ גוטע לעקציע.

אַליטעט האָט אים דערלאַנגט אַ שטאַרקן זעץ אין שנוק. דער הונט האָט אַ שפּרונג געטאָן און אַרײַנגענומען דעם עק צווישן די פיס. ער האָט קרום אַ קוק געטאָן אָפּן באַלעבאָס. אַליטעט האָט אים אָנגעכאַפּט באַם פּיסק. דער הונט האָט זיך געוואָלט אויסרײַסן, נאָר ער האָט ניט געקענט.

— האָסט מוירע? באַלד וועט דײַן באַלעבאָס ווערן דער אַלטער קאַפּ־מענוואַט. באַ אים, באַ מײַן שווער, וועסטו קענען לאַדערן דעם גאַנצן לעבן.

מיט איין האַנט האָט אַליטעט צוגעהאַלטן קאַפּערן באַם פּיסק און מיט דער צווייטער האָט ער אים געגלעט. אונטערן מאָדנעם געצערטל פונעם באַלעבאָס האָט דער הונט געציטערט. ער האָט געוווּסט וואָס אים דערוואַרט. נאָך איין וועג, האָט דער באַלעבאָס צופּיל געשריגן אַף אים. אַליטעט האָט אויפגעהויבן דעם „אָסטאַל״, קאַפּער איז אָפּגעשפּרונגען אַן אַ זײַט, נאָר דער רימען פונעם שפּאַן האָט אים פּאַרהאַלטן. דער הונט האָט אַ יעכץ געטאָן און זיך אַ וואָרף געטאָן דעם באַלעבאָס צו די פיס, מיט די אויגן אויסבאַהאַלטן. אַליטעט איז אָפּגעטראָטן, האָט זיך פּאַרמאָסטן און אַ קלאַפּ געטאָן דעם הונט אין קאָפּ. דערנאָך האָט ער אים גענומען שלאָגן אין די זײַטן, איבערן רוקן. קאַפּער איז געלעגן ווי אַ בייגל אײַנגעדרייט, האָט געיעכצט און געוואָיעט.

דעם הונט וואָס איז מיט אים געגאַנגען אין שפּאַן, האָט ער די ציינער אויסגעשטשירעט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אַף אַליטעטן, אַ ביס געטאָן אים אינעם לענד און אויסגעריסן אַ שטיק פוטער פון די הויזן. אַליטעט איז אָפּגעשפּרונגען און ווען ער האָט דערזען די הויזן זײַנען אים צעריסן, האָט ער צוגעשפּאַנט צום שליטן, גענומען דעם „ווינטשעסטער״ און אויסגעשאָסן הארט אַריבערן הונט.

מיטאַמאָל איז דער הימל ליכטיק געוואָרן. דער זאַמדיקער טײַך * האָט זיך פּרעכטיק צעפינקלט פון איין עק הימל ביזן צווייטן. אַליטעט האָט זיך אַרײַנגעזעצט אינעם שליטן און זיך פּאַרקוקט אַף די שטערן.

— איך בין דער מענטש פון דער הערשערן זון. מיך קען מען איבערן גאַנצן ברעגלאַנד. אַלע טשוקטשעס קענען מיך. איך בין באַפרײַנדעט מיט דעם נאָרד־אַמעריקאַנער טשאַלי אַליין. — האָט אַליטעט געטראַכט אָפּן קאָל.

די הינט האָבן די אויערן אויפגעשטעלט, האָבן זײַן קאָל אָנגענומען ווי אַ צייכן צו רירן, און גענומען שלעפּן דעם שליטן. נאָר די האַלמע האָט ניט דערלאָזט. די הינט האָבן די קעפּ אומגעדרייט. אַליטעט האָט נאָך טיפער

---

* זאַמדיקער טײַך — דער מילך־וועג.

אײַנגעשטאָכן דעם „אָסטאָל" און, מיט די אויגן נאָך אַלץ געווענדעט צום הימל, האָט ער ווײַטער געטראַכט אַפן קאָל:

— די באַוווינער פונעם וועלט־באַשטאַנד, דאָס פֿאָלק פון דאָרט אויבן, קען מיך געוויס. — אַליטעט איז אַ רעגע שטיל געבליבן. — ווי עס פינקלט דאָרט דער „הויפן האָזן"! * אָט דאָרט איז דער שטערן מיט דעם אײַנגעשטאָכענעם שפּיץ. ** און יענע דאָרט זײַנען די שטערן וואָס לאָזן זיך שטיפעריש אַרונטער איבערן באַרג. און דאָרט זײַנען די דורכזיכטיקע ריפּן.*** און ווו ערגעץ זײַנען די ריזן ווינטמאַכער?

איבערן גאַנצן האָריזאָנט ביז דעם פּאָלאַרן שטערן האָט מען געזען לאַנגע פּאַסן שײַן, וואָס האָבן דערמאָנט אָן די מאָרזשענע רימענעס וואָס זײַנען אויסגעצויגן פון איין „יאַראַנגאַ" צו דער צווייטער. אָט האָבן זיך די פּאַסן אויסגעצויגן ביז די דורכזיכטיקע ריפּן און אָט האָבן זיי זיך צעשאָטן אין פֿאַרשיידענע זײַטן, ווי אַ צעשראָקענע סטאַדע הירשן. אַלערליי קאָלירשאַטירונגען וואָס אַף דער ערד זײַנען זיי אומבאַקאַנט, בײַטן זיך שנעל אַפן הימל. אָט ברענען זיי צעציטערטע, די פֿײַער־פּאַסן, און אָט באַלײַכטן זיי דעם גאַנצן הימל־געוועלב. פּאַסן שײַן מיניען זיך און שפּרייטן זיך אַראָפּ און אַרויף און אין די זײַטן. אינמיטן אָט דעם בלענדיקן פֿאַרבן־שפּיל האָט די לעוואָנע אויסגעזען אַליטעטן בלייך און גרין פֿאַר קינע, ווי אַן אַלט ווײַב.

אַליטעט האָט געקוקט אַפן הימל אַן אומרויִקער און אַן אויפגערעגטער. אַ פּאַכעד איז אים באַפאַלן. ער האָט זײַן בליק איבערגעפירט פון איין אָרט אַפן צווייטן און האָט זיך געטראַכט: „דאָס פֿאָלק פון דאָרט אויבן פּראָוועט אַ גרויסן יאָנטעוו. מען האָט דאָרטן צעלייגט אַ סאַך פֿײַערן".

פונדעסטוועגן, האָבן די הימלשע פֿײַערן לאַנג ניט געברענט. זיי האָבן זיך אין קרעמפּן אויסגעלאָשן, און באַלד האָט די לעוואָנע ווידער צעגלאַנצט זיך אין הימל און אַרום איר די פינקלענדיקע שטערן. אַליטעט האָט זעלטן ווען געזען אַזוינע גרויסע פֿײַערן.

אַליטעט האָט שנעל אָנגעשטאָפּט די ליולקע, האָט אין שליטן אָנגעריבן אַ נאָרד־אַמעריקאַנער דיק שוועבעלע און זיך גענומען רייכערן.

ווײַטער האָט דער וועג זיך געצויגן מיט דעם ברעג. אַלץ האָט געשוויגן. פֿליִענדיקע שטערן זײַנען געפאַלן פונעם הימל. און אַליטעט האָט זיך געטראַכט, אַז דאָס האָבן „דאָרט אויבנדיקע מענטשן" זיי אַף דער ערד אַראָפּגעוואָרפן, ווי מען וואַרפט אַרויס פון די „יאַראַנגאַס" אַלטע אָפּגענוצטע פֿײַער־פּאַנען.

די הינט זײַנען ווי צעשראָקענע פייגל געלאָפן איבערן פאַנטאַסטישן וועג, אַ באַצייכנטן מיט בלאָקן אײַז, וואָס אָט האָט ער זיך געהויבן אַרויף איבער אַ געפרוירענעם באַרג און אָט איז ער קאָפּשווינדלדיק אַראָפּגעפאַלן. אַליטעט איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם שליטן, זיך אָנגעהאַלטן אָן אים און אינאיינעם מיט אים געלאָפן. דער שליטן האָט זיך אַ הייב געטאָן, איז עטלעכע סעקונדן ווי הענגען געבליבן אין דער לופטן און דערנאָך אַראָפּגעפאַלן און זיך אָנגעקלאַפּט אינעם אײַז. דער שליטן האָט אַ סקרוכע געטאָן, כאָטש געבליבן איז ער גאַנץ. ניט אומזיסט איז ער אַרומגעבונדן געווען מיט שטאַרקע רימענעס. אַפן גאַנצן ברעגלאַנד האָט קיינער ניט אַזאַ שליטן און קיינער קען אַזוי שנעל ניט פֿאָרן ווי אַליטעט.

---

* קאַסיאָפּעע. ** דער פּאָלאַרער שטערן. *** ווענוס.

פאַרענדיקט האָבן זיך די בלאָקן אײַז און דער שליטן איז אַרויף אַפן גלײַכן ברעג־וועג. אינמיטן געיעג האָט אַליטעט מיטן גאַנצן קויעך אַ וואָרף געטאָן דעם „אָסטאָל״, אַזוי ווי ער איז, אַף קאַפּערן און פּלינק אים צוריק־געכאַפּט. דער הונט האָט אַ יעכץ געטאָן און דער געשפּאַן האָט זיך ווידער געטראָגן ווי אַ בליץ.

מיט אַ הילכיקן געביל האָבן די הינט זיך אַרײַנגעטראָגן אינעם לאַגער יאַנראַקענאַט. אַלע הינט פונעם לאַגער האָבן געענטפערט מיט אַ לאַנגן גע־וואָי. דער שליטן איז שטיין געבליבן פאַר דעם אַלטן קאַמענוואַטס „יאַראַנגאַ״.

פון די „יאַראַנגאַס״ זײַנען אַרויסגעקומען מענטשן אין די הוילע קעפּ, בלויז אין פוטערנע זאָקן און „קוכליאַנקעס״ אַרויפגעוואָרפן אַף די אַקסלען. דער אוילעם האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום אַליטעטס שליטן. אויך איִע איז צוגעקומען. אַ ביטערער פאַרגעפיל האָט אים פאַרפלייצט. אין אַליטעטס שליטן האָט ער געזען אַ פוטער פון אַ יונגן הירש, די טראַדיציאַנעלע כאַסענע־מאַטאַנע. און פלוצים האָט ער זיך דערמאָנט אַף זײַנע געזילבערטע פוקסן, דעם סימען... וואָס עפּעס האָט זיך אַליטעט אָפּגעשטעלט מיט זײַן הירשן־פעל פאַר קאַמענוואַטס „יאַראַנגאַ״? צי דען גלאַט פאַרבײַפאָרנדיק? פאַר־וואָס־זשע אָבער גראַד פאַר קאַמענוואַטס „יאַראַנגאַ״? צי דען זײַנען אינעם לאַגער ניטאָ קיין רײַכערע יעגערס ווי דער אַלטער?

אַליטעטס קאַוואַנעס זײַנען קלאָר געווען פאַר יעדן אייגעם. און נאָר איִע האָט געזוכט דעם מיין פון אַליטעטס אומגעווײנלעכן וויזיט. צוליב וואָס איז אַליטעט געקומען זען קאַמענוואַטן? עפּשער ווייס ער ניט, אַז איִע ווערט שוין לאַנג באַטראַכט פאַר טיגרענאַס כאַסן? נאָר דאָס ווייס מען דאָך אַפן גאַנצן ברעגלאַנד.

ווי אַ טונדרע־פויגל וואָס שפּרינגט פון גרודע צו גרודע, אַזוי איז די יעדיִע געשפּרונגען פון „יאַראַנגאַ״ צו „יאַראַנגאַ״.

איִע האָט געפילט ווי די אויגן ווערן אים פאַרנעפּלט און ער איז שטיל אַוועק צו זיך אין געצעלט.

קאַפּיטל IX

טיגרענאַ, אַ פאַרמאַטערטע פון יאַגד, איז אין טיפן שלאָף געלעגן, מיט פאַרלייגטע הענט, אַף אַ געלעגער פון הירשן־פעל. אירע צעוואָרפענע שוואַרצע צעפּ האָבן נאָך שוואַרצער אויסגעזען אַף דער ווײַסקייט פון דעם פוטער. דאָס מיידל האָט געשמייכלט אינעם שלאָף.

לעבן טיגרענאַן איז אַף די שפּיץ פינגער געזעסן דער מיידלס אַלטע מוטער און געקוקט אַף איר יונגן פּאַנעם. זי האָט לאַנג ניט געקענט פּויעלן באַ זיך זי אויפצוּוועקן. טיגרענאַ האָט געעפנט די אויגן און אַז זי האָט דערזען די מוטער, האָט זי זיך מילד פונאַנדערגעלאַכט און געוויזן אַ שורע ווײַסע גלײַכע ציין. אירע שוואַרצע אויגן האָבן געגלאַנצט.

— כ׳האָב געזען אַ כאַלעם, — האָט טיגרענאַ געזאָגט. — אַ שיינעם כאַלעם. ווי איך און איִע וואָלטן מיר געוווינט אַליין אין אַ „יאַראַנגאַ״. און אַרום אונדז זײַנען געווען אַזויפיל קינדער, אַז ס׳איז ניט געווען ווו אַ טראָט צו שטעלן. איִע האָט זיך צו מיר אָנגערופן: „טיגרענאַ, מיר מוזן פאַרגרע־סערן אונדזער „יאַראַנגאַ״. מען דאַרף גיין אין די בערג צו די הירשן־פּיטע־רער און קריגן באַ זיי פעלן״.

און טיגרענאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון איר געלעגער און צעשאָטן איר געלעכטער.

מיטאַמאָל האָט זי דעם אויער אָנגעשפּיצט, אַ דערשראָקענע פון דעם שטימען־געמורמל, וואָס האָט זיך צו איר פון דרויסן דערטראָגן.

— וואָס איז עס פאַר אַ גערויש פאַר אונדזער „יאַראַנגאַ"?

— טיגרענאַ, פאַר דער טיר פון אונדזער „יאַראַנגאַ" האָט זיך אָפּגעשטעלט אַליטעט. מען זאָגט ער פירט באַ זיך אין שליטן אַ פעל פון אַ יונגן הירש, אַ כאַסענע־מאַטאָנע. דאָס איז פאַר אונדז אַ גרויסע פרייד.

— און איַע? — האָט טיגרענאַ מיט מי אַ פרעג געטאָן. — ער איז מײַן כאָסן פון קינדווײַז. שוין נאָענט דער טאָג ווען מירן אָנהייבן לעבן אינאיינעם. צי דען האָבן עס די ברעג־מענטשן פאַרגעסן? האָט מען פאַרוואָרפן אונדזער געזעץ? וואָס עפּעס האָט אַליטעט, דער אַלטער, געבראַכט זײַן כאַסענע־מאַטאָנע? ער איז אַ זשעדנער מענטש, אַ כיטראַק! ער איז אַ שלעכטער מענטש! איַע האָט מיר געוואָלט קויפן אַ ביקס פאַר זײַן צווייטן געזילבערטן פוקס, האָט אַליטעט ניט דערלאָזט, אַז טשאַלי די רויטע נאָז זאָל אים געבן אַ צווייטע ביקס. איך וויל ניט וווינען אין זײַן נימעסער וווינונג. זאָל איַע נעמען די פעל, צובינדן אַ שטיין און אַרײַנוואַרפן אין אַ דורכגעהאַקטן לאָך אינעם אײַז. — האָט טיגרענאַ שאַרף און אָן דערעכערעץ געזאָגט.

— טאָכטער מײַנע, מײַנע אויערן זײַנען ניט געוווינט צו הערן דיך אַזוי ריידן. דײַנע ווערטער וועלן אונדז ברענגען אומגליק.

טיגרענאַ האָט זיך שטיל אויפגעשטעלט. אויך זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר אירע רייד. פון אויפרעגונג האָט זיך טיגרענאַ פאַרגעסן די צעפּ צו פאַרפלעכטן און אירע לאַנגע האָר זײַנען איר אַף די אַקסלען געפאַלן. מיט די האָר פאַרוואָרפן אַף הינטן, איז דאָס מיידל אַוועק אין אַ ווינקעלע פונעם געצעלט. זי איז שטיין געבליבן אַ פאַרטראַכטע מיטן רוקן צו דער מוטער. איר שלאַנקער און שטאַרקער קערפּער איז, פון מענערישער אַרבעט, געווען מוסקולדיק שטײַף. טיגרענאַ האָט ווי פון שטיין אויסגעזען.

קאַמענוואַט, דער פאָטער, איז שוין געווען אַלט, און שוין לאַנג ווי זי מוז גיין מיט די מענער אַף יאַגד. נאָך טיגרענאַן איז געווען געפעלן די שווערע מענערישע אַרבעט. אין טעג פון געלונגענער יאַגד קומט זי אַהיים אַ צופרידענע, אַ פריילעכע, און איר קלינגענדיקער געלעכטער רודערט אויף דעם גאַנצן לאַגער. טיגרענאַ האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אַף דעם טאָג ווען זי וועט מיט איַען אָנהייבן אַ נײַ גליקלעך לעבן, פול מיט נײַע פריידן. און איצט זײַנען איר שרעקלעכע געדאַנקען אַפן זינען געקומען. אַ נעפּל האָט איר די אויגן פאַרשטעלט. טיגרענאַ האָט ניט געהערט וואָס די מוטער רעדט צו איר.

— טיגרענאַ, דו הערסט? מען דאַרף מאַכן טיי. שטעל צו דעם גרויסן טשײַניק.

טיגרענאַ האָט אויפגעציטערט. זי איז צוגעגאַנגען צו דער פײַער־פאַן און גענומען מאַכן פײַער מיט אַ שטעקעלע. דאָס מיידל האָט זײַטיק געקוקט צו איר מוטער. זי איז אומצופרידן געווען: די מוטער האָט צוליבן גאַסט אויסגעשפּרייט די בעסטע הירשן־פעלן.

אינדרויסן האָט קאַמענוואַט זקיײַניש־אומגעשיקט זיך פאַרנומען מיט אַליטעטס הינט. פון צײַט צו צײַט האָט דער אַלטער געוואָרפן אומרויִקע בליקן צו איַעס „יאַראַנגאַ". קאַמענוואַט האָט אים ליב געהאַט ווי אַן איי־

געגעם זוז, און ער פֿאַרשטייט איצט פֿאַרוואָס אַיע קומט אים ניט צוהעלפֿן. דעם אַלטן האָט ער באַנג געטאָן. אַיעס האַרץ מוז איצט קלאַפּן ווי באַ אַ הירש וואָס ווערט געיאָגט פֿונעם וואָלף. וואָס אָבער זאָל ער טאָן? ווען עמעצער אַן אַנדערער קומט צום אַלטן מיקויעך כאַסענע, וואָלט ער אַפֿילע ניט גע־רעדט מיט אים. נאָר אַליטעטן קען מען ניט אָפּזאָגן! אַליטעט איז רײַך, דעם גרויסן שאַמאַן קאַראַגועס זון. ווי קען מען גיין קעגן זײַן ווילן?

דער אַלטער האָט שווער געאַרבעט מיט דער האַק אַף צעהאַקן דאָס געפֿרוירענע מאַרזשן־פֿלייש, נאָר די האַק האָט אים ניט געפֿאָלגט. אַליטעט איז געשטאַנען אַן דער „יאַראַנגאַ" אָנגעשפּאַרט און האָט גײַוועדיק געוואַרט דער אַלטער זאָל געבן די הינט צו עסן. מען קען ניט אָנטרויען די הינט אַנהאָדעווען אַ ליאַדע זאַקן וואָס האָט אַף זײַן לעבן קיין לײַטישן געשפּאַן ניט געהאַט.

אַיע איז געשטאַנען לעבן זײַן „יאַראַנגאַ". אַ געערגערטער, האָט ער אָפּגעקלאַפּט שטיקלעך שניי מיטן פֿוס און זיי געוואָרפֿן אַף אַ זײַט. ער האָט געקוקט אַפֿן יאַם אָדער ווי דער אַלטער אייסעקט זיך. ס׳איז אים אַ צאַר געווען אַפֿן אַלטן. אַיע פֿלעגט שטענדיק אים און טיגרענאַן העלפֿן צעהאַקן דאָס שטיין־האַרטע פֿלייש.

„איצט וועל איך אים ניט העלפֿן, — האָט זיך אַיע געטראַכט. — ווי דאָס זאָל ניט זײַן, וועט אַליטעט צונעמען טיגרענאַן... ניין, איך מוז אים העלפֿן. ס׳איז אַ צאַר צוצוזען ווי דער אַלטער מאַטערט זיך באַם צעהאַקן דאָס פֿלייש".

אַ צעמישטער, איז אַיע צוגעלאָפֿן צו קאַמענוואַטן. שטום האָט ער באַ אים געבעטן די האַק.

קאַמענוואַט האָט זיך מיט מי אויסגעגלײַכט, האָט די אויגן אויפֿגע־הויבן צו אַיען און איז צעטומלט געוואָרן. די האַק איז אים פֿון די הענט אַרויסגעפֿאַלן. אַיע האָט זי אויפֿגעהויבן און גענומען צעהאַקן דאָס פֿלייש. די האַק איז אָפּגעשפּרונגען מיט אַ קלונג פֿונעם געפֿרוירענעם פֿלייש, נאָר מיט יעדן קלאַפּ האָט זי זיך טיפֿער אײַנגעשניטן.

קאַמענוואַט האָט טרויעריק געקוקט אַף אַיען.

— איך גיי... אַרײַן אין שטוב. — האָט דער אַלטער אָנגעוויזן אַף זײַן „יאַראַנגאַ" און אָנמעכטיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

אַיע האָט שנעל צעהאַקט דאָס פֿלייש אַף שטיקלעך און אַרײַנגעלייגט אין אַן ערדענער שיסל.

— דעם, טשאַלין, דאַרף מען געבן אַ שטיק פֿלייש מיט פֿעטס. — האָט אים אַליטעט געזאָגט. — גרייט אים צו צווי שטיקער.

אַיע האָט אויפֿגעהויבן די פֿולע שיסל פֿלייש. די הינט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים מיט פֿאַריסענע שנוקן און צעצונדענע אויגן, שטויסנדיק איי־נער דעם צווייטן.

— טשאַלי! — האָט אַליטעט אַ רוף געטאָן.

אַיע האָט געוואָרפֿן אַ שטיק פֿלייש און טשאַלי האָט עס געכאַפּט אין דער לופֿטן.

— אוטיליגען! — האָט אַליטעט אַ רוף געטאָן אַ צווייטן הונט.

נאָר אָנשטאָט אוטיליגענען האָט דאָס שטיק פֿלייש געכאַפּט קאַפּער. אַליטעט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַפֿן הונט, האָט אים אָנגעכאַפּט באַם האַלדז, אַרויסגעריסן דאָס שטיק פֿלייש פֿונעם פּיסק און עס געגעבן אוטילי־

גענען. אַט אַזוי, צורופנדיק יעדן הונט באַם נאָמען, האָט אַליטעט זיי אַלע־מען באַטיילט מיט פליישׁ.

אַפן ברעגלאַנד קומען געוויינלעך קיין סאַך נײַסן ניט פאָר: מען געדענקט דאָ יעדע פּאַסירונג, מען ווייס ווער עס איז געשטאָרבן, ווו ערגעץ אַ קינד איז געבוירן געוואָרן, ווער מיט וועמען דאַרף כאַסענע האָבן. אויך אַליטעט האָט דאָס געוווּסט. אין איינעם אַ ווינטער־טאָג, אין אַ שניי־שטורעם, ווען טיגרענאַ איז געבוירן געוואָרן און מען האָט זי אָפּגעוואַשן מיט שניי, האָט דער גאַנצער לאַגער געוווּסט, אַז אַ מיידל איז אַף דער וועלט געקומען. אַפן צווייטן טאָג האָט מען שוין געוווּסט, אַז טיגרענאַ איז באַשערט צו זײַן איעס ווײַב. די יונגע קינדער האָבן זיך אינאיינעם געשפּילט, אינאיינעם דערנאָך געגאַנגען אַף יאַגד, איינער צום צווייטן זיך צוגעוווינט און געוואַרט אַפן טאָג ווען זיי וועלן ווערן מאַן און ווײַב.

אויך אַליטעט האָט דאָס געוווּסט.

„נאָר אַז דער פוקס געפינט אין דער טונדרע אַ שטיק פליישׁ, וועט עס דען באַ אים דער וואָלף ניט צונעמען? ער דאַרף זיך אַפילע ניט באַמיִען. דער פוקס אַליין אַנטלויפט ווען ער זעט דעם וואָלף צוקומען". — טראַכט זיך אַליטעט און קוקט אַף איען.

אַליטעט האָט גענומען דעם פוטער — די כאַסענע־מאַטאַנע — און געגאַנגען צו דער „יאַראַנגאַ". שוין אַף דער שוועל שטייענדיק, האָט ער אַ הוסט געטאָן, צו וויסן צו געבן, אַז ער איז דאָ.

— דאָס ביסטו, אַליטעט? — האָט זיך דערהערט קאַמענוואַטס אַנגעשפּאַלטענער קאָל.

— יאָ, דאָס בין איך. — און ער האָט דערלאַנגט דעם אַלטן די הירשן־פעל.

דער אַלטער האָט אָנגענומען די מאַטאַנע.

אַליטעט האָט זיך אָנגעבויגן און גיך אַרײַנגעשפּאַנט אין דער „יאַראַנגאַ". זײַן רויט פּאָנעם האָט געשמייכלט מיט אַן אויסדרוק פון זעלבסטצופרידנקייט. ער האָט באַטראַכט די ווױנונג און זײַן בליק איז געפאַלן אַף טיגרענאַן, וואָס איז געשטאַנען מיטן רוקן צו אים און זיך געפלאָכטן די צעפּ. דאָס געצעלט איז געווען באַלויכטן. קאַמענוואַט איז געזעסן אַף די פוטערס און האָט אין די הענט געהאַלטן די כאַסענע־מאַטאַנע.

— אַ ווילע פעל — האָט דער אַלטער זיך אָנגערופן מיט אַ צוויי־טיקטן שמייכל און האָט זי איבערגעגעבן דעם ווײַב.

די אַלטע האָט זאָרגעוודיק צונויפגעלייגט די פעל און זי אויפגעהאַנגען אַפן בעליק: טיגרענאַס גורל איז שוין באַשטימט.

אַן איין וואָרט האָט טיגרענאַ אַוועקגעשטעלט אַ נידעריק טישל אינמיטן געצעלט און האָט דערלאַנגט טיי.

איר טרויעריקער בליק האָט אויסגעמיטן אַליטעטן.

— טיגרענאַ, פאַרוואָס איז אַף דײַן פּאָנעם קיין פרייד ניטאָ? — האָט די מוטער געפרעגט. — זע סאַראַ אָנגעזעענער מענטש עס איז געקומען צו אונדז אין דער „יאַראַנגאַ".

טיגרענאַ האָט די אויגן ניט אויפגעהויבן, ווי זי וואָלט ניט געהערט דער מוטערס פרעגן. דעם ערשטן מאָל אַף איר לעבן ווי זי ענטפערט ניט. און עפּשער האָט זי מיט אַן עמעס ניט געהערט, אַ פאַרטראַכטע אין אירע געדאַנקען.

אַליטעט האָט געקוקט אַף טיגרענאַן און געשטשירעט די צייז.

— ניט וויכטיק. פרייד איז ווי אַ שנייעלע. גיט אַ בלאָז אַ ווינט, הייבט זיך עס אויף. זאָל נאָר זײַן אַ גינסטיקער ווינט.

אַליטעט'האָט זיך אַנטבלויזט ביזן גאַרטל און איז צוגעקומען צום טיש. באַם טיי טרינקען האָט ער דערציילט וועגן דעם גרויסן זומערדיקן יאַגד אַף מאַרזשן און וועגן די פײַערן וואָס האָבן באַלויכטן זײַן וועג. צו טיגרענאַן האָט ער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. מיט דער צײַט וועט אַלץ קומען אַף אַן אָרט.

ווען אַליטעט איז אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טאָן אַף די הינט, איז אים קאָמענוואָט נאָכגעגאַנגען.

— טאָכטער מײַנע, — האָט די אַלטע געזאָגט צו טיגרענאַן. — איצט וועסטו ווערן אַ ריכטיקע פרוי. דײַנע קינדער וועט ניט פעלן קיין עסן. באַ אַליטעטן אין שטוב איז שטענדיק פאַראַן פלייש צו זעט. אַן אומגליק וועט זײַן אויב דו וועסט ניט האָבן קיין קינדער. דעמאָלט וועסטו ניט זײַן קיין ריכטיקע פרוי.

דעם צווייטן טאָג אינדערפרי, האָט אַליטעט איבערגעלאָזט קאָמענוואָטן דרײַ הינט און איז אַרויסגעפאָרן צום לאַגער ענמאַקײַ מיט זײַן יונגן ווײַב טיגרענאַ.

קאַפּיטל X

טיגרענאַ האָט זיך אינגאַנצן געענדערט: אַ שוויַיגנדיקע, אַ טרויעריקע, ווי אַ פוקס אין אַ שטײַג. אין דער היים באַ זיך, אין יאַנראַקענאָט, איז זי שטענדיק געווען אַ פריילעכע, אַ באַרײדעוודיקע; אין אַליטעטס „יאַראַנגאַ" עפנט זי קוים דאָס מויל.

זי שנײַדט איצט אויס אַ זויל פון פאַקע־לעדער. פאַמעלעך, ווי ניט גערן, האָט זי גענומען פאַרבייגן די ברעגעס. די זויל פאַלט איר פון די הענט אַרויס.

טיגרענאַ האָט נאָך קליינערהייט זיך אויסגעלערנט נייען „טאָרבאַזן" פאַר די פאַסטעכער. נאָר אין דער היים פלעגט זי אַרבעטן מיט אינטערעס, זי פלעגט אויסנייען די כאַליעוועס מיט פאַרשיידן־קאָלירטע הירשן־האָר. פאַרן גאַנצן לאַנגן ווינטער פלעגט זי אויפנייען ניט מער ווי עטלעכע פאָר: פאַרן פאָטער, פאַר איר כאַסן אַיע און פאַר זיך אַליין. טאַראַ פרייד איר פלעגט פאַרשאַפן יעדע פאַר אַרויסגעענדיקטע „טאָרבאַזן"! אין אַלע „יאַראַנגאַס" פלעגט מען ריידן פון טיגרענאַס קונסט־אַרבעט.

דאָ, אָבער, באַ אַליטעטן אין שטוב, האָט זי געמוזט נייען פאַשעטע „טאָרבאַזן" פאַר די פאַסטעכער. די אַרבעט, אַ שנעלע, האָט זי פאַרמאַטערט. זי האָט שוין צוואַנציק פאָר אויפגענייט און מען זעט קיין סאָף ניט.

אַליטעט יאָגט זי אונטער. ווי נאָר זי נייט אויף אַ געוויסע צאָל פאָר, פירט ער זיי אַוועק, איינאײנעם מיט אַנדערע סכוירעס, אַף דער טונדרע, צו די נאָמאַדן הירשן־פיטערער.

נאָרגינאָט, אַליטעטס ערשטע פרוי, איז אַרויסגעקומען פון איר צימער, האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן טיגרענאַן און גענומען ליבלעך ריידן צו איר, ווי אַ מאַמע:

— נאָר דו נייסט און דו נייסט. אַליטעט איז זייער אַ זשעדנער. זאָלסט אים אַפילע אויפנייען צוויי פאָר דורכן טאָג, וועט אים אויך קאַרג זײַן. די טונדרע איז גרויס און מענטשן איז דאָרטן דאָ אַ סאַך.

— נאַרגינאַט, וואָס גייט עס אַזוי אָן אַליטעטן צו באַשיכן די נאָמאַדן?

— האָט טיגרענאַ געפרעגט.

— די נאָמאַדן האָבן ניט קיין פּאַקע־לעדער און פּאַסטעכער מוזן קע־סיידער אומגיין. דערפאַר מוזן זיי האָבן אַ סאַך שיך.

— מיר פלעגן אויך נייען שיך פאַר נאָמאַדן, אָבער נאָר פאַר קרויווים. האָט דען אַליטעט אַזויפיל קרויווים?

— ער בײַט „טאַרבאַזן" אָף פוקסענע פוטערס. אַלע ווײַבער פונעם לאַגער אַרבעטן פאַר אים, נאָר עס קלעקט ניט.

טיגרענאַ האָט אַוועקגעלייגט די אַרבעט און הערט זיך אײַן צו נאַרגי־נאַטס ליבלעכע ווערטער. ווי גוט זי איז פּלוצים געוואָרן, אָט די עלטערע פרוי, וואָס האָט ביז איצט אויסגעזען צו זײַן אַזאַ שלעכטע!

— דו האָסט אויך אַ סאַך געניייט, נאַרגינאַט? איך זע די הענט באַ דיר זײַנען צעשטאָכן און צעקאַרבט.

— ניין, די ערשטע צײַט האָבן מיר געלעבט ווי אַלע לעבן. איך האָב אים געהאַט דרײַ קינדער. און איך בין געווען זייער גליקלעך. דערנאָך איז דאָס גליק אַוועק. אַליטעט האָט באַקומען אַ געפערלעכע קראַנקייט. קאַראַגוע האָט געזאָגט, אַז דאָס עלטסטע קינד דאַרף מיט זיך מיטנעמען די קראַנקייט. אַליטעט האָט דאָס קינד דערטראַנקען און האָט זיך אויסגעהיילט. ס׳מיי־דעלע איז אויך אַזוי געשטאָרבן. איצט לעב איך ווי מען וואָלט באַ מיר דאָס האַרץ אַרויסגעריסן. איך האָב קיין האַרץ ניט, טיגרענאַ. — און נאַרגינאַט גיט צו אין דער שטיל: — ס׳איז באַ מיר אַפּאָנעם צעריסן געוואָרן.

די ווײַבער שווײַגן אַ לאַנגע ווײַלע.

— ווען אַליטעט איז געוואָרן גוטברודער מיט דעם נאָרד־אַמעריקאַנער, — האָט נאַרגינאַט ווידער אָנגעהויבן, — איז ער אינגאַנצן קאַליע געוואָרן. ער האָט גענומען זיך אַליין פײַניקן. זעלטן אַז מען זעט אים אין דער היים. ראַק ער פאָרט אַרום. דאָ מיט דעם, דאָ מיט אַ צווייטן שליטן. ער האָט אַ סאַך הינט. און ער איז פאַרהאָוועט אַ סאַך מער ווי מען באַדאַרף צום לעבן. און די ווײַבער דאַרף ער לאַכלוטן ניט אָף צו האָבן קינדער.

טיגרענאַ האָט מיט שרעק זיך צוגעהערט צו נאַרגינאַטס רייד.

— נאַרגינאַט, — האָט זי טרויעריק זיך אָנגערופן. — איך האָב גע־האָט אַ כאָסן פון קינדווײַז: איע. ס׳איז מיר אַ צאַר אָף אים. איך האָב אָהער ניט געוואָלט גיין. זײַ ניט ברויגעז אָף מיר.

— איך ווייס. מיט דיר פיל איך מיך בעסער. לעבן דיר וועט מיר גרינגער זײַן צו לעבן.

נאַרגינאַט איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט גענומען טיגרענאַס אַרבעט און געזאָגט:

— גיי, טיגרענאַ, שפּאַציר זיך דורך. איך וועל נייען פאַר דיר. אַפילע דער אַלטער קאַראַגוע גייט אַמאָל אַרויס פון דער „יאַראַנגאַ". גיי צו וואַאַמ־טשאַן. די יונגעלײַט פאַרווײַלן זיך דאָרט. נאָר גיב אַכטונג קאַראַגוע זאָל דיך ניט זען. ער האָט ניט ליב וואַאַמטשאַן.

— איך וואָלט געגרן גיין אָף יאַגד, נאַרגינאַט! אָפן אײַז, אָף דער פרײַער לופט! איך בין געוווינט דערצו. מען פילט זיך דאָרט אַזוי גוט!

— ווען אַליטעט וועט צוריקקומען, וועל איך עס אים זאָגן. עס וועט אים פרייען. שוין לאַנג ווי ער גייט ניט אָף יאַגד און וואָס אַ טאָג וויל ער מער פוטערס. הער אויס, טומאַטוגע בויט צו אַ נײַעם צימער צום געצעלט.

אַליטעט וויל אַרײַנברענגען אַ דריט ווײַב. — זי גיט אַ קוק אַף דער איבערגעראַשטער טיגרענאַ און זאָגט שטילער: — זאָרג ניט, עס וועט אונדז ווערן גרינגער. זע, וויפל אַרבעט אַליטעט האָט פאַרגרייט.

אין גאַס האָט געוואָיעט דער ווינט. אַליטעט איז אַהיים ניט געקומען. ער איז ראַק אַרומגעפאָרן און זיך אָפגעשטעלט אין די הײַזער פון זײַנע „נעוווטום״, גוטע ברידער צוליבן ווײַב.

אַפן ברעגלאַנד איז געווען אַזאַ אײַנפיר, אַז יעגערס מאַכן אָפ צווישן זיך צײַטווײַליק צו בײַטן זיך מיט די ווײַבער. ניט זעלטן האָט מען געקענט הערן איינעם זאָגן: „דער זון איז מײַנער, יענער איז פון מײַן פרײַנט און מײַן פרוי״. אַזאַ פאַרבינדונג צווישן צוויי פאַמיליעס פלעגט צווינגען צו קעגנזײַטיקער הילף. ווען איינער פון די גוטע ברידער איז געשטאָרבן אָדער פאַרשוווּנדן, פלעגט דער אַנדערער נעמען אַף זיך אויסצוהאַלטן זײַן הויזגעזינד. צוויי מענער וואָס האָבן געהאַט באַציִונג מיט איינער און דער זעלבער פרוי, האָט מען גערופן „נעוווטום״.

נאָר קיינער האָט ניט אַזוי געהאַלטן פון דעם אײַנפיר ווי אַליטעט. עס איז קימאַט ניט געווען קיין איין לאַגער, וווּ ער זאָל ניט געווען האָבן אַזאַ גוטן ברודער.

קאַפיטל XI

דאָס לעבן אינעם לאַגער ענמאַקײַ גייט זיך זײַן געוויינלעכן גאַנג. ווי נאָר עס שטילט זיך אײַן דער שטורעם, גייען די יעגערס אַרויס אַפן יאַם. זיי נעמען אַפן אַקסל די ביקס, אין אַ פאָקענעם טשעכאָל אַרײַנגעשטעקט, און לאָזן זיך אַוועק צו די אײַז־בלאָקן, וווּ די ווינטן און די יאַם־שטראָמען עפענען ברייטע שפאַלטן.

נאָך איידער זיי גייען אַרויס פונעם לאַגער, דערוויסן זיי זיך לויטן הימל ווי לאַנג די שפאַלטן זײַנען און ווי ווײַט עס איז צו זיי. גרויסע שפאַלטן, ווי אָזערעס מיט אײַז באַזוימטע, טויגן ניט צו יאַגד: ס׳איז שווער אַרויסצוציִען פון דאָרט די טויטע פאָקעס.

די יעגערס, אין ווײַסע כאַלאַטן, וואָס פאַרטושן זיי מיט דעם שניי פון דער ווײַטנס, שטעלן זיך אַוועק הינטער אַן אײַז־בלאָק, רייכערן זייערע ליולקעס, קוקן זיך אײַן אינעם וואַסער און לויערן אַ פאָקע זאָל זיך באַווײַזן. זעלטן באַווײַזן זיי זיך, נאָר אַז אַ פאָקע שטעקט אַרויס איר באַוואָנצעטן קאָפ פונעם וואַסער, דערהערט זיך טייקעף אַ שאָס פון אַ „ווינטשעסטער״. די פאָקע נעמט באַוועגן מיט די זשאַברעס, טוקט זיך אונטער אַ ווײַלע אין יאַם און שווימט באַלד אַרויף, באַפאַרבנדיק דאָס וואַסער מיט איר בלוט.

טיגרענאַ גייט אַף יאַגד גלײַך מיט אַלע מענער פונעם ענמאַקײַ־לאַגער. פריילעך גייט זי אַרויס אַף דער יאַגד, אַפן יאַם, אַף דער לופטיקער ראַכוועס, אַבי ניט צו בלײַבן אין דער „יאַראַנגאַ״ מיט אַליטעטן.

דרײַ טעג נאָכאַנאַנד זײַנען די יעגערס אַרויס אַפן אײַז און צוריקגעקומען אָן געפאַנג. אַפן פערטן טאָג האָט פלוצים גענומען בלאָזן אַ שטאַרקער ווינט פונעם ברעג. בלײַבן אַפן אײַז איז געווען געפערלעך, האָבן זיך די יעגערס שנעל אַהיימגעלאָזט. אַלע זײַנען צוריקגעקומען, אַ כוץ איין וואַאַמטשאָ. די יעגערס זײַנען אומרויִק געוואָרן.

— אַ פֿאַרפֿירערישער גייסט האָט זיך באַוויזן אויפֿן ברעג, — האָט קאַ־ראַגוע געוואָרנט. — מען דאַרף אים פֿאַרטרייבן מיט אַ גרויסן קאָרבן.

טיגרענאַ האָט געטראַכט:

„אַליטעט איז אַוועק אין דער טונדרע זיך זען מיט עטשאַווטאַ, דעם רייכן הירשן־פּיטערער. ער וועט צוריקקומען... וואַאַמטשאַ אָבער איז אַרויס־געפֿאָרן אויף אַ שליטן מיט פֿיר הינט, איז אַריין צווישן אייז־בלאָקן זוכן אַ גוטן געפֿאַנג. באַדאַרפֿט האָט וואַאַמטשאַ זײַן אין דער טונדרע און אַליטעט אויף יאַגד".

אין דעם אויגנבליק האָט דאָס מיידל דערפֿילט אויף זיך דעם שאַמאַנס טרויעריקן און צודרינגלעכן בליק. טיגרענאַ האָט זיך אומגעקוקט און קעדיי עפּעס צו טאָן, האָט זי גענומען דורכקוקן די פֿוטערס. איר האָט זיך געדוכט, אַז דער אַלטער האָט געטראָפֿן אירע שלעכטע מאַכשאָוועס. אַ שרעק איז איר באַפֿאַלן, זי האָט דערפֿילט אַזאַ אַנגסט אַז זי האָט געמוזט אַרויסגיין פֿונעם געצעלט.

וואַאַמטשאַס אַנדענק איז איר פֿון איר ניט אָפּגעטראָטן. אַ גוטער מענטש רופֿט שטענדיק אַרויס מיטגעפֿיל. זי האָט געוווּסט, אַז וואַאַמטשאַ מוז איצט אומגיין אַ פֿאַרלוירענער ערגעץ צווישן אייז און זוכן ווו ערגעץ זיך אויסצו־באַהאַלטן פֿונעם ווינט.

— וווּהין גייט מען? — האָט זיך טיגרענאַ געפֿרעגט.

דער ווינט האָט געבלאָזן מיט אימפּעט, געכמאַליעט, און די „יאַראַנ־גאָס" זײַנען קימאַט פֿאַרשאָטן געוואָרן אונטערן שניי. פֿונעם יאַם האָט זיך דערטראָגן דאָס קראַכן פֿונעם אייז.

„איכל גיין צו וואַאַלן" — האָט טיגרענאַ באַשלאָסן.

בײַ וואַאַלן אין דער „יאַראַנגאַ" זײַנען געזעסן אַכט יעגערס אַרום דעם אַלטן. געשטאַנען איז אַ פֿײַנלעכע שטילקייט. קיינער האָט ניט געמערקט אַז דאָס פֿײַער טשאַדעט. אַלע זײַנען זיי זיכער געווען, אַז וואַאַמטשאַ איז פֿאַר־גאַנגען ווײַט פֿונעם ברעג.

טיגרענאַ האָט מיט אַ שטעקעלע צעשאַרט דעם מאָך אויף דער פֿײַער־פֿאַן. זי האָט זיך ניט דערוועגט פֿרעגן אויף וואַאַמטשאַ און האָט זיך שטיל געזעצט אָן אַ זײַט.

דער אַלטער וואַאַל איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויף דער ברוסט און אַפֿילו ניט גערויכערט. איבער די קנייטשן פֿון זײַן פּאָנעם זײַנען גערונען גרויסע טרערן. דער אַלטער האָט אַ פֿיר געטאָן די האַנט איבערן פּאָ־נעם, געזען די דלאָניע איז נאַס פֿון טרערן, האָט ער אַ מורמל געטאָן:

— כ'האָב קיינמאָל ניט געזען... די טרערן. כ'בין אַלט געוואָרן. כ'קען מיך ניט אײַנהאַלטן.

וואַאַל האָט לאַנג געקוקט אויף זײַן האַנט מיט די צעגומענע פֿינגער.

— ווו זײַנען וואַאַמטשאַס אַנדערע מאַלבושים? — האָט טיגרענאַ אַ פֿרעג געטאָן.

— דאָרט, בײַם אַרײַנגאַנג. — האָט דער אַלטער געענטפֿערט.

די יעגערס האָבן געבראַכט די מאַלבושים און מען האָט גענומען אָנטאָן אַ ליאַלקע. פֿיבערדיק האָבן זיי אָנגעשטאָפּט די „קוכליאַנקע", די הויזן, די שיך, מיט אַלץ וואָס איז זיי צו דער האַנט געקומען. אין אַ ווײַלע אַרום איז פֿאַרטיק געוואָרן אַ ליאַלקע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש. פֿונעם

אַלטנס באַלעבאַטישקייט זײַנען געבליבן ניט מער ווי צוויי פּעלן: אַלדאָס איבעריקע איז אַוועק אױף אַנצושטאָפּן די ליאַלקע.

— עפּשער איז נאָך ניט גענוג? — האָט דער אַלטער געפרעגט. — נעמט אויך די פּעלן, איך האָב ניט בעדייע צו שלאָפן.

די ליאַלקע האָט מען מיט גרויס פּאָרזיכטיקייט אַוועקגעשטעלט באַם אַרײַנגאַנג.

קאַפּיטל XII

אַפן וועג אַהיים, האָט טיגרענאַ נאָך פון ווײַטן געהערט דעם געפּײַקל.

זי איז שטיין געבליבן. דער ווינט האָט זי אומגעוואָרפן. דערנאָך האָט זי זיך געלאָזט לויפן אַהיים און זיך אײַנגעהערט צום שאַמאַנס קישעפן און צו זײַן פּײַקלען.

איר האָט זיך געדוכט אַז די פּעלענע ווענט פונעם „יאַראַנגאַ" זײַנען פול מיט קלאַנגען און אַז די קלאַנגען לויפן אום ווי לעבעדיקע באַשעפענישן פון אָרט צו אָרט, פון דער ערד ביז צום דאַך. טיגרענאַ האָט זיך פאַרגעשטעלט קאַראַגועס פינצטערע געשטאַלט.

אין דער פינצטער האָט זי דערפילט ווי עפּעס רוקט זיך צו אירע פיס.

טיגרענאַ האָט פון שרעק אויפגעציטערט. זי האָט שנעל געוואָלט אַרײַנגײן אין געצעלט און ניט געקענט. די פיס האָבן איר ניט געפאָלגט. מיטאַמאָל האָט זי דערהערט אַ זייער באַקאַנטן וואָרטשען. ס'איז געווען די אַלטע צויג. טיגרענאַ האָט זיך באַרויִקט.

צוגעזעצט זיך אױף די שפּיץ פינגער, האָט זי אויפגעזוכט דעם שנוק באַ דער צויג און האָט זי צערטלעך געגלעט.

דער שאַמאַן האָט געשריגן און צוגעפּויקט מיטן פּײַקל:

שטיל דיך אײַן, ווינט!...
לאַנג שוין אַז אַליטעט איז פון דער היים אַוועק!...
גײַסטער, לײַטערט אוים דאָס וועטער!
איך וועל אײַך אַ קאָרבן ברענגען וואַאַמטשאַ!...

טיגרענאַ האָט געהערט דעם שאַמאַנס ווערטער און האָט זיך ניט דערוועגט אַפילע אַן אָטעם צו טאָן. אַרומגענומען מיט דער צויג, האָט זי געשעפּטשעט:

— האָסט גליק וואָס דו ביסט אַ כאַיע. אַזוי איז בעסער. איך וויל ניט אַרײַנגײן אין „יאַראַנגאַ" און זיך טרעפן מיט דעם אַלטנס בליקן. איך וואָלט גערן מיט דיר דאָ אײַנגעשלאָפן, אינעם פירהויז, אין פינצטערער נאָכט. נאָר קיינעם ניט זען.

דאָס פּײַקל האָט טרויעריק און רעווענדיק געפּויקט. און ווידער האָט זי דערהערט די ווערטער. אַרויסגעקומען זײַנען זיי הייזעריק פון קאַראַגועס מויל:

זײַן „יאַראַנגאַ" איז אַ קוואַל פון אומגליקן...
אילינועט איז געשטאָרבן פון קעלט... וואַאַמטשאַ... גײַסטער...

דאָס געפּײַקל האָט פאַרטויבט די ווערטער.

טיגרענאַ איז לאַנג געזעסן אַן איבערגעבויגענע איבער דער צויג.

דערנאָך איז שטיל געוואָרן. די שטילקייט איז פון צײַט צו צײַט איבערגעריסן געוואָרן מיט דעם שאַמאַנס הייזעריקן קאָל; אַ דערשעפּטער, האָט ער שוין בלויז געקרעכצט מיט דעם געכאָרכל פון אַ פּאָקע אַפן האַרפּון.

באַ טיגרענאַן זײַנען, פון לאַנגן זיצן אַף די שפיץ פינגער, די פיס פאַר־שטאַרט געוואָרן און גענומען פרירן. דאָס מיידל האָט זיך פאַרזיכטיק אויפ־געהויבן און קימאַט אַף אַלע פיר אַרײַנגעקומען אין געצעלט. זי האָט קיין פײַער ניט אָנגעצונדן און שטילערהייט זיך אויסגעטאָן. מיטאַמאָל האָט זי דערהערט קאָראַגועס הייזעריקן קאָל:

— כאַיעס גייען ניט אַרויס פון זייערע נאָרעס אין אַזאַ וועטער. צי דו מיינסט, אַז דו מעגסט גיין וווּ דיר ווילט זיך ווען דער מאַן איז ניטאָ?

טיגרענאַ האָט געענטפערט אָן דערמאָנען וואַאַמטשאָס נאָמען:

— קאָראַגוע, אַ מענטש איז פאַרשלעפט געוואָרן פונעם אײַז... מיר האָבן געמאַכט אַ ליאַלקע. מענטשן ווילן וויסן צי ער לעבט. הערסט ווי דער ווינט ברומט?

— איך הער און איך ווייס אַלץ. זוך ניט דאָרט דעם טרויער. אַלץ קען פאַסירן. אַליטעט... — דער שאַמאַן האָט ניט פאַרענדיקט, קעדיי ניט צו ברענגען די בייזע גײַסטער אַף אַליטעטן.

— ווער ווייס, קאָראַגוע, וואָס די גײַסטער קענען אָפטאָן? מיינסטו ניט, אַז אַליטעט האָט געקענט אַראָפ פונעם וועג אָדער אַרײַן אין אַן אָפגרונט? — האָט טיגרענאַ געפרעגט, אַ געשיצטע פון דער פינצטערניש.

— שווײַג און לייג זיך שלאָפן, — האָט קאָראַגוע אַ שיפע געטאָן. — האָסט אַ ווײַבערישע צונג, אַ ניט באַטראַכטע, וואָס פלוידערט דאָס וואָס זי דאַרף ניט פלוידערן.

טיגרענאַ האָט אין זיך הייס געוווּנטשן אַליטעט זאָל אומקומען, פון אַ ליאַדע באַרג אַראָפפאַלן. אַזוינס קען טרעפן אַפילע מיט גוטע מענטשן.

די נאַכט איז פאַרבײַ אין שרעק. דער ווינט האָט געווילדעוועט באַם אַרײַנגאַנג אין די „יאַראַנגאַס”, אין דער ריכטונג צום יאַם. די יעגער זײַנען זיך ווידער צונויפגעקומען צו וואַלן אין דער „יאַראַנגאַ”. דער ווינט איז אַרײַן דורך די טיר־שפאַלטן און האָט געטרייסלט די ליאַלקע. צוויי יעגערס האָבן געהאַלטן וואַך באַ דער ליאַלקע און פון צײַט צו צײַט געשריגן צום אַלטן: „זי רירט זיך”.

וואַאַל איז געזעסן אינעם געצעלט. ווען נאָר ער האָט געהערט די ווער־טער, איז אים אַ גליקלעכער שמייכל איבערגעלאָפן איבערן פאַרמאַטערטן און צעווייטיקטן פאָנעם.

די ליאַלקע רירט זיך, אַ סימען אַז וואַאַמטשאָ לעבט נאָך.

מיטאָג־צײַט זײַנען די יעגערס ווידער געקומען. זיי האָבן געקוקט צום הימל דורך די געדיכטע וואָלקנס. זיי האָבן איבערגעשלאָגן איינער דעם צווייטן און געזאָגט:

— מען דאַרף זיך ריכטן דער ווינט זאָל זיך אויסדרייען. דער ווינט וועט אים צוברענגען צום ברעג.

— וואַאַל, דער הימל לײַטערט זיך אויס. דער ווינט וויל זיך אײַנשטילן. דאָס איז גוט פאַר אים.

— מען דאַרף בעטן קאָראַגוע דער ווינט זאָל זײַן אַ גינסטיקער.

קיין איינער פון די יעגערס האָט ניט דערמאָנט וואַאַמטשאָס נאָמען. מען דאַרף ניט אויסזאָגן די בייזע גײַסטער וועגן וועמען עס רעדט זיך.

דער אַלטער וואַאַל האָט אויסגעהערט וואָס די יעגערס זאָגן און האָט געקוקט אַף זיי מיט טרויעריקע פאַרטראַכטע אויגן.

— שטאָפּט מיר אַן די ליולקע. מײַן האַרץ בעט רויך. — האָט ער אַ זיפץ געטאָן מיט אַן אָפּגעשוואַכטן קאָל.

טיגרענאַ איז אַרײַנגעקומען.

— וואַאַל, דער הימל לײַטערט זיך אויס. דער שטורעם וועט זיך אײַנשטילן, וועט ער צוריקקומען. איך ווייס... ער איז זייער אַ פלינקער...

דער אַלטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. טיגרענאַ איז צוגעגאַנגען צום לעמפּל און האָט דאָס אָנגעגאָסן מיט פעטס, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט.

— דאָס האָט נאַרגינאַט מיר געהייסן ברענגען דיר דאָס פעטס. זי איז אַ פאַרשטענדיקע פרוי.

קאַפּיטל XIII

מיט אַ טאָג פריער, ווען וואַאַמטשאַ, באַגלײַט מיט אַלע יעגערס, איז צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט, האָט אים דער אַלטער וואַאַל געזאָגט:

— די פאָקעס זײַנען איצט ווײַט. אין די ווײַטע שפּאַלטן.

וואַאַמטשאַ האָט דערויף גאָרנישט ניט געזאָגט. ס'האָט געקענט הייסן, אַז ער באַצייט זיך גלײַכגילטיק צום פאָטערס ווערטער. וואַאַל איז געווען אַ גרויסער יעגער און האָט געזאָגט דעם עמעס. נאָר ווער וועט זיך עס אײַנשטעלן אַוועקצולאָזן זיך אַזוי ווײַט פונעם ברעג אַף דעם שווימענדיקן אײַז?

דער הונגער האָט זיך געלאָזט פילן אָפן ברעגלאַנד. אין די „יאַראַנגאַס" האָט מען נאָר גערעדט וועגן יאַגד אַף פאָקעס. אַ סאַך האָבן זיך אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן יאַגד אַף פוקסן. וואָס פאַר אַ יאַגד איז עס? פוקסן־יאַגד האָט אַ זין נאָר דעמאָלט ווען דער מענטש האָט אָפּגעגעסן צו זאַט. מיט פוטערס קויפט מען אײַן זאַכן. אָן זאַכן שטאַרבט מען ניט, נאָר אָן עסן קען אַ מענטש ניט לעבן. און וואַאַמטשאַ וועט דאָך ניט גיין בעטן פלייש צו אַליטעטן! האָט ער באַשלאָסן פּרוּוון מאַזל באַ די ווײַטע שפּאַלטן, וואָס דער פאָטער האָט וועגן זיי גערעדט.

גאַנץ פרי, האָט וואַאַמטשאַ אײַנגעשפּאַנט פיר הינט אין זײַן גרינגן שליטן און איז אַוועק צום אײַז.

געווען איז נאָך נאַכט און די „יאַראַנגאַס" וואָס שטייען אין די בערג, זײַנען שנעל פאַרשוווּנדן אינעם שאָטן. וואַאַמטשאַ איז לאַנג אומגעגאַנגען איבער די אײַז־בלאָקן ביז די לעוואָנע איז אַרויס, און ווען אירע שטראַלן האָבן מיט אַ קנאַפּער שײַן באַלויכטן די אײַז־בלאָקן, האָבן די הינט גענומען לויפן שנעלער. פון ווײַטנס נאָך האָט וואַאַמטשאַ דערזען דעם שפּאַלט.

„דאָ מוזן זײַן פאָקעס!" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן מיט יעגערישער פרייד אין האַרצן.

— טשעגיט! פּאַט־פּאַט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צום שפּיץ־הונט.

טשעגיט האָט פאַרשטאַנען און האָט זיך פאַרנומען צום שפּאַלט צו.

דער שליטן איז פאַרבײַגעלאָפן אַ ריזיקן אײַזבאַרג. באַלד דערויף האָט וואַאַמטשאַ אָפּגעשטעלט די הינט, איז אַרויף אָפן אײַזבאַרג און האָט באַקוקט די געגנט. אין דער ווײַט האָט ער דערזען אַ פאַס שטילן אָפענעם יאַם. שטיל איז געווען אין דער פרימאָרגן־שאָ. פונעם וואַסער האָט זיך געהויבן אַ דאַמף. וואַאַמטשאַ איז שנעל אַראָפּ פונעם אײַזבאַרג, האָט זיך אויפגעזעצט אָפן

שליטן, אַ טרײַב געטאָן די הינט און צוגעפאָרן צום אָפענעם שפּאַלט צווישן די אײַז־בלאָקן.

— דאָ איז אַ גוט פּלאַץ. פון הינטער דעם אײַז־בלאָק וועל איך קענען זען די פּאָקעס — האָט וואַמטשאָ צו זיך אַליין גערעדט. — ער האָט אָפּגע־שטופּט די הינט און צוגעקומען צום ראַנד. ער האָט אַלץ גרייט געמאַכט און האָט אָנגעצונדן די ליולקע. ווי נאָר אָבער ער האָט באַהאַלטן אין בוזעם־קע־שענע די מעטאַלענע פּושקע מיט טאַבאַק, האָט ער גאַנץ נאָענט פון זיך דער־זען אַ פּאָקע. געשווומען איז זי ווי אַ געשפּענסט, און וואַמטשאָס האַרץ האָט געקלאַפּט פון פרייד. נאָר די פּאָקע איז אים פון די אויגן פאַרשווונדן איידער נאָך ער האָט צײַט געהאַט אָנצוצילן. וואַמטשאָ האָט לאַנג געקוקט אינעם וואַסער, אַ צעכוואַליעטס אין אַלע זײַטן, נאָר פון דער פּאָקע איז קיין שפּור ניט געבליבן.

„פאַראַן דאָ פּאָקעס !", און אַ צופרידענער שמייכל האָט באַלויכטן וואַמטשאָס פּנים. מיט דער ביקס אָן דער קני אָנגעשפּאַרט, האָט ער ווידער גענומען רייכערן.

באַוויזן האָט זיך נאָר איין פּאָקע און אויך די איז טייקעף אײַנגעזונקען.

„וואָס קומט דאָ פאָר ?" — האָט וואַמטשאָ צו זיך אַ זאָג געטאָן. — „פילט עפּשער די פּאָקע דעם רייעך פון טאַבאַק ? צי עפּשער דערשמעקט זי די הינט ? דאָס מיסטאָמע איז עס. דער ווינט בלאָזט פונעם ברעג".

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַריבערגעפירט די הינט ווײַטער, הינטער אַן אײַזבאַרג. שוין צוריקקומענדיק, האָט ער גענומען באַקוקן דעם שוואַרצן פּאַס וואַסער אינעם שפּאַלט. ער איז אויגנשײַנלעך גרעסער געוואָרן.

וואַמטשאָ האָט געדרייט די ביקס און מיט זײַן דורכדרינגלעכן בליק געפאָרשט דעם טונקעלן יאַם, אויסקוקנדיק געפאַנג. זײַן גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט, אַלע זײַנע געדאַנקען, זײַנען דערין געווען אַרײַנגעטאָן.

באַם סאַמע שאַרף פונעם אײַז איז זיך מאַיעסטעטיש געשווומען אַ פּאָקע. געשווומען איז זי גלײַך צום יעגער, ווי זי וואָלט זיך פאַראינטערעסירט מיט אים און שטײַף געקוקט אַף וואַמטשאָן מיט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן. די שיטערע וואָנצעס האָבן אַרויסגעשטעקט פונעם וואַסער.

וואַמטשאָ האָט אַ דריק געטאָן דאָס צינגל און שוין איז די נאַרישע פּאָקע טויט געווען. וואַמטשאָ האָט געשפּרונגען פאַר פרייד. די אויגן האָבן אים געגלאַנצט.

— כ'האָב זי דערשאָסן ! — האָט ער פריידיק אויסגערופן.

ער האָט טייקעף אַ וואָרף געטאָן אַף דער פּאָקע זײַן לאַנגן רימען מיט די שפּיציקע האַטשקעס באַם עק, נאָר ער האָט זי ניט דערלאַנגט. וואַמטשאָ האָט דערפילט ווי די אויגן ווערן אים פאַרנעפּלט. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז די פּאָקע — די פּאָקע וואָס ער האָט דערשאָסן — איז אים פון אונטער די הענט אַפּירגעקומען. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער ווינט וואָס בלאָזט פונעם ברעג, האָט זיך געשטאַרקט. ער האָט איבערגעלאָזט זײַן פּאָסט און איז אַרויף אַפן אײַזבאַרג אַ קוק טאָן אַפן ברעג. „דער ווינט איז דאָרט מעסוקן שטאַרק און דער הימל ווײַזט ניט אַף גוטס", — האָט וואַמ־טשאָ זיך געטראַכט — און האָט באַשלאָסן אומפאַרזאַמט אַהיימצופאָרן. נאָר אַן אומבאַקאַנטע קראַפט האָט אים ווידער געצויגן צו דער טויטער פּאָקע.

דער יאַם איז געווען רויק, קימאַט אומבאַוועגלעך, און האָט אויסגעזען ווי אַ קאָמפּאַקטע מאַסע. אין דעם געדיכטן שוואַרצן וואַסער, אַ באַלויכטנס

מיט דער לעוואַנע, ליגט די פּאַקע. דער יעגער האָט פון איר די אויגן ניט געקענט אָוועקנעמען.

וואַסמטשאַ האָט זיך צום גאַרטל צוגעבונדן דעם עק פונעם רימען און האָט באַשלאָסן אים ווידער צו פאַרוואַרפן. אויך דאָס מאָל האָט ער ניט דערלאַנגט צו דער פּאַקע. דער עק פונעם רימען מיט די האָקן איז געפאַלן אַזוי נאָענט פון דער טויטער כאַיע, אַז דאָס צעכוואַליעטע וואַסער האָט איר **קערפּער צעוויגט.**

וואַסמטשאַ האָט זיך דערמאָנט אָן זײַנע קינדער־שפּילן: ער פלעגט וואַרפן שטיינדלעך פונעם ברעג און אַזוי אַרום צוציִען אַ שווימענדיק שטעקל אָדער אַ שפּענדל. דאָס צעכוואַליעטע וואַסער פלעגט שטענדיק שטויסן די שווימענדיקע זאַך צום זאַמד. די שטיינער האָט מען נאָר באַדאַרפט וואַרפן וואָס נענטער צו דער זאַך, וואָס מען האָט געוואָלט צוציִען.

מיט דער האָפענונג אַז ער וועט די פּאַקע דאָך דערלאַנגען, האָט ער ווידער געוואָרפן דעם רימען. געפאַלן איז ער קימאַט אויף דער פּאַקע, און וואַסמטשאַ האָט אומגעדולדיק געוואַרט אויף דעם מאָמענט ווען ער וועט פאַלן אַ ביסל ווײַטער פון דער כאַיע. ווי פריידיק ער וועט דעמאָלט אײַנשטעכן די האָקן אין דער פעל אויף אַרויסצובאַקומען דעם געפאַנג!

פּלוצים האָט וואַסמטשאַ דערפילט, אַז דער אײַזבאַרג, אויף וועלכן ער איז געשטאַנען, רירט זיך. ער האָט גענומען לויפן צו די הינט. לעבן דעם אײַזבאַרג האָט זיך געעפנט אַ לאָך, און וואַסמטשאַ האָט פאַמעלעך אָפּגעטראָטן. דער שפּאַלט איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז וואַסמטשאַ וואָלט אים שוין ניט אַריבערגעשפּרונגען. ער איז געלאָפן פון איין אָרט אויפן צווייטן, נאָר אַן אָרט ווו אַריבערצושפּרינגען האָט ער ניט געפונען.

„די הינט... די הינט... זײַנען געבליבן אויף דער צווייטער זײַט! — האָט וואַסמטשאַ מיט שרעק אַ טראַכט געטאָן.

דער געדאַנק האָט זײַן גאַנצן וועזן אַדורכגענומען.

ער איז צוגעלאָפן צו דעם אָרט ווו אָקעגן זײַנען געווען די הינט. ער איז שטיין געבליבן, און האָט אַזאַ שטאַרקן פײַף געטאָן, אַז דער ווידערקאָל איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער דער גאַנצער אײַז־וויסטע.

— טשעגיט! טשעגיט! טשעגיט! — האָט וואַסמטשאַ גערופן דעם שפּיץ־הונט.

אויפן רוף פונעם באַלעבאָס, זײַנען די הינט אַרויסגעלאָפן פון הינטער די אײַז־בלאָקן. דער גרינגער שליטן האָט זיך איבערגעקערט, האָט זיך פאַרטשעפּעט באַ די שפּיצן אײַז און האָט זיך גענומען קײַקלען, אַ געשלעפּטער פון די הינט. באַם ראַנד פונעם שפּאַלט זײַנען די הינט שטיין געבליבן. אַ לאַנגער פּאַס פינצטער וואַסער האָט זיי אָפּגעטיילט פון וואַסמטשאַ.

— טשעגיט! טשעגיט! אַהער, אַהער! — האָט וואַסמטשאַ געשריגן און געקלאַפּט מיט די הענט אין די „טאַרבאַזן".

טשעגיט האָט אַ קוק געגעבן אויפן וואַסער האָט אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן יאָמערלעכן געוואַיל.

„ניין, זיי וועלן אינעם וואַסער ניט שפּרינגען. שפּעטער וועלן זיי אויך גיין מיטן אײַז אַראָפּ דעם וואַסער. אַליין וועלן זיי אַהיים ניט קומען. זיכער אַז ניין. און שווימען וועלן מיר אויף באַזונדערע אײַז־בלאָקן".

וואַסמטשאַ האָט געטראַכט בלויז פון זײַנע הינט, פון די אײנציקע

פרײַנט וואָס זײַנען אים פאַרבליבן. די הינט, דוכט זיך, האָבן אים פאַר־שטאַנען און ניט אויפגעהערט קוקן אָף זייער באַלעבאָס.

„טאָמער בלײַב איך אַליין... וועל איך לעבן פיר טעג און דערנאָך וועל איך מיר אָקויל אַרײַנשיסן".

און וואַאַמטשאַ אַ פאַרצווייפלטער האָט ווידער גענומען רופן טשעגיטן.

דער קלוגער הונט איז צו צום וואַסער, האָט אַנגעבויגן דעם שנוק, האָט אַן אַנמעכטיקן קוק געגעגעבן אָף דעם אָפגעהאַקטן באַרג אײַז און איז צוריק־געשפּרונגען.

און ווען ער האָט ווידער דערהערט דעם רוף, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, אַ שפּרונג געטאָן אָפן אײַזבאַרג און איז הענגען געבליבן אָף זײַנע אַרויסגעשטאַרצטע שפּיצן. די איבעריקע הינט האָבן אים מיט אַלע זייערע קויכעס געשלעפּט אָף צוריק. מיט צעקלאַפּטע ביינער איז טשעגיט אַרויף אָפן שפּיץ אײַז־בלאָק און האָט די ציינער אײַנגעביסן אינעם האַלדז פון דעם הונט, וואָס איז אינעם געשפּאַן געגאַנגען באַ זײַן זײַט.

וואַאַמטשאַ האָט שנעל אָפּגעבונדן דעם רימען פונעם גאַרטל און פלינק אַ וואָרף געטאָן אָפן שליטן. די האָקן האָבן אים פאַרטשעפּעט. ציִענדיק דעם רימען, האָט וואַאַמטשאַ געצויגן אין וואַסער אַרײַן די הינט מיט דעם שליטן.

סאַראַ פרייד! איצט איז ער שוין ניט אַליין. וואַאַמטשאַ האָט זיך גע־נומען שפּילן מיט די הינט. די הינט האָבן פון זיך אָפּגעטרייסלט דאָס קאַלטע וואַסער און האָבן אים געלעקט די הענט. וואַאַמטשאַ האָט שנעל אָפּגעבונדן דעם געשפּאַן און די הינט האָבן זיך גענומען קײַקלען אינעם שניי. פונעם וואַסער האָבן זיך אין זייער געדיכטער וואָל געבילדעט אײַז־צעפּלעך. וואַאַמ־טשאַ האָט זיך אָנגעזעצט לעבן טשעגיטן און אָפּגעקלאַפּט פון אים די אײַז־צעפּלעך מיט דעם שטילכל פון זײַן מעסער. די איבעריקע הינט האָבן זיך די אײַז־צעפּלעך מיט די ציין אַראָפּגעריסן.

דער ווינט איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן. די לעוואָנע האָט זיך איבערן אײַז אַראָפּגעלאָזט. ס'איז געוואָרן נאַכט.

קאַפּיטל XIV

וואַאַמטשאַ האָט גענומען דעם שליטן אונטערן אָרעם און, מיט די הינט אַרום זיך, ניט געאײַלט צוגעשפּאַנט צו אַ גרויסן אײַזבאַרג. דאָרט וועט ער זיך קענען אויסבאַהאַלטן פונעם קאַלטן ווינט.

— זעסט דאָך, טשעגיט, דער ווינט שטאַרקט זיך און מירן אונדז מוזן מאַכן אַ „יאַראַנגאַ". — האָט וואַאַמטשאַ גערעדט צום הונט.

דער הונט האָט געדרייט מיטן עק ווי ער וואָלט מיט אים מאַסקים געווען.

וואַאַמטשאַ איז צוגעקומען צום שפּיץ אײַזבאַרג, האָט אים באַקוקט אַרום און אַרום און האָט אויסגעקליבן אַ פּאַסיקן אָרט. מיט דעם מעסער האָט ער אָפּגעשפּאַלטן שטיקער אײַז און געמאַכט אין אים אַ טיפן לאָך. נאָך אַן אײַנגעשפּאַרטער אַרבעט איז די נאָרע פאַרטיק געוואָרן. וואַאַמטשאַ האָט אַהין אַרײַנגעשטעלט דעם שליטן און דערנאָך אַרײַנגעפירט די הינט: זיי וועלן זיך אָנוואַרעמען. געוואָלט האָט ער אַ טרונק, נאָר שניי שטילט ניט דעם דורשט. וואַאַמטשאַ האָט זיך דערמאָנט ווי איינמאָל האָט ער זיך גע־וואָלט אָפּשנײַדן די וואָנצעס מיטן מעסער, האָט דער פאָטער ניט געלאָזט.

— צו וואָס שנײַדסטו דיר אָפּ די וואָנצעס? — האָט אים דער אַלטער

געפרעגט. — אַ יעגער מוז היטן זײַנע וואַנצעס ווי מען היט אַ גוטן הונט. עס מאַכט זיך אַ יעגער האָט אַ לאַנגע צײַט קיין זיס וואַסער ניט, גיבן אים די וואַנצעס צו טרינקען. דער פראָסט וואָס לייגט זיך אַף זיי גיט אים טרונק־וואַסער.

וואַאַמטשאַ ליגט אינעם שליטן און דערמאָנט זיך אין די קלוגע רייד פון זײַן פאָטער און אין זײַן גוטן פאָנעם.

אַרום אים טוליען זיך די הינט: צוויי פון איין זײַט און צוויי פון דער אַנדערער.

ס'איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. דער ווינט זשומעט צווישן אײַז. וואַאַמ־טשאַ, אַן אײַנגעוואָרעמטער פון די הינט, איז אײַנגעשלאָפן.

„ווי האָט עס געקענט פאַסירן? דער ווינט, אַפּאָנעם, האָט צוגעשטופּט דאָס אײַז, און די אײַז־בלאָקן זײַנען ווי אַ זעגל־טוך. ווײַט פונעם ברעג, לאָזט דאָס אײַז שנעלער.

די הינט זײַנען געשלאָפן ווי אין דער „יאַראַנגאַ". טשעגיט נאָר האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן באַ יעדן שאָרך, און די אויגן האָבן אים געגלאַנצט אין דער פינצטער.

— וואָס וועלן מיר טאָן, טשעגיט? ווען דאָס וועטער וועט זיך בעסערן, מוזן מיר אומבאַדינגט שיסן אַ פּאָקע. הונגעריקערהייט, אָן עסן און אָן פּעטס, וועלן מיר פאַרפרוירן ווערן.

מיטאָג־צײַט, ווען עס איז אַ ביסל העלער געוואָרן און די לעוואָנע האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך די געדיכטע וואָלקנס אין הימל, איז וואַאַמטשאַ אַרויס פון דער נאָרע. גענומען האָט ער די ביקס און, באַגלייט מיט די הינט — באַשלאָסן האָט ער זיך ניט שיידן מיט זיי — איז ער צוגעקומען ביז צום זוים פונעם אײַזבאַרג. פאַרשטעלט מיט אַ שפּיץ באַרג, האָט וואַאַמ־טשאַ באַקוקט דעם שפּאַלט. לויט אַלע סימאָנים, זײַנען דאָרט קיין פּאָקעס ניטאָ.

— זיי געפעלט ניט אַן אָרט, ווו עס איז פאַראַן ווינט, טשעגיט.

דער הונט האָט זיך אויפגעהויבן, איז צוגעקומען צום באַלעבאָס און אים געלעקט דעם אויער.

— נו, גוט, וועלן מיר צוריקגיין אין דער נאָרע. אָן עסן, דאַרף מען זיך ניט צופיל אויסשטעלן אַף דער קעלט. — האָט וואַאַמטשאַ געזאָגט און אויך פאַמעלעך גענומען אויפשטיין. — אַ הונגעריקער מענטש דאַרף וואָס ווייניקער אומגיין.

דערזען די נאָרע, זײַנען די הינט אַרויס אַף פאָרויס.

„ניט באַדאַרפט אַרויס אַף יאַגד, — האָט וואַאַמטשאַ זיך געטראַכט. — מען טאָר ניט גיין אַף יאַגד דרײַסיק טעג נאָכאַנאַנד ווען אין דער „יאַראַנגאַ" שטאַרבט עמעצער, און זינט מײַן מאַמע אילינועט איז פאַרפרוירן געוואָרן, זײַנען ערשט געהאַט פאַרבײַ זעקס און צוואַנציק לעוואָנעס. איך האָב אויוועך געוועזן אַפן געזעץ, האָבן מיך די שלעכטע גײַסטער באַשטראָפט. וואָס טוט מען אָבער אָן עסן? אָן עסן קען מען אויך אין דער „יאַראַנגאַ" שטאַרבן. און דאָ קען זײַן, זאָל איך ניט שטאַרבן. דאָ בין איך ניט אַליין!"

דורכגעגאַנגען זײַנען צוויי טעג. אין דער לעצטער נאַכט איז דער שפּאַלט פאַרשוווּנדן. דאָס אײַז איז זיך צונויפגעקומען. וואַאַמטשאַ איז הונגעריק און קיין פּאָקעס זײַנען ניטאָ.

— טשעגיט, מירן מוזן אויפעסן אַ הונט, — האָט וואַאַמטשאַ געזאָגט, ווי ער וואָלט זיך מיט דעם הונט אַן אייצע געהאַלטן. — מיר וואָלטן נאָך

געקענט צוװאַרטן, נאָר אַ הונגעריקער מענטש װערט גיכער פאַרפרױרן.

ער האָט אָנגענומען דעם הונט מיליוטאַלגין באַם האַלדזבאַנד און האָט אים אַװעקגעפירט הינטערן אײַזבאַרג. ער האָט אים אַרײַנגעזעצט דאָס מעסער אין האַרצן מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז דער הונט האָט ניט באַװיזן אַ קרעכץ צו טאָן.

װאַאַמטשאָ האָט זשעדנע אַ זופּ געטאָן דאָס װאַרעמע בלוט און זיך געזעטיקט מיט דעם לעבלעכן פלייש. װען ער איז צוריקגעקומען אין דער נאָרע, האָט ער אָנגעהאָדעװעט די אַנדערע הינט. יענע נאַכט איז ער, אַן אײַנגעדעקטער מיטן הונטס פעל, גוט געשלאָפן.

אינדערפרי, װען די בלייכע לעװאָנע־שטראַלן זײַנען אַרײַנגעדרונגען דורך די שפּאַלטן, האָט זיך װאַאַמטשאָ אויפגעזעצט, האָט אַ שטאַרקן זעץ געטאָן מיטן פוס די „טיר" און דער אײַז־בלאָק איז אומגעפאַלן. װאַאַמטשאָ איז אַרויס אין דרויסן און זיך אַרומגעקוקט. דערלעבן האָט זיך געבילדעט אַ נײַער שפּאַלט. דער יאַם איז געװען רויק. דער װינט האָט זיך אײַנגעשטילט און אַ לײַכטע כװאַליע בלויז האָט געװיגט דאָס אײַז.

פּלוצים האָט װאַאַמטשאָ דערזען אַ פּאָקע שװימען זייער נאָענט פון אים. ער האָט צוגעטראָגן די ביקס צום פּאָנעם און האָט זי דערשאָסן מאַמעש מיט אַ צוגעשטעלטן רער.

— װיפל עסן מיר האָבן! — האָט װאַאַמטשאָ פריידיק אויסגערופן.

פּאָקעס האָבן זיך גענומען אָפט באַװײַזן. אין אַ קורצער צײַט האָט װאַאַמטשאָ דערשאָסן פינף און זיי אַלע באַװיזן אַרויסשלעפּן פונעם װאַסער.

— טשעגיט, זעסט װיפל עסן מיר האָבן! נו, האָבן מיר באַדאַרפט אַװעקהאַרגענען מיליוטאַלגינען? מיר האָבן באַדאַרפט צװאַרטן. אַ שאָד דעם הונט!

װאַאַמטשאָ האָט מיט זײַן רימען צוגעשלעפּט די פּאָקעס ביז דער נאָרע. די הינט האָבן זיך באַלעקט און זשעדנע געשלונגען דעם פאַרבלוטיקטן שניי.

„װיפל פלייש! װיפל פלייש! — האָט װאַאַמטשאָ צו זיך גערעדט בעייסן צעשנײַדן די פּאָקעס. — אַז אַ מענטש האָט פלייש און פעטס צו זאַט, זינגט אין אים דאָס האַרץ".

װאַאַמטשאָ האָט באַשלאָסן אַ שײַטער אָנצוצינדן. גענומען האָט ער די ביינער פון אַ פּאָקע, האָט טיכטיק אָפּגעשאָבן פון זיי דאָס צוגעװאַקסענע פלייש, געמאַכט פון זיי שפּענער, אַרויפגעלייגט הינטישע האָר אײַנגענעצטע אינעם פּאָקע־פעטס און אונטערגעצונדן.

אַ פאַרגעניגן געװען צו קוקן אַף די רויטע פײַער־פלאַמען!

— װי לאַנג שוין, טשעגיט, אַז מיר האָבן ניט געלאַכט! און הײַנט האָבן מיר צוריק באַקומען דאָס געלעכטער. געלעכטער קומט שטענדיק אינאיינעם מיטן עסן. אַ מאָגן פול מיט פּאָקע־פלייש און הייס װאַסער, דערפרייט דעם מענטשן. ס'איז ניט דאָס אייגענע װאָס אומשפּאַצירן מיט װינט אין די געדערים.

די אײַזערנע פּושקע װוּ ער האָט געהאַלטן דעם טאַבאַק, האָט אים געדינט פאַר אַ טאַזע, און װאַאַמטשאָ האָט מיט פאַרגעניגן אויסגעטרונקען הייס װאַסער.

— אַלץ קען פּאַסירן, טשעגיט. עס קען זיך אַפילע מאַכן אַ װײַסער בער זאָל זיך דאָ באַװײַזן. אָ, דעמאָלט װאָלטן מיר אַ לעב געטאָן װי אין אַ „יאַראַנגאַ".

קאַפּיטל XV

עטשאַווטאָ האָט הירשן־סטאַדעס אָן אַ צאָל. זײַן רײַכקייט איז ניט אָפּצושאַצן. ווּ זײַנע סטאַדעס גייען דורך וואַקסט ניט קיין לישײַניק דרײַ זומערן נאָכאַנאַנד. די הירשן זײַנען אײַנגעטיילט אין צען סטאַדעס. יעדע סטאַדע האָט צוואַנציק מאָל צוואַנציק און נאָכאַמאָל צוואַנציק מאָל צוואַנציק הירשן. דאָס איז אַ כעשבן פון טויזנט מיט זעקס הונדערט הירשן אין יעדער סטאַדע. וויפל הירשן דער עטשאַווטאָ האָט עס! אין איין סטאַדע קענען זיי ניט אַרײַן. די הירשן וואָלטן אײַנגעדאַרט פון מאַנגל אין לישײַניק און וואָלטן זיך צעלאָפן.

זייער גרויס זײַנען זײַנע סטאַדעס. אין יעדער סטאַדע איז פאַראַן אַ טוץ געצעלטער, ווּ די פאַסטעכער וווינען מיט זייערע מישפּאָכעס. עטשאַווטאָ גיט צו עסן העכער הונדערט מענטשן.

עטשאַווטאָ דערלויבט זײַנע פאַסטעכער האָבן צו עטלעכע הירשן איי־גענע. דער פאַסטעך האַלט זיך אַזוי אַרום פאַר אַ קליינעם באַלעבאָס און אַרבעט ביז די נעשאָמע גייט אים אויס, און דערבײַ היט ער עטשאַווטאָס ריזיקע סטאַדע.

ווי הייסט? איז ער דען ניט באַלעבאָס איבער זײַנע הירשן? אַוואַדע איז ער באַלעבאָס! און דער פאַסטעך שלאָפט ניט אינעם שטורעם און האַלט אַ וואַך אויג אַף דער סטאַדע.

וואָס גייט עס אים אָן, דעם רײַכן עטשאַווטאָ? אַז אַ וואָלף פאַרציקט זײַנע צוואַנציק הירשן, זעט זיך עס באַ אים אָן ווי אַ פליג גיט אַ ביס, נאָר אַז די הירשן וואָס דער וואָלף פאַרציקט, זײַנען דײַנע פינף, דאַרפסטו שוין וואַרטן נאָכאַמאָל אַזויפיל יאָרן ביז דיר וועט צוװאַקסן.

אַזוי טראַכט זיך יעדער פאַסטעך.

שוין דרײַ טעג ווי אַליטעט יאָגט זיך נאָך עטשאַווטאָס הירשן־סטאַדעס. ער יאָגט זיך נאָך זיי מיט זײַנע געשווינדע הינט איבער די דורכגענג און בערג און אַף דער אומענדלעכער גלאַטער טונדרע. ווער עס האָט ניט דעם ניוך פון אַ כאַיע, קען זיך גאָר צו די סטאַדעס ניט דערקלײַבן.

דער ווינט שפּאַצירט איבער דער טונדרע. די שטערן און די לעוואָנע האָבן זיך באַהאַלטן. מען מוז זיך פאַרשטעקן ערגעץ אינעם שניי ביז דער שטורעם וועט אַריבער, נאָר אַליטעט האָט פאַר זײַנע הינט קיין עסן ניט פאַרגרייט. אינעם שניי בלײַבן איז קיין מײַכל ניט. אָפּשטעלן זיך טאָר מען ניט. אינעם שליטן ליגן בלויז די סכוירעס, קיין איין שטיקל פלייש ניט. דער שניי־שטורעם האָט דעם וועג פאַרלענגערט.

אין דער טונדרע וואָיעט דער ווינט. דער ווינט איז אַזוי שטאַרק, אַז ער וואַרפט אום די הינט. אַליטעט שטעלט אָפּ דעם געשפּאַן, וואַרפט זיך אַף דער ערד און קריכט אַרום דעם שליטן. וואָס שנײַפּט ער? ער פאָרשט דעם וועג אינמיטן דעם שניי־יאָם. פלוצים גיט ער זיך אַ הייב אויף, זעצט זיך אַרײַן אין שליטן און, ניט געאײַלט, צערײַבט ער אין די פינגער אַ היר־שענעם קיזיק און באַטראַכט אים. דאָס געפינס דאַרף אים קלאָר מאַכן ווען די סטאַדעס זײַנען דאָ דורכגעגאַנגען. אַליטעט ברעכט אײַן דאָס אײַז מיט דעם האַלמע־פלאָקן, באַטראַכט דעם מאָך, דאָס גראָז, די קליינע ווערבע־בלעטלעך: דאָס אַלץ דאַרף אים צו וויסן געבן אין וועלכער ריכטונג די הירשן־סטאַדעס האָבן זיך פאַרנומען.

און דער שליטן לויפט און שנײדט דעם ווינט. מיטאמאל דערשמעקט דער שפּיץ־הונט דעם רייעך פון מענטשלעכער וווינונג; ער פאַרקירעוועט האַסטיק לינקס, שטרענגט אָן אַלע זײַנע קויכעס און לויפט ווײַטער. אַליטעט פאַרשט אין דער פינצטער, נאָר שטערט ניט דעם שפּיץ־הונט טראַכטן.

דער שליטן טרעפט אָן אַ מענטשן און בלײַבט שטיין.

— היי, ווער ביסטו? — שרײַט אַליטעט.

דער מענטש דערקענט אַליטעטן, קומט צו און גריסט אים.

— אַליטעט?

— יאָ, איך בין אַליטעט, און ווער ביסטו?

— איך בין רענטאָ דער פּאַסטעך, פון עטשאַוווטאַס לאַגער. זעסט אַ נאַכט? אַ וועלפישע נאַכט. שלעכט. איך קען ניט שלאָפן. די אַנדערע פּאַס־טעכער מוז אַוואַדע זײַן שווער די אַרבעט צו היטן די סטאַדעס, גיי איך זיי העלפן. איך האָב דאָרט אויך מײַנע אַכט הירשן.

— ווײַט איז צו די סטאַדעס?

— נאָענט. אַז דו וועסט לויפן, וועסטו קיין צוויי מאָל ניט שוויצן.

— און די „יאַראַנגאַס" ווו זײַנען?

— דאָ באַ דער זײַט. איך וועל דיך צופירן.

און דער פּאַסטעך האָט גענומען לויפן פאַר די הינט.

— האָסט גוטע פיס, — האָט אים אַליטעט געזאָגט ווען זיי זײַנען אָנגעקומען אין לאַגער.

— יאָ, איך לויף גוט. — האָט זיך רענטאָ געפילט געשמייכלט פון דעם לויב.

— איז עטשאַוווטאָ איצט אין לאַגער?

— ניין, אין אַ צווייטן. דאַרפסט דאָ איבערנעכטיקן. מאָרגן, מעגלעך, וועט שטילער ווערן. צו וואָס איצט פאַרלאָזן אַזאַ געשיצטן אָרט? זע, אָט זײַנען די „יאַראַנגאַס". די מענער זײַנען באַ די סטאַדעס. די ווײַבער וועלן דיך אויפנעמען.

— איז דאָ פאַראַן ווער עס זאָל מיר גוט אָנהאָדעווען די הינט?

דער פּאַסטעך רענטאָ האָט ניט געענטפערט.

— איז ווײַט צו עטשאַוווטאַס צווייטן לאַגער?

— נאָענט. מער ווי צען מאָל וועסטו ניט שוויצן אַז דו וועסט לויפן. בלײַב דאָ ביז מאָרגן.

— ניין. דו לויף פאַרויס, איך וועל דיר נאָכהאַלטן.

— זאָל זײַן אַזוי. — האָט רענטאָ אונטערטעניק נאָכגעגעבן. מיטן שטעקן אַפן רוקן, האָט ער זיך געלאָזט ווײַטער לויפן איבערן קאַלטן און פוסטן סטעפּ.

רענטאָ איז פאַרשוווּנדן, נאָר טשאַלי, דער שפּיץ־הונט איז געלאָפן אַף זײַן שפּור.

פון צײַט צו צײַט האָט רענטאָ זיך אָפּגעשטעלט און אַ געשריי געטאָן:

— עָגע!!!

דאָס האָט געמיינט: „דאָ בין איך!"

דער פּאַסטעך איז צוגעקומען צום לאַגער, אַן אײַנגעהילטן אין אומ־דורכדרינגלעכער פינצטערניש. דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און, אַף זײַן שטעקן אָנגעשפּאַרט, האָט ער אָפּגעוואַרט אַליטעטן.

— דאָ זײַנען די „יאַראַנגאַס״. — האָט ער אַ שמייכל געטאָן. — איך לויף צוריק צו דער סטאַדע.

— וואַרט אויס, נאַ דיר גוטן טאַבאַק פאַר דײַן ליולקע.

רענטאַ האָט זיך דערפרייט.

— עטשאַווטאַס מענטשן האָבן אַ סאַך פוקסן געכאַפּט ?

— אַ סאַך !

— גוט, קענסט שוין גיין.

און רענטאַ האָט זיך אויסגעדרייט אַף צוריק.

מען האָט זיך דערוווּסט אַז אַליטעט איז דאָ, האָט דער גאַנצער לאַגער גענומען רודערן, ווי עס וואָלט שוין טאָג געוואָרן און מ׳דאַרף שוין אויפשטיין.

אויך דער אַלטער עטשאַווטאַ האָט זיך אויפגעהויבן. געלעגן איז ער אַף פוכיקע הירשן־פעלן, צוגעדעקט מיט אַ פוקסענער קאָלדרע. צוגערופן האָט ער זײַנע פיר ווײַבער, זיך געגלעט זײַן אויסגעקראָכן בערדל און יעדער איינער עפּעס באַפוילן.

— דו, עיפינגאַ, גיי אַרויס און גיב אַליטעטן פלייש. פונעם ערגסטן. די לײַט אַפן ברעגלאַנד עסן וואָס עס מאַכט זיך. זיי הייבן ניט אָן וויסן פון אַ גוט שטיקל הירשן־פלייש. אַבי זיי קײַען און שטופן אָן זייער צעקנייטשטן מאָגן מיט אַלערליי פּאַסקודסטווע.

— עטשאַווטאַ, דו מיינסט פאַר די הינט ?

— יאָ, יאָ, די לײַט קענען עסן וואָס מען גיט פאַר די הינט. נאָר גיב אים גענוג און זאָל מען ניט זען אַף זײַן פּאָנעם די באַליידיקונג. און דו, קימאַ, גיי צו פיליאַקן און זאָג אים ער זאָל אַהער ברענגען אַ יונגן הירש מיט אַ ווײַסן פלעק אַפן שנוק.

— צו שטאַרק דער שטורעם־ווינט, עטשאַווטאַ. צי וועט איצט פיליאַק קענען געפינען אַזאַ יונגן הירש אין סטאַדע ?

— בעהיימע, דײַן זאַך איז זאָגן. איך האָב דיר דען געהייסן עפּעס ברענגען ? ער וועט שוין געפינען. דו, קעיפאַ, צינד אָן נאָך איין פײַער־פאַן. בעסער צוויי. עטשאַווטאַ איז ניט אַזאַ קאַבצן ער זאָל אויפנעמען אין דער פינצטער אַ גאַסט וואָס קומט ריידן וועגן מיסכער. און דו וויִיאַ, וועסט אויך האָבן אַן אַרבעט. נעם אַרויס מײַנע הויזן פון פײַנעם יונגן הירשן־פוטער און טו זיי מיר אָן. זאָל דער גאַסט ניט מיינען, אַז איך בין אַזוי אָרעם, אַז איך האָב נאָר די הויט אַף מיר.

אַליטעט איז אַרײַנגעקומען.

— ביסט שוין דאָ, אַליטעט ? — האָט עטשאַווטאַ געפרעגט און האָט זיך באַמיט ניט אַרויסצווײַזן קיין צופיל היספּײַלעס.

— יאָ. — האָט דער אַרײַנגעקומענער געענטפערט מיט געמאַכטער גלײַכגילטיקייט. ער האָט זיך אויסגעצויגן אַף די פוטערס און זיך געריבן די פאַרפרוירענע הענט.

— ס׳איז אַוואַדע צו דײַנע אויערן דערגאַנגען, אַז אונדז פעלן אויס אייניקע זאַכן. קיין סאַך דאַרפן מיר ניט.

— יאָ, כ׳האָב געהערט זאָגן. איך האָב אײַך געבראַכט : מעסערס, פײַלן, גלעקלעך פאַר די הירשן, נאָדלען, האָלדזבאַנדן, ביקסן, טאַבאַק, קלייניקייטן.

די ווײַבער האָבן די הענט געהויבן און געזיפצט, איבעראַשטע פון דער שעפע זאַכן. דער אַלטער עטשאַווטאַ איז ניט צופרידן געווען וואָס די ווײַבער ווײַזן אַרויס אַזאַ היספּײַלעס, און האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אַף זיי. זיי

האָבן טייקעף אויפגעהערט ניספּאָעל צו ווערן. דער אַלטער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער איז מאַסקים.

— קעיפאַ, צי מיינסטו — האָט ער געפרעגט — אַז אונדזער גאַסט דאַרף ריידן מיט אַ טרוקענעם האַלדז? ווו איז דער טיי?

קעיפאַ, אַ טונקל־הויטיקע און אַ פלינקע ווי אַ וועווערקע, האָט שנעל דערלאַנגט טיי.

אַליטעט איז אַרויסגעגאַנגען אַרײַנברענגען דעם זאַק וואָס ער האָט געלאָזט שטיין בײַ דער טיר, מאַכמעס ער איז זיכער געווען אַז ער וועט דעם טאָג מוזן טרינקען — און אַ סאַך טרינקען און דאָך ניט שיקער ווערן, — האָט ער אין דער פינצטער אײַנגעשלונגען אַ גרויס שטיק פּוטער, וואָס ער האָט ספּעציעל געבעטן בײַ טשאַלין. אַזוי אַרום בריט דאָס פֿײַערדיקע וואַסער בלויז די קישקעס און קומט ניט צו צום קאָפּ. אַליטעט איז דאָך ניט געקומען אַהין פֿאַרווײַלן זיך.

אַוועקגעלייגט האָט ער עטלעכע גאַליעטן אַפן טיש, מיט אַ זשעסט פון אַ באַלטויווע.

סאַראַ פּרעכטיק מײַכל! טיי מיט גאַליעטן! די ווײַבער האָבן געהויבן די הענט פֿאַר היספּײַלעס.

— ווײַבער זײַנען געבוירענע נאַשערקעס, — האָט עטשאַוווטאָ אָנגעמערקט. — זיי זײַנען אַזוי פֿאַרכאַפּט דערפון, אַז זיי זײַנען קאַפּאַל די אייגענע צונג אויפצועסן אינאיינעם מיט די גאַליעטן.

— ס׳איז דאָס מײַכל פון די ווײַסע מענטשן. — האָט אַליטעט מיט זעלבסטצופרידנקייט געגעבן צו דערקלערן.

— אַ שלעכטער מײַכל. איך וועל מיך אַפילע ניט צורירן צו אים. — עטשאַוווטאָ האָט געשוויגן אַ ווײַלע און גענומען ריידן פון מיסכער. — מײַנע מענטשן האָבן געפאַנגען עטלעכע רויטע פוקסן. — האָט ער זיך צוגעשמייכלט צו אים.

— און ווײַסע און געזילבערטע. — האָט די פלוידערקע קעיפאַ זיך ניט אײַנגעהאַלטן.

— טש... — האָט עטשאַוווטאָ אַ טשיסקע געטאָן.

ווען ער האַלט זי באַצײַטנס ניט אָפּ, ווער ווייס וואָס נאָך זי וואָלט אויסגעפּלוידערט!

— וואָס שטייט איר דאָ און סטאַרטשעט די אויגן ווי די סאָוועס? — האָט עטשאַוווטאָ אַ וואָרטשע געטאָן און זיך אָפּגעריסן אַף די ווײַבער. — צי מיינט איר ניט, אַז דער גאַסט דאַרף זיך בלויז די קישקעס נעצן. אָדער איר האָט פֿאַרגעסן, אַז ווען אַ מענטש קומט פון אַ רײַזע, דאַרף ער האָבן עפּעס פעסטערס צו עסן? מיינט איר עפּשער, אַז עטשאַוווטאָ האָט ווייניק עסן צו געבן? גרייט דאָס בעסטע וואָס איז אין שטוב פֿאַראַן.

די ווײַבער זײַנען זיך ווי די מײַז צעלאָפן, גרייט אויסצופאָלגן דעם באַלעבאָס.

לעקאָוועד אַזאַ געשעעניש און אַזאַ וויכטיקן גאַסט וואָלטן זיי פון דער הויט געקראָכן. אַזוינע וויזיטן זײַנען אַ זעלטנקייט אין דער טונדרע.

קעיפאַ האָט מיט אירע יונגע און שטאַרקע ציין צעדריבלט דאָס הירשן־פלייש און אַרײַנגעלייגט אין אַ קליינער מולטער, אויסגעמישט מיט די געהירן פון דער כאַיע און פון דער גרויסער מאַסע געמאַכט קאָטלעטן. דערנאָך האָט זי זיי אַרויסגעטראָגן אַף דער לופט אָפּקילן.

די אַנדערע ווײַבער האָבן מיט אַ שטײנערנעם האַמער צעקלאַפּט דאָס רויע געפּרוירענע פלייש, אָנגעשניטן געקאָכט פלייש, אַרויסגענומען פון אַ טאָפּ הירשן־צונגען און צוגעגרייט אַ סאַלאַט פון גרינע בלעטער מיט פאַר־שיידענע גראָזן און וואָרצלען, באַשמירט מיט פּאָקע־פעטס. סאַראַ שלאַל מיט רײַכע מײַכאָלים! קיין סאַך צײַט דאַרף מען דערצו ניט ווען פיר ווײַבער נעמען זיך צו דער אַרבעט אין אַ שטוב מיט אַזאַ שעפע.

עטשאַווטאָ איז צוגעקומען צו אַליטעטן און שוין מיט דעם טאָן וואָס ער פלעגט נוצן אין געוויינלעכע געשעפטן, האָט ער אים אויפגעקלערט:

— פאַרפוילט פלייש בלאָזט אָן דעם בויך. איך עס נאָר הירשן־צונג און פלייש מיט פעטס פון יונגן הירש.

און נאָך אַ ווײַלע שווײַגן, האָט דער אַלטער אים שטיל אַ פרעג געטאָן, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן זייער אַ הייסן פאַרלאַנג:

— האָסט קאָהאָל?

— יאָ, אַליטעט פירט מיט זיך שטענדיק.

עטשאַווטאָ האָט אַ פײַף געטאָן און זיך פּאָסמאַקעוועט באַצײַטנס.

אַליטעט האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און גענומען ריידן וועגן וויכטיקסטן:

— עטשאַווטאָ, איין זאַך פעלט מיר: הירשן. לעבעדיקע הירשן. איך האָב ניט קיין איין סטאַדע. מיר, ברעגלאַנד־באַוווינער, זײַנען אָרעם. איז פאַראַן פאַנג אינעם יאַם, האָבן מיר וואָס צו עסן. איז ניטאָ קיין פאַנג, האָבן מיר ניט וואָס צו עסן. הירשן, פאַרקערט, דאַרף מען ניט גיין זוכן מיט יאַגד. וואָלט איך וועלן האָבן אַ סטאַדע.

דער אַלטער איז פאָרזיכטיק געוואָרן און האָט אויסמײַדנדיק געענטפערט:

— אויך דאָ אין דער טונדרע זײַנען מיר אָרעם. טיילמאָל כאַפּן אַוועק די וועלף אונדזערע הירשן; אַן אַנדערש מאָל די קעלט און די קראַנקייטן. איר, אַפן ברעגלאַנד, זײַט גליקלעכע מענטשן. וועלף פאַלן ניט איבער קיין פּאָקעס און קיין מאָרזשן. דאָ, פאַרקערט, קען מען גאָר פון זיי ניט פּאָטער ווערן.

מיט אַ מאַך פון דער האַנט האָט עטשאַווטאָ באַפוילן די ווײַבער דער־לאַנגען דאָס עסן. די ווײַבער האָבן זאָרגעוודיק אַוועקגעשטעלט אַפן טיש קליינע הילצערנע שיסלען מיט אַלערליי מײַכאָלים. עטשאַווטאָ האָט דער ערשטער פאַרזוכט דאָס עסן. גענומען האָט ער אַ שטיקל פלייש פון יעדער שיסל. אַליטעט האָט גענומען אַ גרויסע הירשן־צונג, האָט זי צעבראָקט אַף שטיקלעך און זשעדנע זיי אײַנגעשלונגען. דאָס דעליקאַטע פלייש איז זיך אים אין מויל צעגאַנגען. קעיפּאַ האָט אים צוגערוקט די שיסל מיט קאָטלעטן. דאָס דאָזיקע יאָנטעוודיקע מײַכל — „פרערעם" — איז געווען אַזוי געשמאַק, אַז ס'איז געווען אַ געפאַר ער זאָל באַם עסן די אייגענע צונג ניט אויפעסן.

אַליטעט האָט פײַערלעך אַוועקגעשטעלט אַ פלאַש אַלקאָהאָל אַפן טיש. באַ עטשאַטוואָן האָבן זיך די אויגן צעגלאַנצט. מיט זײַנע ציטערדיקע הענט האָט ער אַ טאַפּ געטאָן די פלאַש.

— דאָס איז אַן אויסגעצייכנט פײַערדיק וואַסער. עס פרירט ניט אינעם גרעסטן פראָסט. — האָט אַליטעט געזאָגט און האָט אָנגעגאָסן די טאַזעס.

די ווײַבער האָבן נאַשעריש געגריזשעט די גאַליעטן.

אַליטעט האָט זײַן טאַזע אָנגעקלאַפּט מיט עטשאַווטאָס. עטשאַווטאָן איז איבער די אָדערן אַ פײַער דורכגעלאָפן. ער האָט אַ רוישיקן אַכקע געטאָן

און האָט גאָרניט פאַרביסן קעדיי לענגער צו פילן די ווירקונג פון דער וואָדקע, און שפּעטער אַ ביסל אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס האָסטו אָנגעקלאַפּט דײַן טאָזע אין מײַנער? צי ווילסטו ניט טיילן מיט מיר איינע פון מײַנע ווײַבער? עה? זע וויפל ווײַבער איך האָב!

אַליטעט האָט באַ דעם שמייכלדיקן אָנבאָט דערפילט אַן אָנגענעמע שיקרעס. שוין לאַנג ווי ער טראַכט צו פאַרפעסטיקן זײַנע האַנדלס־באַציִונגען מיט עטשאָוווטאָ אַף אַזאַ אויפן. נאָר קלוימערשט אַ ניט פאַראינטערעסירטער אין דעם איניען, האָט ער געגומען אַרומגיין אַרום אים:

— איך האָב אַ נאָרד־אַמעריקאַנישן גוטן ברודער. ווען נאָר מיר טריג־קען אינאיינעם דאָס פײַערדיקע וואַסער, קלאַפּט ער אַן זײַן טאָזע אין מײַ־נער. מען דאַרף עס קענען טרינקען: ס'איז אַ וואַסער וואָס ווערט געמאַכט אינעם לאַנד פון די ווײַסע פּענעמער... מיקויעך דײַנע ווערטער וועגן אַ גע־מיינזאַם ווײַב, פרייען זיי מײַן האַרץ. איך האָב איצט צוויי ווײַבער. נאָר אינגיכן וועל איך האָבן דרײַ. און פאַרוואָס טאַקע זאָלן מיר ניט קענען שליסן אַזאַ אָפּמאַך, גוטברודער ווערן דורכן ווײַב, ווערן „נעווטום”?

זיי האָבן אויסגעטרונקען נאָך איין טאָזע און זיך געביטן מיט די ליול־קעס. די ווײַבער האָבן זיך לעבעדיק איבערגעשושקעט. ס'איז פאַר זיי קלאָר געווען, אַז דאָס אייסעק איז אָפּגעמאַכט. זיי האָבן נאָר ניט געוווסט ווער פון זיי וועט זײַן אַליטעטס אויסדערוויילטע.

אַליטעט האָט זיך שוין דערפילט באַלעבאָס און אַ געשריי געטאָן צו די ווײַבער: — ברענגט מיר אַהער אַרײַן די סכוירעס!

די ווײַבער האָבן שנעל אַריבערגעטראָגן אין געצעלט די פּעקלעך וואָס זײַנען געלעגן אינעם שליטן. אָ, וויפל סכוירעס און סאַראַ אויסוואַל! עטשאָוור־טאָ האָט אַ שיקערער זיך געבאַברעט מיט די הענט אין די טעוועלעך גע־פּרעסטן טיי, פּעקלעך טאַבאַק, און יעדע זאַך זשעדנע איבערגעטאַפּט.

— אַלץ פאַר דיר, עטשאָוווטאָ. נעם עס אָן שום מוירע. אַלץ וואָס איז פאַראַן. צי דען ביסטו ניט מײַן „נעווטום”?

— כאָק, כרר. — האָט דער אַלטער געכריפּעט. — איכל דיר געבן אַלע מײַנע פוקסענע פעלן, אַלע געזילבערטע, אַלע בלויע; נאָר דאָס אַלץ איז פאַר מיר.

אַליטעט האָט אַרויסגענומען אַ נײַע ביקס פון אַ לאַנגן זאַק, דערנאָך נאָך איינע און נאָך איינע, ביז צען. אַ הויפן מיט געווער!

— כאָק! — האָט עטשאָוווטאָ אויפגעציטערט.

— און אַלע זײַנען זיי פאַר דיר, פרײַנט מײַנער.

— כאָק, כרר! אַכוצדעם וועל איך דיר געבן צוואָנציק לעבעדיקע הירשן, פון יעדער סטאַדע איינעם. ווײַבער, ברענגט מיר אַהער אַן אויער פון אַ הירש און זאָל מיר אַליטעט ווײַזן ווי צו מאַרקירן זײַנע הירשן.

קעיפּאַ האָט געבראַכט צו טראָגן אַ גאַנצן הירשענעם קאָפּ. מיט אַ שנעלן באַוועג האָט אַליטעט צוויי שניט געמאַכט אין אַ הירשענעם אויער.

— דאָס איז מײַן צייכן, פרײַנט מײַנער! — האָט אַליטעט אויסגעג־שריגן און האָט אַרויסגענומען אַ צווייטע פלאַש. — ווײַבער גיט אַהער אײַערע טאָזעס.

— זיי דאַרפן ניט טרינקען; די פלאַש נעם איך פאַר מיר. — האָט עטשאָוווטאָ געזאָגט.

— פאַר דיר, פרײַנט מײַנער, האָב איך נאָך אַנדערע פלעשער.

— כאַק, כאַק, כור! גוט אַזוי, טרינקט, ווײַבער! — האָט דער אַל־טער געשריגן און זיך געקײַקלט אַף די פוטערס.

עטשאַווטאַ איז שטאַרק שיקער געוואָרן. ווי אַ קנײַלכל האָט ער זיך אײַנגעגנורעט אין אַ ווינקעלע.

די ווײַבער, דערהיצטע פונעם אַלקאָהאָל, האָבן גענומען זינגען. האַלב־נאַקעטע, האָבן זיי די בראַנדזענע קערפּערס געוויגט צום טאַקט פונעם געזאַנג און באַוועגט מיט די קעפּ און מיט די הענט.

קאַפּיטל XVI

דאָס אײַז איז געגאַנגען אַראָפּ צום ברעג צו. דער ווינט האָט געבלאָזן פונעם יאַם. וואַאַמטשאַ האָט שוין ניט געקענט שלאָפן. די גאַנצע נאַכט איז ער אומגעגאַנגען מיט די הינט איבערן „אינדזל" און זיך צוגעקוקט צום גאַנג פון די אײַז־בלאָקן. דער ווינט האָט זיך ניט אײַנגעשטילט די גאַנצע נאַכט און צו טאָג צו האָט ער גענומען שטויסן מיט אַ גוואַלדאַוונער קראַפט דאָס אײַז צום זוים פונעם ברעגלאַנד.

— טשעגיט, טשעגיט! זע, דער ברעג!

וואַאַמטשאַ איז מיטגעלאָפן מיט די הינט און געהאָלפן שלעפּן דעם שליטן.

דער דרוק פונעם אײַז איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. די בלאָקן זײַנען מיט אַ קראַך געקראָכן איינער אַפן צווייטן. דער מענטש און די הינט האָבן פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען געמאַכט אַוועקצולויפן פונעם געפערלעכן יאַם, ווו די בלאָקן האָבן זיך געהויפנט מיט אַ שרעקלעכן געקנאַל.

ווען וואַאַמטשאַ איז אַרויף אַף דער יאַבאַשע איז שוין געווען מיטאָג־צײַט. דערקענט האָט ער דעם היימישן ברעג און האָט אַ טיפן פאַרגעניגנדיקן זיפץ אַרויסגעלאָזט. די אויגן האָבן אים געשטראַלט פאַר גליק.

— אָ, דאָס האַרץ וויל מיר פון דער ברוסט אַרויסשפּרינגען. — האָט וואַאַמטשאַ אויסגערופן. עס האָט זיך אים ניט געוואָלט גלייבן אַז ער געפינט זיך אַפן ברעג און האָט גענומען גראָבן אינעם שניי צו זען ערד. ער האָט זיך געוואָלט מיט די הענט אָנטאַפּן.

אין דער ווײַטן האָט ער דערזען דעם קאַפּ פּרקאַטעגען; צופוסנס דעם באַרג ציִען זיך דאָרט די „יאַראַנגאַס". ביז ענמאַקײַ איז אַ טאָג רײַזע מיט גוטע הינט.

— נו, טשעגיט, איצט זײַנען מיר אין דער היים! — האָט וואַאַמטשאַ אַ פריילעכער געזאָגט. — זע, אָט איז אונדזער לאַגער הינטערן באַרג. איצט קענען מיר רייכערן וויפל מיר ווילן.

וואַאַמטשאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ קלאָץ, וואָס דער יאַם האָט אַרויסגעוואָרפן, און האָט פאַררייכערט זײַן ליולקע.

עס זײַנען אים פאַרבליבן ווייניק שוועבעלעך. נאָר נאָכדעם ווי ער האָט אויסגערויכערט די ערשטע ליולקע, האָט ער זיך גענומען שפּילן מיטן פײַער ווי אַ קינד; ער האָט געצונדן די שוועבעלעך און זיי געוואָרפן אַף אַלע זײַטן, געלאַכט און געפרייט זיך מיט זייער אויפבליץ.

„איין שוועבעלע כאָטש מוז איך באַהאַלטן" — האָט וואַאַמטשאַ גע־רעדט צו זיך און איז ווײַטער געגאַנגען.

געשפּאַנט האָט ער אָן אָפּשטעל. די הינט זײַנען געלאָפן מיט געוויינ־לעכן טראָט, נאָר מיטאַמאָל האָבן זיי גענומען לויפן גאַלאָפּ. וואַאַמטשאַ

האָט זיך דערפרייט. דער וועג ענדיקט זיך. „ענמאַקײַ״ — האָט וואַמטשאַ געטראַכט.

ער האָט דערקענט די ליניעס פון דער „יאַראַנגאַ״; די הינט מיט דעם שליטן האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט פון אַ באַרג שניי. אינמיטן דעם שניי־הויפן האָט די „יאַרנגאַ״ אויסגעזען ווי אַרומגענומען מיט אַ שניי־קרײַז.

— מײַן „יאַראַנגאַ״!

וואַמטשאַ איז אַריבערגעטראָטן די שוועל.

— ווער איז דאָרטן? — האָט ער דערהערט טיגרענאַס היימישן קאָל.

— איך. — האָט וואַמטשאַ געענטפערט.

דער אַלטער וואָאַל איז געלאָפן זען דעם זון און האָט זיך פאַרטשעפּעט אין די פעלן באַ דער טיר ווי אַ פיש אין דער נעץ.

און אָט האָט דער אַלטער באַוויזן אַרויסצושטעקן זײַן נאַקעטן האַלבן קערפּער און האָט דערזען וואַמטשאַן אַרונטערנעמען פון זיך די ביקס. אַ שמייכל האָט באַלויכטן דעם אַלטנס צעקנייטשטן פּאָנעם.

— וואַמטשאַ, דו ביסט עס? — האָט ער געפרעגט.

וואַמטשאַ איז אַרײַנגעגאַנגען און, אָן אַ וואָרט אויסצורײדן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער דעם פאָטער.

דעם אַלטנס קאָל האָט איבערגעריסן דאָס שטילשווײַגן:

— טיגרענאַ איז דאָ. זי צעשאַרט דאָס פײַער אַף דער פאַן און ברענגט מיר פּעטס...

שטיל האָט טיגרענאַ די אויגן ניט אַרונטערגענומען פון וואַמטשאַ. אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן דאָס שטעקל אַף צעשאַרן דעם מאַך אַף דער פײַער־פאַן.

— זע, טיגרענאַ, דאָס פײַער רייכערט. — האָט וואַמטשאַ איר געזאָגט. — מען דאַרף צעשאַרן דעם מאַך.

און טיגרענאַ האָט געטאָן וואָס וואַמטשאַ האָט איר געבעטן.

קאַפּיטל XVII

דער שטורעם האָט זיך שנעל אײַנגעשטילט. אינעם לאַגער האָט מען זיך דערפרייט מיט וואַמטשאַס צוריקקער, ווי מען פרייט זיך אין דעם לאַנד מיט אַ נײַ־געבוירן קינד.

ווען טיגרענאַ איז אַהיימגעקומען און מען האָט זיך אין לאַגער דערוווּסט פון וואַמטשאַס צוריקקום, האָט דער שאַמאַן קאַראַגוע געזאָגט:

— מען דאַרף טשעגיטן ברענגען אַ קאָרבן צו קעלע.*

ווען וואָאַל האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט ער אַ טיפן זיפץ אַרויסגעלאָזט און אַ מורמל געטאָן: — וואַמטשאַ, מען דאַרף טשעגיטן ברענגען פאַר אַ קאָרבן.

— ס'איז מיר אַ שאַד, טאַטע, — האָט וואַמטשאַ טרויעריק געענטפערט. — איך האָב אים שטאַרק ליב. ער איז אַ קלוגער הונט. ער פאַרשטייט אַלץ, ווי אַ מענטש. מירן מער אַזאַ הונט ניט האָבן. איכל אים ניט האַרגענען.

— וואַמטשאַ, ווי דערוועגסטו זיך אַזוי צו ריידן? דײַנע ווערטער צעווינדן מיר מײַן האַרץ. אַז קאַראַגוע וועט זיך דערוויסן, וועלן די שלעכטע

* קעלע — דער גײַסט פון שלעכטס.

גײַסטער קײַנמאָל ניט פֿאַרלאָזן אונדזער „יאַראַנגאַ“. און דו דאַרפֿסט נאָך לאַנגע יאָרן לעבן.

וואַאַמטשאַ איז אַרויסגעגאַנגען פֿונעם געצעלט. ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען די הינט און האָט דאָס פּאָנעם אָפּגעקערט. קעדיי ניט צו טרעפֿן זיך מיט טשעגיטס בליק. אַ הונט פֿאַרשטייט אַלץ, אַזוי ווי אַ מענטש.

וואַאַמטשאַ איז געגאַנגען אַרום דער „יאַראַנגאַ“ און האָט געקוקט צו די אײַז־בלאָקן אָפּן יאַם.

„איך האָב טייקעף געדאַרפֿט האַרגענען טשעגיטן. צו וואָס דאָס אָפּ־ציִען? צוליב וואָס בין איך אַהערגעקומען און אים פֿאַרבײַגעגאַנגען?...“

וואַאַמטשאַ האָט אַרויסגענומען דאָס מעסער און האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן קלונג. מען קען מיט אים ראַזירן.

די קעלט איז געווען גרויס, נאָר וואַאַמטשאַן איז געווען הייס. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט די קוטשמע פֿונעם קאָפּ. זי איז אים געבליבן הענגען אָפּן רוקן, מיט אַ שנירל צוגעבונדן. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט גיין צו די הינט, פֿירנדיק אַ קאַמף מיט זיך.

טשעגיט איז געלעגן ווי אַ בייגל אײַנגעדרייט, מיטן שנוק אין בויך באַהאַלטן. ווי נאָר אָבער וואַאַמטשאַ איז צו אים צוגעקומען, האָט ער דעם קאָפּ אויפגעהויבן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און דעם רוקן אויפגעהויקערט. ער האָט פֿויל דעם פּיסק צעעפֿנט, זיך אָפּגעטרייסלט און געדרייט מיטן האָריקן עק.

וואַאַמטשאַ, מיט דעם הונט נאָך אים, איז אַרויס הינטערן לאַגער. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אָף אַ הויפֿן שניי און טשעגיט האָט זיך אַנידערגע־וואָרפֿן פֿאַר זײַנע פֿיס. מיטאַמאָל האָט וואַאַמטשאַ אָנגעכאַפּט דעם הונט פֿאַרן קאָפּ, האָט אים צוגעדריקט צווישן די פֿיס און דאָס מעסער האָט זיך אויפגעהויבן אָף טשעגיטס האַרץ. נאָר וואַאַמטשאַ האָט קיין האַרץ ניט געהאַט צו האַרגענען דעם הונט. ער האָט אַ קוק געטאָן אָפּן גלאַנציקן מע־סער און אים אַ וואָרף געטאָן אין שניי.

טשעגיט, צעלייגט אָפּן רוקן, האָט נאַכלעסיק געוואָרפֿן מיט די פֿיס אין דער לופֿטן.

אַן אויסדרוק פֿון רישעס האָט פֿאַרפֿינצטערט וואַאַמטשאַס פּאָנעם.

„אַ וואָלף בין איך... ניין, איך בין ניט קיין וואָלף. קאַראַגוּע צווינגט מיך דערצו. ער וויל אָוואַדע איך זאָל האַרגענען טשעגיטן דערפֿאַר וואָס איך האָב אים ניט געוואָלט אָוועקגעבן אַליטעטן. קאַטטאַם מערקיטשקין!* איך בין ניט ערגער פֿון אַ וואָלף. דער הירש קען דעם וואָלפֿס פֿרײַנט ניט זײַן, און טשעגיט איז מײַן פֿרײַנט...“

וואַאַמטשאַ האָט זיך אויפגעהויבן. אויך טשעגיט האָט זיך טייקעף אויפגעהויבן.

— קום אַהין, טשעגיט! הינטער יענעם באַרג.

וואַאַמטשאַ איז געגאַנגען ווי ער וואָלט קראַנק געווען. זײַנע פֿיס האָבן אומזיכער געטראָטן אינעם שניי.

ער האָט זײַטיק אַ קוק געטאָן אָפּן הונט און אים האָט זיך געדוכט, אַז דער הונט פֿאַרשטייט וווּהין ער פֿירט אים. דער הונט איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

---

* אַ טשוקטשיש זידל־וואָרט.

— אײַ! — האָט וואַמטשאַ אַ געשריי געטאָן. ער האָט געפילט דאָס האַרץ שפּאַלט זיך אים.

טשעגיט האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן און האָט צערטלעך אַ קוק געגעבן אַף זײַן באַלעבאָס.

און וואַמטשאַ האָט פּלוצים דערפילט, אַז ער קען ניט אויסהאַלטן דעם הונטס בליק. ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז לאַנג געשטאַנען און ניט גערירט זיך. דערנאָך האָט ער זיך שנעל אומגעדרייט, אַ כאַפּ געטאָן טשעגיטן פאַרן שנוק און אַרײַנגעזעצט אים דאָס מעסער ביזן העפטל.

וואַמטשאַ האָט געוואָלט אַרויסשלעפּן דעם שטאָל, נאָר די הענט האָבן אים ניט געפאָלגט, ווי ער וואָלט צו לאַנג גערודערט. אַ גרויסע טרער האָט זיך אים אַראָפּגעקײַקלט איבער דער באַק און איז אים טייקעף פאַרפרוירן געוואָרן אַפן קינבאַק.

וואַמטשאַ האָט אין ביידע הענט אַרײַנגענומען דעם קאָפּ פונעם טויטן הונט און צוגעדריקט צו אים זײַן באַק. דערנאָך האָט ער זײַן פינגער אײַנגעטונקען אינעם הונטס בלוט און אַ פיר געטאָן איבערן שטערן.

„זאָלן די גײַסטער צופרידן בלײַבן!”

וואַמטשאַ האָט אָנגענומען דעם הונט באַ אַ הינטערשטן פוס און אים גענומען שלעפּן, ווי דער מינהעג איז, מיט די האָר אַרויף.

„ניין, איך וועל אים אַזוי ניט שלעפּן. איך וועל אים נעמען אַנדערש. מעג עס זײַן ניט ווי עס איז אײַנגעפירט, וועל איך אים נעמען אַף מײַן אויפן”.

גענומען האָט ער דעם הונט אַף די פּלייצעס, אים צוגעהאַלטן באַ די פאָדערשטע פיס און אים אָװעקגעטראָגן צו זיך אין „יאַראַנגאַ”. געדוכט האָט זיך ווי דער הונט וואָלט אים געהאַלטן אַרומגענומען פון הינטן. באַ יעדן טראָט, וואָס וואַמטשאַ האָט געשטעלט, האָט זיך טשעגיטס קאָפּ געוויגט פון רעכטס אַף לינקס.

אין וועג האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט דעם שאַמאַן קאָראַגוע. וואַמטשאַ איז אים שווײַגנדיק פאַרבײַגעגאַנגען.

„געמיינער יונג, ער מוז אַלץ טאָן ווי אים ווילט זיך! פאַרוואָס טראָגט ער דעם הונט אַף זײַנע אַקסלען?” — האָט קאָראַגוע זיך געטראַכט אַ געערגערטער.

וואַמטשאַ האָט אַוועקגעלייגט טשעגיטן לעבן דער „יאַראַנגאַ” מיטן קאָפּ צו דער זײַט וווּ די זון גייט אויף.

קאַפּיטל XVIII

פון צווישן די בלאָקן אײַז האָט מען געהערט אַ שיסן פון ביקסן. יעדער שאָס האָט די מענטשן דערפרייט. וואָס מער אַ שאָס, אַלץ מער פלייש.

די יעגערס פונעם ענמאַקײַ־לאַגער האָבן געלויערט באַ אַלע געעפנטע שפּאַלטן אינעם יאַם.

לעבן וואַמטשאַ זײַנען געלעגן צוויי פּאַקעס מיט פאַרבלוטיקטע קעפּ און דורכגעלעכערט מיט קוילן. וואַמטשאַ, אַ צופרידענער מיט דעם יאַגד, איז געזעסן אַף אַן אײַז־בלאָק און האָט געקלאַפּט אַן אים זײַן ליולקע. אים האָט זיך געגלוסט רייכערן, נאָר די טאַבאַק־פושקע איז געווען ליידיק. ער האָט אַ ווײַלע געהאַלטן די ליולקע אין מויל און דערנאָך טרויעריק זי אַוועקגעלייגט.

— ווי קען מען יאַגדן אַן טאַבאַק?

וואַאַמטשאַ האָט זיך אויפגעהויבן, האָט אַריבערגעשפּאַנט איבערן אײַנ־געבראָכענעם אײַז בעטן טאַבאַק באַ אַ יעגער אַ שאָכן. שפּעטער האָט ער דערזען טיגרענאַן. זי איז געזעסן אַפן ראַנד פון אַ שפּאַלט. לעבן איר זײַנען געלעגן דרײַ טויטע פּאַקעס.

— קאַקאַמעי, טיגרענאַ! — האָט וואַאַמטשאַ אויסגעשריגן. — דרײַ פּאַקעס! ביסט אַ גרויסער יעגער!

— באַם פערטן האָב איך ניט געטראָפן. — האָט טיגרענאַ פאַרשעמט געענטפערט.

וואַאַמטשאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ געפרוירענער פּאַקע.

— האָסט טאַבאַק?

— יאָ, — האָט טיגרענאַ געענטפערט און האָט אים מיט אַ שמייכל דערלאַנגט איר הירשן־פעלן טאַבאַק־זעקעלע.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט רייכערן.

— הײַנט איז אַ גוטער טאָג, וואַאַמטשאַ.

— יאָ, נאָר מיר מוזן שוין אַהיימגיין. איך וואָלט נאָך איין פּאַקע גע־שאָסן, כאָטש ווי איך זע, וועל איך דיר מוזן העלפן אַהיימשלעפּן דײַנע.

— דוכט זיך, אַז דו וועסט עס מוזן טאָן. זע ווי גרויס זיי זײַנען! איך האָב גערעכנט פריִער אַוועקשלעפּן צוויי און דערנאָך קומען נאָך די אי־בעריקע. איך וואַרט דעריבער אַף דער פערטער.

— ס'איז זייער ווײַט, טיגרענאַ, וועסט ניט קענען. בעסער נעם דײַנע דרײַ מיטאַמאָל און דו וועסט מיר נאָכגיין מיט מײַנע צוויי.

— ביסט אַ גוטער, וואַאַמטשאַ, איך וואָלט וועלן זײַן דײַן ווײַב.

וואַאַמטשאַ איז צעמישט געבליבן און אַף אַריבערצופירן דעם שמועס, האָט ער געזאָגט:

— אַבי קאָראַגוע זאָגט, אַז די פּאַקעס האָבן מיך ניט ליב, אַז די פּאַקישע אויגן מײַדן אויס מײַן בליק. אָט האָסטו, צוויי פּאַקעס האָבן אַף מיר אַ קוק געגעבן און זײַנען איצט אונטער מײַן ביקס.

— קאָראַגוע איז אַ שלעכטער מענטש. — האָט טיגרענאַ מיט האַס אַרויסגערעדט. — ער איז אַ ליגנער. הערן אַ ליגנער ריידן איז ווי טרינקען לעבלעכע וואַסער. איך רייד שוין ניט פון די פּאַקעס, נאָר אויך מײַנע אויגן האָבן ליב אַף דיר צו קוקן. — און טיגרענאַ האָט אַ שמייכל געטאָן.

נאָך אַ ווײַלע שווײַגן, האָט טיגרענאַ שטיל זיך אָנגערופן:

— קאָראַגוע רעדט קעסיידער, אַז די גײַסטער האָבן ניט ליב וואַאַלס „יאַראַנגאַ״. אילינועט איז פאַרפרוירן געוואָרן, זאָגט ער; וואַאַמטשאַן האָט עס פאַרשלעפּט ווײַט אין יאַם. גלײַכער אַז וואַאַל זאָל אַוועק פון אונדזער לאַגער.

— און מיך האָט עס גאָרניט פאַרשלעפּט. — האָט וואַאַמטשאַ פריידיק אויסגערופן, נאָר אַז ער האָט זיך דערמאָנט אַן טשעגיטן, איז ער טרויעריק געוואָרן. — ווען נאָר איך דערמאָן זיך אַן טשעגיטן, פיל איך ווי אַ סינע באַזעצט זיך אין מײַן האַרצן. איך זע אים אָפט אין כאָלעם. ער דרייט מיטן עק און וואַרפט מיט די פיס, ער רעדט צו מיר מיט די אויגן. איך וואָלט מיר ליבערשט אַן אויג אויסגעשטאָכן. אויך מיט איין אויג קען מען גיין אַף יאַגד. פאַרוואָס עפּעס האָט קאָראַגוע געהייסן מאַקריוו זײַן טשעגיטן און ניט אַן אַנדער הונט?

— ער איז זייער אַ שלעכטער מענטש, — האָט טיגרענאַ אַ מורמל געטאָן און זיך אומגעקוקט. — איך האָב מוירע פאַר זײַנע אויגן ווען זיי קוקן אַף מיר.

זיי האָבן נאָך אַ ווײַלע געריוכערט און האָבן באַשלאָסן אַהיימצוגיין.

וואַאַמטשאַ און טיגרענאַ האָבן זיך געלאָזט גיין איבערן אײַז. זי איז געגאַנגען הינטער אים. זיי האָבן געשלעפּט די פּאָקעס. וואַאַמטשאַ האָט גע־שלעפּט דרײַ און טיגרענאַ צוויי. אַ לענגערע ווײַלע זײַנען זיי געגאַנגען און צווישן זיך אַ וואָרט ניט אויסגערעדט. פון וואַאַמטשאַס באַפּראָסטיקטן קאָפּ האָר האָט זיך אַ פּאַרע געהויבן.

באַם אָנבליק פון די „יאַראַנגאַס" האָבן זיי זיך צוגעזעצט אָפּרוען אַף די פּאָקעס און האָבן פאַררייכערט.

— אָט זײַנען שוין די „יאַראַנגאַס", וואַאַמטשאַ. — האָט טיגרענאַ געזאָגט. — די פיס ווילן מיך שוין ניט טראָגן.

— אַליטעט איז אַ שלעכטער ? — האָט וואַאַמטשאַ ניט דרייסט אַ פרעג געטאָן.

טיגרענאַ האָט שטיל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דער אַלטער וואַאַל זאָגט : אַליטעט איז כיטרע און זשעדנע. ער גאַנוועט פוקסן פון פרעמדע פּאַסטקעס. אויך מײַן פאַרשטאַנד זאָגט מיר, אַז ער איז אַ שלעכטער. איך באַמי מיך אים אויסצומײַדן, ווען איך טרעף אים אָן.

— דײַן פאַרשטאַנד איז גלײַך צו מײַנעם ווי איין פּאָקע צו דער צוויי־טער. פריִער האָב איך ניט געקענט קיין ליגנערישע מענטשן, נאָר איצט ווייס איך שוין אַליין וואָס הייסט ליגן זאָגן. נעם דיר, וואַאַמטשאַ, מײַן דריטע פּאָקע. איכל זאָגן, אַז איך האָב געפאַנגען נאָר צוויי.

— וואָס פאַר אַ יעגער וואָלט איך געווען, ווען ווײַבער פאַנגען פאַר מיר די פּאָקעס ? איכל זי ניט נעמען. אַכוצדעם, וועט קאַראַגוע זען ס'איז אַ ליגן. וועסט דיך פילן ניט באַקוועם.

— וואָס מאַכט עס אויס ! מיר איז אַלצאיינס. איך וועל זיכער אַמאָל פונעם זינען אַראָפּ און וועל קאַראַגוען דערהאַרגענען. און דו, וואַאַמטשאַ, שיס אַרײַן אַ קויל אין אַליטעטן. וואָרט אים אַפּ ערגעץ לעבן אַ פּאַסטקע. פאַנג אַ געזילבערטן פוקס און לייג אים אַוועק אַף דײַנע קלעצער. אַליטעט וועט אים וועלן אַוועקגאַנווענען, דעמאָלט קענסטו אים שיסן.

וואַאַמטשאַ איז בלייך געוואָרן. ער האָט נאָך קיינמאָל מיט קיינעם אַזוי ניט גערעדט און קיינמאָל פון קיינעם ניט געהערט אַזעלכע רייד.

— טיגרענאַ, איך האָב מוירע דיר זאָל עפּעס געשען.

— האָב קיין מוירע ניט, וואַאַמטשאַ. קיינער הערט אונדז דאָ ניט. דער ווינט בלאָזט פונעם ברעג. דו און איך ועלן מיר ריידן נאָר אַפן אײַז. קיינער דאַרף ניט וויסן אונדזערע מאַכשאָוועס. וואַאַל איז אַ גוטער, נאָר אים דאַרף מען אויך גאָרניט זאָגן : ער וועט מוירע האָבן פאַר דעם שאַמאַן.

— איך וועל קיינעם ניט זאָגן. נאָר איך איינער וועל עס וויסן.

— אַליטעט איז אַ גאַנעוו. אַלץ נעמט ער צו. מיך האָט ער אויך צוגע־נומען ווי אַ פוקס פון אַ פרעמדער פּאַסטקע. איך האָב איבערגעלאָזט אײַען אַליין. נאַרגינאָט האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט זײַן אייגן מיידעלע און זײַן אייגן ייִנגעלע דערהאַרגעט, זיי זאָלן אַוועקטראָגן די קראַנקייט פון זײַן

מיעסן גוף. איך וועל קיינמאָל ניט זײַן אַ ריכטיק ווײַב בײַ אים אין דער „יאַראַנגאַ".
טיגרעגאַ איז שטיל געבליבן, האָט אַ זיפץ אַרויסגעלאָזט און געפרעגט:
— איך טראַכט אַלץ, וואַאַמטשאַ: פאַרוואָס דאַרפן די מענער זיך אונטערקלײַבן די „נעווטומס" און ניט די ווײַבער?
— אַזוי איז דאָס געזעץ.
— יאָ, אַזוי איז דאָס געזעץ. — האָט טיגרעגאַ מיט אַ זיפץ מאַסקים געווען, און נאָך אַ קורצן שווײַגן, צוגעגעבן: — איך וויל אַז מײַן זונס פאָטער זאָל זײַן אַ ריכטיקער מאַן, יונג, שטאַרק, פלינק און גוט.
וואַאַמטשאַ האָט שטיל געדויכערט זײַן ליולקע.
— איך וואָלט דיך אויסגעקליבן פאַר אַ „נעווטום".
וואַאַמטשאַ האָט צעמישט אָוועקגעדרייט דעם בליק און האָט אַרויסגעלאָזט עטלעכע מויל רויך. טיגרעגאַ האָט זיך צעלאַכט.
— פאַרוואָס ביסטו, וואַאַמטשאַ אַזוי... שרעקעוודיק ווי אַ פאַקע?
— מיסטאָמע דערפאַר וואָס איך בין אָרעם.
זיי זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן. און מיטאַמאָל האָט טיגרעגאַ שטיל אַ זאָג געטאָן:
— וואַאַמטשאַ, איך מוז ווערן אַ ריכטיק ווײַב. איך וויל האָבן אַ קינד... און איך וויל אַז דו זאָלסט זײַן זײַן פאָטער.
ווען טיגרעגאַ איז אַהיימגעקומען, האָט זי איבערגעלאָזט די פאַקעס בײַ דער טיר און האָט דערהערט אַליטעטס קאָל. ער האָט גערעדט מיט עמעצן.
אַ „רעמיקלען" * איז דאָ, — האָט טיגרעגאַ זיך געטראַכט.
פון קליינערהייט איז זי געווינט געווען זיך צו דערפרייען יעדן מאָל ווען אַ גאַסט איז געקומען, נאָר דאָס מאָל האָט די פּאַסירונג זי ניט גערירט. זי האָט אַפילו קיין כיישעק ניט געהאַט אַרײַנצוגיין אין געצעלט.
די פרייד פונעם טאָג אויף דער פראַסטיקער ראַכוועס און פון דער גערעטענער יאַגד, איז זיך צעשוווּמען. זי האָט געוואָלט רייכערן, נאָר איר טאַבאַק־זעקל איז געבליבן בײַ וואַאַמטשאַ. זי איז שטיל אַוועקגעלאָפן צום אַלטן וואַאַל אין דער „יאַראַנגאַ".
קימאַט אַלע יעגערס זײַנען דאָרט פאַרזאַמלט געווען. מען האָט געטרונקען טיי און דער אַלטער וואַאַל איז געזעסן צעלייגט אויף די פוטערס און האָט זיי דערציילט מײַסעס. ווי פּרעכטיק דאָס לעבן איז דאָ! טיגרעגאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט און גענומען רייכערן.
די יעגערס האָבן זיך געקוויקט מיט דעם טיי און געבעטן וואַאַלן דערציילן נאָך מײַסעס.
— שטאָפּט מיר אָן די ליולקע. — האָט דער אַלטער געזאָגט.
די יעגערס האָבן אים דערלאַנגט עטלעכע אָנגעשטאָפּטע ליולקעס מיטאַמאָל.
— צו וואָס דאַרף איך אַזוי פיל? — האָט דער אַלטער אַ שמייכל געטאָן. — מיר איז גענוג איינע.
ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ מויל רויך און גענומען דערציילן:
— איך וועל אײַך ריידן וועגן דעם וועלט־באַשאַף... אין די גאָר אַלטע צײַטן איז שטענדיק נאַכט געווען. דער באַשאַפער איז זיך געזעסן אין

---

* „רעמיקלען" — אַ גאַסט, אַ וויזיטאַנט.

דאָרעם־זײַט און קעסיידער געטראַכט ווי צו מאַכן ליכטיק. לאַנג האָט ער געטראַכט, דערנאָך האָט ער באַשאַפן אַ ראָב און אים געזאָגט:

„גיי און מאַך אַ לאָך, אַז דער מאָרגנרויט זאָל דורכגיין".

דער ראָב איז אַוועק צו מיזרעך־זײַט און האָט גענומען פּיקן מיטן שנאָבל. אין אַ קורצער צײַט אַרום איז ער צוריקגעקומען צום באַשאַפער און אים געזאָגט:

„איך קען ניט מאַכן דעם לאָך".

דער באַשאַפער איז בייז געוואָרן, האָט גענומען דעם ראָב און אים ווײַט פון זיך אַ וואָרף געטאָן:

„איך דאַרף דיך ניט האָבן, ווײַל דו האָסט פײַנט צו אַרבעטן. גיי דיר! איך וויל דיך ניט שפּײַזן! זוך דיר אַליין דײַן שפּײַז!"

און האָט גענומען און האָט באַשאַפן אַ קליין פייגעלע. דאָס פייגעלע איז אויך אַוועק צו מיזרעך־זײַט און גענומען פּיקן מיטן שנעבעלע. אַזוי לאַנג האָט עס געפּיקט ביז ס'האָט געמאַכט אַ לעכעלע. אַז דאָס פייגעלע איז צוריקגעקומען, האָט עס דער באַשאַפער געפרעגט:

„וואָס האָסטו אויפגעטאָן?"

„איך האָב געעפנט אַ לעכעלע".

„מאַך אַ גרויסן לאָך".

איז דאָס פײַגעלע אַוועקגעפלויגן און גענומען ווײַטער פּיקן. דאָס שנעבעלע האָט זיך צעבראָכן, דער גוף האָט אײַנגעדאַרט, די פעדערלעך זײַנען אויסגעפאַלן. נאָר באַוויזן האָט עס צו מאַכן דעם לאָך. דער מאָרגנרויט האָט זײַנע שטראַלן צעשפּרייט און עס איז ליכטיק געוואָרן. דאָס פייגעלע האָט גענומען שפּרינגען צוריק צום באַשאַפער. אין וועג האָט עס ניט געהאַט וואָס צו עסן און איז מאָגער געוואָרן, שטאַרק מאָגער; די ביינדעלעך האָבן דעם געבראָכן און ס'איז נאָך קלענער געוואָרן, נאָר אָנגעקומען איז עס.

„שוין פאַרטיק דער לאָך, — האָט עס געזאָגט. — איצט איז שוין ליכטיק אויף דער ערד".

„אָך, אָך!", איז דער באַשאַפער צופרידן געווען.

ער האָט עס באַקליידט מיט נײַע פעדערלעך, האָט דעם דאָס שנעבעלע אָנגעשאַרפט און דעם געמאַכט אַ נעסט אונטער אַ גרודקע ערד:

„לעב דיר און האָב דיר קינדער!"

טיגרענאַ האָט אַ קוק געטאָן צו וואַאַמטשאַ. ער האָט איר געענטפערט מיט אַ שמייכל און פון זײַן זײַט אַ קוק געטאָן צו וואַאַלן.

— דערנאָך, — האָט דער אַלטער ווײַטער דערציילט, — האָט דער באַשאַפער צעוואָרפן פּאַקע־ביינער איבער דער ערד און האָט זיי געזאָגט: „ווערט מענטשן!" דער באַשאַפער האָט געמאַכט אַ ווײַסע קוראָפּאַטווע און זי אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד זען וואָס די מענטשן טוען. די קוראָפּאַטווע איז אַ ביסל געפלויגן און איז צוריקגעקומען צום באַשאַפער און אים געזאָגט:

„ס'איז צו ווײַט און צו שווער אַהין צוצוקומען, איך האָב ניט געקענט דערפליִען".

דער באַשאַפער האָט זי אָנגענומען פאַרן עק און זי אַרײַנגעוואָרפן אינעם ווילדגראָז: „לעב אין דער טונדרע. איך וועל דיך ניט שפּײַזן. וועסט דיר אַליין מוזן זוכן דײַן שפּײַז!"

„וועמען זאָל מען שיקן ברענגען ידיעות פון דער ערד?"

און דער באַשאַפער האָט געמאַכט דעם פּילין־פויגל.

דער פילין איז אַרויסגעפלויגן און איז געקומען אַף דער ערד. ער האָט גרויסע אויגן און זעט פון זייער ווײַט. דערזען האָט ער פיר מענטשן: צוויי מענער און צוויי ווײַבער. זיי זײַנען געשטאַנען אַף דער ערד און זיך ניט דערוועגט אַוועקצוזעצן. דער פילין איז צוריק ניט געקומען.

„ווי דערוויסט מען זיך וואָס עס טוט זיך אַף דער ערד?“ — האָט זיך דער באַשאַפער געטראַכט.

געמאַכט האָט ער דעמאָלט דעם פוקס און אים באַפוילן: „גיי!“

דער פוקס איז אַוועק, נאָר אַף דער ערד האָט ער ניט געקענט קומען. אײַנגעפאַלן איז אים אַפּצונאַרן דעם באַשאַפער: ניטאָ קיין ערד, ניטאָ קיין מענטשן, ווי קען גאָר דאָרטן זײַן מענטשן? אַלץ איז דאָרטן פּוסט.

דער באַשאַפער האָט אים פון זיך אַוועקגעשטופּט:

„איך האָב ניט ליב קיין ליגנערס. איך ווייס, אַז מענטשן זײַנען פאַראַן. לעב אין דער טונדרע און קום ניט מער פאַר מײַנע אויגן. אַז ניט, וועל איך דיך אָפּשינדן לעבעדיקערהייט“.

דער באַשאַפער האָט דעמאָלט אַראָפּגעשיקט אַף דער ערד אַ סאַך אַנדערע כאַיעס: אַ ווײַסן פוקס און אַ וואָלף.

„טויגעניכטסן! קיינער קען מיר קיין יעדיעס ניט ברענגען“.

און האָט באַשלאָסן אַליין צו גיין. אַנגעטראָפן האָט ער אַ מענטשן, האָט אים אָנגענומען באַ די אַקסלען און האָט אים אַוועקגעזעצט. לעבן אים האָט ער אַוועקגעזעצט דאָס ווײַב.

מאַן און ווײַב האָבן זיך דעמאָלט גענומען מערן און זײַנען געוואָרן אַ פאָלק.

דערנאָך האָט דער באַשאַפער געמאַכט פונעם ווילדגראָז הירשן, פּאַקעס און מאַרזשן:

„דאָס איז אײַער שפּײַז. האַרגעט זיי און דערהאַלט אײַך באַם לעבן“.

דער אַלטער וואַאַל האָט אַ כראָקע געטאָן און געזאָגט:

— מער גאָרניט...

קאַפּיטל XIX

טיגרענאַ פלעגט שטענדיק אַרײַנפאַלן אין טרויעריקע מאַכשאָוועס ווען עס פלעגט איר צײַט ווערן אַהיימצוגיין פון דעם אַלטן וואַאַלס „יאַראַנגאַ“.

דאָ פלעגן זיך צונויפקומען מענטשן מיט האַרץ. ריכטיקע מענטשן. צווישן זיי פלעגט זיך טיגרענאַ פילן גוט און זיך פאַרגעסן אַף איר שווער און טרויעריק לעבן באַ אַליטעטן אין דער פאַרהאַסטער „יאַראַנגאַ“. אַן אַנדערש־מאָל פלעגן איר באַפאַלן מאַכשאָוועס בייזע. ניט איינמאָל האָט זי זיך געוואָלט דאָס לעבן נעמען. אַיע איז ווײַט. ער האָט אַוואַדע כאַסענע געהאַט, וואָרעם אויך אין די בערג זײַנען פאַראַן מיידלעך. וואַאַמטשאַ נאָר, וואָס פלעגט זיך טרעפן מיט איר אָפן אײַז, האָט געקענט צעשטרײַען איר פינצטערע געדאַנקען.

אויך איצט האָט איר די גוטע שטימונג פאַרלאָזט, ווי נאָר זי איז אַהיימגעקומען. וואָלט עס געוועזן געווענדט אין איר, וואָלט זי ניט אַהיימגעקומען.

שטיל איז זי אַרײַנגעקומען אין דער „יאַראַנגאַ“ און האָט דערזען דעם אַלטן הירשן־פּיטערער עטשאַוטאָ, וואָס זי האָט שוין געהערט פון איםריידן באַם אַלטן וואַאַל.

— טיגרענאַ, דו ביסט עס? — האָט זי עטשאַוואָ באַגריסט מיט אַ זקײנישן קאָל.

— יאָ, איך. — האָט טיגרענאַ גלײַכגילטיק געענטפערט, און אָן אײן וואָרט מער, גענומען אויסטאָן פון זיך די פוטערנע קלײדער.

זי האָט זיך באַקוועם געמאַכט לעבן דער פײַער־פּאַן און, מיט גרויסע שלוקן, זשעדנע גענומען טרינקען דעם טײ.

דער אַלטער עטשאַוואָ, אַ נײַער „נעווטום", איז געזעסן מיט אַליטעטן און מיט דעם שאַמאַן קאַראַגוע. אויך דאָ האָט דאָס פײַערדיקע וואַסער געזי־כערט די פרײַנטשאַפט מיט דעם רײַכן הירשן־פּיטערער.

אַליטעט איז צופרידן געווען פון זײַנע געשעפטן און איז געווען גוט געשטימט. גלײַך מיט אַלע מענער, איז ער געזעסן אַ נאַקעטער אָף די פּור־טערס. בלויז אַ פעלכל פון אַ יונגן הירש האָט אים צוגעדעקט די קני. אין געצעלט איז הײס געווען.

— דײַן סטאַדע, אַליטעט, וועט וואַקסן יעדן יאָר. און ווען די נעקײ־ועס וועלן זיך אַפּלײגן, וועט דײַן סטאַדע פאַרטאָפּלט ווערן. — האָט עטשאַוו־טאָ געגעבן צו פאַרשטײן.

די מענער, שוין שיקערלעך, האָבן גערעדט פון הירשן, פון פעלן, פון יאַגד.

— זומער וועל איך מאַכן אַ סאַך מאָרזשן־רימענעס, אַוועקפירן די „לאַכטאַק" * פעלעכלעך און די פאַקע־פעלן און וועל קויפן הירשן. — האָט אַליטעט געפּלאַנעוועט.

— אַ ווילער פּלאַן, אַליטעט! די נאַמאַדן הירש־פּיטערער דאַרפן דאָס אויך האָבן. פאַר יעדן „לאַכטאַק" וועלן מיר דיר געבן צווײ לעבעדיקע הירשן און פאַר יעדן מאָרזשענעם רימען אַ הירש.

— פון דער „יאַראַנגאַ" ווו עס האַנדלט מײַן פרײַנט טשאַלי, וועל איך אויך ברענגען אַ סאַך טײ און אײַזנוואַרג, און אַלץ אַרײַנלײגן אין קויפן הירשן. טשאַלי זאָגט, אַז הירשן האָבן קײן שום ווערט ניט, מאַכמעס זײ ווערן דאָ געבוירן און טשוקאָטקאָ איז פול מיט זײ. אײַזנוואַרג, פאַרקערט, און גע־פּרעסטער טײ און טאַבאַק ווערן דאָ ניט געבוירן. יעדע אײַזערנע זאַך קאָסט. אַ קאַסטרול — אַ הירש; אַ טעוועלע טײ — אַ הירש; אַ מעסער — אַ הירש. אײַזערנע נאָדלען ווערן דאָ אויך ניט געבוירן און קאָסטן טײַער. ווײַבער ווייסן שוין הײַנט ניט וואָס הײסט נײען מיט בײנערנע נאָדלען. איך וועל העלפן דעם נאָמאַדן־פאָלק דערמיט וואָס איך וועל אים צוברענגען די זאַכן פון די „טאַנגיס" און דו וועסט מיר העלפן זיך אײַנשאַפן אַ גרויסע סטאַדע.

— אַליטעט, דו ביסט מײַנער אַ פרײַנט — האָט עטשאַוואָ מיט אַ כניפע מאַסקים געווען. — איך זאָג שטענדיק די נאָמאַדן: אַליטעט טוט אַ סאַך גוטס די באַרג־מענטשן. זײ האָבן ניט קײן הינט, די סטאַדעס האַלטן זײ פאַר זיך. זײ קענען ניט אַראָפּגײן צו דער „יאַראַנגאַ" ווו מען קויפט. דו אַלײן קומסט אין די בערג. דו אַלײן ברענגסט אונדז זאַכן. אַ דאַנק דיר איז דאָס לעבן אין די בערג גרינגער.

דער שאַמאַן קאַראַגוע, וואָס האָט ביז איצט געשוויגן, האָט פּלוצים זיך אָנגערופן:

— דײַן זײדע, דאָס הײסט מײַן פאָטער, האָט געהאַט גרויסע הירשן־סטאַדעס, נאָר די גײַסטער, וואָס ער האָט זײער צאָרן ניט געשטילט, האָבן

---

* „לאַכטאַק" — אַ מין יאַם־האָזן.

אָנגעשיקט קראַנקייטן אַף די הירשן און זײַנע סטאַדעס זײַנען אומגעקומען. דערנאָך זײַנען מיר אַריבער אַפן ברעגלאַנד, וווּ עס וווינען די מענטשן וואָס שפּײַזן זיך מיט מײַז. איך בין נאָך דעמאָלט געווען זייער אַ קליינער.

— קאַראַגוע זאָגט דעם רייִנעם עמעס. — האָט עטשאַווטאָ באַשטעטיקט.

— יאָ, יאָ, דעם רייִנעם עמעס. מײַן פאָטער איז געווען אַ גרויסער הירשן־פּיטערער, נאָר געשטאָרבן איז ער ווי אַן אָרעמער יעגער אַף יאַם־כאַיעס. איצט בין איך אַ פרײַנט פון די גײַסטער און זיי פאָלגן מיך. פאַר מײַן טויט, אַליטעט, וועל איך דיר העלפן האָבן אַ גרויסע סטאַדע. און ווען איך וועל אַוועק אַהין, — און געוויזן האָט דער שאַמאַן מיט דער האַנט אַרויף, — וועל איך זאָגן דײַן זיידן: מיר האָבן געפונען דײַנע סטאַדעס.

גרויסע טראָפּנס שווייס זײַנען גערונען איבער עטשאַווטאָס צעקנייטשטן פּאָנעם. זײַן לאַנגע באָרד איז נאַס געווען. ער האָט זיך געווישט דעם שווייס און אונטערטעניק געזאָגט:

— מײַנע מענטשן, אַליטעט, היטן דײַנע הירשן ווי מײַנע. קיין איין הירש דײַנער וועט ניט גיין פאַרלוירן און קיין וואָלף וועט אים ניט אויפעסן.

— עטשאַווטאָ, — האָט אַליטעט געזאָגט, — דו ביסט מײַן בעסטער „געוווטום”. מײַן ערשט ווײַב האָט איצט אַ פּאָנעם פון אַן אַלטער פּאָקע. זי האָט ווייניק פעטס אַף זיך און איר הויט איז מער ניט גלאַט... דערפאַר איז מײַן צווייט ווײַב... — אַליטעט האָט בעייס מײַסע צוגעשמייכלט: — האָסט נאָך אַזאַ ווײַב ניט געזען...

טיגרעגנאַ האָט אומרויִק זיך גענומען אײַנהערן צום געשפּרעך. אַ ציטער פון ווידערגעפיל איז איר איבערן לײַב דורכגעלאָפן.

זי האָט ביגעגנייווע אַ קוק געטאָן אַפן אַלטן עטשאַווטאָ און האָט דערפילט אַ פאַרלאַנג טייקעף אַרויסצולויפן פון דער „יאַראַנגאַ”.

און ווען אַליטעט האָט איר געזאָגט, אַז די נאַכט וועט עטשאַווטאָ פאַרנעמען זײַן פּלאַץ, האָט זי פעסט און פאַראַקשנט, מיט אַ פאַרענדערטן פּאָנעם אַ מורמל געטאָן:

— איך וויל ניט!

אַליטעט איז געווען געפּלעפט פון איבערראַשונג, נאָר ער האָט גאָרניט געזאָגט.

באַ אים אין „יאַראַנגאַ” האָט זיך נאָך קיינער ניט דערוועגט צו ברעכן די מינהאָגים פונעם פאָלק. עטשאַווטאָ האָט פײַנלעך אַ שמייכל געטאָן. אַליטעטס צאָרן איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן. ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און איז אַרויס פונעם געצעלט.

ווי אַן אַלטער געניטער וואָלף, האָט זיך עטשאַווטאָ פאַמעלעך צוגעשאַרט צו טיגרעגנאַן.

— אַ קליין כאַיעלע דערשרעקט זיך שטענדיק, פאַרטיידיקט זיך מיט די נעגל. נאָר אַז סע געוווינט זיך צו, עסט עס פון דער האַנט.

עטשאַווטאָ איז געשטאַנען ווי צוגעקלעפּט צו טיגרעגנאַן, און האָט אַרויפגעלייגט אַ האַרטע האַנט אַף אירן אַן אַקסל.

טיגרעגנאַ האָט אים אַ שטופּ געטאָן פון זיך. עטשאַווטאָ איז אומגעפאַלן און זיך אויסגעצויגן ווי לאַנג ער איז געווען אַף די פוטערס...

אין דער מינוט איז אַליטעט צוריקגעקומען. מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל האָט אים עטשאַווטאָ געזאָגט:

— דאָס כאַיעלע בײַסט זיך. אַזוי טוען אין דער סטאַדע די ניט געצוימטע הירשן אַף אויסצומײַדן דעם שלייף.

אַליטעט איז שטיל צוגעקומען צו טיגרענאַן און האָט איר אַ קלאַפּ געגעבן מיטן פוס. די אויגן האָבן אים געברענט פון קאַס. טיגרענאַ האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווײַטן ווינקעלע, האָט פאַרקלעמט די ליפּן און די אויגן, פול מיט סינע, אײַנגעשטאָכן אין אַליטעטן.

קאַפּיטל XX

די נאַכט האָט טיגרענאַ ניט געקענט אײַנשלאָפן. עס האָט זיך איר דערמאָנט די קינדהייט, דאָס שפּילן זיך אינעם יאַנראַקענאָט־לאַגער, איר פאָטער קאַמענוואַט און אַיע, איר באַליידיקטער כאָסן. אויך וואַמטשאַ איז איר אַפן געדאַנק געקומען. מיטן קאָפּ אין דער הירשן־פעל, האָט זי שטיל געוויינט. ס׳איז איר דעם ערשטן מאָל אין לעבן ווי זי וויינט.

די מענער, שיקער, זײַנען טיף געשלאָפן. אין געצעלט איז הייס געווען, צום דערשטיקט ווערן. טיגרענאַ האָט אין דער פינצטער זיך אָנגעטאָן די „טאָרבאַזן״, געכאַפּט אַף זיך פוטערנע מאַלבושים און איז שטיל אַרויס אין דרויסן.

זי האָט מיט פאַרגעניגן אײַנגעאָטעמט די פראָסטיקע לופט און האָט זיך אײַליק גענומען אָנטאָן ווי אַף אַ רײַזע.

„דאָס מעסער ?״ — האָט טיגרענאַ זיך דערמאָנט און איז שטילערהייט צוריק אַרײַן אין דער „יאַראַנגאַ״.

זי האָט באַשלאָסן די מינוט צו אַנטלויפן קיין יאַנראַקענאָט, צוריק צו קאַמענוואַט, איר פאָטער, אין שטוב. זי האָט זיך אײַליק אַראָפּגעלאָזט פונעם באַרג און, ניט אומגעקוקט, געלאָפן ביז זי איז אָן אָטעם געבליבן. ס׳איז איר הייס געוואָרן. צופוסנס דעם שכיידעסדיקן באַרג איז זי שטיין געבליבן. ס׳איז שוין געווען סאָף נאַכט. די לעוואָנע איז געפאַלן אַף די שניי־בלאָקן. געדיכטע פינצטערע וואָלקנס האָבן גענומען פאַרציִען דעם הימל. אַן אָראַנזשקאָלירטע שײַן־ראָד אַרום דער לעוואָנע, האָט אָנגעזאָגט אַף שטורעם.

געענדיקט האָט זיך די לעוואָנע פון אַ ל ט ן ש ט י ר ־ אָ ק ס און אָנגעהויבן האָט זיך די לעוואָנע פון ד י ג ע פ ר ו י ר ע נ ע א ײַ ט ע ר ס. טיגרענאַ האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט גערעדט צו זיך: „ס׳וועט זײַן אַ גרויסער שטורעם... נאָר צוריק וועל איך ניט גיין !...״ און האָט זיך געלאָזט לויפן ווײַטער. צײַטנווײַז האָט זי זיך אָפּגעשטעלט כאַפּן דעם אָטעם. זי איז שוין אַ סאַך אָפּגעגאַנגען. באַטאָג וואָלט מען זיכער ניט אָנגעזען די בערג פונעם ענמאַקײַ־לאַגער. נאָר, מאָדנע, טיגרענאַ האָט אין די פיס קיין מידקייט ניט געפילט. דאָס האַרץ האָט איר שטאַרק געקלאַפּט, כאָטש ניט פון לויפן, נאָר פון פרייד. לאַנג נאָך איז זי געלאָפן לענגאויס דעם ברעג און אומבאַמערקט איז זי אַרײַן אין דער טונדרע. געכאַפּט האָט זי זיך, אַז זי דערקענט ניט דאָס אָרט ווו זי געפינט זיך. טיגרענאַ האָט פאַרבלאָנדזשעט און זי ווייסט שוין ניט צי איז זי ווײַט אָדער נאָענט פונעם ברעג. זוכנדיק דעם וועג, האָט זי שאַרף פאַרקירעוועט צום יאַם און האָט זיך ווידער געלאָזט לויפן. פון אַ קוסט איז אַ האָז אַרויסגעשפּרונגען. טיגרענאַ האָט זיך דערשראָקן. דער האָז האָט אַ קוק געטאָן אַף טיגרענאַן, זיך פאַרנומען אַף אַ זײַט און אַוועק פײַל אויסן בויגן.

— העזעלע! — האָט טיגרענאַ געשריגן, — לאָמיר לויפן באַנאַנד!
— זי האָט געשריגן קעדיי די שרעק צו פאַרטרײַבן. איר אייגן קאָל אין דער טויטער ־ויסטע האָט זי אויפגעלעבט. דער האָז איז שוין ניט געווען. טיגרענאַ האָט מוירע באַקומען אין דער ניט דערקענטער געגנט. זי האָט דערום אַרויפ־געקלעטערט אַף אַ באַרג און האָט באַקוקט דעם אַרום.

אַ קעסיידערדיקע קייט בערג האָט זיך געצויגן אין דער ווײַט. טיגרענאַ האָט זיך אײַנגעקוקט און האָט פריילעך אויסגערופן:

— דאָס איז דאָך דער מאַרזשן־קאָפּ! דער באַרג וואָס דער טאַטע פלעגט מיר ווענן אים דערציילן ווען מיר פלעגן גיין צום יאַנטעוו פון די הירשן־פיטערער.

און זי האָט גענומען גיין, שוין פריילעכער, איבערן אָפּגעהאַקטן שטיי־נערנעם באַרג אַראָפּ צום יאַם. פלוצים אָבער האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי האָט מיט זיך ניט גענומען דעם טאַבאַק און ניט די ליולקע. דאָס איז ערגער ווי דער שטורעם. און דער שטורעם האָט זיך שוין אָנגעהויבן. אַ געדיכטע כמאַרע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד. דער הימל איז שוואַרץ געוואָרן און די שטערן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן.

„אין אַ שטורעם דאַרף מען ניט גיין. מען דאַרף רויִק איבערוואַרטן. — האָט טיגרענאַ צו זיך גערעדט, דערמאָנענדיק זיך אָן די דערציילונגען פון די אַלטע יעגערס. — דער שטורעם איז ניט שרעקלעך ווען דער מענטש האָט פאַר אים קיין מוירע ניט”.

טיגרענאַ האָט געפונען אַן אָרט ווו איבערצוואַרטן ביז דער שטורעם וועט אַריבער. און ווי נאָר זי האָט זיך אַרײַנגערוקט אין דער באַהעלטעניש, האָט דער ווינט גענומען דרייען דעם שניי. דער שטורעם האָט געיאָמערט.

טיגרענאַ האָט זיך אין דער נאָרע אײַנגעבויגן, די הענט פאַרשטעקט און דעם קאָפּ אײַנגענורעט אין דער „קוכליאַנקע”. עס איז איר וואַרעם גע־וואָרן און אַן אײַנגעדרייטע ווי אַ קנײַלכל, איז זי אײַנגעשלאָפן.

דער שטורעם האָט ניט לאַנג געדויערט. אין צוויי טעג אַרום האָט דער הימל זיך אויסגעלײַטערט, עס האָבן זיך ווידער צעפּינקלט די שטערן און טיגרענאַ איז אַרויס פון איר באַהעלטעניש. געווען איז זי הונגעריק און דאָרשטיק. פונעם שניי וואָס זי האָט געשלונגען, האָט זי געפילט קרעמפן אין האַלדז.

טיגרענאַ האָט גענומען זוכן ערגעץ אַ פאַסטקע מיט אַ ציי־שפּײַז פון מאַרזשן־פלייש. זי האָט ניט געקענט די ערטער ווו די יעגערס פאַרלייגן די פאַסטקעס. נאָר ווו זי האָט די אויגן געווענדט, האָט זי גאָרנישט ניט געפו־נען. לעבן אַ בערגל האָט זי בלויז געפונען אַן אַלטן קלאָץ אַף אַ פאַרזשאַ־ווערטער קייט, נאָר אָן אַ בראָקן ציי־שפּײַז. נאָך לאַנגן זוכן האָט זי צום סאָף דערזען אַ פוקס פאַרקעט זיך, ווי ער וואָלט געווען צו דער ערד צוגעצ־נאָגלט. דער פוקס איז אַוואָדע געפאַלן איבער אַ קלאָץ און ראַנגלט זיך דעם צוגעקלעמטן פוס אַרויסצורײַסן. געלעגן איז לעבן אים אַ גרויס שטיק פאַקע־פלייש. דאָס כאַיעלע האָט פון דערשרעק אַפילו ניט צוגערירט זיך צום ציי־שפּײַז. קענטיק, אַז שוין לאַנג ווי די פאַסטקע האָט אים צוגעקלעמט. דער ביין פונעם פוס איז בײַ אים געווען אײַנגעבראָכן און האָט זיך געהאַלטן אַף דער הויט.

טיגרענאַ האָט דערוואָרגן דעם פוקס, האָט ווידער צוגעגרייט דעם קלאָץ און אַוועקגעלייגט לעבן אים דעם טויטן פוקס. דאָס פלייש איז געווען אַזוי

געפּרוירן, אַז דאָס מעסער האָט עס ניט געשניטן. טיגרענאַ האָט זיך לאַנג געמאַטערט ביז זי האָט דערפון אָפּגעשניטן עטלעכע בראָקנס און האָט זיי זשעדנע אײַנגעשלונגען.

זי וואָלט גערן אויסגעטרונקען דאָס וואַרעמע בלוט פון דעם פוקס, נאָר זי האָט זיך ניט דערוועגט: זי האָט ניט געוואָלט אַ טעל מאַכן פון דער פעל.

קאַפּיטל XXI

אינעם יאַנראַקענאַט־לאַגער איז דער טאָג אַדורך ניט ווי געוויינלעך. אין אַלע „יאַראַנגאַס" האָט מען גערעדט, אַז קאַמענוואַטס ווײַב האָט „געגעבן איר וואָרט" און גרייט זיך צונויפקומען מיט די „אייבערשטע מענטשן".

שוין אַ סאַך טעג ווי זי איז קראַנק. די פיס און די הענט זײַנען איר געשוואָלן. אָפּן פּאָנעם ליגט איר אַן אַבסאָלוטע גלײַכגילטיקייט. עפּעס אַ בייזער גײַסט האָט זיך אַוואָדע באַזעצט אין קאַמענוואַטס „יאַראַנגאַ" און דאָס לעבן איז דאָרט געוואָרן זייער שווער.

די שכיינים האָבן אויפגעהערט אַרײַנקומען. האָבן מוירע פאַר די בייזע גײַסטער. אייך איע קומט אַמאָל און לייגט אַוועק באַ דער טיר אַ שטיקל פלייש און פעטס. קאַמענוואַט גופא גייט פון דער „יאַראַנגאַ" ניט אַרויס. דאָס בייז זאָל כאָלילע ניט אַריבער אַף די לאַנדסלײַט. די קראַנקע זקיינע וויס זייער גוט סאַראַ לײַדן זי פאַרשאַפט אַלע אירע ליבע.

„און צו וואָס? צו וואָס פאַרשאַפן נאָך מער צאָרעס? פאַראַן איז אַן אָרנטלעכער טויט אַן אייגנוויליקער". אַזוי האָט זיך די אַלטע געטראַכט.

דאָס איז אויך קלאָר געווען פאַר אַלע מענטשן אינעם לאַגער. אַלע זײַנען זיי דעריין מאַסקים. די אַלטע דאַרף זיך צונויפקומען מיט די „אייבערשטע מענטשן". יעדער איינער איז באַלעבאָס אַף זײַן לעבן. און יעדער איינער האָט געוואָרט די אַלטע זאָל אַליין דעם טויט בעטן.

— קאַמענוואַט, — זאָגט זי, — איך מוז אַוועק. מיר איז שוין צײַט. מערער וואַרטן קען איך ניט. נעכטן האָב איך עס מיר אַליין געזאָגט, און הײַנט זאָג איך עס אָפּן קאָל.

— עפּשער קענסטו נאָך אַ ביסל צוּוואַרטן? עפּשער ווערן די בייזע גײַסטער פאַרלאָזן אונדזער „יאַראַנגאַ" און וועסט מיך ניט דאַרפן לאָזן איינעם אַליין? — האָט קאַמענוואַט שטיל געפרעגט.

— ניין, — האָט די אַלטע פעסט געענטפערט. — איך האָב עס נעכטן גוט באַקלערט. איך בין די נאַכט ניט געשלאָפן, האָב מיך געגרייט „געבן מײַן וואָרט". איצט זאָג איך עס נאָך אַמאָל. איך מוז מיך צונויפקומען מיט די „אייבערשטע מענטשן".

קאַמענוואַט האָט באַשלאָסן שיקן רופן טיגרענאַן. אויך אַליטעט מוז זײַן דערבײַ און העלפן דער אַלטער „זיך צונויפקומען מיט די אייבערשטע מענטשן".

אין דער צײַט ווען די אַלטע האָבן גערעדט וועגן דער אומפאַרמײַדלעכער געשעעניש, איז עמעצער אַרײַנגעקומען אינעם פירהויז און אַ הוסט געטאָן אַף צו לאָזן זיך הערן. שוין לאַנג ווי קיינער איז צו קאַמענוואַטן אין געצעלט ניט אַרײַנגעקומען, און קאַמענוואַט האָט אויפגעהערט דערקענען מענטשן לויט זייערע טריט און לויט זייער הוסטן. דאָס האָט איע אַוואָדע אַוועקגעלייגט אַ שטיק פלייש באַם אַרײַנגאַנג אין געצעלט.

— דאָס ביסטו, איע? ענטפער כאַטש!
— ניין, ניט איע. טיגרענאַ איז געקומען.
— וואָס הערן מײַנע אויערן? צי ניט אַ בייזער גײַסט קומט מיך מאַטערן? — האָט קאַמענוואַט אַ פליסטער געטאָן צו דער אַלטער. — ניט עמעס, האָסט אויך געהערט איר קאָל?
— יאָ, איר קאָל האָב איך געהערט. טיגרענאַן האָט אַפּאַנעם ס׳האַרץ געזאָגט, אַז הײַנט איז מײַן גרויסער טאָג.
קאַמענוואַט האָט אַליין פאַרהייבן די פּעל פונעם אַרײַנגאַנג, האָט אַרויס־געקוקט און אויסגעשריגן:
— טיגרענאַ!
— יאָ, דאָס בין איך! — האָט דאָס מיידל אַ פאַרמאַטערטע געענטפערט.
טיגרענאַ איז אַרײַנגעקומען אין געצעלט און אַז זי האָט דערזען איר קראַנקע מוטער אַזאַ צעבראָכענע, האָט זי זיך צוריקגעכאַפּט. זי האָט געהערט זאָגן, אַז די מוטער איז קראַנק. נאָר זי האָט זיך ניט געריכט אַזוי זי צו טרעפן.
אין געצעלט איז שטיל געוואָרן. אַלע האָבן געליטן. יעדער אַף זײַן אויפן. קיינער האָט זיך ניט דערוועגט דער ערשטער צו ריידן.
צום סאָף האָט זיך די מוטער אָנגערופן:
— ביסט געקומען, טיגרענאַ. גוט האָסטו געטאָן. הײַנט איז אַ גרויסער טאָג בײַ אונדז אין דער מישפּאָכע. נעם די נײַע פּעל פאַר אַליטעטן.
טיגרענאַ האָט מיטן קאָפּ זיך אָפּגעזאָגט.
— אַליטעט איז דאָ ניטאָ. ס׳איז ניט ווייטיק ער זאָל אַהער קומען. ער איז אין ענמאַקײַ... איך בין פון אים אַנטלאָפן.
קאַמענוואַט האָט אַ קוק געטאָן אַף טיגרענאַן און אַ געפּלעפטער געשריגן:
— וואָס הער איך? צי ניט קעלע האָט זיך פאַרקליבן צו מיר אין די אויערן? — קאַמענוואַט האָט גערעדט שטיל, קימאַט אָן קויכעס. — וואָס וועט איצט זײַן, טיגרענאַ? צווישן אונדזער פאָלק האָט נאָך קיינער קיינמאָל אַזוינס ניט געטאָן. צי האָבן דיר ניט די בייזע גײַסטער אונטערגעזאָגט זאָלסט אַנטלויפן? דו מוזט טייקעף צוריקגיין.
— ניין, איך וועל צוריק ניט גיין. אויך אַ מויז האָט אירע געפילן. אויך אַ מויז קען אויפגעבראַכט ווערן. — האָט טיגרענאַ ניט אויפגעהערט ריידן און באַרעכטיקן איר באַנעמונג.
— ווי גרויס מײַן ווייטיק איז? פאַרוואָס קומט איין מענטשן אַזויפיל לײַדן?
די קראַנקע זקיינע האָט אינעם געשפּרעך איבער דער טאָכטערס באַנע־מונג קיין אַנטייל ניט גענומען. אַלנפאַלס, קען זי עס שוין ניט פאַריכטן. זי האָט פון קיין אַנדער זאַך ניט געטראַכט ווי נאָר פון דעם וואָרט וואָס זי האָט אינדערפרי געגעבן.
— אײַלט אײַך צו! ס׳איז שוין צײַט. מען דאַרף זיך טייקעף צוגרייטן, קעדיי ניט אָנצוקומען שפּעט. — האָט די אַלטע שנעל גערעדט. אין קאָל בײַ איר האָט זיך געהערט אויפרעגונג. טייקעף האָבן זיך אָנגעהויבן די צו־גרייטונגען צום „לעצטן טיי״. דער בייטיקער מאַרזשן־רימען איז געווען אין שטוב. געפּעלט האָט בלויז אַ פעלכל פון אַ הירשענעם בענפּעקוע אַף אַרומ־צונעמען דערמיט דער אַלטער דעם האַלדז. נאָר דאָס ערגסטע איז געווען וואָס נאָך איין קאַרעוו האָט געפּעלט.

טיגרענאַ האָט אויפגעהאָנגען דעם טשײַניק אַף דער פײַער־פאַן און איז אַרויס פונעם געצעלט.

באַ דער טיר איז זי שטיין געבליבן. אין גאַס איז געשטאַנען אַן אוילעם. זיי האָבן איר פון ווײַטן געגריסט. נאָר קיינער איז צו קאָמענוואַטס „יאַראַנגאַ" ניט צוגעקומען.

אויך איע האָט דערזען טיגרענאַן.

— אַ, קאַקאָמעי, טיגרענאַ! — איז ער אַ געריזטער צו איר צוגעקומען.

— אין אונדזער „יאַראַנגאַ" איז הײַנט אַ טאָג פון טויט. און אונדז פעלט אַ קאַרעוו, אַז די מאַמע זאָל הערן זײַן קאָל צום לעצטן מאָל. דו נאָר לעבסט אין מיר. — האָט טיגרענאַ געוויזן אַף איר האַרץ.

— זאָל דײַן מאַמע הערן מײַן קאָל, טיגרענאַ. — האָט איע טייקעף געענטפערט.

— אונדז פעלט אַ הירשן בענפעקוע־פעלכל אַף אַרומצונעמען דער מאַמען דעם האַלדז.

— איך וועל דיר ברענגען. איך האָב צוויי...

— וואַרט אויס, איע! אַ גרויסער ווייטיק דריקט אונדזער „יאַראַנגאַ".

— צי דען האָט אונדזער פאָלק אויפגעהערט באַטראַכטן פאַר אַ גרויס גליק ווען אַ מענטש איילט זיך אונטער זיך צונויפצוקומען מיט די „איי־בערשטע מענטשן"? — האָט איע אַן איבערראַשטער געפרעגט.

— אַ גרויס אומגליק פאַר קאָמענוואַטן. — האָט אים טיגרענאַ געגעבן צו פאַרשטיין.

איע האָט נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען.

— מײַן קאָפּ האָט אַפּאָנעם פאַרלוירן זײַן פאַרשטאַנד. — האָט ער געשטויגנט. — איך פאַרשטיי ניט.

— באַנאַכט... בין איך אַנטלאָפן פון אַליטעטס הויז. — האָט טיגרענאַ געשעפּטשעט.

די יעדיע האָט אַלעמען אינעם יאַנראַקענאָט־לאַגער איבעראַשט. אין די „יאַראַנגאַס" האָט מען פון עפּעס אַנדערש ניט גערעדט ווי נאָר פון טיגרע־נאַן. און אין איר באַנעמונג האָט מען געזען אַ שלעכטן סימן. טיגרענאַס אַנטלויפן האָט אָפּגערוקט אַפן צווייטן פלאַן אַפילע אַזאַ זעלטן געשעעניש ווי דער אייגנווילּיקער טויט פון קאָמענוואַטס ווײַב.

ווען אַלע צוגרייטונגען זײַנען שוין געווען געמאַכט, האָט מען אין דער „יאַראַנגאַ" געגרייט דעם „לעצטן טיי". לויטן מינהעג האָט מען אים באַ־דאַרפט טרינקען אַן צוקער. אַלץ האָט באַדאַרפט זײַן ווי פאַרצײַטן, ווען אין טשוקאָטקאַ איז נאָך קיין איין „טאַנגי" ניט געווען.

די אַלטע איז געזעסן מיט אַ נײַעם „קערקער"* און מיט הירשענע שטיוול, אויך נײַע. די בגאָדים האָט זי געהאַט צוגעגרייט שוין פון לאַנג. די איבעריקע — די וואָס זײַנען „געבליבן אַף דער ערד" — האָבן געטראָגן זייערע געוויינלעכע בגאָדים: טיגרענאַ האָט געהאַט אַ גאַרטל אַרום די לענדן; קאָמענוואַט און איע — לײַכטע פעלענע הויזן.

דעם טיי האָט מען געטרונקען מיט פולן שטילשווײַגן. די אַלטע האָט איר טיי ניט פאַרענדיקט טרינקען. זי האָט איבערגעגעבן זאיר טאָזע טיגרענאַן און איר געזאָגט:

* קערקער — אַ מין פוטערנער כאַלאַט.

— גענוג, טרינקט דו אויס מײַן טיי, טיגרענאַ. ווײסט נאָך אַ לאַנגע צײַט דאַרפֿן טרינקען טיי.

די טאַזעס האָט מען שנעל אָפּגעראַמט און די אַלטע האָט זיך אַוועקגעזעצט אינמיטן געצעלט.

אַף איר פּאָנעם האָט מען געזען אַבסאָלוטע גלײַכגילטיקייט צו די אַרומיקע, ווי זי וואָלט שוין געווען אין וועג און אַף אייביק פֿאַרלאָזט דאָס פֿײַנלעכע ערדישע לעבן. זי האָט געקוקט אַף אירע ליבע און האָט זיי שוין ניט געזען. קיינער האָט שוין מער איר קאָל ניט געהערט. די אַלטע האָט זיך שטיל אויסגעצויגן אַף דער הירשן־פֿעל און האָט צוגעמאַכט די אויגן.

טיגרענאַ, אַ דורכגעווייקטע אין טרערן, האָט אַרומגעוויקלט איר מוטערס האַלדז מיט דעם בענפּעקוע־פֿעלכל און ווען אַיע האָט זיך רײַטנדיק אַוועקגעזעצט אַף דער אַלטערס קני, בײַ די הענט אָנגענומען און שטאַרק צו דער ערד צוגעדריקט, האָט דער שלייף זי דערוואָרגן.

פֿון דער גאַס האָט זיך דערטראָגן דאָס וואָיען פֿון הינט. געווען איז עס אַן אויסגעצויגענער וואָיען, וואָס האָט פֿול געמאַכט דאָס האַרץ מיט אַנגסט.

דעם מעס האָט מען אַוועקגעטראָגן אין די בערג און אַוועקגעלייגט צווישן שטיינער. קאַמענוואַט האָט איר אַנטאָן צעריסן, קעדיי די כאַיעס און די רויב־פֿייגל זאָלן גרינגער קענען אויפֿפֿרעסן דעם טויטן גוף. טיגרענאַ האָט לעבן דעם מעס אַוועקגעשטעלט אַ טײ־טאַזע מיט אַ שעלעכל, אַ נאָדל און אַ ביסל פּאָדעם, געמאַכט פֿון געדרייטע הירשענע אָדערן.

אָפּן באַרג־רוקן האָט זיך באַוויזן אַ שליטן, געשפּאַנט מיט קרעפּטיקע הינט. אַליטעט איז געפֿאָרן אַהיימנעמען טיגרענאַן זײַן ווײַב.

קאַפּיטל XXII

טשוקאָטקאַ, אַ ווײַטע פֿון די קולטור־צענטערן, איז יאָרהונדערטן לאַנג אָפּגעזונדערט געווען פֿון דער ציוויליזאַציע. געלעבט האָט מען דאָ אָפּן גרונט פֿון ניט־געשריבענע געזעצן. אַלערליי אַבערגלויבנס האָבן באַגלייט דעם מענטשן פֿון געבוירן ביזן טויט. און דאָך, זײַנען די הויפּט־מײַלעס פֿונעם פֿאָלק געווען געוואַגטקייט און ווידערשטאַנד.

אַרום מיטן XVII יאָרהונדערט האָט דער דראַנג צו נײַע דעראָבערונגען צוגעבראַכט אַהער דעם פֿאַשעטן רוסישן קאָזאַק סעמיאָן דיעזשניעוו.

לאַנג נאָך פֿאַר וויטוס בעהרינג, איז ער געווען דער ערשטער אַרומצוקרײַזן מיט זײַנע זעגל־שיפֿן דעם צאָפּן־מיזרעכדיקן שפּיץ פֿונעם אַזיאַטישן קאָנטינענט: דעם אַזוי־גערופֿענעם טשוקאָטקאַ־שפּיץ.

די רוסישע קאָזאַקן האָבן העכער אַ יאָרהונדערט געהאַלטן דאָס רעבעלישע טשוקאָטקאַ־פֿאָלק אונטער דער מאַכט פֿונעם רוסישן צאַר.

ניט דאָס פֿײַער־געווער, ניט די באַגנעטן האָבן אײַנגעבראָכן דאָס פֿאָלק, נאָר דער רוסישער טאַבאַק, די אײַזערנע מעסערס, די העק, דער צוקער, דער בראָנפֿן און אַנדערע אַרטיקלען וואָס די רוסישע סאָכרים האָבן געפֿירט פֿון יאָקוטיע.

סאָף XIX יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ יאָם־רײַזע פֿון וולאַדיוואָסטאָק, איז קיין טשוקאָטקאַ געקומען דער מעדיצינער גרינייעוויצקי, ערשטער רוסישער נאַטשאַלניק פֿון דער אַנאַדיר־געגנט.

נאָכדעם ווי גריניעוויצקי האָט זיך באַקענט מיט דעם פאָלק, האָט ער געבעטן אַ דערלויבעניש באַ דער מאַכט זיך אָנצורופן ניט נאַטשאַלניק נאָר דאָקטער, מאַכמעס די טשוקטשעס, האָט ער געהאַלטן, לעבן פרײַ און זײַנען ניט צוגעוווינט צו דער מאַכט־אידעע.

מיט אַ שטיקל צײַט פריִער, אינעם יאָר 1867, האָט די צאַרישע רעגי־רונג געהאַט פאַרקויפט, צו די פאַראייניקטע שטאַטן, אַלאַסקאַ, וואָס די רוסן האָבן אויסגעפונען און אויסגעפאָרשט.

זינט דעמאָלט האָבן צענדליקער נאָרד־אַמעריקאַנישע וואַלפיש־שיפלעך גענומען צוקומען צו די טשוקאָטקער ברעגעס און געהאַנדלט אַף ביידע זײַטן בעהרינג־פאַס.

— נעמט אײַך די וואַלפיש, נאָר לאָזט אונדז די מאָרזשן. מיר דאַרפן אויך אַ ביסל יאַגד. — פלעגן די טשוקטשעס זאָגן צו די שיפס־קאַפּיטאַנען. — איר וואַרפט דאָך סײַ ווי אַרײַן אין יאַם דאָס מאָרזשן־פלייש און איר נעמט אײַך בלויז די ציינער, אַ מער ווען מיר אײַך אַוועקגעבן די ציינער.

נאָך די וואַלפיש־פאַנגער זײַנען געקומען די שמוגלערס. זיי פלעגן פאַר אַ קלייניקייט אָפּקויפן די בעסטע פוטערס.

דער רייך פון די פוטערס האָט צו יענע ברעגעס צוגעצויגן פאָרשטייערס פון רוסישן און אויסלענדישן קאַפּיטאַל. אַ כוץ די רוסישע סאָכרים זײַנען געקומען דענעמאַרקער, נאָרוועגער, נאָרד־אַמעריקאַנער און ענגלענדער. זייער אַלעמענס ציל איז געווען שנעל רײַך צו ווערן.

מיט דעם זעלביקן ציל האָט דאָרט געוווינט מיסטער טאָמסאָן. אין די לעצטע יאָרן, זינט 1917, האָט טשאַרלז טאָמסאָן זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט די ידיִעס פון דער נאָרד־אַמעריקאַנער פרעסע וועגן דער רוסישער רע־וואָלוציע. ער האָט ניט געקענט טויפעס זײַן וואָס אין דעם לאַנד האָט זיך געענדערט.

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אײַנגעבראָכן די אַלטע יעסוידעס פון דער רוסישער אימפעריע און איר אָפּקלאַנג איז אַהער דערגאַנגען ווי אַ יאַם־שקוואַל נאָך אַ שטורעם.

אַיעס אומגעוויינלעכע באַנעמונג בעייסן פאַרקויף פון די געזילבערטע פוקסן און דאָס באַווײַזן זיך פון אַ רוסישן פאַרטיזאַנער האָט דעם נאָרד־אַמעריקאַנער אָנגעשפּיצט.

דער פרילינג איז יענעם יאָר — דאָס יאָר 1923 — געווען אַ זעלטן שיינער. די לופט איז געווען ריין און דורכזיכטיק. אַלץ איז שטיל געווען, נאָר אין דער ווײַט האָט זיך געהערט דאָס רעווען פון יאַם, אַ צוגעשטיקטער.

אַף טייל ערטער אין דער טונדרע איז דער שניי צעגאַנגען. און כאָטש די קריִע איז נאָך ניט אומעטום געגאַנגען, זײַנען שוין די פּאָלאַרע שוואַלבן געווען צוריקגעקומען — ווי שטענדיק די ערשטע — צוריק אַהיים. אומגע־פלויגן זײַנען זיי זוכן זייער שפּײַז איבער דער פאַרשנייטער טונדרע, וואָס איז שוין געוואַרעמט געווען פון די זון־שטראַלן; זייער געצוויטשער האָט באַלעבט די פוסטע געגנטן.

די פייגל וואָס זאָגן אָן דעם פּאָלאַרן זומער, זײַנען קענטיק צו פרי געקומען. דאָך האָבן זיי געפונען שפּײַז אינעם ווילדגראָז, אין די טאָלן באַ די טײַכן און אַף די שפּורן פון די הירשן־סטאַדעס. די פייגל האָבן אײַליק געמאַכט זייערע נעסטן קעדיי זייערע אייעלעך אויסצוברִיען און אַוועקפליִען מיט זייערע אייפעלעך.

אויך די באַרסוקעס האָבן זיך אויפגעכאַפּט נאָכן לאַנגןווינטערדיקן שלאָף. די לעבעדיקע כאַיעלעך זײַנען פון זייערע נאָרעס אַרויס, זיך געוואַרעמט אַף דער זון, און אומדרײַסט און דערשראָקן אומגעלאָפן פון איין געזינדל צום צווייטן. באַ דער ערשטער געפאַר זײַנען זיי שנעל אַרונטער אונטער דער ערד.

די לופט איז געווען אַזוי רעגנבויגנדיק קאָלירט, אַז אַלע זאַכן האָבן באַקומען אַנדערע פאַרמען. פון ווײַטן האָט אַ ניט געוואָרנטער מענטש געקענט אָננעמען די באַרסוקעס פאַר לויפנדיקע ריזן.

געלעגן איז נאָך אומעטום ווייכער, פײַכטער בלענדיק־ווײַסער שניי. די זון איז גאַנצע טעג געשטאַנען אַפן הימל.

מיסטער טאָמסאָן האָט זיך אין בעט איבערגעדרייט ווען דער נאָרד־אַמעריקאַנער פּאַטענטירטער וועק־זייגער האָט זיך הייזעריק צעקלונגען. טשאַרלז טאָמסאָן האָט דעם קאָפּ אײַנגעגראָבן אין די קישנס. אויפגעזעצט האָט ער זיך ווען דער זייגער האָט זיך צעקלונגען נאָך שטאַרקער ווי פריִער. נאָר מיסטער טאָמסאָן האָט ווידער אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אין די קישנס. דער זייגער האָט זעקס מאָל געקלונגען מיט איבעררײַסן ביז ער האָט דעם באַלעבאָס אויפגעוועקט.

אָ, געווען איז עס אַ ווונדערלעכער זייגער!

מיסטער טאָמסאָן האָט זיך מיט אים געשפּיגלט ווי מיט אַ לעבעדיקן ווען; ער האָט אַרויסגעשטעקט און באַהאַלטן דעם קאָפּ און צום סאָף לײַכט איבערגעשראָקן דעם שלאָף.

צען אַזייגער אינדערפרי איז עס געווען. זינט ער וווינט דאָ אין דעם לאַנד, זינט 1901, שטייט ער אויף אין דער זעלביקער צײַט.

ער האָט זיך אויפגעזעצט, אַראָפּגעלאָזט די פיס אַף דער בערן־פעל, וואָס איז אויסגעשפּרייט געווען אַף דער ערד, און האָט זיך אַרומגעקוקט. אין צימער איז געווען האַלב־טונקל און נאָר דורך אַ לעכעלע אינעם געוועבטענעם פאָרהאַנג, האָט אַרײַנגעדרונגען אַ שטראַל שײַן. אין דער טונקל האָט עס אויסגעזען אַ גלאַנציק פּעדעמל, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער הייך אינעם איינציקן פענצטער וואָס דאָס צימער האָט געהאַט, ביז דעם וויגשטול, וואָס איז געשטאַנען באַ דער קעגנאיבערדיקער וואַנט.

אַז מיסטער טאָמסאָן האָט דערזען דאָס ליכטיקע שטראַלכל, איז ער געוואָרן אויסער זיך: — סאַראַ מיִעס געזינדל! גאָד דעמן! צוואַנציק יאָר אַז איך לערן זיי! פאַר דער צײַט האָט מען שוין אַ פאַקע געקענט אויסלערנען. — האָט ער געוואָרטשעט און ניט אויפשטייענדיק פונעם בעט, אַ רוף געטאָן:

— מעי!

רולטינאַ, אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, איז אַרײַנגעקומען. אַ געווינטע צום מאַנס באַפעלן, איז זי אין דער פּינצטער, ווי אַ באַרסוק אין דער נאָרע, שטיל צוגעגאַנגען צום פענצטער פונאַנדערנעמען דעם פאָרהאַנג. נאָר דער מאַן האָט זי פאַרהאַלטן:

— וואַרט, זעסט דאָס לעכעלע וואָס לאָזט דורך די שײַן צו מיר אין צימער?

— איך זע.

— דאָס טויג ניט. איך וויל ניט מיר זאָל עפּעס שטערן דעם שלאָף.

דיך קימערט ניט וואָס באַ מיר אין שטוב טוט זיך. — האָט מיסטער טאָמ־סאָן, אָן אומצופרידענער, איר געוואָרנט.

רולטינאַ האָט אונטערטעניק און שטיל געהערט די באַמערקונג פון איר ווײַסן מאַן. זי האָט ניט געקענט באַגרײַפן וואָס מיסטער טאָמסאָן וויל פון איר. צי דען האָט זי ניט געזען ווי ריכטיק מענער שלאָפן אינעם שניי, אָפן שליטן, אונטער דער זון?

— איצט מעגסטו עפענען דאָס פענצטער. — האָט מיסטער טאָמסאָן באַפוילן.

אַ גלאַנציקע און בלענדיקע שײַן האָט זיך אַרײַנגעריסן דורכן קליינעם פענצטער און האָט פאַרגאָסן דאָס קליינע נידעריקע צימער. געשטאַנען איז אין דעם צימער אַ בעט, אַ טיש, אַ ביכער־שראַנק, וואָס טאָמסאָן אַליין האָט עס אויסגעמײַסטרעוועט, און צוויי ווינער שטולן. אין אַ ווינקל לעבן דעם וויגשטול, האָט געגלאַנצט אַ גראַמאָפאָן, מיט אַ גרויסן הילכער, וואָס מען פלעג אָנשטעלן נאָר אום זונטיק.

אויף דער אייבערשטער ראַפּט פונעם ביכער־שראַנק זײַנען אין אַ ריי געשטאַנען ביכער פון דזשעק לאָנדאָן און ווידסליס, וואָס זײַנען דערשינען נאָך זײַן טויט. אויף די איבעריקע ראַפּטן — אויף דער מיטלסטער און דער אונטערשטער — נאָרד־אַמעריקאַנער צײַטונגען און זשורנאַלן אָנגעהויפנטע. אַלע זײַנען זיי געווען פאַריאַריקע. אַ שיפל האָט זיי געבראַכט פאַרגאַנגע־נעם זומער אײנאײנעם מיט די סכוירעס פאַר די אײַנגעבוירענע, און האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט מיסטער טאָמסאָנס גײַסטיקע שפּײַז. די צײַטונגען און זשורנאַלן זײַנען געווען צונויפגעלייגט לויט די כּאַדאָשים און די טעג. מיסטער טאָמסאָן פלעגט זיי לייענען ווי ער וואָלט זיי יעדן טאָג באַקומען מיט דער פּאָסט, יעדן טאָג לויט דער פאַראַיאָריקער, דאַטע. מיסטער טאָמסאָן וואָלט זיי אַפילע געקענט לייענען ניט לויט דער אָרדענונג, נאָר געווען איז דער מענטש אַן אויסגערעכנטער אין אַלעמען, און האָט זיך ניט דערלויבט צו דערוויסן זיך די וועלט־נײַסן פאַר דער צײַט. אין פאַרגלײַך מיט דעם לעבן פון די ציוויליזירטע לענדער, האָט ער געלעבט פּונקט מיט אַ יאָר צוריק.

זײַן קליין שטיבל, וואָס ער אַליין האָט זיך צונויפגעקלאַפּט פון קאַסטנס, וואָלט ער גאַנץ לײַכט געקענט פאַרבײַטן אויף אַ ריכטיקער שטוב. ער וואָלט בלויז באַדאַרפט זאָגן, אַז ער פאַרלאַנגט עס, וואָלט אים די קאָמפּאַניע, מיט וועלכער ער פירט זײַן האַנדל, צוגעשיקט מיט דער ערשטער שיף אַ שטוב אויף שרויפן.

נאָר צו וואָס נוצט עס אים? צי דען וועט ער דאָ פאַרבלײַבן? און צי איז ניט פאַר אים אַליין גענוג די וווינונג? צו וואָס אומזיסט אויסברענגען דאָלאַרן?

מיסטער טאָמסאָן האָט זיך געוויגט אינעם וויגשטול און האָט אויס־געדרויכערט אַ ליולקע. דערנאָך האָט ער זיך שווער אויפגעהויבן און ניט גע־אײַלט צוגעגאַנגען צו אַ ניט־געשריבענעם קאַלענדאַר. ער האָט אָפּגעמעקט די נעכטיקע דאַטע — 16טער מײַ 1923 — האָט באַהאַלטן די ליולקע אין דער אייבערשטער קעשענע פון זײַן געקעסטלטן העמד, איז צוגעגאַנגען צום שראַנק און אַרויסגענומען אַ צײַטונג פון 17טן מײַ 1922.

מיסטער טאָמסאָנס הויזגעזינד האָט געוווינט אינעם פאַרהויז. רולטינאַ איז צוריק אַרײַנגעקומען אין שטוב. זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ קאַ־

װעַ־טאָפּ, צוקער, שינקע און װײַס ברויט, אָפּגעבאַקן אין אַ בליך־אויװנדל, און איז שטיל אַרויסגעגאַנגען.

מיסטער טאָמסאָן, מיט דעם „לעצטן" נומער צײַטונג אין דער האַנט, האָט זיך געזעצט צום טיש. ער האָט נאָך ניט געװוּסט װאָס פּונקט מיט אַ יאָר צוריק האָט פּאַסירט אַף דער װעלט, װוּ ביזנעסלײַט קענען רויק ניט לעבן...

עמעס, אַלץ װאָס ער װעט זיך איצט דערװיסן, איז נאָך פאַראַיאָרן באַ־קאַנט געװוען דורך די מאַטראָסן פון דער שיף. נאָר מיסטער טאָמסאָן האָט ניט ליב געהאַט הערן נײַעסן אַף צו פריִער. נאָכמער, ער האָט פאַרבאָטן די מאַטראָסן אים דערציילן די פּאַסירונגען װאָס זײַנען זיך אין דער צײַט פאַר־לאָפן. דאָס לעבן דאַרף זיך גיין זײַן גאַנג און ניט שפּרינגען אַף פאָרויס.

מיסטער טאָמסאָן האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען די דריטע טאַזע קאַװע און דערבײַ געלייענט די צײַטונג. מיטאָמאָל האָט ער אַ האַסטיקן קלאַפּ געטאָן די פאַרצעלײַענע טאַזע אָן טיש, אַ װאָרף געטאָן די צײַטונג אַף די קני און אויסגעטאָן די קאַרעי־ברילן. מיט אָן עק פּונעם געקעסטלטן העמד האָט ער אויסגעװישט די אויגן־גלעזער און װידער אָנגעטאָן.

אָנגעבויגן איבערן טיש, האָט ער מיט טיפער שפּאַנונג װידער גענומען לייענען. זײַנע פינגער האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט אין דער צײַטונג. דאָס פּאָנעם איז אים פאַרשטיינערט געװאָרן. צום סאָף האָט ער אָװעקגעשאַרט די צײַטונג, איז אויפגעשפּרונגען פונעם שטול, גענומען אומגיין איבערן צימער און זשעסטיקולירן מיט דער ליידיקער ליולקע.

— גאָד דעמן! אָט אַ נײַס! נו, איז דאָס אַ נײַס! גאָד דעמן!

מיסטער טאָמסאָן איז אומגעגאַנגען איבערן צימער, האָט אָנגעשטאָפּט די ליולקע מיט טאַבאַק „פּרינץ אַלבערט".

מיט דער ליולקע אין מויל איז ער װידער צוגעקומען צום טיש און גע־נומען לייענען. געװוען איז עס אַ דעפּעשע, װוּ עס האָט זיך געשריבן, אַז די סאָװעטישע רעגירונג האָט געגעבן אַ קאָנצעסיע דער נאָרד־קאָמפּאַני צו האַנד־לען מיט די באַװוינער פון קאַמטשאַטקאַ, פון דעם טשוקאָטקער האַלב־אינדזל און פון דער נאַדיר־טעריטאָריע. מענטשן װאָס קענען רוסיש און קענען פירן אַ מאָטאָר־שיפל זײַנען געבעטן זיך צוזושטעלן.

קיין איין יעדיע פאַר די לעצטע צװאָנציק יאָר — ניט אַפילו די יעדיע װעגן דער רוסישער רעװאָלוציע — האָט אַזאַ רושעם געמאַכט אַף מיסטער טאָמסאָן װי אָט די אַלטע פאַראַיאָריקע טעלעגראַמע.

— די נאָרד־קאָמפּאַני! דאָס איז דאָך אַ הײַפיש, װאָס װעט אײַנ־שלינגען אַלע קליינע און מיטעלע סאָכרים!

מיסטער טאָמסאָן האָט נאָכאַמאָל אַ פּיפּקע געטאָן די ליולקע און אַ גע־שריי געטאָן, װי ער װאָלט זיך אַליין געװאָרנט:

— מען דאַרף זי קענען, די נאָרד־קאָמפּאַני! קיינער װייס ניט װי זי האָט אָן ראַכמאָנעס אַרויסגעשטויסן און בעדאַלעס געשטעלט גאַנץ װיכטיקע און אונטערנעמערישע סאָכרים אַף די ברעגעס פונעם הודזאָן־גאָלף.

דער ניט געװיינלעכער מויעך־אָנשטרענג האָט מיסטער טאָמסאָנען פון די קויכעס אַרויסגעשלאָגן. ער האָט װידער גענומען די צײַטונג אין האַנט און זײַן שװערן גוף אַרײַנגעװאָרפן אינעם װיגשטול.

איבערגעלייענט נאָכאַמאָל די יעדיע װאָס האָט אים אַזוי דערשיטערט,

האָט ער אַ וואָרף געטאָן די צײַטונג אױף דער ערד און האָט זײַן געלן קאָפּ מיט די שיטערע געקרויזטע האָר אָנגעשפּאַרט אָנעם אָנלען פונעם וויגשטול.

איצט האָט ער שוין גאָר קיין כיישעק ניט פון דאַנען אַוועקצופאָרן. מיס־טער טאָמסאָן וועט דאָס דאָזיקע לאַנד קיינעם ניט אָפּטרעטן.

„אַ, איך וועל מײַנס אויספירן!"

באַם געדאַנק אַז די נאָרד־קאָמפּאַני קען זיך אַהין אַרײַנרוקן, האָט אים פּאָר קאָס אויפגעשוידערט. ער קען זיי, די טײַוולשע מעטאָדן פון דער קאָמ־פּאַניע. דער נאָרד־קאָמפּאַניע מיט איר גרויסן פּלאַט, וועט עס גאָרניט שווער זײַן אײַנצושאַפן זיך אַ גרויסע קונדשאַפט. פון אָנהייב האָט די קאָמפּאַניע פּאַרלוירן געלט, נאָר שפּעטער האָט זי עס אָפּגעוווּנען מיט אַ שמיץ.

— מעי! — האָט מיסטער טאָמסאָן זיך צעשריגן.

און ווען דאָס ווײַב האָט זיך אומדרײַסט אויף דער שוועל באַוויזן, האָט ער אַ בריל געטאָן:

— וויסקי!

רולטינאַ האָט שטיל געפאָלגט. עמעס, זי איז איבערראַשט געווען: גאַנץ פרי, נאָך דער קאַווע. טשאַלי האָט קיינמאָל ניט געטרונקען. פאַר די צוואַנציק יאָר וואָס זי לעבט מיט טשאַלין, געדענקט ניט רולטינאַ אַזאַ פאַל. איר מאַנס באַנעמונג האָט זי צערודערט. טשאַלי, דוכט זיך, הייבט אָן פון זינען אַראָפּגיין.

מיסטער טאָמסאָן האָט אויסגעטרונקען אַ וויסקי, און זײַן מויעך, אָן אויפגערייצטן פונעם אַלקאָהאָל, האָט אַ פלוצימדיקער געדאַנק באַלויכטן:

„אָלרײַט! פונדעסטוועגן האָב איך אָליטעטן. אַ, מיט אים, בין איך דאָ אײַנגאַנצן: דאָס געזעץ מיט דער פּאָליציי. מיט אים קען איך אומעטום צעטיילן געלט אויף פּאַרויס און אויפקויפן די נאָך ניט געפאַנגענע פעלן. כאַ,כאַ,כאַ! דער נאָרד־קאָמפּאַני וועט שוין בלײַבן נאָר טויכערפייגלשע אייער אויפצוקויפן. ס'וועט איר גאָרניט שמעקן!"

מיסטער טאָמסאָן האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי עס קומט אָן אַ פול־גע־לאָדענע שיף מיט סכוירעס פון דער נאָרד־קאָמפּאַני. סאַראַ איבערראַשונג דאָס וועט זײַן פאַר איר ווען זי וועט דאָ קיין איין פעל ניט קענען קויפן! אַלץ וועט שוין אָליטעט האָבן אויסגעקויפט, אַלע וועלן שוין האָבן פּאַרויס־גענומען פאַר די פעלן, וואָס קיינער האָט נאָך ניט געזען. מיסטער טאָמסאָנען קימערט ניט וואָס ער וועט דאָס מאָל אַרויס מיט שאָדן, אים קימערט ניט טאָמער וועט זײַן קאַנטע אין דער וואַשינגטאָנער באַנק געמינערט ווערן. אָך, סאַראַ פּרעכטיקע קאָנקורענץ דאָס וועט זײַן!

קאַפּיטל XXIII

מיסטער טאָמסאָן האַלט זײַן הויזגעזינד באַזונדער. לעבן זײַן וווינונג, אינעם קאַלטן פאָרהויז, שטייט אַ געצעלט פון פעלן געמאַכט. דאָרט לעבט זײַן פרוי מיט זײַנע זעקס קינדער. זיי לעבן ווי די טשוקטשעס, באַלײַכטן זיך און וואַרעמען זיך מיט אַ פײַער־פאַן, שלאָפן אויף הירשן־פעלן, שפּײַזן זיך מיט ביליקן מאָרזשן־ און מאַנאַטי־פלייש. מיסטער טאָמסאָנען קאָסט ניט קיין סאָך דער אויסהאַלט פון זײַן הויזגעזינד. יאַראַק, אַן אַרבעטער וואָס מיסטער טאָמסאָן האָט אים קליינערהייט אַרײַנגענומען צו זיך, וווינט בײַ אים אין הויז.

מערי, זײַן עלטסטע טאָכטער, איז שוין נײַנצן יאָר אַלט און לויט מיס־טער טאָמסאָנס כעשבן פאַרדינט זי מיט גענײי מער ווי זי פאַרברויכט. מעריס לעבן צייכנט זיך ניט שטאַרק אויס פון דעם וואָס אירע כאַווערטעס פירן אינעם לאָרעץ־לאַגער. די זעלביקע אינטערעסן, די זעלביקע געדאַנקען. מערי רעדט בלויז טשוקטשיש. נאָר אירע אייראָפּעיִשע פּאָנעם־שטריכן און אירע גרויסע שוואַרצע אויגן, באַרעמטע מיט לאַנגע וויִעס, גיבן איר צו אַ סאַך כיין. מיסטער טאָמסאָן שענקט איר מער אויפמערקזאַמקייט ווי די אַנדערע קינדער. ער קליידט זי אין די בעסטע פוטערנע מאַלבושים, מערי מעג אָפּ־טער ווי אַנדערע קינדער אַרײַנקומען צו אים אין דער וווינונג. מיסטער טאָמסאָן איז אַפילע גרייט צו זײַן שטאָלץ מיט איר.

דער פאַקט, פונדעסטוועגן, וואָס מערי איז די טאָכטער פון אַ ווײַסן, פאַרשאַפט איר און דער מוטער אַ סאַך לײַדן. מערי איז שוין אַ מיידל צו לײַטן. די מוטער האָט שוין מיט איר ניט איינמאָל גערעדט וועגן כאַסענע האָבן. וועגן דעם איניִען קענען זיי זיך ביידע דורכשמועסן נאָר ווען זיי זײַנען אַליין: טשאַלי האָט אַפילע ניט געוואָלט הערן דערפון. די מוטער מיט דער טאָכטער הייבן ניט אָן פאַרשטיין דעם ווײַסן.

צי דען ווייס ניט דער ווײַסער, אַז אַ מיידל צו לײַטן מוז האָבן אַ מאַן, אַ פאָטער צו אירע צוקונפטיקע קינדער? צי דען דאַרף ניט יעדער מיידל שטרעבן צו ווערן אַ מוטער? וויִאַזוי וויל דאָס ניט פאַרשטיין דער ווײַסער מאַן און פאָטער?

מיסטער טאָמסאָן דענקט אַף זײַן אויפן. ער פילט אַ ליבשאַפט צו זײַן שיינער טאָכטער. ער איז ניט גלײַכגילטיק צו דער פראַגע וועגן איר כאַסענע. ער דערלאָזט אַפילע דעם געדאַנק ניט, אַז זײַן איידעם זאָל זײַן אַ דאָרטיקער. מיסטער טאָמסאָן אַליין האָט שוין אַ סאַך געטראַכט דערפון.

פון אַלע קינדער זײַנען בלויז מערי און דער קליינער בען אויסער יעדן סאָפעק זײַנע: די איבעריקע זײַנען פון „נעווטומס״. ניטאָ אין זיי דער מינדסטער שפור פון אַ ווײַסן. מיסטער טאָמסאָן פאַרשטייט, אַז מערי דאַרף כאַסענע האָבן. אָבער, ווער קען זײַן איר מאַן? אַפן גאַנצן ברעגלאַנד איז פאַר איר קיין כאָסן ניטאָ. סײַדן עפּעס אַ מאַטראָס זאָל זי נעמען, פון די שיפן וואָס שטעלן זיך דאָ אָפּ. ווער אָבער פון זיי וועט כאַסענע האָבן פאַר אַ מיידל וואָס קען קיין ענגליש ניט און זי מיטנעמען מיט זיך אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן? דערצו נאָך האָט מערי די מינדסטע אַנונג ניט ווי זיך אויפצופירן צווישן דערצויגענע מענטשן.

מיסטער טאָמסאָן האָט באַשלאָסן אויסקלײַבן אַ מאַטראָס און אים אײַנריידן ער זאָל כאַסענע האָבן מיט מערין און בלײַבן מיט זײַן געשעפט. ער איז אַפילע גרייט געווען זי כאַסענע מאַכן מיט אַן אַלטן מאַן אַבי מיט אַ ווײַסן.

די נאָרד־אַמעריקאַנער מאַטראָסן פון די וואַלפיש־שיפלעך און פון די גרעסערע שיפן, וואָס שטעלן זיך אָפּ אין יענע מעקוימעס, זײַנען באַלאָנים אַף אַ צײַטווײַליקער אַוואַנטורע. זיי לעבן מיט אָרטיקע מיידלעך, נאָר ווען די שיף גייט אָפּ, שטעלן זיי אַראָפּ די מיידלעך אַפן ברעג. מיסטער טאָמסאָן דערמאָנט זיך ווי איינמאָל איז אַ שיף דאָ געבליבן שטעקן איבערן ווינטער, זײַנען זיך די מאַטראָסן צונויפגעגאַנגען מיט אָרטיקע מיידלעך. און ווען די שיפן האָבן ווידער גענומען גיין, האָבן זיי די מיידלעך פאַרלאָזט. ווען די

מיידלעך האָבן זיך דערוווסט, אַז זייערע ווײַסע מענער פֿאָרן אַהיים צו זייערע ריכטיקע ווײַבער, האָבן זיי זיך פֿון די פֿעלדזן אין יאַם אַרײַנגעוואָרפֿן.

אויך מערי און די מוטער ווייסן עס. דאָס מיידל וויל ניט קיין ווײַסן מאַן. דער בעסטער פֿון די ווײַסע, איר פֿאָטער, וואָס האָט זיך אַף שטענדיק אײַנגעפֿונדעוועט, ווי זי האָט געדענקט, אַף דעם ברעג, וועקט ניט בײַ איר אין האַרצן די מינדסטע ליבשאַפֿט. אַזוי האָט איר די מוטער דערציילט.

מעריס אַלע כאַווערטעס אינעם לאָרען־לאַגער און אין די אַנדערע לאַגערן, זײַנען שוין ריכטיקע ווײַבער און האָבן קינדער. נאָר זי ווייסט ניט פֿון דעם גליק. זי ווייסט אַפֿילע ניט וואָס ווײַטער וועט זײַן. מערי גייט אום אַ פֿאַרכמאַרעטע, אַן אויפֿגערעגטע און דער פֿאָטער רופֿט בײַ איר קיין שום דערעכערעץ ניט אַרויס צו זיך.

די מוטער טראַכט זיך: „יאַראַק איז אַ ווילדער יעגער, אַ שטאַרקער. פֿאַר מערין וואָלט ער אַ גליק געווען. ער איז אָבער ניט קיין ווײַסער”.

אַ צוגעווינטע אין מעשעך פֿון צוואַנציק יאָר צו אַן אונטערטעניק, רעזיגנירט און שווײַגנדיק לעבן, רעדט רולטינאַ קיינמאָל קיין וואָרט ניט אויס וועגן דעם מיט איר מאַן. זי וואַרט שטענדיק וואָס טשאַלי וועט זאָגן.

נאָר טשאַלי זיצט איינזאַם אין זײַן ווינקעלע און קיינער אין שטוב ווייס ניט וואָס ער טראַכט. טשאַלי איז אַ מענטש פֿאַר זיך. מיט די אָרטיקע רעדט ער נאָר וועגן געשעפֿט. אין שטוב רעדט ער נאָר מיט זײַנע פֿאַפּירן. רולטינאַ זעט אים בלעטערן זײַנע פֿאַפּירן און שמייכלען צו זיי, ווי זיי וואָלטן בעסער געווען ווי ריכטיקע מענטשן.

רולטינאַן רעגן זיי אויף, די פֿאַפּירן, און ווען זי רוימט אויף אין שטוב, קלאַפּט זי זיי בייז מיט דער שמאַטע.

ס'איז איר שוין ליבער ווען טשאַלי פֿאַרקוקט זיך אַף אַ יונגער טשוקטשע. טשאַלי ווערט דעמאָלט אַ מענטש. די אויגן לעבן אים אויף. ער, וואָס קען דוכט זיך קיין שמייכל ניט טאָן, צעעפֿנט זײַן מויל מיט די אײַזערנע ציינער, בעט אַרײַן די פֿרוי צו זיך און פֿאַרמאַכט די טיר. דערנאָך גייט די פֿרוי אַרויס פֿון דאָרט מיט אַ פּעקל קײַ־גומי. טרעפֿט אַז טשאַלי איז זייער ברייטהאַרציק, שיקט ער מיט דער פֿרוי אַ מאַטאָנע דעם מאַן אַ פּעקל קאַרטעטש.

אין די טשוקאָטקער לאַגערן באַם יאַם ווערן געבוירן קינדער מיט ווײַסע פּענעמער. זיי טיילן זיך שטאַרק אויס פֿון די אַנדערע קינדער, נאָר אַלע זײַנען זיי אַלצאיינס געליבט פֿון די עלטערן ווי פֿון גאַנצן יישעוו. מען פֿרייט זיך מיט יעדן געבוירענעם קינד און עס גייט קיינעם ניט אָן ווער דער פֿאָטער איז. איז עס דען ניט אַלצאיינס? דעריקער, דאָס קינד זאָל זײַן אַ ריכטיקער מענטש.

קאַפּיטל XXIV

אַפֿן ברעגלאַנד האָט אַ מאַגייפֿע אַ כורבן געמאַכט. אַן אומגעווייגלעך פֿאַלשער גײַסט, ווי מען האָט דערציילט, האָט זיך געהאַט באַזעצט אינעם לאַגער קעמענעי. מענטשן זײַנען געשטאָרבן אַף די אויגן פֿון זייערע פֿרײַנט. מען איז געבליבן אָן קויכעס זיך אַ ריר צו טאָן און מען איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אין די קאַלטע געצעלטער. די שאַמאַנעס אַפֿילע זײַנען אויסגעפּרוּירן. אין איינער אַ „יאַראַנגאַ” זײַנען אויסגעשטאָרבן אַלע אירע באַוווינער.

לעבן געבליבן איז בלויז איין קינד, דאָס יינגעלע יאַראַק. ער האָט מוירע באַקומען און איז אַנטלאָפן צו אַ דערבײַיִקער „יאַראַנגאַ”. נאָר אויך דאָ זײַנען מענטשן געלעגן ווי די שטיינער, פאַרגליווערט. דאָס קינד האָט זיי גערופן, איינמאָל און אַ צווייטן מאָל. קיינער האָט אים ניט געענטפערט. אָן איימע איז אים באַפאַלן. געלאָפן איז ער פון איין „יאַראַנגאַ” אין דער צווייטער, און קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. אומעטום נאָר טויטע. דער גאַנצער לאַגער טויט.

יאַראַק האָט זיך געלאָזט גיין מיטן ברעג און האָט ניט געוווּסט וווהין צו גיין. לאַנג איז ער אַזוי געגאַנגען און געגריזשעט אַ שטיק געפרוירן מאַרזשן־פלייש. יעגערס האָבן אים געטראָפן און אים מיטגענומען צו זיך אין לאַגער. נאָר אַז דער קליינער האָט זיי דערציילט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, האָבן זיי זיך דערשראָקן. אַ בייזן גײַסט טראָגט ער מיט זיך. די מענטשן האָבן אים מיטגעגעבן צו עסן און אים געהייסן פאַרלאָזן זייער לאַגער. און ווו ער איז געקומען, האָט מען אים געבעטן ער זאָל טייקעף אַוועק פון דאָרט. יאַראַק איז פון אַלעמען פאַרשטויסן געוואָרן.

מיסטער טאָמסאָן האָט פאַר די בייזע גײַסטער קיין מוירע ניט געהאַט און האָט אַרײַנגענומען יאַראַקן צו זיך. דאָס יינגעלע איז געוואַקסן באַ טשאַלין אין הויז, האָט אַכטונג געגעבן אַף די הינט, געהאָלפן אין שטוב, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן גיין אַף יאַגד, זוכן פוקסענע פעלן. מיסטער טאָמסאָן איז צופרידן געווען פון זײַן אַרײַנגענומענעם זון.

נאָר איין מאָל האָט ער געפּאַקט מערין מאָדנע קוקן אַף יאַראַקן. דאָס איז אים ניט געווען געפעלן. און מיסטער טאָמסאָן האָט געזאָגט יאַראַקן:

— יאַראַק, איך האָב דיר געראַטעוועט דאָס לעבן! ביסט שוין איצט אַ פעסטער און אַ ריכטיקער מענטש. איך האָב דיך געשיקט צו די וואַלפיש־שיפלעך העלפן די ווײַסע מענטשן. האָסט זיך אויסגעלערנט פעיִק צו זײַן באַ דער אַרבעט. איצט דאַרף איך דיך ניט האָבן. גיי ווױן צווישן די טשוקטשעס. איך וועל זאָגן רינטעו, אַז פון הײַנט אָן וווינסטו אין זײַן „יאַראַנגאַ”. אַז איך וועל דיך דאַרפן, וועל איך דיך שיקן רופן.

יאַראַק האָט זיך דערויף ניט געריכט. ער האָט אַזוי גוט געאַרבעט! טשאַלי איז שטענדיק פון אים צופרידן געווען. באַזונדערס האָט זיך דער באַכער געפלײַסט אין דער לעצטער צײַט, מיטן גערדאַנק כאַסענע צו האָבן מיט מערין. און איצט ווען יאַראַק האָט זיך געגרייט ריידן וועגן דעם מיט טשאַלין, הערט ער פון אים אַבסאָלוט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

ער האָט געוואָרפן אַ צעמישטן בליק אַף מיסטער טאָמסאָן און ניט דרײַסט געזאָגט:

— טשאַלי, איך וויל כאַסענע האָבן מיט מערי. איך וועל מאַכן אַ „יאַ־ראַנגאַ” באַזונדער און מיר וועלן ביידע לעבן אינאיינעם.

— וואָס? — האָט מיסטער טאָמסאָן אַ ריטשע געטאָן. — ביסט פאַ־ריקט! וואָס האָסטו געזאָגט? גאָד דעמן! האָסטו שוין אַמאָל געזען אָדער געהערט אַזאַ ווילדער ווי דו זאָל כאַסענע האָבן מיט דער טאָכטער פון אַ ווײַסן מענטשן? נאַרישער באַק! דאָס קען ניט געשען! פאַרנעם דיר שוין די פעלן און גיי דיר צו רינטעו! אַרויס פון מײַן שטוב! זאָלסט דיך ניט דערוועגן צוצוקומען אַהער. אַזוי איז דאָס געזעץ פונעם ווײַסן מענטשן!

יאַראַק האָט צונויפגענומען זײַנע פעלן און איז אַוועק צו רינטעו אין דער „יאַראַנגאַ”.

„וואָס איז עס אַזוינס דאָס גענצן פונעם ווײַסן מענטשן ? — האָט יאַ־ראַק זיך געטראַכט. — דרײַ זומערן נאָכאַנאַנד האָט מיך טשאַלי געשיקט אַף וואַלפיש־יאַגד מיט די ווײַסע מענטשן. איך האָב מיך אויסגעלערנט ריידן זייער שפּראַך, און האָב קיינמאָל ניט געהערט פון אַזאַ געזעץ. דער קוכער פלעגט מיר זאָגן : „האָב כאַסענע מיט טשאַליס טאָכטער. זי איז אַ שיין מיידל !״ יעדער ווײַסער מאַכט זיך זײַן געזעץ. ס'איז ניט צו פאַרשטיין די דאָזיקע מענטשן !״

יאַראַק איז צוגעקומען צו רינטעוס „יאַראַנגאַ״ און איז לאַנג געשטאַנען באַם אַרײַנגאַנג. ס'איז אַזאַ בושע ווען מען טרײַבט דיך אַרויס ! מ'עט נאָך לאַכן פון אים ! יאַראַק האָט לאַנג קיין מוט ניט געהאַט זיך צו לאָזן הערן מיט אַ הוסט. צי איז ניט גלײַכער אויפהענגען זיך ? פון גרויס לײַדן האָט ער ניט ווילנדיק אַ קרעכץ געטאָן.

רינטעו האָט פונאַנדערגענומען די פעלן באַם אַרײַנגאַנג און דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט :

— קום אַרײַן, קום אַרײַן יאַראַק ! — האָט רינטעו אים ליבלעך אַרײַנגערופן.

— רינטעו, טשאַלי האָט מיך אַרויסגעטריבן. ער האָט געזאָגט איך זאָל גיין וווינען באַ דיר אין שטוב.

— בלײַב, פאַראַן פּלאַץ. מירן אינאיינעם אויפנעמען די צוגערײַזטע וואָס קומען האַנדלען. באַ מיר אין שטוב איז פריילעך. דו ווייסט דאָך, אַז אַלע נײַסן פונעם ברעג קומען צו מיר אין „יאַראַנגאַ״.

דער אַלטער רינטעו, מיט זײַן גאַנצער ווירטשאַפט, האָט באַלאַנגט צו מיסטער טאָמסאָן. שוין צוואַנציק יאָר ווי ער וווינט נאָנט פון טשאַלין. רינטעוס ווײַב, ווען זי האָט געלעבט, פלעגט אָפט קומען צו מיסטער טאָמ־סאָן. וויפל מאַטאַנעס זי פלעגט אַהיימברענגען ! איינמאָל האָט זי אַהיימ־געבראַכט אַ ביקס : געווען איז עס אַ מאַטאַנע פאַר רינטעון אַליין. אָ, ווי גליקלעך רינטעו האָט זיך דעמאָלט געפילט ! ניט יעדער איינער באַקומט אַזאַ מאַטאַנע. רינטעו האָט געשעצט טשאַליס גוט האַרץ, און וועט עס קיינ־מאָל ניט פאַרגעסן. ער האָט געוווסט, אַז יעגערס האָבן ליב צו גיין האַנדלען דאָרט וווּ מען גיט עסן די הינט. אָפט פלעגן צו טשאַלין קומען האַנדלען יעגערס פון די ערטער וווּ עס האָט זיך געפונען די קראַם פון דעם סויכער בריוכאַנאָוו. יענע יעגערס פלעגן רינטעון פאַרשאַפן אַ באַזונדערן פאַרגעניגן, ווײַל אויך טשאַלי פלעגט זיך מיט זיי דערפרייען. רינטעו, אַן איבערגעגע־בענער, אַ פלײַסיקער, פלעגט נאָך פון זומער אָנהייבן זאַמלען שפּײַז פאַר די הינט. ער פלעגט דעמאָלט גיין אַן אויפהער אַף יאַגד. טשאַלי פלעגט זיך אויך באַזאָרגן מיט פלייש אום זומער און דאָס אָפּלייגן אין אַ גרוב, וואָס רינטעו האָט ספּעציעל צוגעגרייט. אַף ווינטער האָט מען געמוזט מאַכן אַ גרויסן פאַרגרייט. רינטעו האָט זיך צוגעוווינט לעבן און אַרבעטן פאַר טשאַלין.

פון זײַן הויזגעזינד, וואָס איז אַמאָל געווען גאַנץ היפש, איז לעבן גע־בליבן בלויז איין טאָכטער, וואָס האָט געפירט די שטוב. און אַז יאַראַק איז געקומען מיט זײַנע פעלן שלאָפן באַ אים אין דער „יאַראַנגאַ״, האָט זיך רינטעו שטאַרק דערפרייט. געווען פאַרוואָס ! יאַראַק איז געווען אַ שטאַר־קער און פלינקער באָכער. רינטעו וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט אים האָבן פאַר אַן איידעם.

נאָר יאַראַק איז ניט פריילעך געווען. זײַנע ענטפּערס זײַנען געווען אומפּרײַנטלעכע. רינטעו האָט זיך געדרייט אַרום אים, געוואָלט אים אין אַלעמען צופרידנשטעלן.

— וואָס ליגט אַף דײַן פּאָנעם אַזאַ טרויער, יאַראַק?

— שווײַג, רינטעו. וואָרעם איכל מיך מוזן כאַפּן צו דיר שלאָגן מיט אַלע מײַנע קויכעס.

— אָ! — האָט רינטעו געשטוינט. — נו, גוט, וועל איך שווײַגן.

קאַפּיטל XXV

מיסטער טאָמסאָן איז אַזוי אַנטציקט געווען פון זײַן פּלאַן צו קעמפן קעגן דער נאָרד־קאָמפּאַני, אַז ער האָט פאַרגעסן, גאַרניט ווי זײַן שטייגער איז געווען, זיך דורכצושפּאַצירן נאָך דער אינדערפרי׳זיקער קאַווע: פיר מאָל הין און צוריק פון דער שטוב ביזן ברעג. אַזוי גרויס איז געווען דער קויעך פון מיסטער טאָמסאָנס געוווינהייט, אַז ער פלעגט דעם שפּאַציר מאַכן מע־כאַניש. נאָר דער זייגער האָט שוין געהאַלטן באַ צוועלף און ער האָט זיך נאָך פונעם צימער ניט גערירט.

דער אומגעוויינלעכער פאַל האָט רולטינאַן אומרו׳ק געמאַכט. זי איז אַרײַנגעקומען אין צימער און מיט אַ זיסן קאָל אים געזאָגט:

— טשאַלי, מענטשן אַ סאַך זײַנען געקומען האַנדלען.

מיסטער טאָמסאָן האָט שטיל אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער. דערנאָך האָט ער זיך אומגעדרייט צום ווײַב און האָט באַפוילן:

— גרייט דעם טיי פאַר די צוגערײַזטע באַ רינטעון אין דער „יאַראַנ־גאַ״. גיב זיי אויך גאַליעטן, נאָר ניט קיין סאַך. בלויז ווי אַ ציי־שפּײַז. אַף אַרײַנצופאַלן אין דער פּאַסטקע, דאַרף די כאַיע ניט מער ווי אַ קליין שטיקל פלייש.

מיסטער טאָמסאָן האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַרויס פונעם צימער.

באַם פאַרבײַגיין דאָס געצעלט ווו זײַן הויזגעזינד האָט געוווינט, האָט ער דערזען אַ פּאָר מענערישע „טאָרבאַזן״ שטעקן פון הינטער די פעלן באַם אַרײַנגאַנג. מיסטער טאָמסאָן איז צוגעקומען, מיט דעם פוס אַ שטויס געטאָן די „טאָרבאַזן״ און ערנסט אַ פרעג געטאָן:

— וועמענס פיס זײַנען עס?

דער פאָרהאַנג האָט זיך פאַרהייבן און ער האָט דערזען יאַראַקן אַ צע־שמייכלטן האַלב־צעליגט אַף דער ערד.

מיסטער טאָמסאָן האָט דערפילט ווי דער קאַס צינדט זיך אין אים אָן.

— גאָד דעמן! האָב איך דיר ניט געזאָגט דו זאָלסט זיך מער ניט ווײַזן צו מיר אין דער „יאַראַנגאַ״?

מיסטער טאָמסאָנען האָבן די אויגן געזעצט פון די לעכער, די רויטע נאָז, אַ בלוי־געוואָרענע, האָט געציטערט און אַ שוים האָט אים געזעצט פונעם מויל.

יאַראַק האָט זיך ניט גערירט פונעם אָרט און אַן איבערראַשטער גע־פרעגט:

— פאַרוואָס, טשאַלי?

מיסטער טאָמסאָן האָט פאַרלוירן יעדן קאָנטראָל איבער זיך, האָט אָנ־

געכאַפּט יאַראַקן פֿאַר אַ פּוס און אים צוגעשלעפּט ביז צו דער טיר. געקריצט האָט ער מיט זײַנע מעטאַלענע ציין און געשריגן:

— אַרויס פֿון דאַנען!

יאַראַק האָט זיך פֿאַמעלעך אויפֿגעהויבן. אַ ביטערער שמייכל האָט זיך באַוויזן אַף זײַנע ליפּן און איז אַרויס פֿון דאָרט מיט אַ טיפֿן געפֿיל פֿון באַליידיקונג.

פֿון הינטער די פֿעלן האָט זיך באַוויזן מעריס קאָפּ. אירע אויגן האָבן געברענט פֿון צאָרן ווי באַ אַ כאַיע. ווען זי האָט זיך אָנגעטראָפֿן מיטן פֿאַטערס בליק, איז זי פֿאַרשווונדן און האַסטיק אַראָפּגעלאָזט דעם פֿאָרהאַנג.

מיסטער טאָמסאָן איז צוריק אַרײַן צו זיך אין צימער און האָט זיך אַרײַנגעזעצט אינעם וויגשטול. ער האָט שווער געאָטעמט און זיך דערפֿילט שוואַך, מאָראַליש דערשלאָגן. ער האָט אָנגעשטאָפּט די ליולקע און גענומען רייכערן.

„איך האָב איבערגעכאַפּט די מאָס. איך האָב עס ניט באַדאַרפֿט טאָן. איצט, איבערהויפּט, דאַרף איך קיינעם קעגן מיר ניט אויפֿרייצן".

מיסטער טאָמסאָן האָט זיך אַליין פֿאָרגעוואָרפֿן זײַן אויפֿפֿירונג און האָט באַשלאָסן ווי עס איז דעם איניען צו פֿאַריכטן.

ער האָט גענומען רופֿן אַפֿן קאָל מערין. נאָר קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן.

— בען! — האָט מיסטער טאָמסאָן אַ רוף געטאָן.

אין צימער האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אַ יינגל, עלעגאַנט געקליידט אין פּוטער.

בען האָט ליב געהאַט אַרײַנגיין צום פֿאָטער אין צימער און איז שטענדיק גרייט געווען מען זאָל אים אַרײַנרופֿן.

אַ שוואַרץ־האָריקער מיט קאָרעקטע פֿאַנעם־שטריכן, אין אַ „קוכליאַנקע" מיט פּוקס באַנייט, איז דאָס יינגל שטיין געבליבן אַף דער שוועל און געוואַרט אַפֿן פֿאָטערס באַפֿעל.

— קום אַהער, מײַן זון.

בען איז צוגעקומען און זיך אַוועקגעשטעלט באַם וויגשטול. מיסטער טאָמסאָן האָט אים צוגעדריקט מיט זײַן מעכטיקן אָרעם און צערטלעך אים אַ פֿרעג געטאָן:

— מערי איז אַוועקגעגאַנגען?

— ניין, זי איז דאָ.

— פֿאַרוואָס איז זי ניט אַרײַנגעקומען? איך האָב זי גערופֿן.

דאָס יינגל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— זי וויל ניט גיין.

זיי האָבן געשוויגן. מיסטער טאָמסאָן האָט זיך פֿאַרקלערט. ס'איז נאָך ניט געשען אַז עמעצער זאָל אים ניט פֿאָלגן. ער האָט אַ ביטערן זיפֿץ געטאָן: „צי איז זי ניט גערעכט?"

— בען! — האָט ער זיך אָנגערופֿן. — ברענג מיר נאָר אַהער יענעם אַלבום.

מיסטער טאָמסאָן האָט אויפֿגעזוכט זײַן פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דער צײַט ווען ער איז נאָך געווען אַ קליינער און האָט זי לאַנג באַטראַכט.

— גיב אַ קוק, בען. דײַן פּאַנעם.

דאָס יִנגל האָט אַ פּאַראינטערעסירטער געקוקט אַף דער פּאָטאָגראַפּיע, דערנאָך אַרײַנגעקוקט אינעם שפּיגל און זיך צעשמייכלט.

— בען, ווילסט פאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן? אַף שטענדיק אַוועקפאָרן פונדאַנען?

— ניין. — האָט בען אַנטשלאָסן געטרייסלט מיטן קאָפּ.

קאַפּיטל XXVI

די יעגערס האָבן זיך געדרענגט פאַר טשאַליס קראָם און האָבן אומגעדולדיק געוואַרט דער האַנדל זאָל זיך אָנהייבן. טשאַלי זאַמט זיך. ווען קומט ע רשוין, טשאַלי די רויטע נאָז? נײַגעריקע האָבן אין פענצטער אַרײַנגעקוקט, ווו דאָס פּירהענגל איז שוין געווען פאַרהייבן. לויט אַלע סימאָנים, האָט טשאַלי שוין לאַנג באַדאַרפט האָבן אויפגעשטאַנען. פאַרוואָס־זשע האָט ער הײַנט ניט געמאַכט זײַן געוויינלעכן שפּאַציר צום יאַם־ברעג? וואָס קען דאָס באַטײַטן? איז מיט אים עפּשער עפּעס ניט גוטס געשען? איז ער עפּשער קראַנק?

יאַראַק האָט ניט געוואָלט פאַרביטערן דאָס געמיט פון זײַנע לאַנדסלײַט און האָט זיי ניט דערציילט וועגן ענדערונג וואָס איז אין זײַן לעבן פאָרגעקומען. ער האָט האַרב פאַרזאָגט רינטעון כאַלילע עמעצן צו דערציילן אַז טשאַלי האָט אים פון זײַן שטוב אַרויסגעטריבן. ס׳איז אים אַ ביזאָיען געווען מען זאָל וויסן וועגן דער דערנידערונג. ער וואָלט אַליין באַדאַרפט זיך פונאַנדערקלײַבן אין די געזעצן פון דעם ווײַסן מענטשן.

קעדיי קיינער זאָל ניט מערקן דעם ביזאָיען, וואָס טשאַלי האָט אים אָנגעטאָן, האָט יאַראַק געוויזן אַ פריילעך פּאָנעם. ער האָט זיך געדרייט צווישן די יעגערס און האָט זיך אַרײַנגעמישט אין זייער געשפּרעך.

וואַאַמטשאַ האָט דערציילט וויאַזוי ער האָט זיך געראַנגלט מיט אַ ווײַסן בער און וויאַזוי ער האָט קוים פאַרשלעפּט די פּעל צו דער „יאַראַנגאַ״. מען האָט זיך דערציילט נײַסן. מען האָט זיך געביטן מיט די הינט, ווער מיט און ווער אָן אַ צוגאַב. אַ ביסל אָן אַ זײַט האָבן זיך יאַטן געשפּילט, זיך געוואַלגערט אינעם שניי. די קערפּערס, נאַקעטע פונעם גאַרטל אַרויף, האָבן פון זיך אַ לײַכטן דאַמף אַרויסגעגעבן. נאָך איין אַטלעט האָט זיך אַרײַנגערוקט צווישן אוילעם. ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די „קוכליאַנקע״, זיך געריבן די הענט און אַרויסרופעריש אַלעמען פאַרבײַגעגאַנגען. צוויי מאָל איז ער אַזוי פאַרבײַגעגאַנגען און קיינער האָט זיך ניט אַרויסגערופן מיט אים זיך צו פאַרמעסטן.

דער באָכער איז שוין געווען אויפגעבראַכט.

— וואָס קומט דאָ פאַר? — זאָגט ער שוין מיט שפּאָט. — ניטאָ קיין איין געזונטער יאַט צווישן אונדז? אַזויפיל מענער און קיין איין בראַווער ניט. איר מעגט אײַך שעמען כאָטש פאַר די מיידלעך!

„אָ, — האָט יאַראַק זיך געטראַכט, — איך האָב גראָד כיישעק אַ לעקציע צו געבן דעם באַרימער״.

מיט אַ האַסטיקן קער האָט ער פון זיך די „קוכליאַנקע״ אַראָפּגעוואָרפן, איז אַרויס אַף דער מיט קרײַז און אַ שמייכל געטאָן:

— פאַרוואָס עפּעס זאָגסטו דאָס? דאָ האָסטו איינעם!

— טו דיר אויס דאָס העמד פון „טאַנגי״־שטאָף. ס׳וועט דיר שטערן.

יאַראַק האָט זיך דאָס העמד אויסגעטאָן און געמאָסטן פּאַמעלעך צוגע־שפּאַנט צום קעגנער.

— אָ, מיידלעך אַפּילע זײַנען געקומען קוקן אַף אײַך! — האָט מען געשריגן צווישן אוילעם. — אָ, די מיידלעך! זיי פֿאַרשאַפֿן אָדער פֿרייד אָדער ביזיוינעס. קעדײַ אַ קוק צו טאָן אַף דעם געראַנגל.

אַרום די שטײַערער איז געוואָרן אַ רעדל. קליינוואַרג, אין פּוטערלעך, האָבן זיך דורכגעשטופּט די דערוואַקסענע צווישן די פּיס צוצוזען דעם געראַנגל.

די שטײַערער, איינער אין צווייטן אײַנגעקלאַמערט, כאַטש ניט מיט אָנגעשטרענגטע קויכעס, האָבן זיך לאַנג געדרייט, ווי זיי וואָלטן זיך אויס־געשפּירט. מיטאַמאָל האָט יאַראַק די האַנט אויפגעהויבן, זיך פֿאַרמאָסטן און מיט דער דלאָניע יענעם דערלאַנגט איבערן קאַרק. דערהערט האָט זיך אַ פּאַטש, ווי מיט אַ וועסלע איבערן וואַסער. נאָר דער צווייטער האָט אין דעם אויגנ־בליק אָנגעכאַפּט יאַראַקן פֿאַר אַ פֿוס, אַ ביסל נידעריקער פֿון דער קני און האָט אים אין דער לופֿטן אויפגעהויבן. איין רגע האָט דאָס געדויערט. אין דעם אויגנבליק האָט יאַראַק זיך אַרויסגעריסן פֿון יענעמס הענט.

אינמיטן דעם געראַנגל, האָט זיך דערהערט טשאַליס קאָל:

— אַ פּושקע טאַבאַק פֿאַר דעם שטאַרקערן! — האָט ער אויסגערופֿן איידער נאָך ער האָט דערקענט יאַראַקן.

די שטײַערער האָבן זיך ווידער אײַנגעקלאַמערט. די אויגן זײַנען זיי געווען מיט בלוט פֿאַרגאָסן. מיטאַמאָל האָט יאַראַק זײַן קעגנער אין דער לופֿטן אויפגעהויבן און אים אַ וואַרף געטאָן אַפֿן שניי. אין איין אויגנבליק האָט ער אים אַפֿן רוקן אַוועקגעלייגט, וואָס דער אוילעם האָט עס אויפגע־כאַפּט מיט הייסן יובל־געשריי.

יאַראַק האָט זיך זיגעריש אַוועקגעזעצט אַף זײַן קעגנער, וואָס האָט אַ פֿאַרשעמטער פֿאַר אַלעמענס אויגן און אַ פֿאַרשפּילטער, — פֿאַרשפּילט די פּושקע טאַבאַק אינעם געראַנגל, — געוואָרט דער זיגער זאָל זיך אויפ־הייבן. ערשט דעמאָלט האָט מיסטער טאָמסאָן דערקענט יאַראַקן.

„אָלרײַט! איך האָב מײַן טאַבאַק ניט אָנגעווירן, האָט ער זיך געטראַכט, זי איז אַרײַנגעפֿאַלן צו מײַן מענטשן״.

מען איז אַוועק צו דער קראָם. מיסטער טאָמסאָן האָט אַרויסגענומען אַ פּושקע מיט צוויי פֿונט שמעקעדיקן טאַבאַק און האָט זי פֿײַערלעך דער־לאַנגט דעם זיגער.

יאַראַק האָט גענומען די פּושקע, האָט געקוקט אַף טשאַלין און האָט ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן. שווער צו פֿאַרשטיין דעם דאָזיקן ווײַסן מענטשן. ערשט האָט ער אים געשלעפּט פֿאַר אַ פֿוס, ווי מען שלעפּט אַ געפּייגערטן הונט, און איצט איז ער פֿריילעך און שענקט אים אַ גאַנצע פּושקע טאַבאַק. ניין, ניט אַפּילע ער, יאַראַק, קען זיי פֿאַרשטיין, די ווײַסע, מיט זייערע גע־זעצן. און ער האָט זיי דאָך אַזויפֿיל געזען אַף די וואַלפֿיש־שיפֿלעך!

— שפּעטער וועלן מיר זיך נעמען צו געשעפֿט. — האָט מיסטער טאָמ־סאָן פֿריילעך געזאָגט. — פֿריִער וועלן מיר טיי טרינקען.

טשאַליס גוטע שטימונג האָט זיך איבערגעטראָגן צו די יעגערס. מען האָט געזען, אַז מיסטער טאָמסאָן איז אויסערגעווײנלעך צופֿרידן.

די יעגערס האָבן שוין געהאַט געטרונקען טיי בײַ רינטעו אין דער „יאַ־ראַנגאַ״, נאָר ווער זאָגט זיך עס אָפּ פֿון טרינקען טיי בײַ טשאַלין אַליין? עס מאַכט ניט וואָס מען איז שוין אָנגעפּוישט מיט וואַסער ביזן האַלדז.

— מערי! דערלאַנג דעם אוילעם טיי! — האָט מיסטער טאָמסאָן געשריגן.
די דאָזיקע גוטהאַרציקייט צו די יעגערס איז זייער צום האַרצן געווען מערין און דער מוטער. מען האָט טייקעף געבראַכט אַ גרויסן טשײַניק מיט שטאַרקן טיי און טאַזעס.
די יעגערס, אויסגעזעצט אין אַ האַלבן קרײַז, האָבן געגריזשעט די גאַ־ליעטן, געטרונקען טיי מיט קליינע זופּעלעך און באַגײַסטערט געשמועסט צווישן זיך:
— ער איז אַ גוטער, דער טשאַלי!
— זייער אַ גוטער!
אין איין רעגע איז מען פאַרטיק געוואָרן מיט דער פּושקע גאַליעטן און טשאַלי האָט געהייסן ברענגען אַ צווייטע.
רולטינאַ און מערי האָבן מיט פאַרגעניגן באַדינט די צוגערײַזטע יע־גערס. וועמען איז דען ניט אָנגענעם מעכאַבעד צו זײַן מענטשן צו זאַט, זיי אָנצושטאָפּן ביז דער בויך זאָל געשוואָלן ווערן!
אַלץ איז גוט, נאָר רולטינאַ איז איצט פולשטענדיק זיכער, אַז די נאַכט זײַנען די גײַסטער געקומען צו איר ווײַסן מאַן. זיי האָבן אים פון זינען אַראָפּגעפירט. פריִער ווען ער איז געווען באַם פולן זינען, פלעגט ער איר אויסריידן פאַר יעדן שטיקל צוקער, פאַר יעדן איבעריקן גאַליעט. אָ, זי איז דערין זיכער!
„אײַערע קישקעס זײַנען באַשאַפן אָנצושטאָפּן זיי מיט אַלערליי פּאַס־קודסטוועס און ניט מיט אַזוינע גוטע זאַכן ווי גאַליעטן”. — פלעגט טשאַלי שטענדיק זאָגן. ס׳איז ניט צו פאַרשטיין וואָס מיט אים איז געשען.
נאָך דעם ברייטהאַרציקן טיי האָט זיך אָנגעהויבן דער האַנדל. וואַמ־טשאַ איז דער ערשטער צוגעקומען צו מיסטער טאָמסאָן:
— טשאַלי, באַ מיר אינעם שליטן האָב איך אַ ווײַסן בער, אַ ריזיקע פעל. ווילסט איך זאָל זי דיר אַרײַנברענגען?
— ניין, זאָל זי דאָרט ליגן. מירן זי אָנקוקן אינדרויסן. דאָ איז ווייניק פּלאַץ פאַראַן און דערצו איז דאָ ניט גענוג ליכטיק.
די יעגערס זײַנען אַרויסגעלאָפן און האָבן געהאָלפן וואַמטשאַן אויס־שפּרייטן די פעל. אַלע האָבן מאַסקים געווען, אַז די פעל איז אַ פּרעכטיקע.
מיסטער טאָמסאָן האָט אויסגעווישט זײַנע אויגן־גלעזער און האָט זיך שווער אַ וואָרף געטאָן אַף דער פעל. ער איז געקראָכן אַף אַלע פיר. אַף פיל ערטער האָט ער געצופּט די פלעכטלעך האָר. אַלע זײַנען זיי פעסט געווען. ניטאָ קיין שפּור פון אַ ברי. די האָר זײַנען אומעטום גלײַך געדיכט און ווײַס ווי שניי. מיסטער טאָמסאָן האָט אָפּגעמאָסטן די פעל פון די אויערן ביזן עק. געהאַלטן האָט זי פערצן פוס. ער האָט זי געהייסן צונויפלייגן און איז אַוועק צוריק אין קראָם.
אין דעם אויגנבליק האָט זיך אָפּן באַרג־רוקן אַ שליטן באַוויזן. געלאָפן איז ער שנעל און אַלע האָבן דערקענט אַליטעטן. מיסטער טאָמסאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַליטעט האָט אים אינטערעסירט מער ווי די שיינע פעל, וואָס וואַמטשאָ האָט געפאַנגען.
אַליטעטס הינט זײַנען מיט אַ געביל צוגעלאָפן צו טשאַליס הויז און אינמיטן געלאָף זײַנען זיי באַפאַלן די הינט פון אַ צוגערײַזטן יעגער, וואָס האָט זיך דאָרט געהאַט מיט זיי אַוועקגעשטעלט. געהערט האָבן זיך געוואָיען,

ציין האָבן געבלאַנקט, קאַלטנס האָר זײַנען געפלויגן, און אַליטעט ברי־אַנעס האָבן אין אײן אויגנבליק צעפליקט אַ קליינעם הונט. די איבעריקע האָבן בייז געבולן, מיט די עקן צווישן די פיס. זייער באַלעבאָס האָט זיך אַרײַנגעמישט און האָט זיי פּאַרטיידיקט.

אַכט מענטשן האָבן פּאַר די האַלדזבענדער אָנגעכאַפּט אַליטעטס הינט און זיי אָפּגעריסן.

דער יעגער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן צעפליקטן הונט און, ווען ער האָט זיך איבערצײַגט אַז ער איז טויט, איז ער צוגעקומען צו אַליטעטן.

— פאַרוואָס האָסטו אָנגערייצט דײַנע הינט אַף מײַנע?

— און פאַרוואָס האָסטו זיי מיר געשטעלט אין וועג? וואָלסט זיי ניט באַדאַרפט אָוועקשטעלן! מער זאָלסטו עס ניט טאָן! — האָט אים אַליטעט מיט גײַוועדיק געענטפערט.

— אָ, דו ביסט גערעכט, מער וויל איך עס ניט טאָן. — האָט דער יעגער צוגעשטימט.

אַליטעט האָט צווישן אוילעם דערזען מיסטער טאָמסאָנען, האָט ער איבערגעלאָזט דעם יעגער און גאַדלעסדיק צוגעשפּאַנט צו מיסטער טאָמסאָן מיט דעם „אָסטאָל“ אין די הענט. ער האָט אויסגעטאָן די פוטערנע הענטשקעס און אים דערלאַנגט די האַנט.

— אָ, הינט האָסטו ווי די וועלף! — האָט מיסטער טאָמסאָן געזאָגט.

— שטאַרקע הינט. — האָט אַליטעט שטאָלץ געענטפערט.

— נו, גוט, וועלן מיר אַרײַנגיין צו מיר אין שטוב, אַליטעט. איך האָב עפּעס וויכטיקס דיר מיטצוטיילן. — האָט מיסטער טאָמסאָן געזאָגט.

אַליטעט איז צוריקגעגאַנגען צום שליטן און אַ רוף געטאָן:

— טיגרענאַ!

— ווײַבער דאַרף מען ניט. ווייסטו דען ניט, אַז ווו געשעפט, איז דאָס ווײַב איבעריק?

— טשאַלי, דאָס איז דאָך אָבער מײַן צווייט ווײַב, וואָס דו האָסט זי געוואָלט קענען. דערפאַר האָב איך זי געבראַכט מיט זיך.

— לאָז זי אָפּ! זאָל זי זײַן דאָרטן! — האָט מיסטער טאָמסאָן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— טשאַלי, איך וויל ניט זי זאָל זען איען. — האָט אַליטעט אים שטילערהייט געזאָגט. — ער איז איר אַמאַליקער כאָסן. איך האָב געהערט, אַז אויך ער איז אַראָפּגעקומען פון די בערג און געפינט זיך דאָ. ווייסט דאָך, אַז ווײַבער האָבן אַ קורצן סייכל. זי קען אָוועק, און דערנאָך גיי זוך זי, ווי אַ בלודנעם הונט. עס פעלט מיר קאָפּדרייעניש?

— דײַגע ניט. איע האָט נאָך מיט מיר ניט געסילעקט.

טיגרענאַ איז צוגעקומען. זי איז שטיל שטיין געבליבן לעבן זיי און האָט באַטראַכט טשאַלין. זי האָט אים געקענט פון הערן.

— אָלרײַט! וועריִ, וועריִ גוד וומען. * — האָט מיסטער טאָמסאָן געזאָגט אין ענגליש און געפּעטשלט טיגרענאָן אין פּלייצע.

טשאַליס אומפאַרשטענדלעכער געפלוידער האָט טיגרענאָן דערמאָנט דאָס כריפּען פון די מאַרזשן. זי האָט זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן און האָט

---

* זייער וויל. אַ גאַנץ שיין ווײַבל.

זיך צעלאַכט, פאַרשטעלנדיק דאָס מויל מיט דעם אַרבל פון איר פּרעכטיקער „קוכליאַנקע".

מיסטער טאָמסאָן האָט אַרומגענומען טיגרענאַן באַ דער טאַליע און זי צוגעצויגן צו זיך אַ צעקײַכטער פון געלעכטער.

— גיי זיך דערוויַל אַ ביסל דורך, טיגרענאַ.

און ער האָט אַרומגענומען אַליטעטן באַם גאַרטל און אים אַוועקגעפירט צו זיך אין שטוב.

— אונדזערע ווײַבער האָבן ליב ווײַסע מענער. — האָט אַליטעט ניכ־טערדיק און כיטרע אַ זאָג געטאָן.

— אַ, יאָ, איך ווייס עס.

זיי זײַנען אַרײַן אין שטוב. מיסטער טאָמסאָן האָט שנעל פאַרמאַכט די טיר, האָט אויסגעטאָן דעם יאַק און זיך אָנגערופן:

— אַליטעט, איך האָב אַ גרויס געשעפט דיר פאָרצולייגן. זעץ זיך דאָ אַוועק. ווילסט עפּשער אויסטרינקען אַ ביסל פײַערדיק וואַסער?

— נאַטירלעך! שוין לאַנג ווי איך זע עס ניט פאַר די אויגן. כ'האָב שוין פאַרגעסן וואָס פאַר אַ טאַם דאָס האָט.

מיסטער טאָמסאָן האָט דערלאַנגט וויסקי. זיי האָבן אויסגעטרונקען און אַליטעט האָט זיך דעם בויך געגלעט.

— ווי גוט דאָס שמעקט!... גיס אָן נאָך איינס.

— ניין, ניין, — האָט מיסטער טאָמסאָן זיך קעגנגעשטעלט. — אין אָוונט וועלן מיר טרינקען נאָך. איצט דאַרפן מיר ריידן וועגן אַ וויכטיקן איניען. דו ווייסט דאָך, אַז ווען מען רעדט וועגן וויכטיקע איניאַנים, מוז דער געדאַנק זײַן קלאָר. איך האָב דיר גרויסע נײַסן צו דערציילן.

אַליטעט האָט מיט די פינגער געגלעט דעם זוים פון דער טאַזע, אין וועלכער מען האָט אים מעכאַבעד געווען מיט דעם פײַערדיקן וואַסער און האָט זיי אָפּגעלעקט.

אין צימער איז געווען וואַרעם. אַליטעט האָט צעשפיליעט דעם גאַרטל און האָט אויסגעטאָן די „קוכליאַנקע". מיסטער טאָמסאָן האָט געקוקט אַף זײַן בראָנדזענעם לײַב און זיך געטראַכט: „און דאָס איז מײַן „נעוווטום". ער האָט דערפילט אַן עקל פון דעם פאַרשוויצטן לײַב. ער האָט אַרויסגענומען אַ געקעסטלט העמד און אים דערלאַנגט:

— טו עס דיר אָן, אַליטעט. ביסט מײַנער אַן אַלטער פרײַנט און דו טראָגסט קיין העמד ניט. מען דאַרף טראָגן אַ העמד. אַזוי איז ניט גוט.

אַליטעטן האָט עס אויסגעזען קאָמיש, נאָר דאָס העמד האָט ער אָנגעטאָן. ער האָט זיך געפילט דערין לעסטיק און געדרייט מיט די אַקסלען. ער האָט געהאַט דעם אײַנדרוק ווי מען וואָלט אים געבונדן און אַוועקגענומען באַ אים די פרײַהייט זיך צו באַוועגן. דאָס לײַוונטענע העמד האָט אים גע־האַמעוועט און אויך געקיצלט. צי דען קען מען עס פאַרגלײַכן מיט אַ העמד פון סאַמעט־ווייכן פוטער פון אַ יונגן הירש? נאָר וואָס זאָל ער טאָן? דאָ איז טשאַלי באַלעבאָס. ער האָט זיך זײַן געזעץ.

מיסטער טאָמסאָן האָט לאַנג געפאָרשט אַליטעטס פּאָנעם און פון דער העלער הויט אַ פרעג געטאָן:

— אַליטעט, ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ גרויסן סויכער?

אַליטעט האָט אַ טראַכט געטאָן און געענטפערט קורץ, נאָר ניט גאָר זיכער:

— דו.

— האָב קיין מוירע ניט. איך דאַרף דיך ניט גענאַרן. איך וויל דו זאָלסט ווערן אַ רײַכער מענטש. ניט עמעס, אַז דו ביסט מײַן אַלטער פרײַנט?

אַליטעט האָט דערלײַכטערט אָפּגעזיפֿצט און האָט שוין וויליקער געענטפֿערט:

— יאָ, טשאַלי, ס׳איז עמעס. און ניט גלאַט גוטע פרײַנט, נאָר „נעוורטום". דערפֿאַר האָב איך דיר געבראַכט טיגרענאָן.

— נאָר דעריקער, אַליטעט, וואָס אונדז האָט געמאַכט פֿאַר גוטע פרײַנט, איז דער האַנדל, דער אויפֿקויף פֿון פֿעלן. איך וועל באַ דיר ניט נעמען די צוויי הונדערט מיט צוואַנציק פֿוקסענע פֿעלן, וואָס דו האָסט באַ זיך אינעם שליטן. נעם זיי דיר צוריק אַהיים.

אַליטעט האָט זיך אַ דערשראָקענער אויפֿגעשטעלט. די שוואַרצאַפּלען אין זײַנע שמאָלע אויגן־שפּאַלטן זײַנען שטיין געבליבן, האַרט און שטעכיק.

— ניין, ניין, שרעק זיך ניט. — האָט אים מיסטער טאָמסאָן מיט אַ שמייכל באַרויִקט. — איך וויל, אַז קומענדיקן זומער, ווען די שיף וועט קומען, זאָלסטו אַליין האַנדלען מיט דעם ווײַסן קאַפּיטאַן. אַזוי אַרום וועסטו באַקומען זייער אַ סאַך סכוירעס.

„וואָס וויל ער, טשאַלי? — האָט זיך אַליטעט געפֿרעגט, אַ געפּלעפּטער. — ס׳איז ניט צו פֿאַרשטיין זײַנע ווערטער". ער האָט צעטומלט אַ קוק געטאָן אַף מיסטער טאָמסאָן און שטיל, קימאַט פֿליסטערנדיק, אים געזאָגט:

— קיין איינער פֿון די פֿוקסן וואָס ליגן באַ מיר אין שליטן איז אַ באַצאָלטער. איך האָב זיי צונויפֿגענומען באַ אַ סאַך יעגערס אין דער טונדרע, און קיינער פֿון זיי האָט ניט באַקומען קיין איין טעוועלע טאַבאַק, קיין איין מעסער און קיין איין פֿינגערוט. זיי וואַרטן איך זאָל זיי באַצאָלן. איך מוז קויפֿן סכוירע באַ דיר אין קראָם, קעדיי איך זאָל זיי קענען באַצאָלן פֿאַר די פֿוטערס.

— איך ווייס, איך ווייס אַלץ. דו וועסט דיר צוריקנעמען די פֿעלן, נאָר איך וועל דיר געבן אַף באָרג וואָס נאָר פֿאַר אַ סכוירעס דו וועסט וועלן. דו וועסט זיי צעטיילן צווישן די יעגערס אויך אַף באָרג. דאָס מאַכט ניט אויס. איבעראַיאָר וועלן זיי דיר באַצאָלן מיט פֿעלן.

— יאָ, זיי וועלן אומבאַדינגט באַצאָלן. איך אַליין וועל אומגיין אויפֿמאָנען באַ זיי וואָס נאָר זיי וועלן האָבן.

— אָט דאָס איז עס, אָט דאָס איז עס! מען דאַרף באַ זיי אַלץ אָפּקויפֿן אַף פֿאָרויס, אַלץ וואָס זיי וועלן פֿאַנגען קומענדיקן יאָר. האָסט פֿאַרשטאַנען, אַליטעט?

— כ׳האָב פֿאַרשטאַנען. אַלע פֿעלן וועלן זײַן מײַנע.

— נאָר דו מוזט מיר פֿאָלגן אַלץ וואָס איך זאָג דיר? זעסט ווי איך באַגיי זיך מיט דיר? איך וועל דיך לערנען ווי צו האַנדלען מיט די לײַט פֿון דער נאָרד־אַמעריקאַנער שיף און מיט די יעגערס פֿון דער טונדרע און פֿונעם ברעגלאַנד. אָ, איך האָב נאָך קיינמאָל ניט גערעדט מיט דיר וועגן דעם! קומענדיקן זומער, ווען די שיף וועט אַרײַנקומען, וועל איך זאָגן דעם קאַפּיטאַן, אַז דו האָסט אַ סאַך פֿעלן און ער וועט זיי באַ דיר אָפּקויפֿן. מירן ביידע האַנדלען באַנאַנד, ווי צוויי ברידער.

אַליטעט איז געזעסן אַפֿן ברעג שטול, די הענט אַף די קני און די אויגן

אין טשאַלין אײַנגעשטאָכן, ווי אַ הונט וואָס וואַרט אױף אַ שטיקל פלייש, און האָט זיך אײַנגעהערט צו אים.

„ווי גוט איך האָב געטאָן וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך טיגרענאַן! טשאַלי איז נאָך קיינמאָל אַזוי גוט ניט געווען צו מיר". — האָט זיך אַלי־טעט געטראַכט.

— איכל דיר געבן אַ סאַך אײַזנוואַרג. דו ווערסט נעמען אַלערליי סכוי־רעס פאָרויס. האָסט פאַרשטאַנען, אַליטעט, ווי מען דאַרף טאָן?

אַליטעט האָט כיטרע אַ פּינטל געטאָן מיט אַן אויג.

„אַליטעט פאַרשטייט אַלץ. אַליטעט פאַרשטייט אַן אייסעק". — האָט ער פאַר זיך גערעדט.

— אַלרײַט! איצט קענען מיר זיך לאָזן ווילגיין: טרינקען וויפל נאָר פײַערדיקן וואַסער דו ווילסט און זיך פאַרווײַלן מיט די ווײַבער.

קאַפּיטל XXVII

טיגרענאַ האָט זיך געלאָזט גיין צוריק צום שליטן און בײַגעריק געקוקט צום הויז פון טשאַלי די רויטע נאָז. ס׳איז דעם ערשטן מאָל ווי זי קומט אין לאַגער לאַרען און פילט זיך דאָ ווי פאַרלוירן. זי האָט זיך אַרײַנ־געזעצט אין שליטן.

„צו וואָס — טראַכט זי זיך — האָט מיך אַליטעט אַהער געבראַכט?"

זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם דיקן „טאַנגי", מיט די אַנגעקלעפּטע שטיקלעך גלאָז אױף די אויגן, און האָט אַ שמייכל געטאָן. — „ווי קאָמיש ער איז מיט זײַן אומפאַרשטענדלעכן כריפּען!"

צוגעקומען איז צום שליטן דער אַלטער רינטעו.

— ווײַב, — האָט ער זיך אָנגערופן צו טיגרענאַ. — וואָס טוסטו דאָ? וואָס גייסטו ניט אַרײַן צו מיר אין „יאַראַנגאַ"? ביסט שוין ניט אױף דער רײַזע; ביסט שוין אין לאַגער. אין רינטעוס „יאַראַנגאַ" איז שטענדיק פאַ־ראַן טיי, און עסן פאַר די הינט. טשאַלי גיט צוקער אַפילו די צוגערײַזטע.

טיגרענאַ האָט זיך אויפגעהויבן, האָט אויסגעהערט דעם אַלטנס ווער־טער און האָט אים באַטראַכט. געווען איז ער אין פאַשעטן אָנטאָן: די אַרבל פון דער „קוכליאַנקע" זײַנען אים אַראָפּגעהאָנגען ווי ליידיקע. דער קאָפּ ניט צוגעדעקט, דאָס פאָנעם גוטמוטיק און די רייד ליבלעכע.

— איך האָדעווע שטענדיק זײַנע הינט. — האָט רינטעו ווײַטער גערעדט.

— איך קען דאָ קיינעם ניט, — האָט טיגרענאַ געענטפערט. — גיי דו אַליין אַרויף אױפן שליטן און האָדעווע אָן די הינט.

דער אַלטער האָט אַ טרייסל געטאָן די אַרבל און עס האָבן זיך באַוויזן די הענט.

— נו, — האָט טיגרענאַ פלינק גענומען דעם „אָסטאָל" אין די הענט.

נאָר אין דעם אויגנבליק האָט טיגרענאַ דערזען וואַאַמטשאָן און האָט אַ צופרידענע געענטפערט רינטעון:

— גיי אַליין. איכל שפּעטער צוקומען. — און האָט זיך געלאָזט צולויפן צו וואַאַמטשאָן, וואָס האָט געהאַלטן אין צונויפלייגן די בערן־פעל.

— וואָס ווילסטו טאָן מיט דעם בער, וואַאַמטשאַ?

— איך האָב אים געוואָלט פאַרקויפן, נאָר דו מיט אַליטעטן האָבן מיר געשטערט. ער האָט מיר קיין צײַט ניט געגעבן צו פאַרענדיקן ס׳געשעפט.

איצט וועל איך זי מוזן אַהיימפירן. אַליטעט וועט קאַליע מאַכן טשאַלין די שטימונג.

— אַליטעט האָט דעם גאַנצן וועג געיאָגט די הינט, וואַאַמטשאַ. ווי ער וואָלט אַפּן איַיז געוועןן און זיך געאײַלט וואָס גיכער אַפּן ברעג צו קומען. נאָר אַז ער האָט דערזען דעם נאָרד־אַמעריקאַנער, האָט ער אַלעמען איבער־געלאָזט, די הינט אַפּילע, וואָס דאָס האָט ער קיינמאָל ניט געטאָן. אַליטעט געטרויט ניט קיינעם זײַנע הינט.

— טיגרענאַ, האָסט געזען טשאַלין? מען זאָגט ער איז אַליטעטן אַ „נעוווטום".

טיגרענאַ האָט ניט געענטפערט. זי האָט זיך נאָר דערמאָנט אָן דעם גראָבן און אומגעלומפּערטן „טאַנגי".

— שלעכטע מענטשן זײַנען זיי, טיגרענאַ, צוויי וועלף. קאָטאָם מער־קיטשקין! — האָט וואַאַמטשאַ זיך אויסגעזידלט.

טיגרענאַ האָט אַ שמייכל געטאָן און האָט זיך שעלמיש אָנגערופן:

— ביסט געוואָרן אַ העלד, וואַאַמטשאַ!

וואַאַמטשאַ איז צעטומלט געוואָרן און האָט אַראָפּגעפירט דעם געשפּרעך.

— פאַראַן נאָך אַ נײַס. האָסט ניט געהערט?

— וואָס פאַר אַ נײַס?

— איַע איז דאָ. ער איז געקומען פאַרקויפן די פוקסן־פעלן פון זײַן באַלעבאָס עטשאַווטאַ.

טיגרענאַ איז אומרויק געוואָרן.

— ער האָט געפרעגט אָף דיר. ער איז איצט אַ פאַסטעך באַ עטשאַווטאָן אין דער סטאַדע. ער איז געוואָרן אויס ברעג־מענטש. דאָ איז אים אַ ביזאָיען צו לעבן, זאָגט ער, און ס'איז אים אומעטיק. זײַן ביקס האָט ער אָוועקגע־שאָנקען עטשאַווטאָן.

— איַע וויל אַוואַדע אַרבעטן צו קענען האָבן אַ ווײַב. עטשאַווטאַ האָט אַ סאַך טעכטער. — האָט טיגרענאַ אָנגעדאַכט.

— דאָס ווייס איך ניט. — האָט וואַאַמטשאַ געזאָגט.

— איז ווו איז ער, איַע?

— באַ רינטעו אין דער „יאַראַנגאַ". ער דערציילט דאָרטן אַ סאַך זאַכן. שוין לאַנג ווי ער איז פונעם געצעלט ניט אַרויסגעקומען. טיגרענאַ, ווילסט צוגיין מיט מיר צו רינטעו אין דער „יאַראַנגאַ"? דאָרט דערוויסט מען זיך אַלע נײַסן. אַ געניטער מענטש איז אומעטום אַ געוווּנטשענער גאַסט.

— איך ווייס ניט וווהין צו גיין, וואַאַמטשאַ, איך בין אינגאַנצן פון וועג אַראָפּ.

באַ רינטעון אין דער „יאַראַנגאַ" איז לעבעדיק. איַע, צעלייגט אָף פעלן מיט די הענט אונטערן קאָפּ, דערציילט:

— ווען איך בין געקומען צו עטשאַווטאָן, האָט ער מיך געפרעגט: „האָסט אָף שטענדיק פאַרלאָזט דעם ברעג? פאַרוואָס? איז דאָרט אַזוי שלעכט?" — „יאָ, שלעכט. איך טראָג אַ ווייטיק; אַליטעט האָט מײַן ווײַב צוגענומען. מײַנע הענט לייגן זיך ניט צו קיין אַרבעט". — „אָך! — האָט עטשאַווטאַ מיר געענטפערט. — איך דאַרף ניט דײַנע הענט: צו דער סטאַ־דע דאַרף מען פיס. וועסטו גוט לויפן און היטן די סטאַדע, וועסטו עסן אַ גוט שטיק פלייש מיט פעטס. „נעם, עס", האָט מיר עטשאַווטאַ געזאָגט.

איך האָב גענומען עסן.

— איך זע דו האָסט לאַנגע ציין. — האָט עטשאַווטאַ געזאָגט. — מירן זען ווי דו היטסט די הירשן. ווערסטו זיי ניט היטן, וועל איך דיך אַרויסטרײַבן״.

איך בין אַוועק צו דער סטאַדע. זעט גוט היטן די הירשן! זאָלן זיי זיך די גאַנצע צײַט פּיטערן. לאָזט זיי ניט ליגן אַף דער ערד. זאָלן עסן וואָס מער מאָך און פּעט ווערן! אָ, ווי שווער! אין אַ שטורעם טאָר מען ניט שלאָפן; מען דאַרף זײַן געהיט פאַר וועלף. און מען מוז אַליין לויפן ווי אַ וואָלף. באַ אַ שיין וועטער, דאַרף מען פאַרלייגן קלעצער פאַר די פוקסן.

איין מאָל איז עטשאַווטאַ אַליין געקומען אין סטאַדע. שיינע ווײַסע הירשן האָבן זײַן שליטן געשלעפּט.

— אַיע, — זאָגט ער מיר. — איך זע אַז ניט אומזיסט האָסטו לאַנגע ציין. האָסט גוט געהיט מײַנע הירשן און האָסט אויך געפאַנגען פוקסן. גיב זיי מיר אַהער. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוינע פּרעכטיקע פוטער׳ס! מען דאַרף זיי אויסבײַטן אַף סכוירעס באַ טשאַלי די רויטע נאָז. וועלן מיר זיי פירן צו אַליטעטן, וועט ער אונדז געבן פאַר זיי ווי פאַר געוויינלעכע פעלן. ער וועט זאָגן: „איין פעל, צוויי פעלן, דרײַ פעלן. שלאָף־זשע זיך איצט אויס אונטערן בויך פון אַ הירש, ביז די זון וועט אויפגיין, און וועסט גיין אין קראָם. טו דיר אָן מײַנע שטיוול. זיי זײַנען שטאַרק און דער וועג איז לאַנג. ווערסט צוריקקומען, וועסטו ווײַטער היטן מײַנע הירשן. און אין דרײַ יאָר אַרום וועל איך דיר געבן אַ מיידל״.

— איך, אָבער, — האָט אַיע ווײַטער דערציילט — דאַרף ניט קיין מיידל. מײַן האַרץ האָט מיך געשטויסן צום יאַם. איך האָב געוואָלט צוריק־גיין צו די ברעג־מענטשן און ריידן מיט זיי. דאָ איז פריילעך, דאָ זײַנען שטענדיק פאַראַן מענטשן. דאָרט, פאַרקערט, איז מער ניטאָ ווי הירשן. און איך האָב מיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. געגאַנגען בין איך צוויי טעג און האָב דערזען אַ פײַער אינעם טאָל פונעם האָזן־וועג. איך בין צוגעקומען און האָב דערזען אַ געצעלט און אַ שליטן מיט הינט. דער רײַזנדער איז געווען אַ רוס. געפאָרן איז ער פון ווײַט; שוין דרײַ כאַדאָשים אַז ער פאָרט. צום טשוקאָט־קער שפּיץ פאָרט ער. ער איז אַ נאַטשאַלניק, האָט ער מיר געזאָגט. נאָר וואָס פאַר אַ נאַטשאַלניק איז ער, אַז ער האָט ניט קיין באָרד? „נאָך ווײַט צום טשוקאָטקער שפּיץ?״ — האָט ער מיך געפרעגט. — „נאָענט. מיט די הינט, איין טאָג״. — „אָ, איין טאָג נאָר! אויב אַזוי קענען זיך די הינט נאָך אויסרוען. זעץ דיך. ווילסט טיי?״

ער האָט מיט זיך געהאַט אַלצדינג: צוקער, גאַליעטן, פלייש אין אײַ־זערנע פּושקעס, טאַבאַק. קען זײַן, אַז ער איז טאַקע אַ נאַטשאַלניק. מיר האָבן אַזוי געשמועסט אַ גאַנצע נאַכט. ער האָט מיך וועגן אַלץ אויסגעפרעגט. מיר איז שוין דער האַלדז טרוקן געווען פון ריידן, און ער פרעגט אַלץ. דערנאָך האָט ער אַליין אָנגעהויבן ריידן. ער האָט מיר אָנדערציילט אַזויפיל, אַז מיר איז געוואָרן אַ געמיש אין קאָפּ. אויפגעקלערט האָט ער מיר, אַז אַף דער גרויסער רוסישער ערד איז געווען אַ מילכאָמע. איר געדענקט ווי מען האָט דאָ גערעדט דערפון? די רײַכע האָבן זיך געשלאָגן קעגן די אָרעמע. אַלע רײַכע האָט מען פאַרטריבן, און אָרעמע מענטשן, אַזעלכע ווי מיר, זײַנען געוואָרן נאַטשאַלניקעס, און זיי אַליין מאַכן דאָס געזעץ. דער רײַזנדער האָט מיט מיר גערעדט וועגן טשאַלין און אַליטעטן. ער האָט מיר געזאָגט אַז ער וועט פאַרטרײַבן פון דעם ברעג דעם נאָרד־אַמעריקאַנער. און אויך אַליטעטן.

דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט: „און דיך וועלן מיר באַשטימען זאָלסט זיך פאַרנעמען מיט דעם האַנדל".

אַיע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— ער איז אַ יונגער מענטש, — האָט אַיע ווײַטער דערציילט. — ווי קען ער זײַן אַ נאַטשאַלניק! ער האָט מיר געזאָגט, אַז אינגיכן וועט זײַן אַ נײַער געזעץ פון לעבן אַפן טשוקאָטקער שפּיץ. און אַז דאָס געזעץ וועט זײַן אויסגעשפּרייט אַפן גאַנצן ברעג און אַף דער גאַנצער טונדרע. ער אַליין, מיסטאָמע, ווייס ניט וואָס ער זאָגט...

אין דער „יאַראַנגאַ" איז געווען שטיל. קיינער האָט נאָך דאָרט אַזאַ געשיכטע ניט דערציילט. ווו האָט אַיע זיך דאָס אויסגעלערנט! צי האָט ער ניט אָנגעטראָפן גײַסטער אינעם טאָל פונעם האָזן־וועג? ווער ווייס וואָס אַ מענטשן קען טרעפן אין וועג.

— און וווהין איז דער רוס דערנאָך אַוועק?

— ער האָט מיך צוגעפירט ביז אַהער, און פון דאַנען איז ער אַוועק גלײַך צום טשוקאָטקער שפּיץ. איך האָב אים געזאָגט: „דאָרט אַרום וועסטו ניט קענען אַדורך. די בערג פאַרשטעלן דעם וועג. פאַראַן אַ דורכגאַנג, נאָר ס'איז אוממעגלעך אים אויסצוגעפינען". — „איך וועל אים אויסגעפינען" — האָט ער מיר געענטפערט. — אַ העלדישער מענטש! ער האָט מיט זיך אַ פּאַפּיר ווו עס זײַנען אויסגעמאָלט די טײַכן, דער ברעג, דער יאַם. „נו, ווי דו ווילסט" — האָב איך אים געענטפערט. ער האָט מיר שטאַרק געדריקט די האַנט און האָט מיר געזאָגט: „צום זען זיך אינגיכן, אַיע. מיר זיך נאָך זען. מירן נאָך אינאיינעם אויך דאָ ענדערן דאָס לעבן..." סאַראַ מאָדנער מענטש!... ענדערן דאָס לעבן! אַז נאָר אַ „יאַראַנגאַ" צו ענדערן קומט אָן אַזוי שווער. איך פאַרשטיי ניט וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז.

— דאָס איז ניט געווען קיין מענטש. — האָט אַן אַלטער יעגער זײַן וואָרט אַרײַנגעשטעלט. — ס'איז געווען אַ גײַסט.

יאַראַק איז צוגעקומען צו אַיען.

— דאָס רוסישע געזעץ האָט ער מיט זיך געבראַכט? דאָס געזעץ פון די ווײַסע מענטשן? — האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס ניט. — האָט אַיע אויסמײַדנדיק געענטפערט.

— די „טאַנגיס" טאָר מען ניט גלייבן. איך האָב אַ סאַך „טאַנגיס" געזען אַף די נאָרד־אַמעריקאַנער וואַלפיש־שיפלעך. — האָט יאַראַק געזאָגט. — זיי זײַנען פאַלשע מענטשן און שווינדלער. ס'איז זיי קיינמאָל ניט צו פאַר־שטיין. דאָס געזעץ פון די ווײַסע איז ווי דער ווינט: ער בלאָזט אַף אַלע זײַטן. וויאַזוי רופט מען דעם רוס?

— אַנדריי. — האָט אַיע געענטפערט. — ער האָט גוטע אויגן. מען זעט אַז ער זאָגט דעם עמעס.

אין דער „יאַראַנגאַ" איז אַרײַנגעקומען וואַאַמטשאָ און נאָך אים טיג־רענאַ. די פרוי האָט אויסגעטאָן איר פרעכטיקן „קערקער" און האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם אַרײַנגאַנג.

— קאַקאַמעי, טיגרענאַ! — האָט אַיע אַפּאַמאָל צעטומלט און פריילעך זיך אויפגעשטעלט אַף די קני. — ביסט געוואָרן אַ סויכער? קומסט האַנדלען?

טיגרענאַ האָט געקוקט אַף אַיען און האָט גאָרניט געענטפערט.

— דערצייל, דערצייל, אַיע! — האָבן די יעגערס געשריגן פון אַלע זײַטן.

— דערציילסט אַלץ אַזוינע אינטערעסאַנטע זאַכן!

— דערציייל אונדז ווײַטער וועגן דעם מענטשן אָן דער באָרד.
וואַמטשאַ האָט זיך צוגעבויגן צו זײַן שאָכן און אים שטיל געפרעגט:
— וועגן וואָס האָט איע גערעדט?
— ער האָט דערציילט אינטערעסאַנטע זאַכן. זייער אינטערעסאַנטע.
איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוינס ניט געהערט.
— נו, רייד, איע. פאַרוואָס שווײַגסטו? — האָט וואַמטשאַ געפרעגט.
איע האָט דערזען טיגרענאַן, האָט ער פאַרלוירן ס'לאַשן. ער וואָלט איצט געפרעגט דאָס מיידל ווי איר גייט, וואָס זי טראַכט. נאָר צווישן אַזויפיל מענטשן האָט ער זיך געפילט אָפּהענטיק. אַלע ווייסן, אַז אַליטעט האָט באַ אים צוגענומען טיגרענאַן און וועלן נאָך לאַכן פון אים. פאַראַן מענטשן וואָס זײַנען אַף אַלץ פּעזיק.
איע האָט דערפילט ווי דאָס האַרץ דריקט אים. גלײַכער וואָלט טיגרענאַ ניט אַרײַנגעקומען. און איע האָט גענומען רייכערן אין דער שטיל. אַ מענטש דאַרף צו זיך קיין ראַכמאָנעס ניט וועקן. דאָך, איז ער צוגעגאַנגען צו טיגרענאַן.
אַ פרוי האָט דעם קאָפּ אַרײַנגעשטעקט דורך דער פעלענער טיר:
— טיגרענאַ, אַליטעט רופט דיך.
טיגרענאַ האָט אַליין כיישעק געהאַט אַוועקצוגיין. צופיל נײַגעריקע אויגן דאָ פאַראַן. זי האָט ווידער אָנגעטאָן דעם פוטערנעם „קערקער" און איז אַרויסגעגאַנגען פונעם געצעלט אָן אַ וואָרט צו ריידן.
— פאַרוואָס, איע, האָסטו געלאָזט באַ דיר דאָס ווײַב צונעמען? —
האָט אַ יעגער לאַכנדיק געפרעגט.
יאַראַק האָט צאָרנדיק אַ קוק געטאָן אַף אים. ער האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז דער יעגער לאַכט פון אים, בעפיירעש פון אים.
— עס מוז זײַן זייער אָנגענעם צו זען ווי מען נעמט צו באַ יענעם דאָס ווײַב פון אונטער דער נאָז. — האָט דער לעץ ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון איען.
מיט פאַרקלעמטע ציין האָט איע דערלאַנגט דעם כוצפּעניק אַ שטאַרקן זעץ מיט דער פויסט.
יענער האָט זיך געטאַפּט באַ דער נאָז און איז אַוועק אין אַ ווינקל. אַלע האָבן געשוויגן. איע האָט אַרויפגעוואָרפן אַף זיך די „קוכליאַנקע" און איז אַרויס פון געצעלט.
קיינער האָט אים ניט געקענט אַזוי פאַרשטיין און מיטפילן ווי יאַראַק. געווען איז צווישן זיי עפּעס געמיינזאַמס.ביידן איז ניט געלונגען זיך אַ היים צו שאַפן. צי דען קען אַ יעגער אָן אַ ווײַב באַטראַכט ווערן פאַר אַ ריכטיקן מענטשן? אַ מאַן אָן אַ פרוי איז ווערט מען זאָל פון אים לאַכן.
יאַראַק האָט אָנגעיאָגט איען אָפּן וועג צום יאַם־ברעג. שטיל האָט ער לעבן אים געשפּאַנט און שטילערהייט זײַנען ביידע צוגעקומען צו די אײַז־בלאָקן.
די זון האָט זיך שוין געהאַט באַהאַלטן הינטערן באַרג. דער זון־פאַרגאַנג איז געווען אַ מילדער און אַ רויקער. אָן אַ זײַט איז געווען מיסטער טאָמסאָנס הויז. אַ שײַן האָט זיך באַוויזן אינעם פענצטערל, נאָר באַלד איז עס פאַרשווונדן הינטער אַ פאַרהענגל.
— מערקיטשקין! — האָט יאַראַק זיך שטיל אַ זידל געטאָן. — טשאַליטוט שטענדיק אַזוי ווען אַ פרוי קומט אים זען.
איע איז געשטאַנען אַף אַן אײַז־בלאָק און געקרישלט דעם שניי מיטן

פוס. פון צײַט צו צײַט האָט ער געוואָרפן אַ בליק צו דעם פרעמדן הויז, דאָס הויז פונעם ווײַסן מענטשן.

— ס'איז דיר ניט גוט, איע. — האָט יאַראַק זיך געקלאָגט. — מיר איז אויך ניט גוט. איך האָב געזאָלט כאַסענע האָבן מיט מערין, האָט מיך טשאַלי אַרויסגעטריבן. ער האָט זיך צעשריגן אַף מיר און דערנאָך מיך געשלעפּט פּאַר אַ פּוס. ס'איז מיר געוועזן אַ גרויסע בושע. ווי איך וואָלט געווען עפּעס אַ פּאַכדן. יעדער ווײַסער האָט זיך זײַן געזעץ.

— דיך האָט טשאַלי געשלעפּט פּאַר אַ פּוס. מיר אָבער האָט אַליטעט דאָס האַרץ אַרויסגעשלעפּט, ווי מען שלעפּט אַרויס דאָס האַרץ באַ אַ הירש דאָס אויסצוטריקענען. אָ, סאַראַ ווייטיק דאָס איז! איך האָב מיר געוואָלט דאָס לעבן נעמען... נאָר איצט... דער רוס האָט מיר געזאָגט אַזוינע זאַכן... איך קען גאָרניט אויפהערן טראַכטן פון דעם אַלעמען וואָס ער האָט מיר געזאָגט! איכל זיכער מעשוגע ווערן פון אַזויפיל טראַכטן. און איך קען גאָרניט אַזויפיל באַנעמען זײַנע ווערטער. געווען איז עס צופיל פּאַר איין נאַכט. דו ווייסט, יאַראַק, וואָס ער האָט מיר געזאָגט? אַז אַליטעט וועט שוין איצט אַזוי רײַך ניט זײַן. „דאָס נײַע געזעץ וועט אים אַראָפּזעצן גאָר בידעריק".

— דאָס זײַנען אַלץ נאַרישקייטן. אַלע ווײַסע זײַנען אַלצאַיינס. די צונג פּליט באַ זיי אין מויל ווי אַ שמאַטע אַפן ווינט. איך האָב געזען אַ סאַך נאָרד־אַמעריקאַנער וואַלפיש־יעגער.

— באַ דעם רוס זײַנען די אויגן גוטע. מען לייענט אין זיי דעם עמעס. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מען וועט אויך דעם נאָרד־אַמעריקאַנער אַרויסטרײַבן פונעם ברעג.

יאַראַק האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן.

— ווער קען אַרויסוואַרפן טשאַלין? טשאַלי איז שטאַרק מיט זײַנע סכוירעס. ער וועט טרינקען אינאייינעם מיט די רוסן זייער פײַערדיקן וואַסער און זיי וועלן אינאייינעם לאַכן. זיי האָבן דאָס אייגענע געזעץ. איך ווייס. איך האָב עס געזען ווען איך בין געווען באַם רוסישן סויכער בריוכאַנאָוו.

— ניין, יאַראַק, דער איז גאָר אַן אַנדער מענטש. ער איז יונג, נאָר ריידן רעדט ער ווי אַן אַלטער: ער רעדט שטיל. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער פירט מיט זיך אַ סאַך נײַע געזעצן. און אויך אַ געזעץ וועגן כאַסענע. דאָס האָט ער מיר געזאָגט.

וואַאַמטשאַ איז אַרויסגעקומען פון הינטער אַן אײַז־בלאָק.

— ווי קומען אַהער יעגערס אַן ביקסן? — האָט ער זיך צעשמייכלט.

די יאָטן האָבן זיך צעלאַכט.

— אַ שלעכטער טאָג הײַנט — האָט וואַאַמטשאַ געזאָגט. — איך האָב געבראַכט אַ שיינע בערן־פעל און האָב זי ניט באַוויזן צו פאַרקויפן. טשאַלי די רויטע נאָז איז אַוועק. ער האָט אַלעמען איבערגעלאָזט און איז אַוועק מיט אַליטעטן אַף אַ גאַנצן טאָג. ווען נאָר אַליטעט איז דאָ, גייט דער האַנדל שלעכט. ער האָט אים געבראַכט טיגרענאַן. מען איז זי געקומען רופן פון דאָרטן.

— אָ, וואַאַמטשאַ, שווײַג. אַ גרויסער צאָרן עסט מײַן האַרץ. — האָט איע אויסגעשריגן.

— יעדער איינער האָט זיך זײַן צאָרן. נאָר דײַנער, איע, איז אַ טיף באַהאַלטענער.

איע האָט אַ קרעכץ געטאָן און האָט זיך די האַנט אײַנגעביסן ביז בלוט.

— איך ווייס, אַז איצט וועט טשאַלי איר גיסן דאָס פֿײַערדיקע וואַסער אין מויל. — האָט יאַראַק זיך אָנגערופֿן. — ס׳איז אַ וואַסער וואָס ברענט אין האַלדז און פֿאַרדרייט די געדאַנקען. ווער עס טרינקט עס ווערט שוואַך ווי אַן ערשט געבוירן קינד. טשאַלי טוט שטענדיק אַזוי מיט די ווײַבער.

אַ געפֿיל פֿון טיפֿער באַליידיקונג און אַ פּלוצימדיקער דאָרשט נאָך נײַ־קאָמע האָט אַרומגעכאַפּט איען. די ווערטער פֿון זײַנע כאַווײרים האָבן אים אויסגעזען ווי ביטלדיק און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן לויפֿן צום הויז פֿון טשאַלי די רויטע נאָז. די טיר איז געווען צוגעשלאָסן.

— וואָס האָסטו זיך באַהאַלטן? האָסט מוירע פֿאַרן ווײַסן בער?

איע האָט דערהערט טיגרענאַס שיקערן קאָל.

אַ צעווילדעוועטער, האָט ער אויפֿגעבראָכן די טיר און האָט זיך אַרײַנ־געריסן צו טשאַלי דער רויטער נאָז אין צימער.

— גאָד דעמן! — האָט מיסטער טאָמסאָן אַ געשריי געטאָן. — ווי־אַזוי גייסטו אַרײַן צו מיר אין שטוב? ווער האָט דיך גערופֿן? אַרויס פֿון דאַנען! גיי! וואָרעם איכל דיר דעם געניק צעברעכן!

איע האָט אַ שפּרונג געטאָן און האָט אײַנגעגראָבן די הענט אין טשאַלים האַלדז. דער אָנפֿאַל איז געווען אַזוי אומגעריכט און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דער נאָרד־אַמעריקאַנער איז אַוועקגעפֿאַלן אַפֿן וויגשטול. איע האָט אים אַלץ שטאַרקער געדריקט דעם האַלדז. אונטער דער מאַסע פֿון די צוויי מענער, האָט זיך דער וויגשטול אײַנגעבראָכן. פֿיס זײַנען געפֿלויגן אין דער לופֿטן. דער הילכער פֿונעם גראַמאָפֿאָן איז אויך אַראָפּגעפֿאַלן אַף דער ערד. טשאַלי האָט הייזעריק געכאַרכלט. אַליטעט איז אַרײַנגעלאָפֿן, אַ שיקערער, פֿון אַנ־דערן צימער. ער האָט זיך ווי אַ כאַיע אַרויפֿגעוואָרפֿן אַף איען, און האָט באַוויזן אַרויסצורײַסן טשאַלין פֿון זײַנע הענט. איע האָט זיך אָפּגעריסן און איז אַרויף אַפֿן טיש און בייז אַראָפּגעשלײַדערט פֿון דאָרט דעם לאָמפּ מיט דעם געשיר. אין דער פֿינצטער האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

אַליטעט האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אין די הירשנפֿעלענע הויזן און געשריגן:

— אַ ביקס גיט מיר! גיט מיר אַהער אַ ביקס וועל איך דערשיסן דעם וועלפֿישן זון!

נאָר איע איז שוין געווען אַפֿן באַרג־רוקן לעבן לאַגער.

— אַליטעט וויל מיך הארגענען. — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו די אָנ־געטראָפֿענע וואַאַמטשאַ און יאַראַק.

— אַנטלויף צו דער טונדרע! — האָבן זיי אים ביידע געראָטן. — מירן פֿאַרפֿירן אַליטעטן אַף אַ פֿאַלשן שפּור, אים אָנווײַזן צום אײַז אַפֿן יאַם.

קאַפּיטל XXVIII

די זון בריט.

די לופֿט איז ריין און לויטער. די בלענדיקע שניי־ווײַסקייט און די שטראַליקע שײַן שטעכן די אויגן. די הינט גראָבן זיך אין ווייכן שניי און, מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער, שלעפּן זיי שווער דעם שליטן. אַנדריי גייט באַ דער זײַט און טרעט אין טיפֿן שניי. אַרום — די בערג, די טאָלן; אַלץ ווײַס! קיין שום סימען פֿון לעבן. אַנדריי האָט אַ געשריי געטאָן און ס׳פֿרייט אים וואָס ער הערט זײַן אייגן קאָל.

נאָכדעם ווי אַנדריי זשוקאָוו האָט פֿאַרענדיקט זײַן שטודיום אינעם געאָ־

גראַפישן פאַקולטעט פונעם פעטראָגראַדער אוניווערזיטעט, איז ער אַנגעקו־מען קיין פעטראָפּאַוולאָווסק (קאַמטשאַטקאַ) האַרבסט 1922. ווען דער געגנט־לעכער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט אים פאַרגעלייגט אַרויסצופאָרן מיט אַ שליטן צו די ברעגעס פונעם אײַז־יאַם, האָט ער מיט פאַרגעניגן אָנגענומען און אום סאַמע ווינטער אָפּגעפאָרן קיין טשוקאָטקע, רוסישע ערד פון קאַד־מוינים.

ווען אַנדריי איז נאָך געווען סטודענט אינעם אוניווערזיטעט, האָט ער גענומען לערנען שפּראַכן. אַן אַלטער פּראָפעסאָר, וואָס האָט געלעבט אין יענע מעקוימעס פאַר דער רעוואָלוציע, האָט אים איבערגעגעבן אַלע זײַנע קענטעניש אין דער טשוקטשע־שפּראַך. אַנדריי איז געווען זייער אַ פעיִקער שפּראַכן־קענער.

אין פאַרלויף פון די דרײַ כאַדאָשים וואָס ער געפינט זיך אױף דער רײַזע, האָט ער זיך מער ווי איינמאָל אָנגעטראָפן מיט די באַוווינער פונעם לאַנד, וואָס זײַן באַגריף וועגן זיי האָט ער געהאַט נאָר פון די ביכער און פון די עטנאָגראַפישע פאַרשונגען.

מיטן אָנקומען פונעם פרילינג, האָט זיך אַנדריי זשוקאָווס רײַזע געענדיקט צום סאָף. קאַמטשאַטקאַ און דאָס קאָריאַקן־לאַנד זײַנען שוין ווײַט הינטער אים און אַנדריי געפינט זיך איצט אין דער טשוקאָטקער טונדרע.

ער האָט אָפּגעשטעלט די הינט און האָט באַטראַכט די אומענדלעכע קייט בערג.

„ווו ערגעץ — האָט ער זיך געטראַכט — איז דער דורכגאַנג, וואָס דער נעכטיקער פאַסטעך האָט וועגן אים געזאָגט?"

מען זעט קיין שפּור ניט אינעם שניי. אומעטום די זעלביקע אומבאַ־פלעקטע ווײַסקייט. וואָלט ער כאָטש אַ האָז געזען אָדער אַ הירש! געבליבן איז אים ווייניק שפּײַז. די הינט זײַנען הונגעריק און בעטן קויכעס.

„מען מוז זיך אָפּזאָגן פונעם גלײַכן וועג. דאָס איז גוט פאַר געזונד!"

אַנדריי איז אַרײַן אין שליטן און האָט פאַרקירעוועט אָפן וועג צום יאָם־ברעג. די הינט האָבן פאַרשטאַנען די קאַוואָנע פונעם באַלעבאָס און האָבן גענומען לויפן פריילעכער. אַן אויסערגעוויינלעכע שטילקייט האָט געהערשט אין די בערג.

מיטאַמאָל האָט אַנדריי דערפילט אַזאַ שטאַרקן ווייטיק אין די אויגן, אַז ער האָט זיי מיט דער האַנט פאַרשטעלט. לאַנג איז ער אַזוי געזעסן, נאָר דער ווייטיק איז ניט שטילער געוואָרן. ווען ער האָט די האַנט אַוועקגענומען, האָט ער אַבסאָלוט גאָרניט געזען. ווי אַ שלייער וואָלט זײַנע אויגן פאַר־שטעלט. אַנדריי האָט פאַרהאַלטן די הינט. האָט אַ רײַב געטאָן די אויגן און איז געקומען צום שלוס, אַז ער איז בלינד.

געוואָרעמט פון דער זון, האָבן די הינט לײַטזעליק גערוט אָפן שניי. וויערני, דער שפּיץ־הונט, האָט אַן אויסגעצויגענער געגאַסן פון דער רו. די שטילקייט איז אַן אַבסאָלוטע. די וועלט, האָט זיך געדוכט, איז פאַרזונקען אינעם ניט־זײַן.

אַנדריי האָט זיך אויסגעצויגן אינעם שליטן און לאַנג זיך אײַנגעהערט אין דער שטילקייט.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום האָריזאָנט. דער פײַכטער שניי איז געפרוירן געוואָרן און האָט געבילדעט אַ האַרטע אויבערפלאַך. אַ לײַכטער ווינט האָט געבלאָזן פון צאָפן. אַנדריי האָט באַשלאָסן זײַן לעבן אָנגעטרויען

דעם אינסטינקט פון די הינט. ער האָט זיך אויפגעזעצט און אַ געשריי געטאָן צום שפּיץ־הונט:

— ווייערני, פאָרויס!

אַנדריי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צום צאָפן־ווינט, קעדיי זיך צו אָריענטירן. מיט דער ניט געענדערטער פּאָזיציע איז ער ווײַטער געפאָרן. די הינט זײַנען אַ לאַנגע ווײַלע געלאָפן שנעלטריט און מיטאָמאָל זיך אַ לאָז געטאָן גאַלאָפּ.

„וואָס וועט זײַן?" — האָט אַנדריי זיך געטראַכט און האָט פאַרהאַמעוועט דעם שליטן. געדוכט האָט זיך אים, אַז די הינט האָבן אויסגעפונען אַ שפּור.

ער האָט זיך טייקעף איבערצײַגט, אַז זײַן האַשאָרע איז אַ ריכטיקע. ער האָט מיט דער האַנט אָנגעטאַפּט די שפּורן פון אַ שליטן. דאָס מיינט, אַז ערגעץ נאָענט מוז זײַן אַ מענטשלעכע וווינונג. אַנדריי האָט רויִק אָפּגעאָטעמט.

די הינט זײַנען איצט געלאָפן פריילעכער. נאָר אַנדריי האָט שוין ניט געפילט דעם ווינט אין דער באַק.

„דער ווינט ווירבלט" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

ער האָט אויסגעטאָן די קוטשמע און זיך אײַנגעהערט צום געזאַנג פון ווינט. דערהערט האָט ער אַ געשריי:

— אַנדריי!

„דאָס מוז זײַן אַ האַלוצינאַציע!" — האָט אַנדריי צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן. — ווער קען מיך דאָ רופן אין דער געפרוירענער וויסטע?"

ער האָט ווידער אײַנגעהאַלטן די הינט און אָנגעשפּיצט דעם געהער. ער האָט געדרייט דעו קאָפּ אויף אַלע זײַטן.

ווען אַנדריי האָט ווידער דערהערט דעם געשריי, האָט ער מיט דער גאַנצער קראַפט פון זײַנע לונגען אויסגעשריגן:

— דאָ בין איך!

צום שליטן איז שטיל צוגעקומען אַ מענטש און, אַ פאַרסאָפּעטער, שטיל אַ פרעג געטאָן:

— אַנדריי, דו ביסט עס?

אַנדריי האָט אויפגעציטערט. ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט אין דער ריכטונג צום קאָל און שאַרף געפרעגט:

— ווער איז עס?

— איך בין עס, איך איִע. האָסט מיך פאַרגעסן, אַנדריי?

— איִע! — האָט אַנדריי פריילעך אויסגעשריגן און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער זײַט פון וואַנען דאָס קאָל איז געקומען.

אַנדריי האָט פּעסט אַרומגענומען איִען, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט ער זאָל זיך ניט צעשווימען, ווי אַ שאָטן, און האָט אים טייקעף גענומען אויפקלערן:

— עפּעס איז מיר געשען מיט די אויגן. איך זע גאָרניט.

— דאָס טרעפט ווען די זון איז שטאַרק. מען דאַרף זיך פאַרשטעלן די אויגן מיט אַ הירשן־פעל אָדער מיט עפּעס אַנדערש, דעריקער, מיט אַ שוואַרצער זאַך. ס'וועט באַלד איבערגיין. מאָרגן וועט דיר שוין גאָרניט זײַן.

— מיט אַן עמעס?

— יאָ, יאָ. איך ווייס עס זיכער.

— איִע, שנײַד אָפּ אַ שטיק פון דעם שוואַרצן זאַק.

איָע האָט גענומען דעם זאַק, האָט אים באַטראַכט, איינמאָל און אַ צווייטן מאָל, און מיט אַ זיפץ זיך אָנגערופן:

— אַ שאָד אַזאַ גוטן זאַק צו פּאַטערן.

— עס מאַכט ניט אויס, איָע. שנײַד.

איָע האָט אָפּגעשניטן אַ שטיק זאַק און האָט מיט אים פאַרבונדן אַנ־דרייען די אויגן.

— פֿײַן, גוטער ברודער. כ'מיין, אַז מיר קענען דאָ איבערנעכטיקן. האַ? דו אײַלסט דיך ניט אין ערגעץ?

— ניין, — האָט איָע געענטפערט.

— אויב אַזוי, שטעל אויף ס'געצעלט. מירן טרינקען טיי און עפּעס צובײַסן.

אַנדריי איז שוין אָן מוירע אַראָפּ פונעם שליטן, האָט אָנגעטאַפּט די הינט און זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם שפּיץ־הונט.

— נו, גוט, וויערני, — האָט ער אים געצערטלט, — איצט וועט שוין גיין בעסער. — ער האָט אַ געשריי געטאָן צו איָען, וואָס האָט געהאלטן אין אויפשטעלן דאָס געצעלט: — זאָג מיר, איָע, מיט וואָס פאַר אַ וועג בין איך געפאָרן?

— מיט דײַן וועג. — האָט איָע רויִק געענטפערט. — איך האָב דיך געזען פאָרן, נאָר דו האָסט געמאַכט אַן אומקרײַז. די הינט גייען קיינמאָל ניט אַראָפּ פון אַ גוטן וועג, סײַדן דער מענטש פירט זיי אַראָפּ.

שפּעטער אַ ביסל זײַנען זיי שוין ביידע באַקוועם געזעסן אינעם געצעלט.

— אַנדריי, דער שנײי אינעם טשײַניק איז שוין צעגאַנגען. מען דאַרף אײַננעצן די בינדע אַף די אויגן, וועט זײַן בעסער.

— נעם, מאַך עס, איָע. דו, ברודער, ווייסט וואָס מען דאַרף דערצו טאָן.

איָע האָט אײַנגענעצט און אויסגעדרייט די בינדע און ווידער פאַרבונדן אַנדרייען די אויגן.

— ביסט גערעכט געווען, איָע, ווען דו האָסט מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז איך וועל ניט טרעפן צום דורכגאַנג. אין וועג האָב איך אויסער בערג גאָרניט אָנגעטראָפן. און צו דעם אַלעמען, בין איך נאָך בלינד געוואָרן. איך האָב אַוואַדע פאַרבלאָנדזשעט אין די בערג. ניין?

— ניין, אין די בערג וועט קיינער ניט פאַרבלאָנדזשעט. — און איָע האָט פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— אַנדריי, ס'איז עמעס אַז דו ביסט אַ נאַטשאַלניק?

זשוקאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן:

— יאָ, ס'איז עמעס. נאָר איך בין ניט דער הויפּט. דער הויפּט־נאַטשאַל־ניק וועט קומען דעם זומער מיט דער שיף. מיך האָט ער פאָרויסגעשיקט.

—אָך! — האָט איָע שטיל אַרויסגערעדט. און נאָך אַ ווײַלע שווײַגן, האָט ער ווידער גענומען ריידן: — אָ, אַנדריי, די לאַגע איז פאַר מיר גע־וואָרן זייער אַ שלעכטע! מען וועט מיך איצט זיכער דערשיסן, ווי מען דער־שיסט אַ האָז.

— ווער וויל דיך שיסן?

דאָס שטילשווײַגן האָט אַרומגענומען די בערג. אינעם געצעלט האָט אַרײַנגעדרונגען דער הויך פונעם באַנאַכטיקן פרעסטל. שוין צײַט געווען שלאָפן, נאָר איָע האָט גענומען דערציילן וואָס באַ טשאַלי די רויטע נאָז אין דער „יאַראַנגאַ" האָט פּאַסירט, און האָט אים אויפגעקלערט פאַרוואָס אַלי־

טעט האָט אים געוואָלט האַרגענען. ער האָט אים אויך דערציילט וועגן טיג־רענאַן און אַנדערע זאַכן.

די הינט זײַנען רויק געשלאָפן, פאַרמאַטערטע, אויסערן געצעלט. די זון האָט זיך געהאַט באַהאַלטן, נאָר ווידער אַרויסגעקומען און באַלויכטן דעם נידעריקן האָריזאָנט.

— דײַגע ניט, איִע, און האָב קיין מוירע ניט. קיינער וועט ניט וואַגן דיך אָנצורירן. איך פאַרזיכער דיר. ווערסט זיך אַליין דערין איבערצײַגן. איצט וועלן מיר אַ ביסל שלאָפן, און דערנאָך ווײַלן מיר ביידע פאָרן צום יאַם־ברעג.

איִע האָט זיך ניט געלייגט. פאַסטעכער זײַנען געוווינט ניט צו שלאָפן צוויי און דרײַ טעג נאָכאַנאַנד. ער האָט אַרומגעשפּאַנט אַרום געצעלט, האָט באַטראַכט דעם שליטן און האָט זאָרגעוודיק אָנגעצויגן אַ נאָכגעלאָזטן רימען. דערנאָך האָט ער זיך אַרײַנגעזעצט אינעם שליטן און גענומען באַטראַכטן דעם זיק, וואָס איז געמאַכט געווען פון ברעטער. איִע האָט געקלערט אַ ווײַלע און דערנאָך אַרויסגענומען אַ מעסער, האָט אָפּגעשפּאָלטן אַ דין בלעטל האָלץ, אויסגעשניטן דערפון צוויי רעדלעך און אין יעדן פון די צוויי רעדלעך מיטן שפּיץ מעסער אויסגעדאָלבעט אַ לעכעלע. דערנאָך האָט ער די צוויי רעדלעך צונויפגעבונדן מיט אַ רימענדל און אָנגעטאָן זיך אַף דער נאָז.

— מען זעט. — איז ער צופרידן געווען.

איִע האָט דערהערט אַנדריי רופט אים פונעם געצעלט און ער איז אַרײַנגעלאָפן.

— איך זע דיך, איִע. ווי גוט!

— איך האָב דיר געמאַכט ברילן אַף צו קענען קוקן. אונדזערע מענטשן, וואָס האָבן שוואַכע אויגן, נוצן זיי ווען זיי גייען אין די בערג. — און איִע האָט אים אָנגעמאָסטן די ברילן, וואָס ער האָט פאַר אים געמאַכט.

אַנדריי האָט זיך צעלאַכט:

— פרײַנט מײַנער, האָלץ לײַכט זיך ניט דורך.

— ניין. אָבער, אינעם האָלץ זײַנען פאַראַן צוויי לעכעלעך. דורך די לעכעלעך וועסטו אַלצדינג זען. אָן זיי, וועסטו ניט קענען אַרויספאָרן. די זון שטראַלט הײַנט זייער שטאַרק.

אַנדריי האָט זיך אָנגעטאָן די הילצערנע ברילן און איז מיט זיי אַרויס פונעם געצעלט.

— דאָס איז דאָך אויסגעצייכנט! אַן עמעסע הילצערנע אָפּטיקע האָסטו צוגעטראַכט! ביסט אַ געניוס, איִע! אויסגעצייכנט! וועק אויף די הינט און, הײַדאַ, צום יאַם־ברעג.

— איך וועל שלעכט אָפּשנײַדן אַפן יאַם־ברעג. אוי ווי שלעכט! — האָט זיך איִע געקלאָגט.

— ס'וועט דיר גאָרנישט ניט געשען, איִע! האָב קיין מוירע ניט.

קאַפּיטל XXIX

איִע איז אַרויף אַפן שליטן און האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן אַנדרייען. ער האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן די ריכטונג און האָט אַ וואָרט ניט געזאָגט. אים האָט געשראָקן די באַגעגעניש מיט די ברעג־מענטשן.

— וויערני, געגאַנגען! — האָט אַנדריי געקוקט אַף די הינט דורך די הילצערנע ברילן.

איִע האָט פון ווײַטנס דערזען דעם לאַגער לאָרען. ניט יעדער איינער וואָלט זיך איצט אײַנגעשטעלט אָף אַ באַגעגעניש מיט אַליטעטן און מיט טשאַלי די רויטע נאָז. נאָר איִען איז געווען אַלצאיינס. סײַ ווי, איז אים דאָס לעבן געווען נימעס.

— מיר זײַנען שוין באַלד אין לאַגער.

איִע איז געווען צערודערט.

— ווי גוט! און איך האָב געמיינט ס׳איז נאָך ווײַט צום ברעג. — האָט אַנדריי געענטפערט.

— ווּעסט צופאָרן צו דער קראָם, אַנדריי? צום ווײַסן טשאַלי? עפּשער איז גלײַכער איך זאָל דאָ בלײַבן?

— צו וואָס דאַרף איך גיין צו אים? איך און דו וועלן מיר אַרײַנגיין צו אַ יעגער אין דער „יאַראַנגאַ״.

— האָסט מוירע פאַר טשאַלין?

אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט אַנדריי זיך פונאַנדערגעלאַכט. און אין דעם געלעכטער האָט איִע דערפילט די גאַנצע מאַכט פון דעם יונגן רוסישן נאַ־טשאַלניק.

— זעץ זיך דו אַוועק אָף מײַן פּלאַץ, איִע, צו די הינט, און פיר מיך צו צו אַ „יאַראַנגאַ״ ווו דיר געפעלט. — האָט אים אַנדריי ערנסט אַ זאָג געטאָן.

איִע האָט פריילעך צוגעפירט דעם שליטן צו רינטעוס „יאַראַנגאַ״. דער אוילעם האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום זיי.

— מאַמעש וווּנדער! איִע פירט אין שליטן אַ ווײַסן מענטשן!

— איך האָב אים ווידער געטראָפן אין די בערג. דאָס איז דער רוסי־שער נאַטשאַלניק. — האָט איִע אַ מורמל געטאָן צו זײַן פרײַנט וואַאַמטשאַ. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צו אַנדרייען און אים אויך שטיל אײַנ־געראַנעט: — אַנדריי, דאָס איז וואַאַמטשאַ, דער יעגער וואָס איך האָב דיר דערציילט. אַליטעט האָט מיט ברען־פּעטס באַגאָסן ד צי־שפּײַז אָף זײַנער אַ פאַסטקע באַ די דרײַ בערגלעך.

— אַך, וואַאַמטשאַ! וואָס מאַכסטו?! — האָט אַנדריי זיך געווענדעט צום יונג ווי צו אַן אַלטן גוטן ברודער.

ער האָט אים לאַנג געדריקט די האַנט. איִע האָט געקוקט אָף זיי און אַ שטראַליקער שמייכל האָט זײַן פּאַנעם באַלויכטן. ער האָט זיך געפילט ווי דער גוירעם צו דער פרײַלעכקייט. וואַאַמטשאַ איז געווען צעטומלט און האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן און וואָס צו זאָגן. ס׳איז דעם ערשטן מאָל אין זײַן לעבן אַז אַ ווײַסער מענטש דריקט אים די האַנט.

— גיי אַרײַן אין דער „יאַראַנגאַ״. איכל דיר די הינט אויסשפּאַנען. — האָט ער באַוויזן אַרויסצורײדן.

— קום אַרײַן, קום. — האָט איִע לעבהאַפטיק גערעדט צום פרעמדן און אים גענומען פאַר אַ האַנט.

— קום, — האָט זשוקאָוו געענטפערט און ביידע זײַנען זיי אַרײַן אין געצעלט.

באַ רינטעו אין דער „יאַראַנגאַ״ האָבן די יעגערס גערעדט אָף דער גינסטיקער מינוט צו פאַרענדיקן דעם האַנדל מיט טשאַלי די רויטע נאָז. דאָס אַרײַנקומען פונעם רוסישן נאַטשאַלניק, וואָס איִע האָט זיי וועגן אים נעכטן

דערציילט, איז פאַר זיי געווען ווי אַ כאַלעם. זיי האָבן נייגעריק באַטראַכט דעם אַרײַנגעקומענעם.

דער רוס איז געווען אַ הויכער און האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ שטאַרקן, כאָטש יונגן מענטשן. זײַן באַנעמונג האָט ניט אויסגעגעבן אין אים קיין נאַטשאַלניק.

אַיע האָט אַרויסגענומען אַ נײַע הירשן־פעל, האָט זי אויסגעשפּרייט און העפלעך געבעטן דעם גאַסט זיך זעצן. אַנדריי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף דער פעל און, אַן אָנגעשפּאַרטער אַף אַן עלנבויגן, גענומען רייכערן.

— מען דאַרף אָהער רופן טשאַלין, — האָט ער געזאָגט.

אַלע האָבן זיך איבערראַשטע איבערגעקוקט.

„דער רוס איז מעשוגע. טשאַלי איז נאָך ביז הײַנט ניט אַרויפגעגאַנגען צו די „יאַראַנגאַס". ער וועט אים דען פאָלגן? ווער קען טשאַלין נייטן?"

— מען דאַרף אים זאָגן, אַז דער רוסישער נאַטשאַלניק רופט אים. ער זאָל טייקעף קומען, — האָט אַנדריי שטרענג איבערגעכאַזערט.

„אָ, אויב ער רעדט אַזוי, מוז ער מיט אַן עמעסן זײַן אַ נאַטשאַלניק! נאָר ווער וועט זיך אונטערנעמען דאָס גיין צו וויסן טאָן טשאַלין? עפּשער וואַאַמטשאַ? ניין, גלײַכער דער באַלעבאָס גופע פונעם „יאַראַנגאַ", רינטעו, זאָל גיין. אַכוצדעם איז ער אויך עלטער פון אונדז אַלעמען".

די יעדיִע איז געווען אַזאַ וויכטיקע און אַזאַ אומגעוויינלעכע, אַז רינטעו, ניט געקוקט אַף זײַנע יאָרן, איז טייקעף אַוועקגעלאָפן צו טשאַלין.

די יעגערס האָבן געברענט פון אומגעדולד. מיט וואָס וועט זיך עס ענ־דיקן? מירן זען! אַזויפיל געשעענישן אַף איין מאָל. צוויי ווײַסע קומען זיך באַלד צונויף. דער רוס וויל אַפילע ניט אַרײַנגיין צו טשאַלין. אָ, דאָס איז גאָרניט קיין געוויינלעכע זאַך! עפּעס מוז דאָ אומפאַרמײַדלעך פּאַסירן. מאָדנע, ווי דער רוס איז גוטברודער מיט אַיען. ער ווייס ניט, אַפּאָנעם, אַז אַיע איז אַ פּאַסטעך און אַז ער האָט שיר ניט דערוואָרגן טשאַלין.

מער ווי אַלעמען, אינטערעסירט די זאַך יאַראַקן, ווי אַ גרויסן קענער פון די ווײַסע.

אַיע האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַף יעדן פאַל, ביז טשאַלי וועט קומען, לעבן אַנדרייען.

די יעדיִע האָט מיסטער טאָמסאָנען איבערגעראַשט, פּונקט ווי רינטעון. דער גאַנצער לאַגער גייט אַף רעדלעך. און כאָטש טשאַרלז טאָמסאָן האָט זיך נאָך דער באַנאַכטיקער שיקערער הוליאַנקע געפילט ניט איבעריק גוט, און איז אומגעגאַנגען מיט אַ פאַרבונדענעם האַלדז, האָט ער זיך שנעל אָנגעטאָן. ניט געאײַלט, האָט דער נאָרד־אַמעריקאַנער זיך געלאָזט גיין אַף דעם ניט געוויינלעכן וועג צו רינטעוס „יאַראַנגאַ".

אַ פאַרמאַטערטער פון גיין באַרג אַרויף, האָט ער שווער געסאָפּעט. ער האָט זיך מיט גרויס מי אָנגעבויגן און איז אַרײַנגעקומען אין דער „יאַראַנ־גאַ". ער האָט אַ בליק געוואָרפן אַף די פאַרזאַמלטע און אַז ער האָט דערזען דעם רוס, האָט ער אים געגריסט אין טשוקטשיש.

— סיט דאַון, פּליז. — האָט אים געענטפערט אַנדריי זשוקאָוו.

— אָ, איר רעדט ענגליש?

— יאָ, איך רייד ענגליש.

— זאָגט־זשע מיר, איך בעט אײַך, מיט וועמען האָב איך דעם קאָוועד צו ריידן?

— מיך רופט מען זשוקאָוו. איר זײַט מיסטער טאָמסאָן, ניין?

— אָ, יאָ, טשאַרלז טאָמסאָן! איך פיל מיך גליקלעך, מיסטער זשוקאָף, צו זען אין די געגנטן אַ ציוויליזירטן מענטשן. מיך ווונדערט נאָר וואָס איר האָט אײַך ניט אָפּגעשטעלט בײַ מיר אין הויז. דעם לאָקאַל האַלט איך פאַר די יעגערס וואָס קומען אײַנקויפן. נאָר דאָ איז אַזאַ שלעכטער רייעך, אַזוי שמוציק!

— זאָל עס אײַך ניט ווונדערן, מיסטער טאָמסאָן. איך האָב געהאַלטן פאַר מײַן כויוו ליבערשט אָהער אַרײַנצוגיין איידער צו אײַך אין הויז.

— אָ, מיסטער זשוקאָף, דאָס איז לעגאַבע מיר גאָרניט העפלעך!

— און איך מיין, מיסטער טאָמסאָן, אַז די געזעצן פון העפלעכקייט זײַנען אײַך מעכאַיעוו, ווי אַן אויסלענדער, דער ערשטער צו קומען מיר גריסן אַלס פאָרטרעטער פון דער נײַער רוסלאַנד.

— איר זײַט אַ באָלשעוויק? — האָט מיסטער טאָמסאָן אַ דערשטוינ־טער געפרעגט.

מיסטער טאָמסאָן האָט פון דער נאָרד־אַמעריקאַנער פרעסע געוווּסט, אַז באָלשעוויקעס זײַנען מענטשן מיט אַ מעסער צווישן די ציין. און ער וווּנ־דערט זיך וואָס ער זעט אַ באָלשעוויק ריידן ענגליש, נאָך בעסער פון אים. ער זעט פאַר זיך אַ בלאָנדן מענטשן מיט בלויע אויגן, וואָס קען אַפילע אָנגיין פאַר אַ נאָרוועגער.

— איר זײַט אַ ריכטיקער באָלשעוויק? — האָט מיסטער טאָמסאָן איבערגעפרעגט.

— נאַטירלעך. איך בין אַ דעלעגאַט פון קאַמטשאַטקער געגנטלעכן רע־וואָלוציאָנערן קאָמיטעט, מיסטער טאָמסאָן. איך האָב אײַך אַהערגערופן וועגן אַן איניען.

— אָ, מיסטער זשוקאָף, איך שטיי צו אײַער דינסט! איך בין גערן אײַך צו העלפן אין אַלעמען.

— ווייסט איר, מיסטער טאָמסאָן, אַז ווען די שיפן וועלן אָנהייבן גיין, וועלן אַהער קומען פאָרטרעטער פון דער נאָרד־קאָמפּאַני?

— אָ, יאָ, איך ווייס! איך האָב געלייענט וועגן דעם אין צײַטונג. — האָט טאָמסאָן געענטפערט.

— די נאָרד־קאָמפּאַני אָרדנט זיך דאָ אײַן, און איר, מיסטער טאָמסאָן וועט מוזן אָפּשטעלן דעם האַנדל.

— און מיסטער סטיווענסאָן, און מיסטער קלערק, און מיסטער אָלסאָן? — האָט מיסטער טאָמסאָן אײַליק גענומען אויסרעכענען.

— זיי אויך.

— און מיסטער בריוכאַנאָוו? און מיסטער קאַראַווײַעוו?

— אַלע, אַלע. די נאָרד־קאָמפּאַני שטעלט אײַן בײַם ברעג זעקס אַגענ־טורן פון פוטער־האַנדל. און נאָר דער דאָזיקער קאָמפּאַני גיט די סאָוועטישע מאַכט דאָס רעכט צו האַנדלען אין דער געגנט. איר, מיסטער טאָמסאָן, זײַט פון וועלכן לאַנד אַן אונטערטאַן?

— פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

— וועט איר מוזן ליקווידירן אײַערע געשעפטן און פאַרלאָזן דאָס ברעג־לאַנד. מיר האַלטן פאַר אוממעגלעך אײַך צו געבן וועלכע עס איז האַנדלס־קאָנצעסיע.

יאַראַק האָט דעם האַלדז אויסגעצויגן ווי אַ גאַנער און האָט זיך אײַנ־

געהערט צו יעדן וואָרט. דאָס איז עפּעס אומבאַגרײַפלעכס! מען האָט געמיינט, אַז טשאַלי די רויטע נאָז איז אינעם ברעגלאַנד אײַנגעוואָקסן ווי לישײַניק צווישן שטיינער. קיין שום ווינט, האָט מען געמיינט, וועט אים פונעם אָרט ניט רירן. און וואָס הערט איצט יאַראַק?

פון אַלץ איז צו זען, אַז דער רוס אָן דער באָרד איז טאַקע אַ נאַטשאַלניק. און ווי מעכטיק מוז דער נאַטשאַלניק זײַן, אויב ער קען אַזוי ריידן צו טשאַלין!

— נאָך איין זאַך, מיסטער טאָמסאָן, פון אײַער היגן לעבן, אינטערעסירט מיך. — האָט אַנדריי ווײַטער געצויגן.

— אָ, פרעגט, מיסטער זשוקאָף, וויפל איר ווילט!

— צו מיר איז דערגאַנגען, אַז איר, שוין אַן עלטערער דזשענטלמען, פירט אײַך אויף גאָרניט ווי עס פּאַסט פאַר אַ ציוויליזירטן מענטשן.

מיסטער טאָמסאָן האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— איך מיין דעם אומאָנגענעמען אינצידענט, וואָס איז נעכטן פאָרגעקומען באַ אײַך אין שטוב מיט דעם מענטשן. — איע האָט אַ שוידער געטאָן בעייס אַנדריי האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אַפן אַקסל. — ניט עמעס, מיסטער טאָמסאָן, אַז דאָס איז ערגער פון וועלכער עס איז אומהעפלעכקייט?

מיסטער טאָמסאָן איז רויט געוואָרן, דערנאָך בלייך, און געשוויגן.

— און נאָך דעם אַלעמען, רופט איר אײַך דערצויגענער מענטש? — האָט אַנדריי אַף אים מיט ביטל אַ קוק געגעבן.

מיסטער טאָמסאָן האָט דעם קאָפּ אַנגעבויגן און דעם ערשטן מאָל זײַט צוואַנציק יאָר האָט ער עפּשער אַ טראַכט געטאָן וועגן זײַן אויפפירונג. דאָס לעסטיקסטע פאַר אים איז געווען וואָס דער שמועס קומט פאָר פאַר יעגער אין די אויגן, און דעריקער, פאַר יאַראַקן, וואָס פאַרשטייט ענגליש. מיט אַן אַנגעבויגענעם קאָפּ, האָט ער שטילערהייט אַ זאָג געטאָן אין טשוקטשיש:

— יאַראַק, גיי אַרויס פון דאַנען!

יאַראַק האָט ניט געענדיק זיך אויפגעהויבן.

— ניין, בלײַב דאָ, איך דאַרף דיך דאָ האָבן. — האָט זשוקאָוו געזאָגט.

מיסטער טאָמסאָן איז שטיין געבליבן און זיך פונעם אָרט ניט גערירט. קיינער האָט אים נאָך ביז איצט ניט געזען אַזאַ אונטערטעניקן.

— און דאָס איז אַלץ, מיסטער טאָמסאָן. איר האָט פאַרשטאַנען וואָס איר דאַרפט איצט טאָן?

— יאָ, כ'האָב פאַרשטאַנען.

— מער האָב איך אײַך ניט וואָס צו זאָגן. גוד בײַ.

— גוד בײַ — האָט מיסטער טאָמסאָן ביטער אַ וואָרטשע געטאָן.

און מיט זײַן דיקן גוף איז ער פאַרשוווּנדן הינטער דעם פּוטערנעם פאָרהאַנג.

— אויסוואָרף! — האָט אַנדריי אַ מורמל געטאָן אין טשוקטשיש.

די זון, וואָס איז שוין געשטאַנען אינמיטן הימל, האָט זיך געגומען אַרונטערלאָזן. די יעגערס האָבן זיך געדרענגט אין גאַס און ניט אויפגעהערט שמועסן וועגן דעם געשעענעם. דאָס איז מיט אַן עמעסן געווען אַ געשעעניש.

זיי וועלן איצט האָבן וואָס צו דערציילן ווען זיי וועלן פאַרבײַגיין די לאַגערס באָם ברעג! אַזאַ נײַס־ברענגער וועט מען גערן אויפנעמען אין יעדער „יאַ־ראַנגאַ".

יאַראַק האָט צווישן אוילעם דערציילט אַלץ וואָס ער האָט געהערט. ער האָט געפּלאָנטערט, האָט איבערגעגעבן דעם שמועס צווישן די ווײַסע אָף זײַן אויפן. נאָר דער זין פון דער געשעעניש איז יעדן איינעם קלאָר געווען.

מער ווי אַלץ האָט געכידעשט וואַאַמטשאַן וואָס ווײַסע קענען זײַן פרײַנט פון אָרעמע יעגערס.

די זון איז אַלץ נידעריקער געוואָרן צו דער ערד, און דער אוילעם איז נאָך אַלץ געשטאַנען און גערעדט. דער פאַרנאַכטיקער פראָסט האָט פאַר־האַרטעוועט דעם ווייכן שניי. אַליטעט האָט זיך געאײַלט צו פאַרלאָזן דעם לאַגער און שוין לאַנג ווי זײַן שליטן איז פאַרשוווּנדן הינטערן באַרג. יאָ, פאַראַן פון וואָס צו ריידן.

— די יעגערס האָבן מעכאַבעד געווען אַנדרייען מיט פרישן פאַקע־לע־בער. אין געצעלט זײַנען פאַרבליבן איע, וואַאַמטשאַ און יאַראַק. זיי האָבן זיך ניט דרײַסט אַרומגעזעצט אַרום זשוקאָוון און זיך אויך גענומען צום עסן.

— ווו־זשע, אַנדריי, וועט איצט וואַאַמטשאַ פאַרקויפן זײַן בערן־פעל?

— האָט איע געפרעגט.

— זאָל ער זי פאַרקויפן טשאַלין. ער וועט נאָך האַנדלען ביזן זומער.

— און איך, וואָס זאָל איך טאָן? טשאַלי האָט מיר נאָך ניט באַצאָלט פאַר די פעלן וואָס איך האָב אים געבראַכט. און די פעלן זײַנען ניט מײַנע. טשאַאוטאַ וועט זיי באַ מיר מאָנען.

— גיי צו טשאַלין אין קראָם און זאָל ער דיר געבן די סכוירעס וואָס דיר פעלן נאָך. צי עפּשער האָסטו נאָך מוירע, איע?

— ניין, איצט האָב איך שוין קיין מוירע ניט. און אַליטעט איז אַוועק... ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן. — האָט איע פריילעך געענטפערט.

נאָכן טיי, איז אַנדריי אַרויס אין גאַס, און אַרום אים זײַנע נײַע פרײַנט. די יאַטן האָבן אין איין רעגע די הינט אײַנגעשפּאַנט. מער פון אַלעמען האָט זיך געפּלײַסט איע. יאַראַק נאָר האָט געקוקט אָפן ווײַסן מענטשן מיט אומ־צוטרוי.

אַנדריי האָט אַרויסגענומען זײַנע הילצערנע ברילן און זיי אָנגעטאָן. יאַראַק האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע זײַנע עמעסע טונקעלע ברילן, איז צוגעקומען צו אַנדרייען און זיי אים דערלאַנגט.

— אָ, ווי גוט! וויפל קום איך דיר?

— גאָרניט. — האָט יאַראַק געענטפערט.

און אַנדריי האָט אַרויסגענומען אַ פינף־רובלדיקן און האָט דערלאַנגט יאַראַקן.

— צו וואָס? — האָט דער יעגער געפרעגט.

— קעדיי דו זאָלסט דיר קויפן אַנדערע.

— ניין, פאַר פּאַפּיר גיט טשאַלי גאָרניט. ער פאַרקויפט נאָר פאַר פעל.

— וועסט אים זאָגן, אַז איך האָב געהייסן דיר פאַרקויפן אַ פאָר ברילן. דאָס איז רוסיש געלט און ער איז מעכוייעוו דאָס אָנצונעמען.

די הינט האָבן זיך אומגעדולדיק גערעגט אין געשפּאַן. אַנדריי האָט זיך געזעגנט מיט די יעגערס.

— נו, פרײַנט מײַנע, צום זען זיך איבער. מירן זיך שוין זען.

דער שליטן מיט די קאַמטשאַדאַלער הינט איז אַוועק ווי אַ פײַל פונעם בויגן.

— ער האָט אונדז געראָפן פרײַנט. — האָט וואַמטשאַ באַמערקט, אַ גע־רירטער, און האָט נאָכגעקוקט דעם אַוועקגעפאָרענעם שליטן. — איר האָט געהערט וואָס דער גרויסער נאַטשאַלניק האָט געזאָגט? אַ?

(סאָף פון דער ערשטער טייל)

צווייטע טייל

קאַפּיטל I

דער קאַפּיטאַן הערי בראַון, מיט זײַן ליולקע פון אַן אַריגאַנער סאָסנעוואָרצל, שטייט באַ דער שטײַער־ראָד פון זײַן שיף „פּאָלאַר ביר“, וואָס שווימט זיך פּאַמעלעך אַ ביסל אָפּגערוקט פון די אַלאַסקער ברעגעס.

ער איז אַ מענטש באַ די פערציק, אַ דיקער און פירקאַנטיקער. דאָס געלע געקעסטלטע מאַטראָסן־העמד גיט זײַן פּאָנעם צו אַ שײַן פון יוגנטלעכקייט. הערי בראַון האַלט זײַנע קרעפּטיקע און שווערע הענט אַרײַנגעשטעקט אין די קעשענעס פון זײַנע בלויע „אָוועראָלס“. די „אָוועראָלס“ האָבן אָן אַ שיר קעשענעס, אַרומגעשטעפּטע מיט רויטע פּאָדעם און צוגעמאַכטע מיט בליצשלעסער. אומעטום האָט ער פול אָנגעשטאָפּטע קעשענעס: אַף דער ברוסט, אַף די פיס, אַף די קני און אַף די ברייטע קלובעס. די „אָוועראָלס“ קען מען זאָגן, דינען הערי בראַונען פאַר אַ צוגאָב־לאַגער.

די מעטאַלענע קנעפּ „דעם באָכערס גליק“ האָבן, פונדעסטוועגן, אַף זיך אַ גאַנץ פרעמדע צייכענונג וועדליק פאַר אַ מאַטראָסן־אָנצוג: אַ לאָקאָמאָטיוו.

הערי בראַון, אַ האַפן־לאָצמאַן, האָט ניט דעם טיטל קאַפּיטאַן פון ווײַטער יאַם־נאַוויגאַציע, נאָר אַפילו ניט פון ברעג־נאַוויגאַציע. ער טראָגט אויך ניט קיין שום אָפּצייכענונג, וואָס זאָל אָנווײַזן אַף זײַן ראַנג. דאָס איז אָבער קיין שטער ניט געווען, אַז דער קאַפּיטאַן זאָל גוט באַקאַנט זײַן מיט דעם יאַם. ער קען גוט און האָט ליב די געפערלעכע עקספּעדיציעס איבערן אײַזיאַם אַפן דעק פון זײַן „פּאָלאַר ביר“, וואָס איז מיט דעם אַלעמען, מיט זײַן פּאָמפּיעזן נאָמען, געווען ניט מער ווי אַ פּאָשעטער שמוגלערישער גאַליאָט.

די מאַנשאַפט פון דער שיף באַשטייט פון נאָך צוויי ווילדע יונגען, אַ כוץ הערי בראַון: האַרלאָו, דער לאָצמאַן, זייער אַ פלינקער יאַט, און דער מעכאַניקער דזשיימס, אַ גוטמוטיקער און זאָרגלאָזער לעץ, וואָס איז אויך דער קוכער. ביידע טראָגן זיי פּונקט אַזאַ קליידונג ווי דער קאַפּיטאַן, און גרויסן זיך דערמיט ווי מיט אַ באַווײַז פון דער דעמאָקראַטישקייט, וואָס הערשט אַף דער שיף מיט איר פּלאַץ פאַר 120 טאָן מאַסע.

אַלע דרײַ שטייען זיי פאַר דער שטײַער־ראָד, קוקן זיך שאַרף אײַן אין דער געדיכטעניש פונעם קאָמפּאַקטן נעפּל און, ווי נאַכט־גאַנאָווים, שווימען זיי פאָרזיכטיק מיט זייער געהאָרכיקער שיף צום פּאַס, באַזוימענדיק די אַלאַסקאַ־ברעגן.

מאָדנע זאַכן געשעען אַף דער וועלט. זינט דער קאַפּיטאַן בראַון מאַכט זײַנע יאַם־רײַזעס, איז ער שוין ניט איינמאָל פאַרבײַגעשווומען פאַרבײַ ניומע, די שטאָט ווו עס ווינט זינט אַ לענגערער צײַט דער צאָל־באַאַמטער קעררי. אַף יעדער רײַזע פלעגן זיך די צוויי מענטשן גריסן ווי פרײַנט.

— גוט־מאָרגן, מיסטער בראַון!

— גוט־מאָרגן, מיסטער קעררי!

נאָך אָט די העפלעכקייטס־אויסדרוקן, פלעגט דער קאַפּיטאַן זיך פאַר־נעמען אַפן וועג צו די אינדזלען און רויִק שווימען צו די טרויעריקע, נאָר זייער רײַכע ברעגעס פונעם טשוקאָטקער האַלב־אינדזל. אַזוי פלעגט עס שטענדיק זײַן.

— נאָר זינט אַ שטיקל צײַט — זאָגט דער קאַפּיטאַן — זײַנען די דאָ־זיקע פרעכטיקע טראַדיציִעס פונעם צאָפן צום טײַוול אַוועק.

פלוצים איז דעם מיסטער קעררי, מיסטאָמע צוליב העכערע פּאָליטישע מאָטיוון, אײַנגעפאַלן די שמוגלער־שיפלעך צו פאַרהאַלטן און אַפילע צוריק־שיקן אַהין פון וואַנען זיי זײַנען געקומען. נאָר דאָס איז מיסטער קעררים אַ פריוואַטער איניען. דער קאַפּיטאַן בראַון קען אַזוי גוט דעם יאַם־פּאַס און די וואַסערן פון טשוקאָטקע, אַז ער וואָלט, איינמיטן אַ געדיכטן נעפּל, מיט פרבונדענע אויגן געקענט פאַרבײַפירן זײַן „פּאָלאַר ביר‟ פאַרבײַ מיסטער קעררים צאָל־אַמט און אים ניט שטערן זײַן רו.

דער נעפּל איז זיך באַצײַטנס צעשוווּמען. אַלאַסקאַ איז געבליבן פון הינטן. באַוויזן האָט זיך אין איר פולער גלאַנץ די בלענדיקע פּאָלאַרע זון און די צעוואָרפענע בלוילעכע אײַז־בלאָקן האָבן געגלאַנצט מיט אַ מילדער און שטילער ליכטיקייט. די געהאָרכיקע שיף גייט שנעל פאָרויס און מאַנעוור־רירט צווישן די אײַז־בלאָקן ווי אַ הינט־געשפּאַן צווישן אײַזבערג. די דרײַ מיטגלידער פון דער מאַנשאַפט זײַנען אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג: ענדלעך זײַנען מיסטער בראַון, מיסטער האַרלאָו און דער קוכער דזשיימס אַרויס פון דער שטיקנדיקער אַמעריקע אַף „פרײַער לופט‟, צו די ראַכוועס־דיקע פּאָלאַרע שטרעקעס!

די רוסן זײַנען ווײַט פון דאַנען, זײַנען פאַרנומען מיט דער רעוואָלוציע, מוז דאָך עמעצער נעמען אַף זיך די אַרבעט צוצושטעלן טאַבאַק פאַר די יעגערס אַף די ברעגעס, וואָס פאַנגען אַזויפיל ווײַסע פוקסן!

אַזוי טראַכטן זיך די דרײַ פריילעכע און פּראַקטישע יאַטן.

דער קאַפּיטאַן בראַון און זײַנע רײַזע־כאַווײרים פילן זיך אין די טשו־קאָטקער וואַסערן ניט צום פאַרגלײַכן בעסער ווי באַ זיך אין דער היים. די לופט איז ריין, דורכזיכטיק, און די אײַנטרעגלעכע און פאַרווײַלנדיקע באַ־עפּטיקונג וועקט אַן אויסגעצייכנטן אַפּעטיט.

דער קוכער דזשיימס האָט, פון פאַרווײַלונג וועגן, געשאָסן אַ מאָרזש, וואָס איז זיך רויִק געשלאָפן אַף אַ בלאָק אײַז. ער איז פלינק אַרויפגעשפּרונ־גען אַפן אײַז, האָט שנעל אויפגעשניטן דעם בויך באַם מאָרזש און אַרויס־גענומען פון אים אַ ריזיקן לעבער. דערנאָך האָט ער מיט אַן אײַזערנעם האַ־מער אַרויסגעקלאַפּט באַ אים די ציין פונעם שאַרבן, אַף אַן אָנדענק פון דער רײַזע, און די שיף איז זיך אַוועק, אַן ווײַטערדיקן אָפּשטעל, מיט דער פולער שנעלקייט איר וועג איבער דעם שוין אײַז־פרײַען וואַסער.

שפּעטער אַ ביסל האָט דער „פּאָלאַר־בער‟ פאַראַנקערט ניט ווײַט פונעם ברעג, אַף אַן אָרט, ווו עס האָבן זיך געזען דרײַ „יאַראַנגאַס‟. אַ לעדערן

שיפל האָט זיך באַלד באַוויזן אַפן ברעג. געזעסן איז דערין די גאַנצע לאַגער־באַפעלקערונג, שוין מיט די זויג־קינדער און מיט די זקיינים. ווער איז דען בעקויעך צו בלײַבן אַף דער יאַבאָשע ווען עס איז פאַראַן אַזאַ געלעגנהייט צו זען ווי מען האַנדלט אַפן דעק פון אַ נאָרד־אַמעריקאַנער שיף?

דער אוילעם איז שנעל אַרויף אַפן באָרט, און האָט מיט גרויס נײַגעריקייט באַטראַכט די נאָרד־אַמעריקאַנער און די אַלערליי סכוירעס, וואָס זײַנען אויסגעשטעלט געווען אַפן דעק פון דער שיף.

קאַפּיטאַן בראַונס שיף ציט שטענדיק צו צו זיך די יעגערס: דאָ גיט מען דעם אוילעם ניט נאָר צו עסן, נאָר מען איז אים אויך מעכאַבעד מיט מאַשקע. און אַז אַ מענטש טרינקט אויס ווערט ער גוטמוטיק און פריילעך, דעמאָלט איז גוט צו מאַכן געשעפט.

קאַפּיטאַן בראַון רעדט פערפעקט דאָס טשוקטשישע לאָשן און איז ניט קיין גײַציקער.

ער האָט טייקעף באַפוילן דערלאַנגען די אַרויפגעקומענע טיי און דערצו נאָך יעדן איינעם צו צוויי גאַליעטן.

די יעגערס האָבן זיך אַפן דעק אויסגעזעצט און געטרונקען טיי מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן.

מיסטער בראַון פרעגט זיי מיט אַ באַשיצערישן שמייכל:

— פאַראַן אַ סאַך פוקסן באַם אוילעם?

— אָ, פאַראַן אַ סאַך! און ווײַסע בערן אויך! האַרמעל, באַרסוק און וועלפענע. — האָט אַן אַלטער יעגער געענטפערט.

— נאָך ניט געקומען קיין איין שיף ביז איצט: דו ביסט דער ערשטער דעם זומער. — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופן.

— טשאַלי די רויטע נאָז האָט דעם ווינטער אַ סאַך פוקסן געקויפט?

— אַ סאַך, אַ סאַך! — ענטפערט נאַיוו אַן עלטערער יעגער, וואָס האָט פאַרענדיקט אויסטרינקען זײַן טיי. — איך האָב אים פאַרקויפט אַלע מײַנע פוקסן. נאָר דרײַ האָב איך איבערגעלאָזט פאַר דיר. דאָ האָב איך זיי באַ מיר אין זאַק.

— באַ דיר זײַנען די געהירן אין קאָפּ ניט אין אָרדענונג. ווייסטו דען ניט, אַז טשאַלי די רויטע נאָז איז אַ שווינדלער? און דו האָסט אים אַוועקגעטראָגן אַלע דײַנע פוקסן. האָסט זיי באַדאַרפט אַלע פאַר מיר איבערלאָזן. האָב איך דיר דען ווייניק זאַכן געגעבן פאַראַיאָרן זומער? לוינט זיך עפשער בעסער האַנדלען מיט טשאַלי די רויטע נאָז? אָ, ווי שלעכט באַ דיר אַרבעט דאָס מאַרך־דעקל! האָסט אַ מויעך פון אַ פייגעלע. — האָט מיסטער בראַון געוואָרטשעט, אים שאַרף אָנגעקוקט און אים געקלאַפּט מיט זײַן גראָבן סענקעוואַטן פינגער אינעם אַנטבלויזטן קאָפּ.

דער יעגער שטעלט זיך אויף, שמייכלט אַ צעמישטער, בײַט די פּאָזע און גיט אים צו דערקלערן:

— איך האָב געמוזט קויפן אַ ביקס דעם ווינטער. כ'האָב קיין קאַרטעטש ניט געהאַט. דער טאַבאַק האָט זיך אויסגעלאָזט. קיין טיי...

מיסטער בראַון שלאָגט אים איבער:

— און די פוקסן וואָס דו האָסט אינעם זאַק, זײַנען גוטע? עפשער האָסטו מיר איבערגעלאָזט ווייניק־האָריקע? די וואָס טשאַלי די רויטע נאָז האָט ניט געוואָלט נעמען?

— ניין, אַלע זײַנען גוטע.

— נו, קום מיט מיר.

קאַפּיטאַן בראַון איז אַראָפּ אינעם שוין אָפּן געוועזענעם אונטערדעק. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף איינעם פון אָן אַ צאָל קאַסטנס, האָט אַרויס־געכאַפּט פון דער אייבערשטער קעשענע פון די „אָוועראָלס" צוויי דינע טע־ווערלעך קײַ־גומי, און איינס פון זיי אַ וואַרף געטאָן דעם יעגער, וואָס האָט עס שיר נִיט מיטן מויל אויפגעכאַפּט אין דער לופטן. קאַפּיטאַן בראַון האָט דאָס צווייטע טעוועלע אָפּגעשיילט און האָט עס גענומען צום מויל, וואָס האָט אַ גלאַנץ געטאָן מיט גאָלדענע ציין. דערנאָך האָט ער מיט אַ נאָכלעסיקן זשעסט אַרויסגענומען פון דער הינטערשטער קעשענע אַ פּלאַטשיק פלעשל און האָט שעלמיש אַ קוק געטאָן אָפּן יעגער.

דעם טשוקטשע איז דאָס בלוט צום פּנים צוגעקומען. די אויגן האָבן אים געגלאַנצט.

— איך האָב געמיינט ביסט מײַנער אַ גוטער פרײַנט. — זאָגט מיס־טער בראַון און וואַרפט דאָס פלעשל אין דער הייך און כאַפּט עס צוריק. ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז דו ביסט אַ פרײַנט טשאַלי דער רויטער נאָז. — און ער ל'ייגט פּאַמעלעך ווידער אַרײַן דאָס פלעשל אין דער הינטערשטער קעשענע.

— איך האָב בײַ מיר אין דער „יאַראַנגאַ" אַ בערן־פעל. — זאָגט דער יעגער.

— אַ 'בער? אָלרײַט! איך זע דער קאָפּ אַרבעט נאָך בײַ דיר אַ ביסל. אויב אַזוי, האַלט איך דיך נאָך פאַר מײַנעם אַ פרײַנט.

דער קאַפּיטאַן בראַון נעמט אַרויס אַ צונויפגעלייגטן קריגעלע פון דער קעשענע בײַ זיך אַף דער קני.

— האַלט!

קאַפּיטאַן בראַון האָט אויסגעשפּיגן די קײַ־גומי אַריבערן באָרט און האָט עטלעכע שלוק געגעבן פונעם פלעשל.

דער יעגער, וואָס האָט פאַרגעפּילט דעם פאַרגעניגן, האַלט דאָס קריגעלע אין די ציטערדיקע הענט, שמייכלט און נעמט די אויגן ניט אַראָפּ פונעם קאַפּיטאַנס מויל. דערנאָך נעמט ער מיט צוויי פינגער אַרויס בײַ זיך די גומי פונעם מויל און האַלט זי אינעם פויסט פאַרמאַכט, און די וויסקי קערט ער אין זיך אַרײַן מיט איין שלוק.

— ווי גוט. — האָט ער געצויגן די ווערטער.

קאַפּיטאַן בראַון גיסט אים אָן נאָך אַ קריגעלע און גיט אים גאָרניט צו־צובײַסן. דער יעגער אַליין וויל ניט צובײַסן, קעדיי ניט אַוועקצונעמען דעם טאַם פונעם פײַערדיקן וואַסער.

— וועסט ניט געפינען נאָך אַזאַ קאַפּיטאַן ווי איך. — זאָגט מיסטער בראַון.

— זייער אַ גוטער קאַפּיטאַן! זייער אַ גוטער! אַ ברייטהאַרציקער קאַ־פּיטאַן. — לויבט אים דער יעגער מיט אַ קלעפּיקער צונג, און שרײַט דער־נאָך פון אונטן אַרויף: — טשאַוקאַ! לויף ברענג די בערן־פעל בײַ מיר אין דער „יאַראַנגאַ".

אַ ביסל שפּעטער איז דאָס אייסעק שוין געשלאָסן. מיסטער בראַון קומט אַרויף און באַפעלט צוגרייטן די מאַשין.

— מיסטער בראַון, — מערקט אים אָן דער לאַצמאַן האַרלאַו. — דזשיימס איז פאַרנומען. ער האָט בײַ זיך אַ מיידל אין דער מאַשין־אָפּטיילונג.

— גאָד דעמן! מען דאַרף וויסן ווען זיך צו פאַרנעמען מיט ליובקעס. מיר מוזן זיך צואײַלן פאַרענדיקן די געשעפטן. — גיט דער קאַפּיטאַן אומ־צופרידן אַ וואָרטשע.

די „פאָלאַר ביר" איז אַוועק צו צאָפּן. דער יאַם איז ווי אַ בוימל און די שיף שווימט שנעל לענגאויס דעם ברעג. כמאַרעס פייגל צעשראָקענע פון דער שיסערײַ דרייען זיך ווי דער שניי אין אַ זאַווערוכע. דער יאַם איז ריין פון אײַז. אַלץ ווײַזט איצט אַף אַ גליקלעכער רײַזע. דער קאַפּיטאַן בראַון שטייט באַם שטײַער־ראַד און שפּירט אויס די ווײַטקייט.

— נו, מיסטער בראַון, ווי האָט זיך עס אָנגעהויבן?

— ווערי גוד, מיסטער האַרלאָו. דער יעגער פאַרמאָגט איצט נאָרד־אַמעריקאַנער פּראָדוקטן פונקט אינעם באַטרעף פון עלף דאָלאַרן מיט צוויי און פופציק סענט. יעדער פוקס האָט מיך געקאָסט אַן ערעך דריטהאַלבן דאָלאַרן. די בערן־פעל איז ניט גאָר קיין גוטע, נאָר אין נאָרד־אַמעריקע קאָסט זי עפּעס מער דערפון וואָס איך האָב פאַר איר באַצאָלט.

ביידע לאַכן זיי זיך פונאַנדער און צעשטערן די שטילקייט פונעם פוסטן יאַם־ברעג.

סײַ מיסטער בראַון, סײַ מיסטער האַרלאָו און דער קוכער דזשיימס זײַנען ניט קיין עכטע יענקיס. זיי האָבן אײַנגעוואָנדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון דער אַנדער זײַט אָקעאַן און האָבן דאָרט געלעבט פון פאַרשיידענע געשעפטן. זיי האָבן דורכגעשניטן נאָרד־אַמעריקע אין דער לענג און אין דער ברייט. זיי זײַנען באַקאַנט מיט מעקסיקע און קאַליפאָרניע, אַזוי גוט ווי מיט אַלאַסקאַ און טשוקאָטקע.

מיט פינף יאָר צוריק האָבן זיי געגרינדעט אַ קליינע אַנאָנימע געזעל־שאַפט, האָבן געקויפט אַ גאַליאָט, האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „פאָלאַר ביר", וואָס דאָס מיינט „פאָלאַרער בער", און האָבן זיך געטראַכט: „איצט, שיפעלע, פיר אונדז אַהין וווּ עס זײַנען פאַראַן די עמעסע ווײַסע בערן". געיאָגט האָט זיי דער דראַנג רײַך צו ווערן אַף די טשוקאָטקער ברעגעס, ווײַל געוווּסט האָבן זיי אַז דאָס לאַנד איז אָפן פאַר יעדן וואָס קומט אַהין. אַ לאַנד פון אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן, אַ לאַנד וואָס איז פרײַ פון צאָל־אַמט און פון שטײַערן.

מיסטער בראַון פלעגט יעדן ווינטער צוזאַמענשטעלן אַ נײַע עקספּעדי־ציע. ער פלעגט אויסזוכן פאַרלעגערטע סכוירעס אין די לאַגערן פון סיאַטל און פריסקאָ — אַזוי האָבן זיי גערופן סאַן פראַנציסקאָ — און קויפן פלעגט ער די סכוירע פאַר אַ קלייניקייט. ער האָט זיך אויסגענוצט דערמיט וואָס די סכוירעס האָבן אָנגעוווירן זייער ערשטן ווערט. אַף די ברעגעס פון טשו־קאָטקע וועלן די סכוירעס די אויגן צעגלאַנצן באַ די דאָרטיקע יעגערס.

— איך מיין אַז מיר וואָלטן באַדאַרפט פאַראַנקערן אין דער בוכטע באַם לאָרענער לאַגער. דער אַלטער אייזל טאָמסאָן וועט מעשוגע ווערן ווען מיר וועלן אים דערציילן די הײַ־יאָריקע נײַסן. ער האָט אַפילע ליבערשט די פאַראַ־יאָריקע, נאָר, גאָד דעמן! מירן אים דערציילן די הײַ־יאָריקע ער זאָל אַפילע ניט וועלן. ער'ט באַ אונדז אַראָפּשלינגען די ביטערע פּיל!

— איך שטעל מיר פאָר, מיסטער בראַון, ווי ער וועט פּלאַצן פון ער־גערניש. ווען ער וועט זיך דערוויסן, אַז די נאָרד־קאָמפּאַני שיקט אַהער פון וואַנקאָווער אַזאַ גרויסע שיף ווי די „ביטשײַמאַ", וועט אים דרײַסיק טעג און דרײַסיק נעכט נאָכאַנאַנד זײַן רויטער קאָפּ שווילן.

— אָ, מיסטער האַרלאָו, ער וועט פון פֿאַרדרוס די ברילן אײַנשלינגען.

— און די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן ווידער געקײַכט פון געלעכטער.

פון ווײַטן האָט אַ בלישטשע געטאָן די צוגעשלאָגענע שײַן פֿונעם צינקענעם דאַך אַף מיסטער טאָמסאָנס קראָם.

ווי נאָר די „פֿאָלאַר ביר" האָט אַראָפּגעלאָזט דעם אַנקער, איז זיי אַקעגנגעשווומען אַ שיפל מיט וועסלעס. די יעגערס, געמונטערטע מיט די אייגענע געשרייען, האָבן זיך געפּלײַסט מיט די וועסלעס. צווישן זיי איז געזעסן מיסטער טאָמסאָן.

— העלאָ, מיסטער בראַון! — האָט מיסטער טאָמסאָן געשריגן און געקלעטערט אַפן קורצן לייטער.

מיסטער האַרלאָו איז צוגעלאָפן צום באָרט, האָט אויסגעשטרעקט זײַן לאַנגע האַנט און האָט פלינק געצויגן מיסטער טאָמסאָנס שווערן קערפּער.

ביידע זײַנען זיי אַרײַן אין דער שמאָלער קאַבינע, ווו דער קאַפּיטאַן איז געזעסן.

מיסטער טאָמסאָן האָט זיך טיף אַרײַנגעזעצט אינעם געבעטן שטול. רעכטס האָט זיך אַוועקגעזעצט דער קאַפּיטאַן בראַון; לינקס, האַרלאָו.

דזשיימס האָט געגריסט איבערגעטריבן ליבלעך און האָט אַוועקגעשטעלט אַפן טיש צוויי פולע טאַזעס דעמפּנדיקע קאַווע און פּרוכטן.

— פּליז, מיסטער טאָמסאָן, דאָ וואַקסן ניט קיין מאַראַנצן. פאַרזוכט און טראָגט אײַך כאָטש אַף אַ מינוט אַריבער צו דער ציוויליזירטער וועלט.

— האָט קאַפּיטאַן בראַון אָנגעדאַכט.

— טענק יו, איכל ליבערשט אָנשטאָפּן די ליולקע מיט פרישן טאַבאַק „פּרינץ אַלבערט".

מיסטער האַרלאָו האָט אים די מינוט אָנגעבאָטן אַן עלעגאַנט פּושקעלע, אַף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלט אַ דזשענטלמען מיט אַ בערדעלע און אַ פראַק: פּרינץ אַלבערט.

מיסטער טאָמסאָן האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם רייעך פון שמעקעדיקן טאַבאַק און האָט מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— וואָסערע נײַס איז פאַראַן אין די שטאַטן, מיסטער בראַון?

— אָקעי! — האָט דער קאַפּיטאַן אַ לאַך געטאָן. — פון ווען אָן אינטערעסירט איר אײַך, מיסטער טאָמסאָן, אַזוי פּריצײַטיק מיט די נײַסן פון דער ציוויליזירטער וועלט? איר האָט דוכט זיך ליבערשט זיי צו לייענען אין די פאַראַיאָריקע צײַטונגען?

— כ'האָב מוירע כ'זאָל ניט שטאַרבן פריִער, מיסטער בראַון. אין מײַן לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּעריאָד ווען מען מוז די נײַסן וויסן באַלד ווי זיי קומען פאָר.

— איר זײַט גערעכט, מיסטער טאָמסאָן. דאָס איז דאָס געזעץ פון אַ פּראַקטישן מענטשן. פאַרשפּעטיקן קאָסט געלט! קורץ, הערט זיך אײַן, פאַראַן אַ סאַך נײַסן. אַ גאַנצער וואַגאָן מיט נײַס.

— מער ווי אַ וואַגאָן, מיסטער בראַון. אַ גאַנצע שיף, די „ביטשײַמאָ".

— האָט אים אײַליק פאַראָכטן דער לאָצמאַן האַרלאָו.

— בקיצור, מיסטער טאָמסאָן, מיר ווערן אַרײַנגעצויגן, איר און מיר, אינעםווירבל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער הויך־פּאָליטיק. די לענדער מאַכן פּאָליטיק און אונדזערע קעשענעס, ווער ווייס פאַר וועמענס שולד, מוזן לײַדן די קאָנסעקווענצן. יאָ, יאָ, מיסטער טאָמסאָן, לײַדן! און איך פרעג אײַך,

מיסטער טאָמסאָן, זאָגט מיר, איר זײַט דאָך אַ מענטש, רײַך מיט עקספּעריענץ, וואָס באַטײַט דאָס אַלץ? — דער קאַפּיטאַן בראַון האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַרויסגעלאָזט אַ מויל מיט רויך און האָט ווײַטער געצויגן:

— נעמט פֿאַר אַ בײַשפּיל אָט דאָס אומבאַקאַנטע ווינקל! אין פֿלוג, קען מען זיך פֿרעגן: ווער דאַרף עס האָבן? אַ? וועלכער סויכער פֿון אַ העכערער קאַטעגאָריע האָט עס אַ נויט די הענט זיך אײַנצושמירן מיט אָט דעם פּאָקעפּעטס? און דאָך, מיסטער טאָמסאָן, זײַנען פֿאַראַן מענטשן, וויכטיקע מענטשן, וואָס שטרעקן שוין אַהער, צו די מעקוימעס, זייערע אומדערזעטיקטע, זשעדנע לאַפּעס. אָט די הײַפֿיש, מיסטער טאָמסאָן, ווען אונדז, קליינע פֿישעלעך, אײַנשלינגען, אָן ראַכמאָנעס, אַז קיין שפּור וועט פֿון אונדז ניט בלײַבן. — און מיסטער בראַון האָט דערבײַ געמאַכט אַזאַ ראַכמאָנעסדיקע מינע, אַז דער גרעסטער אַכזער וואָלט פֿון איר גערירט געוואָרן. — אויך דאָ, מיסטער טאָמסאָן, בינדט מען אונדז הענט און פֿיס.

— ווער בינדט אונדז? — האָט מיסטער טאָמסאָן, קלוימערשט אַ רויקער, שטיל געפֿרעגט.

— די פּאָליטיק, מיסטער טאָמסאָן, די פּאָליטיק. די אַלע מינים רעוואָלוציעס. איר מוזט, נאַטירלעך, וויסן וועגן דער רוסישער רעוואָלוצע פֿון 1917?

— יאָ, איך ווייס.

— ווייסט איר דאָך, מיסטער טאָמסאָן, אַז די דאָזיקע רעוואָלוציע האָט פֿון אָנהייב באַרירט נאָר די געגנט אַרום מאָסקווע?

— יאָ, איך האָב געלייענט אין די צײַטונגען.

— נו, קען איך אײַך זאָגן, אַז איר זײַט הינטערשטעליק מיט אַ גאַנץ אינטערעסאַנטן יאָר. איצט האָבן מיר די ערע, איר און איך, צו זיצן און ריידן אַף באָלשעוויסטישע וואַסערן. ווי געפֿעלט עס אײַך, מיסטער טאָמסאָן? מיינט איר ניט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן זיך אונדז אַרויסגעוויזן אַ ביסל צו קלוג? נאָר דאָס איז נאָך גאָרניט. ערגער איז וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אַוועקגעגעבן דער נאָרד־קאָמפּאַני דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן דעם האַנדל אין קאַמטשאַטקאַ און אַפֿן טשוקאָטקער ברעגלאַנד. קאָנצעסיע, רופֿט מען עס, מײַן טײַערער מיסטער טאָמסאָן. און אין אַ כוידעש אַרום, העכסטנס, וועט מען דאָ אַף די טרויעריקע ברעגעס דערהערן דעם שנײַדיקן פֿײַף פֿון די וואַנקאָווער שיפֿן. זיי וועלן וואָיען ווי די שאַקאַלן אין דער מידבער. נאָר פֿון הערן זיי קען דאָס האַרץ פּלאַצן. איר ווייסט, מיסטער טאָמסאָן, אַז די שיף „ביטשײַמאָ" פֿון דער נאָרד־קאָמפּאַני שטייט שוין אין דער פּריסקער בוכטע? דאָס זײַנען צען טויזנט טאָן לאָדונג, מיסטער טאָמסאָן! — דער קאַפּיטאַן בראַון האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אָנגעשטאָפּט די ליולקע און האָט אַרויסגעלאָזט אַ מויל מיט רויך. — צען טויזנט, מיסטער טאָמסאָן! דאָס זײַנען ניט די הונדערט און צוואַנציק טאָן פֿון מײַן אָרעמער „פּאָלאַר ביר".

מיסטער טאָמסאָן האָט זיך אײַנגעהערט צום קאַפּיטאַנס יעדן וואָרט און האָט דעם אָטעם אײַנגעהאַלטן. עמעס, ער האָט שוין וועגן דער קאָנצעסיע געלייענט אין די צײַטונגען, נאָר ביז הײַנט האָט ער ניט געגלויבט אין דער אונטערנעמונג. ס'איז קאָמיש געווען צו דענקען, אַז די נאָרד־קאָמפּאַני קען זיך איטערעסירן מיט די געגנטן. אַ קאָמפּאַני וואָס פֿאַרמאָגט אַ פֿלאָט פֿון הונדערט און פֿערציק שיפֿן! נאָר קאַפּיטאַן בראַון האָט פֿאַרטריבן מיסטער טאָמסאָנס אַלע ספֿייקעס. איז עס, הייסט עס, עמעס וואָס דער באָלשעוויק זשוקאָוו האָט געזאָגט? די פֿאַטאַלע ווירקלעכקייט האָט זיך אַף אים אַראָפּ־

געלאָזט מיט איר גאַנצער וואָג. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער זעט שוין די „ביטשעמאַ" אין די פריסקער וואַסערן.

און דער קאַפּיטאַן בראַון דערציילט אַלץ און מאַכט אַלץ אומישנע גע־דיכטער די פאַרבן:

— ווייסט איר, מיסטער טאָמסאָן? די נאָרד־קאָמפּאַני וועט דאָ אָוועק־שטעלן אויפקויף־שטעלעס פון פוטער, ווי זי האָט עס געטאָן אַף די ברעגעס פונעם הודזאָן־גאָלף, און וועט אַהערשיקן אַלערליי ערשטקלאַסיקע סכוירעס. פאַרשטייט איר, מיסטער טאָמסאָן, וואָס דאָס הייסט? בלויז פון הערן גלוסט זיך אַנטלויפן. נאָר אַכוצן מאַרס איז ניטאָ ווו צו לויפן. — און דער קאַפּיטאַן בראַון האָט דערביי מיט פאַרצווייפלונג די הענט צענומען. — לויט די נאָרד־אַמעריקאַנער צייטונגען זאָגן, וועט דער האַנדל ווערן שטרענג מאָנאָפּאָליזירט און רעגלאַמענטירט, סיי פאַרן עקספּאָרט פון פוטער און סיי פאַרן אימפּאָרט פון סכוירעס. אַזוי האָט געפאָדערט די רוסישע רעגירונג. יאָ, עס קען זיי נאָך איינפאַלן, די דאָזיקע יונגעלייט פון דער באָלשעוויסטישער רוסלאַנד, צו קאָנ־טראָלירן די נאָרד־קאָמפּאַני. דעמאָלט וועט איר ערשט זען וואָס דאָ וועט זיך טאָן! גלייבט איר, אַז אָט די ווילדע, וואָס האָבן אונדז, אייך און מיר, ביז איצט געגעבן עפּעס צו פאַרדינען, וועלן איינגיין אונדז עפּעס צו פאַר־קויפן, אויב מיר וועלן זיי ניט געבן קיין סכוירע אונטערן קאָסט? ניין, זיי וועלן קיין אַטאָם סייכל ניט האָבן, אָדער ווייניקסטנס דעם אינסטינקט פון אַ כאַיע, אויב זיי וועלן ניט זען וווהין עס פירט דער בעסערער שפּור. איר מעגט דעריין זיין זיכער, מיסטער טאָמסאָן!

מיסטער טאָמסאָן האָט אויסגעטאָן זיינע קאַרעי־ברילן און האָט זיי גע־נומען ווישן אָן אַ שום באַדערפעניש. טראָפּנס שווייס האָבן אים גערונען איבער די קנייטשן פון זיין פּאָנעם. און דער קאַפּיטאַן בראַון האָט בעיס מיינע אַ טראַכט געטאָן: צי איז ניט אַ פּלאַן אויסנוצן די געלעגנהייט און לייגן אַ האַנט אַף די פוטערס פון דעם אַלטן אוראַנגוטאַנג?

— איך מוז אייך פאַרשאַפן נאָך איין אומאָנגענעמלעכקייט. מעגלעך, אַז דער פאַרטרעטער פון אייער קאָמפּאַניע זאָל אַהערצו מער ניט קומען. ער וועט ניט וועלן אומלעגאַל פאַרבייפאָרן מיסטער קעררייס צאָלאַמט־ליניע.

— ס'איז גאָר קיין סאָפּעק ניט, — האָט מיסטער האַרלאָו אויפגעכאַפּט דעם באַהאַלטענעם מיין פונעם קאַפּיטאַנס ווערטער און האָט זיי באַשטעטיקט. — און איר קענט פּלוצים פאַרבלייבן מיט אייערע פוטערס, זיי זאָלן באַ אייך פאַרפוילט ווערן. אונדזער לאַגע איז אַן אַנדערע. מיר שטעלן איין. מיר האָבן באַוויזן אַדורכצוגיין, און מיר זיינען אויסער געפאַר. אייער אָלאַף, אָבער, פאַרטרעט אַ זייער ערנסט האַנדלס־הויז. און זיין שיף נעמט אַריין 1.500 טאָן... דאָס זיינען די נייסן, מיסטער טאָמסאָן!

דער קאַפּיטאַן בראַון האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט אויסגעשפּיגן דורכן אַקסנאַויג און גענומען אומלויפן איבערן שמאָלן „סאַלאָן".

— וואָס קען איך טאָן מיט די פוטערס, אין אַזאַ פאַל? — האָט זיך מיסטער טאָמסאָן דערשראָקן.

— פאַרטראַכט אייך!... און איצט, אַלטער איינוווינער פונעם לאַנד, רעקאָמענדירט מיר ווו איך זאָל פאַראַנקערן און פאַרענדיקן וואָס פריער די רייזע. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן דאָ זאָל זיך באַווייזן אַ סאָוועטיש קאַנאָניר־שיפל און מיך אָוועקפירן צו ערגעץ אַ ניט געוווּנטשענעם האַפן. אָ, איך הייב אָן גלייבן אין די סאָוועטישע יאַטן!

מיסטער טאָמסאָן האָט ווידער גענומען ווישן די ברילן און אויסמײַדנ־דיק שטיל געענטפערט:

— איר'ט שוין אַליין זען ווו צו פאַראַנקערן... כאָטש איר קענט אײַך אָפשטעלן אין ענמאַקײַ. מען זאָגט אַליטעט האָט עפעס הײַ־יאָר.

מיסטער טאָמסאָן איז אַראָפ צו זיך אין שיפל מיט אַן אַנגסט אין האַרצן.

— גוד בײַ, מיסטער בראַון. יאָ, האַנדלט מיט אַליטעטן. איר וועט שפּע־טער געוואָר ווערן, אַז דאָס איז לעטויוועס אונדזערע געמיינזאַמע אינטערעסן.

— אָלרײַט, מיסטער טאָמסאָן.

דאָס האַרץ פון דער „פאָלאַר ביר" האָט גענומען קלאַפן. אַ גינסטיק ווינטל האָט אָנגעבלאָזן די זעגלען, און דער גאַליאָט, געטריבן פונעם ווינט און פונעם מאָטאָר, איז אַוועק ווײַטער זײַן וועג צו צאָפן.

— וואָס דענקט איר, מיסטער האַרלאָו, וועגן מיסטער טאָמסאָנס שטי־מונג?

— איך מיין, מיסטער בראַון, אַז ער וועט הײַנטיקע נאַכט באַקומען אַ האַרצשלאַק.

די שמוגלערס האָבן זיך צעלאַכט. מיסטער האַרלאָו האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ פלאַטשיק פלעשל און האָט עטלעכע זופ געטאָן.

— און אַז אים וועט דאָס האַרץ צעריסן ווערן, וואָס דאָס איז זיכער, לוינט אײַך, מיסטער בראַון, כאַסענע האָבן מיט מעריץ, אַפן וועג צוריק. מירן ניט קענען אָפקויפן אַזויפיל פוטערס וויפל דער האָנאָראַבלער סער האָט דעם ווינטער אָנגעקויפט.

דער קאַפיטאַן האָט מיט דער צונג אַ קנאַק געטאָן און האַלב־ערנסט, האַלב אין שפאַס אַ זאָג געטאָן:

— אָ קעי, מיסטער האַרלאָו! מיט אַזאַ יערושע עפענען זיך לײַכט די קאַסעס פון יעדער וואַשינגטאָנער באַנק, טראָץ אַלע פינאַנץ־געזעצן. דאָס וועט עפשער זײַן נאָך מער אויפטו ווי איך האָב געפלאַנעוועט בעייסן שמועס מיטן טאַטעלע.

מיסטער האַרלאָו האָט געפעליק געלאַכט און אים אָנגעדאַכט:

— מען זאָגט ער האָט אַ קאָנטע פון צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַרן. מיט אַזאַ אַפּויטיקע קען מען עפעס אויפטאָן אין נאָרד־אַמעריקע...

קאַפיטל II

דער ענמאַקײַ־לאַגער האָט זיך אין דעם זומער שטאַרק געענדערט. לעבן אַליטעטס „יאַראַנגאַ" שטייט איצט אַ ביניען, וואָס נאָר „טאָנגיס" פלעגן זיך פאַרגינען צו האָבן. דער ביניען באַלאַנגט צו אַליטעטן און דינט פאַר אַ קראָם. די ווענט, פון נאָרד־אַמעריקאַנער לײַוונט אויפגעצויגן אַף סלופעס, לײַכט זיך שטאַרק דורך און די קראָם האָט דעריבער קיין איין פענצטער ניט. דער דאַך אַף דער קראָם, פונקט ווי אַף מיסטער טאָמסאָנס הויז, איז געדעקט מיט גלאַנציקע צינק־בלעכן, וואָס וואַרעמען זיך אָן אַפילע פון די שוואַכע זון־שטראַלן, וואָס רײַסן זיך דורך די וואָלקנס. די קראָם איז טרוקן און פון ווײַטן זעט זי אויס אַ גרויס לוקסוסדיק הויז.

די רײַכקייט, פונדעסטוועגן, געפינט זיך אינעווייניק: אַף לאַנגע מאָרזשן־רימענעס, אין פינף רייען, הענגען פאָרווײַז און צו פיר, בינטלעך ווײַס־פוק־סענע, רויט־פוקסענע, בלוי־פוקסענע און פאָלאַר־וועלפענע פעלן. אַרום און

אַרום אַן ערעך טויזנט פעלן. אין אַ ווינקל, אַ שטויס טיכטיק צוזאַמענגעלייג־טע בערענע פעלן; אין אַ צווייטן ווינקל, מאַרזשענע ציינער און וואָנצעס פון וואַלפיש.

אַליטעט איז שוין היינט עטלעכע מאָל אַרײַנגעקומען אין קראָם און זײַן געניט אויג געפינט אַלעמאָל אויס עפּעס אַ פעלער: די שײַן פאַלט ניט ווי געהעריק אַף די פוקסן; די פעלן, דוכט זי דאָים, זײַנען ניט גענוג אָפּגעריי־ניקט פונעם פעטס; אַן אַנדערשמאָל פאַלט אים אײַן נאָך אַמאָל איבערצו־לייגן די בערענע פעלן. דעמאָלט דערהערט זיך זײַנער אַ באַפעלערישער רוף פון דער קראָם און טומאַטוגע קומט צו לויפן.

טומאַטוגע כאַפּט שנעל אַראָפּ די פעלן און נעמט זיי אייפעריק רײַבן מיט קאָרן־מעל אַף אַראָפּצונעמען פון זיי דעם רעשט פעטס און איז אַפילע ניט כוישעד, אַז פון דעם מעל מאַכט מען ברויט.

די קראָם האָט געהויבן אַליטעטס כשיוועס אין די אויגן פון אַלע יע־גערס אין דער געגנט. בלויז וואַמטשאַ און וואַאַל קוקן ניט גערן אַף דער נײַער „יאַראַנגאַ“, וואָס איז באַ זיי אין לאַגער אויפגעקומען.

אַטענועט, אַ יונג ווײַבספאַרשוין, אַליטעטס דריטע ווײַב, אַ שוועסטער פון זײַן ערשט ווײַב מאַרגינאַט, איז אין קראָם אַרײַנגעקומען. זי איז ניט לאַנג ערשט באַ אַליטעטן. ער האָט זי צוגענומען באַ קאַינאַ און האָט אים פאַר איר אַפילע קיין שלעכטן הונט ניט געגעבן.

טומאַטוגע ווײַזט אַטענועטן ווי מען דאַרף היטן די פעלן. זי האָט זיך נאָך אַלץ ניט אויסגעלערנט. קאַינאַ, איר מאַן, איז אַ שלימאַזלדיקער יעגער, און זי האָט זעלטן געהאַלטן אַ פעל אין דער האַנט.

אַליטעט האָט אָפּגעגעבן נאָך עטלעכע פאַראָרדענונגען און איז מיט גאַד־לעס אַרויס פון דער קראָם. ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דעם וואַכפּאָסטן, וואָס ער האָט געהאַט אײַנגעשטעלט אַף אַ בערגל.

פון דעם הויכן אָרט שפּירט ער נאָך די סטאַדעס מאַרזשן און אַלץ וואָס טוט זיך אַפן יאַם. דעם סלופּ, וואָס אַף אים האָט אַליטעט געהאַלטן די וואַך, האָט ער געפונען אַפן ברעג און האָט זיכער אַמאָל געדינט פאַר אַ מאַסטבוים אַף אַ פרעגאַט־שיף. אַף זײַן אונטערשטן טייל איז אויסגעשניצט געווען אַ רו־סישער מאַגנאַט פון קאַטערינעס צײַטן, מיט אַ פרעכטיק אויסגעאַרבעטן פּאַרוק.

דער מאַסטבוים שטייט איצט אין דער ערד אײַנגעראָבן און דעם מאַג־נאַטס קאָפּ שטעקט אַרויס פונעם גראָז. ברעטלעך צוגעקלאַפּטע צו דעם מאַסטבוים דינען איצט פאַר טרעפּלעך אַרויפצוהייבן זיך צו דער קליינער פּלאַטפאָרם, וואָס זעט אויס ווי אַ מאַסט־קאָרב.

אַליטעט איז אַרויף אויבן, האָט צוגעטראָגן דעם בינאָקל צו די אויגן און מיט אַלע זײַנע קויכעס אַ געשריי געטאָן:

— אַ שיף, אַ שיף!

דער אוילעם איז אַרויס פון די געצעלטער; די הינט האָבן זיך צעבולן, צעוועקטע פונעם אַלגעמיינעם גערודער. די מענטשן האָבן געהויבן די אויגן צום יאַם, אַ באַפרײַטן פון אײַז. אַליטעט איז אַראָפּ פונעם וואַכפּאָסטן, האָט איבערגעגעבן דעם בינאָקל טומאַטוגען און אים באַפוילן:

— קריך אַרויף און קוק זיך אײַן וואָס איז עס פאַר אַ שיף.

טומאַטוגע האָט שנעל אַרויפגעקלעטערט. יעדערער וואַלט אַ באַלן גע־

ווען אַ קוק צו טאָן. נאָר אַליטעט האָט קיינעם ניט פאַרגונען אַ כּוץ טומאַטוגען די פּריווילעגיע.

— ס'איז אַ גאַליאָט, אַליטעט! בראַון קומט! — האָט טומאַטוגע אַראָפּגעשריגן.

אַליטעט איז צוגעלאָפן צום וואַכפּאָסטן.

— אַ שקונע אָדער אַ גאַליאָט?

— אַ גאַליאָט, אַליטעט, מיט זעגלען.

— קוק זיך גוט אײַן.

— איך האָב מיך גוט אײַנגעקוקט. — האָט טומאַטוגע געענטפערט און האָט נאָך מער די אויגן אײַנגעשטאָכן אין דער קליינער שיף, וואָס איז שנעל געשווומען מיטן ברעג. — ס'איז אַ גאַליאָט, אַליטעט. מײַנע אויגן נאַרן מיך ניט. איך האָב דערקענט בראַונען. דער גאַליאָט האָט צוויי מאַסט־ביימער.

— ווען דער גאַליאָט וועט זיך דאָ אָפּשטעלן, — האָט אַליטעט באַפוילן די אַרום שטייענדיקע יעגערס, — זאָלט איר ניט אַרויפגייען אַפן באָרט. זאָלן די נאָרד־אַמעריקאַנער קומען צו אונדז. זיי האָבן אַ קליינעם קאַנו־שיפל.

אַליטעט איז אַוועק צו זיך אין געצעלט, האָט אויסגעטאָן דאָס פּוטערנע העמד און אָנגעטאָן אַ געקעסטלטן, אַ נאָרד־אַמעריקאַנישן.

— טיגרענאַ, טו דיר אויס די פּוטערלעך און טו דיר אָן אַ שטאָפן קלייד. מאַך שנעל אַ הירשן־זופּ, נאָר שיט אַרײַן זאַלץ, ווי איך האָב דיר געוויזן. פאַרגעס ניט, ווי יענעם מאָל. „טאַנגיס” עסן ניט אָן זאַלץ. אַלץ זאָל זײַן ווי בײַ טשאַלין: די קײַלעכדיקע זופּן־שיסעלעך פון די ווײַסע, די אײַזערנע פינגער, די מעסערס. בראָט אָפּ דאָס פלייש אָן וואַסער, נאָר מיט דעם ווײַסן פּעטס פון די „טאַנגיס”. ווען די „טאַנגיס” וועלן זיך נעמען עסן דאָס פלייש, דערלאַנג עס ניט מיט די הענט, נאָר מיט די אײַזערנע פינגער...

טיגרענאַ האָט אַ זיפץ געטאָן און האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. עס שטייט איר פאָר אַ פאַרמאַטערנדיקע אַרבעט: מאַכן אַן עסן צום געשמאַק פון די נאָרד־אַמעריקאַנער. ליבער איז איר שוין צו האָדעווען די הינט מיט שמוציק פלייש.

אַליטעטס ווײַבער האָבן יעדע איינע אירע פליכטן: איינע פאַרנעמט זיך מיט די הינט; די אַנדערע מיט דער שטוב; די דריטע מיט אַנדערע מינים אַרבעטן. לעצטנס האָט אַליטעט געוויזן טיגרענאַן ווי צו פאַרפּראַווען דאָס עסן אַפן אַמעריקאַנישן שטייגער, כאָטש ער אַליין האָט ריכטיק ניט געוווּסט ווי מען טוט עס.

ער האָט אָנגעקויפט זענעפט, פעפער, ציבעלעס און אַנדערע מינים געווירצן. אין דער „יאַראַנגאַ” האָבן זיך באַוויזן טעלער, גאָפּלען און אַנדערע זאַכן, וואָס ער האָט געזען בײַ טשאַלין אַפן טיש.

נאַטירלעך, האָט קיינעם פון די היימישע דאָס עסן ניט געשמעקט, אַפילע ניט אַליטעטן גופע. נאָר עס קען טרעפן אַ ווײַסער קומט, וויל אים אַליטעט ווײַזן אַז ער איז אַן עכטער אַמעריקאַנער. אין אַזאַ פאַל, טוט אויס טיגרענאַ אירע פּוטערנע מאַלבושים און טוט אָן טוכענע. אַזוי פאַרלאַנגט אַליטעט און וויל דעם מאָדנעם שטייגער אײַנפירן אויך פאַר זיך.

אַליטעט האָט געבראַכט אַ קאַסטן מיט ציבעלעס, זאַלץ, שוואָמען, פּאָמידאָרן־זאַפט, טרוקענע קאַרטאָפל, פעפער. וואָס איז דען אין דעם קאַסטן נישט געווען!

„פּרוּוו מאָך — האָט טיגרענאַ זיך געטראַכט — פון דעם אַלעמען אַן עסן. די הינט אָפילע וועלן עס ניט עסן. צו וואָס קאַליע מאַכן אַ גוט שטיקל הירשן־פליייש מיט די אַלע פאַסקודסטוועס, וואָס זײַנען דאָ אין פושקעס אויסגעלייגט?"

טיגרענאַ האָט מיט עקל אַ קוק געטאָן אויף די אַלע עסנוואַרגן פון די „טאַנגיס" און האָט זיך די נאָז צוגעהאַלטן. זי האָט זיך געמיִעסט אָפילע אַנצורירן זיי. מיט אַ ווידערגעפיל האָט זי אַרויסגענומען אַ ציבעלע פונעם קאַסטן און האָט זי גענומען צעשנײַדן דאָרט אויף דער ערד. זי האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ שאַרפן ווייטיק אין די אויגן און טרערן האָבן איר גענומען רינען איבער די באַקן. זי האָט אַוועקגעוואָרפן די ציבעלע און זיך געכאַפּט רײַבן די אויגן מיט די הענט.

„צו וואָס קאַליע מאַכן דאָס הירשן־פליייש מיט דער שטינקענדיקער ציבעלע? אָדער מיט דעם זאַלץ, וואָס עסט די צונג און דאָס מויל און קערט צום ברעכן?"

טיגרענאַ האָט אויפגעעפנט אַ פושקעלע פעפער און זיך אײַנגעקוקט אין דעם שוואַרצן שטויב. זי האָט זיך אַנטשלאָסן פאַרזוכן דאָס דאָזיקע „טאַנגי"־מײַכל. זי האָט זיך אָנגעגורט מיט מוט און האָט אויף דער צונג אַרויפגעשאָטן אַ ביסל פון דעם שטויב. טיגרענאַ האָט אַ שרעקלעכן געשריי געטאָן און אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. זי האָט זיך אַ וואַרף געטאָן אויף דער ערד און גענומען לעקן דאָס גראָז די צונג זיך אָפּצוקילן.

אַליטעט איז צוגעקומען.

— וואָס וואַיעסטו ווי אַ וואָלף? — האָט ער גלײַכגילטיק אַ פרעג געטאָן.

— איך האָב פאַרזוכט דאָס מײַכל פון די „טאַנגיס" — האָט טיגרענאַ געיעכצט. — איכל דוכט זיך די מינוט פלאַצן.

— דאָס איז פון ניט געוווינטשאַפט. וועסט זיך צוגעוווינען. דער גאָליאַט וועט באַלד צוקומען. גיי, אײַל דיך צו, מאַך דאָס נאָרד־אַמעריקאַנער עסן.

מיט אַ רויט פּאָנעם און מיט אַ פײַער אין מויל איז טיגרענאַ צוריק אַרײַן אין דער „יאַראַנגאַ".

דאָס פליייש האָט שוין געזאָטן אינעם טאָפּ. ווי גוט דאָס שמעקט! אָט דאָס איז אַן עמעסדיק מײַכל. מען דאַרף עס אָבער קאַליע מאַכן, מאַכן עס נאָרד־אַמעריקאַניש.

טיגרענאַ האָט אַרײַנגעשאָטן אַ הויפן זאַלץ, האָט אַ ווײַלע נאָכגעקלערט און אַרײַנגעשאָטן נאָך איין הויפן און דערנאָך נאָך איינעם. מיט אַ מינע פון עקל האָט זי די האַנט אָפּגעטרייסלט און זי אָפּגעווישט אין די „טאָרבאַזן".

זי האָט גענומען קוקן צום קאַסטן און איז שטיין געבליבן אַ פאַרקלערטע. וואָס נאָך קען זי אַרײַנטאָן אינעם עסן פון די ווײַסע? ביסלעכווײַז האָט זי אַרײַנגעוואָרפן אינעם טאָפּ אַלץ וואָס איז געווען אין די פושקעס און אין די סלאָיעקעס. דערנאָך האָט זי פאַרזוכט און האָט אויסגעשפּיגן:

— און די „טאַנגיס" האָבן עס ליב, דאָס מיִעסע מײַכל!

קאַפּיטל III

דער „פּאָלאַר ביר״ איז אין פולן גאַנג צוגעשוווּמען צום לאַגער ענמאַקיי. ער האָט אַ שנעלן קירעווע געטאָן און איז שטיין געבליבן ווי אין אַ שטילער בוכטע.

— לאָזט אַראָפּ דעם אַנקער! — האָט דער קאַפּיטאַן אַ באַפעל געטאָן און האָט אים גענומען אַראָפּלאָזן מיט די אייגענע הענט. דער אַנקער, אַף אַ דינער קייט אַנגעהאַנגען האָט זיך גענומען אַראָפּגליטשען אין וואַסער און געגלאַנצט מיט זיינע האָקן. דער לאַצמאַן האַרלאָו האָט די זעגלען אַראָפּ־געצויגן. דער גאַליאַט האָט זיך אַ דריי געטאָן, אַ געשטויסענער פונעם שטראָם.

די נאָרד־אַמעריקאַנער זיינען זיך איבערן דעק דורכגעגאַנגען און דער אוילעם איז געשטאַנען אַפן ברעג און געברענט פון ניי־געריקייט. אַליטעט האָט זיי פאַרבאָטן אַרויפגיין אַפן באָרט. קיינער האָט זיך ניט געקענט דער־קלערן צוליב וואָס ער האָט דאָס פאַראָרדנט. ניט אַנדערש, אַליטעט וויל ווערן אַ „טאַנגי״. זיין באַנעמונג איז וואָס וויי‍טער געוואָרן אַלץ אומפאַר־שטענדלעכער. אומפאַרשטענדלעך ווי די באַנעמונג פון די ווייסע מענטשן.

— פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן! וואָס טוען זיי דאָרט אַפן ברעג וואָס זיי קומען ניט אַרויף? דזשיימס, גיב אַ בלאָז מיטן פּייפער! — האָט דער קאַפּיטאַן בראַון, אַ געערגערטער, באַפוילן.

דזשיימס האָט מיט אַלע זיינע קויכעס גענומען דרייען דאָס הענטל פון דער סירענע. זי האָט זיך שאַרף צעוואָיעט. ס׳איז צו זען געווען אַז די מענטשן אַפן ברעג איז שטאַרק געפעלן געוואָרן זיין אַרבעט. זיי האָבן אַפילע אויפ־געהערט וואַרפן שטיינדלעך אין יאַם. נאָר ווייטער איז עס ניט געגאַנגען. דער קאַפּיטאַן בראַון האָט גענומען קוקן אַפן ברעג מיט זיינע פעלד־גלעזער.

— עפשער האָבן זיי קיין שיפל ניט מיט וואָס צוצוקומען, מיסטער בראַון?

— רעדט ניט קיין נאַרישקייטן, מיסטער האַרלאָו! זעט איר ניט די פּיראָגעס און אַפילע אַ וואַלפיש־שיפל באַם ברעג? — האָט דער קאַפּיטאַן, שוין מיט אַן עמעס אין קאַס, געענטפערט.

— צי האָבן זיך ניט הײַנט די ווילדע איבערגעפרעסן מיט מאַרזשן־פלייש, אַז זיי זיינען פויל געוואָרן אַרויסצולאָזן זיך מיט אַ שיפל אַפן וואַ־סער. — האָט שוין מיסטער האַרלאָו אַ פלוידער געטאָן אין טאָן פון דעם קאַפּיטאַנס רייד.

— דזשיימס, גרייט צו אונדזער שיפל!

— די מינוט, מיסטער בראַון.

די מאַנשאַפט פון דער „פּאָלאַר ביר״ איז געשוווּמען צום ברעג.

אַליטעט, וואָס האָט נאָכגעקוקט די נאָרד־אַמעריקאַנער דורך אַ שפּאַלט פון זיין קראַם, איז זיי איצט אַקעגנגעגאַנגען. צווישן אוילעם האָט זיך אַלי־טעט אויסגעטיילט מיט זיין געקעסטלטן העמד. ער האָט אויך ניט פאַרגעסן אָנטאָן דעם נאָרד־אַמעריקאַנער דאַשעק, וואָס האָט אים די אויגן געשיצט פון דער זון.

— העלאָ, אַליטעט! — האָט דער קאַפּיטאַן בראַון צו אים פונעם שיפל געשריגן.

און ווען דאָס שיפל האָט זיך אַנגעשלאָגן אָן די שטיינער, האָבן עס די

מענטשן צוגעשלעפּט צום ברעג אינאיינעם מיט די נאָרד־אַמעריקאַנער, וואָס זײַנען דערין געזעסן.

— פאַרוואָס האָסטו אַזוי לאַנג ניט געוואָלט אַרויפקומען אַף דער שיף? ביסט אָרעם? האָסט גאָרניט וואָס צו בײַטן? אָדער דו דאַרפסט קיין שום סכוירע ניט האָבן? — האָט מיסטער בראַון געפרעגט אַליטעטן נאָכדעם ווי ער האָט אים געגריסט.

— דער גרעסטער שוטע צווישן די יעגערס דאַרף האָבן סכוירעס. איך דאַרף אויך. און איך האָב פעלן. זעסט די קראָם?

— אָ, אַ וואָזשנע קראָם! פאַרוואָס־זשע ביסטו טייקעף ניט אַרויפגעקומען אַפן גאַליאָט?

— אונדזערע פישער־שיפלעך שטייען צוגעבונדן. און מיר איז אַ שאָד געווען אַרויסצופירן מײַן וואַלפיש־שיפל צוליב אַזאַ קלייניקייט, ווען דײַן קאַנו־שיפל איז שטענדיק גרייט. איך ווייס, אַז דו האָסט אַ קאַנו־שיפל.

די נאָרד־אַמעריקאַנער זײַנען געגאַנגען צום לאַגער. דער גאַנצער אוילעם איז זיי נאָכגעגאַנגען. נאָר אַליטעט האָט אַ מאַך געטאָן צום אוילעם מיט דער האַנט און אים אָפּגעשטעלט. דער אוילעם איז צוריק אַוועק צום ברעג.

— אַ היפּשע קראָם! — האָט בראַון באַמערקט. — איך זע שוין, אַז דו ביסט אַ גאַנצער סויכער געוואָרן. אָלרײַט!

אַליטעט האָט אַ שמייכל געטאָן. און פאַר דער קראָם האָט ער די נאָרד־אַמעריקאַנער אָפּגעשטעלט, האָט זיי אָנגעוויזן מיט דער האַנט אַף דער קראָם און שטאָלץ זיך אָנגערופן: איך האָב דאָ אַ סאַך פוקסן. אַלע פוקסן ווײַס ווי שניי און ריין ווי פעטס. אויב דו האָסט מיט זיך אַ סאַך סכוירע און גוטע, וועלן מיר מאַכן גרויס געשעפט. האָסטו געבראַכט ווייניק וועל איך וואַרטן אַף אַ צווייטן גאַליאָט.

קאַפּיטאַן בראַון האָט קלוימערשט ניט געהערט וואָס אַליטעט רעדט און האָט ווײַטער געשפּאַנט. די נאָרד־אַמעריקאַנער זײַנען אַרײַנגעקומען אין קראָם ווירדיק, ווי ריכטיקע קונדן. זיי האָבן זיך אַבסאָלוט ניט געריכט אַף אַזאַ בילד. באַ די שמוגלערס האָבן זיך די אויגן צעגלאַנצט.

— אָ קעי! פאַראַן דאָ אַ ביזנעס! און נאָך וואָס פאַר אַ ביזנעס! — האָט דער קאַפּיטאַן בראַון אַ זאָג געטאָן צו זײַנע מענטשן אין ענגליש.

דער קאַפּיטאַן בראַון האָט, פונדעסטוועגן, געצווימט זײַן ענטוזיאַזם און מיט דעם שטעל פון אַ באַהאַוונטן מענטשן זיך דורכגעשפּאַצירט לענגאויס די רייען מיט פוקסן. ער האָט אַ טרייסל געטאָן איינעם און אַ צווייטן באַם עק און האָט פאַרדריסיק אַ זאָג געטאָן צו אַליטעטן:

— טייל פעלן זײַנען ניט קיין גוטע.

— ניין, ניין, — האָט אַליטעט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל פון אַ מייון אַף אַ טשאַד און געשאָקלט מיטן קאָפּ. — באַ מיר זײַנען קיין שלעכטע פעלן ניטאָ. — און האָט אַ באַפעל געטאָן טומאַטוגען: — גיי ברענג אַרויס אַ שלעכטע פעל פון דער „יאַראַנגאַ“.

טומאַטוגע איז טייקעף צוריקגעקומען מיט אַ שוואַרצן קורץ־האָריקן פוקס, אַן אָפּגעסמאַליעטן באַ די זײַטן, און האָט אים דערלאַנגט אַליטעטן.

— דאָ האָט איר אַ שלעכטע פעל! קוק זי אָן, בראַון. ביסט דאָך אַ סויכער, וועסטו איצט וויסן וואָס הייסט אַ שלעכטע פעל. אַזוינע פעלן וועסטו באַ מיר אין קראָם ניט געפינען. אַזעלכע פעלן וואַלגערן זיך באַ מיר אין דער „יאַראַנגאַ“ און מײַנע ווײַבער מאַכן פון זיי הענטשקעס. דאָס זײַנען

די בעסטע פוקסן. קוק זיי נאָר גוט אָן. מיר האָבן פאַרגאַנגענעם ווינטער געפאַנגען זעלטענע פוקסן. די יעגער געדענקען ניט נאָך אַזאַ ווינטער. קאַראַגוע, מײַן פאָטער, געדענקט ניט. דאָס זײַנען זייער גוטע פעלן! — האָט אַליטעט זיי אײַנגערעדט.

— אָ קעי! איכל דיר געבן אַ סאַך זאַכן, אַליטעט! אָ, סאַראַ זאַכן! — האָט מיסטער בראַון געזאָגט און האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין פון דער קראָם מיט אַזאַ גלײַכגילטיקער מינע ווי זיי וואָלטן אים גאָרניט אינטערעסירט. — און איצט, אַליטעט, קום אַרויף צו מיר אינעם גאַליאָט, אַף קיבעד. וועסט שוין דאָרט אײַן וועג אָנקוקן מײַנע סכוירעס.

— איך וויל זיי בעסער אָנקוקן דאָ אַפן ברעג. איך האָב מיך אָפּגעלאָזט פון מאָרזשן־יאַגד. איך האַלט ניט מער פון יאַם. נאָר פריִער קום אַרײַן צו מיר אין דער „יאַראַנגאַ“ עפּעס אָפּעסן. איך האָב ליב פונדעוועץ נאָרד־אַמעריקאַנער. איך האָב געהייסן אָפּקאָכן אַ גוטן הירש אַפן נאָרד־אַמעריקאַנישן שטייגער. איך האָב שטאַרק כיישעק אײַך פאַרבעטן צו מײַן טיש.

— איז דען ניט בעסער זאָלסט אַרויפקומען צו מיר אין גאַליאָט?

אַליטעט האָט מיט אַ גרימאַסע אָפּגעוואָרפן די גאַסטפרײַנטשאַפט.

— דזשיימס, גיי גיכער אַרויף אַף דער שיף און ברענג אַ סאַך מאַשקע. זאַם דיך ניט! — האָט דער קאַפּיטאַן באַפוילן.

דזשיימס האָט אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג און איז באַלד אַוועק.

— איך וויל זײַן דער איינציקער מיט דיר צו האַנדלען. — האָט אַליטעט געזאָגט צום קאַפּיטאַן. — איך וויל ניט אַז דײַנע סכוירעס זאָלן אַרײַנפאַלן אין די הענט פון אַנדערע יעגערס. דאָ איז פאַראַן אַ יעגער מיטן נאָמען וואַאַמטשאַ. ער האָט דרײַ פוקסן און וועט זיי מיסטאָמע אויך וועלן פאַרקויפן. וועסטו מיט אים האַנדלען, פאַרמאַך איך פאַר דיר מײַן קראָם.

— אָ, איך פאַרשטיי! צו וואָס טויגן מיר זײַנע דרײַ פוקסן? זאָל ער זיי טראָגן אַף אַן אַנדער גאַליאָט. איך וויל האַנדלען אין הורט.

דזשיימס האָט לאַנג ניט געלאָזט אַף זיך וואַרטן. די נאָרד־אַמעריקאַנער זײַנען מיט אַ געפּילדער אַרײַן צו אַליטעטן אין דער „יאַראַנגאַ“ און האָבן זיך אויסגעצויגן אַף די נײַע פוקסע הירשן־פעלן.

טיגרענאַ, אייראָפּעיִש געקליידט, האָט אויפגענומען די געסט. זי איז צעטומלט געוואָרן ווען די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן איר געטרייסלט די האַנט און עפּעס געזאָגט אַזוינס וואָס זי האָט ניט פאַרשטאַנען. און דזשיימס האָט איר אַפילע לײַכט אַ קניפּ געטאָן אַז קיינער זאָל ניט זען.

באַלד דערויף האָבן זיך אַף אַ נידעריקן טישל באַוויזן טעלערס, גאָפּלען, לעפל און אַ פולע שיסל מיט פעטן זופּ.

— אָ קעי! פּונקט ווי אין אַ נאָרד־אַמעריקאַנישן רעסטאָראַן. — האָט דער קאַפּיטאַן אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג צו זײַנע כאַוויירים און זיך צוגעשאַרט צום טישל.

די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן זיך צעלייגט אַרום דעם טישל. אַליטעט האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט די פיס אונטער זיך, ווי אַ בודאַ.

— דזשיימס, מיר דוכט זיך, אַז די מיסס געפעלט אײַך. ניט אומזיסט קירעווען זיך אײַערע אויגן צוויי גראַדן אין דער זײַט פון דער דאַמע. — האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעמערקט.

— און אײַערע אויגן, מיסטער בראַון, זע איך קירעווען זיך דרײַ גראַדן אין דער זײַט פון דער דאַמע. — האָט דזשיימסט מיט רעספּעקט געענטפערט.

די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן זיך צעלאַכט.

— איך בין דער איינציקער דאָ וואָס פאַרנעם זיך מיט ערנסטע זאַכן. — האָט מיסטער האַרלאָו זיך אַרײַנגעמישט און האָט אַרויסגענומען פונעם רענצל אַ פלאַש וויסקי.

— טאַזעס ! — האָט אַליטעט באַפוילן.

טיגרענאַ האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טישל צווישן דזשיימסן און האַרלאָו און האָט אַוועקגעשטעלט גרויסע עמאַלירטע טאַזעס. דזשיימס האָט אַוועקגעלייגט אַ האַנט דער פרוי אַפן אַקסל.

— דזשיימס, טײַוול ! ס׳וואָלט ניט געשאַדט איר זאָלט אין אַ שטורעם אַזוי פעסט צובינדן די זעגלען ווי פעסט איר נעמט אַרום די דאַמע. — האָט דער קאַפּיטאַן אים געזאָגט.

— איך מוז אײַך מודיע זײַן, אַז די פרוי אימפּאָנירט מיך שרעקלעך.

— איר זײַט אַ לײַכטזיניקער מענטש, דזשיימס. איר פאַרגעסט די ביזנעס, פאַרשאַלטן זאָל עס ווערן ! איר פאַרגעסט, אַז אין אונדזער אַנאָני־מער געזעלשאַפט האָט איר ניט מער ווי צוועלף אַקציעס. — האָט ערנסט צוגעגעבן מיסטער האַרלאָו.

קאַפּיטאַן בראַון האָט פאַר אַליטעטן אַוועקגעשטעלט אַ פולע טאַזע ביז די ברעגעס.

— איך וויל ניט קיין וויסקי. — האָט אַליטעט זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען און געמאַכט גרימאַסעס מיטן פּאָנעם. — טשאַלי האָט מיר געזאָגט, אַז אַן עמעסער סויכער טרינקט ניט קיין וויסקי איידער ער מאַכט דאָס געשעפט. בלויז יעגערס וואָס האָבן צוויי אָדער דרײַ פעלן צו פאַרקויפן, טרינקען פאַרן מיסכער. זיי מוזן דערפרייען ס׳האַרץ. מײַן האַרץ איז פריילעך אָן טרינקען.

— סאַראַ נאַרישקייטן טשאַלי האָט דיר אָנגעפּלוידערט. איך, הייסט עס, בין ניט קיין עמעסער סויכער ? און דאָך, זעסטו, בין איך גרייט צו טרינקען. פּונקט פאַרקערט, אַן עמעסער סויכער טרינקט איידער ער מאַכט געשעפט. איך ווייס בעסער פון טשאַלין. — און ער האָט אויסגעזופּט זײַן טאַזע.

מיסטער האַרלאָו האָט אָנגעשלאָגן זײַן טאַזע אָן אַליטעטס און האָט איבערצײַגנדיק געזאָגט :

— אַליטעט וויל טרינקען מיט מיר.

נאָר אַליטעט האָט זײַנע קרומע אויגן פאַרזשמורעט, האָט זיך אָפּגע־שפּאַרט, מיט ביידע הענט אַוועקגעמאַכט און אויסגעצויגן דאָס וואָרט :

— ניין, ניין, ניין !

די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן דערשטוינטע זיך איבערגעקוקט.

— מיר דוכט זיך, מיסטער האַרלאָו, אַז די רויטע מויז טשאַרלז טאָמ־סאָן, האָט אונדז אַ ביסל קאַליע געמאַכט דאָס אייסעק. דאָס זײַנען די פרוכט פון זײַן דערציִונג.

— זיכער, סער ! איך מיין אויך אַזוי. נאָר דעם מוט דאַרף מען ניט פאַרלירן. אַלנפאַלס וועט אַליטעט לאַנג ניט אויסהאַלטן. איך זע שוין ווי ער שלינגט די סלינע. איצט וועלן מיר עפּעס עסן און מירן ווידער אָנגיסן די טאַזעס.

דזשיימס האָט פאַרזוכט די זופּ און האָט אַ וואָרף געטאָן דעם לעפל אָפּן טיש.

— איך קען שווערן, מיסטער בראַון, אַז די שוויינערײַ באַ מיר אין טעלער האָט עפּשער אַ פונט זאַלץ מיט פעפער און זענעפט.

— געדענקט, דזשיימס, אַז מיר טאָרן ניט באַליידיקן דעם באַלעבאָס פונעם הויז. האָסט געהערט וויפל פעלן ער האָט באַ זיך אין קראָם? פאַר די פעלן בין איך גרייט לעבעדיקע מײַז צו שלינגען. — האָט מיסטער האַרלאָו געזאָגט.

— איכל אײַך פאַרשפּאָרן אָף אַ גאַנצער וואָך אינעם אונטערדעק, אויב איר וועט די זופּ ניט אויפעסן און לאָזן דעם טעלער אַ ריינעם. — האָט אים דער קאַפּיטאַן געוואָרנט.

— אָ, מיסטער בראַון, איך ווינטש אײַך פון גאַנצן האַרצן איר זאָלט אַרויס אַ לעבעדיקער פון דעם מענו. גוט, אויב מיט מיר וועט עפּעס געשען, גיט איבער מײַן טויטן קערפּער צו מײַן מאַמען אין סאָטערלאַנד. — האָט דער קוכער שנעל גענומען שלינגען די זופּ.

טיגרענאַ איז געזעסן אין אַ ווינקעלע און געניײַט. נײַגעריק ווי אַ פּאָקע, האָט זי ביגנייגע געקוקט ווי די נאָרד־אַמעריקאַנער עסן גערן איר מײַכל. עס האָט זיך איר געגלוסט לאַכן, נאָר זי האָט קיין אויסרייד ניט געפונען און עסן דאַרף קיין געלעכטער ניט פאַרשאַפן.

די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן פאַרענדיקט עסן די זופּ. טיגרענאַ האָט זיי צוגעטראָגן געבראָטן פלייש, אויך היפּש פאַרפּראַוועט מיט אַלערליי געווירצן.

— דאָס איז מיט אַן עמעסן אַ נאָרד־אַמעריקאַניש מײַכל! — האָט דער קאַפּיטאַן געלויבט.

דזשיימס האָט ניט געקענט אײַנהאַלטן דעם געלעכטער.

— נו, אַליטעט, אָט דעם מײַכל מוז מען באַגלייטן מיט וויסקי.

— יאָ, יאָ, איר טרינקט, טרינקט. איך האָב ליב בלויז מעכאַבעד זײַן. און די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן ווידער געמוזט טרינקען אַליין.

טיגרענאַ האָט פון זיי די אויגן ניט אַראָפּגענומען. נאָר מער ווי אַלץ האָט זי געוווּנדערט אַליטעט. צי דען איז ער אַ „טאַנגי" וואָס ער עסט אַזוי ־שעדנע די עקלדיקע נאָרד־אַמעריקאַנער מײַכאָלים?

ווען מען האָט פאַרענדיקט דאָס עסן, וואָס איז אַזוי דערווידער געווען די נאָרד־אַמעריקאַנער ווי אַליטעטן גופע, זײַנען אַלע אַרויס פון דער „יאַ־ראַנגאַ" און זשעדנע אײַנגעאָטעמט די פרישע לופט.

אַ זעלטענע שטילקייט איז געשטאַנען, אַ געשטערטע בלויז מיט דעם גרילציקן געשריי פון מאַכנעס קאַטשקעס. ווי אַ ניט איבערגעריסענער שטראָם האָבן זיי זיך געצויגן לענגאויס דעם גאַנצן ברעג. געדוכט האָט זיך, אַז די דאָזיקע פייגל־וואַנדערונג אָף צאָפן וועט גאָר קיין סאָף ניט האָבן.

אָף איין זײַט ברעג, דאָרט וווּ עס האָט זיך אין יאַם אַרײַנגעשניטן אַ פּאַס ערד, וואָס די קאַטשקעס זײַנען איבער אים געפלויגן, האָט אַליטעט אָף הויכע סלופּעס אויסגעצויגן אַ לאַנגע נעץ. די קאַטשקעס האָבן אינמיטן פליִען די קעפּ אַרײַנגעשטעקט אינעם געקייטל און זײַנען דאָרט געבליבן געפּאַנגען. דערזען די געפאַר, האָבן שוין די אַנדערע מאַכנעס גענומען פליִען העכער און האָבן אויסגעמיטן אַליטעטס נעץ.

די „פּאָלאַר ביר" האָט זיך שטיל געוויגט אָפן אַנקער. די נאָרד־אַמערי־

קאַנער האָבן ווידער געבעטן אַליטעטן אַרויפגיין מיט זיי אַפן גאַליאָט אָנ־קוקן די סכוירעס, נאָר ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

— סכוירעס זײַנען אומעטום די זעלביקע. ניט ווי פעלן, וואָס פאַראַן גוטע און שלעכטע. ניט נייטיק די סכוירעס אָנצוקוקן. מירן מאַכן ס׳געשעפט אַפן ברעג.

די נאָרד־אַמעריקאַנער זײַנען, געערגערטע, אַרײַן אין קראָם. מיסטער בראַון האָט באַהערשט זײַן קאַס און האָט געשפּאַנט אַרום די פעלן. אַ באַ־לעסטיקטער פון דער פאַרדייונג, האָט ער זיי מיט קאַס באַקוקט, ווי אַ ווילדע־כאַיע וואָס דרייט זיך מיט ציין־קריצעניש אַרום אַ געפאַנג וואָס לאָזט זיך ניט נעמען. פאַר אים ליגן די פעלן, ער קען זיי שוין באַטראַכטן פאַר זײַנע, נאָר ווער ווייס וואָס דעם קרום־אויגיקן טײַוול קען אײַנפאַלן. ווו איז עס געהערט געוואָרן אַ ווילדער זאָל ניט וועלן טרינקען קיין וויסקי! צי האָט זיך ניט אַליטעט צונויפגערעדט מיט דעם געלן טאָמסאָן, און איצט לאַכט ער פון אים, דעם אַלטן קאַפּיטאַן, וואָס איז אַזוי געניט אין די איניאַנים? נאָר, ניט מאַכן מיט אים קיין געשעפט, מיינט זײַן אַ כאַזער אָדער דורכויס אַן אידיאָט. ניין, מיסטער בראַון וועט צונעמען אַלע פעלן. פאַר יעדן פרײַז! ער וועט אָנווענדן אַלע פּיראַטישע שפּיצלעך, וואָס זײַנען אים באַקאַנט.

— אָ קעי! מירן שליסן ס׳געשעפט דאָ בײַ דיר אין דער פּרעכטיקער קראָם. — האָט ער מיט אַ געמאַכטער פרייד מאַסקים געווען און האָט זיך אָוועקגעזעצט אַף אַ קופּע בערענע פעלן מיט צעשפּרייטע פיס און די הענט אַף די קני. וואָסערע סכוירעס ווילסטו, אַליטעט?

אַליטעטס פאַרברוינטן פּאָנעם האָט באַלויכטן אַ שמייכל. ער האָט שנעל אַראָפּגענומען די פעלן, האָט זיי געטרייסלט און געקנייטשט דעם קאַפּיטאַן פאַר די אויגן און אים געגעבן אָנצוהערן: פאַר די, בלויז טאַבאַק. ניט מער ווי טאַבאַק!

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין האַנדל, וואָס? מען דאַרף פריִער וויסן וואָס אַלע דײַנע פעלן האָבן די ווערט און באַקומען ווען וועסטו פאַר זיי אַ סאַך זאַכן. דו ביסט ניט קיין נאַרישער יעגער, נאָר אַן עמעסער סויכער.

— יאָ, איך בין אַ נאַר. אַלע זײַנען מיר נאַראָנים. איך קען ניט האַנדלען גרויס. די פעלן האָב איך אויך ניט געקויפט אַלע אַף אַמאָל, נאָר איינציקווײַז. לאָמיר האַנדלען ביסלעכווײַז.

— ביסט פון זינען, אַליטעט! מיר זאָלן אַזוי האַנדלען, וועל איך דאָ מוזן בלײַבן אַ גאַנצע וואָך. דאָס אײַז וועט אָנקומען און וועט מײַן גאַליאָט אַפן ברעג אַרויסוואַרפן.

— דאָס אײַז וועט דײַן שיף ניט אַרויסוואַרפן. איך ווייס, אַז דאָס אײַז וועט אַזוי גיך ניט קומען. וועגן אָט די זאַכן, פרעג מיך. דאָס ווייס איך זייער גוט. וואַרט, איכל אַ קוק טאָן אַפן הימל, וועל איך דיר באַלד זאָגן.

— דאַרפסט ניט קוקן. — האָט דער קאַפּיטאַן אַ וואָרטשע געטאָן.

— נו, ווי דו ווילסט... קורץ, פאַר די צוויי פעלן גיב מיר טאַבאַק. בלויז טאַבאַק.

— אָ, דו האָסט שוין גאָר פאַרגעסן ווי מען האַנדלט: פאַר איין פאָר פוקסן פאַרלאַנגסטו נאָר איין זאַך. האָסטו שוין אַמאָל געזען מען זאָל דאָ אַזוי האַנדלען? ניט אַפילע אין נאָרד־אַמעריקע האַנדלט מען אַזוי.

— איך דאַרף אַ סאַך טאַבאַק. אוי וויפל טאַבאַק איך דאַרף! אין דער טונדרע גייען אַלע אַרום אָן טאַבאַק. אַלע ווילן רייכערן און קיין טאַבאַק

איז ניטאָ. וואָס קען איך מאַכן ? — האָט אַליטעט זיך געאַקשנט. — דערנאָך וועלן מיר זען ; עפשער וועל איך דאַרפן טאַבאַק פאַר נאָך צוויי פוקסן. איך מוז אַלץ דורכטראַכטן. די יעגערס אין דער טונדרע זײַנען מענטשן אָן זאָרג. זיי פאַדערן טאַבאַק. איז ווער זאָל דאָס אַלץ אין זינען האָבן ? איך, אַליטעט !

— מיסטער האַרלאָו, גייט מיט דזשיימסן אָף דער שיף און ברענגט בלעטער־טאַבאַק „קענטוקי", עטלעכע קאַסטנס געפּרעסטן טאַבאַק „בלעק ניי־ווי" און אַ קאַסטן קײַ־טאַבאַק. — האָט דער קאַפּיטאַן באַפוילן.

— טומאַטוגע, גיי דו אויך מיט זיי, וועסטו זיי העלפן. קענסט באַנוצן דאָס וואַלפיש־שיפל, ווײַל זייער קאַנו־שיפל וועט זײַן צו קליין פאַר אַזויפיל סכוירעס. — האָט אַליטעט פאַראָרדנט.

דער קאַפּיטאַן האָט שטיל אומגעשפּאַצירט איבער דער קראָם. אַליטעט האָט געשפּאַנט בײַ זײַן זײַט.

— דו מיט מיר וועלן מיר אַ לאַנגע צײַט האַנדלען. — האָט אַליטעט געזאָגט. — אַ פריילעכע זאַך דאָס האַנדלען. איכל זאָגן טיגרענאָן זי זאָל אײַך אַף הײַנט אָונט און אַף מאָרגן פרי צוגרייטן אַזאַ עסן ווי הײַנט. איך האָב עסנוואַרג. ס'איז מיר ניט קיין שאָד דאָס אויסצובערענגען פאַר גוטע מענטשן.

מיסטער בראַון האָט געהערט ריידן וועגן דעם עסן, האָט ער אַ וואָרט ניט געזאָגט און נאָר אַ גרעפּץ געטאָן. ער האָט פאַרלוירן יעדן קאָנטראָל איבער זיך און האָט ניט געקענט צוריקבאַקומען זײַן גוטע שטימונג, וואָס איז אַזוי נייטיק בײַ אַזאַ וויכטיק געשעפט.

מען האָט אין קראָם אַרײַנטראָגן אַ טיוק טאַבאַק „קענטוקי".

— דאָ האָסטו דיר איין טיוק. — האָט מיסטער בראַון די האַנט אויס־געשטרעקט צום פאַר פוקסן, וואָס איז געהאַנגען בײַ אַליטעטן אָפן אַקסל.

אַליטעט האָט אים געגעבן די פוקסן און האָט אַראָפּגענומען נאָך אַ פּאָר. ער האָט זיי אַ טרייסל געטאָן און פאַרגעלייגט :

— נאָך טאַבאַק פאַר דער פּאָר.

אַ קראַמף איז דורכגעלאָפן מיסטער בראַונס פּאָנעם.

— האָסט דאָך שוין אינגאַנצן פאַרגעסן האַנדלען ! — איז ער שוין אין כּעס געוואָרן. — פאַר איין פּאָר פוקסן האָב איך דיר, ווי פאַר אָן אָנהייב, געגעבן אַ גאַנצן טיוק טאַבאַק. און דו ווילסט נאָך ! ווייסטו דען ניט, אַז דער טיוק וועגט הונדערט ענגלישע „פאַונדס" ?... קיינער האַנדלט ניט אַזוי. און קיינער וועט מיט דיר אַזוי ניט וועלן האַנדלען. מייגסט אַוואַדע אַז בלע־טער־טאַבאַק „קענטוקי" וואַרפט מען איבערן נאָרד־אַמעריקאַנער באָרט און מען קען נעמען וויפל מען וויל. מען דאַרף פאַר אים צאָלן מיט דאָלאַרן !... ס'איז ניט ווי פאַנגען אַ פּאָר פוקסן, וואָס לויפן אום בײַ אײַך הינטער ז... „יאַראַנגאַס".

אַליטעט האָט אים אויסגעהערט און האָט בעיס מײַסע געטראַכט : וויפל נאָך טאַבאַק דאַרף איך ?

און נאָך אַ קורצער פּויזע, האָט ער זיך אָנגערופן :

— אַליטעט ווייסט גאַנץ גוט, אַז דער טאַבאַק וואַקסט אַף אײַערע ברע־געס ווי דאָס גראָז אין די טאָלן בײַ אונדזערע טײַכן, מיט גרויס גרערעטעניש. איך ווייס. דאָס האָט מיר טשאַלי געזאָגט... נו, איז נעם דיר נאָך אַ פּאָר פוקסן פאַר נאָך איין טיוק טאַבאַק.

מען האָט אַרײַנגעבראַכט נאָך אַ טיוק. פאַרענדיקט האָט זיך דער פאַר־

קויף פון פיר פוקסן. דער קאַפּיטאַן האָט מיט שרעק אַ קוק געטאָן אויף די הענגענדיקע פוקסן אין קראָם: געווען איז דאָרט אַ זיכערער טויזנט און עפּשער נאָך מער. ווי לאַנג קען עס אַזוי דויערן ביזן פאַרענדיקן דעם גאַנצן מיסכער מיט דעם ווילדן? אַכוצדעם, איז אים קלאָר געוואָרן, וועט אים אויף אַזאַ אויפן באַלד קיין סכוירע ניט קלעקן.

אַליטעט האָט אַוועקגעלייגט איין טיוק אויפן צווייטן און האָט זיך אויף זיי אַוועקגעזעצט. ער האָט שוין טאַבאַק! דער שטאַרקער טאַבאַק־ריי'עך האָט אים אין דער נאָז אַ קיצל געטאָן. ער האָט אויפגעטרענט אַ שפּיץ באַם אייבערשטן טיוק און האָט אַרויסגענומען אַ בלאַט. ער האָט אָנגעשטאָפּט זײַן ליולקע מיט פרישן טאַבאַק, האָט אָפּגעזיפצט, אַ שמייכל געטאָן און גענומען רייכערן... דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען נאָך איין פּאָר פוקסן און געזאָגט:

— פּאָר דער פּאָר, געפרעסטן טאַבאַק. שפּעטער וועלן מיר זען; עפּשער וועל איך נעמען נאָך בלעטער־טאַבאַק.

דער קאַפּיטאַן בראַון איז געוואָרן אויסער זיך, האָט צוגעוואָרפן אַליטעטן די פוקסן און האָט באַפוילן זײַנע מענטשן צוריקנעמען דעם טאַבאַק.

דזשיימס האָט ניט גאָר העפלעך אַ שטויס געטאָן אַליטעטן, וואָס איז געזעסן אויף די טיוקן, און מיט מיסטער האַרלאָוס הילף, זיי אַוועקגענומען.

באַ אַליטעטן פונעם פּנים איז דער שמייכל פאַרשוווּנדן, די ברעמען האָבן זיך אים אָנגערוקט און ער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף טומאַטוגען:

— טיפּעש! וואָס שטייסטו מיט די הענט אַראָפּגעלאָזט, ווי זיי וואָלטן באַ דיר קיין ביינער ניט געהאַט? מען דאַרף די ווײַסע מענטשן צוהעלפן. העלף זיי אַוועקטראָגן די סכוירעס צום ברעג! איך אַליין וועל די נאָרד־אַמעריקאַנער העלפן! — און אַליטעט האָט אָנגעכאַפּט אַ קאַסטן.

די דזשיקע כיטרע ליבלעכקייט פונעם ווילדן האָט מיסטער בראַונען בייז געמאַכט. ער האָט געכאַפּט צוויי קאַסטנס אויף אַמאָל און אַ געשריי געטאָן:

— ניט נייטיק דײַן הילף! מירן זיי אַליין אַריבערטראָגן!

— אײַ, אײַ, אײַ, אַליין דער קאַפּיטאַן מוז אַרבעטן. מיר איז אַ שאָד דער קאַפּיטאַן! מיסטאָמע וועט שוין אַ צווייטער גאַליאָט קומען מיט מיר האַנדלען. דו, ווידער, אויב דו שווימסט אויף צאָפן, וועסטו קיין געשעפטן ניט מאַכן און וועסט מוזן צוריקפירן דײַן סכוירע קיין נאָרד־אַמעריקע.

אַליטעט איז, מיט שפּרינגעלעך, נאָכגעלאָפן דעם קאַפּיטאַן און אים אַלץ אויסגעדריקט זײַן מיטלייד:

— אין צאָפן האָבן ניט די יעגער קיין פוקסן. די וואָס זיי האָבן געהאַט, הענגען איצט באַ מיר אין קראָם. נאָר אַלצאַיינס, פּאָר, פּאָר צו זיי צוגאַסט. וועסט אַליין זען. אין בעסטן פאַל האָבן זיי פּאָר דער צײַט געפאַנגען זומערדיקע שוואַרצע פוקסן מיט קורצע האָר.

דער שפּאָט האָט דעם קאַפּיטאַן בראַון פון די קיילים אַרויסגעבראַכט און ער האָט אים געהייסן שווײַגן.

אַליטעט איז אַוועק צוריק צו זיך אין קראָם.

אויפן ברעג האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעטראָפן וואַאַמטשאַן און דעם אַלטן. קעדיי ווי עס איז צו ערגערן אַליטעטן, האָט ער געפרעגט וואַאַמטשאַן:

— איך ווייס, אַז דו האָסט דרײַ פוקסן. ווילסט פאַר זיי די צוויי טיוקן טאַבאַק?

וואַאַמטשאַ האָט מיט שטוינען געקוקט אויפן קאַפּיטאַן און דער אַלטער האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— צו וואָס טויג אונדז אַזויפיל ? וואָמטשאָ איז ניט קיין מענטש פון מיסכער. זיי וועלן אונדז אַפן גאַנצן לעבן קלעקן, די צוויי פּעק.

דזשיימס האָט שוין אַלץ געהאַט אַרײַנגעלייגט אינעם שיפל און ווי נאָר די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן זיך אָפּגערוקט פונעם ברעג, האָבן זיי דער־הערט אַליטעטן שרײַען :

— וואַרט אויס, וואַרט אויס ! — האָט ער געקוויטשעט און געלאָפן צו זיי.

די נאָרד־אַמעריקאַנער דערשמעקנדיק ניצאָכן, זײַנען צוריקגעקומען צום ברעג. אַליטעט איז אַ פאַרסאָפּעטער צוגעקומען, האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער הינטערשטער קעשענע אַ האַרמעל־פּעלעכל און האָט עס דערלאַנגט דעם קאַפּיטאַן :

— נאַ דיר, דאָס איז פאַרן בלאָט טאַבאַק, וואָס איך האָב באַ דיר אַרויסגענומען פונעם טיוק.

מיסטער בראַון האָט ניט געענטפערט און האָט ווידעו אָפּגערוקט זײַן שיפל פונעם ברעג.

דער „פּאָלאַר ביר״ האָט געמאַכט אַ קרײַז און איז אַוועקגעשווומען צו דער זײַט פונעם נאָרד־קאַפּ.

אַליטעט האָט אַרויפגעקלעטערט אַף זײַן וואַכפּאָסטן און לאַנג נאָכגע־קוקט דעם גאַליאָט, ביז ער איז פאַרשוווּנדן אַפן האָריזאָנט.

קאַפּיטל IV

די מיטערנאַכטיקע זון האָט שוין איר זוים געבאָדן אינעם קאַלטן יאַם. דער פורפורנער ביינהאַשמאָשעס האָט דעם גאַנצן האָריזאָנט אָנגעצונדן. אינעם ענמאַקײַ־לאַגער איז דער אוילעם טיף געשלאָפן. קינדער בלויז האָבן געוואָרפן שטיינדלעך אין יאַם און אַלטע לײַט האָבן זיך אַרום זייערע „יאַ־ראַנגאַס״ געדרייט. פאַר זיי האָט זיך דער טאָג אָנגעהויבן ווען פאַר עמעסע יעגערס האָט ער זיך געענדיקט. די פּאָלאַרע באַנאַכטיקע זון האָט אַ רייץ פאַר קינדער. זיי לויפן אום באַם ברעג, קײַען יאַם־גראָז, אָדער לאָזן זיך אַוועק צו דער טונדרע, צו די אָזיערעס, זוכן קאַטשענע אייער.

איין יעגער נאָר שלאָפט ניט. דאָס איז טומאַטוגע. אַליטעט האָט אים געהייסן בלײַבן אַפן וואַכפּאָסטן און אויסשפּירן דעם יאַם, מיט זײַנע פעלד־גלעזער, צי ווײַזט זיך ניט אַ צווייטער גאַליאָט.

אַליטעט האָט זיך לאַנג געדרייט אַף די פעלן און האָט ניט געקענט אײַנשלאָפן. עס האָט ניט געלוינט אַזוי צו דערצערענען בראַונען. ער קען אים מאַכן אַ נאָמען פאַר אַ שלעכטן און קיין שום קאַפּיטאַן וועט זיך ניט וועלן אָפּשטעלן אין ענמאַקײַ. ביטערער מאַכשאָוועס זײַנען אין דער שטיל־קייט פון דער נאַכט באַפאַלן אַליטעטן און האָבן אים געשטערט דעם שלאָף.

דער „פּאָלאַר ביר״ איז געשווומען לענגאויס דעם ברעג. אויך די מאַנ־שאַפט איז געווען שלעכט געשטימט.

— ווי מיינט איר, מיסטער בראַון ? וואָלט זיך ניט געלוינט צוריקגיין צו אַליטעטן ?

— קיין סאַך גוטס זע איך ניט דערין, מיסטער האַרלאָו. נאָר וואָס קענט איר אונדז רעקאָמענדירן בעסערס אין דער לאַגע ? טאָמער באַווײַזט זיך דאָ ווידער דער אַלטער סטעפּענסאָן מיט זײַן „יוקאָן״ ? איר ווייסט, מיס־

טער האַרלאָו, דער מענטש פאַרמאָגט אַ הינטישן כוש. דער סטעפענסאָן
שטאַמט פון די אַלטע פּיראַטן. אין זײַנע אָדערן רינט עמעס אַנגלאָזאַקסיש
בלוט. יאָרהונדערטן לאַנג האָבן די אַנגלאָזאַקסן באַרײַזט די אָקעאַנען. נאָר
אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט, האָט שוין יעדע זאַך איר באַלעבאָס. און
געבליבן זײַנען שוין סטעפענסאָנען ניט מער ווי אָט די פּוסטע ערטער. שוין
אייניקע יאָר ווי ער קומט אַהער, און איך פאַרזיכער אײַך, אַז ער וועט די
אָזיקע קראָם ניט דורכלאָזן. איר מוזט אויך אין אַכט נעמען, אַז דער טײַוול
אַליטעט האָט אונדז געזאָגט דעם רײַנעם עמעס. איך מיין, אַז ער האָט מיט
אָן עמעס צוגענומען ווו אַ פעל באַ די יעגערס. גאָד דעמן! דער קאָנקורענט
איז ערגער פונעם געלן טאָמסאָן. מירן גאָט דאַנקען אויב דאָס וועט זײַן אונ־
דזער לעצטע עקספּעדיציע. אַזוי איז די לאַגע, מיסטער האַרלאָו.

— כאַפּט אים דער טײַוול, מיסטער בראַון. מיט זײַנע פעלן, קען מען,
פונדעסטוועגן, מאַכן געשעפטן, אַפילו מיר זאָלן אײַנגיין אויף זײַנע קאַנדי־
ציעס, וואָס האָבן אונדז פון געדולד אַרויסגעבראַכט. — האָט דער לאַצמאַן
האַרלאָו געזאָגט.

— אָ, זיכער, נאָר ניט ווי מיר האָבן גערעכנט. אויפקלײַבן פעלן אויף
דער גאַנצער לענג פונעם ברעג איז אַ לאַנגע געשיכטע. מיר וואָלטן מוזן
פאַרציִען די רײַזע און דאָס איז איצט געפערלעך.

קאַפּיטאַן בראַון האָט זיך איבערגעבויגן איבערן הילך־רער און אַרײַנ־
געשריגן:

— מיט פולן גאַנג, דזשיימס!

אינמיטן נאַכט האָט אַליטעט דערהערט טומאַטוגעס קאָל:

— אַליטעט, אַ גאַליאָט קומט.

אַליטעט איז יוגנטלעך פלינק אויפגעשפּרונגען, האָט זיך שנעל אָנגעטאָן
און איז אַוועק צום וואַכפּאָסטן.

— בראַון קומט צוריק. — האָט טומאַטוגע אָנגעוויזן מיט דער האַנט
אויפן ים.

אַליטעט האָט אים באַפעלעריש געהייסן אַראָפּגיין, און איז אַליין שנעל
אַרויף אויפן וואַכפּאָסטן. דאָס וואָס ער האָט געזען, האָט אים אַזוי אַנטציקט,
אַז ער איז שיִר ניט אַראָפּגעפאַלן. ער האָט דערקענט דעם „פּאָלאַר ביר״.
ער איז אַראָפּ אונטן מיט אַ שמייכל פון ניצאָכן אויף די ליפן.

— איך גיי שלאָפן. — האָט ער געזאָגט. — קיינער זאָל מיך ניט
וועקן, טײַדן דער נאָרד־אַמעריקאַנער אַליין וועט קומען צו מיר אין דער
„יאַראַנגאַ״.

צוריק באַ זיך אין געצעלט, האָט אַליטעט אײַנגאַנצן זיך אויסגעטאָן
און זיך געלייגט שלאָפן. זײַן רויקער און ריטמישער כראָפּען האָט זיך גע־
הערט איבער דער גאַנצער „יאַראַנגאַ״.

דער „פּאָלאַר ביר״ האָט פאַראַנקערט אויפן זעלביקן אָרט ווי פריִער. די
נאָרד־אַמעריקאַנער, שוין אין דעם אַנשטעל פון גרויסע סאָכרים, זײַנען שנעל
אַרײַנגעשפּרונגען אינעם שיפל און צוגעשווומען צום ברעג.

— און אַליטעט? — האָט קאַפּיטאַן בראַון געפרעגט.

— אַליטעט שלאָפט. ער האָט אָנגעזאָגט מען זאָל אים ניט וועקן... נאָר
אויב דו ווילסט, קענסטו אים אויפוועקן. — האָט טומאַטוגע געענטפערט.

— אָ קעי! — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט מיט אַ צוגעטויבטן קאָל,
און די נאָרד־אַמעריקאַנער זײַנען אַרײַן אין דער „יאַראַנגאַ״.

— אַך, בראַון! — האָט אַליטעט אַ מרוקע געטאָן און זיך געריבן די אויגן. — ביסט דאָ צוריק? איך האָב זייער ליב די נאָרד־אַמעריקאַנער.

— ביסט געדעכט געוויען, אַליטעט. איך בין צוגעקומען ביז קאַפּ יאַנקאַן, און די יעגערס האָבן קיין איין פוקט ניט געהאַט. זיי האָבן גאָרניט געהאַט צו בייטן.

— איך ווייס, איך האָב דאָך דיר געזאָגט. איך האָב זייער ליב צו האַנדלען מיט די נאָרד־אַמעריקאַנער. — האָט אַליטעט געזאָגט און אַ באַפעל געטאָן טיגרענאַן: — מאַך גיכער אַ זופּ אָפּן נאָרד־אַמעריקאַנישן שטייגער. אַזאַ ווי נעכטן, און מיר וועלן דערווייל אַרײַנגיין אין קראָם.

— מיסטער בראַון, — האָט דזשיימס זיך אָנגערופן. — דערלויבט מיר העלפן דער מיס מאַכן דאָס עסן. אַז ניט, וועלן מיר מוזן עסן די נעכטיקע באַזערײַ.

— אַ קעי!... מײַן דזשיימס וועט העלפן דײַן ווײַב מאַכן דאָס עסן. ער איז אויך אַ קוכער בײַ מיר אויף דער שיף.

— אַך, אַך, זייער גוט! זאָל דזשיימס ווײַזן טיגרענאַן! איך בין שוין מיד פון לערנען איר די ווײַבערשע מעלאָכע.

אין דער „יאַראַנגאַ" זײַנען פאַרבליבן בלויז דזשיימס און טיגרענאַ. דזשיימס האָט פון דער קעשענע אַרויסגענומען אַ קוכער־מיצל, האָט דאָס אָנגעטאָן און האָט געמאַכט אַזאַ גרימאַסע, אַז טיגרענאַ האָט זיך צעלאַכט. דערנאָך האָט ער אויסגעטאָן דאָס מיצל, האָט דאָס אָנגעטאָן טיגרענאַן און האָט זי אַזוי שטאַרק אַרומגענומען, אַז די ביינער האָבן איר געקנאַקט.

טיגרענאַ האָט אויפגעשווידערט פון קאַס, די אויגן האָבן זיך איר בייז צעגלאַנצט. זי האָט זיך פון זײַנע הענט אַרויסגעריסן, האָט פון דער ערד אויפגעהויבן אַ שטיק פאַרבלוטיקט הירשן־פלייש און מיט אַלע אירע קויכעס אים אַ פּאַטש געטאָן דערמיט איבערן פּאָנעם.

— דעמנס! — איז דזשיימס דערשטוינט געבליבן און האָט זיך געווישט דאָס פּאָנעם פונעם הירשן־בלוט. — דער עמעסער פלאַסטער! איך שווער באַם קאַפּיטאַן, אַז איך האָב מיך דערויף ניט געריכט. עס האָט אונדז גענומען גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ, מײַן קאַפּיטאַן און מיר.

טיגרענאַ האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דזשיימס זאָגט אין ענגליש.

— איר, „טאַנגיס", זײַט אַלע, קענטיק, ווי די הינט. — האָט זי האַסטיק אַ זאָג געטאָן. — טשאַלי די רויטע נאָז האָט מיך אויך דעמאָלט פון געדולד אַרויסגעבראַכט... איִע האָט זיך געשלאָגן מיט אים, און איך האָב מיך אויסגעלערנט שלאָגן.

דזשיימס האָט אויך ניט פאַרשטאַנען וואָס טיגרענאַ זאָגט, נאָר אַז ער האָט געזען זי איז אַזוי אויפגעבראַכט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פעל און אַ צעמישטער געשמייכלט.

טיגרענאַ האָט שטיל דערלאַנגט דזשיימסן אַ שטיק הירשן־פלייש און אים צוגעוואָרפן אַ מעסער. דזשיימס האָט אים אויפגעהויבן, און מיט צייכנס איר געוויזן, אַז דאָס מעסער איז צו קליין. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען זײַן צונויפגעלייגטן „רעמינגטאָן"־מעסער, האָט אָפּגעשניטן אַ שטיק פלייש און האָט עס גענומען קלאַפּן מיט אַזאַ געהילך, אַז טיגרענאַ האָט זיך ווידער צעלאַכט. איר האָט זיך געדוכט, אַז דער נאָרד־אַמעריקאַנער יונג רופט די גײַסטער, ווי קאָראַגוע ווען ער קלאַפּט אינעם פּײַקל.

— קום אַהער, קום וועל איך דיר ווײַזן ווי מען מאַכט אַ שניצל. — האָט דזשיימס זי מיט צייכנס גערופן.

טיגרענאַ איז צוגעקומען.

דזשיימס האָט גענומען נאָך אַ שטיק פלייש און האָט דערלאַנגט טיגרענאַן דאָס מעסער:

— אַ נו, פּרוּוו איצטער דו.

טיגרענאַ האָט געקלאַפּט מיטן מעסער און האָט געלאַכט. זי האָט ניט פאַרשטאַנען צו וואָס מען דאַרף אַזוי קלאַפּן דאָס הירשן־פלייש.

דזשיימס האָט געקוקט אַף טיגרענאַן און דעם ערשטן מאָל אַף זײַן לעבן זיך געטראַכט: „נאָך אַלעמען, זײַנען מיר ווי עמעצע כאַיעס! מיר פאַרגעסן זיך, אַז אויך זיי זײַנען מענטשן, מיט זייערע געפילן און זייערע פאַרלאַנגען".

און מאָדנע, דזשיימס האָט זיך געפילט אַ פאַרשעמטער.

קאַפּיטל V

דער האַנדל מיט אַליטעטן האָט זיך געצויגן לאַנג. נאָכן דריטן טאָג האַנדלען, ליגט איצט בײַ אַליטעטן אין קראָם אַ באַרג מיט זאַכן. אַ סאַך יעגערס, און אויך ווײַבער, טראָגן פריילעך די פּעק און רייכערן פרישן טאַבאַק ביז דער קאָפּ פאַרדרייט זיך זיי.

אַליטעט קלעטערט אַפן באַרג מיט סכוירעס, קוקט דורך יעדן קאַסטן, יעדן טיוק. ער רעדט צו זיך אַליין: וואָס נאָך דאַרף איך? ווײַ, בראַון וועט אַוועק, איז ווו וועל איך נעמען די זאַכן וואָס איך דאַרף? דער קאָפּ קען זיך שפּאַלטן פון אַזויפיל טראַכטן.

און אַליטעט נעמט אַראָפּ נאָך אַ פּאָר ווײַסע אָדער בלויע פוקסן און הייסט זיך געבן נאָך טאַבאַק, קאַרטעטש, וויסקי, סיטץ, האַלדזבאַנדן, מעסערס, נאָדלען, קלעצער, ביקסן און נאָך אַלערליי זאַכן, וואָס מען דאַרף אין אַ יעגערס שטוב.

— ווי גאָט איז אײַך ליב, מיסטער בראַון? צי וויל ניט דער טײַוול מיט די כיטרע אויגן אונדז אָפּשינדן לעבעדיקערהייט? איך שווער אײַך, אַז ער וועט עס טאָן. — האָט דזשיימס ניט אויפגעהערט טײַנען און געטראָגן די פּעק.

— דײַגעט ניט, דזשיימס, דערוויַל איז עס צו דערלײַדן. אַלנפאַלס, לאָזט ער אונדז איצט דעם אָטעם אָפּכאַפּן. ער איז פאַרכאַפּט פון דער אַלגעמיינער פרייד און לאָזט זיך ריידן. — גיט אים קאַפּיטאַן בראַון צו דערקלערן און באַרויקט אים.

די ווײַסע, בלויע און געזילבערטע פוקסן גייען אַריבער איינער נאָכן צווייטן אין מיסטער בראַונס לײַוונטענע זעק. אָבער אויך דער אונטערדעק פון דעם „פּאָלאַר ביר" ווערט גערוימער. אַליטעט שײַנט פאַר גליק און טאַפּט די סכוירעס, ער צערטלט די „ווינטשעסטערס" און הערט ניט אויף אָנהויבן זאַכן. אין ענמאַקײַ איז נאָך קיינמאָל אַזאַ גרויסע סימכע ניט געווען.

אַפן אויסגאַנג פונעם לעצטן טאָג, האָט דער קרעפּטיקער דזשיימס צו וויסן געטאָן:

— מיסטער בראַון, אַפן באָרט פון דעם „פּאָלאַר ביר" איז געבליבן ניט מער ווי אַ טייל פון אונדזער מאַנשאַפט: צוויי שטשורעס. איך פאַרזיכער אײַך, אַז זיי האָבן איצט ווו אַרומצושפּאַצירן.

קאַפּיטאַן בראַון האָט אַ טרויעריקן בליק געוואָרפן אױף די נאָך פּאַרבלי־בענע פוקסן אין קראָם, אױף די בערענע פעלן, אױף די מאָרזשן־ציין, אױף די וואַלפיש־וואָנצעס.

— אױף דער שיף, אַליטעט, האָב איך מער קיין סכוירעס ניט. דער גאַ־ליאָט איז ליידיק. — ער האָט געפּעטשלט אַליטעטן איבער דער פּלייצע און אים געפרעגט: — נו, ביסטו צופרידן פון דעם פאַרקויף, אַליטעט?

— זייער צופרידן! זייער צופרידן!

— ווילסטו מיט מיר האַנדלען איבעראַיאָר אַזוי ווי הײַ־יאָר?

— אָ, איך מיין אַזוי.

— מיסטער בראַון, מיר טוט וויי דאָס האַרץ פון זען אַזויפיל רײַכקייט איבערבלײַבן דאָ אין קראָם. זאָל איך אַזוי לעבן!

— דזשיימס, שטער מיר ניט! איך האָב מיר מײַן פּלאַן.

— איך האָב אַ שטאַרקן פאַרלאַנג אײַך צו באַערן. דער טיש איז גרייט. טיגרענאַ האָט זיך שנעל אויסגעלערנט קאָכן מיט דזשיימסן. קומט צו מיר אין דער „יאַראַנגאַ".

— אָ קעי! מיר קומען! — האָט קאַפּיטאַן בראַון טייקעף מאַסקים געווען. — ביסט גערעכט, אַליטעט. נאָכן פאַרענדיקן דאָס מיסכער, איז אָנגענעם צו טרינקען וויסקי.

— יאָ, יאָ. איצט מעג מען טרינקען. איצט איז אָנגענעם און מען מעג טרינקען וויפל מען וויל. שוין לאַנג ווי דאָס האַרץ בעט בײַ מיר פײַערדיקן וואַסער.

אינעם געצעלט, האָט דזשיימס ווידער געפּלײַסט זיך לעבן טיגרענאַן. ער איז געווען פריילעך און האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ בעריעשקייט אין קיך אַז ווײַבער האָבן אים געמעגט מעקאַנע זײַן. טיגרענאַ האָט געקוקט אױף אים און געלאַכט ביז טרערן. און דאָס עסן, וואָס ער האָט געמאַכט, איז ניט גע־ווען אַזוי דערווידער ווי אירער.

די נאָרד־אַמעריקאַנער און אַליטעט האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום טישל. אין געצעלט זײַנען אַרײַנגעקומען נאַרגינאַט און אַטענוועט, די צוויי ווײַבער שוועסטער. אַליטעט האָט זיי אַ וווּנק געגעבן און זיי זײַנען טייקעף אַרויס. מען האָט אויסגעטרונקען צו טאָזעס וויסקי. מיסטער האַרלאָו האָט ווידער אָנגעגאָסן די טאָזעס. אַלע זײַנען געווען זייער פריילעך.

— וואָס הערט זיך, דזשיימס? דו האָסט, דוכט זיך, דערפאָלג מיט דער מיס? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט.

— מירן עס אין אַכט נעמען באַם אײַנטיילן די פוטערס, מיסטער בראַון. — האָט דער לאַצמאַן זיך אַרײַנגעמישט.

— אָ, דזשענטלמען! ווי אָפט מענער נאַרן זיך! — האָט דזשיימס געענטפערט.

אַליטעט, שוין שיקער, האָט גערעדט מיט אַ ווייכן קאָל:

— אַליטעט איז גערעכט... אַליטעט ווייסט אַלץ. איך האָב געזאָגט, אַז עס וועט ניט זײַן קיין אײַז און אַז דעם גאַליאָט וועט אָפן ברעג ניט אַרויס־וואַרפן... מיר קענען נאָך לאַנג האַנדלען און דאָס אײַז וועט ניט קומען.

— ריכטיק, ריכטיק, אַליטעט. דאָס ווייסטו גוט. — האָט אים דער קאַפּיטאַן געכאַנפעט. — מיר קענען נאָך לאַנג האַנדלען... דו ווייסט וואָס איך וויל דיר זאָגן, אַליטעט? עס וואָלט גוט געווען אָנלאָדן אָפן גאַליאָט די

פוקסן וואָס זײַנען נאָך פאַרבליבן אין קראָם, די בערן, די מאָרזשן־ציין און די וואַלפיש־וואָנצעס. טאָמער פאַרכאַפּט אונדז אַ שטורעם, איז אַ סאַקאָנע צו שווימען מיט אַ ליידיקן גאַליאָט. ער קען זיך איבערקערן און דעמאָלט קומען מיר אום. און איך מוז דיר נאָך ברענגען סכוירעס דעם אַנדערן יאָר.

אַליטעט איז וואַך געוואָרן.

— ווילסט מיר זאָלן מאַכן אַ פּאַפּיר און פאַרצייכענען וואָס באַ דיר איז פאַרבליבן און איבעראַיאָר זאָלן מיר האַנדלען דערויף וואָס אין פּאַפּיר זאָגט זיך? סאָכרים טוען שטענדיק אַזוי. — האָט דער קאַפּיטאַן מעיושעוודיק און ערנסט פאָרגעשלאָגן.

אַליטעט האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז טשאַלי האַנדלט אויך אַף אַ פּאַפּיר, און אַז ער געטרויט דעם פּאַפּיר ווי דאָס וואָלט געווען עמעסע סכוירע. ער איז אויפגעשפּרונגען און האָט אַ זאָג געטאָן:

— וואַרט אויס, איכל פּרוּער גיין איבערציילן וואָס מיר בלײַבט אין קראָם.

— איר זײַט אַ געניוס, מיסטער בראַון.—האָט לאָצמאַן האַרלאָו געזאָגט.

— שטילער, שרעקט מיר ניט איבער דאָס פייגעלע.

און די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן אַ וואָרט ניט אויסגערעדט ביז אַליטעט איז צוריקגעקומען.

— צוויי הונדערט מיט דרײַסיק פעלן. מאַך דאָס פּאַפּיר! — איז אַליטעט אַרײַנגעלאָפן.

קאַפּיטאַן בראַון האָט פון אַ בוזעם־קעשענע אַרויסגענומען אַ נאָטיץ־ביכל און געלאָסן, מיט אַ פײַערלעכער מינע, אַראָפּגעצויגן דאָס מיצל פון זײַן סטילאָגראַפישער פעדער.

אַליטעט האָט זיך גענומען אײַנקוקן ווי דער קאַפּיטאַן „אַרבעט" אַפן פּאַפּיר. נאָר אַליטעטס קאָנטראָל האָט ווייניק וואָס געשטערט דעם קאַפּיטאַן און מיסטער בראַון האָט אויפגעשריבן:

„גוד בײַ, טײַוול מיט די כיטרע אויגן. האָסט מיר גענוג די גאַל געגעסן די לעצטע פינף טעג. פאַרשאָלטן זאָלט איר ווערן, דו און ווער עס האָט דיך געלערנט אַזוי צו האַנדלען! נאָר איך האָב אַ טרייסט. די איבעריקע פעלן וועלן מיר העלפן אײַנאָרדענען מײַנע געשעפטן וואָס בעסער. זאָרג דיך ניט פאַר די בערן־פוטערס, טײַוולשער זון. אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועל איך געפינען קוינים אַף זיי. נאָכאַמאָל גוד בײַ און אַף אייביק. אונטערגעשריבן

טעקי שוואַרצער זשוק".

— דאָ האָסטו דיר, אַליטעט, דאָס פּאַפּיר. שוין. — האָט קאַפּיטאַן בראַון פאַטעטיש אַרויסגערעדט.

אַליטעט האָט פאָרזיכטיק צונויפגעלייגט דאָס פּאַפּיר און האָט עס באַהאַלטן אין אַ קעשענע פון זײַן נאָרד־אַמעריקאַנישן געקעסטלטן העמד.

אַ ביסל שפּעטער איז דער „פּאָלאַר ביר" געשווומען צו די אַלאַסקער ברעגעס. קאַפּיטאַן בראַון איז אַרונטערגעגאַנגען פונעם בריקל און איז צוגעקומען צום רודער, וווּ לאָצמאַן האַרלאָו האָט געהאַלטן וואַך. דער קאַפּיטאַן האָט אין דער האַנט געהאַלטן אַ פּאַפּיר מיט ציפערן פאַרשריבן און מיט אַ סקאַנדאַליעזן געלעכטער אים געוויזן:

— ער האָט אונדז אָפּגעפּליקט! ס׳איז אַן אויסערגעוויינלעכער פאַל אין מײַן לעבן. גאָד דעמן! יעדער פוקס וועט אונדז אויסטראָגן, אין דורכ־שניט, העכער זעקס דאָלער.

דורך דער לוקע פון דער מאַשין־אָפּטיילונג האָט דזשיימס דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט.

— ווי איר ווילט אײַך, איז עס אַ שאָד וואָס איבעראײַאר וועלן מיר אַהער ניט קענען צוריקקומען. גלויבט מיר, אַז איך וואָלט מיט פאַרגעניגן ווידער געקומען צו די ברעגעס.

— און אָפּשטאָטן אַ וויזיט אַליטעטס ווײַבל!

— אָ, יאָ! נאָר איר האָט אַ טאָעס, מיסטער האַרלאָו, אויב איר דענקט וועגן איר שלעכטס. ווי מאָדנע דאָס זאָל אײַך ניט אויסזען, האָט מיר די פרוי מיט איר אויפפירונג דערוויזן, אַז טראָץ אַלעמען, זײַנען מיר גאָר גרויסע כאַזיירים.

— וואָס? — האָט מיסטער בראַון אַ געשריי געטאָן.

קאַפּיטל VI

דער שאַמאַן קאַראַגוע האָט צוויי נעכט נאָכאַנאַנד געקלאַפּט אינעם פּײַקל לעקאָוועד דעם גליקלעכן פאַרקויף, וואָס זײַן זון האָט געמאַכט. ער האָט גערופן די גײַסטער מיט אַזאַ ברען וווי קיינמאָל ניט און טיילמאָל איז ער דערגאַנגען ביז עקסטאַז. אַליטעט האָט פרײַגעלאָזט די פרייד זײַנע און שוין צוויי טעג אַז ער הערט ניט אויף טרינקען. נאָך דעם שווערן און לאַנג־פאַרצויגענעם האַנדל מיט דעם כיטרע נאָרד־אַמעריקאַנער, פילט ער זיך מיד און צעבראָכן. דערפאַר אָבער וועט אין ענמאַקײַ זײַן אַן עמעסע האַנדלס־„יאַראַנגאַ”, אַזאַ גרויסע ווי באַ טשאַלי די רויטע נאָז. און באַלעבאָס וועט זײַן אַליטעט גופע.

צוריק מיט צוויי טעג זײַנען פינף יאַטן אַרויסגעלאָפן איבער די ברעג צו וויסן טאָן די נאָמאַדן הירשן־פּיטערער די גליקלעכע בסורע: אַליטעטס קומענדיקן פאַרקויף. די יאַטן זײַנען געלאָפן אַן אָפּרו. די שליכים פון אַזאַ וואַזשנער בסורע האָט מען אויפגענומען ווי דעם בעסטן פרײַנט און מען האָט זיי געזעטיקט מיט די בעסטע שטיקער הירשן־פליייש, און — אַלץ קען פּאַסירן — אַ פּיטערער קען אײַנפאַלן אויס ברייטהאַרציקייט אַ הירשן־פעל שענקען צו שיצן אים אום ווינטער פון קעלט.

אַפן סאָף פונעם פערטן טאָג האָבן זיך אָף די רוקנס פון די בערג גע־נומען באַוויַיזן די מענטשן. געשפּאַנט האָבן זיי אָף די שטעקנס אָנגעשפּאַרט און אָף די פּלייצעס אָנגעהאָנגען זעק פון פאַקע־פעל. נאָר אין די זעק איז קיין איין פעל ניט געווען: אַלע פעלן האָט אַליטעט געהאַט אויפגעזאַמלט נאָך האַרבסט־צײַט, ווען דער שניי איז נאָך געשטאַנען. אַליטעט איז דעמאָלט שנעל אַרומגעפאָרן איבער די נאָמאַדן־לאַגערס און האָט פאַרנומען די פעלן צו זיך אין שליטן.

קיין ענמאַקײַ זײַנען אויך געקומען מענטשן, וואָס האָבן אַליטעטן גאָר־ניט געהאַט געגעבן. זיי פילן אָבער אַ גרויסע נויט אין פּראָדוקטן און זיי גלייבן, אַז אַליטעט וועט זיי דעריין ניט אָפּזאָגן.

מען האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזויפיל מענטשן און אַזאַ באַלעבאַט־

קייט אינעם ענמאַקײַ־לאַגער. דער אוילעם שטראָמט פון אַלע זײַטן. אין גאַס האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ ריזיקן קעסל, ווו עס זידט דער טיי און יעדער קען טרינקען וויפל ער וויל. דערצו נאָך מיט צוקער. דער אוילעם שמועסט פון ערשט־געבוירענע הירשלעך, מען דערציילט זיך אויס אַלע פּראָטים פּו־נעם לעבן אין זייערע לאַגערס און צום שמועסן נעמט גאָר קיין סאָף ניט.

דער האַנדל האָט זיך אָנגעהויבן מיטאָג־צײַט. אַליטעט האָט געעפנט די קראָם און דער אוילעם האָט זיך אַרײַנגעשטופּט דורך דער שמאָלער טיר. אַליטעט הייסט זיי אַלעמען זיך אויסקלײַבן די סכוירע וואָס זיי דאַרפן. יע־דער איינער זאָל באַטראַכטן וואָס ער דאַרף אין שטוב אַרײַן. נאָר קיינער טראַכט ניט, קיינער באַשרענקט זיך ניט. אַלע נעמען דאָס וואָס זיי דאַרפן. נאָר דאָס וואָס זיי דאַרפן. יעדער איינער נעמט זיך אַרײַן אין זיקאָרן, וואָס ער האָט גענומען און ווען אַליטעט זאָל זיי פרעגן אין צוויי יאָר אַרום וואָס און וויפל זיי האָבן גענומען, וועלן זיי אים ענטפערן און וועלן אַ נאָדל ניט פאַרפעלן אָדער אַ פּודעלע שוועבעלעך.

אין איין פּונקט נאָר איז באַשרענקט די פרײַהייט פונעם אויסוואַל: יעדער איינער מוז נעמען וויניקסטנס פינף קלעצער אַף פּאַסטקעס.

אין אַ ווינקל שטייט אַ קליין קעסטל געפּרעסטער טאַבאַק. דער אוילעם גייט צו, שטאָפּט אָן די ליולקע און רייכערט.

אין קראָם רייכערט יעדער איינער און דער רויך שפּאַרט פון דער טיר ווי פון אַ שיפס־קוימען. די וואָס זײַנען געוווינט צו קײַען טאַבאַק, גייען צו צו אַן אַנדער קעסטל. אין די בערג מוז מען שפּאָרן טאַבאַק: דאָרט קען מען זיך ניט אַזויפיל אָנרייכערן און אַזויפיל קײַען ווי דאָ. ווער ווייסט עס זאָגן, אַז ס'איז ניט קיין עמעסע סימכע!

די יעגערס וואָס האָבן נאָך אַליטעטן קיין איין פעל ניט געגעבן, נעמען אויך סכוירעס. זיי וועלן אים אַמאָל אָפּצאָלן מיט פעלן. און אַליטעט שטייט צו צו זיי:

— נעמט, נעמט, נעמט אַלץ וואָס איר באַדאַרפט האָבן! נאָר פאַר־געסט ניט נעמען קלעצער. ווייסט איר אין קומענדיקן יאָר ניט פאַנגען קיין פוקסן, וועט איר מיר געבן ווען איר וועט האָבן.

אַליטעט קען יעדן יעגער. ער איז פריילעך. ער גייט אום הין און צוריק צווישן אוילעם. דער אוילעם קלײַבט און אײַלט זיך ניט. ער לייגט אַרײַן אין די זעק און גייט זיך אַרויס.

אַליטעטן וואַקסט דאָס האַרץ פאַר פרייד פונעם געדרענג באַ אים אין קראָם. נאָך בעסער וועט זײַן ווינטער־צײַט, ווען ער וועט ווידער אַרויספאָרן מיטן שליטן צווישן די לאַגערס און אויפזאַמלען די ווײַסע און רויטע פוקסן און וואָס נאָר עס וועט זיך מאַכן. ער וועט אָפּילע ניט אַ קוק טאָן אַף די־פעלן. ער וועט נאָר זאָגן: „טראָגט זיי אַרויס אָפּן שליטן". וויפל פעלן ער וועט דעמאָלט אויפזאַמלען! די צאָל פּאַסטקעס אין דער טונדרע וועט איצט פאַרטאָפּלט ווערן.

אַליטעט האָט צוגערופן טומאַטוגען און אים געזאָגט:

— פאַראַן אין אונדזער לאַגער אַ סאַך צוגערײַזטע פון ווײַט. זאָל יעדע „יאַראַנגאַ" אַרײַננעמען צו זיך פינף אָדער צען מענטשן און זיי געבן פלייש צום עסן. פלייש קענט איר נעמען באַ מיר אין גרוב.

— פאַרשטאַנען! — האָט טומאַטוגע אַ געשריי געטאָן און האָט זיך געלאָזט לויפן די יעדיע ברענגען צו די „יאַראַנגאַס".

קאַפּיטל VII

דער פּאָלאַרער זומער 1923 איז באַזונדער גינסטיק געווען פאַר יאַם־רײַזעס. אַ קרישטאָלן וואַסער האָט געוואַשן דאָס ברעגלאַנד, און די גאַנצע שווערע מאַסע אײַזבלאָקן, געטריבן פון די דאָרעם־ווינטן, וואָס האָבן אין יענער צײַט פון יאָר געבלאָזן, איז אַוועק צו צאָפן.

די שיף „סאָוויעט” איז דעם ערשטן מאָל אַריבער דעם בעהרינג־פּאַס. געגאַנגען איז זי צום קאָלימער ברעג. אין משך פון יאָרן, איז די דאָזיקע געגנט, ווו די רעשטן פון די ווײַסגוואַרדײַישע באַנדעס האָבן געשטערט דאָס פרידלעכע לעבן פון די צאָפן־פעלקער, פון קיינעם ניט פּראָוויאַנטירט געווען.

אַף דער שיף זײַנען געווען: טאָלסטוכין, נאַטשאַלניק פון אַ באַזונדערן אָפּטייל, און לאָס, דעלעגאַט פונעם קאַמטשאַטקער געגנטלעכן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט פאַר טשוקאָטקער קרײַז.

— נו, לאָס, באַטראַכט דײַן באַזיץ. הײַנט דאַרפסטו אָפּשטײַגן. ווי נאָר מירן אַרײַן אינעם ענגפּאַס, וועסטו דערזען דײַן רעזידענץ. — האָט טאָלסטוכין אים געזאָגט.

— וועל איך, הייסט עס, דערזען מײַנע מאַרסיאַנער?

— וואָסערע מאַרסיאַנער מיינסטו?

— ווייסט ניט? די היגע מענטשן וווינען דאָך ווי אַף אַן אַנדער פּלאַנעט!

— יאָ. אַ ראַכוועסדיק לאַנד ליגט פאַר דיר. נעם פיר עס! נאָר פאַרגעס, ברודער, דײַן געפּאַנצערטן צוג. וועסט דיך איצט מוזן צוגעוווינען צו די שליטנס מיט הינט.

— דאָס איז ניט וויכטיק. איכל מיך צוגעוווינען צו די הינט ווי צום געפּאַנצערטן צוג. — האָט ער ערנסט געענטפערט.

דער דעלעגאַט לאָס איז געווען אַ מענטש פון ריזיקער הייך, שפּאָרעוודיק אַף רייד און געמעסיקט אין באַוועגונג, נאָר שנעל אין באַשלוסן און מײַסים. ווי נאָר לאָס, געוועזענער שעף פון אַ געפּאַנצערטן צוג, איז אָנגעקומען קיין קאַמטשאַטקע, האָט מען אים געשיקט אין טשוקאָטקער קרײַז.

לאָס האָט געהאַט אַ ניט קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער געגנט און זײַן בליק פאָרשט איצט דאָס פּוסטע, פעלדזיקע און ניט באַלעבטע לאַנד.

דער בעהרינג־פּאַס זעט אויס ווי אַ שטילע אָזיערע, וואָס ווערט דורכגעשניטן פון די לעדערנע פּיראָגעס מיט יעגערס, וואָס זייערע וווינונגען שטייען אַף דעם אָפּגעהאַקטן ברעג. די „יאַראַנגאַס” אין קרומע שורעס פאַרשטעקט צווישן די פעלדזן, זעען אויס ווי פייגלשע נעסטן.

מאָדנע ווי די יעגערס האָבן זיך אויסגעקליבן אַזאַ ניט באַקוועם אָרט פאַר זייערע וווינונגען. נאָר זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו דעם אָרט און האָבן עס אַפילע ליב באַקומען. פון קינדווײַז קענען זיי יעדן פעלדז, יעדן שפּיץ, יעדן באַרג־רוקן. די באַוווינער פון דעם לאַגער לויפן מיט זייערע ווייכע סאַנדאַלן איבער די אַרויסגעשטאַרצטע באַרג־טרעפּ אַזוי גרינג ווי די באַרגיקע ציגן. ווען עס וואָלטן דאָרט קיין שטיינער ניט געווען, וואָלטן זיי זיך געלאַנגווײַליקט לויפנדיק איבער די פליינען. דער מאָרזשן־יאַגד איז דאָ שטענדיק אַ געלונגענער. גרויסע סטאַדעס מאָרזשן גייען דורך דעם פּאַס ווי דורך אַ ברייטן טויער, צום אײַז־יאַם. און דאָרט ווו מאָרזשן, דאָרט איז פאַראַן לעבן. דאָ ענדיקט זיך דאָס לאַנד. צו דאָרעם־מיזרעך, אַף דער צווייטער זײַט פּאַס, זעען זיך די דײַטלעזע קאָנטורן פון די אַלאַסקער בערג.

דער נעפּל איז זיך צעשווומען און די זון, אַ ביינהאַשמאַשעסדיקע, איז ווידער אַרויסגעקומען. צום ברעג צוגעקלעפּטע, ווי גרויע פלעקן, זעען זיך די שטילע טשוקטשישע „יאַראַנגאַס".

— אַ שאָד וואָס איך האָב פריִער ניט שטודירט די געגנט. — האָט לאָס געזאָגט. — מײַן גאַנצע באַקאַנטשאַפט מיט דער געגנט ענדיקט זיך דערמיט וואָס איך האָב זי אויסגעמאָסטן אַפן קאַפּיטאַנס מאַפּע... אוי, איז דאָס אַ קרײַז! פיר הונדערט טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער!

— ווער, מײַנסטו, זאָל דיך געווען אינפאָרמירן? מיר האָבן נאָך ניט קיין סאָוועטישע ספּעציאַליסטן אַף דעם געביט. — האָט טאָלסטוכין געזאָגט.

— דעם ווינטער האָט מען פון פּעטראָפּאַוולאָווסק אַהער געשיקט, מיט אַ שליטן, איינעם זייער אַ קלוגן יאַט. — האָט לאָס ווײַטער אַנגעמערקט. — ער האָט זײַן שטודיום פאַרענדיקט אינעם געאָגראַפישן פאַקולטעט. ער קען שפּראַכן. אַפילו טשוקטשיש קען ער ריידן. אַן אַלטער פּראָפעסאָר האָט אים אויסגעלערנט. ס'איז מיר אַ שאָד געווען מיט אים זיך צו שיידן ווען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַף זײַן ווײַטער רײַזע. איז ער אַהער דערגאַנגען אָדער ניט?

— ווער ווייס! ניטאָ דאָ קיין איין קוואַדראַט־קילאָמעטער ערד פון וואַנען מען זאָל קענען שיקן אַ ראַדיאָגראַמע. דאָ קען מען מיט אַן עמעס זאָגן, אַז ווער עס גייט אַראָפּ פון דער שיף באַ די ברעגעס, ווערט ער שפּור־לאָז פאַרפאַלן.

אין דער ווײַט האָבן זיך באַוויזן אינדזלען. צוויי גרויסע שטיין־בלאָקן.

דער קאַפּיטאַן זאָגט, אַז איינער איז אונדזערער און דער אַנדערער, דער קלענערער, איז אַ נאָרד־אַמעריקאַנער. — האָט לאָס געזאָגט און האָט זײַנע שאַרפע אויגן אײַנגעשטאָכן אין דער ווײַט. דערנאָך האָט ער זיך אומגעדרייט צו זײַן כאַווער און געזאָגט: — טאָלסטוכין גיב מיר אַהער דײַן בינאָקל. — לאָס האָט לאַנג געקוקט און אים צוריקגעגעבן: — איצט קוק דו! איך זע אַ צוויי־מאַסטן־שיף. דאָ האָבן מיר אונדזער ערשטע באַגעגעניש.

— וואַרט, וואַרט, לאָס. צי איז עס ניט די נאָרד־אַמעריקאַנער „ביטשײַ־מאָ", וואָס פירט אירע אויפקויפער צום טשוקאָטקער ברעגלאַנד. געדענקסט וואָס מען האָט געזאָגט אינעם געגנטלעכן רעווקאָם? אַ נו, ווײַז מיר דעם בינאָקל.

טאָלסטוכין האָט באַקוקט דעם האַריזאָנט און האָט פעסטגעשטעלט:

— ס'איז אַ קליינער גאַליאָט.

די צוויי מענטשן האָבן די אויגן ניט אַראָפּגענומען פונעם גאַליאָט. פון אָנהייב איז ער געגאַנגען אין דער ריכטונג צו דער „סאָוויעט", נאָר דערנאָך האָט ער פאַרקירעוועט צו די אינדזלען.

— עפּעס האָט ער דאָרט אַ פרעמדשפּראַכיקע אויפשריפט. קום אַרויף אַפן בריקל, לאָס, דער קאַפּיטאַן וועט אונדז שוין אויפקלערן וואָס דאָס איז.

— קוקט, קאַפּיטאַן, וואָס שווימט עס דאָרט? — האָט לאָס געזאָגט און אים געגעבן אַ בינאָקל.

— איך האָב עס שוין געזען. מײַנע פעלדגלעזער זײַנען אַ ביסל בעסערע ווי אײַערע. דאָס איז דער שמוגלער־גאַליאָט „פּאָלאַר ביר", וואָס דאָס מיינט „פּאָלאַרער בער". אַ באַרימטע שיף! נאָר זאָל אײַך אַפילו אַפן געדאַנק ניט קומען איר נאָכצויאָגן. דער גאַליאָט געפינט זיך איצט אין עקסטראַטעריטאָ־

ריעלע וואַסערן. הײַנט וועט ער זײַן באַ די אַלאַסקער ברעגעס. — האָט דער קאַפּיטאַן אויפגעקלערט.

אַלע דרײַ האָבן זיי געקוקט אין דער ווײַט צום גאַליאָט, וואָס האָט זיך שוין געהאַט דערווײַטערט, און האָבן פֿאַרייכערט.

— נו, כאָוועד לאָס, דאָ וועלן מיר זיך שיידן. איכל עפּשער אָפּטרעטן דאָ צו גאַסט אַף צוריקוועגס, אויב דאָס אײַז וועט מיך ניט בלאָקירן. — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט.

— וואָס ? דאָ שוין מוז איך אַראָפּגיין ?

— יאָ, יאָ. גרייט צו דעם אַנקער.

שפּעטער אַ ביסל איז די שיף „סאָוויעט" אַרײַן אין דער בעכטע און האָט דעם אַנקער אַראָפּגעלאָזט קעגנאיבער אַ גרויסן ייִשעוו מיט „יאַראַנגאַס". די סירענע פֿון דער שיף האָט זיך צערעוועט.

אַ פּיראָג־שיפּל איז שנעל צוגעקומען צו דער „סאָוויעט".

— לאָס, לאָס, קום אַהער ! דײַנע מאַרסיאַנער קומען. — האָט טאָלסטוכין געשריגן.

לאָס איז צוגעלאָפֿן צום באָקבאָרט און האָט אינעם שיפּל צווישן די יעגערס דערקענט זשוקאָוון. אַ פֿריילעכער שמייכל האָט לאָסן באַלויכטן דאָס פּאָנעם.

— אַנדריושקאַ ! — האָט ער געשריגן. — סאַראַ פֿרייד דיך צו טרעפֿן דאָ ! קום שנעלער אַרויף. מיר ווילט זיך שטאַרק דיך אַרומנעמען.

— באַלד, באַלד, ניקיטאַ סערגייעוויטש. — האָט אים זשוקאָוו געענטפֿערט און איז אַרויף איבערן לייטער.

לאָס האָט אַרומגעכאַפּט אַנדרייען ווי מיט צוואַנגען. לאַנג האָט ער אים אַזוי געהאַלטן און דערנאָך איז ער אָפּגעטראָטן אַ פּאָר טריט און אים אַלץ געטאַפּט מיט די הענט :

— איך קוק אַף דיר און מיר דוכט זיך איך בין אַהיימגעקומען !

— איך וואַרט שוין אויך אַף דיר, ניקיטאַ סערגייעוויטש. ווי שטאַרק איך האָב געבענקט נאָך דיר.

— אין די מענטשן וואָס דו האָסט מיט זיך אין שיפּל ? ווילע מענטשן ?

— פֿרײַנט מײַנע, ניקיטאַ סערגייעוויטש. איך האָב שוין דאָ אַ סאַך פֿרײַנט. וווּנדערלעכע מענטשן !

— גוט אַזוי, גוט ! קום אַהער, פֿאָרשער, שטעל מיך פֿאָר !

קאַפּיטל VIII

דער ווינטער האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן, נאָר גרויסע אײַז־בלאָקן פֿאַרשטעלן שוין דעם ענגפּאַס. דער פּאָלאַרער זומער איז אַזוי שנעל אַוועק, ווי ער וואָלט גאָרניט געווען. עס שנייט. צאַפּן־ווינטן יאָגן, דער שטורעם רוישט. די וווינונגען זײַנען אונטער בערג מיט שניי באַגראָבן.

צווישן די „יאַראַנגאַס" שטייט דאָס פּירעקיקע שטיבל פֿונעם דעלעגאַט פֿון געגנטלעכן רעווקאָם. דאָס שטיבל שיידט זיך אונטער פֿון די קאָנוס־אַרטיקע „יאַראַנגאַס" דערמיט וואָס דאָס איז לײַכטער פֿאַרשאָטן געוואָרן מיטן שניי און די שניי־בערגלעך אַרום דעם הייבן זיך העכער. דאָס הויז איז באַלד אינגאַנצן פֿאַרשאָטן אונטערן שניי און דער רויך פֿונעם קוימען שפּאַרט, דוכט זיך, פֿונעם שניי גופֿע.

— עס שאַדט ניט וואָס מיר זײַנען פאַרשאָטן. — האָט זשוקאָוו געזאָגט. — מיר האָבן ניט מיט וואָס דעם אויוון אונטערצוהייצן און אין שניי איז ניט קאַלט.

די „סאָוויעט" האָט זיך געאײַלט אָנקומען קיין קאָלימאָ און האָט ניט אויסגעלאָדן אַלץ וואָס דער רעווקאָם האָט נייטיק געהאַט. דער קאַפּיטאַן האָט צוגעזאָגט דאָס אויסצולאָדן צוריקצוועגס, נאָר מען הערט אים ניט און מען זעט אים ניט. איצט קען מען זיך גאָרניט דערוויסן וועגן אים. עפּשער איז ער פאַרבײַגעפאָרן, עפּשער איז ער ערגעץ צווישן אײַז פאַרשטעקט?

דאָס אָרט ווו דער טשוקאָטקער רעווקאָם האָט זיך אײַנגעאָרדנט פאַרנעמט פּופציק קוואַדראַט־מעטער. די הינטערשטע טייל שטיבל איז דער שלאָפצימער פאַר לאָסן און זשוקאָוון. אַ געבלימטער סיטצענער פאָרהאַנג פאַרשטעלט זייערע בעטלעך. צווישן די בעטלעך שטייט בלויז אַ נאַכט־טישל.

דער ביוראָ־צימער האָט אַ מער אימפּאָזאַנטן אויסזען. דאָ שטייען צוויי שרײַבטישן, צוויי ווינער שטולן און אַ באַנק געמאַכט פון אַ היימישן באַלמעלאָכע.

לעבן דער טיר, צו דער וואַנט צוגעשפּאַרט, שטייט אַן אַלמער מיט אַ גרויסן שלאָס און אַ פאַרכאַסמעטן פּרענט. דאָס איז דער בריווקאַסטן. אויבן, איבערן שפּאַלט, איז אויסגעמאָלט אַ קאָנווערט מיט אַ מוסטער פון אַן אַדרעס, מיט דער האַנט געשריבן:

פּעטראָפּאַוולאָווסק, קאַמטשאַטקאָ,
געגנטלעכער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט.
דעלעגאַט פון קאַמטשאַטקער געגנטלעכן רעווקאָם
טשוקאָטקער קרײַז. נומער 123.

דער ריזיקער בריווקאַסטן דאַרף געעפנט ווערן ערשט ווען די נאַוויגאַציע וועט זיך אָנהייבן, ווען די שיף וועט קומען.

אינעם לאָקאַל פונעם רעווקאָם איז קאַלט. קוילן נוצט מען נאָר צום קאָכן. לאָס, אין אַ הירשן־פּעלענעם יאַק און ברייטע פוטערנע הויזן, זיצט באַם טיש. ער טראָגט אַן אַלט רויטאַרמייִש היטל. די בלאָנדע לאָפּעטע־באָרד דעקט אים צו די ברוסט.

לאָס האַלט דעם קאָפּ אַראָפּ און איז טיף פאַרקלערט. ער זעט אויס פאַרנומען מיט לייזן אַ האַרבע פּראָגע. ווען ניט ווען הייבט ער אויף דעם קאָפּ, און דעמאָלט זעט מען אונטער די געדיכטע ברעמען זײַנע בלויע, גלאַנציקע און לעבעדיקע אויגן.

זשוקאָוו שפּאַנט אום איבערן קליינעם צימער און רעדט וועגן די אַרטיקע מענטשן. אויך ער איז אָנגעפּעלצט. די פוטערנע „טאָרבאַזן" באַם גאַרטל צוגעשפּיליעט און דאָס פוקסענע היטל מיט די לאַפּן ביזן גאַרטל, מאַכן אים נאָך העכער.

— דאָס וואָס דו דערציילסט, איז זייער אינטערעסאַנט. — האָט זיך לאָס אָנגערופן און זיך אײַנגעהערט צום געריוש פונעם שטורעם.

לאָס איז אין זײַן צײַט געווען אַ גוטער מאַשיניסט. נאָר פון זינט עס איז מער ניט נייטיק צו פירן קיין געפּאַנצערטע צוגן, האָט ער קיין לאָקאָמאָטיוו ניט אָנגעקוקט. ס'לעצטע מאָל, ווען ער איז פאַרבײַגעגאַנגען אַ וואָקזאַל אין וולאַדיוואָסטאָק, איז ער שטיין געבליבן באַ די רעלצן און האָט לאַנג זיך אײַנגעהערט צום פײַפן פון די סאָוועטישע לאָקאָמאָטיוון, וואָס לויפן לענג־

אויס די ברעגעס פון שטילן אָקעאַן. נאָר דאָ, בײַ די ברעגעס פונעם אײַז־יאַם, הערט מען נאָר דעם שטורעם רוישן און דאָס קנאַקן פונעם פּאָלאַרן אײַז.

— אַנדריי, וואָסערע אינסטרוקציעס האָסטו באַקומען פונעם געגנט־לעכן קאָמיטעט און ווען ביסטו אַהער אַרויסגעפאָרן ?

— פאַר אַלעמען, ניקיטאַ סערגייעוויטש, האָט מען מיר רעקאָמענדירט זיך צו באַקענען מיט דעם לאַנד און מיט דעם פאָלק. דאָס אייגענע האָט מיר געזאָגט דער פּאָרזיצער פונעם געגנטלעכן רעווקאָם, וואָלני : פאַרנעם דיך דערווײַל מיט שטודירן דאָס פאָלק און נעם אָפּן אויגן אַלע סאָכרים.

— קען מען, הייסט עס, אָנהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט פּעטראָפּאַוו־לאָווסק אַף שליטנס ?

זשוקאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן :

— אַוואַדע קען מען. אַזוי בין איך אַהער געקומען. פּראַקטיש, אָבער, טויג עס ניט. די רײַזע האָט מיר גענומען פיר כאַדאָשים.

לאָס האָט זיך געביסן די באָרד און זיך אָנגערופן :

— צום טײַוול ! ווי וועלן מיר דאָ לעבן ? פון שיף צו שיף ? מען דאַרף זען אויספויעלן אַ ראַדיאָ־סטאַנציע דאָ אַוועקצושטעלן... נו, ווײַטער, אַנ־דריושאַ, דערצייל.

זשוקאָוו האָט ניט אויפגעהערט שפּאַנען איבערן צימער און גערעדט :

— פון אַדמיניסטראַטיוון שטאַנדפּונקט האָט מען דאָס לאַנד ערשט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ קורצע צײַט פאַר דער רעוואָלוציע. דער צאַרישער קרײַז־נאַטשאַלניק האָט אין 1915 געפּרוווט אײַנפירן די סיסטעם פון „סטאַ־ראָסטעס”, נאָר אים איז עס ניט געלונגען. דעם נאַטשאַלניק האָבן פּאַר אַלעמען אינטערעסירט די פוטערס פונעם קאַזיאָנעם סקלאַד און האָט טאָג ווי נאַכט געשיקערט. די קאָזאַקן זײַנען ניט אָפּגעשטאַנען פון זייער נאַטשאַלניק. אין 1916 האָט דער קרײַז־נאַטשאַלניק דיאַדיענקאָ, איידער ער איז געשטאָרבן פון אַ „דעליריום טרעמענס”־אָנפאַל, פאַרזאָגט מען זאָל אים באַגראָבן אַף אַ הויכן באַרג וואָס באַזוימט די בוכטע „פּראָווידיעניִע”, קעדיי ער זאָל פון דאָרטן זען די שיפן פאַרבײַגיין”.

— אַ כיטראַק אַן אוקראַיִנער ! דאָס האָט געמוזט זײַן מײַנער אַ לאַנדס־מאַן — האָט לאָס מיט אַ שמייכל באַמערקט.

— דאָס לאַנד פירט זיך לויט די געזעצן פון אַ הײַפל שווינדלערישע סאָכרים. עס וווינען דאָ אויך אַזעלכע וואָס זײַנען געקומען פון אַלאַסקאַ.

— מירן זיי געבן דעם וועג ! — האָט לאָס האַסטיק אַ זאָג געטאָן.

— עס האַנדלט זיך וועגן מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. — האָט זשוקאָוו אים אויפגעקלערט : — נאָרוועגער, דענעמאַרקער, נאָרד־אַמעריקאַנער, לעטן, אָסעטינער, רוסן, אינגושן, אוקראַיִנער. פאַראַן אויך אַ דײַטש און אַן עסטרײַכער אַ באַפּטיסט, אַ געוועזענער מילכאָמע־געפאַנ־גענער. אַ סאַך זייערע האָבן כאַסענע געהאַט מיט טשוקטשי־ווײַבער אָדער מיט עסקימאָסישע, און האָבן זיך דאָ אַקלימאַטיזירט. ביכלאַל נוצן זיי אויס זייערע פאַמיליע־פאַרבינדונגען צום האַנדל. די אָרטיקע קולאַקעס דינען ווי פאַרמיטלער צווישן זיי און דער גרויסער צאָל נאָמאַדן הירשן־פיטערער. די אײַנגעוואַנדערטע פירן אַלע אַן אָפּגעזונדערט לעבן און האָבן בלויז באַציִונגען מיט די אַלאַסקער גאַליאָטן...

— דאָס מאַכט ניט אויס ! מירן דאָס גאַנצע געזינדל אַרויסקערן פון דאַנען, אַנדריושאַ. נאָר, ווי איך זע, האָסטו אַ פעסטע יעדיִע אין דעם אַלעמען.

— נאָך אין פּעטראָגראַד האָב איך דאָס לאַנד שטודירט לויט די ביכער פונעם שרײַבער און עטנאָגראַף טאַן־באָגאָראַז.

לאָס האָט צוגעשאָטן אַ ביסל קוילן אין אויוון און האָט פונאַנדערגע־שאַרט דעם זשאַר.

— מער ווי אַלץ וווּנדערט מיך, ניקיטאַ סערגייעוויטש, די אויסערגע־ווײנלעכע ליבע, וואָס מענטשן פילן דאָ צו קינדער. דערוואַקסענע ריידן מיט זיי ווי מיט זייער גלײַכן. און מאָדנע, זיי בעטן באַ זיי אָפט אַן אייצע. אַ סאַך יעגערס, און גאַנץ אַלטע, האָבן מיט מיר פרײַנטשאַפט געשלאָסן, ווײַל זיי האָבן געזען, אַז איך באַנעם מיך גוט מיט קינדער.

יענע נאַכט האָט לאָס לאַנג געשריבן באַ דער שײַן פון אַ קליינעם נאַפט־לעמפּל. ווען ער האָט אַוועקגעלייגט דעם בלײַער אַפן טיש, האָט ער פאָר־זיכטיק צונויפגעלייגט דאָס פּאַפּיר און האָט עס דערלאַנגט זשוקאָוון:

— דאָס איז וועגן קאָמוניקאַציעס. מיר מוזן בלײַבן מיט אַ קאָפּיע. עס וועט אונדז צונוצקומען באַם צונויפשטעלן דעם יאָר־באַריכט.

זשוקאָוו האָט דאָס פּאַפּיר אַרײַנגעלייגט אין אַ קאָנווערט און אַרײַנגע־וואָרפן אין בריווקאַסטן.

אין צימער זײַנען אָן שום מוירע אַרײַנגעלאָפן עטלעכע יאַטלעך און אַ מיידל.

— זעצט זיך אַוועק — האָט לאָס געזאָגט און האָט זיי צוגערוקט די באַנק.

— דאָס זײַנען מײַנע שילער, ניקיטאַ סערגייעוויטש, טייל האָבן זיך שוין אויסגעלערנט אַ ביסל לייענען. זיי ווילן נאָך עפּשער זײַן קאָמיוגיסטן.

— אומבאַדינגט ווילן זיי זײַן!

די קינדער האָבן דערהערט בילן שליטן־הינט און זײַנען אַרויס אַף דער גאַס.

— כ'האָב דיר געזאָגט, אַנדריי, אַז זיי ווילן זײַן קאָמיוגיסטן. נאָר מיר קענען דאָ ניט אָרגאַניזירן ניט קיין פּאַרטיי־קעמערל און ניט קיין קאָמיוג־קעמערל. דער איינציקער פּאַרטיי־מיטגליד דאָ, אין דעם גרויסן לאַנד, בין איך, און דו ביסט דער איינציקער קאָמיוגיסט. ערגער פון אַלץ איז וואָס מיר האָבן קיין קאָמוניקאַציע ניט... אַלע פראַגן וואָס מיר ווילן שטעלן מיט דער „פּאָסט“, ווילן אַהין קומען ערשט איבעראַיאָר זומער און אין אַ יאָר אַרום ווילן מיר באַקומען ענטפער. דאָס איז די שווערקייט, פרײַנט מײַנער! ווי קען מען אַזוי אַרבעטן? דאָס איז דיר ניט קיין געפּאַנצערטן צוג פירן!

— און דער דעלעגאַט פונעם געגנט־קאָמיטעט האָט, מיט אַ ביטערן שמייכל, גענומען אַ „קוכליאַנקע“ אַף די פּלייצעס און איז אַרויס אין גאַס.

לאָס האָט אויך ליב געהאַט קינדער און די יאַטלעך האָבן זיך צוגעוווינט צו דעם בערדיקן מענטשן. די יונגוואַרג פלעגט אים נאָכלויפן און שרײַען:

— רוסקע לאָס! רוסקע לאָס!

לאָס פלעגט אַרײַננעמען אַ יאַטל אין זײַנע פעסטע הענט, אים אויפהייבן אין דער הייך און אים טרייסלען אין דער לופטן. ווײַבער פלעגן זיך אָפּשטעלן אַף די טירן, קוקן און לאַכן מיט באַהאַלטענע פּענעמער אין די ברייטע אַרבל פון זייערע „קוכליאַנקעס“.

מיט זײַן גאַנצער גוטסקייט און אויבנאויפיקער לאַנגזאַמקייט, איז לאָס געווען אַ מענטש מיט אַן אײַזערנעם ווילן, מיט שנעלן באַשלוס און אימפּע־טיקער ענערגיע.

אַלס באַרימטער נאַטשאַלניק פון אַ געפּאַנצערטן צוג בעייסן בירגער־קריג, האָט ער געהאַלטן אין דער מוירע אַ כיטרע און גרויזאַמען סוינע. אויך די יאַפּאַנישע אַרײַנדרינגער האָבן ניט איינמאָל אויסגעפּרוווט אַף זיך זײַנעם אַ קלאַפּ, אַ טרעפלעכן, אַן ענערגישן און אַ געוואַגטן. לאָס האָט געקענט געפינען אַן אויסוועג אין די שווערסטע און געפערלעכסטע סיטואַציעס. דאָס איז געווען זײַן סטיכיִע.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך געפילט ווי געקלעמט אין אָט דער פּאַר אים נײַער און ניט געוויינלעכער לאַגע. לאָס פלעגט זיך אײַנהערן צו די רייד פון זײַן יונגן פרײַנט אַנדריי, וואָס האָט אַ סאַך צײַט אָפּגעגעבן — ער האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען — אַף שטודירן די געגנט און האָט זיך נאַטירלעך געפונען אין אַ בעסערער לאַגע לעגאַבע אים, ווען אַפילע נאָר דערמיט וואָס ער קען די שפּראַך און די געוווינהייטן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

לאָס האָט געליטן דערפון וואָס ער קען ניט די שפּראַך. עס האָט זיך אים אַזוי שטאַרק געוואָלט ריידן.

„דער דעלעגאַט פונעם רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, האָט ער זיך געטראַכט, גיט זיך אָפּ מיט נאַרישקייטן! ער וואָלט געקענט ריידן מיט די מענטשן וועגן דער סאָוועטישער מאַכט, וועגן דעם ווי בעסער צו אָרגאַניזירן דאָס לעבן אין דעם לאַנד”.

— אַנדריושאַ, — פלעגט לאָס זאָגן צו זשוקאָוון. — איך קען אָן דיר אין גאַס ניט אַרויסגיין. קום! קום, לאָמיר ריידן צום פאָלק!

דער אוילעם פלעגט זיך צונויפקומען צו עמעצן אין אַ גערוימער „יאַראַנגאַ” און ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט זיך ציִען דער שמועס, וואָס זשוקאָוו פלעגט מוזן איבערזעצן פון רוסיש אַף טשוקטשיש און פאַרקערט.

אַפן אַנדערן טאָג פלעגן די נײַסן, וואָס מען האָט זיך דערוווסט פון די שמועסן, זיך פונאַנדערגיין, ווי אַ גערעדטע צײַטונג, פון איין זײַט ברעג ביזן צווייטן. דער אָרטיקער „טאָרבאַזן”־טעלעגראַף פלעגט זיי מיט אַן אומגעהײַערער שנעלקייט פאַרשפּרייטן פון לאַגער צו לאַגער, פון יעגער צו יעגער.

דער אוילעם וואָס האָט געווינט ווײַט אַפן ברעגלאַנד און האָט נאָך ניט געהאַט געזען דעם רוסישן נאַטשאַלניק, האָט שוין געוווּסט וועגן אים אַ סאַך זאַכן.

לאָס פלעגט לערנען גאַנצע טעג און אָפּט אויך דורך די נעכט, די טשוקטשי־שפּראַך. דער העפט פאַרוואַנדלט אין אַ ווערטער־בוך, איז שוין געווען גאַנץ דיק און עס האָט אים געקאָסט צײַט אויפצוזוכן דאָס נייטיקע וואָרט. לאָס האָט צוגעטראַכט אַ ספּעציעלע פונאַנדערטיילונג פון די ווערטער און פראַזן און האָט פונסנײַ איבערגעשריבן דעם גאַנצן העפט.

אין איין העפט האָט ער אויסגעשטעלט די ווערטער לויטן אַלעפבייס און אין אַ צווייטן האָט ער פאַרשריבן די פראַזן אונטער אַ ספּעציעלן קאָפּ. „געוויינלעכע געשפּרעכן”, „האַנדלס־געשפּרעכן”, „געשפּרעכן איבער הינט” און אַנדערע אַזעלכע אויפשריפטן זײַנען יצוּען אינעם העכט פון די „פּאַרטיקע פראַזן”.

אין די פרימאָרגנס פלעגט לאָס אויפשטיין דער ערשטער און זאָגן צו זײַן סעקרעטאַר:

— אַנדריושאַ, שוין צײַט אויפצושטיין! אַז מען שלאָפט, ווערט מען קראַנק אַף סקאָרבוט!

אין די פוטערנע זעק, אין וועלכע זיי פלעגן שלאָפן בלויז מיטן קאָפּ

אַרויסגעשטעקט און מיט די פוטערנע היטלען אַף די קעפּ, פלעגן זיי אָנהייבן זייער אַרבעטס־טאָג.

— אַ נו, אַנדריושאַ, פאַרהער מיך.

און לאָס פלעגט אָנהייבן: קליאָול — אַ מאַן; נעווסקעט — אַ פרוי; גאַימטשילען — אַ רײַכער; ווילעטקורקען קליאָול — אַ סויכער, און אַזוי ווײַטער.

— וואָס זאָגסטו דערצו, אַנדריושאַ?

— זייער גוט, ניקיטאַ סערגייעוויטש. מען קען זאָגן, אַז דו שטײַגסט איבער אַלע מײַנע האָפענונגען.

— וואַרט, גוטער ברודער, אין גיכן וועלן מיר האַלטן אַ רעפעראַט אין טשוקטשיש. און ווי זאָגט מען אין טשוקטשיש „גיי דיר״?

— קאַנטאַ.

— זייער וווּיל, אויב אַזוי קאַנטאַ. גיי רייד זיך צונויף מיקויעך די שליטנס. הײַנט פאָרן מיר אַרויס אַפן ברעג ווײַלן די לאַגער־קאָמיטעטן און די שייוועט־סאָוועטן. אין דער צײַט וואָס דו וועסט דיך פאַרנעמען דערמיט, וועל איך מאַכן פלעצלעך. אַז ניט, ברודער, וועלן מיר זיך אײַנגאַנצן אָפּגע־וווינען פון ברויט עסן.

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז טאָמסאָן באַקט ברויט אַף אַ „בליץ״־אײַוועלע. איך האָב געדעכנט פּרוּוון, נאָר איך האָב קיינמאָל קיין צײַט ניט דערויף. — האָט זשוקאָוו געזאָגט.

לאָס האָט זיך אָנגעטאָן און האָט צעשאַרט די קוילן אין אויוון.

— קאַנטאַ, קאַנטאַ, גיכער. — האָט לאָס אים געיאָגט מיט אַ שמייכל:

— דאָס וואָרט וועט מיר שוין פון קאָפּ ניט אַרויס.

קאַפּיטל IX

מיסטער סיימאָנס זיצט צעלייגט אין מיסטער טאָמסאָנס וויגשטול און רייכערט אַ שמעקעדיקן „קאַפּסטאַן״. מיסטער סיימאָנס איז דער פּאַרטרע־טער פון דער נאָרד־קאָמפּאַני און פירט דאָ אָן מיט די אויפקויף־שטעלעס. ער איז דער פאַרקויפער, דער אויפזעער פונעם סקווירע־לאַגער, דער בוכפירער און דער אײַנקויפער. לויט ווי ער רעכנט, איז אַפילע איין מענטש דאָ צופיל. די אומטעטיקייט איז אַ לאַסט אַף אים. ער איז אַ בלאָנדער מאָגערער פּאַר־שוין פון אַ יאָר דרײַסיק, מיט אַ קאַלטן פּאָנעם און מוטנע אויגן. אַלץ איז אים דאָ דערווידער און ניט איינמאָל האָט ער זיך זײַן געביין פאַרשאָלטן: ער האָט זיך ניט באַדאַרפט לאָזן פאַרפירן פון דעם הויכן געהאַלט, וואָס די נאָרד־קאָמפּאַני האָט אים אָנגעבאָטן צו פאָרן אין דעם „ווילדן״ לאַנד. ער האָט געהאַסט די יעגערס, געהאַסט זייער האַלבאַשע און זייערע שמייכלענ־דיקע פּענעמער. עס האָט אים אַפילע געפּרייט וואָס זיי קומען ניט אַזוי אָפט צו אים אין געשעפט און האָט אַפילע ניט כוישעד געווען, אַז דאָס איז די אַרבעט פון טאָמסאָנען און אַליטעטן.

איידער ער גייט אַרײַן צו זיך אין שטוב, נעמט געוויינלעך מיסטער סיימאָנס אַרויס אַ טיכל פון דער קעשענע און ווישט אָרום די קליאַמקע, און ערשט דעמאָלט עפנט ער די טיר.

ס'איז שוין טיף אין ווינטער און מיסטער סיימאָנס לײַדט שוין לאַנג פון אַן אומדערטרעגלעכן ספּלין. שוין דרײַ כאַדאָשים ווי די „ביטשײַמאַ״

איז אַוועק און האָט אָפּן ברעג איבערגעלאָזט מיסטער סיימאָנסן מיט אַ שטיבל אַף שרויפן, מיט דעם שפּײַכלער און מיט זײַנע סכוירעס.

פֿאַר דער צײַט וואָלט אים דער לאַנגווײַל זיכער דערפֿירט צו פֿאַרצווייפֿלונג, ווען ניט די געזעלשאַפֿט פֿון דעם איינציקן קולטורעלן מענטשן: טשאַרלז טאָמסאָן. ס'איז פֿאַר אים אַ גליק געווען וואָס טאָמסאָן האָט באַשלאָסן דאָ צו בלײַבן נאָך איין יאָר. ער האָט כאָטש מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן אין די לאַנגע ווינטער־נעכט.

יעדן פֿרימאָרגן, נאָכן אויפֿשטיין, טוט זיך מיסטער סיימאָנס פֿאַמעלעכן אָן און גייט אַוועק צו מיסטער טאָמסאָן אין שטוב. קיין שטורעם אַפֿילו האַלט אים ניט אָפּ. פֿון זײַן געשעפֿט ביז צום הויז פֿון מיסטער טאָמסאָן איז אַ שטריק אויסגעצויגן און בײַ דעם שטריק האַלט ער זיך אָן ווען ער גייט אַהין.

עסן עסט ער בײַ מיסטער טאָמסאָנען. אינדערפֿרי טרינקט ער אויס אַ קאַווע און בײַסט צו מיט פּרוכט־קאָנסערוון. דערנאָך הערט ער אויס מיסטער טאָמסאָנס מײַסעס. זונטיק שטעלט מען אָן דעם גראַמאָפֿאָן, מען שפּילט אַ פּאַסיאַנס און, בײַ דער שײַן פֿון אַ טונקעלן נאַפֿט־לעמפּל, האַרגעט מען אַזוי אַוועק, טאָג נאָך טאָג, די ווינטער־צײַט. פֿאַרן אַהיימגיין, זאָגט געווײנלעך מיסטער סיימאָנס, מיט אַן איראָנישן שמייכל:

— גוד בײַ, מיסטער טאָמסאָן, צײַט איז געלט.

איינמאָל האָט מיסטער סיימאָנס געבראַכט מיט זיך וויסקי צום נאַכטעסן און ביידע זײַנען זיי, ווי אַלטע גוטע פֿרײַנט, געזעסן און געשמועסט.

— מערי! — האָט טשאַרלז אַ רוף געטאָן: — ברענג אַרײַן נאָך קאַווע.

מערי האָט זיך געוווּנדערט: קאַווע דערלאַנגט שטענדיק די מוטער. זי האָט גענומען אַ קלייד אַף זיך און איז אַרײַנגעקומען אין צימער.

— שטעל אַוועק נאָך איין טאַזע פֿאַר דיר. זעץ דיך מיט אונדז צום טיש. הײַנט איז זונטיק. — האָט דער פֿאָטער געזאָגט.

דאָס איז געווען דעם ערשטן מאָל וואָס דער פֿאָטער רופֿט די טאָכטער צום טיש. מערי איז שטיין געבליבן אַ צעטומלטע און האָט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס דער פֿאָטער וויל פֿון איר.

— זעץ דיך, זעץ דיך. — האָט דער פֿאָטער זי בײַ דער האַנט אָנגענומען.

— איר האָט זייער אַ ווױלע טאָכטער, מיסטער טאָמסאָן. — האָט מיסטער סיימאָנס טרוקן געזאָגט. — זי רעדט ניט קיין ענגליש?

— ניין, — האָט מיסטער טאָמסאָן ניט גערן געענטפֿערט.

דער גראַמאָפֿאָן האָט זיך צעהילכט.

מיסטער סיימאָנס האָט די אויגן ניט אַראָפּגענומען פֿון מערין אין דער צײַט וואָס זי האָט אַף שנעל אויסגעטרונקען איר טאַזע קאַווע. מיטאַמאָל האָט מערי געגעבן אַ שפּרונג אויף און זיך געלאָזט אַרויסלויפֿן.

— אָ, וווּהין לויפֿט איר, מיס מערי? מיר דאַרפֿן טאַנצן.

נאָר מערי איז שוין געווען פֿון יענער זײַט טיר.

— זי טאַנצט ניט, מיסטער סיימאָנס.

— אָ, זי דאַרף זיך אויסלערנען. אַ מיידל דאַרף קענען טאַנצן. איך קען זי אויסלערנען...

די מענער האָבן פֿאַרייכערט נאָך צו „קאַפּסטאַנס" און האָבן געשוויגן.

— נו, מיסטער סיימאָנס, וועלן מיר ווײַטער שמועסן. אַלנפֿאַלס, פֿאַרשטיי איך ניט פֿאַרוואָס די נאָרד־קאָמפּאַני וויל דאָ האָבן דעם מאָנאָפּאָל

אפן האַנדל. מאָנאָפּאָל שליסט אויס קאָנקורענץ, און קאָנקורענץ איז די באַזע פון האַנדל.

— אָ, זיכער, מיסטער טאָמסאָן, איר זײַט דורכויס גערעכט! נאָר איר האָט פאַרגעסן איין זאַך: מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט דעם רוסישן האַנדלס־מיניסטעריום. אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז איצט אַלץ מאָנאָפּאָליזירט. אין רוסלאַנד זײַנען איצט פאַרבליבן ניט מער ווי געציילטע פאַרטרעטער פון פּריוואַט־האַנדל. — מיסטער סיימאָנס האָט זיך אויפגעהויבן און האָט פאַר־צווייפלט די הענט צענומען. — מיר קענען דערצו גאָרנישט ניט טאָן. מיר מוזן זיך אונטערגעבן. מיר זײַנען דאָ ניט די באַלעבאַטים.

— וויאַזוי־זשע וועלן איצט אין רוסלאַנד לעבן די געשעפטסלײַט?

סיימאָנס האָט מיט די אַקסלען געהויבן, וואָס דאָס האָט געדאַרפט מיי־נען, אַז ער הייבט ניט אָן וויסן.

יענע נאַכט האָבן טאָמסאָן און סיימאָנס געשמועסט צווישן זיך אין אַ באַזונדערס פרײַנטלעכן טאָן.

— וואָס זײַנען אײַערע פּלענער אַף דער צוקונפט, מיסטער טאָמסאָן?

— איך וועל מיסטאָמע דעם זומער אָפּפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

— נאַטירלעך. דער עמעס איז, אַז איך פאַרשטיי ניט, מיסטער טאָמ־סאָן, וויאַזוי איר האָט געקענט אָפּלעבן אַ האַלבן לעבן אין אָט דער בודע, אָן אַ באַד־צימער, אָן אַן אויטאָמאָביל. איך שטעל מיר ניט פאָר... באַ מיר איז די פרוי געשטאָרבן, קיין קינדער האָב איך ניט, און נאָר דערפאַר האָב איך ריזיקירט אַהערצוקומען פאַר אַ גוטן לוין. נאָר זאָל מיך גאָט אויסהיטן פון פאַרבלײַבן דאָ נאָך איין יאָר. אַ האַלבן לעבן! פון בלויז טראַכטן דערפון, מיסטער טאָמסאָן, באַפאַלט מיך אַ שרעק!

— די געוווינהייט, די געוווינהייט, מיסטער סיימאָנס. שוין לאַנג ווי איר זײַט אַן אַלמען?

— שוין צוויי יאָר. און איצט בין איך איינער אַליין. איכל דאָ עפּעס אָפּשפּאָרן און וועל אָוועקפאָרן קיין קאַנאַדע, מאַכן וואָסער ניט איז געשעפט. און איר, מיסטער טאָמסאָן, האָט איר אײַך פאַרזיכערט אַף דער עלטער, אויב דאָס איז ניט קיין געשעפטלעכער סאָד?

— מײַנע געשעפטן האָבן זיך אויסגעלאָזט, מיסטער סיימאָנס. — טאָמ־סאָן האָט אַ ווײַלע געשוויגן. — איך מוז אײַך אויפריכטיק זאָגן, אַז איר געפעלט מיר זייער. אײַער געזעלשאַפט איז פאַר מיר אַן אָפּרו געוואָרן. דער־פאַר, מעגלעך, וועל איך אײַך פאַרטרויען מײַנע סוידעס. — טשאַרלז טאָמ־סאָן האָט זיך אויפגעהויבן און האָט זיך געלאָזט צוגיין צו דער קאַסע. נאָר איידער ער איז צו איר צוגעקומען, איז ער שטיין געבליבן און געזאָגט:

— איר, מיסטער סיימאָנס, וועט זײַן דער ערשטער מענטש, אַ כוץ די באַנק־באַאַמטע, וואָס וועט וויסן וויפל איך פאַרמאָג. מיסטער טאָמסאָן האָט אַ סקריטשע געטאָן מיטן שליסל און האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל פּאַפּירן פון דער קאַסע. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער זיי אַפן טיש אָוועקגעלייגט און, אַ גערידטער, אַ מורמל געטאָן: — מיסטער סיימאָנס, נוצט ניט אויס צום שלעכטן מײַן אויפריכטיקייט, די אויפריכטיקייט פון אַן אַלטן מענטשן. איך בעט עס אײַך ווי גאָט איז אײַך ליב.

מיסטער סיימאָנס האָט שנעל צוגערוקט אַ שטול.

— זעט: אין איין באַנק הונדערט טויזנט דאָלאַר, ניט גערעכנט די

פּראָצענטער. דאָס אייגענע אין אַ צווייטער. אין אַ דריטער זיבן און דרײַסיק טויזנט. ווײַטער קיין איין סענט ניט מער.

מיסטער סיימאָנסן האָט דעם אָטעם פֿאַרכאַפּט.

— מיסטער טאָמסאָן, איר האָט דאָך באַלד אַ פערטל מיליאָן! — האָט ער אַ שטאַמל געטאָן.

— ניין, מיסטער סיימאָנס, — האָט טשאַרלז טאָמסאָן מיט אַ זיפץ געענטפערט. — וויפל איך האָב מיך ניט באַמיט צוצוקומען צום פערטל מיליאָן, איז עס מיר ניט געלונגען.

— עס פעלט דאָך אײַך ניט מער ווי דרײַצן טויזנט דאָלאַרן... אַ קלייניקייט!

— ניין, מיסטער סיימאָנס. אַלנפאַלס איז אַ קײַלעכדיקע ציפער אָנגענומען. — טאָמסאָן האָט צוריקגעלייגט די פּאַפּירן אין קאַסע און האָט אַ פרעג געטאָן מיסטער סיימאָנסן: — ווי מיינט איר, נאָך אַ קאַווע אויסטרינקען?

— ניין, איך דאַנק אײַך זייער, מיסטער טאָמסאָן, ס'איז שוין שפּעט.

יענע נאַכט איז מיסטער סיימאָנס שפּעט אײַנגעשלאָפן. „עפּשער וואָלט איך כאַסענע געהאַט מיט מערין?" — האָט ער זיך געטראַכט.

קאַפּיטל X

דאָס אײַנקויף־הויז איז געשטאַנען באַם ברעג, אַזוי ווי טשאַרלז טאָמסאָנס קראָם. פון מיסטער סיימאָנס הויז צום סכוירע־לאַגער האָט געפירט אַ שמאָלער קאָרידאָר. דאָס אײַנקויף־הויז איז געווען געבויט אַזוי אַז דער פּאַרטערעטער פון דער נאָרד־קאָמפּאַני זאָל אַלץ האָבן צו דער האַנט. די קראָם איז געווען איבערפול מיט סכוירעס און מיסטער סיימאָנס האָט שוין זײַט אַ לענגערער צײַט אַלץ געבראַכט אין אָרדענונג.

מיסטער סיימאָנס האָט קיין טשוקטשיש ניט געקענט און האָט אויך דעם מינדסטן כיישעק ניט געהאַט זיך אויסצולערנען. גערעדט האָט ער אַ ביסל רוסיש. יאַראַק האָט אים געדינט אין געשעפט פאַר אַן איבערזעצער.

ביידע האָבן זיי ווידער איבערגעלייגט די סכוירעס אינעם שפּײַכלער און ווי נאָר מיסטער סיימאָנס האָט צוגעשלאָסן די קראָם, איז ער אַוועק צו מיסטער טאָמסאָן אין הויז. נאָך דער זאַטער וועטשערע, האָט מיסטער טאָמסאָן געבעטן אַנטשולדיקונג, איז אַרויס אין פירהויז און אָנגעזאָגט דער טאָכטער:

— הײַנט, מערי, וועסטו גיין צו מיסטער סיימאָנס ער זאָל דיך לערנען טאַנצן.

— איך וויל ניט גיין צו מיסטער סיימאָ! איך דאַרף מיך ניט לערנען טאַנצן. איך קען בעסער פון אים טאַנצן. — איז מערי כוצפּעדיק געוואָרן.

— ביסט אַ טאָכטער פון אַ נאָרד־אַמעריקאַנער און דאַרפסט קענען טאַנצן נאָרד־אַמעריקאַניש און ניט ווי די ווילדע.

אַרויסגערעדט אָט די קאַטעגאָרישע ווערטער, איז מיסטער טאָמסאָן צוריק אַרײַן צו זיך אין צימער.

אין דער רעגע איז אַרײַנגעקומען יאַראַק.

געקומען דער רוסישער נאַטשאַלניק מיט דער באָרד. — האָט ער צו וויסן געגעבן. — ער וואַרט באַם שליטן.

מיסטער סיימאַנס איז אײַליק אַהיימגעגאַנגען.

באַם אײַנקויף־הויז זײַנען געשטאַנען צוויי שליטנס און אַ היפּשע גרו־פּע יעגערס.

— אָ, מיסטער לאָס, דער גובערנאַטאָר! — האָט מיסטער סיימאַנס נאָך פונדערווײַטנס געשריגן און צוקומענדיק האָט ער די האַנט געדריקט לאָסן און זשוקאָוון.

— וואָס מאַכט איר, מיסטער סיימאַנס? שוין לאַנג ווי מיר זעען זיך ניט. פון זומער אָן. — האָט לאָס געזאָגט.

— איך בעט אײַך, קומט אַרײַן צו מיר אין הויז. וואָס שײַעך די הינט באַזאָרגן, וועט איר אײַך אײַנפאַרשטיין בעסער פון מיר.

— איך נעם די הינט אַף מיר. — האָט יאַראַק געזאָגט.

— האָדעווע זיי אָן וואָס בעסער. — האָט אים אַנדריי אָנגעזאָגט.

— ניט געזאָרגט.

דאָס נאָרד־אַמעריקאַנישע הילצערנע הויז האָט אַ פעסטן, כאָטש פּראָ־וויזאָרישן אויסזען. די צימערן זײַנען ריין, גערוים און מיט קאָמפאָרט. אור־מעטום נײַ און באַקוועם מעבל. צופוסנס מיסטער סיימאַנס בעט איז אויס־געשפּרייט אַ פעל פון אַ ברוינעם בער, און אַ ווײַסער בער, ווײַס ווי געפּאָ־לענער שניי, דעקט צו דעם וויגשטול: אַ מאַטאָנע פון טשאַרלז טאָמסאָן. אַפן שרײַבטיש האָט זשוקאָוו באַמערקט נאָרד־אַמעריקאַנער זשורנאַלן און האָט זיך זשעדנע צוגעכאַפּט צום לייענען.

לאָס שפּאַנט אום איבערן צימער און באַטראַכט אים פון אויבן ביז אַראָפּ. ער טוט אַ קלאַפּ מיט אַ פינגער די וואַנט און טוט מעכאַניש אַ פרעג:

— דאָ גייט ניט דורך די קעלט?

— איך פיל מיך דאָ גאַנץ גוט, מיסטער לאָס.

— סאַראַ כיטראַקעס איר זײַט, נאָרד־אַמעריקאַנער! איר האָט אונטער־געשריבן דעם קאָנטראַקט אַף דרײַ יאָר, און איר האָט די אײַנריכטונגען גע־מאַכט פונקט אַף אַזויפיל דויער: ניט איין טאָג מער און ניט איין טאָג ווייניקער. ווען דער קאָנטראַקט וועט אויסגיין, וועט די שטוב אײַנפאַלן.

— אָ, מיסטער לאָס! דאָס הויז איז שטאַרק און גוט. צוואַנציק יאָר וועט עס שטיין.

— צוואַנציק יאָר? איר ווילט איך זאָל אַ שטופּ טאָן די וואַנט מיט אָן אַקסל און זי זאָל אײַנפאַלן? אין רוסלאַנד בויען מיר ניט אַזוי קיין הײַזער.

— אָ, מיסטער לאָס, איר קענט אַ העלפאַנט אומוואַרפן. אין דער עמעסן, איז עס אַ הויז ווי אַלע הײַזער, מיט דאָפּלטע צווייצאָליקע ברעטער... די וואַנט איז באַשלאָגן מיט קאַרטאָן און אָפּגעשפּאָלירט.

מיסטער סיימאַנס האָט אין איין צײַט גערעדט און אָנגעצונדן דעם אויוון, אָנגעשניטן שינקען, אָוועקגעשטעלט פוטער אַפן טיש, טאַזעס, גאָפּלען, מעסערס. און אַלץ זייער בעריעש.

— לויטן קאָנטראַקט, האָט די נאָרד־קאָמפּאַני זיך פאַרפליכטעט אויך אויפצושטעלן שולן און שפּיטעלער. — זאָגט לאָס, ווי ער וואָלט גערעדט פאַר זיך. — רעכנט איר זיי אויך מאַכן פון אַזעלכע ברעטלעך?

מיסטער סיימאַנס איז שטיין געבליבן אינמיטן צימער מיט אַ טעלער אין דער האַנט.

— איר ווייסט גאַנץ גוט, מיסטער לאָס, אַז די „ביטשײַמאָ" האָט מיט זיך געבראַכט די אײַנריכטונגען פאַר די אײַנקויף־הײַזער און די סכוירעס. עמעס, אונדזער קאָמפאַניע פאַרמאָגט אַ גרויסן פלאָט און וואָלט געקענט שיקן נאָך אַ שיף, נאָר דאָס איז דעם ערשטן מאָל ווי מיר אָרגאַניזירן אַן עקספעדיציע צו די פאָלאַרע געגנטן. דאָס איז אַ פרוּוו־רײַזע. די נאָרד־קאָמפאַני איז זייער אַן ערנסט געשעפט־הויז, מיסטער לאָס, און איך בין זיכער, אַז איבעראַיאָר וועלן דאָ שטיין געבײַדעס לויט ווי עס איז אויסגענומען אינעם קאָנטראַקט... זײַט אַזוי גוט, זיצט. — האָט מיסטער סיימאָנס פאַרענדיקט און האָט מיט ביידע הענט אָנגעוויזן אָפן טיש.

די פאַרטרעטער פונעם רעווקאָם האָבן צוגעביסן, גערעדט וועגן מיסכער און דערנאָך אַרײַנגעגאַנגען מיט מיסטער סיימאָנסן אין קראָם און אין סכוירע־לאַגער.

געווען זײַנען דאָרט אָנגעהויפנט זאַכן וואָס לאָס האָט נאָך ניט געהאַט געזען. ער האָט באַטראַכט דעם קאַרטעטש, די „ווינטשעסטערס" מיט זייער פעסטער און גלאַנציקער אײַנפאַקונג. ער האָט געשמעקט צום אַראָמאַטישן טאַבאַק, האָט באַוונדערט די פרויען־וועש. דער געפרעסטער טאַבאַק צום רייכערן און צום קײַען, איז געווען אַרומגעוויקלט, ווי שאָקאָלאַד, מיט זילבער־פאַפיר. געווען איז אויך אַנדער טאַבאַק אין פאַראַפין. לאָס איז אויך איבערראַשט געווען פון דער מאַסע אײַזנוואַרג און אַלערליי שטאָפן.

מיסטער סיימאָנס האָט אָנגעוויזן לאָסן אַף אַ פאַפיר, אָנגעהאַנגען אַף דער וואַנט.

— דאָ האָט איר, מיסטער לאָס, אַ פרײַז־ליסטע. די איז פאַר פעלן און רוישטאָפן, און די אַנדערע איז פאַר סכוירעס.

לאָס איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט און גענומען לייענען אָפן קאָל:

— „געפרעסטע טיי..." און ווו איז די פרײַז? — האָט ער געפרעגט.

— דאָס שטיקל פאַפיר מיט דער פרײַז פון געפרעסטער טיי האָט זיך אָפגעריסן!

סיימאָנס האָט טייקעף צוגעבראַכט אַ קליינע שרײַבמאַשינקע מיט רוסישן שריפט, און דאָרטן טאַקע, אַפן טאָמבאַנק, צוגעשריבן די פרײַז וואָס האָט געפעלט.

„געפרעסטע טיי — 1 רובל; אַ „ווינטשעסטער" — 80 רובל; קאַרטעטש, 20 שטיק — 2 רובל; מעל, פערציק ענגלישע פונט — 7 רובל.

דאָס צעטל איז געווען אַ לאַנגס און ס'האָט געדויערט ביז לאָס האָט עס איבערגעלייענט.

— און דאָס איז פאַר די פעלן? — האָט ער געפרעגט. — ווײַסער פוקס, ערשטער סאָרט — 40 רובל; צווייטער סאָרט — 32 רובל; בלויער פוקס, ערשטער סאָרט — 80 רובל; פאָקע, 1 שטיק — 1 רובל".

לאָס האָט דורכגעקוקט אַלע פרײַזן, איז צוגעגאַנגען צום טאָמבאַנק און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ טיוק געפרעסטער טיי. דער פאַרטרעטער פון דער נאָרד־קאָמפאַני האָט נאָכגעשפירט זײַן יעדע באַוועגונג.

— דאָס אַלץ איז זייער גוט, אָבער אומנוציק. — האָט לאָס מיט אַ זיפץ זיך אָנגערופן. — ניטאָ קיין איין יעגער וואָס זאָל קענען לייענען. וויאַזוי וועלן זיי זיך דערוויסן?

מיסטער סיימאָנס האָט געהויבן מיט די אַקסלען, דעם קאָפ אָנגעבויגן און די הענט צענומען.

אַרײַנגעקומען איז אין קראָם יאַראַק, נאָך אים אַנדערע פיר אָדער פינף יעגערס.

— שפעטער, שפעטער! אַרויסט! — האָט מיסטער סיימאָנס געזאָגט אין רוסיש און האָט געוויזן מיט די הענט צו דער טיר.

— לאָזט זיי קוקן, מיסטער סיימאָנס. זאָלן זיי קוקן. זיי וועלן אונדז ניט שטערן. — האָט זשוקאָוו זיך אײַנגעשטעלט פאַר זיי.

— מען וואָלט פאַר זיי באַדאַרפט אַ לעבעדיקע פרײַז־ליסטע, מיסטער סיימאָנס, און ניט קיין טויטע. — האָט לאָס גערעדט.

— איך פאַרשטיי ניט.

— לעמאָשל, אַזוי: אַ טיוק געפּרעסטע טיי האָט אַכציק טעוועלעך, קאָסט 80 רובל; קען מען אין דעם פאַל אַוועקלייגן דערויף צוויי פוקסן. אַ פּעקל מיט צוואַנציק קאַרטעטשן — צוויי פּאַקע־פּעלן, אויב זיי קאָסטן 1 רובל און די קאַרטעטשן 2. אַפילו די יעגער וואָס קענען לייענען וועלן דאָס פאַרשטיין.

— מיסטער לאָס, איך הייב ניט אָן פאַרשטיין פאַרוואָס די יעגער ברענגען מיר ניט קיין פוקסן. איך האָב ביז איצט אײַנגעקויפט ניט מער ווי צוואַנציק פוקסן. איך האָב ניט מיט וואָס צו מאַכן די לעבעדיקע פרײַז־ליסטע ווי איר זאָגט.

— מיט די וואָס איר פאַרמאָגט, איז גענוג. ווײַזט זיי נאָר אַהער.

לאָס האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די „קוכליאַנקע" און האָט זיך גענומען עפענען די קאַסטנס און אויפטרענען די טיוקן געפּרעסטע טיי. אין אַ ווײַלע אַרום איז די גאַנצע וואַנט אין קראָם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָריגינעלער וויטרינע, מיט איר׳ע פרײַזן.

זשוקאָוו האָט געגעבן צו פאַרשטיין די יעגערס, אַז פאַר איין פוקס קענען זיי באַקומען פערציק טעוועלעך געפּרעסטע טיי. די יעגערס זײַנען שטיין געבליבן דערשטוינטע. דאָס איז געווען אומגלויבלעך!

— קאַקאָמעי, קאַקאָמעי! — האָבן זיי זיך געוווּנדערט.

די יעגערס זײַנען אַוועקגעלאָפן צו זיך אין די „יאַראַנגאַס" און פון די פאַרבאָרגנסטע ערטער אַרויסגענומען די פוקסן, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסבאַהאַלטן אַף דעמאָלט ווען דער מענטש וואָס האַנדלט וועט זײַן גוט געשטימט. אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען זיי שוין געווען צוריק אין קראָם.

אַ יעגער האָט אויסגעשפּרייט פאַר לאָסן צוויי פוקסן און אים געפרעגט:

— קען איך פאַר זיי נעמען אַ „ווינטשעסטער"?

— אַוואַדע קענסטו. — האָט זשוקאָוו געענטפערט. — נאָר לאָס איז ניט דער פאַרקויפער. ער איז נאָר געקומען ווײַזן וויאַזוי מען דאַרף פאַרקויפן. גיב זיי יענעם. — האָט זשוקאָוו אָנגעוויזן אַף סיימאָנסן.

מיסטער סיימאָנס האָט גענומען די פוקסן, האָט זיי באַטראַכט, אַ טרייסל געטאָן, אַ צופּ געטאָן באַ די האָר.

— אויסגעצייכנטע פוקסן. וואָס ווילסטו פאַר זיי? — האָט ער געפרעגט, און ווען יענער האָט אים געענטפערט, האָט ער אים דערלאַנגט אַ „ווינטשעסטער" קאַליבער 30 אַף 30 אין אַ קאַרטאָנענעם פודל.

דער יעגער האָט זיך זײַנע אויגן ניט געגלויבט. ער האָט גענומען די ביקס, האָט אַלעמען באַקוקט און געפרעגט:

— און איך בלײַב גאָרניט שולדיק פאַר דער ביקס?

— נײן, אַלץ איז באַצאָלט. זע, אָט דאָ איז אָנגעוויזן אַף דער וואַנט. — האָט אים זשוקאָוו נאָכאַמאָל געגעבן צו פאַרשטײן די פרײַז־ליסטע.

דער מיסכער איז באַלעבט געוואָרן. פון די „יאַראַנגאַס" זײַנען יעגערס געקומען צו לויפן מיט זײערע פעלן, זײ אויסצובײַטן אַפן נײַעם אויפן. דער קלאַנג האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע וווינונגען און האָט זיך פאַרשפרײט איבערן ברעג ווי דאָס וויכטיקסטע נײַס.

— זעט איר שוין, מיסטער סיימאָנס, און איר האָט געמײנט, אַז דער יאַגד־סעזאָן האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן. וואַרט, לאָמיך זיך נאָר דורכפאָרן איבערן ברעגלאַנד, וועט מען אײַך פאַרוואַרפן מיט פעלן. דאָס דערקלערט זיך גאַנץ פאָשעט. קײנער האָט מיט זײ ניט געהאַנדלט אַזוי יוישערדיק ווי איר קלײַבט זיך האַנדלען. — האָט אים לאָס, מיט אַ לײַכטער איראָניע, געזאָגט.

— אָ, מיסטער לאָס, איך בין אײַך שטאַרק דאַנקבאַר! איר וועט מיר העלפן דאָ אָרגאַניזירן דעם האַנדל.

נאָכדעם ווי דער האַנדל אין דער קראָם פונעם אײַנקויף־הויז האָט זיך פאַרענדיקט, זײַנען די דעלעגאַטן פונעם רעווקאָם ווידער אַרײַנגעגאַנגען צו מיסטער סיימאָנסן אין שטוב.

— מיסטער לאָס, אַזוי האַנדלען איז, פונדעסטוועגן, אַ ווילדע זאַך. — האָט סיימאָנס געזאָגט.

— עמעס, נאָר וואַרט אויס; מירן דאָ אָוועקשטעלן שולן, מירן אויסבילדן דעם אוילעם, וועט איר זען סאַראַ האַנדל דאָ וועט זײַן! געלט וועט אָנהײבן צירקולירן און מירן אַ סאָף מאַכן צום טויש מיט סכוירעס. דערווײַל, אָבער, מוזן מיר זיך צופאַסן צו די אומשטענדן. מיר, באָלשעוויקעס, קענען דאָס... אַך, ווען איר האָט רוסישע פלאַטן! — האָט לאָס אַ זאָג געטאָן.

— דאָס זײַנען נאָרד־אַמעריקאַנישע, נאָר אין רוסיש אָדער אין אוקראַיִניש. — האָט מיסטער סיימאָנס מיט דערעכערעץ אָנגעמערקט.

לאַנג האָט לאָס מיט פאַרגעניגן אויסגעהערט די אוקראַיִנישע לידער. זײ האָבן אים אַוועקגעפירט צו דער ווײַטער אוקראַיִנע און, ווי אַ טרויער װאָלט אים פאַרפלײצט.

דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און גענומען אומשפאַנען איבערן צימער. ער איז פאַרבײַגעגאַנגען זשוקאָוון, וועלכער איז געשטאַנען און געבלעטערט אַ נאָרד־אַמעריקאַנער זשורנאַל, געדרוקט אַף גלאַנציקן „קושע"־פאַפיר, און האָט זיך אָפגעשטעלט. אַף דער הילע האָט אַ גרויסע אויטאָמאָביל־ראָד פאַרנומען די גאַנצע זײַט. לאָס האָט זיך פאַראינטערעסירט:

— וואָס איז עס פאַר אַ ראָד, מיסטער סיימאָנס? וואָס זאָגט זיך דאָרט?

— ס'איז זײער אַן אינטערעסאַנטע דערצײלונג, מיסטער לאָס: צוויי פאַרליבטע האָבן אַ כוידעש צײַט געלעבט אין אַן אויטאָמאָביל און אומגעפאָרן איבער די פאַרוואָרפנסטע ערטער, איבער וועלדער, איבער שטײנערנע ברעגעס לענגאויס די טײַכן. נאָך אָט דער רײַזע, האָבן די גומענע שינעס ניט נאָר זיך ניט אָפגענוצט, נאָר פאַרקערט, נאָר שטאַרקער געוואָרן. קויפט אונדזערע גומענע שינעס!"

לאָס האָט געקײַכט פון געלעכטער.

— אַ נו, אַנדריי מיש נאָר איבער דעם בלאַט. — האָט ער נאָך אַלץ געלאַכט.

אַף דער אַנדער זײַט זײַנען אויסגעמאָלט געווען אַ פאָר פרויען־זאָקן.

— דאָס האָט אויך עפּעס אַ געשיכטע, מיסטער סיימאָנס?
— אָ, יעס, מיסטער לאָס!
„סאַראַ פּאַפּיר! סאַראַ פאָטאָגראַפיעס! וויפל פּראָפּאַגאַנדע! און דאָס אַלץ קעדיי דער אוילעם זאָל קויפן אַ פּאָר זאָקן! — האָט זיך לאָס געטראַכט און האָט זיך דערמאָנט אָן די פּראָנט־צײַטונגען, וואָס זײַנען געדרוקט געווען אויף פּאַק־פּאַפּיר.

מיסטער סיימאָנס האָט אַרויפגעלייגט אַ פּלאַט אויפן גראַמאָפאָן. אַ טענאָר־שטימע האָט געזונגען:

„דעם שאָטן פון הויכן אַלטן דעמב
האָט אַ פייגעלע אַ זינגערל ליב באַקומען.
אויף די צווײַגן, פון ווינט צעבראָכענע,
פריידיק, פרידלעך און צופרידן זיך באַזעצט.
פריילעך האָט געטרילט דאָס פייגעלע אין גאָרטן
סיפייגעלע האָט געזונגען, דער דעמב האָט עס פאַרשטאַנען
און אין געבלעטער געהערט האָט זיך אַ קישעפּדיק געשעפּטש".

די זיסע טענאָר־שטימע האָט געזונגען און האָט אין ווײַטן צאָפן, ווײַט פון מענטשלעכן גערויש, סענטימענטאַל גערירט אַפילו לאָסן. דער דעלעגאַט פונעם רעװוקאָם איז געשטאַנען און זיך אײַנגעהערט, האָט זיך די באָרד געביסן און די בלויע אויגן געזשמורעט.

— סאַראַ שיין ליד! דער גראַמאָפאָן איז אַפילו ניט אַזאַ וואַזשנער: אַ קליינער, אַ האַנט־גראַמאָפאָן, מיט אַ הילכער וואָס לייגט זיך צונויף. פון די וואָס מען קען זיי אין קעשענע אַרײַנגעמען, אויב מען וויל... אָבער, ווי גוט ער זינגט דער פאַרשאָלטענער! — און באַלד דערויף האָט לאָס אַ זאָג געטאָן: — נו, גענוג, אַנדריושאַ, שיק עמעצן רופן טאָמסאָנען.

לאָס האָט געטראָגן אַ בײַקן מיליטעריש העמדל און רויטאַרמייִיש וואַרעם היטל מיט אַ געוועבטענעם פינפעקיקן שטערן. אין דער האַלבאַשע האָט ער אויסגעזען אַ לעגענדאַרער ריז.

טשאַרלז טאָמסאָן איז אַרײַנגעקומען אַ דערשראָקענער און אַ צערודערטער. ער האָט געהאַט וואָס מוירע צו האָבן פאַר לאָסן.

— גוט איווינינג! — האָט ער שטיל געגריסט.

— דאָברי וויעטשער, דאָברי וויעטשער, מיסטער טאָמסאָן. — האָט אים מיסטער סיימאָנס געענטפערט אין רוסיש און געבעטן אויסטאָן דעם פעלץ.

— מיסטער טאָמסאָן, — האָט לאָס אָנגעהויבן. — האָט אײַך מיסטער סיימאָנס געזאָגט, אַז דער גאַנצער היגער האַנדל געפינט זיך אין די הענט פון דער נאָרד־קאָמפּאַני?

— אָ, יעס! — האָט טאָמסאָן געענטפערט אַ דערשראָקענער, ווי נאָר זשוקאָוו האָט אים איבערגעזעצט די ווערטער.

— פונדעסטוועגן, האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז איר קויפט נאָך אַלץ אויף פעלן בײַ די יעגערס. איז עס עמעס?

טשאַרלז טאָמסאָן האָט געשוויגן אונטערן פאַרשנדיקן בליק פון לאָסן.

— מיסטער זשוקאָוו, זײַט אַזוי גוט, זאָגט דעם נאַטשאַלניק, אַז ריכטיק. איך האָב לעצטנס געקויפט דרײַ און פערציק ווײַסע פוקסן און דרײַ געזילבערטע... זאָגט אים, אַז די פעלן האָב איך גענומען פאַר אַלטע כויוועס.

— מיסטער טאָמסאָן, אויב איך וועל מיך דערוויסן, אַז איר קויפט ווידער פעלן, וועל איך אַרויפלייגן אַף אײַך אַ גרויסע געלט־שטראָף. — האָט אים לאָס שטרענג געוואָרנט.

אַ דערלײַכטערטער, האָט טאָמסאָן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— און די דרײַ און פערציק ווײַסע און דרײַ געזילבערטע פוקסן, וואָס איר האָט אומלעגאַל געקויפט, אַרײַנטראָגן צום דעלעגאַט פונעם רעווקאָם. אַנדריושאַ, שרײַב אים אויס אַ קאַבאָלע...

טשאַרלז טאָמסאָן האָט זיך דערפילט אַן אויפגעלעבטער. אין דעם אַלעמען, האָט ער נאָך גוט אָפּגעשניטן!

קאַפּיטל XI

אינדערפרי זײַנען געקומען די „קאַיורן". לאָס האָט געבעטן סיימאָנסן געבן די אָנטרײַבער טיי און, ווי נאָר ער האָט זיך אָנגעטאָן די רײַזע־מאַלבושים, איז ער אַרויס אין דרויסן.

אַ פײַערדיקע לעוואָנע האָט זיך געהויבן פון הינטער די בערג און געוואָרפן לאַנגע שאָטנס. די שאַרפע באַרג־שפּיצן האָבן זיך בוילעט אויסגעטיילט אָפן הינטערגרונט און געדוכט האָט זיך אַז זיי זײַנען אָנגעקלעפּט אַפן הימל. ס'האָט געבומען אַ שטאַרקער פראָסט. בלויז דאָס סקריפּען פונעם שניי אונטער די ווייכע זוילן פון די פאַרבײַגייער האָט איבערגעריסן די שטילקייט. און דאָס סקריפּען האָט זיך געטראָגן ווײַט, זייער ווײַט...

דאָס אײַז האָט אײַנגעקאָוועט דעם יאַם און ער האָט ווי אָפּגערוט אונטער אַ דיקן שיכט געדיכטער בלויקייט. עטלעכע אײַז־בלאָקן זײַנען געשווומען ווי שטילשווײַגנדיקע וואַכלײַט. אַלץ אַרום האָט געשוויגן און עס האָט זיך געדוכט ווי די שטרענגע נאַטור אַליין היט די אומענדלעכע רו פונעם צאָפן.

— סאַראַ שטילקייט! — האָט לאָס אַ זאָג געטאָן און האָט דעם אויער אָנגעשפּיצט עפּשער וועט ער עפּעס אַ שאָרך דערהערן.

פלוצים האָט זיך אַ הונט צעבולן, דערנאָך אַ צווייטער, אַ דריטער, און די גאַנצע טשאַטע הינט פונעם לאַגער איז אַרײַן אינעם שרעקלעך שרײַענדיקן כאָר, אַזש לאָס האָט זיך דערפילט לעסטיק. אַ רעגע האָט דער כאָר זיך אײַנגעשטילט און ווידער האָט זיך דערהערט דער דינער אויסגעצויגענער געביל פונעם „סאָליסט", און ווידער האָבן אין פאַרשיידענע עקן די הינט זיך שטאַרקער צעבולט.

די „קאַיורן" זײַנען צוגעקומען צו די שליטנס און פריילעך זיך צעשריגן:

— טאַגאַם, טאַגאַם! *

און די הינט זײַנען מיט אַ שנעלן געלאַף אַוועק איבערן באַשנייטן ברעג. אינעם פעדערשטן שליטן איז געזעסן אַנדריי מיט זײַן „קאַיור"; אינעם צווייטן, לאָס. ביידע אײַנגעהילט אין פוטערס, די פוטערנע באַשליקן איבערן קאָפּ, מיט בלויז קליינע שפּעלטעלעך פאַר די אויגן, האָבן זיי זייערע לעבנס איבערגעגעבן אין די הענט פון די „קאַיורן".

אונטערן סקריפּען פונעם לויפנדיקן שליטן אַפן שניי, האָט זיך לאָס געטראַכט: „אָ, איך וועל פון דאַנען ניט אַוועק ביז דאָס גאַנצע לעבן וועט זיך ענדערן אין דעם בייזן לאַנד! איך וועל אַהער רופן מײַן נאַטאַשאַ, און

---

* מאַרש! הײַדאַ!

זי וועט אַרבעטן פּונקט אַזוי איבערגעגעבן ווי אַט דער אָרנטלעכער יאָט אַנדריי זשוקאָוו".

די הינט לויפן שטיל מיט דעם פעלדזיקן ברעג. דער שליטן גליטשט זיך איבערן אײַז, ווי אַף אַ טיש אַ באַפּוידערטן מיט שניי. ס'בלאָזט אַ טרוקענער ווינט. כאָטש דער פוטערנער באַשליק הילט אײַן דעם גאַנצן קאָפּ, הערן זיך אומקלאָרע קלאַנגען און וויברירן אינעם אויער...

— הער זיך אײַן, לאָס. די פעלדזן זינגען! — שרײַט דער „קאַיור".

דער ווינט רײַסט אַרויס אַ מאָדנעם קלאַנג פון יעדן אַרויסגעשטאַרצטן שפּיץ. יעדער פעלדז ענטפערט אַף זײַן אויפן דעם פּאַטשן פונעם ווינט. אַ מאָדנער געזשום אין פאַרשיידענע טענער. די אוראַלטע פעלדזן זינגען.

דער ווינט טראָגט פון די שטיינער אַ סקריפּענדיקן זאַמד און שפּרייט אים איבערן אײַז מיט מעטאַלענעם געשאָרך. דער שניי־שטורעם שמײַסט אין פּאָנעם און פאַרשיט די אויגן. אָפּגעריסענע שטיינער פון די פעלדזן זײַנען צעזייט איבערן וועג: ס'איז די אייביקע אַוודע פונעם וואַסער מיטן ווינט.

— זע, לאָס! ס'איז אַ נײַער קאָפּ. — קלערט אויף דער „קאַיור", אַ צופרידענער, לאָסן. — אַ פעלדז איז אײַנגעפאַלן. אָפּגעהילכט האָט אַזש אין לאָרען. דער פעלדז האָט דאָס אײַז אײַנגעבראָכן און אַ סאַך פיש אויסגעהאַרגעט. מיר האָבן זיי געמוזט אַרויפנעמען אַף די שליטנס.

לאָס איז איבערראַשט פון די זעלטן שיינע שטיקער פעלדז. ווי עמעצער וואָלט די דאָזיקע ריזיקע שטיינער אויסגעהאַקט און אָפּגעשליפן, נאָר קיין צײַט ניט געהאַט זיי אויסצושטעלן ווי געהעריק. אינעם אײַנבראָך באַם ברעג יאָם שטייט אַ „יאַראַנגאַ" פון אַ יעגער. די איינזאַמקייט פון דעם געצעלט מאַכט אַ טרויעריקן אײַנדרוק.

— פאַרוואָס וווינט ער דאָ אַליין? — פרעגט לאָס.

— אַזוי געפעלט אים. — ענטפערט דער „קאַיור".

די הינט מערקן די וווינונג און לויפן צו מיט צופרידנקייט: ס'איז אַן אָפּשטעל אַפן וועג. די „קאַיורן" רייכערן אויס אַ ליולקע מיטן באַלעבאָס פון דער איינזאַמער „יאַראַנגאַ", ריידן אויס אַ פּאָר ווערטער מיט אים און פאָרן ווײַטער.

די הינט הייבן זיך אויף אָן כיישעק, קוקן אונטערטעניק און טרויעריק צום באַלעבאָס. פויל און כיטרע לויפן זיי אַ צענדליק מעטער, כאַפּן אויף די בייזע קאַוואָנע פונעם שפּיצאַק און מיט אַן איינשטימיקייט, וואָס איז צום שטוינען, פאַרקירעווען זיי דעם שליטן צוריק צו דער „יאַראַנגאַ". דער „קאַיור" פאַרהאַלמעוועט דעם שליטן מיט דעם „אָסטאָל", וואָס ער שטעקט אַרײַן טיף אין שניי. דעם „קאַיורס" באַפעלנדיקער געשריי, וואָס שליסט אויס יעדע אומגעהאָרכזאַמקייט, דרייט אויס די הינט אַפן געהעריקן וועג. איבערצײַגטע, אַז דאָ וועלן זיי שוין ניט נעכטיקן, לאָזן זיך די הינט ווײַטער לויפן.

— לאָס, — קלערט אים אויף דער „קאַיור", — דער באַלעבאָס פון דער „יאַראַנגאַ" האָט מיר געזאָגט, אַז באַם יאַם צו פאָרן איז דער וועג פון דאַנען אַ געפערלעכער. דער דאָרעם־ווינט האָט ניט לאַנג דאָס אײַז געשפּאָלטן און לענגאויס די פעלדזן איז געבליבן אַ שמאָלער פּאַס. דער אַנדערער וועג, אַף די בערג, איז זייער אַ שלעכטער. עס האָט אָנגעשאָטן אַ סאַך שניי און דער שניי איז ניט געפרוירן. די הינט וועלן אײַנזינקען און וועלן

מוזן קריכן אַפן בויך. זאָלן מיר פאָרן באַם יאַם ? ביסט שטאַרק געאײַלט ? ווי מיינסטו ?

— דאָס ווייסטו בעסער פון מיר... טו ווי דו פאַרשטייסט. — און לאָס טראַכט זיך : „וואָס פאַר אַן אייצע קען איך אים געבן ? איך האָב קיין אייצע ניט !"

— מירן פאָרן באַם יאַם ! — שרײַט דער „קאַיור" צו זײַן כאַווער פונעם פעדערשטן שליטן.

אַן אײַנגעוורעטער אין זײַנע ברייטע מאַלבושים, זעט אויס לאָס ווי אַ בער אינעם שליטן. קוים וואָס ער קען זיך רירן.

„יאָ — טראַכט זיך לאָס — די מאַלבושים וואָס די „קאַיורן" טראָגן, זײַנען אַ סאַך באַקוועמער אין לײַכטער ווי אונדזערע, און וואַרעמען בעסער. איכל מיר אומבאַדינגט מאַכן אַזעלכע מאַלבושים ווי זייערע".

די „קאַיורן" טראָגן קורצע און לײַכטע „קוכליאַנקעס", פוטערנע גע־פאַסטע הויזן, און „טאָרבאַזן" אויך קורצע. זיי זײַנען זייער פלינק. אין פאַל פון אַ סאַקאָנע קענען זיי די רעגע אַראָפשפרינגען פונעם שליטן.

דער שליטן נורקעוועט צווישן די אײַז־בלאָקן, וואָס זײַנען אָנגעהויפנט אַפן פעלדזיקן ברעג. לאָס קוקט שאַרף פאַר זיך און האַלט זיך פעסט אָנעם שליטן, פעסט אָנעם „קאַיור", דאָך פאַלט ער אָפט אַראָפ. די „קאַיורן" שפרינ־גען קעסיידער אַראָפ פונעם שליטן אַפן אײַז און צוריק אַרויף אַפן שליטן. די דאָזיקע פלינקייט שטימט ניט מיט זייער שטענדיקער געלאַסנקייט. דער „קאַיור" באַוויַזט ניט אַמאָל אַ צי צו טאָן באַצײַטנס דעם שליטן, פאַרטשע־פעט זיך באַ אַ געפרוירענעם שפיץ און בלײַבט שטיין. די הינט קערן מיט־אַמאָל אום די קעפ און אין זייערע פאָרוורף־בליקן לייענט לאָס איבער : „אַראָפ פונעם שליטן !".

לאָס קריכט דעמאָלט אַראָפ אַ פאַרשעמטער. דער „קאַיור" הייבט אונ־טער דעם שליטן און טשעפעט אים אָפ.

די אײַז־בלאָקן ווערן אַלץ זעלטענער, עס הייבן זיך אָן די פאַסן וואַסער. די הינט שפרינגען אַריבער פאַרוויַז, און דער לאַנגער שליטן גליטשט זיך שנעל איבערן וואַסער און בילדעט אַ מין הענגענדיקע בריק איבער די שפאַלטן. דער ווינט בלאָזט פון דאַרעם, פון דער פעלדזיקער הייך, און דאָ אונטן, אינעם געווירבל, ווי אין אַ טעהאָם, שמײַסט ער האַסטיק פון דער אָקעגנדי־קער זײַט, פון צאָפן. דער אוראַגאַנישער געווירבל שפרייט זיך ווײַט אַפן יאַם. דאָס וואַסער ברויזט און זײַן אומרויִקער געבריאַזג פילט זיך אינעם מילדן געוויג פונעם אײַז, וואָס אָטעמט פון אונטערן שליטן.

נאָר לאָס איז רויִק. ער האָט צוטרוי צו זײַן „קאַיור". וואָס נאָך קען ער טאָן ?

באַלד איז שוין נאָך דער געפאַר־זאָנע. די הינט לויפן אַרויף אַף אַ ברייטן און גלאַטן וועג. די „קאַיורס" שטעלן זיך, פאַרייכערן די ליולקעס און שפאַסן פון די געפאַרן וואָס זיי האָבן אויסגעמיטן.

— ווי גוט דאָ איז, אַנדריושאַ ! סאַראַ ראַכוועס !

— יאָ, ניקיטאַ סערגייעוויטש, מיר דוכט זיך, אַז אויך דו הייבסט זיך אָן אײַנליבן אינעם לאַנד. אַפילע דײַן געפרוירענע באָרד, דוכט זיך, האָט באַקומען דעם קאָליר פון דער היגער ערד. — לאַכט אַנדריי.

צו מיטאָג נעמט אומדרײַסט אַרויסקוקן דער באַגינען.

— אַנדריי, זאָלן די „קאַיורס" אַריבערגיין אַפן פעדערשטן שליטן און

מיר וועלן זיי נאָכהאַלטן; אַזוי וועל איך מיך אויסלערנען אָנטרײַבן די הינט.
— שלאָגט פּאָר לאָס.

די „קאַיורס" זײַנען צופרידן מאַסקים און לויפן פריילעך אַריבער צום פּעדערשטן שליטן: עס ווילט זיך זיי ריידן וועגן די רוסן, וואָס זיי פירן ווײַט, ווײַט צום צאָפן־טייל פון זייער לאַנד.

דער וועג איז אַן אויסגעצייכנטער. די הינט לויפן, צולאָכעס לאָסן, וואָס האָט מיט זיי גאָר קיין אַרבעט ניט. ער פילט זיך געערגערט: אַפילו אָנשרײַען אַף זיי דאַרף ער ניט.

— ניקיטאַ סערגייעוויטש, פאַרוואָס הייבן מיר שוין ניט אָן אָרגאַני־זירן די שייוועט־סאָוויעטן?

— פּאָשעט דערפאַר, פרײַנט מײַנער, וואָס דו ווילסט ניט פאַרשטיין אַ זייער וויכטיקן רוסישן שפּריכוואָרט: „זיבן מאָל מעסט און איין מאָל שנײַד אָפּ".

— נו, גוט, ניקיטאַ סערגייעוויטש. אונדזער טשוקאָטקער שטאַט איז אַזוי גרויס, אַז מיר קענען אים מעסטן פינף יאָר נאָכאַנאַנד און נאָך אַלץ ניט שנײַדן.

— ניין, כאַווער זשוקאַוו, ניין. מירן ניט אָנהייבן שנײַדן ביז מירן ניט צוריקפאָרן. דו באַגרײַף נאָר איין זאַך: מיר האָבן זיך געוויזן, מיר האָבן זיי געזען, איצט זאָלן זיי ריידן. דו מיינסט, אַז די פרײַז־ליסטע, וואָס מיר האָבן אײַנגעשטעלט איז אַ שפּאַס? ניין, טײַערער, דאָס איז אַ שטיק רעוואָלוציע. די פרײַז־ליסטע וועט זיי אַלעמען טרעפן ווי אַ שאָס פון אַ ביקס: דער רויטער שפּין טאַמסאָן, דעם כיטראַק סיימאָנס, דעם אויסוואָרף אַליטעט און נאָך און נאָך. מיר האָבן באַוויזן די יעגערס, אַז זייערע פעלן האָבן אויך עפּעס אַ ווערט. זיי וועלן עס טייקעף אויפכאַפּן. מעגסט זײַן זיכער.

די הינט זײַנען רויק געלאָפן. לאָס איז זיכער געווען, אַז די הינט נייטיקן זיך ניט אין זײַן אָנפירונג, און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן.

— ניקיטאַ סערגייעוויטש, האָסט דיך אײַנגעקוקט אין יאַראַקן? ער איז זייער אַן אינטערעסאַנטער יונג. דעם ערשטן מאָל האָט ער זיך צו מיר באַ־צויגן מיט אומצוטרוי. „די ווײַסע זײַנען אַלע גלײַך", האָט ער געזאָגט אַיען. דערנאָך האָט ער זיך איינגאַנצן געביטן: ער האָט מיר אַפילו זײַנע ברילן געשאָנקען. פאַראַיאָרן ווינטער האָב איך מיט אים אַ סאַך גערעדט. ער האָט געאַרבעט באַ טאַמסאָנען. מערי, טאַמסאָנס טאָכטער, איז אַן עכטע טשו־קאָטקע. זי גייט אויס נאָך יאַראַקן. ווען טאַמסאָן האָט זיך דערוווּסט דערפון, האָט ער יאַראַקן פון שטוב אַרויסגעטריבן. איך האָב גערעדט מיט יאַראַקן וועגן סאָוועטישן געזעץ. און איינמאָל איז ער צו מיר אין שטוב געקומען מיט מערין איך זאָל רעגיסטרירן זייער כאַסענע. זי איז אַ כוואַטסקע מיידל, אַ פעסטע! זי האָט אַ פּאָנעם... און אַנדריי האָט אַ טרייסל געטאָן מיט דער האַנט אין דער לופטן.

— און וואָס נאָך? — האָט לאָס פאַראינטערעסירט אַ פרעג געטאָן.

— ווייסט דאָך, אַז קיין בלאַנקן פאַר כאַסענע־רעגיסטערס האָב איך ניט. און קיין שטעמפּל אויך ניט. אַכוצדעם ווייס איך ניט ווי מען מאַכט דאָס.
— וואָס־זשע איז געוואָרן?
— וואָס זאָל געווען ווערן? זיי זײַנען אַוועק ניט רעגיסטרירטע!

לאָס האָט האַסטיק אָפּגעשטעלט דעם שליטן און האָט גענומען שרײַען אַזוי, אַז זײַן געפּרוּווירענע באָרד האָט זיך געטרייסלט.

— ווי נאַריש דו ביסט, אַנדריושאַ! אַזוי נאַריש, אַז איך דערקען דיך גאָרניט. צו וואָסערע טײַוואָלים האָסטו באַדאַרפט אַ בלאַנק? עס קענען אַוועק נאָך פינף יאָר ביז מען וועט דיר צושיקן אַ בלאַנק! עס קומט דיר צו דער האַנט אַזאַ געלעגנהייט, צו רעוואָלוציאָניזירן אַ גאַנצן לעבנס־שטייגער און דו פּאַטערסט זי אַוועק צוליב אַ בלאַנק?

— וואָס ביסטו אַזוי אין קאָס? גלײַך מען קען עס שוין ניט פאַריכטן! ווען מיר וועלן צוריקקומען, וועלן מיר עס אַלץ אײַנאָרדענען. — האָט אַנדריי געזאָגט.

— זאָלן זיי קומען צו מיר. וועסט שוין זען ווי איך וועל דאָס אײַנאָרדענען. מען דאַרף עס נאָר קענען פאַרשטיין.

מען האָט שוין דעם פּעדערשטן שליטן ניט געזען. לאָס האָט אָנגעשריגן. די הינט האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַלאָפּ און האָבן אָנגעיאָגט דעם ערשטן שליטן.

— אַנדריושאַ, און דער אַנדערער יאַט פונעם ענמאַקײַער לאַגער, וואָס דו האָסט מיר דערציילט פון אים, ווער איז ער?

— וואַאַמטשאַ.

— יאָ, יאָ, וואַאַמטשאַ. אַליטעט ווױנט דאָך אין ענמאַקײַ? נו, גוט, וועלן מיר אַהין צופאָרן. איך וועל מיך אָפּשטעלן באַ אַליטעטן אין שטוב, און מיר וועלן זען וואָס פאַר אַ פויגל דאָס איז.

— דאָ, זעסטו שוין, מאַכסטו אַ טאָעס. — האָט אַנדריי זיך אַרויסגעזאָגט.

— מיט וואָס איז עס אַ טאָעס?

— צו וואָס גיין צו אַליטעטן? מיר דאַרפן אַרויסווײַזן פאַראַכטונג צו אים, און אַכטונג צו וואַאַמטשאַ. עס מאַכט ניט אויס וואָס וואַאַמטשאַ האָט עפּשער אַ קליינע און אַ שמוציקע „יאַראַנגאַ".

— ביסט גערעכט, אַנדריי. נו, איז לאָמיר זיך איבערבעטן. — האָט ער מיט אַ שמייכל דערלאַנגט אַנדרייען מיט אַ פויסט אין בויך.

דער ווינט האָט ווידער גענומען בלאָזן פון צאָפן. דער נעפּל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אָף דער ערד. די נאַכט איז צוגעפאַלן.

דער פּעדערשטער שליטן איז שטיין געבליבן. אַ „קאַיור" איז צוגעקומען.

— אַנדריי, — האָט ער געזאָגט, — גיי צו דיר אין שליטן. אַ שטורעם וועט זײַן. די לעוואָנע האָט זיך אין אַ העמד אָנגעטאָן. לאָז מיר אָנטרײַבן.

לאָס האָט זיך אַוועקגעזעצט צוריק אָף זײַן אָרט און איז פאַרזונקען אין מאַכשאָוועס.

אָנגעהויפנטע אײַז־בלאָקן האָבן דעם וועג פאַרשטעלט און די „קאַיורס" האָבן גענומען טרײַבן די הינט צו די בערג.

דער שטורעם האָט אויסגעבראָכן. מיליאָנען און מיליאָנען שניי־עלעך האָבן זיך געדרייט אין דער לופטן און געשאַפן אַ קאָמפּאַקטן שניי־פאָרהאַנג.

דער שטורעם־ווינט האָט גערוישט און אינמיטן דעם צעיושעטן שניי־אָקעאַן האָט שוין לאָס ניט געקענט זען דעם פּעדערשטן שליטן און ניט די הינט פון זײַן אייגענעם שליטן. „נו, לאָס, דאָ, דוכט זיך, הייבט זיך אָן די טויפונג". — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און גענומען פעסטער צובינדן דעם

באַשליק. — אײַ! דאָ דאַרף מען פאַרן פאָרזיכטיק. דאָ קען מען אומקומען.
— האָט דער „קאַיור" געשריגן. — ריזיקע פעלדזן דאָ.

אין דער הייך, איבער די אַרויסגעזעצענע פעלדזן, האָט דער שטורעם בערג מיט שניי אָנגעהאָנגען און, ווי צו דעם וואָס שלאָגט זיך אָן זיי אָן! טרעפט, מענטשן און הינט, פאַרבלאָנדזשעטע אין שניי, פאַלן דאָ אַראָפּ. לאָזט זיך נאָך זיי אַראָפּ דער שניי־באַרג און פאַרשיט זיי.

די „קאַיורן" בינדן צו איין שליטן צום צווייטן און גייען איינער נאָכן אַנדערן. אָפט שטעלן זיי זיך אָפּ און באַראָטן זיך. די הינט רוקן זיך פּאַמעלעך ווײַטער אין דער געדיכטער כאַשכעס. אומשפּירעוודיק פירן די „קאַיורס" דעם געשפּאַן אַהין וווּ זיי רעכענען דער וועג געפינט זיך.

איינער פון די „קאַיורן" גייט אַפּריַער און וואַרפט קעסיידער זײַן „אָס־טאָל", אַ צוגעבונדענעם מיט אַ רימען צו זײַן האַנט־געלענק. אויב דער שטריק „אַנטלויפט" אים פון דער האַנט, גיט ער אַ געשריי:

— האַלט!

— דאָס מיינט, אַז דאָרט געפינט זיך אַן אָפּגרונט, און די „קאַיורן" לאָזן שטיין די שליטנס און גייען צוזאַמען זוכן דעם „וועג".

עס דויערט לאַנג ביז זיי קומען צוריק. דער שניי האָט שוין קימאַט פאַרשאָטן די הינט, וואָס שטייען אײַנגעקאָרטשעטע און רירן זיך ניט פון אָרט.

לאָס קוקט אָפן זייגער.

— שוין מער ווי אַ האַלבע שאָ. — זאָגט ער.

— זיי וועלן קומען! — פאַרזיכערט אַנדריי, כאָטש ער אַליין האָט קיין גרונט ניט פאַר אַזאַ פאַרזיכערונג.

— סיימאָנס האָט מיר געשאָנקען אַ גוטן זייגער אָפן פאַל פון אַ שטורעם. זע דעם לויכטנדיקן ציפערבלאַט. וועלפיש אויג רופט מען אים. און ער קאָסט ניט מער ווי איין דאָלאַר. ס'איז אַ זייגער פאַר אַרעמעלײַט. ער גילט נאָר אָף איין יאָר. ווי כיטרע זיי זײַנען די נאָרד־אַמעריקאַנער! — זאָגט לאָס און דריקט צו אַנדרייען צום „באַראָן" * פונעם שליטן.

עס דוכט זיך זיי, אַז זיי וואַרטן שוין אינעם שליטן אַ גאַנצע אייביקייט אָף די „קאַיורן".

— זיי זאַמען זיך מיט אַן עמעס. — זאָגט אַנדריי.

— צי האָבן זיי ניט פאַרבלאָנדזשעט?

— עס וואָלט גאָר קיין כידעש ניט געווען. — און אַנדריי נעמט שרײַען:

— היי, היי, היי!...

נאָר דער ווינט פאַרטראָגט דאָס קאָל אין אַן אַנדער זײַט.

— ניקיטאַ סערגייעוויטש, לאָמיר שרײַען ביידע מיטאַמאָל.

— מען דאַרף אויסשיסן אַ פּאָר מאָל אין דער לופטן. זע, דאָ ליגט דעם „קאַיורס" „ווינטשעסטער".

לאָס נעמט דעם אַלטן „ווינטשעסטער", אַ צוגעבונדענעם מיט רימענעס; ער פּרוווט אויסשיסן און עס שיסט ניט.

— די ביקס איז שוין אַלט עפּשער הונדערט יאָר. מען דאַרף זי קענען... איצט טוט מיר באַנג וואָס איך האָב דיך געפאָלגט. פאַרוואָס האָב איך ניט מיטגענומען מײַן פּיסטויל?

— די טשוקטשעס האָבן ניט ליב אַז מען גייט מיט זיי באַוואָפנט.

---

* „באַראָן" — אַזאַ בויגן אינמיטן דעם שליטן.

ביקיטאַ סערגייעוויטש. זיי האַלטן, אַז אַ ביקס איז פאַר כאַיעס, נאָר צו וואָס טויג אַ קליין געווער ? אַף האַרגענען מענטשן ?

— נאַרישקייטן ! איצט וואָלט אונדז אַ פּיסטאָלעט צונוצגעקומען... וואָס טוען מיר אויב אונדזערע וועגווײַזער זײַנען פאַרלוירן געגאַנגען ?

— ניט רירן זיך פונעם אָרט ביז דער שטורעם וועט אַריבער.

— און טאָמער געדויערט ער פינף טעג ?

— אַפילע צען. איך האָב גאָר קיין כיישעק ניט אַראָפּצושפּרינגען פון דרײַ הונדערט מעטער די הייך, אָדער פון נאָך העכער.

— איך בין אויך ניט געוווינט אַזוי צו שפּרינגען.

— לאָמיר אַזוי וואַרטן נאָך איין שאָ און דערנאָך וועלן מיר זיך אַוועקלייגן אינעם שנייַ, ווי די הינט, שלאָפן.

מיטאַמאָל האָבן זיי דערהערט שרײַען אין דער פינצטער :

— אַ וועג ! פאַראַן אַ וועג !

די „קאַיורן" זײַנען שוין געווען נאָענט פונעם שליטן.

— ווי קען דאָ זײַן אַ וועג ? — האָט לאָס אַ בורטשע געטאָן, כאָטש אין זיך האָט עס אים האַנאָע געטאָן.

די „קאַיורן" האָבן אויפגעהויבן די הינט, וואָס זײַנען שוין קימאַט פאַרשאָטן געווען אינעם שנייַ ; די הינט האָבן זיך אַ ביסל אָפּגעטרייסלט און די שליטנס האָבן זיך ווידער גענומען גליטשען איבער דעם אָפּגעהאַקטן באַרג־אַראָפּ.

— לאָס ! — האָט פריילעך געשריגן דער „קאַיור", — דאָס איז דער באַרג־שפּאַלט פונעם וואַלפיש־שפּרונג. דאָרט אונטן איז דער ענמאַקײַ־לאַגער.

קאַפּיטל XII

ניט אַזוי גרינג האָט זיך לאָס אײַנגעמאָשטשעט באַם אַלטן וואַאַל אין דער „יאַראַנגאַ". אַן אויסגעצויגענער אין דער גאַנצער לענג, האָט ער מיט זײַן גוף איבערגעטיילט די וווינונג אַף צווייען.

די יונגע באַלעבאָסטע, אַלעק, איז צעטומלט געוואָרן ווען זי האָט אים דערזען. זי האָט אָבער ניט פאַרגעסן אַז זי דאַרף טיי אויפזידן. זי איז אַריבערגעטראָטן לאָסן און האָט אַרײַנגעלייגט קליינע שטיקלעך אײַז אינעם טשײַניק.

ס'איז צום שטוינען וואָס דער רוסישער נאָטשאַלניק, וואָס מען דערציילט וועגן אים אַזויפיל מײַסעס באַם ברעג, איז גראָד געקומען אַהער זיך אויסרוען. קיינעם האָט אַפילע ניט געקענט אײַנפאַלן אַזאַ כאָשעווער פאַרשוין זאָל אַרײַנגיין צום אַלטן וואַאַל אין דער „יאַראַנגאַ". איז עס דען ניט צום שטוינען ? דער פוס פון אַ „טאַנגי" איז נאָך קיינמאָל ניט איבערגעטראָטן די שוועל פון זײַן געצעלט. וואָס קען דאָס באַדײַטן ? איז עס ניט עפּעס אַ שפּאַס ? צי עפּשער האָט אים דיר שטורעם געצוווּנגען דאָ זיך צו שיצן ?

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן געמאַטערט ניט נאָר די יונגע אַלעק ; אויך דער אַלטער וואַאַל האָט אַזוי געקלערט. ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן : ער איז גאָרניט געוווינט אַזעלכע כאָשעווע געסט אויפצונעמען. דער אַלטער האָט אומגעשפּאַנט הין און צוריק. צום סאָף איז ער אַרויסגעגאַנגען פונעם געצעלט אינעם פאָרהויז און איז צוריקגעקומען מיט אַ פעל, וואָס

ער האָט באַטראַכט אַף דער שײַן. ער איז געווען גערירט. אויסגעקלאַפּט די פּעל מיט אַ הירשענער ריפּ, האָט ער זיך אָנגערופן צו לאָסן:

— רוק דיך אַוועק, וועל איך דיר אונטערשפּרייטן די פּעל, וועט זײַן בעסער.

נאָר לאָס איז אַלץ געלעגן און האָט ניט פאַרשטאַנען דעם אַלטן. ער האָט געזוכט באַ זיך אינעם העפט פון די „פּאַרטיקע פראַזן" און ווי אַף צו־לאָכעס גאָרניט געפונען אַזוינס וואָס זאָל אים נוצן אין דעם פאַל. דער אַלטער וואַאַל האָט אים גענומען אויפקלערן מיט זײַנע טנועס וואָס ער וויל.

— אַהאַ! כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי! — האָט לאָס ליבלעך געזאָגט און האָט זיך אויסגעדרייט אַף אַ זײַט.

וואַאַל האָט שנעל אויסגעשפּרייט די פּעל.

אַרײַנגעקומען איז אַנדריי און, מיט דער גאַנצער נאַטירלעכקייט, זיך אַוועקגעלייגט לעבן לאָסן.

פונדעסטוועגן האָט זיך וואַאַל ניט געקענט באַרויִקן. ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג נאָך עפּעס צו טאָן.

— רו דיך אָפּ, אַלטער! בלײַבט דאָ מיט אונדז, וועלן מיר שמועסן. — האָט לאָס געזאָגט.

אַנדריי האָט גענומען איבערזעצן לאָסעס ווערטער.

אָבער וואָס קען מען זאָגן ווען אַלע געדאַנקען זײַנען צעמישט און פאַרפּלאָנטערט? ווער איז דען בעקויעך צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער דאָזיקער רוסישער נאַטשאַלניק האָט זיך גראָד אָפּגעשטעלט באַ וואַאַלן אין דער „יאַראַנגאַ"? ניט ווײַט שטייט אַליטעטס „יאַראַנגאַ", אַ ברייטע ווי די טונדרע, אַ ליכטיקע ווי פון דער זון באַלויכטן, מיט גוטע פוטערס צום שלאָפן און עסן צו זאַט. ווילן עפּשער די רוסן וואַאַלן עפּעס בייז טאָן?

דער אַלטער האָט געקוקט אַ צעשראָקענער אַף די רוסן, כאָטש ער האָט זיך באַהערשט, און ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט לאָסעס בליקן, האָט ער זיך געטראַכט: „גוטמוטיקע אויגן באַ אים, ווי באַ אַ הירש. דאָס זײַנען ניט קיין וועלפישע אויגן".

— נעם פון מײַן טאַבאַק, אַלטער. — האָט לאָס דערלאַנגט דעם אַלטן זײַן פושקע טאַבאַק „פּרינץ אַלבערט".

דער אַלטער האָט זיך רוישלאָז צעלאַכט. ער האָט צוערשט אַ קוק געטאָן אַף זײַן שנור אַלעק, דערנאָך אַף די רוסן און, אין פאַרלעגנהייט, גענומען דעם טאַבאַק. דערנאָך האָט ער אָפן הויכן קאָל אַ זאָג געטאָן:

— אַלעק, זעסט סאַראַ טאַבאַק וואַאַל רייכערט? איַ, איַ, איַ! דאָס איז מײַן זון וואַמטשאָס ווײַב. — האָט דער אַלטער זיי געגעבן צו פאַרשטיין און מיט דער ליולקע אָנגעוויזן אַף דער יונגער פרוי. — מײַן זון וועט באַלד צוריקקומען. ער איז אַרײַנגעגאַנגען צו שכיינים אין שטוב. — וואַאַל האָט געשוויגן אַ ווײַלע. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו אַנדרייען און אים שעפּטשענדיק געפרעגט: — דער רוסישער נאַטשאַלניק האָט אַהער פאַרבלאָנדזשעט צו אונדז אין לאַגער? אַליטעטס „יאַראַנגאַ" איז דאָ באַ דער זײַט, זייער נאָענט.

— מיר ווייסן, — האָט אַנדריי געענטפערט. — נאָר דער רוסישער נאַטשאַלניק האָט געזאָגט: „מירן זיך אָפּשטעלן ווו עס זײַנען פאַראַן גוטע מענטשן. איך האָב געהערט זאָגן, אַז דער אַלטער וואַאַל איז אַ גוטער. לאָמיר אַרײַנגיין צו אים". אַזוי האָט דער נאַטשאַלניק אַליין געהייסן,

דער אַלטער האָט, אַ צופֿרידענער, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָס האָט אויסגעזען עמעס. דער אַלטער האָט געוווּסט זײַן ווערט. צוגעקומען איז ער צו לאָסן, האָט אים אָנגענומען באַם אָרעם, העכער דעם עלנבויגן, און האָט אים מיט דאַנק אַ טרייסל געטאָן אָן ווערטער.

— אַלעק, די געסט קומען פונעם וועג און עס איז זיי קאַלט. צײַט צו דערלאַנגען זיי טיי. — האָט דער אַלטער, אַ פֿריילעכער און אַ גערירטער, באַפֿוילן.

אַלעק האָט צוגערוקט אַ טישל און האָט דערויף אַוועקגעשטעלט טאַזעס.

— אַלעק, איר האָט ווייניק טאַזעס. אין אַלע „יאַראַנגאַס" זײַנען ווייניק טאַזעס. דערפֿאַר פֿירן מיר מיט זיך אייגענע. — און אַנדריי האָט אַוועקגעשטעלט אָפֿן טישל אַ פּאָר קליינע קריגלעך.

רויט פֿון קעלט, איז אין „יאַראַנגאַ" אַרײַנגעקומען וואַאַמטשאַ.

— אָך, מײַן אַלטער פֿרײַנט! — האָט אים אַנדריי געגריסט און אים דערלאַנגט די האַנט. — ווי לאַנג שוין אַז מיר האָבן זיך ניט געזען. האָסט שוין מיסטאָמע פֿאַרגעסן אָן מיר, אַ?

— ניין, — האָט וואַאַמטשאַ אַ כמורנער, געענטפֿערט.

דאָס קומען פֿון די רוסן איז אויך אים אַזוי אומפֿאַרשטענדלעך געווען ווי דעם פֿאָטער. נאָר אַז ער האָט זיך דערמאָנט אָן זײַן ערשטער באַגעגעניש מיט אַנדרייען, איז זײַן שלעכטע שטימונג פֿאַרשוווּנדן. „עפּשער איז ער טאַקע געקומען אין דער „יאַראַנגאַ" ניט שפּאַס צו טרײַבן. יענעם מאָל האָט ער זיך אויך ניט געוואָלט אָפּשטעלן באַ טשאַלי די רויטע נאָז" — האָט וואַאַמטשאַ זיך געטראַכט.

— זייער גוטע געסט זײַנען זיי, וואַאַמטשאַ, זייער גוטע! — האָט דער אַלטער זיך אָנגערופֿן ווען ער האָט באַמערקט דעם זונס צעטומלטקייט.

— ווי גייט די יאַגד, וואַאַמטשאַ? — האָט אים לאָס געפֿרעגט, נאָכ־דעם ווי ער האָט אַרײַנגעקוקט צו זיך אין העפֿט.

וואַאַמטשאַ האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו לאָסן און אַ שמייכל האָט זײַן פּאָנעם באַלויכטן: לאָס האָט גערעדט טשוקטשיש אָף אַ זייער קאָמישן אופֿן.

— פֿאַראַן יאַגד. איך האָב פֿאָקעס. — האָט וואַאַמטשאַ געענטפֿערט.

— וויפֿל פֿוקסן האָסטו געפֿאַנגען?

— פֿיר. גוטע פֿוקסן! אויב איך זאָל זיי אַוועקטראָגן אין קראָם צום נײַעם נאָרד־אַמעריקאַנער, וועל איך באַקומען אַ סאַך זאַכן. מען זאָגט ער האַנדלט גוט.

— פֿרעג אים, אַנדריי, פֿאַרוואָס ער האָט נאָך ניט פֿאַרקויפֿט זײַנע פֿוקסן?

ווען אַנדריי האָט אים געשטעלט די פֿראַגע, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— זיי זײַנען ניט מײַנע. — האָט ער אים אויפֿגעקלערט. — איך האָב זיי געכאַפּט מיט די קלעצער וואָס אַליטעט האָט מיר געגעבן, און איך האָב אים פֿאַר זיי גאָרניט באַצאָלט. דרײַ פֿעלן דאַרף איך אים געבן.

באַם בערדיקן רוס אָפֿן פּאָנעם איז אַ וואָלקן אַריבער. דער אַלטער איז אומרויִק געוואָרן.

אין דער רעגע איז אין דער „יאַראַנגאַ" אַרײַנגעקומען אַליטעט גופֿא.

— זײַ געגריסט רוסקע נאַטשאַלניק! פֿאַרוואָס רוט דער רוסקע נאַ־

טשאַלניק אין אַ קליינער „יאַראַנגאַ”? אַ קליינע „יאַראַנגאַ” איז שלעכט; אַ גרויסע איז גוט. פֿאַר אײַך איז דאָ פּלאַץ אין מײַן „יאַראַנגאַ”. — האָט אַליטעט געזאָגט און אינעם געשפּרעך אַרײַנגעמישט רוסישע ווערטער.

דער אַלטער האָט, אַ געערגערטער, געהערט יענעם ריידן און האָט געליטן. ער איז שוין ניט אין די יאָרן מען זאָל פֿון אים לאַכן. און עס הייבט, דוכט זיך, אָן אַזוי אויסצוזען. דער אַלטער האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז אַט וועלן זיך די רוסן אויפֿהייבן און אַרויסגיין מיט כויזעק איבער זײַן „יאַראַנגאַ”.

וואַמטשאָ האָט מיט פֿאַרדראָס געקוקט אַף אַליטעטן און האָט זיך געטראַכט: „עפּעס מוז ער שטענדיק צונעמען באַ עמעצן... פֿאַרוואָס האָט דער פֿאָטער טייקעף ניט געזאָגט צו די רוסן זיי זאָלן גיין צו אַליטעטן?”

— מײַן „יאַראַנגאַ” איז אַ גוטע, אַ גערוימע — האָט אַליטעט ווײַטער גערעדט. — איך האָב רוסקע זופּ, מיט זאַלץ און אַ סאַך יונגן הירשן־פֿלייש. אָ, סאַראַ געשמאַק עסן!

— ניין, מיר בלײַבן באַ וואַאַלן אין הויז. מירן ערגעץ אַנדערש ניט גיין. — האָט אַנדריי פֿעסט אַ זאָג געטאָן.

„וואָס הערן מײַנע אויערן? זאָל עס עמעס זײַן, אַז די רוסן האַלטן וואַאַלן פֿאַר אַ כאָשעוון מענטשן?”, האָט זיך דער אַלטער געטראַכט און מיט אַ פֿרעגנדיק פּאָנעם געקוקט צום זון. אויך וואַמטשאָן איז פֿונעם האַרצן אַ שטיין אַראָפּגעפֿאַלן.

לאָס האָט באַטראַכט אַליטעטס יעדע טנוע און האָט זיך באַמיט אַרײַנצודרינגען אינעם זין פֿון זײַנע ווערטער. ער האָט זיך אַ סאַך אָנגעהערט וועגן אים, און איצט, ווען ער זעט זײַנע כיטרע און אומרויִקע אויגן און הערט זײַנע כניפֿעדיקע רייד, וואַקסט אין אים די אויפֿרעגונג.

— וואָס זאָגט ער? — האָט לאָס געפֿרעגט.

אַנדריי האָט אים איבערגעזעצט וואָס אַליטעט האָט געזאָגט, און לאָס האָט זיך אויפֿגעהויבן און מיט ניט אײַנגעהאַלטענעם קאַס, אַזש די באָרד האָט זיך אים געטרייסלט, האָט ער אַרויסגערעדט:

— זאָג אים, אַז דער רוסישער נאַטשאַלניק וויל ניט אָפּשטעלן זיך באַ אַליטעטן אין הויז. איך וויל מיך אָפּשטעלן באַ אָרנטלעכע מענטשן און ניט באַ גאַנאָווים, וואָס גאַנווענען פֿוקסן פֿון פֿרעמדע קלעצער.

און בעיס אַנדריי האָט איבערגעזעצט די ווערטער, האָט דער אַלטער וואַאַל, אַן איבערראַשטער, זיך געטראַכט: „פֿון וואַנען ווייסט דער רוסישער נאַטשאַלניק דעם עמעס?”

וואַמטשאָ האָט זיך אײַנגעהערט צום שמועס מיט גרויס נײַגעריקייט. ער האָט כיישעק געהאַט צו דערציילן ווי אַזוי אַליטעט האָט באַגאָסן מיט ברען־פּעטס זײַן צי־שפּײַז לעבן די דרײַ בערגלעך.

— דער רוסישער נאַטשאַלניק האָט אַ שלעכטע נייגונג. — האָט אַליטעט אָפּגעענטפֿערט. — אונדזער פֿאָלק האָט ליב צו ריידן שטילע רייד.

— מאָרגן וועל איך מיט דיר ריידן נאָך העכער וועגן דײַנע געשעפֿטן מיט דעם נאָרד־אַמעריקאַנישן שמוגלער־גאַליאָט. דער מין האַנדל איז אויך גנייווע. פֿאַרשטייסט?

באַ אַליטעטן האָבן זיך די אויגן אומרויִק געדרייט און ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר לאָס האָט אַ באַפֿעלערישן געשריי געטאָן:

— קאַנטאַ!

און אַליטעט איז אין אײַלעניש אַרויס.

— אײן וואָרט, ווייניקסטנס, האָט מיר געגוצט — האָט לאָס ערנסט אַ זאָג געטאָן. — זעסטו שוין אַנדריי, אַז איך האָב עס ניט פאַרגעסן.

דער אַלטער מיט וואַמטשאַן האָבן זיך איבערגעקוקט. אַלע האָבן געשוויגן. אין אַ היפּשער ווײַלע אַרום האָט וואַמל אַ מורמל געטאָן:

— איצט וועט אַליטעט ניט העלפן וואָאַלס „יאַראַנגאַ". ער וועט צונעמען די קלעצער.

— דאָס איז גאָרניט, אַלטער. די סאָוויעטן־מאַכט וועט אײַך העלפן. איך וועל אײַך העלפן.

— גלײַכער אַז אַליטעט זאָל אונדז ניט העלפן. — האָט וואַמטשאַ אַ בורטשע געטאָן.

— ביסט גערעכט, וואַמטשאַ! איך וועל דיך באַשטימען פאַר פאָרזיצער פונעם שייוועט־סאָוויעט און דו אַליין וועסט זײַן נאַטשאַלניק פונעם לאַגער.

ביז זייער שפּעט אין דער נאַכט האָט מען באַם אַלטן וואַמל אין דער „יאַראַנגאַ" גערעדט וועגן דעם וואָס אַזוינס איז דער שייוועט־סאָוויעט און אין וואָס באַשטייט זײַן אַרבעט.

אַהיימקומענדיק, באַם עסן, האָט אַליטעט געשאָטן מיט קלאָלעס אַפן רוסישן נאַטשאַלניק. טיגרענאַ האָט אויסגעהערט און טיף אין האַרצן האָט איר האַנאַע געטאָן וואָס עס זײַנען פאַראַן „טאַנגיס" ניט צופרידענע מיט אַליטעטן. די „טאַנגיס" האָבן זי אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז עס האָט זי אַנגענומען אַ כיישעק צו גיין אַ קוק טאָן אַף זיי.

קיינער האָט זיך ניט צוגערירט צום עסן, וואָס איז געווען געקאָכט נאָרד־אַמעריקאַניש, און אַליטעט האָט עס אַוועקגעגעבן די הינט.

און ווען אַליטעט איז אַרײַנגעגאַנגען צו אַטענוועט אין אַלקער, איז זיך טיגרענאַס נײַגעריקייט אַזוי צעוואַקסן, אַז זי האָט געמיינט זי וועט פאַרברענט ווערן. זי האָט דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט פון די פוטערס און דער פראָסט האָט איר דאָס פּאָנעם געגלעט און די נאַקעטע אַקסלען. לאַנג האָט זי אַזוי גענאָסן באַ דער טיר דעם קאַלטן ווינט און האָט מיט די אויגן געלעכערט דעם פינצטערן פאַרהויז. דערנאָך האָט זי אַנגעטאָן דעם פוטערנעם „קערקער" און איז אַוועק צו וואָאַלס „יאַראַנגאַ".

טיגרענאַ האָט שטיל דעם קאָפּ אַרונטערגעשטעקט אונטערן פאַרהאַנג.

— קום אַרײַן, קום אַרײַן, טיגרענאַ. — האָט וואַמל זי צאַרט אַרײַנגערופן.

— ניין, איך מוז אַהיימגיין. איך בין נאָר געקומען אַ קוק טאָן. — האָט טיגרענאַ געענטפערט און האָט באַטראַכט דעם יונגן רוס און דעם בערדיקן נאַטשאַלניק.

טיגרענאַ האָט כיישעק געהאַט צו הערן זיי ריידן. נאָר ביידע האָבן זיי געשוויגן ווען וואַמל האָט גענומען ריידן צו טיגרענאַן.

„עס מאַכט ניט אויס, אַלעק וועט מיר שוין מאָרגן אַלץ אויסדערציילן", האָט טיגרענאַ זיך געטראַכט און איז אַוועק.

— דאָס איז אַליטעטס ווײַב. זייער אַ ווויל מיידל. — האָט וואַמל אויפגעקלערט.

— אַליטעט האָט זי מיט געוואַלד געבראַכט אין לאַגער. זי איז אַנטלאָפן. נאָר ער האָט זי ווידער געבראַכט. — האָט וואַמטשאַ צוגעגעבן.

— איך מיין, ניקיטאַ סערגייעוויטש, אַז מיר דאַרפֿן זי נעמען אונטער אונדזער שוץ. — האָט זשוקאָוו זיך אָנגערופֿן.
לאָס האָט געענטפֿערט:
— אַזוי וועלן מיר טאָן, אַנדריי...

קאַפּיטל XIII

די דעלעגאַטן פֿונעם רעווקאָם האָבן אין מעשעך פֿון זייער לאַנגער רײַזע אָנגעוווירן די געוווינהייט צו שלאָפֿן אין בעט. עס האָט זיי שוין דער־עסן וואַשן זיך מיט שניי. דער גוף האָט געפֿאָדערט וואַסער.

ביז הײַנט זײַנען זיי שוין אויסגעפֿאָרן טויזנטער קילאָמעטערס אין שליטנס מיט הינט און מיט הירשן און נאָך האָבן זיי ניט באַוויזן צו זײַן אין אַלע יישובֿים. די אַרבעט הייבט זיך ערשט אָן. אַלץ שטייט זיי ערשט פֿאָר. לאָס טראָגט פֿולע עמערס שניי און שטעלט זיי אַוועק צעשמעלצן אַפֿן אייוועלע. דערנאָך ברענגט ער אַרײַן אין צימער אַ קינדערשע וואַנע, וואָס ער האָט געפֿירט מיט זיך פֿון אַ ווײַטן אײַנקויף־הויז. ווען זיי זײַנען דעמאָלט אַהיימגעפֿאָרן, האָט אים אַנדריי נײַגעריק געפֿרעגט:

— צו וואָס פֿירסטו די דאָזיקע וואַנע?

— ס'איז אַ סאָד. — האָט דעמאָלט לאָס מיט אַ שמייכל געענטפֿערט.

איצט, ווען ער שטעלט אַוועק די וואַנע לעבן וואַשטישל, קלערט ער אים אויף:

— יאָ, אַנדריושאַ, אין די באַדינגונגען ווי מיר לעבן, איז אַ באָד זייער אַ שווערער עניָען, אָבער, ניט אוממעגלעך. מען דאַרף האָבן אײַנפֿאַל, אַ סאַך אײַנפֿאַלערישקייט. צו וואָס, מיינסטו, האָב איך זי געפֿירט מיט זיך, אַט די וואַנע, פֿון פֿינף הונדערט קילאָמעטער ווײַט? זי וועט אונדז דינען פֿאַר אַן אָפּגוס און באָדן וועלן מיר זיך אַפֿן וואַשטישל. אַ שאָד וואָס דאָ זײַנען קיין בערעזעס ניטאָ; ווײַטער וואָלטן מיר דאָ גענומען אַ שוויץ־באָד, ווי בײַ אונדז אין דער היים.

אינעם צימער פֿונעם רעווקאָם איז הייס. לאָס האָט זיך אויסגעטאָן נאַקעט. ער פּאַטשט זיך אין די קליבעס און זאָגט:

— און איצט דאַרף מען זיך נאָר פֿאָרשטעלן, אַז מען איז אין אַן עמער־סער באָד, און די אילוזיע וועט זײַן אַ פֿולשטענדיקע. ער האָט אַרײַנגעגאָסן אין דער וואַנע אַ ביסל וואַסער, האָט זי אַוועקגעשטעלט לעבן וואַשטישל, איז אַרײַן מיט די פֿיס און רוישיק זיך גענומען וואַשן דעם קאָפּ.

לאָס האָט פֿאַר טײַנעג געפֿאָרשקעט ווי אַ פּאָקע.

— אוף, ווי מען וואָלט פֿון מיר זיבן פּוד מאָסע אַראָפּגענומען... טו דיך אויך אויס. אַז ניט, וועל איך דיך אין שטוב ניט אַרײַנלאָזן. איך האָב אויך פֿאַר דיר אָנגעוואַרעמט וואַסער. אַ גאַנצן קעסל. מען קען אַ בער אָפּבאָדן.

אַנדריי איז אַרײַן אין „באָד".

געוועזן איז שוין האַלבע נאַכט. נאָר די ווײַסנאַכטיקע שײַן איז אַרײַנ־געדרונגען אין צימער און האָט זיי ניט געלאָזט שלאָפֿן. לאָס און אַנדריי האָבן צופֿרידן געערוט באַ זיך אין די בעטן.

ווי ווייניק עס דאַרף אַ מענטש! אַ קעסל וואַסער!

— ניקיטאַ סערגייעוויטש, איך האָב דיר פֿאַרגעסן דערציילן, אַז בעיס

מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון אַליטעטס „יאַראַנגאַ", איז באַ דער טיר צו מיר צוגעלאָפֿן טיגרענאַ און מיר געזאָגט: „אַליטעט איז אַ שלעכטער".

— יאָ, איך האָב מיך אין איר אײַנגעקוקט. מען זעט, אַז זי איז אַ מענטש מיט כאַראַקטער. ווען וואַאַמטשאַ וועט קומען, וועלן מיר אים געבן אינס־טרוקציעס. מיר וועלן טיגרענאַן אַהער רופֿן. נו, גוט, מיסטער זשוקאָף, מירן אויסרייכערן אַ „קאַפּסטאַן" פֿאַרן שלאָפֿן.

— מירן אויסרייכערן, מיסטער לאָס. גובערנאַטאָר!

זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן די נאָרד־אַמעריקאַנער און האָבן זיך צעלאַכט.

— מירן ברענגען לערער, דאָקטוירים. — האָט לאָס געכאָלעמט אָפּן קאָל. — מירן האָבן פּאַרטרויונגס־מענטשן אין די לאַגערן און עס וועט אָוועקגיין אויסגעצייכנט. כאָטש די נאָרד־אַמעריקאַנער אײַנקויף־הײַזער זײַ־נען ניט שלעכט, איז אָבער זייער האַנדל אין גרונט אַ גײַציקער. מיר דאַרפֿן אַז אין די אײַנקויף־הײַזער זאָל מען ניט נאָר בײַטן טאַבאַק אָף פֿוטערס, נאָר אויך אַרבעטן מיטן פֿאָלק, אים אײַנפֿלאַנצן קולטור. מען דאַרף אַ סאַך מאַכן צו די נאָרד־אַמעריקאַנער אײַנקויף־הײַזער און אָרגאַניזירן אונדזערע אייגענע.

— די נאָרד־קאָמפּאַני מוז דאָך אָבער פֿאַרבלײַבן דאָ דרײַ יאָר.

לאָס האָט זיך, אַ געערגערטער, אויפֿגעזעצט אינעם קישן און אַ גערירן־טער געפֿרעגט:

— צי דען האָבן זיי געבראַכט אַהער אײַנריכטונגען פֿאַר שולן און שפּיטעלער, אַ?

— יאָ, דאָס ווענדט זיך אָבער ניט אין אונדז, ניקיטאַ סערגייעוויטש. מיט דער קאָמפּאַניע שטייט אין באַציִונגען דער פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פֿאַר אויסערן־האַנדל.

— נו, איז וואָס־זשע? צי דען זײַנען מיר דאָ פּאָשעטע שוואַרצאַרבע־טער? נאַטירלעך, רעכן איך ניט שוין מאָרגן זיי אַרויסטרײַבן... צי טאָר איך אָבער ניט אַוועקשטעלן די פֿראַגע פֿאַרן געגנטלעכן רעווקאָם און זי באַגרינדן און באַגלייטן מיט דער געהעריקער אינפֿאָרמאַציע?

— אַוואַדע מעגסטו!

— און מער ווי דאָס וויל איך ניט... שוין מאָרגן מוזן מיר אַוועקשיקן די „פּאָסט" אָף דעם גרונט.

— און וואָס טוט מען מיט דעם שמוגל? האָסט געזען די קאַבאַלע, וואָס טעקי־שוואַרצער זשוק האָט אויסגעשריבן אַליטעטן? די דאָזיקע שמוג־לערס באַרויבן אויך די באַפֿעלקערונג ווען זיי נעמען צו די פֿעלן.

— מירן אײַנשטעלן גרענעץ־פּאָסטנס באַם ברעג. מירן דערצו ברענגען ספּעציעלע מענטשן. אויך די פֿראַגע וועלן מיר באַהאַנדלען דורך דער „פּאָסט"... נאָר, גענוג, איצט איז שוין צײַט שלאָפֿן, און לאָס האָט זיך איבערגעדרייט אָף דער אַנדערער זײַט.

אין צימער איז פֿולער טאָג געוואָרן. די זון איז קוים אונטערגעגאַנגען און שוין הייבט זי זיך ווידער איבערן הימל. אַנדריי האָט קיין כיישעק ניט צו שלאָפֿן. ער שטייט אויף און גייט צו צום פֿענצטער. אין גאַס איז קיין לעבעדיקער נעפֿעש ניטאָ.

אַנדריי וועקט אויף לאָסן:

— איך מיין, אַז מיר וואָלטן דאָ באַדאַרפֿט אײַנשטעלן אַ קולטור־באַ־זע. פֿאַרשטייסט? אַ גאַנצע ריי קולטור־אינסטיטוציעס...

לאָס האָט זיך אויפגעזעצט, אָן אָנגעשפּאַרטער אָף די עלנבויגנס האָט ער שאַרף אָנגעקוקט אַנדרייען און אויפגערעגט אַ פֿרעג געטאָן: מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט דרייסטו מיר אַ קאָפּ מיט דײַנע באַנאַכטיקע פֿאַנטאַזיעס? דעו סוינע האָט זיך אָפּן האַריזאָנט באַוויזן, וואָס דו וועקסט מיך? דו לאָזט מיך ניט שלאָפֿן נאָך דער „באָד“. פֿריִער האָט מיך די שײַן ניט געלאָזט שלאָפֿן; איצטער דו. מאָרגן איז אויך אַ טאָג. פֿאַרהענג מיט עפּעס דאָס פֿענצטער און לייג זיך שלאָפֿן. לאָס האָט נאָך עפּעס אַ וואָרטשע געטאָן און האָט זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ.

— איך האָב געמיינט, אַז אויך דו שלאָפֿסט ניט. — האָט אַנדריי געזאָגט און האָט פֿאַרהאַנגען דאָס פֿענצטער מיט זײַן רעקל.

נאָר די שײַן האָט זיך אַלץ דורכגעריסן. אַנדריי האָט זיך אַוועקגעלייגט און איז באַלד אײַנגעשלאָפֿן.

— איצט קען א י ך שוין ניט שלאָפֿן. — האָט לאָס אַ מורמל געטאָן און האָט געקוקט אָפּן שאָכן, וואָס איז געשלאָפֿן ווי אַ געהאַרגעטער; ער האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט גענומען אַ לאַנגן „טאַרבאַז“ און מיט אים אַ שטורכע געטאָן זשוקאָוון.

— אַנדריי, אַנדריושקאַ! וואָס האָסטו מיר אַזוינס דרינגלעכס געוואָלט זאָגן? — האָט ער שפּאַסיק געפֿרעגט.

אַנדריי האָט זיך פֿויל געריבן די אויגן, האָט אַ גענעץ געטאָן, אַ קוק געטאָן אָף לאָסן, ווי ער זיצט אין בעט, און האָט זיך צעלאַכט. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעשטעלט די פֿיס אָף דער ערד, האָט זיך אויסגעצויגן און האָט ווידער אַ גענעץ געטאָן.

— געוואָלט האָב איך מיט דיר ריידן וועגן אַ קולטור־באַזע, ווו עס זאָל זײַן אַ שפּיטאָל, אַ שול מיט אַן אינטערנאַט, און אַ וועטערינאַרער צענטער צו היילן און אויסצוהאָדעווען גוטע הינט, און אַן אָפּטיילונג פֿאַר פּאָליטישער גראַמאַטע, און אַ באָד. ניט אַזאַ באָד ווי מיר האָבן, נאָר אַן עמעסע, פֿאַרשטאַנען? אַזאַ ווי אָפּן „קאָנטינענט“. און אַ בעקערײַ, פֿרשטייט זיך. דאָס פֿאָלק עסט ניט קיין ברויט און האָט אויך ניט ווו דאָס צו באַקן.

באַשטימט האָבן זיי אויך די פֿראַגע אַוועקשטעלן פֿאַרן געגנטלעכן רעווקאָם.

דער בריווקאָסטן האָט אײַנגעשלונגען אַ נײַעם געפּאַקטן קאָנווערט.

קאַפּיטל XIV

וואָס אַ טאָג אַלץ מער יעגערס קומען אינעם אײַנקויף־הויז. מיסטער סיימאָנס אַרבעט פֿון אינדערפֿרי ביז באַנאַכט אין קראָם און אין שפּײַכלער. די אַרבעט פֿאַרמאַטערט אים און טרעפֿט אַז ער פֿאַלגט מיסטער טאָמסאָנען און שטעלט אָפּ די אַרבעט.

— ס'איז ניט וויכטיק; די יעגערס קענען צווואַרטן צוויי טעג און אַפֿילע דרײַ. זיי געפֿעלט דאָ און זיי אײַלן זיך ניט אַהיימצופֿאָרן. — זאָגט מיסטער טאָמסאָן. נאָר אין דער זעלביקער צײַט טראַכט ער זיך: „דער אויעם איז פֿונעם זינען אַראָפּ! זינט איך לעב דאָ האָב איך נאָך אַזאַ אַנגעלאָף ניט געזען! פֿון וואַנען האָט זיך צו זיי גענומען אַזויפֿיל פֿעלן? זאָל אַליטעט ניט אַלץ געווען האָבן צוגענומען באַ זיי? אין איין טאָג בלויז האָבן זיי אַרײַנגעבראַכט הונדערט מיט צוואַנציק פֿוקסן. אַזוינס איז זעלטן געשען!“

אין אַ פרימאָרגן האָט יאַראַק צו וויסן געגעבן מיסטער סיימאָנסן:

— הײַנט קען איך מיט דיר ניט אַרבעטן. דער קאָפּ טוט מיר ווײ. מיר שווינדלט פאַר די אויגן. זאָל דיר הײַנט טשאַלי דינען פאַר אַ דאָלמעטשער. ער רעדט גוט אונדזער לאָשן.

מיסטער טאָמסאָן האָט מיט פאַרגעניגן אײַנגעוויליקט אַף מיסטער סיימאָנס אָנבאָט. נאָר באַלד האָט ער כאַראָטע געהאַט וואָס ער איז געגאַנגען אין אײַנקויף־הויז. דער פאַרקויף איז צוגעגאַנגען לעבעדיק און די יעגערס זײַנען געווען צופרידן: פאַר זייערע פעלן האָבן זיי באַקומען אַזויפיל סכוירעס, אַז די שליטנס זײַנען מיט זיי פול געווען.

— זע, טשאַלי, ווי דער נײַער נאָרד־אַמעריקאַנער פירט זײַן מיסכער. ער איז שטענדיק גוט געשטימט און מיר דאַרפן מער ניט אַהיימפאָרן מיט די פעלן. דו האָסט קיינמאָל אַזוי ניט געהאַנדלט. — האָט אַ פריילעכער יונג, אַ לעץ, אים אָנגעמערקט.

— וואָס זאָגט ער, מיסטער טאָמסאָן? — האָט אים מיסטער סיימאָנס געפרעגט.

— ער זאָגט אַז אים איז ווײַט אַהיימצופאָרן, וואָלט ער וועלן זאָלסט דיך גיכער מיט אים אָפּפאַרטיקן. ער וויל נאָך הײַנט אַהיימפאָרן.

— אָלרײַט! מירן אים באַלד דערלײדיקן.

— איר טוט שלעכט, וואָס איר צאָלט אים אַזוי ברייטהאַרציק, מיסטער סיימאָנס. איר וואָלט אים געקענט געבן ווייניקער און ער וואָלט אַלצאיינס געווען צופרידן.

— אָ, ניין, מיסטער טאָמסאָן! איך האָב מוירע פאַר מיסטער לאָס. ער האָט די פרײַז־ליסטע, און אַז ער וועט זיך דערוויסן אַז איך גיב ניט יעדן יעגער די צאָל סכוירעס וואָס אים קומט, וועט עס פאַרשאַפן אַן אומבאַקוועמע לאַגע פאַר מײַן קאָמפּאַניע. יעדע זאַך מוז מען טאָן מיט טאַקט.

— האָט מיסטער סיימאָנס מיט אַ שמייכל געענטפערט.

מיסטער טאָמסאָן האָט שטענדיק געמיינט, אַז דער צאָפן דערציט אײנעם מענטשן אַ טײַוולשע געדולד און נערוון ווי שטריק. נאָר דער צאָפן האָט זיך מיטאַמאָל געביטן.

ווען דער מיסכער האָט זיך פאַרענדיקט, האָט מיסטער טאָמסאָן ניט געקענט בלײַבן אויסטרינקען אַפילע אַ טאַזע קאַווע מיט מיסטער סיימאָנס און איז אַהיימגעגאַנגען אַ שלעכט געשטימטער. ער האָט געברענט פאַר קאַס. אין שטוב איז ער אַרײַנגעקומען אַן גערויש און האָט שוין געהאַט אָנגעענדערט די קליאַמקע באַ דער טיר פון זײַן צימער, נאָר פלוצים איז ער שטיין געבליבן זיך אײַנהערן און, מיט איין צי, האָט ער אַראָפּגעריסן דעם פוטערנעם פאָרהאַנג, וואָס האָט אָפּגעטיילט די וווינונג פון זײַן הויזגעזינד. געווען זײַנען דאָרט מערי מיט יאַראַקן.

טשאַרלז טאָמסאָן איז געבליבן אַ געפּלעפטער. ניט ער האָט געקענט שרײַען, ניט אויסזידלען זיך, נאָר שטיל און מיט פאַרקלעמטע פויסטן, שיר ניט אַ דערשטיקטער פון קאַס, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו יאַראַקן און, שוין גאָרניט זעענדיק פאַר זיך, האָט ער זיך אַף אים אַרויפגעוואָרפן מיטן גאַנצן שווערן גוף זײַנעם.

— גאָד דעמן! — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט און האָט אויפגעהויבן זײַן פויסט איבער יאַראַקס קאָפּ.

יאַראַק האָט אים פאַרן אָרעם אָנגעכאַפּט און אים ביז ווייטיק צוגעדריקט.

אין דעם אויגנבליק האָט ער דערזען ווי מערי, מיט ווילד־געוואָרענע אויגן, הייבט אויף איבער איר פּאָטער דעם גלאַנציקן שטאָל פון אַ „רעמינגטאָן"־מעסער.

— דאָס ניט, מערי! — האָט יאַראַק אַ געשריי געטאָן. — אַוועק!
נאָר מערי האָט זיך געיִישעוועט.

— שוין גיי אַוועק פון דאַנען! — האָט יאַראַק ענערגיש אָנגעשריגן און דאָס מיידל איז אַוועק.

— קאַנאַליע, שווינדלער! צו וואָס ביסטו געקומען אַהער? — האָט טשאַלי געררעוועט.

יאַראַק האָט פעסט געהאַלטן טאָמסאָנען, האָט אים שאַרף אין די אויגן געקוקט און רויִק געענטפערט:

— דער רוסקע נאַטשאַלניק האָט מיר געזאָגט, אַז איך מעג קומען... אַז איך מעג כאַסענע האָבן... ס'איז דאָס רוסקע געזעץ...

— גאָד דעמן! — האָט טשאַרלז טאָמסאָן געררעוועט און האָט זײַנע ציין אײַנגעביסן אין יאַראַקס האַנט.

יאַראַק האָט אים דערויף אַ האַסטיקן שטויס געטאָן פון זיך און ער איז פאַרפלויגן צום קעגנאיבערדיקן ווינקל. דאָ איז ער ליגן געבליבן מ'יטן מויל אַרויף.

יאַראַק איז אײַליק אַרויס אין פאָרהויז, ווו מערי האָט געוואַרט אַף אים. ער האָט אָנגענומען דאָס מיידל בײַ דער האַנט און איז מיט איר אַרויס־געלאָפן אַף דער גאַס.

טשאַרלז טאָמסאָן איז לאַנג געלעגן אַף די פּעלן אויסגעצויגן. דערנאָך האָט ער מיט אַ קאָלירטן טיכל דאָס פּאָנעם אָפּגעווישט און איז אַרויס פון דעם צימער. ער האָט דערזען רולטינען און ווילד אַ געשריי געטאָן:

— פאַרשאָלטענע מעכאַשייפע! און די קינדער? ווו האָסטו זיי באַ־האַלטן, זנוס־מעקלערקע? דו ביסט שולדיק אין דער העפקיירעס! ווערסט שוין זען, ווערסט שוין מאָרגן זען וואָס איך וועל טאָן!

רולטינאַ האָט געשוויגן.

מיסטער טאָמסאָן איז אַרײַן צו זיך אין צימער און האָט מיט אַ קלאַפּ פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. „טשאַלי איז געערגערט, זייער געערגערט", האָט זיך רולטינאַ געטראַכט, און איז אַרויסגעגאַנגען רופן די קינדער זיי זאָלן גיין שלאָפן. זי איז אַרומגעגאַנגען איבער די „יאַאַרנגאָס" זוכן די קינדער, נאָר מערין האָט זי אין ערגעץ ניט געטראָפן.

געלייגט שלאָפן די קינדער, איז זי ווידער געגאַנגען זוכן די טאָכטער. נאָר מערי איז שוין אין לאַגער ניט געווען. אויך יאַראַק אי'ז ניט געווען. אַ פאַרמאַטערטע פון אירע לאַנגע יאָרן לײַדן, פאַרמאַטערט פונעם לעבן — וואָס האָט איר אַזויפיל ווייטיקן פאַרשאַפט — באַ איר ווײַסן מאַן אין הויז, האָט רולטינאַ אומגעבלאָנקעט איבערן לאַגער. זי האָט געזוכט איר טאָכ־טער און האָט אַרײַנגעקוקט אין יעדער „יאַראַנגאַ".

— זיי זײַנען אַוועק מיט דעם וועג. זיי מוזן שוין זײַן הינטערן בערגל.
— האָט איר געזאָגט אַ יאַטל, וועלכן זי האָט צופעליק אָנגעטראָפן.
— גוט. — האָט רולטינאַ געזאָגט.

זי איז אַהיימגעקומען, האָט אַ קוק געטאָן ווי די קינדער שלאָפן און, ביגנייווע אַרײַנגעקוקט צו טשאַלין אין צימער. ער איז געלעגן אין בעט אי־

נעם אַנטאָן. רולטינאַ איז אַרײַנגעגאַנגען אין צימער און האָט אים אַ רוף געטאָן. טשאַלי איז געשלאָפן.

„עפּשער וויל ער מיט מיר ניט ריידן", האָט רולטינאַ געטראַכט. נאָר אַז זי האָט דערהערט איר ווײַסן מאַנס אָטעמען אין שלאָף און האָט זיך איבערצײַגט, אַז ער איז טיף אײַנגעשלאָפן, איז זי שטיל אַרויס פונעם צימער אינעם פאָרהויז, האָט פון דער וואַנט אַראָפּגענומען די רימענעס פאַר די הינט און איז אַרויס אין גאַס. אין איין אויגנבליק האָט זי די צוועלף הינט אײַנגעשפּאַנט, איז אַרויף אָפן שליטן און האָט אַ טרײַב געטאָן צום בערגל, וואָס דער יאָטל האָט איר אָנגעוויזן. ווען זי איז שוין געווען אַרויס פונעם לאַגער, האָט זי גענומען יאָגן די הינט און קלאַפּן מיטן „אַסטאָל" איבערן שליטן. די הינט זײַנען געלאָפן וואָס ווײַטער אַלץ שנעלער.

רולטינאַ האָט פון ווײַטנס דערזען די אַנטלאָפענע.

נאָר יאַראַק מיט מערין האָבן שנעל פאַרקירעוועט צום שטיינערנעם באַרג־רוקן.

די אַלטע האָט זיך אויפגעשטעלט אינעם שליטן, האָט זיך שטאַרק אָנגעהאַלטן אָנעם „באַראַן" און מיט אַלע קויכעס גענומען שרײַען:

— יאַראַק, איך בין רולטינאַ!

איר שוואַכער קאָל האָט זיך פאַרלוירן אין דער אומענדלעכקייט פון דער טונדרע. יאַראַק און מערי זײַנען אַזוי געלאָפן, אַז די הינט האָבן זיי קוים געקענט אָניאָגן. רולטינאַ האָט אַראָפּגעקירעוועט די הינט פונעם וועג און האָט זיי געטריבן אָף די שפּורן פון די אַנטלאָפענע. זי איז געשטאַנען אינעם שליטן און גערופן דאָ יאַראַקן און דאָ מערין.

יאַראַק האָט געוווּסט, אַז איבערן באַרג־רוקן, צווישן די הויפנס ריזיקע שטיינער, וועט דער שליטן ניט קענען לויפן. אָ, זיי האָבן פאַר זיך די פעלדזן, ווו זיך אויסצובאַהאַלטן!

די אַנטלאָפענע האָבן, פאַרסאָפּעטע, זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ הייל.

— טאָמער גייט טשאַלי אַראָפּ פונעם שליטן און קומט אַהער, דערהאַרגע אים מיט אַ שטיין, — האָט מערי באַפוילן.

דער שליטן איז צוגעקומען נאָענט צום באַרג און איז שטיין געבליבן. דער שפּיצאַק האָט עטלעכע האַווקע געטאָן און האָט גענומען שפּרינגען און קלעטערן איבער די שטיינער. נאָר דער שליטן האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ שפּיץ פעלדז און די הינט זײַנען שטיין געבליבן.

— מערי! דאָס בין איך, רולטינאַ! האָב קיין מוירע ניט! — האָט יאַראַק פלוצים דערהערט.

יאַראַק איז אַרויף אָף אָן אַרויסגעשטאַרצטן שפּיץ פעלדז און האָט דערזען די אַלטע לעבן שליטן.

— קום אַרויס, מערי! — האָט ער פריילעך אַ רוף געטאָן.

די אַלטע איז געזעסן מיטן קאָפּ אונטערגעשפּאַרט אָנעם „באַראַן"; פון פאַרמאַטערונג האָט זי קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידן. מערי האָט זי אַרומגענומען און האָט זי צום האַרצן צוגעדריקט.

יאַראַק האָט זיך פאַרנומען מיט די הינט: זיי האָבן זיך אין די רימענעס אײַנגעפלאָנטערט. ער האָט זיי אַראָפּגעפירט פונעם באַרג־רוקן, דערנאָך איז ער צוגעקומען צו די פרויען.

— וווהין גייסטו, רולטינאַ? — האָט ער געפרעגט.

די אַלטע האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן און האָט רויִק געענטפערט:

— נעמט דעם שליטן, פאָרט אַוועק ווײַט אין דער טונדרע, אין די בערג. ווינט מיט מײַן ברודער גאַימעליקאַט.
— קום מיט אונדז, רולטינאַ. — האָט יאַראַק, אַ געריכטער, זי געבעטן.
— ניין, מיר בלײַבן נאָך אין שטוב אַ סאַך קינדער. איך וועל צוריקגיין און וועל שווײַגן, ווי די שטיינער שווײַגן. זעצט אײַך אויף אָפּן שליטן און פאָרט אַוועק וואָס גיכער. שווינט ניט די הינט.
— רולטינאַ, מירן גיין דאָרט ווו דער רוסישער נאַטשאַלניק מיט דער באָרד. אַנדריי האָט אונדז געזאָגט, אַז ער וויל אונדז געבן אַ כאַסענע־פּאַפּיר.
— האָט יאַראַק אָפּגעענטפערט.
— גוט אַזוי. גייט זעט דעם רוסישן נאַטשאַלניק. ער וועט עפּשער פאַרשטיין, אַז מערי דאַרף אַ מאַן. — און רולטינאַ האָט שווער אָפּגעאָטעמט.
יאַראַק האָט גענומען דעם „אָסטאַל" באַ רולטינאַן פון די הענט, האָט אַ טרײַב געטאָן די הינט, וואָס ער אַליין האָט אויסגעהאָדעוועט, און אַז די הינט האָבן דערשפּירט דעם ריכטיקן באַלעבאָס, האָבן זיי די עקן אויפגעהויבן און פריילעך אַ יאָג געטאָן.
טאַגאַם! טאַגאַם! — האָט רולטינאַ געשריגן.
לאַנג איז זי געשטאַנען און געקוקט ווי דער שליטן פאַרלירט זיך אין דער ווײַט.

קאַפּיטל XV

מיסטער טאָמסאָן האָט זיך אויפגעכאַפּט אומגעוויינלעך פרי. ס'איז דעם ערשטן מאָל אָף זײַן לעבן אין יענעם לאַנד, אַז ער שלאָפט אײַנעם אָנטאָן.
מיסטער טאָמסאָן האָט געקנייטשט דאָס פּאָנעם אַקעגן דעם שאַרפן טאָג־ליכט, האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן און האָט אומצופרידן געקוקט אָפּן פענצטער, וואָס האָט זיך געבאָדן אין די זון־שטראַלן. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אָפּן וועקזייגער, אָבער אויך דער פּאַטענטירטער „פרײַנט" האָט זיך אָפּגעשטעלט. „וואָס פּאַסירט דאָ אין דעם הויז?" — האָט זיך טשאַרלז טאָמסאָן געטראַכט.
ער האָט זיך שווער אויפגעהויבן פונעם בעט.
— קאַווע! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.
רולטינאַ איז שטיל אַרײַנגעקומען אין צימער, האָט אַוועקגעשטעלט דעם שוין גרייט געוועזענעם פרישטיק אָפּן טיש און איז שטיל אַרויסגעגאַנגען.
נאָכן פרישטיק, האָט מיסטער טאָמסאָן גענומען אומשפּאַנען איבערן צימער. ער איז צוגעקומען צום פענצטער און האָט ניט געזען זײַן שליטן אָפּן געוויינלעכן אָרט. דער אָטעם האָט זיך אים אָפּגעהאַקט. אַ ביטערער פאַרגעפיל האָט אים אַרומגענומען. ער האָט געכאַפּט אָף זיך אַ לעדערנעם יאַק און איז שנעל אַרומגעגאַנגען אַרום דער שטוב. ניטאָ דער שליטן מיט די הינט. אַ פאַרפלייצטער פון דעם געפיל, איז טאָמסאָן אַרײַנגעלאָפן אין פאַרהויז, איז שטיין געבליבן באַם צימער פון זײַן הויזגעזינד און אומרויק אַ פרעג געטאָן:
— ווו איז מערי?
די קינדער האָבן ניט געענטפערט.
טאָמסאָן האָט געעפנט די טיר באַ זיך אין צימער און האָט דערזען רולטינאַן אַראָפּנעמען די טעלער באַ אים פון טיש.

— און די הינט ? — האָט ער אַ געשריי געטאָן.
נאָר רולטינאַ האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און געשוויגן. זי האָט אונטערטעניק געוואַרט איר ווײַסער מאַן זאָל אַ געשריי טאָן: „אַרויס פון דאַנען!".
טשאַרלז טאָמסאָן האָט זי ברוטאַל אַ שטופּ געטאָן און די טאַזע, וואָס זי האָט אין די הענט געהאַלטן איז אַראָפּגעפאַלן און אָף שטיקלעך צעבראָכן געוואָרן.
אַ פּאַרסאָפּעטער, איז טאָמסאָן אַוועק צו דעם אונטערטעניקן און אײַ־בערגעבעבענעם רינטעו, דעם באַלעבאָס פון דער אָפּשטעל־„יאַראַנגאַ".
— ווו איז יאַראַק ? — האָט ער אים געפרעגט.
רינטעו האָט אים שווײַגנדיק אָנגעוויזן אָף דער זײַט ווו יאַראַק איז אַוועק.
— גיב מיר עטלעכע הינט. שנעל!
רינטעו, האַלב אָנגעטאָן, האָט אַ קלער געטאָן: „אָפּזאָגן אים קען איך ניט, אָבער אויך געבן אים די הינט קען איך ניט".
— די הינט — האָט ער רויק געענטפערט — לויפן אום איבערן לאַ־גער, טשאַלי.
— אידיאָט, ריר זיך!
— צי דען, טשאַלי, זײַנען באַ אונדז אין לאַגער פאַראַן הינט וואָס קענען אָניאָגן דײַנע ? ניין, טשאַלי, דײַנע הינט זײַנען זייער גוטע! נאָר אַליטעטס הינט קענען זיך מיט זיי גלײַכן. מען דאַרף צווואַרטן. עפּשער וועט אַליטעט קומען.
— וואָס וואַרטשעסטו דאָרטן, פאַרשאַלטענער אַלטער ? איך מוז שוין פאָרן; איך קען קיין איין מינוט ניט וואַרטן. שפּאַן אײַן גיכער! הײַדאַ, ריר זיך!
טשאַרלז טאָמסאָן האָט אַ טרייסל געטאָן רינטעון פאַרן אָרעם און דער אַלטער איז, ניט געוואָלט אַרײַנגעגאַנגען צו זיך אין דער „יאַראַנגאַ". אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ בינטל רימענעס און זיי גע־שטופּט טשאַלין אונטער דער נאָז:
— זיי טויגן ניט, מען דאַרף זיי פאַריכטן.
— גיב זיי מיר אַהער אַזוי ווי זיי זײַנען. — האָט מיסטער טאָמסאָן אַ רעווע געטאָן.
רינטעו איז אַרויס איבערן לאַגער און גענומען פּײַפן און רופן זײַנע הינט, גאָרניט קיין וואַשנע הינט, און אַלץ ניט געאײַלט. צוריקגעקומען אָן אַרומגערינגלטער מיט זיי צו דער „יאַראַנגאַ", האָבן זיי קענטיק געמיינט, ער וויל זיי אָנהאָדעווען. אָבער אויך הינט, זעט אויס, קענען אַמאָל אַ טאָעס האָבן. ווי קענען זיי וויסן וואָס טשאַלין קען אײַנפאַלן.
רינטעו האָט פּאַמעלעך גענומען אײַנשפּאַנען. זייער פּאַמעלעך.
— ווּעמען קען עס אײַנפאַלן אָנצויאָגן יענע הינט מיט אָט די באַרסור־קעס ? — האָט ער געוואָרטשעט. — ס'איז אַלצאיינס ווי אַ הינקענדיקער זאָקן זאָל זיך לאָזן לויפן נאָך אַ ווילדן הירש!
רינטעו האָט פּאָר אַ שפּיצאַק אײַנגעשפּאַנט אַ הונט, וואָס האָט געהאַט אַ קרומען פוס און האָט ניט פאַרשטאַנען די באַפעלן פונעם אָנטרײַבער.
טשאַרלז טאָמסאָן האָט זיך אויפגעזעצט אָפן שליטן און איז אָפּגעפאָרן מיט דער אויסרעכענונג צו טרעפן די אַנטלאָפענע אינעם שכייני שן לאַגער.

ער האָט געשריגן אַף די הינט, האָט זיי געשלאָגן מיט דעם „אָסטאָל״, נאָר די הינט האָבן יאָמערלעך געקרעכצט און יעדע ווײַלע די קעפּ אומגעדרייט, קוים וואָס זיי זײַנען געלאָפן. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, זײַנען זיי אײַנגאַנצן שטיין געבליבן.

טאָמסאָן איז אַ ווײַלע זיצן געבליבן אינעם שליטן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. „גאָד דעמן! אומזיסט דאָס יאָגן זיך נאָך זיי״, האָט ער אַ זאָג געטאָן און האָט אויסגעקירעוועט די הינט אַף צוריק.

די הינט האָבן דערהערט דעם באַפעל, האָבן זיי די אויערן און די עקן אויפגעשטעלט און פריילעך זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַלאָפּ.

געלאָפן זײַנען זיי אין לאַגער אַרײַן. מיסטער טאָמסאָן האָט דעם שפּאַן געלאָזט שטיין בײַ דער ערשטער אָנגעטראָפענער „יאַראַנגאַ״ און פון קאָס אַ פאַרמאַטערטער, האָט ער זיך געלאָזט גיין צום אײַנקויף־הויז.

— גוד דיי, מיסטער טאָמסאָן. — האָט אים מיסטער סיימאָנס יוגנטלעך געגריסט.

— גוד דיי, מיסטער סיימאָנס. כאָטש פאַר מיר איז דער הײַנטיקער טאָג גאָרניט אַזאַ גוטער. — האָט מיסטער טאָמסאָן אַ פאַרמאַטערטער געענטפערט.

— איז עפּעס געשען ניט אָנגענעמס, מיסטער טאָמסאָן?

— זאָגט מיר, מיסטער סיימאָנס, וואָס קומט מיט זיי פאָר, מיט די ווילדע? צי מען קען עס גאָר באַנעמען? אָט דער רינטעו, וואָס איז שוין צוואַנציק יאָר אָפּהענגיק פון מיר און איז געווען בעסער פונעם אונטערטעניקסטן הונט, פירט זיך הײַנט אויף אומדערטרעגלעך. עס האָט מיר געקאָסט מי אים צו צווינגען ער זאָל מיר אַ שליטן אײַנשפּאַנען. און ווייסט איר וואָס דער שמוציקער און אומדאַנקבאַרער ווילדער האָט מיר געטאָן? ער האָט מיר אײַנגעשפּאַנט אַזוינע הינט, אַז אַפילו פירן שניי אַף וואַסער טויגן זיי ניט. ערשט מיט איין יאָר צוריק איז גענוג געווען איך זאָל איין וואָרט זאָגן, איין איינציק וואָרט, מיסטער סיימאָנס, אַז איך זאָל אין איין אויגנבליק האָבן אַ געשפּאַן מיט די בעסטע הינט פונעם לאַגער. איך הייב ניט אָן פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. — האָט טאָמסאָן פאַרענדיקט און האָט צענומען די הענט אַן אַנטמוטיקטער.

— וואָס איז געשען, מיסטער טאָמסאָן?

ווען מיסטער סיימאָנס האָט זיך דערוווּסט פון טאָמסאָנען, אַז מערי מיט יאַראַקן זײַנען אַנטלאָפן, האָט ער, אַלס אויסדרוק פון מיטגעפיל, אַ זיפץ געטאָן און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס קענט איר זיי טאָן, מיסטער טאָמסאָן? איך, אַף אײַער אָרט, וואָלט, פונדעסטוועגן, צופרידן געווען מיט די קאָמפּליקאַציעס: זיי אײַלן אונטער אײַער פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע ניט גאָר רײַכע לאַנד. צי דען איז אײַך ניכע מען זאָל אײַך נאָכן טויט אַרויסוואַרפן אַף שטיינער די כאַיעס זאָלן אײַך פרעסן, ווי דער מינעג איז דאָ, ווערליק מען האָט מיר דערציילט? איז עס מעגלעך, אַז איר, אַ מענטש מיט אַזויפיל דאָלאַרן, זאָלט ניט וועלן אײַער רעשט ביסל יאָרן אָפּלעבן אין אַ ציוויליזירטן לאַנד? אַ האַלב לעבן האָט איר אָפּגעלעבט אַן אַ פרישער גלאָז מילך. דאָס איז שרעקלעך, מיסטער טאָמסאָן! איר האָט דײַגעס פון אײַער טאָכטער; נאָר זי, ווײַזט זיך אַרויס, איז אַזוי ווילד ווי אַלע אַנדערע. אַנטשולדיקט מיר, מיסטער טאָמסאָן; איך רייד צו אײַך אויפריכטיק; מיר איז באמת אַ ראַכמאָנעס אַף אײַך.

— רעדט, רעדט, איר זײַט אַן אָרנטלעכער מענטש, מיסטער סיימאָנס. איר ווילט מיך מיטנעמען קיין קאַנאַדע? איך בין איצט געבליבן איינער אַליין.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, מיסטער טאָמסאָן. צוזאַמען קענען מיר לעבן אַ שיין לעבן.

ביידע זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן ווי זיי וואָלטן געטראַכט וועגן זייער שפּעטערדיק לעבן אין קאַנאַדע.

— נאָר צוריק געשמועסט, מיסטער טאָמסאָן. אײַער טאָכטער, זאָגט איר, פאַרשאַפט אײַך דײַגעס. מײַן טײַערער מיסטער טאָמסאָן, דאָס מיידל איז דאָ געבוירן געוואָרן, און סײַ נאָרד־אַמעריקע און סײַ קאַנאַדע וועלן איר זײַן אַזוי דערווידער ווי מיר אָט דאָס אײַזיקע לאַנד. זי וועט דאָרט שטאַרבן פון בענקעניש צו די ווילדע שטיינער, צו די שמוציקע „יאַראַנגאָס", צום פּאָקע־פּלייש, צו דעם שרעקלעכן געוואָי פונעם שטורעם.

— יאָ, יאָ, איר זײַט זייער גערעכט אין אַלץ וואָס איר זאָגט. איר האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען איר כאַראַקטער.

— אײַער טאָכטער, מיסטער טאָמסאָן, וואָלט אין נאָרד־אַמעריקע ניט געהאַט קיין בעסער לעבן ווי דאָ. לאָזט זי לעבן מיט יאַראַקן. איך בין זיכער אַז זי וועט אַף איר שטייגער גליקלעך זײַן. — האָט אים מיסטער סיימאָנס געראָטן.

— איכל מיטנעמען דעם קליינעם בען... און טראָץ אַלעמען, וועל איך נאָך פּרווון צוריקגעווינען מערין. איך גלייב זי וואָלט זיך צוגעוווינט צום לעבן אין קאַנאַדע. ווי דענקט איר, מיסטער סיימאָנס?

— ס'איז גאַנץ מעגלעך, גאַנץ מעגלעך, — האָט סיימאָנס ניט גערן געענטפערט.

— וואָס אָבער וועל איך טאָן מיט די פעלן? איך האָב העכער טויזנט פינף הונדערט פעלן. קיין נאָרד־אַמעריקע וועט מען מיך ניט לאָזן זיי אוועקפירן. קיין פּעטראָפּאַוולאָווסק וויל איך זיי ניט פירן. מיסטער לאָס האָט זיי אַלע געוואָלט אָפּקויפן. צום גליק, האָט ער קיין געלט ניט געהאַט.

— מיסטער טאָמסאָן, איך וואָלט אײַך געגעבן אַ פּרײַנטלעכע אייצע.

— זאָגט, מיסטער סיימאָנס, — האָט טשאַרלז טאָמסאָן זיך אָנגעשפּיצט.

— אייגנטלעך, איז עס אַפילע ניט קיין אייצע, נאָר אַ גאַנץ עלעמענטאַרע לעקציע אין געאָגראַפיע. די שטאָט נאָמע, אין אַלאַסקאַ, איז פון דאַנען נענטער ווי דער נאָענטסטער טשוקטשי־לאַגער. דאָס איז אײַך נומער איינס. צווייטנס, איז דער בעהרינג־פּאַס גאָרניט אַזוי ברייט, מיסטער טאָמסאָן. — מיסטער סיימאָנס האָט באַטײַטפול אַ שמייכל געטאָן. — ווען מיר וואָלט אַ נויט געווען, וואָלט איך אים מיט אַ ברעט אַריבער. און פּאָר אַ פּעקל טאַבאַק „קענטוקי" די יעגערס וואָס האָבן פּיראָגע־שיפלעך, וואָלט איר געקענט אַריבער קיין נאָרד־אַמעריקע מיט אײַער גאַנצן פאַרמעגן. וואָרט אַף מיר אין אַלאַסקאַ אָדער אין פריסקאָ און פון דאָרטן וועלן מיר אין אַ קאָמפּאָרטאַבלער שיף אַריבער קיין קאַנאַדע.

— און דאָס הויז? איך וואָלט אַ באַלן געווען עמעצן פאַרקויפן דאָס הויז מיט דעם שפּײַכלער.

— מיסטער טאָמסאָן! ווער וועט באַ אײַך וועלן קויפן אַן אַלט הויז פון קאַסטן־ברעטער?... איבעריקנס, וועט מען אײַך באַלד פאַרדעכטיקן, ווי נאָר איר וועט נעמען זוכן אַ קוינע דערויף. מיסטער לאָס וועט באַלד נעמען

די אויגן אין די הענט און וועט איך היטן פון מײַן אײַנקויף־הויז. לאָזט אײַך אָפּ דערפון. מאַכט דעם אָנשטעל אַז איר קלײַבט אײַך נאָך לאַנג דאָ צו פאַרבלײַבן מיט אײַער הויזגעזינד און דאָ אָפּלעבן אײַער רעשט ביסל יאָרן. און דערנאָך, אין אַ שיינעם טאָג, הייבט איר אײַך אויף, רוקט זיך אַרײַן אין אַ פּיראָגע־שיפל און, גוד בײַ!

— איר זײַט גערעכט, מיסטער סיימאָנס! איכל אַזוי טאָן.

קאַפּיטל XVI

דער לאַנגער צאָפּנדיקער ווינטער איז שוין אַוועק. די ווײַסע און נאַסע שניי־בערג ווערן וואָס אַ טאָג אַלץ קלענער און זינקען, דוכט זיך, אײַן אין דער ערד. דער טאָג אונטערשיידט זיך קוים פון דער נאַכט. די טעג, העלע און לאַנגע, לויפן שנעל אַדורך.

די דעלעגאַטן פון רעווקאָם זײַנען איצט פאַרפּלאָנטערט אין אַ דיסקוסיע. אַ טאָג איז זיי פאַרלוירן געגאַנגען. קיינער פון זיי קען זיך ניט דערקלערן וויאַזוי דאָס האָט פּאַסירט. לאָס פאַרזיכערט אַז הײַנט איז דער צוואַנציקסטער אַפּריל, און זשוקאָוו, אַז דער 21סטער. ביידע פּאַרטיידיקן זיי היים יעדער איינער זײַן מיינונג און פאַר אַ באַווײַז ברענגען זיי די דאַטעס פון אַלערליי מעגלעכע דאָקומענטן. אָף דער באַזע פון די דאַטעס, שטעלן זיי ווידער אויף, טאָג נאָך טאָג, אַלץ וואָס איז געשען, דערמאָנען דעם מאַרשרוט פון זייער לאַנגער רײַזע און, פונדעסטוועגן, שטימען ניט די דאַטעס. אינעם גאַנצן קרײַז איז קיין איין סאָוועטישער בירגער ניטאָ וואָס זאָל צו דער דיסקוסיע אַ סאָף מאַכן.

— ביסט ניט גערעכט, בעשום אויפן ניט גערעכט, ניקיטאַ סערגייעוויטש. אָט וועסטו זען ווי דו וועסט פײַערן דעם 1טן מײַ מיט אַ טאָג פריִער. לאָס שמייכלט:

— וועגן וואָס דיסקוטירן מיר, אַנדריי? נו, גוט, זאָל זײַן מיט אַ טאָג פריִער. וואָס האָט עס פאַר אונדז פאַר אַ באַדײַטונג? קיינער וועט זיך דערפון ניט דערוויסן, מיר זאָלן אַפילו אַ טאָעס האָבן אין אַ גאַנצער וואָך. ביפראַט, ווי זאָגסטו, דער טאָג ווערט געבוירן אין מיזרעך.

— ווי דו ווילסט דיר, ניקיטאַ סערגייעוויטש, נאָר איך האַלט מיך בײַ מײַן דאַטע. האָסט מיסטאָמע דעם טאָעס געמאַכט ווען דער שטורעם האָט אויסגעבראָכן. איך בין שטאַרק אָפּגעהיט מיט מײַן טאָגבוך.

— זייער וואויל! האָסטו געזען אַן אומגליק! וועלן מיר פײַערן לויט מײַן דאַטע און דערנאָך לויט דײַנער. פון איין יאָנטעוו וועלן מיר מאַכן צוויי.

זשוקאָווס טאַלמידים זײַנען אַרײַנגעקומען אינעם לאָקאַל פונעם קאָמיטעט. זיי האָבן פון זיך די „קוכליאַנקעס" אַרונטערגענומען און זײַנען פאַרבליבן אין איינע סיטצענע העמדער, וואָס לאָס אַליין האָט זיי צוגעשניטן. די טאַלמידים האָבן זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש און פאַמעלעך גענומען שרײַבן אויסיעס, קורצע פראַזן. דאָס שווערסטע אָס איז פאַר זיי געווען דער „דע": אָנשטאָט „דעקל" איז באַ זיי אַרויסגעקומען „טעקל", אָנשטאָט „דונער" — „טונער".

די קינדער האָבן אַף אַזאַ אויפן לאַנג פאַרבראַכט און פלײַסיק געלערנט. פון אונטערן סיטצענעם פאַרהאַנג איז מיט אַ שמייכל אַרויסגעקומען לאָס מיט אַ דאָמינאָ אין די הענט.

— איר ווילט שפּילן, יאַטן?
— מירן שפּילן, לאָס! לאָמיר שפּילן! — האָבן אַלע קינדער מיטאַמאָל געשריגן.
די קינדער, ווי די גרויסע, האָבן דעם דעלעגאַט פונעם רעווקאָם ניט גערופן באַם נאָמען און פאָטערס נאָמען, ווי עס איז אײַנגעפירט באַ די רוסן: דאָס איז געווען פאַר זיי צו לאַנג און אומפאַרשטענדלעך. זיי אַליין האָבן ניט געהאַט קיין פאָטער־נאָמען און קיין פאַמיליע־נאָמען.
לאָס האָט שוין געהאַלטן די האַנט אויפגעהויבן צו פאַרענדיקן די שפּיל מיט זײַן לעצטן שטיין, נאָר אַ קליין יאַטל האָט זײַן שטיין צוגעשטעלט און מיט עכטער פרייד אויסגערופן:
— וואַרט, לאָס, איך שפּיל אויס.
אינעם לאָקאַל פונעם רעווקאָם האָט מען געטומלט און געלאַכט.
— האָסט פאַרשפּילט, לאָס; האָסט פאַרשפּילט, לאָס! — האָבן די קינדער געשריגן און געפּאַטשט אין די הענט. און לאָס האָט די ברעמען אַנגערוקט, ווי עס וואָלט אים בעעמעס פאַרדראָסן וואָס ער האָט פאַרשפּילט.
די קינדער האָבן געוווּסט, אַז אים איז שווער אײַנצובעטן שפּילן נאָך איין פּאַרטיע, און האָבן זיך דעריבער ווידער אײַנגעהילט אין זייערע „קוכ־ליאַנקעס" און זײַנען גיך אַרויס אין דרויסן.
שוין שטייענדיק אָף דער טיר, האָט איינער פון די יאַטלעך געזאָגט:
— לאָס, הײַנטיקע נאַכט וועט שטאַרבן דער אַלטער אומקאַטאַגען. — און האָט געוויזן מיט אַ פינגער איבערן האַלדז.
— וואַרט, וואַרט. וואָס זאָגסטו?
— הײַנטיקע נאַכט וועט מען דערוואַרגן דעם אַלטן אומקאַטאַגען. אַלץ איז שוין גרייט. — האָט דאָס יאַטל גאַנץ רויִק צו וויסן געגעבן.
לאָס האָט אים צוגערופן צום טיש און, שטיל, קימאַט שעפּטשענדיק, געפרעגט:
— דערוואַרגן? פאַרוואָס?
דאָס יאַטל האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געיִשעווט צי דאַרף ער דערציילן. נאָר אַזוי ווי ער האָט דערין קיין שום שלעכטס ניט געזען, האָט ער געזאָגט:
— ער איז שטאַרק קראַנק, דער אַלטער... ער האָט זיך אַ פוס צעקלאַפּט. די שאַמאַנעס האָבן אים לאַנג געהיילט, נאָר איצט ווילן זיי ניט מער. ערמען, אומקאַטאַגענס זון, איז געבליבן אַן הינט: טייל האָט ער געבראַכט אַ קאָרבן צו די גײַסטער און טייל אַוועקגעגעבן דעם שאַמאַן... געבליבן איז ער בלויז מיט צוויי. ער איז געבליבן אָן די הינט, נאָר די קראַנקייט איז ניט אַוועק. ער מוז זײַן זייער אַ בייזער, דער גײַסט וואָס האָט זיך באַזעצט באַם אַלטן אינעם פוס. און דער אַלטער וויל זיך דערפאַר צונויפקומען מיט די „איי־בערשטע מענטשן" הײַנט באַנאַכט. אַלע זײַנען צופרידן. ערמען אויך.
— לויף שוין צו ערמענען און זאָג אים: לאָס דערלויבט ניט מען זאָל דעם אַלטן דערוואַרגן. לויף גיכער! באַלד וועל איך אַליין זײַן באַ אים. — און לאָס האָט אויסגעטאָן די שיך און האָט גענומען אָנטאָן די פוטערנע שטיוול.
דאָס יינגל איז אַוועקגעלאָפן.
— ניקיטאַ סערגייעוויטש, וואָס רעכנסטו טאָן מיט דעם אַלטן? — האָט אַנדריי געפרעגט.

— וואָס איך רעכן צו טאָן ? ניט דערלאָזן מען זאָל אים דערוואַרגן !
— האָט לאַס, אַ געערגערטער, געענטפערט.
— וואָרט אויס, ניקיטאַ סערגייעוויטש, ביז נאַכט איז נאָך צײַט. לאָ־מיר די זאַך באַטראַכטן.
— וואָס באַטראַכטן ? ניטאָ דאָ וואָס צו באַטראַכטן. אַלץ איז קלאָר.
— ניין, ניקיטאַ סערגייעוויטש, אַף אַן אַדמיניסטראַטיוון אויפן וועסטו דאָס ניט פאַרמײַדן. ניין ! זיי וועלן מיט דיר ניט מאַסקים זײַן, און ווי נאָר דו וועסט אַוועקגיין, וועלן זיי אים דערוואַרגן. פאַרגעס ניט, אַז דער אַלטער האָט געגעבן זײַן „וואָרט". ניט האַלטן דאָס וואָרט איז בײַ די טשוקטשיס אַן אומווירדיקע זאַך.
— שלאָגסטו, הייסט עס פאַר, אַז מיר זאָלן לאָזן דערהאַרגענען דעם אַלטן ? רייד קלאָרע דיבורים ! — האָט לאַס געשריגן און אַנגעטאָן די שטיוול.
— איך שלאָג גאָרנישט ניט פאַר, איך מיין נאָר, אַז דו טאָרסט ניט זאָגן : „איך דערלויב ניט דערוואַרגן דעם אַלטן".
— גיי דיר צום טײַוול ! איז עס דען ניט אַלצאיינס ! וואָס־זשע ווילסטו ? איך זאָל ווערן אַ מיטבאַטײליקטער אין דעם מאָרד ?וואָס זאָגסטו ניט צו דעם געדאַנק !
— דו היצסט זיך און ווילסט מיך ניט פאַרשטיין, ניקיטאַ סערגייע־וויטש. איך האַלט, אַז אין איין יאָר קענען מיר אַזאַ פעסטונג ניט איבערברעכן... נאָר איך אַליין ווייס ניט וויאַזוי זיך צו באַגיין אין דעם פאַל.
— און איך ווייס יאָ. צוליב וואָס זײַנען מיר אַהער געקומען ? זײַנען מיר פאַרטרעטער פון דער סאָוועטישער מאַכט אָדער זײַנען מיר עס ניט ? — האָט לאַס אַ צעהיצטער געפרעגט און האָט ניט געקענט אַרײַנטרעפן מיטן פוס אין שטיוול. — מיר זײַנען טאַלמידים פון לענינען !
— און לענין זאָגט, אַז די געוווינהייטן, די איבערבלײַבענישן פון די אַבערגלויבנס, זײַנען דאָס ערגסטע. דער קאַמף קעגן זיי דאַרף זײַן אַ געדולד־דיקער, אַ סיסטעמאַטישער, באַזירט אַף גרויסער איבערצײַגונגס־קראַפט. די אָרטיקע לעבנס־באַדינגונגען האָבן געשאַפן די שרעקלעכע מינהגים.
— נו, געגנוג ! גיב מיר ניט קיין לעקציעס ! — האָט לאַס אַ געשריי געטאָן און האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי ער וואָלט אָפּהאַקן דעם וויקועך און גענומען שנעל שפּאַנען אויף און אַפּ איבערן צימער.
ערמען איז געקומען צו לויפן אין רעווקאָם.
— לאַס, — האָט ער גענומען ריידן אַ טיף געריהרטער. — מען דאַרף דעם אַלטן דערוואַרגן. ער אַליין בעט זיך. איך קען אים ניט אָפּזאָגן זײַן לעצטן פאַרלאַנג. דאָס וואָלט געווען אַ גרויס אומגליק...
— עס וועט קיין שום אומגליק ניט זײַן. מענטשלעכע וועזנס דערוואַרגט מען ניט. אומקאַטאַגען, דײַן פאָטער, איז ניט דײַן סוינע. — האָט לאַס געענטפערט.
— ניין, ער איז ניט מײַן סוינע. וואָלט ער געווען מײַן סוינע, וואָלט איך אים ניט דערוואַרגן. איך האָב ליב אומקאַטאַגענען און וויל אים טאָן אַ גוטע זאַך : דערפילן זײַן לעצטן ווילן. צווישן אונדזער פאָלק האָט נאָך קיין איין מענטש זײַן וואָרט ניט געפעלשט. און דו, לאַס, ווילסט מאַכן פון מײַן פאָטער אַ שלעכטן מענטשן, דעם ערגסטן פון אַלע מענטשן.
— פאַרשאָלטן זאָל עס ווערן ! אָט האָסטו דיר אַ פּראָבלעם ! — האָט לאַס אַ זיפץ געטאָן ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין.

אַנדריי האָט זיך אַרײַנגעמישט אינעם שמועס.

— דו ווייסט, ערמען? פֿאַראַן אַ נײַ געזעץ, וואָס דערלויבט ניט ווען מען עס איז צו דערהאַרגענען. ווען ניט דאָס געזעץ, וואָלטן מיר דיר גאָר ניט געזאָגט.

— דעם אַלטן מוז מען דערוואַרגן. אַלץ וועט אַרויסקומען שלעכט ווען מיר זאָלן אים ניט דערוואַרגן. — האָט ערמען זיך געאָקשנט.

לאָס איז געשטאַנען באַם פֿענצטער, האָט זיך געביסן די באָרד און אַלץ געקלערט. מיטאַמאָל האָט ער זיך ענערגיש אויסגעדרייט צו ערמענען און אים שטרענג געזאָגט:

— איך דערלויב ניט דערוואַרגן אומקאַטאַגענען! וועל איך מיך דער־ווּיסן, אַז מען האָט דעם אַלטן דערוואַרגן, אַזוי ווּעסטו באַלד באַשטראָפֿט ווערן: איך וועל דיך אַרויסטרײַבן פֿון דאַנען ווען די שיף וועט קומען. און דו וועסט שטאַרבן אַף פֿרעמדער ערד, וועט קיינער פֿון דײַנע לאַנדסלײַט דײַן קאָל ניט הערן פֿאַר דײַן טויט.

לאָס האָט גערעדט מיט קאַס און אַן אויפֿגערעגטער. ערמען האָט זיך שטיל אײַנגעהערט צו די ווערטער פֿונעם רוסישן נאַטשאַלניק.

— לאָס, דו ביסט דער ערשטער פֿון די „טאַנגיס”, וואָס אונדזער פֿאָלק האַלט דיך פֿאַר אַן עמעסן מענטשן. — האָט ער געזאָגט ווען לאָס האָט פֿאַרענדיקט. — ניטאָ נאָך איין ווינטער זינט דו ביסט געקומען אַף אונדזער ערד, און שוין איז דער האַנדל גאָר אַן אַנדערער. אונדזערע מענטשן טרינקען איצט טיי מיט צוקער. ווער עס האָט ניט געהאַט קיין ביקס, האָט איצט; ווער עס האָט ניט געהאַט קיין קלעצער האָט שוין. אַלע זאָגן: „דער בערדי־קער האָט ליב אונדזערע פֿוקסן און דערפֿאַר גיט ער אונדז אַזויפֿיל סכוירעס פֿאַר זיי”. מען זאָגט, אַז דו ביסט ווי אַ גוטער שאַמאַן, אַ שאַמאַן וואָס העלפֿט אונדז לעבן. אַזוי זאָגט מען און עס גייט פֿון מויל צו מויל איבערן גאַנצן ברעגלאַנד. און איצט זאָגסטו אַזוינס וואָס מײַנע אויערן פֿאַרשטייען ניט. צי האָבן ניט די שלעכטע שאַמאַנען דיך קאַליע געמאַכט? ביסט איצט גאָר אַן אַנדערער! פֿאַרוואָס הייסטו מיר ניט אויספֿאַלגן אומקאַטאַגענס לעצטן פֿאַרלאַנג? אומקאַטאַגען איז אַ גוטער.

אויך ערמען איז געווען אויפֿגערעגט און דאָס פּאָנעם האָט אים גע־שוויצט. נאָר גערעדט האָט ער שטיל, קימאַט געפֿליסטערט. די ווערטער זײַ־נען אים פֿון מויל אַרויסגעקומען ווי איבערגעהאַקטע. פֿון צײַט צו צײַט האָט ערמען זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט וועלן זען צי דער רוסישער נאַטשאַלניק פֿאַרשטייט זײַנע ווערטער.

לאָס איז צוגעקומען נעענטער צו אים און, שוין אײַנגעהאַלטן, זיך אויך באַמיט צו ריידן שטיל:

— ערמען, לאָמיר זיך ביידע אַוועקזעצן דאָ אַף דער באַנק, אייגער לעבן צווייטן.

ערמען האָט זיך אַ דערשראָקענער אַוועקגעזעצט.

— הער אויס וואָס איך וועל דיר זאָגן. הער זיך גוט אײַן. אומקאַטאַגען איז ניט אַזוי אַלט. איך קען אים. פֿאַרגאַנגענעם האַרבסט האָב איך אים געזען פֿירן אַ פּיראָג־שיפֿל בעייסן יאַגד אַף וואַלפֿיש. ווען די שיף וועט קומען, וועט דער רוסישער דאָקטער היילן אומקאַטאַגענס פֿוס. איך זאָג דיר דעם עמעס. איך וועל באַפֿעלן די מענטשן וואָס האַנדלען זיי זאָלן ברענגען מאַשינען פֿאַר די פּיראָגעס, מען זאָל זיי פֿירן אַן ווּעסלעס. זיי וועלן שווי־

מען אַזוי שנעל ווי אַ גאַליאָט. און איך וויל, אַז אומקאָטאַגענס אויגן זאָלן זען אָט דאָס נײַע לעבן. איך זאָג דעם עמעס. דו אַליין זאָגסט, אַז דאָס לעבן איז איצט גאָר אַן אַנדערס. דו פּאַרשטייסט וואָס איך זאָג דיר?

— יאָ, איך פאַרשטיי. — האָט ערמען מאַסקים געווען.

— אַף דער גרויסער ערד איז פאַראַן אַ קלוגער מענטש. מען רופט אים לענין. — האָט אַנדריי זיך ווידער אַרײַנגעמישט אינעם געשפּרעך. — ער איז דער וואָס האָט געוויזן דעם וועג צום נײַעם לעבן. דאָס אַלטע געזעץ, דאָס געזעץ פון טשאַלי די רויטע נאָז און פון אַליטעט, איז אָפּגעשאַפט, אַף פּיצלעך צעריסן, און אָנשטאָט יענעם געזעץ איז פאַראַן אַ נײַס, וואָס העלפט די מענטשן לעבן.

— און דאָס נײַע געזעץ דערלאָזט ניט מען זאָל די זקיינים דערהאַר־געגען. — האָט וויטער געדעדט. — אַלטע לײַט דאַרף מען אָפּהיטן, גוט אומגיין מיט זיי, מאַכן זיי דאָס לעבן דערטרעגלעכער. גיי צו דיר אַהיים, ערמען, און זאָג דעם אַלטן, אַז לאָס וויל ניט אומקאָטאַגען זאָל שטאַרבן. זאָג אים, אַז איך דאַרף מיט אים ריידן...

ערמען האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן:

— איך ווייס ניט!

ער האָט גענומען זײַן היטל און איז אַהיימגעגאַנגען.

די דעלעגאַטן פונעם רעווקאָם האָבן געשוויגן. לאָס האָט אומגעשפּאַנט איבערן צימער. פון צײַט צו צײַט האָט ער אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער.

— ווי מיינסטו, אַנדריי? האָבן מיר אים איבערגערעדט?

— ניין. דו מיינסט, אַז אַ סאַך מאַכן צו יאָרהונדערטן לאַנג אײַנגע־וואָרצלטע מינהגים, איז אַזוי גרינג? דו מיינסט, אַז מען קען נעמען מענטשן און אין איין פינטל מיטן אויג אַריבערפירן זיי אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט? — אַנדריי האָט זיך אויפגעהויבן און האָט אַן אויפגערעגטער פּאַרענדיקט: — ניין, ניקיטאַ סערגייעוויטש. דערויף דאַרף מען נאָך אַ סאַך אַרבעטן דאָ. און נאָך ווי!אַזוי! מיט אַ סאַך טאַקט.

— ביסט צו יונג מיר צו געבן לעקציעס! — האָט לאָס אַ געשריי געטאָן. — איך ווייס עס אָן דיר. מען דאַרף קענען דאָס לעבן ניט נאָר פון די ביכער... איך האָב ליב אָנצוכאַפּן דעם אָקס פאַר די הערנער!

הינטער זיך האָט ער דערהערט זשוקאָווס קאָל:

— זיי וועלן אים דערוואַרגן.

— אויב אַזוי, לאָמיר זיך שוין אָנטאָן און צוגיין אין דער „יאַראַנגאַ“.

— האָט לאָס האַסטיק זיך אויסגעדרייט. — איך וועל פון דאָרטן ניט אַרויס־גיין ביז איך וועל מײַנס ניט אויספירן.

באַם אַרײַנגאַנג אין דער „יאַראַנגאַ“ איז געשטאַנען אַ באָכער. ער האָט מיט זיך פאַרשטעלט דעם אַרײַנגאַנג און אַ בורטשע געטאָן:

— הײַנט קען מען ניט אַרײַנגיין. מאָרגן וועט מען קענען.

לאָס האָט אויטאָריטאַר אַוועקגעשטופּט דעם באָכער, האָט זיך אָנגע־בויגן און איז אַרײַן אין געצעלט.

— האַלט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט דער גאַנצער קראַפט פון זײַנע לונגען. — וואָס טוט איר?

ער האָט באַ ערמענען פון די הענט אַרויסגעריסן דעם עק רימען, האָט זיך אַף די קני אַראָפּגעלאָזט איבער די פעלן און אַראָפּגענומען דעם שלייף באַם אַלטן אומקאָטאַגען פונעם האַלדז.

— אַנדריי, דו רעדסט בעסער פון מיר, גיב זיי צו פאַרשטיין, אַז דער בייזער גײַסט וועט ניט וואַרפן די שולד אַפן אַלטן און ניט אַף ערמענען און ניט אַף קיינעם. זאָל זײַן צאָרן פאַלן אַף מײַן קאָפּ. דאָס האָב איך ניט געלאָזט דערוואַרגן דעם אַלטן.

אַנדריי האָט איבערגעזעצט לאָסעס ווערטער און דער דערשיטערטער אוילעם האָט זיך שטיל איבערגעקוקט. דער שאַמאַן אַפילע האָט זיך אַ דער־שראָקענער, באַהאַלטן אין אַ ווינקל און האָט בייז געקוקט אַף די רוסן. קיינער האָט זיך ניט דערוועגט דאָס מויל צו עפענען. פּלוצים האָט דער אַלטער אומקאַטאַגען זיך אויפגעזעצט אַף די פעלן ווו ער איז געלעגן אויס־געצויגן און מיט אַ צוגעטויבטן קאָל געזאָגט:

— צו וואָס ביסטו געקומען? עמעצער האָט דיך דען גערופן? אַרויס פון דאַנען, אומזיניקער מענטש!

לאָס האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן און האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע די ליולקע מיטן טאַבאַק.

— וואַרט אַ ווײַלע. מירן פריִער פאַררייכערן!

דער אַלטער האָט געקוקט אַף אים אַ געפּלעפטער און ניט געוווסט וואָס צו ענטפערן אַף די אומזיניקע ווערטער פון דעם בערדיקן רוסישן נאַטשאַלניק.

לאָמיר פאַררייכערן, אַלטער! — האָט אים לאָס צוגעטראָגן דעם טאַבאַק.

דער אַלטער האָט ניט געענטפערט און האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו לאָסן.

— נעם, רייכער, אומקאַטאַגען. איך שענק דיר אַוועק מײַן ליולקע. — האָט לאָס אַרײַנגעשטעקט אומקאַטאַגענען די ליולקע אין דער האַנט.

אַ פײַנטלעכער שמייכל האָט צעקרומט דעם אַלטנס פּאָנעם.

— ווי אַ קינד איז ער, דער רוסישער נאַטשאַלניק. — האָט ער אַ מורמל געטאָן און האָט דערלאַנגט די ליולקע מען זאָל זי אים אָנשטאָפּן מיט טאַבאַק. לאָס האָט זי אים אָנגעשטאָפּט און האָט אים אונטערגעטראָגן אַ שווע־בעלע.

זיי האָבן גערייכערט שוויַיגנדיקערהייט.

— וואָס קענען מיר איצטער טאָן? — האָט אומקאַטאַגען געפרעגט באַם שאַמאַן.

און ער האָט גענומען שטיל וויינען. דער אַלטער האָט שטאַרק געליטן. אים האָט געפּײַניקט די שרעק פאַרן בייזן גײַסט. ער האָט גערייכערט און די טרערן זײַנען אים גערונען איבערן באַטריבטן פּאָנעם.

געוועזן איז עס אַלץ אַזוי אומגעווייַנלעך, אַז דער שאַמאַן אַפילע האָט זיך געפילט פאַרלוירן. צום סאָף האָט מען דערהערט ווי ער שיפּעט עפּעס אין זײַן ווינקל:

— מען מוז טייקעף בײַטן דעם אַלטנס נאָמען, קעדיי קעלע זאָל אים ניט דערקענען. מען מוז פאַררײַבן די שפּורן.

— וואָס פאַראַ נאָמען זאָל איך מיר געבן? — האָט אומקאַטאַגען געטראַכט אַפן קאָל.

— גיב דיר אַ רוסישן נאָמען. — האָט אַנדריי אים אָנגעדאַכט. — אַזוי אַרום וועט קעלע אינגאַנצן דײַן שפּור פאַרלירן!

— יאָ, יאָ, ער איז גערעכט. קעלע וועט ניט גיין זוכן עפּעס אַ רוס. — האָט דער שאַמאַן מאַסקים געוועזן.

— ווי רופט מען דעם רוס, וואָס האָט אויסגעפונען דאָס נײַע געזעץ פון לעבן? — האָט ערמען אַ פרעג געטאָן באַ לאָסן.
— לענין! איליטש.
— זאָל דער אַלטער זיך אַזוי אַ נאָמען געבן. — האָט ערמען געזאָגט. לאַנג קלײַבן האָט מען ניט געקענט, איז געבליבן מען זאָל דעם אַלטן אַ נאָמען געבן איליטש.
— האָסט דיר שוין אַ נאָמען געגעבן? — האָט דער שאַמאַן געפרעגט.
— יאָ, איך האָב שוין. — האָט דער אַלטער צופרידן געענטפערט. אָנגעהויבן האָט זיך דער פּרווו.
— אומקאָטאַגען! — האָט ערמען אַ רוף געטאָן.
— אומקאָטאַגען! — האָט זיך דערהערט דעם שאַמאַנס קאָל. דער אַלטער האָט געשוויגן.
— איליטש! — האָט ערמען ווידער אַ רוף געטאָן.
— איך גיי! — האָט דער פריערדיקער אומקאָטאַגען שנעל געענטפערט.
— אומקאָטאַגען! איליטש! אומקאָטאַגען! איליטש! — האָט זיך געהערט פון אַלע זײַטן.
און יעדן מאָל ווען מען האָט אָנגערופן דעם נאָמען אומקאָטאַגען, איז אין געצעלט געשטאַנען אַ טויטע שטילקייט, נאָר ווען עמעצער האָט אָנגערופן דעם נאָמען איליטש, האָט דער אַלטער אויפגעציטערט און האָט אָפּן שטעל געענטפערט.
— נו, איליטש, איצט ווען מיר אויסרייכערן אַ ליולקע. — האָט לאָס פריילעך אַ זאָג געטאָן.
אַזוי אַרום איז אומקאָטאַגען פאַרשוווּנדן פון דער „יאַראַנגאַ". געוווינט האָט אין איר אַ גאַנץ אַנדער מענטש: איליטש.

קאַפּיטל XVII

לאָס האָט זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ פרי. אַנדריי איז שוין אין צימער ניט געווען. „מיסטאָמע ווידער אָף יאַגד. נאָר ס'שאַדט ניט. זאָל ער יאָגדן". — האָט לאָס זיך געטראַכט, ווי אַ פאַטער וואָס איז גערן פאַרשאַפן אַ נאַכעס רועך דעם זון.
ער האָט מיט אַן עמעסן ליב געהאַט אַנדרייען. זעלטן אַז צוויי מענטשן וואָס לעבן אַ לענגערע צײַט צוזאַמען אין אַן ענגער בודע, וואָס קענען איינס דאָס אַנדערע מיט זייערע מײַלעס און כעסרוינעס און האָבן זיך ניט איינמאָל אויסדערציילט זייערע געשיכטעס, זאָלן זײַן עמעסע פרײַנט. פונדעסטוועגן, זײַנען לאָס און אַנדריי געווען עמעסע פרײַנט.
לאָס האָט אָנגעצונדן דאָס אייוועלע, האָט אָוועקגעשטעלט אַנוואַרעמען קאָנסערוון, געטרונקען אַ ביסל טיי און האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם שרײַב־טיש אַרבעטן. מיטאָמאָל האָט ער דערפילט אַ ווייטיק אין די פיס. ער האָט זיי באַטראַכט און האָט באַמערקט, אַז זיי זײַנען אַ ביסל געשוואָלן.
„צי האָט זיך מיר ניט דער סקאָרבוט אַרײַנגעכאַפּט אין די פיס?" — האָט ער אַ קלער געטאָן ווי אַ טשוקטשי.
ער איז צוגעגאַנגען צו זײַן שפּיגעלע און האָט זיך אײַנגעקוקט אין די יאַסלעס. אויך זיי זײַנען עפּעס געשוואָלן געווען.

— ניט וויכטיק! — האָט ער צו זיך אַ זאָג געטאָן און האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אַרבעטן.

די לעצטע צײַט גייט ער וויניק אַרויס פון שטוב: ער שרײַבט דעם יאָר־באַריכט פאַרן געגנטלעכן רעווקאָם. ער האָט שוין פאַרשריבן אַ הויפן מיט פּאַפּיר. מען דאַרף פון אַלץ דערציילן, פון אַלץ ריידן און — דעריקער — אַלץ באַגרינדן. די אַרבעט האָט לאָסן פאַרשלונגען.

„ווער וואָלט עס געזאָגט אַז פון מיר וועט אַרויס אַ שרײַבער!" — האָט ער מיט אַן איראָנישן שמייכל אַ טראַכט געטאָן און האָט געקוקט אַף די פאַרשריבענע בויגנס.

אויך אינאָוונט איז זשוקאָוו ניט צוריקגעקומען.

„צי האָט אים ניט דאָס אײַז פאַרטראָגן? ער'ט מוזן מאַכן אַ רײַזע איבערן אָקעאַן". — האָט לאָס אַ טראַכט געטאָן און איז אַרויס אַ קוק טאָן אַפן יאַם.

עס האָט געהערשט אַן אַבסאָלוטע רו. דאָס אײַז האָט זיך געצויגן ווײַט, ביז ס'האָט זיך פון אויג פאַרלוירן. קיין געפאַר איז ניט געווען. לאָס האָט דערזען דעם אַלטן קאַמאַ און איז צו אים צוגעגאַנגען.

קאַמאַ איז געזעסן אַף אַ ריפּן־ביין פון אַ וואַלפיש און האָט גערייכערט פון אַ לאַנגער קופּערנער ליולקע. געווען איז ער זייער אַלט. זינט ער לעבט איז ער נאָך קראַנק ניט געווען, נאָר די עלטער האָט אים געהאַלטן באַ דער „יאַראַנגאַ". לאָס האָט אים געקענט און איז קיינמאָל ניט פאַרבײַגעגאַנגען אָן אַ ליבלעך וואָרט פאַר אים.

— ווי גייט עס דיר, קאַמאַ? — האָט לאָס געפרעגט דעם אַלטן.

— גוט. אַלע אונדזערע יעגערס זײַנען דאָרט. — און קאַמאַ האָט אָנ־געוויזן מיט דער לאַנגער ליולקע אַפן יאַם. — פאַראַן איצט אַ סאַך פאַנג. פאַראַן פּאָקעס און לײַטאַקסן. דײַן יאַט איז אויך דאָרטן.

— איז ניט געפערלעך אַזוי ווײַט אַרויסצוגיין אַפן יאַם?

— ניין, איצט איז ניט געפערלעך. — דער אַלטער האָט אַ קוק געגעבן אַפן לויטערן הימל און האָט צוגעגעבן: — פינף טעג צײַט וועט קיין ווינט ניט זײַן.

— גוט, קאַמאַ, איך גיי אַרבעטן. — האָט לאָס געזאָגט שוין אַ באַ־רויקטער.

„וואָס פאַר אַן אַרבעט קען מען טאָן אין אַ „יאַראַנגאַ"? — טראַכט זיך קאַמאַ, נאָר ניט געקוקט דערויף, ענטפערט ער:

— גיי, גיי.

לאָס האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש און גענומען צוגרייטן אַ פּלאַן צום ערשטן מײַ־יאָנטעוו.

„איכל אָנשרײַבן אַ רעדע, וועל זי אויסלערנען און ריידן אין טשוק־טשיש..."

לאַנג האָט ער געאַרבעט אַף די טעזיסן פון דער רעדע. נאָר ס'איז גאָר־ניט אַרויסגעקומען. „דוכט זיך אַ גרינגע זאַך. פאַר אַ גאַנצער דיוויזיע פלעג איך, אַ פאַרשלאָפענער, קענען האַלטן אַ רעדע וועגן 1טן מײַ, און דאָ ווייס איך ניט ווי אָנצוהייבן..."

לאָס האָט זיך פונעם טיש אויפגעהויבן.

„דער יאָנטעוו פון 1טן מײַ! — האָט ער געטראַכט און געשפּאַנט אויף און אָפּ איבערן צימער. — נאָר זיי ווייסן דאָך גאָרניט וואָס דער 1טער מײַ

איז... און דער קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשאַפט? זיי ווייסן דאָך נאָר פון איין קאַמף: צוויי זייערע גייען אַרויס, טוען זיך אויס די העמדער און נעמען זיך שלאָגן. ווי רעדט מען צו זיי? אָט אַ פּראָבלעם!

לאָס האָט געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט אַ סאַך טעזיסן פאַר דער רעדע אינעם אייוועלע אַרײַנגעוואָרפן און האָט געקוקט ווי זיי ברענען און עס ווערט פון זיי אַש. און געטראַכט האָט ער זיך: דאָס פּאַסירט אויך מיט אַ מענטשן. מען קען ריידן און ריידן און קיין שפּור ניט לאָזן: הוילע אַש". — ער האָט די באָרד געקעמט און ווידער זיך איבערן טיש איבערגעבויגן.

פאַרן שלאָפן גיין איז ער ווידער אַרויס צום יאַם. ער האָט געוואָלט זען ווי דאָס איַז גייט. דער יאַם איז געווען רויק...

באַנאַכט האָט אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר אויפגעוועקט לאָסן. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט און איז צוגעלאָפן צו דער טיר. ווען ער האָט געעפנט, האָט ער דערזען אַ הויכן מאַן און, הינטער אים, אַ פרוי, מיט אַן אויסדרוק פון שרעק אָף ביידנס פּנעמער.

— רוסקע נאַטשאַלניק, העלף אונדז, מיר נייטיקן זיך אין הילף, גיך, גיך! — האָט דער מאַן געבעטן.

— פון וואַנען קומט איר?

— מיר זײַנען יאַראַק און מערי.

— אַך! יאַראַק! — לאָס האָט זיי ביידן אַרומגענומען און האָט זיי צוגעפירט צו דער באַנק. — זיצט, זיצט! מיר וועלן טרינקען טיי. קענסט אומגיין אַרום אַ „פּרימוס״?

— אויב אַזוי, צינד אים אָן, איכל באַלד צוקומען.

מערי האָט אין דער שטיל באַטראַכט לאָסן. די שטאַרקע הענט פונעם בערדיקן רוסישן נאַטשאַלניק האָבן געצויגן איר אויפמערקזאַמקייט.

בעייס זיי זײַנען געזעסן באַם טיש און געטרונקען, איז געקומען צו לויפן אַנדריי.

— אַך! האָבן מיר, הייסט עס, אַ כאַסענע! און איך בין געלאָפן, ווײַל איך האָב געמיינט עפּעס געפערלעכס קומט פאָר... וואָס מאַכסטו, יאַראַק? וואָס מאַכסטו, מערי? איך האָב דערשאָסן פיר פאָקעס! — האָט ער מיט שטאָלץ אויסגערופן.

— קאַקאָמעי! — האָט יאַראַק זיך געוווּנדערט, און האָט גענומען מיט אַלע פּראָטים דערציילן וואָס מיט אים און מערין האָט פּאַסירט.

— איך האָב גרויס באַגער כאַסענע צו האָבן. און מערי וויל אויך כאַסענע האָבן. — האָט דער באָכער פאַרענדיקט.

לאָס האָט גענומען אַ דיקן בוך אין די הענט און האָט ערנסט געפרעגט:

— ווילט איר, הייסט עס, כאַסענע האָבן? גוט, גוט! אַ מענטש טאָר ניט לעבן אָן כאַסענע. איך וועל אײַך אָט דאָ אַרײַנשרײַבן. ווי אַלט ביסטו, יאַראַק?

— איך ווייס ניט.

— וואָס הייסט דו ווייסט ניט?

— מיר ציילן ניט די יאָרן. ווען איך בין אָנגעקומען צו טשאַלין אין הויז, איז מערי געווען מיט דרײַ יאָר יונגער פון מיר.

— און מערי, וויפל איז זי אַלט?

מערי, אַ באַהאַלטענע הינטער יאַראַקן, האָט געענטפערט:

— טשאַלי זאָגט, אַז דעם זומער וועט מיר ווערן איין און צוואַנציק יאָר.
— אויב אַזוי, יאַראַק, ביסטו אַלט פיר און צוואַנציק. גאָר קיין סאָפעק ניט, מען זעט עס באַ דיר אָפן פּאָנעם.

יאַראַק און מערי האָבן נאָכגעקוקט ווי דער רוסישער נאַטשאַלניק זוכט אין זײַן גרויסן בוך פון די כּאַסענעס.

לאָס האָט מיט פּעטע און קלאָרע אויסיעס אויפגעשריבן:

„באַשטעטיקונג"

דער בירגער יאַראַק און די בירגערן מאַריאַ טשאַרלעזאָוונאַ טאָמסאָן זײַנען פאַררעגיסטרירט געוואָרן ווי אַ ציווילער פּאָרפּאָלק אינעם ביוראָ באַם דעלעגאַט פונעם קאַמטשאַטקער געגנטלעכן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, וואָס דאָס ווערט באַגלייביקט מיט דעם דאָזיקן סערטיפיקאַט.

דעלעגאַט פונעם קאַמטשאַטקער געגנטלעכן רעוואָלוציאָנערן
קאָמיטעט אינעם טשוקאָטקער קרײַז — ל אָ ס.
סעקרעטאַר ז ש ו ק אָ ו.

לאָס האָט אָפן קאָל איבערגעלייענט דאָס פּאַפּיר און עס האָבן זיך צו אים רעליגיעז צוגעהערט די ערשט כּאַסענע געהאַטע.

יאַראַק האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— מען דאַרף פון דעם פּאַפּיר אויסמעקן טשאַליס נאָמען. צו וואָס נוצט ער?

יאַראַק האָט געזען ווי לאָס נעמט אַרויס פונעם טיש־קעסטל אַ רויטן שטיין און צינדט אים אָן מיט אַ שוועבעלע. געדיכטע טראָפּנס בלוט, ווי פון אַ געשאָסענער פּאַקע, זײַנען געפאַלן פונעם שטיין אָף דער באַשטעטיקונג. לאָס האָט אָנגעשפּיגן אָפן שטעמפּל, האָט מיט אים אַ קלאַפּ געטאָן אָפן פּאַפּיר און גוט צוגעדריקט צום טיש.

יאַראַק און מערי האָבן זייערע בליקן אָנגעהאָנגען אָף יעדער באַוועגונג פונעם בערדיקן, וואָס האָט מיט זיך געבראַכט אַזאַ גוטן נײַעם געזעץ.

לאָס האָט די באַשטעטיקונג איבערגעגעבן יאַראַקן.

— איך באַגריס אײַך — האָט ער געזאָגט דעם נײַעם פּאָרפּאָלק, — און איך דריק אײַך די הענט. דו ביסט אַ בראַוווער מענטש, יאַראַק, אַ רעוואָלוציאָנער! זעץ עס אים איבער, אַנדריי!

— פּרווו דו זעץ איבער דאָס וואָרט „רעוואָלוציאָנער". ס'איז ניט אַזוי גרינג. — האָט אַנדריי געענטפערט.

— זאָרג דיך ניט, אַנדריושאַ, מירן עס איבערזעצן! אַלע וועלן דאָס וואָרט פאַרשטיין! מען וועט עס פאַרשטיין!

יאַראַק האָט גענומען דעם כּאַסענע־סערטיפיקאַט און האָט אים מיט גרויס פאַרזיכטיקייט באַהאַלטן באַ זיך אינעם בוזים.

— וווהין גייסטו איצט, יאַראַק? — האָט לאָס געפרעגט.

— אין די בערג, מיט די הירשן־פּיטערער. רולטינאַ האָט אונדז געהייסן וווינען אין הויז באַ איר ברודער גײַמעלקאָט. ווען טשאַלי וועט שטאַרבן, וועלן מיר צוריקקומען אָפן ברעג. — און דער יונגער יאַראַק האָט פריילעך אַ פינטל געטאָן מיטן אויג צו מערין.

קאַפּיטל XVIII

די יעדזיע אַז יאַראַק מיט מערין זײַנען אַנטלאָפן, האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע ברעג־לאַגערן. מען האָט פון עפּעס אַנדערש ניט גערעדט. אין יעדער „יאַראַנגאַ" האָט מען זיך געפרייט מיט מעריס גליק און אין דער זעלביקער צײַט זיך געשראָקן פאַר איר גורל. טשאַלי די רויטע נאָז קען נאָך אין קאַס ווערן. פונדעסטוועגן, האָט ער שוין ניט דעם קויעך, וואָס זײַנע סכוירעס האָבן אים פאַרשאַפט. איצט איז ער אַ גאַנץ שוואַכער מענטש.

מען האָט געוווּסט, אַז מערין האָט מען קיין כאַסענע ניט געפראַוועט און קיין איין פרוי איז ניט געווען אין לאַגער וואָס זאָל ניט אַ קרעכץ טאָן אַף דעם מיידלס ביטערער דאָליע. נאָר מער ווי אַלץ האָט איבערראַשט דאָס וואָס דער בערדיקער נאַטשאַלניק איז ניט אַף דער זײַט פון טשאַלי דער רויטער נאָז, נאָר אַף מעריס זײַט. ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער נאַטשאַלניק פאַרנעמט זיך אויך מיט ווײַבערישע איניאָנים.

די יעדזיע איז אָנגעקומען אויך אינעם ענמאַקײַ־לאַגער. באַזונדער איז גערירט געווען טיגרענאַ ווען זי האָט זיך דערוווּסט פון דעם דערשטוינענדיקן נײַס. נאָר זי האָט ניט געהאַט מיט וועמען דאָס אַרומצושמועסן. נאַרגינאָט האָט זיך מיט איר ניט גוט פאַרהאַלטן פון זינט די נאָרד־אַמעריקאַנער זײַנען אַוועק, און טיגרענאַ האָט זיך געפילט עלנט. איר איינציקע פרייד איז געווען דאָס קינד: „אָט דאָ איז עס, אָט דאָ איז עס!", און טיגרענאַ האָט זיך געטאַפּט איר גרויסן בויך. אויך זי וועט סאָפּקאָלסאָף ווערן אַ ריכטיקע פרוי.

זי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט וואָס אַליטעט איז אַוועקגעפאָרן און האָט באַשלאָסן צוגייען צו וואַאַלן אין דער „יאַראַנגאַ". זי האָט דערזען אַלעק און מיט פרייד איר געזאָגט:

— איך פיל עס לעבט אָט דאָ, באַ מיר אין בויך!

אַלע — דער אַלטער וואַאַל, אַלעק און, דעריקער, וואַאַמטשאָ — האָבן זיך געפרייט מיט טיגרענאַן.

— אַלעק! דער בערדיקער נאַטשאַלניק, דערציילט מען, האָט געזאָגט מערין: „אַ מענטש קען ניט לעבן אַ ניט כאַסענע געהאַטער"... מען האָט זיי געגעבן אַ כאַסענע־פּאַפּיר מיט בלוט און פײַער. און, ער איז דאָך אַ פרעמ־דער... און דערצו אַ ווײַסער...

דער אַלטער האָט אַרויסגענומען די ליולקע פונעם מויל און האָט געזאָגט:

— יאָ, ער פאַרשטייט. ער האָט אויגן ווי באַ אַ הירש. וואַאַל דערקענט באַלד אַ גוטן מענטשן. אַ כאַיע דערקען איך אין די טנוּעס און אַ מענטשן, אין די אויגן. אַ סאַך „טאַנגיס" קומען צו אונדז, נאָר זיי פאַרשטייען ניט וואָס אונדזער האַרץ גלוסט. דער בערדיקער פאַרשטייט. דער אַלטער האָט אַ פּיפּקע געטאָן די ליולקע, האָט אַ פאָר רעגע אַ קלער געטאָן און דערנאָך געזאָגט: — פונדעסטוועגן, האָט ער זיך אויך טויע געווען. איינמאָל האָט ער זיך טויע געווען. ער האָט ניט געדאַרפט אָפּשטעלן זיך באַ אונדז אין דער „יאַראַנגאַ". איך בין זיכער, אַז אַליטעט וועט באַ אונדז צונעמען די קלעצער. ווו וועלן מיר זיי איצט נעמען? אַ מענטש אָן קלעצער איז ווי אַ שליטן אָן הינט. אַ פוקס קען מען מיט די הוילע הענט ניט פאַנגען...

— וואַאַל, נעכטן איז אַליטעט שטאַרק אין קאַס געווען: מען זאָגט, אַז דער נײַער נאָרד־אַמעריקאַנער פאַרקויפט קלעצער אַף באָרג.

— ווער האָט געבראַכט דאָס נײַס?

— איך ווייס ניט, — האָט טיגרענאַ געענטפערט. — נאָר ער גיט שוין קלעצער. דער בערדיקער האָט אים געהייסן.

— דער רוסישער נאַטשאַלניק האָט אויך מיר געזאָגט, נאָר איך האָב דעמאָלט געטראַכט, אַז עפשער איז עס ניט עמעס, און איצט ווײַזט זיך אַרויס, אַז ס'איז עמעס. — האָט וואַאַמטשאַ זיך דערפרייט.

— וואָס דו דאַרפסט טאָן איצט, וואַאַמטשאַ, איז צוגיין צום נײַעם נאָרד־אַמעריקאַנער און אַליין געוואָר ווערן. — האָט וואַאַל געראָטן דעם זון. דו ביסט איצט דאָ נאַטשאַלניק, און דאַרפסט עס אַלעמען צו וויסן געבן.

— ס'איז אַ גוטער געדאַנק, וואַאַמטשאַ. — האָט טיגרענאַ געזאָגט. — דו אַליין דאַרפסט צוגיין. אַליטעט באַהאַלט אויס דאָס נײַס. אין שטוב האָט ער זיך דערמיט אַרויסגעכאַפּט, ווײַל ער איז געווען אין קאָס. אַליטעט האָט ניט ליב דעם בערדיקן; ער האָט פאַר אים מוירע. דער בערדיקער האָט גע־שריגן ווען ער איז צו אונדז אין שטוב געקומען. ער האָט אים פאַרבאָטן ווײַטער האַנדלען... איצט איז אַליטעט אַוועק זען טשאַלין. אַוואַדע זיך קלאָגן.

— זאָל ער זיך קלאָגן! טשאַלי די רויטע נאָז איז איצט שוואַך. מען האָט אים אַף אַ קייט צוגעבונדן, ווי ער וואָלט געווען אַ הונט. — האָט וואַאַמטשאַ באַמערקט.

— אַליטעט, קען זײַן, זאָל איצט גיין צו גײַמעליקאָט אין הויז און צונעמען באַ יאַראַקן די הינט. ער האָט דעם געשפּאַן אַוועקגעשענקט טשאַלי דער רויטער נאָז. און ווער ווייס, קען זײַן ער זאָל אויך מערין צוכאַפּן.

— יאַראַק האָט אַ כאַסענע־פּאַפּיר. — האָט וואַאַמטשאַ באַמערקט.

— מען זאָגט דער צייכן איז באַ אים צעבראָכן געוואָרן בעייסן שלאָפן: יאַראַק האָט זיך דאָס פּאַפּיר צוקאַפּנס אַוועקגעלייגט. ס'איז געבליבן ניט מער ווי אַ קליין שטיקעלע. יאַראַק האָט דאָס פּאַפּיר אַרײַנגעלייגט אין אַ היל־צערן קעסטעלע און טראָגט עס שטענדיק מיט זיך. צי האָט ער ניט פאַרלוירן דעם ווערט דערמיט וואָס דער צייכן האָט זיך צעבראָכן? — האָט טיגרענאַ געפרעגט.

דער אַלטער וואַאַל האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— צו וואָס דאַרף מען אַ פאַסטעך אין דער סטאַדע? קעדיי ער זאָל אויסהיטן די הירשן פונעם וואָלף. קען זײַן דאָס כאַסענע־פּאַפּיר היט אויס די ערשטע כאַסענע. ווער קען וויסן אַלע סוידעס פונעם נײַעם געזעץ?

— שווער דאָס צו פאַרשטיין, נאָר ס'איז אינטערעסאַנט. — האָט טי־גרענאַ געזאָגט.

— טיגרענאַ, ווו איז איצט איע? — האָט וואַאַמטשאַ געפרעגט.

— מען זאָגט ער איז אַוועק ווײַט, אין די בערג. זומער וועט ער צוריק־קומען צום ברעג. ער האָט שוין מיסטאָמע כאַסענע געהאַט.

— וואַאַמטשאַ, דו מוזט אומבאַדינגט גיין צום נײַעם נאָרד־אַמעריקאַ־נער. — האָט דער אַלטער ווידער אַ זאָג געטאָן. — מען דאַרף זיך דערוויסן וואָס מען זאָגט וועגן די קלעצער. מיר קענען נאָך בלײַבן אָן אַ פאַסטקע. — דער אַלטער האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע, האָט פאַררייכערט די ליולקע און האָט ווײַטער געזאָגט: — מען דערציילט אַ סאַך נײַסן אַפן ברעג. ס'זאָל ניט עפּעס שלעכטס אַרויסקומען. מיר האָט זיך געכאָלעמט ווי אַ האָז פרעסט אויף אַ וואָלף. אַ האָז איז שוואַך, און, דאָך האָט ער אים אויפגעפרעסן. אויך אינעם לאַרען־לאַגער פּאַסירן אומגעוויינלעכע זאַכן.

מיסטער טאָמסאָן האָט אַלעמען פײַנט באַקומען און באַזונדערס רו־
טינאַן. איינמאָל האָט ער זי שיִער ניט געשלאָגן, נאָר די מוירע צו נעמען אַף
זיך אַ נײַ פּעקל אומאָנגענעמלעכקייטן, האָט אים אָפּגעהאַלטן. ער האָט אַלע־
מען פאַרזאָגט ניט אַרײַנצוקומען צו אים אין צימער און ער מאַכט זיך אַליין
דאָס עסן. ער גייט אַרויס פון שטוב באַנאַכט, ווען אַלע שלאָפן. ער גייט
שוין אַפילע ניט צו מיסטער סיימאָנס.

„מיסטער סיימאָנס וויל איך זאָל איבערלאָזן מערין דאָ — טראַכט זיך
טאָמסאָן. — ער וויל אַז טשאַרלז טאָמסאָן זאָל מיטנעמען מיט זיך קיין
קאַנאַדע בלויז זײַנע ווערט־זאַכן, אָן אַ יוירעש. אָ, טשאַרלז טאָמסאָן פאַר־
שטייט זיך דערויף! איך ווייס וואָס דער פוקס סיימאָנס וויל!"

און טאָמסאָן האָט פּלוצים אָן אַ שום באַרעכטיקטן מאָטיוו אויפגעהערט
אַרײַנגיין צו מיסטער סיימאָנס.

די יעגערס דערציילן שוין ניט זייערע נײַסן טשאַלי דער רויטער נאָז,
און מיסטער טאָמסאָן ווייסט שוין ניט וואָס אַרום אים טוט זיך. ער ווייסט
אַפילע ניט ווו מערי מיט יאַראַקן געפינען זיך איצט. מיסטער טאָמסאָן קען
רויִק ניט צוזען פונעם פענצטער ווי מיסטער סיימאָנס לופטערט די פעלן.
מיט די הענט פאַרלייגט אַפן רוקן, שפּאַנט ער אום איבערן צימער. צע־
שטערט איז איצט די אָרדענונג אין זײַן ציוויליזירטן לעבן. ער פאַרשטרײַכט
שוין אַפילע ניט די דאַטעס אין זײַן האַנט־געשריבענעם קאַלענדאַר; ער האָט
אויפגעהערט לייענען די צײַטונגען, די זשורנאַלן.

מיסטער טאָמסאָן לייגט זיך איצט שלאָפן אָן אַ באַשטימטער שאָ און
ליגט אין ווייטיקלעכער שלאָפלאָזיקייט מיט אָפענע אויגן.

„האַלעוווַ קומט שוין דער זומער... ווען דאָס אײַז וועט אָפּגיין, וועל
איך דאָ מער קיין איין מינוט ניט פאַרבלײַבן! און די קינדער? אין זייערע
אָדערן פליסט ציוויליזירט בלוט, פאַרקאַלויצעט מיט דעם... ווילדן בלוט...
ניין, ניין! בען איז אַן עכטער אייראָפּעער. ער איז מײַן ריכטיקער זון. מערי
אויך... און בערטאַ? דער נאָמען בלויז און מער גאָרניט. בען קען קיין צוראַס
אָס ניט. אים איז שוין צוועלף יאָר און ער קען ניט לייענען און ניט שרײַבן!
צי וואָלט אַזוינס געקענט פּאַסירן אין אַ רײַכן הויז פון אַ ציוויליזירט לאַנד?...
דאָ, אָבער, לופט ער אום פוסטעפּאַס איבער די „יאַראַנגאַס" און עסט, ווי
דער מאָב, מיט גרויס געשמאַק, דאָס דאָזיקע שרעקלעכע פלייש. ווי:אַזוי
האָב איך דאָס גאָר פריִער ניט געמערקט?

מיסטער טאָמסאָן איז פונעם בעט אַראָפּגעשפּרונגען און, אַ נערוועיִשער,
גענומען אומלויפן איבערן צימער.

דורכן פענצטער האָט ער דערזען אַליטעטן. געשטאַנען איז ער אין
דרויסן לעבן אַ שליטן מיט אַ כאָפּטע יִינגלעך אַרום אים. מיסטער טאָמסאָן
איז אַרויסגעלאָפן.

— ווי לאַנג איך וואַרט שוין אַף דיר! — האָט ער צופרידן אַ זאָג
געטאָן.

— איך בין אַרומגעפאָרן אין דער טונדרע. די כויוועס אויפמאָנען.

ביידע זײַנען זיי אַרײַנגעגאַנגען אין צימער.

— שלעכטע צײַטן, אַליטעט. — האָט טשאַלי געזאָגט און האָט זיך
אַרײַנגעזעצט אינעם ווייגשטול.

— אײַ, ווי שלעכט, טשאַלי! מײַנע אויערן ווילן גאָרניט הערן ריידן
דעם רוסישן נאַטשאַלניק. מײַנע אויגן ווילן אים ניט זען. ווען ער איז אָנגע־

קומען אַהער, האָב איך אים געוואָלט אויסמײַדן, נאָר איך האָב קיין אַנדער ברירע ניט געהאַט און האָב אים געמוזט ברענגען עטלעכע פוקסן אַ שטראָף.

— און אַליטעט ווײַזט אים די קאַבאָלע.

— אָ, הונדערט פוקסן! — מיסטער טאָמסאָן איז אויפגעשפּרונגען און האָט זיך אויסגעזידלט. — דאָס איז אַ רויב! באַנדיטן! דער גאַנעוו רויבט ווען דער באַלעבאָס איז ניטאָ אין שטוב, און ער האָט בײַ דיר די פוקסן פון די הענט אַרויסגעריסן. בײַ מיר האָט ער אויך צוגענומען דרײַ און פערציק פעלן.

— איך האָב געמיינט בײַ מיר וועט דאָס האַרץ אַרויסשפּרינגען ווען איך האָב געזען ווי דער אַנדערער רוס שטופּט זיי צו זיך אין זאַק אַרײַן. צו וואָס איז ער געקומען, דער נאַטשאַלניק, זיך אַף אונדז אָנצולייגן! ווי גוט אונדז איז געווען אָן אים! וויפל געשעפטן מיר האָבן אונטערגענומען!

— וועלכע נאָך נײַסן האָסטו געהערט? — האָט טאָמסאָן אומגעדולדיק געפרעגט.

— ער האָט מיר פאַרבאָטן האַנדלען מיט די גאַליאָטן. אויב איך וועל האַנדלען, וועט ער בײַ מיר אַלץ צונעמען... די הינט אַפילע.

— וויפל־זשע פעלן האָסטו איצטער צונויפגענומען?

— אָ, אַ סאַך! אַלע זײַנען זיי אויסבאַהאַלטן. איך וועל וואַרטן אַף בראַונען. ער האָט מיט מיר גוט געהאַנדלט. ער האָט מיר איבערגעלאָזט אַ סאַכריש פּאַפּיר. — און אַליטעט האָט אַרויסגענומען דאָס „וועקסל" פון טעקי־שוואַרצער זשוק.

מיסטער טאָמסאָן האָט זיך די ברילן אויסגעווישט און גענומען לייענען.

— וואָס זאָגט איר? ס'איז אַ שלעכט פּאַפּיר? — האָט אַליטעט געקוקט אַף טשאַליס פּאָנעם־אויסדרוק און געפרעגט אַ דערשראָקענער.

— וואַרט, וואַרט, וועל איך עס נאָכאַמאָל איבערלייענען. איך ווייס ניט פאַרוואָס איך זע ניט גוט. — האָט טשאַלי געזאָגט און האָט געטראַכט וואָס ער זאָל אים זאָגן. נאָכדעם ווי ער האָט נאָכאַמאָל אויסגעווישט די ברילן און קלוימערשט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דאָס פּאַפּיר, האָט ער געזאָגט:

— זייער ווויל, אַליטעט! ביסט געוואָרן אַ ריכטיקער סויכער. דאָס פּאַפּיר האָט די ווערט אַזויפיל וויפל די סכוירעס. עפּעס וועסטו פאַר דעם שטענדיק באַקומען. איך טו אויך אַזוי. איך האָב דיר נאָר פאַרגעסן צו זאָגן, אַז מיסטער בראַון וועט הײַיאָר ניט קומען. דער גאַליאָט האָט זיך בײַ אים צעבראָכן. ס'וועט לאַנג דויערן דאָס פאַרריכטן.

— אײַ, אײַ, אײַ! — האָט אַליטעט געקרעכצט און געטרייסלט מיטן קאָפּ. — בראַון גופא האָט דאָס איבערגעטראַכט; דער גאַליאָט איז צו לײַכט געווען אַף אויסצוהאַלטן אַ שטורעם. איך האָב אַף אים אויפגעלאָדן אַלע מאָרזשן־ציין און וואַלפיש־וואָנצעס, וואָס זײַנען פאַרצייכנט אינעם פּאַפּיר, נאָר דאָס אַלץ איז אַפּאָנעם ווייניק געווען.

— נאַטירלעך איז עס געווען ווייניק!

מיסטער טאָמסאָן האָט מיט אַ קיוון פאַרלייקנט פאַר אַליטעטן בראַונס שווינדל, קעדיי ער זאָל ניט פאַרלירן דעם צוטרוי צו אַלע ווײַסע מענטשן אָן אויסנאַם. ער גופא האָט גערעכנט אַליטעטן אָפּשווינדלען אַף אַ נעדיזנע.

— וועמען וועל איך איצט פאַרקויפן די פעלן? איך האָב אַ סאַך. דעם נײַעם נאָרד־אַמעריקאַנער וויל איך זיי ניט פאַרקויפן. ער איז איין האַנט מיט דעם בערדיקן רוס.

— ביסט אָפּן ריכטיקן וועג, אַליטעט! דעם זומער וועלן מיר אַליין מוזן אַוועקפירן אונדזערע פעלן קיין נאָרד־אַמעריקע. מיט דײַן וואַלפיש־שיפל קענען מיר גאַנץ לײַכט צוקומען.

— יאָ, מײַן וואַלפיש־שיפל איז אַ גוטס, אַ שטאַרקס.

— וועסט מיך צופירן צום נאָרד־אַמעריקאַנישן ברעג, וואָרעם איך האָב אויך אַנדערטהאַלבן טויזנט פעלן. אום ווינטער, ווען די פרײַזן אין נאָרד־אַמעריקע שטײַגן, וועל איך פאַרקויפן מײַנע פעלן אינאיינעם מיט דײַנע. דערנאָך וועלן מיר קומען צו דיר, איך און מיסטער בראַון. ער איז מײַן האַנדלס־שותף. נאָר מירן זיך מיטן גאַליאָט ניט אָפּשטעלן אין ענמאַקײַ. מירן פאָרן ווײַטער אַ ביסל פונעם דורכגאַנג. קעדייי ניט צו וואַרפן זיך אין די אויגן. פאַרשטאַנען?

— ביסט גערעכט. — האָט אַליטעט אַ מורמל געטאָן. — וואַאַמטשאַ דאַרף דיך ניט זען. ער איז אינגאַנצן קאַליע געוואָרן. ער איז שוין ווידער גוט־ברודער מיט די רוסן.

— און פאַר דײַנע פעלן, אַליטעט, וועל איך דיר געבן אַזאַ פּאַפּיר ווי דאָס פּאַפּיר פון מיסטער בראַון.

— גוט, טשאַלי, זייער גוט.

— זײַ פאָרזיכטיק מיט רינטעו. אים האָט מען אויך דאָ אַוועקגעשטעלט פאַר נאַטשאַלניק. כאָ, כאָ! אויך אַ נאַטשאַלניק! ווען איך העלף אים ניט, וואָלט ער אַפילו קיין „יאַראַנגאַ" ניט געהאַט. דער רוסישער נאַטשאַלניק מאַכט אַ טעל פון די מענטשן. איך האָב מוירע, ער זאָל אונדז ניט לאָזן אַוועקפירן די פעלן.

— מען דאַרף אים האַרגענען! — האָט אים אַליטעט אַ סאָד אײַנגע־רוימט. — און באַם נײַעם נאָרד־אַמעריקאַנער אונטערצינדן דעם שפּײַכלער! דעמאָלט וועלן מיר ווידער אָנהייבן האַנדלען. מען דאַרף אים דערהאַרגענען. ער האָט געהאָלפן אַוועקגאַנווענען דײַן טאָכטער. יאַראַק וווינט איצט מיט איר אין גײַמעלקאָטס לאַגער.

— זיי וווינען מיט גײַמעלקאָטן?

— יאָ, מיט אים.

— רולטינאָס ברודער?

— יאָ, יאָ!

מיסטער טאָמסאָן האָט גענומען רייכערן און אומשפּאַנען איבערן צימער.

— טשאַלי, ווען איך זאָל קענען פאַרנאַרן דעם רוס אין די בערג, וואָלט איך אים דאָרטן געקענט דערהאַרגענען. — האָט אַליטעט שטילינקערהייט געזאָגט און געקוקט צו דער טיר.

— ווילסט איך זאָל דיך צונויפפירן מיט אים אין די בערג?

— כ'מיין אַזוי. ווי־אַזוי אָבער וועסטו עס מאַכן?

— וואַרט; איך קום שוין צוריק.

מיסטער טאָמסאָן האָט אָנגעשאָטן אַ ביסל מיסט פאַר דער טיר און אַ רוף געטאָן רולטינאָן:

— דו, זינד־מעקלערן, מיינסט דו האָסט אַוועקגעשיקט מעריך צו גײַ־מעלקאָטן און איך זאָל אַליין איצט רייניקן די כאַזערײַ? שוין זאָלסטו עס אָפּראַמען! — האָט מיסטער טאָמסאָן געשריגן.

ער האָט בעקיוון געלאָזט אָפן די טיר און איז צוריק אַרײַן צו זיך אין

צימער. רולטינאַ, מיט דער לאַפּעטע אין די הענט, האָט געהערט ווי טשאַלי זאָגט אים אָפּן קאָל:

— אַליטעט, פאָר שוין אַוועק צו גײַמעלקאָטן אין לאַגער און ברענג מיר מערין און מײַנע הינט.

טשאַלי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, האָט זי גוט צוגעשלאָסן און, צוגעבויגן צו אַליטעטן, האָט ער שטיל צוגעגעבן:

— זי האָט עס געהערט און וועט באַלד צעטראָגן דאָס נײַס איבערן לאַגער. דער רוסישער נאַטשאַלניק וועט זיך זיכער טייקעף דערפון דערוויסן. וועסטו זיך עפּשער טרעפן מיט אים אין די בערג.

באַ אַליטעטן האָבן אומרויִק די אויגן געגלאַנצט.

— איַי, האָסטו אַ קאָפּ, טשאַלי! אַ נאָרד־אַמעריקאַנישן קאָפּ! — האָט אַליטעט אויסגעשריגן.

קאַפּיטל XIX

דער פרימאָרגן איז געווען אַ רויִקער. קיין געשריי, קיין קאָל ניט, קיין געמורמל. קיין זאַך האָט ניט געשטערט דעם שווײַגן פון דער טונדרע. די לופט אין די טאָלן און אין די באַרג־שפּאַלטן איז געווען אַ לויטערע, טייל־מאָל האָט זיך געדוכט מען קען זי אָנטאַפּן, און געפלאָסן האָט זי אַזוי מאַיעס־טעטיש ווי דאָס וואַסער אין טיפע טײַכן ווען עס הערשט רו. און איבער דער גאַנצער טונדרע האָט זיך געצויגן, אָן איין וואָלקנדל, אַ טיפער און אַ בלויער הימל.

אַ רירעוודיקער און פלינקער פוקס איז פון זײַן נאָרע אַרויסגעלאָפן, ניט געהאַט האָט ער שוין די מיטנווינטערדיקע בלענדיקע ווײַסקייט. די פרילינג־דיקע זון האָט אים שוין געהאַט אַ ביסל אָפּגעברענט און די פעל איז שוין אַרײַנגעפאַלן אין אַ געלקייט. אומרויִק און געשמײַדיק האָט זיך דער פוקס אַרומגעקוקט און איז צוריק אַרײַן אין זײַן אונטערערדישער באַהעלטעניש. געווען איז עס אַ זי.

באַלד דערויף זײַנען פון דער נאָרע אַרויסגעקומען, איינס נאָכן צווייטן, אַכט פוקסעלעך. זיי האָבן נאָך קיין עקספּעריענץ ניט געהאַט און, מאַכמעס מוירע זיך צו באַוועגן, האָבן זיי זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער נאָרע. די מוטער האָט זיי מיטן שנוק אָפּגעשטופּט אַף אַלע זײַטן און איז אַוועק־געלאָפן זוכן שפּײַז. די פוקסעלעך האָבן אומדרײַסט, כאָטש גאַנץ נײַגעריק, באַקוקט וואָס אַרום זיי איז פאַראַן. ס'איז דעם ערשטן מאָל ווי זיי זעען די וועלט, די ליבע שטראַלן פון דער פרימאָרגנדיקער זון. די זון האָט מילד געבליאַסקעט און האָט ווי געבאָדן די פוקסעלעך מיט אירע לאַנגע שטראַלן. איבער דעם קליינוואַרג, וואָס איז אַרײַנגעטאָן געווען אינעם שפּיל, האָט זיך באַלד באַוויזן אַ פּאָלאַרער פילין מיט גרויסע אויגן און האָט שווער גע־פּאָכעט מיט די פליגל. די פוקסעלעך האָבן זיך טייקעף פאַרקליבן אין זייער אונטערערדישער וווינונג.

פאַרוקט אין דער נאָרע, האָבן די פוקסעלעך אומגעדולדיק געוואַרט אַף דער זאָרגעוודיקער מוטער. עפּעס וועט זי זיי אומבאַדינגט ברענגען: אַ מויז, אַ קוראָפּאַטווע אָדער אַ שטיק הירשן־פלייש, — אַ רעשט פון וועלפישער פאַרצוקונג, — אָדער פּאָקע־פלייש, וואָס די יעגערס האָבן אַוועקגעוואָרפן. די פוקסיכע שטופּט די מויז דעם נאָך ניט געניטן קליינוואַרג, מיט די שוואַר־

צע שנוקעלעך אויפגעשטעלט, מיט די פעדערשטע לאַפּקעלעך נערוועז אויסגעשטרעקט, גיבן זיי זיך פלוצים אַ וואָרף אַף דער מויז און שטעכן אין איר אײַן זייערע שאַרפע נעגעלעך. אַזוי לערנען זיי זיך לעבן. ווען זיי וועלן קרעפטיקער ווערן, וועלן זיי זיך צעשפּרייטן איבער די ראַכוועסן פון דער טונדרע און איבערלאָזן אינעם שניי זייערע שפּורן ווי אַ דין קייטעלע.

דער אַלטער וואַאַל איז אַרויסגעגאַנגען פון זײַן „יאַראַנגאַ“, וואָס איז אויך ענלעך געווען אַף אַ שוואַרצער נאָרע, און האָט אַ זשמורע געטאָן די אויגן אַף דער זון, וואָס האָט זיך געהויבן פון הינטערן יאַם. וואַאַל האָט זיך אײַנגעצויגן דעם פּאַסעק און, ניט געאײַלט, זיך געלאָזט גיין צו דער טונדרע זוכן פוקסענע נאָרעס. מען האָט זיי באַדאַרפט קענען אַפריער, קעדיי ווי געהעריק אַוועקצולייגן די צי־שפּײַז און צוגעוווינען די פוקסן צו באַשטימטע ערטער, איידער עס הייבט זיך אָן דער יאַגד־סעזאָן.

דער אַלטער האָט געשפּאַנט און פּאַר אים האָט זיך געוויגט זײַן לאַנגער שאָטן. וואַאַל איז געגאַנגען און געכעשבנט: אַ ביקס קאָסט איצט צוויי פוקסן, און פּאַר איין פוקס קען מען קויפן טיי אַף אַ גאַנץ יאָר. איז ווי זאָל ער זיך ניט זאָרגן, אַז דער יאַגד זאָל זײַן פון דאָס בעסטע?

דער אַלטער וואַאַל האָט אַרויפגעקלעטערט אַף אַ בערגל, האָט אַ האַנט אויפגעהויבן און אַ לאַנגער ציטערדיקער שאָטן האָט זיך אויסגעצויגן איבער דער טונדרע און איז געפאַלן איבערן גלאַנציקן שניי ביזן סאַמע זוים פון דער ערד.

וואַאַל האָט מיט די הענט געוויגט און האָט באַוווּנדערט דעם שאָטן. דער ווינקל, וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן אים און זײַן שאָטן איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען וואָלט אים אין איין טאָג ניט אויסגעפאָרן מיט אַ שליטן. וואַאַל איז לאַנג געגאַנגען איבער דער טונדרע און האָט אָנגעצייכנט די ערטער. פאַרנאַכט האָט ער זיך אַ פאַרמאַטערטער אַוועקגעזעצט אַף אַ גראַניטענעם פעלדז, אַן אָנגעוואַרעמטן פון דער זון, און איז אײַנגעשלאָפן.

דער אַלטער איז אַרויסגעגאַנגען אינדערפרי און איז יענעם טאָג ניט אַהיימגעקומען. מען האָט אים געפונען ערשט אַפן דריטן טאָג. געווען איז ער טויט, מיט אַן אָפגעריסענעם אויער. געהאַט האָט ער איין באַק אַ צעריסענע און געשטאַנען זײַנען אַף איר סימאָנים פון ציין. די נעגל פון אַ ברוינעם בער האָבן איבערגעלאָזט אַ שרעקלעכן צייכן אַפן אַלטנס פּאָנעם. וואַאַל איז געלעגן אַן אײַנגעקאָרטשעטער אונטערן בערס קערפּער. דעם אַלטנס אַ האַנט איז קימאַט ביזן עלנבויגן געווען אַרײַנגעשטופּט אין דער כאַיעס פּיסק; די אַנדערע האַנט האָט געהאַלטן שטאַרק אַרומגענומען דעם האָריקן האַלדז. דער בער, קענטיק, איז באַפאַלן דעם אַלטן ווען ער איז געשלאָפן, נאָר וואַאַל האָט מיט דעם פּרײַז פון לעבן בײַגעקומען דעם האַר פון דער טונדרע.

ניט אָפט שטאַרבט מען אַזוי ווי דער אַלטער וואַאַל איז געשטאָרבן. אין אַלע „יאַראַנגאַס“ האָט מען נאָר גערעדט וועגן דער טרויעריקער נײַס. געשטאָרבן איז דער קענער פונעם יאַם, דער גוטער באַל־יויעץ, און געשטאָרבן איז ער אין גראַנגל מיט אַ בער, ווי אַן עמעסער יעגער.

דעם פאָטערס טויט האָט טיף באַצאַרט וואַאַמטשאָן. נאָך דער פּאַסירונג האָט ער אויפגעהערט אַרויסגיין פון דער „יאַראַנגאַ“. דער מינעג האָט אים אויך ניט דערלויבט אַרויסגיין אַף יאַגד דרײַסיק טעג נאָכאַנאַנד. אַלעקפלעגט גיין צום טײַך נאָך אײַז אַף טרינק־וואַסער און וואַאַמטשאַ האָט גע־

רייכערט זײַן ליולקע, אַ טרויעריקער, אַן איינזאַמער. די מוטער איז פון אַ פעלדז אַראָפּגעפאַלן, דעם פאָטער האָט אַ בער דערהאַרגעט. אַ ווייטיק איז וואָס דאָס פלאַץ אין דער „יאַראַנגאַ" איז ליידיק געבליבן. זאָלן זיי כאָטש האָבן קינדער אינגיכן! אין „יאַראַנגאַ" מוז זײַן טומלדיק.

אין גאַס איז געשטאַנען טומאַטוגע צווישן אַ רעדל יעגערס. אַן אויפגערעגטער האָט ער דערציילט די לעצטע נײַעס, וואָס ער האָט געהערט פונעם שאַמאַן קאָראַגווע.

— וואַאַמטשאַ איז איצט „פּרעזידענט" — האָט טומאַטוגע געזאָגט. — צו וואָס טויגן די דאָזיקע נעמען אונדזערע מענטשן? קאָראַגווע האָט געזאָגט, אַז דערפאַר איז דער אַלטער וואַאַל אומגעקומען. נאָר וואָס פאַר אַ נאַטשאַלניק קען זײַן וואַאַמטשאַ? ער האָט אַפילע ניט קיין פולן שפּאַן הינט. זיבן הינט אָנשטאָט צוועלף. די גײַסטער ווילן ניט האָבן אַזאַ נאַטשאַלניק־„פּרעזידענט". דערפאַר איז געשען דאָס אומגליק.

די יעגערס האָבן אומרויִק אויסגעהערט טומאַטוגען. אָ, טומאַטוגע איז שטענדיק געווען דער ערשטער זיך צו דערוויסן אַלץ וואָס פּאַסירט! קיינער איז ניט אַזוי אָפט אַרײַנגעגאַנגען צו אַליטעטן.

— און טאַקע צו וואָס דאַרפן מיר די נאַטשאַלניקעס אָפן ברעג? — האָט טומאַטוגע געזאָגט. — ס'איז קיינמאָל ניט געווען. מענטשן זײַנען געבוירן געוואָרן און האָבן געלעבט אָן נאַטשאַלניקעס. דאָס האָט זיי דער רוס מיט דער באָרד אויסגעטראַכט. צו וואָס? קיינער ווייסט ניט. דער בערדיקער וויל מיסטאָמע שאַפן אָפן ברעגלאַנד זײַנעם אַן אייגענעם שייוועט פון „נאַטשאַלניקעס־פּרעזידענטן". אַזוי האָט קאָראַגווע געזאָגט. און קאָראַגווע קען דאָס לעבן. קאָראַגווע האָט געזאָגט — האָט טומאַטוגע ווײַטער דערציילט, — אַז דער בער האָט דערשמעקט דעם „פּרעזידענט" און דערפאַר איז ער אַזוי נאָענט צוגעקומען צום ברעג. אַזוינס איז קיינמאָל ניט געשען. דער ברוינער בער לעבט אין די בערג. וואָס פאַר אַ נויט האָט ער געהאַט אַהער צו קומען?

„עפּשער האָט ער רעכט, — האָבן די יעגערס געטראַכט. — דער בער האָט ניט דערהאַרגעט דעם אַלטן וואַאַל ווען וואַאַמטשאַ איז ניט געווען „פּרעזידענט".

און דער אוילעם האָט די דערקלערונג באַנומען. ס'האָט זיי נאָר געוווּנדערט דעם שאַמאַנס קלוגשאַפט. זיי וואָלט עס קיינמאָל ניט אײַנגעפאַלן. דאָס נײַע וואָרט „פּרעזידענט" איז אומגעפלויגן איבערן ברעג, ווי אַ פעדער געטראָגן פונעם ווינט.

די יעגערס האָבן אַ לאַנגע צײַט געשמועסט וועגן דער לעצטער נײַס, וואָס טומאַטוגע האָט געבראַכט. די נײַס איז אָנגעקומען אין דער „יאַראַנגאַ" צו וואַאַמטשאַ, דעם „פּרעזידענט פונעם שייוועט־סאָוויעט. געבראַכט האָט די נײַס אַלעק אינגאַנצן אַ פאַרציטערטע. אַ דערשראָקענע האָט זי דערציילט וואַאַמטשאַן, בעת זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם קאַן מיט אײַז אָפן פײַער, אַז קאָראַגווע האָט באַשיידן דעם באַטײַט פונעם בער. מען זאָגט, אַז דער בער וועט נאָך צוריקקומען און וועט דערהאַרגענען זי, אַלעק, אויב וואַאַמטשאַ וועט ווײַטער בלײַבן נאַטשאַלניק.

אַלעקס נײַס האָט נאָך טרויעריקער געמאַכט וואַאַמטשאַן. און דער פּאַרזיצער פונעם שייוועט־סאָוויעט האָט גענומען דענקען ווי אַלע האָבן געדענקט אינעם ענמאַקײַ־לאַגער.

וואַאַמטשאַ האָט פון אַ קויטיקן קעסטל אַרויסגענומען אַ פּאַפּירל, וואָס

לאָס האָט אים איבערגעלאָזט. אינעם פּאַפּירל איז געווען געשריבן, אַז דער כּאָווער וואַמטשאַ ווערט פאַרזיצער פונעם ענמאַקײַער שייוועט־סאָוויעט. וואַמטשאַ האָט ניט געקענט „ריידן" מיט דעם פּאַפּיר, נאָר דער רוסישער נאַטשאַלניק אַליין האָט מיט אים גערעדט דערפון. דעמאָלט איז עס געווען אַ שטיפערײַ, וואָס ער האָט דערבײַ געשמייכלט. נאָר די שטיפערײַ האָט זיך טרויעריק אויסגעלאָזט: זײַן פאָטער איז געשטאָרבן.

לאַנג האָט וואַמטשאַ געדרייט דאָס פּאַפּירל אין די הענט. ער האָט געקוקט דערויף און ניט אויפגעהערט טראַכטן.

אַלעק האָט זיך צו אים צוגעזעצט. מיט אַ באַוועג פון די אַקסלען האָט זי פון זיך דאָס פּוטערנע אַנטאָן אַראָפּגעוואָרפן און האָט זיך צוגעדריקט צו וואַמטשאַס אַקסל. זי האָט אַנגענומען דעם מאַן באַ דער האַנט און שטיל געזאָגט:

— מענטשן הייסן דיר גיין זען קאַראַגוע... איך ווייס, אַז דו האָסט אים ניט ליב. נאָר, אַף יעדן פאַל, דאַרפסטו גיין... מענטשן ריידן ניט פוסט. דער מענטש וואָס לעבט באַ מיר אין בויך, האָט אויך אַ גרויסן פאַרלאַנג דו זאָלסט גיין צו קאַראַגוע. ער וויל ניט, אַז נאָך אַן אומגליק זאָל פאַלן אַף אונדזער „יאַראַנגאַ".

וואַמטשאַ האָט אַ קוק געטאָן אַף זײַן פרוי. אַ טיפער טרויער האָט אײַנגעהילט זײַן פּנים. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אַף אַלעקס בויך, האָט אים געגלעט און געזאָגט:

— זאָג דעם מענטשן, וואָס לעבט אין דיר, אַז שוין איצט גיי איך צו קאַראַגוע אין דער „יאַראַנגאַ".

וואַמטשאַ האָט גענומען אַף זיך די „קוכליאַנקע", האָט צונויפגעלייגט דאָס פּאַפּיר און באַהאַלטן אינעם בוזים און איז אַרויס פון געצעלט. אַלעק האָט אים אַרויסבאַגלייט מיט אַ שײַנענדיקן בליק.

שטיל, מיטן קאָפּ צו דער ערד, ווי אַ יינגל וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט, איז וואַמטשאַ אַרײַנגעקומען צום שאַמאַן אין דער „יאַראַנגאַ". קאַראַגוע איז געווען אייגער אַליין. ער האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ מיט זײַנע לאַנג־נעגלדיקע פינגער און געשלעפּט אומפּלייט.

קאַראַגוע האָט אים ניט געגריסט ווי עס איז געווען אַנגענומען, און וואַמטשאַ האָט די אויגן אויפגעהויבן צום שאַמאַן און אים געזאָגט:

— קאַראַגוע, איצט ווייס איך אויך פאַרוואָס מײַן פאָטער איז געשטאָרבן. דאָ האָסטו דאָס פּאַפּיר פון „פּרעזידענט".

— גיב עס אַהער! מען דאַרף עס ווי געהעריק באַקוקן! — האָט קאַראַגוע בייז אַ בורטשע געטאָן.

דער שאַמאַן האָט די אויגן פאַרגלאָצט און מיט ציטערדיקע הענט געגלעט דאָס פּאַפּירל אַף דער קני. ער האָט עס גענומען באַטראַכטן באַ דער שײַן פון דער פײַער־פּאַן.

— קוק עס אָן! עס פאַלט אַרויס פון די הענט! — האָט ער צוגעטויבט אַ זאָג געטאָן.

קאַראַגוע האָט זײַנע נעגל אײַנגעשטאָכן אינעם פּאַפּיר און מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם לאַנג געקוקט דערויף.

וואַמטשאַ האָט לאַנג פון אים די אויגן ניט אַראָפּגענומען.

— קום אַהער! — האָט אים קאַראַגוע צוגערופן. — קוק זיך אַליין אײַן... מען זעט בערג!... זעסט? און פונעם זוים באַווײַזט זיך אַ בערן־קאָפּ...

וואַמטשאַ האָט געקוקט און האָט געפילט ווי אַ טיפער פּאַכעד באַפּאַלט אים. אונטן, ווו דער שטעמפּל איז געווען, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער זעט אַ בער און די קאָנטורן פון בערג.

— ווער אויס „פּרעזידענט״! דאָס פּאַפּיר דאַרף פאַרברענט ווערן אַף אַ שײַטער, אַף אַ שײַטער פון ווײַסע. מאַך סטרוזשקעס פון ברעטער, וואָס געהערן צו ווײַסע מענטשן, באַגיס זיי מיט דעם פעטס, וואָס די ווײַסע נוצן צו באַלײַכטונג... און פאַרברען עס. גיב אַכטונג, אַז דער שטינקענדיקער רויך זאָל ניט גיין צו די „יאַראַנגאַס״. זאָלן זיך צונויפקומען אַלע מענטשן פונעם לאַגער און זען וויאַזוי דאָס פּאַפּיר דרייט זיך און קנאַקט, שוואַך און אָנמעכ־טיק קעגן די גײַסטער. וועסטו עס אַזוי ניט טאָן וועט ער קומען און וועט האַרגענען אַלעק ווען זי וועט קלײַבן וואָרצלען צום עסן. נאַ, נעם עס!

און דער שאַמאַן קאָראַגוע האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס פּאַפּירל אַף דער ערד מיט אַן עקל־געפיל.

וואַמטשאַ האָט עס אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען פונעם גע־צעלט. אַף דער שוועל האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט טיגרענאַן. וואַמטשאַ האָט צעמישט אַ שמייכל געטאָן. נאָר טיגרענאַס בליק האָט אים דערשראָקן. זי האָט געקוקט אַף אים און אַפילו ניט אַ פינטל געטאָן. נאָר געהאַלטן האָט זי די הענט אַף איר הויכן בויך. די פרוי האָט מיט אַ פאַראַכטונג־באַוועגונג אים געוויזן די טיר און שנעל אים געזאָגט:

— גיי! ביסט אַ נאַרישע פּאַקע, וואַמטשאַ!

וואַמטשאַ איז אַהיימגעלאָפן און האָט דערציילט זײַן ווײַבל, וואָס ער האָט גערעדט מיט קאָראַגוע.

אַלעק האָט אים אויסגעהערט און האָט געשוידערט פון שרעק.

— פאַרברען עס באַלד, וואַמטשאַ! די מינוט! איך האָב מוירע!

— צי נאַרט מיך ניט קאָראַגוע? ער איז אַ פאַלשער און אַ בייזער שאַמאַן.

— ניין, וואַמטשאַ. ער נאַרט דיך ניט. פאַרוואָס זאָגסטו עס? דאָ האָסטו ברעטלעך פון אַ קעסטל. מאַך דערפון סטרוזשקעס, און איך וועל גיין רופן מענטשן צום שײַטער.

מענטשן האָבן גענומען גיין צום עק לאַגער.

אַף אַ פאַרשנייטן בערגל, דאָרט ווו וואַמטשאַ האָט געהאַט געקוילעט זײַן באַליבטן הונט טשעגיט, האָט ער צונויפגעשאַרט די סטרוזשקעס. דער אוילעם, אין אַ האַלבן קרײַז אַרום דעם שײַטער, האָט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם נאָכגעקוקט יעדע טנוע פונעם שאַמאַן. קאָראַגוע האָט פון אַ הינטערש־טער קעשענע אַרויסגענומען אַ פלעשל גאַזאָלין, האָט באַגאָסן די סטרוזשקעס און האָט באַפוילן:

— צינד אָן אַ שוועבעלע!

וואַמטשאַ האָט אונטערגעצונדן דעם שײַטער. דער גאַזאָלין האָט אַזאַ פלאַם געטאָן, אַז וואַמטשאַ האָט געמוזט אָפּשפּרינגען.

— וואַרף עס אַרײַן, וואַרף עס אַרײַן שנעלער! — האָט אים דער שאַמאַן אונטערגעיאָגט.

וואַמטשאַ האָט אַרײַנגעוואָרפן דאָס פּאַפּיר אין פײַער. אין איין אויגנ־בליק איז עס פאַרברענט געוואָרן און עס איז דערפון קיין שפור ניט געבליבן.

דער שײַטער האָט זיך טייקעף אויסגעלאָשן.

— שיט אַרויף שניי און זאָל דער ווינט פאַרווישן און פאַרוויבן די שפורן פון דעם פאַרשווועכטן אָרט.

בעייסן אַהיימגיין, האָט זיך וואַמטשאַ געטראַכט: „ס׳איז דער זעלביקער מיִעסער רייעך וואָס מײַן צי־שפּײַז האָט געהאַט לעבן די דרײַ בערגלעך. ס׳איז אוממעגלעך צו פאַרגעסן דעם רייעך פון ברען־פּעטס וואָס די ווײַסע נוצן... פאַרוואָס אָבער זײַנען אַלע ווײַבער געקומען זען דעם שײַטער אַ כוק טיגרענאַן? וואָס קען עס באַדײַטן? פאַרוואָס האָט טיגרענאַ אַזוי ברויגעז געקוקט אַף מיר ווען מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אַף דער שוועל? שווער צו וויסן טיגרענאַס געדאַנקען!

ווען דער אוילעם איז געגאַנגען צום שײַטער, האָט טיגרענאַ דערפילט די געבורט־ווייען און איז אַרײַנגעגאַנגען אינעם געצעלט וואָס איז פאַר איר צוגעגרייט געווען.

בעייסן האָבן דאַרף די פרוי זײַן אַליין און קיינער טאָר איר ניט העלפן. עס איז אַפילע ניט דערלויבט אַרײַנגיין אַ קוק טאָן אַף איר. מען טאָר ניט אָנצינדן די פײַער־פאַן. ניט אויסצורעכענען זײַנען די פאַלשע גענג פון די בייזע גײַסטער. דאָס אָרט פונעם מענטשנס געבורט מוז זײַן פאַרבאָרגן. נאָר די גײַסטער זײַנען כיטרע. שוין האָבן זיי אויפגעהויבן אַ שטורעם־ווינט. עס קנאַקן די טרוקענע מאָרזשן־פעלן, וואָס באַדעקן דעם דאַך פון דער „יאַראַנגאַ".

טיגרענאַ ליגט אינעם פינצטערן צימער אַף ספּעציעל צוגעגרייטע הירשן־פעלן. שרעקלעכע ווייטיקן רײַסן איר לײַב. נאָר טיגרענאַ ווייסט, אַז איצט טאָר זי ניט שרײַען און ניט קרעכצן. די בייזע גײַסטער טאָרן ניט וויסן, אַז דאָרט ווערט געבוירן אַ מענטש. צי דען וויל זי ניט ווערן אַ מוטער? טיגרענאַ באַמיט זיך דערשטיקן איר אומדערטרעגלעכן ווייטיק מיט דעם געדאַנק, אַז עס קומט איצט אַף דער וועלט אַ נײַ וועזן, וואָס וועט אויסוואַקסן אַ ריכטיקער יעגער אָדער אַ ריכטיקע פרוי.

אַן אומענדלעכע פרייד ראַנגלט זיך אין איר מיט דעם אײַנדרוק פון שרעקלעכן ווייטיק. אָט לאַכט זי מיט טרערן און אָט הערט זי זיך אײַן צום געוואָי פונעם ווינט. טיילמאָל האַלט זי אײַן דעם אָטעם אויס מוירע זיך צו פאַראַטן. דער ווינט קרעכצט. מיסטאָמע גייט דאָ נאָענט אום דער בייזער גײַסט.

טיגרענאַ וואַרט אַ גערירטע און אַן אומרויִקע: וועט עס ניט שרײַען, דאָס נײַע וועזן? פון אַנדערע פרויען ווייס זי, אַז פאַראַן זײַנען שווערע געבורטן; אין אַזאַ פאַל העלפט מען דער געווינערן דערמיט וואָס מען דריקט איר צו דעם בויך מיט אַ ברעט. נאָר דער בייזער גײַסט דערוויסט זיך אַזוי אַרום ווו דאָס נײַע וועזן ווערט געבוירן, און דאָס קינד שטאַרבט.

ניין, טיגרענאַ וועט ניט שרײַען, זי זאָל אַפילע וויסן זי וועט דרײַ טעג נאָכאַנאַנד גיין צו קינד. גלײַכער שטאַרבן, נאָר שווײַגן.

מיטאַמאָל קומט איר אָן אַ פאַרלאַנג צו שרײַען און קען זיך ניט באַהערשן. זי בײַסט זיך אײַן אַ האַנט ביז בלוט, קעדיי דעם ווייטיק אַריבערצוטראָגן אַף אַן אַנדער אָרט. און יעדן מאָל, ווען זי פאַרלירט שיר דעם באַוווסטזײַן פון ווייטיק, בײַסט זי זיך אײַן מיט איבערמענטשלעכן קויעך.

עס פײַניקן זי היץ און דאָרשט. די ליפן זײַנען איר טרוקן. נאָר איצט איז זי טאָמע, אַן אומריינע פרוי, און טאָר זיך מיט קיין זאַך ניט נוצן און מיט קיינעם זיך ניט שאַפן. און זי האָט קיין צײַט ניט געהאַט לעבן זיך אַ קריגל אָנגעצוטשעלן.

לעבן דעם געצעלט האָבן זיך די ווײַבער אַרומגעשטעלט. דער אומרו ליגט אָף זייערע פּנעמער. און יעדע איינע פון זיי הערט זיך אײַן צי שרײַט ניט דאָס קינד אָדער צי בעט ניט טיגרענאַ זייער הילף. איבערן שטאַרקן ווינט הערט מען ניט דאָס שוואַכע קאָל פון דער געמאַטערטער פרוי. נאָר אין געצעלט הערשט אַ טויטע שטילקייט.

באַנאַכט האָט טיגרענאַ סאָפקאָלסאָף דערהערט דאָס קאָל פון דעם קליי־נינקן וועזן. דאָס דאָזיקע קאָל האָט איר קויעך געגעבן, און זי אַליין האָט אָפּגענומען דאָס קינד. מיט האָר פון איר צאָפּ האָט זי פאַרבונדן דעם נאָפּל־שנור, האָט אים מיט די ציין איבערגעביסן און אים באַשאָטן מיט דעם אַש פון איבערגעברענטער קאָרע. און אַ דערשעפּטע, אַ צעשמייכלטע און אַ גליק־לעכע, האָט זי זיך אַוועקגעלייגט אָף די פעלן.

דער נײַער ווען שרײַט. טיגרענאַ מאַכט אָן אָנשטרענג און הייבט זיך אויף. אין דער פינצטער באַקוקט זי דאָס קינד, שמעקט צו דעם און מורמלט:

— שרײַ, שרײַ! זײַ ניט אַזאַ שטילער ווי דײַן טאַטע וואַאַמטשאַ.

דערהערט האָבן די ווײַבער דאָס געשרײַ פונעם קינד און האָבן זיך איבערגעקוקט. איינע איז אַרײַן אינעם געצעלט, האָט אָנגעצונדן די פײַער־פאַן, האָט גענומען דאָס קינד און איז דערמיט אַרויס אין דרויסן, האָט עס שנעל אײַנגעריבן מיט שניי און האָט עס ווידער אַוועקגעלייגט לעבן דער מוטערס וואַרעמען גוף.

— מיר האָבן שוין נאָך איין יעגער בײַ אונדז אין לאַגער. — האָט די פרוי געזאָגט.

אַליטעט איז שוין צוריקגעקומען. ער האָט אַ פינצטער פּאָנעם און רעדט מיט קיינעם קיין וואָרט ניט. ווי נאָר ער איז אַרײַנגעקומען אינעם פּאָרהויז, האָט ער דערהערט אַ געוויין. אַליטעט איז שטיין געבליבן און געפרעגט: „ווער וויינט עס?"

— אַ יינגעלע איז געבוירן געוואָרן, אַליטעט. — האָט די פרוי געענט־פערט.

אַליטעט האָט פון זיך אַראָפּגענומען די „קוכליאַנקע" און איז שנעל אַרײַן צו זײַן ווײַב אין צימער. טיגרענאַ האָט געדרעמלט.

אַליטעט האָט זיך איבערגעבויגן איבערן קינד און האָט לאַנג געקוקט דערויף. דערנאָך האָט ער עס אָפּגערוקט פון דער מוטער און גענומען קוקן דעם אין די אויגן.

טיגרענאַ האָט זיך אויפגעזעצט. זי האָט שווײַגנדיק גענומען דאָס קינד און עס צוגעדריקט צו דער ברוסט.

— איך האָב געמיינט עס וועט האָבן העלע אויגן, נאָרד־אַמעריקאַנישע, צום סאָף האָט עס אויגן ווי בײַ אַלעמען. — האָט אַליטעט אומצופרידן אַ בורטשע געטאָן.

קאַפּיטל XX

איבערן גאַנצן יאַם־ברעג שפּרייטן זיך אומגלויבלעכע גערייד־דערײַען. אַזוי שפּרייט זיך דער געדיכטער נעפּל, וואָס באַהאַלט אויס פון דער זון, איינע נאָך איינער, די „יאַראַנגאַס", וואָס שטייען בײַם ברעג יאַם.

דאָס נײַע לעבנס־געזעץ, וואָס דער בערדיקער רוסישער נאַטשאַלניק האָט פון דער ווײַט אַהערגעבראַכט, האָט זיך שנעל פאַרוואַנדלט אינעם גײַסט פון

קראַנקייטן, פון אומגליק, פון אַלערליי אַנשיקענישן. די גערייידערײַען מערן זיך אַלץ און, ווי די טײַך־געלעגערס אין צײַט פון געוויסער, גיסן זיי זיך צוזאַמען און עס ווערט פון זיי איין אויסגוס.

ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט נאָכדעם ווי וואַסמטשאַ האָט אָפן שײַטער זײַן פּאַפּיר פאַרברענט, זײַנען אין רעוואָקאַם געקומען קימאַט אַלע פּרעזידענטן פון די שייוועט־סאָוויעטן. ביז גאָר אויפגערעגטע, האָבן זיי זיך אַלע אַרײַנגעשטופּט צו לאָסן.

— וואָס איז געשען, כאַווירים ? — האָט לאָס אומרויִק געפרעגט, אָן איבערגעראַשטער פון דעם אומגעריכטן צונויפגעלויף פון אַלע פּרעזידענטן.

איינער, שוין אַן עלטערער יעגער, האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער גרופּע, האָט אַראָפּגענומען ס׳היטל און זיך געווישט דערמיט דעם שווייס פונעם פּאָנעם.

— נאָטשאַלניק, נעם דיר דאָס פּאַפּיר, וואָס דו האָסט איבערגעלאָזט באַ מיר אין „יאַראַנגאַ״. דאָס פּאַפּיר האָט מיר דעם שלאָף צוגענומען. מײַן ווײַב איז נאָכדעם שטאַרק קראַנק געוואָרן. איך האָב מוירע ווײַטער צו בלײַבן נאַטשאַלניק־„פּרעזידענט״. נאַ דיר דאָס פּאַפּיר. זאָל נאַטשאַלניק זײַן אונדזער שאַמאַן אַיאַק. ער קען פאַרטרײַבן די בייזע גײַסטער ווען עס טרעפט אַן אומגליק. ער וועט זײַן אַ גוטער נאַטשאַלניק. — און דער „פּרעזידענט״ פונעם שייוועט־סאָוויעט האָט אָוועקגעלייגט דאָס פּאַפּיר אָפן טיש.

— נו, און די אַנדערע צוליב וואָס זײַנען געקומען ? — האָט לאָס געפרעגט.

דערהערט האָבן זיך שטימען :

— מיר האָבן אויך געבראַכט די פּאַפּירן.

— נו, גוט, לייגט זיי אָוועק אָפן טיש. נאָר וויסן זאָלט איר, אַז איך טראַכט אַפילע ניט פון מאַכן די שאַמאַנעס פאַר פּרעזידענטן. איר קענט עס זיי איבערגעבן.

אַלע „פּרעזידענטן״ האָבן, איינער נאָך איינעם, אָפן טיש אָוועקגעלייגט זייערע נאָמינאַציעס. איינער נאָר, דער אַלטער רינטעו, פּרעזידענט פונעם לאָרענער שייוועט־סאָוויעט, האָט זיך פונעם אָרט ניט גערירט און האָט אַ דערשטוינטער געקוקט אָף אַלע אַנדערע.

— און דו, רינטעו, פאַרוואָס לייגסטו ניט אָוועק דײַן פּאַפּיר אָפן טיש ?

— מײַן פּאַפּיר איז פאַרבליבן אין אַ טײַ־פּושקעלע, וואָס איך האָב באַ מיר אין דער היים. — האָט דער אַלטער געענטפערט.

— פאַרוואָס האָסטו עס ניט געבראַכט ?

— איך בין געקומען צוליב עפּעס אַנדערש.

— אָך, זייער וויל ! — האָט זיך לאָס דערפרייט. אינעם אַרומיקן שווײַגן, האָט ער אַרויסגענומען די ליולקע, האָט זי פּאַמעלעך אָנגעשטאָפּט מיט טאַבאַק, האָט אַ פּיפּקע געטאָן און האָט זיך אָנגערופן צום אַלטן רינטעו :

— וועסט מוזן אויסוואַרטן, רינטעו, ביז איך וועל פאַרענדיקן ריידן מיט די מענטשן.

— איך קען צווואַרטן, — האָט דער אַלטער געענטפערט.

די פּרעזידענטן, אין זייערע טונקל־פּוטערנע „קוכליאַנקעס״, זײַנען געשטאַנען און זיך געדרענגט. אין ציטריק־געלע און פון ווינט צעקאַרבטע פּנעמער האָבן די אויגן געברענט פון צערודערונג. אַלע האָבן זיי געקוקט דאָ אָף לאָסן און דאָ אָף רינטעון. קיינער האָט זיך ניט דערוועגט אַפילע רייכערן.

— כאַווײרים, — האָט לאָס זיך אָנגערופן. — איצט הערט מיך אויס. איך ווייס פאַרוואָס איר זײַט געקומען. די גערײדערײַען לאָזן ניט אַדורך אונדזער ייִשעוו. מיינט איר, אַז מיר איז ניט אַ שאָד דער אַלטער וואַאַל? מיר איז אַ גרויסער שאָד. ער איז געווען מײַנער אַ גרויסער פרײַנט. געווען איז ער אַ מענטש וואָס האָט פאַרשטאַנען די זאַכן. אַ טײַערער אַלטער. אַ מענטש מיט אַן עמעסדיק האַרץ.

די פרעזידענטן האָבן זיך מיט כשאַד איבערגעקוקט. לאָס האָט ווידער אַ פיפקע געטאָן און ווײַטער גערעדט:

— פאַראַן אָבער איין זאַך, וואָס איך וויל אײַך אַלעמען פרעגן: איי־דער די דאָזיקע פאַפירן האָבן זיך באַוויזן אין אײַערע „יאַראַנגאַס”, איז עמעצער געשטאָרבן?

די פרעזידענטן האָבן געשוויגן.

— ענטפערט, וואָס שווײַגט איר?

— יעדן יאָר שטאַרבן מענטשן אינעם ברעגלאַנד. — האָט עמעצער זיך אָנגערופן.

— די יעגערס וואָס ווערן פאַרשלעפט מיטן אײַז, שטאַרבן ניט?

— דאָס פאַסירט יעדן יאָר.

— די בערן האָבן נאָך קיינמאָל ניט ביז איצט קיינעם ניט דערהאַרגעט?

די יעגערס האָבן ווידער געשוויגן.

דער אַלטער רינטעו האָט זיך צום טיש דורכגעשטופט.

— איך וויל ריידן. — האָט ער אָנגעהויבן. — איך בין עלטער פון אײַך אַלעמען. איידער איר זײַט געבוירן געוואָרן, האָב איך שוין געזען די זון. ווען טשאַלי האָט נאָך געהאַנדלט, פלעגט איר אַרײַנקומען צו מיר אין אָפשטעל־„יאַראַנגאַ”. ניטאָ קיין איין „יאַראַנגאַ” אַפן גאַנצן ברעג וואָס זאָל האָבן אַזויפיל נײַסן געהערט. איך געדענק אַלע פאַסירונגען. יעדן יאָר האַר־גענען די בערן עפּעס אַ פאַסטעך. ווער האָט פאַראַיאָרן דערהאַרגעט דעם פאַסטעך טשאַנגאַ, ווען ער איז געשלאָפן אין דער טונדרע? ניט דו, קאָט־כירגין, האָסט די נײַס געבראַכט צו מיר אין דער „יאַראַנגאַ”? איך האָב זי געהערט מיט מײַנע אויערן. — האָט דער אַלטער זיך אַ צי געטאָן באַ אַן אויער. — וואָס איז מיט אײַך געשען, איר נאַרישע פאָקעס? אַזוי טויג ניט. מען דאַרף אַלץ געדענקען! — און דער אַלטער איז צוריק אַוועק אַף זײַן פלאַץ.

לאָס האָט זיך די באָרד אַ גלעט געטאָן, האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— כאַווײרים! עמעצער נאַרט אײַך. ווײַזט זיך אַרויס, אַז אויך פריִער האָבן בערן געהאַרגעט מענטשן, איידער די פאַפירלעך האָבן זיך באַוויזן. איך מיין, אַז אײַך נאַרן פאַרדאָרבענע מענטשן. מענטשן וואָס ווילן ניט עס זאָל זײַן אַ גוטער האַנדל. מיינט איר ניט, אַז דאָס זײַנען די וואָס ווילן האַנדלען ווי מען האָט געהאַנדלט פריִער? אַזוי ווי טשאַלי די רויטע נאָז, אַזוי ווי אַליטעט? ווי מיינט איר? נאָר איך וועל זיי ניט לאָזן האַנדלען.

אַ היפשע ווײַל האָבן אַלע געשוויגן. צום סאָף איז קאָטכירגין צוגעקומען צום טיש און האָט צוריקגענומען זײַן נאָמינאַציע:

— איך נעם צוריק מײַן פאַפיר, — האָט ער געזאָגט.

— וואַרט אויס, קאָטכירגין, צי נעמסטו ניט עמעצנס אַ צווייטנס? מען דאַרף אַ קוק טאָן.

עטלעכע שטימען האָבן זיך דערהערט:

— איך נעם אויך צוריק... איך אויך... איך אויך...

לאָס האָט אויסגעזוכט יעדנס נאָמינאַציע און האָט זיי צוריקגעגעבן די פּרעזידענטן פון די שייוועט־סאָוויעטן.

— לאַקע! ווו איז לאַקע? דאָס איז זײַן דאָקומענט.

לאַקע איז אַוועק. ער האָט ניט געוואָלט צוריקנעמען. — האָט עמעצער געענטפערט.

לאָס האָט לאַנג גערעדט מיט די פּרעזידענטן. ס'האָט שוין גענומען נאַכט ווערן ווען זיי זײַנען אַהיימגעגאַנגען צו זיך אין די לאַגערן.

צו נאַכט צו איז זשוקאָוו צוריקגעקומען פון דער יאַגד. לאָס האָט אים דערציילט אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט.

— שווער, דוכט מיר, וועט זײַן פּאַר בלויז אונדז צווייען אַרומצונעמען דאָס גאַנצע ברעגלאַנד. — האָט אַנדריי, אַ פּאַרטראַכטער, זיך אַרויסגעזאָגט.

— אונדז פעלן לערערס, אַנדריי, אינסטרוקטאָרן, אייגענע אײַנקויף־הײַזער. די נאָרד־אַמעריקאַנער וועלן אונדז דערין ניט העלפן. מען דאַרף דאָ דעם פאָלק אַלץ פאַרשטיין געבן. מען דאַרף באַקעמפן די שאַמאַנעס.

— ביסט גערעכט, ניקיטאַ סערגייעוויטש, נאָר דאָס איז נאָך ווייניק. אויפקלערונגען אַליין וועלן קיין סאַך ניט אויפטאָן. איך מיין, אַז פּאַר אַלע־מען דאַרף מען צופרידנשטעלן די אויגן און דערנאָך דעם סייכל.

— נאַרישקייטן, מיר דאַרפן ביידע זאַכן.

— לאָז מיך אויסריידן. לעמאַשל, ברענגען אַ צענדליק וואַלפיש־שיפּ־לעך און זיי פאַרשטענדיק פונאַנדערטיילן. די פּראַקטיק, ניקיטאַ סערגייע־וויטש, איז וויכטיקער ווי אַלץ.

— מיר האָבן דאָך נאָך אַנהייב ווינטער געשריבן מען זאָל אונדז שיקן וואַלפיש־שיפלעך! מען דאַרף געדענקען, ווי זאָגט דער אַלטער רינטעו. עפּשער האָבן מיר עס ניט ווי געהעריק באַגרינדעט, וועלן מיר אַ קוק טאָן אין דער קאָפּיע.

געפונען האָבן זיי די קאָפּיע ווו עס האָט זיך גערעדט וועגן די וואַלפיש־שיפלעך, און לאָס האָט זי דורכגעלייענט.

— אַוואַדע איז עס ניט גוט. מען מוז עס באַגרינדן אַף אַן אַנדער אויפן. מען דאַרף זאָגן גאַנץ אָפן: די מאָטאָריזירטע וואַלפיש־שיפלעך זײַנען דער פונדאַמענט פאַרן איבערבוי פון דער אָפּגעשטאַנענער ווירטשאַפט אין דער געגנט, וואָס איז באַזירט אַף יאַגד. נעם אַרויס פונעם בריוו־קאַסטן דעם קאָנווערט נומער 93. מירן שוין בײַטן דעם טעקסט. — האָט לאָס אירא־ניש אַ שמייכל געטאָן. — דאָס איז די איינציקע מײַלע פון אונדזער פּאָסט: מיר האָבן זי שטענדיק צו דער האַנט. אַז מיר מאַכן אַ טאָעס אין אַ באַריכט און מיר כאַפּן זיך דערויף, האָבן מיר סאַך יאָר די מעגלעכקייט אים צו פאַריכטן. און זאָל מען זיך אינעם געגנטלעכן רעווקאָם וווּנדערן ווי שנעל מיר האָבן זיך אָריענטירט אינעם לעבן פון די יעגערס.

— יאָ, ניקיטאַ סערגייעוויטש, פּאַר אונדז גילט ניט דאָס שפּריכוואָרט, אַז אַן אַרויסגערעדט וואָרט און אַ געוואָרפענער שטיין קומען ניט צוריק... שרײַבן מיר אַן אַזוינס וואָס טויג ניט, כאַפּן מיר דעם קאָנווערט פאַרן עק און מיר פאַריכטן. — האָט אַנדריי געלאַכט און האָט דערבײַ אויסגעשאָטן אַף דער ערד די גאַנצע „פּאָסט", וואָס איז „אַרויסגעשיקט" געוואָרן אין

פאַרשיידענע צײַטן. מיט די קני אַף דער ערד האָט ער געזוכט און געפונען דעם קאָנווערט נומער 93.

— עפן אים פאָרזיכטיק, קעדיי מיר זאָלן אין אים קענען אַרײַנלייגן דעם נײַעם טעקסט.

אַף דער טיר האָט זיך באַוויזן דער אַלטער רינטעו.

— ווו ביסטו ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, רינטעו? כ׳האָב שוין געוואָלט גיין דיך אויפזוכן. וואָס האָסטו מיר געוואָלט זאָגן? — האָט לאָס געפרעגט.

— שלעכטע נײַס פאַראַן. זייער שלעכטע. רולטינאַ האָט מיר דערציילט. טשאַלי האָט געשיקט אַליטעטן דאָרט ווו גײַמעלקאָט ווינט ברענגען מערין און צונעמען באַ יאַראַקן די הינט.

לאָס האָט זיך איבערגעקוקט מיט אַנדרייען.

— דאָס איז שלעכט. — האָט רינטעו געזאָגט. — רולטינאַ קען נאָך פון זינען אַראָפּ...

— יאָ, דאָס איז ניט גוט. — האָט לאָס געזאָגט. — וואָס מיינסטו, רינטעו, דאַרפן מיר דערצו טאָן?

— איך ווייס ניט. — האָט דער אַלטער אויסמײַדנדיק געענטפערט. — דו ווייסט מיסטאָמע.

— מיר דאַרפן אַניאָגן אַליטעטן. — האָט לאָס באַשלאָסן.

דער אַלטער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניקיטאַ סערגייעוויטש, אָן אַ וועגווײַזער וועסטו אין די בערג ניט קומען. — האָט אַנדריי אָנגעמערקט. — וועסט נאָך פאַרבלאָנדזשען.

— איך קען דעם וועג. טשאַלי פלעגט מיך אַמאָל שיקן אין די בערג צונויפנעמען פעלן. איכל דיר ווײַזן דעם וועג. — האָט רינטעו פאָרגעשלאָגן.

— זייער ווויל. קום אַנדריי מיט מיר, אָפּהאַקן אַליטעטן די פליגל. איכל אים שוין דאָרט ווײַזן! ווי לאַנג דאַרף אַהין געדויערן, רינטעו?

— איצט האָבן מיר מיטנאַכטיקע זון. אין פיר טעג אַרום וועלן מיר אָנקומען.

— ס׳איז ניט גאָר נאָענט. נאָר פאָרן דאַרף מען. מירן שוין פאַראייניקן זען ווי מענטשן לעבן אין די בערג. אָפּגעמאַכט! — האָט לאָס געזאָגט. — אַנדריי, העגג אויף דעם שלאָס אַפן הויז פונעם רעוווקאָם.

קאַפּיטל XXI

די מײַ־זון וואָרעמט. עס איז ניט קאַלט, כאָטש אַרום בלאַנקט דער שניי, אַ פוכקער און אַ שווערער. אַ שוואַרצער פלעק נאָר זײַנען די באַרג־רוקנס, ווו ווינטער אַפילע איז קיין שניי ניטאָ: די ווינטן פאַרטראָגן אים.

לאָס שטייט אינעם טאָל און קוקט אַף די ווײַטע, אין ווײַטקייט פאַרלוירענע בערג.

„וואָס קענען זיי האָבן אין זיך, אָט די בערג? — טראַכט ער. — פלאָ־טין, גאָלד, אײַזן? ווער ווייס!” ער דרייט זיך אום צו אַנדרייען און ווײַזט אים אַפן קאָמפּאָס.

— האָסט געהערט, אַנדריי, וואָס דער אַלטער רינטעו זאָגט? ער זאָגט, אַז די דאָזיקע מאַכערײַקע טויג ניט אין די בערג, אַז זי ווײַזט ניט ריכטיק דעם וועג. איך האָב אים געפרעגט אין וועלכער זײַט איז דער ים, האָט

ער געלאַכט: „דו קוק ניט אַף דער מאַשינקע; קוק אַף דער זון, וועסטו וויסן אין וועלכער זײַט דער יאַם איז“.

— יאָ, ניקיטאַ סערגייעוויטש, עפּעס מוזן די בערג אין זיך האָבן אַזוינס, וואָס מאַכט דעם קאָמפּאַס ווײַזן פאַלש. ס׳וואָלט געווען אַ גרויסע זאַך ווען מיר קענען זיי באַטראַכטן מיט איקס־שטראַלן און זען וואָס זיי האָבן אין זיך!

די הינט, דערוואַרעמטע פון דער זון, דרעמלען אינעם שניי. פאָרן קען מען נאָר באַנאַכט. די קאַלטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון און דאָס לײַכטע פרעסטל פאַרהאַרטעווען דעמאָלט דעם וועג. רינטעו איז געגאַנגען זוכן האָלץ אַף וואַסער אויפזידן. פאַלאַרע פילינעס פאַכען שווער מיט די פליגל און דרייען דעם קאָפּ אַף אַלע זײַטן. זיי פליִען פאַרבײַ איינער נאָכן צווייטן. זיי זײַנען דעם פוקס שטאַפּעטן. מיט זייער פליִען גיבן אָט די רויבפייגל צו וויסן, אַז די מײַז זײַנען אָנגעקומען. און נאָך די מײַז קומען די פוקסן.

סטאַדעס הירשן גייען אַלץ נענטער צום יאַם, ווו דער בריז און די לופט־שטראָמען פאַרטרײַבן די מאָסקיטן, די פּלאָג פון אַלע בעהיימעס אום זומער. זומער־צײַט קען מען די סטאַדעס אין די בערג ניט האַלטן: זיי צעלויפן זיך. די כאַיעס אַנטלויפן, איבערגעפרעסן מיט מײַז. דער הירש אַפילע, אַז ער דערזעט אַ מויז, גיט ער אַ טרייסל מיטן קאָפּ און יאָגט איר נאָך. ער דערהאַרגעט זי מיט די קלאָען און שלינגט זי טייקעף אײַן. האָזן גאַלאָפּירן מאַכנעסווײַז איבער די לעוואַדעס און צופּן די ווערבענע קאָרע און די בלעטלעך. איבער די באַרג־שטיינער שפּרינגען ווילדע ציגן. אַלץ געפינט זיך אין שטענדיקער באַוועגונג אַף די בערג, אַלץ בײַט זיך און אַלץ בײַט דעם אָרט איבער דער טונדרישער ראַכוועס. די בערג בלויז בלײַבן אומבאַוועגלעך, ווי זיי וואָלטן זיך אײַנגעהערט צום לעבן פון דער טונדרע.

דער אַלטער רינטעו קומט צו צום שליטן. אין די הענט טראָגט ער צוויי בינטן ווערבע־צווײַגן. זײַן אונטערנעמען זיך אויפצוזידן אַ טשײַניק מיט דעם האָלץ רופט אַרויס בײַ לאָסן אַ געלעכטער, נאָר רינטעו צעברעכט די צווײַגן אַף קליינע שטיקעלעך, מאַכט פון זיי שפּענדלעך און צינדט קונציק אָן אַ קליינעם שײַטער. ער היט אײַן דאָס פײַער און האַלט אויף דעם פלאַם אָן איין שפּענדל מער.

— קונציק! — וווּנדערט זיך לאָס. — קוק זיך צו, אַנדריי, און לערן זיך אויס. עס וועט דיר אַמאָל צו נוץ קומען.

— נאָכן טיי וועלן מיר כאַפּן אַ דרעמל. — זאָגט רינטעו. — מירן באַלד האָבן דעם נעפּל און איך וועל דעם וועג ניט טרעפן. אַליטעטן איז אַלצאַיינס. ער פאָרט מיט נעפּל און מיט זון. ער איז שוין געוווינט.

אַפן דריטן טאָג פאָרן, האָבן זיי דערזען די געצעלטער פון די נאָמאַדן. די הינט האָבן אַ יאָג געטאָן גאַלאָפּ צו די געצעלטער און עס איז זיי געווען ניט אײַנצוהאַלטן. אויך זיי האָבן זיך גענייטיקט אין אַ שטיקל יישעוו.

אַרום און אַרום איז קיינער ניט געווען. אַלץ איז געווען שטום און וויסט. נאָר אייניקע זאַכן זאָרגעוודיק צונויפגעבראַכטע האָבן געגעבן צו מערקן, אַז ביז מיט אַ קורץ שטיקל צײַט צוריק האָט דאָ עמעצער געוווינט.

— וואָס? דאָס אַלץ האָבן זיי איבערגעלאָזט? — האָט לאָס געוואָלט וויסן.

— ניין, זיי האָבן דאָס צונויפגעבראַכט, און ווינטער, ווען זיי וועלן צוריקקומען, וועלן זיי דאָס אַוועקנעמען. — האָט רינטעו אויפגעקלערט.

— און ווו זײַנען די מענטשן ?

— די נאָמאַדן זײַנען ניט לאַנג ערשט אַוועק פון דאַנען. — האָט רינטעו געזאָגט נאָכדעם ווי ער האָט באַטראַכט די שפורן פון די שליטנס און די הירשן־וואָלענע דעקעס, וואָס זײַנען געבליבן אָפן שניי.

— זע, ניקיטאַ סערגייעוויטש, ווי דער אַלטער לייענט דעם גרויסן טונדרע־בוך. ער וועט אונדז באַלד נעמען אַרויסלייגן ווי אַ טרעפּערקע פון דער האַנט אַרויס.

— זיי זײַנען אַוועק פון דאַנען מיטאָג־צײַט. — האָט דער אַלטער פאַרזיכערט.

— פאַרוואָס מיטאָג־צײַט ?

— ווײַל די זון האָט נאָך ניט באַוויזן אײַנצוגראָבן די דעקעס אינעם שניי. דאָ האָסטו דעם שפּור פון די באַטאָגיקע קלאָען. די אינדערפרי:יקע און די פאַרנאַכטיקע זעען אויס אַנדערש. אַליטעט איז דאָ.

רינטעו האָט גענומען אַנדרייען פאַר דער האַנט און אים אַוועקגענומען אַן אַ זײַט. לאָס איז זיי נאָכגעגאַנגען.

— זע, דאָס איז דער שפּור פון אַ נאָמאַדישן שליטן און דאָס איז פון אַ ברעג־שליטן ; ס׳איז אַליטעטס שליטן.

— עפּשער איז עס יאַראַקס ?

— ניין, — האָט דער אַלטער פעסט געענטפערט. — ווען יאַראַק איז אַוועק, איז מען נאָך ניט געהאַט געפאָרן דאָ מיט אײַזערנע פּאַדריזעס. און דאָס זײַנען שפּורן פון אײַזערנע פּאַדריזעס, פון אַליטעטס שליטן. זעסט ווי גלאַט עס איז דער שפּור ?

דער אַלטער איז אַוועק אויפזוכן יאַראַקס אַ שפּור און אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען געהערט ווי ער שרײַט :

— אָט דאָ איז ער ! איך האָב אים ! דער שפּור פון אַ שליטן מיט הילצערנע פּאַדריזעס גלאַנצט ניט אַזוי. דער אויבערפלאַך איז אַ ביסל קרום און שאַרסטקע.

— אָט האָסטו ! זע ווי פּאַשעט דאָס איז ! — האָט לאָס זיך געוווּנדערט.

— ווײַט זײַנען אַוועק די נאָמאַדן, רינטעו ? — האָט אַנדריי געפרעגט.

— ניין. זיי זײַנען ניט ווײַט פון דאַנען. אין איין טאָג קענען זיי ווײַט ניט אַוועק. אויב מיר זאָלן פאָרן אַף זייערע שפּורן, וועלן מיר זיי דעריאָגן. אַ גרויסער קאַראַוואַן איז דאָ פאַרבײַגעגאַנגען. נאָר מיר מוזן האַלטן פעסט די הינט. ווי נאָ זיי וועלן דערזען די הירשן, וועלן זיי ווילד ווערן און נעמען יאָגן. נעמט אײַך אויך מײַן „אָסטאָל״. איך וועל האַלמעווען מיט די אָפּצאָסן.

די הינט זײַנען אומרויִק געלאָפן אַף די הירשענע שפּורן. לאָס מיט אַנדרייען זײַנען געפאָרן פאָרויס ; רינטעו, פון הינטן. מיטאָמאָל זײַנען די הינט שטיין געבליבן. זיי האָבן די שנוקן געהויבן, נערוועיִש געשמעקט און, ניט געוואָרט אַף קיין צייכן, האָבן זיי זיך צעיאָגט אין גאַלאָפּ. זיי האָבן דערזען די הירשן אָפן באַרג־רוקן. אַ ריזיקע סטאַדע ! די הינט זײַנען ווילד געוואָרן.

— פּאָט ,פּאָט ! פּאָט, פּאָט ! — האָט לאָס הייזעריק געשריגן און האָט געצויגן די הינט אַף אַ זײַט.

אַזוי ער, ווי אַנדריי, האָבן אײַנגעגראָבן די האַלמעס אין שניי, נאָר דער שליטן איז געלאָפן. די הינט לויפן אַלץ נענטער צו דער סטאַדע, די

צינגער אַרויסגעשטעקט, די צעפּלאַמטע אויגן אַרויסגעשטאַרצט און די ליי־בער אויפגעשווידערט.

— פּאַט, פּאַט! פּאַט, פּאַט! — שרייט אויך דער אַלטער רינטעו. ס'איז אַ ביזאָיען פאַר אַ „קאיור" ווען ער באַווייזט ניט איינצוהאַלטן דעם געשפּאַן און די הינט צערייסן אַ הירש. די נאַמאַדן וואַלטן אים אויסגעלאַכט! רינטעו שטעלט אַרויס אַ פוס פונעם שליטן און, רייטנדיק איבערן ראַנד, שטעכט ער איין בײדע פיס אינעם שניי, קעדיי איינצוהאַלטן די הינט. נאָר די אַפּצאַסן זיינע גליטשען זיך און דער אַלטער קען דעם געשפּאַן ניט איינהאַלטן.

אַ פּאַסטעך האָט דערזען די שליטנס אַנלויפן און ער איז אַקעגנגעלאָפן און געמאַכט מיט די הענט. מיט איין שפּרונג איז ער אַרויף אַפן ערשטן שליטן, האָט מיט איין האַנט אָנגעכאַפּט אַנדרייען פאַרן קאַלנער און מיט דער צווייטער אַרויסגעריסן בא אים דעם „אָסטאָל" פון דער האַנט און האָט אים טיף איינגעשטאָכן אינעם שניי. דער שליטן איי שטיין געבליבן.

רינטעוס שליטן איז אַרויסגעלאָפן פאָרויס. אומזיסט האָט דער אַלטער געגראָבן די פיס אינעם שניי. ער האָט זיך געפילט פאַרשעמט. ער איז אַראָפּ־געשפּרונגען פונעם שליטן און אינמיטן געלאָף אים איבערגעקערט און זיך אָף אים אַ וואָרף געטאָן. די הינט זיינען מיט אַ געוואַי שטיין געבליבן.

— איע! פון וואַנען האָסטו זיך גענומען? — האָט אַנדריי זיך גע־וווּנדערט.

— צוויי הירשן פון עטשאַווטאַס סטאַדעס זיינען פאַרלוירן געגאַנגען, האָט ער מיך געשיקט אַהער זיי אויפזוכן. שוין פינף טעג אַז איך זוך זיי. איצט האָב איך געזאָלט אַ קוק טאָן אין גיימעלקאַטס סטאַדע און האָב דערזען איער שליטן אַנלויפן אָף איר. כ'האָב פאַרשטאַנען אַז „טאַנגיס" פאָרן און קענען דעם שליטן ניט אָפּשטעלן. בין איך געלאָפן זיי צוהעלפן.

אין דער צייט וואָס ער האָט געשמועסט מיט אַנדרייען ווי מיט אַן אַלטן גוטן ברודער, האָט ער די אויגן ניט אַראָפּגענומען פונעם בערדיקן רוסישן נאַטשאַלניק, וואָס מען האָט גערעדט וועגן אים אַ סאַך אויך צווישן די באַרג־מענטשן.

— וואָס פאַר אַ נייסן זיינען פאַראַן אין די בערג, איע?

איע האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן.

— וואָס פאַר אַ נייסן קענען זיין אין די בערג! דאָ זיינען פאַראַן נאָר הירשן. הירשן ווערן געבוירן און פאַלן אַוועק. נאָר הירשן און הירשן. נייסן זיינען פאַראַן באַם ברעג. דאָרט איז דאָס לעבן פריילעך; דאָ, פאַרקערט, לעבן מיר ווי די וועלף. דאָ האַלט מען נאָר אין איין לויפן. איך רעכן אַוועקגיין פון די נאַמאַדן. איי, ווי מיר ווילט זיך צוריק צו דעם ברעג!

— פאַרוואָס ווילסטו אַוועקגיין? — האָט זיך אַנדריי פאַראינטערע־סירט.

— דאָ איז מיר לאַנגווייליק. מיר איז שוין דערעסן דאָס לויפן. עטשאַוו־טאַ, מיין באַלעבאָס, זאָגט, אַז איך האָב שטאַרקע פיס און ער שיקט מיך בלויז אַרויס אויפזוכן הירשן. דערפאַר לויף איך אַרום דעם גאַנצן ווינטער. נאָר איך האָב מוירע אַוועקצוגיין. מיין באַלעבאָס, ווען ער איז נאָך יונג געווען, האָט מען געמאַכט פאַר נאַטשאַלניק. די רוסן האָבן זיין פאָטער צו־געשיקט אַ פּאַפּיר. ווען דער פאָטער איז געשטאָרבן, איז דאָס פּאַפּיר אַריבער־צו עטשאַווטאַ. נאָר ער ווייס ניט וואָס אין פּאַפּיר שרייבט זיך. אויך האָט

ער אַ קינזשאַל פון אַ נאַטשאַלניק. איך האָב אים געזען. ער איז לאַנג און שמאָל. מען שעכט מיט אים הירשן. עטשאַוועטאַ האָט מיר געגעבן דעם פּאַפּיר און האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל מיך אַמאָל אָנטרעפן מיט אַ רוס, זאָל איך מיך דערוויסן וואָס דערין שרײַבט זיך. — איצ האָט פונעם בוזים אַרויסגענומען עפּעס אײַנגעוויקלטס אין שמאַטעס, האָט עס פאַרזיכטיק אויפ־געוויקלט און האָט דערלאַנגט אַנדרייען אַ קוטיק פּאַפּירל. — אָט דאָס איז דאָס פּאַפּיר. איך טראָג עס שטענדיק בײַ זיך, טאָמער וועל איך אַמאָל זײַן באַם ברעג.

— ניקיטאַ סערגייעוויטש, דאָס איז דאָך אָן עמעסע טרײַהייט־שוווע פון די צאַרישע צײַטן.

— איז עס מעגלעך? לייען!

און אַנדריי האָט גענומען לייענען:

„איך בין מיך מיסכאַיעוו פאַרן אַלערהעכסטן באַשאַפער, מיט מײַן גאַנצן הויזגעזינד, צו זײַן אַ געטרײַער, געהאָרכזאַמער און גוטער אונטער־טאַנער פונעם גרויסן, עמעסן און גוטהאַרציקן צאַר פון גאַנץ רוסלאַנד, אַלעקסאַנדער ניקאָלײַעוויטש און פון זײַן טראָן־יורשע ניקאָלײַ אַלעקסאַנ־דראָוויטש; איך בין מיך מיסכאַיעוו ניט אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד, ניט אָנצוקניפן קיין פרײַנטשאַפט מיט די סאָנים פון זײַן קעניגלעכער מאַכט און, ווי ווײַט איך וועל קענען און מײַנע קויכעס וועלן מיר טראָגן, פאַרהיטן, פאַרטיידיקן און דאָס לעבן ניט שוינען אַף צו העלפן אין אַלץ זײַן קעניגלע־כער מאַכט. אויב איך וועל מיך דערוויסן עפּעס שלעכטס אָדער שעדלעכס פאַרן צאַר, וועל איך דערפון צו וויסן טאָן; איך וועל האַלטן יעדן סאָד וואָס וועט מיר אָנגעטרויט ווערן. מיט דער הילף פון גאָט וועל איך דאָס געטרײַ דערפילן. איך קוש די עוואַנגעליעס און דעם צײלעם פון מײַן באַ־שאַפער. אָמיין”.

— דער עמעסער אָמיין! — האָט לאָס זיך אָנגערופן. — זע סאַראַ גרויספירשט אונדז איז אַרויסגעשפּרונגען, מיט אַ שפּאַגע און מיט אַלץ מיטאַנאַנדער... און ווו? אין די בערג!

— ס'איז די לעצטע פעסטונג פון דער צאַרישער מאַכט. — האָט אַנדריי זיך צעלאַכט און האָט אַ פרעג געטאָן איצן: — ווילסט מיר איבערלאָזן דאָס פּאַפּיר?

— איך האָב מוירע טאָמער הייסט מיר עטשאַוועטאַ איך זאָל עס אים צוריקגעבן. — האָט איצ געענטפערט.

— וועסט אים זאָגן, אַז דאָס פּאַפּיר האָט איצט קיין שום ווערט ניט: שוין לאַנג אַז עס איז קיין צאַר ניטאָ.

— נו, גוט, דו ווייסט בעסער פון מיר. — האָט איצ מאָסקים געווען.

די הירשן־סטאַדע איז שוין געהאַט אַריבער אַף דער אַנדער זײַט באַרג, און איצ איז אַוועק מיט אַנדרייען צו גײַמעלקאָטן אין לאַגער. לאָס האָט זיך איבערגעזעצט צום אַלטן אָפן שליטן. די הינט זײַנען איצט רויִק געלאָפן.

קאַפּיטל XXII

אַליטעטס קומען צו גײַמעלקאָטן אין לאַגער האָט צערודערט דאָס רויִקע לעבן פון זײַנע באַוווינער. קיינער האָט ניט געוווסט צוליב וואָס אַליטעט איז געקומען אין די בערג ערעוו דעם געוויסער. פון אָנהייב האָט מען גע־

מיינט ער איז געקומען אײַנקויפֿן פוקסן. נאָר אַליטעט האָט אַפילע ניט געפרעגט אָף קיין פוקסן. מען איז געוואָרן פאַרזיכטיק. מער פון אַלעמען יאַראַק. ער איז פונעם לאַגער ניט אָפּגעטראָטן און אומעטום נאָכגעגאַנגען אַליטעטן. יאַראַק האָט איצט אַ סאַך קויעך באַקומען און ווען אים זאָל אויסקומען זיך ראַנגלען מיט אַליטעטן, וואָלט קיינער ניט געזאָגט אָפריער ווער עס וועט בײַקומען.

שוין דרײַ טעג ווי אַליטעט געפינט זיך דאָרט און זאָגט נאָך אַלץ ניט צוליב וואָס ער איז געקומען. ער טוט ניט עפּעס אַנדערש ווי נאָר ער עסט הירשן־פלייש, ווי ער וואָלט אָנגעקליבן קויכעס. ווען מענטשן גייען שלאָפן, דרייט זיך יאַראַק אום אין לאַגער און דרעמלט גייענדיק. ער האָט אַוועקגעשיקט מערין אין דער לעוואַדע פונעם האָז־וועג קלוימערשט צווײַגן אָנקלײַבן. זי דאַרף ניט קומען אײדער אַליטעט וועט האָבן אַוועקגעפאָרן.

דער אַלטער גײַמעלקאָט האָט געוווסט פאַרוואָס זײַן שוועסטערן־טאָכטער מערי איז אַנטלאָפן מיט יאַראַקן און פאַרוואָס זיי לעבן דאָרטן. דאָס אויפהאַלטן זיך פון אַליטעטן — דעם אומגעבעטענעם גאַסט — האָט דעם אַלטן געערגערט. נאָר באַנומען האָט ער זיך ווי אַן עכטער הירשן־פיטערער און האָט ניט אַרויסגעוויזן די מינדסטע נײַגעריקייט. ערשט אָפן סאָף פונעם דריטן טאָג האָט אַליטעט אַליין אויסגעלייגט פאַר גײַמעלקאָטן דעם ציל פון זײַן רײַזע.

— מען דאַרף פרעגן מערין. זי איז ניט קיין בעהיימע; זי קען ריידן, אויב זי וויל, זאָל זי גיין. — האָט גײַמעלקאָט אים געענטפערט.

— זי וועט ניט וועלן. טשאַלי האָט געהייסן זי נעמען.

גײַמעלקאָט האָט איראָניש אַ שמייכל געטאָן.

— אַ הירש — האָט ער ערנסט געזאָגט, — קען מען לײַכט כאַפּן און אים פירן וווהין מען וויל. דערפאַר איז עס דאָך אַ בעהיימע וואָס קען גאָרנישט ניט זאָגן. נאָר מערי... ווייס איך ניט... קיין הערבער זײַנען איר ניט אָנגעוואַקסן. ניטאָ באַ וואָס איר דעם שטריק צו פאַרוואַרפן.

— רולטינאַ און טשאַלי האָבן זי מיר געהייסן נעמען. — האָט אַליטעט אַלץ געכאַזוערט.

דער אַלטער האָט אַ פּאָר רעגעס געשוויגן, האָט די אויגן צוגעזשמורעט און די נאָז פאַרקנייטשט און האָט געענטפערט:

— מיינסט, אַפּאָנעם, גײַמעלקאָט איז עפּעס אַ זויג־קינד? איך האָב שוין אַ סאַך געלעבט און איך ווייס וואָס מײַן שוועסטער רולטינאַ טראַכט. אַזאַ „טאַנגי" ביסטו שוין געוואָרן, אַז דו האָסט פאַרגעסן אַז אַ מיידל דאַרף אַ מאַן? פּרוּוו נעם צו די זכאָרים פון דער סטאַדע און האַלט דעמאָלט אײַן די נעקיייוועס. גיי בעסער שלאָף דיך אויס. דערנאָך וועסטו ריידן מיט יאַראַקן. ער איז איר מאַן.

און ווי נאָר אַליטעט האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט גײַמעלקאָט גערופן יאַראַקן:

— גיי ניט אַוועק פונעם לאַגער. — האָט ער אים געזאָגט. — אַז אַליטעט וועט דיר נעמען ריידן וועגן מערין, גיב מיר באַלד צו וויסן. דו ביסט יונג און דו ווייסט ניט ווי מיט דעם וואָלף צו ריידן.

— איך וועל אים דערהאַרגענען. — האָט יאַראַק ווילד געענטפערט.

— אַ שוואַכער מענטש קען דערהאַרגענען אַ שטאַרקן מיט אַ מעסער.

באַהאַלט וואָס ווײַטער דײַן מעסער, און לייג דיך שלאָפֿן. אַ מענטש וואָס שלאָפֿט ניט, פֿאַרלירט די קויכעס.

— איך טראַכט ניט פֿון שלאָפֿן, גײַמעלקאַט. — האָט יאַראַק געזאָגט.

— ווען אַליטעט וועט אויפֿשטיין, וועט מען דיר באַלד צו וויסן טאָן. איך האָב אַוועקגעשטעלט אַ פֿרוי זי זאָל אים היטן.

איבערן באַרג־רוקן זײַנען געלאָפֿן ברעג־שליטנס מיט הינט. יאַראַק האָט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם זיי נאָכגעקוקט. ער האָט זיך געשראָקן: צי איז עס ניט אַליטעט? נאָר באַלד האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— אַיע פֿירט די רוסן!

און איז זיי אַקעגנגעלאָפֿן.

די שליטנס האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— קאַקאַמעי! לאָס! — האָט ער פֿריילעך אויסגערופֿן.

— וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכסטו, יאַראַק?! — האָט לאָס אים דער־לאַנגט די האַנט. אָט האָסטו מיך דאָ. איך בין צו דיר צו גאַסט געקומען.

— אויך אַנדריי איז דאָ, און רינטעו און אַיע! — האָט יאַראַק גע־זאָגט אַ צעשמייכלטער און אַ באַגײַסטערטער. — אָט גייט אַהער דער באַלע־באָס אַליין, מײַן פֿעטער. — האָט דער יונג אָנגעוויזן אַף גײַמעלקאַטן, וואָס האָט זיך געלאָזט צוגיין צו זיי.

דער אַלטער האָט צוגעשפּאַנט פֿאַמעלעך און פֿײַערלעך. פֿון ווײַטנס נאָך האָט ער באַטראַכט די אומגעוויינלעכע געסט. זײַנע דורכדרינגלעכע אויגן און קלוגער אויסזען האָבן גערופֿן לאָסעס אויפֿמערקזאַמקייט.

— וואָס מאַכט גײַמעלקאַט? — האָט ער די האַנט אויפֿגעהויבן.

דער אַלטער האָט ווירדיק אַ שמייכל געטאָן און געפֿרעגט:

— קענסט גײַמעלקאַטן?

— איך קען אים פֿון הערן. — האָט לאָס געענטפֿערט.

— ווײַבער! שטעלט אַוועק קאָכן דעם פֿעטסטן הירש! עס זײַנען גע־קומען, זעט אויס, כאַשעווע געסט. — האָט גײַמעלקאַט אַ רוף געטאָן.

זיי האָבן זיך אַלע געלאָזט צוגיין צו אַ גרויסן קופּערנעם קעסל. אַקעגן איז זיי געקומען אַ קליין ייִנגעלע אין פּוטער אָנגעטאָן. געגאַנגען איז ער שווער און האָט אויסגעזען ווי אַ קליין ברוין וועלפּעלע. דאָס פּאָנעם איז אים אויסגעשמירט געווען מיט בלאָטע און מיט הירשן־בלוט. מיט זײַנע אומבאַוועגלעכע שוואַרצע אויגן, האָט ער געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ מע־כאַנישן שפּילכל.

לאָס האָט גענומען דאָס ייִנגעלע אַף די הענט, האָט אים געהויבן אין דער לופֿטן און אים געפֿרעגט אין רוסיש:

— ווי גייען די געשעפֿטן, באַוווינער פֿון דער טונדרע?

דאָס ייִנגעלע האָט זיך הילכיק צעקוויטשעט.

— נו, אַ נאַטור!... איך רייד צו דיר ווי אַ פֿרײַנט און דו שרײַסט גאָר. נאַ דיר אַ שטיקל צוקער און גיי דיר דײַן וועג. — האָט לאָס געשפּאַסט.

— ער פֿאַרשטייט נאָך גאַרניט. נאָך אַ פּיצל. אַ כוצדעם זעט ער דעם ערשטן מאָל אַ „טאַנגי״. — האָט גײַמעלקאַט געגעבן צו פֿאַרשטיין, ווי ער וואָלט זיך אַנטשולדיקט פֿאַרן קינדס ניט קאָרעקטע באַנעמונג.

— יאַראַק, איך זע ניט מעריך. ווו איז זי? — האָט לאָס געפֿרעגט.

— זי איז אַף דער לעוואַדע, קלײַבט אָן צווײַגן פֿאַרן פֿײַער. שוין לאַנג ווי זי איז אַוועק. — און יאַראַק האָט אין דער שטיל צוגעגעבן: — זי

האָט מוירע פאַר אַליטעטן. זי איז זיכער, אַז ער וויל זי אָוועקפירן צוריק צו טשאַלין.

— זאָל ער נאָר פּרווון!

גײַמעלקאָט האָט אַן איבעררײַשטער באַטראַכט לאָסן. דערנאָך איז ער צוגעקומען און האָט אים געפּאַטשט אַף דער ברייטער פּלייצע. דאָס האָט געמיינט, אַז גײַמעלקאָט האַלט אים פאַר אַ ריכטיקן מענטשן.

דער לאַגער אַפן באַרג איז געווען אַ דערווײַליקער ביוואַק. דאָ זײַנען ניט געווען קיין „יאַראַנגאַס", נאָר פּאַשעטע פעלענע געצעלטן אַפן שניי אויפגעשטעלט. אַן וווינונגען אין העלע וואַרעמע פרילינג־טעג איבערראַשט עס קיינעם ניט. נאָר ווינטער, ביפראַט ווען עס איז אַ שטורעם, שלאָפט מען אין וואַרעמע וווינונגען. ווי מען שטייט נאָר אויף, צענעמען די מענער די געצעלטער און די ווײַבער נעמען אַרונטער פון די פעלן דאָס אײַז וואָס איז אַף זיי איבער נאַכט אָנגעפרוירן. אַלע, אַן אונטערשייד פון עלטער, און אַן אונטערשייד פונעם וועטער, לעבן זיי אַף דער פרײַער לופט. דער מענטש פרירט ניט ווען ער גייט, אָנשטאָט שלאָפן.

אַף פאַרשיידענע ערטער פון גײַמעלקאָטס לאַגער שטייען לאָדונג־שליטנס. די שליטנס מיט דיקע ניט פאַלירטע פאָדריזעס דינען צום אַרי־בערפירן די שטוב־זאַכן. פאַראַן אויך רײַזע־שליטנס, וואָס זעען אויס ווי לופטיקע שלאַנקע שפילעכער. אַזאַ שליטן קען מען לײַכט נעמען אונטערן אָרעם און אַפילע ניט פילן די מאַסע.

— איע, וואָס הענגט עס דאָרט אַף יענעם פלאָקן? — האָט אַנדריי געפרעגט.

— אַ קינד איז עס; אַ זויג־קינד. ווילסט עס אָנקוקן?

אַלע זײַנען צוגעקומען צום הענגענדיקן קינד. אַף אַ פלאָקן אין שניי אײַנגעשטעקט, איז געהאָנגען אַ פוטערנער זאַק מיט אַ קינד אינעווייניק. פונעם זאַק האָבן אַרויסגעקוקט קליינע פייגלשע אייגעלעך, און אינגאַנצן האָט דאָס קינד אויסגעזען ווי אַ פייגעלע אין דער נעסט. אַ לײַכט ווינטל האָט עס קוים געוויגט, די זון האָט עס געוואַרעמט און דאָס פּיצעלע האָט זיך געפילט אויסגעצייכנט.

— עס קען נאָך ניט גיין. — האָט איע אויפגעקלערט.

אַף אַ רויכערדיקן שײַטער איז געהאָנגען אַ טאָפּ. די ווײַבער האָבן אַכטונג געגעבן אַפן עסן. דאָס פלייש האָט מען באַדאַרפט אַרויסנעמען איידער דאָס וואַסער זידט אויף. דער אַלטער האָט באַפוילן מען זאָל דאָס פלייש קאָכן ווי עס געהער צו זײַן. ס'זאָל האָבן אַ שיינעם אויסזען. דאָס ראָזלעכע הירשן־פלייש, ווען עס איז גוט געקאָכט, לייגט זיך עס ניט שווער אַפן מאָגן. דאָס מין פלייש קען מען עסן זייער אַ סאַך. אין דער טונדרע מאַכט מען אָפט אַ געוועט אַף עסן. פאַראַן אַזעלכע וואָס קענען מיט איין מאָל אויפעסן אַ גאַנצן הירש. דערנאָך קײַקלען זיי זיך אויס אַף דער ערד און זײַנען גרייט צו לויפן נאָך דער סטאַדע דרײַ טעג נאָכאַנאַנד און ניט נעמען אַ ביסן אין מויל.

די ווײַבער האָבן אַרויסגענומען דאָס פלייש פונעם טאָפּ מיט פאַר־שאַרפטע לאָפּעטקעלעך און אַרײַנגעלייגט אין אַ גרויסער פלאַטשיקער מול־טער. דער רייעך פונעם פלייש האָט גערייצט דעם אַפּעטיט. גײַמעלקאָט איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבערן הויפן פלייש און, ווי אַ גרויסער מייוון אַף דעם געביט, אויסגעקליבן די בעסטע שטיקער און זיי דערלאַנגט לאָסן און

אַנדרייען. פון אָנהייב האָט די גרייס פון די שטיקער פלייש געשראָקן די דעלעגאַטן פונעם רעווקאָם, נאָר צו זייער גרויס איבעררעאַשונג, האָבן זיי אויפגעגעסן דאָס גאַנצע פלייש און גאָרנישט ניט איבערגעלאָזט.

אַנדערע געסט האָבן דאָס פלייש שוין געהאַט אויפגעגעסן און איצט האָבן זיי אַרומגעגריזשעט די ביינער.

— גוט פלייש, גײמעלקאָט! אַ פּרעכטיקער הירש געווען. — האָט לאָס געלויבט.

— באַ גײמעלקאָטן טרעפט יעדער גאַסט אַ גוט שטיקל פלייש. קיינער איז נאָך פון גײמעלקאָטס שטוב ניט אַרויס אַ הונגעריקער. וויבער, שטעלט צו קאָכן נאָך איין הירש! — האָט דער אַלטער געשריגן.

אַליטעט האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט דערהערט די רוסן ריידן. ער האָט איראָניש אַ שמייכל געטאָן און איז ווײַטער געבליבן ליגן, דער אויער אָנגעשפּיצט צו די קוילעס. צום סאָף האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און איז צוגעקומען צום שײַטער.

— וואָס מאַכסטו, רוסקע נאַטשאַלניק! — האָט אַליטעט אָנצוהערנדיק אַ זאָג געטאָן. — באַ גײמעלקאָטן איז אַ גרויסער יאָנטעוו. אַ סאַך געסט זײַנען געקומען. — און אַליטעט האָט זיך אָוועקגעזעצט אַ פּוס פאַרלייגט אַף אַ פּוס.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט אים לאָס געפרעגט.

— יעדער איינער האָט זיך זײַנע געשעפטן. כאַיעס אַפילע לויפן אַרום איך דער טונדרע צוליב עפּעס... טשאַלי האָט מיך געשיקט אָפּנעמען די הינט באַ יאַראַקן... טשאַלי האָט זיי מיר פאַרקויפט.

— דו האָסט זיי געקויפט? — האָט לאָס טרוקן אַ פרעג געטאָן.

אַליטעט האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט און צום סאָף געענטפערט אַז יאָ.

— און מערין, האָסטו אויך געקויפט? — האָט אַנדריי געפרעגט און האָט זיך פונעם אָרט אויפגעהויבן.

אַליטעט האָט אַ שמייכל געטאָן.

דער אוילעם איז איבערראַשט געווען. זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען אַליטעטן אַזאַ שוואַכן. ער איז שוין גאָרניט קיין וואָלף, נאָר אַ האָז.

— טשאַלי האָט מיר געזאָגט: „נעם אָפּ די הינט און ברענג מיר מערין". די הינט מיט מערין זײַנען זײַנע. מען האָט זיי באַ אים אָוועקגעגאַנוועט.

יאַראַק האָט זיך בייז אויפגעהויבן, נאָר גײמעלקאָט האָט אים פאַרן אָרעם אַ ציי געטאָן און אים צוריק אָוועקגעזעצט.

— איך ווייס גאָרניט. אַזוי האָט מיר טשאַלי געזאָגט. — האָט אַליטעט גענומען מאַכן גרימאַסן.

— דו ווייסט גאַנץ גוט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. נאָר דאָס מאָל האָט איר, דו מיט דײַן טשאַליק, שלעכט געמאַכט דעם כעשבן. דו וועסט קיינעם פון דאַנען ניט נעמען. האָסט פאַרשטאַנען? — האָט לאָס אים שטרענג געפרעגט.

— נאַטשאַלניק, איך קען ניט דײַן געזעץ. מיך האָט טשאַלי געבעטן איך זאָל פאָרן, בין איך געפאָרן. רולטינאַ, מעריס מוטער, האָט מיך אויך געבעטן.

דער אַלטער ריגטעו, וואָס האָט זיך ביז איצט שטיל צוגעהערט צום געשפּרעך און אַרומגעגריזשעט אַ ביין, האָט זיך אַרײַנגעמישט:

— רולטינאַ האָט דיך גאָרנישט ניט געבעטן, אַליטעט! ס'איז ניט גוט

אַז אַ מענטש זאָגט ליגן. — האָט דער אַלטער סענטעניציעז געזאָגט און באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— מאָרגן פאָרן מיר אַרויס, אַליטעט. — האָט לאָס געזאָגט. — אויב דוווילסט, גרייט דיך צו, וועסטו פאָרן מיט אונדז.

— אויב דו ווילסט, קענען מיר פאָרן. — האָט אַליטעט צוגעשטימט. — אויב איך קען ניט נעמען מיט זיך מעריך, זאָל זי בלײַבן דאָ. נאָר איך ווייס ניט וויאַזוי וועל איך קענען פאָרן. זיבן הינט מײַנע, דער שפּיצאָק מיט זיי, האָבן די רימענעס צעריסן און זײַנען אַנטלאָפן צום ברעג.

— איך וועל אים געבן מײַנע הינט, נאָר זאָל ער אָוועקפאָרן! — האָט יאַראַק געזאָגט.

— מען דאַרף ניט. — האָט לאָס זיך קעגנגעשטעלט. — אַליטעט וועט פאָרן אין רינטעוס שליטן.

— נו, גוט. — האָט רינטעו גערן אײַנגעשטימט. — מירן אײַנשפּאַנען די פינף הינט וואָס זײַנען אים פאַרבליבן און דעם שליטן וועלן מיר צוטשעפּען פון הינטן.

— רינטעו, — האָט אַליטעט געזאָגט. — מען דאַרף זיך צואײַלן. די זון וואַרעמט. ווען דאָס וואַסער וועט זיך אַ לאָז טאָן, ווי וועלן מיר אַריבער די טײַכן?

— גערעכט, גערעכט, אַליטעט. — האָט רינטעו צוגעשטימט.

אַנדריי איז אַוועק מיט איען אַף דער לעוואַדע. זיי זײַנען צופרידן געווען וואָס זיי האָבן זיך געטראָפן. אַזוי לאַנג שוין ווי זיי האָבן זיך ניט געזען!

גײַמעלקאָטן איז געפעלן געוואָרן דער בערדיקער רוס און ער האָט אים פאַרבעטן באַקוקן זײַן סטאַדע. מען האָט שנעל אײַנגעשפּאַנט עטלעכע שיינע ווײַסע הירשן אין אַ לײַכטן שליטן.

— יאַראַק, קום דו אויך מיט אונדז. — האָט לאָס פאַרגעלייגט.

— ניין, איך בלײַב דאָ.

— האָב ניט קיין מוירע פאַר גאָרניט, יאַראַק. געדענק, אַז אַזוי לאַנג איך לעב דאָ אַף דער ערד, וועט דיר קיינער קיין שלעכטס ניט טאָן. צוליב דיר בין איך אַהער געקומען. פרעג דעם אַלטן. רולטינאַ האָט אים געשיקט ריידן מיט מיר.

— יאַראַק האָט דערלײַכטערט אָפּגעזיפצט.

— איך דאַנק דיר, לאָס! מײַן האַרץ האָט זיך באַרויִקט ווען איך האָב דיך דערזען.

קאַפּיטל XXIII

די דעלעגאַטן פונעם רעווקאָם האָבן פאַרבראַכט צוויי טעג אין גײַמעלקאָטס לאַגער. לאָס האָט די צײַט אָפּגעגעבן אַף שטודירן די ווירטשאַפט פון די הירשן־פּיטערער. ער איז שטאַרק איבערראַשט געווען וואָס גײַמעלקאָט, אַ באַלעבאָס פון צוויי טויזנט שטיקלעך איז אין דער עמעסן אָרעם. דער דאָזיקער אָרעמער גוויר לעבט מאַמעש אַף דער גאַס, און דער אויפן ווי ער לעבט צייכנט זיך מיט קיין ווילטיק ניט אויס. די גאַנצע הירשן־פּיטערונג גיט אים נאָר אָפּן עסן. ער פירט אַ נאַטור־ווירטשאַפט. ניטאָ דאָרט קיין שום בײַט מיט סכוירעס. די מענטשן עסן הירשן־פלייש און קליידן זיך אין הירשן־פעלן, און גאָר. דאָס פיך, קימאַט אין ווילדן צושטאַנד, וואַנדערט

איבער דער טונדרע. ווי ווײַט די סטאַדעס עסן אָפּ דעם לישײַניק, אַז ווײַט גייען זיי אַריבער אַף אַן אַנדער אָרט. די מענטשן נאָך זיי. ווי די פוקסן נאָך די מײַז. וועלף, קראַנקייטן, קעלט, פריצײַטיקע געבורטן אין צײַט פון די שטאַרקע פרילינגס־פרעסט, לייגן אויס די הירשן מאַסנווײַז. פונדעסטוועגן, גייען אום איבער דער טשוקאָטקער טונדרע הונדערטער טויזנטער שטיקלעך הירשן־פיך.

אַפן דריטן טאָג, צו נאַכט צו, זײַנען צוויי שליטנס אַרויסגעפאָרן פון גײַמעלקאָטס לאַגער. רינטעו מיט אַליטעטן פאָרן אינעם ערשטן. אַליטעטס שליטן, אַ צוגעבונדענער פון הינטן, טאַנצט פון איין זײַט אַף דער צווייטער און שטערט צום פאָרן. לאָס מוז קעסיידער האַלמעווען. די הינט פון זײַן שליטן רײַסן זיך אַריבערצויאָגן. אַ פאַמעלעכער פאָרן פאַרמאַטערט דעם „קאַיור” און שלעפערט אים. אַ גיכער, פאַרקערט, מונטערט אים אויף. אַז מען לויפט שנעל, פילן זיך די הינט אַפילע גרינגער.

אַפן האָריזאָנט רייכערט זיך דער נעפל און הילט אײַן די לאַנדשאַפט. ער פאַלט אַלץ נידעריקער ביז מען זעט שוין ניט אַרויס די שפיצן בערג.

— דער נעפל עסט אויף דעם שניי, ווי פײַער. האַלעווײַ מיר זאָלן אָנקומען באַצײַטנס! דאָס געוויסער קען אונדז נאָך פאַרכאַפן. מען דאַרף זיך צואײַלן, רינטעו. — זאָגט אים אַליטעט.

ער איז אומרויִק. ווי דער נעפל וואָלט אים גרויס זאָרג פאַרשאַפט, נאָר בעיס ער דרייט זיך אַפן שליטן, רופט ער אין געדאַנק די גײַסטער זיי זאָלן דעם נעפל נאָך געדיכטער מאַכן.

— דער נעפל וועט ניט צעגיין, אַליטעט. דאָ איז אַלץ רויִק. ניטאָ דאָס מינדסטע ווינטל. — איז רינטעו פאַרזאָרגט.

דער נעפל רוקט זיך אַף זיי. אָט דעקט ער שוין צו די גאַנצע ערד.

די הינט, דוכט זיך, שוועבן אין ווײַסע פײַכטע וואָלקנס. דער הימל איבער דער טונדרע איז שוין אינגאַנצן פאַרשוווּנדן.

— זע, אַנדריושאַ, סאַראַ נאַכעס, סאַראַ וואַרעמקייט! ווי גוט די הינט לויפן! איך וואָלט אַ גאַנצן לעבן אַזוי געפאָרן. אַלץ פאָרויס! איך בין צופרידן וואָס איך האָב די רײַזע געמאַכט.

— יאָ, די רײַזע איז אַן אָנגענעמע, נאָר דער פאַרשאָלטענער אַליטעט האַלט אין איין האַלמעווען. — ערגערט זיך זשוקאָוו. — זע, ווי ער האָט זיך עס אַרײַנגעזעצט אין רינטעוס שליטן און זײַנעם געלאָזט פון הינטן. בעסער וואָלטן מיר אים איבערגעלאָזט מיט זײַנע פינף הינט און ער וואָלט זיך שוין אַן אייצע געגעבן.

— איך, אַנדריושאַ, טראַכט בלויז וועגן די הירשן. די פיש אַפילע פון די קאַמטשאַטקער יאַמען שטייען שוין אַפן צעטל פון די מעלוכישע סכוירעס.

— און לאָס האָט אַ טרײַב געטאָן מיטן „אָסטאָל” די הינט, וואָס לויפן איבער דער שנייִקער ראַכוועס. אינעם נעפל זעט מען ניט מער ווי די הינטנס און די עקן פון דעם נאָענטסטן פאָרל הינט אינעם געשפאַן. — לאָס קוקט פאָרויס און רעדט ווײַטער: — דאָ, פאַרקערט, לויפן אום ריזיקע סטאַדעס הירשן אומגעציילט, ווי די מײַז, איבער דער טונדרע. מען מוז אומבאַדינגט פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון הירשן־פיטערער.

די הינט לויפן אַריבער עטלעכע קליינע ענגפאַסן איבערן פײַכטן שניי און דער אײַנגעגראָבענער שליטן גליטשעט זיך אַריבער איבערן ניט פעסטן אײַז פון דער באַרג־ריטשקע.

— אַז מען שפּאַנט אײַן פֿאַרשיידענע הינט, לויפֿן זיי שטענדיק שלעכט. מען דאַרף זיך צואײַלן, רינטעו. — ראָט אים אַליטעט.

— זאָלן די „טאַנגיס" פֿאָרן אָפּריִער. אונדזערע װעלן בעסער לויפֿן הינטער זיי. — איז רינטעו ניט כוישעד אַליטעטס שרעקלעכע קאַװאָנעס.

— ס'איז אַ גוטער אײַנפֿאַל, רינטעו. זע װי זייערע הינט רײַסן זיך אַף פֿאָרויס.

רינטעו האָט אָפּגעשטעלט די הינט און איז צוגעקומען צו לאָסן.

— לאָס, מיר מוזן זיך צואײַלן. אין אַ פּאָר טעג אַרום קענען די טײַכן לאָזן און מירן מוזן בלײַבן אין דער טונדרע ביזן זומער. לויפֿט איר אַרויס אָפּריִער. איך װעל דיר אָנװײַזן דעם װעג מיט געשריי.

— זייער װויל. — ענטפֿערט לאָס אַ צופֿרידענער.

ער איז אַרויס אָפּריִער. רינטעוס געשפּאַן לויפֿט שוין פֿון הינטן.

אַליטעט קוקט זיך אײַן אינעם נעפּל און רופֿט זיך אָן אין דער שטיל:

— לינקס, מען דאַרף זיך האַלטן לינקס. די הינט האָבן ליב שלעפּן אַף רעכטס.

— לאָס, לינקס! — שרײַט רינטעו.

— קרר! קרר! — באַפֿעלט לאָס און די הינט פֿאָלגן און שלעפּן לינקס.

אַנדריי זאָגט צו לאָסן מיט אַ געלעכטער:

— איצט, ניקיטאַ סערגייעװיטש, װעסטו אָנטרעפֿן דײַן שפּור. דו װייסט גאָרניט װאָס פֿאַר אַן אומקרײַזן די הינט מאַכן בעיס אַ נעפּל.

— און דעריבער מוז מען פֿירן לינקס.

— נאַ, רייכער, רינטעו. — באָט אים אָן אַליטעט.

דער אַלטער נעמט אַרויס פֿונעם בוזים זײַן ליולקע און דערלאַנגט זי, אַ צופֿרידענער, אַליטעטן. אַליטעט רײַבט אָן אַ דיקן נאָרד־אַמעריקאַנישן שװעבעלע אָנעם שליטן און ביידע רייכערן.

— לינקס, נאָך לינקער. — װײַזט אַליטעט.

— לאָס, לינקס!

אַליטעט זיצט אָן אָנגעכמורעטער. װײַזט זיך אַרויס, אַז דער אָפּגרונט, װוּהין ער פֿירט דעם שליטן פֿון די רוסן, איז אַ סאַך לינקער. װעדליק דער צײַט װאָס זיי פֿאָרן, האָבן זיי שוין געמוזט זײַן דאָרטן. נאָר דעם אָפּגרונט זעט מען ניט אין ערגעץ. אַליטעט איז װילד אין קאָפּ אַף זיך אַליין װאָס ער קען אַזוי שלעכט דעם װעג. אויב די שליטנס זײַנען פֿאַרבײַ דעם אָפּגרונט, איז צו װאָס איז ער געקומען אַהער? צו װאָס האָט ער אַזויפֿיל געטראַכט? צו װאָס האָט ער באַנאַכט זײַנע הינט אָפּגעלאָזט? איצט מוז ער מאַכן אַן אומקרײַז, זוכן די שפּורן און איבעראַנײַס דורכמאַכן דעם װעג. ער האָט שוין געזאָלט זאָגן דעם אַלטן רינטעו ער זאָל אָפּשטעלן דעם שליטן, װי ער האָט דערהערט אַ געשריי: „עך!".

אין איין אויגנבליק איז אַליטעט אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם שליטן און האָט זיך אַ װאָרף געטאָן מיטן בויך אַפֿן שניי און אין אים זײַן לאַנגן מעסער אײַנגעשטאָכן. אין איין סעקונדע שפּעטער איז רינטעוס שליטן פֿאַרשװוּנדן אינעם אָפּגרונט.

אַליטעט איז לאַנג געלעגן אומבאַװעגט. דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגע־הויבן, האָט געמאַכט עטלעכע טריט אַף צוריק און אַ געשריי געטאָן:

— רינטעו!

אַליטעט האָט מיט פולע לונגען די לופט אַרײַנגעאָטעמט און האָט ווי־דער אַ געשריי געטאָן.

קיינער האָט אים ניט געענטפערט. אַליטעט האָט אַ דערלײַכטערטער אָפּגעזיפצט. ער האָט זיך מיטן היטל אָפּגעווישט דאָס פאַרשוויצטע פּאָנעם און אינעם געדיכטן נעפּל געזומען גיין איבער דער טונדרע.

קאַפּיטל XXIV

ווי אַ ליקע־כאַמע, וואָס רופט אַרויס אַ צעטומלעניש אינעם לעבן פון די טונדרע־מענטשן, אַזוי האָט דאָס אָנקומען פון די רעווקאָם־דעלעגאַטן אין גײַמעלקאָטס לאַגער אַרויסגערופן אַלערליי אויסטײַטשונגען און האָט גע־מאַכט דעם אוילעם זיך צו פאַרקלערן.

גײַמעלקאָט איז דעמאָלט אַרויס אַף דער טונדרע, וואָס ווײַטער פון מענטשלעכן גערייד, קיינער זאָל אים ניט שטערן אין זײַנע נאָכקלערענישן. ער איז געווען שטאַרק באַזאָרגט פונעם לעצטן שמועס מיט דעם בערדיקן רוסישן נאַטשאַלניק. וואָרעם וואָס פאַר אַ נויט האָבן די „טאַנגיס” צו קומען אין דער טונדרע היילן די הירשן? צו וואָס זײַנען זיי גאָר געקומען זיי באַ־טראַכטן? די קראַנקייטן זײַנען גײַסטער. די גײַסטער מוזן דאָך ווו עס איז לעבן און אין עמעצן זיך באַזעצן. קומט די צײַט, גייט דער גײַסט אַוועק. אַ מענטש לעבט ניט אָן קראַנקייטן; אויך אַ הירש קען אָן קראַנקייטן ניט לעבן. צי דען האָבן די באַרג־מענטשן ניט אויסגעהאָדעוועט קיין גרויסע סטאַדעס הירשן אָן די „טאַנגיס”? צי דען איז ניט זײַן פאָטער אוקווילקאָט געווען פריִער באַלעבאָס פון אַן אומצאָליקער סטאַדע? און די סטאַדע איז נאָך הײַנט דאָ. כאָ, כאָ! ס'איז צום לאַכן. די „טאַנגיס”, ווי זאָגט דער וואָס מיט דער באָרד, וועלן זיך נעמען היילן די הירשן! פון וואַנען וועלן זיי וויסן וואָס עס טראַכט זיך דער הירש? ער, גײַמעלקאָט, לעמאָשל, וואָס האָט זײַן גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט צווישן די סטאַדעס און אין די שטורעמס אַזויפיל מאָל געשלאָפן אונטערן בויך פון אַ הירש, ווייסט אויך ניט אַלץ וואָס דער הירש טראַכט זיך. ער ווייס נאָר וועלכע ערטער געפעלן בעסער דער „זי” צום לייגן זיך, ער ווייס ווען און ווו מען דאַרף זיי פירן זיי אויס־צוהיטן פון מאָסקיטן, ווו באַ די הירשן ברעכן זיך די קלאָען; ער ווייס, אַז אַף אויסצוקלײַבן דעם בעסטן וועג, דאַרף מען פרעגן באַ אַ הירשענער ריִפּ, וואָס מען האַלט זי אַפּן פײַער, קעדיי דער טיפער שפּאַלט וואָס דער פלאַם צעעפנט אין איר, זאָל אָנווײַזן ווו עס איז פאַראַן פּאַשע און ניט קיין נאַקעטע שטיינער. פון וואַנען זאָלן דאָס אַלץ וויסן די „טאַנגיס”?

דער אַלטער גײַמעלקאָט זיצט אַף אַן עק שטיין און איז פאַרזונקען אין זײַנע קלערענישן. אַלץ אַרום איז שטיל. דער נעפּל צעשווימט זיך שוין. אין טייל ערטער זעט מען שוין דעם הימל.

נאָר ווען ער דערמאָנט זיך אָן אַליטעטן, ווערט זײַן פּאָנעם באַלעבט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל. גײַמעלקאָטן איז געפעלן ווי דער נאַטשאַלניק מיט דער באָרד האָט זיך באַנומען מיט אַליטעטן: ער האָט אים פאַרוואָרפן דעם שטריק, ווי מען טוט עס מיט אַ ווילדן הירש ווען מען נעמט אַוועק אַ „זי” פונעם לאַגער. דער אַלטער האַלט ניט פון אַליטעטן. און ווען דער רוס האָט אים געוואָרנט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער רוס מיט דער באָרד פאַרטיי־

דיקט דעם עמעס. געווען איז עס גערעכטיק און דערפאַר איז עס געווען גוט. נאָר דער שמועס מיקויעך די הירשן, איז דעם אַלטן ניט געווען צום האַרצן.

פון הינטער אַ בערגל איז אַרויסגעקומען מערי מיט אַ בינט צווײַגן. דאָס מיידל איז צוגעקומען צום אַלטן און האָט אַוועקגעלייגט די צווײַגן אַף דער ערד.

— רו דיך אָפּ, מערי. ביסט זייער בלייך. דאָס מוז זײַן דערפאַר וואָס דײַן פאָטער איז אַ ווײַסער. איצט ווערסטו שלאָפן רויק. אַליטעט וועט דיך ניט צונעמען פון דאַנען. ער האָט מוירע פאַרן רוס מיט דער באָרד.

— איך האָב געזען פון ווײַטנס די שליטנס מיט די הינט. איך האָב געמיינט נאָך אַליטעטן קומט טשאַלי אַליין. פאַר די דרײַ טעג האָב איך געגעסן נאָר וואָרצלען און די רעשטן וואָס איך האָב געפונען אין אַ מײַזע־נער נאָרע.

— האָסט אויפגעגעסן די גאַנצע רעשטן?

— ניין, גײַמעלקאָט, אַ העלפט נאָר אין יעדער נאָרע.

— גוט האָסטו געטאָן. מען דאַרף ניט אַלץ צונעמען בײַ דער מויז. אַז ניט, וועט זי נאָך שטאַרבן פון הונגער ביז זי וועט זיך געפינען אַנדער עסן.

דער אַלטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפן בינט צווײַגן. לעבן אים איז געשטאַנען מערי און האָט דערציילט:

— פון אָנהייב בין איך געווען אַף דער גענדזן־לאָנקע. דערנאָך האָב איך געביטן דאָס אָרט און בין אַרויף אַפן באַרג פונעם אַלטן אָקס. פון דאָרטן זעט מען אַלצדינג.

— לאָס איז דאָ געווען, מערי. אַזוי רופט מען אים? ער איז געקומען דיר העלפן. — האָט דער אַלטער איר אויפגעקלערט און האָט אויסגעמיטן די אַנדערע וויכטיקערע איניאָנים פון זײַן שמועס מיט לאָסן. — אַליטעט איז אַזוי אָפּהענטיק ווי אַ פאָסטעך אָן הירשן.

מערי האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן.

— קום דאָרט וווּ מענטשן זײַנען דאָ, גײַמעלקאָט.

דער אַלטער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט געוואָלט נעמען דעם בינט צווײַגן. מערי האָט עס אים, שווײַגנדיקערהייט, ניט געלאָזט. זי האָט גענו־מען דעם בינט אַף די פּלייצעס און איז נאָכגעגאַנגען גײַמעלקאָטן. באַם אַרײַנ־גאַנג אין לאַגער האָט יאַראַק זיי דערזען. ער איז אַקעגנגעלאָפן, האָט צוגע־נומען בײַ מערין דעם בינט און האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

— האָסט געהערט די נײַעס, מערי? לאָס איז דאָ געווען. אַליטעט פאָלגט אים ווי אַן אַלטער רײַט־הירש פאָלגט דעם רײַטער. וווהין ער שיקט אים, אַהין גייט ער. און דאָס כאָסענע־פּאַפּיר איז גילטיק אַפילע אָן דעם צייכן. ס'איז ניט וויכטיק, מערי. יאַראַק האָט זיך אַ קער געטאָן אָן אַ זײַט און האָט אַ געשריי געטאָן: — איך דאַנק דיר, לאָס!

ווען מערי איז אַרײַנגעקומען אין לאַגער, האָט זי דערזען דאָס ייִנגעלע מיט דעם קויטיקן שטיקל צוקער אין דער האַנט.

זי איז צו אים צוגעלאָפן, האָט זיך איבער אים איבערגעבויגן און געזאָגט:

— עס. דאָס עסט מען. ס'איז ניט קיין שטיין, ס'איז צוקער.

דאָס שטיקל צוקער האָט מערין דערמאָנט, אַז זי האָט ניט געגעסן. זי האָט גענומען דאָס ייִנגעלע אַף די הענט און איז מיט אים אַוועק צום שײַ־טער, פון וועלכן אַ רויך־זײַל האָט זיך געצויגן גלײַך אַרויף.

איִע איז געזעסן אָן אַ זײַט און האָט אַף זיך אַרויפגעצויגן אַ פּאָר רײַזע־„טאָרבאָזן”. ווען ער האָט דערזען מעריִן, איז ער צוגעלאָפן צום שײַטער.

— קאַקאַמעי, מערי! ברעגלײַט! — האָט ער אויסגערופן. — ווי עס בענקט זיך נאָך די ברעגלײַט!

— גייסט אַוועק, איִע? — האָט אים מערי געפרעגט.

— יאָ, איך דאַרף אויפזוכן אַ פּאָר פאַרבלאָנדזשעטע הירשן. עטשאַווטאַ האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל זיי אויסגעפינען לעבעדיקע אָדער פון די ווערלף פאַרצוקטע. צוויי הירשן.

— דו האָסט כאַסענע געהאַט, איִע? — האָט מערי אים אויסגעפרעגט.

איִע איז צעמישט געוואָרן. אַ געריוויטל האָט באַפאַרבט זײַן געלן פּאָנעם. ס׳איז אַ בּיזאָיען צו זײַן אַ מאַן אָן אַ ווײַב.

— ניין, — האָט איִע אָפּהענטיק געענטפערט. — עטשאַווטאַ האָט מיר געגעבן אַ מיידל. דו אַרבעטעסט גוט, האָט ער מיר געזאָגט; נעם דיר דאָס מיידל. נאָר איך טראַכט ראַק פון צוריקגיין צום ברעג. ווען איך נעם אַ מיידל, וואָלט איך געמוזט אַף שטענדיק פאַרבלײַבן אין די בערג.

— אָרעמער איִע! — האָט מערי אים באַדויערט. — אַליטעט האָט באַ דיר טיגרענאַן צוגענומען. דעמאָלט איז ער געווען שטאַרק. איצט, זאָגט מען, האָט ער פאַרלוירן זײַן דרײַסטקייט. נעם דו צו באַ אים טיגרענאַן. מען זאָגט טיגרענאַ וועט אינגיכן האָבן אַ קינד.

— ס׳איז עמעס? — איז איִע צופרידן געווען. — ווי גוט דאָס איז! זי האָט שטענדיק געוואָלט האָבן אַ קינד.

— און דו וואָס רעכנסטו טאָן, איִע? — האָט יאַראַק זיך פאַראַינטערעסירט. — איך קען מיך אויך ניט צוגעוווינען צום לעבן אין די בערג.

— איך גיי אויפזוכן די הירשן. נאָר מיר ליגט איצט ניט דער קאָפּ באַ די הירשן. דער קאָפּ טראַכט איצט פון עפּעס אַנדערש. טראַכטן מיט זיך אַליין איז שווער.

— וואַרט, וואַרט אויס, איִע. זעסט אַ נעפּל שטייט. ווי קען מען זוכן הירשן אין אַ נעפּל? מען זעט ניט גאָרניט. לאָמיר טראַכטן אינאיינעם.

— ביסט גערעכט. עטשאַווטאַ ווייסט אַליין אַז ס׳איז אַ נעפּל. איכל גיין מאָרגן. מאָרגן וועט עפּשער זײַן אַ לויטערער טאָג. וועל איך לויפן שנעלער און וועל באַלד געפינען די הירשן. איִע האָט אַראָפּגעצויגן זײַנע „טאָרבאָזן”, האָט אָנגעטאָן די לײַכטערע שיך און האָט זיך אויפגעהויבן.

— לאָמיר צוגיין אַהין, ווו מען זעט יענעם באַרג־שפּיץ, ווועלן מיר דאָרטן טראַכטן. אַנדריי האָט ווידער לאַנג גערעדט מיט מיר, אַזוי ווי דעמאָלט אין פרילינג. איך וויל דיר דערציילן אַזוינס וואָס איך האָב מוירע צו ריידן דער־פון פאַר מענטשן.

געשפּאַנט האָבן זיי שטיל און ניט געשטערט דאָס שווײַגן פון דער טונדרע. פון איין זײַט נאָר האָט זיך געהערט דאָס קנאַקן פון די הירשן־קלאָען, ווי דאָס קנאַקן פונעם אײַז ווען די קריִע גייט.

— יאַראַק, — האָט איִע אָנגעהויבן שטיל ווי נאָר זיי האָבן זיך אַוועק־געזעצט אַפן בערגל. — אַנדריי און לאָס האָבן מיר געזאָגט: „דעם זומער, ווען די שיף וועט אָנקומען, וועלן מיר דיך שיקן שטודירן אַף דער גרויסער רוסישער ערד. פאַראַן דאָרט אַ גרויסער לאַגער, גאָר אַ גרויסער, וואָס רופט זיך פּעטראָגראַד. אין דעם לאַגער אַליין וווינען מער מענטשן ווי אַף דער גאַנצער טשוקאָטקער ערד”. דאָרט דאַרף איך עפּעס אויסלערנען. וואָס דאַרף

איך לערנען? איך האָב עס ניט פאַרשטאַנען. איך האָב געטראַכט די גאַנצע נאַכט און מיר איז גאָרניט קלאָר געוואָרן. ס'איז שווער איינעם אַליין טראַכטן.

— הער מיך אויס, איע. קיין שלעכטס וועט דערפון ניט אַרויסקומען. האָסט דיך צוגעקוקט ווי לאָס האָט גערעדט מיט אַליטעטן און ווי ער האָט גערעדט מיט דיר? גאָר אַנדערע אויגן האָט ער געהאַט. מען זעט אַז ער וויל דיר גוטס טאָן און ניט קיין שלעכטס.

— פונדעסטוועגן, יאַראַק, האָבן זיי אַליין געזאָגט, אַז אַף יענער זײַט זײַנען ניטאָ ניט קיין הירשן, ניט קיין מאַרזשן, ניט קיין פאָקעס. וויאַזוי וועל איך דאָרט לעבן? איכל שטאַרבן.

אַף איעס פּאָנעם איז געלעגן טרויער און צעטומלונג. עס האָט אים געשראָקן דאָס פאָרן אַף דער ערד פון די „טאַנגיס". וואָס אָבער זאָל ער טאָן? ער האָט ניט געוואָלט בלײַבן אין די בערג און אויך אַפן ברעג איז קיין לעבן ניטאָ. און איע האָט מיט אַ ביטערן זיפץ געזאָגט:

— איכל פאָרן, יאַראַק, זאָל זײַן וואָס ס'וועט זײַן!

דער נעפל האָט גענומען אָפּגיין.

די צוויי יאַטן זײַנען צוריקגעגאַנגען צום לאַגער. און נאָך איידער זיי זײַנען צוגעקומען, האָבן זיי דערזען אַ מענטשן גיין. געגאַנגען איז ער פאַר־מעלעך.

— זע, יאַראַק, ס'איז אַליטעט.

יאַראַק ההאָט דערפילט ווי דאָס האַרץ דריקט זיך אים צונויף און האָט גענומען רײַבן די אויגן.

— יאַראַק, ביסט בלייך געוואָרן. האָסט מוירע פאַר אים? האָב פאַר אים קיין מוירע ניט. איצט וועל איך דיר העלפן. טאָמער פרוווט ער צונעמען מערין, וועלן מיר אים האַרגענען. ער האָט מיר אין האַרצן אַזאַ צאָרן אָנגע־צונדן, אַז איך וועל אים צעטרייבערן ווי אַ הירש. — האָט איע צאָרנדיק און געערגערט געדראָט.

— זייער גוט געזאָגט, איע! טשאַלי האָט אויפגעהערט האַנדלען און וועט מיסטאָמע אַוועקפאָרן קיין נאָרד־אַמעריקע. ער פלעגט אויך פריִער אַלע יאָרן זאָגן, אַז ער וועט אַוועקפאָרן. ער וויל מיטנעמען מערין. און אַליטעט האָט אונטערגענומען אַ יאַגד אַף איר. קום שנעלער!

אין לאַגער האָט מען שוין געהערט שרײַען:

— אַליטעט איז דאָ! אַליטעט!

מערי איז פונעם געצעלט אַרויסגעלאָפן. און אַז זי האָט דערזען אַלי־טעטן, האָט זי אַ געשריי אַרויסגעלאָזט און גענומען אַנטלויפן.

יאַראַק און איע זײַנען איר אַקעגנגעלאָפן פון די בערג. פונעם לויפן איז איר דאָס פּאָנעם געווען פאַררויטלט און דאָס מיצל, צוגעבונדן מיט אַ רימענדל, האָט זיך געהוידלט באַ איר אַפן רוקן.

— האָב ניט קיין מוירע, מערי, — האָט זי איע באַרויִקט.

גײַמעלקאָט איז זיך רויִק געשטאַנען אינמיטן דעם לאַגער און האָט נאָכגעקוקט אַליטעטס יעדע באַוועגונג. נאָך וואָס — האָט זיך דער אַלטער געטראַכט — איז אַליטעט צוריקגעקומען?

איע האָט אַרויסגענומען אַ מעסער און האָט עס באַהאַלטן אַפן רוקן.

— איע, גיב אַהער דאָס מעסער. — האָט גײַמעלקאָט באַפוילן. — איר זײַט שטאַרקע יאַטן. אָדער איר פילט אַזוי שוואַך, אַז אָן אַ מעסער האָט איר קיין קויעך ניט? צו וואָס זאָלט איר באַגיסן מײַן ערד מיט דעם פאַרשטונ־

קענעם בלוט פון דעם מענטשן? עס קען נאָך אויפהערן וואַקסן דאָ דער לישײַניק. אויך דו, יאַראַק, גיב אַהער דײַן מעסער.

— גײַמעלקאַט, נעם אויך מײַנס. — האָט מערי געזאָגט.

דער אַלטער האָט צונויפגענומען די מעסערס, האָט זיי אַוועקגעוואָרפן אַפּן שניי און האָט אַף זיי זײַן פוס אַרויפגעשטעלט.

צוגעקומען איז אַליטעט.

— די „טאַנגיס" זײַנען פאַרלוירן געגאַנגען. — האָט ער צו וויסן געגעבן. — און מיט זיי אויך רינטעו. זיי זײַנען אַוואַדע אַרײַנגעפאַלן אין אַן אָפּגרונט.

— וויאַזוי־זשע ביסטו ניט פאַרלוירן געגאַנגען? ביסט דען ניט געפאָרן אינאיינעם מיט זיי? — האָט אים איע שטעכיק אויפגעוואָרפן.

— שווײַג, דו הינטישער זון! מיינסט איך רייד צו דיר, אומגליקלעכער, ניט באַוווײַבטער יינגל?

איע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אַליטעטן, נאָר גײַמעלקאַט האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן גאַרטל.

דער אַלטער האָט אַ האַנט אויפגעהויבן.

— מיר האָבן נאָך ניט געענדיקט ריידן, איע. רייד ווײַטער, אַליטעט.

— געוועזן איז אַ געדיכטער נעפּל. די אויגן האָבן אויפגעהערט דערקענען דאָס אָרט. איך און רינטעו האָבן מיר פאַרגעסן דעם וועג. די „טאַנגיס" האָבן אַוואַדע צעבייזערט די שלעכטע גײַסטער.

— וויאַזוי ביסטו געבליבן הינטערשטעליק? צי דען ביסטו ניט געפאָרן אין רינטעוס שליטן? — האָט גײַמעלקאַט געפרעגט.

— איך האָב אַוואַדע געגעסן צופיל פעט פלייש. איך האָב אָפּט געמוזט אַראָפּגיין פונעם שליטן. מיר טוט נאָך איצט וויי דער בויך. — האָט אַליטעט געענטפערט.

איע האָט געציטערט פאַר קאַס. אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער איינציקער אָפּגרונט — דער בערענער אויער — געפינט זיך זייער ווײַט פונעם וועג.

— צי האָסטו זיי ניט אומישנע געפירט צום בערענעם אויער? — האָט איע געשריגן.

— שווײַג, וואָרעם איכל דיר אַזוי דערלאַנגען אין דער מאָרדע, אַז דו וועסט דיר די צונג אָפּבײַסן. — האָט אַליטעט אָפּגעענטפערט.

— איע איז גערעכט. — האָט גײַמעלקאַט אָנגעמערקט. — דער בערענער אויער געפינט זיך ווײַט פונעם וועג. ווי קומט איר אַהין? דאָס איז אַ שרעקלעך אָרט. פאַראַיאָרן, אינעם שטורעם, האָבן די וועלף אַהין פאַרטריבן אַכט הירשן. די הירשן זײַנען אַהין אַרײַנגעפאַלן און מיר האָבן זיי געפונען טויטע.

— מערקיטשקין, אַליטעט! — האָט יאַראַק אַ בורטשע געטאָן און האָט אַ פרעג געטאָן איִען: דיר איז דאָס אָרט באַקאַנט?

— איך קען עס גאַנץ גוט. איך בין ניט לאַנג צוריק דאָרט פאַרבײַגעגאַנגען.

— קום שוין אַהין. מען דאַרף די מענטשן אויסגעפינען.

גײַמעלקאַט האָט זיך אָנגערופן:

— ס'איז צו ווײַט אַהין צופוס צו גיין. שפּאַנט אײַן מײַנע הירשן. מיט זיי וועט איר שנעלער צוקומען.

די יאָטן זײַנען אַוועק אײַנשפּאַנען די הירשן.

אַליטעט האָט זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צום אַלטן זייער נאָענט, ביז אָנרײַבן זיך אָן אים און האָט אַ מורמל געטאָן:

— די גײַסטער וועט פֿאַרדריסן אויב זיי וועלן פֿאָרן מיט די הירשן. דײַן סטאַדע קען דערפֿון געמינערט ווערן.

גײַמעלקאַט האָט אַ שווידער געטאָן און, נאָך אַ ווײַלע איבערקלערן, האָט ער אַ רוף געטאָן:

— יאַראַק, וואַרט אויס. שפּאַן ניט אײַן די הירשן! מען קען מיט זיי ניט פֿאָרן.

קאַפּיטל XXV

צופֿוסנס דעם אָפּגרונט האָט זיך געשפּרייט אַ געדיכטער נעפּל. איננמיטן די הויפֿנס אָפּגעוואַלגערטן שניי איז געלעגן לאָס. ער האָט זיך אומבאַוווסטזיניקערהייט איבערגעדרייט אױף אַ זײַט און האָט געקריצט מיט די ציין. דערנאָך די אויגן געעפֿנט און אַ שטאַמל געטאָן:

— ווו זײַנען די מענטשן? און די הינט?... אָך, פֿאַרשאָלטן! — האָט ער געקרעכצט. — עפּעס איז מיר מיטן פֿוס. — ער האָט געמאַכט אָן אָנשטרענג און האָט אַ געשריי געטאָן: — אַנדריושקאַ!

דער אָפּקלאַנג פֿון זײַן קאָל איז זיך צעגאַנגען איבער דער לענג פֿונעם אָפּגרונט.

— היי, היי! — האָט לאָס גענומען שרײַען העכער און צעצויגענער.

און ווידער האָט אַ כוץ דעם ווידערקאָל קיינער ניט געענטפֿערט אױף זײַנע געשרייען.

„איז עס מעגלעך אַנדריי זאָל האָבן אומגעקומען? אומזין!"

לאָס האָט גרויוער געוועזן דעם ווייטיק און האָט זיך אויפֿגעזעצט. ער האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן דעם ווייטיקדיקן פֿוס.

— דער פֿוס איז זיכער צעבראָכן. נאָך גוט וואָס מען זעט קיין בלוט ניט.

לאָס האָט זיך גענומען דערמאָנען ווי דאָס איז געשען.

„בעייסן פֿאַלן האָב איך געפֿילט אַנדרייען לעבן מיר. דאָס מיינט, אַז ער דאַרף זײַן דאָ נאָענט. ער איז גרינגער פֿון מיר. ווער־זשע האָט באַדאַרפֿט פֿאַלן שנעלער? ער איז געזעסן רעכטס. נאַר, ווער ווייסט!, עפּשער האָב איך געמאַכט אָן אומדריי און וואָס פֿריִער איז געווען רעכטס זאָל איצטער זײַן לינקס... — לאָס האָט רעזאָנירט ווי רינטעו אינעם אַלטן נאָמאַדן־לאַגער.

— איכל גיין זוכן..."

אָנגעשפּאַרט אױף די עלנבויגנס און געשטאַרקט זיך איבערן ווייטיק איינעם פֿוס, האָט לאָס פּאַמעלעך זיך געשלעפּט און האָט געקוקט אױף אַלע זײַטן. פֿון אומגעוויינלעכן ווייטיק, איז ער באַדעקט געוואָרן מיט אַ שווייס.

„עס מאַכט ניט אויס. צום ווייטיק קען מען זיך צוגעוווינען", האָט לאָס געפּרווט זיך אַליין באַרויקן און האָט גענומען באַטראַכטן די שפּורן פֿון די אַראָפּגעפֿאַלענע שליטנס אינעם שניי. נאָכדעם ווי ער איז אַזוי דורכגעקראָכן עטלעכע מעטער, האָט ער אַ ווײַלע אָפּגערוט. ער האָט אַרײַנגעשטעקט צוויי פֿינגער אינעם מויל און האָט אַזאַ שאַרפֿן פֿײַף געטאָן, אַז די אויערן האָבן אים געציטערט.

— מאַלטשיק, מאַלטשיק! — האָט לאָס גערופֿן זײַן שפּיצאַק־הונט.

נאָר אויך דער דאָזיקער געשריי האָט זיך פאַרלוירן אין דער טויטער וויס־טעניש.

„אַ מענטש זאָל קענען אומקומען פון אַזאַ נאַרישקייט !... ווו זײַנען זיי ערגעץ ?" — איז לאָס פאַרביטערט געווען, און מיט אַ ווייטיקלעכן שמייכל, האָט ער אַ זאָג געטאָן אָפּן קאָל :

— פון דאַנען צום יאַם־ברעג וועל איך מיך ניט דערקלײַבן...

לאָס האָט זיך דערמאָנט אָנעם בירגער־קריג, אָנעם געפאַנצערטן צוג... דאָרט איז מען געווען אַף צוויי שפאַן פונעם טויט. דאָרט איז דער טויט געווען דעם מענטשנס קעסיידערדיקער, טאָג־טעגלעכער באַגלייטער, און לאָס האָט זיך צוגעוווינט אים קוקן גלײַך אין די אויגן. דאָ אָבער, גראָד דאָ, צווישן די זיבער־ווײַסע שטיינער, האָט ער זיך ניט געוואָלט טרעפן מיטן טויט.

„די גײַסטער האָבן אומגעבראַכט דעם נאַטשאַלניק מיט דער באָרד... אײַ נאַטאַשאַ !..."

דאָרט צווישן פײַער און געקנאַל פון קאַנאָנען, איז ער אַרויס אַ גאַנ־צער. און דאָ, אין דער רו, ווו עס שפריצט פון אים מיט ענערגיע און געזונט, מוז ער פאַמעלעכן אויסגיין. ווי נאַריש דאָס איז ! און לאָס האָט צום ערשטן מאָל דערפילט דעם שרעק פאַרן טויט. אַ שוידער איז אים דורך איבערן גאַנצן לײַב.

ער האָט געפונען די ליולקע, די שוועבעלעך אינעם צעבראָכענעם פודעלע און, אַ צעלייגטער אָפן רוקן, גענומען רייכערן.

— ניין, לאָס וועט נאָך קעמפן פאַרן לעבן ! — האָט ער אַרײַנגעשריגן אינעם רוים.

פלוצים האָט ער דערהערט אַ הונט וואָרטשען.

— אַנדריושאַ ! — האָט לאָס ווידער גענומען שרײַען.

דער הונט האָט גענומען בילן.

לאָס האָט גענומען קריכן נאָכן געביל. ער האָט זיך דערפילט שטאַר־קער. און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער דערזען אַ שליטן צווישן די שניי־הויפנס.

אַ מעטער פונעם שליטן האָט לאָס זיך אָפּגעשטעלט און, אַף די הענט אָנגעשפאַרט, האָט ער דעם האַלדז אויסגעשטרעקט. אינעם שליטן איז געלעגן אַ מענטש מיטן קאָפּ אָנעם „באַראַן" אָנגעשפאַרט. לאָס האָט דײַטלעך גע־פילט ווי איבער זײַן צעפיבערטן לײַב שטראָמען שווערע טראָפּנס געפרוירע־נער שוויס, ווי קאַלטע שרויטן. אַרום שליטן איז דער שניי געווען אין בלוט אײַנגעווייקט. איין הונט איז געבליבן אַן אײַנגעשפּאַנטער. ער האָט אויפ־געהערט בילן און האָט זשעדנע געפרעסן דעם פאַרבלוטיקטן שניי.

אינעם שליטן איז געלעגן דער טויטער גוף פונעם אַלטן רינטעו מיט צעשפּאָלטענעם שאַרבן.

לאַנג און פון אָרט ניט גערירט, האָט לאָס געקוקט אָפן טויטן.

אין מעשעך פון זײַן גאַנצן לעבן אָפן פראָנט, האָט לאָס זיך אָנגעזען מיט אַ סאַך טויטע, נאָר קיין איינער פון זיי האָט ניט געמאַכט אַף אים אַזאַ פײַנלעכן אײַנדרוק ווי דער טויטער גוף פון דעם אַלטן רינטעו. די הינט האָבן צעביסן די רימענעס פונעם געשפאַן און דער גאַנצער געשפּאַן הינט, אַכוץ דעם איינעם, וואָס איז געבליבן אײַנגעשפּאַנט אינעם שליטן, איז זיך, קענטיק, צעלאָפן.

לאָס האָט אָפּגעבונדן דעם הונט, האָט אים צוגעבונדן זיך צום פּאַסעק און איז שנעל געקראָכן צו איין זײַט.

לאָס האָט געוויזן דעם הונט:

— זעסט, דאָס איז מײַן שפּור. מען מוז זיך שלעפּן צו דער פאַרקערטער ריכטונג.

דער געדאַנק, אַז ער קען אויך אַנדרייען געפינען אַ טויטן האָט אים געגליווערט. און ווען ער האָט זיך דערמאָנט ווי דער הונט האָט געפרעסן דעם פאַרבלוטיקטן שניי, האָט זיך לאָס געטראַכט: „ניין, איכל ניט דער־לאָזן זאָלסט זיך שפּײַזן מיט מײַן פלייש. איידער איך וועל מיך מיטן לעבן געזעגענען, וועל איך דיך דערשיסן״.

דער הונט האָט די אויערן אָנגעשפּיצט, ווי ער וואָלט געטראָפן וואָס לאָס טראַכט זיך און האָט אַ הייזעריקן מרוק אַרויסגעלאָזט. לאָס האָט אויפ־געשווידערט. עס האָט צו אים דערגרייכט אַן אומדײַטלעכער געמורמל, ווי עמעצער וואָלט אַן אַ זײַט אַ גענעץ געטאָן.

לאָס האָט דאָס היטל אַראָפּגענומען און האָט דעם געהער אָנגעשפּיצט. אַרום האָט געהערשט אַ טויט־שווײַגן. וואָלט ער כאָטש הערן עפּעס אַ שאָרך! זאָל זײַן אַ פילין דורכפליִען אָדער אַ קוראָפּאַטווע... דער הונט האָט אים געשלעפּט און געשוויגן. לאָס האָט אים אָפּגעבונדן פונעם פּאַסעק און איז אים נאָכגעגאַנגען מיטן רימען אין דער האַנט.

— געגאַנגען! — האָט ער אים געזאָגט.

נאָך פון ווײַטנס האָט לאָס באַמערקט אַנדרייס קאָפּ פונעם שניי אַרויס־שטעקן. אַנדריי איז געווען פאַרגראָבן אין שניי ביז די אַקסלען. לאָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים. נאָר קוים איז ער צוגעקומען, איז ער אַרײַנגע־פאַלן אין אַן אָנמאַכט.

— ניקיטאַ סערגייעוויטש! פאַרוואָס שווײַגסטו?

און אומגעוואָרט אָף אַן ענטפער, האָט אַנדריי געפּרוווט זיך אויפהייבן. נאָר דער רעוואָלווער האָט זיך מיט ווייטיק אײַנגעשטאָכן אין דער ברוסט. מיט דער פרײַער האַנט האָט ער גענומען אָוועקשאַרן פון זיך דעם שניי. און אַ ביסל שפּעטער, איז אים געלונגען אויך דעם רעוואָלווער אַרויסצו־שלעפּן דורך דעם ברייטן האַלדז־אויסשניט פון זײַן פוטערנעם יאַק. דער שאָס האָט אָפּגעהילכט איבערן אָפּגרונט און, ווען דער געהילך איז אָפּגע־שטאָרבן, האָט ער נאָך צוויי מאָל אויסגעשאָסן.

— אַנדריושקאַ, ווער שיסט?

— ניקיטאַ סערגייעוויטש, דו לעבסט? — האָט אַנדריי פריילעך אויס־געשריִען.

— דוכט מיר אַז יאָ. — האָט לאָס געשמייכלט. — ס'איז נאָך פרי צו שטאַרבן; פאַראַן נאָך אַ סאַך וואָס אויפצוטאָן.

— פאַרוואָס־זשע שלעפּסטו זיך?

— אַ פוס באַ מיר איז ניט גוט.

אַנדריי איז אַרויסגעקומען פון דעם אָרט ווו ער איז פאַרגראָבן געווען און האָט פון זיך דעם שניי אָפּגעטרייסלט.

— מיר איז גאָרניט. איך פיל בלויז אַ ווייטיק אין איין זײַט. און דיר, וועלכער פוס טוט ווי, ניקיטאַ סערגייעוויטש?

— דער לינקער. אַן אינעווייניקסטער בראָך. מען וואָלט אים באַדאַרפט אין ברעטלעך אײַנקלעמען. נאָר גיי זוך דאָ ברעטלעך! דאָרט ניט ווײַט

ליגט דער אַלטער אַ טויטער. דערהאַרגעט געוואָרן... האָט זיך, אַפּאָנעם, ניט געקענט אַרויסקריגן פונעם שליטן. מיר קענען די ברעטלעך מאַכן פון זײַן שליטן.

— זאָל עס מעגלעך זײַן אַז רינטעו איז אומגעקומען?

— יאָ, איך בין דאָ אַרומגעקראָכן בעייס איך האָב דיך געזוכט.

— און יענער? אַליטעט?

— דאָ מוז ער זײַן.

— איכל צוגיין צום שליטן נאָך די ברעטלעך.

— וואַרט, אַנדריי, גיי ניט ביז דער נעפּל וועט צעשווימען. אַז ניט, קענען מיר נאָך פאַרבלאָנדזשען. זעץ דיך אַוועק. מירן פאַררייכערן.

— בעסער, ניקיטאַ סערגייעוויטש, זיך אַ ביסל קרעפּטיקן.

און אַנדריי האָט אַרויסגענומען פון בוזים אַ דיקן טאָוול שאָקאָלאַד. לאָס האָט אַ שמייכל געטאָן.

— טראָגסט מיט זיך אַ גאַנצע שפּײַז־קראָם, צי וואָס?

— יאָ, איך האָב פאַרכאַפּט מיט זיך עפּעס צום עסן, אויף יעדן פאַל.

און ביידע האָבן זיי זיך גענומען עסן דעם שאָקאָלאַד.

— מירן דאָ אומקומען, אַנדריושאַ. וויאַזוי וועלן מיר זיך פונדאַנען אַרויסקריגן? — האָט לאָס געפרעגט.

— מירן ניט אומקומען, ניקיטאַ סערגייעוויטש.

— יאָ, ס'האָט זיך פון אונדז דאָס מאַזל אָפּגעטאָן. — האָט לאָס גע־טײַנעט זײַנס, און האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיקל שאָקאָלאַד. פון אָנהייב אָן איז עס אונדז געגאַנגען שלעכט.

— הער אויס, טאָמסאָן לעבט שוין דאָ העכער צוואַנציק יאָר און לעבט זיך גאַנץ רויק. צו וואָס? וואָס האָט אים אַהערגעבראַכט? ער לעבט דאָ, דער אויסוואָרף, בלויז קעדיי דאָלאַרן אָנצוקלײַבן!

דער נעפּל איז זיך צעשווומען און דער גרויסער גרוב, אַן אַרומגערינגל־טער מיט בערג שניי, האָט זיך געזען אין זײַן גאַנצער גרייס. אויף איין זײַט האָט זיך אָנגעזען דער הינטערשטער טייל פון רינטעוס שליטן. אַנדריי האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַהין צוגעגאַנגען.

קאַפּיטל XXVI

די לאַגע איז געווען גאָרניט אַזאַ פרייִלעכע פאַר מיסטער טאָמסאָן ווען ער האָט באַשטימט אָפּצופאָרן קיין נאָרד־אַמעריקע. אָנגעקומען איז אויף זײַן נאָמען אַ בריוו פונעם רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, וואָס לייגט אים פאַר פאַרקויפן אין דער הויפּטשטאָט פון דער קאָמטשאַטקער געגנט, לויטן אײַנגעשטעלטן פּרײַז, אַלע פעלן, וואָס זײַנען אים פאַרבליבן.

דאָס איז, נאַטירלעך, געווען אין סטירע צו די אינטערעסן פון מיסטער טאָמסאָן. די טויזנט פינף הונדערט פעלן, וואָס ער האָט באַ זיך געהאַלטן צוליב דעם וואָס דער גאַליאָט איז ניט געקומען, זײַנען, לויט מיסטער טאָמ־סאָנס אײַנזען, געווען זײַן אומאָפּטרעטלעך פּערזענלעך אייגנטום.

שוין לאַנג דערין ווי ער האָט אָפּגערעדט מיט אַליטעטן ער זאָל אים אַריבערפירן קיין נאָרד־אַמעריקע, און איצט וואַרט אויף אים מיסטער טאָמ־סאָן אַן אומגעדולדיקער.

רולטינאַ האָט געמערקט איר מאַנס אויפרעגונג און האָט גענומען כוי־שעד זײַן אַז טשאַלי האָט פאַרטראַכט עפּעס ניט גוטס.

טמאָסאָן האָט זיך איינמאָל אָנגעטראָפן מיטן ווײַב באָם שפּײַכלער און האָט איר אין זייער אַ ליבלעכן, קימאַט צערטלעכן טאָן, געזאָגט אַזוינס, וואָס האָט זי געשטעלט אַף דער וואַך:

— רולטינאַ, די גאַליאָטן קומען ניט מער האַנדלען מיט מיר. די רוסן האָבן פאַרבאָטן יעדן האַנדל, נאָר עסנוואַרג דאַרף איך נאָך. איך וועל מוזן אַליין פאָרן קיין נאָרד־אַמעריקע. אָן עסנוואַרג קען אַ מענטש ניט לעבן.

— דו ווייסט, מיסטאָמע, טשאַלי, וואָס דו דאַרפסט טאָן. — האָט רול־טינאַ אונטערטעניק געענטפערט.

מיסטער טאָמסאָן האָט שוין געזאָלט זאָגן רולטינאָן, אַז ער רעכנט מיט זיך נעמען בענען, ער זאָל אָנקוקן נאָרד־אַמעריקע, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן.

ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין שפּײַכלער, האָט באַקוקט די פעלן, וואָס זײַנען שוין געווען אײַנגעפּאַקעוועט אין בריזענטענע טיוקן, דעם אַלטן, מיט בלעך באַשלאָגענעם קאַסטן, ווו ער האָט געהאַלטן די ווערט־פּאַפּירן און די דאָלאַרן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפן קאַסטן, האָט פאַרייכערט די ליולקע און געטראַכט: מײַן גאַנץ לעבן געפינט זיך אין דעם קאַסטן. איך האָב עס ניט אומזיסט אָפּגעלעבט. ניט געקוקט אַף קיין זאַך, האָב איך מיר אָפּגע־שפּאָרט אַ היפּש קאַפּיטאַלכל. איך דאַרף איצט בלויז אָפּפאָרן און אָפּראַ־טעווען פון די רוסן די לעצטע פּאַרטיע פעלן.

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט די קינדער שרײַען:

— אַליטעט, אַליטעט!

מיסטער טאָמסאָן איז אַרויסגעלאָפן פונעם שפּײַכלער און ווען ער האָט אָפן האָריזאָנט דערזען די זעגלען פונעם וואַלפיש־שיפל, איז ער שנעל אַרײַן צו זיך אין צימער און האָט זיך אַרײַנגעוואָרפן צו זיך אינעם וויגשטול.

— רולטינאַ, זאָג די קינדער זיי זאָלן אַרײַנקומען מיך זען. — האָט ער אַ ריף געטאָן.

די קינדער, אין פוטער אָנגעטאָן, האָבן פול געמאַכט דאָס קליינע צימער און האָבן זיך אומדרײַסט אַרומגעשטעלט אַרום דעם וויגשטול ווו דער פאָ־טער איז געזעסן.

— קומט נענטער, נאָך נענטער. קום אַהער, בען.

טאָמסאָן האָט אַרומגענומען די קינדער און זיי געזאָגט:

— איך פאָר אַוועק אַף אַ שטיקל צײַט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. יעדער פון אײַך קען בעטן באַ מיר אַ מאַטאָנע וואָס אים געפעלט. בעט באַ מיר אַ סאַך זאַכן. איך וועל אַלץ ברענגען.

— ברענג אונדז קײַ־גומי, טשאַלי. — האָט זיך אָנגערופן בערטאַ, אַ רירעוודיק ברוין מיידל מיט קרומע אויגן.

— זייער ווויל, איכל אײַך ברענגען אַ גאַנצן קאַסטן קײַ־גומי. און איר, אַלע איבעריקע, וואָס ווילט איר? דו, בען, וואָס ווילסטו?

בען האָט געשוויגן.

— דו ווילסט גאָרניט, בען?

— ברענג מיר אַ קליין ביקסל. אַ גרינגס. איך זאָל קענען פונעם ברעג לויערן אַף אַ פּאַקע. מען זאָגט, אַז דאָס פלייש פון אַ פּאַקע, וואָס מען האָט אַליין געשאָסן, איז זייער געשמאַק.

מיסטער טאָמסאָן האָט אַ פּײַנלעכן זיפץ געטאָן און האָט קימאַט מורמלענדיק צוגעשטימט.

— זייער ווויל, בען. איך וועל דיר אומבאַדינגט ברענגען די ביקס.

רולטינאַ האָט הינטער דער טיר געהערט דעם שמועס פֿונעם פֿאָטער מיט די קינדער. טשאַלי האָט גערעדט צערטלעך מיט אַלע קינדער אָן אויסנאַם. אַזוינס האָט נאָך ביז איצט ניט פּאַסירט.

דער נעפּל האָט אַלץ פֿאַרדעקט, און די האַלב־נאַכטיקע זון איז פֿאַרשוווּנדן. אַליטעטס וואַלפֿיש־שיפֿל איז צוגעקומען צום ברעג. די קינדער זײַנען אַרויסגעלאָפֿן. אויך מיסטער טאָמסאָן איז שנעל אַרויס אין דרויסן.

— שוין לאַנג ווי איך וואַרט אַף דיר, אַליטעט. — האָט ער אים געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט אים ליבלעך באַגריסט. — באַ מיר איז שוין אַלץ גרייט. זאָג די מענטשן זיי זאָלן אַרויפֿטראָגן אַפֿן שיפֿל די טיוקן מיט די פֿעלן און דעם קאַסטן. זיי שטייען אין שפּײַכלער.

מיסטער טאָמסאָן האָט געוואָרפֿן אַ בליק צום אײַנקויף־הויז און נאָך אַ ווײַלע יישעווען זיך, איז ער אַרײַנגעגאַנגען צו מיסטער סיימאָנסן אין הויז. ווי לאַנג ער איז שוין באַ אים אין שטוב ניט געווען!

— אָך, מיסטער טאָמסאָן! עס פֿרייט מיך וואָס איך זע אײַך! — איז מיסטער סיימאָנס אויפֿגעשפּרונגען, ווען מיסטער טאָמסאָן איז אָן גערויש אַרײַנגעקומען צו אים אין צימער.

— אַנטשולדיקט מיר, מיסטער סיימאָנס, טאָמער האָב איך אײַך עפּעס בייז פֿאַרשאַפֿט. — האָט מיסטער טאָמסאָן גענומען ריידן אַ ביסל צעטומלט.

— ניין, מיסטער טאָמסאָן, וואָס רעדט איר?

— מיסטער סיימאָנס, איך האָב באַשלאָסן דורכפֿירן אין דער פּראַקטיק די אייצע וואָס איר האָט מיר אַמאָל געגעבן. איך פֿאָר אַוועק, מיסטער סיימאָנס. דערמאָנט ניט דעם אַלטן צום שלעכטן. איך פֿאַרלאָז דאָס לאַנד אַף שטענדיק.

— זייער ווויל, מיסטער טאָמסאָן! איך ווינטש אײַך גליק. ווען רעכנט איר אָפּפֿאָרן?

— שוין, שוין איצט, אין דעם אויגנבליק. גוד בײַ, מיסטער סיימאָנס.

— וואַרט אויס, איכל אײַך גיין באַגלייטן.

— איך דאַנק אײַך, נאָר ס'איז ניט נייטיק. איך בעט אײַך!

און מיסטער טאָמסאָן האָט שנעל גענומען גיין צום ברעג. שוין שטייענדיק באַם שיפֿל, האָט ער גענומען איבערציילן די טיוקן, האָט געוואָרפֿן אַ בליק אַפֿן קאַסטן, וואָס איז געווען מיט בלעך באַשלאָגן, און האָט אומרויִק אַ פֿרעג געטאָן:

— ווו איז בען?

— דו האָסט פֿאַרגעסן די הענטשקעס און בען איז אַוועק זיי ברענגען. — האָט רולטינאַ געענטפֿערט.

די מענטשן באַ די וועסלעס זײַנען שוין געווען אַף זייערע ערטער, אַליטעט איז געשטאַנען באַ דער שטײַער־ראָד, נאָר מיסטער טאָמסאָן איז נאָך געשטאַנען אַפֿן ברעג און האָט אומגעדולדיק געוואַרט אַף בענען.

— מיט אַן עמעס ער איז געגאַנגען ברענגען די הענטשקעס?

— מיט אַן עמעס. — האָט רולטינאַ געענטפֿערט.

בען איז שנעל צוגעלאָפֿן צום פֿאָטער און האָט אים דערלאַנגט די הענטשקעס. טשאַלי האָט זיי אָנגעטאָן און האָט אַרײַנגעשטעלט איין פֿוס

אין שיפל. נאָר באַלד האָט ער דעם פוס אַרויסגענומען, האָט אַ קוק געטאָן אַף בענען און האָט אים געפרעגט:

— בען, ווילסט ניט זען ווי מען כאַפּט מאַרזשן?

באַם ייִנגל האָבן די אויגן זיך צעבליצט.

טאָמסאָן האָט ניט געוואַרט אַפן ייִנגלס ענטפער, ער האָט אים אויפגעהויבן און אַרײַנגעשטעלט אין שיפל. מיט אַ שטויס האָט ער אָפּגעשטופּט דאָס שיפל פונעם ברעג און איז דעריין אַרײַנגעשפּרונגען.

— טשאַלי, די „טאַרבאַזן", וואָס בען טראָגט, זײַנען ניט צום אַרויספאָרן. — האָט רולטינאַ געשריגן.

נאָר דאָס שיפל איז שוין געווען אָפּגערוקט פונעם ברעג. בען איז געשטאַנען אינעם שיפל, געמאַכט מיט דער האַנט און געשריגן:

— רולטינאַ, מײַנע „טאַרבאַזן" זײַנען נאָך גוטע. איכל דיר ברענגען פרישן לעבער!

— טומאַטוגע, צי אויף דעם זעגל. — האָט אַליטעט באַפוילן.

דער נעפּל האָט באַלד אויסבאַהאַלטן דאָס וואַלפיש־שיפל.

רולטינאַ איז נאָך אַלץ געשטאַנען באַם ברעג. די מוירע פאַרן זון האָט זי דאָרט אויפגעהאַלטן. „טשאַלי האָט אָוועקגעפירט בענען. ער האָט אים צוגענומען אַף אייביק. מײַנע אויגן וועלן אים שוין מער ניט זען. אַ שאָד בען, סאַראַ שאָד!... און רולטינאַ האָט מיט אירע פולע לונגען געשריגן:

— בען, בען!

דערנאָך האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן זאַמד און איז לאַנג אַזוי פאַרבליבן מיט די אויגן אײַנגעשטאָכן אינעם פאַרנעפּלטן יאַם. דאָ, אַפן ברעג יאַם, האָט רולטינאַ זיך דערמאָנט איר גאַנץ לעבן. פאַר אַן אומגליקלעכער האָט זי זיך געהאַלטן. זי האָט קיינמאָל מיט איר מאַן ניט גערעדט ווי עס ריידן אַנדערע ווײַבער מיט זייערע מענער. שווער צו לעבן מיט אַ ווײַסן מאַן. איצט, ווען זי וועט אַהיימקומען, וועט זי ריידן מיט די קינדער אַפן גאַנצן קאָל און ניט שעפּטשען, ווי ביז איצט. פון שטענדיקן ריידן שטיל, איז איר דער האַלדז קאַליע געוואָרן. זי האָט מיט די אויגן געבויערט די נעפּלדיקע ווײַטקייט. זי האָט נאָכאַמאָל געוואָלט אַ קוק טאָן אַפן וואַלפיש־שיפל. אַפן שיפל פאַרט בען! טרערן האָבן אירע אויגן פאַרטונקלט. לאַנג נאָך איז זי געשטאַנען באַם ברעג מיט דער האָפענונג, אַז דער נעפּל וועט צעשווימען. קיינער אַ כוץ איר איז שוין דאָרט ניט געווען. אין דער ווײַט האָט מען געהערט אַ שיסערײַ פון ביקסן. באַלד וועלן די מענטשן צוריקקומען מיט פרישן שמעקעדיקן פלייש. מ'עט פּראַווען אַ מאַרזשן־יאַנטעוו.

בערטאַ איז צוגעלאָפן צו רולטינאַן און שטיל זי אַהיימגערופן.

— בערטאַ, מען דאַרף ריידן הויך. — האָט זי איר געזאָגט.

קאַפּיטל XXVII

דאָס וואַלפיש־שיפל איז געשוווּמען אונטערן נעפּל אין דער ריכטונג צו צאָפן־מיזרעך, רומב 35°, ווי מיסטער טאָמסאָן האָט אָנגעוויזן. אַליטעט האָט געקוקט אַפן קאָמפּאַס און האָט געהאַלטן די שטײַער־ראָד. פון צײַט צו צײַט האָבן זיי אָנגעטראָפן שווימענדיקע אײַזבערג.

מיסטער טאָמסאָן איז געזעסן אַפן געקאָוועטן קאַסטן, מיט איין האַנט באַ בענען אַפן אַקסל, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט דער זון זאָל פון אים

אַנטלויפן. ער האָט שוויַיגנדיק געקוקט צום ברעג, ווו ער האָט פאַרבראַכט אַ האַלב לעבן, זיך ניט רירנדיק פון אָרט. נאָר דער נעפּל האָט אים פאַרשטעלט. נאָך אַלעמען, האָט ער ניט געוואָלט פאַרלאָזן די געגנט.

איצט פאָרט טשאַרלז טאָמסאָן צום לאַנד פון דער ציוויליזאַציע. וויִאַזוי וועט ער זיך איצט צופּאַסן צום דאָרטיקן טומלדיקן און רירעוודיקן לעבן? און מיסטער טמאָסאָן האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ שרעק, אַזאַ טיפע שרעק, אַז ווען ניט די מאַכט פון מיסטער לאָס, וואָס באַהערשט איצט דעם יאַם־ברעג, וואָלט ער טייקעף אַ באַפעל געגעבן זיך אומצוקערן. מיסטער טאָמסאָן האָט געקוקט צום קאַסטן און דעם זון אין אויער אַריַינגערעדט:

— אין דעם קאַסטן ליגט אונדזער גאַנץ לעבן, בען. מיר זיַינען גענוג ריַיך. אַף איַינצוהיטן דעם קאַפּיטאַל, וועלן מיר אַוועקשטעלן אַ קליינעם געשעפט. מיר וועלן ניט ליַידן קיין נויט.

נאָר בען האָט ניט געהערט וואָס דער פאָטער רעדט צו אים און נעמט די אויגן ניט אַראָפּ פון דער וואַסער־פלאַך, ווו פּאָקעס באַוויַיזן זיך פון ציַיט צו ציַיט.

מיסטער טאָמסאָן איז אַוועק צום הינטער־טיילריידן מיט אַליטעטן.

— דער רוסקע וועט נאָך לאַנג ניט קענען גיין. איך האָב אַ שטיקל פעלער באַגאַנגען. מיר זיַינען אַריבערגעפאָרן די שטיינער און ער איז אַראָפּגעפאַלן אין שניי. — האָט אַליטעט געזאָגט טשאַלין אַפן אויער.

— ביסט אַ מיַידים, אַליטעט! — האָט אים מיסטער טאָמסאָן געלויבט. ער האָט אַ פיר געטאָן מיט די אויגן איבער דער לאָדונג פונעם שיפל און האָט אַ פרעג געטאָן: — האָסט אַ סאַך פעלן אין די טיוקן?

— צו הונדערט אין אַ טיוק. און איך האָב אַכט טיוקן. אַכוצדעם האָב איך נאָך פעלן אין די פעלדזן פאַרשטעקט. נאָר איך האָב זיי ניט געקענט מיטנעמען. איך האָב מיך געאיַילט דיך אַרויפצונעמען.

— אַליטעט, ווינטער וועל איך ניט קומען. אַפן ברעגלאַנד וועלן שטערן די רוסן. ווי דאָס איז, זיַינען זיי לעבן געבליבן. איך וועל די סכוירעס ברענגען אום זומער מיט אַ גאַליאָט.

— זייער גוט! — איז אַליטעט צופרידן געווען. — נאָר קום ניט צו צום ענמאַקיַי־לאַגער. שווים אַריַין אינעם ענגפּאַס פונעם שנאָבל. דאָרט וווינט קיינער ניט. קיינער וועט דיך ניט זען. איך וועל דאָרט וואַרטן אַף דיר.

דאָס שיפל איז געשווומען גלאַטיק און האָט אויסגעמיטן דאָס איַיז. געווען איז שוין פרימאָרגן. אין טייל ערטער האָבן די זון־שטראַלן דורכגעבראָכן דעם נעפּל. אַליטעט האָט שוין געוואָלט זען די קאָנטורן פונעם ברעג. דער קאָמפּאַס איז אַ גוטע זאַך. נאָר עס וואָלט ניט געשאַדט אויך די בערג צו זען.

— וואַרט, וואַרט! — האָט אַליטעט אַ שאַרפן שעפּטשע געטאָן און האָט אָפּגעשטעלט דעם רודערער. — זע, זע, טשאַלי: אַ מאָרזש אַף אַ שנייבלאָק.

מיסטער טאָמסאָן האָט געקוקט אין בינאָקל און האָט זיך אויסגעדרייט צו אַליטעטן:

— אַ ריזיקער מאָרזש! סאַראַ ציינער! דעם קאָפּ מיט די ציינער, אַליטעט, וויל איך מיטנעמען פאַר אַן אָנדענק. מען דאַרף אים האַרגענען.

— אַ שעדלעכער מאָרזש. ווען ער איז געווען אַ קלייבער און איז געשווומען באַ דער מוטער אַפן רוקן, האָט עמעצער געמוזט האָבן דערהאַרגעט

די מוטער און דער קלײנער איז געבליבן אַ יאָסעם. אַזאַ מאָרזש צעטרײַבט די פּאָקעס פונעם ברעג. איצט וועלן מיר אים דערהאַרגענען.

דאָס שיפל איז שטילערהייט אונטערגעקומען צום שלאָפנדיקן מאָרזש. באַ די יעגערס האָבן די אויגן געברענט. טומאַטוגע האָט אָוועקגעלייגט זײַן וועסלע, האָט גענומען אַ ביקס אין די הענט און האָט זיך צוגעשאַרט צום נאָז־טייל. אַליטעט האָט צוגעגרייט דעם האַרפּון און אַן אָנגעבלאָזענעם פּענכער.

בען האָט דעם אָטעם אײַנגעהאַלטן און האָט זײַנע צעפינקלטע אויגן ניט אַראָפּגענומען פונעם מאָרזש. ס׳איז דעם ערשטן מאָל וואָס ער זעט אַזאַ יאַגד. נאָר בען האָט שוין געוווּסט, אַז דעם מאָרזש דאַרף מען דערהאַרגענען ניט מיטאַמאָל: וואָרעם אין אַזאַ פאַל גליטשעט ער זיך אַראָפּ פונעם אײַז און זינקט אײַן. פריִער דאַרף מען אים פאַרווונדן, אַרײַנשטעכן אים דעם האַרפּון, און ערשט דערנאָך אַרײַנשיסן אַ קויל אין קאָפּ. בען האָט דאָס גוט געוווּסט. טומאַטוגע וועט מיסטאָמע באַלד נעמען שיסן אינעם האַלדז אָדער לעבן די פלוספעדערן. דאָס ייִנגל האָט געברענט פאַר נײַגעריקייט.

די וועסלעס האָבן געטריבן דאָס שיפל אָן גערויש. מען האָט נאָר געהערט דאָס קאַפּען פון די טראָפּנס, וואָס האָבן פון די וועסלעס געטריפט אין יאַם.

אַ שאָס האָט זיך דערהערט. דער מאָרזש האָט זײַנע ריזיקע ציין אויפגעהויבן. ער האָט אַ ריר געטאָן מיטן קאָפּ און, אַליטעט האָט ניט באַוויזן דער כאַיע דעם האַרפּון צו וואַרפן, ווי זי איז יאַם אַרײַנגעפאַלן.

אַלע האָבן גענומען אײַנקוקן זיך באַ די זײַטן אין יאַם, קעדיי אָנצווײַזן דעם שיסער ווו דער מאָרזש וועט זיך באַווײַזן. נאָר דער מאָרזש איז ניט אַרויפגעשווומען.

מיטאַמאָל האָט אַ שרעקלעכער קלאַפּ צעטרייסלט דעם דעק פונעם שיפל. דרײַ ברעטער זײַנען אַרויסגעשפּרונגען איבערן באָרט און אינעם שיפל האָבן זיך באַוויזן די ציין פונעם מאָרזש. אינעם לאָך איז אַרײַן דאָס וואַסער. די מענטשן האָבן גענומען שרײַען און פאַרשטעקן דעם לאָך מיט זייערע „קוכליאַנקעס“. אין דעם אויגנבליק האָט זיך דער קאָפּ פונעם מאָרזש באַוויזן לענגאויס דעם באָרט. ער האָט געהאַלטן די אויגן צוגעמאַכט און מיט אַ געוואָי פון ווייטיק, באַשפּריצנדיק אַלץ מיט בלוט, האָט ער די ציין אײַנגעשטאָכן אָן אַ זײַט שיפל, ווי אין אַ בלאָק אײַז צום אַרויפקלעטערן. טומאַטוגע האָט אים פון דער נאָענט אַ קויל אַרײַנגעשאָסן און אינעם זעלביקן אויגנבליק, האָט דאָס שיפל, אונטער דער ריזיקער מאַסע, זיך איבערגעקערט. די מענטשן זײַנען ווי שטיינער אַרײַנגעפאַלן אין אָפּגרונט פון יאַם.

מיסטער טאָמסאָן האָט ווי אַ פּאָקע געפּאַרשקעט און איז געשווומען צום נאָענטסטן אײַז־בלאָק. ער האָט אים טייקעף אָנגעיאָגט און, די נעגל ברעכנדיק, אַרויפגעקלעטערט, אַ בלייכער און אָן די ברילן. פון זײַנע בגאָדים האָט דאָס וואַסער גערונען.

— גאָט מײַנער! — האָט ער הויך געשריגן. — בען! בען!

— טשאַלי! — האָט ער געהערט שרײַען.

טאָמסאָן האָט אויפגעשווידערט און האָט דעם בליק אײַנגעשטאָכן אין דעם אָרט ווו דאָס וואַלפיש־שיפל איז אײַנגעזונקען.

אַף דער אויבערפלאַך האָט, ווי אַ פּראָבקע, געשווומען אַליטעטס קאָפּ.

ער האָט פעסט אין דער האַנט געהאַלטן דעם אָנגעבלאָזענעם פענכער, ווי ער וואָלט געשטאַנען אין וואַסער ביזן האַלדז.

— אַליטעט! שווים צום אײַז־בלאָק! מאַך מיט די הענט ווי מיט ווּעסלעס! — האָט טשאַלי געשריגן.

אַליטעט האָט געפאָלגט און האָט מיט דער האַנט דערלאַנגט אַ צווייטן אײַז־בלאָק. ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט און האָט שנעל גענומען זיך אויסטאָן.

— טשאַלי, טו דיך אויס, טרייסל אָפּ דאָס וואַסער! דאָס קען דיך טײַער קאָסטן! — האָט אַליטעט צו אים געשריגן.

מיסטער טאָמסאָן איז געשטאַנען, האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן און נאָר געשריגן:

— גאָט מײַנער! גאָט מײַנער!

— טו דיר אויס דײַן בײַנוול־העמד; דאָס טריקנט ניט אַזוי גיך. — האָט אַליטעט צו אים געשריגן. ער איז געשטאַנען אַ נאַקעטער. געהאַט האָט ער נאָר די „טאָרבאַזן“ אַף די פיס און האָט שטאַרק געטרייסלט זײַנע פור־טערנע בגאָדים.

— גאָט מײַנער! דער קאַסטן אײַנגעזונקען און בען דערטרונקען! — האָט מיסטער טאָמסאָן געשריגן.

די אײַז־בלאָקן זײַנען זיך פאַמעלעך פונאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשיידענע זײַטן. אַליטעט האָט זײַן „קוכליאַנקע“ צעשפּרייט ווי אַ זעגל, נאָר קיין ווינט איז ניט געווען. די יאַם־שטראָמען האָבן דערווײַטערט די אײַזבערג.

לעבן די אײַז־בלאָקן איז פאַרבײַגעשווומען אַ פעסל טרונק־וואַסער. גע־שווומען איז עס שנעלער ווי דאָס אײַז.

אַליטעט האָט אַ געשריי געטאָן ווען ער האָט דאָס דערזען:

— טשאַלי, זע, אַ פעסל וואַסער! פאַרליר עס ניט פון אויג!

דאָס פעסל איז פאַרבײַ זייער נאָענט. פאַרבײַגעשווומען זײַנען די זעק מיט פעלן.

דורך דעם פײַכטן און ווײַסן נעפּל האָבן שווער זיך דורכגעשלאָגן די זון־שטראַלן. אַרום מיטאָג־צײַט האָט מיסטער טאָמסאָן פון אויג פאַרלוירן אַליטעטן.

פונעם נאַסן אָנטאָן, האָט מיסטער טאָמסאָן גענומען שוידערן און האָט גענומען אומגיין איבערן בלאָק. צו נאַכט צו האָט ער באַקומען היץ. דער דאָרשט האָט אים געפּײַניקט. גענומען האָט ער אַ שטיקל אײַז אין מויל אַרײַן, נאָר טייקעף האָט ער עס אַרויסגעשפּיגן: דער עקלדיקער זיס־געזאַל־צענער טאַם פונעם אײַז האָט אים געאיבלט צום ברעכן. אַ דערשעפּטער, האָט מיסטער טאָמסאָן זיך אויסגעצויגן אַפן בלאָק און האָט זיך צוגעלייגט אַ שטיקל אײַז צום שטערן.

קאַפּיטל XXVIII

לאָס גייט ניט אַרויס פונעם רעווקאָם. אַף אַ קוליע אָנגעשפּאַרט, גייט ער פונעם בעט צום טיש און פונעם טיש צום בעט. ס'איז ניט קיין אָנגענעמע זאַך זײַן צוגעבונדן צו דער שטוב. נאָר, וואָס קען מען מאַכן?

ווען זיי זײַנען געקומען אַהיים פונעם אָפּגרונט באַגלייט פון יאַראַקן און אַיען, האָבן זיי מערין באַשטימט זי זאָל אויפפּאַסן אין הויז פונעם קאָ־מיטעט. מערי האָט אײַנגעפירט אַ פּערפעקטע אָרדענונג און האָט זי געוויסנ־

האַפּטיק אויפגעהאַלטן. מערי קומט גאַנץ פרי און גייט אַהיים שפּעט אין דער נאַכט. אַרבעט איז דאָ ווייניק און מערי גיט אָפּ איר פרײַע צײַט דעריקער אַף לערנען רוסיש און עלעמענטאַרע קענטענישן.

אַ געצווונגענער צו זיצן אין שטוב האָט לאָס מיט פאַרגעניגן אָנגענומען צו זײַן איר לערער. עס ליגט אויסגעצויגן אין בעט און לעבן אים, אַף דער ערד מיט הירשן־פעלן אויסגעשפּרייט, זיצט מערי און האַלט אַף אַ באַנק דאָס פּאַפּיר און צייכנט דערויף פּלײַסיק אויסיעס אין דער פאָרעם פון הע־קעלעך, וואָס פון זיי, אַפּאַנעם, ווערט צוזאַמענגעשטעלט דעם מענטשנס גע־שפּרעך. עס דוכט זיך, אַז מערי העפט אויס אַפן פּאַפּיר די צייכענונגען וואָס מען העפט אויס אַף דער הויט מיט הירשן־האָר.

— זייער וויל, מערי! — מוטיקט זי לאָס. — וועסט ווײַטער אַזוי אָנגיין, וועסטו אינגיכן באַנעמען די גאַנצע טוירע. כאָטש, ווער ווייס! עפּ־שער האָט דיר שוין דערעסן דאָס לערנען.

— ניין, ניין! ס׳איז זייער אינטערעסאַנט. — ענטפערט זי אים לעב־ האַפּטיק אָפּ.

— מערי, האָט דיך גאָר דײַן פאָטער קיינמאָל ניט געפּרוווט לערנען לייענען און שרײַבן?

— ניין. נאָר ווײַסע, פלעגט ער זאָגן, דאַרפן זײַן שריפטקענעוודיק. און איך בין דאָך נאָר אַף העלפט אַ ווײַסע.

לאָסן האָט דאָס אויסגעזען מאָדנע און, נאָך אַ ווײַלע שווײַגן, זאָגט ער:

— יאָ, ביסט דאָך אָבער זײַן טאָכטער!

מערי שווײַגט.

— דײַן פאָטער, מעגלעך, זאָל דעם זומער אַף שטענדיק אָפּפאָרן קיין נאָרד־אַמעריקע.

— זאָל ער זיך פאָרן.

— דו וואָלסט ניט געוואָלט מיטפאָרן מיט אים?

— ניין, איך וועל קיינמאָל ניט איבערלאָזן יאַראַקן. מירן האָבן אַ קליין קינד און מירן דאָ לעבן. זאָל זיך טשאַלי פאָרן וווהין ער וויל!

מערי האָט זיך אויפגעהויבן. זי טרעט מיט אירע ווייכע אויסגעהעפטע „טאָרבאַזן״ און גייט צו צום אייוועלע. אירע לאַנגע שוואַרצע צעפּ וויגן זיך איר אַפן רוקן. אַ סיטצן קלייד נעמט אַרום איר טאַליע. לאָס קוקט אַף איר און דערמאָנט זיך אָן נאַטאַשאַן. אים דוכט זיך, אַז ניט מערי נאָר נאַטאַשאַ רוימט אויף די שטוב. זי׳ט מיסטאָמע קומען מיט דער ערשטער שיף... זי וועט אים עפּשער גאָרניט דערקענען מיט אַזאַ באָרד...

לאָס גלעט זיך, אַ פאַרקלערטער, די באָרד.

„ווען אונדזערע מענטשן וועלן קומען, וועלן זיי זיך דערשרעקן פאַר מיר״ — טראַכט ער זיך.

— מערי, זײַ אַזוי גוט, גיב מיר דאָס שפּיגעלע.

לאָס האָט זיך אָנגעקוקט אין שפּיגל, האָט געבעטן אַ שערל און האָט אַנטשלאָסן זיך אָפּגעשוירן די באָרד און זי אַראָפּגעוואָרפן אַף דער ערד.

מערי איז שטיין געבליבן מיט אַן אָפן מויל פאַר איבערראַשונג.

— לאָס... וואָס טוסטו? — האָט זי דערשראָקן אַ מורמל געטאָן.

לאָס האָט שעלמיש אַ שמייכל געטאָן און האָט גענומען דאָס ראַזיר־מעסער מיט דער זייף.

— דו ווילסט דאָס פּאָנעם זאָל דיר זײַן ריין? — האָט אים מערי געפרעגט.
— יאָ.
— איך קען עס. טשאַלי פּלעגט דאָס מיר הייסן. ווילסט איך זאָל עס טאָן?
און מערי האָט זיך גענומען אָפּראַזירן לאַסן.
לאַס האָט זיך דאָס פּאָנעם אײַנגעריבן מיט אָדעקאָלאָן, האָט זיך אָנגעקוקט אין שפּיגל און האָט זיך צעלאַכט.
— וואָס זאָגסטו, מערי?
— זעסט אויס אַ יונגער יאַט, לאַס. האָסט איצט גאָר קיין שרעקלעכס ניט אין זיך. מען וועט אויפהערן מוירע האָבן פאַר דיר. — האָט מערי געזאָגט און האָט געקײַכט פון געלעכטער.
— ס'איז ניט נייטיק מען זאָל פאַר מיר מוירע האָבן. זע, די יאַסלעס און די פיס זײַנען מיר געשוואָלן געוואָרן. דאָס איז ניט גוט. איך באַוועג מיך ניט גענוג. איך האָב מוירע כ'וועל קראַנק ווערן אַף סקאָרבוט.
— איך האָב געהערט וואָס מענטשן האָבן הײַנט געזאָגט וועגן דײַנע פיס, לאַס. טאָמער באַווײַזט זיך געשווילעכטס, דאַרף מען עסן רוי פּאַקע־פלייש. — האָט מערי אָנגעמערקט.
אין צימער איז אַרײַנגעקומען דער אַלטער איליטש, געוועזענער אומ־קאַטאַגען.
— ווו איז לאַס? — האָט ער געפרעגט מערין.
— דאָ זיצט ער. — האָט דאָס מיידל געענטפערט.
דער אַלטער האָט אַ קוק געטאָן אַף לאַסן, דערנאָך האָט ער זיך ווידער אויסגעדרייט צו מערין און האָט איר שאַרף געזאָגט:
— איך בין ניט אַזוי יונג אַז דו זאָלסט לאַכן פון מיר. איך בין געקומען ריידן מיט אים וועגן אַ וויכטיקן איניען. אויב דײַן יוגנט, מערי, הייסט דיר שפּאַסן, זוך דיר דערצו אַן אַנדערן, אַ ייִנגערן.
— איליטש, איך זאָג דיר דעם עמעס. ס'איז ניט קיין שפּאַס. — האָט מערי אָפּגעענטפערט אַ ביסל צעטומלט.
לאַס איז געוואָרן ערנסט און האָט זיך אָנגערופן:
— מערי זאָגט דעם עמעס, איליטש. איך בין לאַס. האָסט מיך ניט דערקענט, ווײַל איך האָב די באָרד אָפּגעראַזירט.
דער אַלטער האָט זיך אין אים אײַנגעקוקט.
— יאָ, ריכטיק, דו ביסט לאַס. — האָט איליטש צופרידן צוגעשטימט.
דעם אַלטן איז געפעלן וואָס לאַס האָט געענדערט זײַן אויסזען. אים איז קלאָר געוואָרן, אַז לאַס איז זייער אַ קלוגער מענטש, און אויב ער האָט זיך אָפּגעראַזירט די באָרד, האָט ער עס געטאָן מיט דער אויסרעכענונג אַראָפּצופירן פון וועג די בייזע גײַסטער, וואָס האָבן אים פאַרשאַפט די קראַנקייט. איצט וועלן אים די דורכגעטריבנסטע גײַסטער אָננעמען פאַר אַן אַנדערן.
דער אַלטער האָט זיך אָוועקגעזעצט אַף אַן עק טאַבורעטקע, האָט אַרויסגענומען אַ שטיק פּאַקע־פלייש און געזאָגט:
— איך האָב געהערט זאָגן די פיס שווילן דיר. דאַרפסט עסן אָט דאָס פלייש. ווען איך וועל צוריקקומען פון דער יאַגד, וועל איך דיר ברענגען פריש פלייש. די מענטשן זײַנען זיך איצט צוזאַמענגעקומען ריידן וועגן מאַרזשן־יאַגד. אַנדריי איז אויך דאָרטן. איך האָב אַרײַנגענומען צו מיר אין

אַרטעל יאַראַקן און איען. זיי זײַנען אַלע שטאַרקע יאַטן. דער יאַגד וועט זײַן אַ גוטער. נעם דאָס שטיק.

לאָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט און זיך אויפגעהויבן, און — אַ מאָדנע זאַך — ער האָט דערפילט ווי טרערן האָבן אים צום האַלדז צוגעשפּאַרט. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ קויעך און האָט די טרערן אַראָפּגעשלונגען. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אַ דאַנק, איליטש.

— נו, איך גיי. איך אײַל מיך. מען וואַרט אַף מיר.

לאָס האָט צוגעשפּאַנט צום בעט און האָט זיך דערין אויסגעצויגן. לאַנג איז ער אַזוי געלעגן און האָט געטראַכט וועגן דעם אַלטן. איליטשעס זשעסט האָט אים טיף גערירט.

— דאָס איז מיט אַן עמעסן נעשאָמע־איידלקייט! — האָט ער אַפן הויכן קאָל געזאָגט.

קאַפּיטל XXIX

דער ברעג יאַם איז איצט שטאַרק אויפגעלעבט. אין די פּיראָגע־שיפלעך האָט מען אויפגעלאָדן האַרפּונעס, אָנגעבלאָזענע פּענכערס, ביקסן, פּעסלעך מיט טרונק־וואַסער. די לופט איז פול מיט געשרייען. די מענטשן אײַלן זיך אַרויסצוגיין אַף יאַגד.

איליטש זיצט שוין אַפן נאָז־טייל און די יעגערס — זײַן זון ערמען, יאַראַק, איע און נאָך פיר יאַטן — שפּרינגען אַרײַן אין דער פּיראָגע. דער אַלטער שמייכלט. די שטאַרקע יונגען זײַנען אים געפעלן. מיט זיי וועט די פּיראָגע גיין שנעל, אַפילע אַן אַ ווינט. מיט אַזוינע יאַטן קען מען גיין אַף יאַגד.

יאַראַק און איע, וואָס האָבן שוין געבענקט נאָכן ברעג־לעבן, האַלטן פּלײַסיק די וועסלעס אין די הענט. אָט דאָס איז אַ לעבן! אַ סאַך בעסער ווי לויפן נאָך די הירשן אין די בערג.

— ווו איז אַנדריי? — פרעגט דער אַלטער.

— אָט לויפט ער דאָרט מיטן „פּרימוס". — ענטפערט אים ערמען.

די יעגערס טוט האַנאַע וואָס זשוקאַוו גייט אַף יאַגד מיט זיי. ער העלפט זיי אָנלאָדן די פּיראָגע, אַרויפשלעפּן זי אַפן ברעג. נאָר ליב האָבן זיי אים דעריקער פאַר די געשיכטעס, וואָס ער דערציילט זיי. ניט געקוקט דערויף וואָס ער איז יונג, זאָגן די יעגערס, קען ער זיך, מיט זײַנע אינטערעסאַנטע געשיכטעס פאַרמעסטן קעגן אַ ליאַדע זאַקן. די יעגערס זײַנען באַזונדער באַגײַסטערט דערפון וואָס אַנדריי דערציילט וועגן די רוסישע דאָקטוירים, וואָס שנײַדן אויף דעם בויך באַ אַ לעבעדיקן מענטשן, פאַרקען זיך אין אים ווי מען פאַרקעט זיך אין די קישקעס פון אַ מאַרזש, און רײַסן פון דאָרט אַרויס אַלערליי קראַנקייטן. דערנאָך נייען זיי צונויף דעם בויך מיט אַ נאָדל און דער מענטש גייט נאָכדעם אַרום גלײַך ווי גאָרניט וואָלט געשען.

דאָס גלייבט זיך אַפילע ניט, אָבער דאָך איז עס אינטערעסאַנט.

אַנדריי איז אַרײַנגעשפּרונגען אין דער פּיראָגע און דאָס שיפל איז באַלד אָפּגעשווומען פונעם ברעג. שפּעטער אַ ביסל האָבן די רודערער זיך אויסגעטאָן די יאַקן און האַלב־נאַקעטע גענומען רודערן מיט ברען. די וועס־

לעס סקריפּען אין די לעדערנע לעכער און דער אַלטער באַ דער שטײַער־ראָד שרײַט און מונטערט די רודערער.

די פּיראָגע גליטשעט זיך דעמאָלט נאָך שנעלער איבער דער גלאַטער אויבערפלאַך פונעם יאַם. די אַנדערע שיפלעך בלײַבן פון הינטן.

איליטש פאַרשט דעם האָריזאָנט. די יעגערס האָבן צוטרוי צו זייער שטײַערמאַן: זיי ווייסן, אַז דער אַלטער וועט זיי אומזיסט ניט לאָזן אַר־בעטן; ער פירט זיי זיכער צו דעם אָרט ווו די מאָרזשן זײַנען. איליטש איז אַ געניטער יעגער.

די פּיראָגע איז צוגעקומען צו אַן אָרט ווו עס שווימען די אײַז־בלאָקן. דער אַלטער האָט באַפוילן זיך אָפּשטעלן, אַרויפשפּרינגען אױפן אײַז און זען וואָס אַרום טוט זיך. אַף איין בלאָק האָבן די יעגערס באַמערקט עפּעס געלס. מען האָט דאָס צו וויסן געגעבן דעם אַלטן, און די פּיראָגע האָט זיך אויס־געדרייט מיט דער נאָז־טייל אין יענער ריכטונג.

דער אַלטער איז אַרויף אױפן אײַז־בלאָק, האָט זיך אײַנגעקוקט און האָט געענוי באַשטימט:

— נעכטן זײַנען דאָ געווען מאָרזשן. צוויי: אַן ע ר און אַ ז י.

צו מיטאָג האָט די פּיראָגע אָנגעטראָפן די מאָרזשן. אַף איין בלאָק זײַנען רויִק געשלאָפן צוויי גרויסע כאַיעס.

עס האָט זיך דערהערט אַ שאָס. נאָכן שאָס האָט אַ פלי געטאָן דער האַרפּון, און די „פּראָפּקע" איז מיט דעם מאָרזש אַראָפּ אין וואַסער.

דער מאָרזש, אַ פאַרווונדעטער אינעם האַלדז, לעבן די פלוספעדערן, איז שנעל אַרויפגעקומען אַף דער אויבערפלאַך און האָט מיט זײַן בלוט באַפאַרבט דאָס וואַסער.

עס האָבן זיך דערהערט נאָך דרײַ שאָסן. דער טויטער מאָרזש איז הענגען געבליבן אַף דער „פּראָפּקע".

— פאַרטיק! — האָט דער אַלטער אַ געשריי געטאָן.

די יעגערס האָבן אַרויפגעצויגן דעם מאָרזש אױפן אײַז־בלאָק און מיט שײַנענדיקע פּענעמער גענומען שאַרפן די מעסערס.

— אַנדריי, אין דער צײַט וואָס זיי צעטרייבערן דעם מאָרזש, מאַך דו דעם „פּרימוס", וועלן מיר טרינקען טיי. — האָט איליטש געזאָגט.

דעם מאָרזש האָט מען אַזוי שנעל צעטרייבערט, אַז דער טשײַניק האָט ניט באַוויזן אויפצוזידן. די יעגערס האָבן דאָס פלייש אַרײַנגעלייגט אין דער פּיראָגע, האָבן זיך די הענט אָפּגעוואַשן און, צופרידענע מיט דעם געלונגע־נעם אָנהייב, האָבן זיי זיך גענומען טרינקען טיי.

— פאַרענדיקט שנעל! — האָט זיי דער אַלטער געיאָגט. — מען דאַרף געפינען דעם ע ר. ער מוז זײַן דאָ ניט ווײַט.

און ווידער האָבן זיך צעסקריפּעט די וועסלעס אין די לעכער.

— יאַראַק, לייג אַוועק די וועסלעס און באַקוק דעם יאַם. דו האָסט די יינגסטע אויגן. — האָט דער אַלטער אים באַפוילן.

די פּיראָגע האָט געזוכט אַ וועג צווישן אײַז און איז אַרויס אַלץ ווײַ־טער אױפן יאַם.

פאַרנאַכט האָט יאַראַק, אַן אויפגעהײַטערטער, שטיל צו וויסן געגעבן:
— אַ מאָרזש, אַ מאָרזש!

אַיע און ערמען האָבן זיך גענומען צו די ביקסן און זײַנען אַריבער צום

נאַז־טייל. אַנדריי האָט געקוקט אַפן געפּאַנג אין די פעלד־גלעזער. ווען די יעגערס האָבן שוין געהאַלטן באַ אויסשיסן, האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— האַלט! ס'איז אַ מענטש!

די יעגערס האָבן אַראָפּגעלאָזט די ביקסן. די וועסלעס זײַנען באַ די רודערער פון די הענט אַרויסגעפאַלן.

אַפן אײַזבאַרג איז געלעגן מיסטער טאָמסאָן. דאָס פּאַנעם האָט אים געברענט און ער האָט שווער געאָטעמט. ער האָט די אויגן געעפנט און האָט זיך געוואָלט אויפשטעלן, נאָר עס האָט אים קויעך פאַרפעלט.

— וואָסער האָט ער אַ מורמל געטאָן.

אַנדריי האָט אים באַ דער האַנט אָנגענומען, אָנצוטאַפּן דעם דייפּעק.

— אַלע זײַנען דערטרונקען — האָט מיסטער טאָמסאָן באַוויזן צו זאָגן.

יאַראַק, מען דאַרף אים איבערטאָן. דער רוקן איז באַ אים נאַס. — האָט אַנדריי געזאָגט.

טשאַלי טאָמסאָן האָט מען איבערגעטאָן און מען האָט אים אַרײַנגע־לייגט אין דער פּיראָגע. ער האָט גערעדט פון היץ.

די פּיראָגע איז געשווומען שנעל. מיסטער טאָמסאָן איז געלעגן אומ־באַוועגלעך אַף די שטיקער מאַרזשן־פלייש.

אַנדריי האָט אים צוגעלייגט אַ האַנט צום שטערן, האָט זיך אײַנגעהערט צום האַרץ און געזאָגט:

— ער איז געשטאָרבן... פירט אים צום ברעג.

די יעגערס האָבן זיך קיין ריר ניט געטאָן; אויך דער אַלטער איליטש האָט געשוויגן. מען טאָר ניט פירן קיין טויטן אין דער פּיראָגע. מען דאַרף אים אַרײַנוואַרפן אין יאַם.

— הער אויס, אַלטער. טשאַלי איז אַ ווײַסער מענטש. מען דאַרף אים ברענגען צום ברעג. עס וועט קיין שום בייז ניט געשען. פירט אים! — איז אַנדריי צוגעשטאַנען.

און דער אַלטער האָט זיך אַוועקגעשטעלט צו דער שטײַער־ראָד.

די יעדיע וועגן טשאַליס טויט האָט זיך שנעל צעטראָגן איבערן לאַגער. דער אוילעם איז זיך צונויפגעלאָפן צום ברעג.

מערי האָט געקוקט אַפן טויטן, וואָס איז געווען איר פאָטער, און האָט געשוויגן. זי האָט זיך דערמאָנט ווי טשאַלי האָט זיך געזידלט און האָט גע־שלעפּט יאַראַקן פאַר אַ פּוס. איצט ליגט ער אַ בלייכער און אָן די גלעזלעך אַף די אויגן. אַ גרויל האָט מערין אַרומגענומען. זי איז אָפּגעטראָטן, איז צוגעקומען צו איליטשן און אים געזאָגט:

— מען דאַרף אים שוין באַגראָבן.

— אַף אונדזער בייסוילעם קען מען ניט. מען דאַרף אים פירן קיין לאַרען. דאָרט האָט ער קעסיידער געוווינט. — האָט דער אַלטער געזאָגט.

ווען מען האָט דעם טויטן מיסטער טאָמסאָן געבראַכט אַהין ווו ער האָט געלעבט העכער צוואַנציק יאָר, איז געקומען צו לויפן צום ברעג רולטינאַ און נאָכדעם ווי זי האָט מיט שרעק אַ קוק געטאָן אַף טשאַלין, איז זי צוגע־קומען צו יאַראַקן און מערין און האָט זי געפרעגט:

— מערי, וואָס איז געוואָרן מיט בענען?

— איך ווייס ניט.

— יאַראַק, ווו איז בען?

— דערטרונקען. אַלע זײַנען דערטרונקען געוואָרן.

רולטינאַ איז אַוועקגעפאַלן אַף די שטיינער באַם ברעג.

די פּיס האָבן איר ניט געדינט. צוגעקומען איז סיימאָנס און האָט באַטראַכט דעם טויטן מיסטער טאָמסאָן אַן אָנגעטאָענעם אין טשוקטשי־בגאָדים.

רולטינאַ איז אויפגעשטאַנען, איז צוגעקומען צו מערין און איר געזאָגט:

— מערי, מען דאַרף אים אויפנייען אַ נײַע „קוכליאַנקע" און אַוועקפירן צו די שטיינער אַפן בייסוילעם.

מערי האָט טרויעריק געענטפערט:

— רולטינאַ, זאָל אים סיים באַגראָבן אַף זײַן אויפן, אַפן נאָרד־אַמעריקאַנישן. מיר דאַרפן אים ניט פירן אַף אונדזער בייסוילעם. טשאַלי איז ניט געווען קיין ריכטיקער מענטש.

(סאָף פון דער צווייטער טייל)

דריטע טייל

קאַפּיטל I

איבער דעם אויסגעלייטערטן טיף־בלויען, קימאַט שוואַרצן הימל, וואַנדערט אַ זון, וואָס וויל ניט אונטערגיין און וואַרפט אַ פּרעכטיקע שײַן אַפן יאַם־ברעג און אַף דער טונקל־גרינער ראַכוועס פונעם אָקעאַן. ניטאָ קיין איין אײַז־בלאָק אַפן יאַם און קיין איין וואָלקנדל אין הימל. דער זון אַפילע, דוכט זיך, האָט דערעסן איינע אַליין צו וואַנדערן אין די הימלשע רוימען.

אַף די לאָנקעס גרינט שוין דאָס גראָז, אַ באַשפּרענקלטס מיט בלומען, וואָס האָבן זיך באַוויזן ווי נאָר עס איז זיך צעשמאָלצן דער שניי. כאַיעס אַפילע גייען אַרום און היטן זיך ניט צו צעטרעטן דעם פיל־קאָליטן טעפּיך.

די רויטע, בלויע און געלע בלומען אַף די דינע שטענגלעך, דוכט זיך, הערן זיך אײַן מיט זייערע איידעלע און דורכזיכטיקע בלעטעלעך צו יעדן בלאָז וואַרעמער לופט. דוכט זיי שפּירן נאָך דער זון און ווי נאָר זי וועט אַראָפּנידערן צום האָריזאָנט און די לופט וועט זיך אָפּקילן, וועלן זיי טייקעף די בלעטעלעך צומאַכן. און אַף דער לאָנקע וועט זיך מיטאַמאָל אויסלעשן דער פילקאָלירטער טעפּיך.

לעבן די „יאַראַנגאַס" דרעמלען די הינט און עפּענען וועט ניט ווען אַן אויג. זיי שלעפן שוין איצט ניט די שווערע שליטנס און ליגן גאַנצע טעג באַם ברעג אויסגעצויגענע צווישן די אָנגעוואַרעמטע שטיינער, און שוין ניט ווי די בייגלען אײַנגעדרייט, אַזוי ווי אום ווינטער. זיי זאַמלען קויכעס צו דער ווינטערדיקער אַרבעט.

אויך דער יאַם זעט איצט אויס, אין דער פרימאָרגן־שאָ, פויל און פאַרשלאָפן. קוים וואָס ער וויגט זיך און לעקט דעם שטיינערדיקן ברעג.

טיגרענאַ זיצט באַם ברעג און פאַרווײַלט איר זונעלע אייוואַם מיט וואַרפן שטיינדלעך אינעם וואַסער. אויך זי האָט קיין כיישעק ניט הײַנט צו נייען „טאָרבאַזן" פאַר די פאַסטעכער.

אין אַ געבלימטן ציצענעם קלייד, שפּילט זי זיך, אַ צעשמייכלטע, און אַ שײַן שפּיגלט זיך אין אירע שוואַרצע אויגן. נאַכלעסיק פאַרוואַרפט זי די צעפּ אַפן רוקן און טראַכט זיך: ווי ניט ליב מיר איז פריער געווען אָנצוטאָן דאָס וועב־שטאָפענע קלייד! די בלימלעך אַף איר קלייד דערמאָנען איר אַליטעטן און דער שמייכל אַף איר פּאָנעם לעשט זיך אויס און טרעט אָפּ זײַן פּלאַץ דער שרעק, ווי אַ בלימל פאַרוועלקט ווען עס דערפילט דעם קאַלטן אָטעם פון דער נאַכט.

אַליטעט איז אַוועקגעפֿאָרן אַף פֿינף טעג. שוין מער ווי צוואַנציק און ער איז נאָך ניטאָ. טיגרענאַ לעבט זיך, אַלנפֿאַלס, בעסער ווען זי זעט ניט זײַנע קרומע בליקן.

אייוואַם האָט זיך שוין אויסגעלערנט גיין און לאַכן אַפֿן קעלכל. ער טראָגט אַ „קוכליאַנקע" פֿון יונגער הערשן־פֿעל און אַ קאַלפּאַק מיט מאַרדער באַנייט, און קליינע שיינע „טאָרבאַזן" מיט פֿאַרשיידן־קאָלירטע הירשן־האָר אויסגענייט. אייוואַם קוקט נײַגעריק אַפֿן יאַם, אַף דער מוטער, אַף אַלץ וואָס אַרום. אויך ער איז פֿריילעך.

טיגרענאַ באַוווּנדערט אים, קוקט נאָך זײַן יעדן קער, יעדן אָטעם, יעדן בליק פֿון זײַנע שוואַרצע אייגעלעך. און אַ טיפֿע פֿרייד פֿאַרגיסט זי. אין אַן אָנפֿאַל פֿון צערטלעכקייט, כאַפּט זי דאָס קינד, הייבט עס אויף אין דער הייך און דערנאָך דריקט זי עס צו צו זיך און באַדעקט עס מיט קושן.

זי האַלט דאָס קינד אין אירע מעכטיקע אָרעמס און ווײַזט אים:

— זעסט, אייוואַם, דאָס איז דער יאַם! דו וועסט זײַן אַ גרויסער פֿי־שער! איך אַליין וועל דיך לערנען פֿלינק צו זײַן. וועסט זײַן אַ ריכטיקער מענטש!

טיגרענאַ קוקט אַפֿן יאַם — דעם קוואַל פֿון לעבן — און ווידער דער־מאָנט זיך איר אַליטעט.

„שטענדיק טרעפֿט עס מיט מיר, — טראַכט זי פֿאַרדראָסיק. — ער איז ניטאָ אין דער היים און מיר קען ער פֿונעם קאָפּ ניט אַרויס".

און טיגרענאַס אומרויִקע געדאַנקען לויפֿן איינער אַפֿן צווייטן ווי די כוואַליעס אין יאַם:

„ער וועט מיסטאָמע אינגיכן קומען. נאָך גוט וואָס ער בלײַבט ניט לאַנג אינעם לאַגער. ראַק ער פֿאַרט אַרום. די קליינע לעוואָנע איז שוין גרויס געוואָרן און ער, פֿאַרט אַלץ אַרום. בעסער אַזוי. זאָל ער קומען וואָס שפּעטער".

אַ וווּנדערלעכע צײַט איצט אַפֿן צאָפֿן! די ערד איז אַזוי פֿאַרגאָסן מיט זון, אַז די אויגן טוען וויי פֿון קוקן. די זון שיקט אַ מילדע אירע לאַנגע שטראַלן צו דער ערד און דערפֿרייט דעם מענטשן. און, ווי דאָס וואָלט נאָך ווייניק געווען, הייבט זיך פֿון הינטער די בערג אַרויס די לעוואָנע, אַ פֿולע, ווי פֿײַער רויט, און שמייכלט צו דער זון.

טיגרענאַ ווײַזט דעם קינד די לעוואָנע:

— זע, אייוואַם, דער זונס ווײַב איז אַרויסגעקומען.

אין דער ווײַט, פֿון אַ זײַט ברעג, האָט זיך באַוויזן אַ פּיראָגע־שיפֿל. טיגרענאַ האָט באַגײַסטערט אַ געשריי געטאָן:

— זע, זע, אייוואַם! אַ פּיראָגע! ס'איז וואַאַמטשאַ!

דאָס שיפֿל קומט אַלץ נענטער, מיט דעם הויכן מאַסט אַ נאַקעטן. פֿונעם שפּיץ מאַסט ביזן ברעג ציט זיך אַ דינער לאַנגער רימען. פֿינף הינט לויפֿן מיטן ברעג און שלעפּן די פּיראָגע פֿאַרן רימען. דאָס שיפֿל גליטשעט זיך אי־בער דער שטילער אויבערפֿלאַך פֿונעם יאַם און קומט צו צום ענמאַקײַ־לאַגער.

אַ ייִנגל אין הוילע פֿאַקענע הויזן לויפֿט און טרײַבט די הינט. די זון גלאַנצט אַף זײַן ברוינעם לײַב.

ווען די פּיראָגע איז צוגעקומען איז וואַאַמטשאַ אין וואַסער אַרײַנגע־שפּרונגען. ער איז צוגעלאָפֿן צו טיגרענאַן מיט דעם הייסן באַגער איר צו דערציילן די אויסערגעוויינלעכע נײַסן. געמערקט האָט זיך אַף זײַן פּאָנעם גערירטקייט און כאָטש ער האָט דאָס שיפֿל ניט גערודערט, איז זײַן האַלדז

באַפּערלט מיט קאַלטן שווייס. שוויַיגנדיקערהייט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַפּן זשוויר צופוסנס טיגרענאַן און מיטן בליק אַפּן יאַם מורמלט ער:

— טיגרענאַ, איך ברענג ניט קיין גוטע נײַס. איך האָב מיך דערוווּסט פון זיי אין שכיינעסדיקן לאַגער.

— וואָס פאַר אַ נײַס, וואַאַמטשאָ? — האָט טיגרענאַ זיך געשראָקן.

— אַ שעדלעכער מאָרזש האָט דערטראָנקען אַליטעטס וואַלפיש־שיפל. די מענטשן זײַנען אומגעקומען. אַלע. מיר האָבן פאַרלוירן אַ סאַך יעגערס.

— זיי זײַנען דערטראָנקען געוואָרן? אַלע? — איז באַ טיגרענאַן דאָס פּאָנעם צעקרומט געוואָרן פון שרעק.

— אַלע. איין טשאַלי די רויטע נאָז האָט באַוויזן אַרויפכאַפּן זיך אַף אַן אײַז־בלאָק. מען האָט אים געפונען אַ גויסעסדיקן... אַליטעט איז אויך דערטראָנקען געוואָרן.

פרייד און לײַד האָבן זיך געמישט באַ טיגרענאַן אין האַרצן. זי האָט קיין קויעך ניט געהאַט צו שטיין אַף די פיס און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפּן זשוויר באַם ברעג. זי האָט צוגעדריקט צו זיך דאָס קינד און האָט געשוויגן. אויך וואַאַמטשאָ האָט געשוויגן. די מענטשן האָבן אַרויסגעשלעפּט די פּיראָגע פונעם וואַסער.

טיגרענאַ האָט צערטלעך אַ קוק געטאָן אַף איר קינד.

— איצט וועט עפּשער קומען אַן ענדערונג אין אונדזער לעבן, איי־וואַם. — האָט זי אַ מורמל געטאָן.

אַף אַ רעגע האָט אַ גליק צעשטראַלט איר פּאָנעם. קיינער וועט זי איצט ניט צווינגען לעבן אין ענמאַקײַ. ניטאָ מער אַליטעט. נאָר איר פּאָנעם איז ווידער טרויעריק געוואָרן. וויפל ווײַבער האָבן מיטאַמאָל זייערע מענער אָנגעווירן! עס זײַנען אומגעקומען טומאַטוגע, און אַפּאַ, און קעינין, און וואַלכיגרין. און גירגאָל? ער האָט ניט לאַנג ערשט כאַסענע געהאַט.

„אַ שאָד!“ — האָט זיך טיגרענאַ טרויעריק געטראַכט.

לאַנג האָט זי געשוויגן. וואַאַמטשאָ האָט ניט געשטערט איר פאַרטראַכטן שווײַגן. אײַוואַם אַפילע איז איצט רויקער געווען און האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס לאַכט ניט איצט די מוטער. מיטאַמאָל האָט טיגרענאַ האַסטיק זיך אויפגעהויבן, האָט אָנגענומען איר קינד באַם הענטל און האָט אַנטשיידן אַ זאָג געטאָן:

— וואַאַמטשאָ, מאָרגן גיי איך אַוועק פונעם ענמאַקײַ־לאַגער. איך גיי צו אַיען. איצט וועל איך לעבן באַ זײַן זײַט.

— אַיע וווינט אינעם לאַגער ווו די רוסן וווינען, טיגרענאַ. ער איז אַוועק פון די נאָמאַדן.

— דאָס מאַכט ניט אויס. אויב עס איז עמעס, אַז די רוסן זײַנען זײַנע פרײַנט, וועל איך פאַר זיי אויסנייען די שענסטע „טאָרבאַזן“. איצט וועל איך נאָך בעסער יאַגדן. מיר וועלן האָבן אַ סאַך פלייש און אַ סאַך קינדער.

— טיגרענאַ, איך אַליין וועל דיך צופירן מיט מײַן פּיראָגע. איך וועל אײַנשפּאַנען צען הינט און מיר וועלן לויפן שנעלער ווי די ווילדע קאַטשקעס אום פרילינג. איך אַליין וועל די הינט טרײַבן, און דו ווייסט דאָך ווי איך לויף.

— ביסט אַ גוטער, וואַאַמטשאָ. זייער אַ גוטער. ביסט אַ ריכטיקער מענטש, וואַאַמטשאָ.. און אײַוואַם וועט זײַן אַזאַ ווי דו. אַיע וועט אים שטאַרק ליב האָבן. איך בין זיכער.

ווײַבער זײַנען געקומען צו לויפן. זיי האָבן מיט אויפגעריסענע אויגן

געהערט וואָס וואַמטשאַ דערציילט. זייערע פענעמער זײַנען פאַרשטיינערט געוואָרן, נאָר די זון האָט פון זיי קיין זיפץ ניט געהערט, און די לעוואָנע האָט בײַ זיי קיין איין טרער ניט געזען.

קאַפּיטל II

די פאַרטרעטער פונעם רעווקאָם זײַנען נאָך געשלאָפן, ווען אַ הייזעריקער און אויסגעצויגענער געוואָי פון אַ שיף־סירענע, וואָס האָט איבערגעריסן די צאָפּנדיקע שטילקייט, האָט זיך צו זיי אין צימער אַרײַנגעריסן. אין איין אויגנבליק האָט דער גאַנצער לאַגער אויפגעלעבט.

לאָס, דער דעלעגאַט פונעם רעווקאָם, און זײַן סעקרעטאַר, אַנדריי זשוקאָוו, זײַנען פון די בעטן אַראָפּגעשפּרונגען, האָבן זיך מיט אַ שמייכל איבערגעקוקט און זיך אײַנגעהערט צום פײַף. די טיר האָט זיך צעפּראַלט און איַע איז אַרײַן.

— אַ שיף. — האָט ער אַ צערודערטער צו וויסן געגעבן. — זי קומט צו צום ברעג...

ווען לאָס און זשוקאָוו, וואָס אַליטעט האָט זיי פאַרברעכעריש פון וועג אַראָפּגעפירט, זײַנען אַראָפּגעפאַלן אין אָפּגרונט און איַע האָט זיי געהאָלפן אַרויסבאַקומען זיך פון דער טונדרע, איז ער אַריבערגעגאַנגען וווינען אינאיינעם מיט זיי אינעם רעווקאָם־הויז. און איצט קלײַבט ער זיך אַרויספאָרן אַף דער ג ר ו י ס ע ר ע ר ד. איַע האָט געפילט ווי גוט געניגט עס זײַנען צו אים די רוסישע נאַטשאַלניקעס און האָט זיך גענומען באַטראַכטן פאַר אַ וויכטיקן מענטשן און איז טאַקע מענערישער געוואָרן. זײַנע שוואַרצע וואָנצעלעך זײַנען געוואָרן געדיכטער און דער אויסדרוק פון ניט אַנטשלאָסנקייט איז אים פונעם פּאָנעם פאַרשוווּנדן. ער איז שטאָלץ געוואָרן מיט דער לאַנגער רײַזע וואָס ער נעמט אונטער און וואָס ניט יעדערער דערוועגט זיך צו מאַכן. נאָר ווען איַע האָט דערזען די שיף, האָט ער זיך דערשראָקן.

— עפּשער איז גלײַכער ניט צו פאָרן אַף דער ג ר ו י ס ע ר ע ר ד ?

— האָט ער זיך ווי געבעטן.

ער האָט עס געזאָגט אַזוי שטיל, אַז לאָס און אַנדריי, וואָס זײַנען פאַרנומען געווען מיט זייערע געדאַנקען, האָבן דאָס אַפילע ניט דערהערט.

אַנדריי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום פענצטער, האָט אַראָפּגעריסן דאָס פאָרהענגל און גענומען טאַנצן:

— די „סאָוויעט" ! געקומען די „סאָוויעט" !

— גוטער ברודער, דײַן בסורע איז אַ פאַרשפּעטיקטע. פונעם פײַפן האָב איך דערקענט די „סאָוויעט". — האָט לאָס געענטפערט און אײַליק זיך פאַרשפּיליעט דעם יאַק. און פּלוצים האָט ער זיך אויך גענומען טאַנצן.

די ברעטלעך פונעם פאָל האָבן זיך געהוידעט און די גאַנצע הײַזקע פונעם רעווקאָם האָט זיך גענומען טרייסלען פון אויבן ביז אַראָפּ.

איַע נאָר איז געשטאַנען און האָט ניט געוווּסט צי זאָל ער זיך פרייען אָדער עס איז שוין צײַט טרויעריק צו ווערן, מאַכמעס דאָס איז די שיף וואָס דאַרף אים אַוועקפירן ווײַט, זייער ווײַט, צום אומבאַקאַנטן לאַנד פון די רוסן. וואָס וועט פון אים דאָרט ווערן ? וועט ער צײַט האָבן צו זען טיגרענאַן ?

אין דער פרימאָרגן־שטילקייט האָט דאָס גרילצן פון דער קייט באַם

אַראָפּלאָזן דעם אַנקער, זיך צעטראָגן איבערן יאַם־ברעג. פּאַר לאָסן און אַנ־דרייען איז דאָס סקרוכען פונעם אײַזן געווען אַ טריומף־מאַרש.

טומלדיק און שנעל האָבן די יעגערס זייער פּיראָגע־שיפּל אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער.

לאָס האָט אַזוי אימפּעטיק גערודערט, אַז די וועסלעס האָבן זיך געבויגן און געקרעכצט.

דער אַלטער איליטש, באַם שטײַער־ראָד, האָט די רודערער אונטערגע־וואַרעמט און די פּיראָגע האָט זיך שנעל געגליטשט צו דער שיף צו.

די מענטשן האָבן זיך געדרענגט באַם באָרט פון דער „סאָוויעט". מען האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן פּאָרענטש, זיי האָבן נײַגעריק געקוקט צו דער פּיראָגע, וואָס איז אַלץ נענטער צוגעקומען און האָבן לעבהאַפטיק גע־רעדט צווישן זיך. דעם ערשטן מאָל אַז זיי זעען אַ דורכזיכטיק שיפל. די געלבלעכע מאָרזשן־פעל, אָן אָפּגערייניקטע פון די האָר, האָט זיך דורכגע־לויכטן, און אויסגעזען האָט די פּיראָגע אַזוי וואָגלאָז, אַז זיי האָבן זיך גע־וווּנדערט ווי קען מען זיך גאָר אַרויסלאָזן דערמיט אַפן יאַם. פונדעסטוועגן האָט די פּיראָגע געקענט נעמען אַף זיך אַ מאַסע פון דרײַ מאָרזשן.

אַפן קאַפּיטאַן־בריקל האָט זיך דערהערט אַ פעסטע, געדיכטע און באַ־פעלערישע שטים:

— אַ געזונט אין דיר, כאַווער לאָס!

פון דער שטים האָט לאָס דערקענט דעם קאַפּיטאַן מיכאַיל פּעטראָוויטש ליאַדאָוו, דעם זעלביקן, וואָס האָט אים פאַרגאַנגענעם נאַוויגאַציע־סעזאָן אַרויסגעזעצט אַף דעם טשוקאָטקער ברעג.

לאָס האָט געהויבן דאָס היטל צו אים און האָט זיך גיריק אײַנגעקוקט אין די פּאַסאַזשירן, וואָס זײַנען אין אַ רעדל געשטאַנען אַפן דעק, צי וועט ער ניט דערזען צווישן זיי זײַן ווײַב. נאָר לויט אַלע סימאָנים איז קלאָר געווען, אַז זי איז ניט געקומען. ווען יאָ, וואָלט זי די ערשטע געווען אים צו גריסן.

— אַראָפּלאָזן דאָס אַראָפּגאַנג־בריקל! — האָט דער קאַפּיטאַן פאַר־לעך באַפוילן. לאָס האָט געטראָטן אַפן דעק מיט אַזאַ פרייד גלײַך ער וואָלט אונטער די פיס געפילט אַ טראָט ערד פון זײַן געבוירנלאַנד.

— כאַווער לאָס, דער קאַפּיטאַן האָט געבעטן אַזוי גוט זײַן צוואַרטן אַף אים באַ אים אין קאַבינע. ער גייט שוין אַראָפּ פון זײַן בריקל. — האָט אַ יונגער לאָצמאַן געזאָגט.

דער קעלנער פון דער קאַנטינע, וואָס קען שוין די געוווינהייטן פונעם קאַפּיטאַן ביז די קלענסטע קלייניקייטן, האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַף אַ שניי־ווײַסן טישטעך אייניקע צובײַסנס און די געהעריקע סערוויזן. ער פלעגט עס שוין טאָן מעכאַניש ווי נאָר ער פלעגט דערהערן דאָס גרילצן פון דער אַנקער־קייט.

דער קעלנער האָט ליב געהאַט באַדינען וויכטיקע וויזיטאַנטן. לאָס, פונדעסטוועגן, האָט אים ניט אויסגעזען צו זײַן אַ וויכטיקער פּאַרשוין: ער טראָגט אַן אָפּגעטראָגענע מיליטערישע קורטקע און קאַקי־הויזן אַרײַנגע־שטעקטע אין גאַרניט קיין געהויבענע פוטערנע „טאָרבאַזן".

דעם קאַפּיטאַנס קאַבינע האָט געגלאַנצט מיט ריינקייט. לאָס האָט זיך געפילט אַ ביסל אומבאַקוועם אין דער ניט געוווינטער אַטמאָספער. ער האָט זיך אומאַנטשלאָסן אַרומגעקוקט און אונטערן שטרענגן בליק פונעם קעלנער

פאַרזיכטיק זיך אַרײַנגעזעצט אינעם פאָטעל, וואָס איז באַצויגן געווען מיט אַ ווײַסן טשעכאָל. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט, האָט באַטראַכט דאָס פלאַץ און, שוין זיכערער, זיך אין אים אַרײַנגעוואָרפן.

— ווי ריין דאָ איז! — האָט זיך לאָס מיט באַוווּנדערונג אָנגערופן צום קעלנער פון דער קאַנטינע.

— מיר לעבן אַפן וואַסער. — האָט דער קעלנער געענטפערט און איז צוגעקומען נענטער און האָט אים שטרענג אָנגעמערקט: — דאָס איז דעם קאַפּיטאַנס פאָטעל. זעצט אײַך אַף דער סאָפאַ.

לאָס האָט זיך אונטערגעגעבן און דער קעלנער האָט מיט דער סערוועטקע אָפּגעטרייסלט דאָס אָרט וואָס דער פאַרטרעטער פונעם רעווקאָם האָט געהאַט פאַרנומען.

אין קאַבינע איז מיט אַ שמייכל אַרײַנגעקומען דער קאַפּיטאַן און מיט אַ פעסטן דריק די האַנט, ליבלעך אויסגעשריגן:

— נו, ראָבינזאָן, מירן מוזן אויסטרינקען פאַר דער באַגעגעניש. איך האָב מיט זיך אַ געטלעכן נעקטאַר. קאָניאַק!... וואָס עפּעס גייסטו מיט דער קוליע?

— איך האָב מיר אַ פוס צעבראָכן, מיכאַ:ל פּעטראָוויטש. נאָר ער איז שוין פאַרלייט.

— נו, מוז מען דאָך ווידער טרינקען. מירן טרינקען אַ טאָסט פאַר דײַן געזונט. — האָט דער קאַפּיטאַן, אַ גוטמוטיקער, געזאָגט און האָט צוגערוקט צו זיך אַ פלעשל.

— גיב אַכטונג וואָס דו טרינקסט! די אָריאָן־קאָנסטעלאַציע האָט ניט אַזויפיל שטערן וויפל דאָס פלעשל. — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט און האָט גלײַך גענומען דוצן לאָסן.

— האָסט עפּשער קאַרטאָפל באַ דיר אַף דער שיף, מיכאַ:ל פּעטראָוויטש? שוין אַ יאָר צײַט ווי איך זע ניט קיין קאַרטאָפל פאַר די אויגן.

— מיטריטש, דערלאַנג נאָר אַהער דאָס טײַערע מײַכל. — האָט דער קאַפּיטאַן באַפוילן דעם קאַנטינע־קעלנער.

די אַלטע פרײַנט האָבן אָנגעקלאַפּט די גלעזלעך און אויסגעטרונקען. דער קאַפּיטאַן האָט זיך מיט אַ סערוועטקע אָפּגעווישט די גרויע וואָנצעס און אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג:

— נו, וואָס הערט זיך?

— גוטער קאָניאַק, נאָר דער צובײַס איז נאָך בעסער. — האָט לאָס אַ מרוקע געטאָן און דערבײַ אײַנגעשלונגען אַ רייפטל געפּרעגלטע קאַרטאָפל.

מען האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזל פאַרן גליקלעכן אַרײַנקום פון דער שיף און אַ צווייטס פאַרן שיינעם וועטער.

— און וואָס הערט זיך עפּעס נײַס אַפן קאָנטינענט, מיכאַ:ל פּעטראָוויטש? האָסט מיט זיך צײַטונגען?

— נאַטירלעך. אַלע הײַ־יאָריקע. וועסט לייענען די פאַרעלטערטע צײַטונגען ווי אַ ראָמאַן. מיר האָבן קוים באַוויזן צונויפּנעמען אַ פולשטענדיקע קאָלעקציע. ווו געפינסטו דען הײַנט פאַרעלטערטע צײַטונגען? מיר האָבן אַרויסגענומען די אַרכיוו־צײַטונגען פונעם געגנטלעכן רעווקאָם. נו, איך ברענג דיר אויך מענטשן.

— וואָסערע מענטשן?

— דרײַ לערערס און אַ סאַניטאַרע גרופּע פונעם רויטן קרייץ, אין באַ־

שטאַנד פון פינף פאַרשוין. אַ גאַנצער רעגימענט, ווי דו זעסט! די געגנט האָט נאָך אַזעלכע ספּעציאַליסטן ווי איך האָב דיר געבראַכט, ניט געזען.

— דאָס איז גוט! — האָט לאָס זיך דערפרייט.

— עס קומען אויך זעקס מענטשן אַף אַרבעט אינעם רעווקאָם. און אַ מיליציאָנער, צו האַלטן אָרדענונג.

— איין מיליציאָנער איז ווייניק. פאַראַן שמוגלערס דאָ.

— דאָס איז אָבער אַ מיליציאָנער וואָס באַשטייט פאַר צוואַנציק. ער איז שטאַרק ווי אַ דעמב און אַ פּאַר וואָנצעס האָט ער, נאָך לענגערע פון מײַנע. אַ בּיזרנאַולער. געווען אין דער רויטער אַרמיי און איצט איז ער אַ דעמאָביליזירטער. אַ זעלטענער פּאַרשוין! איינמאָל קומט ער אַרויף צו מיר אַפן בריקל, נעמט זיך באַקוקן די נאַוויגאַציע־אינסטרומענטן און די מאַרשרוט־מאַפּע און פרעגט מיך: „שווער זיך אויסצולערנען זײַן אַ קאַפּי־טאַן?" — „שווערער ווי אַ מיליציאָנער צו זײַן". — ענטפער איך אים. „אַזוי, זאָגט ער, דעם וויכטיקסטן פּאָסטן האָט אַ מיליציאָנער. מיר היטן די אָרדענונג".

דער קאַפּיטאַן איז שטיל געבליבן.

— עס קומען אויך מענטשן אַף פוטער־אײַנקויף. ווייסט, די נאָרד־קאָמפּאַני האָט אָנגעזעצט. מיר האָבן דעם קאָנטראַקט מיט איר אָפּגערופן. די פירמע ליקווידירט זיך. עס האָט זיך געגרינדעט אַ סאָוועטישע אַקציען־געזעלשאַפט צו עקספּלואַטירן דעם פישפאַנג אינעם אָכאָטישן יאַם און אין קאַמטשאַטקע. אירע איניציאַלן זײַנען אָ ק אַ ר אָ. אַזאַ ווערטעלע אויסגעפונען! ס'הערט זיך ווי יאַפּאַנעזיש! נו, וועט זיך די אָ ק אַ ר אָ פאַרנעמען אויך מיט די פוטערס. וואָס שײַעך דער נאָרד־קאָמפּאַני, איז גוד בײַ!

די דאָזיקע ידיעה האָט לאָסן איבערראַשט. איבערראַשט האָט זי אים מאַכמעס ער, ווי אַנדריי, האָבן גערעכנט, אַז אין מאָסקווע קען מען ניט אָפּשאַצן די היגע סיטואַציע, און דאָך האָבן זיי אָנגענומען אַ ריכטיקן באַשלוס. ס'איז אים אַפילע אַ פאַרדראָס געווען וואָס זיי האָבן אַזאַ באַשלוס אָנגענומען אָן זייער אָנטייל. און לאָס האָט אַ זיפץ געטאָן.

— מיר האָבן דאָ אויך געטראַכט, אַז מען וואָלט באַדאַרפט אַ סאָף מאַכן מיט דער נאָרד־קאָמפּאַני, נאָר אונדזער פּאָסט, די פאַרשאָלטענע! ליגט נאָך אַלץ אינעם שראַנק. נו, אַ קאָמוניקאַציע! ווען מיר זאָלן געווען האָבן ריכטיקע קאָמוניקאַציעס, וואָלט אונדזער מיינונג אָנגעקומען אין דער געהעריקער צײַט...

— מיינסט דערמיט צו זאָגן, אַז מאָסקווע האָט געטראָפן וואָס איר האָט געטראַכט? — האָט דער קאַפּיטאַן אַ שמייכל געטאָן.

— יאָ. ס'איז צום באַוווּנדערן! אַזוי ווײַט און מאָסקווע ווייסט וואָס מען דאַרף דאָ טאָן! דער באַשלוס איז אַ ריכטיקער. מיר וועלן שוין אויס־קומען אָן די נאָרד־אַמעריקאַנער. אויב מיר האָבן געקענט מאַכן די רעוואָ־לוציע, וועלן מיר זיך אויך קענען אויסלערנען האַנדלען.

— ס'איז גאָר קיין סאָפעק ניט. — האָט דער קאַפּיטאַן צוגעשטימט מיט זײַן באַסאָווער שטימע. דאָס לאַנד וויקלט אויס אַן אָנגרײַף אַפן גאַנצן עקאָנאָמישן פראָנט. און ס'איז צום שטוינען וואָס מיר האָט דערציילט אַ קאַ־פּיטאַן פון אַרכאַנגעלסק: נאָך איידער דער בירגער־קריג איז געווען געענ־דיקט, האָט לענין שוין געהאַט באַפוילן אויסצופאָרשן די עקזיסטענץ פון נאַפט אין אוכטאַ. אָט דאָס איז אַ מענטש! איך ברענג דיר מיט זיך אויך,

פאַר אַן אָנהייב, אַ געאָלאָג. זאָל ער אַ שמעק טאָן צו די בערג. איך בין שטאָלץ, איך בין שטאָלץ מיט דיר, יונגע רוסלאַנד!

— יאָ, די געאָלאָגן האָבן דאָ אַ סאַך וואָס צו טאָן. — האָט לאָס זיך דערמאָנט אָן די קאַפּריזן פונעם קאַמפּאַס אין די בערג.

דער קאַפּיטאַן האָט אַ זופּ געטאָן קאָניאַק און ווײַטער גערעדט:

— ווייסט, פון זינט די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן, האַלט איך נאָר אין איין אַרומפאָרן פון איין אָרט אַפן צווייטן. אַפן ווײַטן מיזרעך, ווי דו ווייסט, איז געווען אַזאַ בעהאָלע מיט די רעגירונגען, אַז ס'האָט געאיבלט. איך האָב געקלערט, געקלערט, ביז איך האָב מיך אויפגעהויבן און בין פון דאָרט אַוועק מיט מײַן שיף. אַ שטיקל צײַט האָב איך געאַרבעט אַף אַ כינע־זישער ליניע, ווי אַ קוטשער, ווי אַ פּאַטערלאַנדלאָזער. דערנאָך איז געקומען די סאָוועטישע מאַכט און איך בין צוריקגעקומען קיין וולאַדיוואָסטאָק. כ'האָב אָפּגעמעקט אַף מײַן שיף דעם אַלטן נאָמען און אויפגעשריבן „סאָוויעט".

לאָס האָט אויסגעהערט דעם קאַפּיטאַן און געשמייכלט: ער האָט נאָך פאַראַיאָרן געהערט פון אים די אייגענע געשיכטע.

— איך ברענג דיר אויך אַ ראַדיאָטעלעגראַפיסט מיט אַ ראַדיאָ־סטאַנציע, זאָלסט דיך דאָ ניט פילן אַזוי עלנט.

— וואָס רעדסטו? — האָט זיך לאָס דערפרייט. — נו, מיכאַיל פּעט־ראָוויטש, לעקאָווער דעם ראַדיאָ מוז מען אויסטרינקען נאָך איין גלעזעלע פון דײַן געטלעכן נעקטאַר.

— מען דאַרף זײַן אַ הילצערנער ניט אויסצוטרינקען פאַר אַזאַ זאַך. — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט און האָט אָנגעגאָסן די גלעזלעך. — יאָ, אַז ס'איז שוין צו רייד געקומען... פון פאַראַיאָריקער רײַזע אָן ליגט בײַ מיר אַ בריוו פאַר דיר. ווען איך בין צוריקגעפאָרן פון קאַלים, האָב איך מיך דאָ ניט געקענט אָפּשטעלן און האָב מיט זיך דעם בריוו אַוועקגעפירט קיין וולאַ־דיוואָסטאָק. דערנאָך אַהיים, קיין שאַנכײַ, קיין נאַגאַסאַקי, קיין דאַריען. איצט, סאַפּקאַלסאַף, גיב איך אים איבער דעם אַדרעסאַט. געדענקסט טאָלס־טוכינען? ס'איז פון אים דער בריוו... און איך ברענג דיר נאָך אַ בריוו... — דערבײַ האָט דער קאַפּיטאַן שעלמיש אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג. — ס'איז פון דײַן ווײַב. נאָר הער מיך אויס, בײַ מיר אין קאַבינע וועסטו אים ניט לייענען. ווער ווייס וואָס זי שרײַבט דיר! זי קען מיך נאָך דאָרט מאַכן אויסצודרייען און דו וועסט מער מיט מיר קיין לעכאַים ניט וועלן מאַכן.

לאָס האָט אַ געררירטער גענומען דעם בריוו און האָט דערקענט זײַן ווײַבס האַנטשריפט. אויך האָט ער געוואָלט לייענען דעם בריוו אײנער אַליין. נאָכקלערן, דערמאָנען די ווײַטע יוגנט, ווען ער איז געווען אַ מאַשיניסט און זי אַ לערערקע. דאָס האָט זי אים אויסגעלערנט לייענען און שרײַבן. לאָס האָט פאַרזיכטיק אַרײַנגעלייגט דעם בריוו צו זיך אין פּאָרטפעל.

— איר האָט זי געזען, מיכאַיל פּעטראָוויטש?

— יאָ, איידער מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן פון וולאַדיוואָסטאָק, איז צו מיר אין קאַבינע אַרײַנגעקומען אַ פרוי. אַ צערודערטע, מיט צעגלאַנצטע אויגן, און גלײַך גענומען אויספרעגן: כאָווער קאַפּיטאַן, שוין לאַנג ווי איר אַרבעט אַף דער „סאָוויעט"? — יאָ, שוין לאַנג — האָב איך איר געענט־פערט — ווי איך שווים מיט דער „סאָוויעט". זי האָט אַפּאַנעם געמיינט, אַז די שיף איז אַ מין רעווקאָם אָדער אַ פאַבריק. „אויך פאַראַיאָרן — זאָג איך איר — בין איך געשוווומען מיט דער „סאָוויעט". „אויב אַזוי, — פרעגט

זי מיך — קענט איר עפּשער לאָזן?" — „אַ פֿראַגע צי איך קען! אַף מײַן פֿריַערדיקער רײַזע, זײַנען מיר צוזאַמען געפֿאָרן פֿערציק טעג". און זי האָט מיך גענומען אויספֿרעגן ווו און וויאַזוי דו געפֿינסט זיך. זי האָט געברענט פֿאַר כיישעק אַהערצופֿאָרן, נאָר איך האָב זי דערפֿון אָפּגערעדט, און האָב איר געזאָגט דעם גאַנצן עמעס. איך האָב לאָזן אַרויסגעזעצט אַף אַ פּוסטן ברעג. — האָב איך איר געזאָגט. — און איך ווייס ניט וואָס מיט אים איז געשען". איך האָב איר ניט גערעכטן פֿאָרן. איך האָב איר ניט געראָטן...

— עפּשער האָסטו גוט געטאָן, מיכאַיל פּעטראָוויטש. — האָט לאָס אומזיכער געזאָגט.

— אַוודע האָב איך גוט געטאָן. איך קען גוט די דאָזיקע לענדער. ווען דו וועסט זיך האָבן אײַנגעלעבט און האָבן דײַן הויז, וועט זי קענען אַרויספֿאָרן. אַזוי האָב איך איר געזאָגט... נאָר זי כאַלעמט פֿון פֿאָרן! אונדזערע פֿרויען, מאַטראַסישע ווײַבער, צייכענען זיך דערמיט ניט אויס. זיי האָבן זיך צוגעוווינט, די פֿאַרשאָלטענע, צו לעבן אָן די מענער... עד, לאָמיר אויסטרינקען... מיטריטש, ברענג נאָך קאַרטאָפֿל! — האָט דער קאַפּיטאַן אַ רוף געטאָן און האָט געשטעלט צום טיש נאָך אַליוון און רייפֿטלעך ציטרין.

— ווי גייט דאָס לעבן אַפֿן קאָנטינענט, מיכאַיל פּעטראָוויטש?

— דאָס לעבן גייט אַף דעם וועג וואָס לענין האָט דעם אָנגעצייכנט. סטאַלין שטייט באַם רודער, און די שיף גייט איר גלײַכן וועג, ניט געקוקט אַף קיינע שטיינער און שטרודלונגען. פֿאַראַן שטערער, פֿאַרשטייט זיך, נאָר מיר גיבן זיי ביסלעכווײַז דעם דערעך. קיין אַנדער מיטל איז צו זיי ניטאָ. איך אורטייל לויט מיר אַליין: לאָז נאָר די מאַנשאַפֿט אַרויס פֿון דער דיסציפּלין, וועט די שיף צו גרונט גיין, אַ מײַכל פֿאַר די ראַקעס.

דאָס גרילצן פֿון די הייבערס האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם טומל אַפֿן דעק און אין די קעלערס. דורך דעם אָקסן־אויג האָבן זיך אַרײַנגעריסן די באַפֿעל־געשרייען: „אַרויף! אַראָפּ!"

— איך ברענג דיר אַ שטוב מיט צוואַנציק צימערן. דרײַ שולן. וועסט איצט לעבן ווי דער פּרינץ פֿון מאָנאַקאָ.

לאָס האָט אַ פֿאַרקלערטער געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— דאָס איז ווייניק, מיכאַיל פּעטראָוויטש. דרײַ שולן... דו ווייסט דאָך סאַראַ ברעג דאָס איז. פֿאַרגלײַך אים ניט מיט מאָנאַקאָ.

— הער אויס, מײַן פֿרײַנט! דו מיינסט די „סאָוויעט" איז אַ גומענע? פֿאַר אָן אָנהייב איז עס גענוג. מאָסקווע איז אויך ניט מיט איין מאָל אויסגעבויט געוואָרן. מיטריטש! — האָט דער קאַפּיטאַן אַ רוף געטאָן. — שיק מיר אַרײַן מײַן געהילף!

ווען דער געהילף איז אַרײַנגעקומען, האָט דער קאַפּיטאַן באַפֿוילן:

— איוואַן איוואַנאָוויטש, די גאַנצע מאַנשאַפֿט וועט זיך באַטייליקן אינעם אויפֿשטעלן דאָס הויז פֿונעם רעווקאָם. צוויי טעג צײַט.

— צו אײַער באַפֿעל, מיכאַיל פּעטראָוויטש.

— ווען די קוימענס פֿונעם רעווקאָם וועלן הייבן דעם רויך אין הימל, וועלן מיר אַרויפֿציִען דעם אַנקער... ווויהין, ווילסטו, זאָלן מיר פֿירן די שולן? — האָט דער קאַפּיטאַן געפֿרעגט לאָסן.

— איינע לאָז איבער דאָ; אַ צווייטע דאַרף מען אַוועקפֿירן אַפֿן דאָרעם־טייל פֿונעם קרײַז, און די דריטע, קיין ענמאַקײַ.

— הום!... קיין ענמאַקײַ? דאָס איז דרײַ הונדערט מײַל מיט דעם אײַז.

— מען מוז, מיכאַיל פּעטראָוויטש, מען מוז זי דאָרט האָבן.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך פאַרקלערט. ער האָט שטיל אַ ציגאַרעט פאַררייכערט און דערנאָך אַנטשלאָסן געענטפערט:

— נו, גוט, ניקיטאַ סערגייעוויטש! איכל ריזיקירן... — און ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין טיש: — מיר געפעלט דאָס רוסלאַנד! זי שיקט אַרויס אַ גאַנצע שיף אַפן אײַז, קעדיי אַ קליינע שול צוצופירן. אָט דאָס איז אַ גרויסער הומאַניזם! אַזאַ הומאַניזם איז נאָך ניט געווען! — האָט דער קאַפּיטאַן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— ווי קען עס אַנדערש זײַן, מיכאַיל פּעטראָוויטש? דאָס זײַנען זאַכן וואָס מיר זעען זיי טאָג נאָך טאָג.

זיי זײַנען אַרויס אַפן דעק. צוגעלאָפן איז צו זיי אַנדריי זשוקאָוו.

— וואָלפיש־שיפלעך! — האָט ער אַן אַנטציקטער געשריגן. — צוועלף וואָלפיש־שיפלעך, ניקיטאַ סערגייעוויטש!

— וואָלפיש־שיפלעך? — האָט לאָס אַ דערשטוינטער איבערגעפרעגט.

— דאָס האָב איך זיי דיר געבראַכט. — האָט דער קאַפּיטאַן זיך אַנגערופן. — דער צאַפּן־קאָמיטעט האָט מיך גערופן מיט מיר זיך צו באַראָטן. דאָס האָסטו מיר צו דאַנקען!

— אַ דאַנק, מיכאַיל פּעטראָוויטש! זיי האָבן אונדז אַזוי אויסגעפעלט, ווי לופט צום אָטעמען.

קאַפּיטל III

אינעם קליינעם הײַזל פונעם פּריערדיקן רעווקאָם־ביוראָ זײַנען פאַרזאַמלט די ערשט אָנגעקומענע און וואַרטן אַף לאָסן.

דער דאָקטער, פּיאָטר פּעטראָוויטש, אַ מענטש אין די פערציקער, מיט אַ ברייטן גוטמוטיקן פּאָנעם, שטייט פאַר אַן אימפּראָוויזירטן סקיץ פונעם טשוקאָטקער האַלב־אינדזל און רעדט מיט דעם געאָלאָג דיאַגילעוו.

— זעט, וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש, דאָס מוז זײַן די לעצטע מאַפּע, אַן אויסגעבעסערטע און אַ פאַרגרעסערטע, פון לאָסעס קאַרטאָגראַפישער סעקציע. — זאָגט ער איראָניש צום געאָלאָג און ווײַזט אים אָן אַף דער מאַפּע, וואָס הענגט אַף דער וואַנט.

דיאַגילעוו, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַן ענערגישן פּאָנעם, נעמט אַרויס פון זײַן טעקע אַ געדרוקטע מאַפּע, פאַרגלײַכט זי מיט לאָסעס און ענטפערט אַ פאַרוווּנדערטער:

— איך מוז מודע זײַן, אַז זי איז בעסער און דעטאַלירטער פון מײַנער. זעט, פּיאָטר פּעטראָוויטש, אָט דאָ איז דאָ אַ דורכויסיקער פלעק. בלויז דער ברעג־זוים, און אויך ניט קיין פּינקטלעכער. און בײַ לאָסן אַף דער מאַפּע זײַנען אָנגעוויזן אַפילו די אײַנגוסן און די קאַפּן...

דער געאָלאָג האָט זיך אַרײַנגעטאָן אין דער מאַפּע.

דרײַ יונגע מענטשן האָבן זיך גענומען דורכקוקן דעם העפט, ווו לאָס האָט פאַרצייכנט די ווערטער און־פראַזן אין טשוקטשיש. דאָס זײַנען געווען דרײַ לערערס: ניקאָלײַ דוואָרקין, קוזמאַ דאַזאַרני און מיכאַיל סקאַריקאָוו. זיי זײַנען נײַגעריק געוואָרן אַף דער פאַרמאַציע פון די צאָלנעמען אין טשוקטשיש.

— קוקט זיך אײַן, יאַטן, אַ זייער אינטערעסאַנטע ווערטער־פאָרמאַציע!

— האָט דער לערער סקאָריקאָוו אָנגעוויזן. — ווי איך מיין, ציילן זיי אַף דער באַזע פון פינף און ניט פון צען.

— אוממעגלעך! — האָט דוואָרקין ניט געגלויבט. — גיב אַ קוק: איינס איז אינען, מיט אַ ווייכן נון צום סאָף; צען, מינגיטקען; עלף, מינגיטקען אינען פּאַראָל. קלאָר, אַז די באַזע איז צען.

— קוק ווײַטער! האָט זיך סקאָריקאָוו שוין געהיצט. — פּופּצן, קילכינקען; זעכצן, קילכינקען אינען פּאַראָל. וואָס באַווײַזט עס?

— מיר דוכט זיך אויך, אַז די באַזע איז פינף. — האָט זיך אַרויסגעזאָגט קוזמאַ דאָזאָרני.

זיי האָבן זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַ הייסן וויכוח.

בלויז דער פינאַנץ־פירער פונעם רעווקאָם, פּריגונאָוו, איז געזעסן אין אַ ווינקעלע און האָט געשוויגן. זײַן צוגעשוואָלן פּאָנעם האָט אויסגעדריקט אומצופרידנקייט. געדוכט האָט זיך ווי ער טראַכט: „מיר זײַנען דאָ, ברידער, אַרײַן אינעם עמעסן אָרט! אַ כיישעק באַ זיי צו דיסקוטירן וועגן אַזוינע נאַרישקייטן!"

דער מיליציאָנער כאַכלאָוו האָט עפּעס שווער געשריבן אַף זײַן טעקע, וואָס ער האָט געהאַלטן אַף אַ קני אָנגעשפּאַרט.

— וואָס סאָפּעסטו ווי אַ לאָקאָמאָטיוו? — האָט דער פינאַנץ־פירער אַ בורטשע געטאָן.

— איך מאַך דיר אַ פּראָטאָקאָל פאַר אָנשטעלן אַזאַ אַלט פּאָנעם אַף דער נײַער ערד. — האָט אים כאַכלאָוו שטרענג געענטפערט.

די אַלע מענטשן, געקומענע פון פאַרשיידענע עקן רוסלאַנד, זײַנען צווישן זיך זייער נאָענט געוואָרן אַף דער „סאָוויעט", ווו זיי האָבן די צײַט געפּאָטערט מיט וויצלען זיך איינער איבערן צווייטן. דער הויפּט־קאָרבן איז געווען פּריגונאָוו, וואָס איז געפאָרן אַפן צאָפן צוליב פאַרדינען מער.

אין צימער זײַנען אַרײַנגעקומען די פירער פונעם פּוטער־אײַנקויף, רוסאַקאָוו און זשאָכאָוו, די „רויטע סאָכרים", ווי מען האָט זיי אַף דער רײַזע אַ נאָמען געגעבן.

זשאָכאָוו איז שטיין געבליבן באַ דער טיר, האָט באַטראַכט דאָס צימער און מיט ביטל אַ פרעג געטאָן:

— אָט דאָס איז דער טשוקאָטקער סאָוויעטן־פּאַלאַץ?

פּריגונאָוו האָט זיך צעלאַכט.

— לאַך נאָך ניט. — האָט אים דער מיליציאָנער שטרענג אָפּגעשניטן.

— אויב מיר וועלן ניט באַווײַזן אויפצושטעלן דאָס גרויסע הויז, וועסטו מוזן קלאַפּן אַף דײַן סטשאָט דאָרטן אַפן בוידעם.

לאָס איז אַרײַנגעקומען אינעם צימער מיט אַ שמייכל פון אַ גאַסט־פרײַנטלעכן באַלעבאָס. מיט אים איז געקומען דער רעווקאָם־אינסטרוקטאָר, אָסיפּאָוו.

— דאָ האָט איר אײַך, כאַווער לאָס, קימאַט אַלע אונדזערע מענטשן. — האָט אָסיפּאָוו געזאָגט.

אַ קרעפּטיקער און אַ קורצער אין דער טאַליע, האָט דער אינסטרוקטאָר אויסגעזען אַ מענטש אין די פערציקער. די פּאַרטיי האָט אים מאָביליזירט ווי אַ ספּעץ אין מאָטאָרן.

לאָס האָט באַגריסט די אָנגעקומענע מענטשן און האָט אַ פרעג געטאָן:

— ווער פון אײַך איז אַ פּאַרטיי־מיטגליד?

— איך. — האָט געענטפערט רוסאַקאָוו, איינער פון די באַשטימטע פאַרן פוטער־אײַנקויף.

— אַלע לערערס זײַנען קאָמיוגיסטן. — האָט אָסיפּאָוו צוגעגעבן. — זיי קענען שוין אַריבערגיין אין דער פּאַרטיי. מאַלאָדצאָוו, דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט, איז אויך אַ קאָמיוגיסט.

— ווער איז דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט ?

— אָט איז ער דאָ ! — האָט אָסיפּאָוו פאָרגעשטעלט דעם אימפּעטיק אַרײַנגעקומענעם מאַלאָדצאָוו.

— ווי גייט עס, כאַווער מאַלאָדצאָוו ? — האָט אים לאָס פריילעך געגריסט ווי דעם אָנגעלייגטסטן גאַסט. — אָט דאָס, זעסטו, איז דײַן ביוראָ. דאָ וועלן מיר אײַנאָרדענען די ראַדיאָ־סטאַנציע.

— ניט גאָר קיין וואָזשנע ביוראָ. — האָט דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט, אַן אַנטוישטער באַטראַכט דאָס צימער.

— דאָס וועט זײַן אַ פּרעכטיקע ראַדיאָ־סטאַנציע. — האָט לאָס געזאָגט און האָט זיך געווענדעט צו אַלעמען : — איר זעט, כאַווײרים, ווי ענג מיר וווינען דאָ : איך קען אײַך אַפילע ניט בעטן זיצן. נאָר איך וועל אײַך לאַנג ניט אויפהאַלטן. עס האַנדלט זיך אָט אין וואָס. פאַר דער צײַט וואָס די שיף וועט דאָ שטיין, מוזן מיר פאַר יעדער פרײַז אויפשטעלן דאָס נײַע רעווקאָם־הויז און די שול. אַ כוץ דער בוי־גרופּע גיט מיר דער שיפס־קאַפּיטאַן די גאַנצע מאַנשאַפט פון דער „סאָוויעט”. אין דער אַרבעט מוזן מיר זיך אַלע באַטייליקן. איך בעט אײַך איר זאָלט אײַך צו דער אַרבעט נעמען וואַרעם. מירן נאָך צײַט האָבן צו שלאָפן. די טעג דאָ זײַנען לאַנגע.

— זאָרגט אײַך ניט, כאַווער לאָס, מירן זיך נעמען וואַרעם. — האָט דער דאָקטער געזאָגט. — מען האָט אונדז אונטערגעקליבן אַזוי אַז מיר זאָלן טויגן צו יעדן מין אַרבעט.

— אויסגעצייכנט ! דו ווײסט זאָרגן אונדז זאָל קיין האָלץ ניט פעלן. דער דאָקטער וועט זיך פאַרנעמען מיט באַזאָרגן ליים און ציגל ; קורץ, ער וועט אַף זיך נעמען די אויוונס. מירן אײַנשטעלן אַ לעבעדיקע קייט פונעם ברעג אָן. די אָרטיקע קינדער וועלן מיר אויסשטעלן אין אַ ריי, און די ציגל וועלן אַזוי אַרום גיין פון האַנט צו האַנט. דערנאָך וועל איך אײַך העלפן, כאַווער דאָקטער, דעם איניען צו לאָזן אין גאַנג. אויב מירן ניט באַוויזן אויפשטעלן די קוימענס אין דער צײַט וואָס די שיף שטייט דאָ, זײַנען מיר פאַרלוירענע. שפּעטער וועט דאָ קיינער ניט זײַן ווער עס זאָל עס קענען מאַכן.

— וואָס רעדט איר, כאַווער רעווקאָם־דעלעגאַט ? איכל אײַך מאַכן אַזעלכע אויוונס, אַז זיי וועלן הונדערט יאָר אויסהאַלטן. — האָט זיך אָנגערופן דער מיליציאָנער כאַכלאָוו.

— דו, כאַווער מיליציאָנער, גרייט זיך צו די מינוט אָפּצופאָרן אַפן צאָפּנדיקן טייל ברעג. פאַראַן אַ פּיראָגע וואָס גייט שוין אַהין. ווּעסט זיך אַרויסזעצן אין דער בעכטע קליוטשעוואַיאַ. דײַן אויפגאַבע איז קעמפן קעגן דעם שמוגל. דער כאַווער זשוקאָוו וועט דיר אַלצדינג און מיט אַלע פּראַטים אויפקלערן.

— כ'בין שוין גרייט, כאַווער לאָס. כ'נעם דעם רוקזאַק אַף די אַקסלען און בין פאַרטיק. מיר זײַנען דאָך מיליטער־לײַט. — האָט דער מיליציאָנער פריילעך געענטפערט.

— דער כאַווער זשוקאָוו איז באַפרײַט פון דער בוי־אַרבעט. ער וועט

אַרויספֿאָרן מיט דער „סאָוויעט“ אַפֿן קאָנטינענט און דאַרף זיך צוגרייטן. מען דאַרף פֿאַרלאָזן נאָך איין מענטשן. מען מוז שוין צושיקן אַ לערער אינעם ענמאַקײַ־לאַגער, וווּ די שאַמאַנעס האָבן אַ גרויסן אײַנפֿלוס. מען וועט מוזן אויסזוכן אַ פּלאַץ פֿאַר דער שול, צוגרייטן די באַפֿעלקערונג און, ווען די שיף וועט אַהין קומען, שוין אָנהייבן די אַרבעט, אַף קיין איין מינוט זי ניט פֿאַרהאַלטן. דער שיפֿס־קאַפּיטאַן מאַכט צוליב דעם אַ ביז גאָר ריזיקאַלישע רײַזע. שילער וועט קיין סאַך ניט זײַן: העכסטנס אַכט. ווער פֿון די לערערס וויל אַהין פֿאָרן? איך מוז אײַך וואָרענען, אַז די אַרבעט וועט זײַן ניט גאָר קיין גרינגע.

— ווער עס איז פֿון אונדז. — האָט געענטפֿערט קוזמאַ דאָזאָרני, אַ שוואַכלעכער באָכער. — אַלע זײַנען מיר קאָמיוגיסטן, און מיר ווייסן צוליב וואָס מיר זײַנען אַהער געקומען.

— צי איז ניטאָ עמעצער אַ מער קרעפֿטיקער פֿון דיר? — האָט לאָס געפֿרעגט.

אויפֿגעהויבן האָט זיך דוואָרקין, אַ הויכער, מיט פֿעסטע פּלייצעס און דאָס פּאָנעם אַ ביסל געשטופּלט.

— אַזאַ ווי איך טויג דערצו? — האָט ער אומדרײַסט אַ שמייכל געטאָן.

— דו טויגסט! דער כאַוווער זשוקאָוו וועט דיר געבן אינסטרוקציעס. און מער גאָרניט. יעדער איינער אַף זײַן פּאָסטן און גלײַך צו דער אַרבעט.

— איין מאָמענט. — האָט דער געאָלאָג זײַן מיינונג אַרויסגעזאָגט. — איך, כאַווער לאָס, זאָג מיך ניט אָפּ פֿון אַרבעטן גלײַך מיט אַלעמען, נאָר, אַזוי ווי מײַן אַרבעט מוז דעריקער געטאָן ווערן אום זומער, וואָלט איך ניט וועלן פֿאַרלירן די צײַט. צי איז ניט גלײַכער איך זאָל מיר נעמען דעם רוקזאַק אַף די פּלייצעס, די קירקע אין דער האַנט און זיך אַוועקלאָזן אין די בערג?

— נו, גוט. — האָט לאָס מאַסקים געווען. — נאָר דו דאַרפֿסט מיט זיך נעמען אַ וועגווײַזער.

קאַפּיטל IV

אין דער בעכטע האָט שוואַך געריכערט דער קוימען פֿון דער „סאָוויעט“. דאָס גרילצן פֿון די הייבערס האָט אָפּגעהילכט אין דער לופֿטן. צווישן דעם ברעג און דער שיף איז הין און צוריק געגאַנגען אַ מאָטאָר־שלופּקע און געשלעפּט נאָך זיך עטלעכע באַרזשעס.

אַפֿן ברעג, נאָענט פֿונעם אַלטן רעוווקאָם־ביוראָ, האָט מען אַפֿן זשוויר גופֿע געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿונעם נײַעם ביניען.

פֿריילעך האָבן געקלאַפּט די העק און געריסן די זעגן. אומעטום האָבן זיך קוילעס געהערט. מיט די באַרזשעס האָט זיך געטראָגן אַן אומאיבערגעריסענער שטראָם פֿון קלעצער, פֿון ברעטער און פֿון פֿענצטער־ראַמען.

דער לערער דוואָרקין מיט דעם מיליציאָנער כאַכלאָוו האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין דער פּיראָגע.

— אַנדריי! — האָט לאָס געשריגן. — גיב דעם לערער מײַנע העפֿטן מיט ווערטער און פֿראַזן. איך האָב פֿאַרגרייט זעקס עקזעמפּלאַרן.

— זאָל איך אויך דעם מיליציאָנער געבן אַן עקזעמפּלאַר?

—גיב אים.

— ערמען! — האָט אַנדריי געזאָגט צום שטײַערמאַן: — נעם דאָס פּאַפּיר און גיב דאָס איבער וואַמטשאַן. זאָג אים, אַז מיר שיקן עס אים אָנשטאָט יענעם וואָס ער האָט פֿאַרברענט אָפֿן שײַטער. זאָג אים אויך, אַז מיר האַלטן אים נאָך פֿאַר פּרעזידענט פֿונעם שיװועט־סאָוויעט אין ענמאַקײַ. קלער אים אויף, אַז דער שאַמאַן קאַראַגוע האָט דעמאָלט זיך אויסגענוצט מיט זײַן מוירע. האָסט פֿאַרשטאַנען? פֿאַרגעס ניט, אַז אויך דו ביסט אַ פּרעזידענט.

ערמען האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט באַהאַלטן דאָס פּאַפּיר בײַ זיך אין בוזים. די פּיראָגע האָט זיך געגומען פֿאַמעלעך אָפּרוקן פֿונעם ברעג. אַ גינציקער ווינט האָט אָנגעבלאָזן דעם זעגל און די פּיראָגע איז פֿאַרבײַגעשוווּמען דעם ביניען וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען.

אַ טעסלער איז רײַטנדיק געזעסן אָף אַ וואַנט און געשריגן: כאַוויירים, אַ מינוט שווײַגן! די מיליץ גייט אַדורך!

אַלע האָבן געגריסט, ווער מיט דער האַק, ווער מיט דער זעג און ווער מיט אַ ברעט.

אָף אַ שוועל פֿון דער פּיראָגע אויפֿגעשטעלט, האָט דער מיליציאָנער דרײַ מאָל אויסגעשאָסן פֿון זײַן ביקס צום סאַלוטירן.

די פּיראָגע איז געשוווּמען אין דער ריכטונג צו צאָפּן־מײַרעוו.

דאָס הויז איז געוואַקסן פֿאַבלהאַפֿטיק שנעל. אין איין צײַט מיט די ווענט, האָט מען געהויבן די אויוונס. די טעסלערס האָבן באַשלאָסן אָניאָגן די אויוון־לייגערס און די אויוון־לייגערס, די טעסלערס. די אַרבעט האָט זיך צעוואַקסן. דער קורצער פּאָלאַרער זומער האָט געיאָגט דאָס לעבן און די אַרבעט.

דער אויוון־לייגער יעגאָריטש, מיט אַ ברייטער באָרד און אין אַ ווײַסן פֿאַרטעך, אַרבעט אומפֿאַרמאַטערלעך. ער לייגט אַ ציגל און שרײַט אַראָפּ פֿון דער הייך:

— היי, יאַטן, מירן אַרבעטן ביז די זון וועט אונטערגיין!

די געלעכטערס טראָגן זיך איבער דעם גאַנצן געבײַ. עמעצער ענטפֿערט מיט אַ קוויטשיקן קאָל:

— איידער דאָ וועט די זון אונטערגיין קענען מיר באַווײַזן אַ גאַנצע שטאָט אויפֿצובויען.

— הערט אויס! איך האָב געהערט זאָגן, אַז פֿאַראַן לענדער וווּ די זון גייט קיינמאָל ניט אונטער, נאָר איך האָב קיינמאָל ניט געגלויבט, איך האָב געמיינט ס'איז גלאָט אַזוי גערעדט. — שטויגט יעגאָריטש.

די יעגערס האָבן אָף אַ שטיקל צײַט אָוועקגעלייגט זייער שטענדיקע אַרבעט און שלעפּן, באַגלײַך מיט די ווײַבער, שווערע מאַסע. די קינדער פֿאַרווײַלן זיך מיט איבערגעבן פֿון האַנט צו האַנט די ציגל. די אויגן גלאַנצן בײַ זיי פֿון פֿאַרגעניגן.

דער אַלטער איליטש שפּאַצירט ערנסט אַרום אַרום דעם געבײַ, טרעט איבער קלעצער און ברעטער. צי וועט ניט ערגער ווערן דאָס לעבן באַם יאַם־ברעג, טראַכט ער זיך. צו וואָס זײַנען זיך אַזויפֿיל „טאַנגיס" אָנגעלאָפֿן? ווי פֿיל ווײַסע מענטשן! און ווי פֿלינק זיי אַרבעטן! אָף כידושים צו קוקן! און סאַראַ שאָלעם צווישן זיי! זיי אַרבעטן און נאָר זיי לאַכן! אַלע מוזן

זיי זײַן קרויוויים לאָסן. אַז ניט, וואָס העלפן זיי אים אַזוי ? סאַראַ גרויסע מישפּאָכע ? דער אַלטער האָט דערזען לאָסן און איז צוגעקומען צו אים.

— אַה, איליטש, גוט־מאָרגן ! זעץ דיך אַוועק וועלן מיר פאַררייכערן. — האָט לאָס אַרויסגענומען אַ פּעקל ציגאַרעטן.

— צו וואָס בויסטו דאָס ? — ווײַזט דער אַלטער אָן אַפן הויז.

— אַף צו וווינען און אַרבעטן. געקומען זײַנען נײַע מענטשן אײַך העלפן אָרגאַניזירן אַ נײַ לעבן. זעט, אַט זײַנען אויך אָנגעקומען וואָלפיש־שיפּלעך מאַטאָריזירטע, וואָס וועלן פאַנגען מאָרזשן און מען וועט דערצו קיין וועסלעס ניט דאַרפן. זיי זײַנען אַזוי שנעל ווי די מאָטאָר־שלופּקעס.

— מירן זען. — האָט דער אַלטער געצווייפלט און האָט זיך פאַרהוסט נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ מויל מיט רויך.

אַפן סאָף פון צווייטן טאָג איז צום ברעג צוגעקומען דער קאַפּיטאַן פון דער „סאָוויעט“. דאָס הויז איז שוין געווען קימאַט ווי פאַרענדיקט; מען האָט שוין גענומען דעקן דעם דאַך.

— זעסט, מיכאַיל פּעטראָוויטש, מיר האָבן נאָך דעם דאַך ניט געדעקט און שוין רייכערן זיך די קוימענס. מירן אײַך באַלד לאָזן אַהיימפאָרן. די טירן מיט די פענצטער וועלן מיר שוין אַליין אַרײַנשטעלן. — האָט לאָס געזאָגט צום קאַפּיטאַן נאָכן באַגריסן.

— פאַרוואָס ? מירן שוין אַלץ טאָן ביזן סאָף. איך האָב ניט ליב איי־בערצולאָזן אַ זאַך ניט פאַרענדיקט. דאָס וועטער איז גוט און עס איז ניט פאַרויסצוזען קיין שטורעם.

די זון האָט שוין געהאַט אַראָפּגענידערט קימאַט ביז צום יאַם. נאָר דער אָנגעגליטער פײַער־קויל, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט זיך אונטערצוטונקען אינעם קאַלטן יאַם־וואַסער, האָט זיך ווידער גענומען הייבן איבערן הימל.

און באַלד האָבן אירע לאַנגע קרומע שטראַלן זיך גענומען שפּילן אַפן צינקענעם דאַך פונעם נײַעם רעוווקאָם־הויז. די שויבן פון די גרויסע פענצטער האָבן גענומען בליאַסקען און האָבן געצויגן אַף זיך די בליקן פון די אײַנוווי־נער. לאָס גופא איז שטיין געבליבן און זיך ניט געקענט אָפּוווּנדערן פונעם נײַעם הויז.

„איצט וועלן מיר מיט אָן עמעס נעמען לעבן ! — האָט ער זיך פאַר־טראַכט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זײַן ווײַב און אַ פאַרבענקטער געטראַכט:

— „אַלנפאַלס, האָט דער קאַפּיטאַן שלעכט געטאָן וואָס ער האָט זי ניט גע־בראַכט. זע, סאַראַ הויז ! דאָס איז דאָך אַ פּאַלאַץ !“

אַנדריי איז צוגעקומען. לאָס האָט אים שטיל אַרויפגעלייגט אַ האַנט אַפן אַקסל און אים געזאָגט: — מיר איז אַ גרויסער שאָד צו בלײַבן אָן דיר, אַנדריושאַ !

— זאָג עס ניט, ניקיטאַ סערגייעוויטש ! — זע וויפל מענטשן דו האָסט איצט מיט זיך ! און אַלע זײַנען זיי אונדזערע, סאָוועטישע.

— איך האָב זיך צו דיר צוגעוווינט, ביסט מיר ליב געוואָרן... נאָר, הער, אַנדריושאַ, דיר זאָל גאָרניט אײַנפאַלן דאָרט צו בלײַבן. קום אומבאַ־דינגט צוריק ! איך שיק דיך ספּעציעל זאָלסט מיט זיך ברענגען אַלץ וואָס מיר דאַרפן נייטיק האָבן. אַ מענטש פון בלוט און פלייש קען דאָרט אַ סאַך מער אויפטאָן ווי אַלע אונדזערע פּאַפּירן און באַריכטן. דעריקער דאַרפסטו דאָרט פּויעלן מען זאָל אונדז אַוועקשטעלן אַ קולטור־באַזע. דער געדאַנק איז דײַנער. זעץ דיך נאָר אַוועק אָט דאָ אַפן קלאָץ...

זיי האָבן זיך שווײַגנדיק אַוועקגעזעצט.

— דער קאַפּיטאַן האָט מיר געזאָגט, אַז אין מאָסקווע האָט זיך אָרגאַניזירט אַ צאָפּן־קאָמיטעט, וואָס איז אָפּהענגיק פונעם אַלפאַרבאַנדישן אויספיר־קאָמיטעט גופע. פאָר אַהין. שטעל אומעטום אַוועק אונדזערע פּראָבלעמען. האָסט פאַרשטאַנען, אַנדריושאַ?

— אַלץ איז קלאָר, ניקיטאַ סערגייעוויטש!

— ווען דו וועסט פאַרבײַפאָרן דעם לאָרען־לאַגער, אָקטויר דאָרט ווי דער פאָרשטייער פונעם רעווקאָם. העלף דאָרט אײַנשטעלן דעם רויטן קרייץ, די שול. ראָט מערין זי זאָל שטודירן אַף קראַנקן־שוועסטער. איך האָב שוין גערעדט דערפון מיטן דאָקטער. ער איז אַ ווױלער מענטש, אַן אונדזעריקער... שטעל דאָרט אַוועק יאַראָקן פאַר אויפזעער איבערן פוטער־לאַגער. מירן אים צוגרייטן צום איבערנעמען די פירונג אינעם אײַנקויף־הויז. דער זשאָכאָוו, איך ווייס ניט פאַרוואָס, געפעלט מיר עפּעס ניט...

אַנדריי האָט אין זײַן נאָטיץ־העפט אַף דער קני שנעל פאַרצייכנט אַלץ וואָס לאָס האָט אים רעקאָמענדירט און געראָטן.

— און איצט, וואָס שײַעך מיסטער סיימאָנס. ער דאַרף איבערגעבן דאָס אײַנקויף־הויז און מיט דער „סאָוויעט" אַרויספאָרן קיין פּעטראָפּאַוולאָווסק. לויטן ליקווידאַציע־אָפּמאַך גיבן אונדז די נאָרד־אַמעריקאַנער אַוועק אַלע גוט געפּאַדערטע סכוירעס מיט אַ דיסקאָנט פון פערציק פּראָצענט און די ווייניקער געפּאַדערטע מיט אַ דיסקאָנט פון זעכציק פּראָצענט. דו פאַרשטייסט אין וואָס דאָ גייט? דאָס זײַנען באַדײַטנדיקע סומען אין וואַליוטע. מען דאַרף דאָס אַלץ אין זינען האָבן. זיי וועלן ניט וועלן צוריקפירן די סכוירע; ס'איז קיין געשעפט ניט. צו זשאָכאָוון האָב איך קיין צוטרוי ניט: מען קען אים אָפּקויפן מיט דער פעל און מיט די בעבעכעס פאַר אַ צוואַנציקדאָלאַר־שטיק.

— ניקיטאַ סערגייעוויטש, מען דאַרף אַהין שיקן דעם אינסטרוקטאָר פונעם רעווקאָם.

— מיט דיר אַליין איז גענוג. אָסיפּאָוו וועט צופאָרן קאָנטראָלירן דאָס אַנדערע אײַנקויף־הויז. דאָס איז גאָר. און איצט, אַנדריושאַ, אַזוינס וואָס דו דאַרפסט ניט פאַרצייכענען. זע זיך מיט נאַטאַשאַן אין וולאַדיוואָסטאָק און, אויב דאָס געזונט דערלויבט איר, ברענג זי מיט זיך. זעסט דאָך וויפל אַרבעט דאָ איז פאַראַן. דו דערצייל איר ניט קיין מײַסעס וועגן מוירע. דאָס איז ניט בייטיק. ווען זי וועט קומען וועט זי אַליין זען.

— איך וועל דאָס אַלץ טאָן, ניקיטאַ סערגייעוויטש, אַלץ. קענסט זיך אַף מיר פאַרלאָזן ווי אַף זיך אַליין.

לאָס האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט אַרומגענומען אַנדרייען און האָט אים שטילערהייט געזאָגט:

— איך ווייס, אַנדריושאַ!... איצט לאָמיר ריידן וועגן איען. וואָס ווילסטו מיט אים טאָן?

— ער וועט מיך די גאַנצע צײַט באַגלייטן. זאָל ער זען די וועלט מיט זײַנע אייגענע אויגן. די רײַזע וועט פאַר אים זײַן ווי אַן אוניווערזיטעט. ווען ער וועט צוריקקומען, וועט ער דערציילן אַלץ וואָס ער האָט געזען אַף דער גרויסער ערד. אַ חוץ דעם, האָב איך נאָך אַ געדאַנק. איך וועל עס דיר זאָגן בעסאָד. שטעל דיר פאָר מיר קומען אינעם געגנטלעכן רעווקאָם. מיט

מיר קומט אַיע, אַ לעבעדיקער פאָרשטייער פון דעם פאָלק. שטעלסטו דיך פאָר וואָס פאַר אַן אײַנדרוק דאָס וועט מאַכן?

— ביסט אַ מאָמזער־יונג, אַנדריושאַ! — האָט לאָס צופרידן אַ שמייכל געטאָן. — ס'איז אַ געדאַנק! פאָר צו קיין לאָרען און, ווען זשאָכאָוו וועט אויספאַקן די סכוירע, נעם פאַר אַיען אַן אָנצוג און שיך און וועש. קורץ, אַלץ וואָס מען דאַרף, אים אויסצומענטשלען. פאַרשטאַנען?

די „סאָוויעט" האָט געגעבן אַ סיגנאַל צום אָפּפאָרן. אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די באַרזשעס.

אין דער צײַט וואָס לאָס מיט זשוקאָוו האָבן פאָרמאַליזירט די דאָקו־מענטן פון דער לאָדונג, איז אַיע געשטאַנען באַם באָרט און האָט טרויעריק געקוקט אַפן יאַם־ברעג, ווו זײַן לעבן איז אַדורך. אַ פאָר מאָל איז אים אַפן געדאַנק געקומען אַראָפּצולויפן פונעם בריקל, אַרײַנזעצן זיך אין דער יעגער־פּיראָגע און אַנטלויפן צו דער טונדרע. און ער וואָלט עפשער אַזוי געטאָן, ווען ער ווייסט ניט, אַז די שיף דאַרף פאַרבײַגיין ענמאַקײַ, דאָרט אָפּצולאָדן די שול. ער איז שטאַרק נײַגעריק געווען צו זען טיגרענאַן, איר זונעלע, און אַ רייך טאָן זיך מיט דעם שאַמאַן קאָראַגוע: „זע איך האָב מיך געענדערט. איך בין איצט דער האַר פון דער אײַזערנער שיף. איך בין געקומען נעמען טיגרענאַן, וואָס איז פון קינדווײַז באַשטימט צו זײַן מײַן ווײַב".

אַזוי האָט אַיע געטרוימט, ווען לאָס מיט אַנדרייען זײַנען צו אים צו־געקומען.

— שוין פאָרן מיר אָפּ! — האָט זשוקאָוו מיט פרייד אים צו וויסן געטאָן.

און אַיע, ווי ער וואָלט דעם קאָפּ אין דער טליִע אַרײַנגעשטעקט, האָט טרויעריק געענטפערט:

— יאָ, מיר פאָרן שוין אַרויס.

— נעם דיר ניט צום האַרצן, אַיע. איבעראַיאָר קומסטו צוריק מיט אַנדרייען, און איך וועל אײַך אויפנעמען. — האָט לאָס געזאָגט דעם יונג אים צו טרייסטן און האָט אים די האַנט געדריקט.

דערנאָך האָט ער אַרומגענומען אַנדרייען, האָט אים אַ קוש געטאָן און, אונטערן גרילציקן באַגלייט פון דער אַנקער־קייט, האָט לאָס גענומען אַראָפּ־גיין פונעם בריקל צו דער פּיראָגע. אַ ניט־ווילנדיקער געפיל פון טרויער האָט זיך אים געלייגט אַפן האַרצן.

קאַפּיטל V

אַליטעט שפּאַנט מיט דעם יאַם־ברעג. זײַנע פיס, קימאַט באָרוועסע, זינקען אינעם זשוויר. די פוטערנע זאָקן זײַנען אויסגעריבן און פון דער „קוכ־ליאַנקע" זײַנען פאַרבליבן ניט מער ווי פּאַסן, וואָס פאַרדעקן אים קוים דעם רוקן און די ברוסט. דאָס היטל, דער „לאָכטאָקענער" רימען, די „טאָרבאַזן" זײַנען ניטאָ. אַליטעט האָט זיי אויפגעגעסן אַ הונגעריקער אַפן שווימענדיקן אײַז. אַפילע דעם פאָקענעם פענכער האָט ער דעמאָלט אויפגעגעסן.

דערשעפּט און אין שמאַטעס, שפּאַנט ער איצט מיטן יאַם־ברעג און קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן. ער דערמאָנט זיך אָן טשאַלין. אויך טשאַלי האָט באַוויזן זיך אַרויפצוכאַפּן אַף אַן אײַז־בלאָק. ווו איז ער איצט? און דאָס

וואַלפיש־שיפל איז פאַרלוירן. אַ שאָד אַזאַ שיפל! און די פעלן זײַנען אויך פאַרלוירן. וויפל פעלן!

נאָכן שיפבראָך האָט אַליטעט צוויי טעג נאָכאַנאַנד קיין טראָפּן וואַסער ניט געהאַט אינעם מויל. די ליפּן זײַנען אים צעטרוקנט געוואָרן און דער האַלדז פאַרקלעמט. דאָס געזאַלצענע אײַז און יאַם־וואַסער האָבן אים בלויז געאיבלט.

ערשט אַפן דריטן טאָג, ווען דער בלאָק אײַז האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַן אײַז־פעלד, האָט אַליטעט אָנגעטראָפן, אומבלאָנקענדיק צווישן די בלאָקן, אַ בלאָק זיסן אײַז. צווישן די בלויע אײַז־בלאָקן, האָט ער אויסגעזען בלייך. אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרן האָט ער אָפּגעבליאַקעוועט. די שטאַרקע פרעסט האָבן פון אים די זאַלץ אַרויסגענומען.

אַליטעט האָט אים פון ווײַטנס דערזען און איז ווי מעשוגע געוואָרן ווען ער האָט אים דערזען. אינמיטן לויפן האָט ער דאָס מעסער אַרויסגעכאַפּט אָפּצושפּאַלטן פון אים אַ שטיק אײַז. ווי נאָר אָבער ער איז צוגעקומען, האָט ער דאָס מעסער אַוועקגעשלײַדערט און איז צוגעפאַלן צום בלאָק אײַז און אים געגומען גריזשען, ניט געקוקט דערויף וואָס דאָס בלוט האָט אים גע־שטראָמט פון די צעשפּאָלטענע ליפּן.

נאָכדעם ווי ער האָט געשטילט זײַן אומדערמידלעכן דאָרשט, האָט ער אָפּגעשפּאָלטן אַ שטיק אײַז אַף שפּעטער און האָט גענומען ווײַטער שפּרינגען איבער די שפּאַלטן. געשפּרונגען פון אײַז־בלאָק צו אײַז־בלאָק, אויסגעמיטן די אָפענע ערטער, אין דער ריכטונג צום ברעג און איז אַזוי צוגעקומען צום סאָף אײַז־פעלד. אַ רייגער יאַם, ריין פון אײַז, האָט אים פונעם ברעג אָפּגע־טיילט. אַליטעט האָט מיט אַנגסט געקוקט אַף די באַקאַנטע קאָנטורן פון די בערג.

אַ הייסע אָראַנזש־קאָלירטע זון האָט געבליאַסקעט און האָט רעגנבויגנ־דיק באַפאַרבט דאָס אײַז. דער שאָטן פון די אָפּגעטיילטע אײַז־בלאָקן און אײַז־בערג האָט אַליטעטן געגאַרט און ער האָט פאַר זיך געזען טיפן יאַם.

אַליטעט איז לאַנג אַזוי אומבאַוועגלעך געשטאַנען ווי ער אַליין וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זײַל אײַז. די אויגן האָבן זיך אים אָפּגעשטעלט אַפן שפּיץ באַרג רירקאַליאַוט. וויפל מאָל איז ער שוין מיט זײַן שליטן אַרומגעפאָרן דעם באַרג!

די פיס האָבן אים געציטערט און ער האָט זיך געמוזט אַוועקזעצן. ער האָט פאַרקלעמט די ציין און געקריצט מיט זיי. ער האָט געוואָלט שלאָפן, נאָר דאָס איז אוממעגלעך געווען. ער האָט זיך געכאַפּט מיטביידע הענט פאַרן קאָפּ. קיין ווייטיק האָט ער ניט געפילט. ער האָט אַפילע ניט געמערקט, אַז ער האַלט אין דער האַנט פאַרדריקט אַ זשמוט האָר.

פאַרבײַ דעם אײַז־פעלד איז פאַרבײַגעשווומען אַ קלײנער בלאָק אײַז, אַ געשלעפּטער פונעם אונטעריאַמישן שטראָם. אַליטעט האָט אים דערזען, איז ער מיטאַמאָל וואַכזאַם געוואָרן און האָט זיך אַ שטרעק געטאָן. ער האָט דעם אָטעם אײַנגעהאַלטן און זיך אַ לאָז געטאָן צום ראַנד. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן סאַמע אָפּגרונט פון יאַם און זשעדנע געקוקט צום בלאָק. דערנאָך האָט ער האָפענונגספול אַ קוק געטאָן צום שפּיץ רירקאַליאַוט. אַ נערוועזשער ציטער איז אים אַריבער איבערן לײַב. מיט דעם שטיק זיסן אײַז פאַרקלעמט אין דער האַנט, האָט ער אַלע זײַנע קויכעס אָנגעשטרענגט און איז אַראָפּגעשפּרונגען אַפן אײַז־בלאָק. פונעם שטאַרקן שפּרונג, האָט דער

בלאָק זיך אַ וויג געטאָן און עטלעכע קאָנצענטרישע קרײַזן האָבן זיך אַרום אים צעשפּרייט איבער דעם טונקל־גרינעם וואַסער. אַליטעט האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף די שפּיץ־פינגער, האָט דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען אַרײַנגענומען און איז אַזוי פאַרבליבן אַן אומבאַוועגלעכער.

אַ לײַכט ווינטל האָט געבלאָזן און פון זײַן פּאָנעם אַראָפּגעטרייסלט גראָבע טראָפּנס שווייס. אַליטעט האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיקל אײַז, האָט דאָס אײַנגעשלונגען און דערנאָך זיך אויסגעטאָן אַ נאַקעטער. די הויזן האָט ער אַף די אָרעמס אָנגעצויגן, פונעם רעשט „קוכליאַנקע" אַן אימפּראָוויזירטן זעגל געמאַכט איבערן קאָפּ און גענומען ריכטן דעם אײַז־בלאָק. צו דעם געפערלעכן שטיק אײַז האָט אים געבראַכט דער הונגער און דער אומבאַזיגטער פאַרלאַנג צוצוקומען צום ברעג. געוווּסט האָט ער, אַז זאָל נאָר שטאַרקער ווערן דער ווינט, וועלן אים די כוואַליעס אַראָפּשווענקען. און דאָס האָט אים די שרעק געטריבן פון דעם פעסטן אײַז־פעלד, ווו עס איז גאָרניט געווען וואָס צו עסן.

אונטערן גינציקן און נאָכאַנאַנדיקן ווינטל איז דער בלאָק געשוווּמען ווי אַ פּיראָגע. געשטאַנען איז אַליטעט אַ נאַקעטער, אַ געוואַרעמטער פון דער הויך־שטייענדיקער זון און האָט די הענט ניט אַראָפּגעלאָזט.

געצויגן האָט אים דער ברעג. און וואָס נענטער ער איז צו אים געווען, אַלץ לאַנגזאַמער, האָט זיך אים געדוכט, גייט דער אײַז־בלאָק.

די אָרעמס זײַנען אים פאַרשטאַרט געוואָרן. געוואָלט האָט ער זיי אַראָפּלאָזן און אַוועקפאַלן אַפן אײַז. נאָר געבליבן איז ער שטיין און האָט די אויגן ניט אַראָפּגענומען פונעם ברעג.

ערשט צו נאַכט צו איז דער אײַז־בלאָק צוגעשוווּמען צום סאַמע ברעג. און ווי ער וואָלט פונעם זינען אַראָפּ, האָט אַליטעט געכאַפּט דאָס שטיקל אײַז און איז מיט דעם אין וואַסער אַרײַנגעשפּרונגען. ווי אַ כאַיע האָט ער זיך צוגעשלעפּט צום שטיינדלדיקן ברעג, אַן אָנגעוואַרעמטן פון די זונשטראַלן. ער איז אַוועקגעפאַלן אַפן זשוויר און דאָרט אײַנגעשלאָפן.

די זון איז שוין געווען אַראָפּגענידערט ביזן סאַמע האָריזאָנט, ווען די קעלט האָט אַליטעטן אויפגעוועקט. ער האָט די אויגן געעפנט. געליגן איז לעבן אים דאָס פּיצל זיסע אײַז, פון וועלכן עס האָבן זיך געצויגן ריטשקעלעך וואַסער. אַליטעט האָט לאַנג באַטראַכט דאָס שטיקל אײַז, וואָס האָט שוין לאַנג פאַר אים קיין באַדײַטונג ניט געהאַט.

— צעשמאָלצן. — האָט ער אַ מורמל געטאָן. און איז אויפגעשפּרונגען און גענומען אַוועקלויפן פונעם ברעג.

געלאָפן איז ער קעדיי זיך צו דערוואַרעמען, איבער דער ווייך געוואַרענער טונדרע, אַ באַדעקטע מיט פרילינגדיקע בלימלעך. ער האָט אָנגעטראָפן אַ ריטשקע וואַסער און ער איז איר צוגעפאַלן און גענומען טרינקען ווי אַ הונט. מיטאַמאָל האָט אַליטעט דערזען אינעם וואַסער, ווי אין אַ מוטנעם שפּיגל, זײַן שרעקלעכן צעקנוידערטן פּאָנעם. ער איז אָפּגעשפּרונגען, האָט מיט שרעק אַ קוק געטאָן אַף דער ריטשקע און איז אַוועק פון דאָרט.

דערנאָך האָט ער אָנגעטראָפן אַ מויזן־נאָרע, האָט צעגראָבן די ווייכע ערד און האָט באַ די נאָג־כאַיעלעך צוגענומען זייער גאַנצן שפּײַז־פאַרגרייט און האָט פאַר זיי קיין איין קערנדל ניט איבערגעלאָזט, קיין עס־וואָרצל. ער האָט בלויז אָפּגעריסן צוויי בלעטעלעך ווילדן שטשאַוו, האָט זיי אין מויל גענומען און אַזוי קײַענדיק געלאָפן מיטן ברעג.

געלאָפן איז ער קיין ענמאַקײַ און זיך געהיט פֿון מענטשן. און מענטשן וואָס האָבן אים פֿון ווײַטנס דערזען האָבן פֿון אים געווייכט, האָבן פֿאַר אים מוירע געהאַט ווי פֿאַר אַ וואָגל־מענטשן, אַ „טערראַק״. *

אַליטעט איז געווען אויסגעמאָגערט, דאָס פּאָנעם אײַנגעשרומפּן, די אויגן טיף אײַנגעזונקען, די קינבאַקן אַרויסגעשטאַרצט און אינים צעריסענעם אָנטאָן, איז אַ שרעק געווען צו קוקן אַף אים. געגאַנגען איז ער פּאַמעלעך, די הענט אומבאַוועגט, די פּיס קוים וואָס ער האָט זיי געשלעפּט; נאָר אַף אַ מינוט שטיין געבליבן. פֿון צײַט צו צײַט נאָר האָט ער זיך אָנגעבויגן אַ בלעטל שטשאַוו אָפּצורײַסן און איז ווײַטער געגאַנגען. געגאַנגען איז ער ביז די זון האָט גענומען צו שטאַרק וואַרעמען. דעמאָלט האָט ער זיך פֿאַרנומען צו אַ קאַנאַווע, דאָרט זיך אויסגעצויגן אַפֿן גראָז און איז טיף אײַנגעשלאָפֿן. געשלאָפֿן איז ער אַזוי לאַנג די זון איז געגאַנגען איבערן הימל. און ווען אַ קאַלט ווינטל האָט אים אויפֿגעוועקט, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן, האָט עפּעס געגעסן דערפֿון וואָס ער האָט צוגענומען בײַ די מײַז און האָט ווידער גענומען גיין מיטן ברעג. געגאַנגען איז ער די גאַנצע נאַכט.

ווידער האָט זיך פֿרעכטיק צעשײַנט די זון. אַליטעט האָט אַרויפֿגעקלעטערט אַף אַ בערגל. פֿון ווײַט נאָך האָט ער דערזען אַ פּיראָגע שווימען גלײַך צו אים. הינט האָבן זי געשלעפּט פֿאַר אַ לאַנגן רימען, אַ צוגעבונדענעם צום מאַסטבוים, און זײַנען געלאָפֿן מיטן ברעג. נאָך דעם ווי דער מענטש איז געלאָפֿן און געיאָגט די הינט, האָט ער אין אים דערקענט וואַאַמטשאַן. דערנאָך האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין דער פּיראָגע און דערקענט טיגרענאַן, וואָס איז געזעסן באַם נאָז־טייל. אַליטעט האָט זיך אײַנגעבויגן ווי אַ וואָלף אינעם לויער, איז אַראָפּ פֿונעם בערגל און האָט זיך אויסבאַהאַלטן.

ווען די הינט זײַנען צוגעקומען צום בערגל, איז אַליטעט אַרויס פֿון זײַן באַהעלטעניש און האָט אָנגעכאַפּט דעם רימען. וואַאַמטשאַ איז שטיין געבליבן אַ דערשטוינטער. די מענטשן אינעם שיפֿל האָבן אַ געשריי געטאָן פֿאַר שרעק: אַליטעט האָט זיך באַוויזן ווי אַ גײַסט פֿון דער ערד אַרויס.

אַ שוואַכער, אַ דערשעפּטער האָט אַליטעט ניט געקענט אײַנהאַלטן די הינט און איז אומגעפֿאַלן. מיטן רימען אין די הענט האָט ער זיך נאָכגעשלעפּט אַפֿן זשוויר ביז דער געשפּאַן איז שטיין געבליבן.

— קום צו נענטער! — האָט אַליטעט אַ געשריי געטאָן צו וואַאַמטשאַן צום ערשטן מאָל נאָך לאַנגע טעג שווײַגן.

נאָר וואַאַמטשאַ האָט זיך פֿון אָרט ניט גערירט.

— האָב קיין מוירע ניט. די גײַסטער האָבן מיר געהאָלפֿן לעבן בלײַבן...

וואַאַמטשאַ האָט נאָך אַלץ געקוקט אַף אַליטעטן מיט פֿאַרווונדערטע אויגן.

— קום אַהער, נאַרישער מענטש! — האָט אַליטעט ווידער אַ געשריי געטאָן און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפֿן זשוויר צווישן די הינט.

---

*) צווישן די טשוקטשעס פֿונעם ברעגלאַנד איז פֿאַראַן אַזאַ גלייבונג, אַז מענטשן, וואָס די אײַזבערג האָבן זיי פֿאַרשלעפּט בעת זיי זײַנען געווען אַף דער יאַגד, פֿאַרלירן דעם זינען און דאָס לאָשן, און באַקומען דערפֿאַר די פֿעיִקייט איבערצוטראָגן די גרעסטע נויט. אָט די „טערראַקס״ באַווײַזן זיך ווען ניט ווען אין לאַגער, כאַפּן צו אַ שטיק פֿלייש אָדער אַ מאַלבעש און אַנטלויפֿן ווידער אַפֿן אײַז. — (אָנמערקונג פֿונעם מעכאַבער).

אַ בלייכער, אַ וואַקלדיקער, מיט ציטערדיקע הענט, האָט וואַמטשאָ מעכאַניש געמאַכט אַ טראָט נענטער צו אַליטעטן.

— האָב קיין מוירע ניט. איך בין הונגעריק. איך וויל אַהיימגיין. שלעפּ צו די פּיראָגע.

וואַמטשאָ האָט גענומען דעם רימען און, אַליין ניט פילנדיק וואָס די הענט טוען, האָט ער צוגעשלעפּט די פּיראָגע צום ברעג.

אַליטעט איז אַריבערגעשפּרונגען דעם באָרט פונעם שיפל און איז אַוועקגעפאַלן אַפן ווייכן דעק. ער איז געלעגן און געקוקט צום הימל.

טיגרענאַ האָט געוואָלט דעם קאָפּ אויסדרייען קעדיי ניט צו קוקן אַף אים, נאָר זי האָט ניט געקענט. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר די צונג האָט איר ניט געדינט. שטילערהייט האָט זי זיך אַראָפּגערוקט פונעם נאָזטייל. זי האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז אַיוואָס איז באַ איר פון די הענט אַרויסגעפאַלן. זי האָט זיך ביז בלוט אײַנגעביסן די ליפּ, האָט אויפגעהויבן דאָס קינד און אים צוגעדריקט צו דער ברוסט.

— קירעווע אויס די הינט! — האָט אַליטעט אַ געשריי געטאָן.

די הינט האָבן גענומען לויפן אין דער פאַרקערטער ריכטונג. נאָר אויך דער מענטש וואָס איז געזעסן באַם שטײַער־שטאַנג איז געווען אַזוי צעשראָקן, אַז ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. אָט האָט זיך באַ אים די פּיראָגע אָנגעשלאָגן אָן ברעג און אָט איז עס ווידער אַרײַן אין יאַם און האָט אָנגענומען וואַסער מיטן לינקן באָרט.

אַליטעט האָט זיך אָפּגעווישט דאָס פאַרשפּריצטע פּאָנעם און אַף אַלע פיר צוגעקראָכן צום נאָז־טייל. מיט איין האַנט האָט ער אָפּגעשטופּט דעם שטײַערמאַן און האָט באַ אים איבערגענומען דעם שטאַנג. געזעסן איז ער אומבאַוועגט און שטום, מיט אַן אויסדרוקלאָזן בליק אין די אײַנגעזונקענע אויגן. מען האָט מוירע געהאַט צו קוקן אַף אים און דאָך האָבן אַלעמענס אויגן ניט ווילנדיק געקוקט צו אים. מען האָט געשטוינט וואָס מען זעט אים אַ לעבעדיקן. פאַרוואָס זײַנען זיי ניט געשטאָרבן פאַר שרעק?

צוריק אַהיים, זײַנען די הינט, ווי שטענדיק, געלאָפן שנעלער. וואַמטשאָ איז זיי נאָכגעלאָפן ווי פונעם ווינט געטראָגן. אין דער פּיראָגע האָבן אַלע געשוויגן.

טיגרענאַ, מיטן קינד צוגעדריקט צו דער ברוסט, האָט שטײַף געקוקט אַף אַליטעטן. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. טיגרענאַ האָט זיך געמאַכט האַרץ און הויך אַפן קאָל אַ פרעג געטאָן:

— ווער ביסטו? אַ טערראַק?

אַליטעט האָט כיטרע אַ שמייכל געטאָן, נאָר דער שמייכל איז טייקעף פאַרשוווּנדן פון זײַנע צעקרומטע ליפּן. זײַן גרויע באָרד האָט אַ ציטער געטאָן.

— האָסט פאַרגעסן ווער איך בין? האָסט געמיינט איך בין געשטאָרבן?

— אַזוי האָט מען געזאָגט. — האָט טיגרענאַ שטיל געענטפערט.

— ניין. איך בין ניט געשטאָרבן. איך בין עס. גאַנצע טעג האָב איך מיך געראַנגלט מיט די גײַסטער פון הונגער, נאָר זיי זײַנען קעגן מיר אוממעכטיקט געווען... גיט מיר אַ טרונק!

דער יעגער וואָס איז געזעסן לעבן דעם שטײַער־שטאַנג, האָט אים טייקעף אָנגעגאָסן וואַסער אין אַ קרוג און מיט אַ ציטערדיקער האַנט דערלאַנגט אַליטעטן.

אַליטעט האָט מיט איין מאָל אויסגעטרונקען דעם גאַנצן קרוג.

— נאָך ! — האָט ער געבעטן און אויסגעשטרעקט די האַנט.

נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען דעם צווייטן קרוג וואַסער, האָט ער זיך דאָס פּאָנעם באַטאַפּט און געזאָגט :

— איך האָב גאָרניט געהאַט וואָס צו עסן. איך האָב געזען ניט מער ווי איין פּאָקע אַפן אײַז. איך בין צו איר צוגעקומען פון דער זײַט ווו דער ווינט האָט מיר אין פּאָנעם געבלאָזן און האָב זי אָנגעכאַפּט פאַר אַ פלאָס־פעדער, נאָר זי האָט זיך מיר פון דער האַנט אויסגעגליטשעט און איז אַרײַן אין וואָסער. געגעסן האָב איך פון מיר דאָס אָנטאָן.

אַליטעטס קאָל האָט זיך געהערט ווי אַ באַסאָווע סטרונע. זײַנע ווערטער האָבן דוכט זיך פול געמאַכט די פּיראָגע. אַ טויט־שרעק איז באַפאַלן טיגרע־נאַן, זי האָט דעם באַוווסטזײַן פאַרלוירן און איז אומגעפאַלן אַפן קינד.

די פּיראָגע איז שוין געהאַט אַ גרויס שטיק וועג אָפּגעשווומען ווען טי־גרענאַ איז צו זיך געקומען. זי האָט ניט דערזען דאָס קינד לעבן זיך און האָט אַ ציטער געטאָן : צי האָט ניט אַליטעט דאָס צוגעוואָרפן די יאַם־גײַס־טער ? טיגרענאַ האָט זיך אומרויִק אַרומגעקוקט און האָט דערזען דאָס קינד אַ ביסל ווײַטער פון איר. זי האָט עס געכאַפּט אַף די הענט און מיט סינע געקוקט אַף אַליטעטן.

אַליטעט איז געבליבן זיצן אַף דער נאָז־טייל אַזוי שרעקלעך ווי פריִער. ער האָט שווײַגנדיק געקוקט פאַר זיך ווי גאָרניט קיין לעבעדיקער. טיגרענאַ האָט געקוקט אַף אים דורך אַ שפּאַלט צווישן די פינגער. זי האָט געוווסט, אַז אַליטעט וויל איצט ברענגען אַ גרויסן קאָרבן צו די גײַסטעד און האָט זיך ניט ווילנדיק דערמאָנט אָנעם בערדיקן רוסישן נאַטשאַלניק. אַ קוים מערקלעכער שמייכל האָט איר פּאָנעם באַלויכטן. און ווידער האָט איר האַרץ פאַרקלעמט אָט דער געדאַנק : „און טאָמער זאָגט אַליטעט אַז ער דאַרף מאַק־ריוו זײַן אײַוואַמען ? צי דען האָט ער ניט דערהאַרגעט די קינדער פון מאַר־גינאָט ?”

אַלע האָבן געוווסט, אַז דער נאָמען אײַוואַם איז אַ צוזאַמענשטעל פונעם נאָמען אַליטעט און פונעם וואָרט וואַאָם, טײַכל. נאָר קיינער האָט ניט כוישעד געווען טיגרענאַס הינטער־מיין. דער פאָטער פונעם קינד האָט באַ־דאַרפט זײַן איִע, נאָר געווען איז ער וואַאַמטשאַ. טיגרענאַ האָט דערום דעם קינדס נאָמען צוזאַמענגעשטעלט מיט דעם אָנהייב פון איִעס און וואַאַמטשאָס נעמען : אײַ־וואַם.

אַליטעט האָט פײַנט געהאַט וואַאַמטשאַן און איִען. און טאָמער דערשיפּ־ריִרט ער פּלוצים דעם נאָמען ? דעמאָלט וועט ער זיכער וועלן ברענגען דאָס קינד פאַר אַ קאָרבן.

מען האָט שוין אָנגעזען דעם לאַגער ענמאַקײַ.

אַליטעט האָט מיטאַמאָל אַרויסגעלאָזט דעם שטײַער־שטאַנג פון די הענט און האָט זיך אויפגעשטעלט. אַף זײַן פּאָנעם האָט זיך געמאָלן שרעק. זײַנע אײַנגעפאַלענע באַקן האָבן קאָנוווולסיוו געציטערט. אַליטעט האָט אַ דער־שטוינטער געקוקט אין דער זײַט פונעם לאַגער.

צווישן די „יאַראַנגאַס” האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ הילצערן הויז מיט אַן אײַזערנעם דאַך, וואָס האָט געגלאַנצט אַקעגן דער זון. די שויבן האָבן אָפּגעשלאָגן אַ שײַן, די מענטשן האָבן זיך שטיל איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך געפרעגט צי אַלע זעען דעם ווונדער.

— ווי קומט אַהער די הילצערנע „יאַראַנגאַ״ — האָט אַליטעט שטיל געפרעגט און האָט אומרויִק באַטראַכט דאָס הויז.

טיגרענאַ האָט דערשפּירט אַ ניט קלאָרע פרייד אין האַרצן, פון אַלי־טעטס פלוצימדיקער מוירע ווי פון דער אויפגעקומענער הילצערנער „יאַראַנ־גאַ״ אינעם לאַגער. און ווידער האָט זיך איר דערמאָנט דער בערדיקער רו־סישער נאַטשאַלניק.

— וואָס שווײַגט איר? — האָט אַליטעט אַ געשריי געטאָן.

— ווען מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן פונעם לאַגער, האָבן מיר איבערגע־לאָזט אַלץ ווי געווען, — האָט טיגרענאַ רויִק געענטפערט, כאָטש מיט אַ גע־וויסער אינערלעכער פרייד. — קיינער ווייסט ניט פונוואַנען עס האָט זיך פלוצים גענומען אַהער די הילצערנע „יאַראַנגאַ״.

די הינט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום לאַגער און געלאָזט וואַמטשאָן ווײַט הינטער זיך. הינטערן שיפל האָט דאָס וואַסער געשוימט.

אַף דער קליינער טעראַסע פונעם נײַעם הויז, האָט אַ הויכער ברייט־פלייציקער יונגע, אין רוסישן אָנטאָן, רויִק געקוקט ווי די פּיראָגע שווימט צו. ער האָט געדריכערט אַ ליולקע, און אין דער ריינער לויטערער לופט האָט זיך געהויבן אַף אַרויף דער קרײַזלדיקער רויך.

געווען איז עס דער לערער ניקאָלײַ דוואָרקין.

קאַפּיטל VI

די זון, אַ פאַרזונקענע אין נעפּל אָדער אין ווײַסע פּײַכטע וואָלקנס, ווײַזט זיך אַלץ זעלטענער. די טעג זײַנען געוואָרן זייער קורץ און דער ווינ־טער איז אָנגעקומען. עס איז ערשט סאָף סעפּטעמבער און שוין איז די ערד באַדעקט מיט שניי. די נײַע רעווקאָם־אַרבעטער האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי פרי אָנקומען דעם ווינטער. זיי קוקן אַפן שניי־צודעק וואָס הילט אײַן דעם האָריזאָנט און זיי בענקען נאָך די היימישע ערטער. און דאָך האָט די אומענדלעכע ראַכוועס און די כמורנע מאַיעסטעט פונעם צאָפן באַוויזן צו פאַנגען דעם מענטשן. לאָס, אַ כוץ דעם, דערלאָזט ניט קיינעם פון זיי זיך לאַנגווײַליקן.

אינעם נײַעם הויז זײַנען די רעווקאָם־מיטגלידער טאָג־טעגלעך פאַרנו־מען מיט לערנען דאָס טשוקטשישע לאָשן. דער רעווקאָם זעט אויס ווי אַן עטנאָגראַפישער פאַקולטעט, ווו לאָס האָט די אַמטן פון דעקאַן און קאַטעד־ראַטיקער.

אַפן יאַם־ברעג שטייען שוין דרײַ שולן. אָנגעהויבן האָט זיך שוין די אַרבעט אינעם אָפּטייל פונעם רויטן קרייץ. אין די סאָוועטישע אײַנקויף־הײַזער האַנדלט מען מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג און מען פירט צווישן זיי אַן אַרבעט. געהויבן האָט זיך די טעטיקייט פון די שייוועט־סאָוויעטן. באַ יעדער געלעגנהייט קומען אָן בריוו פון אומעטום צום רעווקאָם. די פרע־זידענטן פון די שייוועט־סאָוויעטן קומען פרעגן אַן אייצע, אַ „לעבעדיק וואָרט״, ווי זיי רופן דאָס.

„די אַרבעט פאַרנעמט זיך אַף אַ וועג!״ — האָט לאָס צופרידן אַ טראַכט געטאָן באַם איבערקוקן די בריוו. באַזונדער האָט אים פאַראינטערעסירט אַ בריוו פון רוסאַקאָוון, דעם אויפזעער פון איינעם אַן אײַנקויף־הויז. ער

האָט אָוועקגעלייגט דעם בריוו אַפן טיש, האָט אים אויסגעגלעט און האָט אַרײַנגערופן זײַן סעקרעטאַר, וואָס איז געזעסן אינעם דערנעבנדיקן צימער:

— פעטיאַ, זאָג אָסיפאָוון ער זאָל אַרײַנקומען!

ביז דער רעווקאָם־אינספעקטאָר וועט אַרײַנקומען, שפאַנט דערווײַל לאָס אום איבערן צימער. דער צימער איז אַ גערוימער און אַ רייִנער, און לאָס לאַכט אין זיך ווען ער באַקוקט עס. אַף איין וואַנט הענגט די מאַפע פונעם ראַטנפאַרבאַנד און אַ צווייטע גרויסע מאַפע פונעם טשוקאָטקער האַלב־אינדזל, מיט אַלע לאַגערן, וואָס ער אַליין האָט געצייכנט. אַף דער וואַנט וואָס איבערן טיש הענגט אַ בילד פון לענינען און אַ צווייטע פון סטאַלינען, ביידע אָן ראַמען. אַף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט הענגט אַ בילד פון לעוו טאָלסטאָי, פון אַ בוך אַרויסגענומען.

אָסיפאָוו איז אַרײַנגעקומען.

— פאַראַן אַן אינטערעסאַנטער בריוו פון רוסאַקאָוון. — האָט אים לאָס געזאָגט. — עמעס איך קען אַליין גוט די דאָרטיקע לאַגע. עס גייט דערין וואָס דאָרט האָבן זיך געשאַפן צוויי גרופעס. דער לאַגער איז איבערגעשניטן מיט אַ ריוו אין דער מיט. פון איין זײַט געפינען זיך די יעגערס אָנהענגער פון די נאָרד־אַמעריקאַנער און פון דער צווייטער זײַט די וואָס סימפאַטיזירן אָפן מיט אונדז. האָט רוסאַקאָוו אינעם צווייטן טייל אָרגאַניזירט אַ יאַגד־קאָאָפעראַטיוו. און ער שרײַבט מיר איך זאָל אַרײַנשיקן אין לאַגער אַ מאָטאָ־ריזירטן וואַלפיש־שיפל, וועלן זיך מעגלעך אָנשליסן אינעם קאָאָפעראַטיוו אויך די אָנהענגער פון די נאָרד־אַמעריקאַנער.

— נאַטירלעך דאַרף מען זיי שיקן אַ וואַלפיש־שיפל. — האָט אָסיפאָוו מאַסקים געווען.

— יאָ... די לאַגע דאָרט איז אָבער אַ סאַך קאָמפליצירטער ווי עס דוכט זיך. די דאָזיקע גרופע יעגערס האָט אַן אָנפירער, וואָס איז קרוויִש פאַרבונדן מיט די עסקימאָסן פון די נאָרד־אַמעריקאַנער אינדזלען, אַן אַלטער גוואַר, אַ בלינדער אַף איין אויג, דער בעסטער יעגער פון דער געגנט. מען רופט אים „דער מענטש וואָס קוקט פון אויבן”. ער האָט זיך זײַנע מאַניעס. די גאַנצע גרופע איז פון אים באַהערשט, און זײַן אויטאָריטעט איז אַן אַבסאָלוטע. מירן אים אַזוי לײַכט ניט געווינען. און געווינען אים מוזן מיר אומבאַדינגט. ער איז אַ גרויסע שטיצע פאַר אַליטעטן. — האָט לאָס זיך פאַרטראַכט.

— איך וועל אַהין צופאָרן. — האָט אָסיפאָוו זיך אָנגעבאָטן. — איכל צוהעלפן רוסאַקאָוון.

— רעכנסט זיך אָפגעבן מיט פראָפאַגאַנדע? אַ שווערער אייסעק. איך מיט אַנדרייען האָבן מיר דערויף אַ גאַנץ יאָר אָפגעגעבן און די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן דערווײַל געמאַכט פראָפאַגאַנדע מיט זייערע סכוירעס. עמעס, ניט שטענדיק זײַנען מיר דורכגעפאַלן, נאָר איצט קענען מיר פירן פראָפאַגאַנדע מיט מײַסים. דעם קאַמף וועלן מיר אָנהייבן פרילינג־צײַט, פאַרן יאַגד־סעזאָן, ווען מיר וועלן אַראָפלאָזן אין וואַסער דאָס וואַלפיש־שיפל פונעם קאָאָפעראַטיוו. דערווײַל דאַרף מען דעם אַלטן צו רו לאָזן און ניט קאַליע מאַכן דאָס אייסעק. מיר קענען אים צוציִען אַף אונדזער זײַט מיט דער גוטער אַרבעט פונעם וואַלפיש־שיפל. אַזוי מיין איך. און דערווײַל, וואַסילי סטעפאַנאָוויטש, גיב איך דיר צוויי כאַדאָשים אורלויב.

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אורלויב?

— איך וויל דו זאָלסט דיך אײַנגאַנצן אָפּגעבן מיט לערנען דאָס לאָשן. זאָלסט אין צוויי כאַדאָשים אַרום קענען פרײַ ריידן.
— איך ווייס ניט צי וועל איך עס אין צוויי כאַדאָשים באַווײַזן.
— מען מוז עס באַווײַזן. מוזט עס דיר שטעלן פאַר אַ ציל.
— איכל פּרוווּן.
— מיר האָבן ניט קיין צײַט אָף פּרוווּן. מוזט עס טאָן. אַנדערש, איז אוממעגלעך צו אַרבעטן.
— גוט. — האָט אָסיפּאָוו מיט פעסטקייט געענטפערט.
אַרײַנגעקומען איז אין ביוראָ דער אַלטער איליטש. לאָס האָט אים גע־גריסט אין טשוקטשיש און האָט אים דערלאַנגט אַ שטול. דער אַלטער האָט זיך אָוועקגעזעצט, נאָר באַלד האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט אָף דער ערד און איז געבליבן זיצן אָף די פאַרלייגטע פיס.
— לאָס, — האָט דער אַלטער געמאַכט אַ וויכטיקע מינע. — פאַראַן נײַס. די שיף איז שטיין געבליבן צווישן אײַז, אינעם צאָפן, ווײַט, לעבן קאַפּ. זי לאָזט קיין רויך ניט און איז פאַרבליבן אָפן גאַנצןווינטער.
— די שיף? — האָט לאָס איבערגעפרעגט אַן איבערראַשטער און אַ ביסל דערשטויגט. ער האָט זיך דערפילט שולדיק דערין וואָס די „סאָוויעט" איז דאָרט פאַרבליבן ווינטערן.
די יעדיע וועגן דער שיפס געצווונגענער ווינטערונג האָט אָף אים אַן אײַנדרוק געמאַכט. ער האָט גענומען די ליולקע און מיט אימפּעט פאַר־רייכערט.
לאָס האָט אַ שטאַרקן צי געטאָן דעם רויך און, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט נאָך עפּעס זיך צו דערוויסן וועגן דער שיף, האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם אַלטן וועגן עפּעס אַנדערש:
— וואָס נאָך פאַראַ נײַסן ברענגסטו?
— מער קיין נײַס איז ניטאָ.
— האָסטו ניט געהערט עפּעס וועגן דעם לערער, וואָס דײַן זון ערמען האָט אים אָוועקגעפירט?
— איך האָב גאָרניט געהערט.
— און וועגן דעם מיליציאָנער?
— ניטאָ מער קיין נײַס.
לאָס האָט אַ פאַרכמורעטער צו וויסן געגעבן אָסיפּאָוון:
— אַ ניט אָנגענעמע יעדיע.
— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט אָסיפּאָוו געפרעגט.
— די „סאָוויעט" איז שטיין געבליבן אינעם אײַז. גאַנצע צען כאַדאָ־שים וועט זי זיך פון דאָרט ניט קענען רירן. ס'איז אַ גרויסער איבערשלאָג.
— האָט לאָס אַ זיפץ געטאָן. — דער גאַנצער סאָוועטישער האַנדלס־פּלאַט אָפן ווײַטן מיזרעך באַשטייט פון ניט מער ווי פופצן שיפן. און איך, דעלע־גאַט פונעם רעווקאָם, האָב איינע פון זיי אַרײַנגעזעצט אינעם אײַז צוליב אַ קליינער שול אָוועקפירן צום ענמאַקײַ־לאַגער. האָב איך מיך גוט באַגאַנ־גען? — האָט זיך לאָס פאַרקלערט.
— שווער דערויף צו ענטפערן, ניקיטאַ סערגייעוויטש.
— ניין, ס'איז ניט שווער. איך האָב מיך באַגאַנגען ווי געהעריק. באַל־שעוויקעס קענען ניט צוגיין צו אַזוינע איניאָנים מיט קרעמערישע באַגריפן. דאָס איז דער זין פון אונדזער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק... נו, איליטש, אַ דאַנק

דיר פּאַר די ניסן. אויב דו וועסט זיך דערוויסן עפּעס מער, קום צו גיין... נאַ דיר טאַבאַק אַפן וועג.

ניט געקוקט דערויף, האָט זיך לאָס ניט געפילט אַזוי באַרויקט ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער שיף. טיף אין זיך האָט ער נאָך ניט געקענט זאָגן באַשטימט צי ער האָט גוט געטאָן אָדער ניט. געערגערט האָט אים אויך דאָס שווייַגן פון דער ראַדיאָ־סטאַנציע. ער האָט גענומען אָף זיך די „קוכ־ליאַנקע" און איז אַוועק אַ קוק טאָן צום ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט.

פון מאַלאַדצאָוס אַפּהענטיקן שמייכל האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז די סטאַנציע פונקציאָנירט נאָך ניט.

— אומזיסט טראַגסטו אַזאַ צוזאַגנדיקן פאַמיליע־נאָמען! — האָט לאָס אַ זאָג געטאָן מאַלאַדצאָוון * מיט ניט אייַנגעהאַלטענעם קאַס.

— אויך מיר איז עס פּייַנלעך, ניקיטאַ סערגייעוויטש! איך עס מיך אויף אַ לעבעדיקער. כאָטש נעם און הענג זיך אויף. נאָר טוט וואָס איר ווילט, איך קען ניט צוטרעפן. — האָט מאַלאַדצאָוו געזאָגט און טרערן זייַנען אים געקומען אין די אויגן.

— וויאַזוי־זשע, זונעלע, ביסטו געקומען אַהער? איבער דיר בין איך דאָ אָן קאָמוניקאַציע. דאָס איז דאָך אַ פאַרברעכן! האָסט כאָטש אַמאָל גע־אַרבעט דערבייַ צי ניין?

מאַלאַדצאָוו האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און האָט געשוויגן. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט אין וואָס פאַר אַ לאַגע לאָס געפינט זיך. נאָר וואָס מער ער האָט זיך געפלייַסט, אַלץ ווייניקער האָט ער פאַרשטאַנען דעם גאַנץ נייַעם פּאַר אים ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

— אין פּעטראָפּאַוולאָווסק האָב איך גוט געאַרבעט באַם אויפנעמען און אַרויסשיקן טראַנסמיסיעס. דערפאַר האָט מען מיך געשיקט אַהער. נאָר איך בין קענטיק שוואַך אין דער ראַדיאָ־טעכניק. — האָט ער זיך געוואָלט פאַרענטפערן.

— ווער איז דער אידיאָט וואָס האָט דיך געשיקט אַהער? דאָ קען מען דאָך ניט צוגיין צו אַ שאַכן און אים בעטן אַרויסהעלפן. מוזן מיר דאָ ליגן ווי די פעלד־מייַז אין דער נאָרע. זאָג מיר גאַנץ אָרנטלעך: דו קענסט מאַכן אַז די ראַדיאָ־סטאַנציע זאָל פונקציאָנירן אָדער דו קענסט ניט?

— איך ווייס ניט, ניקיטאַ סערגייעוויטש.

לאָס האָט פאַרדראָסיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַרויס פון דער סטאַנציע.

„גלייַכער וואָלט שוין געווען ער זאָל אינגאַנצן ניט זייַן. — האָט ער זיך געטראַכט. — וואָלטן מיר רויקער געלעבט".

קאַפּיטל VII

די וואַנדער־פייגל האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזט די טשוקאָטקער ערד, און נאָר הינטערשטעליקע זייַנען סטייַעסווייַז געפליגן צו דאָרעם. לענגאויס דעם גאַנצן יאַם־ברעג האָבן זיך שווימענדיקע אייַז־פעלדער געצויגן ביזן האָריזאָנט. דער באַלעבאָס פון דער געגנט איז אָנגעקומען: דער ווינטער. דער פרימאָרגן איז אַ רויקער. ערגעץ וואָיעט אַ הונט.

און, איבער דער שניי־באַדעקטער ערד, איבערן הימל און איבערן יאַם, האָט זיך אָפן אייַז פּלוצים באַוויזן אַ לאַנגער זייל רויך, וואָס האָט זיך גע־

* פון מאַלאַדיעץ — בראַווער יונג.

הויבן צו הימלשן געוועלב. דער גאַנצער לאַגער־יִישעוו האָט זיך צעוויגט. דער אוילעם איז געלאָפן צום יאַם־ברעג.

לאָס האָט גענומען אַ לאַנגן שפּאַקטיוו און איז אַרויף אָפן דאַך. ער האָט אָנגעשטעלט דעם שפּאַקטיוו צום רויך און האָט אין אים אויפגעכאַפּט אַ שיף. מען האָט דײַטלעך געזען ווי זי ראַנגלט זיך מיט דעם אײַז און שנײַדט זיך אַ וועג צו אַן אָפענעם פּאַס אינעם יאַם. פון צײַט צו צײַט האָט זי צוריקגעטראָטן און באַלד אין פולן גאַנג ווידער אַרויף אָפן אײַז און אים צעבראָכן און די שטיקער צעשאַרט; זי האָט די ציין אינעם אײַז־אײַנגעביסן און האָט די אײַז־בלאָקן צעטריבן, כאָטש געריסן האָבן זיי זיך ווידער צונויפצוקומען.

דער אוילעם האָט זיך געקליבן אַרום הויז פונעם רעוווקאָם. אַלע האָבן בײַגעריק געקוקט אָפן פאַרפרוירענעם יאַם.

— ס׳איז אַן אײַז־ברעכער! — האָט לאָס געשריגן פונעם דאַך אַראָפּ.

דער אײַז־ברעכער האָט זיך געמאַכט אַ וועג צום אָפענעם פּאַס יאַם און שנעל גענומען גיין צום לאַגער.

לאָס האָט באַוויזן איבערצולייענען דעם נאָמען.

— דער „קראַסני אָקטיאַבר”! — האָט ער אויסגעשריגן. — דער געוועזענער „באַדיאָזשני”!

— דער „קראַסני אָקטיאַבר” האָט לאַנג געפּײַפט און אָפּגעהילכט אין די בערג.

לאָס איז שנעל אַראָפּ פונעם דאַך, האָט אײַנגעשפּאַנט די הינט און איז מיט ערמענען געלאָפן צו דער שיף. דער שליטן האָט זיך געדרייט צווישן די אײַז־בלאָקן.

...ווײַט פון די טשוקאָטקער ברעגעס, אַ פאַרוואָרפנס אינעם אײַז־יאַם, האָט דאָס וראַנגעל־אינדזל, אַן אויסגעפונענער דורך די רוסישע יאַם־רײַזנדער, געצויגן דעם כיישעק פון די ענגלישע פאַרכאַפּערס. זיי האָבן זיך אויסגענוצט מיט דער געשאַפענער לאַגע אָפן ווײַטן מיזרעך און האָבן דאָס אינדזל פאַרכאַפּט קעגן אַלע געזעצן פונעם אינטערנאַציאָנאַלן רעכט.

אַ געוויסער וועלס האָט זיך דאָרט אַרויסגעזעצט מיט זײַנע מענטשן.

לויט אַ פאַראָרדענונג פון דער רעגירונג, האָט אַן עקספּעדיציע מיט דעם יאַם־פאָרשער דאַווידאָוו בעראָש, געצוווּנגען די ענגלענדער פאַרלאָזן דאָס אינדזל און האָט דאָרט אײַנגעשטעקט אַ מעטאַלענע סאָוועטישע פאָן.

איצט פאָרט דער „רויטער אָקטאָבער” צוריק פונעם וראַנגעל־אינדזל און, אין קאַמף מיט דעם אײַז, האָט ער אויסגעבראַכט זײַן גאַנצן פאַרגרייט קוילן. דאָס געהילץ וואָס האָט די שיף באַשלאָגן, די שטריק, דאָס מעל, דער צוקער, אַלץ וואָס האָט געקענט ברענען, איז אַרײַן אין די קעסלען. די מאַנשאַפט האָט זיך געפונען אין אַ לעצט־שווערער לאַגע.

לאָס איז צוגעקומען צו דער שיף און דער מאַטראָס אַף דער וואַך האָט אים טייקעף אַרײַנגעפירט צום עקספּעדיציע־אָנפירער אין דער קאַבינע.

דער פּראָפעסאָר דאַווידאָוו, אַ באַרימטער יאַם־פאָרשער, האָט שטיל אויפגענומען לאָסן. נאָך אַ פּאָר באַגריסונגס־פראַזן, האָט ער אים טרוקן פאָרגעשטעלט דאָמיניקאָוון, דעם קאָמיסאַר פון דער עקספּעדיציע. אַף זייערע פּענעמער איז געלעגן גרויס אומרו. די צוויי מענטשן האָבן אין זייערע הענט געהאַט דעם גוירל פון דער גאַנצער מאַנשאַפט, וואָס איז באַשטאַנען פון הונדערט און צוואַנציק מאַטראָסן. מיט קנאַפּע ווערטער האָבן זיי אויסגע־

לייגט פאַר לאָסן דעם ציל פון זייער רײַזע און די שווערע לאַגע, אין וועלכער די שיף געפינט זיך.

לאָס איז געזעסן אַפן מעטאַלענעם שטול און געכאַפּט אַ קוק אַף דער קאַבינע, ווו עס איז אָפּגעריסן געווען דאָס גאַנצע האָלץ און געזען האָט זיך ניט מער ווי פאַרזשאַווערט אײַזן.

— מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָבן די ענגלענדער זיך אויסגעזעצט אַף אונדזער אינדזל? — האָט לאָס געפרעגט.

— מיט דעם רעכט פון „כאַפּ צו אַלץ וואָס ליגט ניט גוט באַהאַלטן". נאָר זיי האָבן אַ שטיקל טאָעס געהאַט אינעם כעשבן. מיר האָבן זיי אַ קליין ביסל איבערגעשראָקן אין דער געשטאַלט פון דעם וועלס! — האָט דער קאָמיסאַר זיך צעלאַכט. — ווען מיר זײַנען צוגעקומען צום אינדזל, האָט ער אָפּאָנעם געמיינט די שיף איז אַן ענגלישע און איז אונדז אין אַ שיפל שנעל אַקעגנגעפאָרן, נאָר ווען ער האָט דערזען אַף דער שיף־נאָז די רויטע פאָן, האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט. מיר האָבן אים געמוזט אָפּשטעלן מיט צוויי קאַנאָנען־שאָס. אונדז האָט שטאַרק אינטערעסירט זײַן טאָג־בוך.

— ווען מיר האָבן אים אַרויפגענומען אַף דער שיף, האָט ער געציטערט ווי אין אַ קאַדאָכעס. — האָט דער עקספּעדיציע־פירער זיך אָנגערופן. — ער האָט געמיינט די באָלשעוויקעס וועלן צו אים אַ סאָף מאַכן. איצט איז ער שוין באַרויִקט. ער איז אַפילע צופרידן און קען זיך ניט אָפּלויבן פון דער רוסישער וואָדקע.

— ווילסט איך זאָל דיר ווײַזן וועלסן? — האָט דער קאָמיסאַר געפרעגט לאָסן.

— צו וואָסערע טײַוואָלים דאַרף איך אים? איך האָב זיי שוין גענוג געזען. זאָגט מיר בעסער ווו איז געבליבן די „סאָוויעט"? איר האָט מיט איר אַ פאַרבינדונג?

— אָ! די „סאָוויעט" מוז שוין באַלד זײַן אין וולאַדיוואָסטאָק.

— וואָס? — האָט לאָס זיך געוווּנדערט. — באַ אונדז איז דאָך אומגעגאַנגען אַ קלאַנג אַז זי איז געבליבן ווינטערן באַם צאָפן־קאַפּ.

— דאָס האָבן מיר דאָרט געזאָלט בלײַבן ווינטערן. מיר האָבן אויסגעלאָשן די קעסלען און שטיין געבליבן. נאָר שפּעטער האָבן מיר פונעם מאַסט־קאָרב דערזען אַן אײַנגוס און מיר האָבן באַשלאָסן ריזיקירן. — האָט דער קאָמיסאַר אים אויפגעקלערט.

— איצט אָבער איז אונדזער לאַגע אַ קאַטאַסטראָפאַלע. — האָט צוגעגעבן דער עקספּעדיציע־נאַטשאַלניק. — מיר האָבן אויסגעברענט ביז דער לעצטער לאָפּעטע קוילן. ווי איר זעט איז אונדז געבליבן ניט מער ווי דער אײַזערנער סקעלעט און — האָט ער אַ זיפץ געטאָן — מיר האָבן ניט באַוויזן צוצוקומען ביז דער קוילן־באַזע פראָווידיעניע. מיט אַ ביסל קוילן וואָלטן מיר עס באַוויזן. איצט, קענען מיר פאַרשלעפּט ווערן מיטן שטראָם, אָן אַ פאַרגרייט אַף ווינטער. די פּערספּעקטיוו איז אַ שרעקלעכע: פאַרלאָזן די שיף און אַראָפּ אַפן ברעג. אַ מאַנשאַפט פון הונדערט און צוואַנציק מענטשן!

לאָס האָט אויסגעהערט דעם נאַטשאַלניק און האָט זיך געטראַכט:

„איך האָב הונדערט און פופציק טאָן קוילן. זאָל איך זיי אָוועקגעבן? ניין, איך קען ניט. ווען איך זיי אָוועקגעבן די קוילן, וועלן מיר אָפּשוואַכן די אַרבעט פונעם רעווקאָם. נאָר איך מיט אַנדרייען האָבן מיר אַ גאַנצן ווינטער אָפּגעלעבט אָן קוילן און די אַרבעט איז דערפון ניט שטיין געבליבן.

און עפשער זאָלן מיר גאָר שליסן דאָס גרויסע הויז און זיך אַריבערקלײַבן אין די „יאַראַנגאַס״ ?

דער קאָמיסאַר האָט צוגעגעבן :

— אַף דער שיף איז שוין מער ניטאָ אַזוינס וואָס מען זאָל דערמיט קענען הייצן, נאָר איבערלאָזן די שיף קענען מיר ניט...

לאָס האָט אַ הייזעריקן הוסט געטאָן, האָט צעשפּיליעט דעם קאָלנער און זיך אָנגערופן :

— איך וועל קיין אַנדער ברירה ניט האָבן און וועל אײַך מוזן העלפן.

— ווי־אַזוי ? — האָט דער נאַטשאַלניק געשטוינט.

— איך האָב הונדערט און פופציק טאָן...

— קוילן ? — האָבן ביידע מיטאַמאָל, דאַווידאָוו און דער קאָמיסאַר, אויסגעשריגן.

— יאָ, קוילן.

— דעזשורני אָפיציר, שוין זאָל אַהערקומען דער הויפּט־מעכאַניקער !

— האָט פריילעך אַ רוף געטאָן דאַווידאָוו און האָט זיך דערנאָך אָנגערופן צו לאָסן : — די קוילן האָט איר אַף צו באַהייצן די וווינונגען, ניט אַזוי ? ח׳יאַזוי־זשע וועט איר דעם ווינטער אויסקומען אָן הייצונג ?

— זאָרגט אײַך ניט פאַר אונדז, כאַוועער נאַטשאַלניק. מירן זיך שוין אַן אייצע געבן. — האָט לאָס אַנטשיידן געענטפערט.

דער הויפּט־מעכאַניקער איז אַרײַנגעקומען.

— וויפל קוילן דאַרפן מיר ביז דער באַזע ? — האָט דער נאַטשאַלניק געפרעגט.

דער מעכאַניקער האָט פאַר זיך אַ רעכן געטאָן און האָט מעלאַנכאָליש געענטפערט :

— אַ צוויי הונדערט טאָן.

— מיר האָבן הונדערט.

— וואָס הונדערט ? הונדערט און פופציק. — האָט אים לאָס פאַריכט.

— ניין, ניין ! — האָט קאַטעגאָריש אויסגערופן דאַווידאָוו און האָט די האַנט אויפגעהויבן. — מיט וואָס וועט איר קאָכן ? — און אַ זאָג געטאָן צום מעכאַניקער : — כאַוועער ערשטער מעכאַניקער, מיר האָבן, הייסט עס, הונדערט טאָן.

— מירן ווי עס איז צוקומען. — האָט שוין פריילעכעד זיך אָנגערופן דער מעכאַניקער.

די בסורע האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער דער שיף. עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ האַרמאָניקע און איין מאַטראָס איז אַרויס טאַנצן אַ „האָפּאַק״ אַפן דעק.

— ווי רופט מען אײַך ? — האָט דער עקספּעדיציע־נאַטשאַלניק געפרעגט לאָסן.

— ניקיטאָ סערגייעוויטש.

— ווי זאָל איך אײַך דאַנקען, ניקיטאָ סערגייעוויטש ?

— איר דאַרפט מיר ניט דאַנקען, כאַוועער נאַטשאַלניק. כאָטש מיר האָבן אויך אַ שטיקל שוועריקייט : אונדזער ראַדיאָ־סטאַנציע פונקציאָנירט ניט. קענט איר ניט העלפן אונדז זי צורעכטמאַכן, כאַווײרים ? מײַן ראַדיאָ־טע־לעגראַפיסט קען ניט אויסגעפינען די סיבע.

דאַווידאָוו האָט צוגערופן דעם געהילף :

— כאַוועր געהילף, גיט אַ סיגנאַל און טיילט אײַן די מאַנשאַפט צום אָנלאָדן די קוילן. די ראַדיאָ־טעלעגראַפיסטן זײַנען פרײַ. זיי דאַרפן אַראָפגיין צורעכטמאַכן דעם ראַדיאָ אַפן ברעג. האָבן מיר זעק אַף איבערטראָגן די קוילן?

— פאַראַן.

— צו וואָס דאַרף מען זיי? מירן אַ סאַך גיכער אַריבערפירן די קוילן אין שליטנס מיט הינט. — האָט לאָס זיך אָנגערופן. איך גיי שוין אַראָפ אַפן ברעג און אַלע שליטנס פון די שכיינישע לאַגערן וועלן אַהערקומען. מירן עס מאַכן שנעל.

— אויסגעצייכנט! מיר טאָרן קיין צײַט ניט פאַרלירן. די לאַגע פונעם אײַז ענדערט זיך וואָס אַ שאָ.

ס'איז נאַכט געוואָרן. אַף דער שיף האָט מען אָנגעצונדן אַ רעפלעקטאָר און באַלויכטן דאָס אײַז, איבער וועלכן די מאַטראָסן זײַנען געגאַנגען גרופּעסווײַז. זיי זײַנען נאָך צום ברעג ניט געהאַט צוגעקומען, ווי די שליטנס מיט די הינט זײַנען שוין געשטאַנען בײַ די קוילן.

די מאַטראָסן האָבן שנעל געשאָטן אין די זעק און די „קאַיורס" האָבן זיי געטראָגן אַף די שליטנס. אום האַלבער נאַכט האָט לאָס געבראַכט נאָך שליטנס פון אַנדערע לאַגערן. און די גאַנצע נאַכט זײַנען די שליטנס, אונטער דער שײַן פונעם רעפלעקטאָר געפאָרן הין און צוריק צווישן דעם ברעג און דער שיף.

אַ מידער פונעם גאַנצן טאָג אַרבעט און פון דער נאַכט ניט שלאָפן, איז לאָס צוגעקומען צו דער שיף מיט דעם לעצטן שליטן.

אַ געדיכטער שוואַרצער רויך האָט זיך געהויבן פונעם קוימען אַפן „קראַסני אָקטיאַבר". אַלע מאַשינען האָבן געאַרבעט און פון זייער וויברירן האָט די שיף זיך לײַכט געוויגט. דער „קראַסני אָקטיאַבר" איז שוין גרייט געווען אָפצוגיין. די סירענע האָט הייזעריק געפײַפט צווישן די אײַז־בערג.

באַם געזעגענען זיך, האָט דאַווידאָוו לאַנג ניט אַרויסגעלאָזט לאָסעס האַנט פון זײַנער און אים געזאָגט:

— ניקיטאַ סערגייעוויטש, איר האָט געראַטעוועט די שיף און עפשער אויך די גאַנצע מאַנשאַפט. אין אַלעמענס נאָמען דריק איך אײַך אויס מײַן אויפריכטיקן דאַנק.

לאָס האָט צעמישט געשמייכלט און איז אַראָפ אַפן אײַז. דער „קראַסני אָקטיאַבר" האָט גערירט און זיך געלאָזט שווימען מיט דעם אײַנגוס.

פונעם באָרט אַראָפ האָבן די מאַטראָסן געהויבן די היטלען און געזעגנט לאָסעס שליטן: אַ שוואַרצן פינטל צווישן די אײַז־בלאָקן. און פון אויבן, אַפן מאַסט־קאָרב, האָט לאַנג אַ מאַטראָס מיטן היטל געפאָכעט, ביז דער בעפל איז געוואָרן אומדורכדרינגלעך.

קאַפיטל VIII

לאָס האָט זיך אויפגעכאַפט שפעט. ער האָט אונטערגעהויבן די קאָלדרע און פון אַ שפאַלט האָט ער געזען ווי דער לאָמער נאַלעק טרעט פאַמעלעכן איבערן פאָל קעדיי ניט אויפצוועקן דעם באַלעבאָס. נאַלעק האָט אַף זיך געהאַט די באַהייצונג און האָט זיך געפילט שטאָלץ מיט זײַן אַרבעט. אַף יאַגד האָט ער ניט געקענט גיין און איצט איז ער געוואָרן קימאַט אַ גוויר.

פאַר אַ פּאָר רובל פּאַפּיר האָט ער אין קראָם אײַנגעקויפט אַלץ וואָס אַ מענטש באַדאַרף, אַלצאײַנס ווי ער וואָלט געוועז אַן עמעסער יעגער.

עמעצער האָט אַנגעקלאַפּט אין טיר. נאָלעק איז צוגעשפּרונגען, האָט אַ קלײניקייט געעפנט און האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי אָף צו ווײַזן געבן אַז לאָס שלאָפט.

— ווער איז דאָרט ? — האָט לאָס געפרעגט.

— דער לערער. — האָט נאָלעק אַ שעפּטשע געטאָן.

— קום אַרײַן, סקאָריקאָוו ! — האָט לאָס געזאָגט און זיך אויפגעזעצט. — ווי גייט עס אָפן געביט פון דער בילדונג ?

— גוט, ניקיטאַ סערגייעוויטש. די שול איז אין פולן גאַנג. איך רעכן אָרגאַניזירן אַ צענטער אָף ליקווידירן אַנאַלפאַבעטישקייט. איך האָב שוין קאַנדידאַטן. ווי געפעלט עס אײַך ? — האָט דער לערער געפרעגט און האָט זיך אַוועקגעזעצט אָפן פענצטער־ברעטל.

— דאָס איז גוט ! אַן אויסגעצייכנטער אײַנפאַל. ביכלאַל, סקאָריקאָוו, דאַרפסט אַזוי אָרגאַניזירן דײַן שול אַז זי זאָל זײַן אַ מוסטער־שול. מיר זײַנען דער קאָפּ פונעם קרײַז ! — האָט לאָס געזאָגט און אַ פינטל געטאָן צום לערער מיט אַן אויג.

— איך בין גרייט צו אַרבעטן טאָג ווי נאַכט, ניקיטאַ סערגייעוויטש.

— זייער ווויל.

— ניט זייער ווויל, ניקיטאַ סערגייעוויטש, צוליב די קוילן, דוכט מיר, וועט זיך שאַפן אַ שטיקל פאַרדרייעניש.

— וואָס פאַר אַ פאַרדרייעניש ? — האָט לאָס אומצופרידן אַ פרעג געטאָן, בעייס ער האָט זיך געהאַלטן אין פאַרקעמען.

— הײַנט אינדערפרי, האָב איך אינעם עס־צימער געהערט : לאָס איז געוווינט צו וווינען אין דער קעלט, גייט עס אים ניט אָן. דער סעקרעטאַר פעטיאַ און דער פינאַנץ־פירער לייזן די קוילן־פּראָבלעם אָף זייער אויפן.

— זיי האָבן קיין רעכט ניט וואָס עס איז צו לייזן ! — האָט לאָס האַסטיק אַ זאָג געטאָן.

— זיי האָבן מוירע וועסט דעם גאַנצן רעשט קוילן אַוועקגעבן דער שול, לאָס האָט אַ שמייכל געטאָן :

— און זיי האָבן קיין טאָעס ניט. דו זאָרג דיך ניט, סקאָריקאָוו. ווי דאָס זאָל ניט זײַן, וועט די שול האָבן קוילן. איך גאַראַנטיר דיר.

— איך האָב זיי געפּרווט באַזינען. נאָר, זעסט דאָך, זיי האָבן אויפגעהויבן אַן אַלאַרעם, אַז עס עקלט. נילאָוונאַ אַפילע, די קעכנע, האָט זיי געפּרווט אײַנשטילן.

נילאָוונאַ, שוין אַן עלטערע פרוי, האָט אָף דער „סאָוויעט“ געאַרבעט ווי אַ טעלער־וואַשערן. נאָר אָף לאָסעס ביטע, האָט איר דער קאַפּיטאַן דער־לויבט בלײַבן אָפן ברעג. דאָ אינעם רעווקאָם איז זי געוואָרן הויפּט־קעכנע און קאָכט אויסגעצייכנטע מײַכאָלים פון הירשן־פלייש און קאַטשקעס. די דאָזיקע פלײַסיקע פרוי האָט צײַט אָף אַלץ : זי קאָכט, גרייט צום טיש און דערלאַנגט דאָס עסן.

ווען די רעווקאָם־מיטגלידער זײַנען אַרײַנגעקומען אין עס־צימער און זיך געזעצט צום טיש, האָט לאָס זיך צו זיי אָנגערופן :

— וואַרט אויס מיטן דערלאַנגען, נילאָוונאַ. זעץ זיך אַוועק אַ ווײַלע.

— און האָט גענומען ריידן צו אַלעמען: כאַווײרים, אונדזער לעבן גייט אַוועק אַף אַ שלעכטן וועג.

— עס געפעלט אײַך ניט ווי איך קאָך? — האָט נילאָוונאַ זיך דערשראָקן.

— ניין, ניט דאָס, נילאָוונאַ. דו קאָכסט זייער גוט. איך וויל ריידן וועגן עפּעס אַנדערש. ווײַזט זיך אַרויס, אַז פֿאַראַן צווישן אונדז יאַבעדניקעס. איך האָב מיך דערוווסט, אַז טייל מיטגלידער פֿון אונדזער געמיינשאַפֿט, שפּרייטן אַלאַרם. ווײַל זיי זאָרגן בלויז פֿאַר זייער אייגן פּעלכל, זײַנען זיי אומצופֿרידן וואָס מען האָט אַוועקגעגעבן די קוילן. לאָמיר ריידן דײַטלעכער: דער אויפֿהעצער איז דער פֿינאַנץ־פּירער פֿריגונאָוו. — און לאָס האָט אַף אים אָנגעוויזן מיטן פֿינגער. — אַזאַ אַוודע פֿאַסט ניט פֿאַר קיין סאָוועטישן מענטשן. ס'איז אַ ביזאָיען, כאַוועד פֿריגונאָוו! דער אַלטער איליטש אַפֿילע האָט מיר געזאָגט: „האָסט גוט געטאָן, לאָס; האָסט פֿאַרטיילט די קוילן ווי אַן עמעסער יעגער". — און מיט אַן אָנגעצונדענעם פֿאַנעם פֿאַר אויפֿרעגונג, האָט לאָס געשריגן: — און דו, וואָס האָסטו אין דער צײַט געזאָגט? האָסט מוירע וועסט פֿאַרפֿרוירן ווערן? האָסט פֿישענע בלוט אין די אָדערן? — און נאָך אַ קורצער פּויזע, האָט לאָס שוין רויִקער געזאָגט: — האָט קיין מוירע ניט. מירן ניט פֿאַרפֿרוירן ווערן. ווען די קוילן וועלן אויסברענען, וועלן מיר צושליסן דאָס הויז און מירן זיך אײַנקוואַרטירן אין די „יאַראַנגאַס". די מענטשן וועלן דערפֿון געווינען און אויך מיר וועלן געווינען. אָט דאָס האָב איך אײַך געוואָלט זאָגן. און זאָל די פֿראַגע מער ניט אַרויפֿקומען. מיר האָבן וויכטיקערע פֿראַגן צו לייזן. נילאָוונאַ. דערלאַנג צום טיש!

אינעם עס־צימער איז געווען שטיל; מען האָט נאָר געהערט נילאָוונאַס טריט הין און צוריק פֿון קיך. עמעצער האָט געבעטן דאָס וואָרט.

— קיין איין וואָרט ניט; איך דערלאָז ניט צו קיין דיסקוסיעס. אַלץ איז קלאָר און ניטאָ מער וואָס צו ריידן. — האָט לאָס ענערגיש אָפּגעשניטן. — מער ווי די אַלע אומזיסטע און אומנייטיקע פּלוידערײַען קימערט מיך וואָס איז מיט דעם מיליציאָנער און מיט דעם לערער דוואָרקין. מיר האָבן פֿון זיי ביז איצט קיין שום ידיִע ניט. איך האָב באַשלאָסן אַרויספֿאָרן אַפֿן צאָפֿנדיקן טייל יאַם־ברעג. מיר ווייסן אויך גאָרניט וועגן דעם געלאַגער. איכל נאָך עפּשער היינט אַרויספֿאָרן. וואָס אײַך באַלאַנגט, מוזט איר קומען מער אין באַרירונג מיט די מענטשן. דאָס וועט אײַך העלפֿן שנעלער צו אַסימילירן די שפּראַך און בעסער צו פֿאַרשטיין די נעשאָמע פֿונעם פֿאָלק, בעעמעס אַ פּרעכטיקע... ווען איך וועל צוריקקומען אין אָנדערהאַלבן אָדער אין צוויי כאַדאָשים אַרום, וועל איך אַלעמען פֿונאַנדערשיקן איבער די לאַגערן. פֿרילינג־צײַט וועלן מיר אָפּהאַלטן די ערשטע באַראַטונג. מירן אַוועקשטעלן צוויי פֿראַגן. די ערשטע פֿראַגע: די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פֿון דער ראַטנמאַכט און די פֿונקציע פֿון די שייוועט־סאָוועטן. די צווייטע פֿראַגע: יאַגד און פֿישפֿאַנג. פֿאַרטראַכט אײַך וועגן דעם. אויב איך וועל מיך פֿאַרזאַמען, וועסטו, אָסיפּאָוו, דאַרפֿן צופֿאָרן צום לאַגער לאָרען. מען דאַרף געוואָר ווערן וויאַזוי האַנדלט דאָרט זשאָכאָוו און מיט אַלע מיטלען פֿעסטער מאַכן די פּאָזיציע פֿון יאַראַקן אינעם אַמט פֿון אויפֿזעער איבערן פּוטערלאַגער. זשאָכאָוו באַמיט זיך אין זײַנע בריוו אים אַרײַנצורוקן אַ קלין: ער וויל אים פֿון דאָרט אַרויספּאַטערן. ער איז אַ ביוראָקראַט און אַ שאַכער־

מאַכער, וואָס זעט ניט ווײַטער פון זײַן אייגענער נאָז. אויב דער רויטער קרייץ און די שול נייטיקן זיך אין הילף, העלף זיי. אינטערעסיר דיך מיט מעריז; דערוויס דיך דאָרט צי זי אַרבעט ווי אַ קראַנקן־וועכטערן. און דעריי־קער, פויעל דאָרט זי זאָל האָבן דאָס קינד אומבאַדינגט אינעם רויטן קרייץ און ניט אינעם געצעלט באַם שאַמאַן. האָסט פאַרשטאַנען? רייד איבער מיט די דאָקטוירים און מיט יאַראַקן. איך פאַרגיב דיר אַן אַכראַיעסדיקע אַרבעט.

— אײַער אינטערעס פאַר דעם מיידל, ניקיטאַ סערגייעוויטש, איז פאַר־דעכטיק. — האָט דער סעקרעטאַר פונעם קאָמיטעט זיך אָנגערופן מיט אַ בייז־וויליקן שמייכל.

— וואָס? — האָט לאָס אויסגעפּלאַצט, נאָר טייקעף האָט ער זיך אײַנגעהאַלטן און, שוין רויִקער, האָט ער געזאָגט: דער סעקרעטאַר פונעם רעווקאָם דאַרף זײַן אַ ביסל קלוגער. די דאָזיקע קרומע געדאַנקען קענען זײַן דער אָנהייב פון אַ פאַרלוימדונג... קורץ, אָסיפּאָוו, איך טרוי דיר אָן אַ זייער וויכטיקן איניען. צונעמען אַ געווינערן באַם שאַמאַן איז ניט אַזאַ לײַכטע זאַך. דער דאָקטער שרײַבט, אַז די פרויען גייען ניט אין שפּיטאָל. מערי דאַרף זײַן די ערשטע. דו זאָג איר, אַז לאָס הייסט איר.

נילאָוונאַ האָט געבראַכט אַ קעסל און געגומען טיילן זופּ.

— איך וויל ניט קיין זופּ, נילאָוונאַ, — האָט לאָס געזאָגט. — ברענג מיר דאָס ווײַטערדיקע מײַכל.

— וואָס רעדט איר, ניקיטאַ סערגייעוויטש, פאַרזוכט דעם זופּ. איר האָט נאָך אין קיין איין וולאַדיוואָסטאָקער רעסטאָראַן אַזאַ זופּ ניט געגעסן. ווען איר זעט סאַראַ פעטער הירש דאָס איז געווען!

— זאָל איך פאַרזוכן? — האָט לאָס אַ שמייכל געטאָן.

— אַז ניט, וועל איך ווײַטער ניט קאָכן.

— אויב די פראַגע ווערט געשטעלט אַזוי שאַרף, האָב איך קיין אַנדער ברייִרע ניט. — און לאָס האָט זיך אָנגעטאָן אַ קויעך און האָט גענומען עסן דעם זופּ.

נאָכן עסן איז ער צוגעגאַנגען צום לאָקאַל פונעם פּריִערדיקן רעווקאָם, ווו עס איז אײַנגעאָרדנט געווען די ראַדיאָ־סטאַנציע. דער שניי האָט געסקריי־פּעט אונטער זײַנע פיס. אַן אָנגענעמע קעלט האָט אים דאָס פּאָנעם געצופּט. ער האָט זי אײַנגעאָטעמט פולע לונגען.

אַרויפגעלאָפן איז ער די קליינע טעראַסע, רוישיק אַרײַן אינעם צימער און צערטלעך און פריילעך אַ פרעג געטאָן:

— ווי גייט עס, אילײושאַ?

מאַלאַדצאָוו האָט פון די אויערן אַראָפגענומען די הער־טרײַבלעך און האָט מיט אַ צעשטראַלטן פּאָנעם געענטפערט:

— איך האָב איצט איבערגעשיקט קיין פּעטראָפּאַוולאָווסק אונדזערע ראַדיאָגראַמען פאַרן געגנטלעכן רעווקאָם. איצט זוך איך עפּשער וועל איך אויסגעפינען די צייכנס אַף צו סינטאָניזירן מיט קאַלים.

— זייער וווּל, אילײושאַ. איכל דיר געבן אַ באַלוינונג אַ בערן־פעל. ווילסט?

— פאַרוואָס, ניקיטאַ סערגייעוויטש! — האָט מאַלאַדצאָוו שעמעוודיק געפרעגט. — איך האָב נאָך גאָרניט אויפגעטאָן.

— וועסטו שפּעטער אויפטאָן, אילײושאַ.

— איך וועל מיך, נאַטירלעך, באַמיִען. נאָר צו וואָס טויג מיר אַ בערן־פעל? עפשער איז זי גאָר נייטיק דער מעלוכע?

— ביסט גערעכט, איליושאַ. פונדעסטוועגן וועל איך דיר געבן אַ מאַ־טאַנע.

מאַלאַדצאָווס פּאָנעם איז זיך צעשוומען אין אַ שמייכל.

— דו ווייסט מיט וואָס איך וועל דיך באַלוינען?... מיט צען טאָן קוילן.

אָט דאָס איז מיט אַן עמעסן גוט! איך האָב געהערט זאָגן, אַז מען האָט שוין צעטיילט די קוילן און אַז, לויטן פּלאַן, פּאַלט אויס אָף מײַן ביי־לעק איין טאָן מיט אַ פערטל. נאָר אין מײַן פאַל, דאַרף מען אין אַכט נעמען, אַז מײַנע אַפּאַראַטן שטייען דאָ און מען מוז זיי האַלטן אין נאָרמאַלע באַ־דינגונגען.

— וועסט באַקומען צען טאָן.

— אַ גרויסן דאַנק אײַך, ניקיטאַ סערגייעוויטש.

— פרעג אָן אין מײַן נאָמען באַם געגנטלעכן רעווקאָם צי מען ווייסט דאָרט זשוקאָווס אַדרעס און ווו ער געפינט זיך.

פאַרנאַכט צו, איז לאָס איינער אַליין, אָן אַ „קאָיור", אַרויסגעפאָרן מיט אַ שליטן צום צאָפנדיקן טייל יאַם־ברעג.

קאַפּיטל IX

ווען די „סאָוויעט" איז אָפּגעפאָרן פון ענמאַקײַ, האָט דוואָרקין זיך גע־וויסנהאַפטיק גענומען כאַזערן די פּראָזן, וואָס זײַנען פאַרצייכנט געוווען באַ לאָסן אינעם העפט. ער האָט הויך אָפן קאָל אַרויסגערעדט די טשוקטשישע ווערטער אין דער פּוסטער שול. ער האָט זיי פאַרצייכנט באַ זיך אינעם העפט און דערנאָך אומגעגאַנגען איבער די „יאַראַנגאַס" זיי באַשטעטיקן און פאַרצייכענען ווו ניט ווו אַ נײַ וואָרט.

נאָר איינמאָל איז ער אַרײַנגעקומען אין אַ „יאַראַנגאַ" און האָט באַ קיין איינעם פון די שטוביקע קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסרײַסן. די קינדער אַפילע האָבן צו אים ניט געוואָלט ריידן. פון אָנהייב האָט דער לערער זיך ניט געקענט דערקלערן פאַרוואָס אַזאַ באַציִונג צו אים: קאָראַגוע האָלט די מענטשן אין דער מוירע. דער שאַמאַן האָט ניט געהייסן ריידן מיט דעם רוס פון דער הילצערנער „יאַראַנגאַ", ווײַל פון איר קען אַרויסקומען אַ גרויס אומגליק: אַלע קינדער פונעם לאַגער קענען אויסשטאַרבן. דער לערער האָט געפרעגט אָף וואַאַמטשאַן און אָף טיגרענאַן, וואָס זשוקאָוו האָט דערציילט וועגן זיי, נאָר ער האָט זיך וועגן זיי גאָרניט געקענט דערוויסן.

דוואָרקין האָט זיך דערפילט אַליין. דער דאָזיקער מענטש מיט דעם ריזיקן גוף האָט זיך פאַרלוירן. עס איז זייער טרויעריק, ווען מענטשן, וואָס צוליב זיי איז ער געקומען אין דער ווײַטער געגנט און איז גערן עפּעס גוטס טאָן פאַר זיי, ווילן מיט אים אַפילע ניט ריידן.

און דער לערער שפּאַנט אום איבערן קאָרידאָר פון דער שול, און ווען ער קומט צו צום יאַם־ברעג, ווו דאָס קליינוואַרג שפּילט, צעלויפן זיי זיך יעדערער אין זײַן „יאַראַנגאַ".

„וואָס טוט מען?" — טראַכט זיך דוואָרקין — און האָט דערויף קיין ענטפער ניט.

פונדעסטוועגן, איז נאָך ערגער דאָס וואָס די „סאָוויעט" איז אין אײַ־

לעניש אַוועק, קעדיי דאָס אײַז זאָל זי ניט פֿאַרכאַפּן, און האָט קיין צײַט ניט געהאַט אָפּצולאָדן די קוילן, און דער לערער האָט איצט זייער אַ גוטע שטוב, מיט דרײַפֿאַכע פֿענצטער, נאָר ער האָט זי ניט מיט וואָס צו באַהייצן. וויאַזוי וועט ער דאָרט דורכלעבן דעם ווינטער?

באַ זיך, האָט דוואָרקין געטראַכט, אַז פֿריער אָדער שפּעטער וועלן די מענטשן נעמען ריידן. עס איז ניט מעגלעך, אַז דאָס פֿײַנלעכע שווײַגן זאָל דויערן אייביק. ער האָט זיך שוין אַליין געכאַפּט, אַז דאָס מוז זײַן די אַרבעט פֿון די שאַמאַנעס.

וויאַזוי אָבער לערנט מען מיט די קינדער אין אַ קאַלטער דירע?

איינמאָל איז דוואָרקין געזעסן באַם פֿענצטער און טרויעריק אַרויסגע־קוקט צום יאַם. ער האָט געטרויכערט זײַן ליולקע און האָט זיך אַליין צעשטרײַט מיט די קרײַזלעך און רינגעלעך רויך, וואָס ער האָט פֿונעם מויל אַרויסגעלאָזט.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער פֿריילעכער רײַזע וואָס ער האָט געהאַט אַף דער שיף, אָנעם אויפֿבוי פֿונעם נײַעם רעווקאָם־בינין און ווי גאַסט־פֿרײַנטלעך מען האָט אויפֿגענומען די רוסן. נאָר דאָ, דוכט זיך, זײַנען גאָר אַנדערע מענטשן. „לאָס איז געריכט געווען — האָט זיך דוואָרקין געטראַכט — די אַרבעט איז ניט קיין גרינגע".

ער האָט דורכן פֿענצטער דערזען אַ פּיראָגע צושווימען און ער איז אַרויס אַף דער טעראַסע.

אַקעגנגעלאָפֿן איז דער פּיראָגע דער שאַמאַן קאַראַגוע. ער איז אינמיטן לויפֿן אונטערגעשפּרונגען, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט דער לערער זאָל זיך ניט פֿעדערן פֿאַר אים. נאָר דוואָרקין איז פֿון דער טעראַסע ניט אַראָפּגע־גאַנגען. די פּיראָגע איז צוגעקומען און דער שאַמאַן איז פֿאַרשוווּנדן צווישן אוילעם.

עס טרעפֿט אַ מענטש אין אַ שווערער לאַגע געפֿינט אין זיך אויס קוי־כעס אַ לאַנגע צײַט צו קעמפֿן פֿאַר זײַן לעבן, ווי נאָר אָבער די סאַקאַנע איז אַריבער, פֿאַרלאָזן אים די קויכעס און דער מענטש פֿאַלט אינגאַנצן אַוועק. דאָס איז געשען מיט אַליטעטן: ווי נאָר ער איז אַרויס פֿון דער פּיראָגע, איז ער אַוועקגעפֿאַלן אַ געכאַלעשטער.

דוואָרקין האָט געזען ווי מען פֿירט אונטער די הענט אַ קראַנקן מענטשן, אין צעריסענע בגאָדים, און קוים וואָס ער שלעפּט די פֿיס.

„ווער זאָל עס זײַן?" — האָט ער זיך געטראַכט.

דער האַמוין איז פֿאַרבײַגעגאַנגען ווײַט פֿון דער שול און האָט אַפֿילע ניט אַ קוק געטאָן צו איר. איין פּרוי נאָר האָט געקוקט צו דער שול און האָט פֿרײַנטלעך געגריסט דעם פֿרעמדן. געווען איז עס טיגרענאַ.

די מענטשן זײַנען אַרײַנגעגאַנגען צו אַליטעטן אין דער „יאַראַנגאַ" און דער לערער האָט פֿאַרשטאַנען אַז דער קראַנקער איז אַליטעט גופֿע.

אָפּן צווייטן טאָג איז אין שול געקומען וואַמטשאַ. אַ ניט דרײַסטער, אַ שעמעוודיקער איז ער אַריבער די שוועל.

דוואָרקין האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט זײַן קומען. געווען איז ער דער ערשטער מענטש וואָס קומט צו אים אין שול. ער האָט אים ליבלעך געבעטן זיצן און האָט אים דערלאַנגט טיי.

— דו ביסט וואַמטשאַ? — האָט ער געפֿרעגט.

וואַמטשאַ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דעם לערער איז שווער געווען מיט אים צו ריידן. ער האָט געמוזט

אָנווענדן דערצו אַלערליי מיטלען: די פינגער, די מימיק, די אומגלויבלעכסטע צייכנס. און מאָדנע, זיי האָבן זיך פֿאַרשטאַנען. וואַסמטשאָ האָט מאַסקים געווען ווידער צו ווערן פֿאָרזיצער פֿונעם שייוועט־סאָוועט און האָט גענומען דאָס נײַע פּאַפּיר וואָס זשוקאָוו האָט אים צוגעשיקט. ביידע מענטשן האָבן אָפּגעמאַכט, אַז דער לערער זאָל לערנען מיט די קינדער בײַ וואַסמטשאָן אין דער „יאַראַנגאַ". וואַסמטשאָ האָט מיטן מויל געמאַכט ווי עס וואָיעט אַ שניי־שטורעם און האָט דערמיט געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז דער ווינטער קומט. ער האָט עס געמאַכט אַזוי קונציק, אַז דוואָרקין האָט לײַכט פֿאַרשטאַנען וועגן וואָס עס רעדט זיך. אַפֿן סאָף פֿונעם שמועס, האָט וואַסמטשאָ מיט דער האַנט אויפֿגעמאָלט אַ „יאַראַנגאַ", האָט זיך אָנגענומען בײַ אַן אויער און מיט אַ פֿינגער דוואָרקינען אין דער ברוסט, אים פֿאַרבעטן צו זיך אין דער „יאַראַנגאַ" אַף ווינטער.

יענעם טאָג האָט דער לערער פֿאַרצייכנט אַ סאַך נײַע ווערטער און אַפֿילו גאַנצע פֿראַזן אין טשוקטשיש.

וואַסמטשאָ איז דעמאָלט שפּעט אַהיימגעקומען און, אַן אויפֿגעלייגטער פֿון זײַן שמועס מיט דעם רוסישן לערער, האָט ער דערציילט זײַן ווײַב אַלעק וועגן דעם שמועס וואָס ער האָט מיט אים געהאַט. אַלעק האָט געשוויגן. דאָס וואָס וואַסמטשאָן האָט געפֿרייט, האָט איר פֿאַרשאַפֿט אומרו. דערנאָך האָט זי אים גענומען בעטן ער זאָל אַוועקוואַרפֿן דאָס פּאַפּיר, וואָס ער האָט ווידער באַקומען, און זאָל ניט אַרײַנלאָזן דעם לערער אין דער „יאַראַנגאַ".

אינמיטן דעם שמועס צווישן מאַן און ווײַב, איז אַרײַנגעקומען טיגרענאַ.

— איך האָב אַזוי מוירע געהאַט פֿאַר אַליטעטן ווען מיר האָבן אים געבראַכט מיט דער פּיראָגע! — האָט טיגרענאַ דערציילט, אַ צערודערטע. — ער האָט ניט אויפֿגעהערט עסן. ער האָט זיך פֿונעם אָרט ניט אויפֿגעהויבן און אַ וואָרט ניט אויסגערעדט. איך האָב גענומען גלויבן, אַז ער טראַכט פֿון דעם קאָרבן, וואָס ער דאַרף ברענגען די גײַסטער. נאָר איצט איז שוין אַלצדינג גוט. איך האָב שוין ניט מוירע אײַוואַמען זאָל עפּעס געשען. אַליטעט האָט זיך דעם נאָמען געביטן. איצט הייסט ער שוין טשאַלי. עמעס, ער האָט נאָך אַלץ אַ פּאָנעם פֿון אַ ראָשע. ער איז איצט אַוועק איינער אַליין אַף די פֿעלדזן. צי וויל ער ניט ווערן אַ שאַמאַן? איך האָב אים די גאַנצע צײַט נאָכגעשפּירט. נאָך אַלעמען, האָט ער מוירע פֿאַר דעם רוס.

— טיגרענאַ, — האָט וואַסמטשאָ געזאָגט. — דעם רוס האָט אונדז צוגעשיקט לאָס; ער וועט אונדז העלפֿן. ער האָט מיר געבראַכט אַ נײַעם פּאַפּיר. מען באַפֿעלט מיר ווידער איך זאָל ווערן פֿאָרזיצער.

— דאַרפֿסט עס ווערן, וואַסמטשאָ! — איז טיגרענאַ צוגעשטאַנען.

אַלעק איז ברויגעז געוואָרן אַף טיגרענאַן און איז, מיטן קינד אַף די הענט, אַוועק אין אַ ווינקעלע. אירע אויגן האָבן געהאַט אַ האַרטן גלאַנץ און עפּעס האָט זי אַ מורמל געטאָן אומפֿאַרשטענדלעכס.

וואַסמטשאָ האָט אויסגעהערט טיגרענאַן און האָט קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פֿון אַלעק. ער האָט זיך געפֿילט ווי אין קלעם. ווידער שטויסן אים די צוויי ווײַבער אין צוויי פֿאַרשיידענע זײַטן.

— אַלעק, — האָט טיגרענאַ גענומען ריידן. — די מײַסע מיט דעם ברוינעם בער האָט דעמאָלט קאָראַגוע אַליין אויסגעטראַכט. האָסט שלעכט געטאָן וואָס דו האָסט פֿאַרברענט דאָס פּאַפּיר אַפֿן שײַטער. זיי זאָגן שטענדיק ליגן. איך ווייס זייער גוט, אַז מען דאַרף זיי ניט־גלייבן. איך מיין, אַלעק,

אַז וואַמטשאַ דאַרף ווידער ווערן פּאַרזיצער. אַלנפאַלס, וועט מען אויפהערן לאַכן פון אים. ווען קאַראַגוע איז צוריקגעקומען פונעם שײַטער, האָב איך אים געהערט לאַכן מיט אַליטעטן. זיי האָבן געלאַכט פון וואַמטשאַן.

— פּאַרוואָס רופסטו אים אַליטעט, טיגרענאַ? ער האָט דאָך געביטן דעם נאָמען. — האָט וואַמטשאַ ערנסט אָנגעמערקט.

— דאָס מאַכט ניט אויס. איך טו עס מיט אַ קיוון, קעדיי די גײַסטער זאָלן הערן, אַז ער וויל זיך פון זיי אויסבאַהאַלטן. דו מוזט ווערן פּאַרזיצער, וואַמטשאַ.

— אַלעק, דו הערסט וואָס טיגרענאַ זאָגט? איך מיין זי איז גערעכט.

— איך ווייס ניט, טו ווי דו ווילסט... נאָר איך וועל ניט גיין אין דער טונדרע נאָך ווילדע וואָרצלען. איך וויל ניט, אַז דער בער זאָל מיך צערײַסן ווי דײַן טאַטן. — האָט אַלעק געענטפערט אַ ברויגעזע.

— וואָס קען איך טאָן! וועל איך אַליין מוזן גיין. — האָט וואַמטשאַ, אַן אומצופרידענער, געענטפערט.

— ניין, וואַמטשאַ, דו דאַרפסט ניט גיין. — האָט טיגרענאַ זיך אַרײַנגעמישט. — אויב דו וועסט זיך אָפּגעבן מיט ווײַבערישער אַרבעט, וועט מען פון דיר לאַכן. בעסער וועל איך גיין ברענגען די וואָרצלען, ווען אַליטעט וועט אַוועק פונעם לאַגער.

וואַמטשאַ האָט נאָך אַ ווײַלע געהערט דעם שמועס און איז אין קאָס געוואָרן. עס פּאַסט ניט פאַר אַ יעגער זיך צו פאַרנעמען מיט ווײַבערישער אַרבעט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז שטיל אַרויסגעגאַנגען פון דער „יאַראַנגאַ“. טיגרענאַ האָט אים אָנגעיאָגט.

— וואַרט אויס, וואַמטשאַ, לאָמיר זיך דאָ אָפּשטעלן, קעדיי קיינער זאָל אונדז ניט זען.

— איך וויל צוגיין צום רוס אין הויז, טיגרענאַ. מען רופט אים דוואָר־קין. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט אויך צוקומען. דו ווייסט וואָסערע בײַסן עס זײַנען פאַראַן, טיגרענאַ?

— וואָסערע בײַסן?

— ווען די שיף איז אַהערגעקומען און האָט געבראַכט די שול, איז דאָ געווען איע.

— איע? — האָט טיגרענאַ איבערגעפרעגט אַ ביז גאָר געריִרטע. — ער איז דאָ געווען? צוליב וואָס?

— די שיף האָט אים אַוועקגעפירט אַף דער גרויסער ערד, ווו די רוסן וווינען. מירן אים שוין מער ניט זען! — האָט וואַמטשאַ אַ זיפץ געטאָן.

— צוגענומען? די רוסן?... — האָט טיגרענאַ ווידער איבערגעפרעגט, אַן אומרויִקע.

— יאָ, זיי האָבן אים מיטגענומען. ער איז געווען זייער טרויעריק. אַף קיין איין מינוט איז אים דער צאַר פונעם פּאָנעם ניט אַראָפּ. אַלעק האָט עס מיר דערציילט.

טיגרענאַ האָט שטיל געקוקט אַף וואַמטשאַן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. זי האָט שווער און פאַרהאַקט געאָטעמט.

וואַמטשאַ האָט איר אָנגעוויזן אַף דער שול און האָט איר פאַרגעלייגט:

— קום אַרײַן צום לערער, טיגרענאַ, עפשער וועט ער אונדז עפּעס דערציילן פון דער רוסישער ערד.

טיגרענאַ האָט געשוויגן. די אויגן האָבן איר געברענט פון קאַס.

— איך וויל אים ניט זען! — האָט זי אַ זאָג געטאָן. — איך וועל פאַר קיין פאַל ניט אַרײַנגיין צום רוס אין הויז.

קאַפּיטל X

מען האָט באַשלאָסן די שול זאָל אַרבעטן באַ וואַאַמטשאָן אין דער „יאַראַנגאַ“, מאַכמעס די קינדער ווילן ניט גיין אין הילצערנעם הויז, ווו זיי וואָלטן געקענט לערנען ביזן ווינטער. זיי זײַנען אָבער אויך צו וואַאַמטשאָן אין דער „יאַראַנגאַ“ ניט געגאַנגען: די עלטערן האָבן זיי ניט געלאָזט.

דעמאָלט איז דער לערער, אינאײנעם מיט די אַלמאָנעס, אַוועק אַף מאָרזשן־יאַגד אין וואַאַמטשאָס פּיראָגע־שיפל.

ניקאָלײַ דוואָרקין איז געווען אַ באָכער אַ גוואַר. ער פלעגט רודערן אַ גאַנצן טאָג מיט די ווערלעס און האָט דאָך ניט אויסגעזען פאַרמאַטערט. און די ווײַבער האָבן זיך צוגעוווינט צו האָבן אים צווישן זיי און אַפילע גע־שפּאַסט מיט אים. שוין לאַנג ווי זיי האָבן ניט געלאַכט, מיסטאָמע פון זינט זיי האָבן זיך דערוווסט, אַז זייערע מענער זײַנען דערטרונקען געוואָרן. באַ די ווײַבער איז רעכט געווען אַז דער רוס איז אַהין עקסטרע געקומען זיי העלפן יאַגדן. אַ כוץ דעם, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אַ זעלטן אויג צום שיסן. קורץ, אַן עכטער יעגער.

יענע וואָך איז די יאַגד געווען אַ ביז גאָר גערעטענע. די פּיראָגע איז קיין איין טאָג אָן אַ מאָרזש ניט אַהיימגעקומען. און אַז עס איז דאָ פלייש אין שטוב, איז דער מענטש בעשאָלעם מיט זײַן מאָגן און אויך דאָס האַרץ איז פרייליך. דער פלייש־פאַרגרייט איז שוין געווען גענוג גרויס, נאָר דער לערער האָט נאָך אַלץ גערופן די ווײַבער מיטצוגיין אַף יאַגד. אואַקאַט, טו־מאַטוגעס אַלמאָנע, האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ פלייש־פאַרגרייט, כאָטש איר מאַן איז געווען דער בעסטער יעגער אַף אַליטעטס וואַלפיש־שיפל. אואַקאַט פילט זיך גליקלעך. ניט געקוקט דערויף וואָס טומאַטוגע איז טויט, איז זי פאַרזיכערט מיטן עסן אַפן גאַנצן ווינטער. אַלעמען וווּנדערט וואָס דער לערער גיט אַוועק זײַן כיילעק פלייש די ווײַבער און נעמט אַף זיך די שווערסטע טיילן מאָרזש אַריבערצוטראָגן. זײַן אָנצוג איז אויסגעפלעקט מיט דעם בלוט פון די דערהאַרגעטע יאַם־כאַיעס און די ווײַבער האָבן פאַר אים אין אײַלעניש אויפגענייט אַ וואַסער־מאַנטל פון מאָרזשן־געדערים. ווען דוואָרקין האָט אים אָנגעטאָן, האָבן זיי שיר ניט געפּלאַצט פון געלעכטער.

אַפילע אַלעק, וואָס האָט שטענדיק קרום געקוקט אַפן לערער, האָט זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צו אים.

אַף דער יאַגד האָט דוואָרקין אויסגעשטודירט די אַנאַטאָמיע פון די מאָרזשן און פלעגט זיי זייער פלינק צעשנײַדן. נאָר בעשום אויפן האָט ער זיך ניט געקענט אויסלערנען אָנשאַרפן דאָס מעסער מיט דעם קיזלשטיין. און אויך דאָס פלעגט באַ די ווײַבער אַרויסרופן געלעכטער. אַלע פלעגן זיי זיך כאַפּן אָנשאַרפן זײַן מעסער.

— אָט איבעראיאָר וועט מען אונדז פונעם רעווקאָם צושיקן אַ וואַלפיש־שיפל, וואָס גייט מיט אַ מאַשין, וועט איר ערשט זען וואָס הייסט גוטער יאַגד! — פלעגט דער לערער פאַרזיכערן די ווײַבער, פלינק שינדנדיק אַ מאָרזש.

אומבאַמערקט פֿאַר זיך, האָבן די ווײַבער געשאַפֿן אַ יאַגד־קאָאָפּעראַטיוו. און אַלע האָבן זיי זיך באַלד אַרומגעזען, אַז דער לערער איז גאָרניט קיין שלעכטער מענטש.

דער לערער פֿלעגט אַפֿילע שפּאַסן און שטיפֿן מיט די ווײַבער, ווי אַן עמעסער כוואַט.

אינעם קאָאָפּעראַטיוו האָט געהערשט פֿרייד. אַך, ווי עס ווילט זיך טיגרענאַן אַרײַנטרעטן אין קאָאָפּעראַטיוו! נאָר זי טוט עס ניט איבער דעם רוס מיט די ליכטיקע אויגן ווי דער הימל אין אַ לויטערן טאָג. אַנדערע רוסן, אַזעלכע ווי ער, האָבן צוגענומען אַיען.

אַליטעט פֿאָרט אַרויס אַף אַ פּיראָגע מיט זײַנע ווײַבער. אויך ער מאַכט אַ פֿלייש־פֿאַרגרייט. עס זאָל זיך ניט טרעפֿן ער זאָל דאַרפֿן גיין בעטן אַ שטיקל פֿלייש אָדער פֿעטס באַ די ווײַבער פֿונעם קאָאָפּעראַטיוו!

אַליטעטס לעבן האָט זיך אינגאַנצן געענדערט. און אין אַלץ, ווי דער שאַמאַן קאָראַגוע זאָגט, איז שולדיק דער רוס פֿון דער הילצערנער „יאַראַנגאַ".

נאָר געקומען איז דער ווינטער, דאָס אײַז איז צוגעקומען ביז צום ברעג און דער יאַגד האָט אויפֿגעהערט.

דער לערער האָט צונויפֿגעבראַכט די ווײַבער אין קאַלטן שול־בנין און האָט צו זיי גערעדט וועגן לערנען די קינדער. די אַלמאָנעס איז שווער געווען דעם לערער צו זאָגן ניין. נאָך אַלעמען, האָט ער זיי געהאָלפֿן פֿאַרגרייטן פֿלייש אַף אַ גאַנץ יאָר. און זיי האָבן מאַסקים געווען צו שיקן צו וואַמטשאַן אין דער „יאַראַנגאַ" נאָר די מיידלעך: זיי האָבן דאָך פֿאָרט מוירע פֿאַרן שאַמאַן. דער שאַמאַן האָט זיי קאַטעגאָריש פֿאַרבאָטן שיקן די קינדער אין שול.

אַלעק האָט זיך אונטערגעגעבן און האָט געהאַלטן באַ איר אין „יאַראַנגאַ" דעם לערער. זי טוט איר שטוב־אַרבעט גלײַך די מיידלעך וואָלטן גאָר אין געצעלט ניט געווען. עמעס, זיי זײַנען ניט מער ווי דרײַ. מיטן מויל אַראָפּ, אַף דער ערד אויסגעצויגן, צייכענען זיי האַטשיקלעך. די מיידלעך זײַנען אין דעם „נײַעם שפּיל" אַרײַנגעטאָן מיט זייער גאַנצן ברען.

אַלעק קוקט פֿון אַ זײַט אַף די שילערנס און אַפֿן לערער און טראַכט זיך:

„שווער צו פֿאַרשטיין די רוסן! דער דאָזיקער ריזיקער מענטש איז אינגאַנצן אַ קינד. באַדאַרפֿט וואָלט ער גיין אַפֿן אײַז כאַפּן פֿאָקעס. אין לאַגער זײַנען פֿאַרבליבן וויייניק מענער, און ער פֿאַרווײַלט זיך מיט די קינדער!"

אַ האַלב־נאַקעטע, מיט דעם גאַרטל וואָס פֿאַרדעקט איר בלויז די היפּטן, טרעט אַלעק איבער די שילערנס און איבער דעם לערער אויפֿהענגען דעם טשײַניק איבער דער פֿײַער־פּאַן אָדער אַ נאַסע און זויערע פֿאָקע־פֿעל צום טריקענען קעדיי באַלד זי נעמען צום שאָבן. אָפֿט הערט מען דאָס קינד וויינען.

דוואָרקין טוט אַ טיפֿן זיפֿץ, נאָר די לעקציע רײַסט ער ניט איבער. די אַטמאָספֿער אין דער „יאַראַנגאַ" איז אַ געדיכטע און אַ שטיקנדיקע. אויך דער לערער טוט אויס דאָס העמד, וואָס איז דורכגענעצט פֿון שווייס. אַלעק קוקט פֿון צײַט צו צײַט אַף זײַנע פֿעסטע מוסקולן און באַדויערט וואָס זיי זײַנען ניט פֿאַרנומען מיט עפּעס.

די ערשטע טעג האָט דער לערער געמיינט ער וועט דאָס ניט אויסהאַלטן, נאָר געמוזט האָט מען אויסהאַלטן! און דוואָרקין האָט זיך צו אַלץ צוגעוווינט. די מיידלעך זײַנען אַזוי פֿאַראינטערעסירט אינעם לערנען, אַז

אין לאַגער רעדט מען ניט וועגן עפּעס אַנדערש ווי נאָר פון דער שול. אינגיכן זײַנען צוגעקומען נײַע שילער: צוויי מיידלעך און אַ ייִנגל.

אַלעק וווּנדערט זיך ווי די קינדער האָבן ליב די שול. צי ניט אויס שוואַכזיניקייט?

אין אַ נאָכמיטאָג איז בײַ וואַמטשאָן אין דער „יאַראַנגאַ" פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פונעם שייוועט־סאָוויעט. אין דער לעצטער צײַט האָט מען צוגעוויילט נאָך צוויי פרויען. דער לערער זאָגט, אַז עס איז ניט גוט וואָס מען לאָזט ליגן די טויטע הינט פאַר די וווינונגען. אינעם לאַגער ליגן אַליטעטס צוויי הינט מיט אויפגעריסענע בײַכער און די אַנדערע הינט פרעסן זייערע געדערים.

דער שייוועט־סאָוויעט האָט באַשלאָסן, אַז די הינט טאָרן ניט בלײַבן אין לאַגער און מען דאַרף זיי פאַרשלעפּן ווײַט אין דער טונדרע.

אַפן צווייטן טאָג איז וואַמטשאָ געגאַנגען צו אַליטעטן. ער דערמאָנט זיך ווי:אַזוי ער איז אַמאָל, ווען זײַן פאָטער, דער אַלטער וואַאַל, האָט נאָך געלעבט, געגאַנגען צו אַליטעטן אין געצעלט נאָך אַ שטיקל פלייש און פעטס. פון זײַנעטוועגן וואָלט ער ניט געווען געגאַנגען, נאָר ס'איז אַ צאָר געווען אַף דער אַלטער מוטער, אַ געפּרווירענע אין דער קאַלטער „יאַראַנגאַ". וואַמטשאָ דערמאָנט זיך אויך אָן דער פלאַש מיט באַלײַכטונג־פעטס, וואָס אַליטעט האָט מיט אים באַגאָסן די צי־שפּײַז אַף זײַן פאַסטקע. ער געדענקט דעם פאָטערס ווערטער: „אויב אַליטעט האָט אונדזער צי־שפּײַז באַגאָסן מיט דעם באַלײַכטונג־פעטס, איז ער אַן עמעסער ראָשע". וואַמטשאָ דערמאָנט זיך אויך אַף זײַן הונט טשעגיט, וואָס ער האָט מאַקריוו געווען אַפן באַפעל פונעם שאַמאַן... ער דערמאָנט זיך דאָס גאַנצע בייז וואָס אַליטעט האָט אים געטאָן.

אַ געקרעפּטיקטער מיט דעם לערערס שטיצע, גייט איצט וואַמטשאָ מיט דעם שטעל פון אַ וויכטיקן מענטשן, וואָס איז גרייט צו ריידן מיט אַליטעטן פעסט, ווי דוואָרקין האָט אים געלערנט.

אַרײַנגעקומען צו אַליטעטן אין „יאַראַנגאַ" און ניט הערנדיק פונעם באַלעבאָס קיין ענטפער אַף זײַן באַגריסונג, האָט וואַמטשאָ אַנטשלאָסן אַרויסגערעדט די ווערטער וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט:

— נעם אַוועק די טויטע הינט פונעם לאַגער. אַזוי האָט באַשלאָסן דער שייוועט־סאָוויעט.

אַליטעט האָט לאַנג און שווײַגנדיק געקוקט אַף וואַמטשאָן. זײַן באַפעלנדיקער טאָן האָט אים פאַרוווּנדערט.

— נעם אַוועק די הינט. נאָך הײַנט! זיי טאָרן דאָ ניט ליגן. — האָט וואַמטשאָ שטרענג איבערגעכאַזערט.

אַליטעט האָט זיך אויפגעזעצט אַף דער פעל, האָט אַרומגענומען מיט די הענט זײַנע נאַקעטע קני, און מיט די אויגן אַף וואַמטשאָן אָנגעשטעלט, האָט ער אים סאַרקאַסטיש און שטיל געפרעגט:

— פון וועלכן לאַגער ביסטו? איז עס דעם ערשטן מאָל ווי דו זעסט טויטע הינט אינעם לאַגער? אַ? ווי רופט מען דיך?

— מיך רופט מען פרעזידענט. — האָט וואַמטשאָ אַרויסרופעריש געענטפערט און האָט צעעפנט דאָס פאַפּיר. — דאָ האָסטו דאָס פרעזידענטן־פאַפּיר! איך האָב עס ווידער בײַ מיר אין די הענט.

— פון וואַנען האָסטו גענומען אַזאַ מוט צו ריידן מיט מיר?

— איך האָב שטענדיק געהאַט דעם מוט, נאָר געווען איז ער באַהאַלטן, איצט קומט ער אַרויס, ווײַל דו ביסט ניט מער קיין שטאַרקער. דו האָסט זיך שטענדיק געשטרײַכט אין פרײַנטשאַפט מיט דעם נאָרד־אַמעריקאַנער און האָסט זיך דערמיט גענוצט אונדז אײַנצושרעקן. דער נאָרד־אַמעריקאַנער לעבט שוין ניט מער. אָנשטאָט דעם האָב איך אַ סאַך רוסישע פרײַנט. — און וואַמטשאָ האָט גענומען אויסרעכענען אויף די פינגער: — לאָס איז איינער אַ פרײַנט; אַנדריי איז אַ פרײַנט; דער לעדער איז אַ פרײַנט; דער מענטש וואָס האַנדלט אינעם רוסישן אײַנקויף־הויז איז אויך אַ פרײַנט. זעסט וויפל פרײַנט? און זיי זײַנען שטאַרקער פון טשאַלי די רויטע נאָז. טשאַלי האָט געפירט פרײַנטשאַפט נאָר מיט דיר און די רוסן זײַנען פרײַנט פון אַלע יעגערס. אַזוי זאָגט דער לערער. איצט וועל איך שוין ניט שווײַגן אויב דו וועסט באַגיסן מײַנע פּאַסטקעס מיט דעם באַלײַכטונג־פּעטס פון די „טאַנגיס"... נעם אַוועק דײַנע געפייגערטע הינט! — האָט וואַמטשאָ געפּאָדערט.

— מעשוגענער, ווילסט ברענגען די שלעכטע גײַסטער אין לאַגער? — האָט אַליטעט גענומען דראָען. — די הינט וועלן דאָ בלײַבן ליגן ביז זיי וועלן פאַרפוילט ווערן.

— ניין, זיי וועלן ניט בלײַבן. דאָס נײַע געזעץ וויל זיי דאָ ניט זען.

— האָט וואַמטשאָ אַן אויפגערעגטער געענטפערט און איז אַרויס פונעם געצעלט.

— איך לאַך פון אײַער געזעץ; איך האָב מײַן אייגענעם געזעץ. — האָט אַליטעט אים נאָכגעשריגן.

טיגרענאַ איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען הינטערן פוטערנעם פאָרהאַנג און האָט זיך אײַנגעהערט צום שמועס. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף וואַמטשאָן און האָט מיט ניצאָכן אַ שמייכל געטאָן. דאָס איז דעם ערשטן מאָל וואָס זי זעט אים אַזוי געוואַגט. וואַמטשאָ האָט ניט באַמערקט טיגרענאַן און איז גלײַך אַרויסגעגאַנגען.

געגאַנגען איז ער צום לערער.

דוואָרקין מיט וואַמטשאָן זײַנען אַוועק צום אָרט ווו די טויטע הינט זײַנען געלעגן. דער לערער האָט זיך אָנגערופן: לאָמיר זיי אַרײַנוואַרפן אין אַן אָפענעם אָרט אַפן אײַז.

— דאָרט טאָר מען ניט, עס קען נאָך געשען אַן אומגליק. די בייזע גײַסטער וועלן אַרײַן אין צאָרן און די יאַם־כאַיעס וועלן מער ניט קומען צו אונדזערע ברעגעס. מען דאַרף זיי פאַרשלעפּן אויף דער טונדרע.

דוואָרקין האָט אַ שמייכל געטאָן, נאָר ער האָט מאַסקים געווען מיט וואַמטשאָן. זיי האָבן די הינט אַוועקגעשלעפּט פאַר די הינטערשטע פיס צו דער טונדרע, ווײַט פונעם ברעג.

אַליטעט איז געשטאַנען אויף דער טיר פון זײַן „יאַראַנגאַ" און האָט זיי נאָכגעקוקט. אין אָנמעכטיקן צאָרן האָט ער פאַרדריקט די פויסטן און זײַנע נעגל, האַרטע ווי די וואַלפיש־וואָנצעס, האָבן זיך אין זײַנע דלאָניעס אײַנגעשטאָכן.

אין שול האָט מען ווײַטער געלערנט.

אין איינעם אַ טאָג איז אַליטעט, אַ שיקערער, אַרײַנגעקומען צו וואַמטשאָן אין דער „יאַראַנגאַ". דער שטאַרקער פראָסט און דער אַלקאָהאָל האָבן זײַנע באַקן, שוין אויסגעפּילטע און פליישיקע, רויט געמאַכט. אַליטעט, אין

אַ לײַכטער געגאַרבטער „קוכליאַנקע״, האָט װי ניט געפּילט די קעלט. זײַן בליק, פול מיט האַס האָט זיך אָפּגעשטעלט אױפן לערער.

— צו װאָס ביסטו געקומען? װילסט פאַרדאַרבן אונדזער פאָלק? אונדזער פאָלק װעט ניט דערלױבן דו זאָלסט דאָ װױנען. גײ דיר צו די רוסן! — האָט ער צאָרנדיק געשריגן.

דװאָרקין האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען װאָס אַליטעט האָט אים געזאָגט. נאָר אױסגעדרײט האָט ער זיך צו אים און אים געענטפערט:

— שטער אונדז ניט, אַליטעט!

— אַליטעט איז דאָ ניטאָ! געקומען איז טשאַלי! איך בין טשאַלי! — האָט אַליטעט זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט.

דװאָרקין האָט אַ קוק געגעבן צו לאַסן אינעם העפט און אַ געשרײ געטאָן:

— קאַנטאָ!

מיט צעבליצטע אױגן װי בײַ אַ כאַיע, האָט אַליטעט אָנגעכאַפּט דעם לערער פאַר אַ פּוס און האָט אים אַרױסגעשלעפּט פון דער „יאַראַנגאַ״.

— לאָז אָפּ! — האָט דװאָרקין געשריגן.

נאָר אַליטעט האָט ניט אױפגעהערט בײז שלעפּן דװאָרקינען. נאָר שױן אין גאַס, האָט דװאָרקין זיך איבערגעדרײט אױפן רוקן און מיטן רעכטן פוס אַזאַ שטױס געטאָן אַליטעטן, אַז ער האָט אים געמוזט אָפּלאָזן. און דעמאָלט איז ער אױפגעשפּרונגען און מיט אַ פאַרמאָסטענעם פױסט אים דערלאַנגט אין דער מאָרדע. אַליטעט האָט זיך אַ װאָרף געטאָן אױפן לערער. דװאָרקין איז צוריקגעטראָטן און מיט אַ צװײטן זעץ אים אומגעװאָרפן אױפן שנײ.

מיט אַן אָנגעצונדענעם פּאַנעם האָט דװאָרקין שטרענג געקוקט אױף אַליטעטן, געװאַרט ער זאָל אױפשטײן.

נאָר אַליטעט איז געבליבן ליגן אינעם שנײ, האָט געשטשירעט די צײן און האָט געשמײכלט צו דװאָרקינען.

— אױפן גאַנצן יאַם־ברעג — האָט ער געזאָגט אַ ליגנדיקער, — האָט מיך נאָך ביז הײַנט קײנער ניט אומגעװאָרפן.

דער לערער האָט אים געדראָט מיט דער פױסט און איז צוריקגעגאַנגען אין דער „יאַראַנגאַ״ אָנגײן מיט דער לעקציע.

אױפן צװײטן טאָג, צום אַרײַנגײן אין שול, איז צו װאַאַמטשאַס געצעלט צוגעקומען דער קלײנער גאַי־גאַי, אַליטעטס זון, און געזאָגט:

— מײַן פאָטער שיקט מיך לערנען.

— זײער װױל! — האָט דװאָרקין געענטפערט. — טו דיר אױס די „קוכליאַנקע״.

קאַפּיטל XI

אױפן צװעלפטן טאָג נאָכדעם װי לאַס איז אַרױסגעפאָרן פונעם רעװקאָם, איז ער צוגעקומען צו דער בעכטע קליוטשעװאַיאַ. דער מילדער אַראָפּגאַנג צו דער בעכטע איז פּוסט געװען. הױך אױפן באַרג־רוקן האָבן זיך אומקלאָר אַרױסגעהױבן די שפּיצן פון דרײַ פאַרשנײטע „יאַראַנגאַס״. נאָר אױך די דאָזיקע מענטשלעכע װױנונגען זײַנען געשטאַנען װײַט אײנע פון דער אַנדערער.

האַרט בײַ דער ערד האָט געבלאָזן דער שנײ, און דער הימל איז געװען

אַזוי נידעריק, ווי ער וואָלט געדריקט די דרײַ נעבעכדיקע געצעלטן צו דער ערד. ווער וואָלט זיך גאָר געגלויבט, אַז דאָרט לעבן מענטשן.

לאָס איז שטיין געבליבן מיט דעם שליטן בײַ דער ערשטער „יאַראַנגאַ״. אַ מענטש אין הוילן קאָפּ, וואָס האָט זיך ווי פֿונעם שניי אַרויסגעהויבן, האָט לאָסן פֿרײַנטלעך געגריסט.

— זאָג מיר, אַלטער, — האָט אים לאָס געפֿרעגט, — האָסט עפּשער געהערט ריידן וועגן אַ רוס, וואָס זאָל זיך דאָ האָבן באַזעצט פֿאַרגאַנגענעם האַרבסט?

— מיינסט עפּשער דעם „קאַטשאַק״? — האָט דער אַלטער פֿון זײַן זײַט געפֿרעגט.

דאָס וואָרט מיליציאָנער האָט זיך נאָך ניט געהאַט אײַנגעבירגערט אין נעם ברעגלאַנד און, לויט דער אַלטער געוווינהייט, האָט מען אַנשטאָט מיליציאָנער נאָך אַלץ געזאָגט „קאַטשאַק״, וואָס דאָס מיינט קאָזאַק.

— יאָ, מיר האָבן אים אויפגעשטעלט אַ קליינע „יאַראַנגאַ״. — האָט דער אַלטער געענטפֿערט און האָט אָנגעוויזן מיט זײַן קוליע.

דער מיליציאָנער כאַבלאָוו איז געשלאָפֿן אין זײַן קליינעם צימער, אַן אויסגעצויגענער קימאַט פֿון איין עק ביזן צווייטן. בײַ דער פֿײַער־פֿאַן האָט אַ טשעפּקע מיידל, אין אַ סיטצן קליידל, עפּעס גענייט.

— גוט מאָרגן, — האָט לאָס געגריסט.

דאָס מיידל האָט אַ פֿאַרכידעשטע אים אָנגעקוקט, האָט אָוועקגעלייגט דאָס גענײ און געוועקט כאַבלאָוון. דער מיליציאָנער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך הילכיק אויסגעגענעצט און איז ראַפּטאָם אויפגעשפּרונגען און צעעפֿנט די אויגן. מיט זײַנע הירשן־פֿעלענע הויזן און מיליציאָנערישער קורטקע, האָט ער זיך געשטעלט אויף די קני און זיך אַ גלעט געטאָן די וואָנצעס.

— דערלויבט מיר אײַך באַריכטן, כאַווער דעלעגאַט פֿונעם רעווקאָם...

— וואָרט אַ ווײַלע! — האָט אים לאָס איבערגעריסן. — מיינסטו ניט, אַז איך בין ניקאָלײַ דער באַלמויפעס, וואָס דו האָסט זיך געשטעלט אויף קני?

— אַנדערש קען מען ניט, כאַווער דעלעגאַט. די סטעליע איז פֿאַר מיר צו נידעריק. — האָט דער מיליציאָנער זיך דערפֿילט אומבאַקוועם.

— שטער דיר ניט. מירן ריידן ליגנדיק. פֿאַר אַלעמען, ווער איז דאָס מיידל?

— ס׳איז ניט קיין מיידל, כאַווער דעלעגאַט. ס׳איז מײַן ווײַב.

— האָסט, הייסט עס, ערנסט כאַסענע געהאַט?

— ווי דען, כאַווער דעלעגאַט, און זי שוואַנגערט שוין... ווי קען מען דאָ גאָר וווינען איינער אַליין? פֿון ניט געוווינטשאַפֿט, קען מען דאָך פֿון אומעט דאָ אומקומען. איך דאַרף אײַך דען דערציילן? מען דאַרף קאָכן, נייען; אַ מאַן פֿעלט עס אויס. מיט איר, ווידער, לערן איך מיך גיכער אויס דאָס לאַשן. און די באַציִונג איז ווי צו אַן אייגענעם. מען האָט מיר געהאָלפֿן אַ שליטן אָפּילע זיך אײַנשאַפֿן. אין דער געגנטלעכער מיליץ־אָנפֿירונג מיינט מען, אַז אַ הונט קאָסט דאָ עטלעכע קאָפּיקעס, נאָר קאָסטן קאָסט ער אַזויפֿיל וויפֿל אַ פֿערד. אַף מײַן וואָרט, אין באַרנאַול קאָסט אַ פֿערד ביליקער. און אַ גוטער הונט האָט גאָר קיין פּרײַז ניט! מען גיט פֿאַר אים פֿינף פֿוקסן, און אַ פֿוקס האָט דאָ די ווערט פֿערציק רובל. באַרעכן דו וויפֿל דאָס באַטרעפֿט. נאָר איר ווייסט דאָך אַליין.

— נו, גוט. — האָט לאָס דערבײַ געקוקט אָף דעם מיליציאָנערס ווײַב.
— ווי רופט מען זי?

— זיי רופן זי טאָיורינטינאַ, נאָר איך האָב איר איבערגעמאַכט דעם נאָמען אָף טאַניאַ. וואָס קוקסטו אָף אונדז, טאַניאַ? דערלאַנג טיי!... צי עפּשער, כאַוועור דעלעגאַט, וועט איר אָנהייבן פון זופּ?

— איך בין שוין צוועלף טעג אָף דער רײַזע און נער מיך מיט טיי. דערלאַנג דעם זופּ... ווי איז באַ אײַך מיט פּראָדוקטן?

— גוט. איך בין געווען באַ רוסאַקאָוון אינעם אײַנקויף־הויז.

— ווי גייען אים די געשעפטן?

— גוט, כאַוועור דעלעגאַט. ער וווינט זיך ווי אין אַ שטאַטיש הויז. זײַן ווײַב איז ווערט די גאַנצע וועלט. זי האָט געעפנט אַ שול און לערנט מיט פינף קינדער. איר בײַשפּיל האָט מיך אָנגעשטעקט און ווען איך בין צוריקגעקומען, האָב איך גענומען לערנען מײַן טאַניאַן לייענען און שרײַבן. איך בין, פאַרשטייט זיך, ניט קיין וואַזשנער לערער, פונדעסטוועגן, קען זי שוין באַ מיר דעם גאַנצן אַלעפבייס...

אין דער „יאַראַנגאַ" איז געווען ענג, נאָר ריין, וואַרעם און ליכטיק. עטלעכע פוקע הירשן־פעלן האָבן געדינט פאַר טעפּיכער. די פוטערנע ווענט און דער דאַך זײַנען באַצויגן געווען מיט סיטץ. אָף אַ זײַטיקער וואַנט זײַנען מיט שפּילקעס געווען צוגעשפּיליעט דעם מיליציאָנערס עטלעכע פאָטאָגראַ־פיעס אין אַלערליי פּאָזעס. צווישן זיי איינע מיט אַ שווערד אין דער האַנט אָף אַ הילצערנעם פערד.

אין דרויסן האָט געהוליעט דער ווינט. אַ שניי־שטורעם האָט זיך אָנ־געהויבן.

זינט לאָס איז אַרויסגעפאָרן פונעם לאַגער, עסט ער איצט דעם ערשטן מאָל אַ זאַטן אָנבײַסן באַם מיליציאָנער אין דער „יאַראַנגאַ".

— ווו נעמסטו ברויט? — האָט ער אָנגעוויזן אָף אַ ווייצענער בולקע.

— איך האָב אויסגעפונען אַן אויפן ווי דאָס צו באַקן אין אַ קאַסטרוליע אָף דער פײַער־פאַן. ווען די בולקע ווערט אונטן אויסגעבאַקן, קער איך זי איבער אָף דער אַנדערער זײַט. די הייוון האָט מיר רוסאַקאָוו געגעבן. מעל האָבן מיר גענוג. עכטע זעמל־מעל. פאַר איין פוקס באַקומען זיי אַכציק קילאָ מעל און מאַכן דערפון ברויט. נאָר דאָס איז נאָך גאָרניט. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט טרײַבן בראָנפן פון דעם מעל! זיי יערן דאָס אויף, פון דער ביקס מאַכן זיי אַ קיל־רער און... און עס טריפט בראָנפן! איך האָב געמוזט פאַרבאָטן דאָס אומנוציקע אויסברענגען מעל.

דער מיליציאָנער האָט אַ זאָג געטאָן צום ווײַב:

— טאַניאַ, דערלאַנג אונדז קאַווע! איך האָב מיך דאָ צוגעוווינט צו קאַווע טרינקען. ווי נאָר איך הייב מיך אויף אינדערפרי, גיס איך אין מיר אַרײַן אַ טאַזע קאַווע, מיט קאָנדענסירטע מילך און אַלץ מיט אַן אַנדער. ווי ס'געהער צו זײַן.

— קורץ, ווי איך זע, האָסטו זיך פײַן אײַנגעאָרדנט.

— זייער פײַן, כאַוועור דעלעגאַט, כאָטש אַ ביסעלע ענגלעך. ס'איז מיר אַ ביסל שווער געווען צוגעוווינען זיך זיצן מיט פאַרלייגטע פיס אונטער זיך. נאָר, ווי זאָגט מען עס, אַ כאַיע געוווינט מען אויך צו אַלערליי קונצן צו מאַכן.

— ניט געדײַגעט, כאַבלאָוו; מירן דיר אינגיכן ברענגען אַהער אַ שטוב. דו פיר דיך נאָר גוט אויף מיט דײַן טאַניאַן.

— מיר לעבן זיך דאָ ווי די טײַבעלעך!
דער מיליציאָנער האָט אַ שמייכל געטאָן און, מיט זײַן גרויסער לאַפּע, צוגעצויגן צו זיך זײַן ווײַבל.
— און מיט דעם שמוגל, וואָס הערט זיך? — האָט לאָס געפרעגט.
— אין האַרבסט איז דאָ פאַרבײַגעשווומען אַ קליינער גאַליאָט, נאָר זייער ווײַט פונעם ברעג... עפשער וואָלטן מיר זיך אַ ביסל דורכגעגאַנגען, כאַוועֶר דעלעגאַט?
— ניין, פרײַנט מײַנער, איך האָב מיך אַזויפיל אָנגעשפּאַצירט ביז איך בין געקומען אַהער, אַז איך בין גערן זיך אָוועקצולייגן און זיך אויס־שלאָפן.
— נו, גוט. לייגט זיך אַוועק, איכל שלאָפן באַם שאָכן אין דער „יאַ־ראַנגאַ". פאַר אונדז אַלעמען איז דאָ קיין פּלאַץ ניטאָ.
— אויב אַזוי, איז גלײַכער איך זאָל אַהין גיין. — האָט לאָס פאַר־געלייגט.
— וואָס רעדט איר, כאַווער דעלעגאַט! דאָרט איז ניט גאָר ריין!
לאָס איז צוגעווווינט געווען צו אַלץ, נאָר אַוועקגיין פונעם מיליציאָנערס „יאַראַנגאַ" האָט ער ניט געוואָלט.
כאַכלאָוו האָט זיך אָנגערופן צום ווײַב:
— טאַניאַ, גיי דו שלאָפן צום אַלטן אין דער „יאַראַנגאַ".
לאָס איז נאָכאַנאַנד אָפּגעשלאָפן די גאַנצע נאַכט. אינדערפרי, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערזען דעם מיליציאָנער זיצן אויף דער ערד און צווישן די פיס געדרייט אַ מאַשינקע צו רײַבן פלייש. טאַניאַ האָט גע־פרעגלט פּירעזשקעס מיט פלייש.
— מיר מוזן דאָ אַ ביסעלע צואַרבעטן, כאַווער דעלעגאַט. — האָט דער מיליציאָנער פריילעך זיך אָנגערופן.
באַ לאָסן האָבן געשמייכלט זײַנע בלויע אויגן. אויף זײַן פּאָנעם איז גע־לעגן אויסערגעווײנלעכע גוטסקייט.
כאַכלאָוו האָט אַזאַ כיישעק געהאַט צו ריידן, אַז ער האָט די גאַנצע נאַכט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. און איצט, ווען ער איז געזעסן און געדרייט די מאַשינקע, האָט ער גענומען פּראָטימדיק דערציילן וועגן זײַן אַרבעט.
— הער אויס, כאַכלאָוו, פאַרוואָס האָסטו ניט געלאָזט הערן פון זיך?
איך זאָג דיר דעם עמעס, אַז איך האָב שוין אָנגעהויבן ווערן אומרויִק.
— ניטאָ צוליב וואָס אומרויִק זײַן, כאַווער דעלעגאַט! מיר וועט גאָר־ניט געשען. מיקויעך דעם באַריכט, האָב איך אָנגעקליבן פאַרשיידענע פאַקטן. איך האָב מיך געקליבן אויפשרײַבן אים מיט אַלע פּראַטים, און שוין גענומען אַפילע שרײַבן. פאַראַן אַ סאַך זאַכן. טאַניאַ, לעמאַשל, האָט מיר געהאַט דערציילט, אַז באַ דער לעפּצונג פון אַ געוויסן טײַך, וווינען עפּעס רוסן. איך בין אַוועק געוואָר ווערן. געווען איז עס פינף טעג רײַזע פון דאַנען, אַן ערעך צוועלף קילאָמעטער פון דער לעפּצונג. פאַר איך מיר אַזוי מיטן שליטן, אין אַ זאַווערוכע, און אַרום זעט מען ניט קיין איין ווינונג. איך זאָג אײַך דעם עמעס, איך האָב אָנגעהויבן מוירע צו האָבן. איך גיב אַ קוק, אַהאַ, אַ שליטן פאָרט מיר אַקעגן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די הינט זײַנען גע־ווען גרויסע און שטאַרקע, ווי די וועלף. פונעם שליטן איז אַראָפּ אַ פאַרשוין, און פון די פוטערס האָט אַרויסגעקוקט אַ רוסיש פּאָנעם. אַ פרוי איז עס געווען. „וווהין פאָרט איר?" — האָב איך זי געפרעגט. — איך פאָר אַ קוק

טאָן אַף דער פּאַסטקע. — האָט זי מיר געענטפערט. — פאָר צו צו דער לעפּצונג פונעם טײַך, דאָרט וועסטו טרעפן אַ בונקער אונטער דער ערד. דאָרט געפינט זיך איצט מײַן מאַן; איך וועל באַלד צוריקקומען". זי האָט אַ טרײַב געטאָן די הינט און איז פאַרשוווּנדן אינעם שטורעם. „וואָס קען דאָס זײַן?" — האָב איך זיך געטראַכט. און האָב מיך געלאָזט ווײַטער פאָרן. איך האָב געזוכט און געזוכט און האָב קוים געפונען דעם בונקער. אַלץ אַרום איז געווען ווײַס. מען האָט גאָרנישט ניט געזען. איך האָב אים אויסגעפונען צוליבן רויך. דער בונקער איז אינגאַנצן פאַרדעקט געווען מיט שניי. בלויז דער קוימען האָט אַרויסגעשטעקט. איך בין אַרײַן אינעווייניק. די פרוי איז שוין געווען צוריק. אַ הויכע און געשטרעקטע פרוי איז זי געווען, און דער מאַן אַ קליינינקער, אַ געפּוצטער, אַ געראַזירטער, אַמעריקאַניש געקליידט. פון זײַן אויפן ריידן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ געבילדעטער מענטש.

— וואָרט, וואַרט, גוטער ברודער. צי האָסטו עס ניט געזען אין כאָלעם?

— האָט לאָס געפרעגט.

— הערט ווײַטער, כאַוועך דעלעגאַט... דער בונקער איז אַ הילצערנער. ווי דער מאַן האָט מיר דערציילט, איז אַף יענעם אָרט פאַראַן אַ גרויסער יאַם־שטראָם. אין צײַט פון געוויסער, גראָבן די טײַכן אונטער די ערד. די ביי־מער פאַלן דערפון אַרײַן אין יאַם און דער שטראָם פאַרשלעפּט זיי ביז אַהינצו. פאַראַן ביימער־שטאַמען וואָס קומען פון דער לענאַ, פון דער קאָלימאַ, פונעם נאָרד־אַמעריקאַנישן טײַך יוקאָן. פאַרשיידענע מינים ביימער פון פאַרשיידענע ערטער. דער טיש אינעם בונקער, די בענק, אַלץ איז געמאַכט פון האָלץ. דער אויוון האָט אַ קוב פון פערציק מעטער וואַסער. אויך מיטן שטראָם צוגעטראָגן. איך אַליין האָב אַזעלכע קובן געפונען באַם ברעג. זיבן אַזעלכע האָב איך, מיט גאַזאָלין, מיט אַלקאָהאָל און מיט נאַפט. די געבירטיקע לאָזן זיי ליגן, זיי דאַרפן זיי ניט... קורץ, מאַן און ווײַב דרייען זיך אַרום מיר, ראַק זיי שמייכלען, ראַק זיי זײַנען מיך מעכאַבעד... דער מאַן פרעגט מיך: „שוין לאַנג ווי איר זײַט געקומען פונעם קאָנטינענט?" איך ענטפער אים: „ניט לאַנג". „האָט איר דאָרט ניט געהערט ריידן וועגן דעם געזעץ פון מעטאַלן־מידקייט?" „וואָס איז דאָס אַזוינס? עפּעס אַ סאָד?" — פרעג איך. און דער מענטש נעמט מיר דרייען אַ קאָפּ און דערציילט, אַז מעטאַלן, פונקט ווי לעבעדיקע באַשעפענישן, ווערן מיד, און עס קומט אַ צײַט, ווען זיי נעמען זיך פלוצים ברעכן, אָן שום סיבע. דער מענטש האָט געאַרבעט אין אַ לאַבאָ־ראַטאָריע און מען האָט אים, קענטיק, געשיקט פונעם מילכאָמע־פּלאַץ, אַזוי זאָגט ער, פאַרשיידענע שטיקער מעטאַל ער זאָל אויסגעפינען דאָס מידקייט־געזעץ. „ווער זײַט איר?", האָב איך אים געפרעגט. „איך בין אַן אינזשעניער — האָט ער מיר געזאָגט, — און מײַן ווײַב איז אַ מעדיצינערן. נאָר איצט גיבן מיר זיך אָפּ מיט פוקסן־יאַגד". „די עמעסע פייגל!" — האָב איך מיר געטראַכט. איך האָב אַפילע ניט געוווּסט ווי מיט זיי צו ריידן. דאָך, האָב איך זיי געזאָגט: „דערלויבט מיר, ווי דעם פאָרשטייער פון דער אָרטיקער מאַכט, אײַך אײַנצושרײַבן אינעם רייסטער".

און דער מיליציאָנער האָט זיך אָנגערופן צום ווײַב:

— טאַניאַ, דערלאַנג מיר אַהער יענעם פּאָרטפעל.

לאָס איז געלעגן מיטן מויל אַראָפּ, אָנגעשפּאַרט אַף די עלנבויגנס, און האָט אויסגעהערט וואָס דער מיליציאָנער האָט דערציילט.

כאָכלאָוו האָט אַרײַנגעקוקט אינעם העפט:

— אויך זײַן פאַמיליע־נאָמען איז ניט קיין רוסישער: וואַדים פעטראָוויטש סאַבליער און זי וואַלענטינאַ יוריעוונאַ. זעט איר שוין, כאַווער דעלעגאַט, סאַראַ העכט דאָ זײַנען פאַראַן. איך האָב זיי אויסגעפונען אַ דאַנק טאַניאַן. ווען ניט זי, וואָלט איך מיך אַפילע ניט דערוווסט פון זיי.

— פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען? — האָט זיך לאָס געוווּנדערט.

— איך האָב אים געפרעגט, האָט ער מיר גענומען דערציילן אַ מײַסע אַף אַ גאַנצער נאַכט. נאָך פאַר דער מילכאָמע, זאָל עס הייסן, האָט דער צאַר באַפוילן אַף דער טעריטאָריע אויפשטעלן, איך געדענק ניט, צי צען צי צוועלף ראַדיאָ־סטאַנציעס. ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, איז פון דעם אַלעמען גאָרנישט ניט געוואָרן. פונדעסטוועגן, האָט מען אין 1916 באַשלאָסן אײַנשטעלן אַ ראַדיאָ־סטאַנציע אין קאָלים. און סאַבליער האָט זי אײַנגעשטעלט. נאָך דער רעוואָלוציע, האָט ער זיך צעקריגט מיט עמעצן, איך געדענק ניט מיט וועמען, איז ברויגעז געוואָרן און האָט באַשלאָסן איבערצולאָזן דעם פאָסטן. ער האָט זיך אײַנגעקויפט הינט, האָט אַרויפגעזעצט זײַן ווײַב אַפן שליטן און איז אַוועק מיטן ברעג יאַם. ער איז דורכגעפאָרן העכער צוויי טויזנט קילאָמעטער און בײַ דער לעפצונג פון דעם טײַך איז אים געפעלן געוואָרן דאָס אָרט און ער האָט זיך דאָרט באַזעצט. „איך האָב נאָך אַף מײַן לעבן אַזוי גוט ניט געלעבט ווי דאָ. — האָט ער מיר געזאָגט. — קיינער שאַפט זיך ניט מיט מיר און איך שאַף מיך ניט מיט קיינעם”. און וויאַזוי זאָל ער ניט לעבן גוט, אַז ער האָט פון אַלעם גוטן. ווינטער גייט ער אינאיינעם מיט זײַן ווײַב אַף יאַגד און פאַנגט אַן ערעך הונדערט און פופציק פוקסן; זומער פאַרזאָרגט ער זיך מיט פיש, מיט שוואָמען, מיט שויטן. און אַזוי לעבן זיי זיך ביידע ווײַט פון מענטשן. מיר אָבער דוכט זיך, אַז צוליב עפּעס ווױנען זיי דאָ. צי זוכן זיי ניט עפּעס אַ מעטאַל? דאָס אָרט ווו זיי ווױנען, איז פוסט: זומער אַפילע קומט אַהין קיינער ניט צו. און פּראָדוקטן, דוכט מיר, באַקומען זיי פון די נאָרד־אַמעריקאַנער גאַליאָטן. נאָר הײַ־יאָר גייט זיי ניט גוט מיט די פּראָדוקטן. עמעס, זיי בייטיקן זיך ניט, ווי ער זאָגט, אין פּראָדוקטן. „איך קען מיך דערנערן, — האָט ער געזאָגט, — מיט הירשן־פלייש און פיש, אַזוי ווי די נאָמאַדן”. נאָר דאָ ליגט אַ הונט באַגראָבן.

— כאַווער כאָכלאָוו, ווּעסט מוזן נאָכאַמאָל צופאָרן צו אים. זע ער זאָל קומען אין רעווקאָם, נאָר ניט פריִער ווי אין צוויי כאָדאָשים אַרום. איך וויל פּערזענלעך ריידן מיט אים.

— ווי איר וועט הייסן, כאַווער דעלעגאַט. נאָר דערמיט איז נאָך די מײַסע ניט פאַרענדיקט. עמעס, איך האָב קיין צײַט ניט געהאַט ווי געהעריק אים אַרומצושמעקן, נאָר די שפּורן האָב איך אויסגעפונען. אַפן ברעג פון אַ צווייטן טײַך, ניט ווײַט פון דאַנען, קימאַט אַפן באַרג, ווױנט אַ נאָרד־אַמעריקאַנער. פריִער פלעגט ער דאָרט פאַרברענגען בלויז די זומערס. ער פלעגט קומען מיט אַ מאָטאָריזירטער באַרזשע אום פרילינג און אַוועקפאָרן אין האַרבסט. נאָר דעם ווינטער, דוכט מיר, איז ער דאָ פאַרבליבן. אַזוי רעדט מען. איכל מוזן אַ קוק טאָן וואָס דאָס איז אַזוינס.

— ריכטיק. — האָט לאָס מאַסקים געווען. — נעם דיר אין אַכט, כאַווער כאָכלאָוו, אַז הײַ־יאָר, העכסטנס איבעראַיאָר, מוזן מיר פאַרטרײַבן פון דאַנען די אַלע אַוואַנטוריסטן.

— זיי וועלן זיך פון אונדזערע הענט ניט אויסדרייען, כאַווער דעלעגאַט... דעם נאָרד־אַמעריקאַנער, דוכט מיר, רופט מען מיסטער ניק.

אַפן אַנדערן טאָג האָט דער שניי־שטורעם זיך אײַנגעשטילט און לאָס איז מיט כאָכלאָוון צוגעפאָרן צו רוסאַקאָוון אינעם אײַנקויף־הויז.

קאַפּיטל XII

איוואַן רוסאַקאָוו, דער אויפזעער איבערן הויז פון פוטער־אײַנקויף, אַ מענטש פון מיטעלן וווּקס, אַן ענערגיש־רירעוודיקער, מיט אַ רויט שפּיציק בערדל, איז אַ געבוירענער פון פּענזער גובערניע.

נאָך אַלס קינד, איז ער מיט זײַן פאָטער אַריבערגעפאָרן קיין סיביר, אויס מאַנגל אין ערד. אַף דער נײַער ערד איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון יאַגד, און צו דער באַשעפטיקונג האָט ער זיך איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן. כאַדאָשים לאַנג פלעגט ער אומוואַנדערן איבער דער סיבירער טײַגע און נאָך אַלס יונגער באָכער געוואָרן אַ באַרימטער יעגער. אַ סיבירער פוטער־הענדלער, מיטן נאָמען באַבקין, האָט אַף אים אַן אויג געוואָרפן און האָט אים אָנגעבאָטן אַרבעטן פאַר אים. אין אייניקע יאָר אַרום איז רוסאַקאָוו געוואָרן אַ גרויסער ספּעציאַליסט אין פוטערס.

דער סויכער האָט באַשלאָסן כאַסענע מאַכן פאַר רוסאַקאָוון זײַן אייניקע טאָכטער. אויך רוסאַקאָוון איז פאַרגעשטאַנען צו ווערן אַ גרויסער סויכער. און זײַן לעבן וואָלט זיך אַף דעם וועג פאַרנומען, ווען דער צוקונפטיקער שווער דערוויסט זיך ניט, אַז זײַן צוקונפטיקער איידעם האָט צו טאָן מיט די „ווײַס־בילעטנע” אַרעסטאַנטן, ווי מען פלעגט רופן די פאַרשיקטע רעוואָלוציאָנערן. פאַרן סויכער, איז רוסאַקאָוו אַוועק אַפן שלעכטן וועג, און ער האָט אים אַרויסגעטריבן. דעמאָלט איז רוסאַקאָוו אַוועק אַף דער טײַגע און האָט זיך ווידער גענומען צו יאַגד.

בעייסן בירגער־קריג איז רוסאַקאָוו געוואָרן אַ פּאַרטיזאַנער, האָט געקעמפט קעגן די אינטערווענטאָרן און איז אַ פּאָר מאָל אַרײַנגעפאַלן צו די יאַפּאַנעזער, וואָס פלעגן זיך פאַרווײַלן דערמיט וואָס זיי האָבן געשניטן פּאַסן לײַב פון זײַן רוקן. נאָר רוסאַקאָוון איז שטענדיק געלונגען צו אַנטלויפן פון די סאָנים. פון די שרעקלעכע און אוממענטשלעכע יעסורים האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען. און איצט לעבט ער אין עק וועלט און גיט זיך אָפּ מיט זײַן באַליבטער אַרבעט.

ווי אַן אַלטער קאָמוניסט, ווייסט ער ניט פון מיד ווערן: ער אַרבעט אין קראָם, אין די סכוירע־לאַגערס, רעדט אין די „יאַראַנגאַס” מיט די יעגערס וועגן אָרגאַניזירן און פאַרבעסערן די יאַגד. מאַכמעס זײַן שטאַמלען און זײַן ניט קענען גוט דאָס לאָשן, איז אים שווער צו שמועסן מיט זיי. נאָר זײַן טיפע באַקאַנטשאַפט מיט דעם לעבן און אַרט דענקען פון די יעגערס האָט אים געהאָלפן געווינען די סימפּאַטיעס פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. רוסאַקאָוו פלעגט זיך ניט מיַעסן פון זייערע מײַכאָלים און זיי פלעגן אים גערן מעכאַבעד זײַן מיט מאָרזשן־פלייש און מיט די בעסטע שטיקער יונגן הירש, און דערמיט אַרויסגעוויזן צו אים זייער אָכטונג.

דאָ, אַפן ווײַטן צאָפן, ווו די שאָען ציִען זיך לאַנג, פעלט רוסאַקאָוון שטענדיק אויס צײַט. אַהיים קומט ער נאָר עסן און שלאָפן. רוסאַקאָוו האָט מוירע געהאַט זײַן פרוי זאָל זיך ניט לאַנגווײַלן, האָט ער איר אײַנגערעדט

זי זאָל אין דער שטוב פונעם אײַנקויף־הויז עפענען אַ שול, וווּ די יעגערישע קינדער זאָלן קענען קומען לערנען.

עמעצער האָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אויב די קינדער וועלן ניט קומען אין שול פאַרווײַלן רוסאַקאָווס ווײַב, וועט זיך דער אויפזעער פונעם אײַנקויף־הויז באַליידיקן און וועט אויפהערן פאַרקויפן קאַרטעטש און טאַ־באַק. געקומען זײַנען אַ סאַך קינדער און אַנאַ איוואַנאָוונאַ, אַ דיקלעכע און ליבלעכע רוסישע טאָכטער, וואָס האָט גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט אַפילו פון ווערן אַ לערערקע, האָט גענומען לערנען די טשוקטשישע קינדער די רוסישע שפּראַך און דעם רוסישן אַלפאַבייס. די קינדער האָבן זיך צוגעוווינט צו דער רוסישער פרוי מיט דעם ווײַסן פּאָנעם און פלעגן פריילעכע גיין אין שול.

ווען לאָס איז אַרײַנגעקומען אינעם אײַנקויף־הויז, האָט אַנאַ איוואַ־נאָוונאַ געהאַלטן אין מיטן לערנען מיט די קינדער; צען מיידלעך און ייִנג־לעך זײַנען געזעסן אַרום דעם עס־טיש. אָפן טיש איז געלעגן אַן אַלפאַביים־ביכל, וואָס קיינער האָט ניט געוווּסט פון וואַנען דאָס האָט זיך אַהין גענו־מען. מעגלעך אַז דאָס ביכל האָט גענוצט מיסטער אַלסען, דער געוועזענער פאַרטרעטער פון דער נאָרד־קאָמפּאַני.

אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ גרויסער קוואַדראַט פון גוט אויסגעאַר־בעטער מאַרזשן־פעל. אָנגעצויגן אויף אַ הילצערנער ראַם, האָט ער געדינט פאַר אַ טאָוול. געווען זײַנען אויף אים מיט קרייד אויפגעשריבן ציפערן און ווערטער.

אַנאַ איוואַנאָוונאַ, אַ זשענירטע, איז רויט געוואָרן, ווען לאָס איז אַרײַנגעקומען אין צימער. זי האָט אים געגריסט און זיך אָנגערופן צו די קינדער:

— נו, קליינוואַרג, הײַנט האָבן מיר שוין פאַרענדיקט.

— פאַרוואָס? — האָט לאָס געפרעגט. — גייט ווײַטער אָן מיטן לערנען.

— פאַר זײַטיקע קען איך ניט, ניקיטאַ סערגייעוויטש. איך דערלויב אַפילו ניט מײַן מאַן אַרײַנקומען.

— סאַראַ שטרענגקייט! — האָט לאָס אַ שמייכל געטאָן און האָט זיך צוגעזעצט צו איינעם פון די שילער און אַרײַנגעקוקט אין זײַן היימיש גע־מאַכטן אָבער דאָך גאַנץ ציכטיקן העפט.

— וואָס פאַר אַ נומער איז עס? — האָט לאָס אַ פרעג געטאָן בײַ אַ ייִנגל אויף זײַן באַס־שטימע.

דאָס ייִנגל האָט בײַגעריק אַ קוק געטאָן אויף דעם ריזיקן בערישן מענטשן און האָט אַ זיכערער געענטפערט:

— אַכט.

— און אַט דער?

— דאָס ייִנגל האָט געקוקט אויף דער לערערקע און האָט אומזיכער גע־ענטפערט:

— זעקס.

— וואָס, אַקאַ? האָסט פאַרגעסן? — האָט אַנאַ איוואַנאָוונאַ געפרעגט.

— ער איז גערעכט, גערעכט, אַז מען דרייט איבער דעם העפט, באַ־קומט זיך אַ זעקס. — האָט לאָס דערמוטיקט דאָס ייִנגל. — אַט וועלן מיר זען, לייען איבער דאָס וואָרט.

— „מאַמאַ". — האָט דאָס יִנגל פּעסט איבערגעלייענט.

— זייער ווויל! קענסט שרײַבן? שרײַב אויף: „פּאַפּאַ".

דאָס יִנגל האָט מיט אַ זיכערער האַנט אויפגעצייכנט די אויסיעס.

— דו לערנסט גוט, — האָט אים לאָס געלויבט.

פונדעסטוועגן, האָט אַנאַ איוואַנאָוונאַ איבערגעריסן די לעקציע און האָט אַהיימגעשיקט די קינדער.

אַרײַנגעקומען זײַנען רוסאַקאָוו מיט דעם מיליציאָנער כאַכלאָוו. שפּעטער אַ ביסל האָבן זיך אַלע געזעצט צום טיש מיטיקן.

— איצט קען מען זיך דאָ פילן ווי אין דער היים. עס שמעקט מיט רוסלאַנד. — האָט לאָס שטאָלץ אַ זאָג געטאָן. — פאַראַיאָרן בין איך בײַ אָט דעם טיש געזעסן מיט דעם רויט־האָריקן מיסטער אָלסען. און קיינער פון אונדז ביידן האָט ניט געזאָגט דאָס וואָס ער דענקט. ווי מיר פלעגן זיך עס דרייען אַפן טעלער!

— איך בין דאָך אויך אַ ר־ר־רויטהאָריקער. — האָט רוסאַקאָוו אַרויס־געשטאַמלט און זיך צעלאַכט.

— מיינסט דערמיט צו זאָגן אַז די ענדערונג איז ניט קיין גרויסע. — האָט אַנאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט און האָט אַוועקגעשטעלט דעם זופּ אַפן טיש.

— ניין, אַ גרויסע, גאָר אַ גרויסע ענדערונג, אַנאַ איוואַנאָוונאַ. און אויב עס איז שוין צו רייד געקומען: שרײַבט אָן אַ ביטע אַף מײַן נאָמען, וועלן מיר אײַך באַשטימען פאַר אַ לערערקע מיט געהאַלט.

— וואָס רעדט איר, ניקיטאַ סערגייעוויטש? — האָט זיך די פרוי געוועהרט מיט די הענט. — איך האָב קיין רעכט ניט זיך צו פאַרנעמען מיט לערערײַ. איך גיב מיך אָפּ דערצו קעדיי ניט צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט.

— איצט האָבן מיר אַלע דאָס רעכט, אַנאַ איוואַנאָוונאַ. שרײַבט אומ־באַדינגט אָן די ביטע. און אויב איר וועט נאָך דערצו אָרגאַניזירן אַ צענטער אַף ליקווידירן אַמעראַצעס, וועל איך אײַך אויסדריקן מײַן דאַנק אינעם נאָמען פונעם רעווקאָם. איר האָט אונטערגענומען אַ גרויסע אַרבעט. צען שילער!

נאָכן מיטיק זײַנען לאָס און רוסאַקאָוו געגאַנגען באַקוקן די סכוירע־לאַגערן און די קראָמען.

— פּ־פּ־פונדעסטוועגן, לאָס, האָבן מיך די נ־נ־נאָרד־אַמעריקאַנער אָפּ־גענאַרט.

— מיט וואָס האָבן זיי דיך אָפּגענאַרט?

— מ־מ־מיט דעם טאַבאַק. ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז אַ מין סכוירע וואָס פאַרקויפט זיך נאָר דעמאָלט ווען זי איז גוט. איך האָב ד־ד־דעם מוט ניט געהאַט אַרײַנצושטעלן דעם טאַבאַק צווישן די סכוירעס, וואָס האָבן קיין אָפּגאַנג ניט, און האָב אַנגעווירן צוואַנציק פּראָצענט. אַן ערעך צען טויזנט רובל גאָלד.

— פאַרוואָס האָט ער ניט קיין אָפּגאַנג?

— דערפאַר וואָס איך האָב געבראַכט „פּאַפּושאַ", טשערקעסער טאַ־באַק: איך האָב געוור־וור־ווּוסט ווי באַליבט ער איז בײַ די סיבירער רייכערער. אויך דאָ רײַסן אים ד־ד־די יעגער פון די הענט. און עס געפעלט זיי ניט מער דער נ־נ־נאָרדאַמעריקאַנער טאַבאַק.

אין קראָם זײַנען פאַראַן אַ סאַך סכוירעס: נאָרדאַמעריקאַנער און רוי־סישע. אין די לאַגערן הענגען לאַנגע רייען פוקסענע פעלן. לאָס איז לאַנג

אַרומגעגאַנגען איבער די סכוירע־לאַגערן. עס האָט אים אינטערסירט די אַרבעט פונעם אײַנקויף־הויז און פון דער יאַגד.

ווען זיי זײַנען צוריק אַרײַנגעקומען אין שטוב, האָט לאָס געבעטן אַנאַ איוואַנאָוונאַ מאַכן טיי.

— ניט פאַר מיר: איך וואַרט אַף אַ גאַסט. — האָט ער אַ פּינטל געטאָן מיט אַן אויג.

דער גאַסט אַף וועלכן לאָס האָט געוואַרט איז געווען דער אַלטער „אייג־אויגיקער", דער באַרימטער יעגער פון דער פּראָ־אַמעריקאַנישער זײַט ריוו.

דער מיליציאָנער האָט זיך אָנגעבאָטן אים גיין ברענגען, נאָר לאָס האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— זאָל רוסאַקאָוו גיין. זאָל דער אַלטער ניט מיינען איך וויל אים אײַנשרעקן און שיק אים דעריבער רופן מיט אַ מיליציאָנער. ווי רופט מען אים?

— ליאָק. — האָט רוסאַקאָוו געענטפערט. — דו מ־מ־מיינסט, לאָס, אַז איך האָב אים ניט געפּרוווט איבעררײדן? געפּרוווט. ב־ב־נאָר ער וויל ניט. בעשום אויפן ניט. איך רייד מיט אים וועגן די מאָטאָרן, וועגן די וואַל־פיש־שיפלעך... און ער נעמט אַרויס אַ שאַכטל שוועבעלעך פון דער מאַרקע „טראַקאָדאַ", נעמט רײַבן און די שוועבעלעך ברענען ניט. און דערמיט ענדיקט זיך דער געשפּרעך. איך נעם אים דעמאָלט רײדן וועגן עפּעס אַנדערש, און ער נעמט ווידער אַרויס די שוועבעלעך. ער נעמט אַרויס די נאָרד־אַמעריקאַנער הילצערנע שוועבעלעך, צינדט אָן אַ שוועבעלע, ב־ב־בלאָזט דערויף און דאָס ברענט נאָך. „אָט דאָס איז אַ שוועבעלע", זאָגט ער.

— איז עס מעגלעך? — האָט זיך לאָס געכידעשט.

— איך וואָלט דעם פּ־פּ־פאַרשאָלטענעם דירעקטאָר פון דער שוועבעלעך־פאַבריק אויפגעהאָנגען... — האָט רוסאַקאָוו געזאָגט, און נאָכדעם ווי ער האָט געוואָרפן אַ בליק צום ווײַב, צוגעגעבן: — פאַר די אויערן: ער האַמעוועט אונדזער אַרבעט. ער אַרבעט פאַרן סוינע... רייד דו מיט דעם „אייך־אויגיקן"!

— ער געפעלט מיר, דער ליאָק. ער געפעלט מיר זייער. וואָס שײַעך די שוועבעלעך, וועט עס ווײַטער אַזוי ניט גיין. — האָט לאָס געזאָגט. — גיי, ברענג אים, מען דאַרף אים אָפּציִען פון אַליטעטן. איך וועל צו דער פרײַנטשאַפט אַ סאָף מאַכן.

— פּ־פּ־פאַרשטייט זיך איך וועל אים גיין ברענגען. נאָר איר וועט גאָרנישט ניט פּויעלן. איך ק־ק־קען אים אַף דורך און דורך.

— גיי, נאָר זאָג אים ניט צוליב וואָס דו רופסט אים. זאָג אים פּאָשעט: „דיך רופט דער גרויסער רוסישער נאַטשאַלניק".

רוסאַקאָוו איז אַוועק און לאָס האָט גענומען אומשפּאַנען אַ פריילעכער און אַ צעשמייכלטער איבערן צימער.

— ווי גוט דאָ איז, אַנאַ איוואַנאָוונאַ. איך האָב קיין כיישעק ניט פון דאַנען אַוועקצופאָרן. אָט וואָס דאָס הייסט אַ רוסישע שטוב! איך וואָלט דאָס עפּשער ניט געמערקט, ווען איך דערמאַן מיך ניט אָן די פאַראַיאָריקע נאָרד־אַמעריקאַנער. מענטשן דערקענט מען ווען מען פאַרגלײַכט זיי, אַנאַ איוואַנאָוונאַ.

— מיר פירן דאָ אַן אינטערעסאַנט לעבן. פון אָנהייב, עמעס, האָב איך מיך געשראָקן איך זאָל דאָ ניט אומקומען פון לאַנגווײַל, נאָר איצט האָב איך אַזוי ליב באַקומען די קינדער, אַז איך קען שוין גאָר אָן זיי אַ טאָג

ניט אויסקומען. זיי זײַנען אַזוי געהאָרכזאַם, אַזוי פּינקטלעך. ווי באַר זיי גייען אַוועק, נעם איך שוין גרייטן די לעקציע אויפן צווייטן טאָג. מיר איז שווער, ניקיטאַ סערגייעוויטש, אויסצוגעפינען אַ מעטאָד פאַר דער שול. איך בין ניט קיין לערערקע. פאַר אַ ניט־דיפּלאָמירטער איז עס, סאָפּקאָלסאָף, ניט מעגלעך.

— ווייסעך וואָס, אַנאַ איוואַנאָוונאַ, שלאָגט אײַך אַרויס פון קאָפּ די דיפּלאָמען! דאָס קען זײַן אַ שטער בלויז פאַר אײַער אַרבעט. פאַרלאָזט אײַך בעסער אַף זיך אַליין! — האָט לאָס געמאַכט מיט די הענט. — איר מיינט עפּשער, אַז איך האָב עפּעס אַ „דיפּלאָם", לויט איר טײַטשט דאָס וואָרט, אַף צו סאָוועטיזירן, צום בײַשפּיל, די געגנט? עס הייבט זיך ניט אָן! איך האָב אויך קיין שום עקספּעריענץ ניט געהאַט און קיין שום קענטעניש־מעטאָד. איך טו עס אינטויִטיוו, איך לאָז מיך פירן פונעם כוש. דעריקער איז זײַטער גיין. אַוואַדע וואָלט בעסער געווען ווען מיר האָבן אָט די „דיפּלאָמען", נאָר עס מאַכט ניט אויס, מירן אויך אָן זיי אַרבעטן. מיר האָבן קיין צײַט ניט אַף באַקומען די דאָזיקע „דיפּלאָמען", וואָס איר רעדט וועגן זיי. פונדעסטוועגן, אָריענטיר איך מיך גאַנץ צופרידנשטעלנדיק אין די אַלע פראַגן. און אויך איר, אַנאַ איוואַנאָוונאַ, וועט זײַן אַן אויסגעצייכנטע לערערקע. דעריקער איז אויפריכטיק דאָס צו וועלן זײַן.

רוסאַקאָוו איז צוריקגעקומען און הינטער אים אַ הויכער פעסטער זאַקן מיט איין אויג אַ בלינדס. דאָס איז געווען ליאָק. געטראָגן האָט ער אַ ריינע און גוט געשניטענע „קוכליאַנקע" פון יונגער הירשן־פעל, און אַליין האָט ער אויסגעזען אַ ציכטיקער, אַן אַקוראַטנער. זײַן קלוגער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אַפן לאָסן: מען האָט געזען ווי ער באַמיט זיך אײַנצוהאַלטן אַ כויזעק־שמייכל.

לאָס האָט אים דערלאַנגט די האַנט און פּאָשעט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, געזאָגט: — וואָס מאַכסטו, ליאָק.

איבערן אַלטנס פּאָנעם איז דורכגעלאָפן אַ צווייטער קוים מערקלעכער שמייכל.

— זעץ דיך צום טיש. ווילסט אויסטרינקען אַ גלאָז טיי מיט מיר?

— כ'האָב ערשט געטרונקען. נאָר איך קען אויך דײַנעם טרינקען. — האָט ליאָק געענטפערט און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ שטול.

לאָס האָט גענומען אָנגיסן די טאַזעס און האָט געפרעגט: — האָסט ליב שטאַרקן?

— שטאַרקן. — האָט דער אַלטער געענטפערט און זײַן איינציק אויג האָט אַ פינטל געטאָן.

לאָס האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער און צווישן איין זופּ טיי און דעם צווייטן, האָט ער אָנגעהויבן דעם שמועס:

— איך בין געקומען זען וויאַזוי דו לעבסט דאָ.

— מיר לעבן ווי מיר האָבן שטענדיק געלעבט. דו האָסט אונדז שוין געזען פאַרגאַנגענעם ווינטער. — האָט ליאָק ניט געאײַלטערהייט געענטפערט.

— פאַראַיאָרן איז געווען עפּעס אַנדערש און הײַנטיקס יאָר אויך אַנדערש. עפּעס אַן ענדערונג איז געשען.

— ניין, ניטאָ קיין שום ענדערונג. די פייגל פליִען, די פוקסן לויפן

און די מאַרזשן שווימען, פּונקט ווי פּאַראַיאַרן. אויך די זאַווערוכעס בלאָזן ווי פּאַראַיאַרן.

— הייסט עס, אַז קיין שום ענדערונג איז ניטאָ, נו, בין איך געקומען ריידן מיט דיר.

דער אַלטער האָט אַוועקגעשטעלט די טאַזע און מיט אַ שטײַפן בליק אַנגעשטעלט אַף לאָסן, האָט ער אַרויסגערעדט:

— פאַר קיין פאַל וועל איך ניט גיין אין קאָאָפּעראַטיוו.

— איך ווייס שוין אַז דו וועסט ניט גיין. פונדעסטוועגן, ווײַזט זיך אַרויס, אַז ניט געקוקט אַף דעם אַלעמען, זײַנען דאָך פאַרגעקומען געוויסע ענדערונגען. פּאַראַיאַרן איז ניט געווען קיין קאָאָפּעראַטיוו אַף יענער זײַט ריוו און איצט איז פאַראַן. ווען דער פרילינג וועט קומען און דאָס אײַז וועט ברעכן, וועל איך זיי צושיקן אַ מאָטאָריזירטן וואַסער־שיפל.

— ווען די מאַרזשן וועלן קומען, וועל איך זיי שיסן אָן אַ מאָטאָר.

— עמעס, נאָר מיט אַ מאָטאָר גייט עס שנעלער. דער מאָטאָר העלפט פאַרבעסערן דאָס לעבן, העלפט דאָס ענדערן.

— דו ווילסט עס ענדערן?

— יאָ. — האָט לאָס פעסט געענטפערט.

— ווי אַזוי וועסטו עס ענדערן, אַז די רוסן האָבן זיך ניט אויסגעלערנט מאַכן קיין שוועבעלעך?

דער אַלטער האָט פונעם בוזעם אַרויסגענומען אַ שאַכטל שוועבעלעך „טראַקאָדאַ" און אָן אײן וואָרט אָנגעריבן אײנס. דאָס שוועבעלע האָט ניט געברענט. ליאַק האָט דערלאַנגט דאָס שאַכטל לאָסן.

— יאָ, די שוועבעלעך זײַנען אַ פאַסקודסטווע. — האָט לאָס אַ געער־געערטער מוידע געטאָן.

— און דו ווילסט ענדערן דאָס לעבן? — האָט דער אַלטער מיט אַ טאָן פון טאַדלונג אַ זאָג געטאָן. — די נאָרד־אַמעריקאַנישע, פאַרקערט, פאַרלעשן זיך ניט אַפילע ווען דער ווינט בלאָזט.

— וואָס קומסטו אַלץ מיט די שוועבעלעך, ליאַק? גלײַך מער ווי שוועבעלעך וואָלט אַף דער וועלט ניט געווען! זאָג מיר סאַראַ טאַבאַק רייכערסטו?

דער אַלטער האָט אָנשטאָט אַן ענטפער אײַנגעשטאָכן די אויגן אין לאָסן.

— אַ נו, באַווײַז, באַווײַז מיר דײַן טאַבאַק־פּושקע.

דער אַלטער האָט ניט גערן אַרײַנגערוקט די האַנט אין בוזעם. לאָס האָט דערזען, אַז אין פּושקע האָט ער געבראַקטן טשערקעסישן טאַבאַק, האָט ער אַוועקגעשטעלט אַפן טיש אַ פונט נאָרד־אַמעריקאַנישן געפרעסטן טאַבאַק און געפרעגט ליאַקן:

— פאַרוואָס רייכערסטו ניט דעם?

— די „פּאַפּושע" איז שטאַרקער. — האָט דער אַלטער געענטפערט, און נאָך אַ קורצער פויזע, צוגעגעבן: — אָן טאַבאַק איז אַ מענטשן שווער צו לעבן; אָן פײַער קען ער ניט לעבן. איך וועל אין קאָאָפּעראַטיוו ניט גיין. זאָלן די מענטשן לעבן ווי זיי ווילט זיך. די מענטשן אַף יענער זײַט ריוו האָבן געוואָלט אַרײַן אין קאָאָפּעראַטיוו, זאָלן זיי דאָרט זײַן. איך זאָג ניט אַז ניין.

— איך צווינג דיך דען דו זאָלסט אַרײַן אין קאָאָפּעראַטיוו?

— דו צווינגסט מיך ניט, נאָר דו ווילסט איך זאָל אַרײַן.

— יאָ, ליאַק, איך וויל, און איך מיין, אַז דו וועסט זיך נאָך אַמאָל

בעטן. נאָר דעמאָלט וועלן די מענטשן איבערקלערן צי זאָלן זיי דיך אַרײַנ־נעמען צי ניט.

— זיי וועלן ניט איבערקלערן. זאָל איך נאָר וועלן, וועלן זיי מיך טייקעף אַרײַננעמען.

— ווילסט נאָך אַ טאָזע טיי ?

— גיס אָן.

און בעייסן אָנגיסן האָט לאָס געזאָגט:

— גוט, ליאָק, לאָמיר איצט מער ניט ריידן דערפֿון. ווען דער פֿרילינג וועט קומען וועסטו שוין אַליין זען.

— איך ווייס וואָס פֿרילינג וועט זײַן. מער מאָרזשן וועל א י ך האָבן.

— מירן שוין זען. די צײַט וועט באַווײַזן.

דער אַלטער האָט זיך אויפֿגעהויבן:

— איך גיי שוין. איך דאַרף איצט מאַכן אַ פּיראָגע־שיפּל.

— גוט, ליאָק, אײַנגיכן זיך צו זען. קום צו אַמאָל.

— צוקומען ? קען זײַן.

ווען ליאָק איז אַוועק, האָט דער מיליציאָנער באַמערקט:

— אַ פֿויגל ! נאָר מיר דוכט זיך, אַז אויך פֿון ד ע ר זײַט ריוו וועט זײַן אַ קאָאָפּעראַטיוו.

— ס׳איז גאָר קיין סאָפּעק ניט. — האָט לאָס פֿאַרזיכערט. — פֿאַרנאַכט וועל איך מיך דורכגיין צום אַלטן אין דער „יאַראַנגאַ“.

קאַפּיטל XIII

אינעם לאַגער לאָרען זײַנען פֿאַר דער לעצטער צײַט פֿאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען. טשאָלי טאָמסאָנס שטיבל מיט דעם שפּײַכלער, געדעקטע מיט געכוואַליעטע צינק־בלעכן, איז שוין ניטאָ.

רולטינאַ האָט דאָס שטיבל מער ניט באַדאַרפֿט און האָט געזאָגט צו יאַראַקן:

— דאָס שטעכט מיר אין די אויגן. מען דאַרף עס אײַנוואַרפֿן.

רולטינאַ וויל ניט האָבן קיין שום זאַך וואָס זאָל איר דערמאָנען איר ווײַסן מאַן.

מיט דעם מאַטעריאַל האָט מען אָוועקגעשטעלט אַ „יאַראַנגאַ“ אָפֿן באַרג־רוקן, לעבן די אַנדערע „יאַראַנגאַס“, און ניט באַם ברעג.

דער צינקענער דאַך גלאַנצט זיך אַף דער זון, און רולטינאַ לעבט רויִק מיט אירע קינדער, גלײַך מיט אַלעמען, ווי גאָרניט וואָלט פּאַסירט.

אַ כּוץ מיסטער סיימאָנס פֿריִערדיקן נאָרד־אַמעריקאַנישן אײַנקויף־הויז, וואָס איצט איז עס פֿאַרנומען פֿון זשאַכאַוון, שטייען איצט נאָך צוויי הײַזער: די שול און דער שפּיטאָל פֿון רויטן קרייץ.

אָפֿן באַרג־רוקן שטייען ווי פֿריִער די יעגערישע „יאַראַנגאַס“, נאָר ניטאָ איז צווישן זיי רינטעוס „יאַראַנגאַ“. זײַן טאָכטער האָט כאַסענע געהאַט פֿאַר אַ יעגער פֿון אַ שכײנישן לאַגער אַ שטיקל צײַט נאָכדעם ווי דער אַל־טע רינטעו איז אומגעקומען בעייסן אַראָפּפֿאַלן אינעם אָפּגרונט. פֿון זײַן „יאַראַנגאַ“ איז פֿאַרבליבן ניט מער ווי דער קײַלעכדיקער שטיינערנער פֿונ־דאַמענט ; אינעם שניי ליגן ביינער פֿון יאַם־כאַיעס און אָן איבערגעלאָזטע פֿאַרייכערטע פֿײַער־פּאָן. דאָס פֿײַער פֿון יענער „יאַראַנגאַ“ איז אַף שטענדיק

פֿאַרלאָשן. און די טאָכטער איז אַוועק זיך וואַרעמען באַם פֿײַער פֿון אַ צווייטער היים.

יאַראַק מיט מעריך האָבן זיי אײַנגעאָרדנט אינעם אײַנקויף־הויז. זיי שלאָפֿן אין טשאַליס בעט, זיי עסן באַ דעם טיש ווו עס פֿלעגט עסן מיסטער סיימאָנס, און ביכלאַל לעבן זיי ווי די „טאַנגיס”.

רולטינאַ קומט אָפֿט צו זיי „פּירן” דאָס ווײַסע הויז, לויט איר אַלטער געוווינהייט. זי ווייסט ווי מען דאַרף האַלטן די אָרדענונג אין דעם מין הײַזער. זי וווּנדערט זיך וויאַזוי יאַראַק מיט מעריך האָבן זיך צוגעוווינט לעבן ווי די ווײַסע. און דאָך איז זי זיכער, אַז אַף דעם אויפֿן לעבן זיי באַקוועמער. גיכער וואַרפֿן זיי זיך אונטער דעם נײַעם לעבן צוליב דעם וואָס יאַראַק אַרבעט באַם פּוטער־אײַנקויף און מערי אינעם שפּיטאָל. ווי זיי געפֿעלט. זאָלן זיי זיך לעבן אָפּן נײַעם שטייגער.

לעבן זיי, מיט אַ וואַנט אָפּגעטיילט, וווינט זשאַכאָוו, דער פֿירער פֿונעם פּוטער־אײַנקויף. באַנאַכט כראָפּעט ער שטאַרק, און מערי לאַכט און זאָגט צו יאַראַקן:

— די מאָרזשע איז שוין אַף דער זון אַרויס!

דער פֿאַרגלײַך איז אַ טרעפֿלעכער, מאַכמעס זשאַכאָוו איז שטאַרק ענלעך צו אַ מאָרזשע: ער האָט אַ דיקן בויך, די וואָנצעס באַ אים זײַנען שטעכיקע, ווי באַ אַ מאָרזשע און כראָפּען כראָפּעט ער ווי אַ מאָרזשע.

יעדן פֿרימאָרגן מאַכט מערי קאַווע און דערלאַנגט יאַראַקן דעם פֿרישטיק גלײַך באַם טיש וואָלט געזעסן טשאַלי. זי איז שטענדיק פֿריילעך, רעדט אַפֿן הויכן קאָל און טראָגט שטאָפּענע קליידער. זי איז איצט דיקער און איז דורכויס ענלעך צו אַ ווײַסער פֿרוי. און כאָטש יאַראַק גייט זעלטן אַף יאַגד צום יאָם, — ער טוט עס אַמאָל צוליב פֿאַרווײַלונג, — האָבן זיי שטענדיק וואָס צו עסן. יאַראַק כאַפּט מער ניט קיין פֿוקסן, נאָר זאַכן באַקומט ער וויפֿל דער בעסטער יעגער. מערי באַקומט אויך רעגלמעסיק געלט פֿונעם דאָקטער, און פֿאַר דעם געלט קויפֿט זי אײַן אין קראָם וואָס זי וויל.

רולטינאַן וווּנדערט דאָס אַלץ. זי גייט ניט מער אײַנגעבויגן ווי פֿריִער ווען טשאַלי האָט געלעבט. איצט גייט זי אַן אויסגעגלײַכטע, מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ. בערטאַ קומט אַהיים פֿון דער שול אַ טומלדיקע, אַ פֿריילעכע, און דערציילט וואָס דער לערער האָט געזאָגט.

„אַן אומנוציקע זאַך, די שול! — טראַכט זיך רולטינאַ, — נאָר דאָס שאַדט ניט; זאָל זי זיך פֿאַרווײַלן, זי איז נאָך יונג”. אַ נײַ, אומבאַקאַנט לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אינעם לאַגער.

אין אַ פֿרימאָרגן איז רולטינאַ געקומען געוואָר ווערן צו איר שוואַנגערער טאָכטער. יאַראַק איז געזעסן באַם טיש אין אַ וויכטיקער פּאָזע און געוואַרט אַף דער קאַווע, און ווען מערי האָט אַוועקגעשטעלט אָפּן טיש אַ גלאָז רויכערדיקע קאַווע, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פֿויסט אין טיש און דראָענדיק אַ געשריי געטאָן, קונציק נאָכמאַכנדיק טשאַלין:

— גאָד דעמן! פֿאַרוואָס ברענגסטו מיר קאַלטע קאַווע?

רולטינאַ, מערי און יאַראַק האָבן זיך הילכיק פֿונאַנדערגעלאַכט.

יאַראַק האָט אויסגעטרונקען די קאַווע און אויפֿגעגעסן אַ שטיקל פּאָקעפֿלייש און איז אַוועק אין פּוטער־לאַגער און מערי אין שפּיטאָל. רולטינאַ האָט גענומען אויפֿראַמען אין צימער.

אינעם פּוטער־לאַגער זײַנען אָנגעקליבן אַ סאַך פֿוקסן און, ביז די שיף

װעט קומען, איז באַלעבאָס איבער זיי יאַראַק. ער זינגט זיך אונטער און נעמט זיך רייניקן די פעלן. ער ווייס, אַז מען טאָר אַף זיי דעם מינדסטן שפּור פעטס ניט איבערלאָזן, מעג עס זײַן טרוקן. זומער װעט זיך דאָס פעטס צעשמעלצן, װעלן די פוקסן דערפון װערן געלבלעך, און פוקסן מוזן זײַן װײַס װי שניי. דערויף האָט זיך באַצויגן דאָס לידל װאָס יאַראַק האָט זיך אונטערגעזונגען.

זשאַכאָװ איז אַרײַנגעקומען. געטראָגן האָט ער אַ טײַער הירשן־פעלן פעלצל, מיט אַ ביבערנעם קאָלנער. דאָס היטל אַ קאַסטאָרנס.

— גוט מאָרגן! — האָט אים יאַראַק פרײַנטלעך געגריסט.

זשאַכאָװ האָט אים ניט געענטפערט און איז פאַרבײַגעגאַנגען די צעהאָנגענע פעלן, האָט אַ טרייסל געטאָן די עקן און האָט טרוקן באַפוילן:

— מען דאַרף זיי אַרײַנלייגן אין די זעק. איבל זיי אײַנפּאַקעװען.

— פאַרװאָס? — האָט יאַראַק אַן איבערראַשטער געפרעגט. — בעסער איז זיי זאָלן הענגען. מירן צײַט האָבן זיי אײַנצופּאַקעװען װען די שיף װעט אַרײַנקומען. לאָמיר זיי לאָזן זיך לופטערן.

— דו װילסט מיך לערנען װי צו היטן פוטער? — האָט זשאַכאָװ אים שטרענג געפרעגט. — ביסט נאָך אַ שנעק. אין קראַסנאָיאַרסק האָב איך פאַרמאָגט גרויסע פוטער־לאַגערס. שוין פינף און צװאַנציק יאָר װי איך אַרבעט אין פוטער.

יאַראַק האָט פונעם בעליק אַראָפּגענומען אַ פוקסענע פעל, האָט זי איבערגעקערט אַף דער לינקער זײַט, װי מען קערט איבער אַ זאָק, און געזאָגט:

— זע, זשאַכאָװ: פעטס. די יעגערס זײַנען ניט געװוינט גוט צוצוגרייטן די פעלן. זיי האָבן ניט קיין קלײַען. טשאַלי פלעגט מיר שטענדיק הייסן רייניקן די פעלן מיט קלײַען. ער האָט געװוסט װי אומצוגיין מיט פעלן. אויך רולטינאַ און מערי פלעגן זיי רייניקן; אַלע פלעגן מיר עס טאָן.

— קענסט דיר גיין שפּאַצירן אינאיינעם מיט דײַן טשאַלין. איך װייס בעסער פון אים װאָס מען דאַרף טאָן. לאָז אָפּ די קלײַען און טו װאָס מען הייסט דיר.

יאַראַק האָט נערװעזיש אַ שױבער געטאָן זײַנע האָר, פאַרקעמטע אַפן רוסישן שטייגער, און געזאָגט:

— אַזוי קען מען אַ טעל מאַכן פון די פעלן, זשאַכאָװ. טשאַלי פלעגט זאָגן, אַז פעלן מיט דעם פעטס, װען מען לאָדט זיי אויף אין די שיף־קעלערן, װערן אַ טעל. אַזוי װי דאָרט איז הייס, װערט דאָס פעטס צעשמאָלצן און די פוטערס װערן געל.

— טו װאָס מען הייסט דיר. זאָג די װײַבער זיי זאָלן זיך נעמען נייען זעק. מירן איצט אײַנפּאַקעװען די גאַנצע פאַרטיע.

— װי דו װילסט. איך האָב גערעכנט פריִער זיי אָפּרייניקן און דערנאָך זיי אויפהענגען אין דרויסן, דער שניי זאָל אַף זיי פאַלן און זיי זאָלן װערן שטאַרק װײַס.

— טו װאָס איך זאָג. באַשטעל די זעק! — האָט זשאַכאָװ אַף אים בייז אָנגעשריגן און איז אַרויס פונעם פוטער־לאַגער.

יאַראַק איז לאַנג געשטאַנען און געקוקט אַף דער טיר דורך װאַנען זשאַכאָװ איז אַרויסגעגאַנגען.

„עס איז ניט קיין גוטער מענטש, — האָט ער אַ זיפץ געטאָן און איז אַװעק צו די „יאַראַנגאַס" איבערגעבן די װײַבער זשאַכאָװס באַפעל.

די פעלן זײַנען אים פון געדאַנק ניט אַרויס.

אין איינער פון די „יאַראַנגאַס" האָט ער אָנגעטראָפן דעם דאָקטער.

— ווי גייען די געשעפטן, רויטער סויכער? — האָט אים פּיאָטר פּעטראָוויטש גוטמוטיק אַ פרעג געטאָן.

— די געשעפטן גייען גוט נאָר אַ ביסעלע שלעכט. — האָט יאַראַק געענטפערט און האָט איבערדערציילט דעם דאָקטער דעם שמועס וואָס ער האָט געהאַט מיט זשאָכאָוון.

דער דאָקטער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם איניען און האָט לאַנג אויסגעפרעגט יאַראַקן וועגן די פעלן, וויאַזוי מען גאַרבט זיי און וויאַזוי מען היט זיי. דער דאָקטער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער „יאַראַנגאַ" מיט יאַראַקן און זיי האָבן ניט אויפגעהערט ריידן. דער שניי איז אַף זיי געפאַלן.

זשאָכאָוו איז געזעסן באַ זײַן טיש, האָט עפּעס גערעכנט אַפן סטשאָט און פאַרצייכנט, בעייס דער דאָקטער איז אַרײַנגעקומען.

— גוט מאָרגן, נאָום סידאָראָוויטש! מיר וווינען אין איין אָרט און מיר זעען זיך אַזוי זעלטן.

— בעסער אַזוי, דאָקטער; שטערן מיר זיך ווייניקער. — האָט זשאָכאָוו כמורנע אָפּגעענטפערט.

— הערט זיך אײַן, איך האָב ערשט געשמועסט מיט יאַראַקן. ער האָט מיר דערציילט זייער אינטערעסאַנטע זאַכן מיקויעך פוטער. ער איז ניט צופרידן פון אײַער פאַראָרדענונג.

זשאָכאָוו האָט אָוועקגערוקט פון זיך דעם סטשאָט, האָט אַ קוק געגעבן איבער די ברילן אַפן דאָקטער און האָט גלײַכגילטיק אַ זאָג געטאָן:

— וואָס־זשע גייט עס מיך אָן צי ער איז צופרידן אָדער ניט צופרידן?... אויב איר וועט זיך צו אים צוהערן, וועט איר פון אים מאַכן אַן אינטריגאַנט.

דער דאָקטער האָט מיטן בליק אַרומגענומען דאָס צימער.

— ניין, זײַט מויכל, דאָ האַנדלט זיך ניט פון אינטריגעס. דאָס וואָס יאַראַק זאָגט וועגן די פעלן, לייגט זיך אַפן סייכל.

זשאָכאָוו האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און די הענט, אַפן בויך פאַר־לייגטע, האָבן זיך געהויבן אויף און אַפּ, אינאיינעם מיטן בויך.

— הערט מיך אויס, דאָקטער, איר זײַט אַ מענטש אַ דערצויגענער, אַ געבילדעטער, און דאָך פאַרשטייט איר ניט, אַז יאַראַק איז נאָך אַ וויל־דער. — האָט זשאָכאָוו מיט גרינגשעצונג אַרויסגערעדט. — איך אַרבעט מיט פוטער שוין אַ פערטל יאָרהונדערט, זאָל איך מיך איצט גיין לערנען באַ אים? פוי, עס קערט צו דער גאַל!

דער דאָקטער האָט אַרויסגעלאָזט אַ מויל מיט רויך, האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אַף זשאָכאָוון און האָט געטײַנעט זײַנס:

— איך בין זייער ווײַט פון האַלטן יאַראַקן פאַר אַ ווילדן. נאָכמער, איך האַלט אַז ער איז גערעכט. איך פאַרשטיי ניט פאַרוואָס איר הערט אײַך ניט צו צו זײַן גערעכטער אָנווײַזונג. די פעלן טאָרן ניט אײַנגעפּאַקעוועט ווערן איידער יאַראַק רייניקט זיי אַפּ פונעם פעטס.

— איר ווייסט וואָס איך וועל אײַך זאָגן, דאָקטער? — האָט זשאָכאָוו אויסגעפּלאַצט. — דער אָנפירער מיט דעם אײַנקויף־הויז בין איך. די „אָקאָ־ראַ" האָט אַהער געשיקט מיך און ניט אײַך. און איך טראָג די אַכראַיעס פאַר דער אַרבעט. דעריבער בעט איך אײַך איר זאָלט ניט שטעקן אײַער נאָז אין מײַנע געשעפטן. איך גיי ניט אין שפּיטאָל אײַך לערנען ווי איר זאָלט

היילן אײַערע קראַנקע, וואָס איר האָט זיי נאָך, אַגעוו, ניט. דערמיט מעגט איר אײַך פאַראינטערעסירן.

דער דאָקטער האָט ניט געענטפערט. דאָס פּאָנעם האָט זיך אים באַ־דעקט מיט פלעקן, די אונטערשטע ליפּ האָט אים גענומען ציטערן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס פונעם צימער.

— אַזאַ כוצפּעניק! — האָט זשאַכאָוו געשריגן.

אָן אויפגערעגטער איז דער דאָקטער שיר ניט געלאָפן אין שפּיטאָל אַרײַן. זינט ער איז אָפּן צאָפּן איז ער נאָך אַזוי אויפגערעגט ניט געווען. ער האָט געליטן פון דעם געצווונגענעם אומבאַשעפּטיקט זײַן. אַלע מיטלען וואָס ער מיט דעם לערער האָבן אָנגענומען, האָבן צו גאָרנישט ניט געפירט. דער אוילעם גייט ניט אין שפּיטאָל. דאָס איינציקע וואָס אים איז ביז איצט געלונגען, איז אויסהיילן די קרעץ באַ איינעם פון די שילער.

ווען ער איז צוגעקומען צום שפּיטאָל, איז ער שטיין געבליבן אָף דער קליינער טעראַסע און האָט שווער געאָטעמט.

— וואָס שטייסטו דאָרט, דאָקטער? — האָט אים מערי מיט סימפּאַטיע געפרעגט, ווען זי האָט אים דערזען אַזאַ אויפגערעגטן.

— ס'איז גאָרניט, מערי, ס'איז גאָרניט. איך קום באַלד אַרײַן. איך וויל פריִער אַרײַנגיין צום לערער.

דער לערער קוזמאַ דאַזאַרני איז געשטאַנען באַם פּײַער און האָט אָף אַ קאַסטרוליע געבראָטן אַ שטיק הירשן־פלייש.

— אָך, דאָקטער! קומט אַרײַן. מירן באַלד עסן הירשן־פלייש. — האָט ער אים פרײַנטלעך אויפגענומען.

דער דאָקטער איז צוגעגאַנגען צו אַ היימיש־געמאַכטן שאַפּקעלע, האָט גלײַכגילטיק באַקוקט די געליישטע רוקנס פון די ביכער אין די ראַפטן און האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ שטול.

דעם לערערס קליינער צימער איז געווען ריין און באַקוועמלעך. דער דיוואַן, אויך פון היימישער מעלאָכע, איז באַדעקט געווען מיט הירשענע פעלן. אויך פאַרן בעט און אונטערן שרײַב־טיש זײַנען פאַרשפּרייט געווען הירשענע פעלן. דער דאָקטער האָט געהאַט דעם אײַנדרוק ווי ער זעט דאָס אַלץ צום ערשטן מאָל. „ווי גוט דאָ איז!” — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

דער לערער איז אַרײַנגעקומען מיט זײַן בלעזלדיקער קאַסטרוליע.

— וואָס זײַט איר, דאָקטער, אַזוי פאַרכמורעט ווי אַ וואָלקנדיקער האַרבסט־טאָג?

— דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, קוזמאַ? אָט דער מאַרק־הענדלער האָט מיך טיף באַליידיקט. ער איז מיר אַזוי דערגאַנגען צו דער לעבער, אַז איך האָב געמיינט איך וועל אים אויספּאַטשן... נאָר איך האָב מיך אײַנ־געהאַלטן...

— כאַפּט אים דער טײַוול! וואָס הערסטו זיך צו צו אים? לאָמיר עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן... איך האָב אַ טײַער שטיקל הירשן־פלייש. עס צעגייט זיך אין מויל.

— גיי אַרײַן צו מיר אין שטוב, קוזמאַ, וועסט דאָרט געפינען אַ פלעשל באַ מיר אין בופעט. טו מיר אַ טויווע, גיין אַרײַן. דאָס פעלט מיר איצט אויס ווי אַ מעדיצין.

דער לערער איז אַרויס און האָט שוין אין איין צײַט געבראַכט מיט זיך אַ גרויסן געפרוירענעם פיש.

— מײַן שאָכן האָט געבראַכט אַ פולן שליטן פיש. אין איין רעגע מאַך איך אים.

דער לערער איז אַרויס און האָט שוין אין איין צײַט געבראַכט מיט אַ שטאַרק שאַרפן מעסער גענומען שנײַדן פון אים פּאַסן.

די פּאַסן פיש זײַנען געפאַלן אין טעלער אַרײַן ווי סטרוזשקעס געפּרוירענע. אַזוי טאַקע האָט מען זיי גערופן, און מיט פעפער באַשאָטן זײַנען זיי געווען אויסערגעווײנלעך געשמאַק.

זיי האָבן אויסגעטרונקען צו גלעזעלעך, פאַרביסן מיט פיש און דער דאָקטער האָט זיך אָנגערופן:

— אַן אויסגעצייכנט פאַרבײַסן, די סטרוזשקעס... בעקיצער, קוזמאַ, איך בין אַרײַנגעגאַנגען צו דעם הענדלער איבעררײדן מיקויעד אַ געוויסן איניען און ער האָט מיך פון די קיילים אַרויסגעבראָכט...

— מיט אים איז ניטאָ וואָס צו רײדן! איך קום צו אים אַרײַן איין מאָל אין כוידעש. איצט רעכן איך קויפן אַ פעסל פוטער און אַ זאַק צוקער. און מער קום איך ניט צו אים.

דער דאָקטער האָט אים דערציילט די געשיכטע מיט די פעלן. קוזמאַ האָט אים געראָטן וועגן דעם צו וויסן טאָן דעם רעווקאָם.

— ניין. — האָט דער דאָקטער געענטפערט. — מען דאַרף אָפּוואַרטן. לאָס, זאָגט מען, איז נאָך ניט צוריקגעקומען. מען קען נאָך צושיקן פונעם רעווקאָם עמעצן אַן אַנדערן, וואָס זאָל אים ניט דערלאַנגען ווי ער האָט דאָס פאַרדינט. לאָס אַליין מוז קומען. — און נאָך אַ קורצער פויזע, האָט אים דער דאָקטער אַ פרעג געטאָן: — צי בין איך ניט מיט אַן עמעסן אַ ליידיקגייער, קוזמאַ? ווי מיינסטו? דו אַרבעטסט אין שול; ער, ווי דאָס זאָל ניט זײַן, אַרבעט אינעם אײַנקויף־הויז, און איך יאָג נאָר די הינט. ס'איז פײַנלעך, ווי מיינסטו?

— ניט געדײַגעט, דאָקטער. ס'וועט זיך אַלץ אײַנאָרדענען. עסט אַ שטיקל הירשן־פלייש.

געזעסן זײַנען זיי און גערעדט וועגן די שפיטאָל־איניאָנים ביז שפעט אין דער נאַכט.

די ווײַבער זײַנען צוריקגעגאַנגען פונעם אײַנקויף־הויז מיט דעם שטאָף פאַר די זעק.

— די ווײַבער, פונדעסטוועגן, קומען אויס מיט אים, מיט דעם הענדלער. מען האַלט אים דאָ פאַר דעם וויכטיקסטן פאַרשוין. — האָט דער לערער געזאָגט.

— איך ווייס. מערי האָט מיר דערציילט וואָס ער זאָגט די יעגערס. ער רעדט זיי אײַן, אַז מען קען לעבן אויך אָן אַ שול און אָן אַ שפּיטאָל. בעיים אָן זײַן סכוירע איז אוממעגלעך צו לעבן. דו פאַרשטייסט צו וואָס ער צילט? ער איז אַ בייזער וואָרעם! ריינע דעמאַגאָגיע.

קאַפּיטל XIV

די טעג זײַנען שטילע און זוניקע. עס איז שוין פּאָלאַרע נאַכט, נאָר עס פעלט נאָך אַ סאַך צו פּרילינג. עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָבן געבלאָזן דאָרעם־ווינטן און אָפּגעטריבן די אײַז־בלאָקן פונעם ברעג. לענגאויס דעם גאַנצן יאַם־ברעג איז דאָס וואַסער ריין פון אײַז. די לופט איז וואַרעם. דער שניי גלאַנצט אַף דער זון.

לאָס איז צוריקגעקומען צום רעוואָם. ער שטייט נאָך אינדרויסן לעבן שליטן און שמועסט מיט דעם אינסטרוקטאָר אָסיפּאָוו. ער וויל מען זאָל אויס־נוצן דאָס אָפּטרעטן פונעם אײַז באַם ברעג אַף אַרויסצופאָרן מיט די וואַל־פיש־שיפלעך צום צאָפנדיקן טייל קרײַז.

— איין שיפל ווּעסטו געבן רוסאַקאָוון און אַ צווייטס דעם לערער דוואָרקין. פאַרבלײַב דאָרט ביז פרילינג און גרייט צו אין יעדן לאַגער אַ מע־כאַניקער. עס וואָלט אויך ניט שלעכט געווען אַז רוסאַקאָוו מיט דעם לערער זאָלן זיך אויסלערנען פירן וואַלפיש־שיפלעך.

— צי וועלן ניט די שיפלעך באַדעקט ווערן מיט אײַז, ניקיטאַ סער־גייעוויטש ?

— דאָס מאַכט ניט אויס. ווּעסט אים אָפּקלאַפּן. נעם מיט זיך העק, גרינג, פאַרשטייט זיך, וועט עס ניט זײַן. נאָר אָנקומען ווּעסטו.

— גוט. הײַנט נאָך, אויב דו ווילסט, פאָר איך אַרויס. און באַ דיר אַף דער באַק וואָס האָסטו ?

— אַ ביסל אָפּגעפרוירן. וואָס הערט זיך דאָ נײַס ?

— זשוקאָוו האָט טעלעגראַפירט, אַז מען האָט באַוויליקט די געלטער אַף אָוועקשטעלן די קולטור־באַזע. מען האָט אים באַשטימט פאַר נאַטשאַלניק איבער דער באַזע.

— בראַוואָ, אַנדריושאַ ! — האָט לאָס אויסגערופן.

אילױשאַ מאַלאַדצאָוו איז צוגעלאָפן צום שליטן.

— זײַט געגריסט מיט אײַער אָנקומען, ניקיטאַ סערגייעוויטש. וואָס־זשע זײַט איר שטיין געבליבן אַף דער גאַס. קומט אַרײַן אין דער ראַדיאָ־סטאַנציע. איך האָב פאַר אײַך צוגעגרייט אַ בעטל. אַלע האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין די „יאַראַנגאַס”.

— ריכטיק. — האָט אָסיפּאָוו באַשטעטיקט. — מיר זײַנען קימאַט גע־בליבן אָן קוילן.

— אַ דאַנק, אילױשאַ. נאָר איך וועל מיך אײַנאָרדענען באַ אילײטשן. לייג צונויף דאָס בעטל און שטעל אָוועק אַף דעם אָרט מײַן שרײַב־טיש.

— מירן מאַכן פלאַץ אויך פאַרן שרײַב־טיש, ניקיטאַ סערגייעוויטש.

— ניין, ניין. — האָט זיך לאָס קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

— מיר גיבן באַהייצונג נאָר פריגונאָוון, דעם פינאַנצן־פירער. — האָט אָסיפּאָוו געזאָגט. — ער איז קראַנק געוואָרן אַף סקאָרבוט : די פיס זײַנען אים געשוואָלן און אויך די יאַסלעס.

— איז ער ניט צומאָל קראַנק געוואָרן פון ערגערניש ? אָדער גאָר פון צופיל שלאָפן ? עס איז נאָך פאַר פרילינג, און סקאָרבוט איז אַ פרילינג־כאַלאַס.

— מיר האָבן אים געוואָלט שיקן אין שפּיטאָל, האָט ער ניט געוואָלט.

— ס'איז ניט נייטיק, איכל אים דאָ אַליין אויסהיילן.

לאָס האָט אָפּגעבונדן אַ זאַק פונעם שליטן, האָט אים פאַרוואָרפן אַף די פלייצעס און איז אָוועק זען פריגונאָוון.

דער פינאַנצן־פירער איז פונעם בעטל אַראָפּ, אַ בלייכער און אַ פאַר־וואָקסענער, אָפּאַטיש אַ קוק געגעבן אַף לאָסן.

— ביסט קראַנק ?

— יאָ, ניקיטאַ סערגייעוויטש.

— און די קוילן העלפן דיר ניט.

— איכל דאָ שטאַרבן. — האָט פריגונאָוו אַ זיפץ געטאָן.

— זיכער וועסטו שטאַרבן. וואַרט, וועסטו זען ווי די ציין וועלן דיר נעמען אַרויספאַלן.

— איר זײַט אַ שלעכטער, ניקיטאַ סערגייעוויטש.

לאָס האָט אַרויסגענומען פונעם זאַק אַ געפרוירן שטיק רוי פאָקע־פלייש.

— נעם, עס. גריזשע איידער דו בלײַבסט אָן ציין.

— וואָס רעדט איר, ניקיטאַ סערגייעוויטש ? כ׳בין דען עפּעס אַ טשוקטשי ? איך קען דאָס ניט עסן.

— איך הייס דיר עסן ! — האָט לאָס באַפעלעריש דאָס קאָל אויפגעהויבן. — אויב דו האָסט קיין מוט ניט אַליין דאָס אויפצועסן, וועלן מיר עס אויפעסן אין צווייען. — און לאָס האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם פינאַנצן־פירער אָפן בעטל און גענומען גריזשען דאָס פלייש.

פריגונאָוו האָט גענומען אַ שטיקל, האָט עס עטלעכע מאָל איבערגעדרייט אין דער האַנט און האָט עס גענומען גריזשען מיט אַ ווייטיקלעכער גרימאַסע אָפן פּאָנעם.

— דאָס איז דאָס ראַדיקאַלסטע מיטל קעגן סקאָרבוט. אַמונדסען, און דיך קען מען מיט אים ניט פאַרגלײַכן, האָט געגעסן דאָס פלייש, אַ פּראַכט. אין יעדער „יאַראַנגאַ” ריידן דערפון די טשוקטשיס מיט באַגײַסטערונג. זיי האָבן ניט ליב אַז מען שנײַט זיך פון זייערע מײַכאָלים. נאָכאַמאָל זאָג איך דיר: געפרוירן פאָקע־פלייש איז אַן אויסגעצייכנט מיטל קעגן סקאָרבוט. איך ווייס עס פון דער פּראַקטיק. פאַראַיאָרן בין איך קראַנק געוואָרן און האָב מיך געראַטעוועט נאָר מיט דעם פאָקע־פלייש עסן.

— ס׳איז מיט אַן עמעסן ניט גאָר שלעכט. — האָט דער פינאַנצן־פירער אַ וואָרטשע געטאָן און געקײַט די געפרוירענע שטיקלעך פלייש.

אַרײַנגעקומען איז דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט מאָלאָדצאָוו.

— ניקיטאַ סערגייעוויטש, — האָט ער געמאָלדן. — איינער סאַבליער פרעגט אָף אײַך.

— אַך, סאַבליער ! פיר אים אַרײַן אין דער ראַדיאָ־סטאַנציע, איכל באַלד אַרײַנקומען.

עס איז שוין געהאַט נאַכט געוואָרן. אַ לאָמפּ האָט באַלויכטן דאָס צימער. סאַבליער האָט זיך אײַנגעקוקט אין די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. בעפיירעש האָט ער ניט געוואָלט זיך אינטערעסירן מיט דעם אַלעמען, נאָר אויפגעוועקט האָט זיך אין אים דער ניט אינגאַנצן אײַנגעלאָשענער פּראָפעסיאָנעלער כוש.

— זי פונקציאָנירט גוט, די ראַדיאָ־סטאַנציע ? — האָט ער אַ פרעג געטאָן מאָלאָדצאָוון.

— גוט. איך האַלט אָן אַ רעגולערע פאַרבינדונג מיט פּעטראָפּאַוולאָווסק. — האָט מאָלאָדצאָוו שטאָלץ געענטפערט.

סאַבליער האָט גענומען ריידן מיטן טאָן פון אַ באַהאַוונטן מענטשן, און אינעם געשפרעך אַרײַנגעוואָרפן ראַדיאָ־טערמינען.

— איר האָט אַ יעדיע אין ראַדיאָ ? — האָט מאָלאָדצאָוו אַן איבערראַשטער אים געפרעגט.

— כ׳האָב אַמאָל געהאַט. — האָט סאַבליער געענטפערט מיט אַ קוים מערקלעכער איראָניע.

לאָס איז אַרײַנגעקומען און, ניט אויסריידנדיק אַ וואָרט, זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש פונעם ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט.

— גוטן אָוונט! — האָט סאָבליער געגריסט און זיך אויפגעשטעלט.

— גוטן אָוונט, בירגער סאָבליער! — האָט לאָס געענטפערט און האָט זיך שאַרף אײַנגעקוקט אין דעם קליינעם מענטשל מיט דער געדיכטער באָרד און פייגלשן פּאָנעם.

— זיצט.

— איך בין אַ היגער יעגער און קום אָף אײַער רוף.

— איך האָב מיך דערוווּסט, אַז איר זײַט אַן אינזשעניער און ניט קיין יעגער. — האָט לאָס אָפּגעענטפערט און האָט ניט אויפגעהערט פאַר־שעריש באַטראַכטן סאָבליערן.

— פריִער בין איך געווען אַן אינזשעניער און איצט בין איך אַ יעגער.

— זײַט איר ניט אַ קאָרעוו פון סאָבליערן, דעם פּראָקוראָר פונעם היי־ליקן סינאָד?

— מיר טראָגן בלויז איין פאַמיליע־נאָמען... דערלויבט איר מיר אויס־טאָן די רײַזע־מאַלבושים?

— ווי איר ווילט.

סאָבליער האָט אויסגעטאָן דעם באַשליק און די לײַכטע הירשן־פעלענע „קוכליאַנקע” און מיט געמאַכטער רויִקייט זיי אויפגעהאָנגען אָף אַ צוואַק. ניט געאײַלט, האָט ער זיך דערנאָך צוגעגלעט די לאַנגע געדיכטע האָר אָפן קאָפּ און האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אָף דער באַנק. די אויגן זײַנע זײַנען אומרויִק אומגעלאָפן איבערן צימער. דאָס שפּיציקע אַרויסגעשטאַרצטע בערדל און די גאַנצע געשטאַלט זײַנע האָט אויסגעזעזן ווי אַ כאַיע אָפן לויער.

— זײַט איר טאַקע אַן אינזשעניער?

— יאָ. — האָט סאָבליער גיך געענטפערט.

— איך וואָלט אַ באַלן געווען זען אײַער דיפּלאָם.

— איך האָב אים פאַרברענט. אַ יעגער דאַרף ניט קיין דיפּלאָם, נאָר אַ קלאָץ.

— און אײַער פרוי איז אַ מעדיצינערן?

— זי איז פריִער געווען אַ מעדיצינערן.

— פאַרוואָס האָט איר געביטן אײַערע אינטערעסאַנטע פּראָפעסיעס אָף דעם פאַך פון האַלב־ווילדע יעגערס?

— מיר זײַנען גאַנץ צופרידן מיט אונדזער היגן לעבן. נאָכמער: מיר זײַנען גליקלעך. מיר זײַנען באַצויבערט פון די אומענדלעכע ראַכוועסן און פון דער אַבסאָלוטער אומאָפּהענגיקייט. קיינער באַפעלט מיר ניט... מיר ווילן ניט לעבן אין אַזאַ געזעלשאַפט ווו די מענטשן בײַסן זיך ווי די הונגעריקע וועלף... אויב איר ווילט, איז אונדזער לעבן דאָ די עמעסע פרײַהייט. דאָס איז דער זין דערפון וואָס דער צאָפן האָט אונדז, מיך און מײַן פרוי, אַזוי צוגעבונדן. — האָט דער אינזשעניער געענטפערט און האָט אַרויסגענומען זײַן ליולקע צום פאַררייכערן.

— ווייסט איר, אַז אָף דער טעריטאָריע פון דער אַלטער רוסישער אימ־פּעריע ווערט איצט געבויט אַ נײַע געזעלשאַפט, אַ סאָציאַליסטישע, אַז די וועלפישע געזעצן זײַנען שוין אָפּגעשאַפט און אַז די באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש ווערן אַוועקגעשטעלט אָף אַ נײַער, גאַנץ אַנדערער באַזע?

— איך האָב געהערט... נאָר דאָס וועט אַלץ זײַן אין דער צוקונפט. און איך בין שוין פופציק יאָר אַלט. מיך אינטערעסירט די פרײַהייט שוין איצט זי צו געניסן.

— אַנטשולדיקט, ניט אין דער צוקונפט. דאָס איז שוין אַ ווירקלעכקייט.

מאַלאַדצאָוו האָט שווײַגנדיק אויסגעהערט דעם שמועס און האָט זיך בלויז אײַנגעקוקט אין דעם מאָדנעם פאַרשוין.

— ווי קאָמיש דאָס איז! — האָט אים לאָס ניט אָפּגעלאָזט. — אַ מע־דיצינערן און אַן אינזשעניער גייען אַוועק פון דער געזעלשאַפט און גיבן זיך אָפּ מיט יאַגד...

— די יעגערישע פילאָזאָפיע איז אַ גאַנץ פּאָשעטע: דערהאַרגענען די כאַיע און זיך זעטיקן מיט איר פליייש. איך בין פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט דעם אַרט דענקען און לעבן פונעם יעגער.

— פאַר דער רעוואָלוציע, אָבער, האָט איר געאַרבעט! — האָט לאָס פלוצים אַ געשריי געטאָן. — דעמאָלט האָט אײַך אינטערעסירט דאָס געזעץ פון מעטאַלן־מידקייט! וואָס איז די סיבע דערפון וואָס נאָך דער רעוואָלוציע האָט איר פאַרלוירן דעם אינטערעס צו דעם אַלעמען?

— יאָ, כ׳האָב געאַרבעט און איך באַדויער וואָס איך האָב אַזוי שפּעט אויסגעפונען מײַן איצטיק לעבן.

לאָס האָט נערוועיִש פאַררייכערט אַ ציגאַרעט. ער האָט אַנגעוווירן דעם כיישעק ווײַטער צו פירן דעם געשפּרעך. נאָר ער האָט זיך באַהערשט און האָט רויִק אַ פרעג געטאָן סאַבליערן:

— העלפט אײַער פרוי דער אַרטיקער באַפעלקערונג אַלס דאָקטער?

— ניין, זי איז געקומען צום שלוס, אַז אינעם מענטשלעכן אָרגאַניזם דאַרף מען זיך ניט אַרײַנמישן. דער מענטשלעכער קערפּער איז אַזאַ פּער־פעקטער מעכאַניזם, אַז ער קען אַליין שטעלן אַ ווידערשטאַנד יעדער קראַנקייט, און די מעדיצין, לויט דער מיינונג פון מײַן פרוי, איז ריינע שאַרלאַטאַנערײַ, עפּעס ענלעכס צו דעם וואָס די שאַמאַנעס טוען.

— אינטערעסאַנט! און אַז מען דאַרף אַ מענטשן אַ פוס אַרונטערנע־מען? דער אָרגאַניזם אַליין קען עס דאָך ניט טאָן.

— מײַן פרוי האַלט אַז אַ מענטש אָן אַ פוס איז קיין מענטש ניט. און מען דאַרף פאַר אים ניט שאַפן די אילוזיע פון גליק.

— אַ מאָדנע פילאָזאָפיע!

— יעדער איינער פילאָזאָפירט אַף זײַן אויפן.

זיי זײַנען שטיל געבליבן. דערנאָך האָט סאַבליער אַרויסגענומען אַ בריוו און האָט אים דערלאַנגט לאָסן.

— אײַער געאָלאָג האָט מיך געבעטן אײַך איבערגעבן דעם בריוו.

לאָס האָט באַ אים פון די הענט גענומען אַן אימפּראָוויזירטן קאָנווערט, אין אַ סאָך ערטער אַ פאַרנייטן מיט פאָדעם. לאָס האָט אים פריִער באַטראַכט פון אַלע זײַטן, דערנאָך האָט ער מיט אַ ראַזיר־מעסערל איבערגעשניטן די פעדעם און איבערגעלייענט דעם בריוו. פון צײַט צו צײַט האָט ער געכאַפּט אַ קוק צו סאַבליערן, וועלכער איז די גאַנצע צײַט געזעסן שטיל.

— איר האָט געלייענט דעם בריוו? — האָט ער פלוצים אַ פרעג גע־טאָן סאַבליערן.

— איך? — האָט סאַבליער זיך אַ כאַפּ געטאָן. — איך בין אַן אָנ־שטענדיקער מענטש; איך האָב אַף מײַן לעבן ניט געלייענט קיין פרעמדע קאָרעספּאָנדענץ...

— איך גלייב אײַך. — האָט לאָס אים איבערגעריסן.

— אַגעוו, אינטערעסירט מיך גאַנץ ווייניק וואָס אינעם בריוו שרײַבט זיך. — האָט דער אינזשעניער צוגעגעבן.

— און איצט, בירגער סאַבליער, פּאַרבעט איך אײַך, מיט אײַער פרוי, צושטעלן זיך אין רעוווקאָם אַן ערעך אַ כודעש פאַר דעם ווי די נאַוויגאַציע וועט זיך אָנהייבן. איך מוז אײַך אַרויסשיקן אַפן קאָנטינענט.

סאַבליער האָט רויִק אַ פרעג געטאָן, ווי ער וואָלט שוין לאַנג גרייט געווען מען זאָל עס אים זאָגן:

— מעג איך וויסן וואָס איך האָב געטאָן אַף צו פאַרדינען די אויסווײַזונג?

— איך האָב מיר מײַנע מאָטיוון. איר וועט זיך דערוויסן פון זיי ווען איר וועט זיך צושטעלן אַהער מיט אײַער פרוי. דאָס איז אַלץ. באַמיט אײַך ניט אַרויסצודרייען זיך פון מײַנע פאַראָרדענונגען. אײַך וועט אַהער באַגלייטן דער מיליציאָנער כאַכלאָוו. איצט קענט איר אַהיימפאָרן.

דער אינזשעניער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט אָנגעטאָן די „קוכליאַנקע" און, מיט דעם פוטערנעם באַשליק אין דער האַנט, אַ פרעג געטאָן:

— עס איז שוין נאַכט. דערלויבט איר מיר איבערנעכטיקן אינעם לאַגער און אַרויספאָרן ווי נאָר עס וועט טאָג ווערן?

— ווי איר ווילט.

סאַבליער איז אַוועק און לאָס האָט נאָכדעם לאַנג געקוקט אַף דער טיר.

— אויסוואָרף! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — האָט זיך צוגעטראַכט זײַנע אַ מעשוגנעדיקע פילאָזאָפיע און מיינט ער וועט מיך נאַרן.

— און וואָס גייט עס, ניקיטאַ סערגייעוויטש? — האָט אים דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט געפרעגט.

— דער געאָלאָג שרײַבט מיר, אַז די נאָרד־אַמעריקאַנער גאַליאָטן שטאָטן אַף וויזיטן דעם דאָזיקן „פילאָזאָף". אין דער טונדרע האָט דער געאָלאָג צווישן אַנדערן אָנגעטראָפן אַפילע אַ לאָקאָמאָטיוו.

קאַפּיטל XV

ערמען און דער אינסטרוקטאָר אָסיפּאָוו האָבן זיך געגרייט אַראָפּלאָזן אין וואַסער די וואַלפיש־שיפלעך. דער אַלטער איליטש האָט פונעם יאַם־ברעג, אַ באַפרײַטן פונעם אײַז, שטיל זיך צוגעקוקט ווי זיי אַרבעטן. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט, אַ קוק געטאָן אַפן הימל און געזאָגט:

— פיר טעג וועט נאָך בלאָזן דער דאָרעם־ווינט. דערנאָך וועט דאָס אײַז ווידער צוקומען צום ברעג. ס'איז עפשער גלײַכער איך זאָל מיטפאָרן.

— זעץ זיך אויף, טאַטע, — האָט אים ערמען אונטערגעגעבן כיישעק.

— טאָמער וועלן מיר האָבן שוועריקייטן אין וועג. צוריק וועלן מיר פאָרן מיט די הינט. מירן אײַנשפּאַנען צוויי געשפּאַן הינט אין די וואַלפיש־שיפלעך.

— וואַרט, — האָט איליטש געזאָגט, — איכל מיך נאָך אָן אייצע האַלטן מיט דעם אַלטן קאָמאָ.

דער דאָרעם־ווינט האָט געטריבן דאָס אײַז אַלץ ווײַטער פונעם ברעג. לענגאויס דעם ברעג איז פאַרבליבן ניט מער ווי אַ דינע סקאָרקע אײַז. דער יאַם האָט זיך קוים באַוועגט, נאָר אין דער ווײַט האָבן זיך געוויזן די קאָמען שוים אַף די כוואַליעס. דער הימל אַ ביז גאָר נידעריקער, האָט צוגעדעקט דעם יאַם און די ערד. די זון איז נאָך ניט געהאַט אַרויסגעקומען.

צוריקגעקומען איז דער אַלטער איליטש אָנגעטאָן ווי צו אַ לאַנגער רײַזע.

— הײַדאַ, — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

איין וואַלפיש־שיפל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט איבער דער סקאָרקע אײַז אין וואַסער אַרײַן, דערנאָך דאָס צווייטע, און מען האָט גענומען שנעל אויפלאָדן די הינט. די יעגערס האָבן זיי אַף די הענט געטראָגן ווי מען טראָגט קליינע קינדער. די הינט האָבן יאָמערלעך געוואָיעט.

די מאָטאָרן האָבן זיך צעציטערט, מען האָט אויפגעצויגן די זעגלען און מען האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן מיטן ברעג גלײַך.

לאָס האָט פונעם ברעג געקוקט ווי די שיפלעך שווימען אָפּ. איליטש, באַ דער שטײַער־ראָד, האָט זיך אײַנגעקוקט אינעם יאַם.

לאָס האָט זיך דערמאָנט יענעם טאָג ווען מען האָט דעם אַלטן שוין געזאָלט דערוואַרגן, און ער האָט צופרידן אַ טראַכט געטאָן:

„אַזוי דאַרף מען טאָן. מען מוז די אָרטיקע באַפעלקערונג אַרויסרײַסן מיט ברוטאַלע נעגל באַ דעם אבערגלויבן, באַ דעם אומוויסן און באַ דער אָפּגעשטאַנענקייט. און מיר, די באָלשעוויקעס, וועלן עס טאָן“.

ווען די וואַלפיש־שיפלעך האָבן זיך פונעם אויג פאַרלוירן, איז לאָס צוריקגעגאַנגען צו איליטשעס „יאַראַנגאַ“, ווו ער האָט איצט געוווינט.

אין איליטשעס „יאַראַנגאַ“, כאָטש געפעלט האָבן פון דאָרט די צוויי מענטשן, איז געווען גאַנץ ענג. לאָס האָט זיך אויסגעטאָן, האָט זיך אײַנגעדעקט מיט דער בײַקענער קאָלדרע און איז גיך אײַנגעשלאָפן.

אינדערפרי איז אָנגעקומען יאַראַק. ערמענס ווײַב האָט אים פאַרבעטן צום מיטיק. שטיל האָבן זיי געגריזשעט די הירשן־ביינער פאַרן טיי טרינקען. באַ דער צווייטער וואַנט זײַנען געזעסן די קינדער. קיינער האָט ניט גערעדט, קעדיי ניט אויפצוּוועקן לאָסן.

פון דרויסן האָט אַרײַנגערוישט דער געפּליסטער פון דער באַדעקונג אַפן געצעלט. אומגעריכט האָט לאָס זיך אויפגעכאַפּט, ער האָט זיך אײַנגעהערט צום געפּליסטער און האָט אַ פרעג געטאָן, זיך ניט ווענדנדיק צו קיינעם:

— פון וואַנען בלאָזט דער ווינט?

די פרוי האָט אַוועקגענומען דעם ביין פונעם מויל און האָט שנעל געענטפערט:

— אַ גוטער ווינט, אַ דאָרעם־ווינט. די וואַלפיש־שיפלעך מוזן שוין זײַן גאַנץ ווײַט. מיט דעם מאָטאָר און מיט די זעגלען שווימען זיי אַזוי שנעל, אַז די הינט וואָלטן זיי ניט אָנגעיאָגט.

לאָס האָט זיך איבערגעדרייט אַף דער אַנדערער זײַט און האָט דערזען יאַראַקן. געטראָגן האָט ער אַ שטאָפּן־העמד, האָט זיך די האָר צוגעגלעט און האָט שטיל געשמייכלט.

— דו גאָר, יאַראַק? איז עפּעס געשען מיט מערין?

— ניין, מיט מערין איז גאָרניט געשען. אַ יינגעלע האָט זי געבוירן. זי איז באַם דאָקטער אין שטוב. אַלץ גייט גוט. מערי און רולטינאַ זאָגן, אַז דער דאָקטער איז זייער אַ גוטער מענטש.

— נו, באַגריס איך דיך. וואָס־זשע דען האָט פּאַסירט?

— די פעלן ווערן אַ טעל. — האָט יאַראַק טרויעריק און מיט אַ שטילן קאָל געענטפערט. — אַ סאַך פעלן ווערן אַ טעל. — און ניט געאײַלט האָט ער גענומען דערציילן וועגן זײַן צוזאַמענשטויס מיט זשאָכאָוון. — ער האָט

פֿאַרפּלאָמבירט די זעק מיט פּעלן. דאָס זײַנען די נײַסן. — האָט יאַראַק פֿאַרענדיקט.

— ניט קיין גוטע נײַס. — האָט לאָס זיך אָנגערופֿן.

— זייער ניט קיין גוטע: זשאַכאָוו איז ניט קיין גוטער מענטש. אויך דער דאָקטער האָט זיך מיט אים צעקריגט. ער האָט דיר אָנגעשריבן אַ בריוו, נאָר פֿון אײַלעניש האָב איך אים פֿאַרגעסן מיטצונעמען.

— גוט, יאַראַק, האָסט זייער גוט געטאָן וואָס דו ביסט געקומען. די נײַס וואָס דו האָסט געבראַכט, זײַנען זייער וויכטיקע. איך פֿאָר מיט דיר צו זשאַכאָוון.

— ווידער אַף יאַגד, לאָס? — האָט די פֿרוי געפֿרעגט.

לאָס איז מיד געוועזן פֿון רײַזן. עס איז גאָרניט אַזוי אָנגענעם צו פֿאָר־ברענגען אַכט און צען שאָ יעדן טאָג אינעם שליטן: די אָפּטע שניי־שטורעמס און די שטענדיקע קעלט האָבן אים אויסגעמאַטערט. דאָך איז לאָס נאָך אין זעלביקן טאָג אַרויסגעפֿאָרן מיט יאַראַקן.

אָפֿן פֿינפֿטן טאָג רײַזע, שוין אין דער נאַכט, זײַנען זיי אָנגעקומען אין לאַגער לאָרען. מערי איז נאָך געלעגן אין שפּיטאָל. יאַראַק אַליין האָט גע־מאַכט קאַווע. זיי האָבן עפּעס איבערגעכאַפּט און זיך געלייגט שלאָפֿן.

גאַנץ פֿרי איז יאַראַק אַוועק אין שפּיטאָל זען מערין און דעם נײַ־גע־בוירענעם זון. לאָס האָט אין די הענט געהאַלטן אַן אַלעפֿבייס־ביכל, ווען זשאַכאָוו איז אַרײַנגעקומען. מיט אַ געמאַכטער פֿרײַנטלעכקייט, וואָס זײַן אומרו אין די אויגן האָט אויסגעגעבן, האָט ער געגריסט לאָסן:

— גוט מאָרגן, ניקיטאַ סערגייעוויטש! איר קומט צו אונדז זעלטן.

— יאָ, זייער זעלטן... און דאָס איז זייער ניט גוט. — האָט לאָס געענטפֿערט.

— זיכער איז עס שלעכט. נעמט, לעמאָשל, יאַראַקן. ער איז מיר אינ־גאַנצן אומגעהאָרכיק געוואָרן. שוין מער ווי אַ וואָך אַז ער איז אַוועק, אַן אַ דערלויבעניש. ער האָט מיטגענומען די שליסלען און איך קען אין שפּײַכ־לער ניט אַרײַנקומען. און די פּעלן מוז מען דאָך לופֿטערן.

לאָס האָט אים באַטראַכט און געשוויגן.

— יאָ, ס'איז ניט גוט. — האָט ער צום סוף אַ זאָג געטאָן, אין דער וועלט אַרײַן.

— דאָס ניט פֿאָלגן איז אַ רעזולטאַט פֿונעם אינסטרוקטאָר אָסיפּאָווס אידעען. מען טאָר זיי ניט צוגעוווינען צו אומגעהאָרכזאַמקייט, כאָטש לאָס, נאָר צו דיסציפּלין און אָרדענונג. די טשוקטשיס זײַנען מענטשן אָפּגעשטאַ־נענע און אומוויסנדיקע. זיי דאַרפֿן אויספֿאָלגן און זיך לערנען בײַ אונדז רוסן.

זשאַכאָוו האָט זיך שווער אַרײַנגעזעצט אין אַ שטול. דער שטול האָט אַ קרעכץ געטאָן. לאָס האָט גענומען אומשפּאַנען איבערן צימער.

— פֿונדעסטוועגן, — האָט ער זיך אָנגערופֿן, — קענען זיי אונדז אויך געבן לעקציעס אין געוויסע זאַכן...

— נאַטירלעך. זיי פֿאַרשטייען, לעמאָשל, מער פֿון אונדז אין יאַגד אַף פֿאָקעס.

— ווו האָט איר געאַרבעט פֿאַר דער רעוואָלוציע, זשאַכאָוו?

— איך?... אין קראַסנאָיאַרסק. פֿינף און צוואַנציק יאָר האָב איך דאָרט געאַרבעט אַלס פּוטער־הענדלער. איך אין קראַסנאָיאַרסק און רוסאַקאָוו אין טשיטאַ. ביידע זײַנען מיר גרויסע ספּעציאַליסטן. די „אַקאַראַ" האָט מיך

גערופן ווען איך האָב געאַרבעט אין קראַסנאָיאַרסק. דער פּאַרזיצער פון דער פּאַרוואַלטונגס־קאָמיסיע קען מיך. ער איז מײַנער אַ גוטער פרײַנט. — האָט זשאַכאָוו אונטערגעשטראָכן.

— נו, קורץ, ווײַזט מיר אײַער אײַנקויף־הויז.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. קומט, קומט אַרײַן.

זיי זײַנען אַרײַנגעקומען צו זשאַכאָוון אין צימער. דאָס צימער איז געווען געראָמיק, ניט געקוקט דערויף וואָס דאָס איז פול געווען מיט מעבל. געשטאַנען איז דאָרט אַ שאַפע, אַ בעט, אַ בופעט, אַ דיוואַן, זעקס שטולן און מיסטער טאַמסאַנס אַלטער וויגשטול. טעפּיכער פון הירשן־פעל זײַנען אויסגעשפּרייט געווען אַפן פּאָל.

— איר׳ט טרינקען קאַווע אָדער אַ גלעזל ליקאָר ? — האָט זשאַכאָוו געפרעגט.

— ניין, איך וויל גאָרניט.

אין דער צײַט וואָס זשאַכאָוו האָט זיך אָנגעטאָן, האָט לאָס באַטראַכט דאָס צימער.

— דאָס זעט גיכער אויס אַ מעבל־קראָם איידער אַ צימער. איר ווױנט איינער אַליין און דאָס צימער פון אײַער אָנגעשטעלטן יאַראַק, אַגעוו, שוין אַ פאַמיליע־מענטש, און האָט די זעלביקע רעכטן וואָס איר, איז לײדיק. איז עס גוט ? ניין, ס׳איז ניט גוט. איך מיין, אַז איר וואָלט אים באַדאַרפט אָוועקגעבן די שאַפע אָדער דעם בופעט און אַ פּאָר שטולן.

— זיי זײַנען ניט געוווינט צו די זאַכן.

— שווער זיך צוצוגעוווינען צו דאָס וואָס מען האָט ניט. זיי וועלן זיך שוין צוגעוווינען. נו, איצט וועלן מיר אַרײַנגיין אין קראָם און אין די שפּײַכלערס.

אין קראָם האָט לאָס געטראָפן פולשטענדיקע אָרדענונג. זיי זײַנען צוגעקומען צום שפּײַכלער.

— איר זעט, דער שפּײַכלער איז צוגעשלאָסן און דעם שליסל האָט יאַראַק.

— שיקט אים רופן.

יאַראַק אַליין איז שוין געלאָפן צום שפּײַכלער און האָט געטרייסלט מיט די שליסלען.

— פאַרוואָס גייסטו אַוועק און זאָגסט גאָרניט ? — האָט אים זשאַכאָוו שטרענג געפרעגט.

— דאָס האָב איך אים גערופן אין רעווקאָם וועגן אַ דרינגענדיקן איניען.

— האָט לאָס געזאָגט.

דער שפּײַכלער איז פאַרוואַלגערט געווען מיט אָנגעשטאָפּטע זעק מיט פוטער. אָף די שטריק זײַנען געהאָנגען אַן ערעך טויזנט פעלן נאָך ניט אײַנגעפּאַקעוועטע.

— מען זאָגט, אַז אײַערע פעלן געפינען זיך ניט אין גוטן צושטאַנד, זיי זײַנען ניט אָפּגערייניקט פונעם פעטס. — האָט לאָס אָנגעמערקט.

— דאָס זאָגט מיסטאָמע עפּעס אַ פּלאַפּלער, מענטשן וואָס פאַרשטייען גאָרניט. — האָט זשאַכאָוו אָפּגעענטפערט. — איך ווייס ווי אומצוגיין מיט פוטער.

— ניט קיין פּלאַפּלער זאָגן עס. דאָס זאָגט יאַראַק. ער פאַרשטייט אויך עפּעס אין פוטער. באַווײַז נאָר, יאַראַק, אַ פּאָר פוקסן.

יאַראַק האָט שנעל אַראָפּגענומען אַ פוקסענע פעל, האָט זי איבערגע־קערט אַף דער לינקער זײַט און געוויזן:

— זע, לאָס. זע מיט דײַנע אייגענע אויגן. זעסט וויפל פעטס ס׳איז דאָ אַף דער פעל?

— וואָס זאָגט איר דערצו, זשאַכאָוו?

— וואָס זאָל איך דערצו זאָגן? איך האָב גערעכנט זיי אָפּרייניקן שפּעטער.

— ניין, ער האָט ניט גערעכנט דאָס צו טאָן. — האָט יאַראַק געזאָגט. — ער האָט געהייסן אַרײַנשטופּן די פעלן ווי זיי זײַנען אין די זעק. נאָר איך האָב אים דערויף קיין צײַט ניט געגעבן, ווײַל איך בין אַוועקגעפאָרן.

יאַראַק האָט איבערגעקערט דעם פוקס מיט די האָר אַרויף, האָט אַ בלאָז געטאָן אַף פונאַנדערנעמען די האָר און האָט געוויזן לאָסן:

— זע, זע, די וואָרצלען האָבן שוין אָנגעהויבן געל ווערן. און פון דער היץ אין קעלער וואָלטן די האָר אויסגעפאַלן.

זשאַכאָוו האָט בייז אַ קוק געטאָן אַף יאַראַקן. ער האָט אין אים דערזען גאָר אַן אַנדערן מענטשן.

„פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען אַזויפיל כוצפּע? — האָט ער זיך געטראַכט. — ניט לאַנג ערשט האָט ער זיך געלאָנטשעט צו מיר ווי אַ הונגעריק הינטל וואָס דערזעט אַ שטיקל ברויט".

— כאָטשע לאָס, איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פעלן בײַ דער פאַרוואַלטונגס־קאָמיסיע. איך ווייס וואָס איך טו. — האָט זשאַכאָוו געזאָגט.

— איך צווייפל ניט אַז איר ווייסט וואָס איר טוט. דערווײַל אָבער ווייס איך ניט צוליב וועלכן אינטערעס לאָזט איר פאַרפוילט ווערן אַזאַ גרויסע פּאַרטיע פעלן. פאַרוואָס האָט איר ניט דערלאָזט יאַראַקן אָפּרייניקן פון זיי דאָס פעטס, ווען ער האָט זיך דערצו אָנגעבאָטן? צי טוט איר עס ניט בעקיוון?

— אָבער, גאָט מײַנער! ניקיטאַ סערגייעוויטש, וואָס רעדט איר!

— האָט זשאַכאָוו אַ דערשראָקענער געשריגן. — איך בין זיך מוידע, איך בין עפּשער באַאַנגנגען אַ פעלער. אין קראַסנאָיאַרסק פלעגן מיר אַזוי שיקן די פעלן דירעקט אין דער פאַבריק קיין מאָסקווע...

לאָס האָט אַ כאַפּ געטאָן די פעל בײַ יאַראַקן פון די הענט און האָט זי צוגעטראָגן זשאַכאָוון צו די אויגן און אַן אויפגערעגטער גערעדט צו אים:

— נאַט, זעט, איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין פוטער־הענדלער, נאָר איך זע גאַנץ קלאָר אין וואָס דאָ האַנדלט זיך. וויאַזוי האָט איר, מיט אײַערע פינף און צוואַנציק יאָר אַרבעט בײַ פוטער, ניט געזען אַזאַ פּאַשעטע זאַך? ווייסט איר דען ניט, אַז די רײַזע מיט דער שיף דויערט פון פערציק ביז פופציק טעג? איר ווילט אַז די פעלן זאָלן פאַרפוילט ווערן אין די פאַר־שטיקטע שיף־קעלערס?

— זאָגט דאָס ניט, ניקיטאַ סערגייעוויטש! מיר איז אַפילע אַזאַ גע־דאַנק ניט אַרויפגעקומען. עפּשער איז עס מײַנער אַ פאַרזען, וואָס נעמט זיך דערפון וואָס איך בין ניט באַקאַנט מיט די היגע באַדינגונגען.

— אַלצדינג ווייסט איר אויסגעצייכנט. נאָר מיר ווייסן אויך אַלע אײַע־רע קונצן. עס וועט אײַך ניט געלינגען! — האָט לאָס מיטן פינגער געמאַכט זשאַכאָוון פאַר דער נאָז.

יאַראַק האָט ניצאַכנדיק געקוקט אַף לאָסן.

— אין אײַערע הענט האָט מען איבערגעגעבן אַ גרויס מעלוכיש פאַר־

מעגן, און איר ווילט דערפון, מיט אַלערליי דריידלעך, אַ טעל מאַכן. ווייסט איר ווי דאָס רופט זיך?

זשאַכאָוו האָט געשוויגן.

— איך גיב אײַך צען טעג צײַט איר זאָלט די פעלן ברענגען אין אָרדענונג.

— אין פינף טעג מאַכן מיר עס. — האָט יאַראַק גוזאָגט.

— און נאָך איין וואָרענונג: אויב איר רעכנט, נאָכדעם ווי איך וועל אַוועקפאָרן, זיך נויקעם זײַן אָן יאַראַקן, וועל איך אײַך טייקעף געבן דעם וועג. פאַרשטאַנען?

— מיך האָט קאָנטראַקטירט בוראַגאָוו פון דער פאַרוואַלטונגס־קאָמי־סיע. בלויז די פאַרוואַלטונגס־קאָמיסיע קען מיך אָפּזאָגן. אַזוי זאָגט זיך אין מײַנע אינסטרוקציעס. — האָט זשאַכאָוו פאַרכמורעט אַ וואָרטשע געטאָן.

— איך בין גענוג ענערגיש אײַך מעשאַלייעך צו זײַן ווען דאָס וועט נייטיק זײַן, אָן דער פאַרוואַלטונגס־קאָמיסיע. מער גאָרניט. — האָט לאָס זיך אומגעדרייט און איז אַרויס פונעם שפּײַכלער.

פונעם שפּײַכלער איז לאָס אַוועק אין שפּיטאָל. ער איז נאָך געווען אויפּ־געגעגט ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיטן דאָקטער.

— נו, וואָס? איר האָט דאָרט אַרויפגעפירט די זאַכן אַף אַ לאַד? — האָט דער דאָקטער אַ ווײַז געטאָן מיטן קאָפּ צום אײַנקויף־הויז. — ווי איך האָב פאַרשטאַנען פון דעם וואָס יאַראַק האָט דערציילט, איז דער איניען אַ גאַנץ ערנסטער.

— אַ דאַנק אײַך, דאָקטער, וואָס איר האָט געראָטן יאַראַקן פאָרן אין רעוואָקאָם. ווייסט איר וואָס עס האָט געקענט פּאַסירן? מען וואָלט די שולד געוואָדפן אַף אונדז. מען וואָלט געזאָגט, אַז ניט קיין קאָמוניסטן זײַנען מיר, נאָר טויגעניכצן, וואָס קענען ניט אין גאָרטל פאַרשטעקן אַזאַ האַלב־אַנאַל־פאַבעטישן ספּעציאַליסט.

— איז דער שטיין אין מײַן דאַך געוואָרפן? — האָט דער דאָקטער זיך דערפילט באַליידיקט.

— ניין, איך זאָג עס גלאַט אַזוי, ווײַל עס איז צו רייד געקומען. — ער האָט אַרומגענומען דעם דאָקטער און זיך צעלאַכט. — נו, דערציילט, ווי גייט עס דאָ בײַ אײַך?

— ווי געווײנלעך, ניקיטאַ סערגייעוויטש. דער אוילעם קומט ניט אין שפּיטאָל. אַ שלאַל מיט קימפּעטאָרנס האָבן זיך בײַ מיר דעם ווינטער פון אונטער די הענט אַרויסגעדרייט! מערי נאָר איז געקומען, און איך בין דער־פון זייער צופרידן. נאָר זי קען מען דאָך ניט רעכענען: זי איז אונדזער קראַנקן־שוועסטער. איך האָב זי שוין לאַנג באַדאַרפט אויסשרײַבן, נאָר ס׳איז מיר אַ שאָד מיט איר זיך צו שיידן. ווי דאָס איז, האַלטן מיר אָפּן דעם שפּי־טאָל. כאָטש איך מוז אײַך זאָגן, אַז מיר האָבן קיין פּלאַץ ניט אַפילע ווו אַן אָפּעראַציע צו מאַכן.

— מירן הײַ־יאָר אַוועקשטעלן אַ קולטור־באַזע און דערבײַ אַ שפּיטאָל מיט צוואַנציק בעטלעך און אַ זאַל צום אָפּערירן.

— אָט דאָס וועט זײַן גוט! — האָט דער דאָקטער אויסגערופן און זיך געלאָזט אַרויפגיין אַף דער טעראַסע פון שפּיטאָל.

— פּיאָטר פּעטראָוויטש, איך וואָלט וועלן זען מעריען.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן וועל איך אײַך אַרײַנפירן, נאָר טוט אײַך פריִער אָן אַ כאַלאַט.

מערי האָט עפּעס געשריבן באַ זיך אין בעט. לאַס האָט דערזען אירע קײַלעכדיקע נאַקעטע אַקסלען, האָט ער זיך דערמאָנט אָן זײַן נאַטאַשאַן. מערי איז פאַרטאָן געווען אינעם שרײַבן און האָט דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן. אירע צעוואָרפענע האָר זײַנען געפאַלן אָפן קישן. לאַסן האָט זי אויסגעזען אויסערגעוויינלעך שיין.

— גוט מאָרגן, מערי! — האָט ער געזאָגט.

מערי האָט אויפגעציטערט און האָט באַגײַסטערט אַ געשריי געטאָן:

— לאַס!

לאַס איז צו איר צוגעקומען און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ טאַבורעטקע.

— וואָס שרײַבסטו, מערי?

— אַ בריוו צו דיר. — האָט זי אַ שמייכל געטאָן.

— ווײַז, וועל איך איבערלייענען.

אינעם בריוו זײַנען געווען ניט מער ווי עטלעכע שורעס:

„לאַס ביסט געוואָרן זייער אַ שלעכטער. ביסט קאַליע געוואָרן. ביסט געקומען און ווילסט מיט מיר ניט ריידן...”

לאַס האָט זיך צעלאַכט.

— האָסט אַ טאָעס, ס'איז ניט עמעס וואָס דו שרײַבסט. זעסט? נאָך איידער איך האָב באַקומען דעם בריוו, בין איך שוין דאָ. נו, ווי־זשע פילסטו זיך?

— זייער גוט, לאַס. איצט האָב איך אַ זון. קוק אים אָן ווי שיין ער איז! ער וועט זײַן אַזאַ שטאַרקער ווי יאַראַק.

לאַס האָט אַ קוק געטאָן אָפן בעט און האָט פאַרכידעשט אַ זאָג געטאָן, אויסציִענדיק די ווערטער:

— אַהאַ! ער וועט זײַן אַ סאַך שטאַרקער פון יאַראַקן.

מערי, אומגעשעמט מיט איר נאַקעטקייט, האָט אָפּגעדעקט די פּערענע ביזן גאַרטל און האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט.

רולטינאַ איז אַרײַנגעקומען און האָט זיך אײַנגעקאַרטשעט אַף די שפּיץ־פינגער באַ דער טיר.

— גוט מאָרגן, רולטינאַ! איך בין געקומען זען דײַן טאָכטער און דײַן אייניקל.

די אַלטע האָט מיט אַ שמייכל אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ. לאַס איז צו איר צוגעקומען און האָט איר דערלאַנגט די האַנט.

רולטינאַ האָט פאַרהאַלטן זײַן האַנט אין אירער, האָט אים באַטראַכט פון אונטן אַרויף און געזאָגט:

— דו האָסט מערין געמאַכט גליקלעך. ביסט אַ ריכטיקער מענטש.

— וויִאַזוי האָט איר אַ נאָמען געגעבן דעם קינד?

— אַנדריי. — האָט מערי געענטפערט.

— אַנדריי? אויסגעצייכנט! ער וועט זײַן אַנדריי יאַראַקאָוויטש.

— איך האָב געוואָלט מען זאָל אים אַ נאָמען געבן בען. — האָט רולטינאַ טרויעריק געזאָגט. — איך האָב געהאַט אַ זון, האָט ער געהייסן בען... נאָר זיי האָבן געוואָלט אַ נאָמען געבן אַף זייער שטייגער, זאָלן זיי... זאָל

ער הייסן אַנדריי. — האָט זי נאָכגיביק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַרויסגעגאַנגען פונעם זאַל.

מערי איז געווען גערירט און האָט דערציילט ווי זי אַרבעט אין שפּיטאָל, וויאַזוי דער דאָקטער האָט זי געלערנט, ווי שטאַרק איר געפעלט דאָס וווינען אינעם אײַנקויף־הויז און ווי שטאַרק עס איז יאַראַק איר מאַן.

לאָס האָט שטיל געקוקט אַף מערין און האָט באַ זיך געטראַכט:

„זי איז מיט אַן עמעס גליקלעך. און דאָס אַלץ האָט געקענט ניט זײַן!"

באַם געזעגענען זיך האָט לאָס פעסט געדריקט מעריס האַנט. זי האָט פאַרהאַלטן זײַן האַנט אין אירער און ראַפּטאָם זי אַ קוש געטאָן... לאָס האָט אָוועקגעכאַפּט די האַנט.

— וואָס טוסטו, מערי, וואָס טוסטו? דאָס איז ניט גוט! — האָט לאָס די ברעמען אָנגערוקט.

מערי איז רויט געוואָרן און זיך דערשראָקן. זי האָט ניט געוווּסט, אַז דאָס איז ניט גוט.

לאָסן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי האָט זיך באַליידיקט. ער האָט דערום אָוועקגעלייגט זײַן האַנט אַפן וואַרעמען אַקסל פון דער פרוי, האָט זיך אָנגעבויגן, האָט איר אַ קוש געטאָן אין שטערן און איז, אָן איין וואָרט מער, אַרויסגעגאַנגען.

— זי איז אַ פעיִק מיידל. איר פעלט נאָר אַ ביסל קענטעניש, ריכטיקער, בילדונג. — האָט פּיאָטר פּעטראָוויטש געזאָגט וועגן איר ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט לאָסן.

— איר ווייסט דאָקטער? איך אַף אײַער אָרט, וואָלט זי צוגעגרייט פאַר אַ הייבאַם. דאָס איז זייער וויכטיק.

— מען דאַרף דערוועגן אַ טראַכט טאָן. — האָט דער דאָקטער געענטפערט.

אינעם פוטער־שפּײַכלער אַרבעטן שוין צען ווײַבער. זייער אַרבעט באַשטייט אין אָפּרייניקן דאָס פעטס פון די פעלן מיט גראָב־געמאָלענעם קאָרן־מעל. רולטינאַ ווייסט זייער גוט ווי מען דאַרף דאָס טאָן. זיי ווײַזן איר זייער אַרבעט און אַז רולטינאַ זאָגט „גוט", לייגן זיי אָוועק די פעל אין אַ צווייטן ווינקל. רולטינאַ האָט נאָך קיינמאָל ניט, די אַלע יאָרן וואָס זי האָט געלעבט מיט טשאַלין, אַזוי פלײַסיק געאַרבעט ווי איצט. יאַראַק האָט איר געזאָגט, אַז כאָטש די פעלן ווערן געהאַלטן באַ זשאָכאָוון אינעם שפּײַכלער, איז דער באַלעבאָס זייערער לאָס.

קאַפּיטל XVI

אַליטעט ליגט אַן אויסגעצויגענער באַ זיך אין דער „יאַראַנגאַ". אומבאַוועגלעך ליגט ער אַף אַן אַלטער הירשן־פעל און קוקט מיט אַ פינצטערן בליק אַף דער סטעליע. קיינער דערוועגט זיך ניט מיט אים אַ וואָרט אויסצורײדן.

„וואָס איז עס געשען מיט דעם ברעגלאַנד? — טראַכט ער. — פאַרוואָס זײַנען מענטשן אַזוי אַנדערש געוואָרן ווי געווען? אים דוכט זיך, אַז שולדיק דערין איז דער לערער. גוי־גויען אַפילע ציט עס אַהין. דער רוס איז אַ שטאַרקער מענטש! דער שטאַרקער מענטש ציט צו זיך שטענדיק אַלע אַנדערע. ער איז אָבער ניט שטאַרק מיט זײַנע סכוירעס. אַ כוח זײַנע

פּאַפּירענע רובלס פאַרמאָגט ער גאָרניט. אין וואָס, לעמאָשל, קען באַשטיין דער קויעך פון די פּאַפּירלעך? אַפילע אין דער „יאַראַנגאַ״ ווו מען האַנדלט, האָט מען גענומען פאַרקויפן פאַר די פּאַפּירענע רובלס״.

אַליטעט האָט אַרויסגענומען אַ רובל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין אַ קעסטל באַהאַלטן און האָט אים לאַנג באַקוקט פון אַלע זײַטן. „צי דען האָט אַזאַ פּאַפּירל די ווערט מער פון אַ פוקסענער פעל?״

אַליטעט האָט דאָס פּאַפּירל צוריק אַרײַנגעוואָרפן אינעם קעסטל און ווידער גענומען קוקן אַף דער סטעליע.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן זײַן נעכטיקן געשפּרעך מיטן זון. גאַי־גאַי האָט אים אַ פריילעכער דערציילט, אַז דער רוס האָט זיך איבערגעצויגן פון וואַמטשאָס „יאַראַנגאַ״ אין דער הילצערנער. דער לערער האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט פינף פײַער־בעקנס און אוקאָט באַווײַזט. קוים אַף זיי אַלע אַכטונג צו געבן. דער לערער גיט איר דערפאַר יעדן קוידעש אַ סאַך פּאַפּירענע רובלס און זי קויפט אײַן פאַר זיי אַזויפיל צוקער, קאַרטעטש, מעל און טאַבאַק, ווי זי וואָלט פאַר דעם אַוועקגעגעבן די בעסטע פוקסן. דערצו נאָך אַרבעט זי אינעם שייוועט־סאָוויעט און באַקומט דערפאַר פּאַפּירענע רובלס.

און אוקאַט האָט שוין מיט אַן עמעסן פאַרגעסן דעם וועג צו אַליטעטס „יאַראַנגאַ״.

נאַרגינאָט קוקט מיטלײַדיק אַף איר מאַן, זי נעמט אַ גוטע הירשן־פעל און שפּרייט זי אויס לעבן אַליטעטן.

— טשאַלי, — זאָגט זי אים, — די פעל איז אַ ווייכערע.

— איך בין שוין ניט מער קיין שטאַרקער מענטש מיט סקוירעס. מיר מוזן אַוועק אין די בערג און איך דאַרף מיך צוגעווינען צום האַרטן געלעגער. נעם זי צו פון מיר! — האָט ער אויפגערעגט אַ שמיץ געטאָן פון זיך די פעל מיטן פוס.

קאָראַגוע איז געזעסן אין אַ ווינקל און האָט געדרעמלט און ער האָט אַ ציטער געטאָן ווען ער האָט דערהערט אַליטעטס קאָל. עד האָט פויל די האַנט אויסגעשטרעקט און אַ קלאַפּ געטאָן אינעם פײַקל.

— לאָז עס אָפּ! — האָט אַליטעט אין קאַס זיך צעשריגן. — שטערסט מיר אין די געדאַנקען. די גײַסטער, אַלנפאַלס, פאָלגן דיך שוין ניט.

קאָראַגוע האָט צעמישט אַ קוק געטאָן אַף אים מיט אַן אויסדרוקסלאָזן בליק, און דאָס פײַקל איז געבליבן ליגן.

אינעם געצעלט איז ווידער שטיל געוואָרן. אַליטעט איז פאַרזונקען אין זײַנע געדאַנקען:

„מען פאָלגט אים ניט מער. און טיגרענאַ? פריִער פלעגט זי דעם אויער אָנשפּיצן ווי נאָר זי האָט אויפגעכאַפּט עפּעס אַ נײַס וועגן די רוסן. זי פלעגט לויפן ווו נאָר די רוסן האָבן זיך באַוויזן. איצט, פאַרקערט, גייט זי ניט מער זען דעם רוס. דער לערער האָט זי געשיקט רופן, נאָר זי איז ניט געגאַנגען. דער לערער אַ״יין איז געקומען צו איר אין דער „יאַראַנגאַ״ און זי האָט ניט געוואָלט הערן וואָס ער רעדט צו איר. אַלץ איז פאַרפלאָנטערט, ווי אַ שפּאַן הינט וואָס לויפט באַרג־אַראָפּ״.

טיגרענאַ ווױנט אין אַ צימער באַזונדער און זעלטן ווען זי גייט אַרויס פון דער „יאַראַנגאַ״. זי פאַרברענגט די צײַט מיט נייען „טאָרבאַזן״. זי האָט זיך אונטערגעגעבן איר גורל. אַיע איז אַוועק, און עס גייט איר מער קיין זאַך ניט אָן. זי איז אַפילע אויפגעבראַכט דערפון וואָס מען האָט אַליטעטן

אָפּגעזאָגט צו געבן אים סכוירעס אינעם רוסישן אײַנקויף־הויז. מען האָט אים דאָרט געגעבן סכוירע נאָר אינעם ווערט פון צוויי פוקסן. די איבעריקע פוקסן האָט אַליטעט צוריקגעבראַכט. ער האָט זיי ניט געוואָלט אַוועקגעבן פאַר פאַפּירענע רובלס. ער איז געווען דערשלאָגן און האָט אויפגעהערט מאַכן זײַנע רײַזעס. ער שעמט זיך אַפּאָנעם אַרויסצופאָרן מיט אַ ליידיקן שליטן.

ס׳איז דעם ערשטן מאָל אַף איר לעבן, ווי טיגרענאַ פילט מיטלייד מיט אים.

אַליטעט איז אַרײַנגעקומען צו איר אין צימער. טיגרענאַ האָט געקוקט אַף אים אַן אונטערטעניקע.

— דאַרפסט מער ניט נייען קיין „טאָרבאַזן". — האָט איר אַליטעט געזאָגט. — מיט די „טאָרבאַזן" אַליין קען מען צו די נאָמאַדן ניט פאָרן. מיר האָבן ניט קיין שרויט, קיין טאַבאַק, קיין שוועבעלעך. געבליבן איז אונדז בלויז דאָס „טאַנגי"־עסן: פלייש אין אײַזערנע פושקעס, פּרוכטן, פּוּטער, ציבעלעס, פעפער. — אַליטעט האָט מיט דער נאָז פאַרקנייטשט. — ווער דאַרף עס האָבן?

טיגרענאַ האָט געקוקט אַף אַליטעטן און געשוויגן.

— אויב בראַון וועט הײַ־יאָר ניט קומען צום קאַנאָן פונעם פייגלשן שנאָבל, וועלן מיר מוזן אַוועק אין די בערג. מען דאַרף אַוועק פון די רוסן. אַ סאַך זייערע זײַנען הײַ־יאָר געקומען אַפן ברעגלאַנד. מ׳עט מוזן אָנהייבן אַ וואַנדער־לעבן. שלעכט איז וואָס געבליבן זײַנען ווייניק נאָמאַדן. אַן ערעך צוויי טויזנט. זיי אַנטלויפן פון מיר. איכל מוזן נעמען הירשן פאַר פוקסן. — האָט אַליטעט טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און צוגעגעבן: — כאָטש כ׳גלייב ניט עמעצער זאָל וועלן נעמען פוקסן פאַר הירשן. סכוירעס דאַרפן זיי.

פון דער מויעד־אָנשטרענגונג זײַנען אים אַרויסגעטראָטן טראָפּנס שווייס אַפן פּאָנעם. אַליטעט האָט זיך צוגעזעצט אַף אַ הירשן־פעל לעבן טיגרענאַן.

— האָסט געהערט די נײַעס, טשאַלי? — האָט טיגרענאַ אים אָנגערופן באַ זײַן נײַעם נאָמען. — באַם טײַך קווועט האָט זיך באַוויזן נאָך אַ רוס. פון הייסן אײַזן מאַכט ער מעסערס און העק. ער מאַכט יעדן איינעם וואָס ברענגט אים אַ שטיק אײַזן, נאָר קיינער האָט ניט קיין אײַזן. פון די אַלטע העק מאַכט ער נײַע.

— פון וואַנען האָסטו זיך דערוווּסט די נײַעס? — האָט אַליטעט לעבעדיק אַ פרעג געטאָן.

— אַ נאָמאַד האָט עס מיר דערציילט. דער רוס, האָט ער געזאָגט, מאַכט גוטע העק, אַזעלכע ווי די נאָמאַדן האָבן ליב.

אַליטעט האָט זיך פאַרטראַכט. דאָס פּאָנעם איז אים מיטאַמאָל פרייילעכער געוואָרן.

— דו האָסט עס אַליין געהערט?

— יאָ, איך האָב עס אַליין געהערט.

אַליטעט איז אַוועק צו זיך אין שפּײַכלער און מיטן פוס גענומען צעשאַרן דעם שניי. געלעגן איז דאָרט אַ הויפן אײַזערנע פּרענטעס, וואָס איז פאַרבליבן פון אַ נאָרד־אַמעריקאַנישן גאַליאָט. שמוגליאַרעס האָבן עס געבראַכט באַ אַ געוויסער געלעגנהייט, נאָר אַליטעט האָט פאַר דעם קיין איין פוקסענע פעל ניט געוואָלט געבן. און די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן עס איבערגעלאָזט, ווײַל זיי האָבן עס ניט געוואָלט ווידער אויפלאָדן.

אַליטעט קוקט איצט אַף דעם אײַזן מיט צעפּלאָמטע אויגן און מורמלט עפּעס אומפאַרשטענדלעכס. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פרענט אײַזן פון אונטערן שנײ. די האַנט האָט זיך ווי צום אײַזן צוגעקלעפּט. אַליטעט האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס שטיק אײַזן און האָט אַרײַנגעכאַפּט די אָפּגעשיילטע האַנט אין מויל.

— אַ מעסער, אַ הירש; אַ האַק, דרײַ הירשן.

צו נאַכט צו האָט ער אָנגעלאָדן דאָס אײַזן אַף אַ שליטן, אַף אַ צווייטן שליטן אָנגעלאָדן די „טאַנגי"־פּראָדוקטן — פוטער און פּרוכטן — און אַף זיי אַרויפגעוואָרפן אַ זאַק מיט פּוקסענע פעלן. ער האָט אַהיימגענומען גאַי־גאַי פון דער שול און, שוין אין דער נאַכט, מיט ביידע שליטנס אַרויסגעפאָרן צו דער לעפּצונג פונעם טײַך קוועט.

קאַפּיטל XVII

אַ ווײַלע נאָכדעם ווי אַליטעט איז אַוועקגעפאָרן, האָט דער לערער דער־הערט אַ מאָטאָר הודזשען. און דער גערויש האָט זיך געטראָגן פונעם יאַם־ברעג. דוואָרקין האָט געשלעפט וואַאַמטשאָן און ביידע האָבן זיי זיך געלאָזט צום ברעג, און נאָך זיי אַ כאַפּטע קינדער. אויך ווײַבער האָבן זיך געלאָזט אַהין לויפן.

דאָס וואַלפיש־שיפל איז צוגעשווומען מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט.

און ווען די נאָז פונעם שיפל האָט אָנגערירט די סקאַרקע אײַז בּאַם ברעג, האָט דער לערער אַ באַגײַסטערטער געגומען שרײַען:

— אַסיפּאָוו! וואַסילי סטיפּאַנאָוויטש, זײַ געגריסט!

דער אוילעם האָט אַרויפגעשלעפּט דאָס שיפל. גענומען האָט זיך עס גליטשען איבערן אײַז און אין איין אויגנבליק איז עס געשטאַנען בּאַם ברעג.

— ווי גייט עס, ניקאָלײַ! — האָט אַסיפּאָוו געענטפערט. — געזונט?

— נו, ווי דען?

— מיר פירן דיר דאָס וואַלפיש־שיפל פאַרן קאָאָפּעראַטיוו. אַ צווייטס האָבן מיר איבערגעלאָזט רוסאַקאָוון. איך וועל דאָ צוגרייטן אַ מעכאַניקער און אַף אַ שליטן צוריקפאָרן צום אײַנקויף־הויז.

— אויסגעצייכנט! ווי לאַנג רעכנסטו דאָ פאַרווײַלן?

— אַ פּאָר וואָכן.

— קום אַהער, וואַאַמטשאַ! — האָט דער לערער אַ רוף געטאָן און האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר אַסיפּאָוון: — ס'איז אונדזער פאָרזיצער פונעם שייוועט־סאָוויעט.

אַסיפּאָוו האָט אים געגריסט.

— וועסט אונדז ביידן ווײַזן ווי אָנצוגיין מיט דעם מאָטאָר. — האָט דוואָרקין אים געבעטן. — און איצט וועלן מיר אַרײַנגיין אין שול.

— מיר מוזן נעמען דעם מאָטאָר מיט זיך. — האָט אַסיפּאָוו זאָרגפול געזאָגט.

מען האָט אַרויסגענומען דעם מאָטאָר. דער לערער האָט אים גענומען אַפן אַקסל און זיי האָבן אַוועקגעשפּאַנט צו דער שול. דאָס אײַזן פונעם מאָטאָר, אָפּגעפאַרבט אין פאַרשיידענע קאָלירן, האָט געגלאַנצט אַף דער זון. דער אַלטער אילִיטש, ווי אַ גוטער באַלעבאָס, האָט דערווײַל אָפּגעקלאַפּט

מיט אַ האַק דאָס איז וואָס איז אַנגעפּרוירן געוואָרן באַ די ברעגעס פונעם שיפל.

— דוואָרקין, וועמענס וואַלפיש־שיפל איז עס ? — האָט וואַמטשאַ געפרעגט.

— אונדזערס, וואַמטשאַ, אונדזערס, פונעם קאָאָפּעראַטיוו. און דער מאָטאָר איז אויך אונדזערער.

— אָ ! — האָט אַנטציקט אויסגערופן וואַמטשאַ. — עפשער וואָלטן מיר גערופן אַ זיצונג ?

— אַ גוטער געדאַנק, וואַמטשאַ ! רוף אַלעמען אין שול אַרײַן !

— אויך די פרויען און די קינדער ?

— אַלעמען ! רוף יעדן איינעם, ווער נאָר עס וויל בײַזײַן.

וואַמטשאַ האָט גענומען לויפן. לעבן אַליטעטס „יאַראַנגאַ" איז געשטאַנען טיגרענאַ און האָט באַטראַכט דעם אוילעם.

וואַמטשאַ איז צו איר צוגעקומען.

— טיגרענאַ, — האָט ער איר געזאָגט, — לאָס האָט אונדז צוגעשיקט אַ וואַלפיש־שיפל פאַרן קאָאָפּעראַטיוו... מיט אַ מאַשין. ער האָט אונדז ניט אָפּגענאַרט. מיר גייען איצט האָבן אַ פאַרזאַמלונג. קום, טיגרענאַ !

— ניין, וואַמטשאַ, איכל ניט גיין.

— ווי דו ווילסט דיר, טיגרענאַ. — האָט וואַמטשאַ זיך געלאָזט לויפן צו דער עקסטער „יאַראַנגאַ".

טיגרענאַ האָט אים נאָכגעקוקט.

„ער איז שוין ניט קיין אומדרײַסטער יונג. — האָט זי זיך געטראַכט. — ער איז אַ פרײַנט פון די רוסן און ווערט אַ מוטיקער מענטש".

און מיטאַמאָל האָט זי דערפילט אַ גרויסן פאַרלאַנג צוצוגיין אין שול, וווהין עס האָבן זיך שוין געצויגן מענטשן פון אַלע „יאַראַנגאַס". זי וויל אויך ריידן מיט דעם לערער, וואָס דער בערדיקער נאַטשאַלניק האָט צוגעשיקט. „איע האָט שטאַרק געהאַלטן פון דעם בערדיקן. צו וואָס, אָבער, האָט ער אים אַוועקגעשיקט פון דעם לאַנד צום גרויסן רוסישן לאַנד ? וואַמטשאַ האָט נעכטן געזאָגט, אַז איע איז אַוועק ברענגען דאָס נײַע געזעץ. און דאָס נײַע געזעץ איז אַליין אַהער געקומען. איבערן גאַנצן ברעגלאַנד רעדט מען ניט פון עפּעס אַנדערש. וואַמטשאַ נאַרט מיך. די „טאַנגיס", קענטיק, האָבן אים אויסגעלערנט ליגנערן, ווי די נאָרד־אַמעריקאַנער אַליטעטן".

אַלעק איז צוגעקומען צו טיגרענאַן.

— טיגרענאַ, קום אין שול. — האָט זי געזאָגט. — ס'וועט זײַן אַ סאַך נײַסן און עס וועט זײַן אינטערעסאַנט צו הערן. דער לערער איז אַ גוטער מענטש.

טיגרענאַ האָט געשוויגן און ראַק געקוקט אַף דער פרוי, וואָס איז שטענדיק געווען אַ שטער פאַר וואַמטשאַן, און איצט וויל זי איר פירן אַפן נײַעם וועג.

אומצופרידן האָט זי פאַרצויגן די ברעמען און איר געענטפערט :

— גיי אַליין אין שול.

נאָר ווען אַלעק איז אַוועקגעגאַנגען, איז זי איר נאָכגעלאָפן.

דאָס שול־צימער איז פול געווען מיט מענטשן. אינעם פאָרזיץ זײַנען געווען דער אַלטער איליטש, וואַמטשאַ, אואַקאַט — די אויפזעערן פון דער שול — און דער לערער.

באַם אַרײַנקומען אין שול, האָט טיגרענאַ זיך געפילט ווי אַ פרעמדע. איר האָט זיך געדוכט, אַז אַלע קוקן אַף איר און לאַכן פון איר. פונעם קאָרידאָר האָט זי אַרײַנגעקוקט אינעווייניק און אירע אויגן זײַנען שטיין געבליבן אַף אואַקאַטן, ווי זי זיצט לעבן וואַאַמטשאַן. אַזוי ווי וואַאַמטשאַ, האָט זי אויך געוואָלט צווינגען אַליטעטן צונעמען די טויטע הינט פון דער גאַס. זי פלעגט שטענדיק גיין מיט די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און צו אַליטעטן ריידן שטיל. איצט האַלט זי דעם קאָפּ אין דער הייך. וואָס איז מיט איר געשען? צי נעמט זיך עס ניט דערפון וואָס זי גייט אָפט אין דער הילצערנער „יאַראַנגאַ", ווו זי רעדט יעדן טאָג מיט דעם רוסישן לערער?

טיגרענאַ האָט איר בליק אײַנגעשטאָכן אין איליטשן. דער אַלטער האָט מיט אַ מינע פון וויכטיקייט באַטראַכט דעם אוילעם.

דער לערער האָט אויפגעהויבן דעם מאָטאָר און האָט אים אַרויפגעשטעלט אַפן טיש.

— כאַווײַירים! האָט ער געזאָגט. — דאָ האָט איר דעם מאָטאָר! און באַם ברעג שטייט דאָס וואַלפיש־שיפל. איצט וועט איר מער ניט הונגערן. פרילינג וועלן מיר אָרגאַניזירן אַן עמעסע יאַגד. מיט אַ מאָטאָריזירטן וואַלפיש־שיפל יאָגט מען שנעל אַן די מאָרזשן.

— ער איז גערעכט. — האָט געגומען דאָס וואָרט דער אַלטער איליטש. — אַף דער רײַזע האָב איך געזען ווי דאָס וואַלפיש־שיפל גייט. מען דאַרף דערצו ניט קיין זעגלען. עס גייט אַליין. געקומען זײַנען מיר אַהער אין דרײַ טעג, ניט אַ ריר טוענדיק מיט קיין וועסלע. דער לערער איז גערעכט: פרילינג וועלן מיר אָרגאַניזירן אַן עמעסע יאַגד.

יעדער איינער האָט נײַגעריק און אַנטציקט באַקוקט דעם מאָטאָר.

— אין אים צאַפּלט אַ גײַסט פון גוטס. — האָט דער אַלטער איליטש פײַערלעך אויסגערופן. — פּעטראָ־לעום רופט מען אים. אַזוי האָט מיר געזאָגט דער אינסטרוקטאָר.

קאַפּיטל XVIII

דער רויטאַרמייער קוזאַקאָוו איז געווען אַ דעמאָביליזירטער פון די ספּעציעלע דינסט־טיילן אונטער דער אָנפירונג פון טאָלסטאָכינען, לאָסעס גוטער ברודער. בעיס קוזאַקאָוו איז געווען אין דער אַרמיי איז ער אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיי, און אַהיימגעפאָרן איז ער אַ פּאַרטיקער קאָמוניסט. נאָר אַפן וועג פון קאָלים צום בעהרינג־יאַם, ווו עס גייען אָפטערע שיפן, האָט אים פאַרכאַפּט דער ווינטער און ער האָט דאָרט געמוזט פאַרבלײַבן וואַרטן אַף אַ גוט וועטער.

קוזאַקאָוו האָט זיך אײַנגעאָרדנט באַ אַ יעגער אין דער „יאַראַנגאַ", און אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט ער זיך איינמאָל גענומען פאַרריכטן אַ צעבראָכענע האַק, און האָט פון איר געמאַכט אַ נײַע. ווען די יעגערס האָבן דאָס דערזען, איז צו זייער באַגײַסטערונג גאָר קיין גרענעץ ניט געווען. קוזאַקאָוו, פון פאַך אַ שמיד, האָט זיך לײַדנשאַפטלעך אַרײַנגעוואָרפן אין דער אַרבעט; ניט געאײַלט זיך, האָט ער געשמידט העק און מעסערס, און האָט זיך אַזוי אַרום קירצער געמאַכט די לאַנגע ווינטער־נאַכט.

אין דער „יאַראַנגאַ" האָט קוזאַקאָוו געשטאַלט אַן אַלטן צעבראָכענעם מעסער, ווען אַליטעט איז אַרײַן געצעלט אַרײַנגעקומען.

— גוט מאָרגן ! — האָט אַליטעט פרײַנטלעך געגריסט.
— גוט מאָרגן, גוט מאָרגן ! — האָט קוזאַקאָוו געענטפערט און מיטן האַמער אַף אַ קיזלשטיין געגומען קלאַפּן דאָס רויט־אַנגעגליטע שטיק אײַזן.
אַליטעט האָט זיך אײַנגעקוקט ווי דאָס ווייכע ברענענדיקע אײַזן ווערט איבערגעפורעמט. דערנאָך האָט קוזאַקאָוו דאָס מעסער ווידער אויפגעהאנגען אַפן פײַער־בעקן.
— דו ביסט אַ רוסישער נאַטשאַלניק ? — האָט אַליטעט אים גענר־מען פאַרשן.
— וואָס פאַר אַ נאַטשאַלניק בין איך דיר ! אַ שמיד בין איך.
אַליטעט האָט גענומען אַ קליין העקל, וואָס קוזאַקאָוו האָט עס אויס־געשמידט, און האָט עס לאַנג געדרייט אין די הענט.
— ס'איז זייער אַ גוטע האַק. די סאָכרים ברענגען נאָר רוסישע און נאָרד־אַמעריקאַנישע העק, און די נאָמאַדן האָבן ליב אַ האַק זאָל זײַן ווי אַ גראָב־אײַזן, אַזאַ ווי דאָס דאָזיקע.
— ווען איך זאָל האָבן אײַזן, וואָלט איך געקענט מאַכן אַ סאַך אַזעלכע !
— אײַזן איז פאַראַן. — האָט אַליטעט זיך אָנגעכאַפּט. — איך האָב אַ סאַך אײַזן. עס ליגט באַ מיר אין שליטן. — ער האָט אַ קוק געטאָן אַף קוזאַקאָוון און אים אָנרעגנדיק אַ פרעג געטאָן : — ווילסט עס אָנקוקן ?
— מירן אַ קוק טאָן.
ווען זיי זײַנען צוגעקומען צום שליטן, האָט קוזאַקאָוו באַגײַסטערט אַ געשריי געטאָן :
— אָ, אײַזן ! גוט אײַזן ! — דער פאַכמאַן האָט זיך אין אים אָנגע־רופן. — אַך, ווען איך האָב אַן עמעסע קאָוואַדלע מיט אַן עמעסער האַרנע, וואָלט איך אײַך פאַרשאַטן מיט העק !
— וואָס איז עס אַזוינס אַ קאָוואַדלע און אַ האַרנע ? — האָט אַליטעט זיך פאַראינטערעסירט און שאַרף זיך אײַנגעקוקט אין קוזאַקאָוון.
דער שמיד האָט אים געגעבן צו דערקלערן און אַליטעט האָט זיך דער־מאָנט, אַז מיט אייניקע יאָר צוריק האָט ער דאָס אַלץ געזען אין דער טונדרע, צופוסנס דעם פעלדז „דער קאַלער קאָפּ". די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן עס דאָרט איבערגעלאָזט.
— איך האָב אַלץ וואָס מען באַדאַרף. — האָט אַליטעט זיך דערפרייט.
— אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך עס דיר ברענגען. טאָג ווי נאַכט וועל איך פאָרן. מיט אַ לײַכטן שליטן וועל איך גיך צוריקקומען.
אין אייניקע טעג אַרום האָט אַליטעט געבראַכט אַ האַרנע, אַ קאָוואַדלע און קוילן. דאָס אַלץ האָט ער אויפגעקליבן דאָרטן טאַקע, אונטערן שנײ.
אַליטעט האָט אויפגעצויגן אַ געצעלט און אַרײַנגעשטעלט אַ האַרנע. גע־קלאַפּט האָט ער אָן אויפהער מיטן האַמער און מען האָט נאָר געזען פונקען שפּריצן. יעדן טאָג האָט ער אַרײַנגעלייגט אַ הויפן העק אינעם שליטן. און אין אַ וואָך אַרום, ווען דער שליטן איז שוין געווען פול מיט העק, האָט אַליטעט אַוועקגעגעבן קוזאַקאָוון אַלע „טאַנגי"־פּראָדוקטן, וואָס ער האָט מיט זיך געפירט און אַ זאַק מיט פוקסענע פעלן, און איז אַוועק צו זיך אַהיים מיטן געדאַנק צו ברענגען נאָך אַ לאָדונג אײַזן.
וואַאַמטשאַ איז געקומען זען קוזאַקאָוון אינאיינעם מיט דעם אינסטרוק־טאָר אָסיפּאָוו. קוזאַקאָוו האָט שוין געבענקט נאָך אַ רוסיש וואָרט און האָט זיך שטאַרק דערפרייט ווען ער האָט דערזען דעם אינסטרוקטאָר. ער האָט

אים דערציילט ווי ער לעבט דאָרטן, וועגן אַליטעטן, וועגן זײַן אַרבעט אַלס שמיד.

אָסיפּאָוו האָט אַן אָנגעכמורעטער דאָס אַלץ אויסגעהערט און אים אַ פרעג געטאָן:

— ביסט אַ קאָמוניסט, זאָגסטו?

— יאָ. איך רעכן דאָ אָפּזײַן ביזן זומער און גיין אויפזוכן אַ שיף. אַליטעט האָט מיר צוגעזאָגט אַ שפּאַן הינט. אָט דאָס איז אַ מענטש! איך האָב נאָך אַזאַ פעיִקן מענטשן ניט געזען. אַ מין קלאַפּן מיטן האַמער!

— אַך, דו פּראָפּקע וואָס דו ביסט! — האָט אָסיפּאָוו אַ זיפץ געטאָן. — אָט האָסטו דיר אַ קאָמוניסט! ווייסטו ווער דער אַליטעט איז? אַ קולאַק, אַ שמוגלער, וואָס האָט די גאַנצע טונדרע געהאַלטן אין זײַן זשמעניע פאַרקוועטשט. נאָר דאָס איז נאָך ניט דאָס ערגסטע: ערגער איז וואָס ער כאַפּט אַרײַן אַזעלכע טיפּשים קאָמוניסטן ווי דו ביסט.

— היי, דו, פּאַוואָליע ווי דו רעדסט! — איז קוזאַקאָוו צעטומלט געוואָרן.

— הער מיך אויס! — איז אָסיפּאָוו אַרײַן אין צאָרן. — מיר פירן אַ פּאָליטיק פון באַשרענקען די קולאַקעס, קעדיי זיי צו באַזײַטיקן פון אונדזערווירטשאַפט, און דו העלפסט אַליטעטן ווידער אויפקומען. באַטראַכט עס נאָר מיט דעם קיזלשטיין, וואָס דו טראָגסט אַף זיך פאַר אַ קאָפּ. דו צעפּאַטערסט די גאַנצע אַרבעט אונדזערע! אַליטעט האָט דיך אינגאַנצן געוווּנען אַף זײַן זײַט. ווען לאָס, דער דעלעגאַט פונעם רעווקאָם, זאָל זיך דערוויסן פון אָט דער האָרנע דײַנער, וואָלט ער דיר דעם קאָפּ געשפּאָלטן.

— איך האָב דאָך גאָרנישט ניט געוווּסט. — האָט קוזאַקאָוו אַ דערשראָקענער געשטאַמלט.

— פאַרמאַך דאָס קרעמל און קום מיט אונדז. מירן שוין אין רעווקאָם געפינען פאַר דיר אַן אַרבעט. אַרבעט, אויב דו האָסט אַזאַ ביישעק עפּעס צו טאָן, נאָר ניט פאַר די קולאַקעס.

וואַאַמטשאָ האָט אויפגעלאָדן אַפן שליטן די האָרנע מיט דער קאָוואַדלע און אינדערפרי זײַנען זיי אַלע דרײַ אַרויסגעפאָרן צום לאַגעד ענמאַקײַ.

די זון האָט געשײַנט, די הינט זײַנען געלאָפן אַפן פעסטן אײַז און האָבן נאָך זיך קיין שפּור ניט געלאָזט. די אײַז־בלאָקן זײַנען ווידער צוגעקומען צום ברעג. די אײַז־פעלדער, מיטן אויג ניט אַרומצוכאַפּן, האָבן זיך פאַרלוירן ווײַט אינעם האָריזאָנט. וואַאַמטשאָ איז געלאָפן לעבן שליטן, און ווען ער האָט זיך אויפגעזעצט קעדיי זיך אָפּצורוען, האָבן אים פאַרביטן אָסיפּאָוו און קוזאַקאָוו.

פאַרנאַכט צו האָבן זיי אָנגעטראָפן אַליטעטס שליטן. ער איז געווען אָזויפיל אָנגעלאָדן מיט אײַזן, אַז אַליטעט האָט געמוזט צוהעלפן די הינט, און ער האָט געשלעפּט באַם „באַראַן”. ווען די שליטנס האָבן זיך אויסגעגליַיכט, האָבן זיי זיך ביידע אָפּגעשטעלט.

אַליטעט, אַ צעטומלטער, האָט מיט אַ שוואַכן קאָל אַ פרעג געטאָן:

— וווּהין פאָרסטו, קוזאַקאָוו?

— צום רעווקאָם. — האָט קוזאַקאָוו אים געענטפערט, באַדויערנדיק.

— שנעלער וואַאַמטשאָ. — האָט אָסיפּאָוו אים אונטערגעאײַלט.

אַליטעט האָט לאַנג געקוקט אַף זײַן פול אָנגעלאָדענעם שליטן מיט אײַזן און, פלוצים, אָן אַ פאַרוואָס, אַ זעץ געטאָן מיטן שפּיץ שטיוול זײַן שפּיצאַק־הונט.

קאַפּיטל XIX

די הינט זינקען אין שניי און מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ, שלעפּן זיי שווער דעם שליטן. אַ דורכנעמענדיקער צאָפּן־מיזרעך־ווינט, מיט שפּיציקע און שטעכיקע שנייעלעך אָנגעלאָדן, שמײַסט ביז ווייטיק אַליטעטן אין פּאָנעם. נאָר אַליטעט רירט זיך ניט, שטעלט אונטער אַ באַק דעם ווינט און טרײַבט אַפילע ניט די הינט. דער שניי־שטורעם צעוואַקסט זיך, מען זעט שוין ניט קיין שטערן, מען זעט נאָר די עקן פון דעם לעצטן פּאָרל הינט זיך וויגן. עס איז שוין נאָך האַלבער נאַכט.

די באַק דינט אַליטעטן פאַר אַ קאָמפּאַס. ער אָריענטירט זיך נאָכן ווינט. אַליטעט הערט זיך ניט צו צום וואָיען פונעם שטורעם און טראַכט נאָר פון קוזאַקאָוון. פאַרוואָס האָבן זיי אים צוגענומען? דער נײַער רוס איז מיסטאָמע אויך אַ נאַטשאַלניק. נאָר סאַראַ אויסוואָרף דער וואַאַמטשאָ איז געוואָרן! דאָס האָט ער געבראַכט דעם רוס צו קוזאַקאָוון אין געצעלט.

— מערקיטשקין! — האָט אַליטעט אַפן קאָל אַ זידל געטאָן. — נאָר ס'מאַכט ניט אויס, איכל מיר שוין אָן קוזאַקאָוון אַן אייצע געבן ווי צו מאַכן העק. אָמריטאַגען איז אַ שטאַרקער, ער וועט אַרבעטן מיטן האַמער. איך אַליין וועל האַלטן דאָס אָנגעגליטע אײַזן און וועל עס איבערדרייען.

אַן אויפגעלויכטענער פון דער פּערספּעקטיוו טייקעף זיך צו נעמען אַרבעטן, האָט ער אַ געשריי געטאָן אַף די הינט און, אין קאַמף מיט דעם שניישטורעם, אײַנגעקלאַמערט אינעם „באַראַן”, גענומען אַרויסהעלפן דעם געשפּאַן.

אַף דער באַק איז אים אָנגעוואַקסן אַ שטיק אײַז. מיט אַ פּאַטש אין דער באַק האָט ער עס אַראָפּגעריסן, איז אַרויף אַפן שליטן און גענומען רײַבן די באַק מיט שניי. ער האָט דערפילט אַ ווייטיק און האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן: „וואָס איז דאָס? איך האָב מיר נאָך קיינמאָל גאָרניט אָפּגעפרוירן. איך בין שוין גאָרניט קיין מענטש”.

פאַרענדיקט רײַבן די באַק, איז ער ווידער אַראָפּ פונעם שליטן, האָט אַ מונטער געטאָן די הינט און אינאיינעם מיט זיי זיך געלאָזט לויפן אין דער געדיכטער פינצטערניש.

אינעם לאַגער, ווו ער האָט די האָרנע אײַנגעשטעלט, שלאָפט מען שוין לאַנג. קיינער ריכט זיך ניט אַף קיינעם, און קיינער איז דעריבער ניט אַרויסגעקומען באַגעגענען אַליטעטן. ער איז גלײַך צוגעפאָרן צו קוזאַקאָווס געצעלט, האָט אָפּגעשטעלט די הינט און אײַליק אַרײַן אינעווייניק. ער האָט אָנגעצונדן אַ גראָבן נאָרד־אַמעריקאַנישן שוועבעלע זיך צו באַלײַכטן און האָט באַלד דערזען, אַז די האָרנע מיט דער קאָוואַדלע זײַנען ניטאָ. אַליטעט האָט אַ קרעכץ געטאָן. ער האָט זיך אין דער פינצטער אַראָפּגעזעצט אַף די שפּיץ־פינגער, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און איז לאַנג געזעסן און געשוויגן. אַזוי ביז ער האָט דערפילט, אַז די פיס גליווערן אים.

אין געצעלט האָט אָן אויפהער געהודיעט. דאָס רוישן פונעם לײַוונט האָט אַף אים אַן איימע אָנגעוואָרפן. אַליטעט האָט אַ צווייט שוועבעלע אָנגעצונדן, האָט געפונען אַ ברעטל, געמאַכט דערפון שפּענדלעך און אָנגעצונדן אַ פײַער. אַרויפגעלייגט האָט ער דערויף עטלעכע דריבנע קוילן און גענומען בלאָזן אַף זיי. די פלעמלעך האָבן באַלויכטן דאָס געצעלט. אַליטעט האָט

אין אַ ווינקל דערזען אַ קליינעם האַמער און האָט אין אים די אויגן איינ־געשטאָכן.
אין דרויסן האָט זיך אַ הונט צעבילט. אין געצעלט איז אַרײַנגעקומען אַ מענטש פון דער שכיינעסדיקער „יאַראַנגאַ״.
— טשאַלי, וואָס טוסטו דאָ? — האָט ער געזאָגט. — קום אַרײַן צו מיר. איך האָב שוין טיי אויפגעזאָטענעם. גאַי־גאַי שלאָפט שוין.
אַליטעט האָט אַף אים די אויגן אויפגעהויבן און שווײַגנדיק אַף אים אַ קוק געטאָן.
— קום אַרײַן, טשאַלי. דאָ איז קאַלט.
— זיי האָבן פון דאַנען אַלצדינג צוגענומען. — האָט אַליטעט געזאָגט און האָט געוויזן אַף אַ שטיקל האָלץ אַף דער ערד.
— די רוסן האָבן אַלץ פאַרנומען. צווערשט האָבן זיי זיך געקריגט, דער־נאָך האָט וואַאַמטשאַ גענומען אַלץ אַרויפטראָגן אַפן שליטן. שווער צו פאַר־שטיין די רוסן! דער נײַער, דער וואָס וואַאַמטשאַ האָט אים געבראַכט, איז אַ בייזער. אויך וואַאַמטשאַ איז איצט אַ נאַטשאַלניק. ער האָט עס מיר אַליין געזאָגט.
— איכל זיי אַניאַגן. איכל דעם וואַאַמטשאַ אַ שטריק פאַרוואַרפן אַרום האַלדז ווי אַ ווילדן הירש און אים אַהערצו ברענגען, דאָ אַהער אין געצעלט. איך וועל אים די הויזן אויסטאָן און אַוועקזעצן אַפן קאַלטן אײַזן. ווערסטו דעמאָלט זען צי איז ער אַ נאַטשאַלניק צי ניט... ווּהין האָט ער אַוועקגעפירט קוזאַקאָוון?
— צו לאָסן אין שטוב.
— וועגן וואָס האָבן זיי דאָ גערעדט?
— קען מען דען וויסן וועגן וואָס פייגל ריידן?
— און וואָס האָט געזאָגט וואַאַמטשאַ, דער מעשוגענער, וואָס האָט ניט די ווערט מען זאָל גאָר ריידן פון אים?
ער האָט געזאָגט, אַז פון אונדזער לאַגער דאַרף איינער גיין צום גרויסן יאַנטעוו באַם נאַטשאַלניק אין שטוב. אַמריטאַגען האָט זיך אָנגעבאָטן גיין.
— אַמריטאַגען? איך האָב דאָך גערעכנט מיט אים די העק צו מאַכן.
מען האָט אים איבערגעלאָזט אַ שנירל מיט קנעפּ. יעדן אינדערפרי נעמט ער אַראָפּ איינעם, ווען דאָס שנירל וועט בלײַבן ליידיק, וועט ער גיין צום יאַנטעוו פונעם וואָרט.
— דערצייל מיר גאָרניט! — האָט אַליטעט אַ פאַרצווייפלטן געשריי געטאָן. — איך וויל ניט הערן. לאָמיר בעסער גיין טרינקען טיי.
גאַי־גאַי איז געזעסן אַף אַ הירשן־פעל און האָט עפּעס געשריבן מיט אַ קליינעם בלײַער אַף אַ בלעטל פּאַפּיר, וואָס איז פאַר אים געלעגן. אַליטעט האָט דאָס דערזען, האָט ער באַ אים פון די הענט אַרויסגעריסן דאָס פּאַפּיר מיט דעם בלײַער. דערנאָך האָט ער דאָס פּאַפּיר צעריסן און מיט קאָס דעם בלײַער מיט די ציין צעביסן. דאָס יינגל האָט געקוקט אַפן פאָטער און גע־שטוינט.
— טאַטע, — האָט ער אַ מורמל געטאָן, — האָסט דאָך מיך אַליין געשיקט לערנען.
— דאַרפסט עס ניט האָבן. גיי שפּאַן אײַן דײַן שליטן. איכל באַלד אַוועקפאָרן. ווי נאָר מײַנע הינט וועלן זיך אויסרוען, וועסטו מיט זיי אַהיימ־פאָרן.

— טשאַלי! און טאָמער טרעפט ער ניט אַליין דעם וועג? — האָט אים דער באַלעבאָס פון דער „יאַראַנגאַ“ געפרעגט.

— ער וועט שוין טרעפן. — האָט אַליטעט אַ וואָרטשע געטאָן. — דער־לאַנג מיר שנעל טיי.

קאַפּיטל XX

אַנגעטרונקען זיך מיט טיי, איז אַליטעט ווידער אַוועק צו דער קוזניע. דאָס איינציקע וואָס דאָרט איז געבליבן, איז געווען דער פאַרגעסענער האַ־מער. אַליטעט איז לאַנג געשטאַנען און געקוקט אַף אים. ער האָט אים אויפ־געהויבן און אַ וואָרף געטאָן אַפן ברעטל. דערנאָך האָט ער איינגעוואָרפן דאָס געצעלט, אַרויפגעלייגט אַפן שליטן און אַוועקגעלאָפן מיט אים גאַלאָפּ קיין ענמאַקײַ.

אַפן דריטן טאָג, שוין אין דער נאַכט, איז אַליטעט צוריקגעקומען צו זיך אין דער „יאַראַנגאַ“. ער האָט אויפגעוועקט טיגרעגאַן און האָט איר גע־הייסן אָנצינדן דעם פײַער־בעקן.

טיגרעגאַ האָט אײַנגעדעקט אײַוואָמען מיט אַ פוטערנער קאָלדרע און האָט אָנגעצונדן דעם מאָך, אָן אײַנגעטונקטן אין הירשן־פעטס. אַ פּלעמל האָט באַלויכטן דאָס געצעלט. טיגרעגאַ האָט מיט אַ שפענדל אָנגעצונדן אַ צווייט פּלעמל און אַזוי ווײַטער ביז אַפן בעקן האָט זיך צעברענט אַ פײַער־גאַרטל.

נאַרגינאָט איז אַרײַנגעקומען. אַליטעט האָט זי אין קאַס אַ פרעג געטאָן:

— צו וואָס ביסטו געקומען, גרויסער נאַר? גיי בעסער האָב אין זינען די הינט. שפאַן זיי אויס און גיב זיי עפעס עסן. נאָר ניט מיטאַמאָל. מען דאַרף זיי לאָזן אָפּקילן. זיי זײַנען אַ סך געלאָפן און זײַנען דערהיצט. גיי!

נאַרגינאָט איז שטיל אַרויסגעגאַנגען.

טיגרעגאַ האָט פונעם בעליק אַראָפּגענומען אַ הירשן־פעל און זי אויס־געשפרייט לעבן אַליטעטן. אַליטעט האָט זיך אויסגעצויגן אַף דער פעל, האָט זײַן בליק אײַנגעשטאָכן אין דער סטעליע און געפרעגט טיגרעגאַן:

— וויפל רוסן זײַנען פאַראַן אינעם לאַגער?

— איין רוס. דער לערער. — האָט טיגרעגאַ געענטפערט.

— און די אַנדערע ווו זײַנען?

— צוויי זײַנען הײַנט אינדערפרי אַוועק.

— און וואַמטשאַ? איז ער אויך אַוועק מיט זיי?

— ניין, ער איז דאָ.

אַליטעט האָט זיך שנעל אומגעדרייט צו טיגרעגאַן און אַ שעפּטשע גע־טאָן איר אַפן אויער:

— דאָ?

אויפגעהויבן האָט זיך דער פוטערנער פאָרהאַנג און עס האָט זיך באַ־וויזן קאָראַגועס קאָפּ. באַם שאַמאַן איז דאָס פּאָנעם געווען געל.

— ביסט שוין דאָ צוריק, טשאַלי? — האָט זיך דערהערט זײַן אָנגע־שפּאָלטן קאָל.

— גיי שלאָפן! — האָט אַליטעט געענטפערט. — דײַן הילף, אַלנפּאַלס, בוצט מיר שוין צו גאָרנישט! גיי!

א צעטומלטער, האָט קאַראַגוע אַ גלעט געטאָן מיט זײַן ציטערדיקער האַנט זײַן שיטער בערדעלע און האָט אײַנגעשטאָכן זײַן בליק אינעם זון:
— ווערסט אַ כאַצעף, טשאַלי.
— איך בין מיד, זײַער מיד. — אַליטעט האָט אויסמײַדנדיק אַן ענט־פער, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — גיי שלאָפן!
דער שאַמאַן האָט אַ פּאַרשקע געטאָן און איז אַרויס פונעם צימער.
— טשאַלי, — האָט טיגרענאַ אים געבעטן, — זאָג אים ער זאָל מער ניט אַרײַנקומען צו מיר אין צימער. עס קען נאָך אַן אומגליק געשען אויב ער וועט ווײַטער אַרײַנקומען.
אַליטעט האָט ניט געענטפערט. דאָס האָט געמיינט, אַז ער איז מסכים.
טיגרענאַ האָט אויפגעהאַנגען דעם טשײַניק איבערן פײַער־בעקן און האָט גענומען צעהאַקן געפרוירן הירשן־פלייש.
— אַ סאַך געדאַנקען דרייען זיך מיר אין קאָפּ, — האָט אַליטעט געזאָגט. — פאַרשיידענע געדאַנקען... נעם אַוועק פון מיר דאָס פלייש. איך וויל ניט עסן...
טיגרענאַן איז עס פאַרדעכטיק געוואָרן. אַן אומרו האָט זי באַהערשט.
אַליטעט האָט זיך צוגעבויגן צו טיגרענאַן מיט צעגלאַנצטע אויגן און בייז אַ שיפּע געטאָן:
— איך וועל גיין צו אים אין דער „יאַראַנגאַ" און וועל אים דער־האַרגענען.
— ווילסט דערהאַרגענען וואַמטשאַן? — האָט טיגרענאַ אים געפרעגט.
— עס ברענט אין מיר דער כײַשעק אים צו דערהאַרגענען. דער מעשו־גענער שטערט מיר.
מיט אַן אויסערגעוויינלעכער רויִקייט, אויסבאַהאַלטנדיק איר רעגונג, האָט טיגרענאַ אים איבערגעפרעגט:
— וויאַזוי ווילסטו אים דערהאַרגענען? מיט דעם מעסער אָדער מיט דער ביקס?
— מיט די הענט וועל איך אים דערוואַרגן.
טיגרענאַ האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. זי האָט אַרויסגענומען אַ טעוועלע געפרעסטן טיי, האָט עס מיטן מעסער צעשפּאָלטן אַף קליינע שטיקלעך און אַרײַנגעוואָרפן אין טשײַניק. מיט דער זעלביקער רויִקייט האָט זי אים דער־נאָך געזאָגט:
— אויב דו וועסט דערוואַרגן וואַמטשאַן, וועט דער לערער דיך דער־האַרגענען, טשאַלי. ער איז זײַנער אַ גרויסער פרײַנט. דער לערער איז אַ שטאַרקער... ווער וועט דעמאָלט צונויפנעמען די גרויסע סטאַדעס הירשן וואָס דו האָסט אינעם שכײנישן שייוועט?
אַליטעט האָט אָנגעשטאָפּט זײַן ליולקע מיט טאַבאַק און גענומען ריי־כערן.
— מיינסטו, אַז איך דאַרף וואַמטשאַן ניט דערהאַרגענען? — האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ מויל מיט רויך.
— דאַרפסט אים ניט האַרגענען. די רוסן וועלן דיך נעמען פאַרפאָלגן אַפילו ווען דו זאָלסט נאָך די נאַכט אַנטלויפן אין די בערג. פאַראַן איצט אַ סאַך רוסן אַפן ברעגלאַנד. וואַמטשאַ איז זייערער אַ גרויסער פרײַנט. און אַליין איז ער שוין אויך אַן אַנדערער, ניט אַזאַ אומדרײַסטער.

— פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אים אַזאַ קויעך? — האָט זיך אַליטעט פאַראינטערעסירט.
— איך ווייס ניט. עפשער פון די רוסן. זיי האָבן אים געבראַכט אַ וואַלפיש־שיפּל אַף מאָרזשן־יאַגד און האָבן אים אויסגעלערנט פונאַנצובייזערן דעם אײַזערנעם מאָטאָר. יעדן טאָג שלעפּט ער דעם מאָטאָר מיט אַ לעדערנעם רימען פאַרבײַ דער שול. דער מאָטאָר רייכערט, הודיעט און סאָפּעט בייז. און אינמיטן האָט ער פײַער. דער מאָטאָר וועט פירן דאָס וואַלפיש־שיפּל אַף יאַגד. געבראַכט האָט מען אים פונעם סאָמע שפּיץ טשוקאָטקאָ.
אַליטעט האָט זיך שטאַרק אײַנגעהערט צו דעם וואָס טיגרענאַ האָט דערציילט.
— און ווו איז ער איצט, דער מאָטאָר? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.
— זיי האַלטן אים אין שול. און דאָס וואַלפיש־שיפּל שטייט באַם יאַםברעג, קעגנאיבער וואַאַמטשאָס „יאַראַנגאַ“.
טיגרענאַ האָט דערלאַנגט אַליטעטן אַ טאַזע טיי.
— טרינק. — האָט זי אים געזאָגט.
אַליטעט האָט אָפּגערוקט פון זיך די טאַזע און, אַן אויפגערעגטער, מיט אַ פינצטער פײַערל אין די אויגן, איז ער אַרויס פון דער „יאַראַנגאַ“.
— טיגרענאַ — האָט זיך דערהערט זײַן קאָל פונעם קאָרידאָר. — באַלײַכט מיר, דאָ איז פינצטער.
טיגרענאַ האָט געהאַלטן אַן אָנגעצונדענעם שפּאָן אין די הענט און האָט אומרויִק אַ פרעג געטאָן:
— וווהין גייסטו, טשאַלי?
אַליטעט האָט גענומען אַ נאָרד־אַמעריקאַנישע האַק מיט אַ לאַנגן הענטל.
— ווילסט אים דערהאַרגענען מיט אַ האַק? — האָט טיגרענאַ ווידער אַ פרעג געטאָן. אַליטעט האָט גאָרניט געענטפערט און איז פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש.
טיגרענאַ האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און איז אַוועקגעלאָפן צו וואַאַמטשאָן אין דער „יאַראַנגאַ“. באַם אַרײַנגאַנג איז זי שטיין געבליבן. מען האָט בלויז געהערט דאָס רויִקע אָטעמען פון שלאָפנדיקע מענטשן.
טיגרענאַ האָט אַ טראַכט געטאָן:
— דאָ איז ער ניטאָ. מיסטאָמע געגאַנגען צום וואַלפיש־שיפּל.
זי איז אַרײַנגעגאַנגען צו וואַאַמטשאָן אין צימער, האָט אים אָנגעטאַפּט אין דער פינצטער, האָט אים אויפגעוועקט און שטיל געזאָגט:
— וואַאַמטשאָ, אַליטעט איז אַוועק צום וואַלפיש־שיפּל מיט אַ האַק.
אַלעק האָט זיך אײַפגעכאַפּט און האָט אָנגעצונדן פײַער. וואַאַמטשאָ איז געזעסן באַ זיך אין בעט, זיך גענומען אָנטאָן און פון אײַלעניש ניט געקענט אַרײַנטרעפן מיטן פוס אין אַ „טאָרבאַז“.
— גיי זאָג דעם לערער. — האָט ער געראָטן טיגרענאַן.
דורך די באַנאַכטיקע וואָלקנס האָט זיך ווו ניט ווו געזען אַ שטערן. דער שול־ביניען האָט פון דער פינצטערניש אַרויסגעשטעקט ווי אַ גראַניטענער פעלדז.
וואַאַמטשאָ איז פאַרבײַגעלאָפן די שול צום ברעג צו.
אַליטעט איז געזעסן אַפן קיל פונעם וואַלפיש־שיפּל מיט דער האַק אין דער האַנט.
דערזען וואַאַמטשאָן, האָט ער אַ שוידער געטאָן. די האַק איז אים פון

דער האַנט אַרויסגעפאַלן און איז מיט אַ קלונג אַראָפּגעפאַלן טיף אין שיפל. וואַמטשאַ האָט אַנגעכאַפּט די האַק באַם לאַנגן הענטל און האָט אַפּן הויכן קאָל אַ פרעג געטאָן אַליטעטן:

— צו וואָס ביסטו אַהער געקומען מיט דער האַק, מענטש פון דער נאַכט?

אַליטעט איז געבליבן זיצן אַפן וואַלפיש־שיפל און געשוויגן.

וואַמטשאַ האָט געזען ער ענטפערט ניט, האָט ער אַוועקגעוואָרפן די האַק און אַראָפּגעשטופּט אַליטעטן פונעם שיפל. אַליטעט איז אַראָפּגעפאַלן אַף דער ערד, נאָר אַפן שטעל האָט ער זיך אויפגעהויבן און ביידע זײַנען זיי שטיין געבליבן איינער קעגן דעם צווייטן מיטן שיפל אין דער מיט.

— וויפל ווײַבער זײַנען געבליבן אָן זייערע מענער, צוליב דײַן שולד דערטרונקענע? — האָט וואַמטשאַ אויסגעשריגן. — און איצט ווילסטו זיי זאָלן פון הונגער שטאַרבן אָן דעם וואַלפיש־שיפל?

— רוף ניט אַרויס די גײַסטער פון די טויטע! — האָט אַליטעט געזאָגט, און נאָך עטלעכע רעגעס שווײַגן, צוגעגעבן: — ס'איז אַ שטאַרק וואַלפיש־שיפל. איך בין געקומען דאָס צעברעכן און האָב ניט געקענט. ס'איז מיר אַ שאָד. די האַק האָט מיך ניט געוואָלט פאָלגן. עפּשער איז גלײַכער וואָס זי איז אײַנגעזונקען... דער קאָפּ דרייט זיך מיר. גיב מיר צוריק די האַק, וועל איך מיר אַהיימגיין.

באַ זיך אין דער „יאַראַנגאַ" האָט עס לאַנג גענומען ביז ער האָט זיך באַרויִקט. ער האָט געטרונקען טיי און אַלץ געדרייט מיט די מאָזגעס.

— איך האָב דעם נאָרד־אַמעריקאַנער פאַר מײַן וואַלפיש־שיפל זייער אַ סאַך באַצאָלט. פון וואַנען נעמט וואַמטשאַ צו באַצאָלן פאַר זײַן וואַלפיש־שיפל?

— מען זאָגט אַז אַלע אינאייגנעם צאָלן זיי. דער גאַנצער קאָאָפּעראַטיוו וועט באַצאָלן.

אַליטעט האָט קרום אַ שמייכל געטאָן.

— רייד ניט קיין נאַרישקייטן. צי דען וועלן די אַלמאָנעס קענען באַצאָלן? ווייסטו ניט, אַז אין די „יאַראַנגאַס" האָבן זיי ניט מער ווי צעפּוילטע הירשן־פעלן? די „טאַנגיס" יאָגן זיך ניט נאָך אַזעלכע פעלן, זיי האָבן ליב פוקסענע. די רוסן פאַרשטייען עס נאָך ניט. גיי צום לערער און זאָג אים. נאָר איך קען דערפאַר באַצאָלן.

— איך וועל ניט גיין. מײַן צונג זאָגט זיך אָפּ פון ריידן מיט אַ רוס. — האָט טיגרעגאַ געענטפערט.

— אויך מײַן צונג זאָגט זיך אָפּ. — האָט אַליטעט צופרידן מאַסקים געווען.

— מען זאָגט אַז מען וועט דאָס וואַלפיש־שיפל אָפּצאָלן ביסלעכווײַז, אין פינף ווינטערס, מיט מאָרזשן־פעל, מאָרזשן־ציין און פאַפּירענע רובלס.

— די רוסן פאַרשטייען גאָרניט אין פוקסן. פאַר אַזאַ גוטן וואַלפיש־שיפל וואָלט איך זיי געגעבן אַ סאַך פוקסענע פעלן. בראַון וואָלט עס קיינמאָל ניט אויסגעביטן פאַר בלויז מאָרזשן־פעל. אָט ער פאַרשטייט.

ווען ער האָט דערמאָנט בראַונען, האָט טיגרעגאַ זיך אָנגערופן:

— דער בראַון מוז זיכער זײַן אַ שווינדלער. אויגן האָט ער פון אַ שלעכטן מענטשן. מיר דוכט זיך, אַז ער וועט די סכוירעס ניט ברענגען. בעיס די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן געטרונקען דאָס פײַערדיקע וואַסער, האָב איך די

גאַנצע צײַט געקוקט אַף זיי. וועסט שוין זען ווי זיי גענאַרן דיך. זיי וועלן דיר די סכוירעס ניט ברענגען.

— שווײַג! — האָט אַליטעט אַ געשריי געטאָן. — ביסט געוואָרן צופּיל פּלאַפּלערקע. אַ ווײַב, אַז מען לאָזט זי, פּלוידערט זי נאַרישקייטן.

טיגרענאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי איז צוגעגאַנגען צום פײַער־בעקן און האָט גענומען צעשאַרן דאָס פײַער.

אַליטעט האָט זיך אויסגעצויגן אַף די פעלן און האָט שווער אָפּגעזיפצט:

— מען דאַרף אַוועק אין די בערג. דאָ טוען מיר די אויגן וויי פון קוקן אַף די רוסן... און אַף דעם קאָאָפּעראַטיוו... איך האָב אַ סאַך העק. נאָר אָן אַלקאָהאָל האָבן זיי אַ קנאַפּן ווערט... איך וועל אַליין מאַכן אַלקאָהאָל...

טיגרענאַ האָט איבערראַשט אַ קוק געטאָן אַף אַליטעטן. איר האָט זיך געדוכט, אַז ער הייבט אָן פונעם זינען אַראָפּגיין.

— וואָס קוקסטו אַף מיר ווי אַ סאָווע אַף אַ האָז? — האָט אַליטעט אײַן קאָס אַ פרעג געטאָן.

— דו קענסט מאַכן אַלקאָהאָל? — האָט טיגרענאַ זיך פאַראינטערעסירט.

— יאָ. מען דאַרף צעפירן מעל אין וואַסער, אײַנדעקן מיט וואַרעמע פעלן, דערנאָך שטעלן אַפן פײַער און, דורך דעם רער פונעם „ווינטשעסטער" וועט זיך גיסן דאָס פײַערדיקע וואַסער. מיר פעלט נאָר מעל. דער רוסישער סויכער וויל מיר ניט פאַרקויפן מער ווי איין פּוד. ער איז אַ שלעכטער מענטש. גלײַך ער וואָלט ניט דאַרפן מײַנע פעלן! ער גיט מיר פאַר זיי פאַפּירענע רובלס...

עס איז שוין טאָג געוואָרן און אַליטעט טראַכט נאָך אַלץ...

— גיי אַרײַן צו די שכיינים, — האָט נאַרגינאָט געזאָגט, — און בײַט אויס אַ פוקס פאַר אַ פּוד מעל. זיי וועלן עפענען אַזוינע גרויסע אויגן פאַר פרייד און וועלן דיר פאַרקויפן וויפל מעל זיי האָבן. דער רוס גיט זיי פיר פּוד פאַר אַ פוקס, און איך גיב אַ פוקס פאַר אַ פּוד.

נאַרגינאָט איז אַוועק. אַליטעט האָט זיך אָנגעגעסן מיט הירשן־פלייש און האָט זיך געלייגט שלאָפן. געשלאָפן איז ער ווייניק און אומרויק.

— טשאַלי, ניטאָ קיין מעל. — האָט נאַרגינאָט געזאָגט ווען זי איז צוריקגעקומען. — טומאַטוגעס אַלמאָנע האָט מיר שוין געהאַט געגעבן אַ זעקל מעל, נאָר דער לערער האָט איר ניט געהייסן נעמען דײַן פוקסן־פעל, און זי האָט באַ מיר צוריקגעבעטן דאָס מעל. „גיי אין דער „יאַראַנגאַ" ווו מען האַנדלט, — האָט מיר דער לערער געזאָגט. — איר האָט הינט". און זי האָט אים געפאָלגט, טשאַלי.

— מערקיטשקין! — האָט אַליטעט זיך אויסגעזידלט און האָט אָנגעכמורעט די ברעמען. דערנאָך האָט ער אַ ווײַלע געטראַכט און האָט צוגעגעבן:

— גיי צעטראָג איבערן גאַנצן לאַגער, אַז אַליטעט גיט אַ הונט פאַר אַ זעקל מעל. פאַר צוועלף זעקלעך גיב איך אַ גאַנצן שפּאַן הינט. אַלנפאַלס, האָב איך אַ סאַך הינט און איך האָדעווע זיי אומזיסט.

נאַרגינאָט איז אַוועק. די נײַס האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע „יאַראַנגאַס". וואַאַמטשאָ איז געלאָפן צום לערער. דוואָרקין האָט אים אויסגעהערט און האָט אים געאייצעט:

— ס'איז עפּשער קעדײַ זאָלסט זיך באַזאָרגן מיט אַ גוטן שפּאַן הינט.

— יאָ, יאָ. ס'איז קעדײַ. — האָט וואַאַמטשאָ באַשטעטיקט. — איך

נייטיק מיך שטאַרק אין אַ גוטן שפּאַן! אַזוי וועל איך קענען שנעלער פּאַרן. איך האָב אָבער ניט מער ווי פיר זעקלעך מעל און איך דאַרף צוועלף.

— גוט, וואַאַמטשאַ, איך וועל דיר געבן אַכט זעקלעך מײַנע. וועסט מיר שפּעטער אומקערן.

— יאָ, יאָ, איכל דיר אומקערן. איך האָב פוקסן און רובלס. איכל לויפן זען רוסאָקאָוון.

— גוט. קויף באַ אים די הינט, וואַאַמטשאַ. איז עס ניט צו טײַער?

וואַאַמטשאַ האָט שעלמיש אַ פּינטל געטאָן מיט אַן אויג און האָט שטיל געענטפערט:

— ס׳איז אָוועקגעשאָנקען. ניט אַנדערש ער איז מעשוגע געוואָרן. רו־סאָקאָוו גיט פיר זעקלעך פאַר אַ פוקס. און אַ הונט קאָסט פינף פוקסן. אַלע זײַנע הינט זײַנען גוטע.

— גיי־זשע, וואַאַמטשאַ, קויף זיי באַ אים אָפּ. — האָט אים דוואָרקין פּעסט געענטפערט.

וואַאַמטשאַ איז טייקעף אַוועק צו זיך אין דער „יאַראַנגאַ" און האָט געגומען קוקן אַפן הימל, גלײַך אים וואָלט עפּעס אַנדערש ניט אָנגעגאַנגען.

אַליטעט, לעבן זײַן „יאַראַנגאַ", האָט געקוקט אַף די אײַז־בלאָקן.

— טשאַלי! — האָט וואַאַמטשאַ מער ניט אויסגעהאַלטן. — ווילסט בײַטן אַ שפּאַן הינט אַף מעל?

— יאָ, — האָט אַליטעט געענטפערט.

— איך האָב שוין אַפילו מײַנע הינט, נאָר אויב דו ווילסט, קען איך דיר געבן צוועלף זעקלעך. אָבער, פאַר גוטע הינט.

אַליטעט האָט געמאַכט אַ קרומע גרימאַסע אַפן פּאָנעם:

— מעשוגענער! האָסט שוין געזען באַ מיר אַ שלעכטן הונט? פאַר־בלײַב דו מיט די הינט, וואָס גאַי־גאַי דאַרף מיט זיי אָנקומען.

— פאַר דעם שפּאַן איז שוין קעדײַ אַוועקצוגעבן דאָס מעל. איך וועל אַרויספאָרן אַקעגן גאַי־גאַיען.

— ברענג פריִער דאָס מעל.

וואַאַמטשאַ האָט טייקעף אָנגעלאָדן די צוועלף זעקלעך מעל אַפן שליטן, האָט אײַנגעשפּאַנט זײַנע הינט, פאַרבײַפאָרנדיק אַליטעטס „יאַראַנגאַ" דאָרט אַראָפּגעלייגט דאָס מעל און איז אַרויסגעפאָרן אַקעגן גאַי־גאַיען.

קאַפּיטל XXI

נײַ לעבן. אַזוי רופט מען איצט אַלץ וואָס פּאַסירט אַפן ברעגלאַנד. אַלי־טעטן ערגערט דאָס. ער האָט פאַרזאָגט ניט צו ריידן באַ אים אין שטוב וועגן נײַעם לעבן. עס האָט אַ סאָך געגומען צו דעם מיסכער, וואָס דאָס איז געוואָרן דער זין פון זײַן לעבן, און אַליטעט גייט אום אַ דערדריקטער און ווייסט ניט וואָס ער זאָל טאָן. אַלע סכוירעס געפינען זיך אויסשליסלעך אין די הענט פון די רוסן. ניט געבליבן איז קיין איין נאָרד־אַמעריקאַנער וואָס זאָל האַנדלען. זײַן וואַלפיש־שיפל איז אײַנגעזונקען. דער גאַליאָט קומט ניט. פון וואַנען וועט ער נעמען סכוירעס? אָט די טראַכטענישן האָבן אַליטעטן מעשוגע געמאַכט.

אַ פאַרזאָרגטער און אַ טרויעריקער אייסעקט ער זיך אַרום שליטן,

לאָדט אויף די העק און די מאַרזשן־פּענכערס מיט פּײַערדיקן וואַסער, וואָס ער אַליין האָט אים געמאַכט.

עמעס, די סכוירעס זײַנען גוטע, נאָר אינעם שליטן האָט ער ניט קיין ביקסן, קיין קאַרטעטשן, קיין טאַבאַק, קיין האַלדזבאַנדן, קיין קײַ־גומי. ער האָט אויך ניט קיין נאָדלען, קיין פינגערהוטן, קיין קעמלעך, קיין גלעקלעך...

אײַנגעפּאַקעוועט די סכוירעס, איז אַליטעט אַרײַנגעגאַנגען צוריק אין געצעלט.

— טיגרענאַ, — האָט ער געזאָגט, — איך דאַרף מיר אָנטאָן דאָס שטאָפּענע העמד. אין דעם העמד זע איך אויס אַ נאָרד־אַמעריקאַנער. איך פיר מיט מיר אין שליטן ווייניק סכוירעס. זייער ווייניק. בלויז העק.

אַליטעט טוט אָן דאָס העמד אָן כײַשעק.

אין אַ קעשענע האָט אַ שאַרשקע געטאָן מיסטער בראַונס פּאַפּירל, וואָס איז אונטערגעשריבן פון „טעק — שוואַרצער זשוק״.

אַליטעט נעמט אַרויס דאָס פּאַפּירל, צעעפנט עס פּאַרזיכטיק און שטעכט דערין אַרײַן אַ טעמפּן בליק.

— דאָ האָסטו עס! — רופט ער זיך אָן צו טיגרענאַן און טרייסלט דערמיט אין דער לופטן. — זומער וועט מיר בראַון ברענגען די סכוירעס, וואָס זײַנען דאָ פאַרצייכנט. ער ווייס וווּהין ער דאַרף זיי ברענגען. איך האָב אים אָנגעוויזן דאָס אָרט. קיינער וועט אונדז ניט זען.

טיגרענאַ האָט ניט געענטפערט.

אַליטעט האָט באַהאַלטן דאָס פּאַפּירל אין קעשענע און האָט זיך אָנ־געטאָן צו דער רײַזע אין די בערג, מיט דעם געדאַנק זיך צו זען מיט זײַן פרײַנט דעם הירשן־פּיטערער עטשאַוווטאַ.

דער אַלטער עטשאַוווטאַ וואַנדערט אַלץ אַף די זעלביקע ערטער ווי מיט צוויי יאָר צוריק. נאָר אויך באַ אים אין די לאַגערן ענדערט זיך שוין דאָס לעבן. די נײַסן וועגן אַ נײַ לעבן זײַנען דערגאַנגען אויך אין די בערג. נאָך די נײַסן, איז געקומען דער רוס און האָט גערעדט מיט די נאָמאַדן. עטשאַוווטאַ האָט ניט געוואָלט ריידן מיט אים. דאָס וואָלט געוועזן אַן אומזיסטער גע־שפּרעך. דער רוס איז ניט קיין סוחר און עטשאַוווטאַ האָט מיט אים ניט וואָס צו ריידן. זאָל ער ריידן מיט די פּאַסטעכער. און ווען עטשאַוווטאַ האָט זיך דערוווסט אַז דרײַ פון זײַנע פּאַסטעכער זײַנען באַשטימט געוואָרן פאַר באַטשאַלניקעס פונעם לאַגער מיט דעם נאָמען שייוועט־סאָוויעט, האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט.

ווען דער רוס איז אַוועק האָט עטשאַוווטאַ געשיקט רופן זײַנע דרײַ פּאַסטעכער און האָט זיי געזאָגט:

— שפּאַנט מיר אײַן דרײַ ווײַסע געשווינדע הירשן. איך דאַרף פאָרן באַקוקן די סטאַדעס.

ווען מען האָט אים געבראַכט די הירשן, האָט ער זיך אַרײַנגעזעצט אינעם שליטן, האָט גענומען די לייצעס אין די הענט און געזאָגט צו די פּאַסטעכער:

— איר, אַלס שייוועט־סאָוויעט, וועט לויפן הינטער מיר.

ער האָט אַ שנאַל געטאָן מיט די לייצעס און די הערשן האָבן זיך אַוועק־געלאָזט איבער דעם געפרוירענעם צודעק, אַזש דער שניי האָט געשפּריצט פון אונטער די הירשענע טלאָען. די דרײַ פּאַסטעכער זײַנען נאָכגעלאָפן.

ווען זיי זײַנען צוגעקומען צו דעם אָרט ווו עס האָבן זיך געפּיטערט

די הירשן, האָט עטשאַווטאַ, אין אַ גרינגער פיל־קאַלירטער „קוכליאַנקע”, מיט אַ רימען אַרומגעגאַרטלט, געגומען באַקוקן די סטאַדעס. געווען זיינען זיי צעשפרייט איבערן רוקן פונעם באַרג אַזוי, אַז דאָס אויג האָט זיי ניט געקענט אַרומנעמען : אַזויפיל הירשן זיינען דאָרט געווען !

— קומט אַהער ! — האָט עטשאַווטאַ צו זיי אַ קוויטשע געטאָן.

די פאַסטעכער זיינען פאַרסאָפּעטע צוגעקומען און האָבן זיך אַוועקגע־זעצט עטשאַווטאַן צו די פיס.

— וויפל הירשן האָסטו אין דער סטאַדע ? — האָט עטשאַווטאַ אַ פרעג געטאָן דעם עלטסטן פון די דריי.

— צוואַנציק. — האָט דער פאַסטעך געענטפערט.

— און דו וויפל ? — האָט עטשאַווטאַ געפרעגט דעם צווייטן.

— איך האָב נאָך ווייניק : ניט מער ווי אַכט.

— און דו ?

— עלף. — האָט דער דריטער געענטפערט.

— אַ ! — האָט דער אַלטער זיך געוווּנדערט. — אַ סאַך הירשן האָט איר. ווען איר זייט אַהער געקומען, האָט איר גאָרנישט ניט געהאַט... נעמט אייך אַרויס די הירשן פון דער סטאַדע און גייט אייך. שוין. איך דאַרף ניט קיין שייוועט־סאַוויעט.

די פאַסטעכער האָבן זיך איבערגעקוקט.

— עטשאַווטאַ, — האָט זיך מוטלאָז אָנגערופן דער פאַסטעך וואָס האָט געהאַט ניט מער ווי אַכט הירשן. — וויאַזוי וועלן מיר לעבן ? מיר האָבן ניט קיין „יאַראַנגאַס”, קיין שליטנס, קיין הירשן אין שפּאַן. אונדז וועט אוממעגלעך זיין פירן אַ נאָמאַדן־לעבן. מירן מוזן אַוועקגיין צום יאַם־ברעג, צו די מענטשן וואָס עסן מייז.

— מירן אומקומען, עטשאַווטאַ. — האָט אַ צווייטער פאַסטעך געזאָגט.

— איך האָב גענוג פאַסטעכער, — האָט עטשאַווטאַ זיך די הויזן אַרויפ־געצויגן : — נעמט שוין אַרויס אייערע הירשן !

די פאַסטעכער זיינען שטיין געבליבן און געשוויגן מיט די אויגן צו דער ערד.

— שנעלער ! — האָט שוין עטשאַווטאַ אַ געשריי געטאָן.

דער אַלטער איז געלעגן אַן אויסגעצויגענער באַ זיך אין דער „יאַראַנגאַ” און האָט געזופט אַלקאָהאָל פון אַ פלעשל מיט אַ שמאָלן פיסקל, ווען אַליטעט איז געקומען צו אים אין לאַגער.

— דאָס ביסטו, טשאַלי ? — האָט דער אַלטער געצויגן די זילבן.

אַליטעט האָט געקוקט אָפן אַלטן און האָט געשטוינט : פון וואַנען זאָל געווען צו אים קומען דאָס פייערדיקע וואַסער ? ער האָט אויסגעטאָן די „קוכ־ליאַנקע”, אָפּגעצויגן דאָס שטאָפּענע העמד און אַן איבערראַשטער געפרעגט :

— פון וואַנען ווייסטו אַז איך בין טשאַלי ?

— צו דער טונדרע דערגייען אַ סאַך נייַעס. — האָט עטשאַווטאַ אַ פּישטשע געטאָן.

די ווייַבער האָבן שטיל געקוקט אַף טשאַלי—אַליטעטן.

— איך האָב געבראַכט אַ סאַך סכוירעס. — האָט אַליטעט צו וויסן געגעבן. — קעיפאַ, — האָט ער זיך אָנגערופן צו איינער פון עטשאַווטאַס ווייַבער. — גיי ברענג מיר אַ האַק פון מיין שליטן.

קעיפּאַ איז אַרויסגעגאַנגען און איז טייקעף צוריקגעקומען מיט אַ האַק, וואָס אַליטעט האָט פון פאַרויס צוגעגרייט אויבן־אויף.

עטשאַווטאַ האָט געדרייט די האַק פאַר דער נאָז, ווי ער וואָלט זי אַרומגעשמעקט, און האָט פריילעך אַ זאָג געטאָן:

— אַ גוטע האַק!

— איך האָב געבראַכט אַ סאַך אַזעלכע. — האָט אַליטעט מיט שטאָלץ אונטערגעשטראָכן.

— וועלכע נאָך סכוירעס האָסטו?

אַליטעט האָט אַ צי געטאָן זײַן ציגאַרעט, האָט דעם רויך אײַנגעשלונגען און, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעהוסט, האָט ער לײַכט אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב מיט זיך שטאַרקן אַלקאָהאָל. קעיפּאַ, ברענג מיר אַהער פונעם שליטן אַ מאַרזשענעם פּענכערל. ער ליגט פון אויבן אויף.

עטשאַווטאַ איז צוגעקומען נאָענט צו אַליטעטן און האָט אַ טאַפּ געטאָן זײַן שטאָפן העמד.

— ביסט אַ גאַנצער „טאַנגי״ געוואָרן!

— יאָ! אַ נאָרד־אַמעריקאַנער! — האָט אַליטעט געענטפערט, זיך צוגעבנדיק ·וויכטיקייט.

— מען זאָגט, אַז באַם יאַם איז שוין ניטאָ קיין איין נאָרד־אַמעריקאַנער. אַזאַ נײַס איז דערגאַנגען צו דער טונדרע. אָנגעקומען זײַנען אַ סאַך רוסן. איינער אַ רוס איז אויך אַהערצו געקומען. דער רוס האָט אַ כוץ ווערטער מיט זיך גאָרניט געהאַט. ער האָט באַ מיר אין לאַגער צוזאַמענגעשטעלט אַ שייוועט־סאָוויעט פון דרײַ פּאַסטעכער. איך האָב זיי אָפּגעזאָגט. איצט וועט זיי קיינער ניט נעמען.

— וווהין־זשע זײַנען די דרײַ פּאַסטעכער אַוועק? — האָט זיך אַליטעט פאַראינטערעסירט.

— צום יאַם. צו פוס זײַנען זיי אַוועק.

קעיפּאַ איז שוין לאַנג געהאַט געשטאַנען מיט דעם פּענכער אַלקאָהאָל און האָט זיך צוגעהערט צום שמועס.

אַליטעט האָט באַ קעיפּאַן פון דער האַנט גענומען דעם פּענכער און האָט אים געוויזן עטשאַווטאַן:

— דאָ האָסטו דאָס פײַערדיקע וואַסער. זייער אַ גוטס. עס ווערט קיינמאָל ניט געפרוירן.

— כע, כע, כע! איך האָב נאָך אַף מײַן לעבן ניט געזען מען זאָל האַלטן פײַערדיק וואַסער אין אַזאַ קיילע. — האָט עטשאַווטאַ מיט שפּאָט געענטפערט.

— די קיילע לוינט זיך זייער גוט פאַר נאָמאַדן. זי צעברעכט זיך קיינמאָל ניט.

— איך האָב איצט אויך פײַערדיק וואַסער. אַ סאַך פײַערדיק וואַסער.

— פון וואַנען האָסטו עס גענומען? — האָט אַליטעט געוואָלט וויסן.

— כע, כע! באַ די וואַרעמע קוואַלן האָט זיך באַוויזן אַ נאָרד־אַמעריקאַנער. — האָט דער אַלטער געענטפערט. — ניק רופט מען אים.

— אַ סויכער? — האָט אַליטעט אים איבערגעשלאָגן אינמיטן.

— ניין. עפּעס זוכט ער אין טײַך צווישן די שטיינער. ער האָט ניט קיין סכוירעס, נאָר פײַערדיק וואַסער. פריִער פלעגט ער קומען יעדן זומער. דאָס מאָל איז ער פאַרבליבן אַפן ווינטער. די באַרזשע זײַנע האָט זיך צע־

בראָכן. איך האָב אים אויפגעשטעלט אַ געצעלט לעבן די וואַרעמע קוואַלן, איך שיק אים פּלייש און גיב אים הירשן צום פּאָרן. אונדזער לאַנד געפעלט אים. ער צייכנט די טײַכן און די בערג אַף פּאַפּיר און גיט מיר פײַערדיק וואַסער.

אַן איבערראַשטער פון דעם נײַס, האָט אַליטעט זיך אײַנגעהערט צו אַלץ וואָס עטשאַווטאַ האָט דערציילט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך גע־כאַפּט און האָט אָנגעגאָסן אַ טאַזע פון דעם היימיש געמאַכטן אַלקאָהאָל, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט, און האָט דערלאַנגט דעם אַלטן:

— פּאַרזוך מײַן פײַערדיק וואַסער.

עטשאַווטאַ האָט זיך ניט געלאָזט בעטן. ער האָט צוגעטראָגן די טאַזע צו די ליפּן, האָט זי אויסגעטרונקען און האָט זיך באַלעקט:

— גוט... וואָס נאָך פּאַראַ סכוירעס ברענגסטו?

אַליטעט האָט זיך געקווענקלט. ס'איז אים אַ ביזאָיען געוועזן מוידע צו זײַן, אַז מער קיין סכוירעס האָט ער ניט.

— אַלע נאָרד־אַמעריקאַנער זײַנען אַוועק ברענגען סכוירעס. — האָט ער ביטער געענטפערט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען זײַן טאַזע. — זומער וועלן זיי ברענגען די סכוירעס.

— אַך, אַזוי! — האָט עטשאַווטאַ געעפנט דאָס מויל מיט אַ בעקיוונ־דיקער מינע פון אַ מענטשן וואָס פאַרשטייט ניט. ער האָט די אויגן אײַנגע־שטאָכן אין אַליטעטן.

אַליטעט, אַ צעטומלטער, האָט געדרייט דעם האַלדז און האָט ווידער אָנגעגאָסן די טאַזעס. ביידע האָבן זיי ווידער אויסגעטרונקען.

— עטשאַווטאַ. — האָט אַליטעט זיך אָנגערופן. — שוין צײַט איך זאָל צונויפנעמען מײַנע הירשן. איך וויל אָנהייבן פירן אַ נאָמאַדן־לעבן.

— זייער וויל, זייער וויל.

— איך רעכן אָניאָגן די דרײַ פּאַסטעכער און זיי אַרײַננעמען צו מיר אין סטאַדע. ווי מיינסטו?

— זיי וועט עס געפעלן. אַלץ בעסער ווי אויפּעסן די לעצטע הירשן. נעם זיי דיר. נעם זיי דיר. עפּשער איז זיי שוין אָפּגעגאַנגען דער כיישעק צו זײַן דער שייוועט־סאָוויעט.

— איך וועל זיי מיט אַ שטיין דעם קאָפּ צעפּלעטן טאָמער וועלן זיי ווידער ווערן דער שייוועט־סאָוויעט. — האָט אַליטעט געזאָגט און האָט ווי־דער אָנגעגאָסן בראָנפן אין די טאַזעס.

— וואַרט אַ ווײַלע, וואַרט. — האָט אים עטשאַווטאַ איבערגעריסן. — קיין סאַך דאַרף מען ניט טרינקען. קיין סכוירעס, אַלנפאַלס, האָסטו ניט. איך טרינק איצט ווייניק. איך האָב אַן אײַזערן פּעסל פול מיט פײַערדיק וואַסער. זע. — עטשאַווטאַ האָט זיך צוגעשלעפּט צו אַ ווינקל, האָט אַראָפּגעריסן עט־לעכע הירשן־פעלן און עס האָט זיך באַוויזן אַ פּעסל פון אַ דרײַ עמער. — נאָך פאַראַן העכער אַ העלפט. ביז אַהער. — עטשאַווטאַ האָט אַ שטשירע געטאָן די ציין און מיט דעם פאַרהאַרטעוועטן נאָגל געמאַכט אַ צייכן אינעם אײַזן.

אַליטעטן האָט דער אָטעם פאַרכאַפּט פאַר קינאָ. ער איז געבליבן זיצן, האָט געקוקט אַף זײַן פרײַנט און האָט ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

— דו האָסט ניט קיין סכוירעס. פײַערדיק וואַסער איז ניט גענוג אַף צו דערפרייען דאָס האַרץ.

— איך האָב העק. — האָט אַליטעט טעמפּ געענטפערט. — אַ סאַך, אַ פולן שליטן.

— כע, כע ! צען העק איז פאַר מיר גענוג. אַף יעדער סטאַדע אַ האַק. — האָט עטשאַווטאַ געזאָגט. — ער האָט אַן אייגל געוואָרפן אַף דער האַק און האָט זיך אָנגערופן : — גוטע העק. קענסט צולייגן נאָך אַ טוץ. איך האָב פוקסענע פעלעכלעך. איך וועל זיי דיר אַלע אַוועקגעבן פאַר די העק.

— איך דאַרף ניט קיין פוקסן. איך דאַרף לעבעדיקע הירשן.

— כע, כע, כע ! ווילסט פירן אַ נאָמאַדן־לעבן ? נו, זאָל זײַן אַזוי. סאָפּקאָלסאָף, ביסטו דאָך מײַנער אַ גוטער ברודער. פאַר צוואַנציק העק וועל איך דיר געבן צען מאָל צוואַנציק הירשן.

זיי האָבן אָפּגעמאַכט אָפּצוטיילן אַליטעטס הירשן, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אין עטשאַווטאָס סטאַדעס און ער איז אַוועק אָניאָגן די דרײַ פאָס־טעכער צו היטן זײַן נײַע סטאַדע.

ווי נאָר אַליטעט איז פאַרשוווּנדן הינטערן באַרג, זײַנען אָנגעקומען אַכט שליטנס אָנגעלאָדענע מיט פאַרשיידענע סכוירעס. דאָס האָט רוסאַקאָוו, דער אויפזעער פונעם פוטער־אויפקויף, געבראַכט מיט זיך אַ פאַרטיע סכוירעס.

קאַפּיטל XXII

אונטערן דיקן שיכט אײַז רעוועט אַ דערשטיקטער דער טײַך אַמגעמאַ. דאָס וואַסער לויפט איבער זײַן שטיינערנעם געלעגער פון דער אַנאַדירער בערג־קייט ביז דעם פאָלאַרן אײַז־יאַם. ער שלענגלט זיך איבעד ברייטע טאָלן און דורך שמאָלע העלדזער, דערשטיקטע פון די הויכע בערג, הונדערטער קילאָמעטער לאַנג. אָן צאָל צופּלוס־טײַכן און ריטשקעס צעשנײַדן זײַנע ברעגעס. דער ריזיקער טײַך־בעקן, מיט זײַן שעפע זאַפטיקן לישײַניק, איז דאָס אויסדערוויילטע פלאַץ פון די גרויסע הירשן־פיטערער. צענדליקער טויזנטער האַלב־ווילדע הירשן פיטערן זיך דאָרט.

די אַראָפּהענגענדיקע ווערבעס, די נידעריקע בערעזעס, די קליינע אָלכע־ביימלעך, די גאַנצע צאָפּנדיקע פלאַנצן־וועלט, איז אונטערן שניי באַגראָבן ביזן זומער. בלויז אַף די באַרג־רוקנס, ווו די אימפּעטיקע ווינטן בלאָזן אַראָפּ דעם שניי־צודעק, הייבט זיך ווו ניט ווו אַן איינזאַמער, פון די האָזן אָפּגע־שיילטער שטאָם.

דעד הימל, אַ ווײַסער און אַ נידעריקער, גיסט זיך צונויף מיט דעם געדיכטן שניי און אַלדאָס לעבעדיקע ווערט פאַרלוירן אין דער ראַכוועס פון דער אומענדלעכער וועלט. די דאָזיקע ערטער זעען אויס וויסט, אָן אַ סימען פון לעבן. פון צײַט צו צײַט פאַטשן אַוועק פון דאָרט עטלעכע שניי־ווײַסע וואַלד־הינדלעך און פאַרשווינדן אין דער זעלביקער רגע.

שנייעלעך פלאַטערן און באַשיטן דעם געפרוירענעם טײַך, קומט אַ ווינט און קערט זיי אַראָפּ, און ווידער גלאַנצט ער אַ ריינער, אַ לויטערער ווי דער מילך־וועג.

אַליטעט פאָרט שנעל מיטן טײַך אַראָפּ און אַלמעוועט פאַמעלעך דעם שליטן מיט דעם אײַזערנעם שפּיץ פון זײַן „אָסטאָל”. הינטערן שליטן בלײַבט דער שפור, וואָס מאַסערט, אַז אַ מענטש איז דאָרט פאַרבײַגעפאָרן.

די אַרויסגעשטאַרצטע עקן פון די פעלדזן שטעכן גראָב אַרײַן זייער שוואַרצקייט אין דער אומבאַפלעקטער טונדרע.

מיטאַמאָל האָט אַליטעט אַ האַסטיקן אַלמעווע געטאָן. דער „אָסטאָל" האָט אַ טיפן ריץ געמאַכט אינעם איַיז. די הינט זײַנען שטיין געבליבן, גע־גליטשט זיך אַף דער איַיזיקער אויבערפלאַך און געגראָבן אין איר זייערע נעגל.

אַליטעט האָט געכאַפּט דעם „ווינטשעסטער" און האָט גענומען באַקוקן די שטיינער. עט אויבן, אַף אַ שפּיציקן עק פון אַ פעלדז האָט געקלעטערט אַ ווילדער באַראַן. ער האָט געמאַכט אַזעלכע שפּרונגען, אַז אַליטעט איז שטיין געבליבן מיט דער ביקס אין דער האַנט אַ פאַרכידעשטער און האָט ניט אויסגעשאָסן. ווען ער האָט אין אים אויסגעשאָסן, איז דער באַראַן, ווי עס האָט זיך געדוכט, אַן אָפּהענטיקער, אַן אויגנבליק הענגען געבליבן אין דער לופטן. נאָר באַלד שווינדל־שנעל אַראָפּגעפאַלן און זיך אָנגעשלאָגן אָן די שטיינערנע אַרויסשטאַרצונגען און פון זיי אָפּגעשפּרונגען, ווי ער וואָלט נאָכן טויט געקלעטערט. פלוצים האָט ער זיך מיט זײַנע שטאַרקע הערנער, ווי מיט אַ רינג, פאַרטשעפּעט אָן אַ שאַרפן עק פעלדז און איז געבליבן הענ־גען און זיך הוידען לײַכט אין דער לופטן.

אַליטעט האָט דעמאָלט אַרײַנגעלייגט אַכט פּאַטראָנעס אין זײַן „ווינ־טשעסטער" און האָט גענומען שיסן אינעם באַראַנס הערנער. נאָר אויסגע־שאָסן האָט ער זיי אַלע און דער באַראַן איז נאָך אַלץ געהאָנגען אַ ניט גע־רירטער.

— דער ווינט וועט אים שוין אַראָפּשמײַסן. — האָט אַליטעט אַ בורטשע געטאָן און האָט זיך געלאָזט גיין צום שליטן. ער איז שוין געזעסן אינעם שליטן און האָט נאָך אַלץ מיט אַ זײַט געקוקט אַפן באַראַן.

„די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן ליב דעם מין פלייש בעסער פון הירשנס", האָט אַליטעט אַ טראַכט געטאָן און האָט אַרויסגענומען אַ נײַ פּעקל פּאַטראָנעס.

לאַנג איז ער געזעסן אַ פאַרטראַכטער מיט דעם פּעקל פּאַטראָנעס אין די הענט. עס איז אים אַ שאָד געווען זיי אויסצושיסן. און דאָך האָט ער אָנ־געלאָדן די ביקס, אָנגעצילט און אויסגעשאָסן אַן אויפרײַס־קויל. דער באַראַן איז אַראָפּגעפאַלן און מיט אים האָבן זיך עטלעכע שטיינער צוגעקײַקלט צו אַליטעטס פיס. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם שליטן און ווען דאָס קראַכן פונעם פעלדז האָט אויפגעהערט, איז ער צוגעקומען צו דער כאַיע. אַליטעט האָט באַקוקט דעם צעשאָסענעם האָרן, האָט אָנגענומען דעם באַראַן פאַרן גאַנץ־געבליבענעם האָרן און האָט אים צוגעשלעפּט צום שליטן.

„איך וועל אים אַוועקשענקען דעם נאָרד־אַמעריקאַנער ניק און וועל בײַ אים אָפּקויפן דעם גאַנצן אַלקאָהאָל וואָס ער האָט. קיין טראָפּן זאָל ניט בלײַבן פאַר עטשאַווטאָן", האָט אַליטעט אין געדאַנק באַשלאָסן.

אַף קיין איין רעגע איז דער נאָרד־אַמעריקאַנער ניק אים ניט אַרויס פון געדאַנק. זײַן כיישעק צו ריידן מיט אים איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך פאַרגעסן אין די פאַסטעכער וואָס ער האָט געוואָלט אָניאָגן. אַלי־טעט האָט זיך געוואַרעמט אָן דער האָפענונג נאָך צו קענען אויפריכטן זײַן פאַרטאַכלעוועט לעבן. ער האָט אַ יאָג געטאָן די הינט און דער שליטן האָט זיך אַ ריס געטאָן ווײַטער מיטן טײַך. דעם שליטן האָט דאָס אַ שלײַדער געטאָן צום ברעג און קעדיי אים צו פאַרהיטן פון צעשמעטערט ווערן אָן די שפּיציקע שטיינער, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פונעם שניי, האָט אים אַליטעט אָפּגעשטופּט מיט די פיס, מיט דער סאַקאָנע זיי צו צעברעכן.

באַלד האָט זיך צו אים דערטראָגן דער גערויש פון אַ וואַסער־פאַל, וואָס האָט אָפּגעהילכט איבער דער גאַנצער טונדרע. די הינט זײַנען אומרויִק גע־

וואָרן און האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן. אַליטעטן איז דאָס אָרט געווען דער־ווידער. דער וואַסערפֿאַל, וואָס ווערט אין די שטאַרקסטע קעלטן ניט פֿאַרפֿרוירן, האָט אין אים געוועקט אַן אָבערגלויבערישע שרעק. ער האָט פֿאַרקירעוועט די הינט צום באַרג־רוקן און האָט דערזען ווי דאָס וואַסער אויבן רײַסט זיך און רעוועט פֿון אונטערן שיכט אײַז אַפּיר, ווי דאָס צעווירבלט זיך און פֿאַלט און דער טײַך אונטן קאָכט און רעגט זיך. צוויי פֿעלדזן פֿרעסן אײַן זײַן געלעגער. נאָר ער מאַכט זיך אַרויס פֿון דעם שיכט אײַז און דאָס וואַסער פֿאַלט און צעשפּרייט זיך מיט ראַכוועס איבערן טאָל. דער נאַסלוד צעגיסט זיך און בילדעט אַ העל־גרינע אײַז־קאָרע.

דער לאַנגער ווינטער הויפֿנט דאָרט אָן ריכטיקע בערג מיט אײַז און, עס איז ניטאָ, דוכט זיך, אַזאַ שטאַרקע זון, וואָס זאָל זיי קענען צעשמעלצן. נאָר דער צעשטערנדיקער קויעך פֿון דעם וואַסער־גאַנג הייבט אונטער די דאָזיקע אומגעהײַערע מאַסע, צערײַבט זי און פֿירט זי אַוועק צום יאַם צו.

צווישן פֿאָלק זאָגט מען, אַז דאָרט האַלטן זיך בייזע גײַסטער. אַליטעט מאַכט אַן אומקרײַז און טרײַבט די הינט שטילערהייט. ער פֿאַרקירעוועט צו די „וואַרעמע קוואַלן“, וווּ עס האַלטן זיך אויך בייזע רוכעס.

אַליטעט וואָלט אַף זײַן לעבן דאָרט ניט פֿאַרבײַגעפֿאָרן, ווען ניט זײַן שטאַרקער באַגער צו זען זיך מיט דעם נאָרד־אַמעריקאַנער ניק, וואָס וווינט לעבן די קוואַלן.

די גאַנצע נאַכט האָט ער געטריבן די הינט, קעדיי וואָס פֿרוער צוצוקומען צום נאָרד־אַמעריקאַנער.

ערשט אינדערפֿרי האָט אַליטעט דערזען פֿון ווײַטנס קרײַזן דאַמף זיך הייבן איבער דער ערד. ער האָט צעקלונגען די רינגען פֿונעם „אָסטאָל“, האָט אָנגעשריגן אַף די הינט און זיי האָבן גענומען יאָגן מיט אַלע זייערע קויכעס.

זײַנע אויגן האָבן באַלד אויסגעפֿונען אַן איינזאַמע „יאַראַנגאַ“, וואָס האָט זיך ווי אַ מאָרעל געשוואַרצט אָפּן ציכטיק־ווײַסן שניי־הינטערגרונט. אין אָט דעם ווײַסן מידבער האָט געוווינט מיסטער ניק, איינער אַליין, מיט זײַן איינציקן פֿרײַנט, דעם קאַווע־קאָלירטן פּודעל, וואָס ער האָט אים גערופֿן „טאָמי“.

די „יאַראַנגאַ“ איז געשטאַנען צופֿוסנס אַ באַרג, האַרט לעבן די „וואַרעמע קוואַלן“. דאָס זײַנען אַן ערעך דרײַסיק הייסע קוואַלן. דאָס וואַסער שפּריצט דירעקט פֿון דער ערד און פֿאַלט אַרײַן אין טײַך.

לעבן דעם גרעסטן פֿון די קוואַלן האָט זיך געשאַפֿן אַ שניי־הייל פֿון אַריבער צען מעטער די הייך. דער שניי, אַן אָנגעהויפֿנטער פֿון די שטורעמס, איז אונטער דער ווירקונג פֿונעם דאַמף, וואָס הייבט זיך אויף פֿון די קוואַלן, פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן. פֿון דער סטעליע, אין דער גראַנדיעזער הייל, טריפֿן גרויסע טראָפּנס וואַסער. אַ גרינבלעכער מאָך באַדעקט דעם שטיינערנעם גרונט פֿון דער הייל און איבער אים פֿליסט דאָס הייסע וואַסער.

אין דער טיף פֿון דער הייל איז פֿאַראַן אַ גרוב מיט שטיינער אַרומגעמויערט, וואָס מיסטער ניק נוצט אים פֿאַר אַ וואַנע. מיט אַ פֿײַערלעשער־רער האָט ער אַהין אַרײַנגעפֿירט אַ שטראָם קאַלט וואַסער. די טעמפּעראַטור פֿונעם קוואַל־וואַסער גרייכט ביז 94 גראַד צעלזיוס, און דער דערפֿינדערישער נאָרד־אַמעריקאַנער פֿלעגט אויסנוצן די גאַנצע דאָרטיקע טערמישע ענערגיע. דאָרט פֿלעגט ער מאַכן זײַן קאַווע און קאָכן זײַן הירשן־פֿלייש. רײַז פֿלעגט ער אײַנוויקלען אין אַ גאַזע און אײַנטונקען אינעם קוואַל. אין עטלעכע מינוט

אַרום פלעגט ער אַרויסגעמען די רײַז פולשטענדיק אָפגעקאָכט און ער האָט זיי בלויז באַדאַרפט צוזאַלצן און באַשמעלצן מיט פוטער. אין דער „יאַראַנגאַ“, וואָס עטשאַוואַס פאַסטעכער האָבן אים אויפגעבויט, איז געווען אַ פרטערנער צימער. אינעווייניק האָט דער צימער געהאַט אַ מין טאָפלטן גאַרטל פון אַ פײַערלעשער־רער אַרום די ווענט, ווו עס פלעגט אָן אויפהער שטראָמען דאָס הייסע וואַסער.

ווען אַליטעט איז צוגעקומען, איז דער פודעל, אַ דערשראָקענער, אַנטלאָפן מיט אַ שרעקלעכן געיאָמער אין דער הייל, ווו ניק איז ביז די אַקסל אין וואַסער געשטאַנען מיט אַ פלישענעם האַנטעך אַרום קאָפ אַרומגעבונדן און זיך געבאָדן. דער הונט איז אַ ווילד־דערשראָקענער אַרויף דעם באַלעבאָס אַף דער ברוסט.

— העלאָ! וועלכער טײַוול האָט אַזוי איבערגעשראָקן מײַן פרײַנט טאַמי? — האָט מיסטער ניק אַ געשריי געטאָן.

אַליטעט האָט דערהערט אַ מענטשלעך קאָל, האָט ער זיך אָנגעשפיצט און האָט אומזיכער גענומען צוגיין צו דער הייל מיט דעם „ווינטשעסטער“ אין דער האַנט.

— הער נאָר אויס, דו! לייג אַוועק דעם „ווינטשעסטער“! לייג אים אַוועק לעבן מײַנעם.

אַליטעט האָט שטיל און נאָכגיביק אַוועקגעלייגט זײַן ביקס אַף די שטיינער. מיסטער ניק איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין דער וואַנע און האָט געהאַלטן דאָס הינטל איבערן וואַסער. פאַרבליבן איז ער אין וואַסער די גאַנצע צײַט וואָס איז באַשטימט געווען פאַר דער טווילע.

אַליטעט איז געשטאַנען און האָט געקוקט אַף דעם מאָדנעם נאָרד־אַמעריקאַנער.

מיסטער ניק איז אַרויס פונעם וואַסער און האָט גענומען גיין, מיט דעם נאַסן הינטל אַף די הענט, איבער די מאָכיקע שטיינער ביז צום ברעג. דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אַף אַ פלישענעם באָד־מאַנטל, דערנאָך זיך אײַנגעהילט אין אַ הירשענעם פוטער און, פאַרבײַלויפנדיק אַליטעטן, אים צוגעשריגן: — גיי מיר נאָך.

קאַפיטל XXIII

אינעם צימער ווו מיסטער ניק האָט געוווינט, איז געשטאַנען אַ פעלדבעטל, אַ טיש אַף דרײַ פיס, צום צונויפלייגן, און אַ שטול, אויך צום צונויפלייגן. אַף דער וואַנט, אַ באַשלאָגענער מיט פוטער, איז געהאָנגען אַ קאַרבידלאַמטערן, וואָס האָט געוואָרפן אַ גענוגנדיקע שײַן. פון אונטערן בעטל האָט אַפירגעקוקט אַ גרין קעסטל מיט אײַזן באַשלאָגן. אַף דער ערד זײַנען געלעגן הירשן־פעלענע טעפיכער. די גאַנצע „יאַראַנגאַ“, ווי דאָס צימער, זײַנען געווען אַ געטרײַע קאָפיע פון אַ טשוקטשי־וווינונג.

ווי נאָר מיסטער ניק איז אַרײַנגעקומען צו זיך אין „הויז“, האָט ער פון זיך אַרונטערגענומען דעם פעלץ און האָט אָנגעוויזן אַליטעטן אַ פלאַץ באַם אַרײַנגאַנג:

— זעץ דיך דאָרט!

דערנאָך האָט ער זיך גענומען געוויסנהאַפטיק אײַנרײַבן זײַן מוסקולדיקן גוף, אַ רויט געוואָרענעם פון דער באָד. געווען איז ער אַ מענטש פון אַ יאָר

פינף און דרײַסיק, מיט ברוינע, לעבעדיקע און שעלמישע אויגן. זײַנע געראַזירטע באַקן האָבן געהאַט אַ געוויסן בלוילעכן קאָליר. ניק האָט קימאַט דעם גאַנצן לעבן זײַנעם פאַרבראַכט אין אַלאַסקאַ ווי אַ גאָלדזוכער. ער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ מענטשן וואָס אַנטלויפט פון דער געזעלשאַפט, פון אַן אָפּגעפרעמדטן און אַפילע פון אַ בייזן. ער איז אַזוי צוגעוווינט געווען צו זײַן אומגלויבלעכן לעבן, אַז ער האָט גאָרניט געקענט באַגרײַפן ווי מען קען לעבן אַנדערש. געלעגן איז אַף אים אַ מין שטעמפּל פון ווילדקייט און ברוטאַלקייט... דער צאָפּן, די שטענדיקע איינזאַמקייט, איז געווען זײַן נאַטירלעכע אַטמאָספער; גאָלד איז געווען זײַן לעבנס־ציל.

דאָ, אין דעם אַמגעמאַ־בעקן האָט ער שוין געהאַט דורכגעמאַכט פיר זומערן מיט זוכן גאָלד־גרובן. יעדן האַרבסט פלעגט ער צוריקפאָרן קיין אַלאַסקאַ און אָנהייב פרילינג פלעגט ער צוריקקומען אַף זײַן מאָטאָריזירטער באַרזשע.

ווען די באַלעבאַטים פון די גאָלד־גרובן האָבן שוין באַ אַלאַסקאַ געהאַט „אַרויסגעצויגן דעם גאַנצן זאַפט אירן", האָבן זיי אַן אויג געוואָרפן אַף דעם טשוקאָטקער האַלב־אינדזל, וואָס איז, לויט דער מיינונג פון טייל פאָרשער, אין די אוראַלטע געאָלאָגישע פעריאָדן ניט געווען אָפּגעטיילט פון אַלאַסקאַ מיט דעם דורכגוס.

מיט דער האַשאָרע אַז די אַלאַסקער גאָלד־געלעגערס ציִען זיך אויך אין טשוקאָטקאַ, האָבן די אונטערנעמער אָנגעווענדעט אַלע מיטלען אַף אויסצופאָרשן און אויפדעקן די גאָלד־געלעגערס פון דער טשוקאָטקער ערד.

איינמאָל איז ניק צוריקגעקומען צו זיך אין וווינונג און האָט געטראָפן אַ שטיקל איבערקערעניש. העכער אַ העלפט פון די בלעכן מיט גאַזאָלין זײַנען געווען ליידיק. אַ בער אַ שטיפער האָט מיסטאָמע געוויזן בעריעשקייטן, און עפשער האָט ער געזוכט עפעס צום עסן און האָט אַלע בלעכן צעלעכערט און די קעסטלעך מיט פאַטראָנעס אַפילע מיט אַ שטיין צעקלאַפּט. די גלאַנציקע פאַטראָנעס, קענטיק, זײַנען דעם בער שטאַרק געפעלן און ער האָט זיך מיט זיי אַזוי לאַנג געשפּילט ביז ער האָט זיי צעשאָטן איבער אַלע ווינקעלעך. מיסטער ניק איז אומגעקראָכן איבער דער ערד און האָט געשאָלטן דעם בערולע. דעם בערס בעריעשקייט איז געווען די סיבע וואָס ער איז פאַרבליבן אינעם אַמגעמאַ־בעקן.

דער לאַנגער ווינטער, וואָס דעקט צו די ערד מיט דיקע שיכטן שניי און פרירט אײַן די טײַכן און די ריטשקעס, האָט אים פאַרמישפּעט צו אומטעטיקייט. יאַגד האָט אים ניט געצויגן. און כאָטש די פוקסן פלעגן צוקומען ביז זײַן וווינונג, האָט ער אַף זיי קיינמאָל ניט געשאָסן. ער האָט געהאַלטן אַז יאַגד איז אונטערן קאָוועד פון אַן עמעסן גאָלדזוכער.

אין אַ גוט וועטער, ווען עטשאַווטאָ פלעגט אים צושיקן אַ שליטן מיט אַ הירשן־שפּאַן, פלעגט מיסטער ניק אומפאָרן איבער די טאָלן וווּ עס פליסן די טײַכן און איבער די בערג שטודירן זייער אַרויסהייב. ער פלעגט אָנשטעלן זײַן געניט אויג אָפן באָדן אַף צו דערגיין וועלכע געאָלאָגישע פאָרמאַציעס דאָרט קענען זײַן.

אַליטעט האָט אויסגעטאָן זײַן „קוכליאַנקע", האָט זי צונויפגעלייגט און האָט זיך אַף איר אַרויפגעזעצט. אינעם געצעלט איז געווען וואַרעם.

— אָ! דו טראָגסט אַ נאָרד־אַמעריקאַנער העמד! — האָט זיך מיסטער ניק געוווּנדערט.

— איך האָב זייער ליב דעם נאָרד־אַמעריקאַנישן מענטשן. — האָט אַליטעט אים גענומען אונטערכאַפּענען. — איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין אַנדערע פרײַנט אַ כוץ נאָרד־אַמעריקאַנער. פון רוסן האַלט איך ניט. זיי פירן איבער אונדזערע מענטשן, ווי אַ שלעכטער „קאָיור" פירט איבער זײַנע הינט.

— גענוג געפּלוידערט נאַרישקייטן! — האָט מיסטער ניק אַף אים אָנגעשריגן. — איך האָב פײַנט אַז מען רעדט פון הינט. דו זאָג מיר בעסער ווער ביסטו און צו וואָס קומסטו.

מיסטער ניק האָט אָנגעטאָן אַ בלויען כאַלאַט, האָט פאַררייכערט זײַן ליולקע און האָט זיך אַרײַנגעזעצט אינעם שטול, פאַרלייגט אַ פוס אַף אַ פוס.

— איך בין טשאַלי. — האָט אַליטעט שטיל געענטפערט. — מיך רופט מען טשאַלי.

— אַ! טשאַלי! — האָט זיך מיסטער ניק פונאַנדערגעלאַכט.

— איך האָב אַ לאַנגע צײַט געהאַנדלט מיט פוטער. איצט לאָזן מיך די רוסן ניט האַנדלען. איך קען די גאַנצע טונדרע, פונעם קאַפּ פּיק ביזן טשוקאָטקער שפּיץ. די רוסן ברענגען שאָדן דעם נאָמאַדן־פאָלק.

— ביסט געררעכט. פוטער־האַנדל איז אַ טיפּשעס. גאָלד דאַרף מען זוכן. — מיסטער ניק האָט צעעפנט דאָס גרינע קעסטל, האָט אַנגענומען אַ הויפן גאָלד־זאַמד און פאַמעלעך איבערגעשאָטן אין דער אַנדערער האַנט. — אָט דאָס דאַרף מען זוכן! אָט דאָס איז אַ פײַנע באַשעפטיקונג און ניט די נאַרישע פעלכלעך פאַרקויפן. פאַרשטאַנען?

אַליטעט האָט שטיל און גלײַכגילטיק געקוקט אַף דעם זאַמד און האָט ניט געוווסט וואָס צו ענטפערן דעם נאָרד־אַמעריקאַנער.

— דו זאָגסט, אַז דו קענסט די גאַנצע טונדרע? האָסטו אַמאָל געזען אַזוינס אַפן דעק פון די ריטשקעס? — האָט ניק געפרעגט אַליטעטן און האָט אים אַף דער דלאָניע אַוועקגעלייגט אַ קערנדל גאָלד.

— איך האָב געזען. — האָט אַליטעט געענטפערט, נאָכדעם ווי ער האָט דאָס קערנדל אַרומגעקוקט. — נאָר איך האָב אַזוינע שטיינדלעך קיינמאָל ניט אויפגעהויבן. איך דאַרף זיי ניט.

— ווו האָסטו זיי געזען? — האָט ניק זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— באַ די ריטשקעס וואָס פאַלן אַרײַן אינעם טײַך קוועט.

מיסטער ניק האָט געכאַפּט זײַן מאַפּע, האָט זי אויסגעשפּרייט אַפן טיש און האָט געפרעגט אַליטעטן:

— ווו איז ער ערגעץ דער טײַך קוועט?

אַליטעט איז לאַנג געשטאַנען איבערגעבויגן איבער דער מאַפּע און האָט געקוקט אַף די אָנגעצייכנטע אין איר ליניעס און אומריסן.

— דער קוועט איז דאָ ניטאָ. — האָט ער צום סאָף געזאָגט. — און דאָס וואָס איז?

— דער אַמגעמאַ מיט אַלע צופלוסן.

אַליטעט האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ:

— ניין. דאָס טויג ניט. די צופלוסן זײַנען אויך ניט גוט.

— ניט גוט? טאָ נעם פאַרריכט. דאָ האָסטו אַ בלײַער.

— דאָ קען איך ניט. קום אַרויס אַפּן שניי.

זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון דער „יאַראַנגאַ" און אַליטעט האָט מיט זײַן „אַסטאָל" אַפּן שניי אויפגעצייכנט דעם גאַנצן אַמגעמאַ־בעקן.

— און דאָ איז דער קוועט. — איז אַליטעט געגאַנגען אַף די שפּיץ־פינגער, קעדיי ניט צו צעשאַרן דעם שניי, און האָט אָנגעצייכנט אַ לאַנגע געשלענגלטע ליניע.

— אָלרײַט ! — האָט זיך מיסטער ניק געוווּנדערט. — דײַן קאָפּ דרייט.

און טייקעף האָט ער זיך גענומען אַפּן פּאַפּיר אָנצייכענען די ליניעס, וואָס אַליטעט האָט אָנגעצייכנט אַפּן שניי. שוין צוריק אין געצעלט, האָט מיסטער ניק אַרויסגענומען אַ פלעשל אַלקאָהאָל און האָט אַוועקגעשטעלט אַפּן טיש.

— ביסט אַ געשעפטסמאַן. איך וויל דיך מעכאַבעד זײַן. זעץ זיך אַוועק אַף דעם שטול. — און ניק אַליין האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפּן בעטל.

זיי האָבן גערעדט וועגן דעם רויטן אײַזן וואָס איז פאַראַן אַפּן געלעגער פון די טײַכן און ריטשקעס, און צי וואָלט אַליטעט געקענט אַריבערפירן דעם מיסטער ניק מיט אַ רודער־שיפל אַפּן נאָרד־אַמעריקאַנישן אינדזל, ווײַל זײַן מאָטאָר האָט ניט קיין גאַזאָלין.

זיי האָבן קוים באַוויזן אויסטרינקען יעדער איינער זײַן גלאָז פײַערדיק וואַסער, ווי פון דרויסן האָט זיך דערהערט אַ געביל. זיי זײַנען אַרויסגעלאָפן און האָבן דערזען אַליטעטס הינט צערײַסן דאָס קאַוּוּ־קאַלירטע הינטל. טאָמי האָט פאַרצווייפלט געסקאַווטשעט. מיסטער ניק איז אים געלאָפן צו הילף צווישן אַליטעטס טשאַטע הינט. אַליטעט האָט אויך געכאַפּט שלאָגן זײַנע הינט מיט דעם „אָסטאָל".

אַ צעבלוטיקטער האָט טאָמי דאָס מויל געעפנט און האָט נעבעכדיק געקוקט אַף זײַן באַלעבאָס. מיסטער ניק האָט אים צום האַרצן געדריקט און האָט זיך געהיצט:

— גאָד דעמן ! טאָמער פאַלט מיר טאָמי אַוועק די נאַכט, וועל איך די אַלע הינט אויסשיסן ! אַלע וועל איך זיי אויסשיסן ! קיין איינעם אַ לעבעדיקן ניט לאָזן !

אַליטעט האָט שטיל און דערשטוינט געקוקט אַף ניקן. דאָס וואָס דער נאָרד־אַמעריקאַנער שרײַט איז אַן אומזין : ווייסט ער דען ניט, אַז די הינט זײַנען ניט שולדיק, וואָס ס'איז זיי פאַר די אויגן געקומען דאָס נעפּעשל, וואָס לעבט אַף דער וועלט וועגן ווייס צוליב וואָס ? אַליטעט האָט מיט עקל אַ קוק געטאָן אַף דעם קאַוּוּ־קאַלירטן הינטל.

אַליטעט האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין געצעלט, ווו ער האָט זײַן „קוכליאַנקע" איבערגעלאָזט, און האָט זי אָנגעטאָן אַפּן וועג גייענדיק צו זײַן שליטן, אָן אַ וואָרט אויסצורעדן.

— וואָרט, וואָרט אויס ! וווּהין גייסטו ? — האָט ניק געשריגן. — עפּשער וועט טאָמי בלײַבן לעבן. מיר האָבן נאָך דאָס פײַערדיקע וואַסער ניט אויסגעטרונקען און אונדזער שמועס ניט פאַרענדיקט. צי עפּשער געפעלט דיר ניט מײַן פײַערדיק וואַסער ?

אַליטעט איז אומאַנטשלאָסן שטיין געבליבן.

מיסטער ניק, מיט דעם פּודעל אונטער איין אָרעם, האָט מיט דעם צווייטן אַרומגענומען אַליטעטן און אים צוריק אַרײַנגעפירט אין געצעלט.

אַליטעט האָט מיטאַמאָל פֿײַנט באַקומען ניקן. צי פּאַסט עס פֿאַר אַ דער־וואַקסענעם מענטשן טאָן דאָס וואָס דער נאָרד־אַמעריקאַנער, זיך שפּילן ווי אַ קינד מיט דעם רויטן אײַזן וואָס ער געפינט אַפֿן דעק פֿון די טײַכלעך? אַליטעטן לאָקט נאָר איין זאַך, דאָס פֿײַערדיקע וואַסער.

אינעווייניק אין געצעלט, האָט מיסטער ניק מיט יאָד באַשמירט די ווונדן באַ טאָמין, האָט אים מיט גאַזע אַרומגעבונדן און אַוועקגעלייגט באַ זיך אַפֿן קישן. אַליטעט האָט שטיל און אומצופֿרידן באַטראַכט דעם נאָרד־אַמעריקאַנער. אים איז דאָרט קיין זאַך ניט געפֿעלן. און ערשט נאָכדעם ווי יעדער איינער האָט אויסגעטרונקען נאָך אַ גלאָז פֿײַערדיק וואַסער, האָט אַליטעט גענומען ריידן:

— טשאַלי, דער סויכער וואָס האָט געלעבט אין לאָרען, איז געווען מײַנער אַ גרויסער פֿרײַנט. איך האָב איצט איבערגענומען זײַן נאָמען אויך. בראַון איז מײַנער אַ פֿרײַנט. מיר האָבן געמאַכט אַ גוט געשעפֿט.

— אַלע סאָכרים זײַנען שווינדלער! האָט ניק דערויף געזאָגט. — גאָלד דאַרף מען זוכן. זוך גאָלד וועסטו ווערן רײַך. דו ווײַז מיר ווו עס געפֿינט זיך דאָס רויטע גאָלד, וועסטו זען ווי דו וועסט רײַך ווערן. וועסט מיט מיר פֿאָרן קיין נאָרד־אַמעריקע און ווען דו וועסט גיין איבער די גאַסן פֿון אַ גרויסער שטאָט, וועט מען אַף דיר טײַטן מיט די פֿינגער: איר זעט! דאָ גייט זייער אַ רײַכער מענטש! ער האָט געפֿונען אַ שטיק גאָלד אַזוי גרויס ווי אַ פֿערדישער קאָפּ".

אַליטעט האָט קיין איין וואָרט ניט פֿאַרשטאַנען דערפֿון וואָס ניק האָט אים געזאָגט. ער האָט אים נאָר געבעטן:

— גיס מיר אָן נאָך אַ גלאָז פֿון דעם פֿײַערדיקן וואַסער.

ווען אַליטעט האָט מיט איין שלוק אויסגעטרונקען די גלאָז אַלקאָהאָל און האָט פֿאַרביסן מיט הירשן־פֿעטס, וואָס האָט געהאַט דעם טאַם פֿון פֿו־טער, האָט ער פֿון דער קעשענע אַרויסגענומען דעם וועקסל פֿון „טעק דער שוואַרצער זשוק" און געוויזן מיסטער ניקן:

— זע, אָט דאָס פּאַפּיר האָט מיר בראַון געגעבן. פֿאַראַן דערין אַ סאַך סכוירעס. ער וועט מיר זיי אײַנגיכן ברענגען צום ענגפּאָס פֿונעם פֿייגלשן שנאָבל.

מיסטער ניק האָט גענומען לייענען, און אַליטעט, וואָס האָט בעיס מײַסע געקוקט אַף אים, האָט געזען ווי ניק מאַכט פּונקט אַזאַ פּאָנעם ווי טשאַלי די רויטע נאָז בעיס עס האָט מיט די אויגן דורכגעקוקט דאָס פּאַפּיר.

מיטאַמאָל האָט מיסטער ניק זיך פֿונאַנדערגעלאַכט אַפֿן הויכן קאָל:

— דײַן בראַון איז אַן אויסוואָרף! — האָט ער געזאָגט. — אַ שווינד־לער איז ער און אַ ליגנער. דאָס פּאַפּיר דאַרף מען צערײַסן און צום טײַוול אין פּיסק אַרײַנוואַרפֿן. דו ווייסט וואָס דאָ זאָגט זיך? דער בראַון איז אַ היני־טישער זון. זײַן דעוויז איז שווינדל, ליגן, גענייווע. — האָט מיסטער ניק, אַן אויפֿריכטיק אויפֿגערעגטער, געדונערט.

אַליטעט האָט דעם אָטעם אײַנגעהאַלטן און האָט זיך באַמיט אויפֿצו־כאַפּן דעם זין פֿון דעם נאָרד־אַמעריקאַנערס ווערטער. צום סאָף האָט ער אים פֿאָרזיכטיק אַ פֿרעג געטאָן:

— ס׳איז אַ שלעכט פּאַפּיר ?

— ס׳איז ניט קיין פּאַפּיר, ס׳איז אַ כאַזערײַ. בראַון לאַכט זיך אויס פון דיר. ער האָט גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט די סכוירעס דיר צו ברענגען.

— און ניק האָט אים אויפגעקלערט מיט אַלע פּראָטים וואָס בראַון האָט אין דעם פּאַפּיר אָנגעשריבן.

אַליטעט האָט מיט אַ טיף אָראָפּגעבויגענעם קאָפּ אין דער שטיל אויפגעכאַפּט ניקס ווערטער און האָט פינצטער געקוקט פון אונטן אַרויף.

— דערציייל מיר נאָכאַמאָל וואָס בראַון זאָגט אין דעם פּאַפּיר. — האָט ער זיך געבעטן.

מיסטער ניק האָט אַרײַנגעקוקט אינעם פּאַפּיר און האָט גענומען לייענען און האָט נאָך פון זיך צוגעגעבן אייניקע ווערטער:

„גוד בײַ, טײַוול מיט די כיטרע אויגן. האָסט מיר די גאַל געגעסן די לעצטע עטלעכע טעג. פאַרשאָלטן זאָלט איר ווערן, דו און ווער עס האָט דיך אויסגעלערנט אַזוי האַנדלען! נאָר איך האָב אַ טרייסט. די איבעריקע פעלן וועלן מיר העלפן אײַנאָרדענען מײַנע געשעפטן וואָס בעסער... נאָכאַמאָל גוד בײַ און אַף אייביק״. — אָט דאָס האָט דיר אָנגעשריבן דײַן פרײַנט, דער סויכער בראַון, דער כיטרע זשוליק.

אַליטעט איז מיטאַמאָל ניכטער געוואָרן. נאָר דער פאַרדראָס האָט אים אין קאָפּ געטשאַדעט מער ווי דער אַלקאָהאָל.

— איך קען דעם בראַונען נאָך פון אַלאַסקאַ. — האָט ניק ווײַטער גערעדט. — ניטאָ אַזאַ לאַבוס אַף דער גאַנצער וועלט. יאָ. דעם ריינעם עמעס זאָג איך דיר. לאָז דיך אָפּ פון דעם מיסכער. גאָלד דאַרף מען זוכן. אָט דאָס איז אַ בעקאָוועדיקע און אַ פײַנע באַשעפטיקונג. ווען דער זומער וועט קומען, וועסטו מיך אָוועקפירן אַפן נאָרד־אַמעריקאַנער אינדזל. און איצט לאָמיר גיין שלאָפן. מאָרגן וועלן מיר ריידן וועגן געשעפט. — און מיסטער ניק האָט צעריסן דאָס פּאַפּיר.

אַליטעט האָט טיף אָפּגעזיפצט און האָט אויסגעשפּרייט די הירשן־פעל אַף דער ערד. דער נאָרד־אַמעריקאַנער האָט זיך אויסגעצויגן אַפן בעטל. באַלד האָט זײַן מעכטיקער כראָפּען פול געמאַכט דאָס געצעלט.

אַליטעט איז שפּעט אײַנגעשלאָפן. ער האָט זיך דערמאָנט זײַן האַנדל מיט בראַונען און דעם געשפּרעך מיט טיגרענאַן וועגן די נאָרד־אַמעריקאַנער.

„ווײַזט זיך אַרויס אַז זי האָט רעכט געהאַט וואָס זי האָט געזאָגט, אַז זיי זײַנען ליגנער. און טשאַלי די רויטע נאָז? ער איז געווען מײַן „נעוווטום״. פאַרוואָס האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך וועל באַקומען סכוירעס? טשאַלי די רויטע נאָז האָט מיך אויך גענאַרט! ער איז געוואָרן כיטרע ווי אַ פוקס און האָט געוואָלט פאַרדרײַבן די שפּורן נאָכדעם ווי ער האָט בײַ מיר די פעלן צוגענומען. אַלע ווײַסע מענטשן זײַנען אַלצאיינע שווינדלער!״

אַליטעט האָט זיך אויפגעזעצט און מיט קימאַט צוגעמאַכטע ליפּן זיך אויסגעזידלט:

— מערקיטשקין!

אינעם געצעלט, אַ שוואַך באַלויכטענעם מיט דעם קאַרביד־לאַמטערן, איז שטיל געווען. אַליטעט האָט אַ קוק געטאָן אַף ניקן — ער איז נאָך אַלץ געשלאָפן — און ער האָט זיך געטראַכט:

„אַלע ווײַסע מענטשן זײַנען שווינדלער. זייער צונג רעדט ווערטער פון פרײַנטשאַפט און זייער קאָפּ טראַכט פון שווינדל״.

און אַליטעטס האַרץ האָט אַנגסטלעך געקלאַפּט: עס האָט אים פאַרדראָסן וואָס ער קען זיך ניט נויקעם זײַן אָן בראַונען און אָן טשאַלין די רויטע נאָז, וואָס איז אַוועק צו די מענטשן פון אויבן.

אַליטעט האָט זיך שאַרף אײַנגעקוקט אין ניקן, און אויסגעצויגענעם באַ זיך אַפן געלעגער. די שטילקייט איז אַזוי טיף געווען, אַז מען האָט געהערט דעם געמורמל פונעם הייסן וואַסער אין די רערן, ווי דאָס וואָלט דערציילט ווי שלעכט עס זײַנען די ווײַסע מענטשן: אַלע, אײַנגעשלאָסן דער ניק וואָס שלאָפט לעבן אים.

„אויך ער וויל מיך זיכער אָפּנאַרן. נאָר ניין, איך וועל אים ניט פירן. גענוג! איך בין שיר ניט אומגעקומען ווען איך האָב געפירט טשאַלי די רויטע נאָז. די גײַסטער ווילן ניט איך זאָל פירן די נאָרד־אַמעריקאַנער".

און אַליטעט האָט מיט סינע אַ קוק געטאָן אַף ניקן.

„און עפּשער זאָל איך אים אַוועקשיקן צו די מענטשן פון אויבן? זאָל דאָרט ניק דערציילן טשאַלין דער רויטער נאָז ווי גרויס עס איז מײַן פאַרדראָס". — האָט זיך אַליטעט געטראַכט און האָט דאָס פּאָנעם אײַנגעגראָבן אין דער הירשן־פּעל. ווילדע געדאַנקען זײַנען אים אין קאָפּ געקראָכן.

...אָט גיט ער זיך שוין האַסטיק אַ שטעל אויף, שפּרינגט אַרויף צו ניקן אַפן בעט, זעצט זיך אַף אים רײַטנדיק און כאַפּט אים אָן באַם גאָרגל. ניק האַלט שטאַרק צעעפנט די אויגן און וואַרפט, אַ ווילד־געוואָרענער, מיט די הענט און מיט די פיס. ביידע פאַלן זיי אַראָפּ אַף דער ערד און וואַרפן אום דאָס טישל. אַליטעט לאָזט ניט אָפּ ניקס גאָרגל, וואָס ער האַלט אין זײַנע אײַזערנע הענט, ער מאַכט אַן אָנשטרענגונג און זיצט שוין ווידער אַף ניקן און דערוואַרגט אים, ווי אַ וואָלף פאַרצוקט אַ האָזל...

ניק לאָזט אַרויס אַ כאָרכל און די הענט לאָזן זיך אים מאַכטלאָז אַראָפּ. פונעם מויל שטעקט אים אַרויס די שפּיץ צונג. לאַנג נאָך זיצט אַליטעט אַף ניקס צעציטערטן קערפּער און לאָזט אים ניט אָפּ דעם גאָרגל. אויך ער אָטעמט שווער און קוקט ווי עס וויגט זיך דאָס פלעמל אינעם לאָמטערן. דערנאָך זאָגט ער:

— דער נאָרד־אַמעריקאַנער איז אַוועק צו די מענטשן פון אויבן.

אַליטעט קריכט אַראָפּ פונעם טויטן גוף, טוט אויס זײַן נאָרד־אַמעריקאַניש געקעסטלט העמד, וואַרפט עס אַוועק אין אַ ווינקל און טוט אָן די „קוכליאַנקע" אַפן נאַקעטן לײַב.

ניט געאײַלט ציט ער זיך אײַן דעם גאַרטל, הייבט אויף דעם טויטן און טראָגט אים אַרויס פונעם געצעלט. ער טראָגט אים פּאַמעלעך מיט וואַקלדיקע טריט. אַליטעטס הינט שפּרינגען מיטאַמאָל אויף. ער גייט זיי פאַרבײַ און וואַרפט אַרײַן דעם טויטן אינעם זודיקסטן קוואַל. דערנאָך קערט ער זיך אום און דערזעט אין געצעלט דאָס קאַווע־קאָלירטע הינטל. דאָס הינטל, אַ פאַרבאַנדאַזשירטס, קוקט אַף אים מיט צאַר אין די אויגן. מיט עקל טרעט ער אים אָן אַפן האַלדז. דערנאָך שלעפּט ער אַפיר דאָס קעסטל פון אונטערן בעט, עפנט עס, קערט עס איבער און שיט אויס אַף דער ערד דאָס גאַנצע זאַמד מיט די קערנדלעך גאָלד. ער לייגט אַרײַן אינעם קעסטל ניקס דעם גאַנצן פײַערדיקן וואַסער, צעברעכט דעם קאַרביד־לאָמטערן, אַז מער זאָל דאָרט קיינמאָל ניט ברענען דעם נאָרד־אַמעריקאַנער פײַער, און גייט אַרויס אין דרויסן. ווי נאָר ער בינדט צו דאָס קעסטל צום שליטן, פאַרלאָזט ער, כאַפּקאָלסאָף, ווי שנעל ער קען, דעם ווינקאָרט פון די בייזע גײַסטער...

אַליטעט האָט זיך דערשראָקן פאַר אָט די געדאַנקען. ער איז געווען דורכגענעצט פון שווייס. אַראָפּגענומען האָט ער פון זיך דאָס נאָרד־אַמעריקאַנישע העמד, האָט מיט די הענט אַ טאַפּ געטאָן די מוסקולן אַף זײַנע אָרעמס און האָט זיך געטראַכט: „וואָס אַ מענטשן קען אײַנפאַלן! מען דאַרף וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען".

ער האָט אָנגעטאָן די „קוכליאַנקע" אַפן נאַקעטן לײַב, האָט אַ קוק געטאָן אַף ניקן. — ער איז געשלאָפן. — און איז שטילשווײַגנדיק אַרויס פונעם געצעלט. אַליטעט איז אַרויף צו זיך אַפן שליטן און איז אַוועק אויפזוכן די פאַסטעכער וואָס עטשאַווטאָ האָט זיי אָפּגעזאָגט. ער האָט באַדאַרפט אָפּטיילן זײַנע הירשן און צוזאַמענשטעלן פון זיי אַ גרויסע סטאַדע.

פערטע טייל

קאַפּיטל I

שרעקלעך, זייער שרעקלעך.

אַיע האָט געזען ווי אַליטעט הייבט אויף זײַן קינזשאַל איבער אײַוואַמען און ווי טיגרענאַ, קעדיי צו ראַטעווען איר קינד, האָט אַ שפּרונג געטאָן און אָנגעכאַפּט דאָס מעסער באַם קלינגל; בלוט האָט אַ שטראָם געטאָן פון איר האַנט. טיגרענאַס געשריי האָט אַיען אויפגעוועקט.

אַ דערשראָקענער האָט ער זיך אויפגעזעצט און האָט זיך גענומען באַטאַפּן. געזעסן איז ער אַפן ראַנד פונעם בעט און אַ זיפץ פון דערלײַכטערונג האָט זיך באַ אים פון דער ברוסט אַרויסגעריסן. „צי איז ניט אַ כאָלעם מײַן גאַנצער זײַן דאָ אַף דער גרויסער ערד?" — האָט אַיע זיך געטראַכט און ניט אויפגעהערט זיך באַטאַפּן.

אין דער האַלב־טונקלקייט פונעם צימער האָט זיך זײַן בעט אַרויסגעזען און האָט אים דערמאָנט אַ ברייטן און הויכן מאַסע־שליטן מיט הירשן אײַנגעשפּאַנט. אַיע האָט לאַנג געקוקט אַפן בעט. זײַן בליק איז אַריבער איבער מאָדנע זאַכן, אומגעווייגלעכע.

לעבן אים, פּונקט אַף אַזאַ בעט ווי זײַנס, האָט לײַכט געכראָפּעט אַנדריי זשוקאָוו. אַיע האָט אַף אים זײַן בליק אָפּגעשטעלט און האָט זיך געטראַכט:

„באָך אַלעמען, בין איך דאָך ניט אַליין. איך הער דאָס אָטעמען פון אַנדרייען".

יאָ, דאָס איז ניט די טונדרע, וווּ אַיע פלעגט אַפילע אין אַ שניי־שטורעם טייקעף דערקענען וווּ ער געפינט זיך. פונעם געכוואַליעטן שניי־דעק פלעגט מען וויסן וווּ עס איז צאָפן און וווּ דאָרעם. די צאָפן־ווינטן כוואַליען דעם שניי פונעם יאַם אויס צו די בערג צו. דאָרט ווערט אַ מענטש קיינמאָל ניט פאַרבלאָנדזשעט. דאָ, פאַרקערט, אַף דער גרויסער ערד, איז אַלץ אַרומגעצוימט מיט הויכע ווענט: דער ווינט האָט אַפילע ניט וווּ צו בלאָזן. דאָ קען מען באַלד פאַרבלאָנדזשען. און אַיע האָט געפילט, אַז ער הענגט אָפּ פון אַנדרייען.

ער איז אַראָפּ פונעם בעט און דער טעפּיך האָט אים אַ קיצל געטאָן אין די פּיאַטעס פון זײַנע נאַקעטע פיס. ער האָט דעם אָטעם אײַנגעהאַלטן קעדיי ניט אויפצוּוועקן זײַן פרײַנט אַנדריי און האָט שנעל אַרויפגעצויגן אַף זיך די אונטער־הויזן.

צווישן די צוויי העלפטן שווערן סאַמעטענעם פאָרהאַנג, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ פאָרהאַנג פון מאָרזשן־פוטער, און האָט אָפּגעטיילט דאָס

שלאָפצימער פונעם צווייטן, האָט זיך אַרײַנגעריסן אַ שטראַל פון דער וולאַדיוואָסטאָקער זון.

אַיע האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט אַף די שפּיץ־פינגער צוגעשפּאַנט צום פּאָרהאַנג, אַזוי פאָרזיכטיק ווי ער וואָלט צוגעטראָטן צו אַ וואַלד־כאַיע, און האָט אים אַ קליין ביסל פונאַנדערגענומען. ער האָט זיך דורכגערוקט דורך דעם שפּאַלט און האָט געמוזט די אויגן־לעדלעך אַראָפּלאָזן. די זון האָט אים אין די אויגן געשטאָכן.

„אַזוי ווי אין דער טונדרע זומער־צײַט. מען דאַרף זיך ברילן אָנטאָן. — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

אינעם גרויסן צימער האָט אים אַלץ דערמאָנט אָנעם הײַזל פונעם רעוו־קאָם. אויך דאָ זײַנען פּאַראַן פענצטער. עמעס, גרויסע פענצטער; אַ טיש, שטולן, בענק. עמעס, ברייטע, ווייכע, ווי מיט מאָך אַרומגענומען.

אַיע האָט גענומען אַרומשפּאַצירן איבערן צימער אַ נאַקעטער, אין די הוילע גאַטיעס, און האָט זיך צוגעקוקט צו די אַלע זאַכן, וואָס ער האָט נעכטן, בײַ זײַן אָנקומען שפּעט אין דער נאַכט, קיין צײַט ניט געהאַט צו באַקוקן. אַפן טיש איז געשטאַנען דאָס ריידנדיקע קעסטעלע, אַ שוואַרצינקס. אַיע האָט עס שוין געקענט. נעכטן האָט אַנדריי דערין אַרײַנגעשריגן. ער האָט גערעדט דערין מיט אַן אָנגעזעענעם מענטשן. אַיע האָט כיישעק געהאַט דאָס קעסטעלע צו באַטאַפּן, נאָר ווען ער איז צוגעקומען צום טעלעפאָן, האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— אָ! ס׳איז דאָך מיט אַ שטריקל צוגעבונדן!

ער האָט זיך ניט דערוועגט דאָס אָנצורירן און האָט צוגעשפּאַנט צום פענצטער.

די שטאָט האָט גערוישט, און דער גערויש האָט אים אַפן געדאַנק גע־בראַכט דעם רויש פון די כוואַליעס. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. אין דער בעכטע פונעם גאָלדענעם האָרן זײַנען געשטאַנען אַ סאַך שיפן. פון דער הייך פון דריטן שטאָק האָט אַיע געזען דורכלויפן מיט אַ טראַסקערײַ אַ שטיבעלע — דער טראַמווײַ — און הינטער דעם, ווי אָנצויאָגן, אַ שוואַר־צער זשוק — אַן אויטאָמאָביל. — אַיע האָט דורכן פענצטער דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט און האָט באַלד דערפילט ווי עס נעמט אים שווינדלען. ער האָט דעם טראַמווײַ און דעם אויטאָמאָביל נאָכגעקוקט ביז זיי זײַנען פאַרשוווּנדן.

„ווי גרויס ער איז און ווי רוישיק, דער רוסישער לאַגער!” — האָט אַיע זיך געוווּנדערט.

ווען ער איז אָפּגעטראָטן פונעם פענצטער, האָט ער דורכגעשפּאַנט דאָס צימער און איז שטיין געבליבן פאַר אַ בילד, וואָס איז געהאָנגען אַף דער וואַנט. פאָרגעשטעלט האָט עס אַ סרייפע. פײַער־פלאַמען האָבן אַרומגעכאַפּט אַ הויז און אינעם רויך לויפן מענטשן מיט ביקסן אין די הענט. מילכאָמע!

— אַיע! — האָט אַנדריי אַ רוף געטאָן. — ביסט שוין אויפגעשטאַנען?

— יאָ! — האָט אַיע זיך דערפרייט וואָס ער הערט אַנדרייס קאָל, און איז צוגעלאָפן צום סאַמעטענעם פאָרהאַנג.

אַנדריי איז אַרויסגעקומען.

— וואָס גייסטו נאַקעט?

— דאָ איז וואַרעם ווי אין אַ „יאַראַנגאַ”.

— גוט, איצט וועלן מיר נעמען אַ וואַנע.

— ווידער אַ וואַנע ?
— יאָ, יאָ !
— איך אויך ?
— ווי דען ?
— איכל נאָך ווערן אַ פּאָקע, אויב איך וועל מיך אַזויפיל באָדן. — האָט איִע געזאָגט.

נאָך דער וואַנע איז איִע צוגעקומען צו אַנדרייען מיט דעם קראַוואַט אין דער האַנט און אים געפרעגט :

— דאַרף איך מיר ווידער פאַרוואַרפן דעם שלייף ארום האַלדז ?

— נאַטירלעך, נאַטירלעך. — האָט אַנדריי געענטפערט. — ס'איז דער היגער געזעץ.

איִע האָט זיך אָנגעטאָן, און ווען ער איז פאַרבײַגעגאַנגען דעם גרויסן שפּיגל, האָט ער, ביגנייווע פון אַנדרייען, די צונג אַרויסגעשטעקט און האָט מיט אַ וויכטיקער מינע דאָס צימער דורכגעשפּאַצירט און אַפילע די הענט פאַרלייגט אַף הינטן, ווי אַנדריי פלעגט עס טאָן.

איִע איז געווען ניט צו דערקענען : דער טונקל־בלויער אַנצוג האָט אים שיין געפּאַסט ; די שטענדיק צעשויבערטע האָר האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דער רוסישער פאַרקעמעכץ, דאָס ווײַסע העמד האָט אונטערגעשטראָכן זײַן ברוינעם פּאָנעם מיט דעם געוויסן אויסדרוק פון פאַרלוירנקייט. אַף די פיס האָט ער געטראָגן שיך. אַ כינעזישער קאַמערדינער האָט זיי אים אין צימער אַרײַנגעבראַכט און איִע האָט ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס.

די זוילן זײַנען געווען האַרטע, ווי פון האָלץ.

„מיט אַזוינע שיך וואָלט איך ניט געקענט אומלויפן אַ גאַנצן טאָג נאָך דער סטאַדע". — האָט זיך איִע געטראַכט און האָט געקוקט אַף די שיך־נעז.

— זעסט אויס אַ פּערזענלעכקייט, איִע ! — האָט אים אַנדריי באַוווּנ־דערט. — מירן עפּעס אָפּעסן און דערנאָך וועלן מיר גיין אויפזוכן לאָסעס פרוי. דו מוזט אַוואַדע זײַן הונגעריק.

— ניין, מיר איז שוין דער הונגער אַריבער.

— זעסט אָט דאָס קנעפּל ? גיב אַ קוועטש, וועט אַרויסקומען אַ מענטש.

— ניין. — האָט זיך איִע ניט געגלויבט.

נאָר דער כינעזישער קאַמערדינער איז שטיל אַרײַנגעקומען. אַנדריי האָט באַ אים באַשטעלט פרישטיק, און דער כינעזער האָט געגריסט און איז אַרויס.

איִע איז צוגעלאָפן צום קנעפּל און האָט עס גענומען באַטראַכטן.

— זע, פּונקט ווי אַן אויג פון אַ פיש. — האָט ער אַ געשריי געטאָן און האָט אַ קוועטש געטאָן דאָס קנעפּל.

דער כינעזער איז אַרײַנגעקומען, איז שטיין געבליבן אינמיטן צימער און האָט געוואַרט מען זאָל אים באַפעלן. איִע האָט געקוקט אַף אים און געשטוינט.

— נו, וואָס ווילסטו איִע ? זאָג אים, אויב דו האָסט אים שוין אַרײַנ־גערופן. — האָט אים אַנדריי געזאָגט.

נאָר איִע האָט אַ צעטומלטער בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך וויל גאָרניט. — האָט ער אַ מורמל געטאָן.

געזעסן זײַנען זיי באַם טיש. איִע האָט געגעסן ווורשט. דאָס פלייש האָט זיך לײַכט נאָכגעגעבן זײַנע ציין. — ווי אַנדערש דאָס איז פון מאַרזשן־

פֿלייש! — נאָר, ווי דאָס איז, קען מען עס עסן. אַיע האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז טיי און האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— אַנדריי, מעג איך טרינקען נאָך איין גלאָז?

— גיב אַ קוועטש דאָס „פֿיש־אויג", וועט מען דיר אַרײַנברענגען וואָס נאָר דו ווילסט. דער כינעזער וועט דיר אַרײַנברענגען.

— מיך וועט ער ניט פֿאָלגן.

— פֿאַרוואָס זאָל ער דיך ניט פֿאָלגן? דו רוף אים! — און ווען דער כינעזער איז ווידער אַרײַנגעקומען, האָט אַיע זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט אים העפֿלעך געפֿרעגט:

— איך וואָלט וועלן טיי. קען עס זײַן?

לאַנג האָט דערנאָך אַיע באַטראַכט אַן אַנטציקטער דאָס „פֿיש־אויג".

— די „יאַראַנגאַ" איז דײַנע, אַנדריי? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן.

— ניין, ס'איז ניט מײַנע. ס'איז אַ הויז פֿאַר דורכפֿאָרער. אַזוי ווי ריגטעוס. געדענקסט די „יאַראַנגאַ" וואָס ער האָט געהאַט?

עמעצער האָט אָנגעקלונגען באַ דער טיר. אַנדריי האָט זיך אויפֿגעהויבן. אין צימער איז אַרײַנגעקומען אַ פֿרוי.

— קען איך ריידן מיט אַנדריי מיכײַלאָוויטש זשוקאָוו? — האָט זי געפֿרעגט.

— איך בין עס.

— גוט מאָרגן! — האָט די פֿרוי זיך שטאַרק דערפֿרייט. — איך בין די פֿרוי פֿון ניקיטאַ סערגייעוויטש לאָס.

— נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ! — האָט אַנדריי אויסגערופֿן און האָט איר שטאַרק געדריקט די האַנט. — און מיר האָבן זיך געקליבן גיין צו אײַך!

— איך בין שוין געווען אָפֿן „סאָוויעט" און קאַפּיטאַן ליאַדאָוו האָט מיר געזאָגט, אַז איר זײַט נעכטן אַריבער אין האָטעל. איר ווייסט? שוין זיכער אַ שאָ צײַט ווי איך דריי מיך דאָ אַרום. איך האָב גערעכנט אַז איר שלאָפֿט נאָך.

— קומט אַרײַן, קומט אַרײַן, נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ. דערלויבט מיר אײַך פֿאָרשטעלן אַיען. געווען איז ער אַ פֿאַסטעך באַ הירשן־פּיטערער.

נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט דערלאַנגט אַיען די האַנט און האָט זיך אין אים אײַנגעקוקט.

— דער מענטש, נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ, האָט אונדז געראַטעוועט, מיך און ניקיטאַ סערגייעוויטשן, פֿון אַ זיכערן טויט. מיר זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין אַן אָפּגרונט. די הינט זײַנען זיך צעלאָפֿן, און מיר זײַנען געבליבן אייניע אַליין אין דער טונדרע. ער האָט אונדז געהאָלפֿן. מען רופֿט אים אַיע.

נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט דאַנקבאַר געקוקט אַף אַיען און האָט אים נאָכאַמאָל שטיל געדריקט די האַנט.

— דו ווייסט ווער זי איז, אַיע? זי איז לאָסעס פֿרוי. — האָט אַנדריי אים אויפֿגעקלערט. — זיצט, זיצט, נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ.

אַיע האָט די אויגן ניט אַראָפּגענומען פֿון דער פֿרוי, דאָס ווײַב פֿון דעם מענטשן, וואָס אין זײַנע אויגן איז ער דער וויכטיקסטער פֿון די רוסישע נאַטשאַלניקעס. די פֿרוי, אַ ווײַס־פּאָנעמדיקע, אַ קרעפּטיקע, פֿון מיטעלער וווּקס, האָט אים די האַנט געדריקט און פֿרײַנטלעך געקוקט אין די אויגן. געקליידט איז זי געווען אין ווײַסן, ווי אַלץ אַרום איר וואָלט באַדעקט געווען

מיט שניי און זי וואָלט זיך גרייטן גיין אַף יאַגד. שיך האָט זי געטראָגן אַזוינע קאָמישע, אַז ס'איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן ווי זי האַלט זיך אַף די פיס. צווישן אירע שוואַרצע האָר האָט זיך ווו ניט ווו געוויזן אַ זילבערנע. נאָר אירע ברוינע אויגן זײַנען געווען יונגע און פריילעכע. דאָס אַלץ האָט איִע באַמערקט אין איין אויגנבליק.

— איך ווייס ניט וואָס אײַך צו פרעגן, כאַווײרים. — האָט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ געזאָגט. — איך האָב אַזויפיל צו פרעגן, אַז איך ווייס ניט פון וואַנען אָנצוהייבן.

— ניקיטאַ סערגייעוויטש געפינט זיך אין בעסטן געזונט. ער איז שרעקלעך פאַרנומען, נאָר ער בענקט נאָך אײַך. מיר האָבן איצט אַ פּרעכטיק הויז און אַ סאַך אַרבעט, זייער אינטערעסאַנטע. סאַראַ מענטשן דאָרט זײַנען, נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ!

— אַנדריי מיכײַלאָוויטש, קומט צו מיר אַף דער דאַטשע. איך וווין אין אָקעאַנסקאַיאַ. דאָרט לעבט זיך זייער גוט. פאַראַן וועלדלעך, בלומען... מירן דאָרט שפּאַצירן און שמועסן. מירן נעמען די באַן און אין איין מאָמענט זײַנען מיר דאָרט.

— זייער וווּיל! אַזוי אַרום וועט שוין איִע זען וואַלד. וואָרעם אין טשוקאָטקאַ זײַנען קיין וועלדער ניטאָ. צו וואָס אָבער פאָרן מיט דער באַן? מירן בעטן אַן אויטאָמאָביל. איִע, גיב אַ קוועטש דאָס „פיש־אויג".

איִע איז צוגעלאָפן צום גלעקל און האָט אָנגעדריקט, נאָר דעם פינגער האָט ער ניט אַוועקגענומען. אַנדריי האָט זיך צעלאַכט:

— נעם אַוועק דעם פינגער, איִע, וואָרעם דאָס גלעקל פון יענער זײַט הערט ניט אויף קלינגען.

זיי זײַנען אַרויס פונעם האָטעל. פאַר דער טיר האָט שוין געוואַרט אַף זיי אַ זשוק: דער אויטאָמאָביל.

אַנדריי האָט געעפנט דאָס פאָדערשטע טירל:

— זעץ דיך דאָ, איִע, און קוק דורכן פענצטערל.

— און דו ווו? — האָט אים איִע אומרויִק געפרעגט.

— מיר וועלן זיצן הינטער דיר.

— גלײַכער איך זאָל זיצן לעבן דיר. אָן דיר האָב איך מורא, אַנדריי.

— האָב קיין מורא ניט, איִע.

— מירן זיך זעצן אַלע דרײַ באַנאַנד. — האָט אַנטשיידן נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט, און איִע האָט זיך פעסט אָנגעכאַפּט אָן אַנדרייען. דער קאָטש איז געפלויגן ווי אַ ווילדער הירש. זיי האָבן פאַרקירעוועט אין אַן אַנדער גאַס און איִע האָט פאַר זיך דערזען דאָס לויפנדיקע און טראַסקענדיקע שטיבל — טראַמוויי, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן גלײַך אַפן אויטאָמאָביל. איִע איז אונטערגעשפּרונגען און האָט זיך אַ זעץ געטאָן מיטן קאָפּ אָנעם דאַך. אַנדריי האָט אים אָנגענומען און צוריק אַוועקגעזעצט. ווען דער אויטאָמאָביל איז אַרויס פון די שטאָטישע גאַסן, האָט ער זיך נאָך שנעלער גענומען יאָגן לענגאויס דעם ברעג פון דער אָמורער בעכטע. איִען האָט זיך געדוכט ווי דער יאַם וואָלט זיי אָקעגנגעלאָפן. דערזען אַז די בעכטע איז אַרומגערעמט מיט די בערג, האָט ער זיך בארויִקט.

ווען דער קאַטש איז שטיין געבליבן אין וואַלד און די דרײַ פּאַסאַזשירן זײַנען פון אים אַראָפּגעגאַנגען, האָט אַיע אים באַקוקט פון אַלע זײַטן.

„גוט וואָלט געווען — האָט ער זיך געטראַכט — מיט אים נאָך וועלף זיך יאָגן! זיי וואָלטן שוין פון אים ניט אַנטלאָפן".

— וואָס זאָגט איר, כאַווער אַיע? ווי געפעלט אײַך אונדזער וולאַדיוואָסטאָק? — האָט אים געפרעגט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ.

— ער געפעלט מיר. נאָר אונדזער טונדרע איז בעסער. — האָט אַיע געענטפערט. — דאָרטן איז שטיל. דאָ, פּאַרקערט, רײַסט זיך אַרײַן דער גערויש אין די אויערן און דער רויך אין דער נאָז.

און ער האָט פּאַרריסן דעם קאָפּ און האָט גענומען מעסטן מיטן אויג אַן אוראַלטן, הויכן און דיקן סאָסנע־בוים.

:: :: ::

אין יענע ערשטע טעג פון זײַן ווײַלן אַף דער גרויסער ערד, האָט אַיע אַזויפיל אײַנדרוקן באַקומען, אַז ער האָט זיך געפילט פּאַרמאַטערט פון באַוווּנדערן אַלץ וואָס ער האָט געזען.

דערנאָך זײַנען די צוויי מענטשן אויסגעפאָרן צענער טויזנטער קילאָמעטערס אַף שיפן, באַנען און אויטאָמאָבילן און ווען זיי זײַנען צוריקגעקומען קיין וולאַדיוואָסטאָק, האָט אַיע געזאָגט:

— אַנדריי, מיר לעבן ווי דער ווינט.

אַיע האָט שוין דעמאָלט גערעדט פּערפעקט רוסיש. אין מאָסקווע האָט מען אים באַשטימט פּאַר זשוקאָווס געהילף, געהילף־נאַטשאַלניק פון דער טשוקאָטקער קולטור־באַזע. ביידע האָבן זיי געוווינט אין הויז פון נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ און אַלע דרײַ האָבן זיי מיט אומגעדולד געוואַרט עס זאָל זיך אָנהייבן די נאַוויגאַציע צום צאָפן, קעדיי וואָס גיכער צו גרייכן די פּאַרכמורעטע נאָר אינטערעסאַנטע ברעגס פון דער טשוקאָטקער ערד.

אַנדריי האָט אַכטונג געגעבן אַפן געבוי פון הײַזער, האָט באַשטעלט שול־מאַטעריאַלן, שפּיטאָל־אויסשטאַטונגען און אַלערליי מעבל. אַיע דערווײַל האָט שטודירט אַף קאָנטרמײַסטער פון אַ מאָטאָר־שיפל, וואָס מען האָט געשיקט קיין טשוקאָטקאַ. ער איז שוין אַזוי צוגעוווינט געווען צו דער שטאָט און האָט זיך אין איר אַזוי לײַכט אָריענטירט, אַז ער איז שוין אומעטום געגאַנגען איינער אַליין. אין פרײַער צײַט פלעגט ער גיין אין די קראָמען, אין די קינאָס, אין די פּאַרקן, ווו עס קומען גרויסע מענגעס מענטשן.

ער פלעגט שוין אַליין פירן דאָס קאַנאָט־שיפל און האָט זיך אַליין אַ נאָמען געגעבן קאַפּיטאַן פון אַ קליינער שיף. דאָס מאָטאָר־שיפל האָט מען געקויפט פּאַר דער טשוקאָטקער קולטור־באַזע און איז געווען אונטער דער מאַכט פון זשוקאָוון. אין אַ טאָג ווען זיי האָבן געגעסן בא נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ אין שטוב, האָט אַנדריי פאָרגעשלאָגן מאַכן אַ שפּאַציר אַפן שיפל איבער דער אַמורער בעכטע. אַיע האָט מיט פרייד אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. אים האָט שטענדיק געפרייט אַלץ וואָס האָט אַ שײַכעס מיט דעם יאַם. אומגעדולדיק האָט ער געוואַרט אַף אַ יאָנטעוו־טאָג.

זונטיק זײַנען צום אָרט ווו דאָס שיפל איז געשטאַנען, צוגעקומען אַ צענדליק מענטשן. אַלץ בויערס און לערערס, וואָס האָבן זיך אויך געגרייט פאָרן קיין טשוקאָטקאַ. אַיע איז שוין אויך פרײַנט געווען מיט די מענטשן. ער

האָט מיט שטאָלץ גענומען דאָס רעדל אין די הענט. דאָס שיפל האָט זיך אָוועקגעלאָזט שווימען איבער דער בעכטע, און אַיע, מיט דעם בליק צום האָריזאָנט געווענדעט, האָט געטרוימט פון שווימען מיט דעם שיפל לענגאויס די טשוקאָטקער ברעגעס. דאָרט מוז זיך שוין איצט אָנהייבן דער פרילינגדיקער יאַגד אַף מאָרזשן...

קאַפּיטל II

דער איין־אויגיקער ליאָק דרייט זיך אַלץ אַרום דעם געביין פון זײַן נײַער פּיראָגע, וואָס דערמאָנט אָנעם סקעלעט פון עפּעס אַ ריזיקער פרעהיסטאָרישער כאַיע. לאַנגע יאָרן האָט ליאָק געקליבן האָלץ פאַר דער פּיראָגע. ניט יעדערער קען מאַכן אַ פּיראָגע, נאָר ליאָק איז דערויף אַ מײַסטער. וויל מען אַ פּיראָגע זאָל קענען אויסהאַלטן אַ שווערע לאָדונג, מוז זי זײַן אַ לײַכטע און פעסט געשלאָסן. ליאָק האָט דעם גאַנצן ווינטער אַ פאַרליבטער און געוויסנהאַפטיק אָפּגעשליפן מיט אַ מעסער יעדער שאָרסטקע אָרט אינעם צוזאַמענשלוס פון די לײַסטן, האָט פאָרזיכטיק געבויערט די לעכלעך אַף דורכצוציִען די שטריק, זי צו קרעמפּעווען. אין דער לענג האָט די פּיראָגע געהאַלטן פופצן שפּאַן. דער גרונט־בעליק, וואָס האָט געדינט פאַר אַ רוקן, איז געמאַכט געווען פון בערעזע־האָלץ; אײַנגערעמט איז זי געווען פון בײדע זײַטן מיט געבויגענע לײַסטן, וואָס זײַנען זיך צונויפגעקומען באַם נאָז־טייל און באַ דער קערמע, און דאָרט זיך אײַנגעשלאָסן מיט אײַנגעפּאַסטע שפּונטן. דאָס אַלץ אַפן דעק פון דער פּיראָגע. פון בײדע זײַטן האָט זי געהאַט געבויגענע און קרום־פאַרשניצטע לײַסטן, באַלייגטע פון אויבן מיט קײַלעכדיקע שטיקער, וואָס האָבן געבילדעט דעם באָרט. די אַלע טיילן זײַנען געווען אָפּגעשליפן, מיט דעם איינציקן געצײַג, וואָס ליאָק האָט געהאַט, מיט דעם מעסער. עס וואָלט אַ טאָעס געווען צו מיינען, אַז ליאָק האָט זײַן פּיראָגע געבויט אָן טעכנישער אויסרעכענונג. די אויסרעכענונג האָט דער אַלטער יעגער געהאַט אויב ניט אַפן פּאַפּיר, איז אַפן קאָפּ.

איצט איז דער סקעלעט שוין פאַרענדיקט און ליאָק דרייט זיך אַרום אים מיט אַ טיפן געפיל פון צופרידנקייט און ניצאָכן. דער יעגער באַקוקט אים פון אַלע זײַטן, פון דער ווײַטנס און פון דער נאָענט.

דערנאָך האָט ליאָק אַ רוף געטאָן די יעגער און זיי געהייסן צוברענגען די פײַכטע ציך, אַ געמאַכטע פון מאָרזשן־פעלן, אַף צו באַציִען מיט איר דעם סקעלעט. פינף זייערע זײַנען אַרײַן אין אַ גרוב, אָן אָנגעפּולטן מיט וואַסער, און זי פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט. זיי האָבן זי גענומען אַף די אַקסלען און צוגעשלעפּט צום סקעלעט. ליאָק האָט אויסגעשפּרייט די ציך און האָט אַ באַפעל געטאָן די מענטשן:

— באַציט דעם סקעלעט.

די מאָרזשן־פעלן, צונויפגענייטע אַף אַ באַזונדערן אויפן, מיט געדיכטע שטעך, האָבן באַדעקט דעם סקעלעט פון דער פּיראָגע. באַ די זײַטן האָט די ציך געהאַט אײַנגעשניטענע לעכער, דורך וועלכע מען האָט דורכגעצויגן דיקע מאָרזשן־פעלענע שטריק ביז די זײַטן־לײַסטן פונעם דעק, און די פּיראָגע האָט באַקומען איר געהעריקע פאָרעם.

ליאָק האָט גענומען אַ וועסלע, האָט זיך ראַזמאַכעוועט און אַ זעץ געטאָן מיט איר אַפן באָרט. די ציך האָט אָפּגעקלונגען ווי אַן אָנגעצויגענער פּויק.

— שטײַפער ציט אָן די שטריק פונעם נאָז־טייל. — האָט ליאָק פאַר־אָרדנט.

מיט די פיס אָנעם סקעלעט אָנגעשפאַרט, האָבן די מענטשן מיט אַלע זייערע קויכעס צעצויגן די שטריק.

— גענוג. איצט טראָגט אַוועק די פיראָגע צום ברעג.

אַכט מענטשן האָבן די פיראָגע אַף די אַקסלען אויפגעהויבן און זי צו־געטראָגן צום ברעג. ליאָק האָט זיך געלאָזט גיין צום אַראָפגאַנג באַם שטאַרץ. געשפאַנט האָט ער אַ גלײַכגילטיקער און אַ זאָרגלאָזער, גלײַך ער וואָלט גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן. נאָר געווען איז עס אַזוי לעפאָנעם. אין דער עמעסן איז די סיבע פון זײַן גיין אַהין געווען זייער אַ וויכטיקע.

ווי נאָר די יעגער פון דער אַנדער זײַט ריוו האָבן אים דערזען, זײַנען זיי אומרויִק געוואָרן און גענומען לויפן פון „יאַראַנגאַ" צו „יאַראַנגאַ", גלײַך אַ ווײַסער בער וואָלט זיך אינעם לאַגער באַוויזן. זיי האָבן באַלד פאַרשטאַנען וווהין ליאָק גייט און צוליב וואָס ער גייט. איינער פון די יעגערס האָט זיך פלוצים אָפגעטיילט פון די איבעריקע און האָט זיך געלאָזט לויפן צום אײַנ־קויף־הויז.

— אײַ, אײַ, אײַ, אַנאַ! — האָט ער זיך אַ פאַרסאָפּעטער געקלאָגט פאַר אַנאַ איוואַנאָוונאַ. — ליאָק איז שוין געגאַנגען זען צי די מאָרזשן גייען און רוסאַקאָוו איז נאָך ניט צוריקגעקומען. מיר זײַנען געבליבן אָן יעגערס. אַכט מענטשן זײַנען מיט אים געפאָרן צו די נאָמאַדן סכוירעס פאַרקויפן. אײַ, אײַ, ליאָק ווייסט ווען די מאָרזשן הייבן אָן גיין!

אַנאַ, ווי עס האָבן זי גערופן יונג און אַלט, האָט זייער גוט פאַרשטאַנען פון וואָס דער יעגער איז אַזוי באַצאַרט און זי האָט אים געוואָלט באַרויִקן:

— זאָרג ניט. ער דאַרף אינגיכן קומען. זיי ווייסן אויך, אַז דער מאָרזשן־יאַגד דאַרף זיך באַלד אָנהייבן.

— יאָ, זיי ווייסן, נאָר זיי זײַנען נאָך ניטאָ.

דער יאַגד־סעזאָן האָט זיך שוין מיט אַן עמעסן אָנגעהויבן. אַלע האָבן דאָס געוווסט. די הינט אַפילע, וואָס לויפן איצט אָפטער פון די „יאַראַנגאַס" צום יאַם־ברעג. אין אַנאַ איוואַנאָוונאַס קליינער שול זײַנען שוין די לימודים געווען אָפגעשטעלט.

— אַנאַ, גענוג לערנען! — האָבן די שילער נאָך מיט אַ טאָג פריִער געזאָגט. — אינגיכן וועט זיך אָנהייבן די מאָרזשן־יאַגד.

און וויפל אַנאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך באַמיט זיי איבערצוריידן ניט צו פאַרלאָזן די שול, אַז ביז די פישער וועלן זיך אַרויסלאָזן אַפן יאַם, קענען זיי נאָך לערנען, זײַנען די קינדער אַפן צווייטן טאָג ניט געקומען. פון קאַיאָר אָן זײַנען זיי אומגעלאָפן באַם ברעג. ווער עס האָט געכאַפט קאַטשקעס און ווער עס האָט פאַרוואָרפן נעצן. אַלע זײַנען זיי געווען אויפגעהײַטערט און זייערע קלינגענדיקע קעלעכלעך האָבן פאַרהילכט די וואַרעמע פרילינגס־לופט.

דער איין־אויגיקער ליאָק איז, ווי אַן אַלטער פוקס, וואָס וויל פאַר־פלאָנטערן זײַנע שפורן, צוגעקומען ביז צום אַראָפגאַנג. נאָר די יעגערס וואָס האָבן אים נאָכגעשפּירט, זײַנען איבערראַשט געווען ווען אָנשטאָט אַרויפ־צוגיין אַפן פעלדזיקן שטאַרץ, האָט ער זיך גאָר אַוועקגעזעצט באַם ברעג יאַם און גענומען וואַרפן שטיינדלעך אינעם וואַסער.

דאָס אײַז איז געווען ווײַט אָפגעטראָטן פונעם ברעג. דער יאַם איז גע־

ווען רויק. ער איז שטענדיק רויק ווען עס גייט אויף די זון, וואָס גייט קוים אונטער.

ליאָק האָט לאַנג געוואָרפן די שטיינדלעך און האָט געקוקט אַף די רעדער וואָס זיי מאַכן אין וואַסער און פּלוצים איז ער פאַרשוואונדן. ווי אַ מאַרזשע איז ער אַפן בויך געקראָכן און האָט זיך געהויבן אַרויף צום שטאַרץ.

דער ריזיקער שטאַרץ איז באַשטאַנען פון פאַרשיידענע גרויסע בלאָקן גראַניט. געלעגן זײַנען זיי צעוואָרפן גלײַך דער טײַוול וואָלט זיך געשפּילט מיט זיי אין וואָרפערלעך. די שטיינער זײַנען געווען שוואַרץ און בלויז אין טייל ערטער האָבן זיי געהאַט גרויע פלעקן פון דעם לישײַניק, וואָס איז אין זיי אײַנגעוואַקסן געווען ווער ווייס ווי אַרום. ליאָק האָט לאַנג געפּויזעט איבער די שטיינער ביז ער איז צוגעקומען צום סאַמע שפּיץ שטאַרץ. ער האָט אויסגעקליבן אַ שטיין מיט אַ גלאַטער פלאַך, אַן אָנגעוואָרעמטן פון דער זון, האָט אויסגעטאָן די „קוכליאַנקע”, זי אויסגעשפּרייט אַפן שטיין און האָט זיך אַף איר אויסגעצויגן מיטן פּאָנעם צום יאַם. פון דאָרטן, פון דעם הויכן שטאַרץ, האָט מען דעם יאַם געזען אַף אַלע זײַטן ווי ווײַט דאָס אויג האָט געכאַפּט. דער ברעג, אַן איבערגעריסענער מיט העכערע ערטער, האָט זיך געצויגן אַף ביידע זײַטן. אין דער ווײַט האָט מען געזען שווימענדיקע אײַזבלאָקן און צווישן זיי פּאַסן וואַסער. ליאָק האָט דאָס אויג אָנגעשטרענגט און האָט פעסטגעשטעלט, אַז די אײַז־בלאָקן ציִען זיך פּאַמעלעך פון דאָרעם־מיזרעך צו צאָפן־מײַרעוו.

„מיט דעם אײַז מוזן קומען די מאַרזשן”, האָט ער זיך געטראַכט. ער האָט אַרויסגענומען דאָס [illegible]קאָטאַרבעלע און האָט גענומען צערײַבן זײַן „פּאַפּושאַ”.

ניט אַראָפּנעמענדיק דאָס אויג פונעם יאַם, האָט ער אָנגעשטאָפּט די ליולקע און גענומען רייכערן.

ס'איז פאַרבײַ מער ווי אַ האַלבער טאָג און ליאָק ליגט נאָך אַלץ אויסגעצויגן אַפן שטיין. ער טראַכט זיך, אַז עס וואָלט ניט געשאַדט אַ טאַזע טיי אויסטרינקען, כאָטש אַ שטיקל פּאָקע־פליישׂ אויפעסן און איז שוין גרייט געווען אַהיימגיין צו זיך אין דער „יאַראַנגאַ”, ווי פּלוצים האָט זיך צו זײַנע אויערן דערטראָגן אַ באַקאַנטער קלאַנג. דער אַלטער האָט אויפגעשווידערט. ער האָט דאָס היטל אויסגעטאָן, זיך אויפגעזעצט אַף די שפּיץ־פינגער און דאָס אויג אָנגעשטרענגט.

יאָ, ס'איז דער ווײַטער רעווען פון די מאַרזשן. ער זעט זיי נאָך ניט, נאָר ליאָק ווייסט, אַז זיי שווימען פּאַרוויײַז אַף די בלאָקן אײַז אויסגעצויגן, קעדיי די קויכעס ניט אויסצובורענגען. ליאָק האָט זײַן איינציק אויג אײַנגעשטאָכן אינעם אײַז. דאָס רעווען פון די מאַרזשן איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן.

ליאָק איז שנעל אַראָפּ פונעם פעלדז, געשפּרונגען פון שטיין צו שטיין און געלאָפן צום לאַגער. ווען ער איז שוין געווען אונטן, צופוסנס דעם שטאַרץ, איז ער ווידער רויק געוואָרן. און ווען ער האָט גענומען אָטעמען נאָרמאַל, האָט ער זיך געלאָזט אַהיימגיין מיט דעם גאַנג, וואָס גיט ניט אויס דעם מענטשנס געפילן. געגאַנגען איז ער ניט געאײַלט; ער האָט געמאַכט דעם כעשבן, אַז ביז פאַרנאַכט וועלן די מאַרזשן ניט זײַן קעגנאיבער דעם לאַגער. מיט אַן אָנשטעל פון גרויס וויכטיקייט איז ער פאַרבײַגעגאַנגען די „יאַראַנגאַ” פון די קאָאָפּעראַטיווע יעגערס, איז אַראָפּ אינעם ריוו און

האָט זיך אַרויפגעהויבן אַף דער צווייטער זײַט, ווו ער האָט געוווינט, און איז שטיין געבליבן קוקן אַף דער טונדרע. דערנאָך איז ער אַרויף אַף אַ הויפן שטיינער ניט ווײַט פון זײַן „יאַראַנגאַ“ און האָט אַ שאַרפן געשריי געטאָן:

— מאָרזשן!

דער אוילעם איז אַרויסגעלאָפן פון די „יאַראַנגאַס“.

ליאָק האָט ווידער אַ געשריי געטאָן: „מאָרזשן!“ און איז געלאָפן אַראָפצו, פאַרגעסנדיק זיך אין עסן און אין טיי־טרינקען, צום יאַם־ברעג, ווו עס איז שוין גרייט געווען די נײַע פּיראָגע. נאָך אים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די יעגערס און געשלעפּט מיט זיך די יאַגד־אינסטרומענטן: האַרפונען, אָנגעבלאָזענע פּענכערס, ביקסן, זעגלען. געלאָפן זײַנען זיי שוין אָנגעטאָענע.

ליאָק איז אַרומגעגאַנגען אַרום דער פּיראָגע, האָט באַטראַכט אירע פּעסטע נעט, דערנאָך האָט ער גענומען די וועסלע און ווידער אַ זעץ געטאָן מיטן גאַנצן קויעך איבערן באָרט. אַ קלאַנג ווי פון אַ פּויק האָט צו וויסן געגעבן דעם לאַגער, אַז די מאָרזשן־יאַגד האָט זיך אָנגעהויבן. ליאָקס פּיראָגע איז געווען די גרעסטע פון גאַנצן לאַגער. ער האָט אַף איר געקענט אָנלאָדן פיר מאָרזשן.

— שוין לאָזט אַראָפּ אַפן וואַסער די פּיראָגע! — האָט ליאָק אַ באַפעל געגעבן.

די יעגערס האָבן אַראָפּגעלאָזט די פּיראָגע אין יאַם. דאָס לײַכטע שיפל האָט זיך מילד אַ וויג געטאָן אַפן וואַסער. מיט קורצע וועסלעס אין די הענט האָבן די יעגערס אויסגעדרייט דאָס שיפל מיט דער קערמע צום ברעג, ווו ליאָק איז געשטאַנען אין אַרומגערינגלטער מיט קינדער, ווײַבער און אַלטע לײַט. דער אַלטער יעגער איז אַרײַנגעשפּרונגען אין דער פּיראָגע, האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ דער קערמע און האָט גענומען דעם שטײַער־שטאַנג אין די הענט. מיט זײַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, האָט ליאָק געהאַט דאָס מאַיעסטעטישע אויסזען פון אַ וויכטיקער פּערזענלעכקייט. זײַן בליק האָט געפאָרשט דעם יאַם.

די פּיראָגע האָט זיך אָפּגערוקט פונעם ברעג. די לאַנגע וועסלעס האָבן אַ שפּאַלט געטאָן די לופט און פלינק זיך אַרײַנגעשטעקט אין די רודער־לעכער.

— וואַרפט אַראָפּ די „קוכליאַנקעס“! — האָט ליאָק אַ געשריי געטאָן.

די יעגערס האָבן זיך אויסגעטאָן און מיט געשפּאַנטע מוסקולן, אונטער ליאָקס קאָמאַנדע, אייניהייטלעך גענומען רודערן. די פּיראָגע איז שנעל פאַרשוווּנדן פונעם אויג.

אויך די קאָאָפּעראַטיווע יעגערס האָבן זיך גענומען מאַטערן אַרום זייער שיפל. געווען איז עס אַ קליינע פּיראָגע, וואָס האָט געקענט אויפנעמען ניט מער ווי איין קליינע מאָרזשע. די געניטסטע יעגערס זײַנען געווען די וואָס זײַנען אָפּגעפאָרן מיט רוסאַקאָוון און אין די צוגרייטונגען צו דער יאַגד איז דעריבער ניט געווען אַזאַ פעסטע אָרגאַניזאַציע ווי צווישן ליאָקס יעגערס.

צום ברעג איז אויך צוגעקומען אַנאַ איוואַנאָוונאַ. עס האָט איר וויי געטאָן וואָס רוסאַקאָוו האָט צוגענומען די מענטשן אַף דער רײַזע אין די בערג פּונקט איצט און זי האָט געוואָלט מיט וואָס עס איז העלפן די יעגערס.

— כאַווײרים, פאַרוואָס זאָלט איר ניט אַרויספאָרן אַפן וואַלפיש־שיפל? אָט שטייט עס דאָך.

— ניין, דאָס איז צו שווער. דערצו נאָך איז דער מענטש פונעם מאָטאָר אויך אַוועקגעפאָרן מיט רוסאַקאָוון. — האָט איינער פון די יעגערס

אַז אומצופרידענער געענטפערט. ווען די יעגערס פונעם קאָאָפּעראַטיוו האָבן סאָפּקאָלסאָף באַוויזן אַראָפּצולאָזן זייער פּיראָגע אין יאַם, האָט מען שוין פון ווײַט געהערט די שיסערײַ. די יאַגד פון ליאָק און זײַנע כאַווייִרים איז שוין געווען אין פולן גאַנג.

ליאָק האָט דערשאָסן נײַן מאָרזשן. ווען מען האָט זיי אַרויפגעשלעפּט אַף די אײַז־בלאָקן, האָט זיך דאָס אײַז אַ וואַקל געטאָן אונטער דער מאַסע פון די ריזיקע פאַרבלוטיקטע טונקל־קאַשטאַנע יאַם־כאַיעס. אַף ליאָקס באַפעל, האָבן די יעגערס גענומען אויפלאָדן ריזיקע שטיקער פלייש אַף דער פּיראָגע.

— צעשנײַדט די פערטע מאָרזשע. די פּיראָגע וועט אויסהאַלטן. — האָט ליאָק געזאָגט אַ זיכערער און אַ שטאָלצער.

שנעל און פריילעך האָבן די יעגערס געשליפן זייערע מעסערס, גרייט אויסצופילן ליאָקס באַפעל. דער אַלטער האָט ניט אויפגעהערט יאָגן זײַנע מענטשן. עס האָט געפעלט בלויז צען קילאָמעטער ביז צום ברעג צוצוקומען מיט דער שווערער מאַסע. אין וועג האָבן ליאָקס מענטשן זיך אָנגעטראָפן מיט דער פּיראָגע פון די קאָאָפּעראַטיוו־יעגערס.

— היי! — האָט ליאָק געשריגן. — ניטאָ מער קיין מאָרזשן! מען זעט שוין קיין איין מאָרזשע ניט. איר וועט צוריקקומען אין דרײַ טעג אַרום.

ליאָק האָט געזאָגט דעם עמעס. די גרויסע מאָרזשן־באַוועגונג האָט זיך נאָך ניט געהאַט אָנגעהויבן. ליאָק האָט דערשאָסן איינזאַמע מאָרזשעס און מען מוז איצט אָפּוואַרטן דרײַ אָדער פיר טעג ביז די גרויסע מאַסע וועט אונטערקומען. די קאָאָפּעראַטיוו־יעגערס האָבן פאַרקירעוועט אַף צוריק. כאָטש געגאַנגען איז זייער פּיראָגע אַ ליידיקע, האָבן זיי ניט געקענט אָניאָגן ליאָקס פּיראָגע. דאָס נײַע שיפל איז שנעל פאָרויסגעגאַנגען. דער געלונגענער יאַגד האָט צוגעגעבן מוט די רודערער.

ליאָק האָט שנעל אָפּגעלאָדן און איז טייקעף צוריק אַרויס אַפן יאַם. ער האָט נאָך געדאַרפט ברענגען די איבעריקע פינף דערשאָסענע מאָדזשן.

דאָס אײַז אָבער האָט זיך אַזוי איבערגערוקט, אַז ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער שוין די מאָרזשעס ניט געטראָפן. ליאָק איז אומגעשווומען צווישן די אײַז־בלאָקן ביז אינדערפרי. אַפן צווייטן טאָג האָט דאָס אײַז אַרומגערינגלט די פּיראָגע און ליאָק האָט באַפוילן די מענטשן אַרויפנעמען זי אַף אַן אײַז־פעלד. די יעגערס, אינאיינעם מיט די טויטע מאָרזשן, האָט דאָס אײַז געטראָגן צו צאָפן־מײַרעוו. ליאָק האָט אַרויפגעקלעטערט אַף אַ הויכן אײַז־בלאָק, האָט אויסגעשפירט דעם אַרום און האָט אַ געשריי געטאָן:

— נעמט די פּיראָגע אַף זיך און גייט מיר נאָך.

ליאָק האָט זיך געלאָזט מיט זיי גיין צום ברעג. הינטער אים האָבן אַכט יעגערס זיך געוואַקלט אונטער דער מאַסע און געטראָגן די פּיראָגע צום אײַז־ראַנד.

זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט די פּיראָגע אין וואַסער און ליאָק האָט געזאָגט:

— מען דאַרף צוריקפאָרן. אַ שאָד די פינף מאָרזשן. נאָר עס מאַכט ניט אויס. מירן שיסן אַנדערע. איין מאָרזשע אַף דער יאַבאָשע האָט מער די ווערט ווי צען אין וואַסער.

— אַנאַ, — האָט ער געזאָגט, — דעם קאָאָפּעראַטיווס וואַלפיש־שיפל שלאָפט, און איך האָב געבראַכט פיר מאָרזשן. ליאָק האָט קיין ליגן ניט געזאָגט, אַז ער וועט שיסן אַ סאַך מאָרזשן...

— גיי אַרײַן אין שטוב, ליאָק, וועסטו טרינקען טיי, שטאַרקן טיי. — האָט אים אַנאַ איוואַנאָוונאַ אַרײַנגעבעטן.

— קום. — האָט ליאָק אַ צעשמייכלטער אַנגענומען דעם קיבעד.

ער האָט זיך שווער אָוועקגעזעצט אַף אַ ווינער שטול און האָט שפּאָטיש געקוקט אַף דער רוסישער פרוי.

— וואָס קוקסטו אַף מיר אַזוי, ליאָק?

— איך האָב געזען ווי דו האָסט זיך געזעגנט מיט דער פּיראָגע פונעם קאָאָפּעראַטיוו. מיט מיר האָסטו זיך ניט געזעגנט. און איך בין דער בעסטער יעגער. — האָט דער אַלטער געזאָגט אַ באַליידיקטער.

— איך האָב קיין צײַט ניט געהאַט, ליאָק. האָסט זיך געאײַלט מיטן אַרויספאָרן. דו מוזט אָבער העלפן די מענטשן פונעם קאָאָפּעראַטיוו. זיי זײַנען געבליבן אינגאַנצן אָן פלייש.

ליאָק האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט אַ זופּ געטאָן טיי און געזאָגט:

— איך האָב באַפוילן מען זאָל געבן די מענטשן פונעם קאָאָפּעראַטיוו צוויי מאַרזשן. וואָרעם ניט געקוקט דערויף וואָס זיי האָבן אַ מאָטאָר, האָבן זיי ניט וואָס צו עסן.

— ביסט אַ גוטער מענטש!

— אַוואַדע בין איך אַ גוטער. — האָט ליאָק גרויסמוטיק מאַסקים געווען.

קאַפּיטל III

געקומען איז דער פרילינג. רוסאַקאָוו איז צוריקגעקומען פון די בערג מיט דעם לעצטן שניי. אין דריטהאַלבן כאַדאָשים איז ער אויסגעפאָרן אַ סאַך לאַגערן און האָט אײַנגעשטעלט גוטע פאַרבינדונגען מיט די נאָמאַדן. אומע־טום האָט מען אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. דער גוטער נאָמען פון דעם רוסישן סויכער האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע לאַגערן. עמעס, געווען אַזעלכע וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ נאַר, ווײַל ער ווייסט ניט דעם ווערט פון זײַנע סכוירעס. ער האָט צופיל זאַכן געגעבן פאַר יעדער פעל. אַפילע פאַר אַ הירשן־פעל, וואָס האָט גאָר קיין ווערט ניט, גיט ער דיר אַ פּעקל שרויט און אַ טעוועלע טיי.

— אָ! קיינער האָט נאָך ביז איצט אַזוי ניט געהאַנדלט! ניט גוט איז נאָר וואָס ער פירט ניט מיט זיך קיין אַלקאָהאָל.

דעם וואַנדער־האַנדל האָט רוסאַקאָוו אָרגאַניזירט אַף זײַן אייגענער איניציאַטיוו, און איז זייער צופרידן מיט דעם רעזולטאַט פון זײַן רײַזע. דאָס איינציקע וואָס האָט אים אַרײַנגעבראַכט אין אַ סאַפעק צי די האַנדלס־עקספּעדיציע לוינט זיך, איז דאָס וואָס די אַכט שליטן־געשפּאַנען — זעקס און נײַנציק הינט — האָבן פאַר דער צײַט אויפגעגעסן העכער זעקס הונדערט הירשן.

„אַ גאַנצע סטאַדע! אַ שלעכטער אייסעק. — האָט זיך רוסאַקאָוו גע־טראַכט בעייסן אַהיימפאָרן. — מען קען אַזוי אָרום פאַטערן אַלע הירשן. מען דאַרף איבערגיין צו הירשן־טראַנספּאָרט. דער היריש זוכט זיך אַליין זײַן שפּײַז".

רוסאַקאָוו איז ניט געווען קיין פאַשעטער סויכער. אין איין צײַט דער־מיט ווי ער האָט געביטן סכוירע אַף פעלן, האָט ער געטראַכט ווי צו אָרגאַ־

ניזירן די סאָוויעטן־מאַכט אין די בערג. די שייוועט־סאָוויעטן אין די בערג, האָט ער געזען, ווערן צעפאַלן און לאָזן נאָך זיך קיין שפור ניט ווי נאָר דער רעווקאָם־אַרבעטער וואָס האָט אים אָרגאַניזירט, פאָרט אַוועק. אין די בערג לעבן די מענטשן לויט זייערע אייגענע געזעצן, זייער ווירטשאַפט איז די נאַטור־ווירטשאַפט, זיי האָבן אין זינען בלויז די הירשן און פאַרגעסן אַפן אָרט וואָס די רעווקאָם־פּאַרטרעטער האָבן געזאָגט וועגן איבערבויען דאָס לעבן אַף נײַע פּרינציפּן.

די באַרג־מענטשן — נאָמאַדישע הירשן־פּיטערער — זײַנען געווען דער אָפּגעשטאַנענסטער טייל פון דער טשוקאָטקער באַפעלקערונג. זייער נאָמאַדישער לעבנס־שטייגער האָט געשטערט דער אָרגאַניזירונג פון דער סאָוויעטן־מאַכט. דאָך איז צו זיי דערגאַנגען די יעדיע וועגן נײַעם לעבן, וועגן נײַעם געזעץ.

„די סאָוויעטיזאַציע מוז מען דאָ דורכפירן מיט דעם האַנדלס־אַפּאַראַט. — האָט רוסאַקאָוו געטראַכט. — דורך דער קאָאָפּעראַציע פון די קליינע הירשן־פּיטערער“.

ווען רוסאַקאָוו איז אַהיימגעקומען, האָט אים אַנאַ איוואַנאָווגאַ פיר־געהאַלטן:

— ביסט פון זינען! — האָט זי אים געזאָגט. — עס האָט זיך אָנגעהויבן דער סעזאָן פון מאָרזשן־יאַגד און דו האָסט אַוועקגעפירט די יעגערס אין די בערג.

— שוין געקומען די מאָרזשן? — האָט רוסאַקאָוו זיך פאַראינטערעסירט.

— זיכער. ליאָק הערט ניט אויף לאַכן פונעם קאָאָפּעראַטיוו. „דאָס וואַלפיש־שיפל שלאָפט, דער מאָטאָר שלאָפט...“ אַזוי די גאַנצע צײַט. דו האָסט אָרגאַניזירט דעם קאָאָפּעראַטיוו און דו אַליין האַרגעסט אים אַוועק.

— ב־ב־ביסט גערעכט. מ־מ־מען דאַרף אָבער אויך אָרגאַניזירן די סאָוויעטן־מאַכט איז די בערג. וו־וו־וויפל אַרבעט מען דאַרף דאָרט אַרײַנלייגן!

— עס איז נאָך ניטאָ קיין ריכטיקע סאָוויעטן־מאַכט באַם יאַם־ברעג, צווישן דער אײַנגעזעסענער באַפעלקערונג. באַווײַזט פריער דאָ וואָס אַזוינס עס איז די סאָוויעטן־מאַכט! — האָט אַנאַ איוואַנאָווגאַ זיך געהיצט.

— מ־מ־מען קעמפט אומעטום אַפּאַמאָל און ניט בלויז אַף איין אָרט. מען מוז דאָרט האָבן ק־ק־קאָאָפּעראַטיוון. דעם אָנגרײַף דאַרף מען מאַכן אַף אַלע פראָנטן מיטאַמאָל.

— דעם אָנגרײַף! ליאָק האָט שוין געשאָסן אַ סאַך מאָרזשן און דו האָסט מיטגענומען דעם גאַנצן קאָאָפּעראַטיוו אין די בערג. די ווײַבער מיט די קינדער גייען ראַק אום און שילטן דיך. אָט האָסטו דיר אַ קאָאָפּעראַטיוו!

רוסאַקאָוו איז אַוועקגעלאָפן צו טעווליאַנקאָ, דעם מעכאַניקער וואָס אָסיפּאָוו האָט צוגעגרייט, נאָר טעווליאַנקאָ איז אין דער „יאַראַנגאַ“ ניט געווען. די יעגערס וואָס זײַנען צוגעקומען פון די בערג, האָבן איבערגעלאָזט די הינט און האָבן זיך אַרויסגעלאָזט מיט די פּיראָגעס אַפן יאַם, גלײַך זיי וואָלטן ניט געהאַט קיין וואַלפיש־שיפל און ניט קיין מאָטאָר.

רוסאַקאָוון האָט פאַרדראָסן וואָס זיי האָבן אים אַפילע ניט צו וויסן געגעבן, אַז זיי גייען אַרויס.

— זע נאָר וואָס זיי טוען! דער מאָטאָר איז פאַר זיי ניט מער ווי אַ שפּילצײַג! — האָט רוסאַקאָוו זיך געערגערט און האָט געקוקט אַפן יאַם.

מיטן ברעג, באַם סאַמע וואַסער, איז אים ליאָק אַקעגנגעגאַנגען און האָט געטראָגן יאַם־גראָז אין דער האַנט.

— ווי־ווי־וואָס מאַכסטו, ליאָק! — האָט רוסאַקאָוו אים געגריסט. — פּ־פּ־פּאַרוואָס ביסטו ניט אַרויס אויף יאַגד?

דער אַלטער האָט שעלמיש אַ שמייכל געטאָן. — ליאָק פֿוילט זיך מיס־טאָמע.

— כיטרעווע ניט, ליאָק.

— הײַנט זײַנען קיין מאַרזשן ניטאָ. — האָט שוין ליאָק גאַנץ ערנסט געזאָגט און האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ.

— פּ־פּ־פּאַרוואָס־זשע זײַנען זײַנען אַרויס די קאָאָפּעראַטיוו־יעגערס?

— כאַ, כאַ! זיי ווילן אָפּגעווינען די פּאַרלווירענע צײַט. זיי זײַנען אַוועק אויפהייבן וואָס ליאָק האָט אַוועקגעוואָרפן. נעכטן האָב איך אָפן אײַז איבערגעלאָזט פינף מאַרזשן...

פּלוצים האָט זיך דערהערט דאָס רוישן פון אַ מאָטאָר. פון הינטערן שטאַרץ איז אַרויסגעקומען אַ וואַלפיש־שיפל ווי אַ ווײַסער שוואַן אויף אַן אָזערע. ליאָק איז שטיל געבליבן און האָט געוואָרפן אַן אויג אָפן שיפל.

פון ווײַטן נאָך האָט ער געזען, אַז אינעם שיפל פאָרן ווײַבער.

דאָס שיפל האָט זיך שנעל דערנענטערט, כאָטש מען האָט ניט געזען עמעץ זאָל רודערן. דער אייינטאָניקער רוישן פונעם מאָטאָר האָט זיך גע־שפרייט איבערן ברעג.

— ווער פאָרט עס דאָרט? — האָט רוסאַקאָוו געפרעגט.

— מיר דוכט זיך, אַז באַם שטײַער־ראָד זיצט וואַאַמטשאַ. — האָט ליאָק אַן איבערראַשטער געענטפערט און האָט גענומען האַסטיקער שפּאַנען צום וואַסער.

דער מאָטאָר האָט זיך מיטאַמאָל אײַנגעשטילט. דאָס וואַלפיש־שיפל האָט זיך אויסגעקירעוועט און האָט זיך פאַרנומען צום ברעג.

— רוסאַקאָוו! — האָט דער לערער דוואָרקין אַ געשריי געטאָן פונעם שיפל.

רוסאַקאָוו איז אים אַקעגנגעלאָפן. דוואָרקין איז אַראָפּגעשפּרונגען אויף די שטיינדלעך און האָט אים אַ צעשמייכלטער אַרומגענומען ווי אַ טאַטן. שוין לאַנג אַז ער האָט קיין רוסישן מענטשן ניט געזען.

וואַאַמטשאַ איז צו זיי צוגעקומען, אַ ניט געאײַלטער, מיט דער מינע פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט זײַן ווערט, און האָט דערלאַנגט רוסאַקאָוון די האַנט. ליאָק האָט זײַן אויג צוגעזשמורעט און האָט געקוקט אויף אים.

„אָ, אָ! ער האָט זיך אויסגעלערנט טרייסלען די האַנט!", האָט ער אַ טראַכט געטאָן און איז צוגעקומען צום וואַלפיש־שיפל.

— רוסאַקאָוו, מיר זײַנען געקומען נאָך גאַזאָלין. — האָט דוואָרקין פריילעך אַ זאָג געטאָן. — מען דאַרף זיך פאַרגרייטן איידער עס הייבט זיך אָן דער יאַגד־סעזאָן.

— עס וועלן באַלד אָנקומען די מאַרזשן. — האָט וואַאַמטשאַ צוגעגעבן.

ליאָק האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם וואַלפיש־שיפל, האָט באַטראַכט די ווײַבער, וואָס זײַנען אינעם שיפל געזעסן און האָט שפּאַטיש אַ פרעג געטאָן:

— אויף שפּאַציר?

— ניין, — האָט אואַקאַט ערנסט געענטפערט. — וואַאַמטשאַ האָט אונדז געזאָגט מיר זאָלן מיטפאָרן, עפּשער טרעפן מיר מאַרזשן.

— אָ! כ׳האָב נאָך אַף מײַן לעבן ניט געזען אַזוינע העלדישע װײַבער! איר װעט נאָך אַלע מאָרזשן איבערשרעקן מיט אײַערע ברײטע אַרבל. האָט איר ניט אַמאָל פאַרביטן די מאָרזשן אַף יונגעלײַט? — און ליאָק האָט דערבײַ אַזױ גראַציעז אַ זאָג געטאָן אַ ניט אָנשטענדיקײט, אַז די װײַבער האָבן געקײַכט פון געלעכטער.

טײקעף איז צוגעקומען װאַאַמטשאָ.

— מײַן פרײַנט רוסאַקאָװ פאַרבעט צו זיך אַלע װײַבער אַף טײ מיט קיכלעך.

ליאָק האָט זײַן אײנציק אױג אומגעדרײט צו װאַאַמטשאָס זײַט. און װײַל ער האָט געמײנט יענער זאָגט אַ ליגן, האָט ער אים פאַראַכטלעך אַ פרעג געטאָן: — פון װען אָן איז ער דיר אַ פרײַנט? דײַן פרײַנט איז דער באַראַן אין די בערג.

— אַלע רוסן װאָס װױנען אַף דעם ברעגלאַנד זײַנען מײַנע פרײַנט. אַזױ האָט מיר דער לערער געזאָגט. — האָט װאַאַמטשאָ טראָציק געענטפערט.

— אױך לאָס איז דײַנער אַ פרײַנט?

— פאַרשטײט זיך! — װאַאַמטשאָ האָט שטאָלץ דעם קאָפּ אױפגעהױבן און איז אַװעק מיט די װײַבער צום אײַנקױף־הױז.

כאָטש ליאָק האָט אַפן גאַנצן ברעגלאַנד געהאַט אַ נאָמען פון אַ גרױסן יעגער און פון אַן עמעסן מײַסטער פון פירעגעס בױען און אַלע יעגערס האָבן פאַר אים דערעכערעץ געהאַט, האָט װאַאַמטשאָ געענדערט די מײנונג, װאָס ער האָט װעגן אים געהאַט. געקומען איז עס פון אַ געשפרעך װאָס ער האָט אַמאָל געהאַט מיט אַליטעטן.

אַליטעט האָט אים דעמאָלט געזאָגט, אַז ליאָק איז זײַנער אַ פרײַנט דערפאַר װאָס ער קען, װי אַ שפּיצאַק־הונט אינעם געשפאַן, דעם װעג פונעם לעבן. אָן ליאָקן און אָן אַליטעטן װאָלטן די מענטשן אומגעקומען. אַליטעטס באַרימערײַ איז װאַאַמטשאָן ניט געװען צום האַרצן: „די מענטשן װעלן ניט אומקומען — האָט ער אים דעמאָלט מיט פאַרדראָס געענטפערט. — מירן אַלײן געפינען דעם װעג אָן דיר און אָן דײַן פרײַנט ליאָק". דערפאַר האָט װאַאַמטשאָ מיט אַזױ װײניק דערעכערעץ זיך איצט באַצױגן צו ליאָקן.

ליאָק איז געשטאַנען באַם װאַסער און האָט אַף אים בײז אַ קוק געטאָן. דערנאָך האָט ער זיך האַסטיק אומגעדרײט צום װאַלפיש־שיפל, זיך אַװעקגעזעצט אַף די שפּיץ־פינגער און דאָס גענומען באַקוקן.

„אױב דאָס שיפל װעט אַזױ שנעל זיך יאָגן נאָך די מאָרזשן, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — האַלט עס שמאָל מיט ליאָקן. צי קען אָבער װאַאַמטשאָ אַזױ דאָס לעבן װי ליאָק? אָ, אַזױנע װי ליאָק זײַנען פאַראַן װײניק אַפן ברעגלאַנד! װער קען נאָך אַזױ מאַכן אַ פירעגע װי איך? קײנער ניט".

און ער איז אַװעק צום אײַנקױף־הױז.

לעבן דעם שפּײַכלער האָבן די װײַבער געטרונקען טײ אַף צװײ גרױסע קאַסטנס. אַנאַ איװאַנאָװנאַ האָט זײ באַדינט. ליאָק האָט געהערט זײערע הילכיקע געלעכטערס נאָך אײדער ער איז צוגעקומען צום אײַנקױף־הױז. די װײַבער פון װאַאַמטשאָס קאָאָפּעראַטיװ האָבן נאָך ביז דעמאָלט ניט געהאַט געזען אַ פרױ מיט אַ װײַס פּנים. און אַז זײ האָבן דערזען אַנאַ איװאַנאָװנאַ האָבן זײ זיך דערום צעלאַכט מיט אַ פרײלעכן און גוטמוטיקן געלעכטער.

ליאָק האָט אַפן יאַם דערזען צוריקקערן די פירעגע פונעם קאָאָפּעראַטיװ.

„זי קומט צוריק אַ ליידיקע. מיט דעם באָרט הויך איבערן וואַסער. —

האָט ליאָק צו זיך אַ זאָג געטאָן, און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ שטיין קוקן ווי די פֿיראָגע שווימט צו.

טעוווליאַנקאָו איז אָפּן ברעג אַראָפּגעשפּרונגען דער ערשטער. ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אַף ליאָקן און האָט אַוועקגעאײַלט צום אײַנקויף־הויז.

ליאָק האָט זיך דערוווּסט, אַז די יעגערס זײַנען צוריקגעקומען ווײַל זיי האָבן דערזען וואַאַמטשאָס וואַלפֿיש־שיפֿל פֿאַרבײַשווימען.

ליאָקן האָט געפֿרעסן די נײַגעריקייט און ער איז אויך צוגעקומען צו רוסאַקאָווס אײַנקויף־הויז.

— אַנאַ, ווו זײַנען די מענטשן? — האָט ער געפֿרעגט.

— אין שטוב.

— און וואַאַמטשאָ? און טעוווליאַנקאָו?

— אַלע זײַנען זיי דאָרטן, ליאָק.

„הום, סאַראַ פֿרײַנט זיי זײַנען געוואָרן!“ — האָט ליאָק צו זיך אַ זאָג געטאָן, מיינענדיק וואַאַמטשאָן און טעוווליאַנקאָון.

אָן אַנדערשמאָל וואָלט אים גאָרניט אײַנגעפֿאַלן צוגיין צו זיי. נאָר איצט, האָט ער מויכל געווען אַף זײַן קאָוועד און איז שטילערהייט אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב. ער איז נאָך קיינמאָל אַזוי אומדרײַסט ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון רוסאַקאָווס הויז.

ליאָק האָט געעפֿנט די טיר און איז שטיין געבליבן אָן אָנגעשפּאַרטער אָנעם אָדווירעק. די צוגערײַזטע אינאַיינעם מיט טעוווליאַנקאָו זײַנען געזעסן אַרום טיש און האָבן געטרונקען טיי. אַרום דעם זעלבן טיש האָט ליאָק שוין ניט איינמאָל טיי געטרונקען.

— ז־ז־זעץ דיך, ליאָק, — האָט אים רוסאַקאָוו געבעטן צום טיש.

פֿון דרויסן האָבן זיך דערהערט געשרייען:

„מאָרזשן! מאָרזשן! — אַלע זײַנען אַרויסגעלאָפֿן, שטיין געבליבן און זיך אײַנגעהערט צום רעווען פֿון דער ריזיקער סטאַדע מאָרזשן. געדוכט האָט זיך צענדליקער שיפֿן זײַנען אָנגעקומען.

ליאָק האָט זיך א לאָז געטאָן לויפֿן צו זײַן פֿיראָגע. זײַנע יעגערס האָבן שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט דאָס שיפֿל אין וואַסער און ליאָק איז אַרײַנגעשפּרונגען ווען דאָס שיפֿל האָט שוין געהאַט געדירט.

דער מעכאַניקער טעוווליאַנקאָו איז געלאָפֿן צו זײַן וואַלפֿיש־שיפֿל, נאָר וואַאַמטשאָ האָט אים פֿאַרהאַלטן.

— וואַרט אויס, טעוווליאַנקאָו, אײַל דיך ניט. ליאָק וועט אַלע מאָרזשן ניט אויסשיסן. הערסט ווי זיי רעווען? מיר האָבן זיך נאָך ניט צונויפֿגערעדט.

טעוווליאַנקאָו האָט אַן איבערראַשטער אָנגעקוקט וואַאַמטשאָן.

— מען דאַרף האָבן אַ באַראַטונג צווישן די צוויי קאָאָפּעראַטיוון.

— וואָס רעדסטו, וואַאַמטשאָ? — איז דער לערער אונטערגעקומען. — וואָס פֿאַר אַ באַראַטונגען דאַרפֿן מיר איצט? מען דאַרף זיך אַרויסלאָזן וואָס פֿריִער אָפּן יאַם.

— אַ קליינע באַראַטונג. עפּשער קענען מיר יאָגדן מיטביידע וואַלפֿיש־שיפֿלעך אינאַיינעם. מען דאַרף עס אויפֿקלערן די ווײַבער.

באַם ברעג שטייענדיק, לעבן דעם וואַלפֿיש־שיפֿל, האָט וואַאַמטשאָ גערעדט וועגן געמיינזאַמען יאַגד, און אין דער צײַט וואָס די באַראַטונג איז פֿאָרגעקומען און מען האָט דעם מאָטאָר אײַנגעשטעלט, דעם גאַזאָלין אויפֿ־

געלאָדן און די מאַכשירים צונויפגענומען, האָט מען שוין געהערט שיסן: ליאָק האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן די יאַגד.

די באַראַטונג האָט זיך פאַרענדיקט און בײדע וואַלפיש־שיפלעך זײַנען אַרויס אַפן יאַם. ווען זיי זײַנען צוגעקומען צום אײַז, איז שוין ליאָק געהאַט געשווומען צוריק צום ברעג מיט אַ פולער פיראָגע טויטע מאָרזשן. די וואַל־פיש־שיפלעך זײַנען שנעל פאַרבײַגעשווומען די פיראָגע. ליאָק, וועלכער איז געזעסן אַף דער קערמע, האָט זיך אויפגעהויבן און האָט עפּעס אַ געשריי געטאָן.

וואַאַמטשאָ האָט האַסטיק אַ קירעווע געטאָן דאָס וואַלפיש־שיפל און האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— אַפן אײַז זײַנען פאַרבליבן מײַנע דרײַ מאָרזשן... איר קענט זיי אײַך נעמען... איך שענק זיי אײַער קאָאָפּעראַטיוו. — האָט ליאָק געשריגן.

— מירן אַליין שיסן וויפל מאָרזשן מיר דאַרפן. מיר דאַרפן ניט דײַנע מאַטאָנעס. — האָט דוואָרקין געענטפערט.

דער לערער איז געשטאַנען מיט דער ביקס גרייט באַם נאָז־טייל. די ווײַבער האָבן אַן אויג ניט אַראָפּגענומען פונעם יאַם, צי באַווײַזן זיך ניט די מאָרזשן. אוּאַקאַט איז גרייט געווען צו וואַרפן דעם האַרפון. זי האָט אַ פעסטע האַנט און וועט ניט פאַרפעלן דעם ציל.

טעווליאַנקאַו איז אײַנגעגאַנגען אַף דער געמיינזאַמער יאַגד, מיט דעם באַדינג, אַז דער ווײַבערישער קאָאָפּעראַטיוו זאָל שיסן ניט ווייניקער מאָרזשן ווי דער מענערישער.

וואַאַמטשאָס וואַלפיש־שיפל האָט אָנגעטראָפן אַ קליינע סטאַדע מאָרזשן. פיר שטיק האָבן זייערע שרעקלעכע קעפּ אַרויסגעשטעקט פונעם וואַסער. איינצײַטיק האָבן זיך דערהערט צוויי שאָסן: איינער פון דער נאָז־טייל און דער צווייטער פון דער קערמע. איינצײַטיק האָט אויך אַ פלי געטאָן אַ האַר־פּון. די מאָרזשע האָט אַ צי געטאָן דעם אָנגעבלאָזענעם פאָקע־פּענכער.

דאָס וואַלפיש־שיפל האָט שנעל אָנגעיאָגט די אַנטלאָפענע מאָרזשעס און באַלד זײַנען פיר מאָרזשעס הענגען געבליבן אַף די פּענכערס.

די ווײַבער, דער לערער און וואַאַמטשאָ האָבן זיי טייקעף צעשניטן.

— וואַאַמטשאָ, קום לאָמיר שוין צוריקפאָרן. — האָט דער לערער גע־זאָגט. — איין מאָרזשע וועלן מיר צובינדן צום שיפל.

עס איז נאָך געווען ווײַט צום ברעג ווען דאָס וואַלפיש־שיפל האָט אָנ־געיאָגט ליאָקן. זײַנע יעגערס האָבן גערודערט מיט אַלע זייערע קויכעס. זייע־רע ברוינע רוקנס האָבן געגלאַנצט פון שווייס.

— היי, ליאָק! דעריאָג אונדז! — האָט וואַאַמטשאָ געשריגן און האָט אים געוויזן אַן עק פון אַ רימען, וואָס דאָס האָט געמיינט: „בינד דיך אָן, וועלן מיר דיך שלעפּן". ליאָק האָט זיך אומגעקוקט און פאַר פאַרדראָס, האָט ער באַפוילן די יעגערס זיי זאָלן אָפּשטעלן דאָס רודערן.

די ווײַבער, אויסגעזעצט לענגאויס דעם באָרט, האָבן זיך צעלאַכט.

באַלד דערויף האָט דאָס צווייטע וואַלפיש־שיפל, אויך אַ פולס מיט מאָרזשן, געלאָזט די פיראָגע הינטער זיך.

די קאָאָפּעראַטיווע וואַלפיש־שיפלעך האָבן שוין געמאַכט צוויי רײַזעס, ווען ליאָק איז צוריקגעשווומען צום אײַז. איבערגעשראָקענע פון דער שי־

סערזשע, זײַנען די מאַרזשן אַוועק פֿון די אײַז־בלאָקן. די יאַגד איז שוין גע־גאַנגען אינעם וואַסער.

ליאָק איז געשטאַנען אין זײַן פּיראָגע און האָט געקוקט אַף טעוואַליאַנ־קאָון, וואָס זײַן וואַלפּיש־שיפּל האָט זיך געלאָזט שווימען ניט צו דער מאַר־זשע, וואָס איז אַרײַן אינעם וואַסער, נאָר אין דער פּאַרקערטער ריכטונג.

— סאַראַ שלעכטער יעגער דו ביסט! — האָט זיך ליאָק געערגערט.

ווען טעוואַליאַנקאָו האָט באַמערקט די מאַרזשע — זי האָט זיך אונטער־געטונקען ווײַט פֿון אים — האָט ער אַ קירעווע געטאָן דאָס וואַלפּיש־שיפּל און האָט דעריאָגט די כאַיע. ער האָט אויסגעשאָסן און נאָך אים רוסאַקאָוו.

יענעם טאָג האָט די יאַגד אָנגעהאַלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

די יאַגד איז געווען אַ ביז גאָר געלונגענע. דאָס וואַלפּיש־שיפּל האָט גוט געאַרבעט. קיין שום פּיראָגע וואָלט ניט באַוויזן איבערצופֿירן צוויי און דרײַסיק מאַרזשן אין איין טאָג. אַזאַ יאַגד איז געווען עפּעס אומגעוויינלעכס. טעוואַליאַנקאָו, וועלכער האָט ביז איצט קיין באַזונדערן צוטרוי ניט געהאַט צום וואַלפּיש־שיפּל, האָט איצט מאַמעש געפּלאַצט פֿאַר פֿרייד. עס האָט זיך אים לאַנג ניט געוואָלט אַראָפּגיין; ער האָט ראַק געגלעט דעם מאָטאָר און האָט אים געלויבט, ווי ער וואָלט געווען אַ פֿאַרשטאַנדיקער שפּיצאַק־הונט.

אַפֿילע דער ווײַבערישער קאָאָפּעראַטיוו, וואָס דער לערער איז געווען זײַן פּאַרזיצער, האָט געפֿאַנגען פֿינף און צוואַנציק מאַרזשן. דער גאַנצער ברעג אַף דער צווייטער זײַט ריוו איז געווען פֿאַרוואַלגערט מיט פֿלייש. דער אוילעם איז אומגעגאַנגען אַ מונטערער; די הינט האָבן געזויפֿט דאָס מאַרזשן־בלוט. אַכוצדעם איז יעדן פֿון זיי אָנגעקומען אַ היפּש שטיק פֿלייש.

בלויז פֿון דער זײַט ריוו איז געווען שטיל. דאָ זײַנען אַפֿן ברעג גע־לעגן ניט מער ווי אַכט צעשניטענע מאַרזשן. ליאָק האָט אַפֿילע קיין כיישעק ניט געהאַט אַ קוק צו טאָן צו דער צווייטער זײַט און האָט ראַק געגאַראָוועט צו שטיין אַהין מיט דעם רוקן, ווי דאָרט וואָלט גאָר קיין אויסערגעוויינלעכס ניט געשען. דער אַלטער האָט געליטן פֿון זײַן דורכפֿאַל און קעדיי זיך ניט צו פּײַניקן, איז ער אַרײַן צו זיך אין דער „יאַראַנגאַ״.

אין איין טאָג בלויז איז פֿאַרבלייכט געוואָרן דער גלאַר פֿון דעם גרויסן יעגער און געניטן פּיראָגע־מײַסטער.

ליאָק איז געזעסן באַ זיך אין דער „יאַראַנגאַ״, האָט געטרונקען טיי און האָט ראַק געטראַכט וועגן דעם וואַלפּיש־שיפּל: דאָס שנעלע שיפּל איז אים גאָר פֿונעם קאָפּ ניט אַרויס. „איך וועל אויסבויען פּונקט אַזאַ וואַלפּיש־שיפּל. ווו אָבער וועל איך נעמען ברעטער?... און אַ מאָטאָר, וועל איך דען קענען מאַכן?״ — האָט ער ניט אויפֿגעהערט טראַכטן.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן לאָסן, דעם בערדיקן רוסישן נאַטשאַלניק. ער האָט זיך דערמאָנט וואָס יענער האָט אים געזאָגט וועגן ענדערן דאָס לעבן, וועגן די נאָרד־אַמעריקאַנער שוועבעלעך און דער רוסישער „פּאַפּושאַ״.

„אַ? און דאָס וואַלפּיש־שיפּל? אָט דאָס איז אַ שיפּל! ווײַבער, און וויפֿל מאַרזשן זיי האָבן געבראַכט!... און טעוואַליאַנקאָו? צי דען איז ער אַ יעגער? צי קען ער בעסער פֿון מיר דאָס לעבן פֿון די כאַיעס? דער מאָטאָר ברענגט אים צו די מאַרזשן צו דער נאָז! זאָל ער מיך אָבער פּרוּוון אָניאָגן מיט אַ פּיראָגע!... די וואָס פֿון דער אַנדערער זײַט ריוו זײַנען איצט צופֿרידן, זיי כויזעקן מיסטאָמע פֿון ליאָקן״.

דער אַלטער האָט געבעטן מען זאָל אים רופן טעווליאַנקאָון.

טעווליאַנקאָו איז טייקעף געקומען.

— ליאָק, — האָט ער געזאָגט, — ייִלסט די צוויי מאָרזשן וואָס דו האָסט געגעבן אונדזער קאָאָפּעראַטיוו? מיר קענען דיר איצט אומקערן פיר. נאָך אַלעמען, האָסטו ווייניק מאָרזשן.

ליאָק האָט אָנגערוקט די ברעמען, האָט צוגעזשמורעט ייַן אויג און האָט אויסגעשפּיגן אין אַ קאָרע־קעסטל. געגלוסט האָט זיך אים אַרויסטרײַבן טעווליאַנקאָון פון דער „יאַראַנגאַ", נאָר ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן און האָט געזאָגט:

— ניט דערויף האָב איך דיך גערופן. — און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אין אים אײַנגעקוקט, האָט ער צוגעגעבן: — איך וויל דיך עפּעס פרעגן: ביסטו אַ בעסערער יעגער פאַר מיר? אַ?

טעווליאַנקאָו האָט דעם אַלטן ניט געענטפערט.

— אָדער קענסטו דאָס לעבן בעסער פון מיר? אַ?

— די ביסט דער בעסטער יעגער, ליאָק. אַלע ווייסן עס. אונדזער גוטער יעגער איז דער מאָטאָר. — האָט טעווליאַנקאָו געענטפערט.

— דער מאָטאָר? — האָט ליאָק איבערגעפרעגט. — ער אַרבעט גוט. איך האָב די גאַנצע צײַט זיך צוגעקוקט צו אים. שווער נאָכצוהאַלטן דעם מאָטאָר.

— הער אויס, ליאָק, ווען מיר זײַנען אומגעפאָרן מיט די סכוירעס אײַבער די נאָמאַדן־לאַגערס פון די הייסע קוואַלן, האָבן מיר געפונען אַ מאָטאָר. דאָרט האָט געוווינט דער נאָרד־אַמעריקאַנער ניק. צוויי טעג האָבן מיר געוואָרט אַף אים. מיר האָבן מער קיין שפּײַז ניט געהאַט פאַר די הינט. דער מאָטאָר געפינט זיך איצט באַ רוסאַקאָוון אינעם שפּײַכלער. ווען ליאָק זאָל אַרײַנגיין צו אונדז אינעם קאָאָפּעראַטיוו, האָט רוסאַקאָוו געזאָגט, וואָלטן מיר געקענט אַרײַנשטעלן דעם מאָטאָר צו אים אין דער פּיראָגע. זי וואָלט געגאַנגען נאָך שנעלער ווי דאָס וואַלפיש־שיפל. אָט דאָס האָט רוסאַקאָוו געזאָגט.

ליאָק איז מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען. זײַן אויג האָט געגלאַנצט.

— איך מיין, אַז ער איז געדעכט. — האָט ער צוגעשטימט. — מײַן פּיראָגע איז אַ שטאַרקע און אַ גרינגע.

— נאָר אונדזער קאָאָפּעראַטיוו איז געבליבן מיטן מאָטאָר. אַזוי איז עס, ליאָק. — האָט טעווליאַנקאָו אָנגעטײַט.

דער אַלטער איז שטיין געבליבן אַ פאַרטראַכטער. ער האָט צעריבן די „פּאַפּושאַ", האָט אַרײַנגעצויגן דעם רויך און האָט אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל אַרײַנגיין אינעם קאָאָפּעראַטיוו און אינאיינעם מיט מיר וועלן אַרײַנגיין אַלע מײַנע יעגערס. ווי מיינסטו? וועלן מיר קענען אַרײַנשטעלן דעם מאָטאָר צו מיר אין פּיראָגע? אינעם וואַלפיש־שיפל איז פאַרן מאָטאָר פאַראַ אַ גרוב.

— רוסאַקאָוו האָט געזאָגט, אַז דעם מאָטאָר קען מען אַוועקשטעלן באַ דער קערמע. זי וואָלט געגאַנגען זייער גוט. מען דאַרף נאָר אַרײַנקלאַפּן גרויסע צוועקעס אין אַ גראָבער ברעט.

— ניין, מען דאַרף ניט קיין צוועקעס. איך וואָלט אים צוגעפעסטיקט מיט אַ רימען.

טעווליאַנקאָו איז זייער צופרידן געווען וואָס ליאָק וויל אַרײַנטרעטן

אינעם קאָאָפּעראַטיוו. אַלע ווייסן, אַז ליאָק איז דער געניטסטער יעגער אי־נעם לאַגער. און דעם אַלטנס באַשלוס צו באַטרעטן דעם וועג פונעם נײַעם לעבן, האָט אים טיף צופרידנגעשטעלט. פאַר יעדן איינעם איז קלאָר געווען, אַז דער קאָאָפּעראַטיוו נייטיקט זיך אינעם ראַט פון אַזאַ מענטשן ווי ליאָק.

— קום צו צו רוסאַקאָוון. — האָט טעווליאַנקאָו פריילעך אַ זאָג געטאָן.

— ניין, ניין, וואַרט אויס. דו ביסט דער וואָס אייסעקט זיך אַרום דעם מאָטאָר?

— יאָ, איך. — האָט טעווליאַנקאָו שטאָלץ געענטפערט.

— אויב אַזוי, וועל איך זײַן דער פּרעזידענט פונעם קאָאָפּעראַטיוו. אַזוי איז עס. — האָט ליאָק דערקלערט. — ווײַל דו ביסט יונג און איך קען דיך ניט געהאָרכן.

— זייער ווויל, ליאָק. מאַסקים. מיר מוזן אָבער פריִער אָפּהאַלטן אַ פאַר־זאַמלונג. אַזוי פאָדערט דאָס נײַע געזעץ. די פאַרזאַמלונג האָט מיך אויסגע־קליבן. איצט וועט זי דיך אויסקלײַבן.

— מען דאַרף ניט קיין פאַרזאַמלונג. צו וואָס אויסקלײַבן? די מענטשן ווייסן דען ניט אַז איך בין אַ גרויסער יעגער? דו זאָג זיי אַז איך וועל זײַן דער פּרעזידענט פונעם קאָאָפּעראַטיוו.

— זאָג זיי דו אַליין, ליאָק. אַלע וועלן דיך וועלן אויסקלײַבן.

דער אַלטער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און האָט צוגעשטימט.

— גוט, זאָל מען רופן די פאַרזאַמלונג. נאָר זאָלן ניט זײַן דערבײַ די ענמאַקײַער ווײַבער. ס'איז ניט גוט אַז ווײַבער זאָלן גיין אַף יאַגד אינאיינעם מיט די מענער. — און נאָך אַ קורצער פּויזע, האָט ער צוגעגעבן: — אויב עס איז עמעס, אַז דער מאָטאָר וועט קענען פירן מײַן פירשע שנעל, וועלן מיר יאַגדן אָט ווי אַזוי: איך וועל אַרויסנעמען פון דײַן קאָאָפּעראַטיוו די בעסערע שיסערס און האַרפּון־וואַרפערס און די ערגערע פון צווישן מײַנע וועלן אַריבער אַף דײַן שיפל. איך וועל פאַנגען די מאַרזשן און דו וועסט זיי פירן אַף דײַן שיפל צום ברעג. דײַן וואַלפיש־שיפל איז אַ שווערס און מען קען צו אים צובינדן פון הינטן אַ פּיראָגע.

— זייער גוט, ליאָק, זייער גוט! — האָט טעווליאַנקאָו מיט פרייד צוגעשטימט.

— גיי רוף צונויף די פאַרזאַמלונג. — האָט ליאָק געזאָגט.

קאַפּיטל IV

דער געאָלאָג דיאַגילעוו, וואָס האָט גערעכנט זיך אויפהאַלטן אין די בערג בלויז דעם זומער, איז דאָרט פאַרבליבן אויך אַף ווינטער. ער איז געוווּנט געווען צום פעלד־לעבן און איז געגאַנגען פון לאַגער צו לאַגער שטודירן די טאָפּאָגראַפיע פון דעם ריזיקן ווײַטן פלעק. ער האָט אָנגעוואָרפן אַף פּאַפּיר אַ געאָלאָגישע מאַפּע. זײַן אויפגאַבע איז געווען אַ באַגרענעצטע: צושטעלן פּאַרויסיקע יעדיעס פאַר שפּעטערדיקע עקספּעדיציעס, וואָס דאַרפן צייכענען די מאַפּע מיט גענויִקייט־אינסטרומענטן. די הירשן־פּיטערער פלעגן אים גערן פירן פון איין אָרט צום צווייטן און דיאַגילעוו פלעגט שרײַבן צע־טעלעך צו די אײַנקויף־הײַזער, ווו זיי פלעגן באַקומען דערפאַר טאַבאַק און קאַרטעטשן. דיאַגילעוו האָט געלעבט דאָס נאָמאַדן־לעבן פון די הירשן־פּיטע־

דער, ער האָט געגעסן זייער עסן און האָט געטראָגן די זעלביקע וואַרעמע מאַלבושים, וואָס זײַנען אַזוי באַקוועם און לײַכט ווי זיי אַליין.

אַף זײַן ווינטערדיקער רײַזע האָט ער קימאַט אַ כוידעש צײַט פאַרבראַכט באַ סאַבלערן אין הויז און האָט שוין צײַט געהאַט וועגן אים צו אינפאָרמירן לאָסן. דיאַגילעוו האָט אַ געערגערטער צוגעזען ווי די גיריקע נאָרד־אַמעריקאַנער רײַסן זיך צו דעם פרעמדן לאַנד. עס איז ניט געווען דעם ערשטן מאָל ווי ער קומט אַף זייערע שפּורן.

ווען דער פרילינג איז אָנגעקומען, האָט דיאַגילעוו באַשלאָסן זיך אַראָפּלאָזן צום יאַם־ברעג, קעדיי אין רעוווקאָם צוגרייטן די פּאָרויסיקע מאַטעריאַלן און דורך ראַדיאָ קורץ אינפאָרמירן זײַנע כאַווײרים עלטסטע.

בעייסן אַראָפּגיין, האָט ער זיך פון זײַן וועגווײַזער דערוווסט, אַז באַ די הייסע קוואַלן וווינט אַ נאָרד־אַמעריקאַנער. אים האָט זיך געוואָלט וויסן מיט וואָס יענער פאַרנעמט זיך און ער האָט געהייסן דעם וועגווײַזער אים צוריקפירן צו די הייסע קוואַלן.

מיסטער ניק, וואָס האָט ניט אויפגעהערט טראַכטן פון זײַן רײַזע קיין אַלאַסקאַ, איז געקומען צו סאַבלערן אָפּמאַכן מיקויעד דעם וויכטיקן איניען. אַליין מאַכן די רײַזע אינעם וואַלפיש־שיפל איז שווער געווען. אַליטעט איז אומגעריכט פאַרשוווּנדן. וואָס שײַעך סאַבלערן, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר יענער כאַיע פונעם מײַסעלע, וואָס יאָגט זיך נאָכן יעגער. די פערספּעקטיוו ווידער צו טרעפן זיך מיט לאָסן און מוזן צוריקפאָרן אַפן קאָנטינענט, קיין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט אים ניט געלאָקט. ניק און סאַבלער האָבן זיך שנעל צונויפגערעדט.

און איצט זײַנען זיי באַ ניקן אין געצעלט צוגאַסט: וואַדים פּעטראָוויטש סאַבלער און זײַן פרוי וואַלענטינאַ יוריעוונאַ. אין דרײַען האָבן זיי גאַנץ לײַכט געקענט רודערנדיק צושווימען אַפילע ביז סאַן פראַנציסקאָ. ווי נאָר עס וועט לאָזן דאָס אײַז, וועלן זיי זיך אַראָפּלאָזן צו דער לעפצונג פונעם טײַך און פון דאָרט קיין נאָרד־אַמעריקע איז אַ שפּאַן. סאַבלערס באַגער צו אַנטלויפן קיין נאָרד־אַמעריקע איז זיך צונויפגעפאַלן מיט מיסטער ניקס פּלענער: סאַבלער האָט באַ זיך אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן און דעם „פרײַהייט־ליבנדיקן" רוסישן אינזשעניער קען מען אָפּזעצן פאַר אַ היפּשער אַפּויטעקע.

ניק איז אַרײַן צו זיך אין געצעלט און האָט ניט געטראָפן דעם מאָטאָר.

— וואָסער טײַוול האָט עס געקענט צונעמען דעם מאָטאָר? — האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט פידבאָקעם. — צי איז ניט געווען דאָ דער שיקלדיקער טשאַלי ווען איך בין ניט געווען? ער מיינט אַוואַדע אַז דער מאָטאָר קען אים צו עפּעס נוצן.

— ערגעדט אײַך ניט, מיסטער ניק. — האָט אים סאַבליער באַרויִקט.

— איך גלייב ניט דער מאָטאָר זאָל אונדז צו עפּעס קענען נוצן אָן גאַזאָלין.

— יאָ, אָבער אינעם וואַלפיש־שיפל איז נאָך דאָ אַ גאַלאָן גאַזאָלין. אין אַ נויט קען ער נוצן אַ טרײַב צו טאָן דאָס שיפל.

— דאָס איז ניט וויכטיק. נאָך עטלעכע טעג וועט לאָזן דער טײַך און דער שטראָם אַליין וועט אונדז ברענגען צום אָקעאַן. לאָמיר בעסער טראַכטן וועגן אַ זעגל.

— פאַרשאָלטן זאָל עס ווען! דאָ וואַקסן דאָך אָבער ניט קיין אַרעגאָנער סאָסנעס. ווו וועלן מיר נעמען אַ מאַסטבוים?

— באַם יאַם־ברעג איז פֿאַראַן האָלץ. — האָט סאַבליער באַמערקט.

— וואַדים, דו רעדסט ווי אַ קינד. — האָט וואַלענטינאַ יוריעוונאַ זיך אָנגערופֿן. — דו מיינסט, אַז מען קען גיין זוכן אַ מאַסטבוים באַם ברעג, ווו עס שנײַפֿן די פֿאַרשוינען פֿונעם רעווקאָם? דער לאַנגער מיליציאָנער מוז אונדז שוין אַרומזוכן. זיי גייען אום, אַ דאַנק גאָט, באַזונדער, און אין דרײַען קענען מיר זיך פֿאַרטיידיקן. מיינט ניט, מיסטער ניק, אַז איך בין אַ שוואַכע פֿרוי. אין דער יוגנט האָב איך פּראַקטיצירט באָקס. נאָר פֿאַרנונפֿט איז אַ גרויסע זאַך. בעסער איז זיי אויסצומײַדן.

— גאַד דעמן! ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן. מיר האָבן שטאַרקע פֿויסטן און אַ פּיסטויל, וואָס פֿאַרפֿעלט קיינמאָל ניט.

— מען וואָלט באַדאַרפֿט באַשטעלן אַ הירש אין וועג אַרײַן. — האָט וואַלענטינאַ יוריעוונאַ געזאָגט.

— צו וואָס? ס׳איז שוין וואַרעם און ער וועט נאָך קאַליע ווערן. מיט אַ קעסטל קאָנסערוון זײַנען מיר פֿאַרזיכערט מיט עסן ביז אַלאַסקאַ. דערצו אויך, מיס, איז שוין צײַט איר זאָלט פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן די פֿוטערנע מאַלבושים. די זון וואַרעמט שוין גאַנץ היפּש. איך קען אײַך אָנבאָטן אַן אָוועראָל, וואָס איך האָב באַ מיר אַן איבעריקן. איר זײַט אַ הויכע און ער וועט פֿאַר אײַך טויגן. מיסטער ניק האָט אַרויסגענומען אַ טונקל־בלויען כאַלאַט און אַ פּאָר גוטע שטיוול מיט כאַליעוועס.

— אויסגעצייכנט! די מינוט וועל איך ווערן אַ ציוויליזירטע פֿרוי.

וואַלענטינאַ יוריעוונאַ האָט זיך טייקעף איבערגעטאָן און האָט זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר מיסטער ניקן.

— ווי געפֿעל איך אײַך איצט?

— געפֿערלעך שיין, מיס. — האָט דער נאָרד־אַמעריקאַנער געענטפֿערט. — בין איך ניט גערעכט, מיסטער סאַבליער?

— איך בין צו דעם שלוס געקומען נאָך צוריק מיט צוואַנציק יאָר. — האָט סאַבליער זיך צעשמייכלט.

„ווען דער וועוריק וואָלט ניט די ווערט געווען אַזויפֿיל דאָלאַרן, וואָס פֿאַר אַ ווערט וואָלט עס באַ מיר געהאַט אים אויסרײַסן און אַרײַנוואַרפֿן אינעם זודיקן קוואַל".

נאָר אַפֿן קאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אָלרײַט! מירן איצט טרינקען קאַווע.

— וואַדים, דו ביסט דאָך אַ ספּעציאַליסט אַף קאַווע מאַכן. גיי מאַך אַ קאַווע באַ די קוואַלן.

— מײַן ווײַבס אַ ווונק איז פֿאַר מיר אַ באַפֿעל. — האָט סאַבליער געזאָגט און איז אַרויס פֿונעם געצעלט.

שפּעטער אַ ווײַלע זײַנען זיי אַלע דרײַ געזעסן באַם טיש, געטרונקען קאַווע און צוגעביסן מיט קיכלעך געבאַקענע אַף פֿוטער. זיי האָבן געפּלאַנעוועט זייער רײַזע צום אַמגעמאַ־טײַך, ווו צווישן קוסטעס פֿאַרשטעקט האָט געוואַרט אַף זיי דאָס וואַלפֿיש־שיפֿל.

מיטאַמאָל האָבן זיי פֿון דער אַנדער זײַט פֿאָרהאַנג דערהערט שטימען. סאַבליער איז אַרויסגעלאָפֿן און האָט דערזען דעם געאָלאָג דיאַגילעוו, ווי ער שרײַבט אַ צעטעלע דעם וועגווײַזער.

— אָך, דער געאָלאָג דיאַגילעוו! — האָט זיך דער אינזשעניער פֿאַרזיכטיק אַ כאַפּ געטאָן. — וואָס טוט איר דאָ?

— די באַדערפעניש אין קולטורעלע באַציִונגען האָט מיך געצוווּנגען מאַכן דעם אומקרײַז. איך בין געקומען צו גאַסט.

אויך מיסטער ניק איז אַרויסגעקומען. נאָך אים האָט זיך געלאָזט גײן סאַבליערס ווײַב, אויך אַזוי אומרויִק ווי איר מאַן.

— מיסטער ניק, — האָט סאַבליער זיך אָנגערופן, — דערלויבט מיר אײַך פאָרצושטעלן דעם רוסישן געאָלאָג דיאַגילעוו, וואָס איך האָב מיט אײַך אַזויפיל גערעדט וועגן אים.

מיסטער ניק האָט שטיל דערלאַנגט דיאַגילעוון די האַנט.

גריסנדיק סאַבליערס פרוי, האָט דיאַגילעוו איר געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— איר בליט וואָס אַ טאָג אַלץ מער צווישן די שנייען, וואַלענטינאַ יוריעוונאַ. ווי עס קליידט אײַך דער בלויער כאַלאַט מיט די כאָליעוועס!

— אַ דאַנק! ס'איז אַ מענערישער אָנצוג. אַ ביסל צו ברייט, נאָר עס מאַכט ניט אויס. מיסטער ניק האָט מיר אים געשענקט.

מיסטער ניק האָט פאָרשנדיק באַטראַכט דעם רוסישן געאָלאָג מיט דער געדיכטער שוואַרצער באָרד.

— און וואָס טוט איר דאָ, וואַדים פּעטראָוויטש? — האָט דער געאָלאָג פון זײַן זײַט געפרעגט.

— די באַדערפענישן אין קולטור־באַציִונגען. — האָט סאַבליער געענטפערט און האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

דיאַגילעוו האָט זיך אַרומגעקוקט:

— סאַראַ פּרעכטיק אָרט! סאַראַ זעלטענע פריר־הייל! זי ווערט אום זומער ניט צעשמאָלצן. און די גייזערס? מיסטאָמע פון וווּלקאַנישן אורשפּרונג?

— מען קען אין זיי אַ מאַמוט אָפּקאָכן לעבעדיקערהייט. פיר און נײַנציק צענטיגראַד. — האָט מיסטער ניק געענטפערט. — אָלרײַט! זײַט אַזוי גוט, קומט אַרײַן צו מיר אין שטוב.

זיי זײַנען אַרײַנגעקומען אינעם צימער מיט די פוטערנע ווענט. וואַלענטינאַ יוריעוונאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף דעם קליינעם אײַנלייג־שטול, און ניק, וואָס האָט זיך באַקוועם געמאַכט אַפן בעט, האָט געבעטן דיאַגילעוון און סאַבליערן זיך זעצן לעבן אים.

— אַ דאַנק. איך בין אַ פעלד־מענטש און בין געוווינט זיצן אַף הירשן־פעל. — האָט דיאַגילעוו געענטפערט און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפן טאַפּעצירטן פּאָל מיט פוטער. באַ זײַן זײַט האָט זיך אַוועקגעזעצט סאַבליער.

— איר וווינט דאָ גאַנץ ווויל, מיסטער ניק. מיט צענטראַלער באַהייצונג!

— מיר נאָרד־אַמעריקאַנער זײַנען מיר פּראַקטישע מענטשן. — האָט ניק געענטפערט, זיצנדיק אַזוי שטײַף און אומבאַוועגלעך ווי אַ געץ.

— וואָס איז דער רעזולטאַט פון אײַערע פאָרשונגען? — האָט סאַבליער זיך אומגעדרייט צו דיאַגילעוון און זיך אונטערגעשפּאַרט מיט דעם עלנבויגן.

— איך בין צופרידן. — האָט דער געאָלאָג לאַקאָניש געענטפערט.

— הערט מיך אויס, וולאַדימיר ניקאַלאַיעוויטש, איך שפּיר אין אײַך אַ קוואַליפיצירטן געאָלאָג. און מיר איז אײַנגעפאַלן אַן אינטערעסאַנטער געדאַנק. — האָט סאַבליער אַ פינגער אויפגעהויבן.

— וואָס פאַר אַ געדאַנק? — האָט דיאַגילעוו עפּעס פאַרדעכטיקט.

— באַ אַזעלכע אומגלויבלעכע באַדינגונגען, צו וואָס פאַר אַ טײַוול

אַרבעט איר פאַרן קאָמוניזם ? — האָט סאַבליער געמאַכט אַ פאַראַכטלעכע מינע. — דאָ, אַלנפאַלס, וועט מען אײַערע פאַרדינסטן ניט אָפשאַצן. די רויטע זײַנען דאָך ווילדע מענטשן, וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש. פאַר דער רעוואָלוציע האָב איך געאַרבעט מיט אַ גרויסן אינזשעניער, וואָס האָט שטודירט דאָס געזעץ פון מעטאַלן־אײַנמידונג. געווען איז ער אַ מענטש מיט טאַלאַנט, וואָס האָט געקענט באַרײַכערן די רוסישע וויסנשאַפט. ווייסט איר וואָס זיי האָבן געטאָן מיט אים ?

— וואָס ? — האָט דיאַגילעוו האַסטיק אַ פרעג געטאָן זיך כאַפנדיק ווהין סאַבליער צילט.

— זיי האָבן אים דערשאָסן !

— נו, איז וואָס ? מיסטאָמע האָט ער עס פאַרדינט. — האָט דיאַגילעוו רויִק אָפגעענטפערט. — אַז מען האַקט דעם וואַלד פליִען שפענדלעך. געווען איז באַ אונדז אין לאַנד אַ רעוואָלוציע. און די רעוואָלוציע ראַמט אָפ אַלע שטערונגען וואָס זי טרעפט אַף איר וועג.

— מײַן פרײַנט דער דערשאָסענער אינזשעניער איז ניט געווען קיין שפענדל. און איר, דוכט מיר, שטייט אויך העכער פון יענע, וואָס איר פירט אויס זייער ווילן. נאָך אַלעמען, האָט איר אין דײַטשלאַנד באַקומען אַן אויסגעצייכנטע בילדונג, ווי איר אַליין האָט מיר געזאָגט... אין אייניקע טעג אַרום וועט לאָזן דאָס אײַז אַפן אַמגעמאַ. איך רעכן אָפפאָרן מיט מיסטער ניק קיין נאָרד־אַמעריקע. לייג איך אײַך פאָר מיט אונדז מיטצופאָרן. געבילדעטע רוסישע מענטשן שאַצן זיך הויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דיאַגילעוו האָט זיך עטוואָס אונטערגעהויבן, האָט שטײַף אַ קוק געטאָן אַף סאַבליערן און מיט קאַס אַ זאָג געטאָן :

— איר זײַט אַ נידעריקער מענטש, וואַדים פעטראָוויטש !

סאַבליער איז פאַר קאַס רויט געוואָרן ; דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט און פליסטערנדיק דראָענדיק געפרעגט :

— וואָס ? וואָס האָט איר געזאָגט ?

— איך האָב געזאָגט, אַז איר זײַט אַ נידעריקער מענטש. דאָס איז מײַן פריוואַטע מיינונג. איך נעם אַרײַן דערין אַלע די וואָס בײַטן אויס זייער פאָטערלאַנד פאַר אַ טאָפ לינדזן, די וואָס האָבן ניט ליב דאָס רוסישע פאָלק, זייער אייגן פאָלק.

— ווי דערוועגט איר אײַך ? איך וועל עס אײַך קיינמאָל ניט מוחל זײַן ! — האָט סאַבליער געקוויטשעט אַף זײַן פאַלצעט־שטימע.

— באַהיט מיך גאָט פון בעטן באַ אײַך מעכילע.

— וואָס פאַסירט מיט אײַך ? וואָס איז געשען ? — האָט זיך וואַלענטינאַ יוריעוונאַ גערעגט. — וואָס קוויטשעט איר ?

ניק האָט זיך אָנגערופן מיט דעם טאָן פון אַ מענטשן וואָס טרעט צו גלײַך צום איניען :

— מיסטער דיאַגילעוו : אין נאָרד־אַמעריקע וועט איר קענען פאַרדינען אַ סאַך דאָלאַרן. דער געאָלאָגישער פראָפיל פון דעם האַלב־אינדזל איז דער זעלביקער ווי פון אַלאַסקאַ. דערמיט דערקלערט זיך וואָס די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן אַזאַ אינטערעס אין די ערטער. איך צווייפל ניט, אַז די נאָרד־אַמעריקאַנער וועלן אָפקויפן אָט די ערדן.

— און איך צווייפל דערין זייער שטאַרק. — האָט דיאַגילעוו געענטפערט.

— די נאָרד־אַמעריקאַנער זײַנען פּראַקטישע מענטשן. — האָט ניק נישט אָפּגעלאָזט. — און זיי ווייסן ווי צו שעצן נוצלעכע געאָלאָגן.

— איך, אָבער, לוין אײַך ניט, מיסטער ניק. און פֿערזענלעך, ווי אַ רוס, ערגערט מיך אײַער זײַן דאָ. איך ווייס, אַז דאָס סאָוועטישע רוסלאַנד האָט אײַך ניט געבעטן קומען אַהער. ס'איז פּונקט דאָס אייגענע ווי איר וואָלט אַרײַן אין אַ פֿרעמדער שטוב דורכן פֿענצטער און שנײַפֿן אין אַלע ווינקעלעך צי איז ניטאָ עפּעס וואָס צוצונעמען. אויב איר ווילט וויסן, וועל איך אײַך זאָגן, אַז אַזאַ פֿירונג גרענעצט זיך מיט באַנדיטיזם, ריכטיקער, איז אין דירעקטער שײַכעס דערמיט. איך פּערזענלעך וועל אָננעמען אַלע מיטלען צו שטערן אײַער רײַזע קיין נאָרד־אַמעריקע.

— ווי־אַזוי רעכנט איר דאָס צו טאָן, מיסטער דיאַגילעוו? — האָט אים ניק געפֿרעגט מיט געמאַכטער רויִקייט.

דיאַגילעוו האָט דערויף גאָרנישט ניט געענטפֿערט און ווען ער האָט באַמערקט, אַז ניק זוכט עפּעס אונטערן קישן, האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— לאָזט צורו אײַער פּיסטויל! — און ער האָט אַרויסגעכאַפּט זײַן „קאָלט“.

ניק איז אויפֿגעשפּרונגען. סאַבליער האָט געביטן די פּאָזע. וואַלענטינאַ יוריעוונאַ האָט אײַנגעהאַלטן איר אויפֿרעגונג, האָט זיך אויפֿגעהויבן און צוגייענדיק צו דיאַגילעוון, אים פֿירגעהאַלטן:

— וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש, טײַערער, וואָס טוט איר? אַלע זײַנען מיר, ווי איר, דערצויגענע מענטשן! — און מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אַף אים און האָט אָנגעכאַפּט די האַנט וואָס האָט געהאַלטן דעם רעוואָלווער. מיסטער ניק און סאַבליער האָבן זיך אויך אַרויפֿגעוואָרפֿן אַף דיאַגילעוון.

— בינדט אים! בינדט אים! — האָט דער קליינער סאַבליער געשריגן; ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דיאַגילעווס רעוואָלווער, האָט מיט אים געפֿאָכעט זיגעריש אין דער לופֿטן און איראָניש געפֿרעגט דעם געאָלאָג: — האָט איר אונדז מיט אַן עמעסן געוואָלט פֿירן אין רעוווקאָם?

דיאַגילעוו האָט שווער געאָטעמט. מיסטער ניק איז געזעסן אַף אים און האָט אים אײַנגעקלאַמערט אין זײַנע שטאַרקע אָרעמס.

— עפּשער וועט איר דאָך אײַנגיין מיטצופֿאָרן מיט אונדז קיין נאָרד־אַמעריקע? — האָט ניק געפֿרעגט. — איך זע ניט איר זאָלט קענען אויסקלײַבן אַן אַנדער אויסוועג.

דיאַגילעוו האָט ניט געענטפֿערט.

— וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש, אײַך לוינט זיך אָננעמען דעם גלענצנדיקן פֿאָרשלאָג. — האָט וואַלענטינאַ יוריעוונאַ גערעדט צו אים אין דער צײַט וואָס זי האָט אים געבונדן די פֿיס מיט אַ שטריק.

דיאַגילעוו האָט זי אָנגעקוקט און האָט איר ביטער געענטפֿערט:

— איך האָב מיר ניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז איר, וואָס איר האַלט אײַך פֿאַר אַ ציוויליזירטער פֿרוי, זאָלט אַזוי פּערפֿעקט קענען די מעלאָכע פֿון די געניטסטע באַנדיטן.

וואַלענטינאַ יוריעוונאַ האָט זיך הילכיק צעלאַכט:

— איך בין דאָך אַ יעגערן.

— מיסטער דיאַגילעוו, איך וואַרט אַף אײַער באַשלוס. — האָט ניק געזאָגט. — איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל, איר האָט קיין אַנדער וועג ניט. אַלע

אײַערע מאַטעריאַלן װעלן אַריבער צו מיר אין די הענט, און איך װעל שױן געפֿינען אַ געלעגנהײט מיטצוטײלן, אַז איך האָב זײ באַקומען פֿאַר צװאַנציק טױזנט דאָלאַר.

— שאַנטאַזשיסטן און באַנדיטן ! — האָט דיאַגילעװ צאָרנדיק געשריגן.

— פֿאַרגעסט ניט, פֿונדעסטװעגן, אַז ביז דער אַמגעמאַ װעט לאָזן זיבענען נאָך פֿאַראַן פֿינף טעג. און אײדער װאָס, װעט שױן דאָ זײַן דער מיליציאָנער כאָכלאָװ.

— אַך, אַזױ ! — האָט סאַבליער אַ קװיטשע געטאָן. — אױב אַזױ, װעלן מיר אײַך ליקװידירן אײנציקװײַז. — און אומגעריכט פֿאַר אַלעמען, האָט ער אַרײַנגעשאָסן דיאַגילעװן אַ קױל אין שטערן.

— הונט ! — האָט מיסטער ניק אַ געשרײ געטאָן צו סאַבליערן. — איר טראַכט װײניקער װי אַ מאָרזשע ! איר מײנט אַז עמעצער װעט מיט אַן עמעסן קומען אַהער ?

— מיסטער ניק, איר פֿאַרשטײט ניט אין װאָס פֿאַר אַ לאַגע מיר געפֿינען זיך. איך האָב אײַך שױן געזאָגט, אַז איך בין געצװוּנגען זיך צוצושטעלן צום העװקאָם. מען האָט מיר קלאָר צו װיסן געגעבן, אַז אױב איך װעל מיך ניט צושטעלן, װעט מיך אַהין פֿירן דער מיליציאָנער. איר װײסט װאָס פֿאַר אַ ריז דאָס איז. װעלן מיר אים אָנטרעפֿן, מוזן מיר אים אױך אַ קױל אַרײַנשיסן אינעם שטערן, אומפֿאַרזאַמט, אַז ניט, װעט ער אונדז אַלעמען דעם שלײף פֿאַרװאַרפֿן.

— איר פֿאַרשטײט גאָרניט, סער. איבער אײַער פֿאַכדאָנעס און איבער אײַער טיפּשעס האָב איך אָנגעװוירן אַ סאַך דאָלאַרן. דער געלאָג האָט אַ סאַך געלט די װערט געהאַט, אַפֿילו געבונדענערהײט ; איצט אָבער, פֿאַרשאָלטן זאָל עס װערן ! טױג ער נאָר אַף ציג־שפּײַז פֿאַר די פּוקסן.

— װאָס געשען איז געשען. — האָט סאַבליער געזאָגט. — איצט איז שױן אומזיסט דאָס רײדן. נאָך אַלעמען, בין איך דאָך אױך עפּעס װערט... מען דאַרף זען װאָס פֿריער פֿאַטערן דעם טױטן. ס׳איז ניט אױסגעשלאָסן דער מיליציאָנער זאָל באַלד אַהער די נאָז אַרײַנשטעקן. דעמאָלט װעט אונדז שװערער זײַן צו באַרעכטיקן אונדזער אױפֿהאַלט דאָ.

מיט דרײַ טעג שפּעטער, האָבן מיסטער ניק, סאַבליער און זײַן פֿרױ, געשפּאַנט איבער דער מאָכיקער טונדרע. זײ האָבן מיט זיך געטראָגן שפּײַזפּראָדוקטן און מאַטעריאַל פֿאַר אַ זעגל. געשפּאַנט האָבן זײ צום ברעג טײַך אַמגעמאַ, װו עס איז געשטאַנען דאָס װאַלפֿיש־שיפֿל.

דער טײַך האָט זיך גענומען באַפֿרײַען פֿונעם אײַז און האָט געטראָגן זײַנע לעצטע רעשטן צום אײַז־יאַם. געשפּריצט האָט אַ דינער פֿרילינגס־רעגן.

קאַפּיטל V

אָמריטאַגען האָט ניט געקענט אײַנשלאָפֿן די גאַנצע נאַכט. אין דער „יאַראַנגאַ" איז געװען פֿינצטער, נאָר ער האָט קײן אױג ניט געקענט צומאַכן. מאָדנע געדאַנקען האָבן אים רוען ניט געלאָזט. שױן לאַנגע יאָרן אַז אָמריטאַגען האָט אַ װײַב מיט זעקס הינט, נאָר ביז איצט איז קײנעם ניט אײַנגעפֿאַלן אים צו פֿאַרבעטן אַפֿילו צו אַ פּאָקע־יאָנטעװ. און איצט, זאָגט אים אײנמאָל, אַזױ פּלוצים, װאַאַמטשאַ, אַז דער בערדיקער נאַטשאַלניק פֿאַרבעט אָמריטאַגענען צום יאָנטעװ פֿונעם גרױסן װאָרט. מען קען מיט אַן עמעסן דעם שלאָף פֿאַרלירן !

און וואָס אַ טאָג מער עס גייט אַוועק, — עמעס, ניט אַזוי שנעל גייען זיי — איז אַלץ נענטער צום יאָנטעוו. וואָס אַ טאָג ווערט דאָס שנירל קנעפּלעך אַלץ קלענער. איצט איז שוין פאַראַן ניט מער ווי איין קנעפּל. דעריבער האָט זיך אָמריטאַגען אַזוי געדרייט די גאַנצע נאַכט אַף זײַן פוטערנעם געלעגער.

פאַרטאָג ערשט, האָט דער שלאָף אים פונדעסטוועגן, גויוער געוועזן. אָמריטאַגען איז טיף אײַנגעשלאָפן.

דאָס וואַסער בלעזלט זיך אינעם פאַרזשאַווערטן טשײַניק וואָס הענגט איבער דעם פײַער־בעקן און הייבט דאָס דעקל. דאָס ווײַב צעבראָקט אַ טעוועלע טיי און וואַרפט אַרײַן די שטיקלעך אינעם זידנדיקן וואַסער.

— אָמריטאַגען! — שרײַט זי צו אים. — די טיי האָט שוין געזאָטן!

אָמריטאַגען שפּרינגט אויף פונעם געלעגער, שטעכט אײַן די פאַרשלאָפענע אויגן אין דער וואַנט, ווו עס הענגט דאָס שנירל מיט דעם אײנציקן קנעפּל. ער נעמט עס אַראָפּ און שוין אינגאַנצן אַ ניכטערער, טוט ער אַ זאָג:

— שוין! דאָס לעצטע קנעפּל. איצט מוז איך מיך צופּוצן און גיין צום יאָנטעוו פונעם גרויסן וואָרט.

יענעם פרימאָרגן איז אין אָמריטאַגענס לעבן געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס: ער האָט אָנגעווירן דעם אַפּעטיט. אַזוינס האָט מיט אים נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן. ער האָט פון זיך אָפּגערוקט דאָס פּאָקע־פלייש און האָט בלויז שנעל געזופּט, קימאַט זיך בריִענדיק, גרויסע טאַזעס טיי. געטרונקען האָט ער שטיל שווײַגנדיק, און ערשט ווען דאָס ווײַב האָט אים צום פערטן מאָל אָנגעגאָסן די טאַזע, האָט ער זיך אָנגערופן:

— לייג מיר אַרײַן דאָס פלייש אינעם זאַק. פאַרגעס ניט אַ פּאָר „טאָרבאַזן” אַרײַנצולייגן, טאָמער וועל איך דאַרפן; ס'איז אַ לאַנגער וועג. דערנאָך, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען די לעצטע טאַזע טיי, האָט ער שטיל צוגעגעבן: — אָמריטאַגען, זעט אויס, ווערט אַן עמעסער מענטש!

ער האָט באַקוקט דאָס לעצטע קנעפּל פון אַלע זײַטן און האָט עס פײַערלעך דערלאַנגט דעם ווײַב און איר געהייסן די זעלטענע קאַמייע צונייען צום גאַרטל.

דערנאָך האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ פּאָר נײַע הויזן פון מאַנאַטי־פעל און האָט אַף דער האַנט אויפגעצויגן אַ פוטערנע פּאָר זאָקן און האָט זיי אַרײַנגעלייגט אין די „טאָרבאַזן” איבער די שטרויענע זוילן, וואָס ער האָט פריִער נאָך אין זיי אַרײַנגעלייגט. דערנאָך האָט ער אַרײַנגערוקט די האַנט אין די „טאָרבאַזן” און האָט אינעווייניק אויסגעגלעט עס זאָל ניט זײַן דאָס מינדסטע קנייטשעלע. איצט קען ער זיי שוין אָנטאָן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַף די עלנבויגנס, די פיס אויפגעהויבן און האָט פײַערלעך ערנסט צוגערופן דאָס ווײַב: בינד מיר גוט צו די רימענעס!

דאָס ווײַב האָט יעדן פוס אַרומגעוויקלט מיט ברייטע ווײַסע מאַנאַטי־רימענעס און האָט מיט די ציין צוגעפעסטיקט די קנופּן.

און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ פּאָשעטע „קוכליאַנקע” און גענומען אַ טאָרבע מיט אַ פאַסטעך־שטעקן, איז ער אַרויס פון דער „יאַראַנגאַ”. דער דעלעגאַט צו דער קאָנפערענץ איז גרייט געוועזן צו דער רײַזע.

יענער זוניקער פרימאָרגן האָט געגלאַנצט מיט פּראַכט. אַ גרויסע פרייד האָט אָנגעפולט אָמריטאַגענס האַרץ. אַפֿן יאַם־ברעג האָבן זיך די שטיינדלעך

געשוואַרצט און דער שוואַרצער זוים האָט זיך געצויגן ווײַט, זייער ווײַט. איבערן יאַם האָבן אומגעפלאַטערט ווײַסע, ווי שניי, קוויטשענדיקע מעוועס, שוואַלבן זײַנען פאַרבײַגעפלויגן און אין דער טיף האָט געדרעמלט דער וווּנדערלעכער צאָפּן־יאַם.

נאָך דער שטיקנדיקער לופט אין דער „יאַראַנגאַ“, האָט אָמריטאַגען געאָטעמט מיט פולע לונגען.

— אָ! — האָט ער אויסגעשריגן. — אַ פּײַערדיקע מעווע!

דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אַף אַ הונט, וואָס איז צו אים צוגעקומען, און האָט אַ געשריי געטאָן צום ווײַב:

— גיב זיי ניט קיין עסן, די הינט! דאָס פלייש דאַרף מען האָבן פאַר צי־שפּײַז די פוקסן. שוין צײַט איך זאָל האָבן אַ גוטע ביקס. זאָלן זיי גיין עסן מײַז אין דער טונדרע!

— עגעי! — האָט זיך דערהערט דעם ווײַבס קאָל פון דער „יאַראַנגאַ“, וואָס דאָס מיינט: „איך וועל טאָן ווי דו הייסט מיר“.

אָמריטאַגען האָט נאָך אייניקע שטוביקע באַפעלן אַרויסגעגעבן דעם ווײַב, און מיט דעם שטעקן אַפן רוקן, אַרײַנגעשטעקט אין די אַרויסגערוקטע עלנבויגנס, האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן מיט דעם שפּאַן פון אַ מענטשן, וואָס גייט צו אַ באַשטימטן אָרט. אָמריטאַגען האָט מיטן פוס אָנגעטראָפן אַף אַ שטיקל קויל צווישן די שטיינדלעך און ער איז שטיין געבליבן און האָט עס אויפגעהויבן. געטראַכט האָט ער:

„דאָ איז געשטאַנען דאָס געצעלט וווּ אַליטעט האָט זײַנע העק געמאַכט... פאַרוואָס האָט מען אים צום יאַנטעוו ניט געבעטן?... זאָל דאָס זײַן דאָס נײַע געזעץ?...“

אָמריטאַגען האָט דערשטויגט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס שטיקל קויל און האָט פאַרלאָזט דעם לאַגער.

נאָך צוויי טעג גיין, איז אָמריטאַגען אָנגעקומען אינעם שכיינעסדיקן לאַגער און האָט אָנגעטראָפן פיליאַקן: ער איז געשטאַנען און האָט אַ פאַרטראַכטער געקוקט אַף אַ שטעקן מיט אײַנגעקאַרבטע צייכנס. פיליאַק האָט זיך געקלאָגט פאַר אָמריטאַגענען, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם כעשבן. איצט ווייסט ער ניט ווען פונקט דאַרף ער אַרויסגיין צום יאַנטעוו פונעם גרויסן וואָרט. זײַן זון, ווען ער איז נאָך קליין געווען, האָט אַפן שטעקן געמאַכט אַזוינע קונציקע סימאָנים, אַז פיליאַק קען זיך איצט ניט פונאַנדערקלײַבן צווישן די צייכנס און די וואָס ער אַליין האָט געמאַכט. איצט ווייסט ער ניט וואָס ער זאָל טאָן. גוט וואָס אָמריטאַגען איז אָנגעקומען. אַז ניט, וואָלט ער ניט געוווּסט ווען ער דאַרף אַרויסגיין פונעם לאַגער.

פיליאַק האָט זיך שנעל געמאַכט רײַזע־פּאַרטיק, און ביידע האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. ווען זיי זײַנען צוגעקומען צום ענגפּאַס דער פויגלשער שנאָבל, האָבן זיי דערזען אַ דין טאַבאַק־רויכל זיך קרײַזלען. אַ מענטש איז געזעסן אַף די שטיינער.

געווען איז דאָס אַליטעט. אַף טאָמער, פלעגט ער גיין צו דעם אָרט וואָס ער האָט אָפּגערעדט מיט בראַונען. שוין עטלעכע טעג ווי ער זיצט דאָרט מיט דער שוואַכער האָפענונג אים דאָרט צו טרעפן. עמעס, ער ווייסט שוין, אַז בראַון איז אַ ליגנער, דאָך ציט אים צו דעם ענגפּאַס אַ געהיימע האָפענונג און זײַן טראַגישע לאַגע.

אַליטעט ליגט אויסגעצויגן אַף די שטיינער און קוקט אַף דער רוזקער־

אויבערפלאַך פונעם יאַם. נאָר דער האָריזאָנט איז ריין. אַליטעטן טוען וויי די אויגן: אַזוי שאַרף קוקט ער זיך איַין אינעם יאַם.

דאָ, וויַיט פון מענטשן, טראַכט ער וועגן זיַין וויַיטערדיקן לעבן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם אַלטן ליאָק. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ שטאַרקן מענטשן. לויט די קלאַנגען וואָס גייען אום, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, וויפל די רוסן האָבן זיך ניט באַמיט, פון אַריַינטרעטן אינעם קאָאָפּעראַטיוו.

„ליאָק איז אַ מענטש מיט סייכל. אויב בראַון וועט מיך אויך היַי־יאָר אָפּנאַרן, וועל איך מוזן פאַרקויפן מיַינע פעלן די רוסן דורך ליאָקן. ניט געקוקט אַף קיין זאַך, האַנדלען די רוסן מיט אים. הום! די רוסן, קענטיק, זיַינען אַהער ניט געקומען קויפן קיין פוקסן, מעשוגאָים זיַינען זיי. זיי פאַרשטייען ניט, אַז קיין איין יעגער האָט ניט אַזוינע פוקסן ווי מיַינע. אָהאָ! וויפל פוקסן איך האָב! איכל רופן צו מיר ליאָקן, איך וויל מיט אים האָבן אַ גרויסן שמועס”.

אַליטעט האָט אָפּגעווענדט זיַין בליק צו דער הייל, ווו זיַינע פעלן זיַינען געלעגן באַהאַלטן, און האָט פלוצים דערזען צוויי מענטשן גיין מיט דעם ברעג. ווי אַ פוקסיכע וואָס וויל אָפּציִען דעם יעגערס אויג פון דער נאָרע, ווו עס געפינען זיך אירע פיקסעלעך, האָט אַליטעט זיך געלאָזט לויפן צו די שטיינדלעך אַפן ברעג און איז געשפרונגען פון שטיין צו שטיין ווי אַ ווילדער באַראַן.

ווען ער איז צוגעקומען צו אָמריטאַגענען און פיליאַקן, האָט ער זיי געזאָגט:

— איך זוך אַן אָרט ווו זיך צו באַזעצן. איך וויל אַוועק פון ענמאַקיַי.

— דאָס איז ניט קיין גוט פלאַץ. — האָט פיליאַק געענטפערט. — דאָ האָט נאָך קיינער ניט געוווינט. מיַין זיידע אַפילע געדענקט ניט דאָ זאָלן אַמאָל האָבן געשטאַנען „יאַראַנגאַס”. ס׳איז אַ שלעכט פלאַץ.

— און איר ווו גייט? — האָט אים אַליטעט איבערגעריסן אינמיטן ריידן.

— מען האָט אונדז געשיקט צום יאָנטעוו פונעם גרויסן וואָרט.

— כע! דו, אָמריטאַגען, גייסט אויך צום יאָנטעוו פון גרויסן וואָרט?

— האָט אַליטעט סאַרקאַסטיש געלאַכט פון אים.

געוואָלט האָט ער זיי זאָגן, אַז זיי זיַינען נאַראָנים, אַז זיי טוען ניט גוט וואָס זיי ריַיבן אויס די זוילן פון די שיך, נאָר געבליבן איז ער בלויז באַם געדאַנק און געזאָגט האָט ער פונקט דאָס פאַרקערטע:

— גייט, גייט. גייט אַלע אַהין. וואַאַמטשאָ קליַיבט זיך אויך אַהין גיין. נאָר נעמט מיט דעם לערער. אָנעם לערער וועט מען איַיך צום יאָנטעוו פון די רוסן ניט צולאָזן. איר וועט אומזיסט גיין.

די גייער האָבן מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט, אַ סימען אַז זיי הערן, און זיַינען וויַיטער געגאַנגען זייער וועג.

אין ענמאַקיַי האָט זיי אויפגענומען וואַאַמטשאָ, און זיי זיַינען אין דריַיען, לעבהאַפטיק שמועסנדיק אַוועק צו דער שול.

— דוואָרקין! — האָט וואַאַמטשאָ אים צו וויסן געגעבן. — זיי זיַינען שוין דאָ. מיר קענען שוין אַרויספאָרן!

— זיצט, זעצט איַיך צו, כאַווייריִם. — האָט דוואָרקין ליבלעך געגריסט די דעלעגאַטן און האָט זיי צוגעטראָגן שטולן. מירן פריִער אָפּטרינקען

טיי און דערנאָך וועלן מיר אַרויספּאָרן. מירן מאַכן די רייזע אינעם וואַל־פיש־שיפל.

אַמריטאַגען און פּיליאַק האָבן געקוקט אַף דעם רוסישן לערער און, אומ־דרייסטע, ניט דערוועגט זיך אָוועקצוזעצן.

— זיצט! — האָט וואַמטשאַ געזאָגט און האָט זיך אַליין אָוועקגע־זעצט מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז די פרעמדע זיינען שטיין געבליבן פאַרכידעשט.

זיי האָבן געטרונקען טיי מיט ברויט. — פּאָר זיי אַ נאַשערײַ. — און דוואָרקין האָט זיך גענומען גרייטן צו דער רייזע.

אַמריטאַגען און פּיליאַק האָבן שוין געהאַט געהערט וועגן דעם ענמאַ־קייער וואַלפיש־שיפל, וואָס גייט אַליין. — באַם יאַם־ברעג לויפן די נייסן זייער שנעל. — נאָר איצט איז זייער אומגעדולד צו זען דאָס וואַלפיש־שיפל דערגאַנגען צום סאַמע שפּיץ.

אואַקאַט, אין אַ סיטצענעם קלייד, האָט אַראָפּגענומען דעם טשייניק מיט די גלעזער פונעם טיש מיט אַ מינע פון גרויס וויכטיקייט, ווי זי וואָלט געוווען די באַלעבאַסטע פון דער גאַנצער הילצערנער „יאַראַנגאַ". צוריקקו־מענדיק, האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— דוואָרקין, די ווייבער וועלן גאָרניט זיין באַם יאַנטעוו?

— ס'איז דער יאַנטעוו פונעם וואָרט. עס וועלן זיין בלויז מענער. — האָט וואַמטשאַ ערנסט אָנגעמערקט.

— עס מאַכט ניט אויס, אואַקאַט; דערנאָך וועט זיין אַ צווייטער יאַנ־טעוו פאַר די ווייבער. איצט קומען זיך צונויף בלויז די יעגערס. — האָט דוואָרקין צוגעגעבן.

— צי דען זיינען מיר, ענמאַקייער ווייבער, שלעכטע יעגערנס? צי דען האָסטו עס ניט אַליין געזען? — האָט אואַקאַט שטיפעריש אַ פרעג געטאָן.

— ביסט געוואָרן אַ צו גרויסע פּלאַפּלערקע! — האָט זיך וואַמטשאַ געערגערט און איז אָוועק צום ברעג יאַם מיט דעם מאָטאָר אַפן אַקסל.

אַפן ברעג האָט דער אוילעם אַראָפּגעלאָזט דאָס וואַלפיש־שיפל אין וואַ־סער. פרויען, קינדער, דערוואַקסענע, אַלע אַרום דעם וואַלפיש־שיפל, האָרע־ווען שווער און רוקן עס פּאַמעלעך. אַמריטאַגען איז צוגעלאָפן און שוין האָט זיך דער רוקן פונעם שיפל אַראָפּגעגליטשעט אינעם וואַסער אַף די וואַלפיש־ביינער, וואָס מען האָט גענוצט אַנשטאָט קלעצער. די הינט באַם ברעג האָבן מיט די שנוקן געשאָקלט.

טיגרענאַ איז געשטאַנען באַם ברעג, האָט געקוקט ווי דאָס וואַלפיש־שיפל דערווייטערט זיך און האָט זיך טרויעריק געטראַכט: „די פרייד פון לעבן איז צו זיי געקומען. זיי זיינען געוואָרן פריילעכע מענטשן. איך וועל איבערלאָזן אַליטעטן. איך וועל מיט אים אין די בערג ניט גיין. זאָל נאַרגי־נאַט גיין... וווהין אָבער וועל איך גיין? צום לערער? אואַקאַט וועט עס ניט דערלאָזן. זי האָט זיך שוין אָוואַדע צוגעוווינט צו דער „יאַראַנגאַ"־שול. ווהין־זשע זאָל איך גיין?... פאַרוואָס זאָל וואַמטשאַ ניט וועלן אַרײַננעמען אַ צווייט ווייב? ער האָט איצט גענוג עסן. ער האָט צוויי שליטנס מיט הינט! ער איז געוואָרן אַ מענטש מיט אַ מאָטאָר. אַ שטאַרקער מענטש גע־וואָרן. נאָר ער וויל ניט אַרײַננעמען נאָך אַ ווייב. דאָס נייע געזעץ דערלויבט ניט מען זאָל נעמען אַ צווייט ווייב. סאַראַ נאַר ער איז!"

פון דער שול איז אַרויסגעלאָפן אואַקאַט מיט איר שרייִקן קאַלירטן

קלייד, וואָס האָט געגלאַנצט אַף דער זון, און איז געלאָפן צום יאַם־ברעג, גלײַך טומאַטוגע אַליין וואָלט אַף יאַגד אַרויסגעפאָרן.

„זי געוווּינט זיך טראָגן שטאָפענע מאַלבושים. — טראַכט זיך טיגרע־נאָ. — דער לערער, מיסטאָמע, האָט איר געהייסן אָנטאָן דאָס קלייד. צי וויל ניט אוּאַקאַט ווערן דאָס ווײַב פון אַ מענטשן מיט אַ ווײַסן פּאָנעם ?"

דאָס וואַלפיש־שיפל האָט זיך געוויגט אַפן וואַסער. אַמריטאַגען און פּיליאַק זײַנען געזעסן אַף אַן איבערגעלייגטער באַנק און האָבן מיט אבער־גלויבערישער מוירע געקוקט ווי וואַאַמטשאַ שטעלט אַרײַן דעם מאָטאָר. אינעם לאַך פאַרן מאָטאָר האָט זיך דאָס וואַסער באַוועגט, ווי דאָס וואַלפיש־שיפל וואָלט געוועןן דורכגעלעכערט. וואַאַמטשאַ האָט אויפגעהויבן דעם מאָ־טאָר, האָט אים אַרײַנגעשטעלט אינעם ליידיקן פּלאַץ און האָט אים שטאַרק צוגעשרויפט. דערנאָך האָט ער גענומען אַ בלעך גאַזאָלין און האָט אָנגעגאָסן אינעם טאַנק.

— זע, זע, פּיליאַק ! — האָט אַמריטאַגען שטיל אָנגעמערקט. — דער מאָטאָר טרינקט ! — וואַאַמטשאַ האָט צוגעשרויפט דאָס דעקל און האָט מיטביידע הענט אַ טרייסל געטאָן דעם דיסק.

— הום ! — האָט זיך אַמריטאַגען געוווּנדערט. — וואַאַמטשאַ האָט זיך שוין אויסגעלערנט דעם קישעף פון די „טאַנגיס". ניט אומזיסט האָט מען אים געמאַכט פאַר נאַטשאַלניק.

וואַאַמטשאַ האָט גוט געוווּסט וואָס אַמריטאַגען און פּיליאַק טראַכטן איצט, ווען ער אייסעקט זיך אַרום דעם מאָטאָר. ער האָט געפילט אַף זיך זייערע בליקן, און ער האָט דעריבער יעדע באַוועגונג זײַנע אויסגעצויגן, קעדיי צו באַווײַזן ווי געניט ער איז אין דעם קאָמפּליצירטן מאַשינדל.

וואַאַמטשאַ האָט אַרומגעבונדן דאָס קעפּל פונעם מאָטאָר מיט אַ דין שטריקל. דערנאָך האָט ער אָנגענומען דאָס שטריקל באַם עק און אַ געשריי געטאָן צום לערער, וואָס איז געזעסן אַף דער קערמע באַ דער שטײַער־ראָד :

— פּאַרטיק, דוואַרקין !

וואַאַמטשאַ האָט מיט קויעך אַ צי געטאָן באַם שטריקל : דער מאָטאָר האָט זיך צעכריפּעט און צעסאָפּעט און דאָס וואַלפיש־שיפל האָט זיך אַ וויג געטאָן און איז שנעל אָפּגעשווומען פונעם ברעג.

פּיליאַק און אַמריטאַגען האָבן זיך געהאַלטן באַ די הענט און האָבן באַוווּנדערט דאָ וואַאַמטשאַן, דאָ דעם מאָטאָר.

דער מאָטאָר, האָט זיך געדוכט, זינגט אַ ליד. זיכער אַ ליד צום נײַעם לעבן, צום נײַעם געזעץ... זיי וועלן האָבן אַ סאַך וואָס צו דערציילן, אַמרי־טאַגען און פּיליאַק, ווען זיי וועלן אַהיימקומען !

אין דער צײַט איז באַ רוסאַקאָוון אין שטוב פאָרגעקומען אַ זיצונג. געווען זײַנען דאָרט : אַנטשאָו, פאָרזיצער פונעם שייוועט־סאָוויעט ; דער מעכאַניקער טעווליאַנקאָו און דער אַלטער ליאַק, וואָס איז ערשט געוואָרן אויסגעקליבן פאַר פאָרזיצער פונעם יעגער־קאָאָפּעראַטיוו פאַר יאַם־כאַיעס. זיי זײַנען געזעסן אַרום טיש און געשמועסט וועגן דער רײַזע צום רעווקאָם. רוסאַקאָוו האָט אָנגעוויזן אַף די פּראָבלעמען וואָס וועלן דאָרט באַטראַכט ווערן.

— פּ־פּ־פּאַרשטייט זיך. אַנטשאָו ט־ט־טאָר דאָרט ניט פעלן. מען וועט דאָרט אַרומריידן די פראַגע וועגן די שייוועט־סאָוויעטן.

טעווליאַנקאָו איז אײַנגעגאַנגען צו ריידן וועגן דעם ווי בעסער צו אָר־גאַניזירן די יאַגד.

ליאַק האָט געשוויגן און אַף זײַן פּאָנעם האָט מען ניט געמערקט קיין סימען פון אומצופרידנקייט. ניט יעדערער קען אויסבאַהאַלטן וואָס ער טראַכט באַ זיך אינעווייניק. ליאַק איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט, נאָר קיינער האָט עס ניט געמערקט.

— נו, כאַוויירים, אַלע זײַנען מאַסקים? — האָט רוסאַקאָוו געפרעגט אַף צו שליסן די זיצונג.

דעמאָלט האָט גענומען דאָס וואָרט ליאַק און גערעדט מיט אַ ביטערן טאָן אינעם קאָל:

— ניין, מיר זײַנען ניט מאַסקים. און איך? האָסטו דען ניט געהערט, רוסאַקאָוו, ווי לאָס האָט מיך דאָ גופע פאַרבעטן? אַ?... איך, פּאַרקערט, האָב ניט געהערט לאָס זאָל האָבן פאַרבעטן טעווליאַנקאָון. האָסט פאַרגעסן? איך געדענק זייער גוט. אויב מען וועט דאָרטן ריידן וועגן מאַרזשן־יאַגד, איז ווי קען מען עס אָן מיר? בין איך שוין ניט מער קיין גרויסער יעגער? אָדער איר מיינט, אַז טעווליאַנקאָו קען די יאַגד בעסער פון מיר? ניין! ער קען ניט בעסער פון מיר. — דאָ האָט ער זיך געווענדעט צום מעכאַניקער און האָט אים שטרענג געפרעגט:

— זאָג מיר, טעווליאַנקאָו, האָסט אַמאָל געהאַרגעט אַ וואַלפיש?

— ניין, ליאַק, איך האָב קיין וואַלפיש קיינמאָל ניט געהאַרגעט.

ליאַק האָט ניצאַכנדיק געקוקט אַף רוסאַקאָוון און האָט געוואַרט צו זען וויאַזוי דער רוסישער סויכער וועט אַרויסקומען פון דער לאַגע.

נאָר רוסאַקאָוו האָט געשוויגן ווי ליאַק וואָלט אים מיט אַן עמעסן אַוועק־געשטעלט פאַר אַ שווערער לאַגע.

— זעסטו שוין. — האָט ליאַק ווײַטער גערעדט. — און איך האָב געהאַרגעט וואַלפישן. און איך האָב אַף מײַן לעבן אַ סאַך וואַלפישן געהאַר־געט. וויפל וואַלפיש־יאַנטויווים איך האָב שוין געפּראַוועט! וויל איך אויך זײַן באַם וואָרט־יאַנטעוו. ס'איז ניט מעגלעך פּראַווען אַ יאַנטעוו און איך זאָל דערבײַ ניט זײַן. איך בין פאַרזיצער פונעם קאָאָפּעראַטיוו.

— ליאַק, איך האָב דעם פאַרשלאָג געמאַכט דערפאַר וואָס טעווליאַנקאָו איז אַ מעכאַניקער.

— טאָ זאָל טעווליאַנקאָו פאָרן מיט דעם וואַלפיש־שיפל און איך אין מײַן פּיראָגע. שלעכט איז נאָר וואָס איך האָב ניט קיין מאָטאָר־מענטשן. אַך! — האָט ליאַק אַ קרעכץ געטאָן. — מײַן באַכער האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט.

— ג־ג־גוט, ליאַק, א־א־איך וועל זײַן דײַן מעכאַניקער. — האָט רו־סאַקאָוו נאָכגעגעבן. — מיר וועלן אַרײַנשטעלן טעווליאַנקאָוס מאָטאָר אין דער פּיראָגע און דעם וואָס איך האָב געבראַכט פונעם נאַמאַדן־לאַגער, וועלן מיר אַרײַנשטעלן אינעם וואַלפיש־שיפל.

— ווען פאָרן מיר אַרויס? — איז ליאַק געווען צערודערט.

— מ־מ־מיר דאַרפן אָפּוואַרטן וואַמטשאַן. מירן פאָרן צוזאַמען. אין וועג וועלן מיר אויפנעמען די אַנדערע דעלעגאַטן.

— קום טעווליאַנקאָו. איך וויל נעמען דײַן מאָטאָר. — האָט אים ליאַק אַנטשלאָסן געזאָגט. — זאָל ער זײַן נאָענט פון מײַן פּיראָגע. — און ווען

ער איז אַרויס פון דער שטוב, האָט ער פריילעך צוגעגעבן: — מירן מיט זיך נעמען די יאַגד־מאַכשירים. טאָמער טרעפן מיר אַן מאַרזשן אין וועג. די פרילינגדיקע מאַרזשן־איבערוואַנדערונג האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט.

קאַפּיטל VI

דער מיליציאָנער כאָכלאָוו איז אַהיימגעקומען מיט אַ שטאַרק געדריקטער שטימונג. ער איז געקומען צום שלוס, אַז ס'איז דער סאָף צו זײַן אַמט אַלס מיליציאָנער. סאַבליער איז אַנטרונען און לאָס וועט עס אים קיינמאָל ניט מויכל זײַן.

פון אַלץ איז קענטיק, אַז סאַבליער האָט זײַן באַהעלטעניש פאַרלאָזט אין אײַלעניש: פאַרברענטע פאַפּירן אַפן אייוועלע, קיין איין ווערטיקע זאַך איז ניטאָ, נאָר שמאַטעס אומוויכטיקע אַנגעוואָרפן.

— טאַניאַ, האָסט גאָרנישט ניט געהערט וועגן דעם רוס, וואָס האָט געוווינט באַם טײַך? איז ער ניט פאַרבײַגעגאַנגען דאָ אַרום צום רעווקאָם? האָט קיינער גאָרנישט ניט דערציילט? — האָט כאָכלאָוו פאַרדײַגעט אויסגעפרעגט זײַן ווײַב.

— ניין. אַ פּאַפּיר האָט מען פאַר דיר געבראַכט. — און טאַניאַ האָט אים דערלאַנגט אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט.

כאָכלאָוו האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט און האָט אומרויִק זיך פאַרטיפט אינעם לייענען. געשריבן האָט זיך אינעם בריוו:

„כאָווער כאָכלאָוו: אַף מײַן רײַזע מיט דעם וואַנדערנדיקן האַנדל, האָב איך אָנגעטראָפן די וווינונג פון דעם נאָרד־אַמעריקאַנער ניק. זײַן געצעלט געפינט זיך באַ די הייסע קוואַלן. איך האָב עס באַטראַכט. ס'איז צו זען געווען אַז ער איז ערגעץ אַרויסגעפאָרן. צוליב מאַנגל אין שפּײַז פאַר די הינט, איז מיר אוממעגלעך געווען צו וואַרטן ביז ער וועט צוריקקומען. באַם אַרײַנגאַנג אינעם געצעלט, האָב איך געטראָפן אַ מאַטאָר אין פוטער אײַנגעוויקלט, און איך האָב אים, אַף יעדן פאַל, קאָנפיסקירט. מען שמועסט, אַז ער רעכנט אָוועקפאָרן ווי נאָר דער טײַך וועט לאָזן. איך ראָט דיך גוט אין אַכט נעמען דעם איניען און רעוואָלוציאָנער זײַן אַף דער וואַך. אויב עס איז פאַראַן אַ מאָטאָר, מוז אויך זײַן אַ וואַלפיש־שיפל.

מיט קאָמוניסטישן גרוס, ר ו ס אַ ק אָ וו.

מײַן פרוי, אַנאַ איוואַנאָוונאַ, גריסט דיר און דערמאָנט אָפּט אונדזער רײַזע אַף דער „סאָוויעט". זי איז ברויגעז וואָס דו קומסט צו אונדז אַזוי זעלטן. בײַגעלייגט אַ צעטעלע פונעם געאָלאָג דיאַגילעוו. עס וועט דיר עפּשער צונוצקומען".

כאָכלאָוו האָט פונאַנדערגענומען דאָס צווייטע צעטעלע.

„צו רוסאַקאָוון, אויפזעער איבערן אײַנקויף־הויז.

איך בעט געבן דעם איבערברענגער פון דעם קוויטל, קאָמערין, פאַסטעך פון אַ סטאַדע הירשן, דרײַ פּעקלעך קאַרטעטשן 30 אַף 30 און איין פּעקל 30 אַף 40, פיר טעוועלעך טיי, איין קילאָ טאַבאַק („פאַפּושאַ"), צען פונדעלעך שוועבעלעך (בעסער שוועבלדיקע), פיר מעטער רויטן סיטץ און סכוירעס אין באַטרעף פון אַכט רובל, אַפן אײַנזען פונעם איבערברענגער.

ער איז אַן אויסגעצייכנטער וועגווײַזער. איך בעט אײַך געפעליק, זיך

באַציִען צו אים העכסט פרײַנטלעך. ער האָט מיך איצט צוגעפירט צו די הייסע קוואַלן.

א פרײַנטלעכן גרוס דער באַצויבערנדיקער אַנאַ איוואַנאָוונאַ.
עס דריקט אײַך פעסט די האַנט אײַער געאָלאָג

דיאַגילעוו.

פ. ס. באַ די הייסע קוואַלן רעכן איך פאַרברענגען דרײַ אָדער פיר טעג אינעם הויז פונעם נאָרד־אַמעריקאַנער ניק. אַף יעדן פאַל, גיב איך אײַך דאָ אָן די קאָאָרדענאַטן פון די הייסע קוואַלן: מיטעלער קורס פונעם אַמגעמאַ, אַן ערעך צוואַנציק קילאָמעטער נידעריקער פונעם וואַסערפאַל, אַן ערעך פינף און דרײַסיק קילאָמעטער מיט דעם רעכטן ברעג פונעם צופלוס איטשון.
19טן מײַ.

וו. ד.

— אַך! — האָט כאַכלאָוו זיך אַ כאַפּ געטאָן ווען ער האָט איבערגע־לייענט דעם בריוו.

ער האָט אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין זײַן גרויסער קוטשמע האָר און האָט מיט פאַרדראָס אַ טראַכט געטאָן: „זיי קומען זיך אַוואַדע אַלע צונויף צו ניקן און פון דאָרט לאָזן זיי זיך אַוועק קיין נאָרד־אַמעריקע! אויב דאָס וועט געשען, וועט עס מיר מײַן קאָפּ קאָסטן!"

דער מיליציאָנער האָט אַ הייזעריקן הוסטל געטאָן און האָט די מינוט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן. אויב זיי האָבן אַ וואַלפיש־שיפל, מוזן זיי זיך אַראָפּ־לאָזן צו דער לעפצונג פונעם אַמגעמאַ...

— טאַניאַ, גיי זאָג דעם אַלטן ער זאָל צוגרייטן די פּיראָגע. ער וועט אונדז צופירן צו דער לעפצונג. דאָרט וועלן מיר ווינען אין אַ פעלד־בײַדל.

אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין דער מיליציאָנער כאַכלאָוו געשווומען אין זײַ שיפל צו דער לעפצונג פונעם טײַך אַמגעמאַ.

— אַף יענעם אינדזל זײַנען פאַראַן געענדזענע אייער. פאַראַן אַ סאַך. — האָט כאַכלאָוס אַלטער שווער געזאָגט.

דאָס אינדזעלע באַ דער לעפצונג פונעם טײַך איז באַקאַנט געווען אונ־טערן נאָמען דאָס געענדזן־אינדזל. ווען דאָס וואַסער קומט צו, פאַרשווינקט עס דאָס אינדזל און מען זעט עס ניט ארויס. נאָר ווען דאָס וואַסער פאַלט אָפּ, וואַקסט דאָרט זייער הויך גראָז. דאָס ווערט אַ געשיצט אָרט פאַר די וואַנ־דערנדיקע אויפעס: דאָרט זײַנען קיין פוקסן ניטאָ.

דער אַלטער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם איידעם באַ דער לעפצונג פונעם טײַך און אַליין איז ער אַהיימגעפאָרן.

דער מיליציאָנער האָט אויפגעשלאָגן דאָס בײַדל, האָט אויסגעשפּרייט עטלעכע הירשן־פעלן און האָט זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן. נאָר פריִער האָט ער אָנגעזאָגט טאַניאַן זי זאָל קוקן אַפן טײַך און אויב זי וועט עפּעס דערזען, זאָל זי אים אויפוועקן.

כאַכלאָווס פּלאַן איז געווען זייער אַ פּאָשעטער: לויערן באַם ברעג מיט דער ביקס אין דער האַנט אַף די פליִטים: מיט אַ פּאָר שאָס אין דער לופטן זיי צווינגען צושווימען צום ברעג; הייסן אַראָפּגיין, זיך אויסטאָן, אַפּלויפן אַן ערעך הונדערט מעטער נאָקעטע איבער דער טונדרע אַרויף און דערווײַל דורכזוכן זייערע זאַכן; דערנאָך פאַרנעמען די קערמע און דעם פאָדער־טייל מיט דער שטײַער־ראָד און זיי צווינגען רודערן. אַזוי אַרום וועט ער זיי אין צען טעג צײַט צושטעלן לעבעדיקערהייט אין רעווקאָם.

טאַניאַ האָט געוווּסט פֿון דעם פּלאַן און פֿון אַ הויכן בערגל האָט זי געקוקט אַף דער טײַך־לעפֿצונג און אַף אַלץ וואָס קומט דאָרטן פֿאָר.

באַטאָג איז דער מיליציאָנער געשלאָפֿן און באַנאַכט האָט ער אַליין געוואַכט איבערן טײַך. די נעכט זײַנען געווען ליכטיקע. פֿונעם טאָג האָבן זיי זיך אונטערגעשיידט בלויז מיט זייער געפֿאַלענער טעמפּעראַטור.

כאָכלאָוו איז אַוועק אַפֿן גענדזן־אינדזל און איז צוריקגעקומען מיט אַ פֿולער פּיראָגע אייער. ער האָט געכאַפּט פֿיש מיט אַ נעץ אַף אַ שטאַנג אָנגעהאָנגען. די פֿיש זײַנען געלאָפֿן אין דער נעץ אַרײַן און כאָכלאָוו מיטן ווײַב האָבן גיט באַוויזן אַזויפֿיל אָנצוטריקענען. געדאַרפֿט האָט מען זיי אויפֿשנײַדן, אַרויסנעמען די אינגעווייד און דערנאָך אַף שטאַנגען אויסהענגען זיי זאָלן זיך טריקענען אַף דער זון. און אַז כאָכלאָוון פֿלעגט דערעסן די דאָזיקע אַרבעט, פֿלעגט ער אַרויפֿגיין אַפֿן בערגל, אַ באַזעצטן מיט „מאַראָשקע” און זיך אויסציִען אַף דער ערד, רײַסן די שויטלעך און זיי עסן, ניט אַראָפּנעמענדיק אין דער צײַט אַן אויג פֿונעם טײַך. כאָכלאָוו האָט זיך געשראָקן בלויז פֿאַר אַ נעפּל. אין אַ נעפּל קען מען ניט דערזען דאָס וואַלפֿיש־שיפֿל. און ער האָט באַשלאָסן: אַריבערצושווימען אין אַ נעפּלדיקן טאָג דעם טײַך מיט טאַניאַן און זיך אײַנהערן צי הערט מען ניט ערגעץ ריידן אַפֿן טײַך. זיי וועלן דאָך ניט פֿאָרן שווײַגנדיק; אין אַ נעפּל מוז מען זיך צוזאַמענריידן.

די געגנט איז געווען פֿוסט הונדערטער קילאָמעטער פֿון ביידע זײַטן טײַך.

איינמאָל, ווען כאָכלאָוו איז געשלאָפֿן, איז טאַניאַ געקומען צו לויפֿן אינעם בײַדל:

— אַ וואַלפֿיש־שיפֿל! האָט זי אַ געשריי געטאָן.

כאָכלאָוו האָט געכאַפּט די ביקס און איז שנעל אַרויסגעלאָפֿן.

לענגאויס דעם ברעג האָט מען געזען אַ פּיראָגע שווימען און הינטער איר צוויי וואַלפֿיש־שיפֿלעך. דער גערויש פֿון די מאָטאָרן האָט אָפּגעהילכט אין דער לופֿט, און די שיפֿלעך האָבן זיך דערנענטערט איבערראַשנדיק שנעל. ס'איז באַ אים גאָר קיין ספֿק ניט געווען, אַז דאָס זײַנען ניט די פּלייטים. כאָכלאָוו איז אַרויף אַפֿן בערגל, האָט אויסגעשאָסן אין דער לופֿטן און האָט גענומען פֿאָכען מיט דעם היטל.

ליאָק האָט נאָך מיט אַ צײַט פֿריִער דערזען דאָס בײַדל און איצט איז ער געשווומען דירעקט אַהין. ווי קען מען גאָר פֿאַרבײַפֿאָרן אַ ייִשעוו און זיך ניט אָפּשטעלן? דערצו נאָך זאָלן מענטשן זען ווי די פּיראָגע שווימט.

ליאָק האָט זיך דער ערשטער אַ לאָז געטאָן מיט זײַן פּיראָגע צו דער לעפֿצונג. דער קעגן־שטראָם האָט פֿאַרקלענערט די שנעלקייט.

— וואָס טוסטו דאָ, כ־כ־כאָכלאָוו? כאַפּסט פֿיש? — האָט רוסאַקאָוו געפֿרעגט און אין איין צײַט געגריסט דעם מיליציאָנער און געקוקט אַף זײַנע מאַכשירים.

— פּעטע פֿיש קלײַב איך מיך כאַפּן. לויט מײַנע אויסרעכענונגען דאַרפֿן דאָ אינגיכן פֿאַרבײַשווימען סאַבליער מיט דעם ניקן. סאַבליער איז נעלעם געוואָרן, נאָר ווײַטער ווי צו ניקן, האָט ער ניט געקענט אַוועק.

— ז־ז־זיי וועלן פֿאָרן אין זייער וואַלפֿיש־שיפֿל און דו ביסט דאָ באַם ברעג. וו־וו־ווי־אַזוי רעכנסטו זיי פֿאַרהאַלטן?

— אַף וואָס האָב איך אַ ביקס? אין ערגסטן פֿאַל, וועל איך זיי אַלע אויסשיסן, און פֿאָטער אַן אייסעק.

— אָפּרו! — האָט דער איין־אויגיקער ליאָק אַ געשריי געטאָן מיט זײַן שנײַדיקן קאָל. — טיי טרינקען!

ניט געקוקט דערויף וואָס די זון האָט היפּש געוואָרעמט, האָט ליאָק געטראָגן אַ „קוכליאַנקע" מיט העלע קאָלירן און שיינע אויסגענייטע מאַנאַטי־„טאָרבאַזן". געווען איז ער אָן דעם היטל און די פריש־אויסגעראַזירטע ליסינע אַפן קאָפּ, האָט געגלאַנצט אַף דער זון. פון ביידע זײַטן האָבן אים אַראָפּגעהאָנגען לאַנגע לאָקענעס. ליאָק איז געפאָרן און איז געווען אויפגעלייגט.

— איך וועל אַרויפגיין אַפן בערגל און וועל זען צי קומען ניט צו שווימען קיין מאָרזשן. — האָט דער פּראַקטישער און קלוגער ליאָק געזאָגט און האָט גענומען אומשפּאַנען מיט אַ וויכטיקן שטעל באַם ברעג.

— סאַראַ פּרעכטיק אָרט דו האָסט דיר אויסגעקליבן, כאַכלאָוו! דאָס איז דײַן זומער־וווינונג? — האָט דוואָרקין געפרעגט און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפן שטיינדלדיקן ברעג.

— איר שווימט מיט אַ גאַנצער פלאָטיליע. אַ פרייד צו קוקן! ווי גוט מיר וואָלט צונויץ געקומען אַזאַ מאָטאָרל!

— באַשטעל דיר. אַף איבּ־ב־בעראַיאָר וועט מען דיר אים ברענגען. — האָט דוסאַקאָוו געזאָגט. — זאָל לאָס וועגן דעם צושטעלן אַ ביטע.

וואַאַמטשאַ און טעווליאַנקאָו האָבן אין זייערע מאָטאָרן אָנגעגאָסן גאַזאָלין.

— טעווליאַנקאָו, גיס אַרײַן אויך צו מיר אין דער פּיראָגע. — האָט רוסאַקאָוו געשריגן.

— איר קלײַבט אײַך, זע איך, אַוועקצופאָרן? — האָט טרויעריק געפרעגט דער מיליציאָנער.

— ווי נאָר מיר וועלן אָפּטרינקען טיי. מיר אײַלן זיך. — האָט דוואָרקין געענטפערט.

— סאַראַ שלעכטער כאָווער דו ביסט. און מיר זײַנען דאָך צוזאַמען געקומען אַהער? לאָז מיך שמועסן אַ ביסל מיט מענטשן. שוין עטלעכע באַדאָשים ווי איך רייד קיין רוסיש ניט. מירן באַלד צושטעלן קאָכן פיש־יויך. זע וויפל פיש מיר האָבן דאָ. מיט אָן עמעסן.

— ווו איז די נעץ? — האָט זיך דוואָרקין פאַראינטערעסירט.

— אָט דאָרט באַם פלאָקן, זעסט?

דוואָרקין איז צוגעלאָפן צום פלאָקן און אַרויסגעשלעפּט די נעץ. געוואָרפן האָבן זיך אין איר פיש פון עפּשער אַ האַלבן מעטער די לענג. דוואָרקין האָט זיי פריילעך אַרויסגענומען און האָט זיי געוואָרפן ווײַט פונעם וואַסער.

— נײַן און צוואַנציק שטיק. — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

— נעם דעם שטאַנג, טונק אַ ביסל אונטער די נעץ, וועסטו אין אַ האַלבער שאָ אַרום האָבן נאָכאַמאָל אַזויפיל.

— ווי גוט דו לעבסטו דאָ, כאַכלאָוו! דאַרפסט דיך ניט באַקלאָגן! — איז דוואָרקין אַנטציקט געווען.

— איך באַקלאָג מיך ניט. אינגיכן קומען די רויט־פליישיקע פישן דאָ דעם רויג אָפּלייגן. איך האָב זיי נאָך ניט געזען, נאָר מען זאָגט, אַז דעמאָלט איז פול מיט זיי די לעפּצונג. מען זעט נאָר די רוקנס זייערע.

ליאַק איז צוגעקומען, האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפן ברעג און האָט זיך אָנגערופן:

— ניטאָ קיין מאָרזשן, נאָר אַ שיפל האָב איך געזען לעבן דעם אײַז. דרײַ מענטשן זיצן דערין.

— וואָס רעדסטו? — האָט כאַכלאָוו אַ זאָג געטאָן און האָט געכאַפּט די ביקס.

— זײַנען עס ניט קיין יעגערס? — האָט דוואָרקין געפרעגט.

— ניין. — האָט ליאַק אַ זיכערער געענטפערט. — דרײַ יעגערס פאָרן ניט אַרויס אַפן יאַם. דאָס זײַנען ווײַסע מענטשן.

— גאָט מײַנער! — האָט כאַכלאָוו אַ פליסטער געטאָן. — דאָס זײַנען זיי! רוסאַקאָוו, גיב מיר דײַנע פעלד־גלעזער. — און דער מיליציאָנער איז אַרויף אַפן בערגל.

— זיי געפינען זיך איצט קימאַט קעגנאיבער דער בעכטע קליוטשעוואַיאַ, לעבן דעם אײַז. — האָט אים ליאַק צוגעשריגן.

כאַכלאָוו האָט אָנגעשטעלט די פעלד־גלעזער און האָט דערזען: דאָס וואַלפיש־שיפל. די הענט האָבן אים געציטערט. ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ קני אַף דער ערד. אָן דער אַנדערער האָט ער אָנגעשפּאַרט די האַנט מיט די פעלד־גלעזער און האָט קלאָר דערזען די דרײַ פאַרשווינען.

— דאָס זײַנען זיי! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — סאַראַ בעהיימע איך בין! זיי האָבן זיך מיר פון די הענט אַרויסגעדרייט.

— גיב מיר אַהער די פעלד־גלעזער. — האָט אים רוסאַקאָוו געבעטן.

דער מיליציאָנער האָט אַפילע ניט געמערקט, אַז רוסאַקאָוו מיט דוואָרקינען זײַנען אַפן בערגל.

— אַך, קאַנאַליעס! צעזעצט זאָלט איר ווערן! — האָט דער מיליציאָנער זיך געזידלט. — גענוג געקוקט אַף זיי. מען דאַרף זיי וואָס גיכער אָניאָגן! — האָט ער געזאָגט צו רוסאַקאָוון.

— וו־וו־וואַרט, ווער ניט נערוועזיש. מיט צוויי ווערסלעס וועלן זיי ווײַט ניט אַוועק. מיט דעם וואַלפיש־שיפל וועלן מיר זיי אָניאָגן. וואָס איז דײַן פּלאַן? — האָט אים רוסאַקאָוו געפרעגט.

— מען דאַרף זיי נעמען לעבעדיקערהייט. נאָר מיט דעם וואַלפיש־שיפל קען מען ניט. מירן נעמען די פּיראָגע. זי איז זייער אַ שנעלע, האָב איך געזען.

— נו, קום.

ליאַק האָט געגעסן געררייכערטע פיש און האָט געהאַלטן דאָס שטיק פיש מיט ביידע הענט.

— ליאַק. — האָט אים רוסאַקאָוו אויפגעקלערט. — די מ־מ־מענטשן, וואָס דו זעסט דאָרט אַפן יאַם, האָבן באַשווינדלט ל־ל־לאַסן. מען דאַרף זיי אָניאָגן און פירן אין רעווקאָם.

— פריִער וועלן מיר אָפּטרינקען טיי, דערנאָך וועלן מיר זיי אָניאָגן. זיי וועלן אינערגעץ ניט אַוועק.

— אינעם וואַלפיש־שיפל פירן זיי אַ שליטן מיט הינט. — האָט דער לערער געזאָגט און האָט ווײַטער געקוקט אין די פעלד־גלעזער.

— ווער האָט אַ שערל? — האָט כאַכלאָוו אומרויִק אַ פרעג געטאָן.

— אַף וואָס דאַרפסטו אַ שערל?

— איך וויל מיך צושערן טשוקטשיש, אַזוי ווי ליאַק.

דער אַלטער ליאַק האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אַף דעם מיליציאַנער און צווישן איין זופּ טיי און דעם צווייטן, האָט ער אים אָנגעבאָטן:

— אויב דו ווילסט, קען איך עס דיר מאַכן מיט אַ מעסער.

— זייער גוט, ליאַק, נאָר שנעלער.

— וואָס איז דיר איינגעפאַלן? — האָט דער לערער געפרעגט.

— איך האָב אַ פּלאַן. — האָט כאַכלאָוו געענטפערט.

ליאַק האָט אָנגעשאַרפט דאָס מעסער און האָט שנעל אויסגעראַזירט כאַכלאָוון אַ פּיעטאַק אַפן קאָפּ און האָט אים אַראָפּגעלאָזט לאָקעס האָר אַפן שטערן. מיט דעם פאַרקעמעכץ האָט כאַכלאָוו ארויסגערופן געלעכטער אַפילע בײַ טאַניען, וואָס האָט זיך, אַגעוו, שטאַרק דערפרייט וואָס זי זעט אים אַזעלכן: איר מאַן איז איצט זיכער אַ ריכטיקער מענטש.

כאַכלאָוו האָט אַ קוק געטאָן אַף דעם הויכן אַמריטאַגען און האָט אים געזאָגט: — גוטער ברודער, טו נאָר אויס די „קוכליאַנקע".

כאַכלאָוו האָט אַף זיך אַרויפגעצויגן די „קוכליאַנקע" און איז געוואָרן אַן עכטער טשוקטשי.

— ס'איז אַ גוטער פּלאַן. — האָט רוסאַקאָוו זיך געכאַפּט אין וואָס ער באַשטייט.

דער מיליציאָנער האָט דערוויַל אויסגעטײלט באַפעלן:

— דוואָרקין, דו וועסט זיך אַוועקלייגן אַפן דעק פון דער פּיראָגע. ווען מיר וועלן זיך אָנרײַבן אָנעם וואַלפיש־שיפל, וועל איך מיך אַ וואַרף טאָן אַפן נאָרד־אַמעריקאַנער און דו שפּרינג נאָך, מיר צו העלפן. דו, רוסאַקאָוו, נעם מײַן רעוואָלווער; ער איז פול אָנגעלאָדן. דו וועסט אויך אַרויסשפּרינגען פון דער פּיראָגע און וועסט אים אָנשטעלן אַף סאַבליערן. ער איז אַ קליינינקער און אַ פּאַכדן. ער וועט טייקעף די הענט אויפהייבן.

— ס'איז אַ ג־ג־גוטער פּלאַן. קום, ליאַק. — האָט רוסאַקאָוו געזאָגט.

— איך גיי אויך מיט אײַך. — איז וואַאַמטשאַ צוגעקומען.

— טעווליאַנקאָו, דו בלײַב דאָ. און אַז דו וועסט דערהערן אַ שאָס, לאָז גיין דעם מאָטאָר און קום צו. — האָט רוסאַקאָוו פאַראָרדנט.

— מיר גייען אַף יאַגד. — האָט ליאַק אַ שמייכל געטאָן.

מיט דעם פאָדער־טייל אין דער הייך, איז די פּיראָגע געשווומען איבער דעם רוזקן יאַם צום ראַנד פונעם אײַז.

אין דער פּיראָגע זײַנען געווען אַלע. ליאַק איז געזעסן אַף דער קערמע בײַ דער שטײַער־ראָד. אים צופוסנס איז רוסאַקאָוו געלעגן אַן אויסגעצויגענער און האָט פון צײַט צו צײַט רעגולירט דעם מאָטאָר. כאַכלאָוו, אָנעם היטל, איז געזעסן אַפן באָרט, מיט די פיס אַף דוואָרקינס רוקן. וואַאַמטשאַ, אַנטשאָו און פיליאַק האָבן זיך אַוועקגעזעצט אינמיטן שיפל.

ווען מען האָט שוין אָנגעזען דאָס וואַלפיש־שיפל פון די אַנטלויפער מיט דעם ניט־באַוואָפנטן אויג, האָט ליאַק זיך אָנגערופן:

— זיי האָבן אויפגעהערט רודערן. זייער וואַלפיש־שיפל שטייט. אַ מענטש קוקט אַף אונדז אין אַן איין־אויגיקער רער.

די פּיראָגע איז שנעל געשווומען צום וואַלפיש־שיפל. כאַכלאָוו האָט שוין גאַנץ גוט דערקענט דעם נאָרד־אַמעריקאַנער. סאַבליער מיטן ווײַב זײַנען געזעסן זײַט בײַ זײַט, בײַ די וועסלעס. און ניק איז געשטאַנען און האָט געקוקט אינעם שפּאַקטיוו. צום סאָף האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַפן פאָדער־טייל

און סאַבליער מיטן ווײַב האָבן זיך גענומען צו די וועסלעס. זיי האָבן ניט אויסגעזען באַאומרויקט; סאַבליער האָט אַפילע מיטן היטל אַ פאָכע געטאָן.

ליאָק האָט אַ קירעווע געטאָן די פּיראָגע צום באָרט פונעם וואַלפיש־שיפל; ער האָט אַ שטויס געטאָן רוסאַקאָוון מיטן פוס אינעם בויך. — דאָס איז געווען דער אָפּגעמאַכטער צייכן. — און דער מאָטאָר איז שטיל געבליבן.

כאַכלאָוו האָט זיך אָנגעכאַפּט אָנעם באָרט פונעם וואַלפיש־שיפל און די פּיראָגע איז שטיין געבליבן. אין איין אויגנבליק האָט דער מיליציאָנער זיך אַרויפגעוואָרפן אַף ניקן. דוואָרקין איז אויך אויפגעשפּרונגען.

— ד־ד־די הענט אַרויף! האָט רוסאַקאָוו אַ געשריי געטאָן, מיט דעם רעוואָלווער אָנגעשטעלט אַף סאַבליערן.

ניק האָט געסאָפּעט און האָט געפּרוּווט זיך אַרויסרײַסן. נאָר כאַכלאָוו און דוואָרקין האָבן אים פעסט צוגעדריקט צום דעק פונעם שיפל. וואַמטשאַ און אַנטשאָו האָבן אין דער צײַט געפּענטעט סאַבליערן מיטן ווײַב.

כאַכלאָוו האָט זיך אַ פּאַרסאָפּעטער אַוועקגעזעצט אַפן גרינעם קופּערט און האָט בייז געקוקט אַף סאַבליערן:

— האָסט געוואָלט אַנטלויפן? טאָ זאָל דיך אַ דונער דערשלאָגן!

סאַבליער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט געפּענטעטע הענט. אויסגעזען האָט ער זייער רויִק.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט ער געפרעגט. — איך בין דאָך טאַקע געפאָרן צום רעווקאָם. וואָס ווילט איר פון מיר? מיסטער ניק האָט מיך צוגעפירט, ווײַל ס'איז אים געווען מיטן וועג.

מיסטער ניק, אַן אויסגעצויגענער אַף דער ערד לעבן דעם פאָדער־טייל, האָט באַטראַכט דעם מיליציאָנער כאַכלאָוו, אַזאַ מאָדנע געשוירענעם ווערליק אַ ווײַסער. אַ שטיקל צײַט איז ער געלעגן און האָט געשוויגן. דערנאָך האָט ער גענומען כוצפּעדיק פּראָטעסטירן.

— איר האָט קיין רעכט ניט מיך אַזוי צו באַהאַנדלען. איך בין אַ בירגער פון די נאָרד־אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן און איך געפין זיך אין עקסטראַטעריטאָריאַלע וואַסערן.

— שווײַג, וואָרעם איך וועל דיר אַרײַנשיסן אַ קויל אינעם שטערן. — האָט דער מיליציאָנער געשריגן.

די פּיראָגע האָט געשלעפּט דאָס וואַלפיש־שיפל. ליאָק איז געזעסן אַפן פאָדער־טייל. וואַמטשאַ האָט אַכטונג געגעבן אַפן מאָטאָר.

„די ווײַסע מענטשן שלאָגן זיך". — האָט זיך ליאָק געטראַכט.

רוסאַקאָוו האָט אַ געשריי געטאָן צו ליאָקן ער זאָל אָפּשטעלן די פּיראָגע און צו כאַכלאָוון האָט ער געזאָגט:

— פּ־פּ־פיר אַריבער סאַבליערן אין דער פּיראָגע, זיי זאָלן ניט קענען ריידן צווישן זיך. הער אַ כוצפּע. מיר זײַנען באַ די רוסישע ברעגעס און ער — עקסטראַ...

סאַבליערן האָט מען אַריבערגעפירט אַף דער פּיראָגע. וואַלענטינאַ יר־ריעוונאַ האָט געציטערט פאַר שרעק.

מען איז צוערשט צוגעשווומען צום מיליציאָנערס בײַדל און פון דאָרטן דירעקט צום רעווקאָם. ליאָקס פּיראָגע איז געשווומען אַפריִער; געזעסן זײַנען אין איר סאַבליער, רוסאַקאָוו און דער מיליציאָנער; אין טעווליאַנקאָוס וואַלפיש־שיפל — סאַבליערס ווײַב, און פון הינטן איז צוגעטשעפּעט געווען דאָס פאַרכאַפּטע וואַלפיש־שיפל, ווו עס איז געזעסן מיסטער ניק. וואַמטשאַס

וואַלפיש־שיפּל, מיט דעם לערער דוואָרקין, האָט געשלאָסן דעם קאַרטעזש.

כאָכלאָוו האָט ניצאָכנדיק געטראַכט:

„אַך, איר נידערטרעכטיקע! ווי דאָס איז, האָב איך אײַך געפּאַקט!"

קאַפּיטל VII

אינעם רעווקאָם איז אַלץ גרייט געווען צום אויפנעמען די דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ. אינעם גרויסן זאַל זײַנען געשטאַנען עטלעכע רייען לאַנגע בענק און, אויף אַ קליינער בינע — דער פּרעזידענץ־טיש, באַצויגן מיט קומאַטש. די ווענט זײַנען באַצירט געווען מיט בילדער פון לענינען און סטאַלינען, און מיט רויטער לײַוונט, אויף וועלכע עס זײַנען געווען מיט גרויסע אויסיעס אין רוסיש אויפגעשריבן די לאָזונגען: „לעבן זאָל אונדזער סאָוועטישע מאַכט!" און „לעבן זאָל די פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער!", כאָטש קיינער האָט ניט דערוואַרט עס זאָלן קומען דעלעגאַטן, וואָס קענען דעם רוסישן אַלעפבייס.

איבערן הויז פונעם רעווקאָם האָט געפלאַטערט אַ גרויסע נײַע פאָן. איר מילדער שורשען האָט ווי פאַרבעטן די מענטשן אין דעם ראַכוועסדיקן הויז.

אויפן ברעג יאַם, האָבן אין אַ ריי, מיט די רוקנס אַרויף, גערוט צוען וואַלפיש־שיפלעך, מיט וועלכע עס זײַנען אָנגעקומען די דעלעגאַטן פון די פאַרשיידענע לאַגערן. די דעלעגאַטן, צעשטעלט אין די „יאַראַנגאַס, האָבן זיך איצט געטיילט מיט די נײַסן. מען האָט נאָך דאָרט קיינמאָל ניט געזען אַזאַ מענטשן־צופלוס פונעם גאַנצן יאַם־ברעג.

לאָס איז געזעסן בײַ זיך אינעם קאַבינעט און האָט צום לעצטן מאָל דורכגעקוקט זײַן באַריכט: „די שייוועט־סאָוויעטן און די נאַציאָנאַלע פראַגע". מאָדנע! לאָס אַליין האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז נערוועזש. אַלץ דוכט זיך, איז ביז גאָר קלאָר, פונדעסטוועגן, האָט ער דעם אײַנדרוק, אַז אינעם באַריכט פעלט עפּעס. דערצו נאָך האָט אים געערגערט אויך דאָס וואָס פון די נאָמאַדן איז ניט געקומען קיין איין דעלעגאַט. זיי וועלן שוין מיסטאָמע ניט קומען.

ער האָט גענומען די זיצונגס־אַקטן און זיך געזעצט זיי ווידעראַמאָל איבערצוקוקן. מיטאַמאָל, האָט אים עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט פריִער אין אַכט ניט גענומען, אויסגעוויזן צו זײַן פון גרויס וויכטיקייט: געווען איז עס דער אַקט פונעם ענמאַקײַער שייוועט־סאָוויעט וועגן דעם פאַרבאָט צו האַרפּן טויטע הינט אינעם לאַגער.

דערנאָך האָט לאָס אַרײַנגערופן אָסיפּאָוון און האָט אים געזאָגט:

— וואָלסט באַדאַרפט נאָכאַמאָל איבערקוקן דײַן באַריכט. מאַך אים קורצער. נאָך אַלעמען, איז ער צו לאַנג. באַריר ניט דערווײַל די פראַגע וועגן פאָקע־יאַגד. ריידן דאַרף מען וועגן מאָרזשן. דעריקער איז דאָס אָרגאַניזירן די יאַגד. ווײַז זיי אָן, אַז פון די מאָרזשן ווענדט זיך דער אַרויסבאַקום פון פוקסן־פעל. פאַרשטייסט? וואָס מער פלייש, מער לאָקער־שפּײַז קענען מיר פאַרלייגן. פאַרגעס ניט פּראָטימדיק צו דערקלערן וועגן די נײַע צען וואַלפיש־שיפלעך, וואָס מיר פּלאַנעווען צו ברענגען.

— אָט דאָס, ניקיטאַ סערגייעוויטש, איז בײַ מיר גוט צוגעגרייט.

— אויסגעצייכנט. און ווו איז פּיאָטר פּעטראָוויטש?

— מיט די לערערס.

— זאָלן מיר אים אָנרעגן ער זאָל בעיס די דעבאַטן באַרירן די פראַגע וועגן מעדיצינישער הילף?

— נאַטירלעך.

— ניין, גלײַכער איך זאָל ריידן. זײַ אַזוי גוט און גרייט צו יאַראַקן ער זאָל נעמען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע און ריידן וועגן דעם אויפֿן פֿון צוגרייטן פּוטער. זאָל ער דערציילן, אויך דאָס איז וויכטיק. מען מוז פּערפעקציאָנירן די אַרבעט פֿון די יעגערס.

לאָס האָט אומגעשפּאַנט איבער זײַן קאַבינעט, אַ פֿאַרפּלייצטער מיט דעם געפֿיל פֿון אַכראַיעס פֿאַר דער אונטערגענומענער אַרבעט.

ער האָט שטענדיק געהאַלטן, אַז דער אָפּטייל ווו ער אַרבעט, איז דער וויכטיקסטער. ווען ער איז אַ מאַשיניסט געווען, האָט ער געהאַלטן, אַז אַלץ הענגט אָפּ פֿון דער אײַזנבאַן: אָן דער אײַזנבאַן וואָלט די מענטשהייט פֿאַרלוירן געגאַנגען. בעייסן בירגער־קריג, האָט אַלץ אַנטשיידן, לויט זײַן מיינונג, דער געפּאַנצערטער צוג. אָן דעם צוג, וואָלט אוממעגלעך געווען צו געווינען די מילכאָמע. איצט האַלט ער די אַרבעט פֿונעם רעווקאָם פֿאַר דער וויכטיקסטער אין דער מעלוכע.

מיט דעם אַלעמען, איז לאָס ווי ייִנגער געוואָרן. ער איז געווען פֿריש אָפּגעראַזירט און זײַנע געקאַרבטע האָר זײַנען אים געפֿאַלן אַף דער לינקער זײַט פֿון זײַן לויטערן שטערן. עס האָט אים וווּנדערלעך געקליידט דער מונדיר, פֿון וועלכן ער האָט זיך בעשום אויפֿן ניט געוואָלט שיידן. ער האָט אים אַליין צוגעשניטן און אויפֿגענייט. אַ ברייטער פּאַס האָט אַרומגענומען זײַן פֿעסטן גוף. זײַנע הויכע שטיוול זײַנען געווען אַזוי אויסגעפּוצט, אַז זיי האָבן געגלאַנצט ווי אַ וואַלפֿיש־פֿעל.

לאָס האָט דורכן פֿענצטער דערזען נײַע וואַלפֿיש־שיפֿלעך צושווימען.

— נאָך דעלעגאַטן קומען! — האָט ער צופֿרידן אויסגערופֿן.

ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט אָסיפּאָוון זיי באַגעגענען. די שטיינדלעך אַפֿן יאַם־ברעג האָבן געסקריטשעט אונטער זײַנע פֿיס. אַ לײַכט ווינטל האָט צוגעבראַכט דעם גערויש פֿון די מאָטאָרן.

— זע, זע, אָסיפּאָוו! — האָט לאָס אויסגעשריגן אַן איבערראַשטער.

— אַ מאָטאָריזירטע פּיראָגע! ווי געוואַלדיק! אָט דאָס, גוטער ברודער, איז אַ געשעעניש!

אַ שמייכל האָט באַלויכטן אָסיפּאָווס פּאָנעם. ער האָט געשוויגן און ווי אַ פֿאַרקישעפּטער געקוקט אַף דער פּיראָגע.

— זע, זי גייט פֿאָרויס די וואַלפֿיש־שיפֿלעך!... ווי׳אַזוי האָט מען עס צוגעטשעפּעט דעם מאָטאָר צו דער פּעל? דאָס איז אינטערעסאַנט! — איז אָסיפּאָוו אַנטציקט געווען.

— וואָס הייסט עס? זיי פֿירן נאָך איין וואַלפֿיש־שיפּל אָ צוגעטשעפּעטן! פֿון וואַנען האָבן זיי עס גענומען. און די צוויי מאָטאָרן? האָבן זיי אַליין געמאַכט אַ מאָטאָר? — האָט לאָס געשטוינט.

צום יאַם־ברעג זײַנען געלאָפֿן די באַוווינער פֿונעם לאַגער, די דעלעגאַטן, די לערערס, די מיטגלידער פֿונעם רעווקאָם און אַפֿילע פּיאָטר פּעטראָוויטש.

דער ספּעקטאַקל איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. די פּיראָגע האָט הינטער זיך אַריבערגעיאָגט די וואַלפֿיש־שיפֿלעך. און אין פֿולן גאַנג, איז זי מיט אַזאַ קויעך אַרויפֿגעפֿלויגן אַפֿן זאַמד, אַז אַ האַלבער סקעלעט אירער איז

שטיין געבליבן אָפּן ברעג מיט דער פאָדער־טייל אויפגעהויבן. ליאָק איז אָן ערנסטער געזעסן מיט די הענט אַף דער שטײַער־ראָד און האָט מיט אַ ני־צאָכנדיקער מינע געקוקט אַף דעם אַרומשטייענדיקן אוילעם.

די מענטשן האָבן זיך געגריסט, געטרייסלט און געדריקט די הענט, ווי זיי וואָלטן אַלע געווען פון דער מישפּאָכע.

לאָס האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אַף כאַכלאָוון.

— וואָס־זשע, ביסט געוואָרן אַ פּאַיאַץ ? — האָט ער אים אומצופרידן געפרעגט נאָכדעם ווי ער האָט אים געגריסט. — וואָס איז עס פאַר אַ קאָ־מעדיע ?

כאַכלאָוו האָט צעטומלט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דעם גלאַנציקן אויסגעראַזירטן רעדל אָפּן קאָפּ און איבער די לאָקענעס וואָס זײַנען אים אַראָפּגעהאָנגען. דערנאָך האָט ער אָנגעוויזן אַף סאָבליערן וואָס איז געזעסן אין דער פירלאָגע, און האָט געענטפערט :

— איך האָב געמוזט דורכפירן אַ פּלאַן, כאָטשער דעלעגאַט פונעם רעוו־קאָם. אַט דער וואָרעם איז מיר שיר ניט אַנטרונען קיין נאָרד־אַמעריקע.

לאָס האָט אויסגעהערט כאַכלאָווס באַריכט און האָט באַפוילן :

— פירט זיי אַרײַן אין באַזונדערע צימערן, מיט אַ וואָך בײַ דער טיר.

לאָס האָט פרײַנטלעך געגריסט ליאָקן :

— גוט מאָרגן ! דו ביסט אויך דאָ ?

— יאָ, איך בין דאָ. איך בין געקומען דיך זען.

— זייער וווּיל !

ליאָק האָט שעלמיש געקוקט אַף לאָסן און האָט אים שטילערהייט געזאָגט, ווי ער וואָלט אים אַ סאָד פאַרטרויט :

— איך האָב אַ סאַך טעג געטראַכט מיקויעך אונדזער שמועס. געדענקסט העט דו ביסט געקומען זען די רוסאַקאָווס און ביסט אַרײַנגעגאַנגען צו מיר אין דער „יאַראַנגאַ״ ?

— איך געדענק. איך געדענק. מיר האָבן גערעדט וועגן די נאָרד־אַמע־ריקאַנער שוועבעלעך ?

— ניט אין די שוועבעלעך גייט עס. — האָט ליאָק אָפּגעזיפצט. — איך קען מאַכן פײַער אַפילע מיט די שטעקעלעך צום בראָטן פלייש. איך רײַב איין שטעקעלע אָנעם צווייטן ביז זיי דערהיצן זיך און איך האָב פײַער. דער מאַטאָר, דאָס זעסטו, איז שוין עפּעס אַנדערש ! אייַנער אַליין קען מען אים ניט מאַכן. איך האָב לאַנג, זייער לאַנג געטראַכט. און נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעטראַכט, האָב איך באַשלאָסן אַרײַנטרעטן אינעם קאָאָפּעראַטיוו. איך בין אַ גרויסער יעגער, און האָב מיך דערזען אַן איבערגעיאָגטן פון געוויינ־לעכע יעגערס. די ענמאַקײַער ווײַבער אַפילע האָבן מיך איבערגעיאָגט ! דער מאָטאָר האָט מיר אין האַרצן געטראָפן ! אָ, ווי געטראָפן ! און אַזוי ווי איך וויל ניט זײַן צום געלעכטער, בין איך אַרײַן אינעם קאָאָפּעראַטיוו. איצט האָב איך אויך אַ מאָטאָר. האָסט געזען ווי מײַן פירלאָגע גייט ?

— זי גייט אויסגעצייכנט, פּרעכטיק ! און דו האָסט זייער גוט געטאָן, ליאָק, וואָס דו ביסט אַרײַנגעטראָטן אינעם קאָאָפּעראַטיוו. דו ביסט אַ גרוי־

סער יעגער, אַרבעטסט אַ סאַך. ניט ווי אַליטעט, וואָס פלעגט צונעמען באַ די יעגערס זייערע פוקסן־פעלן אומזיסט. דו ביסט אַן אַרבעטער, ליאָק, און דערפאַר האָסטו גרויס געניטקייט אין יאַגד. קענסט גוט דאָס לעבן, און מענטשן דאַרפן דיך פאָלגן. — האָט לאָס געזאָגט אַ געררירטער.

דער אַלטער האָט גרויס פאַרגעניגן געהאַט דערפון וואָס לאָס אַליין האָט וועגן אים אַזאַ געהויבענע מיינונג. דאָך, האָט ער אַ זאָג געטאָן, ניט מינערנדיק זײַן אייגענע כשיוועס:

— יאָ, איך קען אַ ביסל דאָס לעבן. זאָגסט, אַז מענטשן דאַרפן מיך פאָלגן? — האָט ער איבערגעפרעגט. — יאָ, מען דאַרף מיך פאָלגן. איצט בין איך פּרעזידענט פונעם קאָאָפּעראַטיוו.

— מען האָט דיך אויסגעקליבן פאַר פּרעזידענט? — האָט זיך לאָס געוווּנדערט.

— יאָ, איך האָב געהייסן מיך אויסקלײַבן.

מיסטער ניקס גרינעם קופערט האָט מען אַריבערגעטראָגן אינעם רעווקאָם.

— אַ נו, כאָכלאָוו, עפן אים נאָר אויף! דו האָסט געזען וואָס אין אים איז פאַראַן? — האָט לאָס געפרעגט.

— ניין, כאַווער דעלעגאַט. מיר האָבן דערויף קיין צײַט ניט געהאַט. — האָט כאָכלאָוו געענטפערט און האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע דעם שליסל, וואָס ער האָט צוגענומען באַ ניקן.

דער שלאָס האָט אַ סקריטשע געטאָן און כאָכלאָוו האָט אויפגעהויבן דאָס דעקל פונעם קופערט.

— אָ! מיר דוכט זיך, אַז דאָ איז פאַראַן גאָלד. — האָט ער אויסגעשריגן. — און אין דעם ווינקל בלויז פּאַפּירן.

— נעם דאָס אַלץ אַרויס. — האָט לאָס אים געזאָגט.

— מיר דוכט זיך, כאַווער דעלעגאַט, אַז מיר וועלן אין זיי גאָרנישט ניט פאַרשטיין. זיי זײַנען געשריבן ניט אין רוסיש.

— נעם אַרויס, נעם אַרויס. ווער עס דאַרף וועט שוין פאַרשטיין.

— מאַפּעס... און אַ העפט געשריבן אין רוסיש.

— גיב אים נאָר אַהער. — און לאָס האָט אַן אומגעדולדיקער גענומען בלעטערן דעם העפט.

— דאָ איז פאַראַן נאָך איינער.

— דאָס איז דאָך דיאַגילעווס העפט! — האָט לאָס אויסגעשריגן אַ דערשטוינטער.

כאָכלאָוו מיט רוסאַקאָוון האָבן זיך איבערגעקוקט. לאָסן איז דאָס בלוט געקומען אין פּאָנעם אַרײַן.

— פאַראַן נאָך העפטן געשריבענע אין רוסיש. — האָט דער מיליציאָנער געזאָגט. נאָר לאָס האָט זיי באַ אים ניט גענומען און האָט דערשראָקן אַ פרעג געטאָן:

— ווי קומען זיי אין דעם קופערט?

— און מײַן בריוול? — האָט רוסאַקאָוו זיך דערמאָנט.

כאָכלאָוו האָט אַרויסגענומען דיאַגילעווס בריוול צו רוסאַקאָוון און האָט עס דערלאַנגט לאָסן.

לאָס האָט איבערגעלייענט דאָס בריוול און האָט זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— זיי האָבן אים דערהאַרגעט! באַנדיטן!

קאַפּיטל VIII

די קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן גאַנץ פרי. דער אַלטער איליטש, ליאָק, רוסאַקאָוו, דער דאָקטער פּיאָטר פּעטראָוויטש און וואַמטשאָ האָבן פאַרנומען זייערע פּלעצער אין דער פּרעזידענץ. לאָס האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן וואַמטשאָן. אַף די בענק אינעם זאַל, האָבן אַן ערעך פופציק פאַרשוין — דעלעגאַטן און פאַרבעטענע געסט פון פאַרשיידענע לאַגערן — נײַגעריק געקוקט אַף די ווענט, באַצירטע מיט רויטער לײַוונט. און כאָטש די דעלעגאַטן זײַנען נאָך געווען אַנאַלפאַבעטן און האָבן נאָך ניט געקענט איבערלייענען וואָס אַף זיי האָט זיך געשריבן, האָבן די לײַוונטער זיי געפרייט מיט זייער גלאַנציקן יאָנטעוודיקן קאָליר. אַלע דעלעגאַטן האָבן געטראָגן זייערע פוטערנע „קוכליאַנקעס”, ניט געקוקט דערויף וואָס אין זאַל איז געווען גענוג וואַרעם.

— כאַווײרים! — האָט לאָס פײַערלעך אָנגעהויבן. — צום ערשטן מאָל קומען מיר זיך הײַנט צונויף אַף דורכצופירן אַזאַ באַראַטונג. אַף דער גרויסער ערד ווייסט מען, אַז מיר האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט, און פון פּעטראָפּאַוולאָווסק, פון כאַבאַראָווסק און אויך פון מאָסקווע באַגריסט מען אונדז און מען ווינטשט אונדז אַ סאַך דערפאָלג אין אונדזער אַרבעט.

לאָס האָט גענומען אין דער האַנט אַ פּעקל פּאַפּירן פונעם טיש. געווען זײַנען עס באַקומענע ראַדיאָגראַמעס פונעם געגנטלעכן רעווקאָם, פונעם ווײַטמיזרעכדיקן אויספיר־קאָמיטעט, פונעם הילפס־קאָמיטעט פאַר די צאָפן־פעלקער, וואָס איז אָנגעשלאָסן צום אויספיר־קאָמיטעט פון גאַנץ רוסלאַנד. לאָס האָט איבערגעלייענט די דעפּעשן און האָט פאַרטײַטשט זייערע טעקסטן.

— הײַנט האָבן מיר באַקומען אַ צווייטע טעלעגראַמע פון וולאַדיוואָסטאָק, אונטערגעשריבן פון מענטשן וואָס איר קענט זיי זייער גוט. עס גריסן אונדז אַנדריי און איע.

דער דאָקטער פּיאָטר פּעטראָוויטש און רוסאַקאָוו האָבן גענומען אַפּלאָדירן. ליאָק און איליטש האָבן זיך איבערגעקוקט און אַז זיי האָבן דערזען וואַמטשאָ פּאַטשט אין די הענט, האָבן זיי אויך אַפּלאָדירט און ענטוזיאַסטיש געשמייכלט.

אין זאַל איז קיין אויסערגעוויינלעכס ניט פאָרגעקומען, נאָר ווען לאָס האָט געהערט די אַפּלאָדיסמענטן, האָט ער געשײַנט. געווען איז עס בײַ אים דער פריידיקסטער מאָמענט אין זײַן לעבן: ער האָט געזען די פרוכט פון זײַן אַרבעט. אינעם זאַל זיצן די מענטשן, וואָס ער פירט זיי זײַט העכער אַ יאָר צום נײַעם לעבן. און אויך ער האָט הילכיק אַפּלאָדירט און גליקלעך געשמייכלט.

— כאַווײרים! — האָט ער דערנאָך אַ געריטער געזאָגט און האָט גענומען לייענען זײַן באַריכט. — מיר ווען איצט ריידן וועגן דעם וואָס אַזוינס איז די סאָוועטישע מאַכט, וואָס אַזוינס וויל פאַר אײַך טאָן די סאָוועטישע מאַכט, וואָס זײַנען די שיי־וועט־סאָוויעטן און וואָס דאַרפן זיי טאָן.

לאָס האָט אָנגעוויזן אַף די בילדער, וואָס זײַנען געהאַנגען אַף דער וואַנט, און האָט ווײַטער גערעדט:

— אָט די צוויי מענטשן, לענין און סטאַלין, האָבן אײַנגעשטעלט די סאָוועטישע מאַכט. זיי לערנען אונדז, אַז אַלע פעלקער פון אונדזער ערד, דאַרפן לעבן אין שאָלעם און אין אייניקייט, מיט אַכטונג פון איינעם צום

צווייטן. די צוויי מענטשן האָבן געשאַפן דאָס נײַע געזעץ אינעם שטענדיקן קאַמף קעגן די שלעכטע מענטשן. איצט ווייסט איר אַליין, אַז אויך דאָ איז שווער אָנצוּווענדן דאָס נײַע געזעץ. עס שטערן אונדז דאָ אַזוינע מענטשן ווי אַליטעט אָדער ווי זײַן פֿאָטער, דער שווינדלערישער שאַמאַן קאָראַגוע. זיי האָבן מוירע פֿאַר דעם געזעץ, ווײַל ער לוינט זיי ניט. זיי זײַנען געפֿאָרן אין שליטנס געשפּאַנטע מיט די בעסטע הינט, אין זייערע הײַזער האָט קיינמאָל ניט געפֿעלט קיין פֿלייש. און די מענטשן, וואָס האָבן פֿון זייערטוועגן געכאַפּט די מאָרזשן, האָבן דערנאָך געמוזט גיין צו זיי בעטן אַ שטיקעלע פֿלייש. אַזאַ געזעץ איז אומגערעכט. די סאָוועטן־מאַכט וואַרפֿט דאָס אָפּ און שאַפֿט אָנשטאָט דעם געזעץ אַ נײַעם, אַ גערעכטן...

לאָס האָט גערעדט פּאַמעלעך, ער האָט זיך באַמיט, אַז יעדעס וואָרט זאָל גרייכן צום האַרץ פֿון די פֿאַרזאַמלטע דעלעגאַטן. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿונעם טשוקטשי־פֿאָלק האָט מען איצט גערעדט וועגן דעם ווי צו מאַכן דאָס לעבן גוט פֿאַר יעדן איינעם.

אין ווען לאָס איז שטיל געבליבן, האָט ליאָק אַ געשריי געטאָן מיט זײַן שנײַדיקן קאָל:

— היי, אוילעם! איך וועל ריידן. הערט מיך צו... אַלע האָט איר געזען מײַן פּיראָגע?

— מיר האָבן זי געזען. מיר האָבן זי געזען! — האָבן זיך דערהערט קולעס אינעם זאַל.

— און ווער עס האָט נאָך ניט געזען, זאָל צוגיין צום יאַם־ברעג. דאָס איז אַ גוטע און אַ שטאַרקע פּיראָגע. און דאָך בין איך צוריקגעבליבן הינטער די וואַלפֿיש־שיפֿלעך פֿונעם קאָאָפּעראַטיוו. איך האָב מיך געשעמט. אַ סאַך מענטשן ווייסן, אַז איך בין אַ גרויסער יעגער, נאָר איך בין געבליבן פֿון הינטן. און איך האָב אָנגענומען דאָס נײַע געזעץ פֿון לעבן. ווען לאָס איז דעם ווינטער געקומען צו אונדז אין לאַגער, האָבן מיר אַ סאַך גערעדט, נאָר איך האָב אים ניט געגלויבט. דערנאָך איז געקומען דער פֿרילינג און איך האָב מיך דערמאָנט אָן אים. — דערבײַ האָט דער אַלטער אָנגעוויזן אויף לאָסן. — דעמאָלט האָב איך שוין געגלויבט. נאָך אַלעמען, איז מיר נאָך איין אויג געבליבן. די ווײַבער אַפּילע, ווײַל זיי האָבן געהאַט דעם מאָטאָר, האָבן געכאַפּט מער מאָרזשן פֿון מיר. און דעמאָלט האָב איך געוואָלט ווערן פֿאָרזיצער.

דער אַלטער איליטש האָט פּלוצים גענומען אַפּלאָדירן.

ליאָק האָט אויף אים אַ קוק געטאָן:

— זאָג איך דעם עמעס? — האָט ער אים שטיל אַ פֿרעג געטאָן.

— דעם עמעס, דעם עמעס. — האָט איליטש מאַסקים געווען.

ליאָק האָט זיך אַוועקגעזעצט.

און אַלע האָבן געוואָלט ריידן וועגן דעם נײַעם לעבן.

עס האָבן גערעדט וואַמטשאַ, יאַראַק, אַסיפּאַוו און נאָך דעלעגאַטן. אַ סאַך האָבן אָפּגעווייכט פֿון לאָסעס באַריכט, נאָר אַלע האָבן גערעדט וועגן דעם נײַעם לעבן.

— און איך מעג ריידן? — האָט אומדרײַסט געפֿרעגט אַמריטאַגען.

— נאַטירלעך. ס'איז אַפּילע אַ כוויו זאָלסט ריידן. — האָט לאָס געענטפֿערט.

— באַ אונדז אינעם לאַגער האָט אָפּגעברענט די „יאַראַנגאַ" פֿון אַ יע־

גער. ער האָט נאָר צײַט געהאַט צו כאַפּן זײַן אָנטאָן און אַרויסלויפן. דערנאָך האָט דער שאַמאַן אים געזאָגט: „מען דאַרף אַרײַנוואַרפן אין פײַער דאָס אָנטאָן און אַלץ וואָס דאָס פײַער האָט געשוינט”. אַזוי האָט דער יעגער געטאָן און איצט זיצט ער אַ נאַקעטער בײַ מיר אין דער „יאַראַנגאַ”. דער שאַמאַן האָט אים געשיקט זײַנע אַלטע מאַלבושים. נאָר דער יעגער האָט זיך באַטראַכט און האָט געזאָגט: „בעסער ניט נעמען, וואָרעם איך וועל אים מוזן צוויי ווינטערן נאָכאַנאַנד אָפּגעבן אַלע פעלן וואָס איך וועל האָבן, פאַר זײַנע אַלטע שמאַטעס”. און ער זיצט נאָך אַלץ אַ נאַקעטער. וואָס טוט מען?

— און אַמריטאַגען האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אַף דער באַנק.

פּלוצים האָבן זיך דערהערט געשרייען אין דרויסן.

— רעו! רעו! רעו!

און דער זאַל איז די מינוט געבליבן ליידיק. ליאָק איז געלאָפן פאַר אַלעמען. אָפן יאַם האָט זיך באַוויזן אַ וואַלפיש. אויך רוסאַקאָוו איז אַרויסגעלאָפן.

— וואָס האָט פּאַסירט, ניקיטאַ סערגייעוויטש? די גאַנצע סאָוועטן־מאַכט איז אַנטלאָפן? — האָט דער דאָקטער אַ שמייכל געטאָן.

— עס מאַכט ניט אויס, פּיאָטר פּעטראָוויטש. מירן מאַכן אַן איבעררײַס. — האָט לאָס געענטפערט.

אין דער צײַט האָט ליאָק אָפן יאַם־ברעג שוין געגעבן פאַראָרדענונגען.

— ברענגט נאָך פּאָקע־פּענכערס! בלאָזט זיי אָן ווי ווײַט איר קענט!

— האָט ער געשריגן אַ דערהיצטער. באַם יאַם־ברעג האָבן יינגלעך געבלאָזן אין פּאָקענע זעק דורך אַ קליין לעכל. געבלאָזן וויפל זיי האָבן געקענט, האָבן זיי דאָס לעכל פאַרשטעקט מיט דער צונג, דערנאָך אײַנגעאָטעמט לופט דורך דער נאָז און ווײַטער געבלאָזן. אָנגעבלאָזענערהייט האָבן די זעק אויסגעזען ווי לעבעדיקע פּאָקעס מיט זייערע פלוספעדערן. עס האָט זיי נאָר געפעלט דער קאָפּ.

אַף דער גלאַטער אויבערפלאַך פונעם יאַם, האָט דער וואַלפיש אַרויפגעשאָסן אַ פאָנטאַן וואַסער, וואָס האָט געפינקלט אַף דער זון.

— האַרפּון־וואַרפערס צו דער פּיראָגע! רוסאַקאָוו צום מאָטאָר! — האָט ליאָק געשריגן.

— ניטאָ זיך וואָס צו אײַלן, ליאָק. — האָט איליטש געזאָגט. — גאַ־זאַלין איז מיט אונדז. ער איז אַ גוטער גײַסט.

און די צוויי אַלטע לײַט האָבן גענומען אײַנטיילן יעדן איינעם זײַן אַרבעט. ליאָק וועט אַרויס אַף פּריער. פון זײַן פּיראָגע וועלן די פלינקסטע האַרפּון־וואָרפּערס וואַרפן זייערע האַרפּונען אינעם יאַם־ריז; די וואַלפיש־שיפלעך — פינף פון יעדער זײַט — וועלן אַרומרינגלען די כאַיע און שיסן מיט אויפרײַס־קוילן אין קאָפּ אַרײַן; אינעם פאָדערשטן וואַלפיש־שיפל וועט זיצן איליטש.

— היי, שטײַער־מענער! נאָך מיר! — האָט ליאָק פאַראָרדנט אָפן הויכן קאָל.

דער וואַלפיש איז זיך רויק און פאַמעלעך געשוווּמען. ער האָט אײַנגעאָטעמט לופט און האָט דעם קאָפּ אונטערגעטונקען אינעם יאַם. דעמאָלט האָט זיך זײַן שוואַרצער רוקן ווי אַ באַרג אַרויסגעהויבן, אַזאַ גלאַנציקער, ווי ער וואָלט געווען אַן אָפּגעלאַקירטער. ווי אַן אײַנדזל בעיס אַ פאַדטרינקעניש, האָט ער זיך ביסלעכווײַז אונטערגעטונקען, האָט אַ פּאַטש געטאָן

מיט דעם עק און איז פאַרשווונדן. נאָר אין דעם אויגנבליק האָט דער קאָפּ זיך שוין אַרויסגעהויבן אַף אַ ווייַטערדיקן אָרט און האָט צעשפּאַלטן די גלאַטע יאַם־אויבערפלאַך. און ווידער האָט אַ מעכטיקער פאָנטאַן אַרויפגע־שפּריצט. דאָס וואַסער האָט געשפּילט אַף דער זון מיט רעגנבויגן־פאַרבן.

ליאָק האָט פונעם אויג ניט אַרויסגעלאָזט דעם יאַם־ריז און האָט גע־געבן פאַראָרדענונגען די שטייַער־מענער פון די שיפלעך.

„אָ, דאָס וועט זייַן די גרויסע יאַגד! דאָס איז דיר ניט קיין פאָקע, וואָס מען קען זי כאַפּן מיט דער לינקער האַנט!"

ווי דער גאָנער וואָס גייט פאָרויס דער הערטע געגנדז איז די פּיראָגע געשווומען איבערן רויִקן יאַם־פלאַך. הינטער איר, זייַנען מיט זייערע צע־רויִשטע מאָטאָרן, געשווומען די שיפלעך, צו פינף אין אַ גרופּע. ליאָק איז געזעסן אַף דער קערמע פון זייַן פּיראָגע, האָט געקוקט צו די וואַלפיש־שיפלעך און האָט געשייַנט פאַר פרייד.

„אָ, אַזאַ גרויסע יאַגד איז נאָך קיינמאָל ניט געווען!" אַף ביידע זייַטן פּיראָגע זייַנען געזעסן אַכט געניטע האַרפון־וואַרפערס, פיר פון רעכטס און פיר פון לינקס. יעדער איינער פון זיי האָט געוואָלט זייַן דער ערשטער צום וואַרפן דעם האַרפון אינעם יאַם־ריז. ווען מען וועט פּראַווען דעם וואַלפיש־יאָנטעוו און מיידלעך וועלן טאַנצן און זינגען צום טאַקט פון די פּייַקלעך, וועט דער ערשטער האַרפון־וואַרפער פאַרנעמען איינעם פון די כאָשעווסטע ערטער. זיי האַלטן דעריבער איצט וואַך דאָס אויג מיט די האַרפונען גרייט. צופוסנס זייַנען געלעגן די פענכערס, צוגעבונדן צו די האַרפונען מיט דיקע מאַרזשן־שטריק.

די פּיראָגע האָט אָנגעיאָגט דעם וואַלפיש און מיט אַ האַסטיקן אומדריי איז ליאָק אַקעגנגעגאַנגען דעם ריז. ער האָט די האַנט אויפגעהויבן און דער מאָטאָר איז שטיל געבליבן. ליאָקן האָט מען פאַרשטאַנען אָן ווערטער. דער וואַלפיש האָט רויִק געקוקט אַף ביידע זייַטן. ער האָט ניט געקענט זען די פּיראָגע, וואָס איז, אַ געפּירטע מיט קליינע ווע‌סלעס, שטיל און גלייַך גע־שווומען צו זייַן קאָפּ. אַ פאָנטאַן האָט אָפּגעשפּריצט די יעגערס. באַלד דע־רויף איז זייַן קאָפּ פאַרשווונדן אונטערן וואַסער.

— האַרפון! — האָט ליאָק אַ געשריי געטאָן.

די פּיראָגע האָט זיך אָנגערירט אָנעם רוקן פונעם וואַלפיש. פיר יעגערס האָבן אים זייערע האַרפונען געוואָרפן און פיר פענכערס זייַנען אַפן וואַסער געפאַלן. אין דעם אויגנבליק האָט דער וואַלפיש אַ שטאַרקן פּאַטש געטאָן מיטן עק איבערן וואַסער. דער יאַם האָט זיך צעוויגט און די פּיראָגע איז אַרויף אַפן קאַם פון אַ כוואַליע.

— מאָטאָר! — האָט ליאָק ווידער אַ געשריי געטאָן.

רוסאַקאָוו, אַ בלייך געוואָרענער, האָט אַ צי געטאָן דאָס שטריקל, דער מאָטאָר האָט זיך צעכריפּעט און די פּיראָגע האָט זיך אויסגעדרייט און איז אָפּגעטראָטן.

די האַרפונען זייַנען געבליבן אייַנגעשטאָכן אינעם וואַלפיש; די פענ־כערס זייַנען פאַרשווונדן אינעם יאַם.

— ער הייבט זיך אָן צו בייזערן. — האָט ליאָק געזאָגט וועגן דעם וואַלפיש. — זאָל ער שלעפּן די פיר פענכערס. — האָט ער צוגעגעבן און האָט געקוקט צו די שיפלעך, וואָס האָבן זיך שוין געיאָגט צו דעם אָרט וווּ דער וואַלפיש איז שוין געשווומען.

די פענכערס זײַנען אַרויפֿגעקומען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער וואַל־פֿיש ווידער אַרויפֿגעשאָסן אַ פֿאָנטאַן און האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. איליטש האָט די האַנט אויפֿגעהויבן. פֿון די שיפֿלעך האָט מען גענומען שיסן. די פּיראָגע איז ווידער צוגעקומען צום וואַלפֿיש. דער מאָטאָר האָט געאַרבעט. כאָטש רוסאַקאָוו האָט מער קיין כּיישעק ניט געהאַט נאָענט צוצוקומען צום ריז. נאָר ליאָקן האָט שוין קיין זאַך ניט געקענט אָפּהאַלטן.

— האַרפּון! — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט אַ דורכדרינגענדיקן קאָל.

נאָך פֿיר האַרפּונען האָבן זיך אײַנגעשטאָכן אינעם וואַלפֿיש, און די כוואַליע איז ווידער פֿאַרשוווּנדן און האָט ווידער מיטגעשלעפּט מיט זיך די אַכט פֿענכערס. די פּענכערס האָבן געפּאַטשט איבערן וואַסער ווי לעבעדיקע פּאָקעס.

ליאָק האָט אָפּגעטראָטן און די פֿיר שיפֿלעך, אונטער דער קאָמאַנדע פֿון איליטשן, האָבן זיך ווידער אַ לאָז געטאָן אַניאָגן דעם ריז.

די פּיראָגע האָט געמאַכט אַן אומקרײַז, און איין האַרפּון־וואַרפֿער האָט אָפּן פֿאָדערטייל אַוועקגעלייגט אַ ספּעציעלן פּענכער, געמאַכט מיט דער פֿעל פֿון אַ געקרײַזלטער פּאָקע, מיט אַ לאַנגן שטריק.

ליאָק האָט גרויסע קרײַזן געמאַכט אַרום דעם וואַלפֿיש און האָט זיך צוגעקוקט צום שיסן און צו די פּענכערס.

— זאָל ער זיך צוגעווּוינען שלעפּן אַכט פּענכערס. — האָט דער אַל־טער געזעדט צו רוסאַקאָוון.

דערנאָך האָט ער אויסגעקירעוועט די פּיראָגע און איז אין פֿולן גאַנג צוגעשוווּמען צו איליטשעס שיפֿל.

די מאָטאָרן האָבן געזשוּמעט. אַ גרויסער אוילעם האָט פֿונעם ברעג נאָכ־געפֿאָלגט די גרויסע יאָגד אָפֿן וואַלפֿיש.

די פּיראָגע איז צוגעשוווּמען צום וואַלפֿיש־שיפֿל און צוויי האַרפּון־וואַרפֿערס האָבן זיך אָן איר אָנגעקלאַמערט. ליאָק איז געשוווּמען האַנט בײַ האַנט מיט איליטשן.

— אַ גוטער פֿאַנג, איליטש! — האָט ער פֿריילעך אויסגעשריגן.

— אַ גרויסער פֿאַנג! — האָט איליטש געענטפֿערט.

דאָס וואַלפֿיש־שיפֿל מיט דער פּיראָגע זײַנען אַלץ געשוווּמען באַנאַנד. זיי האָבן אויפֿגעהערט נאָכיאָגן דעם וואַלפֿיש, כאָטש זיי האָבן אים פֿונעם אויג ניט אָפּגעלאָזט, און האָבן זיך אַלץ געדרייט אַרום אים.

— זאָל ער שלעפּן די פּענכערס. — האָט ליאָק געזאָגט.

— זאָל ער לײַדן אַ ביסל. — האָט איליטש ציגעגעבן.

די צוויי אַלטע לײַט האָבן זייערע ליולקעס אָנגעשטאָפּט מיט „פּאָפּי־שאַ" און האָבן זיך צוגעזעצט רייכערן.

— אַ שנעלע יאָגד! — האָט איליטש זיך אָנגערופֿן נאָכדעם ווי ער האָט עטלעכע לאַנגע ציִ געטאָן פֿון דער ליולקע.

— זייער אַ שנעלע, געדענקסט, איליטש, ווי איך האָב מיך איינמאָל דרײַ טעג נאָכאַנאַנד געיאָגט נאָך אַ וואַלפֿיש? איצט קען מען עס מאַכן איינס און צוויי.

— מען וועט דאַרפֿן פֿאַרבעטן לאָסן צום וואַלפֿיש־יאָנטעוו. ווען ניט ער, וואָלט איך אַזאַ גוטן יאָגד ניט מיטגעמאַכט. איך בין גאָר איצט יונג געוואָרן. האָסט געזען ווי איך האָב אָנגעפּירט מיט דעם וואַלפֿיש־שיפֿל?

— כּעוורע האָט גוט געשאָסן. — האָט ליאָק געלויבט די יעגערס. — האָבן געטראָפֿן ווו מען דאַרף.

די שיפלעך זײַנען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. פון אַלע זײַטן האָט זיך געהערט דער געפּלוידער פון די מאָטאָרן, ווי אויך זיי וואָלטן דערציילט וועגן דעם גוטן יאָגד.

אַ פאַרוווּנדיקטער און אַ דערשעפּטער, האָט דער וואַלפיש געשלעפּט די אַכט פּענכערס. פון צײַט צו צײַט האָט ער זיך מיט זיי אונטערגעטונקען, נאָר די פּענכערס האָבן אים געצוווּנגען אַרויפקומען אָפן וואַסער.

נאָך אַ ווײַלע רייכערן, האָט ליאָק זיך אָפּגערוקט פון איליטשעס שיפל און איז צוריקגעשווומען צום וואַלפיש.

— האַרפּון! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, און איז אָפּגעטראָטן פון דער שטײַער־ראָד צום פאָדערטייל פון דער פּיראָגע און האָט אַליין געוואָרפן דעם לאַנגן שטריק מיט דעם געקרײַזלטן פּענכער. דער שטריק האָט זיך שנעל געגליטשט פון זײַנע הענט. ווען ער האָט געהאַט נאָכגעלאָזט אַ היפּשע צאָל מעטערס, האָט ער אײַנגעהאַלטן דעם שטריק און דער וואַלפיש האָט געשלעפּט די פּיראָגע. רוסאָקאָוו האָט אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר.

— איצט וועלן מיר מאַכן אַ שפּאַציר מיט דעם וואַלפיש! — האָט ליאָק פריילעך געשריגן. די האַרפּון־וואַרפערס האָבן געשמייכלט, נאָר רוסאָקאָוו האָט געקוקט מיט מוירע אָפן יאַם־ריז.

ווען ליאָק האָט דערפילט, אַז דער וואַלפיש טונקט זיך אונטער, האָט ער שנעל אַ צי געטאָן דעם געקרײַזלטן פּענכער.

— מאָטאָר! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו רוסאָקאָוון.

דער מאָטאָר האָט זיך צעכריפּעט און דער נײַער שטײַערמאַן האָט גע־פירט די פּיראָגע נאָכן געקרײַזלטן פּענכער. ליאָק האָט זיך איבערגעבויגן איבערן פאָדערטייל און האָט די הענט אויסגעשטרעקט אַנטקעגן דעם פּענ־כער. געלונגען איז אים כאַפּן דעם פּענכער אינמיטן שווימען און ער האָט גענומען אַרויפציִען דעם שטריק: ער האָט געוואָלט האָבן לויז דעם שטריק אָפן פאַל טאָמער טונקט זיך אונטער דער וואַלפיש און שלעפּט מיט די פּי־ראָגע מיט זײַנעם אַ האַסטיקן קער. נאָר דער ריז איז געשווומען אָף דער אויבערפלאַך און האָט די פּיראָגע געשלעפּט נאָך זיך.

ליאָק האָט געהאַלטן דעם שטריק אין די הענט ווי לייצעס, ווי ער וואָלט געפאָרן אין אַ שליטן מיטן הירשן. דער וואַלפיש איז געשווומען אַט ווײַטער און אַט נענטער פונעם ברעג, נאָר ליאָק האָט פעסט געהאַלטן דעם שטריק און די פּיראָגע איז נאָכגעשווומען דעם יאַם־ריז שפּאַלטנדיק דאָס וואַסער. נאָר אָט האָט דער וואַלפיש אינגאַנצן פאַרקירעוועט צום ברעג.

— שלעפּ, שלעפּ! — האָט ליאָק געשריגן און האָט געשטראַלט פאַר פרייד.

דער וואַלפיש האָט זיך אַרויסגעוואָרפן אָפן זאַמד נאָענט פונעם יִשעוו און איז ליגן געבליבן אַן אומבאַוועגלעכער. אַ האַלב פון זײַן ריזיקער מאַסע האָט געהערט אָף די שטיינדלעך פונעם ברעג. אַ גרויסער אוילעם האָט זיך אַרום אים אַרומגעקליבן. צוגעקומען זײַנען די וואַלפיש־שיפלעך און באַלד איז מען צוגעטראָטן די מאַסע צעשנײַדן. אויך די רעווקאָם־מיטגלידער זײַנען געקומען.

— נו, רוסאָקאָוו, איך באַגריס דיך מיט דײַן דערפאָלג אַלס יעגער. — האָט לאָס געזאָגט. — דערצייל מיר ווי איז עס צוגעגאַנגען.

— ד־ד־דערנאָך. איך בין נאָך צו ז־ז־זיך ניט געקומען. די נעשאָמע איז מיר נאָך אין די פּיאַטעס.

— אַזוי שרעקלעך איז עס געווען ? — האָט לאָס געשמייכלט.
— שטעל דיר פאָר ! מ־מ־מען זעצט זיך אַרויף דעם וואַלפיש אַפן רוקן. א־י־יך האָב געמיינט עס וועט פון דער פּיראַגע בלײַבן ניט מער ווי שפּענד־לעך. ס׳איז אַ שפּאַס מיינסטו ? אַ וואַלפיש ! ק־ק־קאַנאַנען דאַרף מען צו אים האָבן !

דאָס צעשנײַדן איז צוגעגאַנגען שנעל. צענדליקער מענטשן מיט שאַרפע מעסערס זײַנען ווי די פליגן אַרויף אַפן וואַלפישס קאָפּ. מען האָט שוין אָנ־געזען זײַן אונטערשטן קינבאַק ווי צווי טעלעגראַף־סלופּעס. אָף זײַן ריזי־קער צונג אַליין האָבן זיך געפּלײַסט פופציק פאַרשוין.

— ס׳וועט זײַן אַ גרויסער יאַנטעוו ! — האָט ליאָק זיך געווענדעט צו לאָסן.

— פריִער וועלן מיר פאַרענדיקן אונדזער פאַרזאַמלונג, דערנאָך וועלן מיר פּראַווען דעם יאַנטעוו.

ליאָק האָט דערזען דעם ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט מאַלאַדצאָוו מיט זײַן פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט אין די הענט און האָט צו אים געשריגן :

— טו דאָס ניט ! מען טאָר ניט ! באַהאַלט עס דיר !

— פאַרוואָס באַהאַלטן ? וואָס איז עס דען ? — האָט דער ראַדיאָ־טע־לעגראַפיסט געפרעגט.

— מען טאָר ניט, — איז ליאָק צוגעלאָפן, האָט געכאַפּט דעם דרײַפוס, האָט אָפּגעשטופּט די פאָטאָגראַפישע מאַשין און האָט שטרענג געוואָרנט דעם ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט :

— מען טאָר ניט !

— ניקיטאַ סערגייעוויטש ! — האָט מאַלאַדצאָוו געשריגן. — מען לאָזט מיך ניט פאָטאָגראַפירן.

— פאַרוואָס טאָר מען ניט, ליאָק ? — האָט לאָס געפרעגט.

— איך האָב איינמאָל דערהאַרגעט אַ וואַלפיש, האָבן די נאָרד־אַמערי־קאַנער אויך אַזוי געטאָן. דערנאָך האָב איך גאַנצע דרײַ יאָר קיין וואַלפיש ניט געזען. מען טאָר ניט.

— אויב אַזוי, ביסטו גערעכט. — האָט לאָס געזאָגט. — באַהאַלט דיר דעם אַפּאַראַט, איליושאַ.

— אַזאַ נאַרישקייט, ניקיטאַ סערגייעוויטש ! — האָט מאַלאַדצאָוו אומ־צופרידן אַ מורמל געטאָן און האָט ווידער אַנגעשטעלט זײַן אַפּאַראַט.

— ניין, ס׳איז ניט קיין נאַרישקייט. באַהאַלט אים דיר ! — איז שוין לאָס בייז געוואָרן.

און ליאָק האָט אָפּגעשאַצט אין איר פולן ווערט די שטעלונג פונעם רוסישן נאַטשאַלניק.

קאַפּיטל IX

די באַראַטונג האָט זיך געצויגן דרײַ טעג. דאָס איז בעעמעס געווען אַ יאַנטעוו פונעם גרויסן וואָרט. באַ יענע ברעגעס האָבן זיך נאָך קיינמאָל אַזויפיל מענטשן ניט צוזאַמענגעקליבן. ווען איינער האָט גערעדט, האָבן אַלע געהערט ; גערעדט האָט אַ צווייטער, אַ דריטער, און ווידער האָבן אַלע גע־הערט. אַמריטאַגען אַפילו, וואָס מער ווי דרײַ מענטשן פלעגן אים קיינמאָל ניט הערן ריידן, האָט איצט גערעדט אַז אַלע זאָלן הערן.

„אַך! נאָך אַלעמען הערט מען אויך מיךריידן". — האָט ער מיט שטאָלץ געטראַכט.

גערעדט האָט מען וועגן שייוועט־סאָוויעט, וועגן דעם רוסישן דאָקטער, וועגן דער שול, וועגן יאַגד, וועגן די האַנט־קאַנאַנען אַף צו האַרגענען וואַל־פ׳יש, וואָס מען קען פון זיי שיסן האַרפּונען פון ווײַטן, ווי פון ביקסן. מען האָט גערעדט פון ליאָקס מאָטאָריזירטער פּיראָגע. מען האָט גערעדט וועגן דעם לעבן און ווי דאָס צו אָרגאַניזירן קעדיי עס זאָל ווערן בעסער. יעדער איינער האָט גערעדט וועגן דעם וואָס ער האָט געפונען פאַר וויכטיקער.

וואַסמטשאָ האָט אַ סאַך גערעדט וועגן דעם לעבן און וועגן זײַנע באַ־ציִונגען מיט אַליטעטן. ער האָט דערציילט וויאַזוי אַליטעט האָט אַמאָל מיט קעראָסין באַגאָסן זײַן צי־שפּײַז, וויאַזוי דער שאַמאַן האָט אים אָפּגענאַרט און האָט אים געהייסן אַפּן שײַטער פאַרברענען זײַן פּרעזידענטן־צײַגעניש. ער האָט גערעדט אַן אויפגעבראַכטער, אַ מוטיקער און אַן אַנטשלאָסענער.

און דער אוילעם האָט אים באַוווּנדערט:

„ווי מוטיק וואַסמטשאָ איז געוואָרן!"

נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט לאָס אַרײַנגערופן וואַסמטשאָן צו זיך אין קאַבינעט און האָט אים געדריקט די האַנט און געזאָגט:

— בראַוואָ, וואַסמטשאָ! האָסט גוט גערעדט. אַזוי דאַרף מען קעמפן פאַרן נײַעם לעבן. די וואָס קעמפן פאַרן עמעס, פאַר אַ גערעכטיק לעבן, רופט מען קאָמוניסטן. ווילסט דיך פאַרשרײַבן אין דער פאַרטיי פון די קאָמוניסטן? פאַרשטייסט? איך מיין דעם קאָאָפּעראַטיוו פון די קאָמוניסטן.

— אַוואַדע וויל איך, לאָס. איך וויל שטאַרק. דוואָרקין, מײַן געטרײַער כאַווער, האָט מיר שוין אַ סאַך גערעדט וועגן די קאָמוניסטן. איך וועל טאָן ווי דו וועסט מיך ראָטן. דו ביסט אַ גערעכטער מענטש. זײַט אַ צײַט אַ לאַנג ווי איך זע דעם עמעס פון ווײַטן. איצט וויל איך אים זען פון דער נאָענט. און צוריק וויל איך ניט גיין.

— איך וויל דיך באַשטימען אַלס דעלעגאַט פונעם רעווקאָם פאַר אַלע לאַגערן פונעם צאָפנדיקן טייל קרײַז. פון צײַט צו צײַט וועסטו פאָרן איבער די שייוועט־סאָוויעטן און וועסט זיי אָנווײַזן ווי זיי דאַרפן טאָן. דער לערער דוואָרקין וועט דיר העלפן. האָסט פאַרשטאַנען, וואַסמטשאָ?

— גוט, לאָס. איך נעם אָן. איצט קען איך אומפאָרן. אַליטעטס אַ גור־טער שפּאַן היינט איז אַריבער צו מיר.

אָסיפּאָוו און רוסאַקאָוו זײַנען אַרײַנגעקומען אין קאַבינעט.

— נו, כאַוויירים, אונדזער פאַרטיי־קעמערל איז שוין פאַרזאַמלט. דער כאַווער וואַסמטשאָ וויל אַרײַנטרעטן אין דער פאַרטיי. מען דאַרף אים אַרײַנ־נעמען. וואָס דענקט איר?

שפּעטער האָט וואַסמטשאָ אָנגעטראָפן ליאָקן און האָט אים געוויזן זײַן פאַרטיי־קאַרנעט. וואַסמטשאָ האָט דעם אַלטן געזאָגט, אַז לאָס איז אַ קאָ־מוניסט און אַז ער איז אויך אַ קאָמוניסט. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַפּן דעק פונעם וואַלפיש־שיפל און ליאָק האָט באַקוקט וואַסמטשאָס רויטן קאַרנעט.

— וואָס־זשע איז אַ „קאָמוניסט"? — האָט ליאָק געפרעגט און האָט לאַנג דאָס אויג ניט אַראָפּגענומען פונעם קאַרנעט.

— אַ קאָמוניסט איז אַ מענטש, וואָס וויל איבעראַנדערשן דאָס לעבן.

— איבעראַנדערשן דאָס לעבן? — האָט ליאַק סקעפּטיש אים אויס־געפרעגט.

— יאָ. — האָט וואַמטשאַ פעסט געענטפערט.

— וואָס־זשע, ביסט געוואָרן אַ ווײַסער פּאַנעם, וואָס דו נעמסט זיך צו אַזאַ זאַך? דו האָסט דען אַ סאַך סכוירעס, ביקסן, קאַרטעטשן? האָסט אַ סאַך וואַלפיש־שיפלעך, אַ סאַך מאַטאָרן? לאָס האָט דאָס אַלץ. — האָט ליאַק געזאָגט. — האָסט געזען ווי רוסקאַוו פאָלגט אים? לאָז אים, זאָל ער אַליין איבעראַנדערשן דאָס לעבן. לאָז אים. דאָס איינציקע וואָס מיר קענען טאָן, איז אים ניט שטערן.

— עמעס, ליאַק, איך האָב ניט קיין סכוירעס. איך בין ניט קיין סוי־כער. נאָר איך וועל העלפן לאָסן איבעראַנדערשן דאָס לעבן. דו ווייסט דאָך ווי ווײַט עס ציט זיך אונדזער ברעגלאַנד.

— העלפן?... און איך קען אים דען ניט העלפן? איך בין פאָרזיצער, — האָט ליאַק שטרענג אַ זאָג געטאָן, און האָט געגומען בײַ וואַמטשאַן דעם קאַרנעט: — וואַרט אַ ווײַלע, איך וועל באַלד צוריקקומען.

ליאַק האָט געטראָפן לאָסן. ער האָט אים מיט אַ פינגער צוגערופן און האָט אים אָן אַ זײַט אַוועקגענומען, ביז צום ברעג פון אַן אַזערע.

— וווהין פירסטו מיך, ליאַק? — האָט לאָס געפרעגט.

— קום, איך האָב אַ נײַס.

זיי זײַנען צוגעקומען צו דער אַזערע. ליאַק האָט אַ קוק געטאָן אויף לאָסן און האָט אים געזאָגט:

— מיר דוכט זיך, אַז דו ביסט אַ גערעכטער מענטש. בײַ דער פאַר־זאַמלונג האָסטו געלויבט מײַן פּיראַגע. ביסט אַ מענטש וואָס פאַרשטייט. אויף איבערצואַנדערשן דאָס לעבן, האָסטו באַפוילן די סאַכרים זיי זאָלן ברענ־גען מאַטאָרן פאַר די אַנדערע פּיראַגעס. זאָלן די מענטשן וואָס האָבן פּיראַ־געס און וועלן באַקומען מאַטאָרן, קומען צו מיר. איך וועל זיי ווײַזן ווי מען דאַרף זיי צופּעסטיקן. מיר דוכט זיך, אַז איך וועל דיר קענען העלפן איבער־אַנדערשן דאָס לעבן. נאָך אַלעמען, האָט דאָס לעבן שוין אָנגעהויבן אַנדערש ווערן.

מיט די הענט פאַרלייגט אויפן רוקן, האָט לאָס זיך אײַנגעהערט וואָס דער דער אַלטער רעדט. ער איז צופרידן געווען וואָס אין ליאַקן דערוועקט זיך אָט די טעטיקייט.

— דו מיינסט, — האָט דער אַלטער ווײַטער גערעדט, — אַז איך זע ניט ווי דאָס לעבן איז אַנדערש געוואָרן?... איך זע. מײַן אויג זעט גוט. אַלץ זעט עס. און מײַן האַנט? — ליאַק האָט אים געוויזן זײַן ברייטע האַנט. — אַ שטאַרקע האַנט! אָט די האַנט ווייסט אַ סאַך. מיט איר האָב איך אויפגעבויט מײַן פּיראַגע און ווען איך זאָל געווען האָבן ברעטער, וואָלט איך אויך אַ וואַלפיש־שיפל אויסגעבויט. וואַמטשאַ וועט ניט קענען אויפ־בויען אַ וואַלפיש־שיפל און איך קען. אין איין ווינטער וועל איך עס מאַכן. דעם מאַטאָר וועל איך ניט קענען מאַכן, נאָר דאָס וואַלפיש־שיפל יאָ. — און האָט שטיל צוגעגעבן. — ווײַל ער איז פון אײַזן.

— מיך פרייט זייער, ליאַק, וואָס מיר וועלן ביידע אינאיינעם איבער־אַנדערשן דאָס לעבן. איך בין זייער צופרידן וואָס דו ביסט דער פאָרזיצער

פונעם קאָאָפּעראַטיוו. דאָס אַלץ איז זייער גוט. ביסט, הייסט עס, דורכויס אַנטשלאָסן אָנצונעמען דאָס נײַע געזעץ.

— יאָ. — האָט ליאָק מיט אַ זיפץ געענטפערט; דערנאָך האָט ער צעעפנט די האַנט, האָט אים געוויזן וואַאַמטשאָס קאַרנעט און האָט געפרעגט לאָסן: — פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געגעבן אַזוינס? וואַאַמטשאָן האָסטו געגעבן און מיר ניט.

— ווו האָסטו גענומען דעם קאַרנעט, ליאָק? — האָט זיך לאָס געוווּנדערט.

— איך האָב אים גענומען בײַ וואַאַמטשאָן קעדיי דיר אים צו ווײַזן.

— גוט, ליאָק, איך מיין, אַז אויך דיר קען מען געבן אַזאַ ביכעלע. ווילסט?

— אַוואַדע וויל איך.

— ווייסטו אָבער וואָס דאָס ביכעלע באַטײַט, כאַוועך ליאָק? זעץ דיך אַוועק, וועל איך דיר אויפקלערן.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַף דעם שטיינדלדיקן ברעג, האָבן אָנגעשטאָפּט זייערע ליולקעס מיט „פּאַפּושאַ" פון ליאָקס טאַבאַק־טאָרבעלע און, רייכערנדיק, האָט אים לאָס אויפגעקלערט ווי עס דאַרף זײַן אַ מענטש וואָס האָט אַזאַ ביכעלע.

מיט אייניקע טעג שפּעטער, נאָך אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, האָט ליאָק באַקומען זײַן קאַרנעט.

— מאָרגן וועלן מיר פּראַווען דעם וואַלפיש־יאָנטעוו און איך וועל אַהיימפאָרן. איך מוז אָפּראַמען דעם וועג פאַרן גערעכטן לעבן.

ליאָק איז דעם גאַנצן נאָכמיטיק אומגעגאַנגען איינער אַליין באַם ברעג יאַם. מיט דעם קאַרנעט אין דער האַנט, האָט דער אַלטער געקלערט וועגן דעם לעבן. ער האָט ניט געוווּסט ווו ער זאָל דעם קאַרנעט באַהאַלטן. זײַנע מאַלבושים האָבן קיין קעשענעס ניט געהאַט. ער האָט אַרויסגענומען זײַן טאַבאַק־טאָרבעלע און האָט אַרײַנגעלייגט דעם קאַרנעט אינאיינעם מיט דער „פּאַפּושאַ", און מיט דעם טאַבאַק־טאָרבעלע ווידער פאַרשטעקט אינעם גאַרטל, איז ער אַרויס ווײַט פונעם יישעוו. דעם צווייטן טאָג האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן דער וואַלפיש־יאָנטעוו. ליאָק וועט פאַרנעמען דעם אויבנאָן. לעבן אים וועט זיצן דער אַלטער איליטש און פון דער אַנדער זײַט וועלן זיצן: דער האַרפון־וואַרפער קמוי און לאָס. „און ווו וועט זיצן רוסאַקאָוו? עפשער לעבן איליטשן? ער האָט געאַרבעט באַ דעם מאָטאָר פון מײַן פירּאָגע מיט גרויס געניטקייט. די מיידלעך וועלן זינגען און טאַנצן. מען וועט טאַנצן דעם וואַלפיש־טאַנץ. ליאָק אַליין וועט אים טאַנצן. ווער נאָך וועט אַזוי גוט ווי ער קענען ווײַזן ווי דער וואַלפיש איז געשווומען, ווי ער האָט מיט דעם עק געפּאַטשט? נאָר ליאָק. דערנאָך וועט דער אוילעם די פּיראָגעס אָנלאָדן מיט וואַלפיש־פלייש און וועט זיך פונאַנדערפאָרן איבער די לאַגערן. אומעטום וועט מען ריידן: „ליאָק האָט דערהאַרגעט דעם וואַלפיש. ליאָק איז אַ גרויסער יעגער".

אַזוי האָט ליאָק געטראַכט ווען ער האָט אומגעשפּאַצירט באַם יאַם־ברעג.

ער האָט אָנגעטראָפן אַ הויפן שטיינער, האָט זיך אַוועקגעזעצט, געעפנט דאָס טאַבאַק־טאָרבעלע און איידער ער האָט גענומען רייכערן, האָט ער באַוווּנדערט זײַן רויטן קאַרנעט.

„מען דאַרף אַ קוק טאָן, מען דאַרף זען וויאַזוי האָט זיך ליאַק צוגע־קלעפּט צו דעם פּאַפּיר!", האָט ער געזאָגט און האָט גענומען קוקן אַף זײַן פּאָטאָגראַפּיע.

לאַנג האָט ער געקוקט אַף זײַן בילד. ער האָט זיך דערמאָנט אָן מאָ־לאַדצאָוון. דאָס האָט ער געמאַכט דאָס בילד. דער יונגערמאַן האָט געוואָלט פּאָטאָגראַפּירן אַ וואַלפיש און האָט ניט געוווּסט אַז אַ וואַלפיש טאָר מען ניט פּאָטאָגראַפּירן. אַ, דער לאָס, ער איז בעעמעס אַ פאַרשטענדיקער מענטש!

ליאַק האָט אָפּגערוקט פון זיך די האַנט וואָס האָט געהאַלטן דעם קאַר־נעט און האָט פון דער ווײַטנס נאָכאַמאָל באַטראַכט די פּאָטאָגאַפּיע.

„ער האָט עס געמאַכט זייער גוט, מיט איין אויג בלויז". — האָט ליאַק אָנערקענט די אַרבעט פונעם ראַדיאָ־טעלעגראַפּיסט.

קאַפּיטל X

ווי נאָר די באַראַטונג האָט זיך פאַרענדיקט, איז יאַראַק אומפאַרזאַמט צוריקגעפאָרן קיין לאַרען. ער האָט דרינגלעך געמוזט אײַנפּאַקעווען די פעלן, מאַכמעס די שיף איז שוין געווען אין וועג. דאָס נײַס האָט אים איבערגעגבן דער ראַדיאָ־טעלעגראַפּיסט מאָלאַדצאָוו, וואָס האָט מיט דער הילף פון אַ מאָ־טאָרל און דורכגעצויגענע דראָטן אין דער הייך, באַקומען נײַסן פון דער גאַרער וועלט. סאַראַ וווּנדערלעכער מענטש דער מאָלאַדצאָוו איז! לאָס אַפילע פרעגט אים וועגן נײַסן. אַ מענטש, נאַטירלעך, קען ניט לעבן, ווען ער ווייסט ניט קיין נײַסן!

דער שניי האָט שוין געהאַט נאָכגעלאָזט און דער שליטן האָט זיך גע־גליטשעט איבער דער נאַסער טונדרע. די הינט זײַנען געלאָפן פּאַמעלעך.

יאַראַק האָט געטריבן די הינט און האָט געטראַכט וועגן די ווײַסע מענטשן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן קענער פון די ווײַסע מענטשן, און דערצו פאַר אַ שפּראַכן־קענער, מאַכמעס גערעדט האָט ער ניט נאָר טשוק־טשיש, נאָר אויך „נאָרד־אַמעריקאַניש" און רוסיש. דאָך האָט ער ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס זײַנען די רוסן און די נאָרד־אַמעריקאַנער אַזוי פאַרשיידן צווישן זיך. פאַרשיידן זײַנען זייערע פירונגען און האַנדלונגען. די רוסן, לע־מאָשל, באַציִען זיך ניט צום פאָלק אַזוי ווי די נאָרד־אַמעריקאַנער. זיי זײַנען גאַנץ פאַרשיידן, כאָטש די ווי יענע זײַנען ווײַסע.

פאַר יאַראַקן איז דורכגעגאַנגען זײַן גאַנץ לעבן: וויאַזוי ער איז אַלס קינד געווען פון אַלע פאַרשטויסן. — ווי אַ טרעגער פון בייזן גײַסט. — און איז אָנגעקומען צו טשאַלי די רויטע נאָז; וויאַזוי טשאַלי האָט אים געשיקט אַרבעטן דעם גאַנצן זומער אַף אַ נאָרד־אַמעריקאַנישן וואַלפיש־שיפל פאַר צען פעקלעך קאָרטעטש. דעמאָלט האָט עס ניט געוווּנדערט וואָס יאַראַק אַר־בעט אָפּן וואַלפיש־שיפל און טשאַלי די רויטע נאָז נעמט צו דעם קאָרטעטש. ערשט איצט זעט מען קלאָר, אַז טשאַלי איז געווען אָן אומגערעכטער מענטש. און די קאַפּיטאַנען פון די וואַלפיש־שיפלעך? וויפל מענטשן זיי האָבן צוגע־נומען פונעם ברעגלאַנד צו דער יאַגד! אַפילע ווײַבער און מיידלעך! ניט נאָר צום יאַגדן האָבן די נאָרד־אַמעריקאַנער גענומען די פרויען, נאָר אויך זיך צו פאַקווײַלן מיט זיי. זיי האָבן זיי גענומען אַזוי זיך, כאָטש געמעגט האַלטן זיי זיך אָנפרעגן בײַ די מענער און בײַ די עלטערן.

אָ, קיינער קען ניט אַזוי דאָס לעבן און די פּירונגען פֿון די ווײַסע מענטשן, ווי יאַראַק. די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן נאָר געוווּסט באַפֿעלן. אָט ווײַזן זיי אַף איין אָרט און אָט אַף אַ צווייטן, און נאָר זיי שרײַען אַף די יעגערס, ווי די „קאַיורן״ אַף די הינט.

דער מענטש פֿונעם ברעגלאַנד האָט באַם צעשנײַדן דעם וואַלפֿיש בלויז באַקומען צום עסן פֿון דער כאַיע, וואָס ער האָט אַליין געפֿאַנגען. „אָט דאָס איז אַ לעבן!״ האָט זיך דער מענטש געטראַכט. — אַפֿן דעק פֿונעם שיפֿל קען יעדער איינער עסן וויפֿל פֿלייש פֿונעם וואַלפֿיש ער וויל״. און מיט אַן עמעס, געווען איז אַזויפֿיל פֿלייש, אַז מען האָט סײַ ווי געדאַרפֿט וואַרפֿן אין יאַם אַרײַן. די נאָרד־אַמעריקאַנער האָט דאָס פֿלייש און פֿעטס פֿון די וואַלפֿישן ניט געשמעקט. זיי האָבן ליבערשט געגעסן דאָס וואָס זיי האָבן מיט זיך געהאַט אין די בלעכענע פּושקעס. פֿונעם וואַלפֿיש האָבן זיי גענומען בלויז די וואָנצעס און עפּעס אַזוינס וואָס זיי האָבן גערופֿן בורשטין, וואָס זיי פֿלעגן זוכן באַ דער כאַיע אין מאָגן. און אַז זיי פֿלעגן עס געפֿינען, פֿלעגט זיך פֿרייען ניט נאָר דער קאַפּיטאַן: אַלע פֿלעגן זיך דעמאָלט פֿרייען. יאָ, יאַראַק האָט גערעכנט, אַז ער קען גוט דאָס לעבן פֿון די נאָרד־אַמעריקאַנער. און איצט גיט ער זיך ערשט אָפּ אַ קלאָרן כעשבן, אַז ער קען זיי לאַכלוטן ניט.

ווען יאַראַק האָט זיך דערמאָנט וויאַזוי טשאַלי די רויטע נאָז האָט אים פֿאַר אַ פֿוס אַוועקגעשלעפּט פֿון מערין, האָט ער אַ שמייכל געטאָן. ער האָט דעמאָלט געהאָרכזאַם פֿאַרלאָזט דאָס אײַזערנע הויז. וואָס האָט ער געקענט טאָן? מען האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפֿן די פּירונגען פֿונעם ווײַסן מענטשן. מיט אַ ווײַסן מענטשן איז דיר ניט קיין שפּאָס. טשאַלי איז געווען דער באַלעבאָס פֿון די סכוירעס; זײַנע פֿרײַנט, די שיפֿס־קאַפּיטאַנען, זײַנען געקומען צו אים אין שטוב. ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען צום יאַם־ברעג: אַלע זײַנען געגאַנגען צו אים. און טשאַליס איינציקער געשפֿרעך איז געווען: פֿוקסן.

אַף דער באַראַטונג האָבן די רוסן געזאָגט, אַז אַלע מענטשן זײַנען גלײַך: די טשוקטשיס, די עסקימאָסן, די רוסן. אַלע מענטשן: די ווײַסע, די שוואַרצע, די געלע. ווער ווייס! עפּשער איז עס עמעס. הום... אַוואַדע איז שווער צו פֿאַרשטיין די נײַע פּירונגען. ס׳איז אוממעגלעך מיטאַמאָל אַלץ אויפֿצופּלאָנטערן. אויך זשאַכאָוו איז אַ רוס. נאָר ער איז אַלצאייגנס ווי אַ נאָרד־אַמעריקאַנער: ער האָט ליב צו שרײַען.

יאַראַק האָט זיך דערמאָנט דאָס נײַס וואָס לאָס האָט אים בעסאָד צו ווִיסן געגעבן: זשאַכאָוו וועט מען פֿאַרבײַטן מיט אַ צווייטן, אַ גערעכטיקן מענטשן. ער איז שטאָלץ געווען דערויף וואָס ער איינער ווייסט דעם סאָד. זשאַכאָוו, נאַטירלעך, וויל פֿון דאַנען ניט אַוועק. אַזוי האָט לאָס געזאָגט.

דעם גאַנצן וועג האָט יאַראַק געטראַכט וועגן די ווײַסע מענטשן. באַרג־אַראָפּ האָבן זיך באַוויזן די „יאַראַנגאַס״ פֿונעם לאָרענער לאַגער. יאַראַק האָט אַ טרײַב געטאָן די הינט און איז צוגעפֿאָרן צום אײַנקויף־הויז. זשאַכאָוו איז אים אַקעגנגעגאַנגען.

— וואָס מאַכט עפּעס דער דעלעגאַט? — האָט אים זשאַכאָוו שפּאָטיש אַ פֿרעג געטאָן. — קום אַרײַן, דערצייל.

אין שטוב האָט זשאַכאָוו אַוועקגעשטעלט אַ פֿלאַש בראָנפֿן אַפֿן טיש און האָט זיך אָנגערופֿן:

— איך דאַרף דיך הײַנט מעכאַבעד זײַן מיט פײַערדיקן וואַסער. מיר זײַנען דאָך שותפים צום געשעפט.

יאַראַק האָט זיך געוווּנדערט אַף זשאַכאָווס גוטסקייט. און כאָטש אים איז שווער געווען זיך אָפּצוזאָגן פונעם קיבעד, האָט ער דאָך אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אינעם נאַקן און געזאָגט:

— ניין. מערי וועט זיך בייזערן. איך מוז איר אויך דערציילן די נײַס.

— וועסט איר נאָך דערציילן. — און זשאַכאָוו האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזער וואָדקע.

יאַראַק האָט אַ קוק געטאָן אַף דער גלאָז, האָט אַ זיפץ געטאָן און האָט פון דער קעשענע אַרויסגענומען דעם רויטן קאַרנעט.

— איך האָב מיך אײַנגעשריבן אינעם קאָאָפּעראַטיוו פון די קאָמוניסטן, זע.

— פון די קאָמוניסטן? — איז זשאַכאָוו איבעראַרשט געווען. — ווײַז נאָר, איך וויל אַ קוק טאָן.

— קוק אָן פון דער ווײַטנס.

— זײַ ניט קיין נאַר. לאָז מיך אַ קוק טאָן. — איז זשאַכאָוו שטרענג צוגעשטאַנען און האָט די האַנט אויסגעשטרעקט.

— ניין. דו דאַרפסט אים ניט זען. — און יאַראַק האָט באַהאַלטן זײַן קאַרנעט.

זשאַכאָוו האָט אויסגעטרונקען די גלאָז בראָנפן, האָט אויסגעגלאָצט די אויגן אַף יאַראַקן און האָט פאַראַכטלעך אויסגערופן:

— דער טײַוול ווייס וואָס פאַר אַ קאָמוניסט דו ביסט! מען פאַרדרייט דיר נאָר אומזיסט דעם קאָפּ. וואָס פאַרשטייסטו פון קאָמוניזם?

— ביסט גערעכט, איך פאַרשטיי נאָך ווייניק, נאָר לאָס האָט מיר געזאָגט, אַז שפּעטער וועל איך אַלץ פאַרשטיין.

זשאַכאָוו האָט אײַנגעשטעקט דעם גאָפּל אין אַ פושקע, האָט אַרויסגענומען אַ זויער אוגערקעלע און שטיל גענומען דאָס קײַען.

— זשאַכאָוו, — האָט יאַראַק געזאָגט. — איך ווייס אַ נײַס: אינגיכן וועט קומען אַ שיף. מען דאַרף אַרײַנלייגן די פעלן אין די זעק.

— הום... קאָמוניסט! — האָט זשאַכאָוו געשאָקלט מיטן קאָפּ. — נו, איז פון וואָס האָט מען דאָרט גערעדט?

— איך גיי אַהיים. איך וויל זען מײַן זון און שנעל נעמען פּאַקעווען די פעלן.

יאַראַק איז אַרײַנגעקומען צו זיך אין שטוב, האָט זיך איבערגעבויגן איבער זײַן שלאָפנדיקן קינדס בעטל, האָט אַ שמייכל געטאָן און מיט אַ פינגער אים געגלעט איבערן בעקל. דער קליינער אַנדריי האָט געעפנט די אויגן.

— ליגסט אָן אײַנגעוויקלט אין בעט ווי טשאַלי. סאַראַ קײַלעכדיקע אויגן באַ דיר! אַף כידושים צו קוקן! — האָט יאַראַק געזאָגט.

דאָס קינד האָט די בעקלעך אָנגעבלאָזן און האָט זיך צעוויינט.

— וויינסט גאָר? פאַרוואָס וויינסטו? זע! — און ער האָט אַרויסגענומען זײַן פּאַרטיי-קאַרנעט און מיט אים געפאָכעט דעם קינד פאַרן פּאָנעם. — זעסט סאַראַ ביכעלע מיר האָבן? דו ווייסט וואָס דאָס ביכעלע באַטײַט? אַ, מיט אַזאַ ביכעלע, טאָר מען ניט וויינען!

יאַראַק האָט דורכן פענצטער דערזען מערין אין אַ ווײַסן כאַלאַט מיט

אַ רויטן קרייץ צוגענייט, שנעל גיין אין שטוב אַרײַן. רולטינאַ איז איר פאַר־מעלעך נאָכגעגאַנגען.

יאַראַק האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער שאַפּע און האָט דאָס טירל צוגעשלאָסן פון אינעווייניק.

מערי איז צוגעלאָפן צום קינד, האָט אים אָף די הענט גענומען, הויך אויפגעהויבן און געפרעגט:

— און דער טאַטע ווו איז?

רולטינאַ איז אַרײַנגעקומען און אַ פאַרכידעשטע געזאָגט:

— די הינט שטייען באַ דער שטוב, נאָר יאַראַקן זע איך ניט. ווו איז ער אַוועק?

געעפנט האָט זיך דאָס טירל פון דער שאַפּע און יאַראַק איז אַ צע־שמייכלטער אַרויס אָפן מיטן שטוב.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

באַם טיש זיצנדיק, האָט יאַראַק זיי דערציילט די נײַסן וועגן דעם יאַנטעוו פונעם גרויסן וואָרט.

— אינגיכן קומט די שיף. מיר מוזן זיך צואײַלן מיט די פעלן אײַנ־פאַקעווען.

— ווי רײַך ער איז, לאָס! וויפל פוקסן ער האָט! — האָט רולטינאַ זיך געוווּנדערט.

— ס׳איז אַ פראַגע וועמענס זיי זײַנען. — האָט יאַראַק אַ פאַרטראַכ־טער באַמערקט. — נאָר ניט אַזוי גרינג איז זיך דאָס צו דערוויסן. אָפן יאַנ־טעוו פונעם גרויסן וואָרט האָט מען געזאָגט, אַז די פעלן באַלאַנגען צו דער מעלוכע.

— ווער איז די מעלוכע? אַ ווײַסער מענטש? — האָט רולטינאַ גע־פרעגט.

— ניין, די מעלוכע איז דאָס פאָלק. מערי, דער דאָקטער, דער לערער, לאָס, דו, איך, אַלע. אַ סאַך, אַ סאַך מענטשן! און זיי זײַנען די באַלעבאַטים פון די פעלן. ס׳איז, נאַטירלעך, שווער צו פאַרשטיין. נאָר די פעלן באַלאַנגען ניט צו לאָסן.

רולטינאַ און מערי האָבן פאַרוווּנדערטע געקוקט אָף יאַראַקן.

יאַראַק האָט אַרײַנגערופן רולטינאַן אינעם סכוירע־לאַגער און צו איר נאָך אַ פּאָר מיידלעך און האָט גענומען אַרײַנלייגן די פעלן אין די זעק, צו פופציק אין אַ זאַק. זשאַכאַוו האָט די זעק פאַרשלאָסן מיט קליינע אײַזערנע שלעסעלעך: אַזוי האָבן יאַראַקן אויסגעזען די בלײַענע פלאָמבעס.

קאַפּיטל XI

אַ פרעכטיקער זוניקער טאָג. דער לויטערער בלויער הימל שפּיגלט זיך אינעם באַרויקטן יאַם. די שיף זעט מען נאָך ניט אָפן האָריזאָנט, נאָר אַלע באַוווינער פונעם לאַרענער לאַגער זײַנען באַהערשט פון יענער אָנגענעמער רעגונג, וואָס די צאָפן־מענטשן פילן ווען זיי דערזעען פון דער ווײַט זיך ציען דעם רויך פון אַ שיף. קינדער רײַסן זיך די העלדזער.

— אַ שיף! אַ שיף!

די שיף איז אַרײַן אין דער בעכטע, און דער אוילעם, אַ טומלדיקער

און אַ פֿריילעכער, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דעם מאַטאָריזירטן וואַלפֿיש־שיפּל. אין דער זעלבער צײַט האָט מען איבערן באָרט פֿון דער שיף אַראָפּגעלאָזט אַ קאַנאָט־שיפּל. דער ריטמישער געפּלוידער פֿונעם מאָטאָר האָט פֿול געמאַכט די לופֿט און דער קאַנאָט איז שנעל געשוווּמען צום ברעג. דאָס וואַלפֿיש־שיפּל האָט זיך אָפּגעשטעלט. פֿונעם קאַנאָט־שיפּל האָט זיך דערטראָגן איעס קלינגענדיקער ענטוזיאַסטישער אויסגעשריי:

— יאַראַק!... דאָס בין איך! איך בין אַהיימגעקומען!

מיט אַ שטאָלץ אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, איז איע געשטאַנען אינעם קאַנאָט באַם רעדל און האָט אים געפֿירט צום ברעג. פֿונדעסטוועגן, איז קיין איינעם פֿון די וואָס האָבן אים אָפּגעוואַרט, ניט אײַנגעפֿאַלן צו דענקען, אַז דעם קאַנאָט פֿירט איע. ווּעמען זאָל עס געווען אײַנפֿאַלן!

דער קאַנאָט האָט אײַנגעהאַלטן די שנעלקייט, איז אַרויף אַפֿן זאַמדיקן גרונט און איז שטיין געבליבן. איע איז צוגעלאָפֿן צום פֿאָדערטייל און איז אַראָפּגעשפּרונגען אַף דער ערד.

— קאַקאָמעי, איע! — האָבן אַלע געשריגן.

נאָר איע האָט געשוויגן. פֿאַר פֿרייד האָט ער קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידן. ער האָט נאָר געשמייכלט און געקוקט אַף זײַנע הויכע גומענע שטיוול.

אינאיינעם מיט אַנדריי זשוקאָוו, איז געקומען לאָסעס פֿרוי, נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ.

זשוקאָוו האָט פֿאָרגעשטעלט די פֿריש אָנגעקומענע:

— דאָס איז דער כאַווער באָדונאָוו, וואָס האָט די אויפֿגאָבע אויפֿצושטעלן די קולטור־באַזע. מיר וועלן אויפֿבויען צוועלף גרויסע הײַזער! — האָט ער פֿריילעך געזאָגט. — און דאָס איז דער אויפֿזעער פֿונעם פּוטער־אײַנקויף, דער כאַווער סמיעלאָוו...

דער אוילעם האָט זיך רוישיק געגריסט.

איע האָט שוין געהאַט צוריקבאַקומען דאָס לאָשן. ער האָט געפּאַטשט יאַראַקן אין דער פּלייצע און לאַכנדיק אים געזאָגט:

— ווי דו זעסט, יאַראַק, בין איך אַף דער גרויסער ערד ניט פֿאַרלוירן געגאַנגען. געדענקסט ווי דו האָסט מיך אַף דער טונדרע געראָטן?

— איך האָב דיר דעמאָלט געזאָגט, אַז דו וועסט ניט פֿאַרלוירן גיין.

איע האָט אַ צי געטאָן יאַראַקן באַם רעקל און האָט זיך אויסגעשטעלט פֿאַר אים מיט זײַן נײַעם ווערטער־פֿאַרמעג: גייסט אָנגעטאָן ווי די וולאַדיוואָסטאָקער פּילאָטן. ווי לעבט זיך דיר, יאַראַק?

— איך וווין אין יענעם הויז. איך אַרבעט אינעם אײַנקויף־הויז. איך בין מיט מער׳ן און מיר האָבן אַ זון.

— מיט אַן עמעס? אַ זון? גרויסאַרטיק! — האָט איע האַנאָעדיק אויסגעשריגן. — איך בין אַ סאַך געפֿאָרן. אַ סאַך. אַנדריי און איך, זײַנען מיר געפֿלויגן ווי דער ווינט. מיר זײַנען געווען באַם וואַרעמען יאַם. דערנאָך זײַנען מיר צוריקגעפֿאָרן קיין וולאַדיוואָסטאָק, און דאָרט האָב איך מיך גענומען לערנען אָנפֿירן מיט דעם קאַנאָט. איצט בין איך קאַפּיטאַן! — האָט איע זיך צוגעגעבן כשיוועס. — און דאָס איז מײַן פֿרײַנט סמיעלאָוו, — האָט ער אָנגעוויזן אַף אַ הויכן מענטשן מיט אַן ערנסט און פֿאַרטראַכט פּאָנעם.

און קעדיי אונטערצושטרײַכן זײַנע פֿרײַנטלעכע באַציִונגען מיט אים,

האָט אים אַיע אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל פון זײַן לעדערנער קורטקע. — זע, דאָס איז מײַן פרײַנט יאַראַק. ער אַרבעט אינעם פּוטער־אײַנקויף.

— אָך! יאַראַק! עס פרייט מיך אײַך צו קענען! — האָט אים סמיע־לאָוו פרײַנטלעך געזאָגט.

— זשאָכאָוו האָט שוין פאַרענדיקט? — האָט יאַראַק געפרעגט מיט אַ שעלמישן שמייכל.

— יאָ, פאַרענדיקט. איצט וועלן מיר אַרבעטן צוזאַמען.

— דאָס איז גוט! דו ביסט אַ קאָמוניסט? — האָט יאַראַק געפרעגט.

סמיעלאָוו איז איבערראַשט געווען וואָס דער באָכער מיט די לעבעדיקע שוואַרצע אויגן שטעלט אים אַזאַ מאָדנע פראַגע פאַר יענע ווילדע געגנטן.

— יאָ, איך בין אַ קאָמוניסט. — האָט ער געענטפערט.

— איך בין אויך אַ קאָמוניסט. אָט דאָ איז מײַן ביכעלע! — האָט יאַראַק שטאָלץ געזאָגט.

אַיע האָט מיט קינע זיך אָנגערופן:

— און איך האָב ניט אַזאַ ביכל. דערפאַר אָבער, בין איך אַ קאַפּיטאַן. יאַראַק, דו ווילסט מאַכן אַ שפּאַציר אינעם קנאַט? ווער עס וויל קען מיט־פאָרן. — האָט אַיע אָנגעבאָטן זײַן אַלטן באַקאַנטן.

זיי זײַנען צוגעגאַנגען צום קאַנאָט און אַיע האָט אָפּן קאָל אַלעמען פאַרבעטן זיך דורכשפּאַצירן.

דער אוילעם האָט זיך אומדרײַסט איבערגעקוקט.

— זעצט אײַך אויף! זעצט אײַך אויף! זעצט אײַך אויף אַלע!

צוערשט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די ייִנגלעך. נאָך זיי, נאָר אַלץ מיט אומצוטרוי קוקנדיק צו אַיען, זײַנען אַרויף אויך די יעגערס.

— מישאַ, לאָז אין גאַנג די מאַשין! — האָט ער אַ געשריי געטאָן דורכן פענצטער פון אַ בודקע, וואָס איז געשטאַנען אָפּן דעק פונעם קאַנאָט.

אַיע האָט זיך גענומען פאַרן רעדל און מיט אַ פײַערלעכן אויסדרוק פון ניצאָכן אָפּן פּאָנעם, האָט ער עס אויסגעקירעוועט און דאָס שיפל איז אין פולן גאַנג צוגעשווומען צו דער שיף.

— קאַקאָמעי, אַיע! אַיע אַ קאַפּיטאַן! — האָט דער אוילעם געשריגן אָן אַנטציקטער און אָן ענטוזיאַסטישער, ווען ער האָט געזען ווי דער אַמאָ־ליקער פאַסטעך פירט דאָס גאַנץ היפשע אײַזערנע שיפל.

דער קאַנאָט איז צוגעקומען צום באָרט פון דער גרויסער שיף. אַיע האָט פלינק אַ צי געטאָן באַ אַ הענטל. עפּעס האָט אין דער בודקע אַ קלונג געטאָן. דאָס שיפל האָט אָפּגעטראָטן און איז שטיין געבליבן.

— און איצט אַרויף אָף דער שיף! איר זײַט אַלע פאַרבעטן אָף אַ ווי־זיט! — האָט ער געזאָגט צום אוילעם.

און כאָטש אַ וויזיט צו מאַכן אָף אַ שיף ווערט פאַררעכנט פאַר אַ גרויס גליק, האָט קיינער ניט אָנגענומען דעם קאָוועד. אַלע האָבן גענומען באַ־טראַכטן דעם קאַנאָט, וואָס אַיע האָט אים אָנגעפירט.

אַיען גופא איז געפעלן געווען וואָס זײַנע לאַנדסלײַט גייען ניט אַרויס פונעם שיפל. ער האָט זיי געפירט צו דער שיף קעדיי זיי זאָלן באַוואונדערן זײַן גרויס געניטשאַפט.

אַיע האָט אַ צי געטאָן באַם הענטל. ווידער האָט עפּעס אַ קלונג געטאָן, און די מאַשין האָט גענומען אַרבעטן. אַיע האָט געמאַכט אַ קרײַז אַרום דער שיף און האָט זיך פאַרנומען צום ברעג.

— עס וועט זיך באַלד אָנהייבן דאָס אַפּלאָדן די סכוירעס ? — האָט יאַראַק געפרעגט.

— מיר פירן מיט זיך צוועלף הונדער און צען וואַלפיש־שיפלעך. די סכוירעס גייען מיט אַ צווייטער שיף.

איע האָט גערעדט מיט די מענטשן און אין דער זעלבער צייט האָט ער געפּראַוועט מיטן רעדל אַזוי רויק ווי ער וואָלט אַנגעטריבן אַ שליטן מיט הינט, וואָס ווייסן שוין וווהין דער באַלעבאָס פאָרט.

און אַלע האָבן זיך געוווּנדערט: איע ווייסט פון אַלץ! ער ווייסט וואָס די שיף פירט מיט זיך. וואָס זאָגט איר צו איען ? ! אַ פאַסטעך געווען, נאָך אַ! אַ ווײַב ! ס'איז אַ זעלטנקייט !

אַנדריי זשוקאָוו איז געשטאַנען אַפן ברעג און אַז ער האָט געזען דער קאַנאָט איז פול באַזעצט מיט מענטשן, האָט ער געשמייכלט. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז איע ווײַזט זײַנע לאַנדסלײַט זײַן געניטשאַפט אַלס נאַוויגאַטאָר. דער קאַנאָט איז צוגעשווומען צום ברעג.

— איע, — האָט זשוקאָוו געזאָגט. — דו מוזט שוין מאַכן אַן אַמט־רײַזע. מען דאַרף אַוועקפירן נאַטאַליאַ סעמיאַנאָוונאַ. זי וויל נאָך הײַנט זײַן אינעם קאָמיטעט.

— די מינוט ! — האָט איע אַ צעשטראַלטער מאַסקים געווען.

דאָס איז אַן איניען, וואָס אַלע וועלן פון אים ריידן: אַליין פירן דעם קאַנאָט לענגאויס דעם ברעג !

— און מיר, איע, וועלן טייקעף אויפהייבן דעם אַנקער און צושווימען צו דער לאַוורענטי־בעכטע, ווו דו וועסט פון דאָרטן צופאָרן מיטן קאַנאָט. נאָר פאַרהאַלט דיך ניט. צוריקוועגס, וועסטו מיט זיך נעמען מענטשן פון די לאַגערן, וויפל נאָר דו וועסט קענען, אַף אַפּלאָדן וואָס גיכער די שיף. פאַרשטאַנען ? — האָט אַנדריי געשמייכלט.

— פאַרשטאַנען. — האָט איע געענטפערט אין רוסיש און האָט פריילעך אַ פינטל געטאָן מיטן אויג.

איע וואָלט מיט פאַרגעניגן געפאָרן ניט נאָר צום רעווקאָם, נאָר אַפילע קיין ענמאַקײַ. ווי איבערראַשט וואָלט געווען טיגרענאַ ! און איע האָט ווײ־טיקלעך אַ זיפץ געטאָן ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן איר.

קאַפּיטל XII

אַף אַ שטיינדלדיקן פאָס ערד, אַ באַדעקטן מיט געדיכטן גראָז, ווו די קאָטשקעס פלעגן לייגן זייערע אייער, האָט מען אָנגעהויבן בויען די קול־טור־באַזע.

ווי נאָר מען האָט אַפּגעלאָדן דאָס געהילץ, האָבן די מענטשן זיך אײַנ־געאָרדנט אין פעלד־בײַדלעך און אין איבערגעקערטע וואַלפיש־שיפלעך. די גרופּע בויערס האָט באַשטימט צו פאַרבלײַבן אַפן ווינטער. אַפן ערשטן פּלאַן האָט מען באַדאַרפט אויפבויען אַ שול־אינטערנאַט און אַ שפּיטאָל מיט אַ גע־שפּרייט אַף צוואַנציק בעטלעך.

פון קיינעם ניט געפּלאַנעוועט, איז געשאַפן געוואָרן אַ באָד. דורכגע־נעצטע פון די אָסיענדיקע רעגנס, פלעגן די בויער אַהין קומען זיך אָנוואַ־רעמען, נעמען אַ שוויץ־באָד און דערנאָך אין זייערע פעלד־בײַדלעך זיך אַרײַנרוקן אין די פוטערנע זעק צום שלאָפן.

אין אַ קורצער צײַט זײַנען פאַרטיק געווען די פונדאַמענטן פון צוויי גרויסע ביניאַנים.

די מעשונעדיקסטע קלאַנגען זײַנען אומגעגאַנגען איבערן גאַנצן ברעגלאַנד און ווײַט אין דער טונדרע. די שאַמאַנען האָבן געזאָגט, אַז די רוסן גרייטן זיך צו פאַרכאַפּן אַלע קינדער, אַרײַנזעצן זיי אין שטײַגן — די הילצערנע הײַזער — און דערנאָך זיי אַוועקפירן מיט די שיפן אין אַ ווײַט לאַנד.

די הירשן־פיטערער פון די נאָענטע ערטער האָבן איבערגעלאָזט זייערע לאַנגאָניקע פיטער־פעלדער און זײַנען אַוועק מיט זייערע סטאַדעס ווײַט אין דער טונדרע. אין דער טונדרע האָט מען דערציילט, אַז דער פאַסטעך איע, וואָס איז געוואָרן אַ מאַשין־מענטש, איז אַראָפּ פונעם זינען און איז שוין ניט מער קיין ריכטיקער יעגער.

דערפאַר אָבער איז איעס נאָמען אויסערגעוויינלעך געוואַקסן צווישן די יעגערס פון די לאַגערן אַפן ברעגלאַנד. איע פלעגט מאַכן אָפטע רײַזעס איבערן ברעגלאַנד און רעקרוטירן מענטשן צו דער בויונג.

אַפילע לאָס האָט ניט פאָרויסגעזען, אַז דער קאַנאַט, געפירט פון איען, — וואָס האָט אַזוי שטאַרק גערופן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט — וועט שפילן אַזאַ גרויסע ראָל אין דער איבעראַנדערשונג פונעם לעבן.

דער סעזאָן פון מאָרזשן־יאַגד איז געווען פאַרענדיקט, איז דער אוילעם געגאַנגען אַרבעטן באַ די געבײַען, ווו מען האָט, לויט באַשטעטיקטע קלאַנגען, געצאָלט מיט פאַפּירענע רובלס. און — אַ מאָדנע זאַך — אין אַלע אײַנקויף־הײַזער האָט מען פאַר די רובלס, פונקט ווי פאַר די פעלן, געגעבן די פאַרשיידנסטע אַרטיקלען: צוקער, טאַבאַק, ביקסן אַפילע. די פאַפּירענע רובלס זײַנען אַרײַנגעדרונגען אומעטום און האָבן געהאַט מער קראַפט ווי די פעלן. און מענטשן זײַנען געקומען צו די געבײַען ווער מיט שליטנס, ווער צופוס.

אָ! דאָס איז ניט יענע אַרבעט אַף דעם נאָרד־אַמעריקאַנישן וואַלפיש־שיפל בלויז פאַרן עסן.

געקומען איז דער ווינטער.

ערעוו דעם יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע זײַנען די בויערס אַריבער פון די פעלד־בײַדלעך אין דעו נײַער, שוין געדעקטער, שול־געבײַדע. ציע איז אין אַ שליטן אומגעפאָרן איבער די לאַגערן פונעם ברעגלאַנד פאַרבעטן די מענטשן צום גרויסן יאָנטעוו.

אין אַ „יאַראַנגאַ" קלײַבן זיך אויף אַ סאַך מענטשן. צווישן איין זופטיי און דעם צווייטן, דערציילט איע:

— דעם יאָנטעוו האָט אָרגאַניזירט לעניִן. איך אַליין האָב געזען מיט וואָס פאַר אַ פרייד מען פײַערט דעם יאָנטעוו אַף דער גרויסער ערד. מענער און פרויען דעפילירן מיט רויטע פענער. אַזויפיל זײַנען זיי, אַז מען קען זיי ניט איבערציילן, ווי מען קען ניט איבערציילן די שטערן אין הימל. זייערע פענעמער זײַנען אַזוי פריילעך ווי זיי וואָלטן דערזען די זון שײַנען נאָך אַ לאַנגן ווינטער. אַ צווייטער גרויסער מענטש, סטאַלין, לענינס כאַווער, האָט געהייסן דאָ אויפשטעלן אַ נײַ לעבן, אַזוי ווי אַף דער גרויסער ערד. איר אַליין האָט געזען ווי עס זײַנען אָנגעקומען וואַלפיש־שיפלעך און מאָטאָרן און ווי גוט עס איז די יאַגד מיט זיי. און איצט וועלן מיר פײַערן אַ רוסישן יאָנטעוו. — איע פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און פאַרענדיקט פריילעך: — דאָס וועט זײַן אונדזער יאָנטעוו פונעם גערעכטן לעבן!

איע טראָגט אַ רעקל, פון הינטער וועלכן עס קוקט אַרויס אַ קאָלירט העמדל. די האָר באַ אים, געדיכטע און שוואַרצע, זײַנען גוט אַרומגעשוירן, אַפן רוסישן שטייגער, און וואַקסן אַף אַרויף.

אינמיטן אַלעמענס שווײַגן דערציילט איע די וווּנדער פון דער גרויסער ערד. ער דערציילט וועגן די גרויסע הײַזער ווי די פעלדזן, וועגן דעם שלאָל מיט ליכטער אין די גרויסע לאַגערן, וועגן די אײַזערנע שליטנס, וואָס לויפן טאָפּלט שנעלער ווי די הינט איבער וועגן, פון אײַזן געמאַכט, מיט אַזאַ גערויש ווי עס וואָלט געדונערט. דערנאָך דערציילט ער ווי מען האָט אים אויפגענומען אַף דער גרויסער ערד. אַלע רוסן, זאָגט ער, האָבן זיך געפלײַסט עפּעס טאָן פאַר אים.

די יעגערס, די ווײַבער, די קינדער הערן אים שנעל אויס און גלייבן ניט זייערע אויערן: איז עס דער זעלבער איע, וואָס אַלע האָבן אים פריער געקענט? האָט ער טאַקע פאַרלוירן דעם זינען ווען ער איז געוואָרן אַ מאַטאַר־מענטש? ווער ווייס וואָס עס איז געבליבן פון דעם איע, דעם ניט באַוויבטן הירשן־פּאַסטעך? כאַטש אין דער עמעסן האָט ער אויך פריער געקענט דערציילן וווּנדערלעכע געשיכטעס.

באַ אַ פײַער־בעקן האָט אָן אַלטער יעגער, ליגנדיק מיט אַ פאַרלאָשענער ליולקע אין די הענט זיך צוגעהערט צו איעס ווערטער. און ווען ער האָט געענדיקט דערציילן, האָט דער אַלטער זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— קוקט אים אָן. ער האָט פאַרלוירן די מענטשלעכע געשטאַלט. די האָר באַ אים זײַנען ניט ווי באַ אַלע מענטשן. זיי פאַלן ניט איבערן שטערן, נאָר זיי וואַקסן אַף אַרויף. צי קען מען זײַן אַן עמעסער יעגער מיט אַזעלכע האָר? זײַן פּאָנעם איז קימאַט ווײַס. איע איז נאָר אַף אַ העלפט אונדזערער. מיר האָבן געהערט זאָגן, אַז ער פלעגט פאַנגען זילבערנע פוקסן. עס גייען אום קלאַנגען אַז ער איז אויך אַ גוטער שיסער. נאָר איך גלייב, אַז ער קען שוין אַפילע פון דער נאָענט ניט שיסן קיין פּאָקע. מיר דאַרפן זיך צו אים ניט צוהערן. ער טראָגט ניט קיין הירשענע פעלן, נאָר שטאָפן ווי די „טאַנגיס". אַזאַ מענטש קען אונדז ברענגען נאָר אומגליק! — האָט דער אַלטער פאַרענדיקט מיט אַ ציטער אינעם קאָל.

איע האָט אַ צערודערטער אויסגעהערט דעם אַלטן. די יעגערס האָבן זיך איבערגעקוקט.

— אַלטער מענטש, — האָט איע, אויסערלעך רויק, געגומען ריידן, — איך האָב ניט פאַרגעסן שיסן, כאָטש מײַנע האָר זײַנען איצט אַנדערש געקעמט.

— שטעלט אים אַ ווײַטן ציל! זאָל ער טרעפן מיט דער קויל אינעם שפּיץ פון אַ הירשענעם האָרן, וועלן מיר דעמאָלט זען צי איז ער אונדזערער!

— האָט דער זאַקן אַנטשיידן.

די יעגערס זײַנען טייקעף אַרויסגעגאַנגען פון דער „יאַראַנגאַ". אַ יאַט איז צוגעלאָפן צום אַלטן און האָט אים דערלאַנגט די צעצווײַגטע הערנער פון אַ הירש. דער אַלטער האָט זיי באַטראַכט און, ניט געאײַלט, האָט ער אַרויסגענומען זײַן מעסער און מיט אים געמאַכט אַ קאַרב אַפן שפּיץ פון אַ קליינעם צווײַגל.

— אָט דאָ. — האָט דער אַלטער אָנגעוויזן.

— גוט. — האָט איע געענטפערט.

מען האָט אים דערלאַנגט אַ „ווינטשעסטער״, און דער יאַט האָט די הער־נער איינגעשטאָכן אינעם שניי.

— שטעך זיי אײַן ווײַטער, נאָך ווײַטער. איך זע נאָך גוט דאָס צווײַגל! — האָט איע געשריגן.

די יעגערס האָבן זיך פאַרוואונדערט איבערגעקוקט: צי איז ער ניט מע־שוגע געוואָרן? אַזוי ווײַט איז שווער צו טרעפן אַפילע אין אַ פּאַקענעם אויג!

די יעגערס האָבן מיטלייד געהאַט מיט איען. דער אַלטער אַפילע האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אַף איען איז אַ ראַכמאָנעס. נאָר איע האָט זיך רויִק אַוועקגעשטעלט אינעם שניי, מיט דעם „ווינטשעסטער״ אין דער האַנט און האָט געפרעגט:

— די ביקס איז אָן אַלטע?

— מען האָט זי פאַראַיאָרן ווינטער געביטן. — האָט דער אַלטער געזאָגט.

— ס׳איז אַ ביקס וואָס איז מיר ניט באַקאַנט. — האָט איע צילנדיק באַמערקט.

ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם עלנבויגן אַף דער אײַנגעבויגענער קני און האָט לאַנג געצילט. מיטאַמאָל האָט ער צוגעטראָגן צו די אויגן דעם רער פון דער ביקס און האָט זיך גוט אײַנגעקוקט אינעם קוק־פינטל.

— ס׳איז אַ גוטער קוק־פינטל. — האָט דער באַלעבאָס פונעם „ווינ־טשעסטער״ געזאָגט. — איך האָב אַראָפּגענומען דעם נאָרד־אַמעריקאַנישן און האָב אַרויפגעשטעלט מײַנעם. די ביקס איז אָן אויסגעפּרובירטע.

איע האָט ווידער געצילט. אַ היפּשע ווײַלע איז ער געזעסן און זיך ניט גערירט. דער אוילעם האָט נערוועזיש געקוקט אַף אים. איע אַליין האָט זיך געפילט אַ ביסל צערודערט. ער האָט ווידער אויפגעהויבן די ביקס און האָט באַטראַכט דעם קוק־פינטל. ס׳איז ניט אַזאַ לײַכטע זאַך!

צום סאָף האָט איע אויסגעשאָסן. דער אוילעם איז צוגעלאָפן צום אָרט וווּ עס זײַנען געווען אײַנגעשטאָכן די הערנער.

— ניט געטראָפן! — האָט מען געשריגן.

איע איז געזעסן אַף דער קני אינעם שניי און האָט זיך געקראַצט אינעם נאַקן.

— ניט געטראָפן, איע, דער אַלטער איז גערעכט. — האָט באַמערקט אַ יעגער, שוין אין די עלטערע יאָרן.

איע איז אויפגעשפּרונגען און אַ געערגערטער געזאָגט דעם יעגער:

— די ביקס איז דײַנע. דו ביסט איר באַלעבאָס. פּרווו דו אַליין טרעפן אינעם שפּיץ פון אַ האָרן.

דער באַלעבאָס פונעם „ווינטשעסטער״ האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט אָנ־געצילט, אויסגעשאָסן און האָט אויך ניט געטראָפן.

דער אַלטער וואָס האָט אָנגערעגט צום פּרווו, האָט זעלבסטצופרידן געזאָגט:

— איע האָט די באַרימערײַ מיסטאָמע אָפּגעלערנט פון די ווײַסע מענטשן. שטעלט אַוועק די הערנער דאָרט ווו איך האָב אָנגעוויזן.

מען האָט די הערנער אַוועקגעשטעלט נענטער.

עס האָט זיך דערהערט אַ שאָס און אַלע האָבן זיך געלאָזט לויפן צו די הערנער. געבליבן איז איע אַליין מיט דעם אַלטן.

— ער האָט געטראָפן! געטראָפן! — האָבן די יעגערס פריילעך געשריגן.

איע איז מיט אַ שפּרונג אויפגעשטאַנען און האָט דערלײַכטערט אָפּגע־

זיפצט. דער אַלטער האָט מיט די פינגער באַטראַכט די טייל אײַנגעקאַרבטע צוויגל, ווו די קויל האָט געטראָפן און האָט דערקלערט:

— איצט זע איך, אַז דו ביסט נאָך אַלץ אַ ריכטיקער מענטש פון אונ־דזער ערד. עפשער איז קעדײַ צו גיין זען דעם יאַנטעוו פון די רוסן.

— דער יאַנטעוו וועט זײַן אַ גוטער. — האָט איע פאַרזיכערט. — עס וועט זײַן אַ געוועט מיט שליטנס, אַ שיסער־קאָנקורס, געיעג, ראַנגלער, פאַר אַלץ וועט זײַן פּרייזן. גרייט צו די הינט. ווער עס וועט בעסער פירן די הינט, וועט געווינען אַ ביקס.

— אַ! זאָגסט ניט קיין ליגן? — האָט דער אַלטער אומצוטרוילעך געפרעגט.

— ניין, איך זאָג ניט קיין ליגן. קום וועסטו זען.

און אַלע יעגערס האָבן זיך גענומען גרייטן צום יאַנטעוו פונעם גערעכטן לעבן.

קאַפּיטל XIII

אַ נײַ מאָדנער אײַנפיר האָט זיך באַוויזן אינעם לאַגער ענמאַקײַ: ווײַ־בער גייען אַף יאַגד. איז עס אַן אַרבעט פאַר ווײַבער גיין אַף דער טונדרע, אויסטיילן צי־שפּײַז, אויפשטעלן פּאַסטקעס און דערנאָך יעדן טאָג גיין אי־בערקוקן? און אײַנגעפירט האָט דאָס אַלץ דער רוסישער לערער דוואָרקין.

אַ פרייד האָט זיך באַזעצט אין זייערע „יאַראַנגאַס".

די ווײַבער גופא, ווען זיי האָבן דעם ערשטן מאָל דערהערט פונעם רו־סישן לערער, אַז זיי וואָלטן באַדאַרפט אַרויסגיין אַף יאַגד, האָבן אים אויס־געלאַכט.

— איר פּרוווט נאָר. שפּעטער וועלן מיר האָבן גוטע הינט אויך. יעדע איינע וועט האָבן איר גוטן שפּאַן הינט. — האָט דער לערער מיט זיי אײַנ־געטײַנעט.

און זיי האָבן באַשלאָסן פּרוּוון, קעדיי ניט צו פאַרשאַפן קיין פאַרדרוס דעם לערער, וואָס האָט שוין באַוויזן זיי סימפּאַטיש צו ווערן.

יענע נאַכט זײַנען זיי שפּעט אַהיימגעקומען. און ווען דוואָרקין האָט דערהערט זייערע געלעכטערס פון דרויסן, האָט ער אויך געשמייכלט.

איבערן גאַנצן ברעגלאַנד האָבן די רוסן מיט אַקשאָנעס זיך אָפּגעגעבן צו העלפן די אָרעמע. דאָס האָבן זיי, מיט זייערע מאָטאָריזירטע וואַלפיש־שיפלעך און מיט זייער נײַעם געזעץ פאַרטריבן דעם הונגער פונעם ברעגלאַנד.

— אָ, דאָס איז ערשט אַן אָנהייב! — פלעגט דער לערער זאָגן.

פלייש איז דאָ גענוג און די פרוי דאַרף ניט אָפּרײַסן פונעם ביסן קעדיי אוועקצוטראָגן צי־שפּײַז אַף דער טונדרע.

און סאַראַ פרייד עס איז געווען ווען אואַקאָט האָט געבראַכט דעם ערשטן פוקס און האָט פאַר אים באַקומען פערציק רובל פּאַפּיר! אויך די ווײַבער האָבן זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין דעם ווערט פון די פּאַפּירענע רובלס. אַף צו פײַערן די אויסערגעוויינלעכע געשעעניש, — דעם ערשטן פוקס וואָס אַ פרוי האָט געפאַנגען, — האָט וואַאַמטשאַ פאַרופן אַ פאַרזאַמלונג.

אואַקאָט, דער העלד פונעם טאָג איז געווען דער צענטער פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. אַלע האָבן גערעדט פון איר. נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט

אוּאַקאַט ניט געקענט שלאָפן די גאַנצע נאַכט, און פאַרטאָג, נאָך איידער די לעוואָנע איז אויפגעגאַנגען, איז זי שוין געווען בײַ דער פּאַסטקע אַ קוק טאָן.

אָט דאָס איז דאָס נײַע געזעץ! דוכט זיך, ניט קיין שלעכט געזעץ. ווער עס האָט אויגן, דער קען אַליין זען!

וואַאַמטשאָ, וואָס האָט אַ גוטן שפּאַן הינט, האָט צײַט אַף אַלץ, די פּאַסטקע אויפצושטעלן און נאָך ברענגען צו די שכייניש לאַגערס די גרויסע ווערטער פון עמעס.

אַליטעט איז דער איינציקער וואָס אים פרייט קיין זאַך ניט. ער לאַנגווײַליקט זיך איצט אינעם ענמאַקײַער לאַגער. ער האָט זיך אָפּגעוווינט פון גיין אַף יאַגד. באַטאָג לייגט ער זיך שלאָפן. קעדיי ניט צו ריידן מיט מענטשן, דרייט ער זיך אום ווי אַ רויב־פויגל איבערן לאַגער אָדער איבער די אײַזבלאָקן. ווען אין לאַגער קומט עמעצער פונעם רעווקאָם און דער אוילעם לויפט אין שול הערן נײַסן, גייט זיך אַליטעט אַוועק צו די פעלדזן און קומט ניט אַהיים ביז דער רוס פאָרט אַוועק. ער האָט אָנגעווווירן די פרייד פון לעבן. דאָס מאַזל גילט אים ניט מער. זײַן האַרץ פרעסט אַן אַנגסט. אַזוי שטאַרק בענקט ער נאָכן האַנדל. די אומטעטיקייט דריקט אַף אים און ברענגט אים אַפן זינען נאָר טרויעריקע מאַכשאָוועס. בראַון האָט אימיענעם זומער ווידער אַנטוישט. אַפן גאַנצן ברעגלאַנד איז ניטאָ ווו עפּעס סכוירע אײַנצוהאַנדלען. אומעטום נאָר די רוסישע סאָכרים פון לאָסעס שייוועט. דאָס לעבן איז אַליטעטן שווער געוואָרן: פון די דרײַ צימערן, אין וועלכע די פאַמיליע האָט פריִער געוווינט, זײַנען אַלע אַריבער וווינען נאָר אין איינעם, ווײַל עס איז ניטאָ מיט וואָס אַלע דרײַ צו באַהייצן און צו באַלײַכטן. נאָר אַפילע אין דעם איינציקן צימער איז פאַראַן קנאַפּ פײַער.

אַליטעט ליגט אַן אויסגעצויגענער אין דער פינצטער מיט אָפענע אויגן. קיינער ווייס ניט וואָס ער טראַכט. אַלע פילן זיך דערדריקט און באַמיִען זיך צו שווײַגן.

טיגרענאַ פאַרשטייט, אַז עס וועט קיין סאַך צײַט ניט דויערן ביז אַליטעט וועט אַוועק פונעם ברעגלאַנד און וועט אַף שטענדיק אַוועק אין די בערג.

אַ פאַרביטערטער, קוקט אַליטעט פײַנטלעך אַף זײַן פאָטער, דעם שאַמאַן קאָראַגוע. אויך דעם שאַמאַן איז דערווידער זײַן זון. אומאייניקייט און אומצופרידנקייט האָבן זיך באַזעצט אין דער „יאַראַנגאַ“.

— ליגסט נאָך אַלץ? וואָלסט בעסער געגאַנגען ערגעץ קריגן פעטס. — דערמאָנט קאָראַגוע דעם זון.

אַליטעט הייבט זיך אויף פון דער הירשן־פעל, זעצט זיך אַוועק און קוקט שטײַף אַף זײַן פאָטער. דערנאָך ענטפערט ער אַן אומצופרידענער:

— דו זעסט דען ניט, אַז ס'איז שווער געוואָרן צו לעבן? ס'וואָלט ניט געשאַדט זאָלסט אַ טראַכט טאָן פון אַרויפגיין צו די אייבערשטע מענטשן. שוין לאַנג ווי איך האָב פון דיר קיין נוצן ניט. צי דו מיינסט נאָך אַלץ אַז די העלפסט מיר אין מײַנע געשעפטן?

אַ טיף באַליידיקטער, האָט דער שאַמאַן אויפגעשווידערט.

— ווו איז דאָס געהערט געוואָרן מען זאָל עמעצן זאָגן ער זאָל אַרויפגיין צו די אייבערשטע מענטשן? צי דען דרייט זיך מיר ניט מער די צונג איך זאָל אַליין אַף מיר בעטן דעם טויט? בין איך דען ניט מער באַלעבאָס איבער מײַן לעבן? אָדער דו מיינסט, אַז איך קען שוין ניט זאָגן דאָס לעצטע וואָרט?

אַליטעט איז אויפגעשפּרונגען און האַסטיק און אַן דערעכערעץ אַפן קאָל אַ פרעג געטאָן:

— און דו זעסט ניט, אַז מיר זײַנען פון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט מיט דעם נײַעם געזעץ, וואָס די רוסן האָבן אַרײַנגעפירט. — און אַ באַפאַלענער פון אַ ווילדן צאָרן, האָט ער אַראָפּגעריסן די פאַררייכערטע הילצערנע און ביינערנע געצלעך, וואָס זײַנען געהאָנגען אַף די ווענט פון דער „יאַראַנגאַ", און איז מיט זיי אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. ער האָט געכאַפּט אַ האַק און האָט גענומען בייז און פאַרביסן זיי צעהאַקן אַף פיצלעך.

— דאָס האָט איר אײַך, מײַנע העלפערס! — האָט ער געמרוקעט.

די שטיקלעך האָט ער אין די הויפנס אַרײַנגענומען און האָט זיי צעזייט איבערן שניי, האָט זיי מיט די פיס געטראָטן און דערנאָך איז ער אַרײַן צוריק אין דער „יאַראַנגאַ", האָט אַראָפּגענומען די ביקס און איז אַוועק צום אײַז לויערן אַף אַ מאַנאַטי.

שוין לאַנג ווי ער איז אַף יאַגד ניט געגאַנגען. ס'איז נאַריש געווען צו וואַרטן ביז אַ מאַנאַטי וועט אַרויסקומען כאַפּן אַ ביסל לופט. נאָר אַליטעט האָט געדולדיק געוואַרט און האָט געטראַכט זײַנע געדאַנקען. דערנאָך, ווען אים האָט דערעסן צו וואַרטן, האָט ער בייז אַרײַנגעוואָרפן די ביקס אינעם שפּאַלט צווישן דעם אײַז און האָט צו זיך אַליין געזאָגט:

„אַ סאָף! איך האָב שוין גאָרניט וואָס צו טאָן אַפן ברעגלאַנד. ס'איז צײַט אַוועקצוגיין אין די בערג".

ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער געטראָפן טיגרענאַן לעבן דער „יאַראַנגאַ".

— שנעל, שפּאַן אײַן די הינט! — האָט ער צו איר אַ געשריי געטאָן.

— מיר דאַרפן זיך וואָס גיכער צוגרייטן צום נאָמאַדן־לעבן.

דאָס פּאָנעם בײַ אַליטעטן איז צעקרומט געווען מיט אַן אויסערגעוויינלעך שרעקלעכן און ווילדן אויסדרוק, ווען ער איז, אַן אַנגעטאָנענער צו דער רײַזע, צוגעקומען צום שליטן. טיגרענאַ האָט אײַליק אײַנגעשפּאַנט די הינט און האָט ניט געקענט אויסבאַהאַלטן איר פרייד, וואָס אַליטעט פאַרלאָזט כאָפּקאָלסאָף דעם לאַגער. ס'איז זייער שווער געוואָרן מיט אים צו לעבן. טיגרענאַ האָט געוואָלט אָפּרוען.

אַליטעט האָט אַ צאָרנדיקן בליק געוואָרפן אַף טיגרענאַן און האָט איר געוואָרנט:

— איך ווייס וואָס דו טראַכסט. האָסט ווידער אויפגעהערט האַסן די רוסן... די אַלטע געדאַנקען זײַנען דיר צוריקגעקומען. זאָל דיר אַפילע אַפן זינען ניט קומען גיין צום לערער. נעם דיר אין זינען, אַז דיר מיט דעם קינד קען עפּעס שלעכטס געשען.

טיגרענאַ האָט געשוויגן: זי האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז אין אַזוינע פאַלן, איז דאָס בעסטע שווײַגן.

אַליטעט האָט זיך אויפגעזעצט אַפן שליטן, האָט אַ טרײַב געטאָן די הינט, און דער שפּאַן האָט שנעל אַוועקגעיאָגט. און כאָטש מען האָט ניט געטאָרט אַזוי יאָגן די הינט איידער זיי צעלויפן זיך, האָט אַליטעט ניט געהאָמעוועט.

טיגרענאַ איז לאַנג געשטאַנען אַ פאַרפּליקטע פון אומעטיקע געדאַנקען. די צוקונפט האָט איר אויסגעזען אַזוי פינצטער און אומרויִק, אַז זי האָט פאַרגעפילט עפּעס שרעקלעכס, און זי איז געבליבן שטיין. זי האָט דערפילט

אַ באַדערפעניש מיט עמעצן צו ריידן. אָבער שוין לאַנג ווי זי טיילט ניט אירע געדאַנקען מיט נאַרגינאָטן און איר שוועסטער. זי האָט באַשלאָסן צוגיין צו וואַאַמטשאָן און ריידן מיט אים.

פאַמעלעך האָט זי זיך געלאָזט צו וואַאַמטשאָן אין דער „יאַראַנגאַ“. די פיס האָבן איר ניט געוואָלט דינען; די זאָרג איז איר פונעם פּאָנעם ניט אַראָפּ.

זי האָט געטראָפן וואַאַמטשאָן און האָט לאַנג קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידן. זיי זײַנען שטיין געבליבן לעבן דער „יאַראַנגאַ“ און האָבן געקוקט צו דעם בערגל, הינטער וועלכן אַליטעטס שליטן איז פאַרשווונדן.

— ער איז אַוועק? — האָט וואַאַמטשאָ געפרעגט.

טיגרענאַ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַז יאָ.

— וואָס איז מיט דיר געוואָרן, טיגרענאַ? שטענדיק ביסטו געווען די וואָס האָט מיך געשטויסן אַפּן וועג צום נײַעם לעבן, און צום סאָף האָסטו דיך אָפּגערוקט. אַיען האָט מען ניט אַוועקגעפירט אַף דער גרויסער ערד אים דאָרט צו דערהאַרגענען. ער דאַרף צוריקקומען. אַזוי זאָגט דער לערער. דו האָסט אויגן, און דאָך זעסטו ניט מער, אַז די רוסן זײַנען ניט אונדזערע סאָנים. זע אַליין מיט דײַנע אויגן. דאָס האַרץ פון די רוסן ברענגט פרייד און פרײַנטשאַפט פאַר אונדזער פאָלק. קוק אַרום דיר, טיגרענאַ. זע וויפל מענטשן עס האָבן זיך באַפרײַט פון אַליטעטס פאַסטקע און איצט זײַנען זיי אַזוי פריילעך ווי די פוקסן אום פרילינג! דו איינע ביסט געבליבן אין דער פאַסטקע. די רוסן ווילן דיך אַרויסשלעפן און דו ווײַזט זיי די ציין. פאַרוואָס? איז דיר אַזוי ליב צו זײַן אַ געפאַנגענע?

— ניין, וואַאַמטשאָ. מײַן האַרץ וועט מיסטאָמע לאַנג ניט אויסהאַלטן און וועט פלאַצן. אַזאַ האַס פיל איך.

— פאַראַן אַ נײַ געזעץ, טיגרענאַ. אויב דו ווילסט ניט וווינען מיט אַלימעטן, קענסטו אים איבערלאָזן. אַזוי האָט מיר געזאָגט דער לערער און אַזוי האָט מיר אויך לאָס געזאָגט. איך רייד מיט זיי שטענדיק וועגן דיר. וויפל מאָל האָסטו שוין איבערגעלאָזט אַליטעטן, פריִער נאָך איידער מען האָט אײַנגעפירט דאָס נײַע געזעץ? און איצט, אַז דאָס נײַע געזעץ איז פאַראַן, ווילסטו אים ניט איבערלאָזן. פאַרוואָס?

— וווהין וועל איך גיין? האָב איך דען אַן אַנדער מאַן?

— גיי אין דער „יאַראַנגאַ“ פון דער שול. וועסט אויפראַמען דעם לאָקאַל, וועסט אָנצינדן די אייוועלעך מיט קוילן, וועסט מאַכן טיי. דער לערער וועט דיר דערפאַר געבן פאַפירענע רובלס. אויאַקאַט וועט אַוועקגיין. זי איז מאַסקים. אַלנפאַלס, באַקומט זי פאַפירענע רובלס פונעם שייוועט־סאָוויעט, און דערמיט האָט זי גענוג. דער לערער האָט געזאָגט: „זאָל טיגרענאַ קומען“. ער וועט ניט דערלאָזן מען זאָל דיך באַליידיקן. דו ווייסט, אַז ער איז זייער אַ שטאַרקער. געדענקסט ווי ער האָט אומגעוואָרפן אַליטעטן?

— דו ווייסט ניט, וואַאַמטשאָ, וואָס פון אַליטעטן איז געוואָרן. ער האָט דעם קאָפּ פאַרלוירן. אַ בייזער וואָלף זעט ער אויס. ער וועט זיך ניט שלאָגן מיט דעם לערער אַזוי ווי פריִער. ער וועט אים אַ קויל אַרײַנשיסן. אויך מיר און אײַוואַמען. אויך דיך וועט ער זיכער שיסן. ער וועט אונדז אינגיכן אַלע אַוועקפירן אין די בערג. איך וויל ניט גיין. איך וויל ניט! איך קען ניט לעבן אין די בערג!

דער קליינער גוי־גוי האָט געזען טיגרענאַן ריידן מיט וואַמטשאַן, איז ער אַוועק דערציילן קאַראַגוען.

נאַרגינאַט האָט געהערט ווי גוי־גוי רעדט, האָט זי אים בייז געזאָגט:

— שווײַג, זאָל טיגרענאַ ריידן מיט וואַמטשאַן. איז ער דען ניט דער פּאָטער פון איר זון אײַוואַם? וואָס אַ טאָג ווערט אײַוואַם אַלץ מער געראָטן אין אים.

טיגרענאַ איז צוריקגעקומען צו זיך אין דער „יאַראַנגאַ”, און כאָטש זי האָט אויף קאַראַגוען ניט געקוקט, האָט זי געפילט אַף זיך זײַן פאַרשנדיקן בליק. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט דעם רוקן צו אים, אַז אַנטשלאָסענע צו זאָגן דעם אַלטן ראָשע, אַז עס איז שוין צײַט ער זאָל אַרויפגיין צו די אייבערשטע מענטשן.

— וועמענס זון איז דער קליינער אײַוואַם? — האָט זיך דערהערט קאַראַגועס קאָל.

טיגרענאַ האָט אַ שוידער געטאָן און, מיט דעם רוקן צו אים, ווי זי איז געזעסן, האָט זי אים געענטפערט אָן דעם מינדסטן טאָן פון דערכערעץ אין איר קאָל:

— ער איז מײַן זון.

— און וועו איז זײַן פאָטער? — האָט קאַראַגוע זי גענומען אויספרעגן און האָט געצויגן די זילבן.

— איך ווייס ניט.

— ניין, דו ווייסט. ווילסט אויסבאַהאַלטן דעם פאָטער? דער קליינער ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ מער געראָטן אין דעם נימעסן וואַמטשאַ, דער זון פון דעם גײַוועדיקן אַלטן וואַאַל, וואָס אַ בער האָט אים אויפגעפרעסן. ער איז ניט קיין זון פון אונדזער בלוט! — האָט קאַראַגוע געקוויטשעט און געפּאָכעט מיט זײַן ביינערדיקער האַנט.

טיגרענאַן איז דאָס בלוט צוגעטראָטן צום פּאַנעם. נאָר זי האָט בלויז שטיל און שאַרף געקוקט אַף דעם אַלטן.

— דו שווײַגסט? איך געדענק ניט אַליטעט זאָל האָבן אויסגעקליבן פאַר אַ „נעוווטום” וואַמטשאַן. צי ניט דערפאַר רופט מען דאָס קינד אײַוואַם? אַ?

— איך אַליין האָב אויסגעקליבן פאַר אַ „נעוווטום” וואַמטשאַן! ער איז אַ ריכטיקער מענטש און אַ פלינקער יעגער. אײַוואַם איז אַ זון פון צוויי פאָטערס.

— ביסט פון זינען! — האָט דער אַלטער שטרענג געשריגן צו טיגרענאַן. — בײַס דיר אָפּ די צונג! דו רעדסט צופיל. צי דען קלײַבן זיך די ווײַבער אויס די „נעוווטומס”?

— דאָס איז דאָס נײַע געזעץ פון לעבן. — האָט טיגרענאַ נערוועזש אָפּגעענטפערט און עס איז איר באַפאַלן אַ כיישעק אַרויפצוואַרפן זיך אַף דעם אַלטן און טרעטן אַף זײַן גאַרגל ער זאָל בעסער כאַרכלען איידער ריידן.

— אויב דו האָסט ניט מער מוירע פאַרן צאָרן פון די גײַסטער, היט דיך פאַר דעם צאָרן פון טשאַלין. ער וועט אינגיכן צוריקקומען.

— הער אויף ריידן נאַרישקייטן. איז דען ניט גלײַכער זאָלסט טראַכטן דערין וואָס דײַן זון האָט דיר געזאָגט? ביסט שוין נימעס יעדן איינעם וואָס לעבט אַף דער וועלט. שוין צײַט זאָלסט אַרויפגיין צו די אייבערשטע מענטשן.

— אַך! — האָט קאַראַגוז גענומען קלאָגן, און קעדיי צו באַווייזן ווי געערגערט ער איז, האָט ער גענומען קלאַפּן מיטן קאָפּ אָן די פּעלן.

— טיגרענאָ! — האָט זיך דערהערט אַ קאָל באַם אַריינגאַנג.

טיגרענאָ איז געווען צערודערט פונעם שמועס מיט דעם שאַמאַן און האָט ניט דערקענט וואַאַמטשאָס קאָל.

און ווען דער רוף האָט זיך ווידער דערהערט, האָט זי שנעל פאַרהייבן דעם פוטערנעם פאָרהאַנג און האָט דערזען וואַאַמטשאַן איר אַנטווייזן אַף דער טיר און זי איז אַרויסגעגאַנגען פון דער „יאַראַנגאַ".

„וואָס איז געשען? שוין לאַנג אַז וואַאַמטשאָ גייט ניט אַהער" — האָט טיגרענאָ אַ טראַכט געטאָן און האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און אים אַנ־געיאָגט.

— וואָס איז געשען, וואַאַמטשאָ?

— פאַראַן גרויסע נייעס, טיגרענאָ. ערמען איז געקומען און זאָגט, אַז איע איז צוריקגעקומען פון דער גרויסער ערד. ער איז געוואָרן אַ מענטש פון מאַטאָר. ער וווינט אין דער בעכטע לאָורענטי מיט די רוסן און בויט אַ סאָך הילצערנע „יאַראַנגאַס"...

— צוריקגעקומען איע? — איז טיגרענאָ אָן איבערראַשטע שטיין גע־בליבן. — איז ער, הייסט עס, דאָרטן ניט געשטאָרבן?

— ניין, ערמען אַליין האָט אים געזען. ער האָט געבראַכט פאַפּירן דעם לערער; איינעם פאַר מיר און דעם צווייטן — פאַר דיר.

— פאַר מיר אַ פאַפּיר? צו וואָס? — האָט טיגרענאָ ברייט צעעפנט די אויגן אַ דערשטוינטע.

— קום אַריין צום לערער. ער האָט מיר געזאָגט איך זאָל דיך רופן. האָב קיין מורא ניט. מיר וועלן דיך שיצן. דו ווייסט דאָך, איך בין איצט נאַטשאַלניק איבער אַ סאָך לאַגערן.

— קום, וואַאַמטשאָ! — האָט טיגרענאָ צוגעשמייכלט.

אין שול איז געווען וואַרעם; דער גרויסער גאַז־לאָמפּ האָט האַרלעך געשיינט ווי די זון.

— וואָס מאַכסטו, טיגרענאָ? — האָט דער לערער איר דערלאַנגט די האַנט. — זיץ! דו אויך, וואַאַמטשאָ.

דער לערער האָט גענומען זוכן צווישן די פאַפּירן. טיגרענאָ האָט פון אים אָן אויג ניט אַראָפּגענומען.

— איע האָט דיר געשיקט אַ בריוו, טיגרענאָ. הער וואָס ער שרייבט: „טיגרענאָ, איך בין איע, איך בין צוריקגעקומען פון דער גרויסער ערד. איצט בין איך דער געהילף פון אַנדריייען. געדענקסט אים? דאָס איז דער וואָס איז געקומען מיט לאָסן. איך בין איצט גאָר אַן אַנדער מענטש. אויב דו טראַכסט נאָך פון מיר, נעם אײַוואַמען און קום אַהער. איך האָב גערעדט מיט אַנדריייען און מיט לאָסן און זיי האָבן מיר געזאָגט: „זאָל טיגרענאָ קומען". איצט וועט אַליטעט דיך מער ניט קענען צונעמען ווי פריער. זײַן קראַפט איז פאַרענדיקט. ניט מער. איע".

טיגרענאָן האָט זיך געדוכט זי זעט אַ כאַלעם. דער קאָפּ האָט זיך איר גענומען דרייען. פאַר די אויגן איז איר אַ נעפּל געשטאַנען. וואָס איז עס? האָט זי געהערט איעס ווערטער, אָדער דאָס האָט דאָס פאַפּיר גערעדט? פון איעס מויל האָט זי קיינמאָל ניט געהערט אַזעלכע ווערטער. און וויאַזוי

האָט איר געקענט אָוועקשטעלן די ווערטער אויפן פּאַפּיר? צי האָט דאָס ניט אַלץ אויסגעטראַכט דער לערער?

און אויפן אָרט פון דער באַגייסטערונג, האָט זיך אויף טיגרענאָס פּנים באַוויזן אומצוטרוי.

— עפּשער ניט איר זאָגט עס? ער האָט קיינמאָל ניט געקענט ריידן אויפן פּאַפּיר. — האָט שטיל אָנגעמערקט טיגרענאַ.

דוואָרקין האָט זיך אויפגעהויבן, האָט געוויזן טיגרענאָן דעם בריוו און האָט איר מיט ליבשאַפט געגעבן צו דערקלערן:

— זע, דאָ האָסטו דעם בריוו. איר אַליין האָט אים געשריבן. מיס־טאָמע האָט ער זיך אויסגעלערנט שרייבן, אַזוי ווי מיינע שילער. אויך זיי האָבן פריער ניט געקענט ריידן אויפן פּאַפּיר. איך זאָג דיר דעם ריינעם עמעס: דעם בריוו האָט געשריבן איר.

טיגרענאַ האָט פּאַרזיכטיק גענומען דאָס פּאַפּיר און האָט עס באַקוקט, נאָר קיין זאַך דערויף האָט איר ניט דערמאָנט איען. זי האָט זיך גוט איינ־געקוקט אינעם פּאַפּיר און האָט געוואָלט פאַרשטיין דעם זין פון די האָטשיק־לעך, וואָס זיינען צעוואָרפן געווען איבערן פּאַפּיר, נאָר דאָס איז איר ניט געלונגען. זי האָט דאָס פּאַפּיר איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט און האָט מיטאָמאָל איבערראַשט אויסגערופן:

— זע, זע, וואַמטשאַ, דאָ איז אויסגעמאָלט דער לאַגער יאַנראַקענאָט, וווּ מיר האָבן, איך מיט איען, פאַרבראַכט אונדזערע קינדער־יאָרן. זע, דאָס איז די „יאַראַנגאַ" פון מיין פאָטער קאַמענוואָט; אָט די „יאַראַנגאַ" איז איעס, און די צוויי „יאַראַנגאַס" זיינען פון אונדזערע שכנים. אינגאַנצן זיי־נען געווען צען. און אַלע זיינען זיי דאָ אויסגעמאָלט. און דאָס איז אונדזער באַרג. איע פלעגט שטענדיק אויסמאָלן דעם לאַגער מיטן פאָסטעך־שטעקן אויפן שניי. די צייכענונג איז זיינע!

דוואָרקין האָט אויסגעהערט טיגרענאָס באַגייסטערטן דערציילן און האָט געשמייכלט.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, טיגרענאַ, אַז דאָס פּאַפּיר האָט געשריבן איע. איך טראַכט ניט אויס. איך וויל ניט לאַכן פון דיין שווער לעבן. איך זאָג דיר דעם עמעס. איע רופט דיך און דו דאַרפסט שוין גיין זיך פאַראיי־ניקן מיט אים. האָב ניט קיין מוירע פאַר קיין זאַך. וועסט דאָרט האָבן באַ־שיצער. דו האָסט שוין לאַנג באַדאַרפט אָפּשיקן שפּאַצירן אָט דעם אַלי־טעטן. קענסט שוין מאָרגן אַרויספאָרן מיט וואַמטשאַן. ער איז פאַרבעטן צום יאָנטעוו.

טיגרענאַ האָט מיט דעם בליק אַ פרעג געטאָן וואַמטשאַן.

— קום, טיגרענאַ, אַז ניט, וועט דיך אַליטעט נעמען צו זיך אין די בערג. און פון דאָרטן וועט דיר שווער זיין צו אַנטלויפן.

טיגרענאַ האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן און האָט אַנטשלאָסן געזאָגט:

— קום, וואַמטשאַ.

אַ פּאַרסאָפּע איז זי אַהיימגעקומען. אייוואַם האָט געלאַכט. ער האָט געהאַלטן קיילעכדיקע יאַם־שטיינדלעך אין די הענט און האָט עפּעס גע־באַלבעט.

טיגרענאַ האָט אים אויפגעהויבן און האָט אים שטיף אין פּנים אַריינ־געקוקט, צי האָט ער ניט אין זיך שטריכן פון איען? און כאָטש אינעם קינדס פּנים זיינען אַזעלכע שטריכן ניט געווען, האָט טיגרענאַ זיי געזען.

— שפּיל דיך, אײַוואַם. — האָט זי אים געזאָגט.
— ווו ביסטו געווען? — האָט קאַראַגוע בייז אַ פרעג געטאָן טיגרענאָן.
— באַם לערער? צויג!
טיגרענאַ האָט זיך מיט קויעך אײַנגעהאַלטן. דעם אַלטנס קוויטשיק קאָל האָט זי אויפגערעגט. זי האָט קיין כּיישעק ניט געהאַט מיט אים זיך צו קריגן און האָט געשוויגן.
— איך ווייס ווו דו ביסט געווען. — האָט דער אַלטער געקוויטשעט. — האָסט פאַרגרעסערט דײַן שולד. און דו וועסט שלעכט אָפּשנײַדן. אַ, זייער שלעכט!
אײַוואַם איז צוגעגאַנגען צום אַלטן און האָט אים אָנגעבאָטן די שטיינד־לעך.
— נעם אים צו פון מיר! דאָס וועלפּעלע איז ניט פון אונדזער בלוט!
— און דער אַלטער האָט אַ זעץ געטאָן דעם קינד איבערן פּאָנעם מיט זײַן דאַרן צעקנייטשטן פויסט.
דאָס קינד האָט אַ געשריי געטאָן און איז אומגעפאַלן אַף די פעלן. פון דער נאָז האָט אים גערונען דאָס בלוט. טיגרענאַ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אָפן אַלטן. זי האָט אים אײַנגעקלאַמערט אין אירע קרעפטיקע הענט. האָט אים אויפגעהויבן און האָט אַ שלײַדער געטאָן זײַן שוואַכן גוף אַף דעם שטיינדלדיקן באָדן באַם אַרײַנגאַנג. דער שאַמאַן איז אַ פאַל געטאָן מיט אַ טרעשטש ווי אַ זאַק מיט ביינער און האָט זיך אויסגעצויגן ווי לאַנג ער איז געווען.
טיגרענאַ האָט אויפגעהויבן אײַוואַמען און האָט גענומען לויפן אַן אַן אָטעם צום לערערס שטוב.
— איך וויל שוין אַוועק פון דאַנען! — האָט זי געשריגן.
וואַאַמטשאַ איז שנעל נאָך איר אַרײַנגעלאָפן.
— שפּאַן אײַן די הינט, וואַאַמטשאַ. איך וויל שוין אַוועק.
— שוין? — איז וואַאַמטשאַ איבערראַשט געווען. — עס איז דאָך נאַכט! מירן אַרויספאָרן גאַנץ פרי.
— די לעוואַנע וועט באַלד אַרויסקומען. מיר קענען שוין פאָרן. אײַל דיך צו, וואַאַמטשאַ. — און טיגרענאַ האָט אים געשטופּט צו דער טיר.
— לערער, זאָל אײַוואַם בלײַבן דאָ אַ ווײַלע. איך וויל אײַנשפּאַנען אויך מײַנע הינט.
נאַרגינאָט איז, אַ דערשראָקענע, צוגעקומען צו טיגרענאָן:
— דער אַלטער שטאַרבט. — האָט זי אַ פליסטער געטאָן.
— זאָל ער שטאַרבן! — האָט טיגרענאַ גלײַכגילטיק געענטפערט.
— אים איז שוין צײַט צו שטאַרבן. — האָט נאַרגינאָט צוגעשטימט.
טיגרענאַ האָט אַ צערודערטע אײַנגעשפּאַנט די הינט און איז געלאָפן צו דער שול, ווו עס האָט שוין געוואַרט וואַאַמטשאַס שליטן.
זי האָט מיט איין האַנט אויפגעהויבן דאָס קינד און אין דער צווייטער גענומען דעם „אָסטאָל” און האָט זיך אַרײַנגעזעצט אינעם שליטן.
— מיר פאָרן, וואַאַמטשאַ!
— וואַרט, טיגרענאַ. איך מוז אַ רייד טאָן מיט דעם לערער.
— וואָס ווילסטו זאָגן, וואַאַמטשאַ? — האָט דוואָרקין אים געפרעגט, אַרויסקומענדיק זיך געזעגענען מיט זיי.
— זאָל אַלעק מיט דעם קינד וווינען באַ דיר ביז איך וועל צוריקקומען.

— נו, גוט. — האָט דער לערער צוגעשטימט.

ווען זיי זײַנען שוין געווען אַרויס פונעם לאַגער און מען האָט שוין ניט אַנגעזען די „יאַראַנגאַס", האָט טיגרענאַ איר שליטן אָפּגעשטעלט.

— שפּאַן אײַן מײַנע הינט צו דיר אינעם שליטן, וואַאַמטשאַ. מיר איז שווער זיי צו טרײַבן.

וואַאַמטשאַ האָט אײַנגעשפּאַנט טיגרענאַס הינט צו זיך אין שליטן, און אַ לאַנגע שורע פון פיר און צוואַנציק הינט, אַ געשלענגלטע לענגאויס דעם יאַם־ברעג, האָט זיך געלאָזט לויפן. טיגרענאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן וואַאַמטשאַן און האָט דאָס קינד צוגעדריקט צו איר ברוסט.

— דאָס האָסטו דערהאַרגעט דעם אַלטן, טיגרענאַ? — האָט וואַאַמטשאַ געפרעגט.

— ניין. ער האָט זיך אַליין דערהאַרגעט.

אין הימל האָט די לעוואַנע, מיט אַ שײַן־רעדל אַרומגענומען, געשמייכלט. אַ סימען אויף אַ שטורעם.

קאַפּיטל XIV

ערעוו די אָקטאָבער־פּײַערונגען, זײַנען שוין צוויי ריזיקע הײַזער — די אינטערנאַט־שול און דער שפּיטאָל — געשטאַנען אויף דער בעכטע לאַווערנטי, אויף דעם שטיינערדיקן פּאַס ערד, וווּ עס האָט זיך געבויט די קולטור־באַזע. עס האָבן זיך שוין געוויכערט די קוימענס און די בויערס האָבן זיך שוין צײַטווײַליק געהאַט אַריבערגעצויגן אין די הײַזער, געשיצטע פון קעלט.

ס'איז אַ טראַדיציע פון סאָוועטישע מענטשן: פּײַערן דעם גרויסן יאָר־טאָג מיט אַרבעטס־דערפּאָלגן. אַזוי באַגעגנט מען דעם יאָנטעוו אויך באַ די ברעגעס פון דעם קאַלטן צאָפּן־יאַם.

אויף די געבײַען שטייען הויכע מאַסטביימער און אויף זייערע שפּיצן פּלאַ־טערן רויטע פאַנען.

אַנגעהויבן האָט זיך שוין דער עמעסער ווינטער.

אומעטום זעט מען הינט־געשפּאַנען. די יעגערס גייען אום אַרום די געבײַען און באַקוקן אַלע ווינקעלעך פון דעם רוסישן לאַגער, וואָס אַזאַ האָט מען נאָך קיינמאָל ניט געזען. דער באַלעבאָס פון דעם לאַגער איז אַנדריי זשוקאָוו.

דער אוילעם באַוווּנדערט דאָס שנעל געמאַכטע פאַרמעגן פון דעם באַ־כער. און טאַקע מיט אַן עמעס, ווען ער איז דעם ערשטן מאָל געקומען אַהער, האָט ער פאַרמאָגט ניט מער ווי אַ שפּאַן הינט. איצט זעט ער אויס אינגאַנצן אַן אַנדערער. אַפילע וואַנצעס האָט ער זיך פאַרלאָזט!

— זעט! — שמועסט צווישן זיך דער אוילעם. — וויפל געהײַלץ ער האָט צו אונדז געבראַכט, אין דעם וואַלדלאָזן לאַנד!

אינעם ביניען פון דעם צוקונפטיקן שפּיטאָל רופט אַלעמענס אויפמערק־זאַמקייט אַ ריזיקער קוב פאַר הייס וואַסער. ס'איז דער עמעסער טשײַניק! ער הערט ניט אויף זידן און מען קען דאָ טרינקען טיי פון אינדערפרי ביז באַנאַכט. מערי באַדינט און טראָגט אַ ווײַסן כאַלאַט, וואָס טיילט זי אויס פונעם גאַנצן אוילעם, וואָס טראָגט פוטערנע מאַלבושים. זי איז שטאָלץ דע־רויף וואָס זי האָט מען באַשטימט אויף טיילן קיבעד דעם אוילעם וואָס קומט צום יאָנטעוו. צו איר דינסט האָט זי דעם קוב, די טיי, דעם צוקער און אַ זאַק

מיט קיכלעך. ווי גוט עס איז צו באַדינען מענטשן! צו טשאַלי טאָמסאָן זײַנען קיינמאָל אַזויפיל מענטשן ניט געקומען.

אין אַ גרויסן צימער וואָס איז באַשטימט פאַר אַ קלאַס־צימער און עס האָט זיך שוין דאָרט אײַנגעאָרדנט אַנדריי זשוקאָוו, איז איצט ביז גאָר לע־בעדיק. פאַראַן דאָרט לאָס, נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ און יאַראַק.

לאָס טראָגט איצט, צום ערשטן מאָל פון זינט ער איז געקומען קיין טשוקאָטקאַ, אַ ציווילן אָנצוג. אויך אַנדריי און אַפילו יאַראַק טראָגן אַזעלכע אָנצוגן. אַנדריי גיט איבער, אַז פאַר סאָף יאָר דאַרפן זיי נאָך אויסבויען דעם בינין פאַר דעם זאָאָטעכניש־וועטערינאַרן צענטער. וווין־הײַזער מיט באַקוועמע דירעס, אַ גאַרקיך, אַ בעקערײַ, אַ וועשערײַ און מעכאַנישע ווערק־שטאַטן אַף צו פאַריכטן מאָטאָרן, פאַסטקעס און ביקסן.

לאָס האָט אַ קוק געטאָן אַף יאַראַקן און האָט אַ פאַרווונדערטער זיך אָנגערופן:

— זע, אַנדריושאַ, ווי יאַראַק האָט זיך געענדערט! ער מאַכט דעם אײַנדרוק פון אַן אינטעליגענט.

— דאָס האָבן איע און מערי מיך צוגערעדט איך זאָל דאָס אַלץ אָנ־טאָן. — האָט זיך יאַראַק ווי פאַרענטפערט פאַר דער האַלבאַשע וואָס ער טראָגט. — איע זאָגט, אַז אין מאָסקווע גייט יעדער איינער אויסגעפּוצט אַף אַ יאָנטעוו. דאָס האָט ער מיר אָט דעם שלייף אָנגעטאָן. — האָט יאַראַק אַ צי געטאָן זײַן לאַנגן קאָלירטן קראַוואַט. — אויך לאָס איז אַזוי אָנגעטאָן. דעם ערשטן מאָל ווי איך זע אײַך אין אַזוינע מאַלבושים.

— זייער גוט, זייער גוט, יאַראַק! — האָט לאָס אויסגערופן. — און ווי גייט עס מיטן נײַעם אויפזעער איבערן אײַנקויף־הויז?

— גוט, זייער גוט, כאָוער לאָס. סמיעלאָוו איז אַ גערעכטער מענטש. ער פרעגט מיך שטענדיק: „נו, יאַראַק, ווי איז דײַן מיינונג?"

— ער באַראָט זיך מיט דיר, הייסט עס?

— יאָ, מיר אַרבעטן גוט. איך זאָג אים, אַז מען דאַרף איבערטראָגן דאָס אײַנקויף־הויז נענטער צו דער קולטור־באַזע. ווען דער אוילעם וועט קומען אײַנקויפן, זאָל ער פאַרבײַגיין די שול און דעם שפּיטאָל. פרילינג־צײַט וועלן מיר לײַכט קענען אַריבערפירן דאָס אײַנקויף־הויז מיט די וואַל־פיש־שיפלעך.

— דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער געדאַנק, אַנדריי מיכײַלאָוויטש. — האָט לאָס לעבהאַפטיק זיך אָנגערופן. דאָס איז געווען דעם ערשטן מאָל ווי ער רופט אַן זשוקאָוון מיטן נאָמען און פאָטערס נאָמען. — וואָס זאָגסטו דערצו? אַ כוץ די קולטור־אינסטיטוציעס, וועט דאָ אויך ווערן אַן עקאָנאָ־מישער צענטער. דאָס איז זייער גוט. מיר קענען דאָ אַוועקשטעלן אויך אַן אײַנפאָר־הויז, אַ מין יעגער־הויז. בעראָש פון דעם הויז וועלן מיר אַוועק־שטעלן אַ פאָליטישן און קולטור־טוער. מיר וועלן דאָס הויז באַצירן מיט פּע־נער, אויסשרײַבן אַ קינאָ־אַפּאַראַט. דו שטעלסט דיר פאָר וואָס פאַר אַן אַר־בעט מיר קענען דאָ אויספירן צווישן אוילעם, וואָס קומט אַהער? מיט דעם אוילעם וואָס וועט קומען צו די אײַנקויף־הײַזער! אַ ווערטפולן פאַר־שלאָג האָסטו געמאַכט, יאַראַק!

— דאָס איז דאָך אַ גלענצנדיקע אידעע. — האָט אַנדריי צוגעשטימט.

— בראַוואָ, יאַראַק! דײַן געדאַנק מוז מען אומבאַדינגט דורכפירן.

יאַראַק האָט דעם שמועס אויסגעהערט מיט גרויס פאַרגעניגן; ער האָט

נאָך ניט געוווּסט דעם באַטײַט פֿונעם וואָרט אידעע, נאָר פֿאַרשטאַנען האָט ער, אַז ער האָט אָנגערעגט צו עפּעס זייער וויכטיקס, און האָט ווײַטער גע־זאָגט אַ באַגײַסטערטער:

— נאַטירלעך, דאַרף מען אַריבערטראָגן דאָס אײַנקויף־הויז. סמיעלאָוו מיינט אויך אַזוי. אַ קוק דעם, וועט מען דאָרט וועלן אַרבעטן אינעם גרויסן שפּי־טאָל. איז ווי־אַזוי וועלן מיר קענען לעבן? אין באַזונדערע ערטער?

— פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרשטייט זיך, יאַראַק. — האָט לאָס געזאָגט.

— מען דאַרף באַשטעלן נאָך אַ הויז. — האָט אַנדריי געזאָגט.

— צו וואָס? מיר האָבן שוין אַ הויז. דער שפּיטאָל איז לאַרען שליסט זיך, דער דאָקטער פּיאָטר פּעטראָוויטש גייט איבער אַהער, וועלן מיר אַרי־בערפֿירן אַהער זײַן שפּיטאָל און מיר האָבן אַ פּאַרטיק יעגער־הויז.

— און מיר וועט איר איבערגעבן די פּאָליטישע און קולטור־אַרבעט. — האָט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ זיך אָנגעבאָטן.

— ניין, דאָס ניט. אויב אַזוי, ווי וועלן מיר קענען לעבן? אין באַזונ־דערע ערטער? — האָט לאָס אַ שמייכל געטאָן און האָט געקוקט צו יאַראַקן, ווי ער וואָלט געבעטן זײַן שטיצע. — אין אַזאַ פֿאַל, וועט מען אַהער דאַרפֿן איבערפֿירן אויך דעם רעווקאָם.

אין צימער איז אײַליק אַרײַנגעקומען איע און אַן איבערראַשטער מיט ברייט־צעעפֿנטע אויגן אויסגערופֿן:

— קאַקאָמעי! לאָס! נאַטאַשאַ, מײַן רײַזע־כאַווערטע!

— גוט מאָרגן, איע! — האָט לאָס אים געגריסט. — מיר זײַנען גע־קומען אַף אײַער יאַנטעוו. נאַטאַשאַ בענקט שוין נאָך דיר. שוין לאַנג, זאָגט זי מיר, ווי איך זע ניט איען.

נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ, וואָס איע איז איר ליב געוואָרן און זי האָט מיט אַן עמעסן געבענקט נאָך אים, האָט אים מיט אַ שמייכל דערלאַנגט די האַנט.

— וואָס מאַכסטו, איע? — האָט זי ליבלעך געפֿרעגט.

— גוט, מיר בויען הײַזער, מיר פֿײַערן יאַנטויווים.

— ווו וווינסטו?

— איך האָב אַ צימער לעבן אַנדרייען. קום, וועל איך עס דיר ווײַזן.

זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען צו איען אין צימער. אויסגעזען האָט עס מער אַ ווערקשטאַט איידער אַ וווינונג. באַ איען אַפֿן בעט און אַרום טיש זײַנען געזעסן און געשטאַנען יעגערס און האָבן נײַגעריק באַטראַכט מאָטאָר־טיילן. אינמיטן צימער, אַף אַ ברעט מיט קאָזלעס צוגעשרויפֿטע צום פּאָל, איז גע־שטאַנען אַ שוין צונויפֿגעשטעלטער מאָטאָר.

— אַ גוט מאָרגן, כאַווײרים! — האָט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ געזאָגט צו די יעגערס.

— דאָס איז לאָסעס ווײַב. מײַנע אַ פֿרײַנט. אין וולאַדיוואָסטאָק האָב איך געוווינט באַ איר אין שטוב. — האָט איע שטאָלץ און פֿריילעך פֿאַרגע־שטעלט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ.

קימאַט אַלע יאָטן וואָס זײַנען געווען דאָרט האָבן זיך געגרייט ווערן מעכאַניקער. נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט זיי אַלעמען געדריקט די האַנט. דאָס גרויסן פֿון אַ ווײַסער פּרוי האָט זיי אַלעמען ביז גאָר צעטומלט.

— וואָס איז דאָ, איע? אַ וווינונג אָדער אַ ווערקשטאַט?

— קיין ווערקשטאַטן האָבן מיר נאָך ניט אויסגעבויט, און די מענטשן

מוז מען ווײַזן ווי עס פונקציאָנירט אַ מאָטאָר. ערמען, עפן אויף דאָס פענצ־טער. איך וויל מאַכן אַ פּרווו.

איע איז צוגעגאַנגען צו דער ברעט אַף די קאָזלעס און האָט אַ צי געטאָן דאָס שטריקל באַם רעדל. דער מאָטאָר האָט זיך צעהודיעט און דאָס צימער איז פול געוואָרן מיט רויך. אַפּן גערויש זײַנען אַרײַנגעקומען לאָס, אַנדריי און יאַראַק.

— היי, וואָס פּאַסירט דאָ? — האָט לאָס געשריגן. דאָס זעט דאָך אויס אַ פאַבריק!

איע האָט אָפּגעשטעלט און האָט ערנסט אויפגעקלערט:

— איך האָב געוואָלט מאַכן אַ קליינעם אויפּווײַז. דער רויך וועט אַרויס דורכן פענצטער.

— ביז ער וועט אַרויס, איע, וועלן מיר דערווײַל אַרײַנגיין צו אַנדרייען אין צימער. — האָט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ פאָרגעשלאָגן.

באַ אַנדרייען אין צימער איז געשטאַנען אַ בעט, אַ טיש און אַ שאַפע. אַפּן טיש זײַנען געלעגן אַלערליי פּלענער, פּאַפּירן, ביכער. קיין שום אָרדע־נונג איז אין צימער ניט געווען.

נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט אים אויסגערעדט:

— מיך באַגײַסטערט גאָרניט דער אויפן ווי איר וווינט, אַנדריי מיכײַ־לאָוויטש. וואָס איז דאָ? מען ווייסט ניט צי איעס צימער איז אַ וווינונג, אַ ווערקשטאַט אָדער אַ שפּײַכלער. דײַן צימער ווייסט מען אויך ניט וואָס דאָס איז. מען דאַרף לעבן ווי ציוויליזירטע מענטשן, טײַערער כאַוועֶר.

— איין פּרווו איז געקומען און שוין איז דאָ קריטיק. — האָט לאָס ניט אַ שמייכל באַמערקט.

אַנדריי איז געווען צעטומלט.

— פאַר אַלעמען, נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ, איז עס דעם ערשטן מאָל ווי איך זע איעס צימער. איך בין זיכער, אַז באַ אים איז אַלץ גרייט צום יאַנטעוו.

— איך האָב ערשט נעכטן אין אָוונט אײַנגעשטעלט דעם מאָטאָר. — האָט איע באַשטעטיקט.

— צווייטנס, זײַנען מיר ביידע ניט קיין באַוויבטע, און מיר פירן אַ באָכעריש לעבן. דריטנס, האָבן מיר זיך ערשט פאַר אַ יאָר אָנקומען אַרויס־געצויגן פון די פעלד־בײַדלעך. קומט צו אונדז אַף די מײַ־יאָנטויווים און אַ יאָר גערעכטע און שטרענגע קריטיק וועט מער ניט באַרעכטיקט זײַן.

— גוט געזאָגט, אַנדריושאַ. אויך מאָסקווע איז ניט מיט איין מאָל געבויט געוואָרן. — האָט אים לאָס געשטיצט. — וואָרט אויס, נאַטאַשאַ. אַלץ וועט קומען אין זײַן צײַט. דעם יאָר ענדיקט אַנדרייס קאָלע איר שטו־דיום אינעם אוניווערזיטעט און סאָף נאָוויגאַציע־סעזאָן וועלן מיר זי דאָ האָבן. וועסט שוין זען סאַראַ פּאַלאַצן דאָ וועלן זײַן ווען זי וועט קומען. — האָט לאָס שעלמיש אַ קוק געטאָן אַף אַנדרייען. — זאָג וואָס פאַר אַ פּלאַן האָסטו צוגעגרייט צום יאָנטעוו?

— הײַנט איז די פײַערלעכע פאַרזאַמלונג און די געוועטן. הינט־גע־וועט, שיסן אין ציל, רינג־קאַמף. מירן געבן פּריזן. דער ערשטער פּריז פאַר הינט־געיעג, קעמאַשל, וועט זײַן אַ „ווינטשעסטער".

— אַ „ווינטשעסטער"? — איז לאָס איבערראַשט געווען.

— זײַ ניט אַזוי איבערגעראַשט, ניקיטאַ סערגייעוויטש. איך האָב פאַר

אים אַן אַסיגנירטע סומע. פרעג אַיעָן ווי באַגײַסטערט דער אוילעם איז זינט ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער ערשטער פּריז איז אַ „ווינטשעסטער". דאָס איז דער בעסטער סטימול פאַר דער אויסבעסערונג פון דער הינטישער ראַסע.

— גוט. מירן שוין זען.

קאַפּיטל XV

אַ שניי־שטורעם האָט וואַמטשאַן און טיגרענאַן פאַרהאַלטן אין וועג. ווען זיי זײַנען צוגעקומען צו דער קולטור־באַזע, האָט זיך שוין דער יאַנטעוו געהאַט אָנגעהויבן. זיי האָבן איבערגעלאָזט אײַנוואַמען בא רולטינאַן אין דער „יאַראַנגאַ" און זײַנען אַוועק צום גרויסן רוסישן לאַגער מיט די ריזיקע הײַזער מילדערהייט באַליכטענע מיט מעכטיקע לאָמפּן. דורך אַ פענצטער, אַ האַלב פאַרשאָטענעם מיט שניי, האָט וואַמטשאַ געזען אַ סאַך מענטשן זיצן אַף לאַנגע בענק.

— לאָמיר אַרײַנגיין אינעווייניק, טיגרענאַ. זעסט דאָך, אין דרויסן איז קיינער ניטאָ. מיסטאָמע איז דאָרט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג און אַלע זײַנען איצט אינעווייניק. — האָט וואַמטשאַ געזאָגט און איז אָפּגעטראָטן פונעם פענצטער.

זיי זײַנען דורכגעגאַנגען אַ קאָרידאָר און זײַנען אַרײַנגעקומען אין אַ גע־רוימען צימער, אַן אָנגעפּאַקטן מיט מענטשן ביז דער טיר. וואַמטשאַ האָט געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן, האָט דעם האַלדז אויסגעצויגן און האָט זיך גענומען אײַנהערן צו לאָסעס רעדע. טיגרענאַ האָט דעם אָטעם אײַנגעהאַלטן און האָט געקוקט צום פּאָרזיק, ווו עס זײַנען געזעסן רוסן און טשוקטשיס. מיט־אַמאָל האָט זי צווישן זיי דערזען אַיען. צווישן די „טאַנגיס" זיצנדיק, האָט ער אַליין אויסגעזען אַ ווײַסער. ער האָט זיך פריילעך געשושקעט אָט מיט אַנדרייען און אָט מיט מערין, וואָס איז לעבן אים געזעסן. טיגרענאַ האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז אַיע איז גאָר אַן אַנדערער. ער האָט געטראָגן שטאָפענע מאַלבושים, ווי לאָס און אַנדריי. און די האָר? ווי מיִעס ער איז פאַרקעמט!

„אַזוי איז אַ מאָטאָר־מענטש! — האָט זיך טיגרענאַ געטראַכט און האָט פון אים די אויגן ניט אַראָפּגענומען. זי האָט ניט געהערט וואָס לאָס רעדט. אַיע איז איצט אַ פרעמדער. אַף וואָס האָט ער מיך גערופן? צי האָט ניט דער לערער געזאָגט אַ ליגן און האָט זײַנע אייגענע ווערטער אָנגעגעבן פאַר אַיעס? און דאָס געמעל? דאָס געמעל איז זײַנס".

אַ ביטער געפיל האָט אַרומגענומען טיגרענאַן. איר איז הייס געוואָרן און אַן אַנגסט האָט זי באַשלאָגן. זי האָט מער קיין קויעך ניט געהאַט דאָרט צו פאַרבלײַבן און האָט באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין דרויסן. דער פראָסט צעזייט די טרויעריקע געדאַנקען, ווי שניי פאַרלעשט דעם שײַטער.

טיגרענאַ האָט געמאַכט אַ טראָט אַף אַרויסצוגיין, ווי זי האָט דערהערט אַיעס קאָל:

— איצט וועט האָבן דאָס וואָרט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ. — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, דאָס איז ריכטיק אַיעס קאָל. עס האָט זיך גאָרניט געענדערט. איצט איז עס בלויז פעסטער און זיכערער.

אַ רוסישע פרוי מיט אַ ווײַס פּנים איז אַרויף אויף דער בינע.

— זי איז זייער אַ גוטע פרוי. — האָט איִע געזאָגט. — מיר זײַנען אינאיינעם געקומען אויף דער שיף פון דער גרויסער ערד.

די פרוי איז מיט אַ פעסטן טראָט צוגעגאַנגען צום טיש, האָט עפּעס געזאָגט אין דער שטיל צו איִען און האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן. דערנאָך האָט איר פּנים באַקומען אַ זייער ערנסטן און זייער שטרענגן אויסדרוק און האָט גענומען ריידן עפּעס זייער שנעל און אומפאַרשטענדלעך. טיגרענאַ האָט זי באַטראַכט און האָט פון איר די אויגן ניט געקענט אַוועקנעמען. זי זעט איצט צום ערשטן מאָל אַ ווײַסע פרוי. זי האָט באַמערקט ווי אויך איִע קוקט אויף איר און האַלט נאָך אירע ווערטער, ווי זי וואָלט איצט דערציילט דאָס שענסטע מײַסעלע אין דער וועלט.

„צי ניט ?ט די פרוי האָט איִען פאַרפירט ער זאָל זיך אַזוי פאַרקעמען און אָנטאָן רוסישע מלבושים? אַזאַ פרוי קען יעדן איינעם איבעררײַדן. ווי שנעל עס לויפן די ווערטער פון איר מויל!“, האָט טיגרענאַ מיט סינע נעטראַכט.

נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ איז פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זיך צו־געבויגן צו איִען און האָט אים ווידער עפּעס געזאָגט. איִע האָט זיך אויפֿ־געהויבן, האָט אָנגעצויגן זײַן „שטאָפּענעם זאַק“, אַ צעשניטענעם פון פּאַרנט, און האָט מיט פרייד גענומען ריידן:

— איצט וועל איך פאַר אײַך איבערזעצן וואָס נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט געזאָגט. דערנאָך וועט זי ווײַטער ריידן. זי האָט געזאָגט, אַז די פרויען דאַרפן זײַן גלײַך מיט די מענער... טיגרענאַ האָט זיך צוגעהערט צו איִעס ווערטער, און איר גאַנצער פּנים איז רויט געוואָרן פון קאַס און פאַרדראָס. „אָ, צו דעם אַלעמען, האָט ער זיך נאָך אויסגעלערנט זאָגן ליגן! — האָט זי זיך געטראַכט. — צי דען האָט ער פאַרגעסן, אַז ווען עס ווערט געבוירן אַ מיידל, איז מען גליקלעך נאָר אויף העלפט? צי ווייסט ער ניט, אַז פרויען זײַנען קיינמאָל ניט גלײַך געווען מיט די מענער? אָדער האָט ער פאַרגעסן, אַז אַליטעט האָט מיך צוגעכאַפּט בײַ אים פון אונטער דער נאָז? עפּשער מיינט ער, אַז דאָס איז ניט געשען? איִע איז איצט אַן אַנדערער. ער דענקט פּונקט ווי אָט די פרוי מיט דעם ווײַסן פּנים“.

און ניט געקענט האָט זי זיך באַהערשן און האָט מיט קאַס אַ געשריי געטאָן:

— ס'איז ניט עמעס וואָס ער זאָגט!

איִע האָט זיך אומגעקוקט ווען ער האָט דערהערט טיגרענאַס קאָל. ער האָט זיך אַ ביסל אונטערגעהויבן און האָט זי דערזען. אין איין רגע איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בינע און האָט זיך געמאַכט אַ וועג צווישן אוילעם, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם דורכגאַנג. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איר.

נאָר טיגרענאַ איז שוין געהאַט אַוועק. איִע איז שנעל אַרויסגעלאָפן זי זוכן. די לעוואָנע האָט פּרעכטיק געשײַנט. די בעליקעס פונעם נײַעם הויז האָבן געקנאַקט פונעם פראָסט; דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס; אָן אַ צאָל שטערן האָבן געפינקלט אין הימל; אַ כאָר הינט האָט געוואָיעט.

טיגרענאַ איז שטיין געבליבן ?ן אָנגעשפּאַרטע אָן דער וואַנט פונעם הויז. זי האָט אַרויפגעצויגן דעם פוטערנעם קאָלפּאַק און די אויגן אירע האָבן, ווי פון אַ וואַר־פּאָסטן, געלויערט אויף איִען. זי האָט געזען ווי ער זוכט זי מיט די אויגן. אים איז מיסטאָמע ניט גאָר וואַרעם אין די מלבושים

וואָס ער טראָגט. און סאָראַ הויזן! ווי באַ די נאָרד־אַמעריקאַנער אום זומער. זי האָט אים שטיל נאָכגעקוקט און האָט זיך ניט געלאָזט הערן.

און מיטאַמאָל האָט איַע זי אַליין אויסגעפונען.

— .טיגרענאַ! — האָט ער אויסגערופן אָן אַנטציקטער.

מיט איין שפּרונג איז ער געווען לעבן איר, האָט זי אָנגעכאַפּט באַם קאָלפּאַק און האָט אַריַנגעקוקט אין אירע צעגלאַנצטע אויגן.

— גיי אַוועק פון מיר! דו שמעקסט מיט „טאַנגי״! — האָט טיגרענאַ ועזאָגט אָן אויפגערעגטע.

— ווי לאַנג איך האָב געוואַרט אַף דיר, טיגרענאַ! מיַנע אויגן זיַנען מיד געווען פון קוקן אַף די אָנגעקומענע שליטנס! האָסט פאַרבלאָנדזשעט ווי אַ הירש אין אַ שניי־שטורעם...

טיגרענאַ האָט געהערט ריידן איַען און האָט געשוויגן. און מיטאַמאָל האָט זי זיך דערמאָנט ווי זיי פלעגן אַזוי שטיין לעבן די „יאַראַנגאַס״ פונעם לאַגער יאַראַנקענאָט און ריידן וועגן זייער צוקונפטיקן לעבן.

טיגרענאַ האָט אים שטיל אַ פרעג געטאָן:

— דאָס פאַפּיר, וואָס ערמען האָט געבראַכט, איז דיַנס?

— יאָ. — האָט איַע פריידיק געענטפערט. — איך אַליין האָב עס געשריבן. און דאָס געמעל איז אויך מיַנס.

— איך בין ווידער אַנטלאָפן פון אַליטעטן. און איצט וועל איך מער צו אים ניט צוריקגיין. איך וועל מיר גיכער דעם האַלדז איבערשניַדן! — האָט טיגרענאַ מיט צאָרן געזאָגט.

— דאָס איז גוט! — האָט איַע אַ באַגיַסטערטער אויסגערופן און האָט געקלאַפּט די פאַרפרוירענע פיס איינעם אָן צווייטן.

— דאָס האָב איך דערהאַרגעט קאַראַגוען. איך האָב אים ניט געמיינט דערהאַרגענען. איך האָב אים גאָר אַף דער ערד אַ וואָרף געטאָן באַם אַריַנגאַנג אין דער „יאַראַנגאַ״, ווען ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַיוואַמען אין דער נאָז.

— האָב קיין מוירע ניט, טיגרענאַ. איצט בין איך זייער שטאַרק. אַלע מאָסקווער נאַטשאַלניקעס זיַנען מיַנע פריַנט. מיר האָבן גאָרניט וואָס מוירע צו האָבן...

און כאָטש איַע האָט געוווּסט, אַז טיגרענאַן קען מען ניט פאַרבלענדן מיט די נאַטשאַלניקעס פון דער וויַטער מאָסקווע, זיַנען אים די ווערטער אַליין פונעם מויל אַרויסגעקומען. ער האָט בלויז געמערקט ווי טיגרענאַ הערט אים גלײַכגילטיק אויס, און ער האָט טייקעף געביטן די טעמע: ווו איז דאָס קינד?

— דערוויַל האָב איך אים איבערגעלאָזט באַ רולטינאָן. זי איז אַ גוטע האַרציקע פרוי.

— מען דאַרף אים פון דאָרט אַוועקנעמען.

— ניין, וואַרט אַ וויַלע... דו ביסט דער אייגענער וואָס פריִער? פאַר־וואָס האָט דיך אַזוי פאַרפירט די רוסישע פרוי, וואָס דו האָסט מיט איר צונג אַרויסגעבראַכט אַזעלכע זינלאָזע ווערטער? זע, ווי דו גייסט אָנגעטאָן. ביזן זומער וועסטו אין דעם אָנטאָן פאַרפרוירן ווערן. און די האָר באַ דיר זיַנען מיִעס געוואָרן.

— דאָס איז שטוביקער אָנטאָן, טיגרענאַ. דאָס אָנטאָן קען מען יעדן מאָמענט ביַטן. דאָס האַרץ אָבער ניט.

— און ווער איז די פרוי מיט דעם ווײַסן פּאָנעם וואָס האָט גערעדט מיט דײַן צונג ? צו וואָס איז זי געקומען אַף אונדזער ערד ?

— דו ווייסט ניט ווער זי איז ? דאָס איז לאָסעס פרוי.

— לאָסעס ווײַב ? — האָט טיגרענאַ איבערראַשט איבערגעפרעגט.

— און זי איז אויך אַ נאַטשאַלניק. — האָט אַיע צוגעגעבן.

— קענען דען פרויען אויך זײַן נאַטשאַלניקעס ? איך האָב עס נאָך קיינמאָל ניט געהערט זאָגן. — האָט טיגרענאַ געזאָגט.

— זי וועט זײַן נאַטשאַלניק איבער פרויען־פּראָבלעמען ?

— וואָס מיינט עס „פּראָבלעמען״ ?

— דאָס נײַע געזעץ פאַר די פרויען. אַ גוט געזעץ. זי קען דיך. זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט דיר העלפן זיך שיידן פון אַליטעטן. זי איז זייער אַ גוטע פרוי. מיר זײַנען געווען צוזאַמען אַף דער גרויסער ערד און צוזאַמען אויך געפאָרן אַף דער שיף אַהער.

— אַיע, מיר האָט זיך געדוכט דו ביסט אַן אַנדערער, אַז דו ביסט ניט קיין ריכטיקער מענטש. — האָט טיגרענאַ געמורמלט.

— נייך, טיגרענאַ ! — האָט אַיע מיט היץ אויסגערופן. — צי דען זעען ניט דײַנע אויגן וויאַזוי איך בין ? צי דען הערן ניט דײַנע אויערן מײַנע ווערטער ? איך בין דער אייגענער אַיע. נאָר איצט בין איך געוואָרן אַ זייער שטאַרקער מענטש מיט דעם נײַעם געזעץ. וועסט זען ווי איך וועל מיך צעךרעכענען מיט אַליטעטן, אויב ער וועט קומען אַהער.

פון אָנהייב האָט טיגרענאַ ביישוויליק זיך דערפרייט וואָס אַיען איז קאַלט אין די „טאַנגני״־מאַלבושים, וואָס ער טראָגט, נאָר איצט האָט מיטגעליטן און אַז זי האָט געזען ער ציטערט, האָט זי אים געזאָגט :

— אַיע, לויף צו ביז דעם באַרג, וועסטו זיך דערוואַרעמען.

אַיע האָט אַ שפּרונג געטאָן, האָט אַ פּאַכע געטאָן מיט די הענט און געוואונען לויפן ווי שנעל ער האָט געקענט. ער האָט זיך איינגאַנצן פאַרגעסן אַן דער פאַרזאַמלונג און אַז ער דאַרף איבערזעצן.

לעבן טיגרענאַן האָט פּלוצים אַ פינקל געטאָן אַ פײַערל. אַ דערשראָ־קענע, האָט זיך טיגרענאַ מיט די הענט די אויגן פאַרשטעלט.

— האָסט זיך דערשראָקן ? — האָט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ זי גע־פרעגט און האָט פאַרלאָשן דעם טאַשן־לאַמטערן.

זי האָט אַרומגענומען טיגרענאַן באַ דער טאַליע און איר האַנט איז פאַרזונקען אין דעם הויכן ווייכן פוטער.

— זע, ס׳איז אַן עלעקטרישער לאַמטערן ! — האָט נאַטאַליאַ סעמיאָ־נאָוונאַ ליבלעך געזאָגט.

דאָס פײַערל האָט זיך ווידער אָנגעצונדן. טיגרענאַ האָט שטיל באַטראַכט די רוסישע פרוי, און ווען זי איז צו זיך געקומען, האָט זי מיט די פינגער אָנגערירט דאָס פּוקלע שײַבל פונעם לאַמטערן. דאָס פײַער איז קאַלט געווען.

— וואָס טוסטו דאָ איינע אַליין, אַזאַ בראַווע פרוי !

טיגרענאַ האָט ניט פאַרשטאַנען די ווײַסע פרוי, נאָר געוואָלט האָט זי זײַן מיט איר און הערן אירע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

„זי איז די פרוי פון דעם בערדיקן נאַטשאַלניק. זי מוז זײַן אַ גוטע פרוי״, — האָט זי זיך געטראַכט.

אַ פאַרסאָפּעטער, אַן אַנטציקטער פון דער קעלט און פון דעם לויפן,

דער קאָפּ מיט געפּריר באַדעקט און אינגאַנצן אַ צעפּאַרעטער, איז אָיע צו־געלאָפן צו די פּרויען.

— פּאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן פון דער פאַרזאַמלונג? אַנדריי האָט גע־מוזט איבערזעצן. — האָט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ געזאָגט.

— טיגרענאַ איז דאָך געקומען! — האָט אָיע דערקלערט מיט אַ צע־שטראַלטן שמייכל.

— אַך אַזוי! דאָס איז טיגרענאַ?

— יאָ, זי האָט אָפּ שטענדיק פאַרלאָזט אַליטעטן.

— קומט־זשע אַרײַן צו אַנדרייען אין צימער. וועסט נאָך פאַרפרוירן ווערן, אָיע.

— מיר איז וואַרעם. — האָט דער באָכער געענטפערט און האָט גע־שטראַלט פון גליק.

בײַ אַנדריי זשוקאָוו אין צימער איז געווען וואַרעם. דאָרט האָבן זיי געקענט פרײַ שמועסן.

נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט געוואָלט ריידן מיט טיגרענאַן. זי האָט אַ סאַך געוווסט פון איר און טיגרענאַ איז איר געפעלן געווען. דערצו אויך האָט זי געוואָלט וואָס פריִער אַנהייבן איר אַרבעט צווישן די פרויען.

און נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט גענומען לײַדנשאַפטלעך ריידן וועגן דער לאַגע פון די פרויען אינעם ראַטנפאַרבאַנד. זי האָט גערעדט לאַנג, שנעל און מיט היץ. אָיע האָט קוים באַוויזן איבערצוזעצן וואָס זי האָט געזאָגט.

אין דער צײַט ווען נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט אַזוי אייפעריק אויפ־געקלערט טיגרענאַן, איז שטיל אַרײַנגעקומען אַנדריי. ער האָט געהערט מען שמועסט, איז ער שטיין געבליבן בײַ דער טיר. און ווען נאַטאַליאַ סעמיאָ־נאָוונאַ האָט געענדיקט, האָט ער נאָכגיביק אַ שמייכל געטאָן:

— און דו גלייבסט, אַז דו האָסט איר אויפגעקלערט? דאָ טוט מען עס אַנדערש. קורץ, ביסט דורכגעפאַלן באַם עקזאַמען אָפּ פּאָליטישער טוערן.

— אויב דו ווייסט ווי מען טוט עס, דערקלער עס מיר. — האָט די פרוי אים אָפּגעענטפערט מיט אַ געוויסער נאָטע פון אַ באַליידיקטער אי־נעם קאָל.

— כאַפּ ניט אַזוי, נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ! אַלץ דאַרף זײַן אין זײַן צײַט. האָט דיך נאָך לאָס ניט באַקאַנט געמאַכט מיט אונדזער אַרבעט?

— וואָס איך זע, איז, אַז דו מיט לאָסן האָט איר אײַך ווייך צעלייגט ווי די אָקסן אָפּ אַן אָקער־פעלד. איר האָט אײַך, מיסטאָמע, ווי איך זע, די מי ניט געגעבן מיט דער פרוי זיך דורכצושמועסן.

אַנדריי האָט געגריסט טיגרענאַן און האָט זיך אָנגערופן צו אָיען:

— לאָס זוכט דיך אַרום. ער רעדט פאַרן אוילעם מיקויעך די וואָלפיש־שפלעך, מיקויעך די מאָטאָרן און די קורסן...

— טיגרענאַ, איך קום באַלד צוריק. — האָט אָיע געזאָגט און איז שנעל אַרויס פונעם צימער.

— אַנדריי, זאָג דעם מיידל, זי זאָל זיך אַ ביסל אויסטאָן. דאָ איז הייס. — האָט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ זיך געערגערט.

— זי קען זיך ניט אויסטאָן. זי איז אָנגעטאָן רײַזע־מעסיק. דערצו מוז זי זיך פריִער אויסטאָן די שיך. אומזיסט ערגערסטו זיך. דײַן רעדע אָפּ דער פאַרזאַמלונג, נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ, איז שלעכט אויפגעפאַסט.

— דו וועסט מיר געבן לעקציעס ? אינעם וולאַדיוואָסטאָקער קרײַז־לאָמיטעט...

— פאַרן „קאָנטינענט״ איז דײַן רעדע אַן אויסגעצייכנטע. — האָט אַנדריי איר ניט געלאָזט אויסריידן. — דאָ אָבער... — ער האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען און האָט צוגעגעבן: — דאָ איז עס געווען פּוסטע קלאַנגען ניט אין איינקלאַנג מיט די אָרטיקע פּירונגען און געוווינהייטן. פרעג לאָסן וויִאַזוי ער גרייט צו זײַנע רעדעס. ער אַרבעט אַף אַ רעדע אַ גאַנצע וואָך! נאָר אַזוי קען מען צו עפּעס קומען. עס זעט אויס גרינג, נאָר דאָס דוכט זיך נאָר אַזוי. גוט איז נאָך וואָס איָע איז אַוועקגעלאָפן... זײַ מיר מויכל, נאָר אַז איך האָב שוין יאָ געהאַט די אַרבעט פון איבערזעצן, האָב איך ניט געקוקט אַף גאָרניט און האָב אומגעביטן דײַנע ווערטער.

— וואָס זאָגסטו ? — האָט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ זיך אויפגערעגט.

— מירן שפּעטער ריידן דערפון. זעץ דיך צום טיש, טיגרענאַ, וועלן מיר טרינקען טיי. געדענקסט ווי מיר האָבן געטרונקען טיי באַם אַלטן וואָאַל אין דער „יאַראַנגאַ״ ? אַ גרויסע פערזענלעכקייט איז ער געווען!

— יאָ. — האָט טיגרענאַ שטיל געענטפערט און האָט בעיס מײַסע אומדרײַסט געקוקט אַף די רוסן.

איר האָט זיך געדוכט, אַז אַנדריי דער יונגער נאַטשאַלניק, האָט אויס־געערעדט דער רוסישער פרוי פאַרוואָס זי האָט זי, אַליטעטס פרוי, אַרײַנגע־פירט צו אים אין צימער. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש. מיט אַ באַוועג פון די אַקסלען, האָט זי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די „קוכליאַנקע״ ביזן גאַרטל, און די אַרבל, באַזוימטע מיט מאַרדער־פוטער, זײַנען אַראָפּגעהאָנגען ביז דער ערד. זי האָט געטראָגן אַ קלייד פון העל־רויטן קאָליר. די היץ האָט איר פּאָנעם פאַררויטלט. צוויי דיקע צעפּ זײַנען געפאַלן אַף איר הויכער ברוסט. מיט אַ טרייסל פונעם קאָפּ האָט זי די צעפּ פאַרוואָרפן אַפן רוקן.

— טרינק טיי, טיגרענאַ. עס פרייט מיך וואָס איך קען דיך מיט עפּעס מעכאַבעד זײַן. אַליטעטן וואָלט איך אַפילע קיין טאָזע טיי ניט געגעבן. ער איז אַ שלעכטער מענטש. — האָט אַנדריי געזאָגט, ווי ער וואָלט גע־כראַפּן וואָס טיגרענאַ טראַכט.

טיגרענאַ האָט צו אים די אויגן אויפגעהויבן:

— איך בין אַנטלאָפן פון אַליטעטן און וועל מער ניט צוריקפאָרן קיין ענמאַקײַ. ער וועט זיכער קומען נאָך מיר. ער איז געוואָרן זייער שלעכט.

— עס מאַכט ניט אויס, טיגרענאַ. דאָ וועט ער ווערן אַזאַ שטילינקער ווי אַ האָז. מירן אים אַזוינס פאַרגעבן, אַז ער וועט עס ביזן טויט געדענקען.

— איך ווייס ניט... איָע האָט דאָ אַ „יאַראַנגאַ״ ?

— פאַרשטייט זיך. זײַן צימער איז לעבן מײַנעם.

איצט האָט שוין נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ נאָכגעהאַלטן זייער אומפאַר־שטענדלעכן שמועס לויטן אויסדרוק אַף טיגרענאַס פּאָנעם.

— אַנדריושאַ, זעץ מיר איבער וואָרט אין וואָרט וואָס זי זאָגט. דו וועסט בעשום אויפן ניט פאַרשטיין אַ פרוי.

— לערן דיך אַליין אויס ריידן.

— אַנדריי מיכײַלאָוויטש, רעדט ניט קיין נאַרישקייטן. איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז אין איין טאָג קען איך מיך די שפּראַך ניט אויסלערנען. אַפן גע־רעדט, איך האָב אײַך געהאַט אַ בעסערע מיינונג. — האָט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ אויסגעפּלאַצט.

— וואַרט, נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ. איך וויל ניט איבעררײַסן דעם געשפּרעך מיט איר.

— איך האָב געהאַט אַ שווער לעבן! — האָט טיגרענאַ דערציילט. — וויפל ווינטערן דאָס ציט זיך! מײַן האַרץ שרײַט פון ווייטיק. וויפל מאָל האָב איך מיר שוין געוואָלט דעם האַלדז איבערשנײַדן!...

לאָס און איַע זײַנען אַרײַנגעקומען אין צימער.

— דאָס טויג ניט. מענטשן זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען און איר האָט אײַך אָפּגעזונדערט. — האָט לאָס געזאָגט.

— ניקיטאַ סערגייעוויטש, אויך דאָ ווערט דעבאַטירט אַ וויכטיקער איניַען. — האָט אַנדריי געענטפערט און האָט פרײַנטלעך געקוקט אַף איַען.

— עס שמעקט מיט כאַסענע.

— אויסגעצייכנט! איך האָב ליב כאַסענעס! ס׳איז טיגרענאַ? וואָס מאַכסטו, טיגרענאַ? — לאָס האָט איר מיט אַ פרייַלעכן שמייכל דערלאַנגט די האַנט. טיגרענאַ האָט אַ צעטומלטע אים דערלאַנגט איר האַנט.

לאָס האָט מיט איר גערעדט צוגעלאָזן און האַרציק, און איַע האָט, קוקנ־דיק אַף זיי, איבערגעלעבט דעם גליקלעכסטן מאָמענט אין זײַן לעבן. די פּיס האָבן אים געציטערט — אַזאַ פרייד האָט ער געפילט אין האַרצן — און ער האָט זיך אַף דער ערד אַוועקגעזעצט מיט דעם נײַעם אַנצוג און מיט אַלעמען.

לאָס האָט געלאַכט, געשפּאַסט. טיגרענאַ האָט אים קיינמאָל אַזוי ניט געזען. איר פלעגט זיך דוכטן אַז אַט דער מענטש מיט דער באָרד קען גאָר ניט לאַכן.

— נו, גוט, מירן אײַך אַרויסגעבן אַ כאַסענע־פּאַפּיר. — האָט לאָס געזאָגט און, אַז ער האָט דערזען איַען זיצן אַף דער ערד, לעבן דער טיר, האָט ער, אָן איבעראַשטער, מיט די הענט צענומען. — וואָס טוסטו דאָרט? דאָס האָסטו דיך אין מאָסקווע אַזוי אויסגעלערנט זיצן?

— איך האָב מיך פאַרגעסן. — איז איַע צעטומלט געוואָרן.

אַרײַנגעקומען זײַנען יאַראַק און וואַסמטשאַ.

— און מערי?

— זי רעכנט פאַרבלײַבן די גאַנצע נאַכט באַדינען די אָנגעפאַרענע געסט. זי האָט ליב די דאָזיקע אַרבעט. — האָט וואַסמטשאַ געענטפערט.

— נו, זעץ דיך, וואַסמטשאַ.

נאָר וואַסמטשאַ האָט זיך דערפילט ניט באַקוועם. ער האָט געטראַכט, אַז איַע מיט יאַראַקן, וואָס טראָגן די רוסישע מאַלבושים, זײַנען אים געוואָרן אויס פרײַנט.

— וואַרף אַראָפּ דאָס וואַרעמע אַנטאָן, וואַסמטשאַ. וועסט זײַן מײַן גאַסט. — האָט אַנדריי פאַרגעשלאָגן.

וואַסמטשאַ האָט אים, אַ צעטומלטער, אין דער שטיל אויפגעקלערט:

— דער לערער האָט מיר געגעבן אַ העמד, נאָר פון אײַלעניש וואָס גיכער אַרויסצופאָרן, האָב איך עס פאַרגעסן.

— אַך, איך פאַרשטיי! גוט, קום מיט מיר.

זיי זײַנען אַריבערגעגאַנגען צו איַען אין צימער און אין אַ קורצער ווײַלע אַרום איז וואַסמטשאַ צוריקגעקומען אין אַ העמד און איבער דעם רעקל.

טיגרענאַ האָט אים דערזען, האָט זי זיך אָפּן הויכן קאָל צעלאַכט.

קאַפּיטל XVI

די פאַרבעטענע צום יאַנטעוו געסט גייען מאַכנעסווײַז אום איבער די געבײַען. יעדע זאַך רופט זייער אויפמערקזאַמקייט. וויפל געהילץ דאָ איז פאַראַן! פון יעדער ברעט קען מען מאַכן אַ וועסלע. די שפּענער אַפילע האָבן דאָ אַ ווערט, אין דעם וואַלדלאָזן לאַנד.

מער ווי אַלץ רופן די אויפמערקזאַמקייט פון די געסט די צוויי ריזיקע הײַזער, וואָס זײַנען דאָ אומבאַמערקטערהייט אויסגעוואַקסן. דער פּאַס ערד איז פון שטענדיק אַן געווען דער באַזיץ פון אַן אַ שיר מאַכנעס קאַטשקעס: גרויסע, מיט אַן עק ווי אַ ראַגאַטש, מיט ווײַסע פליגל. שטיפערישע קאַטשקעלעך פלעגן דאָ רויִק אומלויפן איבערן זשוויר. אַ ביסל דערוויַטערט פונעם יאַם פלעגן פאַרבײַפליִען אַגדערע דאַטשגיקעס: שוואַנען, גענדז ווײַסע און בלויע, טשיביקעס און צאַפּנדיקע לאַרכן. שטילע, רויִקע ערטער!

און איצט, איז דער יאַם-ברעג פאַרוואַלגערט מיט בעליקעס, מיט ברעטער און אַלערליי בוי-מאַטעריאַלן.

פון זינט די שיפן זײַנען אַוועק, הערט מען טאָג-טעגלעך דאָ, אַף די שטילע ערטער, דאָס קלאַפּן פון די העק, דאָס ריטשען פון די זעגן, די קוילעס פון די סאָוועטישע מענטשן. עפּעס אומגעווײנלעכס קומט פאָר באַ דעם ברעג.

דער דאָקטער פיאָטר פעטראָוויטש באַווײַזט אַ גרופּע יעגער אַ פּאַפּירענעם ציל-ברעט און ווײַזט מיטן פינגער אַף די אָנגעצייכנטע קרײַזן. ער רעדט מיט אַן אַלעמען פאַרשטענדלעכער שפּראַך:

— פּום! פּום!

די יעגערס לאַכן און שאָקלען מיטן קאָפּ: נייִן. מיט די „ווינטשעסטערס" אין די הענט גרייטן זיי זיך באַטייליקן אינעם שיס-געוועט. אַן אַ זײַט גלאַנצט דער דעק פון עטלעכע פלעשער אינעם שניי.

אַן עלטערער יעגער קומט צו צום דאָקטער, שטופּט אָפּ מיט דער האַנט דעם פּאַפּירענעם ציל-קרײַז, ווײַזט אים אַן אַף די פלעשער און זאָגט זייער ערנסט:

— דער פּאָקעס קאָפּ זעט מען אינעם וואַסער ווי די פלאַש אינעם שניי.

נאָר דער דאָקטער אָקשנט זיך אַלץ:

פּאַפּיר טויג ניט; אַ פלאַש איז גוט. זי איז ווי אַ פּאָקע אינעם וואַסער.

— פּום! פּום!

ערגעץ שיסט מען שוין. די יעגערס געניטן זיך.

עס קומען צו לאָס, אַנדריי, יאַראַק, איִע. אויך טיגרענאַ מיט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ. די צוויי פרויען זײַנען צווישן זיך שנעל נאָענט געוואָרן און שמועסן צווישן זיך גאַנץ לעבעדיק. טיגרענאַ וויל אויך פריילעך זײַן, נאָר אַ געוויסער געפיל פון אומזיכערקייט הויערט אַף איר ווי אַ שווערע מאַסע. פאַראַן דאָ צופיל נײַגעריקע אויגן.

אַ מאַכנע פאַרפוצטע ווײַבער שושקען זיך ווען זיי דערזעען טיגרענאַן און זי פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז דאָס רעדט מען פון איר. די ווײַבער ווייסן ניט ווי זיי זאָלן באַטראַכטן טיגרענאַס באַגיין; אַלטע לײַט אַפילע זײַנען אין אַ פאַרלעגנהייט: ווי זאָלן זיי קוקן אַף טיגרענאַס אַנטלויפן אַ געשיצטע פון די רוסן? טיגרענאַ האָט געבראַכן די פירונגען פונעם לאַנד. אָבער אויך

אַליטעט האָט זיי געבראַכן. די רוסן, ווײַזט אויס, האַלטן מיט טיגרענאַן: ווי ליבלעך זיי באַציִען זיך צו איר!

איליטש האַלט זיך אָן אַ זײַט, נאָר ער נעמט דאָס אויג ניט אַראָפּ פֿון טיגרענאַס פּאָנעם. אַף לעצט איז ער צו איר צוגעגאַנגען.

— טיגרענאַ, — האָט ער איז געזאָגט, — די רוסן זײַנען געראַכטע כ'ענטשן און זוכן דעם עמעס. שוין לאַנג ווי דו ביסט באַשטימט געוואָרן צו זײַן איעס ווײַב. איצט העלפֿן דיר די רוסן דו זאָלסט עס ווערן.

טיגרענאַ האָט זיך אײַנגעהערט צום אַלטן. אַ פֿריידיק געפֿיל האָט זי אַרומגענומען.

— אַ דאַנק, איליטש. — האָט זי מיט אַ שמייכל געזאָגט. — דײַן האַרץ איז גוט.

די יעגערס זײַנען שוין אויסגעזעצט געווען אינעם שניי, די קני אויפֿגעשטעלט: אָנצושפּאַרן די האַנט באַם שיסן.

— טיגרענאַ, דאָ האָסטו זייער אַ גוטע ביקס. — האָט איר איע אָנגעבאָטן.

טיגרענאַ איז געווען נערוועזש. די אויגן האָבן איר געגלאַנצט. זי האָט באַקוקט דעם „ווינטשעסטער", האָט באַטאַפּט דעם ציל־פּונקט און האָט צוריקגעגעבן איען דאָס געווער.

— איך וועל ניט שיסן, איע. די ביקס איז ניט מײַנע און, אויב איך וועל ניט טרעפֿן, וועט מען פֿון מיר לאַכן.

— ס'איז אַ גוטע ביקס. ס'איז מײַנע.

— ניין, דער אוילעם דאָ רעדט שוין צופֿיל פֿון מיר. שיס דו.

די שאָסן האָבן זיך געהערט אַלץ אָפֿטער. די יעגערס האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אַף זייער ריי. ווארעם אַ כוץ דעם קאָוועד און דער אַלגעמיינער באַוווּנדערונג, האָט דער געווינער באַקומען אַ „פּרימוס", אַ בלעך קעראָסין און צען קעסטלעך קאַרטעטש. מיט דעם האַרצן אָן אָנגעהאַנגענס, האָט יעדער דאָס אויג אָנגעשפּיצט אַף צו טרעפֿן אין דער פֿלאַש. דאָס קנאַלן פֿון די ביקסן האָט מיט פֿרייד אָנגעפֿילט דאָס האַרץ פֿון די יעגערס. מען האָט שוין געהאַט אויסגעשאָסן דרײַ הונדערט קאַרטעטשן. ס'האָט אויסגעזען ווי מען וואָלט אַף אָט די געפּרווירענע ברעגעס סאַלוטירט דעם נײַעם יאַנטעוו.

די יאָטן זײַנען געלאָפֿן צוברענגען די פֿלעשער און האָבן אויסגעשריגן די נעמען פֿון די וואָס האָבן געטראָפֿן. די באַגײַסטערונג פֿונעם אוילעם איז געוואַקסן.

— איע, — האָט טיגרענאַ פּלוצים אַ זאָג געטאָן — גיב מיר די ביקס.

— נאָ זי דיר! נעם! — מיט פֿרייד האָט איע דערלאַנגט טיגרענאַן דעם „ווינטשעסטער". — וואַמטשאַ האָט געטראָפֿן צוויי מאָל. מען דאַרף אָבער טרעפֿן דרײַ.

טיגרענאַ האָט זיך באַקוועם געמאַכט צום שיסן. זי האָט אַ קוק געטאָן צו וואַמטשאַן און מיט אַ געלעכטער אים אָנגעמערקט:

— גרויסער שיסער! האָסט אָנגעווירן דעם פּריז.

וואַמטשאַ האָט, אַ צעטומלטער, גאָרנישט ניט געענטפֿערט.

טיגרענאַ האָט אויסגעשאָסן און איע איז צוגעלאָפֿן אַ קוק טאָן אָפֿן ציל.

— האָסט געטראָפֿן! געטראָפֿן! — האָט ער פֿריילעך אויסגערופֿן. ער האָט אָפּגעטראָטן אַ שפּאַן פֿון דער פֿלאַש און האָט ווידער אַ געשריי געטאָן:

— שיס נאָכאַמאָל!

— טרעט אַפּ ווײַטער אַ ביסל. טאָמער ציטערט איר די האַנט קען נאָך אַן אומגליק געשען. — האָט עמעצער פון אוילעם געוואָרנט.

— שיס, שיס, טיגרענאַ! — האָט איע געשריגן אַ זיכערער אין טיגרע־נאָס אויג, ווי אין זײַן אייגענעם.

נאָכן צווייטן מאָל טרעפן, האָט איע גענומען די פלאַש און געשריגן:

— שיס, טיגרענאַ! איך וועל האַלטן די פלאַש!

טיגרענאַ האָט די ביקס אַראָפּגעלאָזט און האָט גאָרנישט ניט געזאָגט.

— דער באָכער איז מעשוגע געוואָרן! — האָט דער אַלטער איליטש אים אויסגערעדט. — הייסט אים עמעצער אַוועקשטעלן די פלאַש אינעם שניי!

דער דריטער שאָס איז פאַרבײַ און האָט ניט געטראָפן.

— איע האָט מיר דעם ציל קאַליע געמאַכט. — האָט טיגרענאַ מיט פּאַרדראָס אָנגעמערקט.

וואַאַמטשאַ האָט צו איר מיט סימפּאַטיע אַ שמייכל געטאָן.

נאָכמיטיק האָט זיך אָנגעהויבן דער געווּעט מיט הינט. אַ צענדליק שליטנס זײַנען געשטאַנען גרייט אין אַ ריי. די הינט האָבן יאָמערלעך גע־וואָיעט און אומגעדולדיק זיך געדרייט.

געווען זײַנען זיי אײַנגעשפּאַנט ניט איינער הינטערן צווייטן, נאָר אין דער פאָרעם פון אַ פאָכער, ווי עס פאָדערט זיך אין אַ יאָנטעוו־טאָג. צום שליטן גופע זײַנען צוגעשפּאַנט געווען פיר הינט, פאָר זיי דרײַ, ווײַטער צוויי און פון פאָרנט דער שפּיצאָק. אַלע שליטנס האָבן געהאָט צו צען הינט. אַזוי אָרום אײַנגעשפּאַנטע, האָט מען זיי אַלעמען געקענט דערלאַנגען מיט דער בײַטש.

גערעדט האָט מען הויך, וואָס ווײַטער אַלץ היציקער, מען האָט געמאַכט מיט די הענט, געדיסקוטירט, געפּרוווט טרעפן ווער עס וועט געווינען.

דער אַלטער איליטש האָט זיך געאייסעקט אַרום דעם שליטן פון זײַן זון ערמען. ער האָט געביטן די ערטער פון די הינט און האָט געגעבן די לעצטע אָנווײַזונגען. אַף לעצט האָט ער אַ צי געטאָן דעם שפּיצאָק פאַר אַן אויער און האָט אָפּגעטראָטן.

ווער וויל דען ניט באַקומען אַלס פּריז אַ נײַעם „ווינטשעסטער" מיט צוואַנציק קעסטלעך קאַרטעטש? עמעס, פאַראַן אויך אַ צווייטע און אַ דריטע פּרעמיע, נאָר אין פאַרגלײַך מיט דער ביקס, איז עס גאָרניט: אַ זאַק מעל, אַן אַפּשניט סיטץ, טאַבאַק און פאַרשיידענע קלייניקייטן.

— וואָס הערט זיך, איליטש? — האָט לאָס פריילעך אַ פרעג געטאָן ז'עם אַלטן.

דער אַלטער האָט שעלמיש, נאָר זיכער אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג, איז ווידער צוגעגאַנגען צום שפּיצאָק און האָט אים פאַריכט די ספּראַנזשקע.

— אַף וועמען שטעלסטו, אַנדריי מיכײַלאָוויטש? — האָט דער דאָק־טער געפרעגט זשוקאָוון.

— איך אַף איען.

— און איך אַף יאַראַקן.

— סאָראַ כיטראַקעס! — האָט לאָס געזאָגט. — ווי דען: איע האָט אַליטעטס שפּאַן און יאַראַק טאַמסאַנס.

— איר באַטייליקט זיך גאָרניט אינעם געוועט, ניקיטאַ סערגייעוויטש? — האָט דער דאָקטער געפרעגט.

— יאָ, איך שטעל אַף ערמענען.

אַנדריי האָט זיך צעלאַכט: ער האָט דאָך אײַנגעשפּאַנט קעץ, ניט קיין הינט, ניקיטאַ סערגייעוויטש!

— דו זאָרגט דיך ניט. איך וועל לאָכן דער לעצטער. ווילסט גיין אין געוועט?

— אָף וואָס וועטן מיר?

— אויב ערמען קומט דער ערשטער, דאַרפסטו מיר געבן דײַן הונט ריזשיק. אויב איַע געווינט, וועסטו דיר נעמען וועלכן הונט דו ווילסט פון מײַנע.

— מאַסקים. — איז אַנדריי אײַנגעגאַנגען. — נאָר אַ שאָד, וועסט פאַרלירן.

— זאָג ניט האָפּ איידער דו ביסט אַריבערגעשפּרונגען. מאַסקים, הייסט עס?

— מאַסקים! מען קען שוין געבן דעם צייכן!

אַנדריי האָט אויסגעשאָסן פון דעם „ווינטשעסטער", וואָס דאַרף זײַן די פּרעמיע.

די ריוואַלן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט מיט אַ געשריי און געפּילדער און צעפּאַכעט די בײַטשן. באַ איינעם האָבן זיך די הינט אײַנגעפּלאָנטערט באַלד באַם אָנהייב, און דער „קאַיור" איז, אונטער אַלעמענס געלעכטער, פונעם שליטן אַראָפּגעשפּרונגען און האָט שנעל פונאַנדערגעפּלאָנטערט די הינט. ער האָט גענומען שמײַסן מיט דער בײַטש אָנצוייאָגן די פאַרויסלויפנדיקע. נאָר הינטערן בערגל האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע שליטנס. דער אוילעם האָט זיך צעוויגט. מען האָט געפּאַכעט מיט די הענטשקעס, מיט די היטלען, ווי זיי אַליין וואָלטן אין די שליטנס געפאָרן.

— יאַראַק! יאַראַק!

— איַע! איַע!

ווי עס איז געוווען צו דערוואַרטן, זײַנען די צוויי שליטנס, מיט גרויסע און שטאַרקע הינט, געלאָפן די ערשטע. די הינט זײַנען געלאָפן אין איין ריי. די אויגן האָבן זיי ווילד געבליצט. גענוג געוווען אַז איין שליטן זאָל אָף אַ האָר אַרויס אָפּריער, האָט אים דער צווייטער באַלד אָנגעיאָגט. אינעם אַנטשיידענעם מאָמענט, האָט איַע זיך אָף די קני אָוועקגעשטעלט און מיט אַלע קויכעס גענומען טרײַבן די הינט. דער שליטן איז שנעל אַרויס אָפּריער. יאַראַקס הינט האָבן זיך דעמאָלט אַ לאָז געטאָן אין פולן גאַלאָפּ אָף איַעס שליטן. אַ געוואַי, אַ געביל, די הינט שטשירען די ציין, רײַסן זיך, בײַסן זיך און פילן ניט די שמיץ.

יאַראַק און איַע צענעמען זיי קוים מיט שטורכעס. אַ ביסל אָן אַ זײַט איז פאַרבײַגעלאָפן ערמענס שליטן. דער יונגער יעגער, אָנעם היטל, האָט מיט איין האַנט זיך אָנגעהאַלטן אָנעם „באַראַן" און מיט דער צווייטער פאַר־אַקשנט געשמיסן די הינט.

דער אוילעם האָט הייס געשריגן, געריסן די גאָרגלען.

איליטש האָט אַ וואָרף געטאָן אַ הענטשקע אָפן שניי, האָט זיך אַראָפּ־געריסן דאָס היטל פונעם קאָפּ און האָט געקוויטשעט מיט אַ שנײַדיקן קאָל.

— דערלאַנג! דערלאַנג! ערמען! דערלאַנג!

אויך לאָס האָט געשריגן און האָט געמאַכט מיט די הענט.

ערמען איז אָנגעקומען דער ערשטער. נאָך אים איז אָנגעקומען וואַ־אַמטשאַ.

לאָס איז צוגעלאָפן צו אַנדריי‌ען, איז זיך פאַרגאַנגען פון געלעכטער און אים געזאָגט:

— אַנדריושאַ, ביסט מיר שולדיק ריזשיקן!

איליטש האָט געגלעט דעם שפּיצאָק, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אָפן שנײ און האָט געסאָפּעט מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג. אויך ערמען האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אָפן שנײ און האָט זיך אָפּגעווישט דאָס פאַרשוויצטע פּנים.

— איך האָב עס געוווּסט. טשאַלי האָט זיך צעשלאָגן מיט אַליטעטן. איך האָב זײ געוואָרנט זײ זאָלן ניט לויפן אײנער לעבן צווייטן. זײ דאַרפן זיך נאָך אַ סאַך לערנען בײַ די אַלטע. — האָט איליטש געזאָגט, אַ צופרידענער מיט זײַן געלונגענעם שפּיצל.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיך פאַרצויגן די אַלערלײ געוועטן: אַ געיעג פון יונגע יעגערס, אַ געיעג פון יאַטלעך, געוויכט-הייבן, רינג־קאַמף. די יעגערס, גרויסע ליבהאָבערס פון געוועט, פלעגן אַלע זייערע אַרבעטס־יאַנטויוויום — דעם יאַנטעוו פון מאַרזשן־יאַגד, פונעם וואַלפיש, פון אַראָפּ־לאָזן די פּיראָגע — באַגלייטן מיט אַרויסווײַזונגען פון קראַפט, פלינקייט און אויסדויער.

אַזעלכע פאַרוועטן ווי אין יענעם טאָג אַרום די גרויסע הילצערנע „יאַ־ראַנגאַס" פון די רוסן, זײַנען נאָך קיינמאָל ניט געווען.

דער נײַער יאַנטעוו, אַן אַרייסגערופענער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, דער יאַנטעוו פונעם נײַעם לעבן און פון דער פרייד פון גאַנצן פאָלק, האָט אַרומגענומען דאָס בעסטע וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן, און האָט געוועקט פריידיקע באַגײַסטערונג.

מיט צוגעזשמורעטע אויגן האָט דער אַלטער איליטש זיך צוגעהערט האָס דער „מענטש מיט די זעק" האָט גערעדט.

דער דאָקטער פּיאָטר פּעטראָוויטש האָט געגעבן צו דערקלערן די באַדינגונגען פון אַ נײַעם מין געוועט: אַ געיעג מיט זעק. געשטאַנען איז אַרום אים אַ גרויסער אוילעם. געבראַכט האָט מען פערציק זעק.

איליטש איז טייקעף צוגעקומען און האָט געבעטן אַ זאַק. ער איז אַרײַן אינעם זאַק און האָט געשמייכלט.

— איך האָב שוין פאַרגעסן יענע צײַט ווען קיינער האָט מיך ניט געקענט אַריבעריאָגן אין לויפן. איך האָב מיך שוין געקליבן שטאַרבן, ניט האָבנדיק געפילט דאָס גרויסע גליק, די פרייד פון אָנטײלנעמען אין אַ געוועט. אָבער ניין! איך זע, אַז איך וועל נאָך אויך לויפן אין אַ זאַק.

איליטש איז געשטאַנען אינעם זאַק, וואָס ער האָט צוגעהאַלטן אָף דער הייך פונעם בויך און האָט אָפּגעוואַרט דעם צייכן.

שטאַרקע יאַטן, מיט די פיס צעגומען אינעווייניק אין די זעק, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ווי נאָר מען האָט דעם צייכן געגעבן. זײ זײַנען טייקעף אומגעפאַלן, האָבן זיך שנעל אויפגעהויבן, טרערן זײַנען זײ געקומען אין די אויגן פון לאַכן, און האָבן זיך ווידער געלאָזט לויפן. נאָר וואָס שנעלער זײ זײַנען געלאָפן, אַלץ פריער זײַנען זײ געפאַלן, און דער אוילעם האָט געקײַכט פון געלעכטער.

איליטש האָט דערווײַל פאַמעלעך באַוועגט מיט די פיס, מיט אַן אויסדרוק פון ערנסט אָפן פּנים. ער האָט דערגרייכט דאָס יונגוואַרג, האָט זײ געלאָזט פון הינטן און ניט קוקנדיק אין די זײַטן, איז ער דער ערשטער צוגע־

קומען צום אָנגעצייכנטן ציל און איז קיין איין מאָל ניט געפאַלן. דאָרט ערשט האָט ער זיך אַ האַסטיקן אומדריי געטאָן און איז אומגעפאַלן אַפּן שניי. נאָר באַלד איז ער פלינק אויפגעשטאַנען און האָט גענומען גיין צוריק. הילכיקע געלעכטערס האָבן אָפּגעקלונגען אין דער לופטן. איליטש האָט גע־וווּנען די פּרעמיע.

— שנעלער, שנעלער! — האָט ער געשריגן אָן אויסגעצויגענער אי־נעם שניי. — בינדט מיר אָפּ דעם זאַק, איך זאָל קענען באַקומען די פיר טעווועלעך טאַבאַק.

טיגרענאַ איז צו אים צוגעלאָפן און האָט אים דעם זאַק אָפּגעבונדן.

— ווו איז דער „מענטש מיט די זעק"? אַ דאַנק. לאָס האָט מיר גע־שאָנקען דאָס לעבן און דו האָסט מיר צוריקגעקערט די יוגנט. גיב אַהער דעם טאַבאַק.

דער אוילעם האָט זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן פון געלעכטער.

— די דאָזיקע יונגעלײַט האָבן נאָך אַ סאַך וואָס אָפּצולערנען פון די אַלטע. — האָט איליטש זײַן באַשלוס אַרויסגעטראָגן.

— זעסט סאַראַ יאַנטעוו דאָס איז, טיגרענאַ? דאָס האָבן מיר, איך ניט אַנדרייען, אײַנגעאָרדנט. איך בין זײַן געהילף! — האָט איע שטאָלץ געזאָגט.

קאַפּיטל XVII

אַליטעט איז נאָך געווען אין די בערג ווען צו אים איז דערגאַנגגען די ידיעה, אַז דער אַלטער קאַראַגוע איז געשטאָרבן און אַז טיגרענאַ איז אַנט־לאָפן. דעם פאַטערס טויט האָט ער אויפגענומען אַבסאָלוט גלײַכגילטיק: עס איז געשען דאָס וואָס האָט לאַגיש באַדאַרפט זײַן לאַנג געשען. אַליטעט האָט נאָר געזאָגט: „איך האָב אים געראָטן ער זאָל אַליין אַרויפגיין צו די אייבערשטע מענטשן. איצט האָט אים דער טויט צוגעכאַפּט אומגעריכ־טערהייט".

די אַלטע נאַרגינאַט, דער אײנציקער איידעס פון דעם שאַמאַן קאַראַגועס טויט, איז צופרידן געווען וואָס ער לעבט ניט מער און, כאָטש זי האָט גע־ווּוּסט ווי אַליטעט איז גלײַכגילטיק, האָט זי פונדעסטוועגן מוירע געהאַט צו דערוועקן זײַן שרעקלעכן צאָרן און האָט דעריבער אויסבאַהאַלטן די עמע־סע סיבע פונעם אַלטנס טויט. זי האָט אַפילע ניט גערעדט דערפון מיט איר שוועסטער אַטענועט, אַליטעטס דריטע ווײַב.

ווי נאָר טיגרענאַ איז אַוועק, האָט נאַרגינאַט אַרײַנגעשלעפּט דעם טויטן אינעם געצעלט און איז געלאָפן אָנזאָגן די שכיינים, אַז קאַראַגוע איז אַרויפ־געגאַנגען צו די אייבערשטע מענטשן. ער איז אַוואַדע געשטאָרבן פון דעם שאַרפן וויקואַך, וואָס ער האָט געהאַט מיט טיגרענאַן.

נאָר טיגרענאַס אַנטלויפן האָט אַליטעטן אַרויסגעבראַכט פון גלײַכגע־וויכט. ער האָט איבערגעלאָזט אַלע זײַנע געשעפטן אין די בערג און נאָך דעם זעלביקן טאָג, האָט ער זיך געלאָזט אַהיימפאָרן. ער איז גרייט געווען זי צו צווינגען צוריקצוקערן, ווי דאָס זאָל ניט זײַן, כאָטש געוווּסט האָט ער וואָס פאַר אַ שוועריקייטן ער וועט דערבײַ אָנטרעפן. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז איצט זײַנען אַנדערע צײַטן, אַז אין טיגרענאַס אַנטלויפן זײַנען פאַרמישט די רוסן. אַליטעט האָט זיך פערפעקט כעשבן געגעבן, אַז ער קען

זי מער ניט צוריקברענגען ווי אַן אַנטלאָפענעם הונט. דאָס האָט אים אַזוי בייז געמאַכט, אַז ער איז, ווי אַ מעשוגענער, צוויי נאָכאַנאַנד פון שליטן ניט אַראָפּ און די הינט קיין רו ניט געגעבן.

אַ סאַך זאַכן האָט אַליטעט איבערגעטראַכט בעייס דער רײַזע; ער האָט געמאַכט פאַרשיידענע פלענער ווי צוריקצובאַקומען טיגרענאַן.

ער האָט זיך דערמאָנט אָנעם אַלטן ליאַק, דעם פּראַקטישן מענטשן, וואָס איז אַמאָל געווען זײַן פרײַנט. אַליטעט פלעגט זיך שטענדיק אָפּשטעלן באַ אים אין שטוב, ווען ער פלעגט פאַרבײַפאָרן. נאָר ליאַק, ווײַזט אויס, איז אויך פונעם זינען אַראָפּ, און איצט איז ער אַרײַן אינעם קאָאָפּעראַטיוו. וואָס איצט פּאַסירט אַלץ אַפן ברעגלאַנד!

אַליטעט האָט קיין ענטפער ניט געהאַט אַף די אַלע פראַגן, וואָס מאַטערן אים. ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער אויסגעפרעגט נאַרגינאָטן וועגן אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען און האָט זיך טייקעף אַרויסגעלאָזט אין געיעג נאָך טיגרענאַן. אים איז אַפן געדאַנק געקומען זײַן אַלטע פרײַנטשאַפט מיט ליאָקן און ער האָט באַשלאָסן אַרײַנגיין אים זען: מען דאַרף אים אָפּציִען פון די רוסן. עפשער וועט ער דורך אים קענען צוריקבאַקומען טיגרענאַן. „די רוסן פאָלגן אים. — האָט זיך אַליטעט געטראַכט. — ער וועט זיי געבן צו פאַרשטיין אונדזער געזעץ און אַז איר אַנטלויפן איז אַ כאַרפּע”.

אַליטעט האָט שוין געהאַט געהערט וועגן דעם גרויסן יאָנטעוו אַף דער בעכטע לאַוורענטי, ווו עס זײַנען געווען געסט פונעם גאַנצן ברעגלאַנד. צו זײַנע אויערן איז דערגאַנגען דאָס נײַס, אַז אויך ליאָקן האָט מען פאַרבעטן צום יאָנטעוו, נאָר ער האָט ניט געקענט קומען: אין דעם מאָמענט ווען ער האָט זיך געקליבן אין וועג אַרײַן, האָט אים גענומען ווײי טאָן דער רוקן, און ליאָק איז אומגעגאַנגען אַן אײַנגעהויקערטער און האָט זיך געהאַלטן באַ די נירן: „אײַ, אײַ, אײַ!”, האָט ער געקרעכצט ווי עס וואָלט אים מיט אַן עמעסן ווײי געטאָן; נאָר מענטשן נאַרט מען ניט. מענטשן ווייסן, אַז ליאָק באַקלאָגט זיך קיינמאָל ניט. ער קרעכצט וואָס ער קען אַפן יאָנטעוו ניט זײַן.

ליאַק האָט זיך דערפרייט ווען ער האָט דערזען אַליטעטן צו זיך אַרײַנקומען.

— דו ביסט עס? — האָט ער אים געגריסט.

— יאָ, איך בין עס. — האָט אַליטעט געענטפערט אַן אויפגעלעבטער מיט דער פרײַנטלעכער אויפנאַמע.

ער האָט זיך אויסגעצויגן אַף די הירשענע פעלן, האָט אַרויסגענומען די ליולקע און, קעדיי אונטערצושטרײַכן די וויכטיקייט פון זײַן וויזיט, האָט ער זי אָנגעצונדן מיט אַ דיקן נאָרד־אַמעריקאַנישן שוועבעלע. ער האָט אַרײַנגעצויגן דעם רויך און האָט אָנגעהויבן דעם שמועס פון אַ זײַטיקער זאַך.

— מירן בלײַבן אַן נאָרד־אַמעיקאַנישע שוועבעלעך, אויב די רוסן וועלן נאָך לאַנג דאָ פאַרבלײַבן.

— לאָמיר ניט ריידן פון קיין שוועבעלעך. עס גייט ניט בלויז אין שוועבעלעך. — האָט ליאָק איבערגעכאַזערט לאָסעס ווערטער. — פײַער איז אַלצאיינס פײַער, פון אַ נאָרד־אַמעריקאַנישן ווי פון אַ רוסישן שוועבעלע אָדער פון אונדזערע שטעקעלעך צום בראָטן פלייש. פײַער איז פײַער. פײַער ברענט שטענדיק. — אַליטעט איז אַזוי דערשטוינט געבליבן פון ליאָקס רעזאָנירן, אַז ער האָט לאַנג אַף אים געקוקט און האָט ניט געוווסט ווי ווײַטער צו פירן דעם שמועס.

— ביסט אַרײַנגעטראָטן אינעם קאָאָפּעראַטיוו?

— יאָ, איך בין אַרײַנגעטראָטן. איך האָב באַשלאָסן פּרובירן דאָס נײַע לעבן. און מיר גייט ניט שלעכט. איך האָב אַ סאַך פלייש.

— דאָס לעבן גייט גוט. — האָט אַליטעט צוגעשטימט. — נאָר די רוסן זײַנען גרויסע יאַבעדניקעס. זיי האָבן אַרײַנגעבראַכט רײַבונגען אין אונדזער פאָלק.

— איך האָב דאָס ניט באַמערקט. — האָט ליאָק כיטרע אַנגעשטעלט זײַן אויג אַף אַליטעטן.

— די נאָרד-אַמעריקאַנער זײַנען בעסער געווען.

— בעסער? — האָט ליאָק געפרעגט און האָט אַפן שטעל אַליין גע־ענטפערט. — די רוסן פאַרשטייען אויך אַן אייסעק. עמעס, ניט אַלע. די עלטערע פאַרשטייען בעסער. לאָס, לעמאָשל, איז אַ מענטש וואָס קען דאָס לעבן. אַ יונגער רוס האָט געוואָלט פאָטאָגראַפירן אַ וואַלפיש. האָסט באַ־דאַרפט זען ווי לאָס האָט אַף אים אַ קוק געגעבן! ער האָט אים ניט געלאָזט אַראָפּנעמען די פאָטאָגראַפיע! „אָ!", האָב איך מיר געטראַכט. נאָך אָט דעם, האָב איך באַשלאָסן אים העלפן איבעראַנדערשן דאָס לעבן. זע, אָט דאָס ביכעלע רופט מען קאַרנעט און טראָגט אין זיך דעם גײַסט פון גוטס.
— און ליאָק האָט אים געוויזן זײַן פאַרטיי־קאַרנעט. — איך בין אַ מענטש „וואָס גייט פאָרויס". אָט וואָס איך בין!

אַליטעט האָט גענומען דאָס רויטע ביכעלע אין די הענט, האָט עס גע־דרייט אַף אַלע זײַטן און האָט קיין אויג ניט געקענט אַראָפּנעמען פון ליאָקס פאָטאָגראַפיע.

— איך האָב געהערט אַז אויך הײַ־יאָר איז בראַון ניט געקומען. מען זאָגט ער איז געוואָרן אַ ליגנער און, ער איז דאָך אַ נאָרד־אַמעריקאַנער!

אַליטעט האָט אומגעקערט ליאָקן דעם קאַרנעט, האָט שטאַרק אַרײַנ־געצויגן דעם רויך פון דער ליולקע און האָט לאַנג ניט געענטפערט. ער האָט זיך געשעמט דאָס מוידע צו זײַן.

— זײַן גאַליאָט, מיסטאָמע, איז שוין צעבראָכן. — האָט אַליטעט צום סאָף געענטפערט. — נאָר דאָס מאַכט ניט אויס. איך האָב באַשלאָסן מײַנע פעלן ברענגען צו דיר. אַזוי לאַנג דו ביסט כאַווער מיט די רוסן, וועסטו קויפן באַ מיר די סכוירעס. איך בין זייערער אַ סוינע און זיי ווילן מיט מיר ניט האַנדלען.

— אָ, דו מוזט האָבן אַ סאַך סכוירע. האָסט דאָך אויפגעקליבן די פעלן פון דער גאַנצער טונדרע.

— איך האָב אַ סאַך.

— און דו זאָגסט איך זאָל בלײַבן מיט אַ העלפט זייערער? וואָס וועל איך מיט זיי טאָן? האַנדלען? איך האָב ניט ליב צו האַנדלען. איך בין אַ גרויסער יעגער! — האָט ליאָק שטאָלץ אויסגערופן. — זאָלן האַנדלען די ווײַסע פּענעמער; זיי אַליין מאַכן זייערע סכוירעס. איך מאַך בלויז דימענעס, און אויב איך בײַט זיי אויס אַף הירשן־פעלן, איז נאָר וויפל איך נייטיק מיך פאַר מיר. איך נייטיק זיך ניט אין קיין סאַך סכוירעס.

— דו דאַרפסט ניט האַנדלען. קענסט זיי אויסבײַטן אַף לעבעדיקע הירשן. צי דו ווילסט ניט זײַן באַלעבאָס איבער אַן אייגענער גרויסער סטאַדע? צי איז עס ניט דער כאָלעם פון יעדן ברעג-מענטשן?

— אַ הירשן־סטאַדע? — האָט ליאָק זיך פאַראינטערעסירט. — דו

ווילסט מיר שענקען אַ הירשן־סטאַדע? איך פֿאַרשטיי ניט. וואָס בין איך, אַ קאַרעוו דינער?

— דו וועסט מיר העלפֿן און איך דיר.

— איך וועל וועגן דעם אַ טראַכט טאָן. איך וועל מיך באַראַטן מיט לאַסן. ער איז אַ קלוגער מענטש. איך בין געוואָרן זײַנער אַ פֿרײַנט.

— דו דאַרפֿסט זיך מיט אים ניט באַראַטן. איך האָב ניט ליב די רוסן. — האָט זיך באַ אַליטעטן דאָס פּאָנעם פֿאַרקרומט מיט אַ גרימאַסע פֿון האַס. — טיגרענאַ איז אַוועק צו די רוסן. מיסטאָמע ווילן זיי האַלטן באַ זיך. נאָר איך וועל זי, אַף אַלע אופֿאַנים, אָפּנעמען. פֿאַרדאַרבן זיי אונדזערע מענטשן און ברעכן די מינהאָגים פֿון אונדזערע אָוועס? וויפֿל ווינטערן האָב איך טיגרענאַן געגעבן צו עסן! איך האָב זי געקליידט מיט טײַערע קליידער!

— מען דאַרף ניט ברעכן די מינהאָגים פֿון אונדזערע אָוועס. — האָט ליאַק צוגעשטימט. — געזעץ איז געזעץ. נאָר אויב דאָס אַלטע געזעץ שטאַרבט פּונקט ווי עס שטאַרבט דער מענטש, מוז אויך געבוירן ווערן אַ נײַ געזעץ. מענטשן קענען אָן אַ געזעץ ניט לעבן. מענטשן זײַנען ניט קיין הינט... פֿאַרוואָס, אָבער, האָסטו אַליין געבראָכן דאָס געזעץ פֿון אונדזערע אָוועס? אַ? — האָט ליאַק געפֿרעגט און האָט געשטעלט אַליטעטן אין פֿאַרלעגנהייט. — צי דען איז ניט טיגרענאַ געווען באַשטימט פֿאַר אַ ווײַב דעם באַכער פֿון יאַנראַקענאַט? איך האָב געהערט זאָגן, אַז נאָך אַלס קינדער האָט מען זיי פֿאַרקנאַסט. פֿאַרוואָס האָסטו זי צוגענומען?

— איך בין רײַך. איך האָב אַ סאַך עסן. צי דען וואָלט איר איצ געקענט געבן צו עסן?

— מען זאָגט ער איז געוואָרן קאַפּיטאַן פֿון אַן אײַזערנעם שיפֿל. ער האָט איצט גענוג עסן.

— איך בין צוגעוווינט צו טיגרענאַן. איך בענק נאָך איר. און זאָל זײַן וואָס ס׳וועט זײַן, וועל איך זי אַוועקנעמען.

— וועסט שוין זען. — האָט ליאַק אים, אַ ניט גערנדיקער, געענטפֿערט.

— דו, ליאַק, ביסט דאָך מײַנער אַ פֿרײַנט. מענטשן פֿאָלגן דיך. די רוסן פֿאָלגן דיך אויך. טיגרענאַ מוז צוריקקומען. איך וויל אַז אָט דער קלאַנג זאָל פֿאַר מיר גיין.

ליאַק האָט ניט געענטפֿערט, נאָר פּלוצים האָט ער זיך געכאַפּט מיט דער האַנט פֿאַרן רוקן און האָט גענומען קרעכצן:

— אײַ, אײַ! דער רוקן טוט מיר וויי. פֿון אַרבעטן טוט ער מיר וויי. איך רעכן מאַכן אַ הילצערנעם וואַלפֿיש־שיפֿל. לאָס האָט מיר צוגעזאָגט פֿאַרשאַפֿן ברעטער.

אַ פֿרוי האָט אַוועקגעשטעלט אַ קרוג אַפֿן טיש און האָט גענומען דערלאַנגען טיי.

— לאָמיר בעסער טרינקען טיי. — האָט ליאַק פֿאַרגעשלאָגן.
אַליטעט האָט זיך מיטאַמאָל אויפֿגעהויבן.

— איך וויל ניט קיין טיי. איך אײַל מיך. איך גיי שוין אַוועק.

— הום! דו מיינסט, אַז ליאַקן קען מען גענאַרן. ניין. וועסט אים ניט גענאַרן. פּונקט ווי איך גלייב דיר ניט, אַז דו ווילסט ניט קיין טיי. גיי דיר, גיי.

קאַפּיטל XVIII

נאָך דעם יאַנטעוו אַף די געבײַען, האָט לאָס אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג פאַר־נעם רעוווקאָם. מען האָט באַשטימט שליסן דעם צײַטווײַליקן שפּיטאָל אין לאַרען און איבערפירן דעם אָפּטייל פונעם רויטן קרייץ אינעם נײַ־אויפגע־בויטן שפּיטאָל אַף דער קולטור־באַזע. אַזאַ באַשלוס האָט מען אויך אָנגע־נומען בענוגע דעם אײַנקויף־הויז. אויך האָט מען באַשלאָסן אונטעראײַלן דעם אויפבוי פון דער אינטערנאַט־שול און פונעם זאָאָטעכניש־וועטערינאַרן צענטער.

ניט געקוקט אַף דעם צעבושעוועטן שניי־שטורעם, האָט מען די אַרבעט ניט אָפּגעשטעלט. אַנדריי זשוקאָוו האָט זיך אינגאַנצן אַרײַנגעוואָרפן אין דער פאַר אים לאַכלוטן נײַער אַרבעט, אַלס נאַטשאַלניק פון דער בויונג. מען האָט נאָך באַדאַרפט אויסבויען די וווינונגס־הײַזער. און כאָטש די אַרבעט איז געגאַנגען גוט, האָט אַנדריי זיך גענייטיקט אין אַן אָפטער באַראַטונג מיט לאָסן.

— קום צו אונדז אָפטער, ניקיטאַ סערגייעוויטש. דו ווייסט דאָך, אַז איך בין ניט פון די גרויסע אַדמיניסטראַטאָרס.

— זײַ ניט באַשיידן, אַנדריושאַ. די אַרבעט גייט גוט. דײַן ליניע איז אַ ריכטיקע. מען דאַרף נאָר האָבן אַקשאַנעס און פעסטקייט די ליניע אַנצווועגדן אין דער פּראַקטיק.

געשטאַנען איז ער לעבן אַ הויז, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען. לאָס האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אַנדרייען אַף אַן אַקסל און אים געזאָגט:

— מען דאַרף וואַגן, אַנדריישאַ, וואַגן! זיך פּילן זיכערער. דריק ניט צופּיל, נאָר דערלאָז אויך ניט, אַז דער בוי־מײַסטער זאָל דיר אײַנשלאָפן. פאָדער פון אים אויסצופילן דעם פּלאַן ניט געקוקט אַף קיין שטורעמס און אַף קיין שום זאַך! ווערסטו נאָר נאָכלאָזן די לייצעס, וועלן זיך שוין געפינען אָביעקטיווע סיבעס: דער צאַפּן, די זאַווערוכעס, די פאַרמאַטערונג. אַזוי איז עס אַנדריי מיכײַלאָוויטש! — לאָס האָט אַ פּיל־זאָגנדיקן פינגל געטאָן צו זשוקאָוון און האָט אים געזאָגט: — אין אַ כוידעש אַרום וועל איך אײַך רופן, דיך מיט דעם בוי־מײַסטער, אין רעוווקאָם, איר זאָלט מיר אינפאָרמירן וועגן דעם גאַנג פון דער אַרבעט.

— ווילסט אונדז אָנשפאַרענען? — האָט אַנדריי אַ שמייכל געטאָן.

— יאָ, און איצט, וואָס שײַעך די קורסן. נעם דיר אין אַכט, אַז אָפּן ברעג־סעקטאָר, וואָס איז פון דיר אָפּהענגיק, מוז מען, אום יעדן פּרײַז, האָבן גרייט צום אָנהייב סעזאָן אַ גרופּע מעכאַניקער. אינגיכן וועט קומען אָסי־פּאָוו. איַע איז זייער איבערגעגעבן צו דער אַרבעט, נאָר מען מוז אים העלפן, כאָטש אין דער לעצטער צײַט האָט ער זיך שטאַרק אַנטוויקלט. מען זעט ווי ער וואַקסט. ער איז אַן אויסגעצייכנטער מיטאַרבעטער.

— כ׳מיין אַזוי! ער איז שוין אַ ריכטיקער מענטש, אַ „מענטש מיט אַ ווײַב" און אַפילע מיט אַ קינד. — האָט אַנדריי פריילעך אָנגעמערקט.

— וואָס שײַעך טיגרענאָן, מוז מען זי אָוועקשטעלן באַ אַן אַרבעט, אַנדריושאַ. זי געפעלט מיר. מען קען פון איר האָבן אַ נוץ. זי איז אַ פרוי מיט כאַראַקטער.

— איך האָב שוין גערעדט מיט דעם דאָקטער. מיר וועלן זי דערווײַל אָנשטעלן אינעם שפּיטאָל.

— זאָל זי דערפון אָנהייבן. זאָל זי זיך צוגעווינען און צולערנען. דערנאָך, ווען מיר וועלן פאַרוואַנדלען דעם רעווקאָם אין אַ קרײַזישן אויספיר־קאָמיטעט, וועלן מיר זי אַרײַננעמען אין אים פאַר אַ מיטגליד. וועסט זען ווי זי וועט אַרבעטן! דער באַגער צו לעבן אַ נײַ לעבן ליגט איר אינעם בלוט. דער באַגער איז צו איר געקומען פון איר שווערן לעבן.

דערווײַל האָט טיגרענאַ לעבן אין דער הילצערנער „יאַראַנגאַ" אויסגעזען פרעמד און קאָמיש. אַלץ איז דאָ ניט ווי געוויינלעך. איר איז שווער געווען אָפּצוזאָגן זיך פון אירע געוווינהייטן. פון אָנהייב האָט זי זיך אַפילו געפילט פאַרמאַטערט פון דעם נײַעם לעבן און האָט זיך געוווּנדערט ווי שנעל איִע האָט זיך צו אַלץ צוגעוווינט. און דאָך איז דאָס לעבן זײַט באַ זײַט מיט איִען, דאָס לעבן צו וועלכן זי האָט אַזוי געגאַרט, זייער אָנגענעם. מיט אים וועט זי זיך צו אַלץ צוגעוווינען.

איינמאָל איז איִע אַרײַנגעקומען אין שטוב מיט אַ מיידל.

— ס'איז בערטאַ. — האָט ער זיך אָנגערופן צו טיגרענאַן. — רולטינאַ האָט זי אָפּגעלאָזט אַף ווינטער. זאָל זי זײַן באַ אונדז און זיך שפּילן מיט איַוואַמען. דאַרפסט ניט לאָזן דאָס קינד אַליין ווען דו גייסט אַוועק אין שפּיטאָל. באַ דער טיר איז פאַראַן אַ האַטשיקל. ווען מיר זײַנען ניטאָ, קען מען פאַרמאַכן פון אינעווייניק. אַזוי ווױנען די „טאַנגיס" אַף דער גרויסער ערד.

טיגרענאַ האָט זיך צעלאַכט ווען זי האָט באַטראַכט דאָס קייטעלע.

— דער בער וועט אַהער ניט קומען...

„טאַמער, אָבער, וויל אַליטעט צוגאַנוועגען איַוואַמען...?" — האָט זי פּלוצים אַ טראַכט געטאָן און זיך דערשראָקן.

— בערטאַ, אָט אַזוי דאַרפסטו פאַרמאַכן. ווען דו וועסט הערן מײַן שטים אָדער איִעס, וועסטו דעמאָלט עפענען.

איִע האָט געבראַכט אַ קינדער־בעטל אַף הויכע פיס, און אַלס קענער פון דעם „טאַנגי"־לעבן, האָט ער עס גענומען צונויפשטעלן.

דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן איַוואַמען און האָט אים אַרײַנגעזעצט:

— זאָל ער אויך לעבן אַפן נײַעם שטייגער, טיגרענאַ.

דער קליינער האָט געלאַכט.

— איִע, ער וועט ניט קענען לעבן אַפן נײַעם שטייגער. איך האָב מוירע ער וועט אַרויספאַלן און צעברעכן אַ פוס, וועט ער ניט קענען זײַן קיין יעגער.

— ניין, דאָס האָט פאַרענטשעס. אַ רוסישער באַלמעלאָכע האָט עס געמאַכט. זע, ווי פעסט זיי זײַנען! און איַוואַם אַליין וועט אויך ניט וועלן פאַלן.

איִע פלעגט אָפט גיין אין די שכיינישע לאַגערן מיט אַ שליכעס פון די רוסן און אָהיימברענגען די בעסטע שטיקער פאָקע־פלייש. ער פלעגט זיך אָמאָל זאַמען צוויי אָדער דרײַ טעג. טיגרענאַ פלעגט שטאַרק בענקען נאָך אים.

— בערטאַ, — האָט זי איינמאָל געזאָגט. — איִע דאַרף באַלד אַרײַנקומען. לאָמיר מאַכן אַן עסן ווי באַ די „טאַנגיס".

— גוט. איך האָב געזען ווי רולטינאַ פלעגט מאַכן פאַר טשאַלין.

— איך האָב אויך געזען. דער נאָרד־אַמעריקאַנער דזשיימס האָט מיר געוויזן.

טיגרענאַ איז שטאַרק רויט געוואָרן ווען נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ איז אַרײַנגעקומען און האָט זי געטראָפן איַנהאַקן פלייש. זי האָט זיך געשעמט

וואָס מען האָט זי געטראָפן בײַ דער אַרבעט און האָט אַף שנעל באַהאַלטן דאָס הירשן־פּליײש אין אַ ווינקעלע.

קעדיי ניט צו שטעלן טיגרענאַן אין אַ פאַרלעגנהייט, האָט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָווּנאַ זיך געגומען שפּילן מיט אײַוואַמען. דאָס קינד האָט געלאַכט, האָט צו איר די הענטלעך געשטרעקט און האָט עפּעס גערעדט אין טשוק־טשיש. טיגרענאַ האָט געכאַפּט אַ קוק צו זיי און האָט אויסבאַהאַלטן אַ שמייכל פון גליק. איר איז געפעלן וואָס נאַטאַליאַ סעמיאָנאָווּנאַ האָט ליב אײַוואַמען. די צוויי פרויען האָבן זיך נאָך אַלץ ניט גוט פאַרשטאַנען, נאָר דער געלעכ־טער האָט זיי פאַראייניקט מיט קעגנזײַטיקער סימפּאַטיע.

נאַטאַליאַ סעמיאָנאָווּנאַ האָט געבראַכט סיטץ, און אַנווײַזנדיק אַפן קינד, האָט זי געגעבן צו דערקלערן טיגרענאַן, אַז מען דאַרף עפּעס אויפנייען פאַר אים. דערנאָך האָט זי צוגעשניטן אַ העמדעלע און האָט זיך גענומען נייען אינאיינעם מיט טיגרענאַן. בײַ דער אַרבעט פלעגן זיי פון צײַט צו צײַט לאַכן, קעדיי ניט צו זיצן און שווײַגן.

באַטאָג האָט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָווּנאַ געבראַכט אַ קליינע וואַנע, האָט זי אָנגעגאָסן מיט וואַרעמער וואַסער און האָט אין איר אַרײַנגעזעצט אײַוואַ־מען. דאָס קינד האָט זיך צעוויינט אַף אַ קאָל. טיגרענאַ האָט זיך געמוזט אײַנהאַלטן ניט אַרויסצורײַסן דאָס קינד פון נאַטאַליאַ סעמיאָנאָווּנאַס הענט. נאָר פּלוצים האָט אײַוואַם אויפגעהערט וויינען און האָט גענומען לאַכן.

דאָס וואַסער האָט געשפּריצט ווי אַ קאַטשקעלע וואָלט געפּאַטשט מיט די פליגעלעך אין דער קאַלוזשע.

— גוט אַזוי, נאַטאַשאַ, גוט. — האָט טיגרענאַ געזאָגט אין רוסיש, כאָטש אין האַרצן האָט זי געהאַלטן דעם אײַנפאַל פון נאַטאַליאַ סעמיאָנאָווּנאַ פאַר אַן איבעריקער זאַך.

פונדעסטוועגן, האָט דאָס דעם קינד גאָרניט געשאַדט, ווי ער וואָלט טאָקע געבוירן געוואָרן פאַר דעם נײַעם לעבנס־שטייגער. נאָך דער באָד איז דאָס קינד שטאַרק אײַנגעשלאָפן און טיגרענאַ איז אַוועק אין שפּיטאָל. איר וואַכדינסט האָט זיך אָנגעהויבן.

זי האָט אָנגעטאָן אַ ווײַסן כאַלאַט, מיט אַ באַנט אַרומגעבונדן אין דער טאַליע; אין דעם הילעך האָט זי אויסגעזען העכער. די וואָס האָבן אַרום איר געאַרבעט זײַנען געווען פּאַשעטע פריילעכע מענטשן. אויך טיגרענאַ האָט זיך געפילט גליקלעך.

„אַזוי איז דאָס נײַע לעבן!” — האָט זי זיך געטראַכט.

דער דאָקטער האָט נאָכגעקוקט טיגרענאַן און האָט זיך אָנגערופן צו דער קראַנקן־שוועסטער:

— קוקט אָן די מאַדאַם איע. וואָס קליידער מאַכן פון אַ מענטשן! דאָס פּאָנעם אַפילו פאַרענדערן זיי.

— דאָקטער, איך זע איר הייבט אָן צו אָפט קוקן אַף איר. מען דאַרף טעלעגראַפירן איר מאַן.

— וואָס־זשע מיינט איר? זי איז אַ סימפּאַטישע פרוי.

דער דאָקטער פלעגט דערלויבן טיגרענאַן אינמיטן דער אַרבעט אַהיים־גיין אַ קוק טאָן אַף אײַוואַמען. אָן אַ וואַרעמען מאַלבעש, ניט געקוקט אַף דער קעלט, אין בלויען כאַלאַט מיט דער ווײַסער הויב, פלעגט זי אַהיימלויפן. אַיען איז זי געפעלן אין דעם אָנטאָן און ער פלעגט זי רופן רוסישע שאַ־מאַנקע. טיגרענאַ פלעגט אויסטאָן דעם כאַלאַט און אים אָנטאָן אַיען, אים

אַרומבינדן מיט דעם באַנט און קײַכן פֿון געלעכטער. אויך איװואַם פֿלעגט לאַכן.

איִע פֿלעגט אָנבלאָזן די באַקן, מאַכן אַן ערנסטע מינע, קוקן אינעם שפּיגעלע און זיך אויך צעלאַכן.

— לערן מיך וואָס גיכער אויס ריידן רוסיש, איִע. ס'איז מיר לאַנג־ווײַליק צו אַרבעטן אין שפּיטאָל בלויז מיט די הענט און מיט די אויגן.

איינמאָל, שוין שפּעט, איז זי געקומען צו לויפֿן פֿונעם שפּיטאָל און ווען זי האָט אַ האָסטיקן עפּן געטאָן די טיר אינעם קאָרידאָר, האָט זי זיך אָנגעשלאָגן אַף אַליטעטן.

טיגרענאַ איז בלייך געוואָרן און, ניט ווילנדיק, אַ פּאָר טריט געמאַכט אַף צוריק. מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן און פֿאַרקלעמטע ליפּן, ווי אַ פֿאַר־שטיינערטע, האָט זי שטײַף געקוקט אַליטעטן אינעם ווילדן פּאָנעם.

אַליטעטס אייגעלעך, אומבאַוועגלעכע אין זייערע שמאָלע שפּעלטעלעך, האָבן זיך אין איר אײַנגעשטאָכן:

— ווער האָט דיך אײַנגעוויקלט אין דעם ווײַסן שטאָף, ווי אין שניי?

— האָט ער שטרענג גענומען זי אויספֿרעגן.

טיגרענאַ האָט געשוויגן, מאַכטלאָז זיך אַ באַוועג געטאָן. אירע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף דעם גלאַנציקן קופּערנעם רינג פֿונעם „רעמינג־טאָן“־מעסער, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פֿון אַליטעטס גאַרטל.

— האָסט אויפֿגעהערט צו זײַן אַ טשוקטשי־פֿרוי? האָסט קיין מוירע ניט צו ברעכן דאָס געזעץ פֿון אונדזער פֿאָלק? מיינסט עפּשער, אַז דײַן אומזיניקע אויפֿפֿירונג איז אָנגענעם די גײַסטער?

טיגרענאַ האָט געמאַכט נאָך אַ שפּאַן צוריק. זי האָט געוואָלט שרײַען און האָט ניט געקענט.

— טרעט ניט אָפּ. אַ סאַך יאָרן האָסטו געגעסן פֿלייש פֿון מײַן „יאַ־ראַנגאַ“. צי דען האָט ניט דײַן פֿאָטער באַקומען פֿון מיר פֿיר הינט באַצאָלט פֿאָר דיר? טו דיר אויס די מיִעסע קליידונג און לאָמיר טייקעף אַוועק פֿון דעם אומגליקלעכן אָרט. דו וועסט דאָ אומקומען! די בייזע גײַסטער זײַנען אומרויִק איבער דײַן אויפֿפֿירונג. איך האָב דאָ זעכצן הינט אײַנגעשפּאַנט אין מײַן שליטן.

טיגרענאַ, מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, האָט אַ שפּאַן געטאָן צו אַלי־טעטן, האָט אַרויסרופֿעריש געקוקט אַף אים און האָט אויסגעשריגן:

— ניין, דו ביסט ניט מײַן מאַן. מײַן מאַן איז איִע. דו האָסט מיך בײַ אים צוגערויבט. דאָס האָסטו געבראָכן דאָס געזעץ פֿונעם פֿאָלק.

אַליטעט האָט זי אָפּגעשטופּט אָן אַ זײַט און האָט אַ שפּרונג געטאָן צו דער דרויסן־טיר.

טיגרענאַ האָט מיט אַ פֿאַרצווייפֿלטן קויעך אָפּגעשטופּט אַליטעטן און איז אַרויסגעלאָפֿן. ניט אומקוקנדיק זיך, איז זי ווי אַ ווירבל אַרײַן צו נאַ־טאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ אין צימער. אַ בלייכע, אַ דערשראָקענע, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר, האָט זי אַרומגענומען און מיט טרערן אַ מורמל געטאָן:

— נאַטאַשאַ, גאָרניט גוט!

— וואָס איז געשען, טיגרענאַ? ווער האָט דיך באַליידיקט? — האָט נאַטאַשאַ געפֿרעגט אַ צעדרודערטע.

— איִע איז ניטאָ. — האָט טיגרענאַ געענטפֿערט אין רוסיש.

נאַטאַליאַ סעמיאָנאָווונאַ האָט צאַרט און ליבלעך געגלעט טיגרענאָן איי־בערן רוקן און האָט גערעדט צו איר:

— ער וועט דאָך באַלד קומען, נאַרעלע! ער איז אַוועקגעפאָרן בלויז אַף דריי טעג מיט דעם נאַטשאַלניק פון דער מיליץ. היינט דאַרפן זיי צוריקקומען. ס'איז אַ שיין וועטער און זיי וועלן זיך אין ערגעץ ניט פאַרהאַלטן...

אינעם קאָרידאָר האָט זיך דערהערט אַליטעטס קאָל.

— אין וועלכער טיר איז טיגרענאַ אַריינגעגאַנגען?

טיגרענאַ איז אויפגעשפרונגען, איז צוגעלאָפן צו דער טיר און האָט זי פאַרקייטלט. מיט ביידע הענט האָט זי די טיר צוגעהאַלטן.

— ס'איז אַליטעט! — האָט זי דערשראָקן געפּליסטערט.

— אַליטעט? — האָט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָווונאַ אַן איבערראַשטע גע־פרעגט. — עס מאַכט ניט אויס, טיגרענאַ! זאָל ער אַריינקומען. זאָל ער! האָב קיין מוירע ניט! — זי האָט אַנטשלאָסן אָפּגעשטופּט טיגרענאָן און האָט געוואָלט עפענען די טיר, נאָר טיגרענאַ האָט זיך אָנגעלייגט אַפן קייטל מיט אַלע אירע קויכעס און האָט בייז געזאָגט:

— ביסט אַ פרוי וואָס רעדסט אַ סאַך ווען דו זעסט ניט אַליטעטן. איצט האָסטו נאָר דערהערט זיין קאָל, ביסטו שוין דערשראָקן און לויפסט אים עפענען. האָסט דיך אַרויסגעוויזן ווי אַ הינטל קעגן אַ וואָלף. נאָר איך וויל ניט זאָלסט דיך צוליב מיר שרעקן. זאָל ער אַריינגיין! — טיגרענאַ האָט אויפגעהויבן דאָס קייטל און האָט ברייט צעעפנט די טיר.

— גיי אַריין! — האָט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָווונאַ באַפעלעריש אַ געשריי געטאָן. — וואָס ווילסטו פון טיגרענאָן?

אַליטעט האָט ניט געקוקט צו דער רוסישער פרוי און מיט אַ צעקרומטן פּנים פון כּעס געענטפערט:

— ביסט אַ פרוי און מיט דיר איז ניטאָ וואָס צו ריידן. מען האָט דיר אַ בייז אויג געגעבן. איכל דיך נעמען צו מיר אין דער „יאַראַנגאַ". — און ער האָט שנעל אָנגעכאַפּט טיגרענאָן פאַר אַ האַנט.

נאַטאַליאַ סעמיאָנאָווונאַ האָט זיך צווישנגעשטעלט און אָן אַ וואָרט צו ריידן געפּרוּווט באַפרייען טיגרענאַס האַנט פון זיינער.

— וואָס וויל די פרוי מיט דעם ווייסן פּנים? — האָט אַליטעט גע־ריטשעט און האָט זי אַזאַ שטופּ געטאָן, אַז זי איז אַף דער ערד אומגעפאַלן.

אַפן גערויש, איז איע, וועלכער איז ערשט געהאַט אָנגעקומען, אַריינ־געלאָפן. נאַטאַליאַ סעמיאָנאָווונאַ האָט אַ געשריי געטאָן:

— רוף שוין אַריין לאָסן!

— וואַרט אויס, נאַטאַשאַ. — האָט איע איר געזאָגט און האָט זיך געווענדעט צו אַליטעטן אַן אויפגערעגטער: — האָסט פאַרגעסן אַז איך בין איצט ניט מער קיין פוקס און דו ביסט ניט מער קיין וואָלף? לאָז אָפּ טיגרענאַס האַנט! — האָט ער געשריגן און, ניט געוואַרט אַליטעט זאָל זי אָפּלאָזן, האָט ער אים אָנגעכאַפּט פאַרן גאָרגל.

נאָר אַליטעט האָט זיך אויסגעדרייט און ביידע זיינען זיי אומגעפאַלן. נאַטאַליאַ סעמיאָנאָווונאַ איז אַרויסגעלאָפן און האָט געשריגן נאָך הילף.

איע און אַליטעט האָבן זיך געוואַלגערט אַף דער ערד און טיגרענאַ האָט אָנגעכאַפּט אַליטעטן פאַר אַ פוס און אים געשלעפּט צו דער טיר.

לאָס, זשוקאָוו און דער נאַטשאַלניק פון דער מיליץ זיינען שנעל אַריינ־געקומען.

— אַרעסטירט אים! — האָט לאָס באַפוילן.
אַליטעט איז געשטאַנען אינמיטן דעם צימער און האָט זיך געווישט דאָס פּאָנעם.
— נאַטשאַלניק, — האָט ער געיעכצט, — טיגרענאַ איז מײַן װײַב. דו האָסט זי געזען בײַ מיר אין דער „יאַראַנגאַ".
— נעמט אים צו פון דאַנען! — האָט לאָס אַ געשריי געטאָן.

קאַפּיטל XIX

עפּעס אויסערגעוויינלעכס האָט פּאַסירט אָפן ברעגלאַנד. די רוסן האַלטן אַליטעטן אין אַ הילצערנער „יאַראַנגאַ", ווי אַ פּאַקע אין דער נעץ. דאָס נײַס, אַ פּאַרקריפּלטס אין וועג מיט מאָנסטעריעזע גערעדערײַען, האָט זיך פֿאַשפּרייט אומגלויבלעך שנעל.

וועגן אַליטעטן האָט מען גערעדט אין די יעגערישע „יאַראַנגאַס" אָפן ברעגלאַנד, אָף דער יאַגד, אָף די וועגן, ווײַט אין דער טונדרע און אומעטום ווו מענטשן קומען זיך צונויף.

די שאַמאַנעס האָבן געזאָגט, אַז די רוסן בויען שטאַרקע הילצערנע „יאַ־ראַנגאַס" אָף אַרײַנצופּאַקן אין זיי אַלע טשוקטשיס און זיי האַלטן פֿאַר־שלאָסן. מען קען שוין ניט לעבן איצט בײַ די גרויסע טײַכן. זומער וועלן קומען די רוסן מיט זייערע וואַלפיש־שיפלעך, וואָס גייען אַליין, און וועלן פֿאַרנעמען אַלע הירשן־פּיטערער זיי אויסצוהאַרגענען. די הירשן־פּיטערער וועלן ניט טאָרן לעבן אין גרויסע לאַגערן, נאָר צעטיילטע אין קליינע לאַ־גערן פון איינער אָדער צוויי „יאַראַנגאַס". די רוסן ווילן אויסראָטן די סטאַ־דעס.

אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָס קען ניט זײַן: לאָס און אַנדריי זײַנען פרײַנט פונעם טשוקטשי־פֿאָלק.

עס האָט זיך געשאַפן אַ קאָמפּליצירטע לאַגע. דאָס נײַס אַפילו פונעם גרויסן יאַנטעוו, איז פֿאַרטונקלט געוואָרן.

לאָס האָט אומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן צימער און האָט אײַנ־איינעם מיט אַנדרייען, מיט יאַראַקן, וואַמטשאָן און איען, אַרומגערעדט די געשאַפענע לאַגע.

— מען דאַרף אַרויסלאָזן אַליטעטן, זאָל ער זיך פֿאַרנעמען פון דאַנען.
— האָט יאַראַק פּאָרגעשלאָגן. — אין אַלע גערייעדערײַען איז נאָר ער שולדיק.
— מיר וועלן טאָן זייער שלעכט אויב מיר וועלן אים אַרויסלאָזן. —
איז וואַמטשאָ געווען געוועזן. — מען וועט נאָך מער ריידן.
איע, וואָס האָט זיך געפילט שולדיק אין אַלץ, האָט געשוויגן.
לאָס איז שטיין געבליבן לעבן זשוקאָוון און האָט אים געפרעגט:
— דו פאַרשטייסט וואָס דאָ טוט זיך, אַנדריושאַ? ערשט איצט הייבט זיך דאָ אָן די רעוואָלוציע. מיר שטייען איצט פאַר אַן עמעסן קאַמף. מיר דאַרפן זײַן גוט צוגעגרייט צו דער שלאַכט. מיר מוזן אָקעגנשטעלן עפּעס זייער וואָגיקס קעגן אָט דער מישעניניע פון באַלעגופים מיט שאַמאַנען.

— מיר דוכט זיך, אַז עס וואָלט געווען אַ גרויסער פעלער אָפּצולאָזן אַליטעטן גלאַט אַזוי זיך. מען דאַרף אָפן און פאַר אַלעמען מישפּעטן אַלי־טעטס לעבן וואָס איז פול מיט שעקער און שווינדל. ווי דענקט איר כאַווי־רים? — האָט זשוקאָוו בײַ זיי געפרעגט.

— ביסט גערעכט, ביסט גערעכט, אַנדריי! — האָט אַיע אויסגערופן.

— מען מוז דעם פאָלק דערציילן דעם עמעס. מען דאַרף אים דעם עמעס באַווייַזן.

— הערט מיך אויס, מייַנע פרייַנט. — האָט לאָס געזאָגט. — איך צווייפל ניט קיין סעקונדע, אַז אונדז וועט געלינגען אַ סאָף מאַכן, און גאָר גיך, צו די אַלע אומזיניקע קלאַנגען. מירן אָרגאַניזירן אַן עפנטלעכן מישפּעט. מען דאַרף זען, אַז צו דעם מישפּעט זאָלן קומען מענטשן פון אומעטום און וואָס מער. אַיע איז גערעכט: זאָל דאָס פאָלק אַליין זען און הערן אַליטעטן. זאָל דאָס פאָלק זען וואָס אַזוינס אין דער עמעסן אַליטעט איז. מירן אַלעמען ווייַזן וויאַזוי ער האָט געלעבט אַף רויב און שווינדל. זאָל ער זיך אַליין באַווייַזן נאַקעט. מיר וועלן אים צווינגעןריידן. נאָר מישפּעטן דאַרפן אים אַנגעזעענע מענטשן, אַזעלכע ווי דער אַלטער איליטש, לעמאָשל, און דער אַלטער ליאָק. דאָס איז איצט ביז גאָר וויכטיק. ס׳איז אומבאַדינגט נייטיק ליאָק זאָל זייַן באַם מישפּעט.

— אַ פּרעכטיקע אידעע, ניקיטאַ סערגייעוויטש! — איז אַיע באַגייסטערט געוועזן.

— און איצט, כאַווײרים, מוזט איר אַלע דרייַ שוין פונאַנדערלאָזן זיך אין פאַרשיידענע זייַטן און פאַררופן מענטשן צום מישפּעט איבער אַליטעטס לעבן. — האָט אַנדריי געזאָגט.

די יונגעלייַט זייַנען זיך באַלד פונאַנדערגעגאַנגען און לאָס האָט אַ שמייכל געטאָן ווען ער האָט זיי געזען אַרויסגיין:

— לעבעדיקע רוף־צעטלען, אַנדריושאַ. און דו זע מען זאָל דעם אויסוואָרף אַליטעטן האַדעווען ביז צום צעזעצט ווערן, זאָל ער זיך ניט ווייַזן צום מישפּעט אַן אויסגעדאַרטער. וואָרעם, דו האָסט דאָך שוין געהערט וואָס מען זאָגט: אַז מיר גיבן אים ניט קיין עסן.

— דו זאָרג דיך ניט. ער פרעסט ווי אַ וואָלף אַ הונגעריקער. נאָך יעדער סודע, טרינקט ער אויס אַ פולן טשייַניק טיי. „אויב איך וווין שוין אין אַ הילצערנער „יאַראַנגאַ״, זאָגט ער, גיט מיר שוין צו עסן ווי די „טאַנגיס״, מיט זאַלץ״.

— באַ דעם מישפּעט דאַרף טיגרענאַ שפּילן אַ וויכטיקע ראָל. עס איז אַ סאַך געווענדט אָן איר. כ׳מיין זי וועט ניט נאָכלאָזן.

— ניקיטאַ סערגייעוויטש, דאָס ווייַבל איז אַליטעטן אַ בלוט־סוינע. עס הערט דעבאַטירט איר לעבן. איך האָב גערעדט מיט טיגרענאַן. זי געפינט זיך איצט מיט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ. טיגרענאַ קען אָן איר ניט לעבן. אָבער, וויאַזוי פאַרשטייען זיי זיך? — האָט אַנדריי געפרעגט און האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— אַנדערש קען עס גאָרניט זייַן, אַנדריושאַ. אין יעדן אָרנטלעכן מענטשן, אומאָפּהענגיק פון זייַן גראַד אַנטוויקלונג, לעבט דער דראַנג צו פרייַהייט. לאָמיר אַרייַנגיין צו איר.

אוןביידע מאַנצבלען זייַנען אַריבערגעגאַנגען אין צווייטן צימער.

— וואָס מאַכסטו, טיגרענאַ? — האָט לאָס איר געגריסט.

— פאַרוואָס האָסטו אַוועקגעשיקט אַיען אַזוי ווייַט? — האָט טיגרענאַ אומרויִק געפרעגט. — אַליטעט געפינט זיך איצט דאָ. ער איז איצט זיכער בייז. ער קען צעברעכן די הילצערנע „יאַראַנגאַ״ און אַנטלויפן. ער איז זייער שטאַרק. עס קען געשען אַן אומגליק.

— באַומרויִקט דיך ניט, טיגרענאַ. ער וועט ניט אַנטלויפן. דער מיליציאָנער באַוואַכט אים.

— טאָמער קומט ער אַהער, דערשיס איך אים. איַע האָט מיר געלאָזט זײַן ביקס.

— זעצט איר איבער, אַז איך וועל מיט איר בלײַבן די גאַנצע נאַכט. — האָט נאַטאַליאַ סעמיאָנאָווּנאַ געבעטן.

און ווען אַנדריי האָט איר איבערגעזעצט דער פּרויס ווערטער, האָט טיגרענאַ געקוקט אַף איר און איר געזאָגט אין רוסיש:

— גוט, נאַטאַשאַ.

קאַפּיטל XX

די יעדיִע אַז מען גייט מישפּעטן אַליטעט לעבן, איז געקומען אַ ביסל ניט אין צײַט: בעייס אַן אויסערגעווייִנלעכן אַנגעלויף פון פוקסן. זיי האָבן אַרײַנגעדרונגען אַפילע אין די לאַגערן און הינט פאַנגען זיי. זעלטן אַז אַ יעגער קומט אַהיים אָן פאַנג. עס טרעפט אַז אין דער פּאַסטקע פון איין יעגער כאַלן אַרײַן צוויי און דרײַ פוקסן. יעגערס פאָרן צו צו דער „יאַראַנגאַ” מיט אַ געשריי פונעם שליטן אַראָפּ: געפאַנגען נאָך אַ פוקס!

זיי לאָזן דעם געפרוירענעם פוקס אָפּגיין אין דער „יאַראַנגאַ”, לייגן אים אַוועק אַף די קני און שינדן אים פּאַמעלעך אָפּ. מיט דעם שפּיץ מעסער טיילן זיי פּאָרזיכטיק אָפּ די ווערטפולע פעל פונעם גוף, אָנהייבנדיק פונעם שנוק, און דערנאָך גייט עס שוין גלײַך, ווי מען ציט אַראָפּ די הענטשקע פון די פינגער, און מען לאָזט נאַקעט דאָס רויטלעכע פוקסן-פלייש. דערנאָך ציט דער יעגער אַרויף די פעל אַף אַ רעם און טוט פריילעך אַ זאָג:

— פערציק טעוועלעך טיי!

מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס? אַליטעט האָט אַנומלטן געזאָגט, אַז די טשוקאָטקער טונדרע וועט אינגיכן בלײַבן אָן פוקסן, מאַכמעס די רוסן האָבן זיי ניט ליב און די נאָרד-אַמעריקאַנער זײַנען אַוועק.

און מיטאַמאָל אַזאַ איבערפלוס פון פוקסן!

וואָס אָבער טוט מען איצט? יאַראַק, וואָס ער איז דער פוקסן-אויפקויפער, הייסט גאָר אַלעמען גיין צום מישפּעט איבער אַליטעטן! אָ, דאָס איז זייער אַן אינטערעסאַנטע נײַס! דאָס נײַס, נאַטירלעך, וואָלט אַליין אָנגעקומען צו די „יאַראַנגאַס”, נאָר אַז מען הערט עס אַליין, איז עס טאָפּלט אינטערעסאַנט. נאָר כאָטש דער יאַגד-סעזאָן איז איצט אין סאַמע ברען, באַשליסן די יעגערס קומען אַף דער קולטור-באַזע. אַ פּאָר טעג מעגן די ווײַבער גיין אַכטונג געבן צו די פּאַסטקעס. צי דען גייען ניט די ענמאַקײַער ווײַבער אַף יאַגד דעם גאַנצן ווינטער? דערצו נאָך, פּאַסט ניט אָפּצוזאָגן יאַראַקן, ווען ער אַליין פאַרבעט זיי. ער איז אַ סויכער און אַזאַ איינעם קען מען ניט דערצערענען.

די ווײַבער הערן אויס מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם די נײַס וואָס צעטראָגן זיך איבערן ברעגלאַנד. אַ סאַך זייערע אינטערעסירט נאָענט דער גורל פון טיגרענאַן. טייל אינטערעסירט מיט וואָס דאָס אַלץ וועט זיך פאַרענדיקן; באַ אַנדערע וועקט טיגרענאַ אַ מיטגעפיל.

איַע דערציילט, אַז אַליטעט איז געקומען ווידער צונעמען טיגרענאַן, נאָר דאָס נײַע געזעץ שיצט זי.

אינעם טאָג פונעם מישפּעט האָבן פון גאַנץ פריי אָנגעהויבן צופאָרן צו דער קולטור־באַזע שליטנס פונעם גאַנצן קרײַז. דער מישפּעט האָט זיך אָנגעהויבן נאָכמיטאָג. אינעם גרויסן זאַל ווו מען האָט געגרייט דעם מישפּעט, האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ סאַך יעגערס. אַלע האָבן אומגעדולדיק געוואַרט.

„וואָס וועט דאָ זײַן? וואָס מיינט עס מישפּעטן דאָס לעבן?"

באַ אַ טיש באַזונדער, אַף אַ העכערן אָרט, האָט זיך אַוועקגעזעצט לאָס, אַן ערנסטער און אַ שטרענגער. אַף אייַן זײַט זיצט לעבן אים איליטש און אַף דער צווייטער זײַט ליאַק. די צוויי אַלטע לײַט זאָלן זײַנען דורכגעדרונגען מיט זייער מיסיע: זיי דאַרפן אָנטשיידן צי איז אַליטעט לעבן געווען גערעכטיק אָדער ניט. אַזוי האָט זיי לאָס אויפגעקלערט, ווען ער האָט זיך צום טיש אַוועקגעזעצט.

אַליטעט איז אַרײַנגעקומען באַגלייט מיט דעם מיליציאָנער. מען האָט אים אַוועקגעזעצט אַף אַ באַנק באַזונדער.

דער אוילעם האָט זיך אויפגעשטעלט אָנקוקן אַליטעטן, ווי זיי וואָלטן אים קיינמאָל ניט געהאַט געזען. אַלע האָבן גענומען שטיל ריידן אַפּאַמאָל, און זייער געמורמל האָט זיך געהערט ווי דער גערויש פון די כוואַליעס ווען דער יאַם איז רויִק.

— זע, ער איז גאָרניט מאָגערער געוואָרן. אַבי מען האָט געזאָגט, אַז די רוסן גיבן אים ניט צו עסן. ווײַזט זיך אַרויס, אַז ס'איז אַ ליגן.

— סאַראַ קאָוועד מען גיט אים אָפּ! איינעם אַליין אַ גאַנצע באַנק! און באַזונדער פון אַלעמען! צי איז ניט אײַנגעפאַלן די רוסן מיט אים זיך איבערצובעטן?

לאָס האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ פּאַפּיר אין דער האַנט, און האָט אויפגעקלערט, אַז מען קלאָגט אָן אַליטעטן. דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו אַליטעטן און האָט אים געפרעגט:

— אָנגעקלאָגטער אַליטעט, האָסטו עפּעס אַ פראַגע צו שטעלן דעם געריכט?

— און וואָס אַזוינס איז דער געריכט? — האָט אַליטעט פּאַמעלעך געפרעגט.

— שטעל דיך אויף ווען דו רעדסט מיט דעם געריכט.

אַליטעט איז געבליבן זיצן און האָט געשוויגן. נאָר געוואָרפן האָט ער אַ בליק אַרום און האָט געזאָגט:

— פאַרוואָס זאָל איך מיך אויפהייבן? די צונג אין מויל דרייט זיך אַלצאיינס צי מען זיצט צי מען שטייט אָדער מען ליגט. צו וואָס זאָל איך שטיין? זע, אַלע אַרום זיצן.

— זאָל ער זיצן, נאָר זאָל ער האַלטן די אויערן אָפן. — איז איליטש אונטערגעקומען.

— כאַווער איליטש, איר וועט שפּעטער ריידן, — האָט אים לאָס איבערגעריסן.

— פאַרוואָס שפּעטער? איך האָב כיישעק שוין צו ריידן. איך קען גוט טשאַלין. שוין לאַנג ווי ער האָט באַ מיר צוגענומען מײַנע בעסטע צוויי הינט. — האָט דער אַלטער זיך צעהיצט. — ער האָט זיי באַ מיר צוגענומען און ער האָט מיר פאַר זיי גאָרניט געגעבן. און ער האָט זיך נאָך פון מיר אויסגעלאַכט. — האָט ער אָפּן הויכן קאָל פאַרענדיקט.

— כאַווער איליטש, שפּעטער וועט איר אונדז וועגן דעם דערציילן. —

דאָט לאָס געבעטן און האָט זיך באַמיט אָנצוהאַלטן כאָטש די עלעמענטאַרס־טע אָרדענונג.

נאָר דער אַלטער איז אַרײַן אין דער היץ, און עס איז אים אוממעגלעך געווען אײַנצוהאַלטן.

— ניין! ניין! איצט וויל איך ריידן! — האָט ער געפֿאָדערט.

— זאָל אילײטש ריידן! — האָט ליאָק גאַנץ ערנסט זיך אַרײַנגעמישט.

לאָס האָט קיין ברייררע ניט געהאַט און האָט געמוזט נאָכגעבן.

אַליטעט וואָס האָט זיך צו אַלעמען צוגעקוקט, האָט מיטאַמאָל דערפֿילט גרויס דערעכערעץ צו לאָסן; פֿאַרקערט, האָט ער מיט סינע געקוקט אַפֿן אַלטן אילײטש. אים האָט זיך געדוכט, אַז לאָס וויל אים שיצן פֿונעם אַלטנס אָנגרײַף.

אילײטש האָט שוין געזען בעייסן יאָנטעוו פֿונעם גרויסן וואָרט, אַז ווער עס וויל ריידן, הייבט זיך אויף פֿונעם טיש און שטעלט זיך אַוועק אינעם עק פֿאָרזיץ. דער אַלטער האָט זיך אויפֿגעהויבן און מיט זקײנישע טריט אָפּגעטראָטן פֿונעם טיש און האָט שטיל גענומען ריידן געווענדעט צום אוי־לעם:

— אוילעם! קוקט אָן דעם מענטשן. איז טשאַלי אַ גוטער? ניין, ער איז ניט קיין גוטער. די הינט האָט ער באַ מיר צוגענומען? יאָ, צוגענומען. אַלע ווייסן עס. האָט ער צוגענומען באַ פֿאַנאַטן זײַן שפּיצאַק? און דערצו, גע־ביטן דעם נאָמען: טשאַלי האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן. דעם נאָמען וואָס ער אַליין טראָגט איצט.

— איך האָב מיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם נאָמען! איך בין ווידער אַליטעט!

— האָט דער אָנגעקלאָגטער אַ געשריי געטאָן.

— אַך, אַזוי גאָר? — האָט אילײטש זיך געוווּנדערט. איך האָב דאָס נײַס ניט געהערט.

— ס'איז עמעס. — האָט ליאָק באַשטעטיקט. — די נאָרד־אַמעריקאַ־נער האָבן אים באַשווינדלט, רופֿט ער זיך דעריבער ווידער אַליטעט.

— אַלצאיינס. זאָל זײַן אַליטעט! — האָט זיך אילײטש צעטומלט. ער האָט זיך געצויגן באַם גאַרטל און האָט ווײַטער גערעדט: — ווער האָט באַגאַסן מיט דעם פֿעטס וואָס די „טאַנגיס” נוצן אַף באַלײַכטונג, וואַמטשאָס ציי־שפּײַז לעבן די דרײַ בערגלעך? דאָס האָט אַליטעט געטאָן. — האָט דער אַלטער אַף אים געטײַטלט מיטן פֿינגער. — איז ער עפּשער אַ גוטער סוי־כער? ווער קויפֿט בעסער די פֿעלן? אַליטעט צי יאַראַק? — אילײטש איז שטיין געבליבן מיט אַן אָפּוואַרטנדיקן שמייכל אַפֿן פּאָנעם, ווי ער וואָלט געוואָרפֿן די שווערסטע באַשולדיקונג. — ער פֿלעגט צונעמען די פֿעלן אומ־זיסט. איצט פֿאַרשטייען מיר עס אַלע. אַליטעט איז אַ שלעכטער, פֿון וועל־כער זײַט מען זאָל אַף אים ניט קוקן. ער טרעט אַפֿן עמעס און טראָגט אין דער הייך דעם ליגן אין די הענט. ווער האָט מיט געוואַלד צוגענומען טיגרע־נאַן, וואָס איז פֿאַרקנאַסט געווען צו איען? אַליטעט! אַליטעט האָט געבראָכן די פּירונג פֿון אונדזער פֿאָלק. פֿאַרוואָס האָט ער צוגענומען באַ איען דאָס ווײַב? איע איז פֿון קינדווײַז אָן געווען איר באַשערטער. זאָל טיגרענאַ ריידן מיט איר צונג און זאָל זי זאָגן צי האָט זי געוואָלט זײַן אַליטעטס ווײַב.

אילײטש האָט זיך אַליין אָפּלאָדירט און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף זײַן אָרט.

אַליטעט האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אַף איליטשן:

— אומקאַטאַגען זאָגט ליגן!

— אומקאַטאַגען איז דאָ ניטאָ. — האָט אים לאָס איבערגעריסן.

איליטש האָט זיך גענומען דרייען אַפן שטול, האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט אײַנגעשטאָכן זײַנע שפּיציקע אויגן אין אַליטעטן און האָט געענטפערט:

— דו האָסט געהערט. דאָ רעדט איליטש. ער זאָגט בלויז דעם עמעס. ער האָט אַף זײַן לעבן קיין ליגן ניט געזאָגט. אומקאַטאַגענען האָב איך געקענט, נאָר אויך ער האָט פײַנט געהאַט צו זאָגן ליגן.

— נאַטשאַלניק. — האָט אַליטעט זיך געווענדעט צו לאָסן. — פריִער פלעגן אַלע זאָגן, אַז אַליטעט איז אַ גוטער. און ליאָק, וואָס איז מײַנער אַ גוטער פרײַנט, ווייסט, אַז ווען מען האָט געהונגערט, האָב איך קיינעם ניט אָפּגעזאָגט קיין שטיקל פלייש אָדער פעטס. איך האָב געגעבן סכוירעס אומזיסט.

— איך בין דיר געוואָרן אויס פרײַנט. — האָט ליאָק געזאָגט.

אַליטעט, אַ צעטומלטער, האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער גענומען ריידן פון טיגרענאַן:

— זי איז צו יונג און איר סייכל איז קליין. זי איז אַ פרוי. אין מײַן „יאַראַנגאַ" האָט זי קיין הונגער ניט געליטן. אַז אַ הונט פאָלגט ניט דעם באַלעבאָס, ווייסן אַלע, אַז מען שמײַסט אים. דערפאַר וויל איך ווידער נעמען טיגרענאַן. אַ סאַך יעגערס האָבן ניט גענוג עסן פאַר איין ווײַב, נאָר באַ מיר אין דער „יאַראַנגאַ" איז שטענדיק געווען איבערגענוג און איך האָב גענומען טיגרענאַן פאַר אַ צווייט ווײַב. איז איר דעריבער שלעכט געווען? האָט זי באַ מיר אין דער „יאַראַנגאַ" געהונגערט?

— פאַרוואָס־זשע איז טיגרענאַ אַנטלאָפן פון דײַן „יאַראַנגאַ" און דערצו נאָך עטלעכע מאָל? — האָט אים לאָס איבערגעריסן.

אַליטעט האָט ווידער געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז לאָס שטיצט אים.

— יאָ, יאָ. פאַרוואָס איז זי אַנטלאָפן? — האָט ער צופרידן איבערגעכאַזערט. — זי איז אַנטלאָפן ווײַל זי האָט קיין סייכל ניט געהאַט.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער רוסישער נאַטשאַלניק האַלט ניט פון אַליטעטן. דער אוילעם האָט געוואַרט ער זאָל אים זידלען, נאָר ער האָט גערעדט מיט אַליטעטן גאַנץ רויִק, ווי איין יעגער טרעפט זיך אָן מיט זײַנעם אַ פרײַנט. ווי שווער עס איז צו פאַרשטיין די רוסן! אַליטעט גופע איז איבעראַשט געווען און האָט אַלץ מער מוט באַקומען. ער האָט נאָך, דוכט זיך, קיינמאָל אַזוי פרײַנטלעך ניט גערעדט מיט לאָסן.

— זעץ דיך אַוועק, אַליטעט. — האָט לאָס געזאָגט. — טיגרענאַ, דערקלער דו פאַרן געריכט פאַרוואָס דו האָסט ניט געוואָלט און דו ווילסט ניט לעבן אין אַליטעטס „יאַראַנגאַ".

— אַ פרוי דאַרף מען דאָס ניט פרעגן! — האָט אַליטעט מיט קוראַזש אַ געשריי געטאָן.

— זיץ און שווײַג! — האָט לאָס דאָס קאָל אויפגעהויבן.

טיגרענאַ האָט זיך אויפגעשטעלט. זי האָט מיט האַס געקוקט צו אַליטעטן, נאָר געשוויגן, ווי זי וואָלט זיך ניט דערוועגט צו ריידן. עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם.

— רייד, רייד, טיגרענאַ. זאָג אַלץ. — האָט איָע הינטער איר שטיל געפּליסטערט.

טיגרענאַ האָט גענומען ריידן:

— מײַן פֿאָטער, קאָמענוואַט, איז געווען אָרעם. אָרעם, ווײַל ער איז אַלט געוואָרן. אַ לאַנגע צײַט פֿלעגט ער נעמען סכוירעס בײַ אַליטעטן, נאָר ער האָט זיי ניט געקענט באַצאָלן מיט פֿעלן. ער האָט אויפֿגעהערט צו גיין אַף יאַגד. דערפֿאַר האָט קאָמענוואַט מוירע געהאַט פֿאַר אַליטעטן. קאָמענוואַטס האַרץ האָט געפֿילט אַזוי ווי מײַנס, נאָר זײַן צונג האָט גערעדט וואָס אַליטעט האָט געוואָלט. און אַליטעט האָט מיך צוגענומען. מיט געוואַלד מיך צוגענומען. איך האָב אָנגעהויבן לעבן אין זײַן „יאַראַנגאַ". איינמאָל איז געקומען זײַן פֿרײַנט עטשאַוואַ, אַ נימעסער זאַקן, און אַליטעט האָט מיך אַף באַנאַכט אים אָפּגעגעבן. אין יענער נאַכט בין איך אַנטלאָפֿן אַהיים צו מײַן טאַטער קאָמענוואַט. אַליטעט איז געקומען נאָך מיר און האָט מיך געצווונגען ווידער גיין מיט אים. דאָס לעבן איז געוואָרן שווערער. מײַן האַרץ האָט אין מיר געברענט. איך בין ווידער אַנטלאָפֿן, נאָר אַליטעט האָט מיך ווידער געצוווּנגען צוריקגיין צו אים. אין דער „יאַראַנגאַ" האָט זיך באַזעצט נאָך איין ווײַב, דעם ערשטנס ווײַבס אַ שוועסטער. זיי זײַנען געווען איינס, אַזוי ווי די פֿינגער פֿון איין האַנט, און איך פֿלעג אַוועקגיין אַף יאַגד. איך האָב געהאַרגעט אַ סאַך פֿאָקעס. אַליטעט זאָגט אַ ליגן, אַז ער האָט מיר געגעבן צו עסן. איך האָב מיך אַליין אויסגעהאַלטן און האָב נאָך געגעבן עסן זײַנע הינט. אַליטעט האָט געהאַט פֿיר שפּאַן הינט. ער האָט באַדאַרפֿט עסן זיי געבן. מענטשן ווייסן וויפֿל כּאַיעס איך האָב געפּאַנגען.

— טיגרענאַ, זאָג דעם גערי̇כט: ווילסטו צוריקגיין צו אַליטעטן אין דער „יאַראַנגאַ"? — האָט לאָס געפֿרעגט.

— ניין, איך וויל ניט! — האָט טיגרענאַ אַ געשריי געטאָן. — אויב דו ווילסט מיך אויך צוריקגעבן אַליטעטן, וועל איך מיך בעסער פֿון אַ פֿעלדז אַראָפּוואַרפֿן.

— נאַטשאַלניק, — האָט אַליטעט געזאָגט, — זי איז אַ ווײַב. מען דאַרף זי ניט פֿרעגן. צי דען פֿרעגט דער באַלעבאָס דעם הונט וווהין ער וויל פֿאָרן? איר צונג איז געוואָרן צופֿיל פּלאַפּלערן. כּאַ, כּאַ! זי האָט פֿאַרגעסן וואָס איך האָב באַצאָלט פֿאַר איר? איך האָב זי ניט גענומען אומזיסט. איך האָב איר פֿאָטער געגעבן פֿיר הינט און דערצו אויך געשענקט אַ גרויסן כּויוו.

טיגרענאַ איז געווען צערודערט; איר האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט. זי האָט זיך געוואָלט אויפֿשטעלן נאָכאַמאָל ריידן, נאָר איָע האָט זי בײַ דער האַנט אָפּגעהאַלטן.

— וואַרט, וואַרט! זאָל אַליטעט ריידן! לאָס, אַלנפֿאַלס, גלייבט אים ניט. — האָט איָע איר געשעפּטשעט אַפֿן אויער.

נאָך טיגרענאַ האָט נאָך אַלץ געטראַכט, אַז דער מישפּעט קען זיך פֿאַרענדיקן מיט צוריקגעבן זי אַליטעטן און זי האָט זיך דעריבער ניט געקענט באַרויִקן.

לאָס האָט איבערגעריסן אַליטעטן:

— זײַ רויִק, טיגרענאַ. קיינער וועט דיך מיט געוואַלט ניט צווינגען דו זאָלסט זײַן זײַן פֿרוי.

ביז שפּעט אין אָוונט האָט זיך געצויגן דער מישפּעט איבער אַליטעטן און טיגרענאַן. בײַ די דאָזיקע ברעגעס איז נאָך קיינמאָל אַזאַ מישפּעט ניט

פֿאַרגעקומען. אָ, וויפֿל נײַסן דער אוילעם האָט זיך דעמאָלט דערוווּסט. זייער קוריאָזע נײַסן. מערי האָט דערציילט פֿאַרן געריכט, ווי אַזוי אַליטעט האָט איינמאָל אין אַ נאַכט געבראַכט טיגרענאַן צו טשאַלי די רויטע נאָז און ווי אַיע האָט זיך מיט אים געשלאָגן. דערנאָך איז אויפֿגעטראָטן אַלס באַשולדיקערן לאַסעס פּרוי, נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ. זי האָט געהאַלטן אַ פֿײַערדיקע און רירנדיקע רעדע און איר קאָל האָט געציטערט פֿון צאָרן. אַנדריי האָט איבערגעזעצט אירע ווערטער, און דער אוילעם איז ניט מיד געוואָרן פֿון הערן.

גרויסע נײַסן! אומגעווייַנלעכע נײַסן! — האָט דער אוילעם געשמועסט.

— עס האָט די ווערט געהאַט קומען נאָר צו הערן זיי. די רײַזע איז ניט געווען קיין אַרויסגעוואָרפֿענע! ס׳איז צום באַוווּנדערן דאָס נײַע געזעץ! ס׳איז אַ געזעץ וואָס שיצט די שוואַכע.

דאָס געריכט האָט באַשלאָסן אומגילטיק צו מאַכן די פֿאַרבינדונג צווישן אַליטעטן און טיגרענאַן ווי מאַן און ווײַב, פֿאָדערן פֿון אַליטעטן אַ טייל פֿון זײַן פֿאַרמעגן לעטויוועס טיגרענאַן, און אַליטעטן גופֿע אַרויסלאָזן אַף דער פֿרײַ.

דער אוילעם גופֿע, אונטערן פֿרישן אײַנדרוק פֿון די אויסערגעוויינלעכע געשעענישן, האָט זיך געאײַלט אַהיימצופֿאָרן צו זיך אין די לאַגערן און ווי מעגלעך פֿריִער דערציילן דאָס נײַס מיט דעם מישפּעט איבער אַליטעטס לעבן.

— אַך, סאַראַ נײַסן!

קאַפּיטל XXI

באַ אַליטעטן אינעם מויעך האָט זיך אַלץ צוזאַמענגעפּלאָנטערט. ער איז איבערצײַגט געווען, אַז ער איז אַ גוטער מענטש, און דאָך, רעדט מען פֿון אים שלעכטס. וואָס הייסט עס? זײַנען באַ די מענטשן די אויגן קאַליע און זיי זעען ניט? אָדער מען האָט פֿאַרגעסן ווי אַליטעט האָט יעדן איינעם געהאָלפֿן? ער האָט קיינמאָל קיינעם ניט אָפּגעזאָגט אין גאָרניט: סכוירעס, שפּײַז! וואָס איז מיט זיי געוואָרן? האָבן זיי אויפֿגעהערט זײַן ריכטיקע מענטשן? און ליאָק? ווו איז אַהינגעקומען זײַן געזונטער סייכל?

מיט דער צײַט וועלן די רוסן אויך די באַרג־מענטשן קאַליע מאַכן. אַליטעט האָט אַ ווייטיקלעכן זיפֿץ געטאָן. ער איז אַרויס פֿון דער שטוב און, איינער אַליין, ניט אָפּשטעלנדיק זיך מיט קיינעם אַ וואָרט אויסצורײדן, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו זײַנע הינט. „ניין — האָט ער זיך געטראַכט. — אין די בערג וועט עס זיי צוגיין שווערער. די באַזיצער פֿון די גרויסע סטאַדעס וועלן זיי גאַנץ ווייניק אין אַכט נעמען. אין עטשאַווטאָס לאַגער, האָבן די רוסן צוזאַמענגעשטעלט פֿון די פֿאַסטעכער אַ שיייוועט־סאָוויעט, האָט עטשאַווטאַ די פֿאַסטעכער אַרויסגעוואָרפֿן. עטשאַווטאָ איז אַ באַלעבאָס וואָס פֿאַרשטייט אַן אייסעק". אַליטעט האָט דערזען ליאָקן. ווײַט פֿון אים האָט ער באַקוקט אַ סטויס ברעטער, וואָס האָבן פֿון אונטערן שניי אַרויסגעשטעקט. ליאָק האָט זיך אָנגעבויגן, האָט זיך אָנגעשטרענגט און האָט אַרויסגעשלעפּט אַ ברעט. ער האָט זי באַטראַכט ווי אַ פֿאַכמאַן, ער האָט זי געפּרווּט אויסבייגן און איז געקומען צום שלוס, אַז אויב מען זאָל די ברעט ווייקן אין הייס וואַסער, ווי מען טוט מיט די פֿאָדריזן פֿון די שליטנס, וועט זי זיך גוט בייגן.

אַליטעט איז צו אים צוגעקומען.

— ליאַק. — האָט ער אַ פרעג געטאָן. — ביסט שוין ניט מער מײַן פריַינט?

דער אַלטער האָט אַף אים אָנגעשטעלט זײַן איינציק אויג און האָט אים גאַנץ ערנסט געענטפערט מיט אַ טאָן פון באַדויערן:

— יאָ.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר וואָס דו ביסט אַן אומגערעכטער מענטש.

— איך בין שוין אויך ניט מער דײַן פרײַנט. — האָט אַליטעט געענטפערט אַ דערשטוינטער און אַ באַליידיקטער און האָט זיך געלאָזט גיין צו זײַנע הינט.

די באַגעגעניש איז פאַר ליאַקן געווען אַ ווייטיקלעכע. שוין אַן שום באַדערפעניש, האָט ער ווידער גענומען שלעפן די ברעט. ער האָט געפונען אַ שטיצפונקט און האָט זי גענומען בייגן. די ברעט האָט זיך נאָכגעגעבן.

„דאָס אייגענע טוט מען מיט אַלעטיטן". — האָט ליאַק אַ טראַכט געטאָן.

אַליטעט האָט פון דער ווײַטנס דערזען זײַן שפּאַן הינט. שוין עטלעכע טעג ווי ער האָט זײַנע הינט ניט געזען, און ער איז אומרויִק געווען באַ דעם געדאַנק, אַז זיי האָבן עפּשער פון דעמאָלט אָן ניט געגעסן און זיי מוזן זײַן דערשעפּט. נאָר באַלד האָט ער זיך באַרויִקט, ווי נאָר ער איז צו זיי צוגעקר־מען. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים, האָבן אים אַרומגערינגלט, אָנגע־שפּאַרט זייערע שטאַרקע לאַפּעס אים אַף דער ברוסט, אַפן רוקן, אַף די זײַטן. און ער איז געשטאַנען אַן אַרומגערינגלטער מיט די הינט און האָט געגלעט זייערע פּיסקעס.

צוגעקומען איז אַ באַכערל מיט אַ פולן בעקן עסן פאַר די הינט און האָט זיי גענומען וואַרפן שטיקער מאַנאַטי־פלייש. נאָר די הינט זײַנען פון אַליטעטן ניט אָפּגעטראָטן.

אַליטעט האָט דערקענט דאָס באַכערל. געווען איז עס טשאַוואַ פונעם יאַנראַקענאָט־לאַגער.

— טשאַוואַ, — האָט אים אַליטעט געפרעגט. — וואָס־זשע, דו באַ־טראַכסט שוין מײַנע הינט פאַר דײַנע? פאַרוואָס גיסטו זיי עסן?

— ניין, איך באַטראַכט ניט פאַר מײַנע קיין פרעמדע הינט. דאָס האָט מיר אַנדריי געהייסן זיי אָנהאָדעווען.

— אַנדריי? — האָט אַליטעט געשטוינט.

— יאָ, אַנדריי.

„וואָס הייסט עס?" — האָט זיך אַליטעט געפרעגט און האָט זיך ניט געקענט דערקלערן אַנדרייס אויפפיר נאָך דעם אַלעמען וואָס האָט פּאַסירט אַפן מישפּעט.

אַ היפּשע ווײַלע איז ער געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער. דערנאָך האָט ער גענומען טאַפּן די רוקנס באַ די הינט.

— זיי זײַנען גוט געהאָדעוועט. גיב מיר אַהער דעם בעקן, איך וויל זיי אַליין אָנהאָדעווען.

מיט דעם בעקן אין דער האַנט, האָט אַליטעט געוואָרפן שטיקער פלייש די הינט אין די פּיסקעס אַרײַן. מיט צעבליצטע אויגן, האָבן זיי אַפן שטעל פאַרשלונגען די שטיקער פלייש און געוואַרט אַף נאָך אַ שטיק.

אַליטעט האָט באַשלאָסן אויפֿזוכן אַנדרייען איידער ער פֿאָרט אַוועק און מיט אים ריידן. פֿאַרוואָס האָט אַנדריי טראָץ אַלעמען געוואָלט שפּײַזן זײַנע הינט?

ער האָט געטראָפֿן זשוקאָוון אין אַ געררומען ליכטיקן צימער, מיט פּאַפּירן פֿון פֿאַרשיי־דענעם קאָליר אַף די ווענט צעהאָנגען. פֿון טייל פּאַפּירן האָבן אַראָפּגעקוקט אומבאַקאַנטע רוסישע מענטשן. אינעם צימער זײַנען געווען שטולן אַזוי ווי באַ טשאַלי די רויטע נאָז. אַליטעט האָט אַ וואָרט ניט געזאָגט און האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ שטול מיט דער מינע פֿון אַ מענטשן, וואָס איז געוווינט דערצו.

— צו וואָס ביסטו געקומען? — האָט אים אַנדריי געפֿרעגט.

— נאַטשאַלניק. — האָט אַליטעט געענטפֿערט. — איך וועל באַלד אַהיימפֿאָרן. דו האָסט זיך גוט אויפֿגעפֿירט מיט מײַנע הינט, ווי אַ ריכטי־קער מענטש.

— גיי דיר, גיי. נאָר געדענק, אַז אויב דו וועסט מיט גוטן ניט אָפּטיילן פֿון דײַן פֿאַרמעגן טיגרענאָן, וועט צו דיר קומען דער מיליציאָנער מיט די וואָנצעס, וועט זײַן פֿאַר דיר ערגער. פֿאַרשטאַנען?

— גוט. איך וועל דיר געבן אַ סאַך פֿוקסן. איך וועל דיר אַוועקגעבן וויפֿל פֿוקסן איך האָב. איך דאַרף זיי שוין ניט האָבן. די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבן מיך אָפּגענאַרט. איך גיב זיי דיר אַוועק. נאָר זאָג טיגרענאָן זי זאָל גרייט זײַן גיין מיט מיר. אָן איר, וועל איך מיך פֿילן טרויעריק. כאָטש זי איז אַ פֿרוי, האָט זי אין קאָפּ מער סייכל ווי אַנדערע פֿרויען. איך נייטיק מיך אין איר.

— טיגרענאָ וועט קיינמאָל ניט צוריקגיין צו דיר.

— אויב זי וועט ניט צוריקגיין, וועט אין אײַער טײַך פֿליסן בלוט דעם פֿרילינג. — האָט אַליטעט געדראָט.

אַנדריי האָט איראָניש אַ שמייכל געטאָן, איז צוגעגאַנגען צו אַ גרוי־סער מאַפּע, וואָס איז אַף דער וואַנט געהאָנגען און האָט אים געזאָגט:

— זע, דאָס אַלץ זײַנען טײַכן: דער יעניסיי, דער קאָלים, דער טשאַהון, דער אַמגעמאַ, אַלע זײַנען זיי גרויסע טײַכן.

— איך קען דעם אַמגעמאַ. איך בין אַ סאַך מאָל געפֿאָרן אַף אים.

— זעסט, — האָט אַנדריי געזאָגט: — זיי האָבן קיינמאָל ניט גע־פֿלאָסן מיט בלוט. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז אויך אונדזער טײַך וועט מיט בלוט ניט פֿליסן.

לאָס איז אַרײַנגעקומען. ער האָט דערזען אַליטעטן און האָט די ברעמען אָנגערוקט.

— וואָס קומט דאָ פֿאָר? — האָט ער שטרענג געפֿרעגט.

— ער איז געקומען אונדז אָנשרעקן, אַז אין פֿרילינג וועט אונדזער טײַך פֿליסן מיט בלוט. — האָט אַנדריי געזאָגט אין רוסיש.

— אַרויס פֿון דאַנען! — האָט לאָס אַ געשריי געטאָן צו אַליטעטן. און מער זאָל איך דײַן פּוס דאָ ניט זען.

אַליטעט איז שנעל אַרויס פֿון דאָרט מיט אַן אײַנגעשרומפּענעם פּאָנעם.

קאַפּיטל XXII

אַליטעט האָט פֿאַרשטאַנען, אַז טיגרענאַ איז שוין פֿאַר אים פֿאַרלוירן, אַזוי גוט ווי דער האַנדל, און האָט באַשלאָסן אומפֿאַרזאַמט פֿאַרלאָזן ענמאַקײַ. אין גאַס האָט ער אָנגעטראָפֿן טשאָווקאַן און האָט אים געהייסן אײַנשפּאַנען די הינט.

— אַליטעט, — האָט טשאָווקאַ געזאָגט, — איך גיי איצט פֿון אַיעס „יאַראַנגאַ". טיגרענאַ איז דאָרטן. זי האָט געזאָגט דו זאָלסט דיר נעמען די הינט, וואָס זי איז מיט זיי געקומען פֿון ענמאַקײַ. זי זאָגט, אַז די הינט זײַנען דײַנע. זי וויל ניט זיי זאָלן דאָ בלײַבן.

— שפּאַן זיי אײַן צו מיר אין שליטן און לייג אַרײַן פֿלייש אָפּן וועג. — האָט אַליטעט פֿאַראָרדנט.

אַרויסגעפֿאָרן איז ער באַנאַכט און האָט ניט געוואַרט ביז עס וועט טאָגן. דער הימל איז געווען פֿאַרוואָלקנט. קיין שטערן זײַנען ניט געווען. און די פֿינצטערניש האָט געדריקט די ערד. די הינט זײַנען געלאָפֿן אין דער באַנאַכטיקער שטילקייט. אַליטעט איז געפֿאָרן די גאַנצע נאַכט. ערשט אינדערפֿרי, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז מען דאַרף אָנהאָדעווען די הינט. נאָר באַשלאָסן האָט ער ווײַטער פֿאָרן ביז ענמאַקײַ. ער האָט געיאָגט די הינט, ווי ניט באַם זינען. ער האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי אַכזעריש ניט אויפֿגעפֿירט מיט די הינט. אָן שום נויט, האָט ער זיי געשלאָגן מיט דעם „אָסטאָל", און דער גרינגער שליטן, מיט די אַכט און צוואַנציק הינט, איז געלאָפֿן אַלץ שנעלער.

ניט בעייסן מישפּעט און ניט בעייסן שמועס וואָס ער האָט געהאַט מיט אַנדרייען און מיט לאָסן, האָט זיך אַליטעט געפֿילט אַזוי בייז ווי איצט, איינער אַליין מיט זיך, אַף די ראַכוועסדיקע שטעקעס. דער האַס צו די רוסן האָט אים אין האַרצן געגליט באַם בלויזן דערמאָנען זיי. ער איז נאָך קיינמאָל ניט אַזוי באַהערשט געווען פֿון אַזאַ אומדערטרעגלעכן האַס.

פֿאַר אים האָט זיך דער נעפּל געשפּרייט, קימאַט באַ דער ערד. ער האָט זיך דערמאָנט אָנעם אָפּגרונט „דער בערענער אויער", ווו ער האָט געוואָלט דערהאַרגענען לאָסן מיט אַנדרייען. און ער האָט זיך אַליין פֿירגעהאַלטן:

— אַ „מערקיטשקין" בין איך!

אינעם שליטן זיצנדיק, האָט ער אויפֿגעהויבן דעם „אָסטאָל" און האָט אים מיט אַלע זײַנע קויכעס אַראָפּגעלאָזט אַף דעם לעצטן הונט. דער הונט איז מיט געוואַי אומגעפֿאַלן און האָט זיך מער ניט געקענט אויפֿהייבן. אַליטעט האָט פֿאַרהאַמעוועט דעם שליטן, האָט אויסגעשפּאַנט דעם הונט, האָט אים געלאָזט ליגן אַן אויסגעצויגענעם אין מיטן וועג און איז ווײַטער געפֿאָרן.

„די אויגן טוען מיר ווײ פֿון קוקן אַף די רוסן; מײַנע אויערן ציטערן ווען זיי הערן זייערע ווערטער. וויאַזוי האָב איך דעמאָלט דעם וועג פֿאַרלוירן און האָב הינטער מיר געלאָזט די שפּיציקע פֿעלדזן פֿונעם אָפּגרונט „דער בערענער אויער"? — האָט אַליטעט געטראַכט. — און בראַון? אָט אַ שווינדלער! איך האָב געוואַרט אַף אים אינעם ענגפּאַס „דער פֿייגלשער שנאָבל" פֿון איין פֿולער לעוואָנע ביז דער צווייטער, און ער איז ניט געקומען. אַלע „טאַנגיס" זײַנען גלײַך. זיי האָבן איבערגעפֿירט די מענטשן פֿונעם ברעגלאַנד. ייאָק אַפּילע! איצט רופֿט ער זיך „דער וואָס גייט פֿאָרויס" און האָט אַ רויט ביכעלע מיט זײַן איין־אויגיקן פּאָנעם אינעווייניק. דאָס אַלטע לעבן צעפֿאַלט

זיך. אין די בערג נאָר זײַנען פאַרבליבן די גוטע פּירונגען. כאָטש אויך אין די בערג האָבן גענומען אַרײַנדרינגען די רוסן...".

אַליטעט האָט טיף אָפּגעזיפצט און האָט ווײַטער געצויגן זײַנע מאַכשאָוועס אין דער שטילקייט פון דער נאַכט: „מען דאַרף ווי מעגלעך פריער אַוועק אין די בערג, ווײַט פון די רוסן. דאָרט קומען זיי ניט אָפּט. עטשאַווטאַ האָט נאָך מײַנע הירשן. איך האָב אויך הירשן אין די קליינע לאַגערן. מען דאַרף זיך צואײַלן און פאַרנעמען די בעסערע פיטער־פעלדער".

ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער אויפגעוועקט נאַרגינאַטן:

— היי, אַלטע פּאַקע! שלאָפסט גאָר אָנשטאָט צו באַגעגענען דעם גאַן? זע צו די הינט! — און ער איז אינעם אָנטאָן אַוועקגעפאַלן אַף די פעלן און איז טייקעף טיף אײַנגעשלאָפן.

אַלעק האָט אויפגעוועקט דוואָרקינען גאַנץ פרי.

— לערער, — האָט זי אים, אַ דערשראָקענע, צו וויסן געגעבן. — אַליטעט איז צוריקגעקומען. איך האָב מוירע פאַר אים. ער איז געקומען איינער אַליין. און איצט, אַז ער וועט זיך דערוויסן, אַז דער קליינער גוי־גוי איז אויך אַנטלאָפן, וועט ער ווילד ווערן, ער וועט נעמען טרינקען פײַערדיק וואַסער און אַלע וועלן מיר שלעכט אָפּשנײַדן.

— וווהין איז גוי־גוי אַוועק?

— קיינער ווייסט ניט. ער האָט געהערט נאַרגינאַט האָט געזאָגט, אַז ער וויל אַלעמען מיטנעמען אין די בערג, איז ער אַנטלאָפן.

— וווהין־זשע האָט ער געקענט אַנטלויפן?

— איך ווייס ניט. — האָט אַלעק געענטפערט. עפּשער האָט ער זיך גאָר אויסבאַהאַלטן הינטער די אײַז־בלאָקן?

דער לערער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— ניין, אַלעק, ער האָט געוואָלט אַנטלויפן צום אײַז, נאָר ער איז קליין און קען נאָך דאָרט אומקומען. איך האָב אים דערפון אָפּגערעדט. — און אין דער שטיל האָט דער לערער צוגעגעבן: — גוי־גוי שלאָפט בײַ מיר אין צימער, אַלעק. ער וועט זײַן מיט מיר.

אַלעק האָט אַן ווערטער אַ קוק געטאָן אַף דוואָרקינען, אין אירע אויגן איז פון אָנהייב געוועזן שטוינען, דערנאָך האַנאָעדיקע צושטימונג און אַף לעצט האָט זי, אַ גערירטע, אים געוויזן איר ביקס:

— איך האָב געבראַכט מיט זיך וואַמטשאַס ביקס. האַלט זי דו. אַליטעט וועט מיסטאָמע שטאַרק ווילד ווערן.

— דײַגע ניט, אַלעק. איך האָב אויך אַ ביקס. און ער איז אַהיימגעקומען אַליין, זאָגסטו, אָן טיגרענאַן?

— יאָ, אַליין.

— איך האָב געוווּסט, אַז ער וועט אַהיימקומען אַליין.

— ביסט אַ רוסישער שאַמאַן? — האָט אַלעק געפרעגט אַן איבערראַשטע.

דוואָרקין האָט אַ שמייכל געטאָן.

— איך בין אַ לערער, אַלעק.

— ווער קען וויסן וואָס אַליטעט טראַכט. ער וועט אונדז אַלעמען אויסהאַרגענען.

— ער וועט אונדז ניט האַרגענען, אַלעק. — האָט איר דוואָרקין געענטפערט אַ רויִקער און אַ זיכערער.

אַליטעט איז געשלאָפן ביז שפּעט אָפּן טאָג. נאַרגינאַט האָט אומרויִק געקלערט וויאַזוי זי זאָל אים צו וויסן געבן, אַז גוי־גוי איז ניטאָ.

ווען אַליטעט האָט זיך געזעצט טרינקען טיי, האָט זי אים געזאָגט:

— שוין דריַי טעג ווי איך זע ניט גוי־גוי.

— פאַרוואָס זעסטו אים ניט? — האָט אַליטעט טרוקן געפרעגט.

— איך ווייס ניט. מיסטאָמע וויל ער ניט פאָרן אין די בערג. עפּשער איז ער אַנטלאָפן?

נאָר צו נאַרגינאַטס גרויסער איבערראַשונג, האָט אַליטעט רויִק גע־פּאַסקנט:

— אַ הינטל וואָס וויל ניט פאָלגן דעם באַלעבאָס, מעג זיך פאַרנעמען פון שטוב.

אַליטעט האָט זיך אויפגעהויבן און האָט זיך דערקלערט פאַר אַ שאַמאַן. ער איז אַוועק אַף דריַי טעג אין די בערג קעדיי דאָרט צו קומען אין באַרירונג מיט די גייַסטער, און האָט מיט זיך קיין שפּייַז ניט מיטגענומען. אַלע דריַי טעג האָט ער געפאַסט און איז צוריקגעקומען אַן אויסגעמאָגערטער מיט צע־ריסענע קליידער. נאָר ניט געקוקט אַף דעם לאַנגן טאָנעס, האָט ער ביזן אָוונט קיין עסן ניט געבעטן. ערשט אין דער נאַכט, האָט אים נאַרגינאַט זערלאַנגט פאַקע־פלייש.

— ביסט פון זינען. וואָס מיינסטו דיר, איך בין עפּעס אַן אָרעמאַן וואָס דו גיסט מיר אַזאַ פלייש, וואָס קען דערפרייען דעם בויך סיַידן פון אַ ברעג־מענטשן, וואָס איז געוווינט מיַיז צו עסן? גיב מיר הירשן־פלייש! — האָט אַליטעט געשריגן.

— אַליטעט, דו ביסט איצט אַ שאַמאַן. שאַמאַנען ריידן שטיל. — האָט נאַרגינאַט פאַרזיכטיק אים דערמאָנט.

— גיב מיר הירשן־פלייש! — האָט אַליטעט נאָך העכער געשריגן.

— מיר האָבן ניט קיין הירשן־פלייש. מען דאַרף ערגעץ באַקומען.

— אויב אַזוי, וועלן מיר זיך היַינט באַנאַכט פאַרנעמען פון דאַנען און אַף שטענדיק אַוועק אין די בערג.

— מיר וועלן קיין צייַט ניט האָבן צונויפצונעמען אונדזער באַלעבאַ־טישקייט. מיר האָבן איצט ניט מער ווי דריַי שליטנס. מיר קענען אַלץ ניט פאַרנעמען, די „יאַראַנגאַ״, די קאָמער מיט אייַזן...

— ביסט פון זינען, צו וואָס דאַרפן נאָמאַדן אייַזן?

— דער לערער וועט עס צונעמען. צו וואָס איבערלאָזן?

— אָ! ווי איך זע ביסטו קליגער פון טיגרעננאַן. יענע איז פונעם זינען אַראָפּ און איז מיר אומטריַי געוואָרן. נעם אַ פרענט אייַזן און גיי צום יאַם, מאַך דאָרט אַ לאָך לעבן דעם אייַז־בלאָק וואָס זעט אויס ווי אַ הונט. דער לאָך זאָל האַלטן צוויי שפּאַן אין דער לענג און אַנדערהאַלבן אין דער ברייט. גיי! — און אַליטעט האָט זיך ווידער אויסגעצויגן אַף די פעלן.

געציטערט האָבן אים די אַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן. די אויגן, טיף אין די שמאָלע שפּעלטעלעך, האָבן זיך אומרויִק געדרייט, און ער האָט זיך אָפּט און בייז געצופּט דאָס שיטערע גרויע בערדל, וואָס איז שוין לאַנג געוווען ניט אָפּגעשניטן.

— לייג צונויף אין אַ הויפן די סלופּעס פון דער קאָמער און פון דער „יאַראַנגאַ״, די ברעטער און וווּ אַ שטיקל האָלץ. זאָל עס טאָן אַטענועט. מירן די נאַכט האָבן אַ סאַך אַרבעט.

דער לאַגער איז טיף געשלאָפן.

אַליטעט האָט גענומען אַראָפּרײַסן די צינק־בלעכן, וואָס האָבן צוגעדעקט די „יאַראַנגאַ". די ווײַבער האָבן די צינק־בלעכן אַרויפגעלייגט אַף די שליטנס און זיי אַוועקגעפירט צום יאַם, צום לאָך אינעם אײַז.

דער סקעלעט פון אַליטעטס קאַמער האָט זיך געווײַזט אין דער פינצטער ווי דער סקעלעט פון אַ וואַלפיש. און ווען די לעצטע בלעכן זײַנען שוין געווען אַריבערגעפירט אַפן אײַז, איז אַליטעט אײַליק צוגעקומען, האָט אויפגעהויבן אַ בלעך און האָט לאַנג באַטראַכט זײַן געמוואַליעטע פלאַך. דערנאָך איז ער צוגעקומען צום סאַמע ראַנד פונעם לאָך און האָט אים אַהין אַרײַנגעלאָזט. דער בלעך האָט זיך אַראָפגעגליטשט און איז אײַנגעזונקען אין יאַם.

אַליטעט האָט איינעם נאָכן צווייטן אַרײַנגעוואָרפן די בלעכן. נאַרגינאַט האָט זיי אים שנעל אונטערגעטראָגן.

דערנאָך האָבן די ווײַבער אַף שנעל אָנגעהויפט די קלעצער און די ברעטער.

— צו וואָס טראָגט איר זיי אַהער? מען דאַרף זיי טראָגן צום וואַד־סלופ! איך וויל ניט מען זאָל זיך מיט זיי נוצן. לייגט אַוועק אַ קלאָץ צופוסנס.

אַ ווינט האָט געבלאָזן נידעריק באַ דער ערד און האָט געווירבלט דעם שניי.

אַליטעט האָט אָנגעשטרענגט געאַרבעט די גאַנצע נאַכט. די דרײַ שליטנס, באַלאָדן מיט די נייטיקסטע זאַכן פאַרן באַרג־לעבן, זײַנען געשטאַנען גרייט. אַליטעט האָט געבראַכט אַ גאַלאָן קעראָסין, האָט מיט אים באַגאָסן דאָס אָנגעהויפנטע האָלץ באַ דעם וואַד־סלופ, האָט אַ וואָרף געטאָן אַן אָנגעצונדן שוועבעלע און אַ גרויסער פלאַם האָט אַרומגעכאַפט דעם הויפן טרוקן האָלץ.

אַליטעט האָט מיט אַ בייזער פרייד געקוקט אַף דעם ריזיקן און אומגעוויינלעכן שײַטער. די פלאַמען האָבן זיך געשטרעקט ווי די אָרעמס פון אַ פאַבלהאַפטיקער כאַיע מיט הונדערטער הענט.

די ווײַבער האָבן פון די שליטנס צוגעקוקט דאָס שרעקלעכע פײַער. דער וואַד־סלופ איז מיט אַ קראַך אומגעפאַלן.

— אַ סאָף! — האָט אַליטעט אויסגעשריגן.

ער איז צוגעלאָפן צום פאָדערשטן שליטן, האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אַף דעם ריזיקן שײַטער און, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט פאַר די לאַנגע פײַער־פלאַמען, האָט ער דעם „אָסטאָל" אויפגעהויבן און מיט אַ ווילדן געשריי אַ טרײַב געטאָן די הינט.

באַוויזן האָבן זיך אומרויִקע פילקאָליריקע שטראַלן פון דער פאָלאַרער שײַן. די לעוואָנע האָט אומדרײַסט אַ האָרן אַרויסגעשטעקט און האָט אים טייקעף ווידער באַהאַלטן הינטער אַ וואָלקן. דער ווינט האָט געוואָיעט.

(ס אָ ף)

פאַרלאַג „היימלאַנד"

דערשינענע ביכער און בראָשורן

די גרויסע פאַרשווערונג — פון מייקל סעיערס און אַלבערט ע. קאַהן
אויספאַרקויפט

דער צווייטער פראָנט — ד. קראַמינאָוו — — — — — — — — פּרייז: 10 $

די פאַרשווערונג קעגן שאַלעם — ראַלף פּאַרקער — — — — — 10

100 מיליאָן פאַר טעראָר און סאַבאָטאַזש — א. ווישינסקי —
אויספאַרקויפט

די אַמעריקאַנער אין יאַפּאַן — א. קורגאַנאָוו — — — — — — 10

דער געפונענער העפט פון סונטשאַן — ראָמאַן קים — — — — 10

די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין פסס ר — י. סטאַלין — — — — 2

י. וו. סטאַלין — קורצע ביאָגראַפיע — — — — — — — — — 10

גאָלד — באָרים פּאָלעוואָי — ערשטער באַנד
אויספאַרקויפט

גאָלד — באָרים פּאָלעוואָי — צווייטער באַנד
אויספאַרקויפט

שאַלעם און שעפע — נ. מאַלענקאָוו — — — — — — — — — 10

ווײַט פון מאָסקווע — וואַסילי אַזשאַעוו (ערשטער טייל) — — 15
געבונדן 25

ווײַט פון מאָסקווע — וואַסילי אַזשאַעוו (צווייטער טייל) — — 15
געבונדן 25

ווײַט פון מאָסקווע — וואַסילי אַזשאַעוו (דריטער טייל) — — 15
געבונדן 25

אין צוגרייטונג: „דער דיפּלאָמאַט" — דזשיימס אַלדריטש

Este libro se terminó de imprimir
el día 29 de marzo de 1955, en los
Talleres Gráficos de Simón Eideiman,
México 2230, Buenos Aires.